STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00102

MEDEM-SANATORYE-BUKH

Permanent preservation of this book was made possible by
Jack Litewka
in memory of
Leja Litewka

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
"Hamenora" Publishing House, 24 Zangwill St., Tel-Aviv, Israel

מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב
תשל״א — 1971

MEDEM-SANATORYE-BUKH

ספר הסנטוריום ע״ש וו. מדם

רעדאַקטאָר

ח. ש. קאַזדאַן

רעדאַקציע־קאָמיטעט

ש. אַבראַמסאָן
ליובאַ גילינסקי
יצחק לודען
י. מלאָטעק
ד״ר ע. פאַט
ח. ש. קאַזדאַן
י. ראָטנבערג

Printed in Israel

נסדר בדפוס לינו־טור, רח׳ יסוד המעלה 39, ת״א
נדפס בדפוס מ. וא. ערבה, ת״א, רח׳ לבנדה 36

אין אָנדענק פון מיין מאַן

ליובאַ גילינסקי

איך וויל אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק מיין מאַמען און דעם לערער קאַזדאַן פאַר אַרויסגעבן און רעדאַקטירן דאָס בוך וועגן מיין טאַטן און דער מעדעם־סאַנאַטאָריע — אַ טייל פון מיין טאַטנס לעבן וואָס, צו מיין גרויסן באַדויער, איך האָב אַזוי ווייניק געקענט.

אַ גרויסן דאַנק אויך די אַלע, וואָס האָבן אָנגעשריבן אַרטיקלען אָדער אַנדערש מיטגעהאָלפן ברענגען דעם פּראָיעקט צו אַ גמר.

ווּיקטאָר גילינסקי



וולאַדימיר מעדעם (1923 — 1879)

דאָס מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך איז אין אָנדענק פון אַ גרויסער שעפערישער תקופה. נישט געקוקט וואָס די דאָזיקע תקופה האָט געדויערט נאָר אַ פערטל יאָרהונדערט, איז אָבער איר געזעלשאַפטלעכער און קולטור־באַטייט פון אומגעהויערן פאַרנעם און וויכטיקייט. די פעדאַגאָגישע און סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכע אידעען, וואָס די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט פאַרווירקלעכט אין יידישן לעבן, איז געווען אַ טייל פון דער צישאָ־באַוועגונג, אַ קינד פון אָט דער תקופה.

דאָס מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך איז צום אָנדענק און כבוד פון דער מערקווירדיקער בונדישער געשטאַלט און ליכטיקער פערזענלעכקייט — וולאַדימיר מעדעם. אין יענער תקופה איז ער געווען די פאַרקערפערונג און דער פאַרטרעטער פון דער ניי־געבוירענער שול־און דערציונגס־אידעע אין דעמאָלטיקן יידישן לעבן אין פוילן. די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט מיט שטאָלץ געטראָגן זיין נאָמען.

דאָס מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך איז צום אָנדענק פון שלמה גילינסקי. ער איז געווען פיאָנער פון דער שול אין דער מוטער־שפּראַך פון יידישן קינד, ער איז געווען דער גרונטלייגער און אַרכיטעקט פון דער קינדער־סאַנאַטאָריע, דער הייסער פּראָפּאַגאַנדיסט און פאַרווירקלעכער פון דער אידעע פון פרייער דערציונג און פון אַרבעט־שול. מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט פאַר ש. גילינסקין געמיינט פאַרווירקלעכן אַ גרויסן אידעאַל, אויפבויען אַ לייכט־טורעם אין סאַמע מיטן פון דער טרויעריקער יידישער ווירקלעכקייט אין פוילן. די סאַנאַטאָריע איז געווען אַ מוסטער און אַ פּראָדוקט פון זיין ריינער ליבשאַפט און געטריישאַפט צום יידישן קינד. עס איז אַ גרויסע פרייד צו זען מיט וויפל ליבשאַפט און יראת־הכבוד עס שרייבן וועגן אים אַלע באַטייליקטע אין בוך. ער האָט דאָס באמת פאַרדינט.

דאָס מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך איז צום אָנדענק פון די לערער און דערציער, וואָס האָבן געטאָן זייער גרויסאַרטיקע און הייליקע אַרבעט אין דעם קינדער־אַנשטאַלט. די סאַנאַטאָריע האָט געהאַט אַ וווּנדערלעכע

גאַלעריע פון לערער און לערערינס — יעדערער אינטערעסאַנט מיט זיינע אייגנשאַפטן און טאַלאַנטן. זיי זענען געווען אַ טייל פון דער מחנה צישאַ־לערער, וואָס זייער אָנדענק איז פאַראייביקט אין דעם לערער־יזכור־בוך. איך האָב דאָרטן אָנגעציילט נעמען און ביאָגראַפיעס פון 22 לערער און מיטאַרבעטער אין דער סאַנאַטאָריע. זיי פאַרדינען מיר זאָלן זייערע נעמען דאָ פאַראייביקן. דאָס זענען:

אייזיק יצחק, אייכנער ראָזע, ביבער ישראל, באָרוכאָוויטש מאַניע, בלומענטאַל מענדל, ברווידאַ־העללער אַננאַ ד״ר, ברומבערג־גאַוועגדאַ מרים, גאָצלאַוו אַננאַ ד״ר, גוטמאַן זיסל, גילינסקי מאָטל (באַטקע), גראַיעווסקי רייזל, גראָסבוים שאול ד״ר, גרינבוים הערשל, וויטשיק פאָליע, זאַקהיים חנה, טעמפעל לאה, טראָופּיאַנסקי יאַנקל (יעקב), לינדעמאַן פעלאַ, מאַן יצחק, מאַנדעלברויט זונדל, מינץ טאָלאַ ד״ר, נאָוואָגרודסקי סאָניע, סאַראַבסקי רחל, סעגאַלאָוויטש־קאַץ גיטל, פּאָלישוק רחל, פישטשאַטשער־מאַן חנה, פיש־מאַנדעלברויט לאה, פיין־עדעלשטיין מאַניע, פלעקסער חייקע, פרידמאַן לייבל און זיין פרוי, קאַץ יוסף (יאָסל), קאָוואַרסקי בנימין ד״ר, קאָריסקי ביילע, ראָזענגאַרטן צעלינאַ ד״ר, רובינליכט פראַנקע.

דאָס זענען געווען מענטשן פון העכערער גייסטיקער קולטור און אידעאַליזם. זיי זענען אַלע אומגעקומען פון די נאַצי־רוצחים, זיי האָבן געטיילט דעם טראַגישן גורל פון גאַנצן פוילישן יידנטום. זיי האָבן די גרעסטע פאַרדינסטן פאַר די דערגרייכונגען און אויפטוען פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. נאָר אַ קליינע גרופּע פון די סאַנאַטאָריע־לערער לעבט ביז היינט, און געבענטשט זאָל זיין די שעה, ווען זיי האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פונעם נאַצי־גיהנום.

אונדזער בוך דאַרף אויך זיין אַ מאָנומענט פאַר די טויזנטער קינדער וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און וואָס די נאַצי־שווערד האָט זיי אויסגעשאָכטן. די הספדים פון י. י. טרונק און ש. גילינסקי, וואָס מיר ברענגען דאָ אין בוך, דאָס זענען קלאָגווערטער נישט נאָר איבער די סאַנאַטאָריע־קינדער, נאָר איבער די צענדליקער טויזנט צישאָ־קינדער און איבער דער מיליאָניקער קינדער־באַפעלקערונג פון אַמאָליקן פוילן.

מיט גרויס אָנערקענונג דערמאָנען מיר די ראָל און די אַרבעט פונעם טעכנישן פערסאָנאַל אין דער סאַנאַטאָריע. ווער פון זיי האָט געאַרבעט לענגערע פעריאָדן, ווער קירצערע, צייטווייליקע. אָבער אַלע זענען זיי געווען

געטריי דעם אַנשטאַלט און די קינדער, אַלע האָבן זיי געפילט באַוווסטזיניקע אחריות פאַרן געזונט און וווילזיין פון די קינדער, אַלע האָבן זיי זייער אַרבעט צוגעפּאַסט צום אידעישן אינהאַלט פון דער סאַנאַטאָריע. צום באַדויערן איז געווען אוממעגלעך צוזאַמענשטעלן דאָס צעטל פון זייערע נעמען. דאָס זענען די נאָמענלאָזע זעלנער פון סאַנאַטאָריע, באַדינער און באַזאָרגער פון אַלע קינדער.

אונדזער געדענק־בוך באַשטייט פון 5 אָפּטיילן :

א) די סאַנאַטאָריע־אינסטיטוציע גופא, איר אַנטשטייונג און אַנטוויקלונג ;

ב) דער בויער און פאַרוואַלטער פון דער סאַנאַטאָריע ש. גילינסקי, מיט אַלע זיינע מיטאַרבעטער און העלפער ;

ג) זכרונות און דערציילונגען פון געוועזענע „סאַנאַטאָריסטן"; אין אָפּטייל קומט אויך אַריין דער „פּאָלקלאָר" וואָס האָט זיך געשאַפן אין דער סאַנאַטאָריע : לידלעך, פאַראָדיעס געשאַפן פון די קינדער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן.

ד) וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע שאַפונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און זענען געווען פאַר־עפנטלעכט אין פאַרשידענע פובליקאַציעס ; מיר ברענגען דאָ דעם פולן טעקסט פון דער קינדער־פּיעסע „דער שפּייכלער".

ה) באַשרייבונגען און אַרבעטן פון קינדער וועגן דער מעדעם־סאַ־נאַטאָריע.

די פּערזענלעכקייט פון שלמה גילינסקי ווערט אין בוך אָפּגעשאַצט נישט נאָר לויט זיין ראָל אין סאַנאַטאָריע, נאָר ווי אַ לערער און פּעדאַגאָג בכלל, און דערפאַר האָבן מיר אין דעם בוך אַריינגעגעבן אויך אייניקע עסייען, וועלכע ש. גילינסקי האָט געשריבן אויף טעמעס וואָס זענען אים געווען זייער נאָענט.

עס איז אַ קאָלעקטיוו בוך, אין וועלכן עס זענען באַטייליקט איבער 40 פּערזאָן. די גוטע באַציִונג און געטריישאַפט פון די געוועזענע מיטאַר־בעטער, לערער און סאַנאַטאָריסטן — האָט דערמעגלעכט צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון אָט דער קאָמפּליצירטער אויסגאַבע. צוליבן אָנגעוויזענעם כאַראַקטער פון די אַרבעטן, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, איז געווען אומ־

פאַרמיידלעך, אַז געוויסע אָפּשאַצונגען, כאַראַקטעריסטיקס און פאַקטן זאָלן זיך איבערחזרן. ווי ווייט מעגלעך, האָבן מיר די איבערחזרונגען אויסגעמיטן. מ׳דאַרף אָבער נעמען אין אַכט, אַז יעדער מחבר האָט די זעלבע איינדרוקן און מיינונגען אויסגעדריקט אויף זיין אייגענעם אופן, אין פאַרבינדונג מיט זיינע איבערלעבונגען און אַסאָציאַציעס.

✶

עס ליגן פאַר מיר צענדליקער עסייען וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וועגן ש. גילינסקי — געשריבן פון געוועזענע סאַנאַטאָריסטן. דרייסיק יאָר זענען אַריבער, יוגנטלעכע זענען אַדורכגעגאַנגען דורך פאַרשידענע גיהנומס, זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט און אָנגעהויבן אַ ניי לעבן. וויפל ליבשאַפט, פאַרערונג צום אַנשטאַלט, צו ש. גילינסקי, צום לערער באַטקע, צו די אַנדערע לערער און מיטאַרבעטער. וויפל דאַנקבאַרקייט צו זיי אַלע פאַר דער גייסטיקער עשירות, וואָס די סאַנאַטאָריע האָט זיי געשאָנקען במשך געציילטע חדשים. וויפל פאַרשטענדעניש פאַר די דערציערישע אויפטוען פון דער סאַנאַטאָריע און אירע בויער. וויפל פאַרשטענדעניש פאַר דער חבריש־געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספער, פאַר דער פרייהייט און גליקזעליקייט וואָס די קינדער האָבן גענאָסן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע!

איך לייען די אַרבעטן פון די געוועזענע סאַנאַטאָריסטן, און איך באַוואונדער זייער יידיש, זייער ריינעם קוואַליקן מאַמע־לשון, זייער יידיש באַוווסטזיין. צעוואָרפן איבער פאַרשידענע לענדער, פאַרמאָגן זיי אָבער איין סטיל, איין שפּראַכלעכן כאַראַקטער, איין אידעישן צוגאַנג. דרייסיק יאָר זענען אַריבער, און איר פילט אין יעדער שורה, אין יעדן בלעטל זייערן — דעם גייסט פון דער ציש״אָ־שול, איר ווירקונג אויף דער פאָרמירונג פון דער נשמהדיקייט און אינטעלעקט פון יעדן סאַנאַטאָריסט. עס אָטעמען די אַרבעטן מיטן גייסט פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די אַלע סאַנאַטאָריסטן, וואָס האָבן צוגעטראָגן צום מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך זייערע פּרעכטיקע דערציילונגען, פאַרדינען אונדזער אַלעמענס אויפריכטיקן דאַנק. איך האָב, צום באַדויערן, נישט געהאַט די מעגלעכקייט צו קאָרעספּאָנדירן מיט יעדערן פון זיי באַזונדער. שרייב איך איצט די דאָזיקע שורות מיט ליבוואַרטער — צו זיי אַלעמען.

✶

גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע האָט די פרוי פון חבר שלמה גילינסקי — ליובאַ. עס איז געווען איר איניציאַטיוו, איר

ענערגיע און פינאַנציעלער בייטראָג וואָס האָבן דערמעגלעכט צו פאַרווירק־לעכן די אויסגאַבע. זי האָט געזאַמלט מאַטעריאַלן פון פערזענלעכן און געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער, קאָרעספּאָנדירט מיט לערער און סאַנאַטאָ־ריסטן, צוגעגרייט צום זאַץ צענדליקער בויגנס אויף דער שרייבמאַשין. אַליין אַ דערציערין און מיטאַרבעטערין אין דער סאַנאַטאָריע, האָט זי זיך פאַרבונדן מיט אירע געוועזענע חברים און קאָלעגן, וואָס זיי אַלע האָבן זיך אָפּגערופן וואַרעם און אינטים. איך, פון מיין זייט, האָב גענומען אויף זיך דאָס רעדאַגירן און אויפבויען די אויסגאַבע. ווי איינעם פון די צישאָ־פּירער, איז מיר געווען טייער יעדער ווינקל, יעדע דערגרייכונג פון דער סאַנאַטאָריע. צישאָ און די מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען געווען געקניפּט און געבונדן אידעיש, געזעלשאַפטלעך, חבריש, פערזענלעך. אין אונדזער אַלע־מענס באַוווּסטזיין איז די סאַנאַטאָריע געווען די קרוין פון דער שול־באַוועגונג, דער שטאָלץ פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

דער אָנדענק פון ש. גילינסקי איז מיר זייער טייער. זיין ראָל און פאַרדינסטן, זיין כאַראַקטער און פערזענלעכקייט — זענען אין דעם בוך פאַראייביקט מיט ליבשאַפט און האַרציקייט פון אַ פערזענלעכן חבר און פריינד.

די רעדאַקציע פון בוך איז באַשטאַנען פון די חברים: ש. אַבראַמסאָן, ליובאַ גילינסקי, יצחק לודען, יוסף מלאָטעק, עמנואל פּאַט, ח. ש. קאַזדאַן און י. ראָטנבערג. יעדערער פון זיי האָט בייגעטראָגן צום אינהאַלט פון בוך, געזאָרגט וועגן דער פּערפעקטקייט פון בוך. צוליבן דוחק אין פּלאַץ זענען אין בוך נישט אַריינגענומען געוואָרן אַ סך ווערטפולע מאַטעריאַלן:

א) מיר האָבן געפּלאַנט אַריינצוגעבן דעם גאַנצן טעקסט פונעם פילם „מיר קומען אָן". עס איז אָבער געווען פאַרבונדן מיט אַ סך טעכנישע שוועריקייטן און עס האָט זיך געפאָדערט אויף דעם אַ היפּשע צאָל זייטן.

ב) ש. גילינסקיס פּראָיעקט פון אַן אויסגאַבע „דאָס יידישע קינד אין דער תקופה פון חורבן".

ג) ש. גילינסקי: „יידישע לערער פון גאַנץ רוסלאַנד, ליטע און פּוילן טרעפן זיך אויף קורסן פון מפיצי השכלה" (זמ"ב פון דער „נייער יידישער שול י.ל. פּרץ" אין מעקסיקע).

ד) ש. מענדעלסאָן: „ווי אַזוי לעבט דאָס קינד אין מעדעם־סאַנאַ־טאָריע" (פאָלקסצייטונג).

ה) יעקב פּאַט: „באַריכטן און אַרטיקלען וועגן מעדעם־סאַנאַטאָריע" (קליינע פאָלקסצייטונג).

ו) אַרטיקלען, באַריכטן אין דער בונדישער „פאָלקסצייטונג", געשריבן דורך ש. מענדעלסאָן, יעקב פּאַט, י. ברומבערג, ח.ש. קאַזדאַן א"אַ.

זאָל ביי דער געלעגנהייט דערמאָנט ווערן מיט גרויסן דאַנק דער „קורסקי־אַרכיוו" פון בונד — ער האָט פאַר אונדז געשאַפן אַ סך פאָטאָסטאַטן פון געדרוקטע מאַטעריאַלן, בילדער א"אַ.

✶

דאָס מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך איז אַ בייטראָג צו דער געשיכטע פון פוילישן יידנטום צווישן ביידע וועלט־מלחמות. עס איז אַ בייטראָג צו דער געשיכטע פון דער יידיש־וועלטלעכער שול־ און קולטור־באַוועגונג. עס איז די געשיכטע פון אַן אַנשטאַלט וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט די גרויסע אַקטיווקייט, שעפערישקייט און פאַרמעסטן פון די בונדישע אַרבעטער־קרייזן אין די יאָרן 1914—1939, זייער אידעאַליזם און קולטור־דערגרייכונג, זייער געטריישאַפט צו יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, זייער נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און חשיבות.

ח. ש. ק אַ ז ד אַ ן

א

ש. גילינסקי — מעדעם־סאַנאַטאָריע, פון אויפבלי ביזן אומקום

וו. מעדעם — קינדער וואָס זענען פאַרמשפּט צום טויט

ח. ש. קאַזדאַן — די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין

ש. אַבראַמסאָן — די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין שאָטן פון דער נאַציִשער אָקופּאַציע

פּערל עלענבויגן־כּהן און חיים עלענבויגן — די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מלחמה־צייט

דניאל טשאַרני — אין דער ייִדישער קינדער־רעפּובליק

י. גיליגיטש — זעקס וואָכן אין קינדערשן גן־עדן

יאָסל מלאָטעק — ווי אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער „שפּייכלער"

מ. בראָדערזאָן
ה. לייוויק
מאָני לייב
לייב מאָרגענטוי
ח. ל. פוקס
אברהם זאַק
} לידער וועגן חורבן סאַנאַטאָריע

יצחק לודען און יאָסל בערגנער — דער קליינער גן־עדן

לאָלע ברומבערג — דערינערונגען פון אַ סאַניטאָרין

מנחם ראָזענבאַום — אַ מיטגליד פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג דערציילט

בערנאַרד גאָלדשטיין, י. ברומבערג, יעקב פּאַט — באַוואָפנטער אָנפאַל פון קאָמוניסטן אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

ליובאַ קאָנטאָראָוויטש־גילינסקי — דער פילם „מיר קומען אָן"

שלמה פ. גילינסקי (15 דעצעמבער 1888 — 4 סעפטעמבער 1961)

ש. גילינסקי

מעדעם־סאַנאַטאָריע

פון אויפבלי — ביזן הייליקן אומקום

דער לעבנס־דויער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַ גאַנץ קורצער. אין גאַנצן האָט די קינדער־אינסטיטוציע עקזיסטירט 16 יאָר, 7 חדשים און 4 טעג. פון די איבער 16¼ יאָר זענען קנאַפּע 14 — געווען יאָרן פול מיט זון, מיט ליכט און מיט פרייד; יאָרן פון כסדרדיקן וווּקס, פון כסדרדיקן באַרג־אַרויף, יאָרן פון אויפטוען און דערגרייכונגען און פון זעלטענער שעפערישקייט. דער ליכטיקער פעריאָד פון דער אינסטיטוציע האָט געדויערט פון 18טן יאַנואַר 1926 ביזן 5טן סעפּטעמבער 1939. אין יאַנואַר 1926 איז די סאַנאַטאָריע געעפנט געוואָרן און אויפן פינפטן טאָג נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז זי געשלאָסן געוואָרן.

דעם 5טן סעפּטעמבער 1939, ווען אַ באָמבע פון אַ דייטשן עראָפּלאַן האָט אַריינ־געקראַכט אין אַ יידישן יתומים־אַנשטאַלט (פון „צענטאָס") אין שכנותדיקן אָטוואָצק, האָט די אָנפירונג פון מעדעם־סאַנאַטאָריע באַשלאָסן פאַנאַנדערצושיקן די קינדער צו זייערע משפחות און שליסן דעם אַנשטאַלט. פאַרנאַכט דעם טאָג, האָבן רייען קינדער, אין באַגלייטונג פון זייערע געטרייע לערער און פריינד, מיט טרערן אין די אויגן, מאַרשירט צו דער נאָענטער באַן־סטאַציע אין פאַלעניץ. מיט אומעט און טרויער האָט מען זיך געזעגנט מיט די אַזוי פריידיקע און גליקלעכע חדשים און יאָרן פאַרבראַכטע אין אָט דער ליכטיקער אינסטיטוציע, און געזעגנט האָבן מיר זיך מיט דער סאַנאַטאָריע שוין דעמאָלט אויף אייביק.

דער לעצטער טרויעריקער קאַפּיטל פון דער סאַנאַטאָריע־עקזיסטענץ האָט זיך אָנגעהויבן שוין אונטער די נאַציס די ערשטע טעג פון נאָוועמבער 1939 און האָט זיך פאַרענדיקט אין פרימאָרגן דעם 22סטן אויגוסט 1942. אין דעם חושכדיקן פרימאָרגן האָבן די דייטשע רוצחים מיט דער הילף פון פוילישע און אוקראַינישע אויסוואורפן אַרויסגעריסן די קינדער פון זייער טייערער היים און אָוועקגעפירט זיי צו דער מורא־דיקסטער שחיטה, וואָס די וועלט האָט ווען געזען. צוזאַמען מיט די איבער 200 קינדער זענען אויך אַוועק צום טויט זייערע געטרייע חברים און פריינד פון פערסאָנאַל, וואָס האָבן מיט זיי דורכגעמאַכט די אַזוי ביטערע צייט אונטער די נאַציס און האָבן די קינדער נישט פאַרלאָזט, ביזן לעצטן מאָמענט. עס זענען אַוועק מיט די קינדער צום טויט די הייליקע: דאָקטאָרין טאָלע מינק, לערערין ראָזע אייכנער (פון לאָדזש), לאָניע טאָטענ־

גרעבער, שרה ראָזענבערג, נחמה מוסטער און רעגינע גאָלדשטיין. די לעצטע פיר, פון ווירטשאַפטלעכן פּערסאָנאַל, צוזאַמען מיט דאָקטאָרין טאַלע מינץ, האָבן געהערט צו די געטרייעסטע און איבערגעגעבנסטע מיטאַרבעטער נאָך פון פאַרן מלחמה־פּעריאָד.

✶

די לעבנס־געשיכטע פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע הויבט זיך אָן דעם 18טן יאַנואַר 1926, ווען טיר און טויער האָבן זיך געעפנט פאַר דער ערשטער גרופּע פון 14 קינדער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין וואַרשע. צו דעם טאָג האָט מען זיך לאַנג געגרייט אין די „ציש״א״־ און אַרבעטער־קרייזן. און דער טאָג איז געווען אַ שטילער אָבער אמתער יום־טוב פאַר אַלע פריינד און באַזונדערס פאַר די עלטערן און לערער פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז לכתחילה פאַרטראַכט געוואָרן אַלס הייל־אַנשטאַלט פאַר קינדער באַדראָטע פון טובערקולאָז. די צאָל אַזעלכע קינדער איז בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אומגעהויער גרויס, און נישט געווען דעמאָלט אין פּוילן קיין איין־איינציקער הייל־אַנשטאַלט פאַר יידישע קינדער. אָט די קראַנקע קינדער זענען געווען די גרעסטע זאָרג פאַר די עלטערן און נישט קיין קלענערע זאָרג פאַר די פריינד פון יידישן קינד, באַזונדערס פאַר די לערער, דאָקטוירים און טוער פון יידיש־וועלטלעכע שולן, ווו עס האָבן זיך געלערנט די קינדער פון דער גרעסטער יידישער אָרעמקייט און נויט: ביים מינדסטן חשד פון טובערקולאָז האָט אַזאַ קינד געמוזט פאַרלאָזן די שול, און דאָס האָט גאַנץ אָפט באַטייט פאַרן קינד שיר נישט אָן אורטייל אויף אַ פאַמעלעכדיקן אונטערגאַנג. די שול איז דאָך אין יענעם פּעריאָד געווען נישט בלויז אַ לערן־אַנשטאַלט נאָר אויך אַ היים פאַרן קינד; אַ היים, וואָס האָט אים באַשפּייזט, באַקליידט און געזאָרגט פאַר זיין גוף און נשמה. נאָך ערגער איז געווען די לאַגע ביים אַרויסנעמען די קינדער אויף אַ זומער־קאָלאָניע. דאָ האָבן די דאָקטוירים געמוזט זיין נאָך שטרענגער. און דווקא די קינדער, וואָס האָבן זיך אַממערסטן גענויטיקט אין דער קאָלאָניע, האָבן פון איר נישט געקאָנט געניסן.

מען האָט געהאַלטן אין איין זוכן וועגן און מיטלען ווי צו העלפן אָט די קינדער — ביז אין 1921 האָט דער מעדעם־דינעזאָן־רייכמאַן שול־קאָמיטעט (די דעמאָלטיקע אָנפירונג פון די יידיש־וועלטלעכע שולן) מיט דער הילף פון „פּיפּלס רעליף״ און פון „דזשאָינט״ געגרינדעט אין אָטוואָצק הינטער וואַרשע אַ ספּעציעלע „שול״ פאַר קינדער באַדראָטע פון טובערקולאָז. די ספּעציעל אויסגעטיילטע פאַרוואַלטונג פאַר דער קאָלאָניע (דאָקטאָרין אַנאַ ברוידע־העלער, דאָקטאָרין א. קרוק, דוד מייער, ש. אַבראַמסאָן, דאָקטאָר ב. אייזענשטאַט און ש. גילינסקי) האָט געהאַט בדעה צו פאַרוואַנדלען די קאָלאָניע אין אַ פּערמאַנענטן אַנשטאַלט, אָבער צוליב מאַנגל אין מיטלען האָט זיך דאָס נישט געלאָזט רעאַליזירן. צוליב דער זעלבער סיבה האָט מען אויך אַ שפּעטערדיקן פּרווו פון אַזאַ קאָלאָניע אין מיכאַלין געמוזט אויפגעבן. ערשט סוף 1922, ווען דער גרויסער פריינד פון יידישן קינד וולאַדימיר מעדעם (שוין דעמאָלט אין אַמעריקע) האָט געהאַט געשאַפן אויף דעם צוועק עטלעכע טויזנט דאָלאַר, איז די „ציש״א״ צוגעטראָטן בויען אין אַ וואַלדיקער געגנט, אין מיעדזעשין נעבן וואַרשע, אַ סאַנאַטאָריע פאַר קינדער

באַדראָטע פון טובערקולאָז. דאָס בויען האָט צוליב די קליינע און מאָגערע מיטלען ווידער גענומען איבער דריי יאָר, און ערשט דעם 18טן יאַנואַר 1926 איז דער חלום וועגן אַ הייל־אַנשטאַלט פאַר די אומגליקלעכע קינדער געוואָרן א פאַקט, אַ פאַקט פון גאָר גרויסער באַדייטונג אין יידישן לעבן אין פוילן.

*

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז באַקאַנט געוואָרן אין פוילן ווי אויך אין אייראָפּע נישט בלויז אַלס הייל־אַנשטאַלט נאָך — און הויפּטזעכלעך — אַלס הייל־דערציִערישע קינדער־אינסטיטוציע. דער דערציִערישער כאַראַקטער איז נאַטירלעכערווייז אַהער איבערגעטראָגן געוואָרן פון דער „צישאָ״־שול און פון דער זומער־קאָלאָניע. דאָ איז ער אָבער פאַרטיפט און אויסגעברייטערט געוואָרן. די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אָרגאַניזירט און אָנגעפירט געוואָרן דורך אַ לערער (דעם שרייבער פון די שורות), וועלכער האָט אין דער ענגסטער צוזאַמענאַרבעט מיט דער דאָקטוירים־קאָמיסיע (אַנאַ ברוידע־העלער, ב. שפּילפאָגעל־ליכטענבוים, ט. סימכאָוויטש, א. קרוק) איינגעשטעלט דעם נויטיקן מעדיציניש רעזשים אַזוי, אַז אין אַנשטאַלט זאָל נישט הערשן קיין שפּיטאָל־גייסט.

דער גאַנצער צוגאַנג צום קינד איז דאָ געווען אַ דערציִערישער. מען קאָן נישט אָפּטיילן ביים קינד דעם גוף פון דער נשמה. וויל מען היילן דעם גוף, דאַרף מען איינצייטיק היילן די נשמה. און אויף צו היילן דעם גוף און די נשמה דאַרף מען חוץ אַנדערע קוואַליפיקאַציעס פאַרמאָגן גאָר אַ סך ליבע און פאַרשטענדעניש פאַרן קינד. אַט דער הייל־דערציִערישער צוגאַנג צום קינד האָט מיט דער צייט געגעבן אַזעלכע צופרי־דנשטעלנדיקע רעזולטאַטן, אַז די פּאָפּולאַריטעט פון אַנשטאַלט איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. די קינדער פלעגן אַהער קומען מיט אומעטיקע, אויסגעלאָשענע אויגן און מיט בלוטלאָזע פּנימער, און גאָר אין אַ קורצער צייט פלעגן זיי זיך דאָ פאַנאַנדערבליִען פיזיש און גייסטיק. דער רום פון דער סאַנאַטאָריע איז געגאַנגען פון קינד צו קינד, פון מאַמען צו מאַמען און פון לערער צו לערער. טויזנטער יידישע קינדער פון שטעט און שטעטלעך אין פוילן האָבן געחלומט וועגן אַריינקריגן זיך אין מעדעם־סאַנאַטאָריע, אין דעם „גן־עדן פאַרן קינד״. אויך געזונטע קינדער האָבן געטרוימט וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. קינדער פלעגן פרעגן ביים שרייבער פון די שורות: „ווען וועט מען שוין אויפבויען אַ סאַנאַטאָריע פאַר געזונטע קינדער?״

אין פאַרהעלטעניש צו דער גרויסער צאָל יידישע קינדער אין פוילן, וואָס האָבן זיך גענויטיקט אין הייל־אַנשטאַלטן, איז די צאָל ערטער אין סאַנאַטאָריע געווען זייער קליין. פון 70 אין אָנהויב איז די צאָל אין די לעצטע יאָרן דערגאַנגען ביז 140 אין די ווינטער־חדשים און צו 350 — אין די זומער־חדשים. קינדער, וואָס האָבן שוין געהאַט דאָס גליק אָנגענומען צו ווערן אין סאַנאַטאָריע, האָבן געוואַרט חדשים און אַמאָל אַפילו אַ יאָר אויף אַ פרייען פּלאַץ. די סאַנאַטאָריע האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן און אין איין פונאַנדערבויען זיך, אָבער צוליבן שטענדיקן מאַנגל אין מיטלען איז דאָס צוגעגאַנגען גאָר פּאַמעלעך. קינדער פלעגן דאָ פאַרברענגען פון צוויי ביז זעקס חדשים און אין איינצלנע פאַלן — אַ יאָר און מער. אַ גרויסע צאָל קינדער פלעגן אַהער קומען צום צווייטן, דריטן און אַפילו צום פינפטן מאָל: דאָס פאַרברענגען אין סאַנאַטאָריע האָט זיי

אויפגעהאַלטן און אין גאַנצן געזונט געמאַכט. אַט די „אַלטע סאַנאַטאָריסטן", ווי מען האָט זיי געוויינלעך גערופן זענען שטענדיק געווען דער רוקנביין פון דער זעלבסט־פאַר־וואַלטונג און פון גאַנצן לעבן אין אַנשטאַלט. און אַט די קינדער, אָדער בעסער־געזאָגט — יוגנטלעכע, זענען שפּעטער, אונטער די נאַציס, אַליין געווען די לערער און פירער פון דער סאַנאַטאָריע.

★

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען דער פּאָפּולערסטער אַנשטאַלט אין פּוילן און איז געוואָרן דער סימבאָל פון יידישער שעפערישקייט. די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט און די „ציש"א"־משפחה האָבן באַטראַכט די סאַנאַטאָריע אַלס דעם ליבלינג־אַנשטאַלט פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן. דערציִער און לערער האָבן זייער אָפט באַזוכט די סאַנאַטאָריע און דאָ פאַרברענגט טעג, כדי צו באַקענען זיך מיטן לעבן און צוזאַמענלעבן פון די קינדער.

די יידישע פּרעסע אין פּוילן פון אַלע ריכטונגען האָט געווידמעט דעם אַנשטאַלט אַ גרויסע צאָל אָפּהאַנדלונגען. אַממערסטן האָט נאַטירלעך געשריבן און פאַרעפנטלעכט מאַטעריאַלן וועגן דעם אַנשטאַלט די בונדישע „פאָלקסצייטונג". אָבער אויך די אַנדערע יידישע צייטונגען האָבן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אויסגעדריקט זייער באַוווּנדערונג און אַנערקענונג פאַר די גרויסע אויפטוען און דערגרייכונגען פון אַט דער אַרבעטער־אינסטיטוציע. נאָר איין ביישפּיל, דער „מאָמענט" (דעצעמבער, 1937) שרייבט: „עס איז אַ גרויסע טרייסט, פרייד און דערקוויקונג צו זען די פריידיקע יידישע פּאָזיטיווע אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן אין פּרעכטיקן אַנשטאַלט, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אמתן גן־עדן פאַר די קינדער. דאָס קינד באַקומט דאָ חוץ היילונג פאַרן גוף אויך פרייד פאַר דער נשמה". אַזעלכע ציטאַטן וואָלטן מיר געקענט ברענגען אין די צענדליקער.

עס וואָלט כדאי געווען צו ברענגען אָפּרופן אויך פון דער יידישער וועלט־פּרעסע און פון אַ צאָל יידישע פּערזענלעכקייטן ווי פּראָפ. ל. הערש. ש. אַש, פּראָפ. א. ל. סאַכאַר, חיים זשיטלאָווסקי און אַנדערע. מיר קאָנען לײדער דאָס נישט טאָן אין אַט דער באַגרענעצטער אָפּהאַנדלונג. יעדער שאַצט און באַלויכט אַן אַנדער געביט פון לעבן אין אַנשטאַלט. אָבער אַלע אָן אויסנאַם זעען אינעם קליינעם ווינקל פון יידישן לעבן פאַרווירקלעכט אַ טייל פון די אידעאַלן פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

דער יידישער דאָקטאָר האָט לכתחילה זיך באַציוגן אַ ביסל מיט אומצוטרוי און אַפילו מיט אַ געוויסער קעגנערשאַפט צו דער דערציִערישער אַרבעט אין אַנשטאַלט. ביסלעכווייז אָבער האָט ער אָנגעהויבן צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער פירונג פון דער סאַנאַטאָריע און איז שפּעטער געווען פול מיט אַנערקענונג פאַר דעם פּיאָנערישן ביישפּיל, וואָס די סאַנאַטאָריע האָט געגעבן אויפן הייל־געביט. פון צייט צו צייט פלעגן פאַרקומען קאָלעקטיווע באַזוכן פון דאָקטוירים, און זיי האָבן אויסגעדריקט זייער אַנער־קענונג פאַר די דערגרייכונגען אין מעדעם־סאַנאַטאָריע.

אויך די פּוילישע מעדיציִנישע אויטאָריטעטן האָבן הויך געשאַצט דעם ביישטראַג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע צו דער היילונג פון טובערקולאָז־באַדראָטן קינד. פּראָפ. דאָקטאָר מיכאַלאָוויטש (רעקטאָר פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט און דירעקטאָר פון קינדער־קליניק ביים אוניווערסיטעט) האָט נאָך זיין באַזוך אין סאַנאַטאָריע געשריבן:

„איך האָב געזען און באַוואונדערט אויף יעדן שריט, מיט וואָס פאַרא באַשיידענע מיטלען אָבער מיט ליבשאַפט קאָן מען שאַפן אַ מוסטערהאַפטע אינסטיטוציע". די פוילישע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכקייט, די פוילישע פּעדאַגאָגישע פּרעסע האָבן אַרויסגע־הויבן די סאַנאַטאָריע אַלס אַ גאָר גרויסע דערגרייכונג אין פּוילן אויפן דערציִערישן געביט. גאָר שטאַרק איז געווען דער אינטערעס צום יידישן סאָציאַליסטישן קינדער־אַנשטאַלט אין די פוילישע סאָציאַליסטישע קרייזן.

דער באַרימטער פּוילישער פּראָפעסאָר פון פּעדאַגאָגיק אין „ווֹשעכניצאַ פּאָלסקאַ" (פרייע פוילישע הויך־שול) א. מ. דאַבראָוואָלסקי שרייבט אין אַ בריוו צו די קאָלעגן־דערציִער פון מעדעם־סאַנאַטאָריע: ....„טראָץ דעם קאַרדינאַלן פּעדאַגאָגישן פּרינציפּ „אייל זיך נישט", ווערן אין סאַנאַטאָריע צוליב דער קורצער אויפהאַלט פון די קינדער אָנגעווענדעט „בליץ־אַרטיקע פּעדאַגאָגישע מעטאָדן". דאָס אָנווענדן די מעטאָדן זעט לכתחילה אויס ווי אַן אוטאָפּיע. פון דעסטוועגן טוט איר דאָס — נאַטירלעך אין די גרענעצן פון מענטשלעכע כוחות — און אייערע רעזולטאַטן זענען באמת איבער יעדער דערוואַרטונג. איר טוט מער פון מאַקסימום דערפון, וואָס עס זעט אויס צו זיין מעגלעך... און נאָך איין סוד פון אייער דערפאָלג: דאָס איז יענע אוממיטלבאַרקייט אין די באַציִונגען צווישן אייך און די קינדער, וועלכע מען פילט, מען זעט, מען הערט אויף יעדן שריט און מיט וועלכער עס איז אָנגעזאַפּט די גאַנצע אַטמאָספער פון אייער אַנשטאַלט. און דאָס איז אַן אוממיטלבאַרקייט, אַ קעגנזייטיקע, וועלכע פאַרלייכטערט אין אַ גרויסער מאָס אייער אַרבעט". („שול־וועגן", יאַנואַר, 1937).

אין דער אייראָפּעיִש־פּעדאַגאָגישער וועלט איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע באַקאַנט געוואָרן אַ דאַנק דער גרויסער צאָל באַזוכער פון פאַרשידענע לענדער. דער ערשטער גרויסער פּעדאַגאָג, וואָס האָט באַזוכט די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען פּראָפעסאָר א. פערריער, דעמאָלט דירעקטאָר פון „זשאַן זשאַק רוסאָ אינסטיטוט" אין דער שווייץ און דירעקטאָר פון אינטערנאַציאָנאַלן דערציִונגס־ביוראָ. אַלס די העכסטע דערגרייכונג האָט א. פעריער באַטראַכט דאָס צוזאַמענלעבן פון די קינדער און די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן לערער און קינד. פּראָפעסאָר פעריער האָט שפּעטער געשריבן: „איך בין געווען גליקלעך צו זען דעם הערלעכןביישפּיל פון סאָציאַלער הילף און זעלבסט־פאַרוואַלטונג. עס וואָלט זיך וועלן זען ענלעכע ביישפּילן אומעטום אויף דער וועלט". פאַר זיינע צוהערער אין „זשאַן זשאַק רוסאָ אינסטיטוט" האָט ער גערעדט וועגן די דערציִערישע מעטאָדן און אויפטוען אין מעדעם־סאַנאַטאָריע. ער האָט רעקאָמענדירט זיינע צוהערער אומבאַדינגט צו באַזוכן אָט דעם יידיש־סאָציאַליסטישן אַנשטאַלט אין מיעדזעשין ביי וואַרשע.

אין אַרכיוו פון מעדעם־סאַנאַטאָריע, (געבליבן ערגעץ באַגראָבן) האָבן זיך געפונען אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען וועגן אַנשטאַלט — אין 15 שפּראַכן. טייל פון די אַרטיקלען געפינען זיך אין „פראַנץ קורסקי־אַרכיוו", אַנדערע דאַרף מען זוכן אין די ביבליאָטעקן פון דער וועלט.

די פּאָפּולאַריטעט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז נאָך מער געשטיגן אַ דאַנק דעם פילם „מיר קומען אָן", וואָס שפּיגלט אָפּ דאָס לעבן פון די קינדער אין אַנשטאַלט. נישט געווען גענוג מיטלען אויף צו קאָנען פילמירן און פאַראייביקן אַלץ, וואָס האָט

באַדאַרפט פאַראייביקט ווערן. דער פילם „מיר קומען אָן״ איז געשאַפן געוואָרן ווי אַלץ אין סאַנאַטאָריע מיט גאָר ווייניק מיטלען, מיטן ביסל מיטלען, וואָס עס האָט ספּעציעל אויף דעם צוועק געשאַפן דער פאַרשטאָרבענער ברוך טשאַרני־וולאַדעק. וולאַדעק האָט געזען אין סאַנאַטאָריע פאַרווירקלעכט אַ טייל פון זיינע אייגענע חלומות און די חלומות פון זיין דור. ער האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף וויזן דער ברייטער יידישער וועלט ווי אויך דער נישט־יידישער, וואָס די יידישע אַרבעטער אין פּוילן פאַרמאָגן. אַ דאַנק דעם פילם, וואָס איז געווען פאַרבאָטן אין פּוילן און איז געוויזן געוואָרן אין אַ ריי לענדער ווי פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד און אויך אין אַמעריקע, איז ווידער אַ סך, גאָר אַ סך געשריבן געוואָרן וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. דאָס ווייניקע, וואָס דער פילם האָט אָפּגעשפּיגלט פון ווירקלעכן לעבן פון די קינדער אין מיעדזעשין, האָט אַרויסגערופן גרויס אָנערקענונג אין דער ברייטער אייראָפּעיִש־פּעדאַגאָגישער וועלט. דאָס העכסטע און דאָס שענסטע, וואָס דער פילם האָט אַרויסגעבראַכט זענען נאַטירלעך די קינדער, די באַגאַבטע און באַהויכטע מיטן גייסט פון דורות יידישע קינדער. די אימעקס, די שאַפּיראָס, די קעצעלעך (אימעק דיסטעל, לובע שאַפּיראָ און זלמן קאַץ זענען די הויפּט־העלדן פון פילם) און די אַנדערע — זיי זענען געווען די אמתע בויער און שעפער פון דעם ווערק, וואָס האָט געהייסן מעדעם־סאַנאַטאָריע. אויפן וועלט־פּעדאַגאָגישן צונויפֿ־מענפאָר אין פּאַריז (זומער, 1937) האָט דער פילם „מיר קומען אָן״ געקראָגן די העכסטע אָנערקענונג און איז אַרויסגערוקט געוואָרן אויפן ערשטן אָרט צווישן אַלע דאָקומענטאַרע פילמען פון קינדער־לעבן, וואָס זענען דאָרטן געוויזן געוואָרן.

בלויז איין ציטאַט פון די צענדליקער אַרטיקלען און אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן וועגן פילם: „דאָס אומעטיקע און גרויע לעבן ווערט דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ לעבן פון פרייד און צוטרוי. די שוואַכסטע לערנען זיך דאָ געניסן אַליין פון לעבן און אויך ווידמען זיך דעם לעבן פון אַנדערע. דאָ באַקענען זיי זיך מיט דער אמתער זון, מיט דעם אמת־ריינעם וואַסער און מיטן לעבן פון אַ קאָלעקטיוו ווי אויך מיט דער קאָלעקטיווער מאָראַל. די סאַנאַטאָריע איז איינס פון די שענסטע אויפטוען פון דער פיזישער און מאָראַלישער היגיענע, אַ ווערק, וואָס איז געשאַפן געוואָרן און וואָס פאַרשאַפט גרויס כבוד דעם יידישן סאָציאַליזם״. („אין קינאָ״, פּאַריז, 1936).

רעזשיסירט דעם פילם האָט דער באַגאַבטער אין פּוילן רעזשיסאָר אַלעקסאַנדער פאָרד (ליפשיץ). דעם סצענאַר האָט אָנגעשריבן יעקב פּאַט. די באַקאַנטע שריפטשטע־לערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ און ח. ש. קאַזדאַן האָבן זיך באַטייליקט אין באַאַרבעטן דעם סצענאַר און די דיאַלאָגן. מיט דער פּראָדוקציע האָבן אָנגעפירט דער לאַנג־יאָריקער מיטפאַרוואַלטער פון דער סאַנאַטאָריע ה׳ יוסף ברומבערג און דער שרייבער פון די שורות. די מוזיק צום פילם האָט געשאַפן דער באַקאַנטער יידישער מוזיקער הענעך קאָן.

*

ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך געווען, אַז דווקא די אָרעמע יידישע גאַס אין פּוילן זאָל האָבן אַזוי פיל דערגרייכט און אַ יידישע אַרבעטער־אינסטיטוציע זאָל ווערן אַ מוסטער פאַר אַנדערע אויפן פּעדאַגאָגיש־דערציִערישן געביט? פון וועלכע קוואַלן האָבן די

פיאָנערן און בויער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול און פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געשעפּט זייערע גייסטיקע כוחות?

די יידיש־וועלטלעכע שול איז געקומען אויף דער וועלט אַלס קינד פון דער גרויסער רעוואָלוציע אין יידישן לעבן אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן סוף 19טן און אָנהויב 20סטן יאָרהונדערט. דער יידישער לערער, דער בויער און פּיאָנער פון דער יידישער שול, איז צוגעטראָטן צו זיין פּיאָנערישער אַרבעט מיט אַ דרייפאַכער ליבע: ליבע צום פאָלק, ליבע צום קינד און ליבע צו דער פאָלקס־שפּראַך. אַליין אַ קינד פון פאָלק, האָט ער מיט זיין גאַנצער נשמה, מיט זיין גאַנצן מהות געווידמעט זיך דעם יידישן פאָלקס־קינד. פול מיט ליבע צום קינד, האָט ער געזוכט נייע וועגן און נייע אופנים ווי אַזוי צו דערציִען אַ נייעם דור, אַ דור, וואָס זאָל זיין באַוואָפנט און פעיִק צו פאַרשענערן, פאַרבעסערן און גייסטיק באַרייכערן דאָס יידישע לעבן.

די נייע שול האָט אָנגעהויבן אין זיך פאַרקערפּערן די שענסטע חלומות פון יענעם דור, פון יענער תקופה. זי איז געוואָרן די טרעגערין פון אַלע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידעאַלן, מיט וועלכע די סאָציאַליסטישע יוגנט איז געווען דורכגעדרונגען. די חלומות פון די דערוואַקסענע האָבן גענומען אָפּשפּיגלען זיך אין די קינדער, און די שול איז נאַטירלעכערווייז געוואָרן די באַליבטסטע אינסטיטוציע ביי אירע בויער און טרעגער, ביי די עלטערן און ביי אַלע אירע פריינד. די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט די אייגנשאַפטן פון דער יידישער שול נאָך מער פאַרטיפט און זיי ווייטער אַנטוויקלט.

ביים אָרגאַניזירן די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון פון די אַלע שוועריקייטן, וואָס מיר האָבן געהאַט פאַר זיך. מיר האָבן גוט געהאַט אין זינען, אַז די סאַנאַטאָריע דאַרף זיין אַ פאַרמאַכטער אַנשטאַלט, אָפּגעריסן פון היים, שול, גאַס און פון גאַנצן אַרום, און אַז אַזאַ קינדער־אינסטיטוציע אָן העכערע צילן, אָן אַ דערהויבענעם גייסט קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין היפוך פון דעם, צו וואָס מיר שטרעבן. מיר האָבן אויך געהאַט אין זינען, אַז מיר וועלן דאַרפן האָבן צו טאָן מיט קינדער קראַנקע, אָפּגעשוואַכטע און גאַנץ אָפּט שוין דערשלאָגענע און אַפּאַטישע צום לעבן. אַזעלכע קינדער זענען זייער סענסיטיוו און זייער פסיכיק איז אַ גאַנץ אַנדערע ווי ביי געזונטע קינדער. דערצו נאָך קומען די קינדער פון קעלערן, פון בוידעם־שטיבלעך און פון גאַסן, ווו עס איז נישטאָ קיין גרעזל, קיין ביימל. צו אַזעלכע קינדער דאַרף מען גאָר אַנדערע דערציִער, דערציִער פון אַ גאָר הויכער מדרגה, עס איז אויך געווען אַ פראַגע וועגן צוגעפּאַסטע דאָקטוירים און סאַניטאַרינס (קראַנקן־שוועסטער); נישט ווייניקער וויכטיק איז אין אַזאַ אַנשטאַלט אויך דער טעכנישער פּערסאָנאַל. יעדער טעכנישער מיטאַרבעטער, אַפילו אַן אַרבעטער אויפן הויף אָדער אין גאָרטן, ווערט אַ מיטגליד פון דער סאַנאַטאָריע־משפחה און ווירקט אַקטיוו אָדער פּאַסיוו אויפן לעבן פון אַנשטאַלט. ביים לייזן אַט די און אַנדערע פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען פאַרבונדן מיטן איינאָרדענען דאָס לעבן פון די קינדער אין סאַנאַטאָריע, האָבן מיר זיך געריכט מיט אַ ריי גרונט־יסודות, וועלכע האָבן אונדז געהאָלפן געפינען דעם מער־ווייניקער ריכטיקן וועג. אַ דאַנק זיי איז אונדז געלונגען צו שאַפן אַ געהעריקן צוזאַמענלעבן פון די קינדער, אַ שעפערישן קאָלעקטיוו און אַ פריידיקע אַטמאָספער. די פּרינציפּן זענען פאַר קיינעם נישט ניי און אַוודאי זענען זיי נישט ניי אין דער טעאָריע פון דערציִונג, אין דער לערע פון פּעדאַגאָגיק.

דער אויפטו פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען דאָס, וואָס זי האָט די אַלגעמיין באַקאַנט טעאָריע געהעריק אַנגעווענדט אין לעבן און זי אויסגעפורעמט אין איין אויסגעהאַלטן דערציִערישן סיסטעם.

✶

ליבע צום קינד איז געווען דער יסוד פונעם לעבן אין מעדעם־סאַנאַטאָריע. ליבע צום קינד איז געווען דער העכסטער פּעדאַגאָגישער געבאָט פאַר יעדן לערער, פאַר יעדן דערציִער און מיטאַרבעטער. דאָקטוירים, לערער, סאַניטאַרינס און טעכנישע מיטאַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט גרויס ליבע צום קינד, האָבן זיך אַליין געצויגן צום אַנשטאַלט. אַלע אָן אויסנאַם האָבן געהאַט פאַר זיך איין ציל: שאַפן באַדינגונגען, אַז דאָס קינד זאָל וואָס מער געניסן פון זיין זיין אין סאַנאַטאָריע. די פרייד און די הנאה פונעם קינד איז געווען די פרייד און הנאה פונעם לערער, פונעם דאָקטאָר און פון יעדן מיטאַרבעטער פון פּערסאָנאַל. אַ יום־טוב פאַרן קינד איז געווען דער גרעסטער יום־טוב פאַר יעדן פון די דערוואַקסענע. יעדער דערפאָלג פון אַ יחיד איז געווען דער דערפאָלג פונעם גאַנצן אַנשטאַלט. מיט ליבע צום קינד און צו זיין אַנשטאַלט איז געווען דורכגעדרונגען אַלץ, וואָס איז נאָר געקומען אין באַרירונג מיט אים. און אָט די ליבע איז געווען דער יסוד און דער סוד פון דער גרויסער שעפערישקייט און פון אַלע דערגרייכונגען אויפן פּעדאַגאָגיש־דערציִערישן געביט.

אין סאַנאַטאָריע דאַרף הערשן קאָנגזייטיקער צוטרוי — פונעם לערער צום קינד און פונעם קינד צום לערער. דאָס קינד דאַרף גלויבן דעם לערער. קוים גלויבט ער אים נישט, קען נישט זיין קיין רייד וועגן ווירקונג פון לערער אויפן קינד. און ווילסטו, אַז דאָס קינד זאָל דיר גלויבן, טרויען, דאַרפסטו גלויבן און טרויען דעם קינד. די ערשטע אויפגאַבע פונעם לערער איז צו געווינען דעם צוטרוי פון די קינדער. און דאָס איז נישט שווער, אויב דו ביסט אויפריכטיק, אוממיטלבאַר, פריינדלעך און דיין באַציִונג צו אים איז ווי פון אַ גלייכן צו אַ גלייכן. דעצידירנדיק איז אויך די אַלגעמיינע אַטמאָספער אין אַנשטאַלט. אויב דאָס איז אַן אַטמאָספער פון צוטרוי פון איינעם צום צווייטן, גיט עס זיך שנעל איבער דעם ניי־אָנגעקומענעם קינד און ער הויבט דיר אָן גלויבן. און קוים גלויבט ער דיר, האָסטו דעם שליסל צו זיין נשמה.

אָבער נישט מיט רייד, נאָר מיט מעשים, מיט פאַקטן דאַרף מען קומען צו די קינדער. אין לעבן ווירקן ניט סתם אידעען, סתם טעאָריעס. עס ווירקן נאָר פאַרקערפּערטע אידעען, פאַרקערפּערטע טעאָריעס. און אויב דאָס איז ריכטיק פאַר דערוואַקסענע, איז דאָס הונדערט פראָצענט אמת ביי קינדער. קינדער דאַרף מען ווייזן די זאַכן אַליין און נישט זייערע שאָטנס. נישט רעדן וועגן חברישקייט דאַרף מען, נאָר אַרויסווייזן חברישקייט, נישט רעדן וועגן העלפן דעם שוואַכן, נאָר עס פּראַקטיצירן. און אַזוי אויך מיט די פּראָבלעמען פון אָרדענונג, פון ריינקייט, פון אַרבעט און פון באַציִונג צו דער נאַטור.

איינע פון אונדזערע ערשטע אויפגאַבן איז געווען — צוגעוווינען די קינדער צו אַ היגיעניש לעבן. האָבן מיר גלייך ביים אָנהויב, ביי דער דערעפענונג פון אַנשטאַלט,

אַריינגעפירט די ערשטע 14 קינדער אין אַזאַ ריינקייט, אַז די ציכטיקייט האָט געשלאָגן פון יעדן ווינקעלע. די קינדער זענען געוואָרן איבעראַשט, ווען מען האָט זיי צום ערשטן מאָל אַריינגעפירט אין די שלאָפצימערן מיט די ווייסע בעטן, אין די באָדצימערן, אין די שפּיל־ און עס־צימערן. אָט דער ערשטער שטאַרקער איינדרוק פון ריינקייט איז געווען דעציִדירנדיק פאַר דער גאַנצער ווייטערדיקער אַרבעט אויף דעם געביט. יעדעס קינד האָט באַדאַרפט אויפהאַלטן די עקזיסטירנדיקע ריינקייט. נאָך מער זי אויסברייטערן. און די קינדער האָבן אָנגעהויבן פילן דעם טעם פון אַזאַ ריינקייט און געמאַכט אַלע באַמי:ונגען זי איינצוהאַלטן. מיט וואָס פאַראַ שטאָלץ קינדער האָבן געפירט זייערע עלטערן און געסט און געוויזן זיי ווי אַזוי די ריינקייט „שמעקט״ אין סאַנאַטאָריע!

אַזוי איז געווען מיט אָרדענונג אין אַנשטאַלט און אויף אַ ריי אַנדערע געביטן. די אָרדענונג אין אַנשטאַלט האָט אַרויסגערעדט פון יעדער בלומען־בייט, פון יעדן גראָז־פלעק, פון יעדער בייט אין גאָרטן, פונעם צימער מיט מכשירים, ווי פון יעדן בעט אין שלאָף־צימער.

די זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די קינדער האָט אויסגעפירט אַלע פונקציעס פונעם קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן, און די קינדער זוי בינען, יעדער אויף זיין פּלאַץ, האָבן הייליק אָפּגעהיט — יעדער זיין ווינקעלע, זיין אַרבעט, וואָס איז אים אָנפאַרטרויט געוואָרן. און אַזוי האָט מען זיך געלערנט האַלטן אַלץ אין אָרדענונג און במילא אויך זיך אַליין. און אַז מען איז צוריקגעקומען אַהיים האָט מען איינגעאָרדנט ביי זיך אַ „סאַנאַטאָריע״. מען האַלט אָפן די פענצטער, מען וואַשט זיך דעם גאַנצן קערפּער, מען לערנט די מאַמע האַלטן ריין און וואַשן די קינדער און מען באַמיט זיך האַלטן אַלץ אין אָרדענונג. הונגער, נויט און ענגשאַפט לאָזן אָבער נישט די קינדער פאַרווירקלעכן זייערע פּלענער. עס בלייבט ביי זיי אַ בענקשאַפט, אַ שטרעבונג צו אַ העכערער אָרדענונג און צו אַ שענערן און אַ בעסערן לעבן.

די דערצי:ערישע אַרבעט אין סאַנאַטאָריע האָט שטענדיק געהאַט פאַר זיך די גרעסטע מניעה — דאָס קורצע פאַרבלייבן פון די קינדער אין אַנשטאַלט. האָבן מיר געהאַלטן אין איין זוכן וועגן און מיטלען ווי אַזוי שטאַרקער צו באַווירקן די קינדער אין אָט דער קורצער צייט. און איינס פון די מיטלען איז טאַקע געווען די אַבסאָלוטע אויסגעהאַלטנקייט און שטאַרקער אויסדויער ביים דורכפירן אין לעבן אָט די פּרינציפּן, ביי וועלכע מיר האָבן זיך געהאַלטן. וויפל אויסגעהאַלטנקייט און אויסדויער עס האָט זיך געפאָדערט כדי דורכצופירן אין לעבן געוויסע פאָרמען פון צוזאַמענלעבן און צוזאַמענ־אַרבעט, אָדער פון צוזאַמענזיין! אָט איז די פּראָבלעם פון באַרו:קן די קינדער ביים עסן, ביי פאַרוויילונגען און בכלל ביי יעדערן גרעסערן צוזאַמענקום. ווי נאָר די צאָל קינדער אין סאַנאַטאָריע האָט זיך פאַרגרעסערט, האָבן מיר געהאַט גרויסע שוועריקייטן ביים באַרו:קן די קינדער ווען זיי פּלעגן זיך געפינען צוזאַמען אין אַ גרעסערער צאָל. עס פלעגט אָפּט נעמען אַ סך מינוטן ביז די קינדער האָבן זיך באַרו:קט און געווען אומשטאַנד צוצוהערן זיך צו דעם, וואָס מען האָט גערעדט צו זיי. באַרו:קן מיט דער הילף פון אַ גלעקל? דאָס גלעקל טראָגט דאָך אַריין נאָך מער טומל און ווירקט אַפילו דענערווירנדיק אויף די קינדער. רו:קייט דאַרף מען אַרויסרופן מיט רו:קייט. עס איז נויטיק אַ צייכן, וואָס זאָל רופן די קינדער צו אויפמערקזאַמקייט אָבער דער צייכן אַליין

דאַרף זיין אַ רויִקער. מען האָט נאָך אַ באַראַטונג און אַ יישוב הדעת מיט די קינדער באַשלאָסן צו „באַרויִקן" פשוט דורך אויפהויבן אַ האַנט. די אויסגעהאַלטנקייט — דאָס בלייבן שטיין רויִק און נישט אָנקומען צו אַנדערע מיטלען — און דאָס אויסדויערן אַזוי אין משך פון צוויי־דריי וואָכן האָט דערפירט צו דעם, אַזביים גרעסטן טומל (אַפילו בעת שפּילערייען) איז גענוג געווען אויפצוהויבן אַ האַנט, כדי מאָמענטאַל זאָל אָנהויבן הערשן אַן אַבסאָלוטע שטילקייט. דאָס בלייבן שטיל האָט זיך ווי דורך אַן עלעקטרישן שטראָם איבערגעגעבן פון קינד צו קינד. דאָס דורכפירן אין לעבן אָט דעם פשוטן געדאַנק פון באַרויִקן מיט רויִקייט האָט אַרויסגערופן אַ סך דערהויבנקייט ביי די קינדער און ביי די לערער און האָט אינספּירירט אויך אַנדערע דערגרייכונגען אין לעבן פון אַנשטאַלט.

די קונסט פון דערציִען און לערנען קינדער איז אין אַ גרויסער מאָס די פעיִקייט צו לערנען זיך פון די קינדער. קינדער זענען גוטע לערער, אויב מען פאַרשטייט, ווי צו לערנען זיך פון זיי. זיי לערנען דיך קודם אויס ווי נישט צו האַנדלען, ווי נישט צו פירן זיך אין דעם אָדער יענעם פאַל.

אין די שמועסן מיט די קינדער (יעדער לערער אין זיין גרופּע) זאָגן זיך די קינדער פריי אַרויס וועגן דער אָדער יענער נישט־ריכטיקער אָדער נישט־פּאַסנדיקער האַנדלונג פון דעם אָדער יענעם לערער און אַפילו פונעם אָנפירער פון אַנשטאַלט. די קינדער קלערן אויף, פאַר וואָס דאָס אָדער יענץ קינד האָט זיך געפילט געטראָפן, אָדער אַפילו באַליידיקט פון דעם אָדער יענעם לערער, אָדער חבר פון פּערסאָנאַל. אַזעלכע פראַגן האָט מען אָפט באַהאַנדלט אויף די זיצונגען פון קינדער־ראַט. און גאַנץ אָפט האָט אַ לערער געקראָגן אַ געהעריקן קיבעץ אין דער קינדער־צייטונג „אונדזער ראַדיאָ". פון די באַמערקונגען פון די קינדער האָט מען געקאָנט גאָר אַ סך לערנען. קינדער זענען אָפט געקומען מיט פאָרשלאָגן צו די לערער און שפּעטער האָט מען אַריינגענומען די פאָרשלאָגן אין אַלגעמיינעם פּראָגראַם פון אַנשטאַלט.

די דערציִונג פונעם קינד איז אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון די אַרומיקע באַדינגונגען. וואָס רייכער די אַרומיקע נאַטור, אַלץ מער שיינקייט און האַרמאָניע זאַפּט אין זיך איין דאָס קינד. וואָס גייסטיק־רייכער איז דאָס לעבן אַרום קינד, אַלץ מער גייסטיק שפּייז נעמט ער אין זיך אַריין. די סאַנאַטאָריע האָט דעריבער פון ערשטן טאָג אָן געזוכט צו שאַפן באַדינגונגען און מעגלעכקייטן פאַרן קינד אויסצולעבן זיך לויט זיינע נייגונגען און פעיִקייטן. אָנגעהויבן האָט מען פון אַ טויבן־שלאַק, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָל אין לעבן פון די קינדער, און דערגאַנגען איז מען צו אַזעלכע איינריכטונגען ווי: הינער־ און בינען־צוכט; גאָרטן־ סאַד־ און בלומען־צוכט; וואַסער־באַסיין, ביאָלאָגישער מוזיי און מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע; בלומען־קוסטעס, גראָז־פּלעצער און פּאַרק־אַלייען; שפּיל־פּלעצער און אייגענע שאָטן־פּילמען; פּאַרוויי־לונגס־שטעהען, וועכנטלעכע קינדער־קאָנצערטן און גרויסע קינדער־פאָרשטעלונגען; שעהען פון פאָרלייענען פאַר די קינדער, לערנען די שפּראַך, לייענען און שטודירן ווערק פון יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור; שעהען פון צייכענען, אַ קונסט־ווינקל און אויסשטעלונגען פון אייגענע אַרבעטן און פון ווערק פון קינסטלער; נייען און אויסנייען פאַרן אייגענעם געברויך און צוגרייטן קאָסטיומען צו די גרויסע קינדער־פאָרשטע־

לונגען; כאָר, טענץ און מוזיק; שריפטלעכע מעלדונגען, וואַנט־צייטונג און טעגלעכע צייטונג „אונדזער ראַדיאָ", וועלכע דערשיינט אין די פּרימאַרגנס און שפּיגלט אָפּ דאָס גאַנצע לעבן אין אַנשטאַלט.

אין די פרייע אָדער אין אַרבעטס־שעהען האָבן די קינדער ווי בינען צעשפּרייט זיך איבער אַלע ווינקעלעך פון אַנשטאַלט און אין יעדן ווינקל, אַרום דער אָדער יענער איינריכטונג. האָסטו געקאָנט זען שטראַלנדיקע פּנימער פון גליקלעכע קינדער, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום „לעבעדיקע" זאַכן אָדער לעבעדיקע באַשעפענישן, וועלכע זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט. אַ קינד פון אַ תלמוד־תורה, וואָס פלעגט די ערשטע צייט מורא האָבן צוצורירן זיך צו די „פּגרים" (די אויסגעשטאָפּטע פויגלען און קליינע חיות), איז שפּעטער געוואָרן אַ גאַנצער נאַטור־פאָרשער.

דאָס קינד דאַרף שטענדיק זיין אַקטיוו, פיזיש און גייסטיק. כדי אויפצוהאַלטן דעם געמיט ביים קראַנקן אָדער שוואַכן קינד דאַרף עס כסדר אַקטיוויזירט ווערן. נאַטירלעך, דאַרפן די אַקטיוויטעטן זיין צוגעפּאַסט צו זיינע פיזישע מעגלעכקייטן און צו זיין פיזישן צושטאַנד. אַ דאַנק די אַקטיוויטעטן און אַ דאַנק די פאַרשידנאַרטיקע באַשעפטיקונגען אין סאַנאַטאָריע האָט דאָס קינד זיך דאָ געפילט ווי אַ מיטגליד פון אַן אַרבעטנדיקן און שאַפנדיקן קאָלעקטיוו, און נישט ווי אַ חולה אין אַ סאַנאַטאָריע. דאָס האָט געהויבן דעם געמיט פון קינד און גלענצנדיק געווירקט אויך אויף זיין שנעל פאַרבעסערן זיך. די רעזולטאַטן פון פיזישער פאַרבעסערונג אין סאַנאַטאָריע זענען טאַקע געווען העכערע ווי אין אַנדערע ענלעכע אַנשטאַלטן. דער ציל פון די אַלע אַקטיוויטעטן איז געווען — שטאַרקן דאָס קינד פיזיש, פאַרבינדן עס מיטן קאָלעקטיוו און רייכער מאַכן זיין גייסטיק לעבן. נישט געווען דעריבער אין אַנשטאַלט קיין שפּיטאַל־גייסט, קיין חולאים־אַטמאָספער. אַפילו די קינדער, וואָס זענען געלעגן אין איזאָלאַציע, האָבן שטאַרק אָפּגעהיט דעם שטרענגן פּאַר זיי רעזשים און קאָאָפּערירט מיטן דאָקטאָר און מיט די סאַניטאַרינס, כדי וואָס שנעלער געזונט צו ווערן און קאָנען זיין צוריק ביי זייערע בלומען, ביי זייערע טויבן, אָדער קאָנען פאָרזעצן דאָס אויסשטודירן זייערע ראָלן אין דער קומענדיקער פאָרשטעלונג. די צילבאַוווסטע אַקטיווקייט אַנטוויקלט שטאַרק די פאַנטאַזיע און הויבט די מאָראַל פון קינד.

די זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די קינדער איז דער בעסטער אופן צו דערציען זיי צו זעלבשטענדיקייט, צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געזעלשאַפטלעכקייט. אין קאָמפּעטענץ פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג גייען אַריין אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות צום לעבן פון די קינדער אין סאַנאַטאָריע און אַ צאָל פונקציעס, וואָס ווערן אויסגעפירט דורך די קינדער. די העכסטע אינסטאַנץ פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג איז די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, אין וועלכער עס באַטייליקן זיך אַלע קינדער חוץ די גאָר קליינע (ביז 8 יאָר). די פאַרזאַמלונג וויילט דעם קינדער־ראַט און טיילט אויס פון זיך אויפזעער, קאָמיסיעס און פאַרשידענע אַמטן. טייל אויפזעער ווערן געוויילט אויף איין וואָך, אַנדערע אויף צוויי וואָכן. עס זענען אויך דאָ חודשדיקע אַמטן (ביבליאָטעק־קאָמיסיע, קאָאָפּעראַטיוו, רעדאַקציע, פאַרוויילונגס־קאָמיסיע א"אַ)

דער קינדער־ראַט ווערט געוויילט אויף 10 וואָכן און טיילט פון זיך אויס אַ קאָנטראָל־קאָמיסיע, וואָס האָט די אויפגאַבע צו קאָנטראָלירן ווי אַזוי די אַרבעט ווערט

אויסגעפּירט אין אַלע ווינקעלעך פון אַנשטאַלט. אַרום און אַרום האָבן פונקציאָנירט ביז 35 קאָמיסיעס און אַמטן: 1־וואָכיקע — 10; 2־וואָכיקע — 11; חודשדיקע — 14. עס זענען געווען קאָמיסיעס פאַר היגיענע (באָד־צימער, הענט־וואַשן, צאָן־בערשטלעך, שיך־פּוצן א״אַ), פאַר קולטור־טעטיקייט (רעדאַקציע, פאַרוויילונגען, ביבליאָטעק, צייטונג, קונסט־ווינקל א״אַ), ווירטשאַפטלעכע און פון נאַטור־געביט. דער קינדער־ראַט באַשטייט פון זיבן מיטגלידער און צוויי לערער מיט שטים־רעכט. נישט געקוקט אויף דער „פּליסיקייט״ פון די קינדער, פונקציאָנירט די זעלבסט־פאַרוואַלטונג שטענדיק אָן איבערייס. פאַלט אַרויס אַ קינד פון אַ קאָמיסיע, פאַרטרעט אים גלייך אַן אַנדער קינד.

אַממערסטן רייסן זיך די קינדער צו די אַרבעטן אין גאָרטן, אין ביאָלאָגישן צימער. אַרום די בעלי־חיים (הינער, טויבן, פייגעלעך, הינט, ווערוועקעס, קיניגלעך א״אַ) — באַזונדערס צו די טויבן. מיט יעדן יאָר פונקציאָנירט די זעלבסט־פאַרוואַלטונג אַלץ בעסער. דאָס איז הויפּטזעכלעך צו פאַרדאַנקען יענע קינדער, וואָס האָבן שוין פאַר־בראַכט אין סאַנאַטאָריע צו עטלעכע מאָל און זענען גוט באַקאַנט מיט די פאַרשידענע אַמטן. וויפל איניציאַטיוו און וויפל שעפערישקייט די קינדער האָבן אַריינגעטראָגן ביים אויספירן זייערע אַמטן און ביים דורכפירן געוויסע אַרבעטן! אויף יעדער זיצונג פון אַ קאָמיסיע און אין יעדן שמועס מיטן לערער קומען קינדער מיט נייע געדאַנקען און מיט נייע פאָרשלאָגן ווי בעסער איינצואָרדענען אָדער דורכצופירן די אָדער יענע אַרבעט אָדער ווי איינצואָרדענען די אָדער יענע נייע איינריכטונג. די קינדער האָבן געהאַט גאָר אַ גרויסן חלק אין דעם הויכן ניוואָ פון אַנשטאַלט. די זעלבסט־פאַרוואַלטונג האָט שטאַרק אַנטוויקלט ביי די קינדער די געפילן פון זעלבשטענדיקייט, פאַראַנטוואָרט־לעכקייט און געזעלשאַפטלעכקייט.

די קינדער פון סאַנאַטאָריע האָבן נישט נאָר געלעבט אויף דער נאַטור, נאָר האָבן אויך געלעבט מיט דער נאַטור. עס ווערט ביי זיי געוועקט דער באָאַבאַכטונג־ און פאָרשונג־דראַנג. עס ווערט געלייגט אַכט אויף יעדער נאַטור־דערשיינונג און אויף יעדער ענדערונג פון וועטער, פון צייט פון יאָר: ווי אַזוי די ענדערונגען ווירקן אויפן אַרום און אויפן לעבן אין אַנשטאַלט. יעדע וויכטיקע געשעעניש אין דער נאַטור. דאָס אָנקומען פון פרילינג אָדער פון ווינטער, דאָס פלאַנצן בלומען, אָדער אַראָפּנעמען די ערשטע פּרוכטן אָדער גרינסן פון גאָרטן ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ יום־טוב, אין אַ יום־טוב פון גאַנצן אַנשטאַלט.

שוין אין די ערשטע טעג פון אַנשטאַלט (אין קאַלטן ווינטער) האָט מען אָנגעהויבן קאָרמענען די הונגעריקע פייגעלעך. פון די פייגעלעך איז מען אַריבער צו טויבן, שפּעטער צו הינער און צו אַנדערע בעלי־חיים. מען האָט אָנגעהויבן באָאַבאַכטן און באַקענען זיך מיטן לעבן פון די אַלע בעלי־חיים און עס האָבן זיך געעפנט פאַר די קינדער נייע וועלטן, מיט גאָר נייע, טיפע אינטערעסן. אַזוי איז געווען אויך מיט גרינסן און מיט בלומען. דער גאָרטן, סאַד, די וואָרעם־הייזער זענען געווען די באַ־ליבטסטע אַרבעט־פּלעצער און די באַליבטסטע ווינקעלעך פון פאַרברענגען די פרייע צייט. און האָט מען אָנגעהויבן פאָרשן יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש און יעדן געוויקס, איז אַנטשטאַנען דער ביאָלאָגישער מוזיי מיט די רייכע קאָלעקציעס פון בעלי־חיים און פון פאַרשידנאַרטיקע געוויקסן. דאָ האָט מען שוין געאַרבעט מיט מיקראָסקאָפּן,

ווי אמתע פאַרשער און אמתע שטודירער פון דער נאַטור. דער גאָט־געבענטשטער נאַטור־פאָרשער און נאַטור־קענער ד״ר ישראל ביבער האָט אַזוי געווירקט, אַז די קינדער זאָלן איינזאַפּן אין זיך די נאַטור און די נאַטור זאָל איינזאַפּן די קינדער.

היינט די „סאַנאַטאָריע״ פאַר קראַנקע בעלי־חיים! דער קאַמף מיט פרעמדע טויבן־כאַפּער! און די פאַרנאַכטיקע שפּאַצירן אין אַרומיקן וואַלד! וויפל זאָרג און וויפל פרייד דאָס אַלץ האָט פאַרשאַפט די קינדער און ווי שטאַרק דאָס אַלץ האָט זיי פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער נאַטור. און די שיינקייט פון דער נאַטור איז דאָך דער בעסטער מיטל פאַר עסטעטישער און האַרמאָנישער דערציִונג פון די קינדער.

שפּיל איז אַ טייל פון לעבן פון קינד. אין שפּיל איז דאָס קינד אַקטיוו, שעפעריש און אַפילו דערפינדעריש. שפּיל פאַרשאַפט דעם קינד גרויס פאַרגעניגן, אין שפּיל ווייזט דאָס קינד אַרויס זיינע נייגונגען, זיינע פעיִקייטן און באַגאַבונגען. די סאַנאַטאָריע האָט דעריבער געלייגט גרויס אַכט אויף צו שאַפן מעגלעכקייטן פאַר די קינדער וואָס מער צו שפּילן זיך אַליין און צו שפּילן פאַר אַנדערע. אין די פרייע שעהען פלעגן די קינדער צעשיטן זיך איבער דער ווילע און אין וואַלד פון סאַנאַטאָריע, און יעדער ווינקל האָט געדינט ווי אַ שפּילפּלאַץ. מען האָט אויך אָנגעפירט קאָלעקטיווע שפּילן — דורך אַ לערער אָדער אַן עלטערן קינד.

צווישן די קינדער זענען שטענדיק געווען זינגער, טענצער, דעקלאַמאַטאָרן, אַקטיאָרן און מוזיקער. עס האָבן זיך אויך געפונען „קינסטלער״ — מאָלער אויף אָנצוצייכענען אַ בילד אָדער אַ קאַריקאַטור. די באַגאַבטע קינדער, אונטער דער אָנפירונג פון די קינסטלער־לערער מאָטל גילינסקי — „באָטקע״ און יאַנקל טראָו־פּיאַנסקי (ביידע אומגעקומען) האָבן געגעבן קאָנצערטן, געזונגען אָדער געשפּילט צוערשט יעדער אין זיין גרופּע און שפּעטער — פאַר אַלע קינדער. די קאָנצערטן האָבן זיך אָנגעהויבן פון איינצלנע אַרויסטרעטונגען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און שפּעטער האָט מען געהאַט וועכנטלעכע „ראַדיאָ־קאָנצערטן״, אין וועלכע עס האָבן אָנטייל גענומען עטלעכע אָדער מער קינדער. די וועכנטלעכע קאָנצערטן זענען געוואָרן אַ שטענדיקע אינסטיטוציע און צו זיי האָט מען זיך געגרייט אַ גאַנצע וואָך. פון די וועכנטלעכע קאָנצערטן איז מען אַריבער צו גרעסערע קינדער־פאָרשטעלונגען. די קינדער־פאָרשטעלונגען פון דער סאַנאַטאָריע זענען געוואָרן אַ שם דבר אין וואַרשע. דער באַגאַבטער מאָטל גילינסקי — „באָטקע״ — האָט מיט דער הילף פון סאַנאַטאָריסט יאָסל מלאָטעק אָנגעשריבן די באַקאַנטע קינדער־פּיעסע „די ליאַלקעס״ און שפּעטער האָבן ביידע צוזאַמען אָנגעשריבן אַ צווייטע פּיעסע „דער שפּיכלער״. דער צווייטער באַגאַבטער לערער און מוזיקער, יאַנקל טראָופּיאַנסקי, האָט פאַרפאַסט צו די פּיעסן די מוזיק. די קינדער־פאָרשטעלונגען זענען אויך געגעבן געוואָרן אין וואַרשע און האָבן אַרויסגערופן די העכסטע אָנערקענונג הן ביים עולם און הן ביי די באַרימטע יידישע און פּוילישע אַקטיאָרן און פּעדאַגאָגן. (ביידע פּיעסעס זענען דורך געוועזענע סאַנאַ־טאָריסטן מיט גרויס דערפאָלג געשפּילט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ). דאָס גרייטן זיך צו אָט די קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען האָט אָנגעפילט מיט שאַפונגס־פרייד דאָס לעבן פון די קינדער און דערוואַקסענע אין אַנשטאַלט.

מען האָט אויך געשאַפן אייגענע פילמען. מ. גילינסקי — „באָטקע״ און יאַנקל

טראָופיאַנסקי האָבן מיט דער הילף פון קינדער אָנגעהויבן שאַפן שאָטן־פּילמען (שאָטנס פון די אַקטיאָרן אויפן לייוונט) און מען איז שפּעטער אַריבער צו מאַכן אַן אמתן פילם „מיר קומען אָן". די טאַלאַנטירטע קינדער — און געווען אַזעלכע גאָר אַ סך — האָבן געהאַט אַ ברייט פעלד פאַר זייערע קינסטלערישע נייגונגען און באַגאַ־בונגען. אַזוי האָבן די קינדער אין מעדעם־סאַנאַטאָריע זיך אַליין געשפּילט און געשפּילט פאַר אַנדערע.

★

וואָס גרעסער און טיפער דער אינטערעס ביי די קינדער צום לעבן אין אַנשטאַלט, אַלץ מער אינערלעכע דיסציפּלין אַנטוויקלען זיי ביי זיך אַליין. די פראַגע פון דיסציפּלין, די שווערסטע פראַגע אין צוזאַמענלעבן פון קינדער, איז כמעט ווי געלייזט געוואָרן פון זיך אַליין. דער פּלאַן פון טאָג, די פאַרשידענע אַרבעטן פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, די אינדיווידועלע פאַראינטערעסירונגען, וועלכע האָבן געצויגן די קינדער אין איינעם אָדער אַ צווייטן ווינקל פון אַנשטאַלט, דער דראַנג ביי אַלע קינדער איינצוהאַלטן די איינגעשטעלטע אָרדענונג, און דאַן די באַציִונג פון די קינדער פון איינעם צום צווייטן און פון אַלע אין איינעם צו זייערע לערער און פירער, — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט רעגולירט דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן פון די קינדער אין אַנשטאַלט. פאַלן פון אויסברעכן־זיך פון דיסציפּלין זענען געווען אַ זעלטענע דערשיינונג.

דאָס כאַראַקטעריסטישע אין צוזאַמענלעבן פון די קינדער איז געווען זייער באַציִונג צו קינדער — קאַליקעס, צו קינדער באַעוולטע פון דער נאַטור. די באַציִונג צו אַט די קינדער איז געווען אַזאַ הארציקע, אַזאַ חברישע און דערביי מיט אַזוי פיל טאַקט און מאָס, אַז די לערער פלעגן זיך וווּנדערן פון וואַנען נעמט זיך ביי די קינדער אַזוי פיל פאַרשטענדעניש פאַר די באַעוולטסטע צווישן די באַעוולטע. די באַציִונג צו אַט די קינדער איז געווען ממש רירנדיק. פּראָפעסאָר פעריער, דער גרויסער שווייצאַרישער פּעדאַגאָג און קינדער־פריינד, האָט נאָך זיין באַזוך אין אַנשטאַלט צווישן אַנדערעס באַמערקט, אַז ער האָט דערקענט דעם גייסט פון אַנשטאַלט גלייך ביי זיין אַריינקומען, ווען ער האָט געזען ווי אַ קינד אַ קריפּל פילט זיך צווישן אַנדערע קינדער.

★

דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אינהאַלט פונעם לעבן אין סאַנאַטאָריע איז געווען איינער פון די הויפּט־פאַקטאָרן אין דער דערציִערישער אַרבעט. די עלטערע קינדער זענען געווען דורכגעדרונגען מיט די שטרעבונגען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט, און טייל פון זיי זענען שוין געווען אָנגעשלאָסן אָן די סאָציאַליסטישע קינדער־אָרגאַניזאַציעס „סקיף" און „יונגבאַר" (סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד און יונגע באַראָכאָוויסטן). אַט די סקיפּיסטן און יונגבאַריסטן האָבן זיך שטאַרק אויסגעטיילט צווישן דעם עולם קינדער. נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שטרעבונגען זענען ביי זיי געווען באַהויכט מיט יוגנטלעכן ברען, מיט אידעאַליזם און הויכער מאָראַל. אויף אַלע געביטן פון סאַנאַטאָריע־לעבן האָבן זיי זיך אויסגעצייכנט מיט זייער דראַנג אויסצולעבן זיך יידיש און צו דינען דעם כלל. זיי זענען געווען די בעסטע אַרויסהעלפערס אין אַנטוויקלען ביי די קינדער נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַמביציעס : זאָרג וועגן ריינקייט

און באַרייכערונג פון דער ייִדישער שפּראַך; אַנטוויקלען דרך־ארץ און ליבע צום ייִדישן וואָרט, צו ייִדישע שאַפונגען און צום ייִדישן שעפערישן מענטשן; אַרויסצורופן טיפע איבערלעבונגען ביים פייערן נאַציאָנאַלע און אַרבעטער־יום־טובים; וועקן מענטשלעכע און ייִדישע זעלבסטווירדע און אַ ווילן קעגנצושטעלן זיך קעגן נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע עוולות; זוכן אופנים פון הילף איינער צום אַנדערן און ווי צו דינען דעם כלל; אויסברייטערן די זעלבסטפּאַרוואַלטונג און דאָס קאָלעקטיווע צוזאַמענלעבן; אַרויסווייזן טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש פאַר אַלע פאָרמען פון ייִדישן לעבן.

אויפן געביט פון שפּראַך האָט מען צוזאַמען מיטן לערער, מיטן דאָקטאָר און מיטן גערטנער געזוכט אויסצוגעפינען שוין־פאַראַנענע און צו שאַפן נייע ווערטער — נעמען פאַר זאַכן, מיט וועלכע מען האָט ביז דער סאַנאַטאָריע נישט געהאַט צו טאָן אָדער פאַר וועלכע מען האָט פריער באַנוצט פּוילישע נעמען. אויף די ווענט אין ביאָלאָגישן מוזיי האָט מען ביי דער זייט פון פּוילישע אויפשריפטן געקאָנט לייענען אַזעלכע ייִדישע נעמען: וואַנדערנדיקע צווייגעלעך (אינסעקטן, וואָס זענען ענלעך צו צווייגעלעך), וואַסער־ליבעלעך, ים־שטערנס, אָקטאָפּוס, איידלוויים, פעדערגראָז א״אַ. די קינדער האָבן צוגעטראָגן זייער געלונגענע צונעמען פאַר די אויספירער פון פאַרשידענע סאַנאַטאָריע־אַמטן; די קאָרעספּאָנדענטן פון דער טעגלעכער צייטונג „אונדזער ראַדיאָ״, למשל, האָבן געהייסן: שאַרף־אויער, שפּיץ־בלייער, לופט־כאַפּער און ענלעכע. די גאַסן און אַלייעס אין סאַנאַטאָריע האָבן געהאַט אַזעלכע נעמען: פּלאַץ פון גוטן אַפּעטיט (עס־אַרט אין דרויסן), פלוידער־ווינקל, חברשאַפט־געסל, פאַרגעסענער ווינקל, בענק־שאַפט־אַלייע (ווו די קינדער פלעגן אָפּוואַרטן זייערע עלטערן־געסט). אָפט האָט מען איינגעאָרדנט קאָנקורסן אויף געלונגענע נעמען פאַר פאַרשיידענע געביטן פון אַרבעט.

די סאַנאַטאָריע האָט פאַרמאָגט פּיעסעס געשריבענע דורך די קינדער. דעם גרעסטן דערפאָלג האָט געהאַט די פּיעסע אין צוויי אַקטן, וועלכע האָט געשילדערט די פאַרלעגנהייט פון אַ ניי־אָנגעקומען קינד, וואָס שטויסט זיך אָן אין סאַנאַטאָריע אויף גאַנץ נייע פאָרמען פון לעבן, אויף נייע מאכלים, אויף נייע באַגריפן וועגן ריינקייט. ער טרעפט דאָ פאַרשידענע חיות און געוויקסן. דער צווייטער אַקט שילדערט ווי דאָס קינד פילט זיך נאָכן אומקערן זיך אַהיים. די פּיעסע האָט פאַרמאָגט הומאָר און סצענישקייט. — גאָר אינטערעסאַנט איז געווען די קאָלעקציע פון אייגענע געשאַפענע לידער (אַ פאָר צענדליק), פאַראַדיעס, ווערטלעך און סצענקעס. די ווערטלעך זענען געגאַנגען פון מויל צו מויל. דאָס פאַרשפּרייטסטע ווערטל איז געווען: „די סאַנאַטאָריע איז אַ תפיסה, אָבער אַ זיסע״. מיט גרויס ברען האָט מען געזונגען דאָס אייגענע ליד: „אין מיעדזעשין איז פאַראַן אַ סאַנאַטאָריע מיט אַ רויטן דאַך״...

די ראַציאָנעל־געפירטע גערטנערײַ און הינער־צוכט האָבן די קינדער באַטראַכט ווי אַ ייִדיש־פּיאָנערישע אַרבעט. און עס איז טאַקע אין אַ געוויסן זין געווען פּיאָנעריש. די בעסטע ייִדישע פאַכלייט האָבן אין די געביטן אַריינגעטראָגן זייערע קענטעניש און האָבן געזוכט צו שאַפן דאָ מוסטערן פאַר דער ייִדישער גאַס. דער ייִדישער שטאָלץ איז געווען גאָר גרויס, ווען אַנגעזעענע פערזענלעכקייטן — ייִדישע און נישט־ייִדישע, פון לאַנד און פון אויסלאַנד — האָבן אויסגעדריקט זייער באַוווּנדערונג פאַר די אויפטוען אין סאַנאַטאָריע און געדאַנקט די קינדער פאַר זייער מוסטערהאַפטער פירונג און

אויפפירונג. גאָר אַ גרויסע ווירקונג אויף די קינדער האָבן געהאַט די באַגעגענישן און דער קאָנטאַקט מיט יידישע שרייבער, מיט יידישע קינסטלער און געזעלשאַפטלעכע טוערס. די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע שאַפונגס־פרייד איז באמת געווען איינע פון די שטאַרקסטע איבערלעבונגען ביי די קינדער.

אין סאַנאַטאָריע האָט געהערשט פולע טאָלעראַנץ צו אַנדערש־דענקענדיקע קינדער און באַזונדערס צו די איינצלנע רעליגיעז־געשטימטע חברים. די לעצטע פלעגן נאָך עטלעכע טעג זיין אין סאַנאַטאָריע פילן זיך פולשטענדיק פריי. ביים פאַרטיילן אַמטן האָט מען שטענדיק געזאָרגט, אַז די פרומע זאָלן נישט דאַרפן טאָן געוויסע אַרבעטן אום שבת און נישט אין די פרימאָרגנס ווען די פרומע יינגלעך האָבן געדאַרפט דאַוונען. אַ דאַנק אָט דער טאָלעראַנץ און פרייהייט האָבן די פרומע זיך שנעל אַסימילירט מיט די איבעריקע קינדער.

★

צום סוף אַ פראַגע, וואָס האָט שטאַרק פאַרנומען די אָנפירונג פון אַנשטאַלט און די לערער: צי דאַרף מען זיך שטעלן אַזעלכע ברייטע דערציִערישע אויפגאַבן, בעת מען האָט צו טאָן מיט קינדער וואָס בלייבן אין אַנשטאַלט פאַרהעלטנישמעסיק אַ גאַנץ קורצע צייט. אונדזער ענטפער איז געווען: יאָ, מען דאַרף זיך שטעלן וואָס גרעסערע און וואָס ברייטערע צילן. און די דערפאַרונג אין מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט באַוויזן, אַז מיר זענען געווען גערעכט.

דער קאָנטראַסט צווישן דער היים און דער סאַנאַטאָריע איז געווען אַזוי גרויס, אַז די איינדרוקן פונעם בעסערן און שענערן לעבן האָבן זיך טיף איינגעקריצט ביי די קינדער. דאָס קינד האָט זיך דאָ געפילט ווי אַ גלייכער נישט נאָר מיט די קינדער. נאָר אויך מיט די דערוואַקסענע, דערצו נאָך מיט אַזעלכע דערוואַקסענע צו וועלכע טאַטע־מאַמע האָבן אַרויפגעקוקט. צווייטנס, די לערער האָבן נישט נאָר נישט באַשטראָפט און נישט געמאַכט קיין פאַרוווּרפן די קינדער ביים מאַכן פעלערן אָדער ביים זינדיקן קעגן אָנגענומענער דיסציפלין, נאָר פאַרקערט: מען האָט אָנגעוויזן ווי צו מאַכן בעסער, ווי געהעריק אויפצופירן זיך און מען האָט כסדר צוגעגעבן מוט און דרייסטקייט.

די קינדער פלעגן פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע מיט אַ בענקשאַפט, וואָס איז פאַרבליבן אויף לאַנגע יאָרן. און נאָך היינט ווען איר באַגעגנט זיך מיט אַ לעבנגעבליבענעם געוועזענעם סאַנאַטאָריסט, אַליין שוין אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע פון קינדער, דערפילט איר ווי טיף עס זענען פאַרבליבן די איינדרוקן פונעם זוניקן לעבן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

ו. מעדעם

קינדער וואָס זענען פאַרמשפּט צום טויט

דאָס איז געווען אין וואַרשע, אין 1917. ס׳איז געווען מלחמה־צייט, די צייט ווען די דייטשע אַרמיי האָט געהאַלטן פאַרנומען איין העלפט פון פּוילן און די עסטרייכישע — אַ צווייטע העלפט. אַ צייט ווען די גרויסע פּוילישע הויפּטשטאָט האָט געהונגערט.

מענטשן פלעגן פאַלן פון הונגער אין די גאַסן. ס׳איז נישט קיין גוזמא. טאָג־טעגלעך פלעג איך אַליין זען, גייענדיק איבער אונדזערע אָרעמע שמוציקע גאַסן: אויפן מיטן טראָטואַר ליגט אַ מענטש. צי לעבט ער נאָך? צי איז ער שוין געשטאָרבן? ווער ווייס. דער פאַרבייגייענדיקער עולם פלעגט זיך אַפילו נישט אָפּשטעלן. מען פלעגט זיך פאַרקירעווען אָן אַ זייט און גיין ווייטער. מען האָט דאָס קוים באַמערקט. מען איז צוגעוווינט געוואָרן. מען איז געוואָרן טעמפּ און גלייכגילטיק. דאָס מענטש־לעכע לעבן איז געוואָרן ביליק. דאָס מענטשלעכע לעבן האָט אָנגעוואָרן זיין ווערדע.

ס׳איז אָבער געווען איין טייל פון שטאָט, איין גאַס, וואָס אַפילו אַ מענטש מיט דער קאַלטסטער, מיט דער סאַמע טעמפּער, דער סאַמע פאַרגליווערטער נשמה, האָט נישט געקענט פאַרבייגיין גלייכגילטיק.

ביי אַ לאַנגן מויער פון אַן אַמאָליקער רוסישער קאַזאַרמע זענען געזעסן קינדער, קליינע קינדער פון 5, 6, 7 יאָר, איינזאַם, פאַרלאָזן און קראַנק. געל־בלאַסע פּנימלעך, אויסגעמאַטערטע גופים, הענטעלעך און פיסעלעך — ווי אויסגעדאַרטע שטעקעלעך. גרויסע שוואַרצע טרויעריקע אויגן. הונגעריקע קינדער, שטאַרבנדיקע קינדער. צו אַזאַ עלנט האָט מען נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק. מען מעג זיין קאַלט און גרויזאַם צו דערוואַקסענע. אָבער אַ קינד, וואָס שטאַרבט פון הונגער און נויט — דאָס ברעכט דורך דעם אייז פון דער קאַלטסטער נשמה.

עס זענען אַריבער פינף יאָר. די מלחמה האָט זיך געענדיקט. די דייטשע אָקופּאַציע איז נישטאָ. פּוילן איז געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע מדינה. די טויטע זענען באַגראָבן געוואָרן. די הונגעריקע ליגן שוין נישט אין מיטן גאַס. און ביי יענעם מויער, ווו עס זענען געזעסן די קראַנקע קינדער, שטייט איצט אויף דער וואַך אַ פּוילישער סאָלדאַט.

אָבער אין די קאַלטע פינצטערע, שמוציקע הייזער פון די גרויסע עלנטע יידישע גאַסן, צונויפגעדריקט אין ענגשאַפט, אין שטיקעניש און אָרעמקייט, זיצן אויך היינט ביי טאָג, ווי מיט פינף יאָר צוריק, די קליינע בלאַסע קינדערלעך מיט די גרויסע

טרויעריקע אויגן — און שטאַרבן פון קראַנקייטן, פון שמוץ, פון שלעכטער נאַרונג, פון דער שטיקנדיקער לופט — ווי אַ מאָל, ווי מיט פיר יאָר צוריק.

עס ווערט געפירט אַ רעטונגס־אַרבעט. יאָר־אויס, יאָר־איין. אַרבעטער־פּאַר־שטייער און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס שטרענגען אָן זייערע שוואַכע כוחות צו ראַטעווען דעם יונגן דור. ראַטעווען פון הונגער־טויט און ראַטעווען פון גייסטיקן אונטערגאַנג. וואָרום נישט נאָר דער הונגער אַליין דראָט זיי און פאַרניכטעט זיי. עס דראָט זיי אויך אַ גייסטיקע פאַרווילדערונג. ס'איז נישטאָ פאַר זיי קיין שולן.

אַרבעטער־טוער און אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן געשאַפן אַ נעץ פון שולן. מען פלעגט דאָרט געבן די אַרבעטער־קינדער סיי די גייסטיקע, סיי די פיזישע שפּייז. אַ וווּנדערבאַרע אַרבעט. די יידישע אַרבעטערשאַפט קען באמת שטאָלצירן מיט איר. אָבער וועגן דעם וועל איז אפשר דערציילן אַ צווייטן מאָל. היינט צו טאָג האָב איך אין זינען אַן אַנדער זאַך.

אין די יידישע אַרבעטער־שולן אין וואַרשע געפינען זיך אַרום דריי טויזנט אַרבעטער־קינדער. זיי ווערן אויפגעפּאַסט פון דאָקטוירים. און די דאָקטוירים זאָגן אַז אָט צווישן דער דאָזיקער פאַרהעלטנישמעסיק קליינער צאָל זענען פאַראַן הונדערטער קינדער, וואָס ליידן פון שווינדזוכט, קליינע שווינדזוכטיקע קינדער. און אויב מען וועט זיי נישט געבן די מעגלעכקייט צו פאַרברענגען כאָטש אַ קורצע צייט אין ספּע־ציעלע היגיעניש באַדינגונגען, אין אַ פרישער געזונטער לופט, — זענען זיי פאַרמשפּט צום טויט.

מיט אַ יאָר אַנדערטהאַלבן צוריק, איידער איך בין נאָך אָוועקגעפאָרן פון וואַרשע, האָט זיך אונדזער שול־אָרגאַניזאַציע — דער אַזוי־גערופענער דינעזאָן־קאָמיטעט, וועלכער האָט דעמאָלט פאַראייניקט די שול־אַרבעט פון דער וואַרשעווער יידישער אַרבעטערשאַפט — גענומען צו דער זאַך. אין דעם שטעטל אָטוואָצק — אַן אָרט, וואָס ליגט אַ פּאָר צענדליק מייל הינטער וואַרשע און וואָס איז באַרימט מיט דער געזונטער טייערער לופט (דאָרט פאָרט מען ספּעציעל זיך היילן פון שווינדזוכט) — האָט מען געשאַפן אַ סאַנאַטאָריע פאַר די קראַנקע אַרבעטער־קינדער.

עס איז געווען אַ באַשיידענע אונטערנעמונג. ס'איז געווען פּלאַץ בלויז פאַר אַ הונדערט קינדער. אָבער מען האָט געדאַרפט אַנשטרענגען אַלע כוחות, כדי עס זאָל קענען צושטאַנד קומען. געזוכט מיטלען, געקליבן געלט, זיך משתדל געווען ביי דעם דזשאָינט און ביי אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, מיט מי און מאַטערניש געשאַפן די סאַנאַ־טאָריע און אויסגעהאַלטן זי ביז דער לעצטער צייט. צענדליקער, צענדליקער קינדער האָט מען געראַטעוועט פון טויט. הונדערטער דאַרפן נאָך געראַטעוועט ווערן. און דאָ איז געקומען די קאַטאַסטראָפע: נישטאָ קיין געלט. די סאַנאַטאָריע ווערט פאַרמאַכט.

עס ליגט פאַר מיר אַ בריוו, וואָס איך האָב אָקאָרשט באַקומען פון וואַרשע: „איצט ווען איך שרייב צו אייך דעם בריוו — זאָגט דער מחבר — פאָרן שוין די פורן מיט די קינדערשע בעטלעך און קישנס פון אָטוואָצק אַרויס".

פשוטע ווערטער, האַרצרייסנדיקע ווערטער...

אַמעריקע שיקט איבער קיין אייראָפּע גרויסע געלטער. וויפל גייט לאיבוד, וויפל ווערט צעטיילט נישט ווי געהעריק? אָט דאָ נישט לאַנג האָט די גרויסע וואַרשעווער

רעליף־אָרגאַניזאַציע אָנגענומען אַ פאָרשלאָג, מיט וועלכן עס איז געקומען צו איר דער וואַרשעווער קאָכלעפל, דער אַדוואָקאַט פרילוצקי, און באַשלאָסן אָפּצוגעבן אַ גרויסע סומע געלט, כדי צו שאַפן — אונטער זיינע פליגלען מסתמא — אַ בית־יתומים. און ווי דער שטייגער איז, שיקט מען אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, זי זאָל זיך דורכפאָרן אין וואַרשע און השגחה געבן אויף דער באַנוצונג פון דעם געלט. וויל מען שאַפן אַ נייע אינסטיטוציע. און אין דער צייט, ווען מען קלייבט זיך דאָס צו טאָן, ווערט אָן אַלטע אינסטיטוציע וואָס עקזיסטירט שוין און וואָס טוט אַ וויכטיקע הערלעכע אַרבעט, פאַרמאַכט, ווייל זי האָט נישט פון וואַנען צו קריגן שטיצע. און מען וואָלט זי געקענט ראַטעווען פאַר דעם געלט אַליין, וואָס עס וועט אָפּקאָסטן די נסיעה פון דער דעלעגאַציע, וועלכע פאָרט פון ניו־יאָרק קיין פוילן. פון די רייזע־הוצאות אַליין וואָלט מען געקענט ראַטעווען אונדזער סאַנאַטאָריע.

די אוממיטלבאַרע סיבה, פאַר וואָס די סאַנאַטאָריע ווערט פאַרמאַכט, איז זייער אַ וואָכעדיקע. עס האָט זיך געענדיקט דער קאָנטראַקט מיטן לענדלאָרד, און ער וואַרפט די סאַנאַטאָריע אַרויס. אַן אַנדער וווינונג קאָן מען נישט געפינען. עס גייט דאָרט אָן אַ ווילדע ספּעקולאַציע. דאַרף מען קויפן אַן אייגן הויז. און דאָס דאַרף קאָסטן פון 8 ביז 10 מיליאָן מאַרק.

גרויסע סומען. געפערלעכע סומען. מיליאָנען! דאָס זענען אָבער בלויז פוילישע מאַרקן, און אַז מען רעכנט דאָס איבער אויף אַמעריקאַנער געלט, מיינט עס פון צוויי ביז דריי טויזנט דאָלאַר. דאָס איז אַלץ. פון צוויי ביז דריי טויזנט דאָלאַר! וויפל אַזעלכע טויזנטער ווערן דאָ פאַרטאָן גלאַט אַזוי, אויף רעכטס און אויף לינקס. נישט שוין זשע קאָן מען דאָס דאָ נישט קריגן!

קליינע קינדער ווערן פאַרמשפּט צום טויט. צוריק פון דער פרייער לופט, פון די גרינע וועלדער — ווערן שווינדזוכטיקע קינדער אַריינגעשפּאַרט אין שטיקנדיקע דומפּיקע, ברודיקע הייזער פון די אָרעמע וואַרשעווער גאַסן. די פורן מיט די קינדע־רישע בעטלעך און קישנס פאָרן שוין אַרויס. פאַראַן נאָך אָבער צייט. מיט אַ פּאָר טויזנט דאָלאַר קענען זיי נאָך פאַרקערעווען צוריק, ס'איז נאָך צייט...

געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס און איינצלנע מענטשן, וועלכע ווילן זיך אָפּרופן און שיקן שטיצע, ווערן געבעטן צו פאַרבינדן זיך מיט מיר. איך בין באַפולמעכטיקט פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע אין פוילן צו זיין איר פאָרטרעטער אין אַמעריקע. טשעקן קענען געשיקט ווערן צום „פאָרווערטס".

(„פאָרווערטס", 19טער אַפּריל 1922)

ח. ש. קאַזדאַן

די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין

קאַפּיטל איינס

די געשיכטע פונעם אַנשטאַלט

נאָך אין די יאָרן ערב דער אַנטשטייונג פון דער „צישאָ“, האָבן די וואַרשעווער שולן געשאַפן זומער־קאָלאָניעס פאַר די קינדער. מען האָט אַרויסגענומען קינדער אויף אַ 3־4 וואָכן, און במשך פון זומער זענען אַדורכגעגאַנגען דורך יעדער קאָלאָניע אַ 100—200 קינדער. מיט די דאָזיקע קינדער־קאָלאָניעס האָבן פאַרוואַלטעט די זעלביקע לערער, וואָס האָבן געאַרבעט אין די שולן.

די קאָלאָניעס האָבן זיך געשטעלט דערציִערישע אויפגאַבן. פריי פון פאָרמעלע לימודים, פלעגט מען דאָ אויף דער נאַטור אויסברייטערן די דערציִונגס־פּראָגראַם פון דער שול. די זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די קינדער האָט דאָ געהאַט אַ ברייט פעלד פון טעטיקייט, די קינדער האָבן אַליין אונטער דער אָנפירונג פון די לערער איינגעשטעלט און דורכגעפירט דעם טאָג־פּלאַן, פאַרוואַלטעט מיט דערווירטשאַפט, געהיט די ריינקייט פון די געביידעס, צימערן און שפּיל־פּלעצער. גרויס אַכט איז געלייגט געוואָרן אויף דערנענטערן די קינדער צו דער נאַטור. דער רוב מנין קינדער זענען דאָך געוועזן פון אָרעמע, ענגע וווינונגען און פון גאַסן, ווו מען האָט נישט געזען קיין גרעזל און נישט קיין בימל. דאָ אויף דער קאָלאָניע פלעגן די קינדער זיך לערנען ליב האָבן יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש, יעדעס בלימל און ביימל.

ווען די צישאָ איז געגרינדעט געוואָרן (1921), האָט מען די דאָזיקע קאָלאָניע־אַרבעט פאַרגעזעצט נאָך אין אַ ברייטערן פאַרנעם. אָבער גאָר אין גיכן האָט זיך אַנטפּלעקט אַ בילד וועגן דעם שרעקלעכן פיזישן צושטאַנד פון די קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין די צישאָ־שולן. דאָס זענען אַלץ געוועזן מלחמה־קינדער, וואָס האָבן דורכגעמאַכט הונגער, וואַנדערונגען, היימלאָזיקייט און אויך איצט — נאָכן סוף פון דער מלחמה מיט סאָוויעט־רוסלאַנד — האָבן די דאָזיקע קינדער נאָך אַלץ געלעבט אין שרעקלעכע וווינונגס־באַדינגונגען, אַ סך פון זיי מיט התחלות פון טובערקולאָז און אַנדערע קראַנקייטן. אָבער דווקא די קינדער, וואָס האָבן זיך אַממערסטן גענויטיקט אין די קאָלאָניעס, האָט מען געמוזט לאָזן אין שטאָט: צוליב פאָרזיכטיקייט פלעגן די שול־דאָקטוירים נישט לאָזן אַרויסנעמען אַזעלכע קינדער אויף די קאָלאָניעס, כדי זיי זאָלן

נישט אָנשטעקן די אַנדערע קינדער. פאַר די לערער, וואָס האָבן מיט אויסערגעוויינלעכער ליבע און איבערגעבנקייט געזאָרגט פאַר יעדן קינד; פאַר די עלטערן פון די קינדער, ביי וועלכע מען פלעגט צונעמען די געלעגנהייט צו געניסן פון די קאָלאָניעס — איז עס געווען אַ גרויסע טראַגעדיע. לערער האָבן נישט געקאָנט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז גראָד אָט די ליידנדיקע קינדער זאָלן ניט געניסן פון דער קאָלאָניע. פלעגט מען מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי אַזעלכע קינדער דאָך אַרויסצונעמען. מען האָט אַזעלכע קינדער איינגעאָרדנט אין ספּעציעלע זומער־ווינונגען, אָפּגעזונדערטע פון דער קאָלאָניע, די לערער און די קראַנקן־שוועסטער פלעגן מיט דער גרעסטער ליבע אָפּגעבן זיך מיט די קינדער. קיין ספּעציעלע סאַנאַטאָריעס אָדער געזונטהייטס־אַנשטאַלטן פאַר אַזעלכע קינדער זענען דעמאָלט אין פּוילן נאָך נישט געווען. עס זענען געווען פאַלן, ווען די דאָקטוירים פלעגן קינדער מיט שטענדיק העכערער טעמפּעראַטור אַפילו באַזייטיקן פון די שולן. די לערער פלעגן זיך מאַטערן און זאָרגן פאַר טובערקולאָזע קינדער. די קינדער פלעגן אין יענער צייט באַשפּיזט ווערן אין די שולן, און אַזעלכע קראַנקע קינדער האָט מען צוגעשיקט אַהיים טאָפּלטע פּאָרציעס אַמעריקאַנער שפּייז: מילך, צוקער, קאַקאַאָ, רייז און פעטס. די פראַגע, וואָס צו טאָן מיט אָט די קינדער איז נישט אַראָפּגעגאַנגען פון טאָג־אָרדענונג פון די פּעדאַגאָגישע ראַטן. און דער דינעזאָן־מעדעם־רייכמאַן־קאָמיטעט (נאָך פאַר דער אַנטשטייונג פון „צישאָ") האָט אויף דער פאָדערונג פון די לערער־מיטגלידער פון דעם קאָמיטעט (ש. גילינסקי, ד"ר אייזענשטאַט, ש. אַבראַמסאָן) און פון די שול־דאָקטוירים (ד"ר אַנאַ ברוידע־העלער, פּרוי ד"ר קרוק) זומער 1921 געשאַפן אין אָטוואָצק אַ ספּעציעלע קאָלאָניע פאַר טובערקולאָזבאַדראָטע קינדער (מיט דער הילף פון „דזשאָינט").

עס איז אויסגעטיילט געוואָרן אַ ספּעציעלע פאַרוואַלטונג פאַר דער קאָלאָניע. דאָס זענען געווען: די דאָקטאָרין אַנאַ העלער, דאָקטאָרין קרוק, ש. גילינסקי, דוד מאיר, ש. אַבראַמסאָן און ד"ר אייזענשטאַט. די קאָלאָניע האָט זיך געפונען אין אַ ספּעציעל־געדונגענער געביידע, אַרומגערינגלט מיט סאָסנע־וואַלד. מ'האָט צוגעקליבן אַ ספּעציעלן מעדיציניש־פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל און אויסגעאַרבעט דעם טאָג־פּלאַן, דעם מעניו און דעם פּראָגראַם פון דערציִערישער אַרבעט. יעדעס קינד האָט דאָ באַדאַרפט פאַרברענגען דעם גאַנצן זומער. די קאָלאָניע איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַ ספּעציעלער ליבע און איבערגעבנקייט מצד דער פאַרוואַלטונג און הויפּטזעכלעך מצד דעם פּערסאָנאַל (דאָקטאָרין גאַבאַי, סאַניטאַרינס אַדלער, לאָלע בראַנען (ברומבערג), לערערס גרשון זאַלצמאַן, יוכבד זוסמאַן, סאַמאָלסקאַ, פריילין הערמאַן א"אַ). דאָ אין דער אָטוואָצקער קאָלאָניע, האָבן זיך די קינדער שנעל פאַרבעסערט און זענען געקומען צו זיך. די רעזולטאַטן זענען געווען אויסערגעוויינלעכע. די דאָקטוירים האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר די קינדער אַזוי שנעל נישט צוריקשיקן אין שטאָט, מען מוז זיי לענגער האַלטן און פאַרפעסטיקן זייער געזונט. חוץ דעם האָבן געוואָרט אויף זייער ריי נאָך הונדערטער קינדער פון די שולן און פון אויסער די שולן. מען האָט דעמאָלט באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די קאָלאָניע אין אַ שטענדיקן אַנשטאַלט. די פאַרוואַלטונג האָט זיך אָבער נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן בודזשעט. אייניקע חדשים נאָכאַנאַנד האָט מען נישט געצאָלט קיין דירה־געלט און דער באַלעבאָס פון דער געביידע האָט דעם אַנשטאַלט

אַרויסגעזעצט. די קינדער מיטן פּערסאָנאַל האָבן געמוזט צוריקקערן זיך אין שטאָט. קיין נייע אַנטשפּרעכנדיקע געביידע אויף אַזאַ אַנשטאַלט האָט מען נישט געקאָנט געפינען.

פאַר די שול־טוער האָט זיך געשטעלט די פּראָבלעם: מען מוז ראַטעווען די קינדער! מען מוז זיי אַוועקזעצן אויף פרישער לופט, אויף גוטער דערנערונג, מיט אַ השגחה פון אַ דאָקטאָר. עס איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק צו שאַפן פאַר די קינדער אַ סאַנאַטאָריע, וואָס זאָל זיין אַ פּרעווענטיווער אַנשטאַלט, ד"ה אַן אַנשטאַלט אויף צו „פאַרכאַפּן" און נישט דערלאָזן, אַז די טובערקולאָז־קראַנקייט זאָל זיך ביי די קינדער אַנטוויקלען. מ'האָט דעריבער אַהער געזאָלט אַננעמען נאָר קינדער באַדראָטע פון דער קראַנקייט, יענע אָבער וואָס זענען שוין קראַנק אויף טובערקולאָז, זאָל מען אַהין נישט אַריינגעמען.



פאָרזיצער פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג
נ ח — י ו ז ע ף (יקותיאל פּאָרטנוי)
1872—1941

מען האָט וועגן דעם אָנגעשריבן וול. מעדעמען, וועלכער איז אין יענער צייט שוין געווען אין אַמעריקע. מעדעם האָט פאַרעפנטלעכט וועגן דעם אַן אַרטיקל אין „פאָרווערטס" און האָט גערופן דעם עולם צו שאַפן די נויטיקע מיטלען אויף צוריק עפענען דעם אַנשטאַלט פאַר די פאַראורטיילטע קינדער. מעדעם האָט געשאַפן עטלעכע טויזנט דאָלאַר ספּעציעל אויף דעם צוועק. און פאַר די פאַר טויזנט דאָלאַר, וואָס וול. מעדעם האָט צוגעשיקט דעם צישאַ איז געקויפט געוואָרן אַ ווילע אין דעם זומער־פּלאַץ מיעדזעשין, הינטער וואַרשע. די ווילע האָט מען געדאַרפט איבערבויען און רעמאָנטירן, אַזוי אַז זי זאָל זיין פּאַסיק פאַר אַזאַ קינדער־אַנשטאַלט. מען האָט אויך גענומען טראַכטן וועגן אויפשטעלן אַ צווייטע געביידע מיט מאָדערנע איינריכטונגען. צוליב כסדרדיקן מאַנגל אין געלט־מיטלען האָט דאָס איבערבויען די „אַלטע געביידע" און דאָס בויען די נייע מאָדערנע געביידע געדויערט אַ פּאָר יאָר. אין צווישן האָט מען אין זומער (1923) איינגעאָרדנט אַ צייטווייליקע סאַנאַטאָריע אין אַ פּריוואַטער ווילע אין מיכאַלין אונטער דער אָנפירונג פון ד"ר קרוק. דער אַנשטאַלט האָט ווידער צוליב מאַנגל אין מיטלען שנעל זיך פאַרמאַכט.

נאָך מעדעמס טויט (1923) האָט די צישאַ באַשלאָסן אָנצורופן דעם אַנשטאַלט: „קינדער־סאַנאַטאָריע א"ב וולאַדימיר מעדעם". פאַרקירצט האָט מען עס גערופן מעדעם־סאַנאַטאָריע. דער אָפיציעלער חנוכת־הבית פון אַנשטאַלט (נאָך אַן קינדער) איז פאָרגעקומען זומער 1924. אין דעם חנוכת־הבית האָט אויך אָנטיילגענומען ברוך

טשאַרני—וולאָדעק, וואָס האָט דעמאָלט באַזוכט וואַרשע. אָבער נאָך לאַנג נאָכן חנוכת־הבית איז דער אַנשטאַלט געשטאַנען ליידיק, אָן קינדער: עס האָט געפעלט די אינער־לעכע איינריכטונג, ווי אויך די נויטיקע מיטלען אויסצוהאַלטן דעם אַנשטאַלט. ערשט דעם 18טן יאַנואַר 1926 ווערט דער אַנשטאַלט געעפנט מיט די ערשטע 14 קינדער.

דער אַנשטאַלט האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן. די ציש״אָ איז נישט בכוח געווען אויסצוהאַלטן פינאַנסיעל די דאָזיקע אינסטיטוציע, און די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אויסגעטיילט געוואָרן פונעם גאַנצן יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן: עס איז געשאַפן געוואָרן אַ זעלבשטענדיקע סאַנאַטאָריע־געזעלשאַפט און פאַרוואַלטונג; די סאַנאַטאָריע איז געוואָרן זעלבשטענדיק פינאַנסיעל, אָבער געזעלשאַפטלעך און פעדאַגאָגיש האָט זי ווייטער אָנגעהאַלטן די ענגסטע פאַרבינדונג מיט דער ציש״אָ און אירע אָנפירער.

דער צופלוס פון קינדער איז געווען גרויס, דער אַנשטאַלט איז געוואָרן אַלץ פּאָפּולערער. די „נייע געביידע״ איז געווען אַ מאָדערנע, שוין דירעקט און פון לכתחילה געבויט פאַר די באַדערפעניש פון דער סאַנאַטאָריע — מיט אַ רחבותדיקן עס־צימער, מיט אַ באַד־ און וואַש־אַנשטאַלט, מיט קלוב־צימערן, מיט שלאָף־צימערן אאַ״וו. מען דאַרף געדענקען די פּרימיטיווע קולטור־באַדינגונגען פון אַזאַ שטעטל, ווי מיעדזעשין, כדי צו פאַרשטיין, ווי שווער עס איז אָנגעקומען צו באַזאָרגן די אינסטיטוציע מיט אַלעם נויטיקן. וואַסער, עלעקטריע, קאַנאַליזאַציע, קיך, ווינטער־וועראַנדעס פאַר די קראַנקע קינדער — דאָס זענען אַלץ געווען שווערע פּראָבלעמען, און נאָר אַדאַנק דעם ענטוזיאַזם און גלויבן פון די סאַנאַטאָריע־טוער האָט זיך איינגעגעבן די אַלע זאַכן צו דערגרייכן אין אַ באַפרידיקנדיקער מאָס.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער זענען אויפגעשטעלט געוואָרן נאָך עטלעכע קלענערע בנינים. עס איז אויך כסדר צוגעקויפט געוואָרן וואַלד, און דער שטח פון דער סאַנאַטאָריע האָט זיך שטאַרק אויסגעברייטערט.

די סאַנאַטאָריע איז געווען אָפן אַ קיילעכדיק יאָר. אין די זומער־חדשים איז די צאָל קינדער געווען טאָפּלט לגבי ווינטער־צייט. זינט יאַנואַר 1926, ווען די סאַנאַטאָריע איז אָפיציעל געעפנט געוואָרן, און ביז דער היטלער־אָקופּאַציע אין 1939, זענען דורך דער סאַנאַטאָריע אַדורכגעגאַנגען העכער 10 טויזנט קינדער. די קינדער האָבן דאָ געהאַט אַן אמתן גן־עדן: פרישע לופט, איינגעטונקען אין סאָסנע־וועלדער, רחבותדיקע שלאָף־צימערן, גוטע דערנערונג עטלעכע מאָל אַ טאָג, שטענדיקער אויפזיכט פון דאָקטוירים, אָבליגאַטאָרישע עטלעכע שעה אַ טאָג פון אַבסאָלוטן רוען, פרייע שפּילן און שפּאַצירן, אַ ביבליאָטעק און שפּיל־צימערן, אַ באַד און וואַש־צימערן, אַ פרייע דערציִערישע אַטמאָספער, אויסערגעוויינלעכע ריינקייט און ציכטיקייט אין אַלע צימערן, לערער — חברים און פריינד פון די קינדער. האָט טאַקע דער אַנשטאַלט געווירקט גלענצנדיק אויפן געזונט־צושטאַנד פון די קינדער, געהיילט זייערע צעשרויפטע נערוון, זייערע אָנגעריר‌טע לונגען אָדער האַרץ. שטענדיק האָבן זיך דאָ געפונען איבער הונדערט קינדער און ווער עס האָט זיך גענויטיקט, איז געזעסן עטלעכע חדשים און אַ מאָל אַפילו אַ גאַנץ יאָר. שטענדיק האָט דאָ געהערשט פרייד, זון, ליכטיקייט, פרישקייט, געלעכטער. באַדינט פון אַ גרויסן פּערסאָנאַל — לערער, מעדיצינער, טעכנישע אַרבעטער — זענען די קינדער דאָ געוואַקסן פיזיש און גייסטיק. זיי איז צוגעקומען וואָג, זייערע

פנימער און לייב זענען אָפּגעברענט געוואָרן פון זון און לופט. פאַר די קינדער, וואָס זענען דאָ פאַרבליבן אויף אַ לענגערער צייט, האָט מען איינגעפירט שעהען פון לערנען. אַ גרויסער גאָרטן איז פאַרפלאַנצט געוואָרן, ווי אַ מוסטער פאַר די קינדער. די געזונטערע פון זיי האָבן דאָ געהאַט געוויסע פליכטן. אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכער מוזיי, אָרגאַניזירט פון ד״ר י. ביבער (דירעקטאָר פון צישאָ־לערער־סעמינאַר אין ווילנע), האָט באַקענט די קינדער מיט פאַרשידענע דערשיינונגען און פּראָבלעמען פון דער לעבעדיקער און טויטער נאַטור, און זיי אַריינגעצויגן אין זעלבשטענדיקע אַרבעטן און פאָרשונגען.

אָט אַזוי איז צו ביסלעך דער אַנשטאַלט איבערגעוואַקסן די אויפגאַבן, וואָס מען האָט אים לכתחילה געשטעלט: פון אַ זומער־קאָלאָניע איז ער געוואָרן אַ הייל־פּעדאַגאָגישער אַנשטאַלט, אַ פּרעווענטיווע סאַנאַטאָריע פאַר קינדער אָנגערירטע פון טובערקולאָז; פון אַן אָפּרו־פּלאַץ פאַר די קינדער איז ער אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסער קינדער־רעפּובליק, אין אַ וויכטיקן פּעדאַגאָגיש־דערציִערישן עקספּערימענט.

עס איז אין לשער די פּאָפּולערקייט און באַליבטקייט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין די ברייטסטע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט. קינדער פון אַרבעטער און בעלי־מלאכות, קינדער פון דאָקטוירים און שרייבערס, קינדער פון רייכע און אַסימי־לירטע עלטערן; קינדער פון וואַרשע, לאָדזש, ווילנע, ביאַליסטאָק און פון פּאַרוואָרפענע שטעטלעך — אַלץ האָט געשטרעבט אַנצוקומען אין סאַנאַטאָריע. אָפט מאָל האָבן פאַרשריבענע און אָנגענומענע קינדער געוואַרט אויף זייער ריי — לאַנגע חדשים. ווען אַ קינד האָט געדאַרפט פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע, איז עס פאַר אים און פאַר זיינע עלטערן געווען אַ טראַגעדיע. אויך די לערער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול האָבן זיך געריסן צו אַרבעטן אין סאַנאַטאָריע, זיי האָבן עס געהאַלטן פאַר אַ באַזונדערע דערגרייכונג און שטאָלץ.

דאָס אויסהאַלטן די סאַנאַטאָריע אין דעם פאַרנעם, ווי מיר האָבן דאָ געשילדערט, איז, פאַרשטייט זיך, געווען פאַרבונדן מיט גרויסע פינאַנסיעלע אָנשטרענגונגען. די געזעלשאַפט „מעדעם־סאַנאַטאָריע״ האָט אַנטוויקלט אַ פאַרצווייגטע טעטיקייט: זי האָט זיך דערשלאָגן סובסידיעס פון אייניקע מלוכהשע און שטאָטישע אַנשטאַלטן; זי האָט געזאַמלט געלט צווישן אירע מיטגלידער און סימפּאַטיקער; זי האָט גענומען פון די קינדער פון די פאַרמעגלעכע עלטערן — אַ גרעסערן אָפּצאָל; זי האָט באַקומען שטענדיקע שטיצע פון די יידישע יוניאָנס אין ניו יאָרק, ווי אויך פון אַרבעטער־רינג; זי האָט געשיקט שליחים אין אייראָפּע און פאַראייניקטע שטאַטן (ש. גילינסקי) — און געפירט דאָ קאַמפּיינס פאַר דער סאַנאַטאָריע, און דאָך, ניט געקוקט אויף דער גאַנצער ענערגישער און דערפאָלגרייכער טעטיקייט, האָט די סאַנאַטאָריע נישט איין ביטערן טאָג איבערגעלעבט.

צוויי געשעענישן אין לעבן פון סאַנאַטאָריע דאַרפן דאָ דערמאָנט ווערן:

איינע פון די פינצטערסטע און ביטערסטע איבערלעבונגען פון דער סאַנאַטאָריע און אירע פירער איז געווען דער סיכסוך מיטן טעכנישן פּערסאָנאַל, וואָס האָט דערפירט צו אַ טראַגישן רעזולטאַט:

די יידישע קאָמוניסטן האָבן אָרגאַניזירט אַ באַוואָפנטן אָנפאַל אויף דער סאַנאַ־

טאַריע. קוילן זענען געפלויגן אין די שלאָף־צימערן פון די קינדער; לערער און מעדיצינער פון סאַנאַטאָריע איז מען באַפאַלן און געשלאָגן... מיט אַט דעם טעראָר־אַקט האָבן די יידישע קאָמוניסטן געמיינט צו צווינגען די פאַרוואַלטונג פון סאַנאַטאָריע נאָכגעבן די פאָדערונגען פון אַ טייל טעכנישן פערסאָנאַל, וואָס האָט זיך אַנגעשלאָסן אין אַ קאָמוניסטישן פאַראיין.

צום גליק האָט דער אָנפאַל, אַדאַנק דער שוץ פון אַ גרופּע געטרייע וואַרשעווער חברים און אַדאַנק דער רויִקער און מוטיקער האַלטונג פון דער פירערשאַפט פון סאַנאַטאָריע, זיך פאַרענדיקט בלויז מיט אַ פּאַגראָם אין דער קיך און מיט דער גרויסער שרעק פון די קינדער. דער אָנפאַל האָט שפּעטער געהאַט אַן אָפּקלאַנג אין קרייז־געריכט, און נאָר אַדאַנק דער ווירדיקער האַנדלונג פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג האָבן אייניקע פון די אָנפאַלער אויסגעמיטן תפיסה־שטראָף. עס איז געווען אַ וויסטע און שענדלעכע אַוואַנטורע מצד די יידישע קאָמוניסטן.

אַ צווייטע ביטערע געשעעניש אין לעבן פון סאַנאַטאָריע איז געווען — די געשיכטע מיטן קלאַנג־פילם „מיר קומען אָן". לאַנגע חדשים האָט מען קאָלעקטיוו געאַרבעט איבער דעם פילם: דער רעזשיסער אַלעקסאַנדער פאָרד, די פּוילישע שרייבערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, יעקב פּאַט, דער שרייבער פון די שורות, דער דירעקטאָר פון דער סאַנאַטאָריע ש. גילינסקי, די לערער טראָופּיאַנסקי און מ. גילינסקי („באַטקע"), און דער עיקר, די קינדער גופא. און אַט איז דער פילם פאַרטיק געוואָרן. מ'האָט אים געוויזן יידישע און פּוילישע ליטעראַטן, געזעלשאַפטלעכע טוער, שול־ און קולטור־טוער אאַ"וו. ער האָט געוואַלדיק אויסגענומען ביי אַלעמען — סיי פון טעכניש־קינסטלערישן, סיי פון אידעיִשן שטאַנדפּונקט. מ'האָט זיך געגרייט ברענגען דעם פילם צו דער עפנטלעכקייט, מ'האָט שוין געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט קינאָ־אייגנטימער אין דער יידישער געגנט. אָבער דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די „מעכטיקע" פּוילישע צענזור, וואָס האָט באַקומען דעם געהעריקן ווונק מצד די פּוילישע רעאַקציאָנערע מאַכט־האָבער. עס האָט זיי נישט געשמעקט דער „רעוואָלוציאָנערער" אינהאַלט פון פילם: די קלאַנגען פון „אינטערנאַציאָנאַל" און בונדישע „שבועה", וואָס זענען געווען איינגע־פלאָכטן אין דער מוזיק; דאָס באַווייזן זיך ביים אָנהויב פון פילם — פון חבר נח, דעם פאָרזיצער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד"; דאָס אָנטפּלעקן פאַר דער וועלט די נאַקעטע אָרעמקייט אויף דער יידישער גאַס; דאָס פרעדיקן סאָלידאַריטעט צווישן יידישער און פּוילישער אַרבעטער־באַפעלקערונג; די פאַרבינדונג מיט דער ציִשאָ־שול און אירע „ראַדיקאַלע" דערציִונג־מעטאָדן. אין סך־הכל איז דער פילם, וואָס האָט אָפּגעקאָסט דער סאַנאַטאָריע אַזוי פיל געלט און אַרבעט, פאַרבאָטן געוואָרן, און אין פּוילן האָט ער נישט געקענט זיך באַווייזן... די יידישע עפנטלעכקייט, וואָס האָט מיט גרויס אומגעדולד געוואַרט אויפן באַווייזן זיך פונעם פילם אויפן עקראַן פון די קינאָ־טעאַטערן, איז געבליבן אַנטוישט און טיף באַליידיקט. ביזן סאַמע סוף פון פּוילנס עקזיסטענץ האָט טאַקע די יידישע געזעלשאַפט נישט געזען, נישט געהערט דעם קלאַנג־פילם — מיט זיינע פרייַלעכע מונטערע קינדער־געזאַנגען און מיט די אויסערגעוויינלעכע אַרטיסטישע טאַלענטן, וואָס די קינדער האָבן דאָ אַרויסגעוויזן.

אויף אַ גליקלעכן אופן האָט זיך איינגעגעבן אַרויסצוכאַפּן דעם פילם קיין אויסלאַנד

און דאָ מאַכן פון אים עטלעכע קאַפּיעס. אַזוי אַרום האָבן די יידישע מאַסן אין פּאַריז, בריסל און די פאַראייניקטע שטאַטן באַקומען די מעגלעכקייט צו זען דעם פילם. היינט צו טאָג, נאָכן גרויסן חורבן פון יידישן לעבן אין פּוילן, איז דער דאָזיקער פילם פאַרבליבן איינער פון די וויניקע דענקמעלער פונעם פרעכטיקן אַמאָל. פון די קינדער, וואָס שפּילן אינעם פילם, זענען געבליבן לעבן: אַרעלע האָכבערג, וועלכער האָט אַלע אויסזיכטן צו ווערן אַ באַרימטער פידלער און געפינט זיך איצט אין פּאַריז; כייטשע באַנעט (איצט חיהלע לערמאַן, מעלבורן), וועלכע זינגט ד. איינהאָרנס ליד וועגן אַ מאַמע; אפשר נאָך עמעצער. פון די אַנדערע באַטייליקטע דאַרפן דערמאָנט ווערן: מירקע זוסמאַן, אַמיק ברומבערג (איצט אין אַמעריקע), פּערעלע עלנבערג (איצט אין שוועדן).

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז די פּוילישע סאָציאַליסטן און דעמאָקראַטישע שרייבער האָבן געפירט אַ העפטיקן קאַמף פאַר דעם, אַז פונעם פילם זאָל אַראָפּגענומען ווערן דער צענזור־פאַרבאָט. זיי האָבן געשריבן אַרטיקלען און פעליעטאָנען, געחוזקט פון דער צענזור־אַפּוטרופּסות, געמאַכט ווענדונגען צו דער מאַכט.

דער באַרימטער פּובליציסט און שריפטשטעלער אַנטאָני סלאָנימסקי האָט געשריבן:

„איך האָב נישט לאַנג געזען דעם פילם פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, רעזשיסירט דורך פאָרדן. דאָס איז אפשר דער ערשטער פּוילישער פילם, וועלכער שטייט אויף אַ קינסטלערישער הויך.

דער דאָזיקער פילם שילדערט דעם עלנט פון די אָרעמע יידישע קינדער צווישן די שוידערלעכע הייזער פון פראַנצישקאַנער, אָדער גענשע. עס ווערט באַוויזן שיין און קלוג, ווי אַזוי די דאָזיקע קינדער, ווען זיי ווערן דערנענטערט צו דער נאַטור, קומען אין דאָרף, צווישן גוטע מענטשן, לערנען זיך די פרייד פון לעבן, ריינקייט, ספּאָרט. אָט דער פילם איז פאַרבאָטן געוואָרן. דער צענזאָר האָט געפּסקנט, אַז ער האָט אַ קאָמו־ניסטישע טענדענץ. איין סצענע פון פילם האָט באַזונדער צערייצט דעם צענזאָר. דאָרט איז אילוסטרירט געוואָרן אַן אמתער פאַקט. די יידישע קינדער האָבן באַשלאָסן אָפּצו־טרעטן ערטער אין סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין פאַר די קינדער פון די שטרייקנדיקע זאַגלעמביער קוילן־אַרבעטער. יעדעס קינד זאָגט זיך אָפּ פון זיינע אייגענע טעג און מען לאַדט איין פּוילישע קינדער.

די סצענע פון באַגריסן די געקומענע אָרעמע פּוילישע קינדער דורך די אָרעמע יידישע קינדער איז טיף רירנדיק. זי איז באַזונדער שיין מיט דעם, וואָס זי האָט נישט אין זיך קיין שום געקינסטלטקייט, אָבער דער צענזאָר האָט געפּסקנט, אַז זי איז „נישט דערלאָזבאַר".

דער צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.) „ראָבאָטניק" האָט געשריבן וועגן פאַרבאָט לגבי דעם פילם „מיר קומען אָן":

„די מאָטיווירונג פון דער דאָזיקער קאָנפיסקאַציע פאַרדינט באמת פאַראייביקט צו ווערן. צווישן אַנדערע איז אין בריוו פון אינערן־מיניסטעריום, אונטערגעשריבן פונעם שעף פון דער אָפּטיילונג רעלידזינסקי, געזאָגט:

„דער פילם אונטערן נאָמען „מיר קומען אָן" אונטערן אויסרייד פון הומאַניטאַריזם און מאָדערנע דערציִונג־מעטאָדן, אַנטהאַלט סצענעס, וועלכע נוצן אויס די נויט פון די

מאַסן און אויך די קאָמוניסטישע וועלט־אַנשויונג. צוליב דעם קאָן דאָס דעמאָנסטרירן דעם דאָזיקן פילם באַדראָען די לעבנס־אינטערעסן פון דער רעפובליק״.

מיר האָבן געזען דעם דאָזיקן שיינעם, אויף אַ הויכן אַרטיסטישן ניוואָ שטייענדיקן, גלענצנדיק דורך די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געשפּילטן און געלונגען אויסרעזשיסירטן פילם, בעת ער איז נאָך געווען דעמאָנסטרירט אין דער אַטעליע, און באמת, אַפילו דער פאַרביסנסטער רעאַקציאָנער וואָלט נישט געקאָנט זען אין אים נישט דאָס „אויסנוצן די אָרעמקייט פון די מאַסן״, און נישט קיין „קאָמוניסטישע וועלט־אַנשויונג״. עס איז גאַנץ ריכטיק, וואָס די פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַפּעלירט אויפן דאָזיקן באַשלוס, צי וועט דאָס אָבער העלפן ?...

דער פילם איז אַ פּאָלוּוערטיקער, וואָס רופט אַרויס די בעסטע און וואַרעמסטע געפילן, דעם גלויבן אין דער מענטשהייט און אין דער צוקונפט. עס וואָלט זיך אים געוואָלט ווייזן אַלע קינדער און אַלע עלטערן און אַלע פּוילישע און יידישע דערציִער.

און דעריבער גלויבט זיך אונדז נישט, אַז דאָס אינערן־מיניסטעריום האָט פאַרבאָטן דעם פילם, ווייל עס זענען דאָרט כלומרשט פאַראַן „סצענעס, וואָס פּראָפּאַגאַנדירן די קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע״ און ממילא „קאָן דער פילם באַדראָען די אינטערעסן פון דער מלוכה״.

און די אַרטיקל־שרייבערין שימאַנאָווסקאָ פרעגט דעריבער:

„קאָן אַזאַ פילם, וואָס ווייזט די וווּנדערלעכע פּעדאַגאָגיק אין פּוילן, ווירקלעך באַדראָען די אינטערעסן פון דער מלוכה? אָבער עס איז דאָ נישט מער ווי אַ מיספאַר־שטענדעניש. איך רעד שוין נישט וועגן די טעכנישע און רעאַליסטישע מעלות, וועלכע שטייען, אגב, אויף אַ גרויסער הויך. מיר גייט אין דער טענדענץ. דער פּראָלעטאַריאַט קאָן אויסגעצייכנט די אָרעמע יידישע אַרבעטער־קוואַרטאַלן און זאָל די יוגנט דאָס טאַקע זען. אויב דער פילם שטעלט פאָר אַן אָרעמע שטוב און ווייזט, ווי אַזוי מען לעבט דאָרט, דאַרף מען אים נישט דערלויבן?״

אָבער עס האָט קיין זאַך נישט געהאָלפן. עס האָט נישט געראַטעוועט דער הויכער קינסטלערישער ניוואָ פונעם פילם, די פיינע טעכנישע אויפטוען אין אים, די נאַטור־בילדער און די פּעדאַגאָגיש־דערציִערישע מעטאָדן, וואָס זענען דאָ געוויזן געוואָרן. פאַר די אינטריגאַנטן פון דער פּוילישער רעאַקציע איז דאָס אַלץ געווען גאָרנישט. דער עיקר, וואָס האָט זיי געפעלט — איז געווען: פּוילישער הוראַ־פּאַטריאָטיזם, קנעכטישער מה־יפית פון דער יידישער באַפעלקערונג. עס האָט זיי געשטאָכן די אויגן — דער נאָמען מעדעם, די פאַרבינדונג פונעם אַנשטאַלט מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג...

אָבער די סאַנאַטאָריע האָט אַלע רדיפות איבערגעטראָגן! דער גרויסער אידעאַליזם פון די טוער און לערער, די ליבע צום יידישן קינד, דער ווילן צו פּעדאַגאָגישער שעפערישקייט — איז געווען שטאַרקער פון אַלע צרות אַרום און האָט גובר געווען אַלע שוועריקייטן און רדיפות.

קאַפּיטל צוויי

א) די דערציונגס-מעטאָדן

די דערציִעריש־פּעדאַגאָגישע מעטאָדן פון דער סאַנאַטאָריע, אַזוי ווי זיי האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט במשך די יאָרן פון איר עקזיסטענץ, זענען געווען אין תוך גענומען די זעלביקע, וואָס אין דער יידיש־וועלטלעכער שול פון דער ציש"אָ. אין דעם זינען, פונקט ווי אָרגאַניזאַציאָנעל, איז די סאַנאַטאָריע געווען דאָס קינד פון דער ציש"אָ־שול. נישט נאָר די זעלביקע טוער און לערער האָבן דאָ געאַרבעט, נאָר דער זעלביקער גייסט און אידעאַלן האָבן דאָ געהערשט. און נישט נאָר דער זעלביקער עלעמענט קינדער, וואָס אין דער ציש"אָ־שול, האָט די סאַנאַטאָריע בעיקר באַדינט, — נאָר די זעלביקע מעטאָדן צו דערציִען דאָס קינד האָבן געהערשט אין סאַנאַטאָריע.

און דאָך איז געווען אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער אַרבעט פון דער ציש"אָ־שול און דעם פּעדאַגאָגישן סיסטעם פון דער סאַנאַטאָריע.

די מעגלעכקייטן פון דער ציש"אָ־שול זענען געווען באַגרענעצט. איבער דער שול האָט געהאַט אויפזיכט דער שול־אינספּעקטאָר; דאָ האָט מען זיך געמוזט האַלטן ביים מלוכהשן פּראָגראַם: די שול איז אויך אין אַ גרויסער מאָס געווען אונטערגעוואָרפן דער „השגחה" פון דער פּאָליטישער אַדמיניסטראַציע; די שול האָט זיך געשטיקט אין שלעכטע, ענגע לאָקאַלן אין די יידישע קוואַרטאַלן; די קינדער זענען אָפט געקומען אין שול בוכשטעבלעך הונגעריק, פיזיש דערשעפּט, נישט דערשלאָפן, נישט אויסגערוט, צוליב די באַדינגונגען פון זייערע היימען; די שול האָט געדאַרפט געבן ידיעות אין פאַרשידענע געביטן, איז געווען געבונדן דורך דער פּראָגראַם און דעם לערנבוך; די קינדער האָבן ניט געהאַט ווו צו מאַכן זייערע לעקציעס, און האָבן אָפט געמוזט אויך נאָכמיטאָג קומען אין שול, כדי דאָ צו טאָן זייער זעלבשטענדיקע אַרבעט; די פינאַנ־סיעלע לאַגע פון דער שול איז געווען שטענדיק זייער קלאָגעדיק, און מען האָט גראָד געמוזט האָבן אין יעדער שול אַ גרויסן פּערסאָנאַל; דאָס דירה־געלט פאַר די שול־לאָקאַלן איז געווען אומגעהייער גרויס; דער פּאַרוואַלטער פון דער שול און אַפילו די לערער האָבן זיך געמוזט באַשעפטיקן מיטן שכר־לימוד, געדאַרפט אויסטראָגן אין אַ גרויסער מאָס די געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אַרום דער שול; דער לערער ווידער האָט געהאַט אַ סך צרות וועגן זיך פּערזענלעך — וועגן זיינע לערער־פּאַפּירן, וואָס האָבן געדאַרפט יעדעס יאָר זיין באַשטעטיקט פון אינספּעקטאָר און צו זיין אין אָרדענונג פּאָליציייִש. אין שול האָט צוליב דעם אַלעמען געהערשט אַ נערוועזע שטימונג — אָט האָט מען געוואַרט אויפן אינספּעקטאָר, אָט האָט דער שול געדראָט אַרויסגעוואָרפן צו ווערן פון דער וווינונג; אָט האָט געפעלט באַשפּייזונג פאַר די קינדער, אָט איז געווען אין קלאַס אַ גרעסערע צאָל קינדער ווי דאָס האָט אָפּיציעל דערלויבט דער פּלאַץ; אָט איז געווען אין קלאַס אַ גרופּע קינדער — נערוועזע, קראַנקהאַפטע, מיט העכערער טעמפּעראַטור, קינדער, וואָס האָבן אין דער היים איבערגעלעבט משפּחה־טראַגעדיעס; אָט איז געווען די לערערין אַליין נערוועז און אויסגעשעפּט, ווייל זי האָט פאַר דער שול אָדער נאָך דער שול געמוזט טאָן נאָך פאַרשידענע אַנדערע אַרבעטן,

ווייל די שכירות פון דער שול זענען געווען ווייט נישט גענוגנדיק. הקיצור, אין שול זענען געווען הונדערטער מניעות, נישט אָפּהענגיקע נישט פון דער שול און נישט פון דער צישאָ, מניעות, וואָס האָבן געשטערט צו פאַרווירקלעכן די פּעדאַגאָגיש־דערציִערי־שע אידעאַלן פון דער צישאָ און איר לערערשאַפט.

גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען דאָס בילד אין סאַנאַטאָריע: די קינדער זענען דאָ געווען זאַט, אויסגערוט, מיט באַרויִקטע נערוון, אָן זאָרג פון שטוב, אין ריין־ציכטיקע שלאָף־צימערן, אויף פרישער לופט און זון, גענאָסן פון דער דאָרפישער נאַטור, מיט מעגלעכקייט פאַר שפּילערייען, לויפעריען און אויסלעבן די אייגענע ענערגיע. דאָ האָט מען די קינדער געהיילט די ציין, געשפּייזט אויפן אידעאַלן אופן, און אויב נויטיק צוגעגעבן אַנדערע שטאַרקונגס־מיטלען. אין סאַנאַטאָריע איז דאָס קינד נאָך אַ באָד געשלאָפן די נאַכט אין אַ באַקוועם, ריין און וואַרעם בעט, ביי אָפענע פענצטער זומער און ווינטער; אין דער פרי זיך אויפגעכאַפּט מיטן געזאַנג פון די פייגל און מיטן ערשטן בליק זיך באַגריסט מיט די זונשטראַלן, וואָס האָבן באַגאָסן אַלע שלאָף־צימערן; פון פענצטער האָט מען געזען די בייטן פראַכטפולע בלומען, דעם גאָרטן מיט פרוכט־ביימער און פאַרשיידענע גרינסן; אַ טיפער סאָסנע־וואַלד האָט אַרומגערינגלט די סאַנאַטאָריע.

דאָס לעבן פון קינד איז דאָ געפלאָסן רויִק און גליקלעך. אין דער פרי איז מען איינציקווייז און גרופּעסווייז שנעל געלאָפן, כדי נישט צו פאַרשפּעטיקן צום קלונג אויף פרישטיק, געלאָפן צו די הינער, צו די טויבן, צו די קעניגלעך און צו דער „סאַנאַטאָריע״ פאַר קראַנקע פייגל און קליינע חיות. כמעט יעדעס קינד האָט געהאַט זיין באַליבטע הון אָדער האָן אָדער אַן אַנדער לעבעדיק באַשעפעניש, און האָט מיט גרויס ליבע געזאָרגט פאַר דעם. יעדן אינדערפרי האָט מען געזען, ווי די קינדער בליִען זיך ווירקלעך פונאַנדער פיזיש און גייסטיק. בלויז אַ פּאָר טעג אין אַנשטאַלט, און דאָס קינד קריגט גאָר אַן אַנדער פּנים און אַן אַנדער אויסזען. פון קינד שלאָגט מיט גליק, מיט פרייד, און עס טוליעט זיך צום לערער, דריקט אים שטילערהייט די האַנט, פול מיט צוטרוי און דאַנקבאַרקייט.

אויך די לערער אין סאַנאַטאָריע זענען געווען אין גאָר אַנדערע באַדינגונגען ווי אין שול: זיי האָבן טאַקע געאַרבעט מער שעהען ווי אין שול, אָבער דערפאַר האָבן זיי זיך גוט געשפּייזט, געהאַט די זעלביקע באַקוועמלעכקייטן וואָס די קינדער, אַליין פאַרבראַכט די מערסטע צייט אויף פרישער לופט, געווען פריי פון יעטוועדער מאַטע־ריעלער זאָרג וועגן אַנשטאַלט און וועגן זיך פערזענלעך. די מעגלעכקייט דורכצופירן פאַרשידענע פעדאַגאָגישע עקספּערימענטן האָט געגעבן גרויסע גייסטיקע באַפרידיקונג, האָט געמונטערט דעם לערער צו נייע דערגרייכונגען און אָפּט פאַר אים געעפנט נייע האָריזאָנטן; דאָ איז נישט געווען קיין „אינספּעקטאָר״, קיין אַדמיניסטראַציע־אויג, נישט געווען קיין אָבליגאַטאָריש פּראָגראַם; דאָ האָט געקלאַפּט אַ גרויסער אַפּאַראַט — מיט אַ סך קאָלעגן, מיט הילף פון אָנפירנדיקע עלטערע פעדאַגאָגן. און די גאַנצע אַטמאָספער אַרום דער סאַנאַטאָריע איז געווען אָנגעזאַפּט מיט ליבע, וואַרעמקייט און אויפמערקזאַמקייט פון דער יידישער און אַפילו נישט־יידישער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפטלעכקייט. דאָס אַלץ האָט געמונטערט, צוגעגעבן חשק און פליגלען צו דער

אַרבעט, עס האָט געוועקט איניציאַטיוו און איינפאַלן, עס האָט געשטויסן די לערערשאַפט צו זעלבסט־פאַרפולקאָמונג און צו וויסנשאַפטלעכער אַרבעט איבער זיך אַליין. די גרויסע פאַרווילונגען און פאַרשטעלונגען, וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער רעדן, האָבן אַריינגעטראָגן אַ סך פרייד און שעפערישקייט, האָבן אינטים צונויפגעבונדן די קינדער מיט דער לערערשאַפט, און דאָס האָט נאָך מער געהויבן די אַרבעטס־אַטמאָספער אין דער סאַנאַטאָריע. די אָנפירונג פון אַנשטאַלט האָט געהאַט אַ סך גרעסערע, ווי אין שול, מעגלעכקייטן דורכצופירן אין לעבן די פּראָגרעסיווע פּעדאַגאָגישע אידעען פון אַ נייער שול און פון אַ דערציִונגס־סיסטעם, וואָס האָט געשטרעבט צו באַנייען דאָס יידישע מאַסן־לעבן.

יעדער לערער האָט דאָ געקראָגן אַ מעגלעכקייט דורכצופירן אין לעבן זיין אידעאַל, אָנצווענדן זיינע באַגאַבונגען און פעִיקייטן. דער גאַנצער פּערסאָנאַל און גאָר באַזונדערס די לערער פלעגן ספּעציעל צוגעקליבן ווערן, און די גאַנצע אַרבעט איז געגאַנגען אונטער דער אָנפירונג פון ש. גילינסקי, וואָס איז געווען די נשמה פון אַנשטאַלט. זיין לאָזונג אין דער גאַנצער אַרבעט איז געווען: דורך ליבע און פריינדשאַפט געווינען דעם צוטרוי פון קינד, — געווינסטו דעם צוטרוי און דאָס קינד גלייבט דיר, דעמאָלט האָסטו די אמתע מעגלעכקייט צו באַווירקן דאָס קינד און לייכט אים פירן אויף נייע וועגן. ש. גילינסקי האָט שטענדיק מיט פרייד אויפגעכאַפּט יעדע נייע אידעע, יעדן נייעם פּעדאַגאָגישן געדאַנק, און צוזאַמען מיטן לערער־פּערסאָנאַל געזוכט וועגן און מיטלען ווי עס אַריינצופירן אין לעבן. און יעדער געלונגענער שריט האָט געגעבן אינספּיראַציע פאַר דער ווייטערדיקער אַרבעט.

אין 1932 האָט די פאַרוואַלטונג פון מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַרעפנטלעכט אַ בראָשור, אונטערן נאָמען „ווי אַזוי לעבט דאָס קינד אין מעדעם־סאַנאַטאָריע" (32 זייטן טעקסט, 16 זייטן בילדער פון די געביידעס און פון אַרום, און פון די קינדער ביים שפּילן, עסן, רוען און אַז"וו), דער מחבר פון דער אויסגאַבע איז געווען ש. גילינסקי. אין קורצע זאַכלעכע זאַצן און פּאַראַגראַפן ווערט דאָ באַשריבן דער פולער אַרבעט־פּראָגראַם פון דער סאַנאַטאָריע. די פּעדאַגאָגישע יסודות פונעם אַנשטאַלט ווערן דאָ אַזוי פאָרמולירט:

„וואָס מער אָנגענעם צו מאַכן דאָס לעבן פון די קינדער אין סאַנאַטאָריע; דערהייבן די קינדער צו אַ העכערן קולטור־ און לעבנס־ניוואָ; שאַפן געהעריקע פאָרמען פון קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן; אַריינציען די קינדער אין דער פירונג און טאָג־טעגלעכע אַרבעטן (חוץ, פאַרשטייט זיך, שווערע) פון אַנשטאַלט; דערנענטערן און באַקענען די שטאָטישע קינדער מיט דער לעבעדיקער נאַטור; איינשטעלן גלייכע און נאַטירלעכע באַציִונגען צווישן דערוואַקסענעם און קינד.

דער רעזשים, די אָרדענונג, די היגיענישע און קולטורעלע פאָרמען פון לעבן ווערן דאָ איינגעשטעלט צוזאַמען מיט די עלטערע און מיטעלע קינדער.

די קינדער ווייזן אַרויס אַ סך איניציאַטיוו און אינטערעס פאַר אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צו זייער לעבן אין סאַנאַטאָריע. זייער איניציאַטיוו ווערט אויפגעכאַפּט און ווי וויט מעגלעך רעאַליזירט, די קינדער זענען שטאָלץ מיט יעדער נייער איינריכטונג. אויף אַזאַ אופן ציען זיי זיך אַריין אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, און עס בילדעט זיך אויס דער דערציִערישער כאַראַקטער פון אַנשטאַלט".

ח. ש. קאַזדאַן און ש. גילינסקי
זומער 1954 אין לעקסינגטאָן, נ.י.

דעם גייסט און די דערגרייכונגען פון דער סאַנאַטאָריע־אַרבעט שילדערט די בראָשור אַזוי:

„אין אַנשטאַלט הערשט דער זעלבער גייסט, וואָס אין אַלע אַנשטאַלטן פון דער יי. ש. אָ. דאָס איז דער גייסט פון וועלטלעכקייט, אַרבעט און פרייהייט. דאָ ווערט אָפּגעהיט די אייגנאַרטיקייט און זעלבשטענדיקייט פונעם קינד, אָבער אויך די הייליקייט פון געמיינזאַמען אינטערעס.

דער קאָלעקטיוויסטישער גייסט איז דער יסוד פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און פון גאַנצן אַנשטאַלט. אין אַנשטאַלט הערשט דער גייסט פון גרויסן וולאַדימיר מעדעם.

די נאַטירלעכע באַציִונג צום קינד, דאָס אומבאַגרענעצטע און גוטע עסן, די באַקוועמלעכקייטן און דאָס אַלגעמיינע לעבן פון אַנשטאַלטווירקן אַזוי, אַז די נייע קינדער אַסימילירן זיך שנעל אין דער אָרטיקער סביבה. יעדעס קינד האָט אַ פעלד פאַר זיינע פאַראינטערעסירונגען און נייגונגען. יעדער דערוואַקסענער באַציט זיך דאָ מיט אַכטונג און פאַרשטענדעניש פאַרן קינדס פאַרלאַנגען, ווונטשן און פעִיקייטן. נישטאָ דאָ, ווי ווייט מעגלעך, קיין וואַנט צווישן דערוואַקסענעם און קינד, און אַוודאי נישט קיין קאַמף צווישן זיי. די קינדער באַציִען זיך מיט צוטרוי צו די דערוואַקסענע און גיבן זיך לייכט אונטער זייערע איינפלוסן. קינדער אויסגעהונגערטע, פאַרשמאַכטע און פאַרפּאָלגטע, בליִען זיך דאָ פאַנאַנדער פיזיש און גייסטיק. די קינדער בינדן זיך

אַזוי צו צום אַנשטאַלט און צו די לערער, אַז עס איז געגוג אַ באַוועגונג אָדער אַ וואָרט, כדי צו באַהערשן דעם גאַנצן עולם. צווישן די קינדער און לערער הערשן קעגנזייטיקע אַכטונג, האַרציקייט און אַפילו שטאַרקע ליבע פון איינעם צום צווייטן. דער גרעסטער טייל קינדער פאַרלאָזט דעם אַנשטאַלט מיט טרערן אין די אויגן. פיל קינדער קאָרעס־פּאָנדירן כסדר מיט די לערער. די צוגעבונדנקייט צום אַנשטאַלט איז אַזוי שטאַרק, אַז די געוועזענע סאַנאַטאָריסטן פון וואַרשע האָבן געגרינדעט אַ פאַרבאַנד אונטערן נאָמען „קינדער־פריינד פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע". מיטגלידער פון פאַרבאַנד באַטייליקן זיך אין יום־טובים און אונטערנעמונגען פונעם אַנשטאַלט".

✶

די לערער פון סאַנאַטאָריע — דאָס זענען געווען יונגע, אידעאַליסטישע פּעדאַגאָגן: מ. גילינסקי (באַטקע), האָט מיט זיינע וועכנטלעכע קאָנצערטן און מיט די גרויסע פאַרוויילונגען אָנגעפילט מיט נייעם לעבן יעדעס קינד און דעם גאַנצן אַנשטאַלט. דער לערער יאַנקל טראָופּיאַנסקי, אַ באַגאַבטער מוזיקער, האָט דאָ מיט די קינדער אויסגעשפּילט זיינע אַלע מוזיק־חלומות, האָט אָנגעפירט מיטן כאָר, געשריבן מוזיק פאַר קאָלעקטיוו־געשאַפענע לידלעך אין סאַנאַטאָריע, די מוזיק צו די „ליאַלקעס", „שפּייכלער" און די אַנדערע שפּילערייען. ד"ר ישראל ביבער, אַ געלערנטער ביאָלאָג, האָט דאָ אין סאַנאַטאָריע, אויפן שויס פון דער נאַטור, געשאַפן וווּנדער אויפן געביט פון דערנענטערן די קינדער צו די בעלי־חיים און צו דער געוויקסן־וועלט. דער לערער־פאַרוואַלטער יוסף ברומבערג, די באַגאַבטע לערערין חנה זאַקהיים, די אַביטוריענטן פון ווילנער לערער־סעמינאַר יוסף קאַץ, מאַן און אַנדערע, — יעדער פון זיי האָט אַריינגעטראָגן ליבע און האַרץ, באַגאַבונג און נשמה אין אַנשטאַלט.

די פאַרוואַלטונג פון דער סאַנאַטאָריע פון איר זייט (ש. גילינסקי, יצחק גיטערמאַן, ש. מענדעלסאָן, מנחם ראָזנבוים, י. ברומבערג, אסתר איווינסקאַ, ל. האַניגוויל, י. פּאַט, י. שמויש, ל. נוישטאַט, מ. אָזשעך, פעליקס גודמאַן, ד"ר סאָפיע גאָלדע, ד"ר א. ברוידע־העלער, ז. מושקאַט, שרה שוועבער — בראש מיטן פאַרזיצער ח׳ נח (יוזעף פאַרטנוי) האָט געהאַט גרויס פאַרשטענדעניש פאַר די עקספּערימענטן און שטרעבונגען פון דער לערערשאַפט, נישט געקאַרגט קיין מיטלען אויף אויסצובעסערן די באַדינגונגען פון דער אַרבעט און דערציִונג אין דער סאַנאַטאָריע. דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַן אידעאַלע סביבה און אַ פּרוכטבאַרן באָדן אויף אַוועקצושטעלן אַ גרויס זעלבשטענדיק סיסטעם און מעטאָד פון לערנען און דערציען, אָרגאַניזירן און אַקטיוויזירן די קינדער־באַפעלקערונג (וואָס האָט זומער דערגרייכט ביז 3־4 הונדערט) פון אַט דער ליכטיקער, זוניקער קינדער־רעפּובליק.

„קינדער־רעפּובליק" — דאָס איז טאַקע דאָס וואָרט, וואָס באַצייכנט אַמבעסטן אַלע אויסערלעכע און אינערלעכע אייגנשאַפטן פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

✶

אין אמתער האַרמאָניע מיט די לערער האָט דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל (דאָקטוירים און שוועסטער־סאַניטאַרינס), פול מיט באַגייסטערונג פאַר די פיזישע און

גייסטיקע דערגרייכונגען פון די קינדער און פון אַנשטאַלט, געאַרבעט טאָג און נאַכט פאַרן וווּיל פון קינד. במשך פון די יאָרן האָבן דאָ געאַרבעט די דאָקטוירים: העלענע קעלסאָן (דורכגעמאַכט די קאָנצענטראַציע־גיהנומס און געפינט זיך איצט אין שוועדן), אַננאַ ברוידע־העלער, שפּילפּאָגעל־ליכטנבוים, ראַזנגאַרטן, מינץ (אומגעקומען מיט די קינדער); די ערשטע סאַניטאַרין און מיטבויערין פון אַנשטאַלט — ריווע בערנשטיין; דער ליבלינג פון די קינדער, חיהלע פּלעקסער־ראַזנשטיין (אומגעקומען).

מיר וועלן דאָ פאַרצייכענען די מיינונגען און איינדרוקן פון עטלעכע אויטאָריטעטע פאַכמענער דאָקטוירים, וועלכע האָבן זיך באַקענט מיט דער סאַנאַטאָריע־אַרבעט און אירע דערגרייכונגען. דער גרעסטער אויטאָריטעט אין דעמאָלטיקן פּוילן אין פעלד פון קינדער־מעדיצין, פּראָפעסאָר ד״ר מיכאַלאָוויטש, רעקטאָר פון וואַרשעווער אוניווער־סיטעט און דירעקטאָר פון קינדער־קליניק ביים אוניווערסיטעט, האָט געשריבן וועגן זיין באַזוך אין סאַנאַטאָריע: „איך האָב געזען און באַוווּנדערט אויף יעדן טריט מיט וואָס פאַר אַ באַשיידענע מיטלען אָבער מיט ליבשאַפט קאָן מען שאַפן אַ מוסטערהאַפטע אינסטיטוציע״. דער אויספלוג פון פאַרבאַנד פון דאָקטוירים אין דער פּוילישער רעפּובליק האָט געשריבן וועגן זיין באַזוך אין סאַנאַטאָריע: „מיר דאַנקען דער פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַרן איינאַרדענען דעם דאָזיקן אויספלוג און מיר דריקן אויס אונדזער באַוווּנדערונג פאַר דער אָנפירערשאַפט פון דער סאַנאַטאָריע, פאַר דער מוסטערהאַפטער פירונג און היגיעניש באַדינגונגען״. דער אויספלוג פון דער יידישער דאָקטוירים־געזעלשאַפט האָט איבערגעגעבן זיין איינדרוק: „אייער אַרבעט וועט זיין פאַר אונדז אַ וועגווייזער און מוסטער אין דער צוקונפט״.

ב) אקטיווקייט און זעלבסטפאַרוואַלטונג פון די קינדער

צו קיין שווערע פיזישע אַרבעטן האָט די סאַנאַטאָריע נישט אויסגענוצט די קינדער — דאָס אַלץ האָט אויסגעפירט דער טעכנישער פּערסאָנאַל. אָבער אַפילו אָן דעם האָבן די קינדער געטראָגן אויף זיך הונדערטער פליכטן און ראָלן. און דער דערציערישער אויפטו פון דער סאַנאַטאָריע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַט די אַלע התחייבותן האָבן די קינדער אויסגעפירט אויפן באַזיס פון אַ ברייט־פאַרצווייגטער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. די דאָזיקע קאָמפּליצירטע מאַשין האָט מען געזען אויף דעם גרויסן „בוים פון זעלבסטפאַרוואַלטונג״, וואָס איז געווען אויסגעמאָלן אויף אַ שיינער קאָלירטער מאַפּע און האָט געוויזן אַלע קאָמיסיעס, ראַטן, קלובן און אַמטן, אין וועלכע די קינדער פון סאַנאַטאָריע זענען אַריינגעצויגן. און אַלץ האָבן די קינדער געטאָן ערנסט, דורכגעטראַכט, זעלבסט־טעטיק אָבער אונטער דער אָנפירונג פון אַ לערער.

עס וועט זיין גענוג אויסצורעכענען די דאָזיקע פאַרשידנאַרטיקע אַמטן, און דאָס וועט געבן אַ בילד סיי וועגן דעם לעבן פון קינדער אין סאַנאַטאָריע, סיי וועגן זייער זעלבסט־טעטיקייט: אַ קאָמיסיע וואָס גיט אַכטונג אויף דעם וואַשן און באָדן זיך פון די קינדער, פאַרן שלאָפן גיין און צום עסן; אַ קאָמיסיע וואָס האָט די השגחה אויף די בעטן און אָרדענונג אין די שלאָף־צימערן און אויף דעם פאַרבעטן די געלעגערס דורך די קינדער; אַ קאָמיסיע איבער דעם טויבן־שלאַק, אין וועלכן עס האָבן זיך געהאָדעוועט

אַ פּאָר הונדערט טויבן, — אַ קוואַל פון גרויסן פאַרגעניגן פאַר די קינדער; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט איבער דער פּאָסט, — קינדער האָבן דאָך געהאַלטן אין איין שרייבן און באַקומען בריוו; אַ קאָמיסיע איבער דעם הויף פון הינער־צוכט, אַ געביט, וועלכער האָט זיך געהאַלטן אין איין אַנטוויקלען, — די ראַסאָווע הינער מיט זייער אייער־לייגן האָבן דערגרייכט צו גאָר הויכע צאָלן; אַ קאָמיסיע איבער די געהאָדעוועטע האָזן, קעניגלעך (קראָליקלעך) און טשערעפּאַכעס, אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיטן נאַטור־וויסנשאַפטלעכן מוזיי, — דערביי האָבן זיך שטענדיק געפונען און זיך אַנטוויקלט קינדער מיט גרויס פאַרשטענדעניש פאַר דער אַרבעט פון פּרעפּאַרירן, קאָנסערווירן און קאָלעקציאָנירן די אָביעקטן פון לעבעדיקער און טויטער נאַטור, — דער מוזיי האָט שוין פאַרמאָגט ביי צוויי טויזנט אייגענע עקספּאָנאַטן און ער האָט געהאַלטן אין איין באַקומען וויכטיקע מתנות פון די פריינד פון סאַנאַטאָריע אין אַלערליי לענדער; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געהאָלפן דערלאַנגען צו די טישן און אַכטונג געבן, אַז אַלץ זאָל אויפגעגעסן ווערן, מ׳זאָל נישט איבערלאָזן גאָרנישט אין די טעלער; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט אַכטונג געגעבן אויף די פּריוואָטע קליידער פון די קינדער, זיי זאָלן הענגען אין אָרדענונג, עס זאָלן אין זיי נישט פעלן קיין קנעפּלעך, זיי זאָלן נישט זיין צעריסן און אַזוי; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט דער ביבליאָטעק, אַרויסגעגעבן ביכער און אַכטונג געגעבן, אַז אין לייען־צימער זאָל זיין שטיל און רויק; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיטן קלוב אין די פּאָר שעה פון קלוב־צייט, אַרויסגעגעבן און אָפּגענומען די שפּילגעצייג אַזוי; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיטן צייכן־ און אַרבעטס־צימער, אין וועלכן עס זענען געווען פאַרשידענע מינים עלעמענטאַרע האַנט־אַרבעטן, — איין צייט איז דאָ אַפילו געגאַנגען אַ גרויסע „פּראָדוקציע" פון „קונסט־געווערבע"־אויסאַרבעטונגען. מ׳האָט געמאָלן אויף טעלער, גלאָזוואַרג אַזוי; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַלטן אָרדענונג אין בלומען־ און גרינס־גאָרטן; אַ רעדאַקציע־קאָמיסיע פון „אונדזער ראַדיאָ" און פון דער וואַנט־צייטונג; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט און אַרויסגעגעבן די קינדער אין באַשטימטע פרייע רו־שעהען — זייערע פּריוואַטע נאַשוואַרגן; „ברידער און שוועסטער", וואָס האָבן געהאַט רירנדיקע השגחה איבער איינצלנע קלענערע קינדער — צו־יונגע, נישט אַנטוויקלטע, קראַנקע, אומבאַהאָלפענע, ראַכיטישע וכדו׳; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרשריבן די טעמפּעראַטור פון יעדן קינד — געמאָסטן דורך דער קראַנקן־שוועסטער; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט פאַרוואַלטעט מיט דער אייגענער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע פון דער סאַנאַטאָריע (ווינט, אַטמאָספער, טעמפּעראַטור) און געפירט קאָרעספּאָנדענץ מיט דער מלוכהשער הויפּט־סטאַציע פאַר מעטעאָראָלאָגיע; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט השגחה איבער דער אָראַנזשעריי (וואַרעם־הויז) פון דער סאַנאַטאָריע; אַ קאָמיסיע פאַרן בלומען־קאַלענדאַר; אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געהאַט השגחה איבער דעם גרויסן באַליבטן הונט — דעם נאַכט־שומר פון דער סאַנאַטאָריע; אַ קאָמיסיע פון שיך־פּוצן, פון הויף־אַכטונג־געבן, מען זאָל נישט וואַרפן קיין פּאַפּירלעך; אַ גאַסט־קאָמיסיע; אַ פאָלקלאָר־קאָמיסיע. אָט די פּאָר צענדליק אַמטן, קאָמיסיעס — זענען געווען געקרוינט מיט דער צענטראַלער און העכסטער קערפּערשאַפט, דער קינדער־ראַט, וואָס פלעגט אויסגעקליבן ווערן פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג פון די קינדער.

ביים ווילן די אַמטן פּלעגן די קינדער פּריוווּיליק זיך מעלדן, וואָס פאַר אַן אַמט זיי ווילן אָננעמען, קיין צוואַנג־אַמטן זענען נישט געווען. קינדער האָבן אַריינגעטראָגן אין זייערע אַמטן איניציאַטיוו, איבערגעגעבנקייט און גרויס פלייס ביים אויספירן. די גרעסטע פרייד פאַר אַ קינד איז געווען, ווען דער „אונדזער ראַדיאָ" פלעגט אויסציי־כענען אַ קינד פאַר אַ גוטן איינפאַל, פאַר זיין מוסטערהאַפטן אויספירן דעם אַמט אָדער פאַר לערנען די ניי־אָנגעקומענע ווי אַזוי די אַרבעט אַמבעסטן צו מאַכן; און פאַרקערט, אומגליקלעך איז געווען אַ קינד, ווען „אונדזער ראַדיאָ" האָט זיך געוויצלט איבער זיין אַרבעט.

יעדעס ווינקעלע פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג איז געווען אונטערן אויג און פּירערשאַפט פון אַ לערער אָדער פון אַ מיטגליד פון פּערסאָנאַל. דאָס קינד איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן קינדער־ראַט, און דער לערער — פאַרן פּעדאַגאָגישן ראַט.

און דער לאָזונג פון פּעדאַגאָגישן ראַט איז געווען: יעדע וואָך אַ טריט פאָרויס.

דאָס גאַנצע סיסטעם פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג איז נישט געווען קיין קינסטלעך־צוגעטראַכטע און אַרויפגעצוווּנגענע פאַר די קינדער. אין אַ גרויסער מאָס האָבן די קינדער געבראַכט מיט זיך אַלע פאָרמען — שוין פון די בענק פון דער ציש״אָ־שול.

די ערשטע יאָרן פון דער סאַנאַטאָריע־עקזיסטענץ איז כמעט די גאַנצע באַפעל־קערונג פון דער סאַנאַטאָריע — געווען קינדער, וואָס האָבן געלערנט אין דער ציש״אָ־שול. שפּעטער האָט זיך די זאַך שוין אויף אַ נאַטירלעכן אופן ווייטער אַנטוויקלט, און איבערגעגעבן געוואָרן פון איין דור קינדער צו אַ צווייטן, פון איין קינדער־ראַט צו אַ צווייטן. אַלע אַמטן און קאָמיסיעס זענען געוואַקסן צוזאַמען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער סאַנאַטאָריע און איר כסדרדיקער אַרומוואַקסונג מיט נייע אַרבעטס־ און דערציִונגס־געביטן. די אַמטן פון די קינדער זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע: וואָך־אַמטן און אַזעלכע, וואָס האָבן לענגער געדויערט. אַ סך אַמטן זענען געקומען פון דער אייגענער איניציאַטיוו פון די קינדער. די אָרדענונג און דאָס גוטע „קלאַפּן" פון אַלע אינסטיטוציעס איז אין זייערע אויגן געווען באַשיינפּערלעך וויכטיק פאַרן געזונט און רו פון די קינדער און פון דער אינסטיטוציע, — די קינדער גופא האָבן דאָס לייכט באַגריפן און אָפּגעהיט. די גרויסע מאַשין פון אַרבעט־ און פליכטן־פאַרטיילונג האָט די קינדער אימפּאָנירט און אַריינגעצויגן; דאָס איז פאַר זיי געווען אַ שול, וווּ זייערע אַמביציעס, זעלבסט־טרענירונג און זעלבסט־אויספּרוּווּנג, זייערע געזעלשאַפטלעכע אינסטינקטן און ענערגיע האָבן געפונען פולן אויסדרוק און אויסלעבונג. די קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג איז געווען פאַר די סאַנאַטאָריע־איינוווינער אַ נאַטירלעכע און העכסט־וויכטיקע זאַך, אַ טייל פונעם גאַנצן סאַנאַטאָריע־לעבן, פון וועלכן עס איז געווען אָפּהענגיק מיין געזונט און רו, דיין געזונט און רו, אַלעמענס.

ג) סאָציאַליסטישע רעפּובליק

קיינער האָט מיט דעם דאָזיקן נאָמען נישט באַצייכנט די סאַנאַטאָריע — נישט די לערער, נישט די קינדער, נישט די פּרעסע. אָבער פאַקטיש איז אין באַוווּסטזיין און געפיל פון די קינדער, עלטערן, לערער און געזעלשאַפטלעכע טוער — די סאַנאַטאָריע געווען

אַ מוסטער פון אַ סאָציאַליסטישן אַנשטאַלט, ווו עס הערשט פרייהייט, גלייכהייט, ברידערלעכקייט, ווו יעדער זאָרגט פאַר אַלעמען און אַלע פאַר איינעם. די דאָזיקע „סאָציאַליסטישקייט" פון דער סאַנאַטאָריע־דערציִונג האָט זיך אויסגעדריקט אין הונדערטער קלייניקייטן. זי איז נישט געווען פאָרמולירט אין קיין שום קאָדעקס, אָבער זי האָט פאַקטיש עקזיסטירט אינעם עצם לעבן פונעם אַנשטאַלט. זי האָט זיך אויסגעדריקט אין פאַרשידענע פאָרמען, כאָטש דאָס וואָרט „סאָציאַליסטישקייט" האָט נישט פיגורירט. מען קאָן זאָגן: די קינדער האָבן געלעבט און געשאַפן סאָציאַליסטיש, נישט חושד זייענדיק אַז דאָס איז סאָציאַליסטיש.

שוין די זעלבסט־פאַרוואַלטונג איז געווען אַ וויכטיקער עלעמענט פון דער דאָזיקער סאָציאַליסטישער דערציִונג. דאָס גאַנצע לעבן האָט דאָ פאַרגעשטעלט איין גרויסן קאָלעקטיוו, ווו אַלע זאָרגן פאַר אַלע: די מעדיקער אויף זייער אופן, די לערער אויף זייער שטייגער, דער טעכנישער פערסאָנאַל און די קינדער גופא אויף זייער אייגענעם שטייגער. אַלץ האָט דאָ „געאַרבעט", אויב נישט פיזיש, איז גייסטיק, אידעיִש. אין אַלץ האָט געהערשט פולע פרייהייט, אָבער זי האָט נישט געטאָרט קאָלידירן מיט די אינטערעסן פון אַנשטאַלט און זיינע איינוווינער, און דעריבער איז די פרייהייט געווען געבונדן נישט נאָר מיט אַ פרייוויליקער זעלבסט־דיסציפּלין, נאָר אויך מיט געוויסע אויפגעצווונגענע פאָדערונגען און כללים. נישט נאָר האָט מען זיך געמוזט אונטערוואַרפן די פאָדערונגען פונעם דאָקטאָר אין פּרט פון אָבליגאַטאָרישער רו, קליידונג, נישט־דערלויבטע שפּילערייען, רפואות, אָדער זיין פאַרשפּאַרט אין איזאָלאַציע־צימער; נאָר אויך דעם דירעקטאָר, דעם לערער, דער בעל־הביתטע האָט מען געמוזט פאָלגן; און נישט נאָר זיי, דעם קינדאויפזעער, משגיח, מיטגליד פון ראָט, וואָס איז אַליין אַ סאַנאַטאָריסט, האָט מען אויך געמוזט פאָלגן. אַנדערש וואָלט די גאַנצע מאַשין נישט פונקציאָנירט. אַלע זענען דאָ געווען גלייך, אַלע האָבן געגעסן דאָס זעלביקע און צוזאַמען; און אַלע זענען געווען גלייך פאַראַנטוואָרטלעך און פאַרפליכטעט. צווישן דערוואַקסענע און קינדער האָט געהערשט אמתע חברישקייט, גלייכהייט און אינטימע באַציִונג.

די סאַנאַטאָריע איז נישט געווען קיין פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציע, און דער ריח פון „צדקה" האָט זיך דאָ נישט געפילט אויף קיין האָר, הגם אַ סך קינדער האָבן זיך דאָ אויסגעהאַלטן אין גאַנצן בחינם. און אַקעגן — זענען שטענדיק געווען קינדער, וועלכע האָבן געצאָלט אַ הויכן אָפּצאָל. די סאַנאַטאָריע האָט געטראָגן דעם נאָמען פון וול. מעדעם. און האָבן די יידן אין דערבייִיקן שטעטל מיעדזעשין געמעגט נישט וויסן, ווער איז דער מעדעם, און אַ סך פון זיי האָבן דעם אַנשטאַלט טאַקע אָנגערופן ביים נאָמען „מעדעמס סאַנאַטאָריע", מיינענדיק אַז דאָס איז דער אינהאָבער פון דער געביידע. אָבער די קינדער פון סאַנאַטאָריע און זייערע עלטערן האָבן גוט געוווּסט, ווער עס איז מעדעם. און דער בונדישער גייסט פונעם באַליבטן פירער האָט זיך געפילט אינעם אַנשטאַלט. דער נאָמען האָט מחייב געווען די לערער און די אָנפירערשאַפט, ער האָט אויך מחייב געווען די קינדער, — ווער פון זיי עס האָט עס פאַרשטאַנען, און ווער פון זיי האָט עס אַרויסגעפילט.

די סאַנאַטאָריע איז געווען אַ טייל פונעם יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן פון דער ציש"אָ; זי איז געווען אַ טייל פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און דאָס האָט

געלייגט אַ טיפן חותם אויפן גאַנצן גייסטיקן פּרצוף פונעם אַנשטאַלט. די סאַנאַטאָריע איז געווען אין שטענדיקן לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט דער בונדישער באַוועגונג, מיט דער שול־באַוועגונג, מיט דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. אַן איבערייס האָבן אַהער געשטראָמט דעלעגאַציעס און אויספלוגן פון פאַרשידענע פּאָליטישע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פון יידישע און נישט־יידישע; עס זענען געקומען יחידים פון לאַנד און אויסלאַנד. עס האָבן דאָ פאַרבראַכט יידישע שרייבער און פּאָעטן, מענטשן מיט פּאָפּולערע נעמען, וועלכע די קינדער האָבן געקענט. און אַט דער קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט האָט געהאַט אַן אומגעוויינלעכע דערציערישע פּעולה אויף די קינדער. זיי האָבן זיך געפילט ווי בירגער פון אַ גרויסער וועלט. זיי האָבן אויפגענומען די געסט, אָפט פאַרגעבראַכט פאַר זיי לידער און אינסצעניזאַציעס. איז געקומען אַהער דער פאָרזיצער פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג, דער ח׳ נח, איז ער געווען פאַר די קינדער נישט דער „באַלעבאָס״ און „פּאַן דירעקטאָר״, נאָר דער פירער פון די יידישע אַרבעטער, דער פאָרזיצער פון צענטראַלן קאָמיטעט פון „בונד״ און, נאַטירלעך, אויך דער פאָרזיצער פון סאַנאַטאָריע.

נאָכן טויט פון ח׳ נח (יוזעף) האָט ש. גילינסקי, געשריבן אַן אַרטיקל א״נ „יוזעף, דער פאָרזיצער פון אונדזער קינדער־סאַנאַטאָריע״ („אונדזער צייט״ נאָוועמבער 1941). אין רירנדיקע ווערטער האָט ער געשילדערט די פּערזענלעכקייט „יוזעף״ אויפן פאָן פון דער סאַנאַטאָריע.

„ח׳ יוזעף — האָט ער געשריבן — איז געווען פאַר די קינדער, פאַרן פּערסאָנאַל, דער לעבעדיקער מוסטער פון דעם, צו וואָס מיר אַלע האָבן געשטרעבט.

די לעגענדע מעדעם פון איין זייט און דער לעבעדיקער יוזעף פון דער צווייטער זייט האָבן אין אַ גרויסער מאָס אונדז פאַרלייכטערט צו פאַרווירקלעכן די שווערע פּעדאַגאָגישע אויפגאַבן, וועלכע מיר האָבן זיך געשטעלט.

ח׳ יוזעף האָט זיך אַזוי גוט געפילט צווישן די קינדער. דאָרט צווישן די קינדער פלעגט מען אויף זיין פּנים אָפטער זען דעם ליבן שמייכל.

שטיל און באַשיידן פלעגט ער אַזוי אָפט אַרומשפּאַצירן איבער די זייטיקע אַלייען אָדער זיצן פאַרטראַכט אויף אַ באַנק אונטער אַ זייטיקן בוים. ער האָט שטענדיק מורא געהאַט, טאָמער שטערט ער מיט זיין אָנוועזנהייט די קינדער צו האַלטן זיך פריי און צו שפּילן זיך.

דערפאַר אָבער אין עס־זאָל אָדער אין פאַרוויילונגס־זאַל פלעגט ער קיינמאָל נישט זיצן אָפּגעזונדערט פון די קינדער.

די קינדער פלעגן זיין שטאָלץ מיט דעם, וואָס ח׳ יוזעף, וועגן וועמען זיי האָבן אַזוי פיל זיך אָנגעהערט פון טאַטע־מאַמען, פון ברידער און שוועסטער, פאַרברענגט מיט זיי צוזאַמען ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, ווי אַן עלטערער חבר אָדער ווי אַ גוטער טאַטע.

אין אַזעלכע פאַלן פלעגט די שטימונג שטענדיק זיין אַ געהויבענע, אַ יום־טובדיקע.

נישט געווען כמעט קיין יום־טוב, קיין פאָרשטעלונג אין סאַנאַטאָריע, אויף וועלכער יוזעף זאָל ניט זיין.

און פלעגט אַ מאָל אַ יום־טוב אָדער אַ פאָרשטעלונג נישט געלינגען, פלעגט יוזעף

קיין מאָל זיך נישט כעסן, קיין מאָל קיינעם נישט מאַכן קיין פאָרוואורפן. ער פלעגט ביי אַ געלעגנהייט געמיינזאַם מיטן פערסאָנאַל זוכן מיטלען ווי אַזוי אין דער צוקונפט אויסצומיידן די באַגאַנגענע פעלערן.

יוזעף פלעגט אַריינטראָגן יומטובדיקייט אויך אין דער וואָכעדיקער אַרבעט. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלע טאָג־טעגלעכע נויטן, מיט קליינע און גרויסע זאָרגן.

די גרעסטע זאָרג זיינע איז געווען וואָס מער צו פאַרגרעסערן און אויסצוברייטערן דעם אַנשטאַלט, כדי קאָנען אַריינגעמען וואָס מער קינדער. יעדער אָקער צוגעקויפטן באָדן, יעדע נייע איינריכטונג איז פאַר אים געווען אַ גרויסע פרייד.

שטילערהייט האָט ער געחלומט וועגן אַן אַנשטאַלט, וואָס זאָל קאָנען געבן פרייד און גליק — נישט הונדערטער, נאָר טויזנטער קינדער".

✶

אַזוי האָט זיך דאָ געשאַפן אַ קולט פאַר די אָנגעזעענע פערזענלעכקייטן פון דער יידיש־וועלטלעכער סביבה און קולטור. די סאַנאַטאָריע איז אין די אויגן פון די קינדער געווען אַן אַרבעטער־אינסטיטוציע, אַ מוסטער פון דער וועלט פון דער צוקונפט, וואָס אין איר זענען פאַרווירקלעכט שוין היינט די אידעאַלן פון אַרבעטער־קלאַס און סאָציאַליזם.

עס האָבן דאָ אויך פונקציאָנירט קרייזן פון „סקיף" (סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד), ווו מען האָט די קינדער געלערנט און דערצויגן אין פאַרטייאיש־בונדישן גייסט. אָבער די דאָזיקע אַרבעט האָבן געטאָן נישט די לערער, נאָר דירעקטע פאַרשטייער פון סקיף; צווייטנס, די אָנגעהעריקייט צו אַזאַ קרייז איז געווען נישט קיין פליכט, נאָר אַ פּריווילעגיע. אָקעגן, די סאָציאַליסטישע דערציִונג, האָט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַרומגענומען אַלע קינדער אָן אויסנאַם, פון קליין ביז גרויס.

אויף אַזאַ אופן האָט די סאַנאַטאָריע און דאָס פאַרברענגען דאָ פון די קינדער באַקומען אַ העכערן זינען. די סאַנאַטאָריע איז געוואָרן אַ סך מער פון אַ הייל־מעדיצינישן אַנשטאַלט, אַ סך מער פון אַן אָפּרו־הויז פאַר קינדער; עס איז געוואָרן אַ הייל־פּעדאַגאָגישע אינסטיטוציע מיט אַ הויכער אידעע. עס איז געוואָרן אַ סאָציאַליסטישער און אוניווערסאַליסטישער דערציִונגס־אַנשטאַלט. די סאַנאַטאָריע איז געווען אַ סאָציאַליסטישער אַאַזיס אין דער סביבה פון אַרעמקייט, פון אַלץ אָנוואַקסנדיקן פאַשיזם אין לאַנד.

איז געקומען אַן ערשטער מאַי, אַן אַנדער אַרבעטער־יום־טוב, וואַלן צום פאַרלאַמענט וכד', — האָבן עס די קינדער אין סאַנאַטאָריע אַדורכגעמאַכט אויף זייער אייגענעם אופן. איז געקומען אַ פּאָליטישער שטרייק קעגן דער רעגירונג פאַר איר פּאָגראָם־פּאָליטיק לגבי דער יידישער באַפעלקערונג; איז אין שפּאַניע אָנגעגאַנגען אַ מלחמה פאַרן קיום פון דער רעפּובליק; איז אין פּוילישן קוילן־ראַיאָן פאָרגעקומען אַ פאַרביטערטער שטרייק פון די קוילן־גרעבער, — האָבן דאָס די קינדער פון סאַנאַטאָריע שאַרף איבערגעלעבט, אַרויסגעוויזן צו דעם אַלעם אַ בלוטיקן אינטערעס, זיך „מיטבאַטייליקט" אין דעם דורך שפּיל, דורך געלט־זאַמלונג, דורך שיקן בריוו, דורך אַן אייגענעם „סימפּאַטיע־שטרייק".

ווי מיר האָבן שוין אויבן דערציילט, איז די קרוין פון דער דאָזיקער אינטערנאַציאָנאַליסטישער און סאָציאַליסטישער דערציִונג געווען די צוגרייטונג פונעם קלאַנג־פילם מיר קומען אָן. צענדליקער קינדער האָבן זיך באַטייליקט אין די צוגרייטונגען און אינעם פילם גופא. צענדליקער טאַלענטן פון די קינדער האָבן זיך דאָ אַנטפּלעקט. צענדליקער שיינע איינפאַלן, זשעסטן, מימיק־באַוועגונגען האָבן די קינדער אַליין בייגעטראָגן. יעדע סצענע האָבן זיי טיף איבערגעלעבט. עס איז געווען אַ גרויסער געזאַנג און קאַמפּסרוף — וועגן זיי אַליין און זייערע עלטערן. דאָ איז געווען פאַרקערפּערט דער גרויסער טרוים פון אַ צוקונפט־וועלט, וואָס זיין לעבעדיקער מוסטער איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע. און די פּוילישע רעאַקציע האָט „ריכטיק" אָפּגעשאַצט דעם ווערט און באַטייט פונעם פילם. אין אים זענען נישט געווען קיין שום רעוואָלוציאָנערע לאָזונגען; דאָ איז נישט געווען קיין פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם; קיין שום אַנטי־פּוילן און אַנטי־רעגירונג־אַגיטאַציע. אָבער דער גייסט, וואָס האָט געשוועבט איבערן פילם, דער ליכטיקער פלאַם וואָס האָט פון אים אַרויסגעשטראַלט; דער רוף צו פרייהייט און גערעכטיקייט, וואָס האָט פון פילם אַרויסגעקלונגען; דאָס האָט געשטאַכן די אויגן פון דער רעאַקציע, און דאָס האָט געמאַכט דעם ברוטאַלן פאַרבאָט פונעם פילם.

אין אַ קורצן, צענזור־געפּענטעטן אַרטיקל, געזעגנט זיך אין נאָמען פון דער גאַנצער שול־באַוועגונג, ש. מענדעלסאָן, מיטן פאַרבאָטענעם פילם. דער אַרטיקל הייסט טאַקע „פאַרבאָטן". ש. מענדעלסאָן שרייבט אין אָפיציעלן אָרגאַן פון „ציש"אָ"־שולוועזן (פעברואַר־מערץ 1936):

„אַ קורצער בריוו פון אינערן־מיניסטעריום: דער פילם „מיר קומען אָן" פון מעדעם־סאַנאַטאָריע איז פאַרבאָטן.

די גאַנצע פּראָגרעסיווע (יידישע און פּוילישע) פּרעסע האָט זיך טיילווייז שוין אָפּגערופן און וועט נאָך שרייבן וועגן דעם. אַלע שאַצן אָפּ דעם גרויסן קינסטלערישן ווערט פון פילם, יעדער, וואָס זעט אים, ווערט אַנגעשטעקט מיט קינדער־פרייד, מיט האַרציקייט, וואָס שטראַלט אַרויס פון דעם ווונדערלעכן ווינקל, וואָס רופט זיך „מעדעם־סאַנאַטאָריע".

אָבער דער פילם שטרייכט קלאָר און בולט אונטער די אינטימע פאַרבינדונג צווישן דער סאַנאַטאָריע און אונדזער שול. ס'איז שווער צו באַצייכענען — ווו איז די שייד־ליניע. סאַנאַטאָריע און שול איז סוף־כל־סוף דאָס זעלבע. דער סאַנאַטאָריע געלינגט צו רעאַליזירן בולט (אַדאַנק אַ גאַנצער ריי באַדינגונגען) די דערציערישע טרוימען, וואָס זענען געבוירן און אויסגעוואַרעמט געוואָרן אין די ווענט פון אונדזער שול.

און דעריבער איז נישט קיין ווונדער, וואָס די כמורנער־שול, מענדעלע־פייערונגען, אונדזער סיסטעם פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג, דער שול־הימן — זענען אַזוי פעסט אַריינגעפלאָכטן אין פילם, ס'איז אַזוי נאַטירלעך דער איבערגאַנג פון שול אין סאַנאַטאָריע.

די קינדער פון אונדזער שול פילן זיך אין סאַנאַטאָריע היימיש באַלד פון דער ערשטער מינוט. דאָרט איז דאָך דאָ די דערציִערישע לופט, מיט וועלכער זיי אָטעמען כסדר.

און ווען די צענזור האָט פאַרשטומט די קינדער און לערער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, איז דער שלאָס אַרויפגעלייגט אויך אויפן מויל פון אונדזער שול.

דעריבער איז דער קלאַפּ אַזוי ווייטיקלעך — דעריבער האָט ער אונדז אַלעמען געטראָפן.

דער פאַרבאָט פון פילם איז אַן אָנגריף אויף אונדזער גאַנצער קולטור־ און שול־באַוועגונג".

אויך אין דער „פאָלקס־צייטונג" האָט ש. מענדעלסאָן אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל אונטער דעם נאָמען „אונטער דעם דעקמאַנטל פון הומאַניטאַריזם". מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר פראַגמענטן פונעם דאָזיקן אַרטיקל (10 אַפּריל 1936):

„לייענט איר איין מאָל און ווידער אַ מאָל דעם בריוו פון מיניסטעריום און גלויבט ניט די אייגענע אויגן. טאַקע ערנסט — די קליינע, האַרציקע לייזערקעס, חיימלעך, טאָלטשעס, חנהלעך, אַרעלעך האָבן גאָר נישט געוווּסט, אַז זינגענדיק און טאַנצנדיק — רירן זיי אָן די יסודות פון דער רעפּובליק, אַז זיי פאַרמעסטן זיך שאָדן צו ברענגען די לעבנס־אינטערעסן פון דער מלוכה, ווי קונציק זיי מאַכן דאָס — אייך דאַכט זיך, אַז זיי זינגען אַ לידל וועגן דער מאַמען, אַז זיי דעקלאַמירן וועגן אַ רעטעך מיט כריין, אַז זיי שילדערן אַן אַלטע באָבע, אַז זיי שפּילן זיך מיט די קעניגלעך, אַז זיי רעציטירן וויטמאַנס אַ ליד, אין דער אמתן איז עס אָבער גאָר אַ קונציק צוגעגרייטע פאַרשווערונג. אַ נס, וואָס די הערן פון דער צענזור־קאָמיסיע האָבן זיך באַצייטנס געכאַפּט און אָפּגעהיטן דאָס לאַנד פון דער געפערלעכער איבערקערעניש, וואָס האָט געלויערט אויף אונדז...

„פּאַראַזיטירן אויף דער אָרעמקייט". ווי מאָדנע דאָס קלינגט; האָבן טאַקע די חברים וואַשילעווסקאַ, פּאַט און ח. ש. קאַזדאַן (ליטעראַרישער לייטער) אויסגעטראַכט אָט דעם דלות, כדי מיט אים צו רייצן וועמען עס איז? די דאָזיקע אָרעמקייט איז אַ ביטערער אמת. זי הוליעט איבער די גאַסן, רייסט זיך אַריין אומגעבעטענערהייט אין טויזנטער שטובן, מאַכט דאָרט אַן חורבות, און קיינער שטערט איר נישט. נישטאָ פאַר איר קיין שטראָף. צי מיינט דער צענזאָר, אַז ווען מ'וועט וועגן דעם נישט דערציילן, וועט זי אויפהערן צו עקזיסטירן?"

ד) וועלטלעכקייט און שעפערישקייט פון די קינדער

אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז נישט געווען קיין שפּור פון רעליגיעזער דערציִונג. מ'האָט נישט געהיט קיין כשרות, מ'האָט נישט געדאַוונט, מ'האָט נישט אָפּגעהיט קיין יידישע יום־טובים. און דאָך איז דער אַנשטאַלט געווען דורכויס יידיש, יידישלעך, פאָלקסטימלעך. און אויב עס איז נישט געווען קיין רעליגיעזקייט פון פּראַקטישער נאַטור, איז אָבער געווען גייסטיק־עטישע דערציִונג אין חברישקייט, מענטשלעכקייט, ברידערלעכקייט, סאָלידאַרישקייט.

די שפּראַך פון אַנשטאַלט איז געווען יידיש, די אַטמאָספער איז געווען יידיש. ווען עס זענען אָנגעקומען אַהין קינדער, וואָס זייער מוטער־שפּראַך איז געווען פּויליש, האָבן זיי זיך גאָר גיך „אַסימילירט", אָנגעהויבן זינגען יידישע לידלעך, זיך געווענדט

צום לערער אויף יידיש, זיך אָנגעהויבן לערנען לייענען און שרייבן יידיש, געשטרעבט אַריינצוגייען אין „קרייזלעך" און אָנגענומען אַמטן. געווען פֿאַלן, ווען אין סאַנאַטאָריע זענען אָנגעקומען קינדער פון פוילישע עלטערן (ס׳רוב סאָציאַליסטן), און אויך אַז די פוילישע קינדער זענען שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון דער סאַנאַטאָריע־אַטמאָספער; זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן (אָפט פון אַנטיסעמיטיש־געשטימטע) אין גרויסע פריינד און פאַרערער פון דער יידישער שפראַך און קולטור; זיי האָבן זיך געלערנט רעדן יידיש, זיך אָנגערופן מיט יידישע נעמען וכד׳.

אַ גרויסע שעפערישע שפראַך־אַרבעט איז אָנגעגאַנגען צווישן קינדער־עולם אין סאַנאַטאָריע. די קינדער האָבן געשאַפן אייגענע לידלעך פון לעבן פון סאַנאַטאָריע און וועגן איינצלנע קינדער אָדער געשעענישן; זיי האָבן געשאַפן ווערטלעך און וויצן וועגן לערער און פאַרשידענע טיפן קינדער, — וויצן און לידלעך, וואָס זענען איבערגע־גאַנגען פון איין „דור" קינדער צו אַ צווייטן, און זענען שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אינעם „פאָלקלאָר" פון דער סאַנאַטאָריע. יעדע אַלעע, יעדעס געסל און ווינקל אויפן גרויסן שטח פון סאַנאַטאָריע האָט געהאַט אַ נאָמען אָדער אַ צונעמעניש, אָפט מיט אַ טיפן און אינטימען אינהאַלט. יידיש איז דאָ געווען אַ לעבעדיקער קוואַל, וועלכער האָט געשפרודלט אָן אויפהער.

און נישט נאָר תורה שבעל פה איז עס געווען, עס איז אויך אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע שריפטלעכע טעטיקייט אויף יידיש. טאָג־טעגלעך איז געשריבן געוואָרן די „ראַדיאָ"־צייטונג פון דער סאַנאַטאָריע, און בעתן פרישטיק האָט מען זי געלייענט פאַר די קינדער. ערנסט און שפּאַס איז דאָ געווען אויסגעמישט. די ראַדיאָ־צייטונג האָט די קינדער אינפאָרמירט וועגן אַלע וויכטיקע געשעענישן ביי יידן און אויף דער וועלט; דאָס אָרטיקע סאַנאַטאָריע־לעבן האָט זיך דאָ אָפּגעשפּיגלט מיט אַלע זיינע נייעסן, קוריאָזן, טראַגישע און קאָמישע געשעענישן. אָפט האָט אַ דונער פון אויפריכטיקן קינדערשן געלעכטער פאַרהילכט דעם זאַל און נישט געלאָזט דעם „ספּיקער" לייענען ווייטער די „ראַדיאָ", וועלכע איז געווען אויף הונדערט־פּראָצענט אַ פּראָדוקט פון קינדערשער זעלבסט־טעטיקייט, איניציאַטיוו און רעדאַקציע.

דאָס אייגענע — די וואַנט־צייטונג. הונדערטער אַזעלכע גרויסע וואַנט־צייטונגען האָבן זיך אָנגעזאַמלט אינעם אַרכיוו פון דער סאַנאַטאָריע. יעדע וואַנט־צייטונג — אַן אוצר פון קינדער־שאַפונג, פון אוממיטלבאַרע איבערלעבונגען און רעאַקציעס פון קינדער, עלטערע און יינגערע, אין וואָרט און צייכענונג, אין ערנסט און הומאָר, מיט אַ שפּרודלדיקער וואָרט־שאַפונג. יעדע פּאָר וואָכן האָט זיך אַזאַ וואַנט־צייטונג באַוויזן אויפן באַשטימטן פּלאַץ אין קלוב פון דער סאַנאַטאָריע. מיט דער פולער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט האָט די אויסגעקליבענע רעדאַקציע אויסגעפירט איר שליחות. די וואַנט־צייטונג פון דער סאַנאַטאָריע, און די קאָמפּלעטן „ראַדיאָ־צייטונגען", פונקט אַזוי ווי די אַנדערע גאָר־וויכטיקע סאַנאַטאָריע־מאַטעריאַלן, האָבן געוואָרט און זיך נישט דערוואָרט אויף זייער פאָרשער און שטודירער, אויף זייער באַאַרבעטונג און אָפּגעקליבענער פּובליקאַציע.

אין סאַנאַטאָריע איז אַלץ געווען נאַטירלעך יידיש, פאָלקסטימלעך, עמכדיק. דער קאָנטאַקט צווישן די קינדער און עלטערן האָט זיך אויף קיין מינוט נישט איבער־

גערישן. עלטערן זענען געקומען אַהער צו גאַסט, אויף אַ באַזוך צו די קינדער. מ׳האָט זיי דאָ אויפגענומען, מ׳האָט זיי אַרומגעפירט, אַלץ געוויזן, און פונקט אַזוי — די פאַרשידענע אַנדערע געסט פון וואַרשע און פּראָווינץ. קינדער האָבן געפּראַוועט יום־טובים ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און פון פאַרשידענע פאָרמען: זומער־צייט — אונטערן פרייען הימל. די סאַנאַטאָריע האָט געהאַט אַ דראָט־פּאַרקן אַרום, — האָבן זיך דאָ געקליבן יידן פון די צוויי דערבייִיקע שטעטלעך מיעדזעשין און פאַלעניץ, און זומער־געסט וואָס האָבן דאָ פאַרבראַכט, — שטעהן זענען זיי געשטאַנען הינטערן פּאַרקן און זיך צוגעהערט צו די געזאַנגען פון די קינדער, צו זייערע דעקלאַמאַציעס, זיך צוגעקוקט צו זייער שפּילן און פאַרשטעלונגען. אינעווייניק האָט מען דעם גאַנצן עולם, צוליב ענגשאַפט און צוליב היגיענע, נישט געקענט אַריינלאָזן, אָבער זיי זענען געווען צופרידן מיט זייער „גורל״, געשטאַנען אין דרויסן און גענאָסן פון דער פרייִלעכקייט, לעבעדיקייט, מונטערקייט און שעפערישקייט פון די פאָר הונדערט יידישע קינדער. זיי האָבן געוווּסט, ווער די קינדער זענען, פון וועלכע שטיבער זיי קומען. און די קינדער פון זייער זייט האָבן געזען, ווי עס שטראַלן די אויגן ביי די דערוואַקסענע, וואָס זיצן אויף די בענק אינעווייניק און וואָס שטייען פון יענער זייט. און עס האָבן זיך געצויגן קעגנזייטיקע סימפּאַטיע און פאַרשטענדעניש. די לידלעך פון סאַנאַטאָריע זענען געוואָרן אַלץ פּאָפּולערער און מ׳האָט זיי געזונגען איבערן לאַנד. און ווען די סאַנאַטאָריע האָט ווינטער־צייט, מיט דער הילף פון די „געוועזענע״ סאַנאַטאָריסטן, איינגעאָרדנט אין וואַרשע אַ קינדער־פאַרשטעלונג אין גרעסטן יידישן טעאַטער, — האָט זיך די פאַרשטעלונג פאַרוואַנדלט אין אַן אמתן פאָלקס־יום־טוב, און מ׳האָט געמוזט איבערחזרן עטלעכע מאָל די פאַרשטעלונג, ביז עס איז שוין געווען אַ רחמנות אויף די קינדער, אַזוי האָבן די גרויסע טעאַטער־אונטערנעמונגען זיי אויסגעמאַטערט. אין דעם אַלעמען — איז געווען אַ שטיק נייער יידישער לעבן־שטייגער. די סאַנאַטאָריע איז געוואָרן אַ פאָלקס־אינסטיטוציע. און אָט דער באַוווּסטזיין האָט געלעבט אין די מוחות פון די קינדער. דער דערציִערישער ווערט פון די קינדער־פאַרשטעלונגען אין סאַנאַטאָריע און אויסער אירע ווענט — איז געווען נישט אָפּצושאַצן.

פונקט ווי דער פילם „מיר קומען אָן״, אַזוי האָבן זיך אויך אין סאַנאַטאָריע געשאַפן צוויי מוזיקאַלישע שפּילן — „די ליאַלקעס״ און „דער שפּיגלער״. י. טראָופּיאַנסקי און באַטקע — מ. גילינסקי זענען געווען די איניציאַטאָרן און מחברים פון ביידע „אָפּערעטקעס״.

די קינדער אַליין האָבן אויך צוגעטראָגן צו דעם אַ סך איינפאַלן, סצענעס — סיי די קינדער־אַרטיסטן און סיי דאָס קינדער־פּובליקום. אַ סך פרייד און קולטור־שעפערישקייט האָבן די צוויי אָפּערעטעס אַריינגעטראָגן אין לעבן פון סאַנאַטאָריע און אירע קינדער.

אין 1937 איז אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע״ אַרויס אַ שיינע אויסגאַבע פון די „ליאַלקעס״, באַצירט מיט די צייכענונגען פונעם סאַנאַטאָריסט משהלע וואַסערשטראָם (אומגעקומען אין די רייען פון דער פּוילישער אַרמיי אין 1939). די מחברים פון די „ליאַלקעס״ י. טראָופּיאַנסקי און מרדכי גילינסקי (באַטקע) דערציילן אין זייער פאָררעדע צו דער אויסגאַבע:

„אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַרברענגט יעדעס קינד פון איין ביז דריי־פיר חדשים. כדי אין אַזאַ קורצער צייט דערציערייש צו ווירקן אויפן קינד, מוזן מיר אויסנוצן מער אינטענסיווע פעדאַגאַגישע מיטלען. מיר אַקצענטירן אין אונדזער אַרבעט די מאָמענטן, וואָס ווירקן דער עיקר אויף דער געפיל־ספערע פון קינד.

אַ גרויס אָרט פאַרנעמען אין אונדזער אַרבעט די קאָנצערטן, פאָרשטעלונגען און אַנדערע פאַרווײַלונגען. דאָ אָבער שטויסן מיר זיך אָן אויף אַזאַ שוועריקייט, ווי מאַנגל אין רעפּערטואַר. עס פעלן לידער, פּיעסן, וואָס אַנטשפּרעכן דעם גייסט פון אונדזער אַרבעט. דער פאַקט האָט אונדז אָבער געצוווּנגען צו נעמען די פעדער אין האַנט און מיט אייגענע כוחות פאַרפולן דעם בלויז. אויף אַזאַ אופן האָט זיך אָנגעזאַמלט ביי אונדז אַ היפּשער מאַטעריאַל פון אַ ריין לאָקאַלן כאַראַקטער (אַקטואַליען פון לעבן אין סאַנאַ־טאָריע). ס׳זענען אָבער אויך געשאַפן געוואָרן טייל זאַכן, וואָס קענען האָבן אַן אַלגע־מיינעם אינטערעס.

איינס פון דעם מין איז טאַקע די מוזיקאַלישע שפּיל „ליאַלקעס״.

די טעמע פון דער פּיעסע איז נישט פרעמד אונדזערע קינדער. ביי אונדז האָט עקזיסטירט אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער, וואָס פלעגט געבן פון צייט צו צייט פאָרשטעלונגען. עס זענען אויך געמאַכט געוואָרן פרווון צו קאָמבינירן די שפּיל פון מאַריאָנעטקעס מיט דער שפּיל פון קינדער־אַרטיסטן. דאָס איז געווען דער באָדן, דער שטויס צו דער טעמע און צום שאַפן די קינדער־אָפּערע „ליאַלקעס״.

אָנגעשריבן איז געוואָרן די פּיעסע צו אונדזער טראַדיציאָנעלן, קאָסטיומירטן ניי־יאָר־באַל און לכתחילה איז זי באַשטימט געוואָרן פאַר די יינגערע קינדער, אָבער די זאַך האָט זייער שטאַרק אויסגענומען אויך ביי די עלטערע. ווי שטענדיק איז נאָך דער פאָרשטעלונג פאָרגעקומען מיט די קינדער אַ שמועס — אַ קריטישע אָפּשאַצונג פון דער פּיעסע. אַ גאַנצע ריי באַמערקונגען און אָפּשאַצונגען פון די קינדער האָבן אונדז אינספּירירט צו פאַרברייטערן און אַנטוויקלען די פּיעסע.

שפּעטער זענען די „ליאַלקעס״ אויסגעפירט געוואָרן מיט דערפאָלג דורך דער במורנער־שול אין וואַרשע, דורך די שולן אין ביאַליסטאָק, אין בריסל (בעלגיע). אומעטום האָבן די קינדער פאַר דער פאָרשטעלונג געהאַלטן אין איין זינגען פראַגמענטן פון דער אָפּערע״.

ווען די „ליאַלקעס״ זענען דערשינען, האָט דער קינדער־ראַט פון סאַנאַטאָריע באַשלאָסן צו שיקן די קינדער פון די אַרבעטער־רינג־שולן אַ מתנה — די „ליאַלקעס״. דער קינדער־ראַט האָט באַגלייט די דאָזיקע שיקונג מיטן וויטערדיקן אינטים־חברישן בריוו:

געזעלשאַפט „קינדער־סאַנאַטאָריע״

סאַנאַטאָריע א.ג. וול. מעדעם אין מיעדזעשין | **וואַרשע, 1 מערץ 1937**

צו די קינדער פון אַרבעטער־רינג־שולן

טייערע חברים:

איר זענט קינדער פון יידישע אַרבעטער און סאָציאַליסטן — מיר אויך.

איר זוכט צו פאַרשטיין און צו קעמפן פאַרן אידעאַל פון סאָציאַליזם — מיר אויך.

אייך איז ליב און טייער די יידישע שול — אונדז אויך.

איר באַטראַכט מעדעמען פאַר אייגעם פון אונדזערע גרויסע לערער און פירער — מיר אויך.

דעריבער האַלטן מיר אייך פאַר ברידער און שוועסטער און מיר שרייבן צו אייך.

די לערער דערציילן אונדז אָפט וועגן אייך, וועגן אייער לעבן, וועגן אייערע שולן און מיר ווייסן פיל־וויניק וועגן אייך.

מיר גלויבן, אַז אויך אייערע לערער טוען דאָס זעלבע; פון דאַנען שטאַמט אונדזער נאָענטקייט, אונדזער חברישקייט.

אונדזער מעדעם־סאַנאַטאָריע שיקט אייך אַ מתנה די „ליאַלקעס". מיר האָבן די „ליאַלקעס" געשפילט אין סאַנאַטאָריע, פאַרן פילם און אין וואַרשע, און יעדעס מאָל האָט מען אונדז נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן פון דער סצענע.

דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר אַליין אויך נישט געוואָלט אַראָפּגיין. עפּעס ווילט זיך נאָך און נאָך שפּילן. די לערער זאָגן אונדז טאַקע צו, אַז מיר וועלן אינגיכן ווייטער שפּילן. מיר זענען פון דעם שטאַרק צופרידן.

זעט צו פועלן ביי אייערע לערער, אַז די „ליאַלקעס" זאָלן ביי אייך געשפּילט ווערן, איר וועט פון זיי האָבן גרויס הנאה.

שפּילנדיק און קוקנדיק אָדער לייענענדיק די „ליאַלקעס" געדענקט, אַז דאָס איז אַ מתנה פון אונדזער ליבער מעדעם־סאַנאַטאָריע פון אונדזער טייערער היים. שרייבט אונדז, ווי געפעלן אייך אונדזערע „ליאַלקעס" און גיט אונדז צו וויסן, ווי שפּילן „ליאַלקעס" ביי אייך.

לאָמיר זיך נאָך מער דערנענטערן, ווי אמתע ברידער און שוועסטער, זייט אַלע געזונט און זאָל אייך אין לעבן פריילעך זיין. נישט נאָר אייך, נאָר אויך אייערע און אונדזערע טאַטעס און מאַמעס און אַלע אַרבעטער־קינדער און אַרבעטער פון דער וועלט.

זאָל לעבן אונדזער און אייער שול!
זאָל לעבן די מעדעם־סאַנאַטאָריע!
כ אַ ו ו ע ר ש אַ פ ט!

קינדער־ראַט

דער אינהאַלט פון דער פּיעסע „די ליאַלקעס" איז אַ פּראָדוקט פון דער דערהויבענער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין סאַנאַטאָריע. עס איז אַ מעשה וועגן ליאַלקעס, וואָס זיינען פאַרשקלאָפט געוואָרן דורכן הער דירעקטאָר. ער האַלט זיי אין אַ ספּעציעלער בודע. ער ציט די שטריקלעך און די ליאַלקעס מוזן שפּרינגען, טאַנצן לויט זיינע קאַפּריזן. די קינדער — דאָס פּובליקום — באַפרייען די ליאַלקעס, אויס שטריקלעך, אויס שקלאַפעריי. די קינדער זינגען פריילעך אין כאָר:

זעט אַ וווּנדער, זעט אַ כּישוף
ליאַלקעס האָבן זיך באַפרייט,
טאַנצן, שפּרינגען ווען זיי ווילן,
ס'קומט אַ נייע, פרייע צייט...

גענוג געווען פֿאַרשפּאַרט,
געטאָן דעם פרעמדנס ווילן,
מיר ווילן אַלע פריי זיין, פריי
פֿאַר זיך אַליין נאָר שפּילן.

דער „שטרענגער הער דירעקטאָר" וויל צוריק פֿאַרשפּאַרן די ליאַלקעס אין דער בודע. אָבער די קינדער שטעלן זיך מוטיק אַנטקעגן און רופֿן אויס אין כאָר:

מיר האָבן דיך פֿיינט
מיר גיבן דיר קיין האַנט,
פֿון קינדער און פֿון ליאַלקעס
זאָל ווערן איין פֿאַרבאַנד!

אין די געטאָס, אונטערן היטלערישן אָקופּאַציע־רעזשים, האָט מען די זעלבע פּיעסן געשפּילט: אין ווילנע — אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די מחברים מ. גילינסקי און י. טראָופּיאַנסקי; אין וואַרשע — אונטער דער אָנפֿירונג פֿון דער געוועזענער סאַנאַ־טאָריסטין פּאָליע ליפּשיץ.

ה) עטישע און פֿאָלקסטימלעכע דערציונג

אַ גרויסע השפּעה אין דערציערישן זין האָט די סאַנאַטאָריע געהאַט אויף די עלטערן. קומענדיק אַהיים נאָך עטלעכע וואָכן אָדער חדשים פֿאַרברענגען אין סאַנאַ־טאָריע, האָבן די קינדער מיטגעבראַכט און אַריינגעטראָגן אין דער אָרעמער קעלער־שטוב פֿון די עלטערן נייע רגילותן פֿון היגיענע, קולטור, עסטעטיק, שפּראַך, באַנעמונג מיט מענטשן. אָפֿט מאָל האָט אַזאַ ענערגיש קינד אַדורכגעפֿירט אַ גאַנצע רעוואָלוציע אין שטוב. די עלטערן זענען געוואַקסן קולטורעל צוזאַמען מיט די קינדער, און זיי האָבן דאָס גוט פֿאַרשטאַנען און אָפּגעשאַצט. האָט זיך עס — פֿון דער אַנדערער זייט — געהאַנדלט וועגן אַ קינד פֿון אינטעליגענץ, צי אַסימילירטע, רייכערע קרייזן, — האָט דאָס דאָזיקע קינד מיטגעבראַכט מיט זיך פֿון סאַנאַטאָריע אַ נייע באַציִונג צו יידיש, צום יידישן געדרוקטן וואָרט, צום יידישן ליד, צום פֿאָלקסמענטש און צו דער יידיש־וועלטלעכער שול. די סאַנאַטאָריע האָט אין וואַרשע פֿאַרגעזעצט איר טעטיקייט צווישן אַזעלכע קינדער: זיי אָרגאַניזירט אין סיסטעמאַטישע סאַנאַטאָריע־קרייזלעך, אָרגאַ־ניזירט צוזאַמענטרעפֿן פֿון געוועזענע סאַנאַטאָריסטן וכד׳. אַזוי האָט זיך געצויגן דער פֿאָדעם פֿון פֿאָלקסטימלעכקייט און יידישלעכקייט, פֿון נייעם יידישן לעבן־שטייגער, פֿון יידישע אידעאַלן און אינטערעסן.

ווי געזאָגט, נישט געווען אין סאַנאַטאָריע קיין רעליגיעזע פֿאָרמען, הגם אַ פֿייער־לעכן „סדר" האָט מען געפּראַוועט, אין גייסט און סטיל פֿונעם יום־טוב. אָבער דעם פּלאַץ פֿון דער רעליגיעזער דערציִונג האָט אין סאַנאַטאָריע פֿאַרנומען עטישע דערציִונג. טיפֿע מענטשלעכקייט, חברישקייט, זעלבסט־דיסציפּלין, פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן כּלל, אויספֿילונג פֿון איבערגעגעבענע פֿליכטן, אינטערעס צום אייגענעם פֿאָלק און צו דער וועלט פֿון אַרבעט, קאָלעקטיווקייט — דאָס אַלץ האָט מען קולטיווירט און

איינגעפלאַנצט אין די הערצער פון די קינדער אויף פאַרשידענע אופנים. מ׳האָט אין דער פרי נישט „געדאַווענט״ פאַרן עסן. אָבער איידער מ׳האָט זיך גענומען צום פרישטיק, האָט מען דורכגעפירט אַ „מינוט״ פון שטילקייט, — אַ מינוט, וועלכע האָט זיך, דוכט זיך, געצויגן זייער לאַנג, אַ מינוט, וועלכע איז אויסן געווען צו שאַפן ביי די קינדער אַ שטימונג פון קאָנצענטרירטקייט, פאַרטיפטן זעלבסט־אַנאַליז, אויפריכטיקייט און חשבון־הנפשדיקייט. אַ „מינוט״ פון אמת־רעליגיעזער שטימונג, פייערלעכקייט, אַ טיף־דערציערישער אָנהייב פונעם טאָג נייעם לעבן.

אויך די דערציִונג אין ליבע און יראת־הכבוד צו דער נאַטור און איר שיינקייט, גראַנדיעזקייט — איז געווען אַ טייל פון אָט דער „רעליגיעזער״ דערציִונג. אַרום איז געווען — פּראַקטיקער וואַלד, זון, זון. אַרום — פאַרשידענע מינים שטוב־חיות, רויזן, גאָרטן, אָראַנזשעריי. פּרעכטיקע בייטאָגיקע און אַ מאָל אויך ביינאַכטיקע שפּאַצירן צו דער אָזיערע, אין ווייטן וואַלד. אויפן וועג — זאַאָלאָגישע און ביאָלאָגישע קאָלעקציאָנירונג, אָבסערווירונג. ווינטער — ברייטע פעלדער פון שניי. מען גליטשט זיך אויף גליטשערס, אויף סקיס. מען לעבט מיט דער נאַטור, און מען „באַהאַנדלט״ זי באַוווסטזיניק אין מוזיי, אויף דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע, אין גאָרטן. עס איז געווען אַ גאַנצער „געטלעכער״ נאַטור־קולט מיט יום־טובים פון האַרבסט און פרילינג, מיט זאַמלען די פּרוכטן פון גאָרטן, דאָס אַלץ פאַרקערפּערט אין ליד, אין טענץ, אין פאַרשטעלונג. עס איז געווען אַ גאַנצער סיסטעם פון „רעליגיעזער״ באַנעמונג פון גאָטס וועלט. מ׳האָט „געדינט גאָט״ מתוך שמחה, מיט אויפריכטיקער התלהבות, הגם מ׳האָט עס נישט אויסגעדריקט אין קיין קאַנאָניזירטע ברכות.

און האָט זיך אַ מאָל אַ קינד פאַרזינדיקט, האָט עס דער קינדער־ראַט אָדער דער קינדער־געריכט „געמשפּט״ — חבריש, מענטשיש, מילד, קינדיש־קלוג. דאָס איז געווען די צווייטע זייט פון דער זעלבער מטבע: די עטישקייט בין אדם לחברו.

טאָמער איז אַ מאָל געקומען אין סאַנאַטאָריע אַ קינד פון אַ רעליגיעזער שטוב און נישט געוואָלט עסן אָן אַ היטל, אָדער אפשר געוואָלט דאַווענען צי טאָן אַנדערע רעליגיעזע פליכטן — האָט אים קיינער נישט געשטערט; פאַרשטייט זיך, די ערשטע טעג האָט זיך דאָ אַזאַ קינד געפילט פרעמד, אָבער אויף אַ נאַטירלעכן וועג האָט ער זיך איינגעבירגערט אין דער אַלגעמיינער אַטמאָספער און זיך באַהאַפטן צום גאַנצן נוסח פון סאַנאַטאָריע.

רירנדיק איז געווען די באַציִונג פון אַלע קינדער צו אַ קינד אַ קריפּל, אויב אַזאַ האָט זיך געפונען אין אַנשטאַלט. אַזאַ קריפּל־קינד האָט מען אַרומגערינגלט מיט ספּעציעלער ליבע און אויפמערקזאַמקייט. סיי די קינדער, סיי דער פּערסאָנאַל האָבן געטראָגן אַזאַ קינד ממש אויף די הענט, און דאָס קינד האָט גאָר פאַרגעסן זיין אומגליקלעכן צושטאַנד. די שענסטע געפילן פון די קינדער האָבן אין אַזאַ פאַל געפונען זייער אויסדרוק.

ווען דאָס קריפּל־קינד חיימל האָט אין סאַנאַטאָריע צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן (אויפן 6טן יאָר) אָנגעהויבן גיין, איז עס געווען דער גליקלעכסטער טאָג פון אַלע סאַנאַטאָריע־קינדער און די העכסטע דערציערישע דערגרייכונג פונעם אַנשטאַלט.

ו) פעדאַגאָגישע אויפטועו און עקספּערימענטן

גרויס איז געווען די ראָל פונעם לערער־פּערסאָנאַל און פון דער אָנפירערשאַפט פון דער סאַנאַטאָריע. דאָ איז אָנגעגאַנגען אַ כסדרדיקע פּעדאַגאָגישע שעפערישקייט. מ׳האָט געזוכט, אויסגעפּרווט, געפּאָרשט. קיין פּראָבלעמען האָבן נישט געפעלט. דאָ האָט מען דאָך געמוזט געפינען די וועגן צו אינדיווידועלער און צו קאָלעקטיווער דערציִונג גלייכצייטיק: יעדעס קינד איז געווען אַ וועלט פאַר זיך, האָט אויף אַן אַנדער אופן רעאַגירט אין זיין בענקשאַפט נאָך טאַטע־מאַמע, אין זיין נייער סביבה פון הונדערטער קינדער; איינער איז געווען צו פּאַסיוו, אַ צווייטער צו אַקטיוו; איינער איז געווען צו דרייסט, אַן אַנדערער צו שעמעוודיק און שרעקעוודיק; איינער האָט געשטרעבט צו „אַליינקייט״, איזאָלירטקייט, דער אַנדערער האָט נאָר געוואָלט זיין שטענדיק אין דער געזעלשאַפט פון חברים; איינעם האָט געפעלט די עלעמענטאַרע געוווינהייט צו ריינקייט און היגיענישקייט, דעם אַנדערן האָט שאָקירט די „סטאַדישקייט״, די דיסציפּלין, די „פּרימיטיווקייט״ פון דער סביבה; איינער איז אַרומגעגאַנגען מיט הויכער טעמפּעראַטור, איז געווען נערוועז, — דער אַנדערער איז געווען דערשלאָגן, בלוט־אָרעם, נישט דערנערט און מיט די אויגן געגעסן אַלץ וואָס מ׳האָט דערלאַנגט צום טיש; איינער האָט געזוכט אַלץ נייע חברים, דער אַנדערער האָט זיך געשראָקן פאַר דעם הו־האַ און כסדרדיקער פלוקטוירונג פון קינדער, וואָס קומען אַריין און גייען אַרויס פון דער סאַנאַטאָריע. קינדער מיט געמישטע כאַראַקטערן: גוטע, ווייכע, האַרטע, גרויזאַמע, פאַרביטערטע; פון פאַרשידענע סאָציאַלע סביבות; יידיש־רעדנדיקע און פּויליש־רעדנדיקע. דאָ האָט נישט געקענט זיין קיין „מאַשינאַוווע״ דערציִונג־סיסטעם. דאָ האָט געמוזט זיין אויפמערקזאַמקייט צום יחיד, צו זיין גוף און נשמה. דאָ האָבן געמוזט קומען אינדיווידועלע אָבסערווירונגען און צופּאַסונגען, אַריינפּאַסונגען פונעם איינצלנעם קינד אין קאָלעקטיוון לעבן.

אָבער אויך דאָס קאָלעקטיווע לעבן און זיין אָרגאַניזאַציע — איז געווען זייער אַ קאָמפּליצירטע פּעדאַגאָגישע אויפגאַבע. ווי אַזוי אָרגאַניזירט מען די קאָלעקטיווע שפּילערייען, פאַרווײלונגען, פאַרשטעלונגען פון די קינדער? ווי אַזוי שטעלט מען אָוועק די זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די קינדער? ווי אַזוי באַפרידיקט מען די קינסט־לערישע, אידעיִשע, אַרטיסטישע באַדערפענישן פונעם קינדער־כלל? ווי אַזוי אָרגאַ־ניזירט מען זייער רו אויף דער זון, אויף די וועראַנדעס, וואָס דאָס איז אַ קאַטעגאָרישע פאָדערונג פון דער מעדיצין לגבי אָט די האַלב־קראַנקע קינדער? ווי אַזוי מאַכט מען די פּאָר שעה פון זייער רוען — ווייניקער אויסמאַטערנדיק, מער אינטערעסאַנט און פאַרווײלנדיק? ווי אַזוי פאַרטיילט מען די קינדער אויף גרופּעס און ווי אַזוי האַלט מען אין די צעמענטירטקייט פון אַלע גרופּעס, זייער געמיינזאַמע פאַראינטערעסירטקייט און טעטיקייט? ווי אַזוי צעמענטירט מען דעם גרויסן לערער־פּערסאָנאַל צווישן זיך, אַז אַלע זאָלן ווירקלעך גיין מיט דעם זעלבן דרך, זאָלן אַרבעטן מיט די זעלבע מעטאָדן און אידעען? ווי אַזוי אָרגאַניזירט מען דערציִעריש, קולטורעל — דאָס עסן פון די קינדער אין גרויסן זאַל, אָדער אויף דער פרייער נאַטור זומערצייט? ווי אַזוי זעצט מען פאָר די שיינע טראַדיציעס פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין די ווענט פון דער סאַנאַטאָריע?

ווי אַזוי מאַכט מען די קינדער זאָלן נישט פאַרגעסן דאָס, וואָס זיי האָבן געלערנט אין שול, זיי זאָלן — שפּעטער ווען זיי וועלן קומען צוריק — נישט אָפּשטיין פון זייער קלאַס? ווי אַזוי ציט מען צו די קינדער צום יידישן בוך, צום בוך בכלל, און ווי אַזוי מאַכט מען זיין לייענען מער באַוווּסטזיניק, מיט בעסערע רעזולטאַטן? ווי אַזוי שאַפט מען מער גליק פאַר אַט די קינדער, וואָס האָבן אין זייער לעבן געהאַט אַזוי ווייניק פרייד?

אויף צו לייזן אַט די אַלע און אַ סך אַנדערע פּראָבלעמען האָט דער לערערישער געדאַנק אין סאַנאַטאָריע געמוזט אַרבעטן זייער אינטענסיוו און טאַקע קאָלעקטיוו. מ׳האָט געמוזט צילבאַוווּסט אָוועקשטעלן די פאַרשידענע באַאָבאַכטונגען און עקספּע־רימענטן. מ׳האָט געמוזט אַנטוויקלען אין זיך אַליין גרויסע ליבע און צוגעבונדנקייט צום קינד און צו דער סאַנאַטאָריע. מ׳האָט אַליין געמוזט ווערן אַ „סאַנאַטאָריסט״, פאַרגעסן וועגן דער גרויסער שטאָט מיט איר הו־האַ און לויפנדיקע אינטערעסן. מ׳האָט זיך געמוזט אויסטאָן פון דער וועלט און זיך דורכדרינגען מיטן לעבן פון אַט דעם „עולם־קטן״; מ׳האָט געמוזט ווערן אַ גלויבער און ענטוזיאַסט פון סאַנאַטאָריע־רעזשים און סאַנאַטאָריע־סיסטעם. נישט יעדן יונגן לערער איז עס אָנגעקומען אַזוי לייכט.

עס האָט זיך פון די לערער געפאָדערט צוגעגרייטקייט אין קינדער־פּסיכאָלאָגיע און דידאַקטיק. די סאַנאַטאָריע האָט טאַקע אַריינגעצויגן אין איר אַרבעט אַנטשפּרע־כנדיקע וויסנשאַפטלעכע קרעפטן (פּראָפ. פּ. שניאורסאָן, ל. קאַנעל, ד״ר בערנשטיין, ר. סימכאָוויטש, י. ביבער). מ׳האָט געפירט קאַרטאָטעקעס מיט כאַראַקטעריסטיקעס פון יעדן קינד, מיט זיין אַנטוויקלונגס־ליניע אין משך פון יאָרן בשעת זיין איבערגעחזרטן באַזוך אין סאַנאַטאָריע, מ׳האָט געפירט וויסנשאַפטלעך־אָרגאַניזירטע עקספּערימענטן און אָבסערוואַציעס איבער די שפּאַצירן פון די קינדער, איבער זייער אַנטשלאָפן־ווערן און זייער ביינאַכטיקן שלאָף, מ׳האָט זיי אונטערזוכט מעדיציניש, געוווגן און געמאָסטן. אויך אַט דער אויסערגעוויינלעך רייכער מאַטעריאַל וועגן די קינדער — האָט געוואַרט אויף זיין באַאַרבעטונג, פּונקט ווי דער רייכער מאַטעריאַל וועגן די עלטערן פון די קינדער: זייערע מאַטעריעלע באַדינגונגען, פּראָפעסיאָנעלע אייגנשאַפטן, וווין־באַדינ־גונגען אאַז״וו.

די סאַנאַטאָריע איז געווען אַן אוניווערסיטעט פאַרן לערער. ער האָט דאָ געהאַט אַ פילפאַכע ראָל: ער איז געווען חבר פון די קינדער, זייער דערציער און מדריך, אַ מוסטער פאַר די קינדער אין אַ סך פּרטים, ער איז געווען פּעדאַגאָג, פּסיכאָלאָג און פאָרשער. צו ראַשיק און פילאַרטיק איז דאָ געפלאָסן דאָס לעבן פון די קינדער. שפּילן אין באַל מיט די קינדער, גליטשן זיך מיט זיי אין שניי, שפּאַצירן מיט זיי ביי נאַכט, האַלטן זיי די פאַר שעה אויף דער וועראַנדע, אָרגאַניזירן פון זיי אַ כאָר, אַ טעאַטער־טרופּע, אַ רעדאַקציע; פירן מיט זיי שעהן פון לימודים, פירן מיט זיי איינבינדעריי, האַנט־אַרבעט און מוזיק־שעהן; שאַפן דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פאַר די בעלער און פאַרשטעלונגען פון די קינדער און בכלל פירן די אַרבעט אינעם ציכן־צימער, — דאָס זענען אַלץ זאַכן נישט פון מעכאַנישער אַרבעט, דאָ האָט זיך אויף טריט און שריט געפאָדערט מצד די לערער — איניציאַטיוו, דערפינדערישקייט, פּעדאַ־גאָגישע אינטואיציע און אָריענטאַציע.

אין סאַנאַטאָריע זענען, ווי געזאָגט, געשאַפן געוואָרן עטלעכע קינדער־אָפּערעס: „ליאַלקעס״, „שפייכלער״ א״אַ. דאָס זענען געווען בעיקר — שאַפונגען פון י. טראַר־פיאַנסקי און מ. גילינסקי („באַטקע״), צוויי טאַלאַנטירטע באַגייסטערטע לערער. אָבער זיי האָבן עס נישט געשאַפן מיט אַ מאָל, נישט „אויסגעטראַכט״. עס איז געווען אַ לאַנג־דויערנדיקע עקספּערימענטירונג, אין וועלכער די קינדערס שאַפונג, טעמפּעראַמענט, זייערע פעיִקייטן האָבן געשפּילט גאָר אַ היפּשע ראָל.

דער לערער „באַטקע״ האָט פאַרעפנטלעכט אין „שולוועגן״ עטלעכע אַרטיקלען וועגן אָרגאַניזאַציע פון טעאַטער־שפּילן, אויך וועגן פאַרבינדן קאָלעקטיווע שפּאַצירן מיט אינסצעניזאַציע און שפּיל. עס איז געווען אַ פּראָדוקט פון זיין רייכער קינסטלערישער שעפערישקייט און דערפינדערישקייט, אָבער נישט אין קיין קלענערער מאָס איז עס געווען אַ ביישטייער פון די קינדער און פון אַלגעמיינעם סאַנאַטאָריע־לעבן.

זייער אינטערעסאַנט און פעדאַגאָגיש איז אויסגענוצט געוואָרן דער ראַדיאָ און די הילכערס, וואָס זענען איינגעסטאַלירט געוואָרן אין די קאָרידאָרן פון די שלאָף־צימערן און אויך אויף די וועראַנדעס. אין די שעהן פון רוען און אין די בין־השמשות־שעהן, ווען מען האָט זיך געגרייט צום לייגן שלאָפן און ווען מען האָט זיך שוין אַריינגעלייגט אין די בעטן, — האָט די „הויפּט־סטאַציע״ פון דער סאַנאַטאָריע אָנגעשטעלט רעקאָרדס פון אַנטשפּרעכנדיקער קלאַסישער מוזיק, וועלכע האָבן באַרויִקט די נערוון פון די קינדער, זיי אַריבערגעטראָגן אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיע און חלומות, זיי איינגעשלעפערט און געווונטשן אַ גוטע נאַכט.

דאָס זענען נאָר אַ פּאָר ביישפּילן פון דער דורכגעטראַכטער צילבאַוווסטער שעפערישקייט פון דער לערערשאַפט.

די גרויסע קאָלעקציעס צייכענונגען און דעקאָראַציעס, געשאַפן דורך די קינדער — דאָס איז געווען אַ רייכער מאַטעריאַל, וואָס אַנטפּלעקט די נשמה, די אַרטיסטישקייט און שעפערישקייט פון יידישן קינד.

די סאַנאַטאָריע איז געוואַקסן צו שנעל, זי האָט געשטרעבט צו שאַפן דאָס ביסל גליק און פרייד פאַר אַ וואָס גרעסערער צאָל קינדער. די מיטלען אָבער פון דער סאַנאַטאָריע זענען געווען באַגרענעצט, די דאגות אַרום — צו גרויס. דער יידיש־וועלטלעכער שול־וועזן האָט אָפּגעצויגן כוחות און אויפמערקזאַמקייט. אַזוי אַרום האָט די גרויסע פעדאַגאָגישע דערפאַרונג פון דער סאַנאַטאָריע נישט באַוויזן צו ווערן דער קנין פון דערברייטער עפנטלעכקייט. דאָס אַלץ איז פאַרבליבן אונטער די חורבות פון פוילישן יידנטום! דאָס איינציקע וואָס איז געבליבן — איז דער פילם מיר קומען אָן, אין וועלכן עס איז אין אַ גרויסער מאָס פאַראייביקט געוואָרן דער גייסט און די אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין סאַנאַטאָריע.

ז) די לעצטע טעג פון דער סאַנאַטאָריע

סעפּטעמבער 1939. מלחמה. די נאַציס באָמבאַרדירן וואַרשע און די נאָענטע אומגעגנט, און באַלד — אָקופּאַציע. די פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע שליסט „צייטווייליק״ דעם אַנשטאַלט, שיקט אָפּ די קינדער צו זייערע עלטערן. אין

גיכן גרייכן די דייטשן אויך קיין מיעדזעשין. זיי מעלדן דער אָרטיקער פּוילישער באַפעלקערונג: די סאַנאַטאָריע איז הפקר, נעמט וואָס איר ווילט. דער גאַנצער פאַרמעגן פון דער סאַנאַטאָריע: מעבל, וועש, איינריכטונגען — ווערט צעראַבירט, אַפילו טירן, פענצטער ווערן אַראָפּגעריסן. ש. אַבראַמסאָן דערציילט וועגן דעם געַנוי אין זיין אַרבעט.

דער גרעסטער טייל בונדישע טוער, לערער און שול־טוער — פאַרלאָזן וואַרשע און לאָזן זיך מיטן גאַנצן שטראָם פּליטים קיין מזרח. הונגער און עפּידעמיעס נעמען אַרום די וואַרשעווער יידישע באַפעלקערונג. און דעמאָלט באַשליסן די אין וואַרשע פאַרבליבענע שול־ און קולטור־טוער סוף 1939 צוריק אויפצושטעלן די סאַנאַטאָריע. און אַ ווונדער, די מעדעם־סאַנאַטאָריע לעבט ווייטער! אַט די פאַנטאַסטישע געשיכטע פון צוריק אויפשטעלן די סאַנאַטאָריע אין שאָטן פון די נאַצישע גגישות און רציחות — איז דער אינהאַלט פון דער גרויסער אַרבעט פון ש. אַבראַמסאָן, וואָס דרוקט זיך דאָ אין בוך.

ביז אָקטאָבער 1940, ווען אין וואַרשע און אין די אַרומיקע שטעטלעך איז איינגע־פירט געוואָרן די געטאָ, האָט די סאַנאַטאָריע פונקציאָנירט „נאַרמאַל״, און אין פאַרשיי־דענע צייטן האָבן זיך דאָ אויפגעהאַלטן ביז 160 קינדער. די פאַרוואַלטונג פון דער סאַנאַטאָריע איז דעמאָלט באַשטאַנען פון די ח״ח: ד״ר אַנאַ ברוידע־העלער, ד״ר קעלסאָן, מאַניע זיגעלבוים (די פרוי פון אַרטור זיגעלבוים), סאָניע נאָוואָגרודזקאַ און ז. מושקאַט. צווישן די מיטאַרבעטער פון דער סאַנאַטאָריע און איר פערסאָנאַל אין יענעם פעריאָד זענען געווען: ש. אַבראַמסאָן, די פרוי ד״ר מינץ, די באַקאַנטע בונדישע טוערין ראָזע אייכנער, די פרוי און טאָכטער פון הערשל הימעלפאַרב און די טאָכטער פון בונדישן טוער יוסף ליפּשיץ, פאַליע. מען קען זיך פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ אומגע־הויערע שוועריקייטן און מניעות די פאַרוואַלטונג און דער פערסאָנאַל פון דער סאַנאַ־טאָריע האָבן געמוזט גובר זיין, כדי אָנצוהאַלטן אַ מער ווייניקער נאָרמאַלן און זאַטן צושטאַנד אינעם אַנשטאַלט. און דאָך האָט זיך זיי אין יענע פינצטערע טעג איינגעגעבן אַריינצוברענגען אַפילו אַ ביסל פרייד און ליכטיקייט צווישן די קינדער.

אָבער די גרויסע טראַגעדיע פון וואַרשעווער און פון פּוילישן יידנטום האָט זיך אַלץ שנעלער דערנענטערט צום פאַטאַלן סוף, וועלכן היטלער און זיינע געהילפן האָבן פון פאָרויס אָנגעצייכנט. אין געטאָ האָט געהערשט הונגער און טיפוס, די דייטשן האָבן געווילדעוועט: געכאַפּט אין די גאַסן און געשלעפּט אויף אַרבעט; דערשיסונגען אין גאַס זענען געוואָרן אַ געוויינלעכע דערשיינונג; אַ געיעג נאָך קינדער און זייער אויסמאָרדונג... אין יולי 1942 פירן די דייטשן אַדורך דעם גרויסן גירוש אין וואַרשע — און עס הייבט זיך אָן די גיהנומדיקע תקופה פון דעפּאָרטאַציעס, קיין טרעבלינקע, אַשוויענטשים אאַז״וו... דער וועג צום טויט אין די קאַלך־אויוונס און גאַז־קאַמערן...

נאָך וואַרשע איז געקומען די ריי אויף דער יידישער באַפעלקערונג פון די שטעטלעך אויף דער באַן־ליניע וואַרשע־אָטוואָצק. דאָ אין מיטן וועג איז געלעגן די קליינע באַן־סטאַציע מיעדזעשין, און אין די דאָרטיקע וועלדער האָט זיך געפונען די מעדעם־סאַנאַטאָריע.

בערנאַרד גאָלדשטיין, וועלכער האָט דורכגעמאַכט די גאַנצע פינף יאָר פון דער

דייטשער אָקופּאַציע, און איז געווען טעטיק אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, דער־ציילט אין זיין בוך: „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ" וועגן די לעצטע טעג פון דער סאַנאַטאָריע:

„ווי דורך אַ קאָשמאַר האָבן מיר אין וואַרשע אויסגעהערט אָפּגעריסענע, אָפּגע־האַקטע ידיעות וועגן דער ליקווידאַציע פון אונדזער קרוין־אַנשטאַלט, די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין. אין סאַנאַטאָריע האָבן זיך אויפגעהאַלטן העכער 100 קינדער, צוזאַמען מיט זיי — לערערס, דערציערינס, טעכנישער און מעדיצינישער פּערסאָנאַל... אין אַ שיינעם זומער־פרימאָרגן אין 22סטן אויגוסט 1942, ווען די קינדערלעך זענען נאָך געלעגן אין די בעטלעך און געחלומט קינדערישע זיסע חלומות, נישט טראַכטנדיק פון טויט־קאָשמאַר אַרום, — זענען די בנינים פון סאַנאַטאָריע אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די רוצחישע באַנדעס פון דער פאַרניכטונג־קאָמאַנדע, באַוואָפנט מיט כלערליי טויט־געצייג. ס'איז געפאַלן דער באַפעל — אַלע וואָס געפינען זיך אין סאַנאַטאָריע זאָלן אַרויס אויפן הויף. אַ מוראַדיקער געוויין איז אויסגעבראָכן. די קינדערלעך האָבן זיך געקלאַמערט אָן די בעטן, פענצטער, טירן, טישן, זיך נישט געלאָזט נעמען, געביסן די הענט פון זייערע מערדער, געראַנגלט, געווערט זיך. די אָנגעפּאַקטע לאַסט־אויטאָס מיט יאָמערדיקע קינדערלעך, מיט ספּאַזמירנדיקע לערערס, דערציערס, קראַנקן־שוועסטער האָט מען אָפּגעפירט צו דער באַן־ליניע אין מיעדזעשין, און פון דאָרטן — קיין טרעבלינקע...

„...די חברטע ראָזע אייכנער האָט זיך באַזונדערס מוטיק געהאַלטן, געטרייסט די קינדערלעך, באַרויקט זיי, אַרומגענומען אַרום זיך אַ גרעסערע גרופּע און אַרויף מיט זיי אין לאַסט־אויטאָ אַריין. צוזאַמען מיט איר זענען אויך אַוועק איר טאָכטער, אַ קראַנקן־שוועסטער, און אַ יינגערער זון, זשאַנעק. אַזוי האָבן אויך געטאָן די אַנדערע חברים... דער גרעסטער טייל פון די לערער און פון טעכנישן פּערסאָנאַל האָבן געטיילט דעם גורל מיט די קינדער, און אַוועק צוזאַמען מיט זיי צום אומקום..."

*

די געביידע פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז נאָך דעם בלוטיקן מבול געבליבן גאַנץ. אָבער — נישטאָ מער קיין יידישע קינדער פונעם אַמאָליקן פּוילישן יידנטום. נישטאָ מער די ייִדיש־וועלטלעכע שולן, נישטאָ מער די „צישאָ" און איר לערערשאַפט, נישט געבליבן זענען די געטרייע בויער און אויסהאַלטער, שטיצער און פריינד פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע...

עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן און אויסגעוואָרצלט געוואָרן דער גרויסער יידישער ישוב אין פּוילן. עס איז אָפּגעמעקט געוואָרן איינע פון די שענסטע תקופות אינעם לעבן פון דאָזיקן יידנטום.

און עס איז אויך אַרויסגעריסן געוואָרן דאָס שיינע בלאַט, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „די קינדער־סאַנאַטאָריע אויפן נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם".

די שארית הפליטה פון „בונד" און פון דער צישאָ איז שוין אין יענע יאָרן געווען אין ניו־יאָרק. דאָ איז אויך זינט 1941 דערשינען דער צענטראַל־אָרגאַן פון בונד, דער חודש־זשורנאַל „אונדזער צייט". אויף די בלעטער פון דער דאָזיקער אויסגאַבע האָבן זיך געדרוקט אַ סך מאַטעריאַלן וועגן חורבן אין פּוילן. ווען עס זענען אָנגעקומען

די ידיעות וועגן אונטערגאַנג פון סאַנאַטאָריע און וועגן דער נאַצישער שחיטה איבער די קינדער און לערער, האָט אַ טיפער טרויער אַרומגענומען די גאַנצע מחנה „גראַטע־וועטע״. פאַרזאַמלונגען זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן, מ׳האָט באַוויינט און באַקלאָגט די גרויסע טראַגעדיע אין מיעדזעשין... אין „אונדזער צייט״ פון יאַנואַר 1943 זענען אָפּגעדרוקט צוויי הספד־אַרטיקלען איבער דער סאַנאַטאָריע, געשריבן פון ש. גילינסקי און י. י. טרונק. מיר ברענגעןביידע אַרטיקלען עטוואָס געקירצט.

ש. גילינסקי / די מעדעם־סאַנאַטאָריע — אַ קבר פאַר די קינדער און לערער

די נאַצי־מערדער האָבן אומגעבראַכט טויזנטער, צענדליקער טויזנטער פון אונדזערע ברידער און שוועסטער אין פוילן. טויזנטער, צענדליקער טויזנטער פון אונדזערע קינדער זענען געטויט געוואָרן — ווער צוזאַמען מיט זייערע עלטערן און ווער באַזונדער אין זייערע שולן, אין זייערע אַנשטאַלטן צוזאַמען מיט זייערע לערער און פירער.

ווער איז דאָס אימשטאַנד צו באַנעמען דעם פּיין פון די עלטערן, וואָס האָבן צוגעזען דעם גרויזאַמען טויט פון זייערע קינדער, און פון די קינדער, וואָס זענען בייגעווען ביים מאָרד פון זייערע עלטערן, ברידער, שוועסטער און לערער?

ווער פון אונדז קאָן זיך דאָס פאַרשטעלן אָט די ערב טויט־בילדער, וואָס האָבן אָנגעפילט אונדזערע הייזער, אונדזערע גאַסן, אונדזערע שטעט און שטעטלעך און די וועלדער און פעלדער אין פוילן?

ניין, מיר באַגרייפן נישט, מיר באַנעמען נישט, מיר קאָנען זיך דאָס גאָר נישט פאַרשטעלן!

און אין שוואַרצן קראַנץ פון די הונדערטער טויזנטער קדושים איז איינגעפלאָכטן געוואָרן א באַזונדער קראַנץ פון די 250 הייליקע קינדער און, ווער ווייס, וויפל לערער און דערציער פון מעדעם־סאַנאַטאָריע. די 250 זענען פאַר אונדז נישט קיין טויטע צאָל. דאָס זענען דאָך אומגעבראַכט געוואָרן אונדזער יאָסל שטיינהאַרץ, אונדזער פּערעלע, אונדזער חנהלע און איר קליין ברודערל דודל, אונדזער הענעלע, פּעסעלע און נאָך... און נאָך... און מיט זיי צוזאַמען זענען זיכער אַוועק אין קבר די מאַמע פון מעדעם־סאַנאַטאָריע די הייליקע רעגינע, די הייליקע דאָקטאַרין טאָלאַ, די הייליקע און טייערע לערער פּערל, חיים, העניע, דוד און אַנדערע, וועלכע האָבן טאָג און נאַכט געוואַכט און געציטערט, עס זאָל חלילה אַ קינד קיין בייז נישט געשען.

די היטלער־חיות האָבן פאַרוואַנדלט די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין אַ קבר פאַר די קינדער און לערער.

מעדעם־סאַנאַטאָריע און... קבר. ווי ווילד דאָס קלינגט! ווער קאָן דאָס באַנעמען? די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען דער פּאַלאַץ פון קינד; אַ פּאַלאַץ אַרומגערינגלט מיט אַ גרויסן גאָרטן, ווו קינדער זענען געווען אויסגעמישט מיט בלומען און בלומען מיט קינדער.

דאָס איז געווען אַ קינדער־לאַנד, ווו דאָס קינד מיטן לערער האָבן צוזאַמען געבויט אַ מוסטער פון אַ בעסערער, שענערער וועלט.

די סאַנאַטאָריע פאַר שוואַכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט זאָרג פאַר די שוואַכסטע צווישן די שוואַכע. מיט וויפל ליבע און וואַרעמקייט די קינדער און לערער פלעגן אַרומרינגלען יעדן שוואַכערן צווישן זיי. פלעגט אַריינפאַלן אין דער סאַנאַטאָריע אַ קינד אַ קאַליקע, פלעגט עס דאָ אויפלעבן, עס פלעגט זיך דאָ דערפילן מעשה מענטש. די לעצטע פלעגן דאָ ווערן די ערשטע.

און די ליבע צום מענטש איז אַריבערגעטראָגן געוואָרן צו יעדער באַשעפעניש. די קינדער האָבן איינגעאָרדנט נישט נאָר נעסטן פאַר פייגל און אַנדערע בעלי־חיים, נאָר אויך אַ סאַנאַטאָריע פאַר קראַנקע פייגל און פאַר שוואַכע אָדער קראַנקע שטוב־חיות און עופות.

היינט ווי ליב די קינדער האָבן געהאַט די אַרומיקע נאַטור! צענדליקער הינער פון הינער־פאַרם האָבן געהאַט נעמען און אָפט נעמען פון קינדער. אַ בלום אָדער אַ בוימל איז געווען אַ לעבעדיק באַשעפעניש. דער שענסטער חלום פון די קינדער איז געווען צו פאַרוואַנדלען די וועלט אין אַ מעדעם־סאַנאַטאָריע.

די קינדער האָבן נישט דערלעבט צו זען זייער חלום פאַרווירקלעכט. די נאַצי־בעסטיעס האָבן אומגעבראַכט אַט די אַלע קינדער מיט זייערע לערער. די נאַצי־חיות האָבן אַט דעם קינדער־פּאַלאַץ פאַרוואַנדלט אין אַ קבר פאַר די קינדער און לערער.

דער קינדער־קבר אין מעדעם־סאַנאַטאָריע וועט בלייבן אַן אייביקער שאַנד־פלעק פאַרן פאַשיזם און אַ הייליק אָרט פאַר די אַלע, פאַר וועמען די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַ סימבאָל פון אַ נייעם ליכטיקן מאָרגן.

(„אונדזער צייט“, יאַנואַר 1943)

י. י. טרונק / ערד, פאַרדעק נישט אונדזער בלוט!

פרומע יידן, ווען זיי זענען געווען אין גרויסער נויט, סיי אין פערזענלעכער, סיי אין די נויטן פון יידישן פאָלק, האָבן זיי אויסגעטון די שיך, אָנגעצונדן ליכט און זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד. זיי האָבן אויפגעמישט די אַלטע קלאָג־לידער פון יידן. דאָס קלאָג־ליד וועגן יידן — „איכה“. דאָס קלאָג־ליד וועגן דער וועלט און וועגן מענטש — „איוב“. מ׳האָט איבערגעלייענט די אַלטע פיוטים און קינות ווו עס ווערט דערציילט פון יידישע צרות און יידישן הערואיזם. אין די דאָזיקע קלאָג־לידער וועגן דעם שיקזאַל פון יידן און דעם שיקזאַל פון דער וועלט האָבן מיר געזוכט אַ טרייסט. וואָסער טרייסט? זעט, ווי מיר קלאָגן און מיר לעבן. זעט, ווי טיף אין אונדזער וועלט־געוויין וויינט דאָס געוויסן פון דער וועלט.

אין מיטן פון אונדזערע קלאָג־לידער האָבן מיר געזאָגט: דאָס רשעות האָט אַ גרענעץ. אויף יענער זייט גרענעץ פון דעם רשעות וואַרט אויף אונדז די גערעכטיקייט.

ווען איך פרווו היינט אויפצומישן אַט די אַלטע בלעטער פון יידישע קלאָג־לידער, געפין איך נישט קיין טרייסט. ניין. דאָס טיפע וועלט־וויינען פון יידן ווערט

בלאָס און בלאַסער. בלאַס און בלאַסער. עס שטאַרבט מיט מיט אונדזערע קדושים. די שטאַרקע ווערטער פון יידן, סיי פון יידישער וועלט־טרייסט, סיי פון יידישער וועלט־פּיין, פאַרלירן די קראַפט פון זייער נביאישער פייערלעכקייט. די פינצטערע פאַנטאַזיע פון די יידישע קלאָג־מענער זעט אויס ווי אויסגעלאָשן אין אונדזער היינטיקן אומקום. די שוואַרצע ליכטער פון יידישן אומגליק ברענען נישט מער. די טרייסט פון „נחמו עמי״ קלינגט ווי אַ שטאַמלעניש פון הילפלאָזע, וועלט־בלינדע, וואָס יאָמערן פאַרלוירענע אין דער נאַכט פון דער וועלט.

ניין. טויזנט מאָל ניין. דאָס, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין דעם שחיטה־טאָג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט קיין שום טייוול נישט געקאָנט אויסטראַכטן אין תהום פון זיינע מחשבות. דאָס קלאָג־געזאַנג פון יענעם טאָג איז נישטאָ דער ירמיהו, וואָס זאָל עס אויסזינגען אויף די חורבות.

מ׳וועט זאָגן: צי מעגן מיר אַרויסנעמען די צוויי הונדערט פופציק אויסגעקוילעטע קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע פון דעם גרויסן יידישן חורבן? צי האָבן מיר דאָס מאָראַלישע רעכט אויסצוצייכענען אָט אָ די קרבנות פון אַלע אומשולדיקע קרבנות פון יידישן וועלט־חורבן?

יאָ. מיר האָבן דאָס רעכט. מיר האָבן טויזנט מאָל דאָס רעכט. דער טויט און דער אופן ווי די דאָזיקע קינדער זענען אומגעקומען איז דאָס סימבאָלישע בילד פון דעם געוויסן פון דער קרעאַטור — מענטש. דאָס סימבאָלישע בילד פון דעם, וואָס עס באַדייט — מאָראַליש — פאַר דער וועלט — די אומקום־טראַגעדיע פון יידישן פאָלק.

✶

צו וואָס שרייבן איכה־בילדער? איך וועל איבערגעבן בלויז דאָס, וואָס מיר האָבן אַלע געלייענט אין אַ דעפּעשע, געדרוקט אין די יידישע צייטונגען.

נאַציס? פאַר וואָס נישט אָנרופן דאָס קינד ביים נאָמען? דייטשע מענער זענען אַריינגעקומען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וואָס אין מיעדזעשין. ס׳זענען דאָרט געווען צוויי הונדערט און פופציק קינדער און דאָס לערער־פּערסאָנאַל. די זין פון דייטשן פאָלק, וואָס זענען געקומען צו פאַרניכטן יידן, האָבן אויף אַ ציניש אופן געהייסן די לערער אַהיימגיין. דערוויל ווילן זיי אויסקוילענען בלויז אומשולדיקע יידישע קינדער. די דערוואַקסענע יידן האָבן נישט אָנגענומען דעם חסד פון שונא. זיי זענען אויסגעקוילעט געוואָרן צוזאַמען מיט די קינדער.

דאָס יאָר האָט געהייסן 1942.

אומשולדיקע קינדער — זיי האָבן קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. אויך מיר, דערוואַקסענע יידן, קומען אום, הגם מיר האָבן קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן. אויך דעם דייטשן פאָלק האָבן מיר קיין שלעכטס נישט געטאָן.

✶

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַ סימבאָל.

יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך פאַרנומען צו גרינדן אַ דערציִונגס־לאַבאָראַטאָריע פאַרן געראַכטן מענטש. ס׳איז געווען דער פּעדאַגאָגישער עקספּערימענט פון יידישע

סאָציאַליסטן צו דערציען קינדער אין דער אַטמאָספער און אין דעם באַוווסטזיין פון די גרויסע דערלייזונגס-אידעען פון דער מענטשהייט.

ליבשאַפט, מענטשלעכע גוטסקייט, — דאָס איז געווען די אַטמאָספער פון מעדעם-סאַנאַטאָריע.

✶

איך וויל דערציילן צוויי עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך מיט מיר פּערזענלעך געטראָפן אין מעדעם-סאַנאַטאָריע. איך פלעג זיין פון די אָפטע באַזוכער.

דער לערער באַטקע האָט מיר אַ מאָל דאָרט געוויזן אַ קינד. דאָס קינד איז געווען פון דער טיפסטער יידישער אָרעמקייט אין וואַרשע, ערגעץ פון אַ פינצטערן, נאַסן קעלער אויף דער סמאָטשע גאַס. די עלטערן, אָרעמע פאַרביטערטע מענטשן. אין אייביקע הונגער און נויט, קעלט און פייכטקייט, האָט דאָס קינד נישט געוווסט פון קיין שום ליבלעכקייט. עס האָט אפשר קיין מאָל קיין שמייכל נישט געזען אויף אַ מענטשלעך פּנים. הונגעריק, נאַקעט און פאַרוואָרלאָזט האָט זיך עס, דאָס קינד, ביי די אייגענע עלטערן אין פינצטערן קעלער געפילט ווי אַ קללה און ווי אַן אָנשיקעניש. נאָך אַ מויל אין קעלער, וואָס בעט אַ שטיקל ברויט און שלינגט שפייעכץ. דאָס קינד, געוווינט צו אייביקער מענטשלעכער נויט און פיינטשאַפט מצד די לייבלעכע טאַטע-מאַמע, איז ערשט זינט עטלעכע טעג געווען אין סאַנאַטאָריע. עס האָט זיך נישט געטרויט צו עסן מיט אַלע קינדער צוזאַמען און נישט אָנטייל גענומען אין די קינדערישע שפּילן. אויסגעדאַרט, אויסגעבלייכט, אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, מיט נאַקעטע ראַכיטישע פיסלעך ווי איינגעטרוקנטע העלצלעך, האָט עס זיך געהאַלטן אין אַ שרעקעוודיקער דיסטאַנס ווי עס וואָלט אַלע מענטשן און אַלע קינדער געהאַלטן פאַר די ערגסטע פיינט. ווען מען איז צוגעגאַנגען צו דעם דאָזיקן קינד, האָט עס איינגעקאָרטשעט די איינגע-פאַלענע פּלייצעלעך ווי עס וואָלט געוואַרט אויף קלעפּ.

ווען קיינער האָט נישט געזען, האָט דאָס קינד צעטרעטן און צעפּליקט די בלומען, וואָס זענען מיט אַזוי פיל זאָרגפעלטיקייט געהאָדעוועט געוואָרן פון די קינדער אין מעדעם-סאַנאַטאָריע. עס האָט דאָס געטאָן ווי עפּעס פון אַן אינערלעכער נקמה צו יעדער קרעאַטור. עס האָט געוואָרפן שטיינער אויף די הינדלעך און די קראָליקעס, וואָס האָבן זיך געהאָדעוועט אין סאַנאַטאָריע. אויך פון נקמה-געפיל צו יעדער קרעאַטור.

די לערער פון דער סאַנאַטאָריע זענען געווען מייסטער איינצונעמען אַפילו די ווילדסטע און פאַרביטערטסטע קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט. עס האָט געשטעקט עפּעס אַ וווּנדערלעכע גוטסקייט אין די לערער פון דער סאַנאַטאָריע צו עפענען פאַר זיך די קינדערישע הערצער.

דער לערער באַטקע האָט דאָס קינד ליבהאַרציק צוגערופן. דאָס קינד האָט זיך געשראָקן פאַר יעדער מענטשלעכער שטים און איינגעקאָרטשעט די פּלייצעלעך; עס האָט זיך געשראָקן אַפילו פאַר דעם וואַרעמען רוף פון מענטשלעכער גוטסקייט. עס האָט נישט געגלויבט, אַז אויף דער דאָזיקער וועלט איז פאַראַן עפּעס אַנדערש סיידן ווי הונגער און קלעפּ. דער לערער האָט נאָך אַ מאָל גערופן. דאָס קינד האָט געפּאַלגט פון מורא, און איז צו אונדז צוגעגאַנגען ווי אַ געשלאָגענער הונט.

דאָס קינד האָט אונדז נישט געקוקט אין פּנים אַריין. עס האָט מורא געהאַט צו קוקן אין אַ מענטשלעך פּנים אַריין. עס האָט געענטפערט אויף אַלע מיינע פראַגן אומהיימלעך־בייז און דערשראָקן און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן אויף דער ערד.

אַז כ׳האָב דאָס קינד געפרעגט אויף די ברידערלעך און שוועסטערלעך, האָט עס שטיל און טונקל געענטפערט, אַז זיי זענען אַלע געשטאָרבן.

— אויף וואָס זענען זיי אַלע געשטאָרבן?

— פון הונגער, — האָט דאָס קינד געענטפערט מיט אַ האַרטנעקיקער זעלבסט־פאַרשטענדלעכקייט, ווי קיין אַנדער טויט אַ חוץ אַ הונגער־טויט וואָלט בכלל נישט בנמצא געווען אויף דער וועלט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום בין איך ווידער געווען אין סאַנאַטאָריע. איך האָב אויפגעזוכט דאָס דאָזיקע קינד. איך האָב עס נישט דערקענט. די פאַרביטערטע אומהיימלעכע בייזקייט איז פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים, עס האָט ליב געלאַכט, אַלעמען פריי געקוקט אין די אויגן אַריין, און געשפּילט זיך צוזאַמען מיט אַנדערע קינדער. צו די לערער, ווען זיי האָבן עס גערופן, איז עס צוגעלאָפן, ווי אַ פאַרצערטלט קינד לויפט אַריין אין די אָרעמס פון אַ מאַמע. שפּעטער, אין דעם זעלבן טאָג, האָב איך געזען ווי דאָס קינד האָט באַגאָסן מיט וואַסער די רויזן, וואָס זענען געוואַקסן אין גאָרטן און געשיט קערנער פאַר די טויבן פון דער סאַנאַטאָריע.

אַ צווייטער עפּיזאָד:

אין מאָל קום איך צו פאָרן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. כ׳טרעף אַן אויפגערעגטע און פאַרמרהשחורהטע שטימונג. די קינדער זענען טרויעריקע. עפּעס איז געשען.

— וואָס איז? — פרעג איך ביי די לערער.

— אַ קראָליקל פון די געהאָדעוועטע חיהלעך איז שווער קראַנק געוואָרן. די קינדער לויפן אַלע מאָל אַהין צום קראָליקל עס קאָרמענען, עס גלעטן, עס בעטן, עס היילן.

ס׳איז אַ טרויער־טאָג אין מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווען אַ קראָליקל איז קראַנק געוואָרן. ווען עמעצער ליידט אין דער דאָזיקער אַטמאָספער פון ליבשאַפט, טרויערן די קינדער.

סענטימענטאַל? ניין. ס׳איז נישט סענטימענטאַל. ס׳איז אַ בילד פון אַ מענטשלעכן חלום וועגן מענטש און וועגן זיין אופן לעבן אין דער וועלט.

*

דייטשע מענער זענען געקומען די דאָזיקע קינדער אויסצוקוילענען. פאַר דער שחיטה האָבן די דייטשע מענער באַפוילן, אַז די לערער זאָלן אַהיימגיין, וואָרום איצטער דערוויל, ווילן די דייטשע מענער בלויז קוילענען קינדער. דייטשע מענער האָבן זיך ליב צו שפּילן מיט זייערע קרבנות. דייטשע מענער ווילן שטעלן זייערע קרבנות אויף דער פּרווו. דייטשע מענער גלויבן, ווי אַלע טיראַנען, אין דעם גאָט פון פּחדנות. די לערער זענען געבליבן. קידוש־השם, פון דעם ווייסן נישט די דייטשע מענער, די בויער — ווי איז מיר — פון אַ נייער וועלט. די לערער זענען געבליבן און אויסגעקוילעט געוואָרן צוזאַמען מיט די קינדער.

נקמה? „נקמת דם ילד קטן, עוד לא ברא השטן". נקמה פאַר דעם בלוט פון קליינע קינדער — אַזאַ באַגריף האָט נאָך דער טייוול נישט באַשאַפן. גערעכטיקייט? „אם יש צדק יופיע מיד". ווען גערעכטיקייט — פאַרוואָס שוויגן די הימלען?

און, אויב ס'איז נאָך ערגעץ־ווו אויף דער דאָזיקער אומגליקלעכער ערד פאַראַן אַ מענטש מיט געוויסן, דאַרף ער זיך איינהילן אין שוואַרצן און זיך שעמען אין אָנגעזיכט פון ליכטיקן טאָג און פון דער שיינענדיקער זון.

ניו־יאָרק, 10 דעצעמבער 1942.

מ. בראָדערזאָן

דערהרגעטע קינדער

איך האָב געזען זיי אויף די וועגן ליגן, אויף שאָסייען,
די קינדער, די דערהרגעטע דורך קויל פון פיינט,
איך האָב געזען, ווי איבער זיי לבנה־נעכט עס גייען,
געזען פון שריפה־פייערן אין זיי די שיין.

מיט הענט און פיס צעוואָרפן זענען זיי געלעגן,
די איינגעקאָרטשעטע אין דעם לעצטן וויי־געשריי,
מיט וויי־געשריי, וואָס קיינמאָל וועט נישט אויפהערן צו פרעגן,
פאַרוואָס, פאַר וועלכער זינד דען קומט עס זיי?

געזען אַ ייִנגעלע אָנטקעגן הימל אויסגעצויגן,
זיין פנים האָט אַ בלוי קאָליר געהאַט אַזאַ,
פאַרגלייזטע ביי אים געווען זענען שוין די אויגן,
און אויף די ליפּן אָפּגעהאַקט האָט קוים דער יאָמער: מאַ...

ש. אַבראַמסאָן

די מעדעס־סאַנאַטאָריע אין שאָטן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע (סעפּטעמבער 1939 — אַפּריל 1940)

וואַרשע אין די ערשטע טעג נאָך דער קאַפּיטולאַציע

ס׳הערשט אַ מוראדיקער כאַאָס. דורך דער צייט פון דער באָמבאַרדירונג זענען מענטשן נישט אַרויס פון די הייזער. די איינוווינער האָבן באַוואַכט די טויערן. זיי זענען געווען פאַרפליכטעט צו מעלדן וועגן יעדן פרעמדן, וואָס האָט געפרוווט אַריינקומען. מ׳האָט אין יעדן אומבאַקאַנטן געזען אַ שפּיאָן, אַ מיטגליד פון „פינפטן קאָלום״. מ׳האָט אויך געהיטן, אַז כוליגאַנעס זאָלן זיך נישט אַריינרייסן און רויבן.

פון די הייזער זענען אַרויס נאָר די, וועמענס הייזער עס האָבן געברענט. מען איז געלאָפן געפינען אַ פריינד, אַ קרוב וווּ מען זאָל קענען דעם קאָפּ אַוועקלייגן. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס עס איז געוואָרן פון זיינע פריינד, אַפילו וועגן די נאָענטסטע קרובים, ווער פון זיי איז לעבן געבליבן, ווער עס איז אַוועק אויף מזרח אין דער היסטאָרישער נאַכט פון 6טן סעפּטעמבער, ווער ס׳איז אַרויס פון שטאָט און זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף.

איצט, ווען די באָמבאַרדירונג האָט אויפגעהערט, זענען די גאַסן ממש פאַרפלייצט געוואָרן פון מחנות מענטשן. ווער ס׳איז געלאָפן אויסגעפינען, וואָס ס׳איז געוואָרן פון זיינע נאָענטסטע, ווער ס׳האָט געפרוווט זיך דערשלאָגן צום אָרט, וווּ ס׳איז פריער געווען זיין געשעפט, זיין פאַבריקל, און ווער ס׳האָט געפרוווט געפינען אַ געוועלבל, וווּ ס׳איז נאָך איבערגעבליבן אַ ביסל שפּייז.

דער גרעסטער טייל געשעפטן איז אָבער געווען פאַרברענט, צעשטערט, אָדער פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. דאָ און דאָרט האָט זיך געעפנט אַ קליין געוועלבל און אָנגעהויבן אויספאַרקויפן וואָס עס איז נאָך געבליבן. ס׳האָט זיך באַלד געשאַפן אַ ריי פון הונדערטער מענטשן. דאָס באַוועגן זיך אין גאַס איז געווען אומגעהויער שווער. טייל פאַרברענטע הייזער זענען געבליבן שטיין און זייערע שקעלעטן האָבן אָנגעוואָרפן אַ פחד, די מערסטע אָבער זענען איינגעפאַלן און געשאַפן אויף די גאַסן בערג פון ציגל, שטיינער און צעבראָכענע שטיקער מעבל. צו דעם אַלעם איז צוגעקומען נאָך אַ צרה. אין אָנהויב פון קריג האָבן אַלע געמוזט העלפן בויען שוץ־גראָבנס. חוץ די גראָבנס אַרום דער שטאָט האָט מען אויך געמאַכט גראָבנס צווישן די גאַסן. ווי בייזע ציינגער האָבן גערעדט, איז דאָס פאַרטראַכט געוואָרן דורך באַהאַלטענע שונאים, וואָס

האָבן אַזוי אַרום געוואָלט דעזאָרגאַניזירן די שטאָט, ווייל דאָס האָט אוממעגלעך געמאַכט דאָס דורכפאָרן פון אַמבולאַנסן און פייערלעשער.

טראָץ די אַלע שוועריקייטן האָבן איצט טויזנטער מענטשן געוואַנדערט דורך די בערג און טאָלן ביז פאַרנאַכט. 7.30 זענען די גאַסן געוואָרן פוסט, ווייל די דייטשן האָבן פון ערשטן טאָג אָן איינגעפירט אַ פּאָליצײ־שעה, און אַ פאַרשפּעטיקטער פלעגט גלייך דערשאָסן ווערן.

מ׳האָט אין משך פון טאָג דערוויייל ווייניק געזען די דייטשן. פון צייט צו צייט איז דורכגעפאָרן אויף מאָטאָציקלען אַ גרופּע דייטשע זעלנער, וואָס האָבן קונציק דורכגעשניטן די בערג און טאָלן. ס׳האָט גענומען טעג ביז מענטשן האָבן אָנגעהויבן געפינען איינער דעם אַנדערן.

סאַניטאַרע אָפּטיילונגען האָבן זיך באַמיט צו באַגראָבן די טויטע, וואָס זענען געלעגן אונטער די חורבות, אָדער אַפילו אין מיטן גאַס. ס׳איז ממש אוממעגלעך אין ווערטער צו שאַפן אַ בילד, וואָס עס איז געוואָרן פון דער פריער גרויסער שיינער וואַרשע.

ווי אַלע מאָל אין אַזעלכע באַדינגונגען, האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן די אַכזריותן, וואָס די דייטשן זענען באַגאַנגען דאָ און דאָרט.

אַ פּלוצלונגדיקער באַזוך

דעם 3טן אָקטאָבער אין די נאָכמיטאָג־שעהען האָבן מיך באַזוכט צוויי געוועזענע לערערינס אין אונדזערע שולן און מיטאַרבעטערינס פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע — די חברטעס ליובע גילינסקי און חנה זאַקהיים. ליובע איז די פרוי פון שלמה גילינסקי, מיין נאָענטסטן פריינד, גרינדער און פירער פון דער סאַנאַטאָריע פון אָנהויב ביזן קריג. ער איז צוזאַמען מיט אַלע מענער אַוועק אויף מזרח. זיי האָבן זיך געווענדעט צו מיר בזה הלשון:

איר האָט צוזאַמען מיט גילינסקין געעפנט די סאַנאַטאָריע אין 1926, וואָלט איר געהאַט די דרייסטקייט און מוט זי איצט צוריק צו עפענען? און זיי דערציילן מיר די פאָלגנדיקע געשיכטע: היינט זענען קיין וואַרשע געקומען צופוס צוויי פון די אַמאָליקע סאַנאַטאָריע־קינד־אַנגעשטעלטע, וואָס האָבן זיך בעת דער מלחמה אויסבאַהאַלטן אין דאָרף, און אונדז איבערגעגעבן, אַז די סאַנאַטאָריע איז פולשטענדיק אויסגערויבט געוואָרן. ס׳איז נישט נאָר נישט געבליבן קיין זכר פון מעבל: בעטן, בענק, טישן, שענק, ס׳זענען נישטאָ קיין פענצטער, קיין טירן, עס זענען צענומען די קיכן און אויוונס. אויב מ׳וועט באַלד נישט אַראָפּשיקן אַהין קיין מענטשן, וועט מען אויך צענעמען די פאַרקעט־פאָדלאָגעס אויף ברען־האָלץ.

די צוויי לערערינס האָבן באַשלאָסן זיך צו ווענדן צו מיר, ווייל אַלע פירער פון דער סאַנאַטאָריע: די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער און די דערציער זענען אַוועק אויף מזרח, און איך בין דער איינציקער וואָס איז געבליבן. זיי זענען פאַרן קומען צו מיר געווען ביי אונדזער פריינד דעם דירעקטאָר פון דזשאָינט ה׳ ל. נוישטאַט, אים איבערגעגעבן אַלץ און געזאָגט, אַז זיי האָבן בדעה זיך צו ווענדן צו מיר. נוישטאַט

האָט זיי פּייערלעך צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל אים מעלדן, אַז כ׳נעם זיך אונטער צו עפענען די סאַנאַטאָריע, וועט דער דזשאָינט זיך שטעלן מיט אַלע זיינע מיטלען הינטער מיר. אונדזער שמועס האָט זיך געענדיקט דערמיט, אַז איך וועל די נאָענטסטע טעג זיך מיישב זיין מיט די פאַרבליבענע חברים פון דער בונדישער פירערשאַפט, וועל צופאָרן קיין מיעדזעשין, און זען וואָס מ׳קאָן טאָן און וועל דעצידירן. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז כ׳מוז מיטנעמען מיט זיך עטלעכע אַזוי גערופענע מייסטערס, מענטשן וואָס פאַרשטייען, וואָס און ווי אַזוי מען קאָן עפּעס פאַריכטן.

כ׳בין אין אַ שעה אַרום אַוועק צו נוישטאַטן. ער איז געלעגן אין בעט אַ פאַרוווּנדעטער אין פוס פון אַ גראַנאַט־שפּליטער. נוישטאַט האָט מיר איבערגעחזרט זיין דערקלערונג, אַז אויב איך וועל אים מעלדן, אַז איך נעם אויף זיך צוריק צו עפענען די סאַנאַטאָריע, וועט ער שטעלן צו מיין דיספּאָזיציע וועלכע ס׳איז נאָר מעגלעך פאָנדן פון דזשאָינט. מיר האָבן זיך ביידע אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון פון דעם, אַז אין דער איצטיקער לאַגע איז אַפילו מיט געלט שווער, אָדער אַפילו אוממעגלעך צו קויפן דאָס סאַמע נויטיקסטע.

מיר זענען עולה רגל צו דער סאַנאַטאָריע

איך האָב במשך פון אַ טאָג געפונען צוויי יונגעלייט, מיטגלידער פון אַ דראַמאַטישן קרייז, וואָס זענען געווען פעיִק צו אַלע בוי־אַרבעטן. זיי זענען מסכים געווען מיט מיר אַוועקצופאָרן קיין מיעדזעשין און געגנוי באַטראַכטן ווי גרויס ס׳איז דער שאָדן און וואָס מ׳קאָן פאַריכטן.

קיין שום טראַנספּאָרטאַציע־מיטלען זענען נישט געווען, און מיר האָבן זיך געמוזט אַוועקלאָזן צופוס. מיר האָבן זיך גענומען גרייטן צו דער נסיעה. איך האָב איינגעלאַדן די צוויי מייסטערס צו שלאָפן ביי מיר, בכדי מיר זאָלן קענען פאַרטאָג זיך לאָזן אין וועג אַריין. מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין מיטן זון־אויפגאַנג, ווייל דאַן האָט מען נאָך אויף די גאַסן נישט געזען קיין סך דייטשע פּאַטרולן. ביז צו זון־אויפגאַנג האָט מען זיך נישט געטאָרט באַווייזן אויף דער גאַס.

אַרום 4 פאַרטאָג האָבן מיר געגעסן פרישטיק, גענומען אויף זיך רוק־זעק מיט די נויטיקע זאַכן און אָנגעהויבן אונדזער מאַרש. ס׳איז געווען ווי מיר האָבן דערוואַרט: די גאַסן זענען געווען פּוסט און מיר האָבן נישט געהאַט די מינדסטע שטערונג ביז מיר זענען אָנגעקומען צו דער בריק. דאָ האָבן מיר שוין אָנגעטראָפן הונדערטער פּוילישע אַרבעטער, וואָס גייען אַרויס אין די פּרימאַרגנס צו דער אַרבעט אין די פּאַרשטעט. די דייטשן האָבן די זייער ברייטע בריק פאַרמאַכט, זיי האָבן איבערגעלאָזן אין מיטן אַ שמאָלן דורכגאַנג און באַטראַכט יעדן דורכגייער.

מיר האָבן, ווייזט אויס, אין אונדזער הילוך נישט אַרויסגערופן קיין פאַרדאַכט און בשלום אַריבערגעשפּאַנט די בריק. מיר האָבן שוין איצט הינטער זיך געהאַט דעם געפערלעכסטן פּונקט, און הייטערע זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער. פון דאַן אָן האָבן מיר שוין קיין דייטשן נישט אָנגעטראָפן אויפן גאַנצן וועג. נאָך פינף שעה זענען מיר אָנגעקומען קיין מיעדזעשין.

דאָס בילד פון חורבן

אויף וויפל מיר האָבן שוין פריער געגוי געהערט וועגן דעם מצב פון דער סאַנאַטאָריע, איז דאָך דאָס, וואָס מיר האָבן דאָרט דערזען געווען אַ שרעקלעכע איבער־לעבונג. ס׳איז ווייזט אויס נישט גלייך הערן צו זען.

די לערערינס האָבן אויך, זעט אויס, נישט געוווּסט וועגן פיל פּרטים, וואָס האָבן געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. ס׳איז מיר אויסגעקומען אין משך פון די דרייצן יאָר, וואָס די סאַנאַטאָריע האָט עקזיסטירט, ביזן קריג, פיל מאָל צו פאַרטרעטן גילינסקין אין די זומער־חדשים. כ׳האָב געקענט יעדעס ווינקעלע פון דעם ווונדערבאַרן אַנשטאַלט, יעדעס שטיקל מעבל, יעדן בוים, יעדן רויזן־קוסט, יעדעס שטעגעלע.

די אַמאָל פּרעכטיקע נייע געביידע איז געשטאַנען אַ חרובע, אָן טירן, אָן, פענצטער, פון אָרט צו אָרט דורכגעלעכערטע ווענט פון קוילן. די אַלטע געביידע אויך אויסגע־רויבט. לעכער און לעכער — דאָס איז אַלץ וואָס ס׳איז געבליבן.

קיין שפּור פון אַ לעבעדיקן מענטש — ס׳האָט אויסגעזען ווי אויך אין די אַרומיקע פּויערישע הייזער איז קיינער נישטאָ, אַפילו אַ הונט האָט נישט קיין ביל געטאָן. אַלץ ווי אויסגעשטאָרבן. אַ נס וואָס די פּאָדלאָגעס און די שטיגן זענען געבליבן גאַנץ. מיר זענען אַדורך די גאַנצע געביידע און אַרויף אויפן ערשטן שטאָק, מיר זענען געווען אַזוי דערדריקט, אַז מיר האָבן איינער צום אַנדערן קיין וואָרט נישט אויסגערעדט.

ווען מיר זענען אַרויס אין גאָרטן, האָט אונדז דערוואַרט נאָך אַן אויפטרייסלענדיק בילד. צווישן ביידע געביידעס איז געווען אַ בית הקברות.

מיר האָבן זיך ערשט שפּעטער דערוווּסט, אַז אומגעפער אַ וואָך צייט איז די סאַנאַטאָריע געווען אַ קאַמפּס־פּאָזיציע. אַן אָפּטיילונג פון פּוילישע זעלנער האָט זיך פאַרפעסטיקט אין דער סאַנאַטאָריע און די דייטשן האָבן זי געשטורעמט פון דרויסן. עטלעכע צענדליק זעלנער און אָפיצירן, וואָס זענען דאָן געפאַלן אין דער שלאַכט זענען דורך די פּאַליאַקן אויפן אָרט באַגראָבן געוואָרן. אין יעדן קבר האָט געשטעקט אַ שווערד, אויף וועלכער ס׳איז געהאַנגען אַ היטל מיט די אָפּצייכענונגען פון אומגע־קומענעם.

איצט האָבן מיר נאָר געזען אַ בית הקברות — די חורבות פון די הייזער, צוזאַמען מיטן בית עולם האָבן זיך דערגאַנצט און געשאַפן איין גרויזאַם בילד. אַן אמתער קאָשמאַר. די אַמאָל פּרעכטיקע אַלייען זענען געווען צעגראָבן און אַנטבלויזט די נאַקעטע וואָרצלען פון די רויזן און טוליפּן מיט וועלכע די סאַנאַטאָריע האָט אַזוי שטאָלצירט.

כ׳האָב נישט געדאַרפט הערן, וואָס מיינע צוויי באַגלייטער האָבן געהאַט צו זאָגן — ס׳איז געווען גענוג אַ קוק צו טאָן אויף זייערע פּנימער צו וויסן, וואָס זיי פילן, וואָס זיי מיינען. מיר האָבן נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל שווייגנדיק אַרומגעקרייזט די געביידעס.

ס׳איז געווען אַ מאָמענט, ווען כ׳האָב זיך מייאש געווען און געוואָלט אַנטלויפן צוריק קיין וואַרשע. כ׳האָב דאָן אַזוי ווי דערהערט אין מיר גילינסקיס שטימע: פון ווען אָן שרעקן מיר זיך פאַר שוועריקייטן, אַפילו פאַר אויסטערלישע שוועריקייטן.

וויפל מאָל איז די סאַנאַטאָריע אין משך פון די 13 יאָר געשטאַנען פאַר קאַטאַסטראָפאַלע סיטואַציעס. וויפל מאָל האָט דער ריזיקער דעפיציט געדראָט מיר זאָלן באַנקראָטירן, מ׳זאָל די סאַנאַטאָריע פאַרקויפן אויף אַ ליציטאַציע פאַר די חובות, אָדער לכל הפחות מיר זאָלן מוזן איינשרומפן אונדזער טעטיקייט. מיר האָבן נישט באַנקראָטירט, מ׳האָט די סאַנאַטאָריע נישט פאַרקויפט און אַנשטאָט פאַרקלענערן, האָבן מיר נאָך כסדר פאַרגרעסערט און פאַרשענערט אונדזער אַנשטאַלט. איך האָב מיטגעלעבט עטלעכע אַזעלכע סיטוציעס און געוווּסט ווי אמת דאָס איז געווען.

כ׳האָב זיך פאַרשעמט פאַרן מאָמענט פון יאוש, די ווערטער צוזאַמען מיט די בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט האָבן מיך געשטאַרקט, צוגעגעבן מוט. עקשנות איז אויפגעקומען אין מיר — ניין, מיר וועלן נישט גיין צוריק. מיר וועלן פּרובירן אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך, אַפילו נאָר ווי אַמאָל צו עפענען אַ קליינע טייל פון אַנשטאַלט.

מיר זענען, נאַטירלעך, געבליבן.

מאַקסימענקאָס ווערסיע וועגן פּאָגראָם

ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַ משוגענער געדאַנק. אפשר זאָלן מיר פּרובירן צוריק־נעמען כאָטש אַ טייל פון די צוגערויבטע זאַכן. דער דאָזיקער געדאַנק האָט מיר אַליין אויסגעזען לעכערלעך, זינלאָז, אַפילו געפערלעך. ווו האָט מען געהערט, אַז מ׳זאָל צוריקנעמען רויב?

כ׳האָב דעם געדאַנק אַרויסגעבראַכט פאַר מיינע צווויי צוהעלפער — זיי האָבן אַנשטאָט אַן ענטפער נאָר געהויבן מיט די אַקסלען. מיך האָט אָבער די מחשבה נישט אָפּגעלאָזט...

נישט ווייט פון דער סאַנאַטאָריע האָט געוווינט אונדזער „געטרייער" אָנגע־שטעלטער מאַקסימענקאָ, אַן אוקראַינער, וואָס האָט כמעט די גאַנצע צייט געאַרבעט אין דער סאַנאַטאָריע, געווען דער מעכאַניקער, באַזאָרגט די וואַסער־לייטונג, די עלעק־טריציטעט און גלייכצייטיק געווען דער שומר. גילינסקי האָט צו אים געהאַט פולן צוטרוי — ער האָט געוווּנען אַלעמענס אַכטונג.

ער האָט זיך פון יאָרן אַרבעט אויסגעבויט אַ קליין הויז אויפן פעלד נעבן דער סאַנאַטאָריע, דאָרט געוווינט מיט ווייב און קינדער און אַ גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט געווען באַשעפטיקט אין אַנשטאַלט. כ׳האָב אים געשיקט רופן, ער איז באַלד געקומען און דערציילט זיין ווערסיע וועגן דעם, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען:

„נאָך דעם ווי די דייטשן האָבן פאַרניכטעט דעם פּוילישן גאַרניזאָן, זענען זיי נאָר עטלעכע טעג פאַרבליבן אין מיעדזעשין און אַוועק קיין וואַרשע. פאַרן פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע האָבן זיי אים, מאַקסימענקאָן, באַפוילן אויפצופּעפענען ברייט די טויערן און לאָזן יעדן נעמען וואָס ער וויל. די ידיעה, אַז די סאַנאַטאָריע איז הפקר האָט זיך פאַרשפּרייט כהרף עין און נאַטירלעך זענען די ערשטע געקומען צו לויפן די נאָענטסטע שכנים. שפּעטער אַ ביסל זענען שוין געקומען נאָך דעם לייכטן רויב אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט זייערע הייזער אַזוי ווייט ווי צען קילאָמעטער פון דער סאַנאַטאָריע. מ׳האָט קודם כל אַרויסגעטראָגן בעטגעוואַנט, וועש, מעבל. ווען ס׳איז שוין גאָרנישט

געבליבן פון אַזעלכע זאַכן זענען געקומען בעלי מלאכות און גענומען וואָס זיי דאַרפן, אַזוי האָבן סטאָלאַרעס אַרויסגענומען טירן, די ראַמען פון די טירן און פענצטער, גלעזער האָבן אַרויסגעשניטן די שויבן, עלעקטריקער האָבן אַראָפּגענומען אַלע שיינע לאָמפּן און פּאַכמעניש פאַרדרייט די דראָטן. אַנדערע האָבן גענומען טיילן פון די אויוונס און קיכן. מיט איין וואָרט, יעדער האָט אַוועקגעשלעפּט, וואָס ער האָט געדאַרפט. אַזוי איז געבליבן אַ חורבה. ער האָט, זאָגט ער, גאָרנישט געקאָנט טאָן דאָס צו פאַרמיידן — מ׳וואָלט אים גלייך געטויט, ווען ער וואָלט זיך נאָר געפּרוּווט קעגנשטעלן".

כ׳האָב אים געפרעגט צי ער ווייס ביי וועלכע שכנים ס׳געפינען זיך אַ סך אַנגע־רויבטע זאַכן, און זיין ענטפער איז געווען, אַז אין יעדן איינציקן הויז אַרום דער סאַנאַטאָריע איז פאַראַן גענוג.

נאָכן אויסהערן מאַקסימענקאָס דערציילן איז ביי מיר נאָך שטאַרקער געוואָרן דער באַשלוס צו טאָן אַלץ, כדי אָפּצוראַטעווען אונדזער פאַרמעגן.

די פאַלעניצער מיליץ

ס׳איז מיר געוואָרן קלאָר, אַז מיט גוטן וועט קיינער גאָרנישט צוריקגעבן. אַ שטיקל דערפאָלג איז מעגלעך נאָר מיט דער הילף פון דער אָרטיקער מיליץ.

כ׳האָב זיך נאָך פריער געהאַט דערוווּסט, אַז ווען אַ פאָרפּאָסטן פון די דייטשן איז אָנגעקומען קיין פאַלעניץ (דאָס שטעטל נעבן מיעדזעשין, וווּ ס׳האָט זיך געפונען די סאַנאַטאָריע) האָבן זיי אַרויסגעוואָרפן פון דער מיליץ, וואָס האָט זיך געהאַט געשאַפן די ערשטע טעג פון קריג, אַלע יידן, און איבערגעלאָזט צייטווייליק די איבעריקע מיט זייער ביז־איצטיקן קאָמענדאַנט.

כ׳האָב דעם קאָמענדאַנט, זיין נאָמען איז דוכט מיר געווען סטזשעלעצקי, גוט געקענט. דאָס איז געווען אַן אַלטער האַרץ־קראַנקער קריסט, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ משוגענעם צוליב זיין אויסטערלישער נערוועזקייט.

כ׳האָב באַשלאָסן אים באַלד צו באַזוכן, כ׳האָב זיך געריכט אויף אַ שטורמישער סצענע, אָבער ס׳האָט דאָך געטליעט אין מיר אַ שטיקעלע האָפענונג, אַז כ׳וועל מצליח זיין. אַזוי איז טאַקע געווען. ווי נאָר כ׳האָב אים געזאָגט, אַז מיר ווילן עפענען די סאַנאַטאָריע, איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין בענקל און גענומען ליאַרעמען: איר ווילט אַראָפּברענגען קינדער, זיי זאָלן דאָ אויסשטאַרבן פון הונגער. איר ווילט מיר זאָלן אייך געבן עסנוואַרג, ווען מיר האָבן אַליין נישט פאַר זיך. און וואָס, שרייט ער, וועלן זאָגן די דייטשן? אַלע אַרום ווייסן דאָך, אַז דאָס איז אַ סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע נעסט. האָט איר נישט אַרויסגעהאַנגען אַ רויטע פאָן יעדן ערשטן מאַי? מיינט איר, אַז זיי וועלן אייך שוינען?

כ׳האָב אים געלאָזט זיך אויסשרייען און דאַן הויך אָבער פעסט דערקלערט, אַז מיר ווילן נישט קיין שפּייז פון דער געגנט — מיר וועלן אַלץ ברענגען פון וואַרשע — אין קעגנטייל, ס׳וועט נאָך זיין אַ הילף פאַר די אָרטיקע איינוווינער, ווייל מיר וועלן דאַרפן מענטשן צו דער אַרבעט. מיר זענען גרייט צו ריזיקירן וועגן דער האַנדלונג פון די דייטשן. זיי וועלן אפשר נישט אומברענגען אַן אַנשטאַלט מיט קראַנקע קינדער.

כ׳האָב אים אויך גלייך דערקלערט, וואָס מיר ווילן פון אים, דערציילט וועגן

דעם צערויבן די זאַכן פון אַנשטאַלט און געבעטן די הילף פון דער מיליץ ביים צוריק־נעמען אונדזערס. מיר דאַרפן ער זאָל אויסקלייבן זעקס פּאַרלעסלעכע מיליציאַנטן, וואָס זאָלן מיט אונדזערע מענטשן גיין צו די שכנים און צוריקנעמען וואָס ס׳וועט זיך נאָר לאָזן. מיר זענען גרייט די מיליציאַנערן צו צאָלן 20 זלאָטעס אַ טאָג יעדן פאַר זיין אַרבעט. מיר וועלן זיין פריינדלעכע הילף קיין מאָל נישט פאַרגעסן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט שטיל אויף זיין פאָטעל, געשוויגן אַ ווייל און דאַן מיר געענטפערט, אַז ער וועט דאָס אַלץ דורכטראַכטן און וועט מיר אויף צומאָרגנס פרי מעלדן זיין באַשלוס. כ׳האָב געפילט מיט אַלע מיינע חושים, אַז כ׳בין אויף אַ וועג.

די ידיעה, אַז עס זענען געקומען פאָרשטייער פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג, האָט גלייך דעם ערשטן נאָכמיטאָג געבראַכט קיין מיעדזעשין פון דער נאָענטער פאַלעניץ עטלעכע חברים פון „בונד״, וואָס האָבן דאָרט שטענדיק געוווינט, ווי אויך דריי געוועזענע שטוב־רוימערינס, וואָס האָבן ביזן סאַמע קריג געאַרבעט אין דער סאַנאַ־טאָריע. זיי האָבן איבערגעלעבט דעם קריג, באַהאַלטן ערגעץ אין פאַלעניץ. זיי זענען אונדז ממש אַראָפּגעפאַלן פון הימל, ווייל מיר האָבן דאָך געדאַרפט מענטשן, וואָס זאָלן דערקענען די זאַכן, וואָס געהערן דעם אַנשטאַלט. אויך די פאַלעניצער חברים האָבן אָנגעבאָטן זייער הילף.

צומאָרגנס גאַנץ פרי בין איך אַוועק צום קאָמענדאַנט. דאָס איז נישט געווען דער זעלבער מענטש. ער האָט, וואָס אַן אמת, פריער פון אַלץ דערקלערט, אַז ער נעמט נישט אויף זיך קיין שום פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר די פאָלגן פון אונדזער אַקציע, אָבער ער וועט צוהעלפן מיט וואָס ער וועט נאָר קענען.

זיין באַדינג: מיר זאָלן צוערשט ברענגען אַ גרעסערן זאַפּאַס פּראָדוקטן, גענוג צו באַשפּייזן די קינדער אויף מינדעסטנס אַ חודש און ערשט דאַן אַראָפּברענגען די ערשטע פּאַרטיע. ער האָט גלייך אַריינגערופן 6 מיליציאַנטן, וועלכע זענען שוין געווען דורך אים צוגעגרייט און זיי נאָך אַ מאָל דערקלערט, וואָס זיי דאַרפן טאָן און וואָס פאַר אַ לוין זיי וועלן באַקומען.

נאַטירלעך, אַז אַזאַ אָפּמאַך דאַרף מען „באַגיסן״. די שענקען זענען געווען פאַר־מאַכט, אָבער זיי האָבן שוין גוט געוווּסט ווו מ׳קאָן באַקומען פּריוואַט אַ ביסל משקה. נאָכן „לחיים״ האָבן זיי צוגעזאָגט צו זיין פּינקטלעך 8 אַזייגער דעם נאָענטסטן פרימאָרגן אין דער סאַנאַטאָריע, גרייט מיטצוגיין מיט אונדזערע מענטשן.

די פאַלעניצער חברים האָבן אונדז געהאָלפן קריגן דריי פורן מיט אייגענע יידישע פורמאַנעס. אַ גאַנצן אָוונט האָבן מיר פאַרבראַכט מיט אונדזערע געוועזענע אָנגע־שטעלטע און אַרומגערעדט אויספירלעך, ווי אַזוי זיי דאַרפן רעדן מיט די שכנים און זיין אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיק ביים דערקענען אונדזערע זאַכן — נישט אָנרירן, חלילה, קיין שום חפץ, וואָס זיי זענען נישט הונדערט פּראָצענט זיכער, אַז ס׳געהערט צו אונדז.

כ׳האָב זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז אונדזער אַקציע קאָן פאַרוואַנדלט ווערן אין אַן אומגליק, קיין צוריקוועגס איז שוין אָבער נישט געווען. כ׳בין די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, מיטן זון־אויפגאַנג האָב איך צוריק באַקומען מיין רוּקייט און אַנטשלאָסנקייט.

מיר הויבן אָן די אַקציע

נאָך פאַר 8 אַזייגער זענען שוין די דריי פורן געשטאַנען פאַרן טויער פון דער סאַנאַטאָריע, אונדזערע אָנגעשטעלטע, אויסערלעך רויִקע, זענען געווען גרייט. צו דער אָפּגערעדטער צייט זענען געקומען די 6 מיליציאַנטן און די פורן האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. יעדע פור איז געווען באַגלייט פון איין אָנגעשטעלטן און 2 באַוואָפנטע שומרים.

כ׳בין געשטאַנען פון ווייטן און געזען ווי די פורן קומען צו צו די ערשטע דריי הייזער. כ׳בין זיך מודה, אַז אַלץ אין מיר האָט געציטערט.

נאָך עטלעכע מינוט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אַן אייביקייט, האָב איך געקאָנט זען, ווי מ׳טראָגט אַרויס בעטן, שטולן, טישן, אַ ביסל בעטגעוואַנט און מ׳לאָדט עס אָן אויף די פורן. מיין זיכערקייט איז געוואַקסן מיט יעדער שעה. נאָך אַ שטיקל צייט זענען די פורן צוריקגעקומען, אויסגעלאָדן, וואָס זיי האָבן צוריקגענומען, און די אָנגע־שטעלטע האָבן מיר איבערגעגעבן די איינצלהייטן ווי אַלץ איז צוגעגאַנגען. קיינער אין די הייזער, וואָס זיי האָבן באַזוכט האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד. די שטוב־מענטשן זענען געשטאַנען שטום און זיך צוגעקוקט ווי מ׳טראָגט אַלץ אַרויס.

ווען מ׳האָט געהאַלטן אין פאַרענדיקן דאָס אַרויסטראָגן האָט כמעט אין יעדן הויז דער בעל הבית אָדער זיין פרוי אויסגעשריגן: וואָצעק פון קעגנאיבער האָט אויך זאַכן, יאַנעק פון דער אַנדערער זייט באַן־רעלסן האָט אויך ביי זיך זייער פיל אייערע מעבל. ס׳האָט געהייסן, אויב איר נעמט שוין צו ביי מיר, נעמט אויך צו ביי די אַנדערע. דער דאָזיקער פסיכאָלאָגישער מאָמענט איז פאַר אונדז געווען ממש אַ רעטונג, דאָס איז געווען אַן אידעאַלער וועג־ווייזער.

די פורן האָבן זיך באַלד אומגעקערט און געפאָרן צו די אַנדערע הייזער. כ׳האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגן, ווען מיר האָבן צום סוף פון צווייטן טאָג געהאַט ביי זיך 29 פורן פול געלאָדענע.

אין איינעם פון די הייזער האָט דער פויער זיך אָנגערופן צו די מיליציאַנטן: פאַרגעסט נישט אייער מאַקסימענקאָ. די בעסטע און טייערסטע זאַכן האָט ער אין זיין הויז. מיר האָבן באַשלאָסן איבערצולאָזן זיין דירה ביז מיר וועלן פאַרענדיקן מיט אַלע איבעריקע.

אויפן דריטן טאָג אין דער פרי זענען אונדזערע דריי פורן צוגעקומען צו זיין הויז. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער איז אויסער זיך פון פאַרוואונדערונג. וואָס הייסט, מ׳איז אים חושד? ער איז אָבער אַנטשוויגן געוואָרן, ווען מ׳האָט באַלד אין קאָרידאָר געפונען אונדזערע עטלעכע שענק און שטולן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט טאַקע צוגענומען די ווערטפולסטע ניי־מאַשינען, פּאַטעפאָנען, אַ קאָמפּלעטע אויסשטאַטונג פון אַ דענטיסטישן קאַבינעט און אַן אַ שיעור אַנדערע זאַכן. מ׳האָט פון זיין הויז אַרויסגעפירט פולע דריי פורן, און דערמיט האָט זיך די אַקציע פאַרענדיקט.

כ׳מוז ליידער צוגעבן, אַז אויך אין עטלעכע יידישע הייזער איז געפונען געוואָרן אַ סך אונדזערע מעבל. ביים יידישן בעקער האָבן מיר געפונען אונדזער פּיאַנאָ. די יידן האָבן אָבער בקול אחד געטענהט, אַז דאָס האָבן זיי געוואָלט אַזוי אַרום אָפּראַטעווען

אונדזער פאַרמעגן און געטראַכט אַלץ אָפּצובריינגען ווי נאָר ס׳וועט קומען עמעצער פון דער פאַרוואַלטונג.

אונדזערע צוויי מייסטערס האָבן זיך גענומען סאָרטירן די זאַכן און זענען ממש געשפּרונגען פון פרייד. נאָך עטלעכע טעג האָבן זיי מיר געמאָלדן, אַז ס׳איז דאָ מיט וואָס צו פאַריכטן און אויסשטאַטן לכל הפחות אַ טייל פון דער נייער געביידע, ווו מ׳וועט קענען איינאָרדענען 20־30 קינדער.

נאַטירלעך, אַז צוריקגענומען האָט מען מערסטנס זאַכן, וואָס מ׳האָט געקאָנט גלייך זען און דערקענען, ס׳איז אָבער געבליבן אַ פּראָבלעם פון וועש און בעטגעוואַנט, ווו נעמט מען ליילעכער, ציכלעך, האַנטעכער, טישטעכער?

ווען מיר האָבן אַזוי אַלע אַרומגערעדט די פראַגע, האָט איינער פון די אָנגעשטעלטע זיך דערמאָנט, אַז באַלד אין אָנהויב פון קריג איז געקומען דער פּוילישער „רויטער קרייץ" און אַוועקגעפירט קיין אָטוואָצק, אַ זומער־רעזאָרט, וואָס האָט זיך געפונען 10 קילאָמעטער פון מיעדזעשין, און איבערגעגעבן דער יידישער סאַנאַטאָריע בריאות ווו זיי האָבן אַן אָפּטיילונג, 3 פורן בעטגעוואַנט.

כ׳באַשליס אַריבערצושפּאַצירן די 10 קילאָמעטער קיין אָטוואָצק נאָך איידער כ׳וועל צוריקגיין קיין וואַרשע. ס׳האָבן מיך אויפגענומען עטלעכע דאָקטוירים — פאַרוואַלטער פון „בריאות". זיי האָבן באַשטעטיקט, אַז דער רויטער קרייץ האָט זיי איבערגעגעבן אַ גרויסע צאָל קישנס, דעקן און בעטגעוואַנט. אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין און גלויבן, אַז מיר גייען זיך פאַרמעסטן צו עפענען די „סאָציאַליס־טישע" סאַנאַטאָריע. ווען כ׳האָב זיי דערציילט ווי מיר האָבן אָפּגענומען אַזוי פיל צוגערויבט פאַרמעגן, האָבן זיי ממש געשטוינט און אָפן אַרויסגעוויזן זייער צווייפלען.

נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָבן זיי צוגעזאָגט צו שיקן אַ פאַרשטייער קיין מיעדזעשין און אויב זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז דאָס איז אמת, וועלן זיי אַלץ צוריק־געבן.

ס׳איז שוין ביי מיר איצט נישט געווען קיין ספק, אַז אין 2־3 וואָכן אַרום וועלן מיר איינאָרדענען די ערשטע גרופּע קינדער. כ׳האָב איבערגעלאָזט אויפן אָרט די אָנגע־שטעלטע, די מייסטערס, עטלעכע חברים בונדיסטן פון פאַלעניץ, און גענומען גיין צוריק קיין וואַרשע. כ׳האָב זיי איבערגעלאָזט געלט אויף 10 טעג און אויסגעאַרבעט מיט זיי צוזאַמען דעם פּלאַן פון אויספאַריכטן און איינאָרדענען די קיך, דעם עס־צימער און אַזוי פיל שלאָף־צימערן ווי ס׳וועט נאָר זיין מעגלעך.

דער וועג קיין וואַרשע איז מיר דורכגעגאַנגען פאַרהעלטנישמעסיק אָן שוועי־ריקייטן.

מיר עפענען אַ ביוראָ אין וואַרשע

באַלד ווי כ׳בין געקומען און זיך אָפּגערוט עטלעכע שעה, בין איך אַוועק צו נוישטאַטן און אים איבערגעגעבן אַ גענויעם באַריכט פון אַלע פּאַסירונגען. כ׳האָב געענדיקט מיין באַריכט מיט אַ פאַרזיכערונג, אַז מיר וועלן עפענען די סאַנאַטאָריע אין משך פון 2־3 וואָכן. כ׳האָב אים דערציילט וועגן באַדינג פון קאָמענדאַנט און געבעטן שאַפן פאַר אונדז שוין איצט אַ גרעסערן סכום שפּייז־פּראָדוקטן.

מ׳האָט אויך געמוזט גלייך עפענען אין וואַרשע אַ ביוראָ, וווּ מיר זאָלן קענען אויפנעמען עלטערן און קינדער, אַנגאַזשירן דערציִער, אַ דאָקטאָר, אַ קראַנקן־שוועסטער און אַ טעכנישן פּערסאָנאַל און וואָס ס׳איז נישט ווייניקער וויכטיק און קאָמפּליצירט — אָרגאַניזירן דאָס אַרויספירן פּראָדוקטן פון וואַרשע.

אַדאַנק נוישטאַטס באַמיִונגען האָבן מיר נאָך עטלעכע טעג באַקומען צו אונדזער דיספּאָזיציע אַ צימער אין „צענטאָס״, איינער פון די דזשאָינט־אָפּטיילונגען.

דער פאַרוואַלטער פון „צענטאָס״, אַדוואָקאַט בריאַנסקי, האָט מיט אמתער פריינטשאַפט קאָאָפּערירט מיט אונדז (ער איז עטלעכע וואָכן שפּעטער אַרעסטירט געוואָרן, צוזאַמען מיט די ערשטע 250 יידישע אינטעלעקטואַלן און אויף אייביק פאַרשווּונדן. זיין אָרט האָט פאַרנומען אַדאָלף בערמאַן, מיט וועמען אונדז איז שוין אויסגעקומען מיטצואַרבעטן ביז מיין פאַרלאָזן פּוילן).

נאַטירלעך איז געווען אומבאַדינגט נויטיק צו שאַפן אַ קליינע געזעלשאַפטלעכע פאַרוואַלטונג. ס׳האָבן זיך ביסלעכווייז אָפּגעזוכט חברים, וואָס זענען געבליבן אין וואַרשע, און מיר האָבן זיך אַליין דערקלערט ווי אַן עקזעקוטיווע. דאָס זענען געווען די חברים אַרטור זיגעלבוים, אַבראַשע בלום, סאָניע טשעמעלינסקאַ און איך. אין אָנהויב פלעגן מיר זיך טרעפן כמעט יעדן טאָג אין „צענטאָס״. מיר האָבן אַנגאַזשירט אַ סעקרעטאַרין און געלאָזט אין גאַנג די אַרבעט.

דאָס אַנגאַזשירן מיטאַרבעטער איז אויך נישט געווען פון די לייכטע אויפגאַבעס. חוץ עטלעכע קיך־אַנגעשטעלטע, איז כמעט קיינער פון דעם פריער אויסגעשולטן פּערסאָנאַל נישט געבליבן אין וואַרשע, און די עטלעכע וואָס מיר האָבן יאָ געפונען האָבן געפּלאַנט צו פאַרלאָזן די שטאָט אין די נאָענטסטע וואָכן. מיר האָבן געפילט, אַז די קאַנדידאַטן וואָס מיר האָבן זיי פאַרגעלייגט אַרבעט, האָבן פּשוט מורא אָנצונעמען דעם אַמט. מיט גרויסע שוועריקייטן האָבן מיר דאָך געפונען און אַנגאַזשירט עטלעכע דערציִער, אַ דאָקטאָר און אַ קראַנקן־שוועסטער. מיר האָבן גערעכנט אָנצוהויבן מיט 30 קינדער און לאַנגזאַם פאַרגרעסערן זייער צאָל.

ס׳איז איצט געבליבן נאָר אָנצונעמען די געהעריקע צאָל קינדער, וואָס מיר האָבן געהאַלטן פאַר די לייכטסטע זאַך. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אויך דאָס איז ווייט נישט פּשוט. מיר האָבן געמיינט, אַז ווי נאָר מיר וועלן לאָזן וויסן, אַז מיר עפענען דעם אַנשטאַלט וועלן מאַסן עלטערן זיך ווענדן צו אונדז, ס׳וועט ווערן אַן אַנגעלויף, און מיר האָבן שוין באַצייטנס געטראַכט וועמען צו געבן פאָרצוג.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז עס האָבן זיך געמאָלדן זייער ווייניק עלטערן און די, וואָס זענען געקומען האָבן געהאַט אַן אַ שיעור ספיקות — זיי האָבן פּשוט ביי די באַדינגונגען מורא געהאַט אַוועקצושיקן די קינדער פון שטאָט. פון עטלעכע און צוואַנציק עלטערן, וואָס מיר האָבן געזען די ערשטע טעג, האָבן נאָר צוויי פאַרשריבן זייערע קינדער. די איבעריקע האָבן זיך נאָך געזאָלט באַטראַכטן, און געבעטן טעג זיך איבערצולייגן.

ממש אומגלויבלעך, אָבער ס׳איז איצט אויסגעקומען, אַז נישט מיר האָבן געדאַרפט אויסאַרבעטן כללים וועמען צו געבן פאָרצוג, נאָר מיר האָבן געמוזט שטאַרק איבער־צייגן די עלטערן, אַז די קינדער וועלן זיך געפינען אין זיכערע הענט און ס׳וועט זיי

גאַרנישט פעלן. ענדלעך נאָך אַ וואָך אַרבעט האָבן מיר צונויפגעשטעלט די ערשטע גרופּע פון 28 קינדער.

ווען איך בין נאָך 10 טעג געקומען אין דער סאַנאַטאָריע, דאָס מאָל שוין מיט דער קליין־באַן (קאַלייקע), האָב איך געפונען אַ טייל פון דער נייער געבײַדע פולשטענדיק אויסגעפּאַרטיקט. די מייסטערס האָבן אויפגעטאָן ווונדער. די בריאות־סאַנאַטאָריע האָט, ווי זיי האָבן צוגעזאָגט, געשיקט אַ דעלעגאַט, וועלכער האָט זיך איבערצייגט, אַז די גאַנצע זאַך איז רעאַל און נישט קיין אַוואַנטורע, און כ׳האָב שוין דאָרט געטראָפן אַ גרויסן סכום צוריקגעשיקטע דעקן, קישנס און בעטגעוואַנט. מיר האָבן אַרויסגעפירט דעם אַנגאַזשירטן פּערסאָנאַל און באַשלאָסן 5 טעג שפּעטער צו ברענגען און איינאָרדענען די ערשטע גרופּע.

ווי אַזוי פירט מען אַריבער די שפּייז־פּראָדוקטן?

דער דזשאָינט האָט פון זיינע גאַנץ גרויסע זאַפּאַסן אויסגעטיילט פאַר אונדז אַ סכום, וואָס האָט געשיינט צו זיין גענוג אויף 2 חדשים. מיר האָבן אויך באַקומען אַ גרעסערע סומע געלט. דאָס פּראָבלעם איז איצט געווען ווי אַזוי אַריבערצופירן קיין מיעדזעשין דאָס עסנוואַרג. גלייך אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע האָבן די דייטשן, אין אויסגעקלעפּטע באַקאַנטמאַכונגען, געוואָרנט, אַז פאַר אַרויספירן שפּייז פון שטאָט דראָט טויט־שטראָף.

פאַר אונדז איז דאָך דאָס געווען אַ לעבנס־פראַגע — מיר האָבן באַשלאָסן, וואָס ס׳זאָל נישט זיין צו אָרגאַניזירן דאָס אַרויספירן, אַננעמענדיק פאַרשטענדלעך די גרעסטע פּאָרזיכטיקייט־מיטלען.

צווישן די פורמאַנעס, וואָס האָבן אונדז געהאָלפן אָפּנעמען פון די שכנים די זאַכן האָט זיך געפונען איינער, וועלכער פלעגט יעדן טאָג באַדינען מיט זיין פור די סאַנאַ־טאָריע. מיר האָבן אים געקענט אַלס זייער אַ געטרייען און פאַראַנטוואָרטלעכן מענטש. צוזאַמען מיט אים האָבן מיר אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי צו פאַרמאַסקירן די פּראָדוקטן. מיר האָבן צוזאַמענגעבראַכט פון פאַרוואָרלאָזטע לאָקאַלן פון די פּראָפּע־סיאָנעלע פאַראיינען אַלט, טיילווייז צעבראָכן מעבל און דאָס געהאַלטן אין דער געבײַדע פון דער יודאַיִסטישער ביבליאָטעק, ווו דער דזשאָינט האָט געהאַט זיינע לאַגערן. מיר האָבן אויסגעלייגט אויף דער פור זעק מעל, צוקער, קאַקאַאָ, בעבלעך, רייז, קאַשעס, קאָנדענסירטע מילך און צוגעדעקט דאָס אַלץ מיט דעם „רייכן" מעבל. ווער ס׳האָט געזען אַזאַ פור אויף דער גאַס, איז געווען זיכער, אַז דאָס פירט אַרויס אַן אָרעמע פאַמיליע אירע בעבעכעס אויפן דאָרף.

די ערשטע טראַנספּאָרטן זענען אָנגעקומען בשלום. מיר האָבן שטענדיק געוואָרנט ביז שפּעט אין אָוונט מיט אויסלאָדן, ס׳זאָל חלילה קיין זייטיקער מענטש נישט זען, וואָס מיר פירן אַריין אין אַנשטאַלט. אַ גאַנץ קליינעם טייל האָבן מיר אַריינגעלייגט אין אַ שפּייז־צימער נעבן דער קיך. די ווייט גרעסטע טייל איז באַהאַלטן געוואָרן אין קאַמערן אויפן ערשטן שטאָק. אַזוי האָבן מיר אַ טאָג נאָך אַ טאָג עקספּעדירט אַ פור און ביסלעכווייז האָבן מיר אָנגעזאַמלט אַזאַ סכום שפּייז, אַז ס׳איז אונדז פון קאָפּ אַראָפּגעפאַלן די גרעסטע זאָרג.

ענדלעך זענען אַלע צוגרייטונגען דורכגעפירט געוואָרן און מיר האָבן שוין געקאָנט רויִק עפענען די טירן פון אַנשטאַלט. ס'איז אָבער געבליבן נאָך איין צרה.

ווי ליקווידירט מען דעם בית עולם?

ווי קאָן מען אַראָפּברענגען קינדער, ווען אויף דער שוועל פון דער געביידע, וואָס איז שוין אפילו געווען אויסגעמאָלט, געפינט זיך אַ בית עולם?

כ'האָב ווידער באַזוכט דעם קאָמענדאַנט פון דער מיליץ. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אויסגראָבן און אַריבערפירן די טויטע איז אַ גאַנץ קאָמפּליצירט פּראָבלעם. נאָרמאַל דאַרף מען באַקומען אַ גוטהייסונג פון געריכט. אָבער דאָס איז דאָך דאָן נישט געווען בנמצא, מוז כאָטש דער קאַטוילישער קלער מסכים זיין און דורכפירן די געהעריקע רעליגיעזע ריטואַלן.

אין דער פּאַלעניצער קירכע זענען געווען דריי גלחים, וועלכע האָבן זיך שטאַרק געוואַקלט, צי מען מעג דאָס טאָן. נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען האָבן זיי איינגעשטימט בתנאי, אַז מיר וועלן דעקן אַלע הוצאות און נאָך געבן אַ גרויסע באַשטייערונג פאַר דער קירכע.

ס'האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג. אַלע דריי גלחים, אָנגעטאָן אין זייערע ריטועלע מלבושים, האָבן כסדר געזאָגט תפילות, געזונגען, באַשפּריצט יעדע טרומנע מיטן הייליקן וואַסער און ענדלעך, ענדלעך האָבן מיר פרייער אָפּגעאָטעמט.

ס'איז אונדז, זעט אויס, נאָך נישט געווען באַשערט צו האָבן אַ ביסל מנוחה. ביים דורכגיין דעם גאָרטן ווייטער נאָך דער אַלטער געביידע, נאָענט צום פּלויט האָבן מיר דערפילט זייער אַ שלעכטן ריח און דערזען, אַז די ערד איז דאָרט נישט לאַנג צוריק געוואָרן אויפגעגראָבן.

מיר האָבן מיט שרעק אויסגעפונען, אַז דאָרט זענען באַגראָבן געוואָרן אַרום 80 פערד, וואָס זענען געטויט געוואָרן בעת די שלאַכטן. די זעלנער זענען באַערדיקט געוואָרן לויט די אָנגענומענע סאַניטאַרע כללים, געהעריק טיף, די פערד אָבער האָבן זיך געפונען כמעט אויף דער אויבערפלאַך, צוגעדעקט מיט זייער אַ דינעם שיכט ערד. די קערפּערס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צעלייגן און געדראָט מיט אַן עפּידעמיע. צום גליק האָט מען דאָ נישט געהאַט נויטיק קיין גלחים מיט רעליגיעזע צערעמאָניעס.

מיר האָבן אין פּאַלעניץ געדונגען אַ צענדליק קריסטן, אין מיטן דער נאַכט באַזייטיקט די פערד און אַוועקגעפירט ווייט הינטערן שטעטל. זיי זענען דאָרט אויף אַ פּוסטן פּלאַץ טיף באַגראָבן געוואָרן.

כ'בין נישט געווען אין מיעדזעשין, ווען די אָפּעראַציע איז דורכגעפירט געוואָרן, אָבער צוויי פון אונדזערע חברים, וואָס האָבן בייגעוווינט די סצענע האָבן געשילדערט אַ בילד פון אַ מוראדיקן קאָשמאַר. דער פּלאַץ איז געווען באַלויכטן מיט שטורקאַצן און די אַרבעט האָט געדויערט כמעט די גאַנצע נאַכט. אויך די דאָזיקע אָפּעראַציע וואָלט געווען אוממעגלעך דורכצופירן אָן דער הילף פון קאָמענדאַנט — ער האָט אונדז נאָך האַרציק געדאַנקט, וואָס עס איז פאַרהיט געוואָרן, ווי ער האָט געזאָגט, אַ מגיפה.

דער גאַנצער פּלאַץ איז באַגאָסן געוואָרן מיט צענדליקער גאַלאָנען דעזינפּעקציע־פליסיקייטן, און דאַך האָט געדויערט טעג ביז די לופט איז געוואָרן אינגאַנצן ריין.

*

מיר האָבן ענדלעך דערלעבט דעם טאָג, ווען באַגלייט דורך צוויי דערציער, דער קראַנקן־שוועסטער און אַ פרוי, וואָס מיר האָבן אַנגאַזשירט צו פירן די ווירטשאַפט, זענען די 28 קינדער אָנגעקומען אין דער סאַנאַטאָריע.

ס'איז שווער איבערצוגעבן מיט ווערטער, וואָס מיר האָבן דאַן געפילט. אומגע־הויערע פרייד געמישט מיט זאָרג און האָפענונג, אַז אַלץ וועט גיין כשורה.

אַבראַשע בלום פאַרטרויט מיר אַ סוד

איינגעאָרדנט די קליינע גרופּע קינדער, טראַכטן מיר שוין וועגן פאַרגרעסערן. ס'קומען צו נאָך אויספאַריכטע צימערן און מיר וואָלטן שוין געווען בכוח צו פאַר־טאָפּלען די צאָל סאַנאַטאָריסטן. מיר האָבן אָבער נישט גענוג בעטגעוואַנט. הגם מיר האָבן אָפּגענומען אַ שפּאָר ביסל פון „בריאות״.

אַ ביסל געלט האָבן מיר געהאַט. האָבן מיר אָנגעהויבן צו זוכן אויף גענשע גאַס, אין די פריער אַזוי אָנגעשטאָפּטע געשעפטן, צו קריגן צו קויפן אַ ביסל בעט־געוואַנט אָדער לייוונט פון וועלכן מיר וואָלטן אַליין אויפגענייט, וואָס מיר דאַרפן אַמנויטיקסטן.

די מערסטע געשעפטן זענען בעת דער באָמבאַרדירונג פאַרברענט געוואָרן, אַנדערע האָבן שוין אין די ערשטע טעג פון דער אָקופּאַציע געהאַט באַזוכן פון די דייטשן, וואָס האָבן אַלץ קאָנפיסקירט. די עטלעכע וועמען ס'איז געלונגען אַ ביסל אָפּצוראַטעווען, האָבן די סחורות באַהאַלטן אַזוי, אַז די געשעפטן זענען געווען פול־שטענדיק ליידיק.

מיר לעבן דאָך אָבער מיט ניסים, אַזוי ווי ס'פלעגט זיך תמיד אויסדריקן מיין אומפאַרגעסלעכער פריינד גילינסקי, געשעט טאַקע ווידער אַ גרויסער נס.

אַבראַשע בלום קומט אַריין צו אונדז אין „צענטאָס״ כמעט יעדן טאָג — איין פרימאָרגן רופט ער מיך אָוועק אָן אַ זייט. ער האָט מיר איבערצוגעבן עפּעס פאַר־טרוילעכס. ער וויל מיין ערן־וואָרט, אַז אויב ס'וועט געלינגען, זאָל איך אים איבערגעבן 200 האַנטעכער, 100 ליילעכער, אַ פולשטענדיק איינגעאָרדנטן פריזיר־אַנשטאַלט פאַר די „צוקונפט״־יוגנטלעכע, וועלכע ווילן אַזאַ אַנשטאַלט עפענען.

פאַרשטייט זיך, אַז כ'האָב אים געגעבן מיין וואָרט און ער דערציילט מיר אַזאַ געשיכטע: אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, ווען די דייטשן האָבן אָנגעהויבן אַרויס־טרייבן פוילישע יידן און זיי מאַסנווייז אַריבערגעוואָרפן איבער דער גרענעץ, האָט די פוילישע רעגירונג געגרינדעט אַ לאַגער אין זבאָנשין, אַ שטאָט האַרט נעבן דער דייטשער גרענעץ. דער „יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט״ האָט אין דעם לאַגער אַריינ־געשיקט טויזנטער שטיק בעטגעוואַנט, קופּערנע וואַנעס, פולשטענדיק איינגעאָרדנטע דענטיסט־קאַבינעטן, אַ פריזיר־אַנשטאַלט און אַ גרויסע ביבליאָטעק.

ווען דער לאַגער איז ליקווידירט געוואָרן, האָט דער אַרבעטער־קאָמיטעט זיינע זאַכן אַריבערגעפירט קיין וואַרשע, געדונגען אַ שאַפע און זיי דאָרט מאַגאַזינירט. אַבראַשע ווייס, אַז די שאַפע געפינט זיך אין אַ הויף פון אַ הויז, וואָס ליגט נישט ווייט פון פריערדיקן לאָקאַל פון דער שול־אָרגאַניזאַציע אויף נאַוואָליפקי, אָבער גענוי ווו ווייס ער נישט. איך, זאָגט ער, וועל שוין זוכן און געפינען. ס׳איז ווערט צו מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, ווייל דאָס איז אַן אמתער אוצר, זאַכן וואָס מ׳קאָן איצט פאַר קיין שום געלט נישט קויפן.

ווו געפינט מען אָבער דעם אוצר און ווי אַזוי קומט מען צו אים צו? די מעשה, די פערספּעקטיוו צו לייזן אונדזערע וועש־פּראָבלעמען האָט מיך שוין נישט געלאָזט רוען. אין דער „שול־אָרגאַניזאַציע״ (ציש״אָ) האָט די לעצטע יאָרן אַלס יוגנטלעכער געהילף געאַרבעט חיים הירשביין. ווען מיר האָבן געעפנט די סאַנאַטאָריע האָבן מיר אים אַנגאַזשירט אַלס מיינעם אַ געהילף. מיר האָבן אים געניצט אויף אַלערליי שליחותן — ער איז געוואָרן מיין אַדיוטאַנט. כ׳בין אַוועק מיט הירשביינען אויף נאַוואָליפקי און גענומען זוכן פון הויז צו הויז אַ שאַפע. אין צוויטן הויף פון אַ גרויסער געביידע האָבן מיר ענדלעך געפונען אַזאַ שאַפע. מיר קוקן אַריין דורך די פאַרקראַ־טעוועטע פענצטערלעך און זעען צענדליקער גרויסע קאַסטנס.

דאָ מוז זיכער זיין אונדזער אוצר. אויף דער טיר הענגט אויף סקיבלען אַ שלאָס. כ׳האָב געבראַכט אַהינצו מיינע צוויי מייסטערס און זיי געפרעגט צי זיי וואָלטן געקענט אַרויסרייסן די סקיבלען און אָנהענגען אַ נייעם שלאָס, צו וועלכן מיר וועלן האָבן אַ שליסל. זיי האָבן זיך גוט אַרומגעקוקט און באַשלאָסן, אַז זיי קענען נישט און טאָרן עס נישט טאָן, ווייל דערנעבן שטייט אַ פיר־שטאָקיקע אַפיצינע און עמעצער פון די לאָקאַטאָרן קאָן פון זיין פענצטער באַמערקן, ווי מיר פאַרען זיך ביי אַ שלאָס, אונדז אָננעמען פאַר גנבים, געבן צו וויסן דער פּאָליציי און דאַן זענען מיר פאַרלוירן. מיר גייען אַהיים מיט גאָרנישט.

כ׳טו אַ פרעג הירשביינען צי ווייס ער נישט צופעליק, ווער ס׳האָט זיך פאַרנומען מיט די זאַכן פון זבאָנשין. אַוודאי ווייס ער — נאַטאַן שאַפראַן. ער ווייס אויך, אַז שאַפראַן, וואָס איז איצט אין רוסלאַנד, האָט געהאַט אַ צימער אין לאָקאַל פון דער „שול־אָרגאַניזאַציע״.

מיר האָבן נאָך געהאַט עטלעכע שעה ביז צו דער פּאָליציי־שטונדע און מיר זענען געלאָפן אין לאָקאַל פון דער „שול־אָרגאַניזאַציע״, וואָס האָט זיך לעצטנס געפונען אויף לעשנאָ־גאַס. דער פראָנט פון דער געביידע איז אין גאַנצן צעשטערט, די אָפיצינע אָבער שטייט. דאָרט אויפן צווייטן שטאָק איז געווען דער סעקרעטאַריאַט פון דער שול־אָרגאַניזאַציע. אַנשטאָט די צעשטערטע שטיגן שטייט אַ לייטער. מיר קלעטערן אַרויף און הירשביין ווייזט מיר אָן דאָס קליינע צימער ווו ס׳האָט אַמטירט שאַפראַן. מיר הייבן אָן זוכן אין די שופלאַדן פון זיין טיש און געפינען עטלעכע שליסלען. איינער זעט אויס צו זיין פון אַזאַ הענג־שלאָס.

כ׳פּיל, אַז מיר האָבן געמאַכט עטלעכע וויכטיקע שריט פאַרויס. צומאָרגנס גייען מיר ווידער אַהין צו דער שאַפע. מיר פרעגן אויס אויפן הויף עטלעכע יידישע שכנים, ווער ס׳איז דער בעל־הבית פון הויז, ווו ער וווינט, ווער איז דער סטרוזש? איך געפין

אויס צו מיין פאַרצווייפלונג, אַז דער בעל־הבית איז אַ „פאָלקס־דייטש״, וואָס וווינט טאַקע דאָרט בשכנות פון דער שאָפּע, און אַז דער סטרוזש איז אויך אַ „פאָלקס־דייטש״ און אַ שונא ישׂראל דערצו. אַ פיינע פּערספּעקטיוו.

כ׳פרעג הירשביינען צי ווייס ער נישט אַ מאָל צי שאַפּראַן האָט געהאַט אַ יוגנטלעכן אַרויסהעלפער און וועמען? ער ווייס אויך דאָס. מאַרעק עדעלמאַן איז געווען זיין געהילף. איך האָב גוט געקענט עדעלמאַנען, וועלכער האָט יאָרן־לאַנג פאַרבראַכט די זומער־חדשים אין דער סאַנאַטאָריע. אַ פרישער שטראָם פון האָפענונג איז אַריינגעפלאָסן אין מיר. איך האָב געבעטן הירשביינען גלייך אַנצוהויבן זוכן און ברענגען עדעלמאַנען צו מיר אַהיים, וויפל מי דאָס זאָל נישט קאָסטן. נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט ער אים געבראַכט צו מיר אין הויז.

ער איז טאַקע, גיט ער צו, אַ צייט געווען שאַפּראַנס געהילף. ער פלעגט יעדן חודש אָוועקטראָגן דעם בעל הבית דירה־געלט, ער קען אים גוט. דאָס דירה־געלט האָט באַטראָפן 120 זלאָטעס אַ חודש. כ׳פרעג אים, ווען ער האָט ס׳לעצטע מאָל באַצאָלט און פאַר וועלכן חודש. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז פאַר יולי.

כ׳גיב עדעלמאַנען 240 זלאָטעס און בעט אים, אַז ער זאָל מאָרגן אין דער פרי אָוועקטראָגן דעם בעל הבית דאָס דירה־געלט פאַר אויגוסט און סעפּטעמבער, בעטן ביי אים אַ קבלה און בשעת מעשה דערציילן, אַז מיר דאַרפן אַרויסנעמען פון דער שאָפּע פאַרשידענע זאַכן און אַריינפירן אַנדערע.

ער האָט די שליחות גלענצנדיק אויסגעפירט — דער בעל הבית האָט זיך דערפרייט, וואָס עמעצער צאָלט אים איצט דירה־געלט. נאַטירלעך, האָט ער געזאָגט עדעלמאַנען, די שאָפּע איז אייערע און איר קאָנט אַריינפירן און אַרויספירן וואָס איר ווילט.

כ׳פיל שוין דעם אוצר ביי זיך אין סאַנאַטאָריע. מיר מוזן אָבער וויטער זיין זייער פאָרזיכטיק. דער בעל הבית קאָן זיין אויפן הויף, ווען מיר וועלן קומען נאָך די זאַכן — ס׳קאָן אים ווערן פאַרדעכטיקט און די גאַנצע אונטערנעמונג קאָן פּלאַצן. מיר באַשליסן אויסצונוצן דעם זעלבן קונץ, וואָס מיר האָבן אַנגעווענדעט ביים טראַנספּאָרטירן עסנוואַרג פון וואַרשע קיין מעדזעשין. מיר לאָדן ווידער אָן אַ פור מיט „מעבל״ פון האַנדלס־אַנגעשטעלטע־פאַראיין און פאַרפאָרן צו דער שאָפּע. דער בעל הבית, איז ווי מיר האָבן פאַרויסגעזען, אויפן הויף. ער באַקוקט די פור „רייכע״ זאַכן, באַגריסט זיך פריינדלעך מיט עדעלמאַנען און פאַרלאָזט אונדז נאָך עטלעכע מינוט. מיר הויבן אָן פיבערהאַפט אַרויסצוטראָגן קאַסטנס, מיר באַדעקן זיי מיט עטלעכע בענק און ברענגען דעם ערשטן טראַנספּאָרט אין מאַגאַזין פון דזשאָינט.

אין משך פון צוויי טעג האָבן מיר אַריבערגעבראַכט אין לאָקאַל פון דזשאָינט זעקס פורן קאַסטנס. אַדוואָקאַט בריאַנסקי, דער פאַרוואַלטער פון „צענטאָס״ איז געווען אַנוועזנדיק, ווען מיר האָבן געעפנט די קאַסטנס, און ווען ער האָט דערזען די קופערנע וואַנעס איז ער צו מיר צוגעשטאַנען, מיר זאָלן זיי אים אָוועקגעבן פאַר זיינע אַנשטאַלטן, וואָס דאַרפן עס ווי אַן אויג אין קאָפּ. איר, טענהט ער, האָט דאָך אין דער סאַנאַטאָריע פיינע באָד־צימערן, און פאַר אונדזערע קינדער וועט דאָס זיין ממש אַ רעטונג.

מיר האָבן איינגעשטימט אים דאָס אָוועקצוגעבן, אָבער מיר האָבן פאַרלאַנגט דערפאַר אַ גרויסן סכום שפּייז־פּראָדוקטן אויסער דער נאָרמע, וואָס מיר האָבן גלייך

באַקומען. דער אוצר האָט איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען: טויזנטער ליילעכער, האַנטעכער און אַנדערע זאַכן. ווען איך האָב צומאַרגנס געזען אַבראַשען, האָב איך אים אַוועקגערופן אין אַ זייט און געזאָגט, אַז ער קען שוין אָפּנעמען די איינריכטונג פאַר דעם פריזיר־אַנשטאַלט מיט די וועש. ער האָט אין אָנהויב געמיינט, אַז איך מאַך פון אים חוזק, אַז פון דער גאַנצער זאַך האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. אָבער ווען כ׳האָב אים פאַרזיכערט, אַז ס׳איז ווירקלעך אַזוי און איבערגעגעבן די פּרטים, איז ער געווען אויסער זיך פון פאַרוואונדערונג, אַז די גאַנצע אָפּעראַציע איז דורכגעפירט געוואָרן אַזוי שנעל.

מיר זענען געווען פאַרנומען מער ווי אַ וואָך מיטן עקספּעדירן דעם אוצר קיין מיעדזעשין, מיט די אויסגעפּרווטע סיסטעמען.

די געפּאַקטע קאַמערן מיט עסנוואַרג, די געוואַלדיקע עשירות אין וועש און בעט־געוואַנט — האָבן אונדז ממש אויפגעפאָדערט צו פאַרגרעסערן די צאָל קינדער.

אונדזערע וועכטער

זיך אָפּגעפאַרטיקט מיטן באַזאָרגן לעבנס־מיטל אויף אַ לענגערער צייט און מיטן צופּאַסן די געביידעס איינצואָרדענען די קינדער, האָבן מיר גענומען טראַכטן וועגן דער זיכערקייט פון אַנשטאַלט.

מיר גיבן זיך אָפּ אַ גענויעם חשבון, אַז מיר זענען אַרומגערינגלט מיט שונאים: די אַלע נאָענטע און ווייטערע שכנים ביי וועמען מיר האָבן צוריקגענומען אונדזערע זאַכן, וואָס זיי האָבן שוין געהאַלטן פאַר זייערע, די צוויי „איבערגעגעבענע" אַמאָליקע מיט־אַרבעטער פון דער סאַנאַטאָריע: מאַקסימענקאָ און זיין געהילף, און סתם אַנטיסעמיטן, וואָס קענען נישט שלום מאַכן מיטן עפענען דעם אַנשטאַלט און מיט דער מכלומרשטער עשירות, וועגן וועלכער עס גייען אַרום קלאַנגען. מיר מוזן האָבן כאָטש עטלעכע אייגענע מענער, ווי ווייט מעגלעך באַוואָפנטע, וואָס זאָלן בייטאָג און ביינאַכט היטן די סאַנאַטאָריע.

מיר האָבן אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע 4 יוגנטלעכע און מיר האָבן זיך פאַרשאַפט איין רעוואָלוער (מער האָבן מיר נישט געקאָנט קריגן) און מיר אַרבעטן אויס אַ פּלאַן פון דיזשורן. אַרום 10 אין אָוונט פאַרמאַכן מיר אַלע טירן, און אין דער נייער געביידע ביים אַריינגאַנג וואַכט איינער אַ גאַנצע נאַכט. איינער פון די שומרים איז ח׳ עלענבאָגן. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַ גרויסן איבערפאַל איז דאָס אַלץ זייער אַ קליינע באַוואָרעניש, אָבער פאַר גנבים אָדער איינצלנע רויבער מיינט דאָס אַ סך.

איך בין אויך אומרויִק וועגן אונדזער פורמאַן. ער איז דאָך דער איינציקער מענטש, וואָס ווייס — וואָס, וויפל און פון וואַנען מיר פירן אַלע פּראָדוקטן און וועשצייג.

טראָץ דעם, וואָס ער איז אַ פאַרלאָזלעכער, האָב איך דאָך מורא, זאָל עפּעס פּאַסירן מיט אים, זענען מיר פאַרלוירן. ער באַקומט פאַר זיין אַרבעט פיין באַצאָלט — מיר פרעגן אים תמיד וויפל ער פאַרלאַנגט און מיר דינגען זיך קיין מאָל נישט. אגב, פאַרלאַנגט ער נישט אויסערגעוויינלעך פיל. איך טראַכט ווי אים מער צוצובינדן צום אַנשטאַלט. כ׳לייג אים פאַר אַרבעט פאַר זיין פרוי אין קיך. ער מעלדעט מיר אָבער

צומאָרגנס, אַז זי פילט זיך נישט גוט אין געזונט, זי מוז אָפּט פאָרן צו אַ דאָקטאָר און קאָן דערוויל פיזיש נישט אַרבעטן. ס'פאַלט מיר איין אַ געדאַנק אַריינצונעמען זיין בן יחיד פון 9 יאָר אין סאַנאַטאָריע. ער דערפרייט זיך זייער מיט דעם פאָרשלאָג און שוין דעם אַנדערן טאָג אָרדענען מיר אים איין ביי אונדז. דאָס גיט מיר אַ ביסל זיכערקייט — ער ווערט אַ שותף.

איצט קומט די צייט צו פאַרווענדן די גאַנצע ענערגיע אויף אָרגאַניזירן דאָס אינערלעכע לעבן אין דער אינסטיטוציע.

אונדזער אַרבעטס-פּראָגראַם

די מערסטע פון די קינדער זענען שוין געווען אַ צייט פאַרן קריג אין דער סאַנאַ־טאָריע. מיר רופן זיי אַלטע סאַנאַטאָרניקעס. די דאָזיקע אַלטע גוואַרדיע ווערט אַ זייער נוצלעכער עלעמענט ביים איינפירן דעם אַרבעט־סיסטעם. ס'ווערן אויפגעלעבט אַלע גילינסקיס אויפטוען. איר הערט כסדר: דער לערער גילינסקי האָט אַזוי געטאָן, דער לערער גילינסקי האָט דאָס נישט דערלויבט, דער לערער גילינסקי האָט אונדז געזאָגט אַזוי און אַזוי.

מיר קאָפּירן כמעט אין גאַנצן דעם פריערדיקן טאָג־פּלאַן. מיר פירן איין גלייך פון אָנהייב די קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג, די באַטייליקונג פון די קינדער אין אַלע אַרבעטן. אַ גרויסער טייל קינדער איז אין אָנהייב נאָך שטאַרק איבערגעשראָקן, פאַרזאָרגט וועגן דער משפחה אין וואַרשע. ס'ליגט אַן אומעט אויף זייערע פּנימלעך, אָבער ביסלעכווייז פאַרשווינדט די זאָרג. די געמיטער ווערן בעסער, מ'זעט שוין אַ שמייכל.

נאָר אַ קלענער טייל בלייבט פאַרכמורעט און מיר ווידמען זיי די גאַנצע אויפמערק־זאַמקייט. מיר מאַכן אַלע אָנשטרענגונגען זיי אויפצוהייטערן. ס'געלינגט. נאָך עטלעכע טעג האָבן מיר שוין נאָרמאַלע קינדער, וואָס שפּילן זיך, זינגען, אַרבעטן. די ידיעות, וואָס קומען פון דער שטאָט זענען שווידערלעכע — מיר באַהאַלטן זיי אָבער און זיי דערגייען נישט צו די קינדער.

ס'איז שווער, ווייל אַ טייל מיטאַרבעטער באַקומט אויך שרעקלעכע ידיעות פון זייערע משפחות — זיי מאַכן די גרעסטע אָנשטרענגונגען זיך צו האַלטן רויק, נישט אַרויסצווייזן זייערע איבערלעבונגען — זיי זינגען און שפּילן מיט די קינדער און צעוויינען זיך ערשט, ווען די קינדער שלאָפן שוין.

די סאַנאַטאָריע ווערט צוריק דער אַמאָליקער גן־עדן. ס'איז צו באַוווּנדערן ווי דער גאַנצער פּערסאָנאַל קאָאָפּערירט האַרמאָניש, וויפל פאַרשטענדעניש און כ'וואָלט זאָגן דערציערישן טאַקט עס ווייזן אַרויס די טעכנישע אַנגעשטעלטע. די באַשפּייזונג איז אַן אויסערגעוויינלעכע, די ריינקייט אין יעדן ווינקל אַ מוסטערהאַפטע. מיר האָבן אַן ערשטקלאַסיקע ווירטין (איר נאָמען איז, אויף וויפל איך געדענק, גרינבוים).

ס'איז אַ פאַרגעניגן אַריינצוקומען אין אַנשטאַלט און באַאָבאַכטן דאָס לעבן פון די קינדער. מיר ברענגען כסדר אַראָפּ פרישע גרופּן קינדער און די אַלטע סאַנאַטאָרניקעס ווערן די נוצלעכע העלפער ביים אויפנעמען די נייע קינדער, ביים איינגלידערן זיי,

ביים געבן אַלע אָנווייזונגען, ביים אַרומנעמען זיי מיט אַזאַ חברישקייט, אַז די נייַ־געקומענע דערפילן זיך ווי אין דער בעסטער היים. דאָס וואָס ס׳וואָלט געוויינלעך געדויערט טעג, ווערט דורך דעם קליינוואַרג דערגרייכט אין שעהען. שוין דעם נאָענטסטן פרימאָרגן מאַכן די קינדער דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן דאָ שוין געווען וואָכן־לאַנג.

ביז צו דער נאָענטסטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, ווו די אַמטן ווערן צעטיילט, באַקומען די „נייַע" ציטווייליקע אַרבעט. אויך פון זייערע פנימלעך פאַרשווינדט די אומעט און זאָרג, וואָס זיי האָבן מיט זיך געבראַכט פון וואַרשע. מ׳אַרבעט, מ׳שפּילט זיך, מ׳זינגט צוזאַמען. מיר זאָגן אָן די קינדער געוויינלעך עטלעכע טעג פריער, ווען ס׳וועט קומען אַ נייַע פּאַרטיע און זיי גרייטן זיך מיט פרייד צו דער אויפנאַמע.

דער דייטשער גאַרניזאָן

צוויי וואָכן נאָכן עפענען די סאַנאַטאָריע באַקומען מיר אַ „פריילעכע" ידיעה: ס׳איז קיין פאַלעניץ אָנגעקומען אַ דייטשער גאַרניזאָן, וואָס האָט תיכף אַנטוואָפנט און פונאַנדערגעלאָזט די מיליץ און אָנגעהויבן אַליין פאַרוואַלטן. הגם מיר האָבן זיך גערעכנט, אַז ס׳וועט אַזוי געשען, אַז די פּוילישע מיליץ וועט נישט בלייבן שטענדיק, דאָך האָט די ידיעה ביי אונדז אַרויסגערופן אַ ציטער. מיר זענען געוואָרן אַזוי דער־שראָקן, אַז מ׳האָט זיך קוים געקאָנט באַהערשן.

נאָך עטלעכע טעג האָט די מורא אָנגעהויבן פאַרשווינדן. מיר האָבן כסדר פון פאַלעניץ באַקומען באַרויִקנדיקע ידיעות. דער גאַרניזאָן איז באַשטאַנען פון דרייסיק זעלנער, אַ קאָמענדאַנט, אַ געהילפס־קאָמענדאַנט און אַ קוכער.

די זעלנער זענען אַלע געווען פון לאַנדשטורעם, מענטשן אין די פופציקער יאָרן. כמעט אַלע האָבן געטראָגן ברילן. די ביקסן האָבן זיך נאַכלעסיק געהוידעט אויף זייערע פּלייצעס. די ווילצלער אין שטעטל האָבן זיי באַלד אָנגעהויבן רופן: די ישיבה־בחורים. דער קאָמענדאַנט, אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר 30, איז געווען דער איינציקער נאַצי, אָבער אויך ער איז געווען אַ „טשודאַק". ער האָט די נאַצישע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע טעאָריע גענומען אויף זיין שטייגער. זיין געהילף — אַ דייטש פון אויבערשלעזיע, האָט געחוזקט פון זיין שעף דעם נאַצי.

צו אונדזער גליק איז דער גאַרניזאָן געווען אומשעדלעך. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דייטשן האָבן אין די גאָר קליינע ערטער געהאַלטן נאָר אַזעלכע לאַנדשטורמיסטן. די „ריכטיקע" זעלנער האָט מען געשיקט אין די גרעסערע שטעט.

עטלעכע טעג נאָכן איבערנעמען פאַלעניץ האָבן די דייטשן אונדז אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. דער קאָמענדאַנט מיט צען זעלנער זענען געקומען גאַנץ פרי אין סאַנאַטאָריע און געמאַכט אַ רעוויזיע. נאָך אַ צייט האָבן מיר געזען ווי זיי טראָגן אַרויס אַ סך געווער, ביקסן, אַמוניציע, האַנט־גראַנאַטן אאַז״וו. מיר זענען געבליבן שטיין פאַרגליווערט, זיך געטרייסלט פון שרעק. מיר האָבן שוין פריער געהערט, אַז ווען די דייטשן געפינען אין אַ הויז אַפילו איין רעוואָלווער שיסן זיי אויס די איינוואוינער. מיר זענען געווען זיכער, אַז אונדזער סוף איז געקומען. מען וועט אונדז באַלד אַרעסטירן און מיר

וועלן שוין נישט זען די שיין, אָדער אפשר וועלן זיי אונדז אויפן אָרט דערשיסן. נאָך אומגעפער אַ שעה, וואָס האָט ביי אונדז אויסגעזען ווי אַ יאָר, באַווייזט זיך דער קאָמענדאַנט און צו אונדזער פאַרוווּנדערונג, האָט ער אויפן פּנים אַ שמייכל — ער מעלדעט אונדז אויך תיכף, אַז מיר זאָלן קיין מורא נישט האָבן — ער ווייס, אַז דאָ איז געווען אַ פּוילישע מיליטערישע פּאָזיציע און אַז דאָס אַלץ האָבן זיי איבערגעלאָזט. דאָס געווער איז געפונען געוואָרן אין די קוימענס, אין די שוץ־גראָבנס — אַלץ ערטער צו וועלכע מיר האָבן זיך פריער נישט צוגערירט און דעריבער נישט געהאַט קיין אַנונג.

ער האָט פון אונדז נאָר געפאָדערט מיר זאָלן תיכף פאַרשיטן אַלע שוץ־גראָבנס, ווייל אַ קינד קען נאָך חלילה אַריינפאַלן און צעברעכן אַ פיסל. ער האָט דערנאָך נאָך אַ צייט פריינדלעך געשמועסט מיט אונדז, אויסגעפרעגט פּרטים וועגן אַנשטאַלט און זיך געזעגנט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט אין עטלעכע טעג אַרום ווידער קומען, ווייל ער האָט זייער ליב קינדער און אַנשטאַלטן פאַר קינדער. ער האָט אויך צוגעזאָגט זיין הילף און די הילף פון גאַרניזאָן אין פאַל ווען עמעצער וועט אונדז באַלעסטיקן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער ווידער געקומען אין דער באַגלייטונג פון צוויי זעלנער, באַקוקט אַלע צימערן און איינריכטונגען, און דאַן דערקלערט, אַז דער באַד־צימער געפעלט אים אַזוי, אַז ער וועט יעדע וואָך קומען מיטן גאַנצן גאַרניזאָן זיך אויסצובאָדן.

דער צוזאָג האָט אונדז געטראָפן ווי אַ דונער — נאָר דאָס האָט אונדז געפעלט. מיר זענען געשטאַנען צעטומלט, נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, נאָר צום גליק איז אונדזער ווירטין איינגעפאַלן אַ וווּנדערבאַרער געדאַנק. א, האָט זי געזאָגט, מיר וועלן זיין גליקלעך צו קענען אייך מיטן גאַרניזאָן דאָ אויפנעמען, אָבער זייער אָפט זענען פאַראַן קראַנקע קינדער, טיילווייז אַנשטעקנדיקע. דער קאָמענדאַנט האָט אַזש אַ ציטער געטאָן — איר זייט גערעכט, אויב אַזוי, קומט עס נישט אין פראַגע.

מיר זענען געווען גליקלעך, וואָס בעת זייער באַזוכן די צימערן זענען זיי אַפילו נישט צוגעגאַנגען צו די קאַמערלעך, ווו מיר האָבן געהאַלטן די פּראָדוקטן. דאָס האָט געקאָנט אויף אונדז ברענגען דאָס גרעסטע אומגליק.

פון דעמאָלט אָן זענען די באַזוכן געוואָרן זייער זעלטענע. די פּאַלעניצער באַפעל־קערונג, וואָס איז צום גרעסטן טייל געווען אַ יידישע, האָט זיך ווי נישט איז איינגע־אָרדנט און נישט געהאַט קיין צרות פון גאַרניזאָן. ביטער איז געווען, ווען ס׳פלעגט אַראָפּקומען פון וואַרשע אַן אָפּטיילונג פון געסטאַפּאָ און עס־עס־לייט, וועלכע האָבן געווילדעוועט אַ טאָג, צוויי, געמאָרדעט און ראַבירט. דער גאַרניזאָן איז דאַן ווי פאַרשוווּנדן — נישט גענומען קיין אָנטייל אין דער פאַרוויסטונג־אַרבעט.

נאָך אַ טאָג־צוויי פלעגן די „געסט" צוריקפאָרן קיין וואַרשע און דאָס לעבן האָט זיך ביסלעכווייז צוריק נאָרמאַליזירט.

אין די ערשטע אַכט חדשים האָבן מיר געהאַט צוויי אַזעלכע באַזוכן פון די וואַרשעווער דייטשן; יעדעס מאָל צוליב אַ געוויסן פאַרדאַכט, צו אונדז זענען זיי אָבער קיינמאָל נישט געקומען. ביי זייער צווייטן באַזוך האָבן זיי, צווישן אַנדערע, דערשאָסן דעם געוועזענעם מיליץ־קאָמענדאַנט, וואָס האָט אונדז באמת פיל געהאָלפן ביים עפענען

די סאַנאַטאָריע. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געװען אַ גאָר אַקטיװער מיטגליד פון דער אונטערערדישער פרייהייט-באַוועגונג.

דער צוזאַמענשטעל פון דעם גאַרניזאָן איז פאַר אונדז ממש געווען אַ נס. ס׳האָט איין מאָל געטראָפן, אַז אַ זאַק מעל, וואָס איז געלעגן אונטן אויף דער פור (פון אויבן צוגעדעקט מיט אַלט מעבל, ווי געוויינלעך) איז צעריסן געוואָרן. דער פורמאַן האָט דאָס נישט באַמערקט און אַ שנירל מעל האָט זיך געשלענגלט לענג־אויס דעם שאָסיי אויף וועלכן ער איז געפאָרן. נישט ווייט פון מיעדזעשין האָט ער אָנגעטראָפן אַ פּאַטרול פון אונדזער גאַרניזאָן. זיי האָבן דאָס דערזען, אים פאַרהאַלטן און געפרעגט וואָס ער פירט דאָ. דער פורמאַן איז שרעקלעך צעטומלט געוואָרן, געמיינט, אַז ס׳איז זיין סוף. אָבער די דייטשן האָבן ווידער געפרעגט וווהין ער פירט דאָס און ווען זיי האָבן געהערט, אַז דאָס איז פאַר דער סאַנאַטאָריע, האָבן זיי גוטמוטיק געזאָגט: „אַ, פאַר די אָרעמע קראַנקע קינדער מוז מען באַזאָרגן עסנוואַרג... פאַריכט אָבער תיכף דעם זאַק״. וואָלט דאָס געטראָפן מיט די „ריכטיקע״ דייטשן, וואָלט זיך עס אויסגעלאָזט מיט אַ קאַטאַ־סטראָפע.

אַזוי זענען דורך מיינע אַכט חדשים — מיר האָבן פון דעם דייטשן גאַרניזאָן נישט געהאַט קיין צרות. כמעט יעדע וואָך פלעגן צו אונדז קומען עטלעכע זעלנער צוגאַסט. זיי פלעגן תמיד אַרויסנעמען אַ פּעקל פאָטאָגראַפיעס פון זייערע קינדער און אייניקלעך — באַווייזן ווי שיין זיי זענען, דערציילן ווי קלוג און געלערנט זיי זענען, ווי גוט ס׳האָט זיך זיי געלעבט אין דער היים און אַז זיי וואָלטן שוין געוואָלט דערלעבן דעם טאָג, ווען זיי וועלן שוין זיין צוריק ביי זיך, אין זייער וואַרשטאַט אָדער געשעפט. נישט זעלטן האָט זיך אויך אַרויסגעריסן ביי זיי אַ קללה פאַר די נאַציס און זייער מלחמה.

עלטערן באַלאַגערן די סאַנאַטאָריע-ביוראָ אין וואַרשע

כאָטש די עלטערן פלעגן זייער זעלטן באַזוכן זייערע קינדער אין סאַנאַטאָריע, האָבן זיך דאָך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן אין וואַרשע ידיעות, אַז מיעדזעשין איז אַ גן עדן, אַז די קינדער לעבן דאָרט ווי אין די בעסטע צייטן.

ווי שווער עס איז אונדז אָנגעקומען אין אָנהויב צו ווערבירן די ערשטע 28 קינדער, אַזוי איז איצט שווער געווען איינצוהאַלטן דעם שטראָם פון עלטערן, וואָס האָבן מיט טרערן געבעטן, מען זאָל אָננעמען זייערע קינדער אין אַנשטאַלט. דער לאָקאַל פון „צענטאָס״, ווו מיר האָבן געהאַט אונדזער ביוראָ, איז געווען צו קליין אַריינצונעמען די מחנות עלטערן און זיי האָבן אָנגעהויבן זיך פאַרזאַמלען אויפן הויף.

די „צענטאָס״-פאַרוואַלטונג האָט זיך דערשראָקן און אונדז אויפגעפאָדערט צו אָרגאַניזירן די פאַרשרייבונגען אַזוי, אַז אויפן הויף זאָלן נישט זיין קיין מיטינגען. דאָס האָט לויט זיי געדראָט מיט שוידערלעכע קאָנסעקווענצן — אויב דאָס זאָל ווערן צוגעטראָגן די דייטשן.

מיר זענען סיי ווי געווען אין גרויס פאַרלעגנהייט, ווייל מיר האָבן געקאָנט אַרויסשיקן אין סאַנאַטאָריע בלויז אַ גאָר קליינעם טייל פון די קאַנדידאַטן. מיר האָבן אויפגענומען די עלטערן — געשווינד פאַרצייכנט זייער נאָמען און זיי דערקלערט, אַז

מיר וועלן זיי רופן אַזוי שנעל ווי מיר וועלן האָבן פרייע ערטער. אויפן הויף האָבן מיר אָוועקגעשטעלט אַן עלטערן חבר, וואָס האָט נישט דערלויבט מ׳זאָל זיך דאָרט פאַרזאַמלען. די סיטואַציע איז געוואָרן ערגער מיט יעדן טאָג. די סאַנאַטאָריע איז אין משך פון וואָכן געוואָרן איבערפולט און מיר האָבן מער קיינעם נישט געקאָנט אויפנעמען.

ס׳האָט זיך געשטעלט פאַר אונדז אַ שווער פּראָבלעם: ווי לאַנג קען אַ קינד פאַרבלייבן אין אַנשטאַלט — ווי אַפּט וועלן מיר קענען טוישן. ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן, האָבן אַנגעהויבן קורסירן קלאַנגען, אַז כדי אַנצוקומען אין סאַנאַטאָריע מוז מען האָבן פּראָטעקציע און אפשר געבן וועמען שוחד.

מ׳האָט געזוכט און אויסגעפונען מיינע, אַרטורס און אַבראַשעס פריינד, וואָס זאָלן זיך איינשטעלן פאַר דעם אָדער יענעם קינד. אונדזער עקזעקוטיווע איז זיך צונויפגעקומען און געזוכט אַ וועג פון דער סיטואַציע. פון איין זייט האָבן מיר נישט געקאָנט צוריקשיקן אין גהינום אַריין אַ קינד נאָך אַ חודש אָדער אַפילו צוויי חדשים — מיר האָבן פשוט נישט געהאַט ס׳האַרץ אַזוי צו טאָן און מיר האָבן מורא געהאַט, אַז עס קאָן ברענגען טייל קינדער צו אַ נערוון־צוזאַמענברוך. אַזוי לאַנג ווי אַ קינד האָט געלעבט אין די שוידערלעכע וואַרשעווער באַדינגונגען, האָט עס זיך צוגעוווינט — אָבער נאָך וואָכן פאַרברענגען אין מיעדזעשין וועט דער טויש פון די באַדינגונגען זיין ממש קאַטאַסטראָפאַל. פון דער צווייטער זייט קענען מיר דאָך נישט פאַרמאַכן דעם אַנשטאַלט פאַר אַלע אַנדערע אויסערגעוויינלעך נויט־באַדערפטיקע קינדער און האַלטן „יאָרן" די 200 אויסדערוויילטע. מיר זענען נישט געקומען צו קיין שום רעזאָלוציע און מיר האָבן באַשלאָסן זיך צו טרעפן אויפסניי צומאָרגנס.

מיר האָבן אויף דער צווייטער באַראַטונג באַשלאָסן גלייך דורכצופירן אַן אויספאָרשונג פון די הויז־ און פאַמיליע־באַדינגונגען פון די קינדער, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַנשטאַלט און אָפּשיקן נאָך צוויי חדשים די, וואָס האָבן דערטרעגלעכע באַדינגונגען אין הויז. אַזוי אַרום וועט זיך באַפרייען אַ צאָל ערטער און מיר וועלן קענען אָנהויבן אַנצונעמען כאָטש אַ גאַנץ קליינעם טייל פון די פאַרשריבענע. אויך די באַדינגונגען פון די קאַנדידאַטן האָבן געמוזט גרינטלעך אויסגעפאָרשט ווערן און מיר האָבן, נאַטירלעך, געשטעלט אויף די ערשטע ערטער אַזעלכע קינדער, וואָס האָבן פאַרלוירן ביידע אָדער איינעם פון די עלטערן און וועמענס הויז־באַדינגונגען זענען געווען שוידערלעכע.

עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז מיר האָבן געמוזט מאַכן אַ סך פעלערן — נאָר דאָס איז שוין געווען די בעסטע לייזונג. ביים אָפּשיקן אַהיים נאָך צוויי חדשים האָבן מיר גענומען אין אַכט חוץ דעם קינדס באַדינגונגען אין דער היים, דעם דאָקטאָרס מיינונג.

אַרטור זיגעלבוים פאַרלאָזט אונדז

אויף דער זיצונג פון סוף יאַנואַר גיט אונדז אַרטור פאַרטרויליך איבער, אַז ער וועט אַנהויב פעברואַר פאַרלאָזן פוילן. ער האָט שוין באַקומען פון קראָקע אַ פּאַס און וועט בקרוב האָבן אַ וויזע קיין האָלאַנד. מיר פילן זיך ווי פאַריתומט — אונדזער

עקזעקוטיווע איז אַזוי קליין און אַרטור האָט אַזאַ באַדייטונג פאַר אונדז, אַז מיר פילן זיך אַ ביסל פאַרלוירן, אָבער יעדערער פון אונדז ווייס, אַז אַרטור מוז אַוועק אַזוי צוליב דער מיסיע, וואָס ער שטעלט זיך אין אויסלאַנד, ווי אויך צוליב דעם, אַז ער שפּילט זיך מיטן לעבן יעדן טאָג אין וואַרשע.

אויך צו דער דאָזיקער זיצונג איז ער געקומען מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון עטלעכע שעה, ווייל ער האָט זיך אַרומגעיאָגט מיט אַן אַגענט אַ צייט לאַנג, ביז יענער האָט אים פאַרלוירן פון אויג. ער האָט צו פאַרדאַנקען זיין פּאַס מיט דער אַרויספאַר־וויזע דער דעזאָרגאַניזאַציע, וואָס הערשט אין דייטשן אַפּאַראַט. ער איז דאָך אויף דער ליסטע פון 12 משכנות אין וואַרשע, וואָס טאָרן נישט פאַרלאָזן די שטאָט, אָבער דער צענטראַ־לער פּאַספּאָרטן־אַמט אין קראָקע ווייס נישט דערפון און גיט אים אַרויס אַ פּאַס מיט אַן אַרויספאָר־דערלויבעניש.

מיר האָבן אַרומגערעדט אַ פּאָר וויכטיקע פראַגן און אים געגעבן אַ באַריכט, וואָס ער זאָל קענען אָפּשיקן קיין אַמעריקע. מיר באַשליסן צו אַנגאַזשירן זיין פרוי אין סאַנאַטאָריע, זיין זון געפינט זיך שוין דאָרט, אַזוי, אַז ער וועט אַוועקפאָרן באַרויִקט וועגן גורל פון זיין משפּחה. מיר באַשטימען נאָך אַ זיצונג אויף אַ וואָך שפּעטער. דאַן וועלן מיר שוין וויסן גענוי דעם טאָג פון זיין פאָרן און מיר וועלן אים אַלע באַגלייטן.

איך קלייב מיך אויך צו אַנטלויפן

דאָס לעבן אין דער סאַנאַטאָריע גופא האָט זיך אַזוי איינגעשטעלט, אַזוי אָרגאַ־ניזירט, אַז ס׳איז כמעט נישטאָ קיין אונטערשייד צווישן די גליקלעכע גילינסקי־צייטן און דער איצטיקער צייט. מיר האָבן באַזעצט יעדעס אָרט אין אַנשטאַלט. מיר האָבן שוין 205 קינדער, אַ פאַרהעלטנישמעסיק גוטן, אויסערגעוויינלעך איבער־געגעבענעם פּערסאָנאַל. אונדזערע שפּייז־קאַמערן זענען איבערגעפּאַקט. מיר האָבן לעבנס־פּראָדוקטן — חוץ אַזעלכע, וואָס מ׳קאָן נישט לאַנג האַלטן און מ׳מוז כסדר צוקויפן אין די אַרומיקע דערפער, — גענוג אויף דריי חדשים. מיר האָבן אויך אַ געלט־רעזערוו — מיר צאָלן דעם פּערסאָנאַל פּינקטלעך די שכירות.

דער סעקרעטאַריאַט אין וואַרשע פונקציאָנירט אויסגעצייכנט. מיר היטן אָפּ די בוכפירונג הגם מיר מוזן באַהאַלטן די איינקונפטן און דערפאַר אויך אַנדערש בוכן די הוצאות. די באַציִונג פון דזשאָינט צו אונדז, זיינע צוויי דירעקטאָרן נוישטאַט און גוזשיק, איז נישט צו באַשרייבן. ס׳מאַטערט אונדז נאָר איין זאָרג, אַז דער דזשאָינט אַליין וועט בלייבן אָן געלט־מיטלען. דער דזשאָינט אין פּוילן באַקומט שוין נישט קיין שום פאָנדן פון אַמעריקע, ווייל די דייטשן פאָדערן, אַז עס זאָלן אַריינגעשיקט ווערן דאָלאַרן, וועלכע מען זאָל זיי איבערגעבן צו טוישן אויף זלאָטעס, וואָס זענען כמעט ווערטלאָז.

דער פינאַנס־דירעקטאָר גוזשיק פירט אַ ברייטע טעטיקייט פון געלטער, וואָס ער באַקומט פון יחידים, פאַרמעגלעכע מענטשן, וואָס גיבן אים איבער אָפּט מאָל זייער גרויסע סומען, מיט דעם תנאי, אַז זיי וועלן דאָס געלט צוריקקריגן נאָכן ענדיקן פון קריג, אָדער אויב זיי וועלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו אַנטלויפן קיין אויסלאַנד. ס׳איז

געפערלעך צו האַלטן דאָס געלט אין הויז, און דאָס איז פּאַר זיי דעריבער דער בעסטער אויסוועג.

די דייטשן רופן אים אָפּט און פרעגן פון וואַנען ער האָט געלט אויף די אַלע קיכן, יתומים־הייזער און אַנדערע טעטיקייטן. ער דערקלערט, אַז ער האָט נאָך אַלץ פאַנדן פון אויגוסט 1939, אָבער ווי לאַנג וועלן נאָך די פאַנדן אַלץ קלעקן? ער שטעלט אין קאָן זיין לעבן.

זיי מעלדן די דייטשן, אַז כדי צו רעגולירן דאָס פּראָבלעם פון ווייטערדיקער שטיצע מוזן זיי אַרויספאָרן צו דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דזשאָינט אין אייראָפּע, אין בריסל.

זיי באַקומען אַ דערלויבעניש אַוועקצופאָרן אויף צוויי וואָכן, און מוזן נאַטירלעך איבערלאָזן אין פּוילן זייערע משפחות אַלס משכנות. זיי קומען צוריק און מעלדן די דייטשן, אַז קיין געלט קענען זיי נישט באַקומען, נאָר פּראָדוקטן. אויב ס׳וועלן נישט פאַרקומען קיין דראַסטישע ענדערונגען, איז די סאַנאַטאָריע פאַרזיכערט.

סוף פעברואַר באַמערק איך צום ערשטן מאָל פאַר מיין הויז אַ מענטש, וואָס שפּירט מיר נאָך. פון דעם טאָג אָן וואַרט מיך אָפּ יעדן טאָג אַן אַגענט. ס׳נעמט מיר אויך אַ צייט ביז כ׳ווער פּטור פון נאָכשפּירער. כ׳זע, אַז עס איז נאָר אַ פראַגע פון אַ שטיקל צייט און זיי וועלן מיך אַרעסטירן. כ׳באַשליס תיכף אָנצוהויבן מאַכן באַמיִונגען צו אַנטלויפן מיט מיין משפּחה. כ׳בלייב פון דעמאָלט אָן כמעט אַלע נעכט אין אַנשטאַלט. צוליב מיינע פאַרבינדונגען מיט רייזע־ביוראָען געלינגט מיר צו באַקומען אַ פּאַס (אַ פאַלשן), וויזעס און מ׳כלומרשטע שיפס־קאַרטן. כ׳ווער פאַרטיק מיט אַלע צוגרייטונגען אין אָנהויב אַפּריל.

אונדזער קליינע עקזעקוטיווע טרעפט זיך. מיר מוזן געפינען אַ חבר, וואָס זאָל איבערנעמען מיין אַרבעט, און דאָס איז גאָר נישט קיין לייכטע זאַך. נאָך עטלעכע זיצונגען שטעלן מיר זיך אָפּ אויף דער קאַנדידאַטור פון ח׳ זדזשיסלאַוו מושקאַט, אַן אַלטער אויסגעפּרוווטער חבר. ער קען דעם אַנשטאַלט פון פריער. כ׳פאָר מיט אים אַרויס אין סאַנאַטאָריע און באַווייז אים אַלץ, וואָס מיר האָבן אָפּגעטאָן זינט דעם סוף פון קריג. חבר מושקאַט האָט צענדליקער יאָרן געאַרבעט און אָנגעפירט, צוזאַמען מיט וויקטאָר אַלטער, אונדזער קרעדיט־צענטראַלע. ער איז שטאַרק באַהאַוונט אין פינאַנס־ענינים. ס׳אינטערעסירט אים פאַרשטענדלעך קודם כל דער בודזשעט. מיר באַקוקן די אָנגעזאַמלטע לעבנס־מיטלען, דעם גרויסן לאַגער פון וועש, מיר רעכענען אויס די געלט־רעזערוון, די חודשדיקע הוצאות. דאָס אַלץ אימפּאָנירט אים זייער — ער איז ממש דערשטוינט — ער איז נישט געוווינט אין אונדזערע אינסטיטוציעס צו אַזאַ שפע.

אין פּרט פון אָנפירן מיט דער ווירטשאַפט איז ער דער פּאַסיקסטער מענטש. מיט פּעדאַגאָגישע ענינים האָט ער גאָר נישט וואָס צו טאָן. מיר פאָרן צוריק קיין וואַרשע. דאָ אין סעקרעטאַריאַט גיב איך אים אַלע צוגאָב־ידיעות און דאָקומענטן. ער זאָגט צו צו געבן אַ תשובה אין עטלעכע טעג אַרום, איך בין אָבער זיכער, אַז ער וועט אָננעמען. כ׳בין גליקלעך, וואָס דער אַנשטאַלט וועט אָנגעפירט ווערן דורך אַזאַ ערלעכן, פאַר־אַנטוואָרטלעכן חבר.

איך אָרגאַניזיר אין סאַנאַטאָריע אַ קאָלעגיע פון דריי דערציער, וואָס זאָלן אָנפירן מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט.

נאָך עטלעכע טעג גיט מיר מושקאַט אַ פּאָזיטיוון ענטפער. מיר באַשטימען אַ טאָג אויף מיטן אַפּריל, ווען כ׳וועל אים אַלץ איבערגעבן. דערווייל קומט ער יעדן טאָג אין סעקרעטאַריאַט אַריין און באַקענט זיך מיט אַלע פּרטים.

איך רוף צום לעצטן מאָל אַ זיצונג פון דער עקזעקוטיווע, געזעגן זיך מיט מיינע חברים, מיט וועלכע כ׳האָב אַכט חדשים געטראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און גיב איבער פאָרמעל די אָנפירונג ח׳ מושקאַט.

מיין אָפּפאָרן איז באַשטימט אויף אַ מאָנטיק פרי, כ׳באַשליס דעריבער צו פאַרברענגען דעם סוף וואָך אין מיעדזעשין.

כ׳וועל אין מיין לעבן נישט פאַרגעסן די עטלעכע טעג. פון איין זייט בין איך געווען איבערפולט מיט גליק צוזעענדיק דאָס לעבן פון די 205 קינדער, זייער פרייד, זאָרגלאָזיקייט, אָרגאַניזירטקייט, און די גלענצנדיקע באַדינגונגען, וואָס דער אַנשטאַלט האָט זיי געגעבן. פון דער אַנדערער זייט איז מיר געווען אַ ווייטיק צו פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע, וועלכע מיר האָבן מיט אַזויפיל מסירת נפש געבויט.

ס׳איז מיר אַפילו נישט דורכגעגאַנגען דורכן געדאַנק, אַז מיט צוויי יאָר און דריי חדשים שפּעטער וועט דער מערדערישער דייטש אין איין טאָג אַלץ פאַרניכטן — אַלע אויסשעכטן — קינדער און דערוואַקסענע.

פערל עלענבויגן־כהן

די מעדעס־סאַנאַטאָריע אין מלחמה־צייט

צו דער אַרבעט (אין דער באַנייטער סאַנאַטאָריע) האָבן זיך גלייך געשטעלט אַלע געבליבענע אין וואַרשע חברים פון דעם געוועזענעם טעכנישן פּערסאָנאַל: לאַנקע טאַטאַנגרעבער, שרה ראָזענבערג, נחמה מוסטער, רויזע נירנבערג און רעגינע גאָלדשטיין. איך בין געקומען אין סאַנאַטאָריע אין נאָוועמבער 1939. די סאַנאַטאָריע האָט שוין דעמאָלט עקזיסטירט אַ וואָך צייט. עס זענען שוין דאַן געווען 30 קינדער מיט דער לערערין פּעלע לינדעמאַן־וויניק און הינדזשע הימלפאַרב.

דער לערער־פּערסאָנאַל ווערט שפּעטער פאַרגרעסערט מיט די חברים לאה ראָטנבערג, לייבל פרידמאַן, ראָזע וועקסלער, בעלאַ פּרוכט, ראָזע אייכנער און גוטע מאָרגנטאַלער־פּאַוו.

איך האָב געבראַכט מיט זיך צען נייע קינדער, וועלכע האָבן אין דער צייט פון די קריגס־אָפּעראַציעס פאַרלאָרן זייערע עלטערן. דאָס זענען געווען קינדער פון די סאַמע אָרעמסטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועמען די פּאָר וואָכן קריג האָבן אין גאַנצן רויִנירט. די קינדער האָבן שוין דעמאָלט אויסגעזען פאַרוואָרלאָזט, ווי נאָך לאַנגע יאָרן קריג. ווען זיי זענען געקומען אין סאַנאַטאָריע, האָט דאָרט געוואַרט אויף זיי אַ ריין בעט, גוט עסן און אַ וואַרעמע האַרציקע אויפזיכט.

אין פאַרגלייך מיט די שוין דאַן שרעקלעכע באַדינגונגען, איז די סאַנאַטאָריע געווען אַ גן־עדן פאַר די קינדער. ערגער איז געוואָרן ווינטער, און דאָס צוליב דער באַהייצונג. דער ערשטער מלחמה־ווינטער איז געווען זייער אַ פראָסטיקער, און מיר האָבן עס שטאַרק אָפּגעפּילט. נישט איין מאָל פלעגט מען כאַפּן אַ טענצל מיט די קינדער כדי זיך צו דערוואַרעמען.

דערווייל זענען כסדר צוגעקומען נייע קינדער. אַ חוץ די, וועלכע עס פלעגט אונדז צושיקן דער „צענטאָס", זענען געקומען קינדער פון די פאָלקסשולן, סקיפּיסטן, פאַר וועלכע אונדזער אָרגאַניזאַציע האָט געזאָרגט. עס איז שווער צו רעדן וועגן פּעדאַגאָגישער אַרבעט דעם ווינטער. די צאָל קינדער איז נאָך געווען זייער אַ קליינע. אַלץ איז נאָך געווען אין סטאַדיום פון אָרגאַניזאַציע, עס עקזיסטירן שוין אָבער דעמאָלט צוויי גרופּן: פאַר די ייִנגערע און פאַר די עלטערע.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל, וועלכער האָט געטראָפן אין יענער צייט, ד"ה אין ווינטער 1940. איך האָב געאַרבעט ביי דער ייִנגערער גרופּע. דאָס זענען געווען

קינדער פון 5 ביז 7 יאָר. אין איינעם אַ טאָג זענען צו אונדז געקומען אויף אַ באַזוך דייטשע זעלנער, וועלכע האָבן סטאַציאָנירט אין פאַלעניץ. זיי האָבן באַקוקט און באַוווּנדערט די זויבערקייט און האָבן זיך צוגעקוקט צו די קינדער. די יינגערע קינדער זענען געווען פאַרזאַמלט אין קלוב־צימער, ווו זיי האָבן געקנאָטן פאַרשידענע זאַכן פון פּלאַסטעלין. און ווי אַלע מאָל, — אויף וואָס פאַראַ טעמע דער געשפּרעך ביי דער אַרבעט זאָל נישט זיין, — האָבן די קינדער (איבערהויפּט די יינגלעך) געמאַכט פון פּלאַסטעלין אַעראָפּלאַנען. דאָס האָבן די איבערלעבונגען געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף די קינדער (אַזוי צב״ש איז ביי די יינגערע קינדער געווען זייער פּאָפּולער די שפּיל „כאַפּן אויף אַרבעט״). איינער פון די קינדער, דער 5־יאָריקער געניעק ראַפּאַלאָוויטש, האָט פּונקט געהאַט אויסגעפּאַרטיקט אַן אַעראָפּלאַן און איז מיט אַ פרייד צוגעלאָפן צו דער שטייענדיקער נעבן די דייטשן סאַנאַטאָריע־באַלעבאָסטע ח׳טע גרינבוים, און אַ זאָג געטאָן אין פּויליש: Ja ich zaraz zbombarduję („איך וועל זיי גלייך צעשמעטערן מיט באָמבעס״). די חברטע גרינבוים האָט די נייגעריקע דייטשן פאַרטייטשט, אַז געניעק וויל ווערן אַ פּליער. נאָך אַ פּאָר ענלעכע וויזיטן האָבן די דייטשן אונדז געלאָזט צורו.

נאָך זעקס וואָכן אַרבעט פאַרט אַוועק די חברטע לינדעמאַן, אויף איר אָרט ווערט אַנגאַזשירט די חברטע לאה ראַטנבערג, אַ לערערין פון די געוועזענע פ. צ. פּאָלקס־שולן אין וואַרשע. דעם ערשטן ווינטער דערגייט די צאָל קינדער ביז 70. נאָך אַ געהעריקער דערנערונג, היגיענישע באַדינגונגען און פרישער לופט, קומען די קינדער צו זיך, נעמען צו אַ סך אויף דער וואָג. דער גרעסטער טייל קינדער פאַרט נאָך אַ חודש זיין אין אַנשטאַלט צו זייערע עלטערן. די יתומים בלייבן אין סאַנאַטאָריע אָדער ווערן אַוועקגעשיקט אין פאַרשידענע קינדער־הייזער.

איך דערמאָן זיך דעם ערשטן מלחמה־ניי־יאָר אין סאַנאַטאָריע. פאַרשטייט זיך, ער איז געווען ווייט פון די פאַרמלחמהדיקע ניי־יאָר־אָוונטן. דאָך האָט מען שוין דעמאָלט געפילט די כאַראַקטעריסטישע פאַר דער סאַנאַטאָריע אַטמאָספער פון האַרציקער וואַרעמקייט, חברישער באַציִונג צווישן לערער און קינדער. מיט דער צייט, ווען אין סאַנאַטאָריע איז אָנגעקומען אַ גרופּע עלטערע קינדער, איז דער עלטער־אונטערשיד צווישן די לערער און די קינדער געווען פּאַקטיש זייער אַ קליינער.

פרילינג 1940 ווערט אויסגעפּאַרטיקט די אַלטע געביידע און דאַן קומט צו פאַרן אַ גרעסערע גרופּע קינדער. צווישן די ניי־געקומענע קינדער געפינען זיך פאַלע און זאָשע ליפשיץ, מאַניע קאַץ, דייטשע בלאַנק, מירקע קרישטאַל, ציוויע וואַקס, חנהלע וואַסער. פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע געוועזענע סאַנאַטאָריסטן ברענגען אַריין אַ שטאַרקע אויפלעבונג אין דער סאַנאַטאָריע. פאַלע און זאָשע ליפשיץ שרייבן אַליין אַ סצענאַר צו אַ פרילינג־פאַרשטעלונג און אינסצעניזירן די פאַרשטעלונג אַליין. דערנאָך, אַוועק־פאַרנדיק פון סאַנאַטאָריע צוריק קיין וואַרשע, שאַפן זיי אַ קינדער־טעאַטער (ביים סקיף), וועלכער טרעט אויף אין געטאָ מיט פּרעכטיקע קינדער־פאַרשטעלונגען אין גרויסע זאַלן. די צוגרייטונג צו דער פרילינג־פאַרשטעלונג אַבסאָרבירט אַלעמען אַזוי שטאַרק, אַז מען פאַרגעסט אָן דער דרויסנדיקער וועלט.

אַ חוץ דער פרילינגס־פאַרשטעלונג ווערן דעם זעלבן זומער אויפגעפירט די

„ליאַלקעס״. אַלץ ווערט אָרגאַניזירט מיט הילף פון די קינדער. אין די צוגרייטונגען צו דער פאָרשטעלונג נעמט דעמאָלט אָן אַקטיוון אָנטייל די געוועזענע סאַנאַטאָריסטין סאָלע טשאַרנאָבראָדאַ. (זי איז 1943 אַוועקגעפאָרן קיין ווילנע און דאָרט אומגעקומען). אין דער צייט פירט שוין די קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג אַ לעבהאַפטע אַרבעט. דער קינדער־ראַט פאַרנעמט איצט אין אַנשטאַלט אַ זייער אַנגעזעען אָרט. די טעגלעכע צייטונג „אונדזער ראַדיאָ״ ווערט אַ סך לעבעדיקער, זי פאַרנעמט איצט אַ וויכטיקן אָרט אין סאַנאַטאָריע־לעבן, ווייל די אַנדערע אופנים פון אויסלעבן זיך פאַר די קינדער איז זייער שטאַרק באַגרענעצט. די צייטונג איז טאַקע די גאַנצע צייט אַן אמתע אָפּשפּיגלונג פון סאַנאַטאָריע־לעבן. יעדע געשעעניש ווערט דורך איר אויפגעכאַפּט און ווי געהעריק קאָמענטירט. מען פּראַקטיצירט אויך ראַדיאָ־„יובילייען״. זייער פיין פאַלן אויס אַזעלכע ראַדיאָ־„יובילייען״, איבערהויפּט ווען דעם ראַדיאָ לייענען עטלעכע קינדער. ס׳האָבן אויך נישט געפעלט קיין ראַדיאָ־קאָנצערטן, ווו די קינדער האָבן אויסגעפירט זייער רייכע ראַדיאָ־פּראָגראַמען. ווען עס וואָלטן איבערגעבליבן נאָכן שרעקלעכן חורבן כאָטש די דיק־פאַרשריבענע ראַדיאָ־העפטן, וואָלטן מיר שוין קיין שום אַרבעט וועגן דער סאַנאַטאָריע נישט געדאַרפט שרייבן. אין די טעגלעכע ראַדיאָ־קאָמוניקאַטן פעלט אָבער אַזאַ ווינקל ווי נייעס פון דער וועלט. וויפל מען זאָל נישט בראַוורירן, טאָר מען אָבער נישט פאַרגעסן, אַז אַרום זענען דייטשן. מיט דער צייט ווען די געטאָ ווערט אָפּגעשלאָסן און די סאַנאַטאָריע פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אינטערנאַט, ווערן אויך די שטענדיקע פריילעכע קאָמוניקאַטן וועגן די „טשאַלדאַקעס״* וואָס אַ מאָל זעלטענער. פון די אַרטיקלען אין די ראַדיאָ־אויסגאַבן קען מען נישט פאַרגעסן די קאָמוניקאַטן פון דער „נאַטור־קאָמיסיע״, וועגן די קיניגלעך, הינער. רירנדיק פלעגן זיין אין די פרילינגס־טעג די ווערטער וועגן דער דערוואַכנדיקער נאַטור, פון אַלעם האָט מען געקאָנט זען אַן אמתע ליבשאַפט צו יעדן גרעזעלע, צו יעדער נייער שפּראָצונג. בכלל איז די ליבשאַפט צו דער נאַטור געפלעגט געוואָרן אין גאָר אַ שטאַרקער מאָס.

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צו דעם ערשטן סאַנאַטאָריע־זומער. איך דערמאָן זיך די זיצונגען פון די פּעדאַגאָגישע ראַטן. מען פּרובירט שוין דעמאָלט געבן דער סאַנאַטאָריע אַ ריכטונג. ביז איצט איז אַלץ געפירט געוואָרן צופעליק. אַזוי ווי עס האָבן זיך געפונען חברים, וועלכע האָבן געקענט דעם פאַרמלחמהדיקן גייסט פון סאַנאַטאָריע, ווערט זייער איינציקע שטרעבונג צו דערהאַלטן דעם דאָזיקן גייסט. פאַראַן סאַנאַטאָריע־אָנגעשטעלטע, וועלכע האָבן שטענדיק פאַר זייערע אויגן דעם מוסטער פון דער פאַרמלחמהדיקער סאַנאַטאָריע און ווילן עקשנותדיק אַלץ צופּאַסן צו דעם. מיט גרויס ליבשאַפט און אַכטונג דערמאָנט מען די אַמאָליקע סאַנאַטאָריע־לערער. אין צייט פון קריג אַרבעטן אין ס׳זנאַטאָריע לערער, וועלכע האָבן אַ קנאַפּע דערפאַרונג אין זייער אַרבעט און דערפאַר ווערן די זיצונגען פון די פּעדאַגאָגישע ראַטן אָפט מאָל פאַרוואַנדלט אין דיסקוסיע־אָוונטן פון אַלגעמיינע פּעדאַגאָגישע פראַגן. מיט דער צייט ווערט איינגעשטעלט אַ פאַרבינדונג מיט די לערער פון די

---

* „גרינע״, ניי־אָנגעקומענע סאַנאַטאָריסטן.

פאָלקס־שולן אין וואַרשע און מיר שאַפן אויפן אָרט אַ מין סעמינאַר, אייגנטלעך אַ „זעלבסט־בילדונג־קרייז״. די אַמאַליקע דיסקוטירטע פּראָגע אין יענער צייט איז שאַפן געוויסע דערציִונגס־פּאָסטולאַטן, וועלכע זאָלן בילדן דעם כאַראַקטער פון דער סאַנאַטאָריע. פאַרשטייט זיך, די סאַנאַטאָריע־פּאַנאַטיקער וואָלטן געוואָלט אַלץ קאָפּירן פון דער פאַרמלחמהדיקער סאַנאַטאָריע, דאָס לאָזט זיך אָבער נישט אַדורכפירן, די באַדינגונגען צווינגען זייער אָפּט אָפּצוטרעטן, גיין אויף קאָמפּראָמיסן. און סוף־כל־סוף „שאַפט״ דאָך דאָס מלחמה־לעבן שוין פאַר אונדז. ווען איך וואָלט איצט געוואָלט באַצייכענען דעם כאַראַקטער פון סאַנאַטאָריע אין צייט פון מלחמה, וואָלט עס אייגנטלעך געווען: קאָמפּראָמיס צווישן אונדזערע שטרעבונגען און די מלחמה־באַדינגונגען. געוויסע זאַכן געלינגט אָבער איינצוהאַלטן טראָץ די אויסנדיקע איינפלוסן. די קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג און דער גייסט פון זעלבסט־פאַרוואַלטונג איז אין צייט פון קריג געווען נישט בלויז אַ דערציִונגס־מעטאָד, עס איז געוואָרן אַ נויטווענדיקייט. די טעגלעכע אַרבעט פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג איז איצט אַ גאַנץ קאָנקרעטע. די קינדער דאַרפן איצט נישט, ווי פאַר דער מלחמה, נאָר אָפּהיטן דאָס, וואָס ווערט זיי געגעבן, זיי מוזן איצט אַ סך זאַכן אַליין שאַפן. די קינדער רוימען אַליין זייערע צימערן (די בעטן ווערן געבעט ווי פאַרן קריג, די זאַכן איינגעלייגט אין „קאַסטקעס״), העלפן אין קיך, העלפן אין וועשעריי, נייען אין דער „שוואַלניע״ אונטער דער אויפזיכט פון דער חברטע מאַניע פרידמאַן, רוימען דעם גאָרטן. אַ גרופּע עלטערע יינגלעך איז דירעקט באַשעפטיקט ביי דער גערטנעריי־אַרבעט. אַלס גערטנער איז באַשעפטיקט דער ח׳ אייזיק, ער פירט אין אַ זייער גוטע גרינסן־ווירטשאַפט, וועלכע העלפט אונדז אין צייטן פון מאַנגל אין עסן, אויספילן אַ סך בלויזן. יעדעס פיצעלע ערד ווערט אויסגענוצט פאַר גרינסן־פלאַנצונגען. אין גאָרטן אַרבעטן אַ חוץ שטענדיקע דיזשורן פון קינדער, אויך גאַנצע גרופּן. אַפילו די יינגסטע גרופּע העלפט צו אין דער אַרבעט אין גאָרטן. אַ חוץ דעם ווערט אויך איינגעפירט אַ הינער־ און קיניגלעך־צוכט, אויך מיט די בעלי־חיים פאַרנעמען זיך די קינדער.

זומער 1940 קומט אין סאַנאַטאָריע צו פאָרן אַ גרופּע צוקונפטיסטן. זיי ווערן באַשעפטיקט אַלס טעכנישער פּערסאָנאַל. זיי נעמען אָבער אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלגעמיינעם סאַנאַטאָריע־לעבן. דעם זעלבן זומער קומט אין סאַנאַטאָריע די חברטע ראָזע אייכנער, מיט איר זון זשאַנעק. זי געפינט זיך אין סאַנאַטאָריע אויף אָפּרו, אָבער נאָכדעם ווי זי דערפילט זיך געזונטער, טרעט זי צו צו דער אַרבעט אַלס לערערין. ראָזע אייכנער האָט געהאַט אין אָנהויב קריג אַדורכגעמאַכט אַ פּאָר חדשים תפיסה אין לאָדזש. זי האָט אויך נאָכדעם געהאַט שווערע איבערלעבונגען אין וואַרשעווער געטאָ. די גאַנצע צייט פון איר אַרבעט אין סאַנאַטאָריע איז ראָזע אייכנער געווען אַ ביישפּיל פון דויערהאַפטיקייט, מונטערקייט און אָפּטימיזם. אין סאַנאַטאָריע קומען אָפּט פאַר פרייע פאַרוויילונגען. דאָס זענען אייגנטלעך אימפּראָוויזירטע פאַרוויילונגען אין וועלכע ראָזע אייכנער נעמט דעם אַקטיווסטן אָנטייל. מיר, די יונגע, קענען זיך מיט איר קיין מאָל נישט צוגלייכן אין פריילעכקייט, רירעוודיקייט. זי באַוועגט זיך שנעל, פונקט ווי אַ קינד. די חברטע אייכנער, הינדזשע הימעלפאַרב און איך האָבן געוווינט אין איין צימער. אין אָוונטיקע געשפּרעכן פלעגן מיר טייל מאָל אַרויספּרעסן פאַרשי־

דענע עפּיזאָדן פון איר רייכער און אינטערעסאַנטער פאַרגאַנגענהייט. זי דערציילט אָבער זייער אומגערן וועגן זיך, אַפילו די געשעענישן, וועלכע האָבן אַן אומדירעקטן שייכות מיט איר קומען אַרויס אָנפּערזאָניק.

זומער 1940 אָרדנט דער קינדער־ראַט איין דעם ערשטן קינדער־טאָג. דאָס איז געווען דער ערשטער קינדער־טאָג אין דער מלחמהדיקער סאַנאַטאָריע. דעם טאָג האָבן די קינדער אַליין אָנגעפירט מיטן אַנשטאַלט. די לערער האָבן, פאַרשטייט זיך, אימיטירט קינדער און האָבן אויסגעפירט אַלע פאַראָרדענונגען פון קינדער־ראַט. נאָך מיטאָג איז פאָרגעקומען אַ פאַרווײַלונג אין וועלכער די לערער האָבן אויסגעפירט אַ סך נומערן. ס׳איז דעמאָלט געווען אַ טאָג פון אמתער קינדער־פרייד. דער טאָג איז פאַרענדיקט געוואָרן מיט אַן אַפּעל פון קינדער־ראַט. זיינע מיטגלידער, אַלע אין סקיפּיסטישע בלויע בלוזעס און רויטע קראַוואַטן, זינגען דעם סאַנאַטאָריע־הימן. מען קען פון יענעם טאָג נישט פאַרגעסן זאָשע ליפשיץ און ברוך פעלץ, וועלכע שטייען אויף וואַך אין דער אַלטער געביידע און היטן די שטילקייט נאָך דער אָוונט־קאָנטראָל. אַזאַ שטילקייט האָט נישט געהערשט קיין מאָל ביי קיין דיזשור פון קיין שום לערער. די קינדער־טעג ווערן אויך ווייטער פּראַקטיצירט אין דער זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אַרבעט, ווען דער קינדער־ראַט צוזאַמען מיט די לערער אָנערקענט, אַז דער קינדער־קאָלעקטיוו איז שוין גענוג רייף צו אַזאַ טאָג. זומער 1940 זענען די קינדער פאַרטיילט אין פיר גרופּן — לויט דער עלטער. אין האַרבסט 1940 ווערט אַדורכגעפירט נאָך איין פאַרשטעלונג „דער שפּייכלער״; די פאַרשטעלונג איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן מיט דער באַדייטנדיקער הילף פון די קינדער. צו דער פאַרשטעלונג איז געקומען פון וואַרשע די חברטע סאָניע נאָוואָגרודזקאָ און נאָך געסט פון וואַרשע.

ווינטער 1941 ענדערט זיך קאַרדינאַל די לאַגע פון אַנשטאַלט. עס ווערט פאַרמאַכט די וואַרשעווער געטאָ. דער דאָזיקער פאַקט האָט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף אונדזער סיטואַציע. מיטן פאַרמאַכן די וואַרשעווער געטאָ ווערט אונדזער מאַטעריעלע לאַגע זייער אַ וואַקלדיקע. עס אַנטשטייען אַפילו מיינונגען וועגן ליקווידאַציע. די פאַרמאַכטע וואַרשעווער געטאָ הייבט אָןליידן שרעקלעכן הונגער, אונדזערע אויסזיכטן אויף באַקומען שפּייז פון „צענטאָס״ זענען אַ סך קלענער; ביי דעם „צענטאָס״ זענען מיר נישט די וויכטיקסטע אינסטיטוציע. זיי האָבן אויך אַנדערע אַנשטאַלטן, אינטערנאַטן, קינדער־היימען. דער פּאַרטיי־קאָמיטעט באַשליסט אָבער, אַז מיר בלייבן עקזיסטירן. מצד דער פּאַרטיי ווערט געשאַפן אַ סאַנאַטאָריע־פּאַטראָנאַט, אין וועלכן ס׳גייען אַריין דער ח׳ אַבראַשע בלום, ח׳ בערנאַרד גאָלדשטיין און חברטע נאָוואָגרודזקאָ. מיר בלייבן, הייסט עס, אויף דער אויסהאַלטונג פון אונדזערע פּאַרטיי־סובסידיעס און אויף די שפּייז־צוטיילונגען פון „צענטאָס״. אין דער צייט האָט די סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג זייער אַ שווערע אויפגאַבעביים באַקומען די געהעריקע מיטלען אויף אויסצוהאַלטן דעם אַנשטאַלט. אַ שווערער ענין איז אויך דאָס אַרויסבאַקומען די דערלויבונג־שיינען צום אַרויספירן די פּראָדוקטן פון וואַרשע.

מיט דער צייט ענדערט זיך אויך דער קינדער־קאָלעקטיוו. די קינדער פון סאַנאַטאָריע זענען אַלע כמעט פון וואַרשע (בלויז אַ פּאָר קינדער פון פּאַלעניץ). נאָכן פאַרמאַכן די וואַרשעווער געטאָ האָבן אַ טייל עלטערן מורא צו ווערן צעשיידט פון

זייערע קינדער און נעמען דעריבער די קינדער אַפּ אַהיים. אויך עטלעכע צוקונפטיסטן פּאָרן אַוועק קיין וואַרשע. אין אַ קורצער צייט אַרום ווערט אויך אָפּגעשלאָסן די פּאַלע־ניצער געטאָ. אויף דער צווייטער זייט פון געטאָ געפינט זיך זינט לאַנגע יאָרן אַ קינדער־אינטערנאַט „נאַש אול" — אונדזער בינשטאָק. דאָס איז געווען אַן אינטערנאַט פון אַ פילאַנטראָפּישער געזעלשאַפט, וועלכער איז אין צייט פון קריג איבערגענומען געוואָרן דורך דעם „צענטאָס". דער „צענטאָס", וועלכער האָט אַ חלק אין אונדזער אויסהאַלטונג פאָדערט, אַז דער אַנשטאַלט פון פּאַלעניץ זאָל אַריבערגעפירט ווערן צו אונדז. נאָך לאַנגע וואָקלעניישן באַשליסט די פאַרוואַלטונג אַריינצונעמען דעם „נאַש אול" אין סאַנאַטאָריע. עס קומען 130 קינדער. זיי זענען אַלע אויסגעדאַרטע, שלעכט אָנגעטאָן, מיט ספּעציפישן פאַר אינטערנאַט־קינדער אויסזען. די קינדער ברענגען מיט זיך אַ ביסל אַנטוועכץ, אַלץ פאַרשטייט זיך איינהייטלעך. די ערשטע זאַך איז איצט צו באַזאָרגן די קינדער מיט געהעריקער באַשפּייזונג און אויפזיכט. צוליבן מאַנגל אין פּראָדוקטן ווערט דעמאָלט אין סאַנאַטאָריע פּראַקטיצירט צוגאָב־באַשפּייזונג פאַר די קינדער, וואָס דאַרפן עס אומבאַדינגט האָבן. פון אָט דער צודערנערונג געניסן ספּעציעל אָפּגעשוואַכטע קינדער. אויף דעם געביט זאָרגט אַממערסטן די דאָקטאָרין טאַלע מינץ. די דאָקטאָרין אַרבעט פון אָנהויב אַליין, פירט אויס אַחוץ איר אַרבעט נאָך אַלע אַרבעטן, וועלכע געהערן צו היגיעניסטינס. שפּעטער ווערן אַנגאַזשירט 2 „שוועסטערס" (סאַניטאַרינס), די חברטע רעגינע שעפּנער און געניע פרידמאַן. זייער אַרבעט ווערט פאַרטיילט אַזוי, אַז איינע פאַרנעמט זיך מיט די קראַנקע, די צווייטע מיט דער ריינקייט פון די געביידעס; וואָס שייך דער ריינקייט, ווערט זי איינגעהאַלטן אין אַ צופרידנ־שטעלנדיקער מאָס. די שלאָפצימערן זענען שטענדיק ווייסע, עס קומען אָפּט פאַר ריינקייט־קאָנקורסן, די קינדער באַמיען זיך, אַז יעדעס בעט זאָל האָבן וואָס אַ בעסערן קאַנט, יעדע „קאָסטקע" זאָל אויסזען פונקט ווי אַ קאָסטקע צוקער. עס קומען אויך אָפּט פאַר ריינקייט־קאָנקורסן פאַר פערזענלעכער ריינקייט און קאָנטראָל — דעמאָלט פּרובירן די קינדער אויף פאַרשידענע אופנים שענער מאַכן זייער קליידונג, באַפּוצן זיי מיט עפּעס. ספּעציעלע אַכט ווערט געלייגט אויף דער ריינקייט פון דעם סאַנאַטאָריע־גאָרטן און בכלל סאַנאַטאָריע־שטח. מען היט זיך נישט צו וואַרפן קיין פּאַפּירלעך, נישט צו שמוצן. פון צייט צו צייט לאָזן זיך אַרויס ספּעציעלע „עקספּעדיציעס" צו ריי׳ניקן דעם פּלאַץ.

די קינדער, וועלכע זענען צו אונדז געקומען פון „נאַש אול", זענען יתומים. זיי האָבן זייער גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין אינטערנאַט. זיי זענען אַלע נידערגעשלאָגן, האָבן מורא פאַר דער נייער סביבה. זיי באַציען זיך מיט גרויס אומצוטרוי צו די לערער פון סאַנאַטאָריע, בכלל איז ביי זיי אומצוטרוי איינע פון די שטאַרקסטע געפילן. עס געפינט זיך צווישן זיי אַ גרופּע פון 12־16־יעריקע יוגנטלעכע, וועלכע פּרובירן זיך אָפּצוזונדערן פון דעם אַלגעמיינעם סאַנאַטאָריע־לעבן. אין „נאַש אול" איז זיי טאַקע נישט געווען גוט, אָבער דאָס איז דאָך פאָרט געווען זייער היים. אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג ביי זיי איז דאָס, וואָס די עלטערע פאַרנעמען זיך שטאַרק מיט די יינגערע קינדער. זיי זאָרגן פאַר די קליינע קינדער פונקט ווי פאַר שוועסטער אָדער ברידער. צו דעם גאַנצן דיסאַנאַנס, וועלכן ס׳ברענגען מיט זיך די ניי־געקומענע קינדער, קומט נאָך

צו די שפּראַך־פּראַגע. די קינדער פון „נאַש אול" רעדן פויליש און האָבן צו יידיש אַ שלעכטע באַציִונג. דאָס אַריינפּאַסן די קינדער אין דער סאַנאַטאָריע פאַרנעמט איצט דעם אויבנאָן פון דער אַרבעט. ווען די נייע קינדער איבערצייגן זיך, אַז אין דעם נייעם אָרט דראָט זיי נישט קיין שום „געפאַר", נאָר פאַרקערט, מען באַציט זיך צו זיי סימפּאַטיש, מיט פיל פאַרשטענדעניש, הייבן זיי ביסלעכווייז אָן ווערן פריינדלעכער, און נאָך אַ קורצער צייט פאַרשווינדט אינגאַנצן דאָס פּראָבלעם. די עלטערע קינדער ווערן מיט דער צייט די אַקטיווסטע סאַנאַטאָריסטן, ווערן מיטגלידער אין קינדער־ראַט און אַקלימאַטיזירן זיך אַזוי שטאַרק, אַז מען פאַרגעסט באַלד דעם אונטערשיד. אויך אין הינזיכט פון דער שפּראַך ווערט וואָס אַ מאָל בעסער. וואָס אַ מאָל הערט זיך מער יידיש רעדן. וואָס אַ מאָל ווערט אָבער שווערער מיט דער אַפּראָוויזאַציע (דערנערונג). מיר באַקומען איצט פון „צענטאָס" זייער קליינע ראַציעס. קיין געלט אויף צו קויפן איז אויך נישטאָ. זומער העלפט מען זיך אַרויס מיט די גרינסן פון אייגענעם פעלד. ווינטער איז ערגער. די הויפּט־שפּייז ווערט איצט קאַרטאָפל און קאַשע. אָבער דאָס אויך נישט אין אַ גענוגנדיקער מאָס. שוין אין ווינטער 1941 אַנטשטייט אַזאַ לאַגע, אַז די לערער ביים פונאַנדערגיסן זופּ, ציילן די קאַרטאָפל אין יעדן טעלער, אַז אַלע קינדער פון דער געגעבענער גרופּע זאָלן באַקומען אַ גלייכע צאָל קאַרטאָפל. אויף אַלע פּעדאַגאָגישע ראַטן ווערט איצט באַהאַנדלט די פראַגע פון עסן. יעדער לערער וויל „איבערצייגן", אַז די קינדער פון זיין גרופּע דאַרפן באַקומען מער עסן. די קינדער הונגערן נישט אין בוכשטעבלעכן זין פון וואָרט, אָבער זיי דערעסן נישט. זייער אָפּט טרעפן פאַלן פון גנבענען ברויט. די דערוואַקסענע באַקומען זייער ברויט־ראַציע אויף אַ גאַנצן טאָג. די קינדער באַקומען איצט צוויי מאָל אַ טאָג צו צוויי שטיקלעך ברויט. די קינדער גייען כסדר אַרום הונגעריק. ווען די אויפזעער גרייטן צום טיש פאַר אַ מאָלצייט, שטייט אַלע מאָל אַ גרויסע גרופּע קינדער פאַר דער טיר פון עס־צימער און קוקט זיך נייגעריק צו צו דעם, וואָס עס באַווייזט זיך אויפן טיש. דאָס עסן ווערט דער הויפּט־אינטערעס ביי די קינדער. זיי ווערן אַפּאַטיש, ווילן זיך נישט שפּילן, זענען ווייניק רירעוודיק. מיר פּרובירן דעם צושטאַנד אַנטקעגנווירקן, אָבער רעזולטאַטן זענען זייער קליינע. ווינטער 1941 ווערט אין סאַנאַטאָריע איינגעשטעלט אַ שול; אַזוי ווי מיר האָבן פון אַ סאַנאַטאָריע זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אינטערנאַט, דאַרף מען אָנהייבן זאָרגן וועגן נאָרמאַלער באַשעפטיקונג פאַר די קינדער. אויך דאָ ביים איינאָרדענען און איינשטעלן די לעקציעס, קומען אויף שוועריקייטן. מיר ווילן איינשטעלן גרופּן־אַרבעט, אָבער זייער אָפּט איז אַזאַ לאַגע, אַז אין איין גרופּע געפינען זיך קינדער פון אַ פאַרשידענער אַנטוויקלונג און קענטעניש. עס פעלן ביכער און צימערן צום לערנען. יעדן טאָג אַחוץ שבת קומען פאָר לעקציעס. די קינדער לערנען זייער פלייסיק. אונדזער ציל איז דערפירן די קינדער צו דעם נאָרמאַלן שול־ניוואָ.

די עלטערע קינדער, וועלכע האָבן שוין געענדיקט פאָלקס־שול, אַרבעטן אין ניי־וואַרשטאַט, אין סטאָלעריי און וועשעריי. דאָס זענען נישט קיין ספּעציעל איינגעאָרדנטע וואַרשטאַטן. אין דעם ניי־וואַרשטאַט פאַריכט מען די קליידער פאַר די קינדער. די סטאָלעריי מאַכט האָלץ־שיך, אַ חוץ דעם אַרבעטן אַ סך פון די עלטערע מיידלעך אין קיך. די פרייע צייט פון לערנען און פון אַרבעט פאַרברענגען די קינדער אויף שפּילן,

די עלטערע האָבן זעלבסט־בילדונגס־קרייזן, אאַז״וו. עס ווערט געשאַפן אַ ליטעראַ־רישער קרייז, וועלכער שטייט אויף זייער אַ הויכן ניוואָ. איך דערמאָן זיך צוויי ליטע־ראַרישע קרייז־משפטים, וועלכע דער קרייז האָט אַדורכגעפירט. איינער איבער פּרצס „באַנטשע שוויג״, דער צווייטער איבער זשעראָמסקיס „היימלאָזע״. בײדע משפּטים האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע זעלבשטענדיקייט פון דענקען.

ווען די סאַנאַטאָריע לעבט זיך איר כמעט נאָרמאַל לעבן, קומען אָבער אויסער דער סאַנאַטאָריע פאָר גרויסע ענדערונגען. פאַלעניצער געטאָ איז שוין לאַנג אָפּגעשלאָסן. ביזן אָפּשליסן די געטאָ האָט פאַרן געפינען זיך אויף דער אַרישער זייט געדראָט נאָר תפיסה, — איצט — טויט־שטראָף. זייער אָפט ווערן אַזעלכע טויט־אורטיילן איבער געכאַפּטע יידן אויף דער אַרישער זייט, אויסגעפירט נעבן דעם גרויסן פּלאַץ פאַר דער סאַנאַטאָריע.

די קליינע שטעטלעך אַרום וואַרשע ווערן ביסלעכווייז ליקווידירט, און די באַפעל־קערונג ווערט איבערגעזידלט קיין וואַרשע. אויף אַזעלכע אויסזידלונגען ווערן אויסגע־קליבן טעג פון די גרעסטע פרעסט און קעלטן. דערביי ווערן זיי אַזוי איינגעאָרדנט, אַז אַ גרויסע טייל פון די יידן בלייבן אין וועג. דעם גאַנצן ווינטער 1941 פאָלגן מיר מיט שרעק נאָך די געשעענישן אין די דערבייאיקע שטעטלעך. פאַר די קינדער ווערט, פאַרשטייט זיך, אַלץ אויסבאַהאַלטן. אונדזער שטענדיקער ווונטש איז אָפּהיטן די קינדער פון אַלע גרויזאַמקייטן פון אַרום.

מיר ווילן אַלזאָ שאַפן אין דעם שרעקלעכן אַרום אַן „אינדזל פון גליק״. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס געלינגט בלויז טיילווייז. אַ גרויסע טייל פון די קינדער גייען אין שטעטל דערליידיקן פאַרשידענע ענינים, טרעפן זיך מיט מענטשן, אין סאַנאַטאָריע קומען זייער אָפט בונדיסטן פון פאַלעניץ. די פאַרבינדונג מיט פאַלעניץ איז אַ גאַנץ שטאַרקע, מיר זענען אָבער כמעט ווי אָפּגעריסן פון וואַרשע. פון וואַרשע קומען צו אונדז צו פאָרן פון צייט צו צייט עטלעכע קינדער. עס קומען אויך צו גאַסט חברים בונדיסטן פון וואַרשע. זומער 1941 קומט צו גאַסט די חברטע סאָניע נאָוואָגרודקאַ, די דאָקטאָרין אַנגע מאַרגאָליס (די הויפּט־דאָקטאָרין פון אַנשטאַלט, וועלכע קומט בכלל פון צייט צו צייט אויף אינספּעקציעס), די דאָקטאָרין ברוידע־העלער.

אין וואַרשע ווערט געפּלאַנט, אַז די לערער פון די פאָלקס־שולן זאָלן קומען אין סאַנאַטאָריע אויף אָפּרו. עס קומט אָבער נישט דערצו, ווייל דאָס אַרויסבאַקומען דורכפאָר־שיינען איז דעמאָלט שוין זייער באַשווערט. דערפאַר ברענגט די פּאָסט פון וואַרשע איוב־בשורות, נישטאָ די וואָך עמעצער פון די קינדער זאָל נישט באַקומען די ידיעה, אַז זיינע נאָענטסטע זענען געשטאָרבן פון הונגער, טיפוס וכדומה. דערווייל רוקט זיך אָן נאָך אַ געפאַר.

אין דער געגנט פון קאַרטשעוו געפינט זיך אַן אַרבעטס־לאַגער. מענטשן פאַר דעם לאַגער דאַרף ליפערן די אָטוואָצקער גמינע, צו וועלכער ס׳אונטערליגט אויך פאַלעניצער געטאָ. מיט כאַפּן מענטשן אין דעם לאַגער פאַרנעמט זיך די יידישע פאָליציי. זיי „וויזיטירן״ זייער אָפט פאַלעניץ און ביי דער געלעגנהייט אויך די סאַנאַטאָריע. זיי האַלטן, אַז אונדזערע עלטערע יינגלעך זענען שוין גענוג דערוואַקסן צו פאָרן אין לאַגער. אין אַ סכנה געפינען זיך די דערוואַקסענע מענער, אָנגעשטעלטע

אין סאַנאַטאָריע. בעת איינער אַזאַ „לאַפּאַנקע" ליגן אַלע מענער און די דערוואַקסענע יינגלעך צוויי טעג באַהאַלטן. עס געלינגט אונדז דעמאָלט אָפּצוהיטן אַלעמען פון דער לאַגער־געפאַר. פונקט ווי אין וואַרשע, איז אויך אין פאַלעניץ די לאַגע פון די יידן אַ שרעקלעכע. הונדערטער מענטשן שטאַרבן פון הונגער, די טיפוס־עפּידעמיע איז זייער גרויס. אין סאַנאַטאָריע איז אָבער דורך דער גאַנצער צייט געווען בלויז איין פאַל פון טיפוס־קראַנקייט. דאַקעגן, זיך אָפּיאָגן פון דער „שוויעזשבע" (קרעץ)־עפּידעמיע איז אינגאַנצן אוממעגלעך, די קראַנקייט איז אין סאַנאַטאָריע אַן אָפּטער גאַסט. אין דער צייט ווערט כסדר באַהאַנדלט די פראַגע פון אָפּשטעלן די עפּנטלעכע פאַרווײלונגען. אין סאַנאַטאָריע ווערן לעצטנס פּראַקטיצירט פאַרווײלונגען פאַר פאַלעניצער איינוווינער. אויף די פאָרשטעלונגען ווערן אַרייַנגעלאָזט פאַלעניצער, נאָך די קינדער־פאָרשטעלונגען פלעגן פאָרקומען טאַנץ־אָוונטן פאַר דערוואַקסענע. טאַנץ־אָוונטן ווערן געמאַכט צוליב אַ געוויינלעכער סיבה — יעדער אַזאַ אָוונט ברענגט אַ פּאָר טויזנט זלאָטעס. וועגן די דאָזיקע אונטערנעמונגען ווערן געפירט די הייסטע דיסקוסיעס: צי דאַרף מען צוליב דעם געלט, וואָס ווערט דורך אַזאַ אָוונט אַרייַנגעבראַכט, טאָלערירן אין אונדזער אַנשטאַלט אַזאַ מין פאַרווײלונג? איך דערמאָן זיך, אַז דער ח' לייבל פרידמאַן, דער שטרענגסטער קעגנער פון דעם, פלעגט שטענדיק טענהן, אַז די טאַנץ־אָוונטן וועלן זיין אַ פלעק אין דער געשיכטע פון דער מלחמהדיקער סאַנאַטאָריע.

אַלע אויסערלעכע באַדינגונגען באַווירקן וואָס אַן אמת דאָס סאַנאַטאָריע־לעבן, אָבער געסט וואָס קומען צו אונדז פון וואַרשע זענען שטענדיק אַנטציקט מיט דער ריינקייט, מיט דעם צעבליטן גאָרטן און מיט דער פיינער אַטמאָספער, וואָס הערשט אין אַנשטאַלט. דער זומער 1941 גייט אַדורך אונטערן צייכן פון באַקעמפן די פּאַסיוויטעט און אַפּאַטישקייט פון די קינדער. מיר פאַרשטייען זייער גוט, אַז ווען מען וואָלט געקאָנט געבן די קינדער גענוג צום עסן, וואָלטן זיי צוריק געוואָרן אמתע קינדער, וואָלטן זיי צוריק געוואָרן פריילעך, רירעוודיק און שפּילעריש. דאָס איז אָבער אוממעגלעך. מיר פלעגן איצט ביי די עלטערע קינדער איבערהויפּט דעם געדאַנק, אַז מען זאָל אין זיך אויסאיבן אַזויפיל שטאַרקן כאַראַקטער, דער הונגער זאָל נישט באַווירקן אונדזער גאַנץ לעבן; מען זאָל טראָץ אַלעם נישט אויפהערן לערנען, אַרבעטן, פירן די זעלבסט־פאַרוואַלטונגס־אַרבעט אאַז״וו.

די עלטערע חברה ווייזט אַרויס אין דעם פּרט אַ סך הערא׳יזם. בכלל פילן זיך די עלטערע חברה שטענדיק מיטפאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גורל פון דער סאַנאַטאָריע. איך דערמאָן זיך דעם ערשטן מאַי 1940, די ערשטע מאַי־פייערונג אין סאַנאַטאָריע. מיר האָבן גראָד דעמאָלט געהאַט אָפּגענומען די פּיאַנינע, וועלכע עמעצער פון די פאַלעניצער איינוווינער האָט זיך געהאַט צוגעאייגנט. דעם ערשטן מאַי ווערט אין סאַנאַטאָריע צום ערשטן מאָל צוריק איינגעפירט די „שטילע מינוט". מיר באַשליסן, אַז נאָך דער „שטילער מינוט" וועט איינער פון די סאַנאַטאָריסטן שפּילן רייזענס „און זאָל ווי ווייט נאָך זיין די צייט". ווי גרויס איז אונדזער דערשטוינונג, ווען נאָך דעם ליד שפּילט בעקערמאַן „די שבועה", דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אַלע קינדער כאַפּן עס אונטער און זינגען עס מיט. עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס האָבן די עלטערע חברה אָרגאַניזירט.

אין 1941־סטן יאָר ווערט דער ערשטער מאַי געפייערט אַ סך שטילער. אין פּאַלעניץ סטאַציאָנירן דייטשן, באַזונדערס מוז מען זיך היטן פאַר די יידישע געשטאַפּאָ־לייט. אַ סך פון די פּאַלעניצער קענען דאָך אונדזער מאַרקע.

דערווייל רוקט זיך אָן דער ווינטער 1942, דער לעצטער ווינטער פון דער עקזיס־טענץ פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. עס פעלט באַהייצונג, די קינדער פרירן, די דערנערונג ווערט וואָס אַ מאָל ערגער. אַרום אונדז נייע גזירות אויף יידן. נאָך אַ 2־חדשימדיקן איבערייס ווערן אָנגעהויבן די לעקציעס. אין דעם ניי־יאָר־אָוונט 1942 ווערט דורכגעפירט זייער אַ שיינע פאָרשטעלונג. די קינדער פירן אויס אָן אינסצעניזאַציע, וועלכע שטעלט פאַר די פעלקער־פאַרברידערונג. די דאָזיקע פאָרשטעלונג, וועלכע איז אָן אַבסאָלוטע סתירה צו דער שוידערלעכער מלחמה־ווירקלעכקייט, רופט אַרויס פיל אָנטציקונג ביי אונדזערע קינדער און די געקומענע געסט.

אין פעברואַר 1942 פאָר איך קיין וואַרשע. עס פאָרט אָפּ אַ קליינע גרופּע קינדער, צוזאַמען מיט די „קינדער" פאָרט די חברטע פעליציע מושקאַט — (פּ. פּאָליאַק־מושקאַט האָט געאַרבעט אין סאַנאַטאָריע אַלס דענטיסטין. זי באַגרענעצט זיך אָבער נישט מיט איר אַרבעט אויפן אָרט. זי איז זייער אָן אַקטיווע נאַטור. זי פאָרט כסדר אויף דער אַרישער זייט. זי האָט אַ „גוטן אויסזען", באַזאָרגט פון דאָרט פאַרשידענע זאַכן און נאָך דער ליקווידאַציע פון דער סאַנאַטאָריע ווערט זי איינע פון די אַקטיווסטע מיטאַרבעטערינס פון אונטערערדישן „בונד" און ראַטעוועט זייער פיל מענטשן).

מיר האָבן זיך געפילט שרעקלעך אומזיכער בעת דער רייזע קיין וואַרשע. מיר זענען נאָך אַ לאַנגן איבערייס געווען אויף דער אַרישער זייט. איך בין געווען אַ חודש צייט אין וואַרשעווער געטאָ. אַלע זענען דאָרט געווען זייער נידערגעשלאָגן, אומרויק. שוין דעמאָלט האָט מען געשמועסט וועגן אויסזידלען אַ גרויסע צאָל יידן פון וואַרשע. ווען איך בין צוריקגעקומען אין סאַנאַטאָריע, האָט זיך שוין אָנגעהויבן דער פרילינג און שפּעטער אַ הייסער זומער. ווי אַלע מאָל האָט די סאַנאַטאָריע אין פרילינג פּרעכטיק אויסגעזען. אַלץ האָט זיך וווּנדערבאַר צעבליט. די דערפרוירענע קינדער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין דרויסן, וואַרעמען זיך אויף דער זון. צוזאַמען מיט דעם פרילינג זענען אַנטשטאַנען האָפענונגען, אַז אפשר שוין איצט וועט זיך דער גהינום ענדיקן. מיר האָבן זיך אָבער ביטער אַנטוישט. אין יולי 1942 הייבט זיך אָן די ערשטע אויסזידלונג פון וואַרשע. מיר זענען מיט וואַרשע אין טעלעפאָנישער פאַרבינדונג. (דער טעלעפאָן איז אין דער וווינונג פון דער חברטע סאָניאַ נאָוואָגרודזקאַ). יעדן טאָג קומען אָן ידיעות וועגן צוגעוגומענע „נאָענטע". מיר פאַרשטייען, אַז אונדזער גורל איז געחתמעט. מיר ווייסן, אַז עס וועט אונדז נישט אויסמיידן. מיר גלויבן אָבער נאָך דעמאָלט נישט, אַז אַלץ גייט אויף פאַרניכטונג. מען רעדט, אַז גאָר קליינע קינדער און אַלטע מענטשן גייען אויף פאַרניכטונג. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם, מאַטערט מיך יעדן טאָג די חברטע אייכנער און בעט איך זאָל איר איבערגעבן מיין גרופּע און איך זאָל גיין אויף דער אַרישער זייט. זי זאָגט, אַז זי איז שוין אַלט און זי וויל דערפאַר גיין מיט די יינגסטע. מיר שטוינען אַלע מיט וואָס פאַר אַ רויקייט זי רעדט וועגן דעם. איך דערמאָן זיך אַ טאָג, ווען זי האָט דערציילט, אַז זי איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און אין דער פרי איז זי אויפגעשטאַנען עפּעס ווי אַ געלויטערטע, זי האָט געזאָגט, אַז

זי איז שוין איצט אויף אַלץ גרייט, זי האָט שוין געמאַכט דעם לעצטן דין־וחשבון.

נאָך אַ חודש צייט בלוטיקער אַרבעט אין וואַרשע, טראָגן זיך די ס. ס.־לייט איבער אויף דער ליניע וואַרשע־אָטוואָצק. דעם 21סטן אויגוסט ווערט ליקווידירט אָטוואָצק. די קראַנקע פון די אַנשטאַלטן ווערן דערשאָסן אויפן אָרט. אַ פּאָר יידישע פּאָליציי־לייט, וועלכע זענען אויף דער נאַכט געקומען קיין פאַלעניץ, האָבן דערציילט וועגן אַלע גרויזאַמקייטן בשעת דער אַקציע. דעם טאָג איז דאָס שטעטל פאַלעניץ ווי אויסגע־שטאָרבן. אַלע לעבן אין דערוואַרטונג אויף דעם וואָס עס מוז קומען. אין סאַנאַטאָריע ווערן געמאַכט צוגרייטונגען צו דער „לעצטער רייזע". מען פּאַקט פּאַר די קינדער פּעקלעך. מיר זענען זיכער, אַז צו מאָרגנס וועלן „זיי" קומען צו אונדז. אין דער נאַכט שלאָפט קיינער נישט. די קינדער זיצן אויף די בעטן נעבן זייערע פּעקלעך. אַ גאַנצע נאַכט הערט מען שאָסן. דאָס גרייט די פּוילישע גראַנאַט־פּאָליציי צו דעם באָדן פּאַר דער מאָרגנדיקער אַקציע.

ס'איז 5 פאַרטאָג 22סטן אויגוסט, דער פרימאָרגן איז אַ זוניקער, שטילער. מיט אַ מאָל דערהערן זיך ווי עפּעס פון דער לופטן דער געשרייען: „צום גמינע־פּלאַץ, אַלע צום גמינע־פּלאַץ"! דאָס געשריי טראָגט זיך פון הויז צו הויז, פון אָרט צו אָרט, באַלד נעמט מען לויפן אין אַ שרעקלעכער בהלה, פּונקט ווי מען וואָלט מורא געהאַט, אַז מען וועט נישט באַוויזן. די קינדער פון סאַנאַטאָריע שטעלן זיך אויס אין רייען, אין שפּיץ גייט די חברטע אייכנער און די דאָקטאָרין טאָלע מינץ. נאָך די קינדער גייט דאָס סאַנאַ־טאָריע־פּערסאָנאַל. די אויגן פון די קינדער זענען טויט־צעשראָקענע. עס רירט אַרויס אַ שטומער צוג. מען גייט צום גמינע־פּלאַץ, פון דאָרט אין די וואַגאָנען, וועלכע פירן קיין טרעבלינקע.

הינדזשע הימעלפאַרב — אַ יוגנטלעכע, טאָכטער פון באַקאַנטן בונדישן טוער הערשל הימעלפאַרב. זי איז געווען גוט באַקאַנט מיטן לעבן און פירונג אין דער סאַנאַטאָריע, ווו זי האָט אין די פריערדיקע יאָרן פאַרבראַכט עטלעכע מאָל צו אַ פּאָר חדשים.

פאַליע און זאַשע ליפשיץ — בײדע שוועסטער באַגאַבטע טענצערינס מיט גרויסע דראַמאַטישע פעיקייטן. זייער פאָטער יוסף ליפשיץ (באַקאַנט אונטערן נאָמען יוסף באַסאַק) איז געווען אַן אָנגעזעענער בונדישער טוער, אומגעקומען אין אַ סאָוויעטישער טורמע. בײדע זענען אַלס קינדער עטלעכע מאָל געווען אין סאַנאַטאָריע.

מאַניע קאַץ — אײנע פון די דריי „קעצלעך" (צוויי שוועסטערלעך און אַ ברודערל), וואָס שפּילן די הויפּט־ראָל אין דעם סאַנאַטאָריע־פילם „מיר קומען אָן".

לייטשע בלאַנק — טאָכטער פון בונדישן טוער לייבל בלאַנק.

חנהלע וואַסער — טאָכטער פון בונדישן פירער חיים וואַסער.

די אַלע יוגנטלעכע האָבן זיך שפּעטער שטאַרק אויסגעצייכנט מיט זייער אַרבעט און ראָל אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אין וואַרשע. זיי זענען אַלע אומגעקומען מיט אַ העלדישן טויט.

פערעלע עלענבויגן — די מחברין פון דעם אַרטיקל — איז אין די

פריערדיקע יאָרן, אַלס קינד, געווען עטלעכע מאָל אין סאַנאַטאָריע. זי האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג און איז פאַר איר פיינעם כאַראַקטער געווען שטאַרק באַליבט ביי די לערער. אינעם פילם „מיר קומען אָן" איז זי דאָ מיט איר אָפענעם און פריילעכן פנים. זי געפינט זיך איצט אין אַמעריקע און איז די פרוי פון א. כהן.

„צענטאָס" — געזעלשאַפט צו זאָרגן וועגן יידישע יתומים.

חיים עלענבויגן

אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע

אַדאַנק דער ענערגיע פון דעם נייעם לייטער פון אַנשטאַלט ש. אַבראַמסאָן, וועלכער האָט אַראָפּגעבראַכט דריי יידישע אַרבעטער (די ח"ח מאָזעס, יאַנקל און איזאַק פענטמאַן), איז געלונגען אין משך פון עטלעכע וואָכן צו ברענגען מער ווייניקער אין אָרדענונג די אַזוי גערופענע „נייע געביידע". דעם 15טן אָקטאָבער האָט שוין די סאַנאַטאָריע געקאָנט אויפנעמען די ערשטע גרופּע קינדער.

אויסער דעם איז נאָך געשטאַנען די אויפגאַבע פון ברענגען אין אָרדענונג די אַנדערע געביידעס כדי צו קענען אַריינגעמען אַ גרעסערע צאָל קינדער. צו דעם צוועק זענען באַשעפטיקט געוואָרן די חברים ישראל ראַפּאַלאָוויטש (געוועזענער פונקציאָנאַר אין נאָדל־פאַראיין, אין 1941 איז ער אַוועקגעפאָרן אין קראָקע פון וואַנען ער האָט געשטאַמט, און דאָרט אומגעקומען) און פינקוס ראָזנבערג, (געאַרבעט ביזן לעצטן מאָמענט אין סאַנאַטאָריע, און צוזאַמען מיט אַלעמען אַוועקגעפירט געוואָרן אין טרעבלינקע). חיים עלענבויגן און ראַפּאַלאָוויטש האָבן זיך פאַרנומען מיט באַזאָרגן שפּייז־אַרטיקלען, קוילן, ברענגען פּראָדוקטן פון וואַרשע. פינקוס צוזאַמען מיט דעם שפּעטער, אָנהויב 1940, צוגענומענעם, געוועזענעם סאַנאַטאָריע־וועכטער קאָוואַלסקי, האָבן געהיט די סאַנאַטאָריע פון אָנפאַלן און גניבות. היים האָט אַדורכגעפירט אַלע טעכנישע אַרבעטן, ווי אויפזיכט איבער דער וואַסער־לייטונג, עלעקטריע און רעמאָנט פון די געביידעס.

אין וואַרשע איז איינגעשטעלט געוואָרן אַ סאַנאַטאָריע־ביוראָ, וווּ עס האָבן געאַרבעט די חברטעס לאָניע אייבעשיץ, קופּטשיק און שפּעטער אויך מאַשקאָוויטש. זייער אויפגאַבע איז געווען אָננעמען קינדער, אַרויסבאַקומען שפּייז־אַרטיקלען פון „דזשאָינט" און פון „צענטאָס", צו וועמען די סאַנאַטאָריע האָט פאַרמעל געהערט.

די צאָל קינדער האָט ביז פרילינג 1940 דערגרייכט 70. ערשט אין פרילינג פון 040סטן יאָר, נאָכן אויסרעמאָנטירן די אַנדערע געביידעס האָט די סאַנאַטאָריע געקענט אויפנעמען אַ גרעסערע צאָל קינדער. אין פרילינג 1940 פאָרט אַוועק דער פאַרוואַלטער פון סאַנאַטאָריע ש. אַבראַמסאָן אין אויסלאַנד. זיין אָרט פאַרנעמט אַלס דירעקטאָר דער חבר ז. מושקאַט, און אַלס פאַרוואַלטערין אויפן אָרט חבר׳טע מאַניע זיגעלבוים (פרוי פון אַרטור זיגעלבוים). צוליבן פאַרגרעסערן די צאָל קינדער ווערט אויך פאַרגרעסערט דאָס לערער־פּערסאָנאַל.

מען האָט דעמאָלט אויך אַראָפּגעבראַכט פון וואַרשע אַ גרופּע פון 12 יונגע מיידלעך „צוקונפטיסטקעס"*, וועלכע האָבן געהאָלפן אין דער אַרבעט און האָבן געוווינט ווי אַ קאָלעקטיוו אין דער קאָנצעלאַריע־געביידע. דאָס זענען געווען: הינדע, באַשע, רויזע, שרהלע שיפּמאַן, פריידקע מילשטיין, פּעלע פּערקאַל, חנהטשע ווייסמאַן, גיטל סאַנדלער, האַנקע פלאַמענבוים, בעלאַ און נאָך צוויי. עס קומען דעמאָלט אויך אַרבעטן אין סאַנאַטאָריע מאַניע באָרוכאָוויטש־פרידמאַן און חנהטשע ווערקצווייג־עלענבויגן. (אַלע — געוועזענע שילער און אַביטוריענטן פון די צישאָ־שולן, יעדער פון זיי איז געווען צו עטלעכע מאָל אין סאַנאַטאָריע — אין די פריערדיקע יאָרן).

דער זומער פון 1940 יאָר איז געווען דער רויִקסטער אין מלחמה־לעבן פון די פּוילישע יידן. דאָס מיליטער, ס. ס. און אַנדערע פאָרמאַציעס זענען געוואָרן אָפּגעצויגן אויפן מערב־פראָנט, אין פּוילן זענען געבליבן נאָר גאַנץ קליינע מיליטערישע און אַדמיניסטראַטיווע כוחות, וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו פאַרנעמען זיך מיט די יידן.

אין דעם זומער טאַקע האָט די סאַנאַטאָריע געמאַכט דעם איינדרוק ווי פאַר דער מלחמה. די קינדער זענען אָפּט געטוישט געוואָרן, כדי צו געבן אַ וואָס גרעסערע צאָל קינדער די מעגלעכקייט זיך אָפּצורוען. אין די זונטיקן זענען עלטערן געקומען צו פאָרן צו זייערע קינדער. אין שכנות פון דער סאַנאַטאָריע האָט די פּאַרטיי אַפילו איינגעאָרדנט אויף אַ קורצע צייט אַן אָפּרו־הויז פאַר עטלעכע צענדליק חברים, פיזיש־אָפּגעשוואַכטע. דאָרטן איז פון אַ האַרץ־אַטאַק געשטאָרבן דער חבר קאָלאָדני. אַזוי גייט אַריבער דער זומער פון 1940סטן יאָר, אין מער ווייניקער רו. די קינדער פאַרנעמען זיך מיט זייערע טאָג־טעגלעכע אַרבעטן אין דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, גרייטן פאָרשטעלונגען. עס געפינען זיך דאַן אין סאַנאַטאָריע אַ גרופּע 14־15 יעריקע מיידלעך און יינגלעך, וועלכע זענען די הייוון פון דעם קינדער־לעבן אין סאַנאַטאָריע. די פאָרשטעלונגען „שפּייכלער", „לאַלקעס" א"אַ, וועלכע זענען אַדורכגעפירט געוואָרן דורך דער גרופּע, ווערן שפּעטער געגעבן אין וואַרשע מיט אַ געוואַלדיקן דערפאָלג. צו דער גרופּע האָבן געהערט ציווע וואַקס, לייטשע בלאַנק, זאָשע און פּאָלע ליפּשיץ, האַנושע וואַסער, מירקע קרישטאַל, ניסעלע, הערשל גרושקאַ, סרולעק מייראָ־וויטש, שיינדעלע לוסטיגמאַן א"אַ.

אין האַרבסט 1940 ווערן איינגעפירט אין דער גאַנצער גענעראַל־גובערניע געטאָס פאַר יידן. דאָס ענדערט ראַדיקאַל די לאַגע פון די יידן, עס הויבט זיך אָן דער מוראַדיקער הונגער. אויך די יידן פון פאַלעניץ־מיעדזעשין ווערן איינגעשלאָסן אין געטאָ, פאַר אַרויסגיין פון געטאָ דראָט טויט־שטראָף. אין דעם טייל פאַלעניץ, וועלכער פאַלט אַרויס פון געטאָ, געפינט זיך אַ קינדער־יתומים־אַנשטאַלט פון „צענטאָס". זיי ווערן איבערגעפירט אין סאַנאַטאָריע. די צאָל קינדער דערגרייכט דאַן ביז 210. צוזאַמען מיטן פאַרגרעסערן די צאָל קינדער פאַרקלענערט זיך אָבער דער צושטעל פון פּראָוויאַנט, צוליב די שווערע געוואָרענע קאָמוניקאַציע־מעגלעכקייטן. פון דאַן אָן הויבט זיך אָן דער פּעריאָד נישט דערעסן. מען קען נישט רעדן וועגן הונגער אין

* „צוקונפטיסטקעס" — מיטגלידער פון דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפט".

סאַנאַטאָריע; אַפילו אין די שווערסטע צייטן איז, אַדאַנק דער איבערגעגעבענער און אָנגעשטרענגטער אַרבעט פון דער לייטונג און פון די אָנגעשטעלטע, דער מינימום שטענדיק געגעבן געוואָרן.

דער כאַראַקטער פון דער סאַנאַטאָריע ענדערט זיך נאָכן שליסן די געטאָ. זי הייבט אָן טראָגן דעם כאַראַקטער פון אַן אינטערנאַט. די קינדער אין זייער גרויסער מערהייט זענען שוין יתומים אָדער צוקונפטיקע יתומים.

פאַר די יינגערע קינדער ווערן איינגעפירט לערן־גרופן און פאַר די עלטערע אַרבעטס־גרופן. אונטער דער אָנפירונג פון דעם גערטנער חבר אייזיק ווערט באַאַרבעט יעדעס שטיקל פעלד, וואָס ברענגט אַ גרויסן צושטייער צו דער דערנערונג. אין שניידער־וואַרשטאַט אונטער דער אָנפירונג פון דער חברטע מאַניע פרידמאַן־באַרו־כאָוויטש, (לאָדזש), אַרבעטן די דערוואַקסענע מיידלעך. עס ווערט אויך איינגעשטעלט אַ סטאָליאַר־וואַרשטאַט, ווו אונטער מיין אָנפירונג אַרבעטן די דערוואַקסענע יינגלעך. מיר פאַריכטן מעבל, מאַכן הילצערנע טרעפּעס (שיך). מיר האָבן באַוויזן צו באַזאָרגן אַלע קינדער מיט הילצערנע טרעפּעס פאַרן זומער, כדי אָפּצוהיטן די שיך פאַרן ווינטער.

נאָכן אָנהויב פון סאָוויעטיש־דייטשן קריג ווערט די ווירטשאַפטלעכע לאַגע אַ קאַטאַסטראָפאַלע. די מיליאָנען דייטשע זעלנער, וואָס געפינען זיך דאָן אויף די געביטן, פרעסן אַלץ אויף. די אָנפירונג ווערט געשטעלט פאַר דער אויפגאַבע אַליין טיילוויז באַזאָרגן די פּראָוויאַנטירונג פון אַנשטאַלט, ווייל וואַרשע, ווו עס הערשט אַ געוואַלדיקער הונגער, איז נישט אימשטאַנד צו באַזאָרגן דעם אַנשטאַלט. די איינציקע שפּייז־פּראָדוקטן, וואָס דער אַנשטאַלט באַקומט פון דאָן אָן פון וואַרשעווער דזשאָינט אין צענטאָס, זענען שוואַרצע קאָרן־מעל 95 פּראָצענט און געשפּאָלטענער האָבער.

אין דער צייט ווערט געשאַפן פון פּערסאָנאַל פון דער סאַנאַטאָריע אַן אָרטיקע פאַרוואַלטונג, ווייל די פאַרבינדונג מיט וואַרשע ווערט וואָס אַ מאָל שווערער, באַקומען אָן אַריינפאַר־דערלויבעניש אין וואַרשעווער געטאָ געהערט נישט צו די לייכטע זאַכן. פאַרן אָפּט די חברים אָן דערלויבענישן, אָבער דאָס דראָט מיט די שווערסטע קאָנסעקווענצן.

די אָרטיקע פאַרוואַלטונג באַשטייט פון די ח״ח מאַניע זיגעלבוים, ראָזע אייכנער, לייבל פרידמאַן, ד״ר טאָלע מינץ און חיים עלענבויגן. די אויפגאַבע פון דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג איז באַשליסן וועגן אינערלעכן לעבן אין אַנשטאַלט. אַפילו פראַגן וואָס גייען אַריין אייגנטלעך אין דער קאָמפּעטענץ פון דער וואַרשעווער סאַנאַ־טאָריע־אָנפירונג האָבן אָפט מאָל געמוזט דעצידירט ווערן דורך דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג, ווייל מען האָט זיך נישט געקענט פאַרבינדן מיט וואַרשע. עס געלינגט דאָן צו באַקומען אַ צוטיילונג פון פאַלעניצער יודענראַט אויף אַ געוויסער צאָל שפּייז־פּראָדוקטן, דערפאַר מוזן אַריינגענומען ווערן אויך קינדער פון פאַלעניץ אין אַנשטאַלט. אויסער דעם איז פאַר אַ געוויסער סומע געלונגען אָפּצומאַכן מיט באַאַמטע פון דער פּוילישער גמינע, אַז דער אַנשטאַלט זאָל באַקומען צוגעטיילט צוגאָב־קאַרטן אויף שפּייז, ווי עס באַקומען עס די פּוילישע אַנשטאַלטן. די אָרטיקלען, וועלכע מען האָט באַקומען אויף די צוגאָב־קאַרטן, האָבן פאַרנומען אַ זייער ערנסטע פּאָזיציע אין אויסהאַלט פון אַנשטאַלט. דאָס אָפּנעמען די פּראָדוקטן איז געווען פאַרבונדן מיט

געפאַר, ווייל די פּראָדוקטן האָט מען געמוזט אָפּנעמען אויף דער אַרישער זייט. און קיין דערלויבענישן צו גיין אויף דער אַרישער זייט זענען נישט געווען.

פרילינג פון 1942, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ענדגילטיקע אויסראָטונגס־אַקציע לגבי דער יידישער באַפעלקערונג, ווערן טיילווייז צוגענומען די צוטיילונגען פון דער פוילישער גמינע. עס קומט דאַן צוהילף דער סאַנאַטאָריע דער יידישער אונטערנעמער פון די בערשטער־וואַרשטאַטן עמיל ווייס, וועלכן עס ברענגט אַראָפּ אין סאַנאַטאָריע דער חבר קליין.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, איז עס קלאָר געוואָרן, אַז די טעג פון אַנשטאַלט זענען געציילטע. עס זענען נאָך געמאַכט געוואָרן באַמיִונגען איינצואָרדענען אין אַנשטאַלט וואַרשטאַטן, — אפשר וועט דאָס אָפּראַטעווען די סאַנאַטאָריע. פון דעם איז אָבער גאָרנישט געוואָרן. בלויז אַ גרופּע פון פּופּצן דערוואַקסענע ייִנגלעך זענען אונטער מיין לייטונג אַוועק אַרבעטן אין נייוועלטס טאַרטאַק. אין דעם טאַרטאַק זענען נאָך דער ליקווידאַציע פון פאַלעניצער געטאָ, געבליבן אַרבעטן עטלעכע הונדערט יידן. אָבער אין דעצידירנדיקן מאָמענט ווען מען האָט אַלע יידן צונויפגעטריבן אויפן פּלאַץ פאַר דער שול, איז די גרופּע פון פופצן נישט אַריינגעלאָזן געוואָרן אין טאַרטאַק און געטיילט דעם גורל פון אַלע איבעריקע.

נאָך אַ חודש אַרבעט אין וואַרשע איז די פאַרניכטונגס־קאָמאַנדע געקומען אין אָטוואָצק, ווו אין משך פון איין טאָג איז אַ טייל יידן דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט און אַ טייל אַוועקגעפירט געוואָרן קיין טרעבלינקע.

פאַר די איינוווינער פון פאַלעניץ איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס איז דער סוף. אויב פריער האָט מען זיך געמאַכט אילוזיעס, אַז מען פירט אויף די מזרח־געביטן אויף אַרבעט, איז נאָכדעם ווי עס האָבן דערציילט די אַנטלאָפענע פון אָטוואָצק, (דריי מייל פון סאַנאַטאָריע), וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען, קלאָר געוואָרן פאַר אַלעמען, וואָס די „איבערזידלונג" באַדייט.

דעם פאַרטאָג פאַר דער ליקווידאַציע איז צונויפגערופן געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג פון די עלטערע קינדער. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט דער לערער פרידמאַן אויפגעקלערט די קינדער, וואָס עס קומט פאַר, און געראָטן די קינדער פּרובירן זיך ראַטעווען דורך אַנטלויפן און באַהאַלטן זיך אין די וועלדער. אַ גרופּע קינדער האָט זיך גלייך געלאָזט אין שכנותדיקן וואַלד. די פוילישע פּאָליציי, וועלכע האָט געבילדעט אַ קאָרדאָן אַרום דעם וואַלד, האָט די קינדער צוריקגעבראַכט אין סאַנאַטאָריע אַריין. געראַטעוועט האָט זיך בלויז איין מיידל, האָכבערג, וועלכער עס איז געלונגען אויסצובאַהאַלטן זיך ביי פוילישע שכנים.

דעם 20סטן אויגוסט 1942, 5 פאַרטאָג האָט מען אָנגעהויבן צונויפטרייבן די באַפעלקערונג פון פאַלעניץ און מיעדזעשין ביי דער שול. אויך די קינדער פון דער סאַנאַטאָריע מיטן גרעסטן טייל פון פערסאָנאַל זענען אין רייען אונטער דער באַגלייטונג פון ס. ס.־לייט און פּאָליציי אַוועק אויפן פּלאַץ, ווו זיי האָבן געוואַרט אונטער דער ברענענדער זון אַ גאַנצן טאָג, ביז עס זענען אָנגעקומען די וואַגאָנען, אין וועלכע מען האָט זיי אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע.

דער סעקרעטאַר פון פאַלעניצער יודענראַט, כאַדזשקאַ, האָט מיר דערציילט די פאָלגנדיקע געשיכטע, ווען איך האָב אים געטראָפן אין 1945 אין לובלין: ווען אַלע יידן זענען דעם 20סטן אויגוסט 1942 געווען צוזאַמענגעטריבן ביי דער באַן־סטאַציע כדי אַוועקגעשיקט צו ווערן קיין טרעבלינקע, איז דער דייטשער קאָמענדאַנט פון דעם אויסראָטונגס־אָפּטייל אַוועק אין דער באַגלייטונג פון כאַדזשקאַ אויף אַן אינספּעקציע פון געטאָ. ווען זיי זענען צוגעקומען צו דער סאַנאַטאָריע האָט ער דערזען די בלומען־בייטן, וועלכע זענען געווען אויפן גאַנצן וועג פון אַריינגאַנג ביז צו די געביידעס; דאָס גאַנצע פעלד פון סאַנאַטאָריע איז געווען באַדעקט מיט פּרעכטיקע טאָמאַטן. ער האָט דערזען די ריינקייט און ציכטיקייט אין די געביידעס און אַרום. איז דער קאַלטבלוטיקער מאַסן־מערדער געבליבן שטיין אַ פאַרוווּנדערטער און זיך געפרעגט, ווער האָט דאָ געוווינט? ווען כאַדזשקאַ האָט אים אַלץ אויפגעקלערט, איז דער קאָמענדאַנט צוריקגעגאַנגען צום באַנהויף און באַפוילן צו ברענגען ברויט און וואַסער פאַר די קינדער פון סאַנאַטאָריע...

דניאל טשאַרני

אין דער יידישער קינדער־רעפּובליק

(פונעם בוך „אַ ליטוואַק אין פּוילן")

דער מעדעס־אינקובאַטאָר

דער דירעקטאָר פון דער מעדעס־סאַנאַטאָריע, דער גוט־באַקאַנטער פּעדאַגאָג און קולטור־טוער ש. גילינסקי האָט מיך איינגעלאַדן אַלס דעם „ערן־גאַסט" פון דער יידישער קינדער־רעפּובליק.

איך האָב נישט געוווּסט, אַז אָט דער ש. גילינסקי איז מיין אַלטער יוגנט־פריינד פון ווילנע, ווו מיר האָבן אין די יאָרן 1906־1907 אין איינעם געלערנט וועלטלעכע בילדונג אויף די בחינמדיקע רוסישע „אָוונט־קורסן". דעמאָלט האָט ש. גילינסקי געהייסן „חבר אַלטער". האָט דער גורל געוואָלט, אַז אין דרייסיק יאָר אַרום זאָלן זיך צוויי יוגנט־חברים ווידער אַ מאָל באַגעגענען אויף דער טעריטאָריע פון דער מעדעס־סאַנאַטאָריע. ער — ווי אַ דירעקטאָר פון דער יידישער קינדער־רעפּובליק, איך — ווי אַ היימלאָזער „אַמבאַסאַדאָר" פון יידישלאַנד (אַזוי פלעגט מען מיך דעמאָלט רופן).

די דאָזיקע אומגעריכטע באַגעגעניש האָט מיך יינגער געמאַכט אויף גאַנצע דרייסיק יאָר און דאָס האָט נאָך מער מער פאַרקלענערט די דיסטאַנץ צווישן מיר און די קינדער.

האָב איך גערן אָנגענומען מיין חבר גילינסקיס איינלאַדונג און כ׳בין געוואָרן דער „ערן־גאַסט" פון דער מעדעס־סאַנאַטאָריע, ווו דער גאַנצער אַרום האָט ממש געשפּרודלט טאָג און נאַכט מיט אַ הייס פּולבלוטיק לעבן. דער גרעסטער פּעסימיסט האָט געמוזט מיטגעריסן ווערן פון אָט דעם בונטן שפּעפערישן לעבן.

אָט, למשל, האָב איך צום ערשטן מאָל דערזען אַן אינקובאַטאָר, אַ מיניאַטור־אינקובאַטאָר אויף הונדערט אייער. אמת איך האָב שוין געהאַט געהערט, אַז אין אַמעריקע פּראָדוצירט מען שוין פון לאַנג „מאַשינאַווע" הינער, וואָס מען האָט נייטיק פאַר די „מאַשינאַווע" באַנקעטן. אָבער אין פּוילן עסט מען נישט קיין הינער אויף די באַנקעטן.

די קינדער און די דערוואַקסענע קוקן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויף די גרויסע וווּנדער פון די מעשי־בראשית מיט וועלכע ס׳פירט אָן דער אינקובאַטאָר־מייסטער. אָט הייבט ער אָן צו קלאַפּן מיט זיינע פינגער־נעגל אין דעם בלעך פון דער מאַשין, ווי אַ הון וואָלט געפּיקט קערנער — פאַרשטייען שוין די עופהלעך, אַז אויך זיי דאַרפן מיט זייערע שנעבעלעך אָנהייבן צו פּיקן אין בלעך אַריין... אויף דעם וואַרעמען בלעך וואַרטן שוין אויף זיי אַלע פיינע מאכלים, וואָס הינדעלעך האָבן נייטיק.

האָב איך דעמאָלט אָנגעשריבן פאַר די קינדער אַן אינקובאַטאָר־ליד. איך האָב דערשפּירט, אַז די גאַנצע מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אייגנטלעך אַן אינקובאַטאָר פאַר די איבערגעפרוירענע און אויסגעהונגערטע יידישע קינדערלעך אין גאַנץ פוילן.

אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
איז פאַראַן אַן אינקובאַטאָר —
ווערן הינדעלעך געבוירן
אָן אַ מאַמען, אָן אַ טאַטן.

אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
זעט מען וווּנדער איבער וווּנדער!
ס'פּליגלען זיך שוין, אָן עין־הרע,
הינדעלעך אַ גאַנצער הונדערט.

אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
לייגן אַלע הינער אייער,
און דעם האָן — דעם גרויסן שררה —
רופן אַלע „איטשע־מייער".

אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
זעט מען וווּנדער איבער וווּנדער,
ס'פּליגלען זיך דאָ, אָן עין־הרע,
קינדערלעך נאָך מער ווי הונדערט.

עסן — עסט מען דאָ ווי שררות,
שלאָפן — שלאָפט מען דאָ באַזונדער.
לעבן זאָל די סאַנאַטאָריע
מיט די וווּנדער איבער וווּנדער!

יאָ, 85 פּראָצענט פון די קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָבן אין זייערע היימען קיין מאָל נישט געגעסן צו דער זאַט און קיין מאָל נישט געשלאָפן אַליין אין אַ בעט.

גאַנץ אָפט פלעגט פּאַסירן, אַז מיידעלעך פלעגן שפּרינגען איינע צו די אַנדערע אין די בעטן אַריין, ווייל ס'איז זיי געווען צו אומעטיק צו שלאָפן איינינקע אַליין אין אַ בעט...

מיידעלעך האָבן מער ליב זיך צוצוטוליען צו עמעצן ווען זיי האָלטן ביים איינשלאָפן. יינגלעך, פאַרקערט, וואַרפן זיך פונאַנדער, מיט די הענט און פיס איבער דער גאַנצער ברייט פון בעט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט אַפילו אין שלאָף, אַז עמעצער זאָל נישט פאַרכאַפּן זייער בעט...

אַזוי האָבן אויך געטאָן די אינקובאַטאָר־הינדעלעך און די הענדעלעך. די הינדעלעך, ווען מען פלעגט זיי אַרויסלאָזן דרויסן, פלעגן זיי זיך האַלטן צוזאַמען און

וואַרעמען זיך איינע נעבן די אַנדערע, בעת די הענדעלעך פלעגן זיך האַלטן אָפּגעזונדערט איינע פון די אַנדערע, כאָטש זיי האָבן נאָך נישט געוווּסט, אַז ווען זיי וועלן ווערן גרויסע — וועלן זיי טאַקע אָנהייבן רייסן זיך ווי די הענער.

אגב, האָט די מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַרמאָגט איינעם אַ האָן אַזאַ, וואָס איז געווען אַ שרעקלעכער כעסן.

פּראָפעסאָר פישל שניאורסאָן, וואָס פלעגט שטודירן די פּסיכאָלאָגיע פון די קינדער, האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער האָן ליידט פון אַ געוויסן מינדערוווערטיקייט־קאָמפּלעקס. די אינקובאַטאָר־הינער האָבן פון אים נישט געהאַלטן. זיי פלעגן קיין מאָל נישט נעמען ערנסט זיינע פליגל־רעוועראַנסן, וואָס ער פלעגט זיי מאַכן און זיינע כיטרע ליבעס־דערקלערונגען. איז ער געוואָרן אַזוי פאַרביטערט, דער האָן, אַז ער פלעגט שפּרינגען אויף מענטשן און פּיקן מיטן שנאָבל אין קאָפּ אַריין, מען פלעגט זיך שרעקן אַריינצוקומען אין הינער־שטייג מיט אַ נאַקעטן קאָפּ.

די קינדער פלעגן דעם דאָזיקן האָן מוסרן און זידלען אויף פּויליש. ווייל ווי באַלד ער איז אַזאַ רוצח — מסתמא איז ער אַ פּאָליאַק.

אויך דער הונט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, נעראָ, איז געווען אַ גרויסער כעסן און אַ רוצח, אָבער נעראָ האָט געהאַט גענוג גרונט צו זיין אין כעס. מען פלעגט אים אַ גאַנצן טאָג האַלטן אויף דער קייט. שוין צוליב זיין נאָמען אַליין האָט מען אים געדאַרפט האַלטן אויף דער קייט.

דאָך אָבער פלעגן די קינדער וואַרפן צו נעראָן אין בודקע אַריין פאַרשידענע נאַשערייקעס, ווייל אַפילו מיט אַ הונט אויף דער קייט דאַרף מען אויך לעבן בשלום.

בכלל, האָבן די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געוואָלט לעבן בשלום מיט דער גאַנצער וועלט. נישט נאָר די חיות און עופות האָבן זיי געהאָדעוועט, נאָר אויך אַפילו די אָרעמע קריסטלעכע קינדער פון דעם שטעטל מיעדזעשין. זיי האָבן געוווּסט, די קינדער פון די נאַלעווקעס און פון די „סמאָטשע״־געסלעך, אַז אָט די קריסטלעכע קינדער האָבן ליב צו וואַרפן שטיינער אין יידישע קינדער, אָבער די זאַט־געוואָרענע יידישע קינדער פון דער סאַנאַטאָריע פלעגן ענטפערן די „שקצימלעך״ מיט „סענדוויטשעס״ און נאַשערייקעס...

יעדן טאָג פלעגן זיך ביים הויכן פּאַרקן פון דער סאַנאַטאָריע אַרומדרייען הונגעריקע קריסטלעכע קינדער און וואַרטן דרויסן אויף די מתנות פון די „זשידאָווסקע״ קינדער.

דער קינדער־ראַט האָט אַפילו איין מאָל באַשלאָסן, אַז ס'איז אַ דערנידעריקונג פאַר די קריסטלעכע קינדער, וואָס מען וואַרפט זיי איבערן פּאַרקאַן סענדוויטשעס, ווי מען וואַרפט נדבות. מען דאַרף זיי, הייסט עס, האָדעווען אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. האָט מען אויסגעקליבן אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, וואָס פלעגט יעדן טאָג אַרויסטראָגן דרויסן פאַרשידענע מינים עסן־זאַכן און זיי פאַרטיילן ריכטיק צווישן די קריסטלעכע קינדער.

מעגלעך, אַז די דאָזיקע קריסטלעכע קינדער האָבן טאַקע אויפגעהערט צו וואַרפן שטיינער אויף יידישע מענטשן, אָבער שמואליקל מינקאָווסקי, פון פּשיטיק, האָט זיכער געהאַט וועגן דעם אַן אַנדער מיינונג.

אויף זיין זעקס־יאָריקן קעפּל האָבן נאָך געגליט די ווונדן פון דעם פּשיטיקער פּאָגראָם. און וואָס אין קעפּל גופא האָט זיך ביי אים געטאָן — האָט מען קיין מאָל נישט געקאָנט וויסן, שמואליקל האָט געשוויגן...

קוקנדיק אויף שמואליקלען האָב איך אויך געשוויגן.

נישט דער פּעדאַגאָגישער ראַט און נישט דער קינדער־ראַט האָבן געפרעגט ביי מיר עצות צי מען זאָל שפּייזן די קריסטלעכע קינדער הינטערן פאַרקאַן אָדער נישט? ווען מען פרעגט מיין מיינונג, וואָלט איך מסתמא געשוויגן ווי שמואליקל מינקאָווסקי פון פּשיטיק.

געוויס דאַרף מען שפּייזן אַלע הונגעריקע, אָבער מיינע דערפאַרונגען אין די פאַרשידענע יידישע הילף־געזעלשאַפטן האָבן מיך געלערנט, אַז ביי די פּראָפּעסיאָנעלע נעמערס אַנטוויקלט זיך פריער־שפּעטער אַ שנאת־קנאה־געפיל צו די פּראָפּעסיאָנעלע געבערס, בפרט נאָך ווען די נעמערס און די געבערס געהערן צו פאַרשידענע ראַסן...

דאָס איז אָבער אַ פּסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגיש פּראָבלעם און ס'איז נישט מיין אויפגאַבע צו לייזן דאָ אַזעלכע קאָמפּליצירטע פּראָבלעמען. איך האָב דאָ נאָר געוואָלט פעסטשטעלן, אַז די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט פאַרמאָגט אין זיך דעם וווּנדערלעכן כוח צו אַנטוויקלען ביים יידישן קינד דאָס געפיל פון חברשאַפט און פון קעגנזייטיקער אחריות אָן קיין שום ספּעציעלע אָנשטרענגונגען.

דאָס צוויבער־וואָרט „חברשאַפט" פלעגט באַלד פאַרשמעלצן אַלע קינדער אין איין משפּחה, און אַלע קינדער פלעגן זיך דערפילן גלייך פאַראַנטוואָרטלעך פאַר

אַ טרונק מילך פאַר די קיניגלעך

אַלע הינער און טויבן, פּאַר אַלע בלומען אוןביימער, וואָס האָבן באַלעבט די טעריטאָריע פון דער קינדער־רעפּובליק.

אין די אָוונטן פלעג איך גאַנץ גערן דערציילן די קינדער מיינע מעשיות, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דער גרויסער וועלט, אָדער וואָס איך האָב אויסגעפּאַנטאַזירט, כ׳פלעג גאַנץ אָפט אימפּראָוויזירן מעשיות פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע גופא. האָב איך באַמערקט, אַז קינדער זענען שטענדיק גרייט אויסצוהערן איין און די זעלבע מעשה עטלעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד.

איך האָב אויך באַמערקט, אַז קינדער האָבן נישט ליב ווען מען דערציילט די זעלביקע מעשה אין אַן אַנדער וואַריאַציע אָדער נוסח. קינדער פאַרגעדענקען זייער גוט דעם ערשטן נוסח פון דער מעשה און ווען דער דערציילער לאָזט עפּעס דורך, אָדער ענדערט עפּעס אין דער מעשה, דערמאָנען זיי, אַז ס׳איז נישט ריכטיק, אַז עס שטימט נישט מיט דער נעכטיקער מעשה.

פון דעמאָלט אָן האָב איך באַשלאָסן צו האַלטן זיך שטענדיק אין דעם ערשטן טעקסט פון אַלע מיינע מעשיות, וואָס איך דערציל, אַפילו פאַר דערוואַקסענע, וואָס ווינציקער „ליטעראַטור" — אַלץ בעסער איז די מעשה.

אַזוי האָבן מיך אויסגעלערנט די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

שמואליקל פון פשיטיק

די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין, הינטער וואַרשע, האָט ווירקלעך אויסגעזען ווי אַ שטיק אַמעריקאַנער טעריטאָריע וואָלט זיך אַריינגעריסן קיין פּוילן.

ס׳איז געווען אַ שטיק „אַמעריקאַנער טעריטאָריע" נישט נאָר דערפאַר אַליין, וואָס די יידישע אָרגאַניזאַציעס פון אַמעריקע פלעגן זייער גערן אונטערשטיצן די דאָזיקע וואונדערלעכע אינסטיטוציע, נאָר די גאַנצע אינערלעכע איינאָרדענונג פון דער סאַנאַטאָריע איז געווען נאָך מער, ווי „אַלרייט".

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַן אמתע קינדער־רעפּובליק, ווו די לערער האָבן געשפּילט די ראָל פון נישט מער, ווי רעזשיסערן, וועלכע געפינען זיך שטענדיק הינטער די קוליסן. די הויפּט־„אַקטיאָרן" זענען געווען די קינדער, די פאַרוואָרלאָזטע און דערשלאָגענע יידישע קינדער פון פּוילן. זיי פלעגן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע באַקומען אַ צווייטע נשמה — אַ נשמה־יתירה, וואָס פלעגט זיי דערהייבן און באַגייסטערן.

די קינדער פלעגן באַלד ווערן „שותפים" צו דער גאַנצער אונטערנעמונג, און אַלע 35 אַמטן אָדער פונקציעס פון דער סאַנאַטאָריע פלעגן ליגן אין די קינדערשע הענט. די קינדער־רעפּובליק פלעגט האָבן איר אייגענעם „פּאַרלאַמענט", וואָס פלעגט זיך פאַרזאַמלען יעדע וואָך. דער דאָזיקער קינדער־פּאַרלאַמענט פלעגט אויסקלייבן אַ קינדער־ראַט און 35 באַאַמטע, וואָס פלעגן איבערנעמען אויף זיך די אחריות פאַר אַלע קינדער. איניקע פלעגן אויפפּאַסן אויף דער ריינקייט פון די הענט און פיס, פון די קליידער און שיך, אַנדערע פלעגן זיך אָפּגעבן מיט די פאַרשידענע קולטור־טעטיקייטן: ביבליאָטעק, וואַנט־צייטונג, ראַדיאָ־צייטונג, מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע, ביאָ־ווינקל, שפּיל־פּלאַץ, אינקובאַטאָר אאַז״וו.

דער ערשטער גרעסטער ווונדער פאַר די פאַרהונגערטע און פאַרוואָרלאָזטע קינדער איז געווען דער עצם פאַקט, וואָס מען גיט דאָרטן עסן אַזוי אָפט און אַזוי פיל, אַז ס׳פלעגט נאָך איבערבלייבן גענוג אויף די טישן.

נישט איין קינד פלעגט ביי די מאָלצייטן אין דער סאַנאַטאָריע פאַרשטעקן בגניבה אין די קעשענעס צוויי־דריי בולקעלעך אויף שפּעטער... אָבער ווי נאָר ס׳פלעגט קומען דער „שפּעטער", פלעגט מען שוין דערהערן דעם גלאָק, וואָס רופט די קינדער צו אַ נייעם מאָלצייט, און די קינדער מיט די פולע קעשענעס בולקעלעך פלעגן נישט וויסן, ווו אַהינצוטאָן זייער „גניבה"...

דער צווייטער גרויסער ווונדער זענען געווען די... ציין־בערשטלעך מיט דעם טשיקאַווען ציין־פּולווער, וואָס עס שמעקט פון אים מיט רפואה.

אַ סך קינדער האָבן אין דער היים נאָך קיין מאָל נישט געזען אַזעלכע פיינע בערשטלעך מיט אַזאַ גוט־שמעקעוודיקן פּראָשעק. פלעגן אייניקע פון זיי מיינען, אַז מען מוז דעם דאָזיקן „מעדעם־פּראָשעק" איינשלינגען אויפן ניכטערן מאָגן. אָבער די אויפזעערס פלעגן שוין באַצייטנס אויפקלערן די „גרינע" קינדער, ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט אַ ציין־בערשטל, און אַז דעם פּולווער דאַרף מען נישט שלינגען.

דער דריטער גרעסטער ווונדער איז געווען דער מאָדנער פאַקט, וואָס די לערערס שרייען נישט קיין מאָל אויף די קינדער און שלאָגן נישט די קינדער. ווי איז דאָס מעגלעך, אַז דערוואַקסענע מענטשן זאָלן נישט שרייען און נישט שלאָגן קיין קינדער!

ס׳איז ממש ווונדער איבער ווונדער!

די הויפּט־פּרינציפּן פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען לכתחילה אויפגעבויט געוואָרן אויף די פאַריסענע קעפּ פון די דריי גרויסע לאַמעדן: לופט, ליכט און ליבע!

לופט און ליכט פלעגט ליפערן מיט אַ ברייטער האַנט דער רבונו־של־עולם אַליין, אָבער ליבע האָבן שוין גאַנץ שטיל און אומבאַמערקט געליפערט די לערערס און די אַלע אַנדערע דערוואַקסענע, וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט די פאַר הונדערט קינדער פון דער סאַנאַטאָריע.

עס איז געווען ממש צו באַווונדערן די לערערשאַפט און דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל, וואָס האָבן גאַנץ גוט געקענט די פאַרגעשיכטע פון יעטוועדן קינד באַזונדער מיט אַלע זיינע אינדיווידועלע אייגנשאַפטן און נייגונגען. פון די אַן ערך 200 קינדער, וואָס די מעדעם־סאַנאַטאָריע פלעגט זומער־צייט קאָנען אויפנעמען, זענען געווען ביי 170 קינדער (גאַנצע 85 פּראָצענט) פון דעם גרעסטן יידישן עלנט און דלות.

מען פלעגט זיי אַרויסנעמען, די קינדער, קאָן מען זאָגן, פון די מיסט־קאַסטנס און זיי אַריבערוואַרפן אין אַזאַ מין ווונדערלאַנד, ווו אַלץ איז אַזוי אַנדערש און אַזוי יום־טובדיק!

פאַר אַזעלכע פאַרוואָרלאָזטע און דערשלאָגענע קינדער איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע געווען דער ריכטיקער „גן־עדן התחתון".

אַפילו דערוואַקסענע מענטשן פלעגן זיך דערשפּירן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווי אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט! ס׳איז ווירקלעך געווען אַ שטיק אַמעריקאַנער טעריטאָריע אויף דעם פאַרוואָרלאָזטן און פאַראומרייניקטן פּוילישן באָדן.

איך האָב שוין געהאַט געזען אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך פאַרשידענע

מינים מאָדערנע קינדער־אינסטיטוציעס, אָבער אַזאַ איינע, ווי די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געהאַט געזען!

די סאַנאַטאָריע האָט אויך פאַר מיר אויסגעזען, ווי אַ מעשהלע פון טויזנט און איין נאַכט!

מעגלעך, אַז דאָס האָט געמאַכט די יידישע אַטמאָספער, די טיף־יידישע אַרומרינגלונג, וואָס האָט דיך געמאַכט פאַרגעסן אין דעם נישט־יידישן פיינטלעכן דרויסן.

יאָ, דער פוילישער דרויסן, איז אַפילו אין מיעדזעשין געווען אַ פיינטלעכער צו יידן.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן די סצענע, וואָס איך האָב דערזען אין מיעדזעשין, שפּאַצירנדיק דורך דער נישט־יידישער גאַס פונעם שטעטל. ביי איין הויז זענען געשטאַנען צוויי קריסטלעכע מיידלעך פון אַן ערך 8 און 10 יאָר. ווען זיי האָבן מיך דערזען שפּאַצירנדיק אין מיינע אייראָפּעיִשע קליידער, דאָס הייסט — מיט אַ קורצן רעקל, און אָן באָרד און פּיאות, נישט ווי אַלע אַנדערע אַרומיקע דאַטשניקעס, האָט דאָס יינגערע מיידל אַ זאָג געטאָן צו דער עלטערער: „טאָ פּאַליאַק״ (איך בין, הייסט עס, אַ פּאָליאַק). האָט די עלטערע מיט זיכערקייט אַן ענטפער געטאָן: „ניע, טאָ זשיד!״ (איך בין אַ ייד, הייסט עס).

האָט די יינגערע ווידער געזאָגט, אַז איך בין אַ פּאָליאַק, האָט שוין די עלטערע אָנגעהויבן אויף איר צו שרייען, אַז איך בין אַ „זשיד״, — האָבן די ביידע מיידלעך אַזוי שטאַרק אָנגעהויבן זיך צו קריגן וועגן מיין נאַציאָנאַליטעט, ביז די עלטערע האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן די יינגערע, און מיין „באַשיצערין״ איז נעבעך אַנטלאָפן אין הויז אַריין אַ צעמזיקטע און אַ פאַרוויינטע.

אין אַזאַ מין אַנטי־יידישן גייסט האָבן די פוילישע עלטערן דערצויגן זייערע קינדער.

ווי אַנדערש אָבער איז געווען די לופט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע!

צווישן די פאַר הונדערט יידישע קינדער פלעגן שטענדיק זיין ביי אַ צענדליק פוילישע, וואָס דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט פלעגט אַריינשיקן אויף קוראַציע.

ווי גיך און גוט די דאָזיקע קריסטלעכע קינדער פלעגן זיך אַסימילירן מיט די יידישע.

גאַנץ גיך פלעגן די קריסטלעכע קינדער אויסלערנען זיך רעדן און אַפילו שרייבן יידיש.

אַזוי, למשל, איז די טאָכטער פון דער באַרימטער פוילישער שריפטשטעלערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ געוואָרן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַ געטרייע „יידישיסטקע״. זי האָט זיך באַלד אויסגעלערנט לייענען און שרייבן יידיש, און די יידישע קינדער האָבן אַפילו געענדערט איר נאָמען „גאַליאַ״ אויף גיטל...

ווען די דאָזיקע „גיטל״ וואַשילעווסקאַ פלעגט שפּאַצירן דורך די פּרעכטיקע אַלייען פון דער סאַנאַטאָריע, האָט זי שוין גאַנץ גוט געוווּסט די באַדייטונג פון די נעמען, וואָס די אַלייען טראָגן. אָט איז די געדיכט־פאַרצווייגטע פּרץ־אַלייע, אָט איז די זוניקע שלום־עליכם־אַלייע, און אָט קומען די קאַרשן־ און עפּל־אַלייען אויף די נעמען פון בייניש מיכאַלעוויטש און ב. וולאַדעק.

אין דעם מעדעם־פּאַרק זענען אויך געווען אַ „פרייהייט־פּלאַץ״, אַ „גוטן־

אַפּעטיט־פּלאַץ״, אַ „באַלעבאַסטע־גאַס״, וואָס האָט געפירט צום הינער־פּלאַץ (די קינדער פלעגן רופן די הינער „באַלעבאַסטעס״) און עס איז אַפילו אויך געווען אַ „סודות־ווינקל״, ווו קינדער פלעגן אין די פרייע מינוטן זיך סודען.

פון אָט די קינדערשע סודות, אגב, פלעגט אַרויסוואַקסן דער „פאָלקלאָר״ פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וואָס פלעגט געוויינלעך אַריינקומען אין דער ראַדיאָ־צייטונג.

אַזוי, למשל, פלעגן די קינדער צווישן זיך „באַרעדן״ שטילערהייט די ליבע, גוטע דאָקטאָרקע קעלסאָן.

די דאָקטאָרקע האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו דייטשמערישע ווערטער. איין מאָל ביי אַן אַלגעמיינער אינספּעקציע פון די קינדער, האָט איינער אַ שטיפער שטאַרק געטומלט, און די דאָקטאָרקע האָט אויף אים געשריגן:

— אויב דו באַרויקסט זיך נישט, יאַנקעלע, וועל איך דיך „אַרויסשמייסן״!

האָט איר יאַנקעלע תיכף געענטפערט.

— חברטע דאָקטאָרקע, אַ שטיפער שמייסט מען נישט אַרויס, נאָר מען שמייסט אים אַריין!

ס׳פלעגן אָבער אויך זיין קינדער אַזעלכע, וואָס פלעגן גלייבן, אַז די דערוואַקסענע האָבן דאָך פיל מער פּריווילעגיעס, ווי די קינדער.

די דערוואַקסענע קאָנען גיין שפּעטער שלאָפן. ביי די דערוואַקסענע קאָנטראָלירט מען קיין מאָל נישט די הענט און די פיס, צי זיי זענען גוט אויסגעוואַשן.

האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז איבער דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט זיך דורכגעטראָגן אַ שטאַרקער געוויטער. ס׳האָט שרעקלעך געבליצט און געדונערט. דער מבול האָט פאַרטריבן אַלע קינדער אין דעם גרויסן טעאַטער־זאַל. אַ סך פון זיי האָבן געציטערט פאַר שרעק.

דער לערער „באַטקע״ (אַזוי האָט מען אים גערופן) האָט אָנגעהויבן צו באַרויקן די קינדער, אַז עס קאָן מיט זיי קיין שלעכטס נישט פּאַסירן, ווייל די מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַרמאָגט אַ בליץ־אָפּלייטער. דערביי האָט זיי דער לערער, פאַרשטייט זיך, דערקלערט דעם שכל פון אַ בליץ־אָפּלייטער. האָט איינער פון די קינדער פּלוצעם אַ פרעג געטאָן מיט אומצוטרוי:

— איז דער בליץ־אָפּלייטער אויך פאַר די קינדער אָדער בלויז פאַר די גרויסע?

אַזוי איז שוין, זעט אויס, די פּסיכאָלאָגיע פון יעטוועדן פאַרוואָרלאָזטן קינד, וואָס גלייבט, אַז אַלע גוטע זאַכן נעמען צו די דערוואַקסענע פאַר זיך...

דער דאָזיקער אומצוטרוי צו די דערוואַקסענע פלעגט אָבער באַלד פאַרשווינדן דורך דעם צויבער־וואָרט „חברשאַפט״.

מיטן וואָרט „חברשאַפט״ פלעגט זיך אָנהייבן דער טאָג און מיטן וואָרט „חבר־שאַפט״ פלעגט זיך דער טאָג ענדיקן.

דאָס וואָרט „חברשאַפט״ איז געווען גילטיק פאַר גרויס און קליין. אין דעם דאָזיקן צויבער־וואָרט איז געווען פאַרשטעקט די גרויסע ליבשאַפט און צוגעבונדנקייט פון קינד צו קינדער און פון קינד צום לערער. אַפילו די הינער און די טויבן פלעגן גאַנצע טעג האַלטן אין איין קוואַקטשען און וואַרקען:

— חברשאַפט! חברשאַפט!

מער נישט אויף איין־איינציק קינד האָט דאָס וואָרט „חברשאַפט״ נישט געווירקט. ס׳האָט זיך שטענדיק געהאַלטן באַזונדער, און זיינע שוואַרצע אומרויִקע אויגן זענען שטענדיק געווען אָנגעגאָסן מיט שרעק און אומצוטרוי צו גרויס און קליין.

דאָס איז געווען דער זעקס־יעריקער שמואליקל מינקאָווסקי פון פשיטיק.

אויף זיין קעפּל זענען נאָך געווען בולטע שפּורן פון די ווונדן, וואָס די צעיושעטע פּוילישע כוליגאַנעס האָבן אים איבערגעלאָזט „צום אָנדענק״, בעת זיי האָבן דערהרגעט זיין מאַמען מיטן טאַטן.

שמואליקל מינקאָווסקי איז נאָכן פּאָגראָם אין פשיטיק פאַרבליבן אַ קיילעכדיקער יתום. די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט אים אויפגענומען, ווי דעם „ערן־גאַסט״ פון דעם יידישן פאָלק אין פוילן.

שמואליקל איז געוואָרן דער „בענעפיציאַנט״ פון דער סאַנאַטאָריע. אַלע האָבן אים געוואָלט אָנקוקן, אַלע האָבן געוואָלט מיט אים פאַרברענגען און טאָן אים גוטס. אָבער שמואליקל איז געוואָרן אַ שווייגער, אַ גרויסער שווייגער!

ווען ער פלעגט דערהערן די פּוילישע שפּראַך, פלעגט ער זיך דערשרעקן און אָוועקרוקן זיך אין אַ ווינקל.

ביינאַכט פלעגט שמואליקל אָפט שרייען פון שלאָף און האַלטן די הענטלעך פאַרלייגט איבערן קעפּל.

פּראָפ. פישל שניאורסאָן, וועלכער פלעגט אָפט קאָנטראָלירן די שלאָפנדיקע קינדער אין דער סאַנאַטאָריע, האָט פעסטגעשטעלט, אַז שמואליקל שיצט אַפילו אין שלאָף זיין קעפּל פון די כוליגאַנישע קלעפּ, דעריבער באַהאַלט ער זיין קעפּל צווישן די הענטלעך.

שמואליקל בענקט נאָך זיינע דערמאָרדעטע עלטערן. שמואליקל בענקט נאָך זיינע צוויי עלטערע שוועסטער, וואָס מען האָט זיי אָוועקגעשיקט קיין ארץ־ישראל, און שמואליקלען אַרט נישט, וואָס אַלע אַרום שרייען „חברשאַפט, חברשאַפט״.

ער איז גערן, שמואליקל, אַז מען לאָזט אים אַליין, אַז מען לאָזט אים צורו.

האָבן טאַקע די לערער באַשלאָסן צו באַהאַלטן שמואליקלען פון דעם נייגעריקן עולם. מ׳פלעגט גאַנץ אָפט אונטערשטעלן פאַר די נייגעריקע זשורנאַליסטן אַן אַנדער יינגל, אַן „אַקטיאָרטשיק״, וואָס פלעגט פאַר זיי שפּילן די ראָל פון שמואליקלען.

פלעגט מען דעם פאַרשטעלטן „שמואליקל״ פאַרשיטן מיט פראַגן און מיט מתנות. אייניקע סענטימענטאַלע פרויען פלעגן אַפילו וויינען, דערזעענדיק פאַר זיך „שמואליק־לען״, וואָס איז געוואָרן דער סימבאָל פון דעם פּאָגראָמירטן פּוילישן יידנטום.

אָבער דער אמתער שמואליקל מינקאָווסקי פון פשיטיק פלעגט קיין מאָל נישט וויינען און קיין מאָל נישט פרייען זיך.

דאָס 6־יאָריקע יידעלע איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן פון די אומהיימלעכע איבערלעבונגען זיינע און אַפילו ביינאַכט פלעגט ער מוזן שיצן זיין קעפּל פון כוליגאַנישע קלעפּ.

זע איך איצטער, דעם שמואליקל, ביי מיין שרייב־טיש אין דער ליבערטי־סאַנאַטאָריע פון אַרבעטער־רינג. איך גלעט אים זיין פאַרווונדעט קעפּל. איך קוש אויס זיינע גרויסע, פייכטע אויגן. איך מורמל צו אים: „חברשאַפט, חברשאַפט״.

אָבער שמואליקל שוויַגט נאָך ביז היינט!

מיט אים צוזאַמען איז אין עטלעכע יאָר אַרום אַנטשוויגן געוואָרן דאָס גאַנצע פּוילישע יידנטום...

„מיר קומען אָן"

דאָס יאָר 1936 איז פֿאַר דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געווען אַ יובליי־יאָר. אין יאַנואַר 1936 איז געוואָרן צען יאָר זינט די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט זיך געהאַט געעפֿנט מיט סך־הכל 14 קינדער, אָבער אין די זומער־חדשים פֿון 1936 האָט שוין די מעדעם־סאַנאַטאָריע געציילט איבער 300 קינדער און נאָך אַ מאָל אַזוי פֿיל האָבן געוואַרט אויף זייער ריי אויפֿגענומען צו ווערן אין אָט דעם ווונדערלעכן דערציערישן הייל־אַנשטאַלט.

דאָס רוב קינדער פֿלעגן אַרויסגענומען ווערן פֿון די פֿייכטע און פֿינצטערע קעלערן אָדער בוידעם־שטיבלעך. ערשט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע פֿלעגן די האַלב־קראַנקע, דערשלאָגענע קינדער דערזען, אַז אויך זיי זענען עפּעס ווערט. מען באַציט זיך צו זיין ווי צו מענטשן. מען היילט זיי, מען גיסט זיי גאָלד אין האַלדז און מענטשן קומען פֿון אַלע עקן וועלט זיי צו באַוווּנדערן.

דאָס יובליי־יאָר 1936 איז געווען פֿאַר דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַ יאָר פֿון פּערמאַנענטע באַזוכן. ס'פֿלעגן קומען וויכטיקע פּערזענלעכקייטן פֿון אויסלאַנד, דער עיקר — פּעדאַגאָגן און געלערנטע, וואָס פֿלעגן זוכן דעם ריכטיקן וועג צו דער נשמה פֿון קינד. דער פּעדאַגאָגישער פּערסאָנאַל פֿון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט נישט באַהאַנדלט די קינדער, ווי קראָליקעס איבער וועלכע מען מאַכט פֿאַרשידענע מינים פּעדאַגאָגישע עקספּערימענטן. אַדרבא, אָפֿט מאָל פֿלעגט זיך מיר דוכטן, אַז די לערערס לערנען זיך פֿון די קינדער פֿיל מער, ווי די קינדער פֿון זייערע לערערס. אַ לערער פֿון מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן פֿאַר די קינדער זיין אויטאָריטעט און זיין העכערקייט. ער איז נאָר געווען אַ חבר און אַן עצה־געבער. אויף די זיצונגען פֿון קינדער־ראַט פֿלעגט מען אויך די לערערס געבן געוויסע אָנווייזונגען, ווי בעסער דורכצופֿירן די אָדער יענע אונטערנעמונג.

גראָד אין די זומער־חדשים פֿון 1936 איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן אַ פּרעכטיקער קינדער־ספּעקטאַקל „ליאַלקעס", וואָס איז פֿאַרפֿאַסט געוואָרן אין סאַנאַטאָריע גופֿא. די טעקסטן האָט געשריבן דער אומגעקומענער מ. גילינסקי, ריכטיקער „באַטקע", ווי אַלע פֿלעגן אים רופֿן. דער יונגער דיכטער יאָסל מלאָטעק, וואָס האָט זיך אויפֿגעהאָדוועט, קאָן מען זאָגן, אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָט צוגעהאָלפֿן מיט לידלעך און נייע איינפֿאַלן. דער מוזיקער אַ. טראָופּיאַנסקי האָט געשאַפֿן די מוזיק און די קינדער זענען געוואָרן „ליאַלקעס".

אָט דער „ליאַלקע"־ספּעקטאַקל איז אַריין אין דעם פֿילם „מיר קומען אָן", וואָס איז דעמאָנסטרירט געוואָרן אין אַלע לענדער, אַחוץ פּוילן. די פּוילישע רעגירונג האָט דעם דאָזיקן ווונדערלעכן פֿילם פֿון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע פֿאַרבאָטן...

אָבער אין פֿינף יאָר אַרום, ריכטיקער: דעם 22סטן אויגוסט 1942 זענען די

מעדעם־קינדער און אַ טייל פון דעם פּערסאָנאַל אַוועקגעפירט געוואָרן צו די נאַצישע גאַז־אויוונס מיטן הייליקן וואָרט „חברשאַפט“ אויף די ליפּן.

אין עטלעכע יאָר אַרום. נאָך אונדזער חורבן בית־שלישי אין אייראָפּע, איז מיר באַשערט געווען דאָס טראַגישע גליק צו דערזען אין ניו־יאָרק עטלעכע חברים פון דעם פּערסאָנאַל און עטלעכע קינדער, וואָס האָבן אין זיך איינגעזאַפּט דעם מעדעם־גייסט אין דער סאַנאַטאָריע פון מיעדזעשין.

כ׳האָב דערזען אין ניו־יאָרק דעם דירעקטאָר פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע שלמה גילינסקי מיט זיין פרוי און קינד און דעם הויפּט־לערער ברומבערג מיט זיין משפחה.

כ׳האָב אויך דערזען אין ניו־יאָרק די דערוואַקסענע קינדער פּויטשע פיינזילבער, וואָס איז פון אַ „ליאַלקע“ געוואָרן אַ שוישפּילערין אין מיכאַל וויכערטס „יונג־טעאַטער“, און פייגעלע פּעלטעל, וואָס איז געוואָרן די וועלט־באַרימטע פּאַרטיזאַנקע פון וואַרשע, וולאַדקע.

וולאַדקען האָב איך דערזען צום ערשטן מאָל אין ניו־יאָרק אויף אַ וולאַדעק־פּאָרום אין דער „פאָרווערטס“־געביידע.

צוערשט איז אויפגעטראָטן וולאַדקע. נאָכדעם — איך. רעדנדיק וועגן וולאַדקען — האָב איך נישט געהאַט קיין אַנונג, אַז כ׳האָב שוין ווען געהאַט געזען די העלדישע טאָכטער פון וואַרשעווער געטאָ. אָבער נאָכן פּאָרום, ביי אַ טעפּעלע קאַווע אין דער קיבעצאַרניע פון איסט־בראָדוויי — האָט מיך וולאַדקע פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן, צי איך געדענק זי נאָך פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע? האָט זי מיך דערמאָנט ווי אַזוי כ׳פלעג יעדן טאָג דערציילן פאַר אַ גרופּע דערוואַקסענע קינדער, אויף דער וועראַנדע פון דער גרויסער געביידע, מיין געשיכטע ווי אַזוי כ׳בין דורך דער „יונגפרוי“ פון די שווייצאַרישע אַלפּן געקומען צו דער לבנה? צווישן יענער גרופּע איז אויך געווען אַ שלאַנק הויך מיידל מיטן נאָמען פייגעלע. פון אָט דער פייגעלע איז אין די שחיטה־יאָרן 1940—1945 אויסגעוואַקסן אַ וולאַדקע. האָב איך פּלוצלונג דערזען פאַר זיך אין דער קאַפעטעריע פון איסט־בראָדוויי אַלע דריי הונדערט קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע מיט זייערע עטלעכע צענדליק „ליאַלקע“־אַקטיאָרן, וואָס האָבן אַנגעזאָגט דער וועלט, אַז „מיר קומען אָן, מיר קומען אָן!“.

אָבער וולאַדקע האָט אין דער קאַפעטעריע פון איסט־בראָדוויי נאָך אַלץ געהערט די ווײ־געשרייען פון די יידישע קינדער: „מיר קומען אום, מיר קומען אום!“.

איז געוואָרן אין מיין קאָפּ אַ גרויסער פּלאָנטער: „מיר קומען אָן, מיר קומען אום, מיר קומען אָן, מיר קומען אום!“.

האָב איך וולאַדקען פּלוצלונג אַ קוש געטאָן אין שטערן און איר אַזוי געזאָגט:

— פייגעלע, וולאַדקע, אַ געזונט צו דיר, זאָל זיך דיר דוכטן, דו ביסט די לבנה־פּרינצעסין, וואָס האָט מיך אַזוי פיין אויפגענומען אין אירע בלאַסע אָרעמס, ווען כ׳האָב זיך אַרויסגעראַטעוועט פון די אייז־גלעטשערס אויף דער „יונגפרוי“. איך קוק אויף דיר איצט, ווי דו וואָלסט געקומען צו מיר פון אָן אַנדער פּלאַנעט.

— זאָל זיין „חברשאַפט“, וולאַדקע, „חברשאַפט“. — און ביי אונדז זענען פייכט געוואָרן די אויגן...

י. גיליגיטש (מעלבורן, אויסטראַליע)

זעקס וואָכן אין קינדערשן גן־עדן

יוני 1928. מיט אַ חודש צוריק האָב איך זיך געזעגנט מיט דער רעאַל־גימנאַזיע אין ווילנע און אָנגעהויבן צוגרייטן אַלע נויטיקע פּאַפּירן צו פאָרן קיין ריגע, ווו איך בין איינגעלאַדן געוואָרן דורך דער לעטישער צענטראַלער שול־אָרגאַניזאַציע ווי אַ לערער אין אַ גרונטשול און אויף די פּעדאַגאָגישע קורסן. אָבער צושטעלן אַלע נויטיקע דאָקומענטן האָט געדויערט אַ היפּש ביסל צייט. נישט געקוקט אויף דער דערלויבעניש פונעם אַלגעמיינעם און יידישן בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט אין ריגע, האָט דער לעטישער קאָנסול זיך נישט געאײלט אַרויסצוגעבן די אַרויספאָר־וויזע. אויך די פּאַפּירן אַרויס־צופאָרן פון פוילן איז נישט געווען אַזוי לייכט צו באַקומען. מיט איין וואָרט, איך בין געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן דורכפירן אַלע פאָרמאַליטעטן, איך זאָל קענען אָנקומען צום אָנהויב פון נייעם לערניאָר אויף מיין נייעם פּאָסטן. און דאָ באַקום איך אַ בריוו פון דער „ציש״א״ אין וואַרשע, אַז חבר שלמה גילינסקי איז פּלוצלונג קראַנק געוואָרן, האָט געמוזט אַרויספאָרן אין אַ קוראָרט (דאַכט זיך — קריניצע) און איך דאַרף תיכף קומען קיין וואַרשע איבערנעמען די פּעדאַגאָגישע לייטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

איך האָב גלייך געענטפערט, אַז איך בין פאַרנומען מיט די צוגרייטונגען אַרויס־צופאָרן קיין לעטלאַנד און קען דעריבער נישט אַוועקפאָרן פון ווילנע. איך האָב אָבער באַקומען אַ צווייטן בריוו, אַז איך מוז קומען, ווייל דאָס לערניאָר אין לעטלאַנד הויבט זיך ערשט אָן אין סעפּטעמבער, און די מעדעם־סאַנאַטאָריע מוז שוין האָבן אַ פאַר־וואַלטער. מילא, איך האָב געמוזט מסכים זיין, אָבער מיט אַ באַדינג, אַז מער ווי זעקס וואָכן וועל איך אין דער סאַנאַטאָריע נישט קענען פאַרבלייבן.

געפאָרן בין איך נישט זייער מיט אַ גרינג געמיט. איך האָב אַ סך געהערט וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אַז דאָס איז אַן אַנשטאַלט פאַר שוואַכע קינדער, אַ מין קינדער־רעפּובליק, אָוועקגעשטעלט לויט די לעצטע פאָדערונגען פון פּעדאַגאָגיק און היגיענע, אָנגעפירט דורך חבר שלמה גילינסקי. אָבער געזען ביי דער אַרבעט האָב איך זי נישט. איך האָב זיך עטלעכע מאָל געשטעלט די פראַגע, צי וועל איך זיין בכוח אָנצופירן מיט אַזאַ אַנשטאַלט און צי וועל איך קענען באַרעכטיקן דעם צוטרוי, וואָס די „ציש״א״ האָט צו מיר אַרויסגעוויזן.

אמת, איך האָב געהאַט אַ זעקס־יאָריקע דערפאַרונג ווי אַ פאַרוואַלטער פונעם קינדער־קלוב ביי דער רעאַל־גימנאַזיע, אויך אַ מין קינדער־רעפּובליק פון אַרום 350 קינדער מיט אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג, מיט פאַרשידענע אָפּטיילונגען ווי: איינבינדעריי, סטאָלעריי, נייטעריי, שטריקעריי, ליטעראַרישע און דראַמאַטישע קרייזן, — אָבער

דאָס איז דאָך געווען בלויז אויף אַ פּאָר שעה אין טאָג און דאָס מיט געזונטע קינדער. ווי וועל איך זיך אָבער אַן עצה געבן מיט שוואַכע קינדער, וואָס פאָדערן גאָר אַן אַנדער צוגאַנג, אַן אַנדער באַהאַנדלונג, און ווער וועלן זיין מיינע מיטאַרבעטער?

די און נאָך צענדליקער אַזעלכע פראַגן האָבן מיך געמאַטערט די גאַנצע נאַכט אויף מיין וועג קיין וואַרשע. אָנגעקומען בין איך ביי טאָג. נאָך אַ קורצן וויזיט אין דער „צישאָ" בין איך גלייך אַוועקגעפאָרן קיין פאַלעניץ און פון דאָרטן מיט אַ בריטשקע אין דער מעדעם-סאַנאַטאָריע. מיר זענען עטלעכע מינוט געפאָרן דורך אַ זאַמדיקן וועג מיט הייזלעך שיטער צעוואָרפענע ביי די זייטן פון אַ נאַקעטן פעלד, ערטערווייז באַוואָקסן מיט געלע פאַרטריקנטע גרעזלעך.

— ווו־זשע איז די מעדעם-סאַנאַטאָריע? — האָב איך געפרעגט דעם יידישן פורמאַן.

— אָט דאָרטן צווישן די ביימער — האָט געענטפערט דער פורמאַן.

פון ווייטן האָב איך דערזען אַ גרינעם סאָסנע־וואַלד און פון צווישן די הויכע ביימער האָט אַרויסגעקוקט אַ הויך ווייס הויז, ענלעך צו צענדליקער דאַטשעס, וואָס איך האָב באַגעגנט אויפן וועג קיין פאַלעניץ.

— דאָס איז די אַלטע געביידע — האָט מיר דערקלערט דער פורמאַן — די נייע קאָן מען פון דאַנען נישט זען, ווייל זי איז באַהאַלטן צווישן די ביימער.

מיר זענען אַריינגעפאָרן דורך אַ ברייטן טויער און זיך געלאָזט דורך אַן אַלייע מיט בלומען ביי די זייטן גלייך צו דער נייער געביידע. אַ שיין הויז מיט ברייטע, גרויסע פענצטער, מיט אַ רחבותדיקער וועראַנדע, אויף וועלכער עס זענען געווען אויסגעשטעלט עטלעכע צענדליק ליג־בעטלעך. ס'איז שוין געווען פאַר אָוונט־ברויט, און די קינדער האָבן זיך שוין געקליבן צו גיין אין עס־צימער. צווישן די לערערינס וואָס זענען אַרויס מיך באַגעגענען, האָב איך דערזען די חברטע מנוחה ראַבינאָוויטש־זאַלצמאַן, אַ געוועזענע לערערין פון די ווילנער יידישע פאָלקס־שולן, און אויף דער וועראַנדע איז געשטאַנען און האָט געשמייכלט מיין געוועזענע שילערין פון רעאַל־גימנאַזיע — פרידע סאָוויטש, וואָס האָט געאַרבעט אין סאַנאַטאָריע ווי אַ באַרעמהאַרציקע שוועסטער. מיר איז געוואָרן פרייליכער אויפן האַרצן. הייסט דאָס, איך בין דאָך צווישן אייגענע, צווישן אַלטע באַקאַנטע. איך האָב זיך באַקענט מיטן לערער־ און ווירטשאַפט־פערסאָנאַל און מיט דער ווירטשאַפט־פאַרוואַלטערין חברטע וויטשיק.

מיר זענען אַריין אין עס־צימער, אַ גרויסער געמיטלעכער, ליכטיקער צימער. אויף די לאַנגע טישן מיט שניי־ווייסע טישטעכער און וואַזעס מיט בלומען איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט צום אָוונט־ברויט. מיר זענען אַרויס אין דרויסן. די קינדער אין דער באַגלייטונג פון זייערע לערערס זענען אַריין אין עס־צימער און זיך אויסגעזעצט ביי די טישן. דער ווירטשאַפט־פערסאָנאַל און די שוועסטער האָבן געגעסן צוזאַמען מיט די קינדער און די לערערס ביי די זעלביקע טישן.

חברטע ראַבינאָוויטש האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר די קינדער. די קינדער האָבן געענטפערט מיטן טראַדיציאָנעלן „לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם דעם לערער מקבל פנים זיין", און איך האָב זיך גלייך דערפילט ווי אַ מיטגליד פון דער גרויסער משפחה — דער מעדעם-סאַנאַטאָריע.

צווישן איין שפּייז און דער צווייטער האָבן קינדער געזונגען גרופּנווייז און אַלע צוזאַמען. אין צימער האָט זיך געפילט אַזאַ אינטימקייט, אַזאַ צוזאַמענגעלעבטקייט צווישן קינדער און זייערע חברים, צווישן קינדער און זייערע לערערס, אַז אַלע מיינע ספיקות זענען זיך צערונען און איך האָב דערפילט, אַז צוזאַמען מיט מיינע נייע חברים לערערס וועלן מיר קענען פאַרשאַפן די קינדער אַ סך פרייד, און אפשר זיי עפּעס אויסלערנען אויך. קיין אָפיציעלע לימודים זענען דאָן אין סאַנאַטאָריע נישט געווען, מיטן אויסנאַם פון עטלעכע קינדער, וואָס האָבן צוליב זייער שוואַכן געזונט-צושטאַנד אַ סך דורכגעלאָזט אין שול, זענען אָפּגעשטאַנען פון זייער קלאַס און האָבן געהאַט עקזאַמענס אין האַרבסט.

נאָכן עסן זענען די קינדער אַרויס אין דרויסן זיך אַ ביסל דורכלויפן און שפּעטער זענען זיי אַריין אין די וואַש-צימערן, ווו דער מעדיצינישער פּערסאָנאַל האָט איבער־גענומען די אויפזיכט איבער זיי. שוין דעם זעלביקן אָוונט, ווען די קינדער זענען שוין געלעגן אין די בעטן, בין איך, ווי דער נייער פאַרוואַלטער, אַריינגעגאַנגען אין די שלאָף-צימערן לויט דער איינגעשטעלטער טראַדיציע זאָגן די קינדער „אַ גוטע נאַכט”. דערמיט האָט זיך דער אַרבעטסטאָג פון די לערערס געענדיקט.

עס רעדט זיך אַזוי — געענדיקט, ווייל נאָך אַ 10—11 שעהדיקן אַרבעטסטאָג האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די לערער-באַראַטונגען. מען האָט זיך געטיילט מיט די איינדרוקן פונעם טאָג, אַרומגערעדט אייניקע פּראָבלעמען, וואָס זענען אַרויפגעשווומען אין משך פונעם טאָג און געמאַכט דעם פּלאַן פון מאָרגנדיקער אַרבעט. שוין דעם ערשטן אָוונט אויף דער באַראַטונג זענען די קינדער צעטיילט געוואָרן אין פיר גרופּעס און איך האָב איבערגענומען די עלטסטע, די פערטע גרופּע.

אין דער פרי, ווען די קינדער זענען אויפגעשטאַנען, זיך אַרומגעוואַשן, געמאַכט מיט די לערערס עטלעכע מינוט גימנאַסטישע איבונגען, האָבן די פאַרשידענע קינדער־קאָמיסיעס זיך גענומען צו דער אַרבעט: די סאַניטאַרע קאָמיסיע האָט קאָנטראָלירט אַלע צימערן, צי די בעטן זענען פאַרבעט ווי עס באַדאַרף צו זיין (יעדעס קינד האָט געדאַרפט פאַרבעטן זיין אייגן בעט. די עלטערע קינדער האָבן געלערנט די קלענערע און געהאָלפן די שוואַכערע צו פאַרבעטן זייערע בעטן); די טויבן־קאָמיסיע איז געקראָכן אויפן לייטער צו געבן עסן די טויבן אין טויבנשלאַק און מיט פרייד מיטגעטיילט דער רעדאַקציע-קאָמיסיע, אַז איינע פון די טייבעלעך זיצט שוין מיט מזל אויף אירע אייעלעך; די ראַדיאָ-קאָמיסיע האָט אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ צו הערן די נייעס פון דער וועלט פאַר דער לעבעדיקער צייטונג, וואָס וועט שפּעטער געלייענט ווערן בעתן פרישטיק. די שיך פוצן-קאָמיסיע (געווען אויך אַזאַ קאָמיסיע) האָט קאָנטראָלירט צי די קינדער האָבן אָפּגעפוצט זייערע שיך און נישט איין מאָל געשיקט אַ קינד איבערפוצן נאָך אַ מאָל; די קלענערע קינדער האָבן געטראָגן מערעלעך און קרויט-בלעטער פאַר די קיניגלעך (קרוליקעס), וואָס האָבן שוין געוואַרט אויף זייער פרישטיק. מיט איין וואָרט, ס'האָט זיך גערודערט ווי אין אַ בינשטאָק. כמעט אַלע קינדער האָבן געהאַט עפּעס אַן אַרבעט. ס'איז געווען אַ נחת צו קוקן, מיט וואָס פאַר אַן ערנסט און פלייס די קינדער האָבן אויסגעפירט זייערע פליכטן, וואָס זיי האָבן אויף זיך פרייוויליק גענומען בשעת דער אַלגעמיינער קינדער-פאַרזאַמלונג.

און אַט איז דער קלונג צום פרישטיק. די קינדער גייען אַריין אין עס־צימער און זעצן זיך אויס ביי די טישן. מען רעדט, מען לאַכט — ס׳איז לעבעדיק. איך שטיי אויף, הייב אויף די האַנט, דער טומל הערט אויף און ס׳ווערט אַבסאָלוט שטיל. איך געדענק נישט צי איך האָב אַריינגעפירט די מינוט שטילשווייגן פאַרן עסן אָדער ס׳איז שוין איינגעשטעלט געוואָרן פריער דורך ח׳ גילינסקי. איך ווינטש די קינדער אַ „גוטן אַפּעטיט״, און די קינדער נעמען זיך צום געשמאַקן פרישטיק. זיי האָבן טאַקע אַ גוטן אַפּעטיט, און ס׳איז נישט קיין ווונדער: געשלאָפן ביי אָפענע פענצטער, אַריינגעאָטעמט די פרישע, קילע לופט פונעם סאָסנע־וואַלד, אויפגעשטאַנען אָפּגעפרישט און אויסגערוט און נאָך עטלעכע מינוט פון גימנאַסטישע איבונגען, וואָס די קינדער האָבן זייער ליב, — עסט זיך גאָר אַנדערש, באַזונדערס אין אַזאַ פריילעכער קאָמפּאַניע פון אַזוי פיל חברים און חברטעס. אַ סך קינדער, וואָס האָבן אין דער היים געהאַט צוגעטיילט דאָס שטיקל ברויט, האָבן דאָ געהאַט אַן אויסוואַל פון בייגל, זעמעלעך און ווייס ברויט צום געשמאַקן גוט־צוגעגרייטן פרישטיק, וואָס זיי האָבן אין דער היים זעלטן אַנגעזען אין די אויגן. די לערערס האָבן זיך דאָ געזאָרגט נישט וועגן דעם, אַז די קינדער וועט עפּעס אויספעלן, אַז זיי וועלן, חלילה, בלייבן הונגעריק, נאָר וועגן דעם, אַז זיי זאָלן אויפעסן אַלץ וואָס מען גיט זיי.

אין מיטן פרישטיק לייענען די ראַדיאָ־ און רעדאַקציע־קאָמיסיעס די נייעס פון דער וועלט, און שפּעטער אָפט מאָל זייער הומאָריסטישע נייעס פון דער סאַנאַטאָריע.

נאָכן פרישטיק נעמען די לערערס זייערע גרופּן און הייבן אָן דעם פון פריער אויסגעאַרבעטן פּראָגראַם פאַרן טאָג. איין גרופּע גייט אויף אַ שפּאַציר, אַן אַנדערע אָרדנט איין פאַרשידענע שפּילן אויפן וואַלדיקן הויף פון דער סאַנאַטאָריע. אַ דריטע לערנט אַ ניי לידל, אַ נייעם קינדער־טאַנץ. ווען די קינדער ווערן אַ ביסל מיד, זעצן זיי זיך אויס אין אַ קרייז אַרום דעם לערער אָדער לערערין און מען דערציילט אַ מעשה



מען הוידעט זיך

אָדער מען לייענט אַ קורצע דערציילונג פון דער יידישער ליטעראַטור — צוגעפּאַסט צו דעם עלטער פון די קינדער. סיי די לערערס, סיי די קינדער זענען אַזוי פאַרטיפט אין דער אַרבעט, אַז מען פילט גאָרנישט ווי די צייט לויפט אַוועק.

די אַרבעט פון דעם לערער איז נישט קיין לייכטע, אָבער מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן קוקט ער זיך צו צו די קינדער, וואָס זענען ערשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק אָנגעקומען אַהער פון דער ענגער שטאָט בלאָסע, אויסגעמאָגערטע, שעמעוודיקע און צוריקגעהאַלטענע, באַקומען דאָ גאָר גיך רויטע בעקלעך, ווערן אַריינגעצויגן אין די „אַלט־געזעסענע" איינוווינער פון דער סאַנאַטאָריע. מיר דאַכט זיך, אַז קיין גרעסערן שכר קען אַן אמתער לערער פון אַזאַ אַנשטאַלט נישט פאַרלאַנגען, און די לערערס פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען אַלע געווען אמתע לערערס, מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן זייער אַרבעט, זייער זאָרג פאַרן שוואַכן קינד, און דער גרעסטער פאַרלאַנג זייערער איז געווען צו פאַרשאַפן וואָס מער פרייד און גליק די קינדער פאַר דער קורצער צייט, וואָס זיי וועלן פאַרברענגען אין דער סאַנאַטאָריע. דאָס זעלביקע מוז אויך געזאָגט ווערן וועגן מעדיצינישן און טעכנישן פערסאָנאַל.

שפּאַצירן, באַזונדערס מיט די עלטערע גרופּן, זענען פאָרגעקומען גאַנץ אָפט. דער באַליבטסטער שפּאַציר פון דער עלטערער גרופּע איז געווען צו אַ קליינער סאַזשעלקע אין וואַלד, וואָס האָט געטראָגן דעם הויכן נאָמען „מאָרסקע אָקאָ" (ים־אויג, אַ באַרימטע אָזיערע אין די קאַרפּאַטן־בערג). שוין אויפן ערשטן שפּאַציר איז מיר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז ס׳וואָלט כדאי געווען צו אירע אַלע עקזיסטירנדיקע קאָמיסיעס צוגעבן נאָך איינע — אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכע. אויפן צווייטן שפּאַציר האָבן מיר מיטגענומען נעצלעך און געכאַפּט אין דער סאַזשעלקע עטלעכע קאַפּ־עקלעך, אַ פּאָר טריטאָנען, זיי געבראַכט אַהיים און אַריינגעלאָזט אין אַן אַקוואַריום. די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע קאָמיסיע האָט איינגעפירט אַ העפט, ווו זי האָט פאַרשריבן די בהדרגהדיקע אַנטוויקלונג

פרייד און שפּיל אויפן ספּאָרט־פּלאַץ

פון די קאָפּ־עקלעך אין אַ פּראַש (אמת, איגנאַנצן צוויי קאָפּ־עקלעך האָבן דורכגעמאַכט די גאַנצע מעטאַמאָרפאָזע). באַזונדערס שטאַרק האָט פאַרכאַפּט די קינדער דאָס טריקענען בלומען, בלעטער און גראָזן און מאַכן אַ הערבאַריום. די קינדער האָבן זייער גיך באַהערשט די טעכניק פון שאַפן אַ הערבאַריום. אַנדערע שפּאַצירן זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אמתע באָטאַנישע עקסקורסיעס, כמעט אַלע קינדער האָבן זיך געשאַפן אַ הערבאַריום, כדי מיטצונעמען אים אַהיים און ווייזן די עלטערן און שפּעטער די לערערס אין שול, אַז עפּעס האָט מען אויפגעטאָן אין משך פון זומער אין דער סאַנאַטאָריע.

פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע שפּאַצירן זענען נישט געווען בלויז „טרוקענע" עקסקורסיעס. ביי דער סאָזשעלקע האָט מען אין שאָטן פון די ביימער אָרגאַניזירט פאַרשידענע רויִקע שפּילן. איך פלעג זיי דערציילן אַ מעשה, עפּעס לייענען און אינספּירירן זיי, אַז זיי זאָלן עפּעס דערציילן אָדער רעציטירן. דאָ איז אויך געווען דאָס בעסטע אָרט אויסצולערנען אַ ניי לידל אָדער אַ געדיכט. אַהיים איז מען געגאַנגען אַ ביסל מיד אָבער צופרידן, און כמעט דעם גאַנצן וועג צוריק געזונגען און געטיילט זיך מיט די איינדרוקן פון דעם געלונגענעם שפּאַציר.

די פראַגע דיסציפּלין איז זעלטן געשטאַנען אויפן סדר היום פונעם פּעדאַגאָגישן ראַט. אַ גאַנצן טאָג זענען די קינדער געווען פאַרנומען מיט אַזוי פיל אינטערעסאַנטע זאַכן, אַז ס׳איז פּשוט נישט געווען קיין צייט צו שטיפן אַזוי, אַז ס׳זאָל שטערן דער נאָרמאַלער אַרבעט. די שווערסטע צייט אָבער פאַרן לערער איז געווען די צייט... פון רוען. צוויי שעה בייטאָג, נאָכן עסן, האָבן די קינדער געמוזט ליגן אויף די בעטלעך אויף די אָפענע וועראַנדעס און רוען. לויט דער פאַראָרדענונג פון דאָקטאָר, האָט דאָס געדאַרפט זיין אַן אַבסאָלוטע רו. מען האָט נישט געטאָרט לייענען און אַוודאי נישט רעדן, כדי נישט צו שטערן די קינדער, וואָס שלאָפן איין. פלעגן טאַקע די ייִנגערע קינדער גלייך איינשלאָפן. מיט די עלטערע איז דאָס געווען אַ סך שווערער. ווייניק פון די עלטערע קינדער פלעגן שלאָפן בייטאָג בעת די רו־שעהען און אַזוי ווי לייענען האָט מען נישט געטאָרט, פלעגט מען רעדן, און דער לערער האָט געמוזט די גאַנצע צייט פון די רו־שעהען אַרומגיין פון איין עק וועראַנדע צו דער צווייטער און באַרויִקן די רעדנדיקע קינדער. נאָך אַ פּאָר שמועסן מיט דער דאָקטאָרין האָט מען באַשלאָסן מען זאָל די קינדער דערלויבן צו לייענען. דאָס האָט אַ סך פאַרגרינגערט די אַרבעט פון די לערער און די נאָכמיטאָג־רו־צייט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָנגענעמען און נוצלעכן טייל פון פּראָגראַם. ס׳האָט אויך פּאַסירט, אַז די עלטערע קינדער זענען דאַן איינגעשלאָפן מיט די ביכער אין די הענט.

וועגן דער חברישער אַטמאָספער, וואָס האָט געהערשט אין דער סאַנאַטאָריע, ווי העלפן איינער דעם צווייטן, באַזונדערס די ייִנגערע און שוואַכערע קינדער, איז איבעריק צו רעדן. דאָס רוב קינדער זענען געקומען פון די „ציש"אָ"־שולן, פון וואַנען זיי האָבן מיטגעבראַכט די טראַדיציעס פון חברישקייט און קאָלעקטיווער מיטאַרבעט. אויף וואָס מען מוז זיך יאָ אָפּשטעלן — דאָס זענען די היגיענישע און אָרדענונג־געוווינהייטן, וואָס אַ גרויסער טייל קינדער האָבן באַקומען ערשט דאָ, אין דער סאַנאַטאָריע. יעדעס קינד האָט פאַרן שלאָפן גיין געמוזט זיך וואַשן, פּוצן די ציין. פאַרן לייגן זיך אין בעט, האָט עס געדאַרפט די זאַכן אַוועקלייגן אויף אַ פּאָליצע נעבן זיין בעט

אין אַ באַשטימטער אָרדענונג, אין דער פרי — וואַשן זיך ווי געהעריק, פוצן די שיך אאַז״וו. די דאָזיקע געוווינהייטן האָט דאָס קינד מיטגעבראַכט אַהיים, און זייער אָפט געווירקט אויף די עלטערן צו פאַרבעסערן די היגיענישע באַדינגונגען אין דער היים.

זעקס וואָכן אינגאַנצן האָב איך פאַרבראַכט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, זעקס וואָכן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט, אָבער דאָס זענען געווען אפשר די אינטערעסאַנטסטע זעקס וואָכן פון מיין לאַנגיאָריקער פעדאַגאָגישער טעטיקייט. קיין סך נייעס האָב איך אין לעבן פון דער סאַנאַטאָריע נישט אַריינגעבראַכט. סיי די אַטמאָספער, סיי די פּרינציפּן פון דער פעדאַגאָגישער אַרבעט זענען איינגעשטעלט געוואָרן אַ סך פריער איידער איך בין געקומען, דורכן חבר שלמה גילינסקי — די נשמה פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, און זיינע מיטאַרבעטער, — און דאָך האָב איך געפילט, אַז איך האָב אויך צוגעטראָגן מיין טראָפּן האָניק צו די אַזוי פאַרשידנפאַרביקע און קאָמפּליצירטע קעמערלעך פון דעם פּראַקטיקן קינדער־בינשטאָק, וואָס האָט געהייסן מעדעם־סאַנאַטאָריע.



דאָס קליינוואַרג שפּילט זיך אין זאַמד־קאַסטן

יאָסל מלאָטעק

ווי אַזוי איז געשאַפן געוואָרן „דער שפּייכלער״

טײַערער חבר קאַזדאַן:

איך ווייס, אַז איר האָט שוין גרייט דעם גאַנצן מאַטעריאַל פֿאַרן בוך וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און איך האָב אײַך נאָך אַלץ נישט צוגעשיקט מײַן צוגעזאָגטן אַרטיקל. כ׳בין זיך מודה, אַז דאָס איז אַ גרויסע עוולה און כ׳פֿיל זיך מער ווי שולדיק. איך האָב נישט איין מאָל גערעדט וועגן דעם ווי וויכטיק עס איז אַזאַ לעבעדיקן מאָנומענט אויפֿצושטעלן און איך האָב אויך דערמוטיקט די חברטע ליובע אונטער־צונעמען די איניציאַטיוו דאָס צו טאָן. איצט איז דער מאַנוסקריפּט גרייט און איך האָב מײַן אַרטיקל נישט צוגעשיקט.

וויל איך קודם כּל, אַז איר זאָלט וויסן, אַז דאָס איז חלילה נישט צוליב שלעכטן ווילן, אָדער מחמת נאַכלעסיקייט. איך קען אויך נישט וואַרפֿן די גאַנצע שולד אויף מײַן פֿאַרנומענקייט. דער אמת איז, אַז איך האָב די לעצטע חדשים נישט איין מאָל זיך אַוועקגעזעצט שרײַבן וועגן דער סאַנאַטאָריע און נאָכן אָפּזיצן אַ שעה אָדער צוויי, געמוזט אַוועקלייגן די פּעדער און נישט געקאָנט פֿאַרענדיקן.

דאָס אַלץ, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אויף פּאַפּיר, האָט אין דער מינדסטער מאָס נישט אויסגעדריקט די געדאַנקען און געפֿילן מײַנע וועגן דער אינסטיטוציע, וואָס איז אין דער ייִדישער וועלט באַקאַנט ווי די מעדעם־סאַנאַטאָריע, אָבער וואָס פֿאַר מיר איז דאָס געווען מײַן היים, מײַן שול, מײַן צוגרייטונג צום לעבן.

איין מאָל האָב איך געפֿילט, אַז דאָס אָנגעשריבענע איז צו דאָקומענטאַריש־אָביעקטיוו און אַ צווייט מאָל, אַז עס איז צו סענטימענטאַל. אַ דריט מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז עס פֿעלט דאָס עיקרדיקע, וואָס האָט די סאַנאַטאָריע אַרויסגע־הויבן העכער איבער אַלע ענלעכע דערציִונגס־אַנשטאַלטן אין דער וועלט, און אַ פֿערט מאָל, אַז עס פֿעלט די וואַרעמקייט און דאַנקבאַרקייט, וואָס איך טראָג אין זיך אַ גאַנץ לעבן צו דער וווּנדערלעכער פּלעיאַדע לערערס, וועמענס השפּעה איך פֿיל נאָך איצט אויף שריט און טריט.

איך בין, ווי איר געדענקט געוויס, געווען פֿאַרבונדן מיט דער סאַנאַטאָריע פֿון מײַן פֿריסטער קינדהייט אָן. איך האָב אַהין אָנגעהויבן פֿאָרן, ווען איך בין געווען אַ קינד פֿון צען יאָר און פֿאַרענדיקט, ווען איך בין שוין געווען אַ יוגנטלעכער פֿון אַ יאָר זיבעצן, ווי אַן אַרויסהעלפֿער אין דער דערציערישער אַרבעט פֿון די לערערס. דאָרט

האָב איך אָנגעשריבן מיין ערשט ליד און דאָרט האָב איך געשטעלט מיינע ערשטע טריט אויף די אַלע געביטן פון געזעלשאַפטלעכער און קינסטלערישער טעטיקייט מיט וועלכער איך פאַרנעם זיך היינט אין מיין פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט.

ווי דער פאָרזיצער פון קינדער־ראַט האָב איך זיך אין דער סאַנאַטאָריע געלערנט פּלאַנירן כלערליי טעטיקייטן אין צוזאַמענאַרבעטן מיט די קינדער; ווי דער רעדאַקטאָר פון דער וואַנט־צייטונג און פון דעם טעגלעכן נייעס־ביולעטין (מיר האָבן עס גערופן „אונדזער ראַדיאָ”), האָב איך זיך געלערנט שרייבן, מעקן, קאָרעגירן און רעדאַגירן; פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די וועכנטלעכע ראַדיאָ־קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען, האָב איך געקראָגן דערפאַרונג ביים אַראַנזשירן די אונטערנעמונגען, און ווען ס׳האָט אויסגעפעלט מאַטעריאַל — צו אינסצעניזירן דערציילונגען און לידער פון דער יידישער ליטעראַטור, אָדער גאָר אַליין עפּעס אָנשרייבן.

איך האָב אין דער סאַנאַטאָריע פאַרבראַכט מער חדשים אין יאָר ווי אין שטאָט, און זי איז אויף אַן אמת געווען מיין היים און מיין שול. אַפילו צו דער גראַדויִרונג פון דער שול בין איך געפאָרן פון דער סאַנאַטאָריע, פון וואַנען איך האָב די לעצטע חדשים פון שול־זמן געשיקט מיינע אַרבעטן צו די לערערס. קומט מיר דערפאַר אָן שווער צו שרייבן, ווייל כ׳האָב כסדר דעם געפיל, אַז אַלץ וואָס וועט אַרויסקומען פון מיין פעדער וועט זיין בלאַס און גאָרנישט־זאָגנדיק אין פאַרגלייך מיט מיינע אמתע געפילן און געדאַנקען.

וועגן איין עפּיזאָד וויל איך אייך אָבער דערציילן, ווייל ס׳קען זיין, אַז קיינער וועט וועגן דעם נישט שרייבן און ס׳איז וויכטיק, גלויב איך, אַז ביים רעדאַגירן דאָס בוך זאָלט איר דאָס וויסן. ווי אַ טראָפּן רעגן שפּיגלט אָפּ די גאַנצע זון, אַזוי, גלויב איך, שפּיגלט אָט דער איינציקער עפּיזאָד אָפּ די גאַנצע סאַנאַטאָריע און איר וווּנדער־לעכע השפּעה אויף טויזנטער יידישע קינדער, וואָס האָבן פון איר געגאָסן.

דער עפּיזאָד האָט צו טאָן מיט דער שפּיל „דער שפּייכלער”, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער סאַנאַטאָריע און וואָס איז שפּעטער אויפגעפירט געוואָרן דורך די תלמידים פון די יידישע שולן אין וואַרשע, ביאַליסטאָק און אַנדערע שטעט. בערנאַרד גאָלדשטיין דערציילט אין זיין בוך „פינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ”, אַז אין יאָר 1942 איז די אָפּערעטע אויפגעפירט געוואָרן אין דער וואַרשעווער געטאָ.

ווי אַזוי איז „דער שפּייכלער” געשאַפן געוואָרן?

דאָס איז געווען אין יאָר 1935. די אָפּערעטע „ליאַלקעס”, וואָס לערער באַטקע־גילינסקי האָט געשריבן אין דער סאַנאַטאָריע און יעקב טראָופּיאַנסקי האָט דערצו געשריבן די מוזיק, איז שוין געשפּילט געוואָרן עטלעכע מאָל און געהאַט גרויס דערפאָלג. די לידער פון דער שפּיל זענען אַריין אין דעם געזאַנג־רעפּערטואַר נישט נאָר פון דער סאַנאַטאָריע, נאָר אויך פון די ציש״אָ־שולן, און אַלע האָבן די אָפּערעטע שוין גוט געקענט. ווען עס איז געקומען די צייט צוצוגרייטן די גרויסע קינדער־פאָרשטעלונג, האָט זיך נישט געוואָלט נאָך אַ מאָל איבערשפּילן „די ליאַלקעס”, הגם עס זענען געווען פיל נייע קינדער, וואָס האָבן די שפּיל נאָך נישט געהאַט געזען.

מיר האָבן געהאַט די אַמביציע ווידער אויפצופירן אַן אָריגינעלע שפּיל, געשריבן און קאָמפּאָנירט אין דער סאַנאַטאָריע און וואָס זאָל ווי „די ליאַלקעס” ווערן באַקאַנט

און אַריין אינעם קינדער־רעפּערטואַר אויך אויסער דער סאַנאַטאָריע. האָבן מיר גענומען בעטן באַטקען, ער זאָל צוגרייטן אַ נייע שפּיל. עס איז בכלל נישט געווען קיין זאַך, וואָס די קינדער אין סאַנאַטאָריע זאָלן נישט פילן, אַז דער לערער באַטקע זאָל נישט קענען.

באַטקע האָט אויסגעהערט און נישט אָפּגעזאָגט. ער האָט אונדז נאָר געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין פּאַסיקע טעמע און דערפאַר איז ער נישט זיכער, צי ער וועט קענען אָנשרייבן אַ נייע שפּיל אין צייט. ער וועט טראַכטן און דערביי האָט ער געזאָגט:

— טראַכט אויך. און אויב עס וועט אייך עפּעס איינפאַלן אַ גוטע טעמע, זאָגט מיר...

יאַנקל טראָפּיאַנסקי

היינט, פינף און דרייסיק יאָר שפּעטער, ווען איך דערמאָן זיך יענעם שמועס ווייס איך, אַז דאָס האָט באַטקע, דער זעלטענער פּעדאַגאָג אונדז געוואָלט מאַכן פאַר מיטשותפים אין דעם קינסטלערישן שאַפונגס־פּראָצעס פון אַ נייער שפּיל. דעמאָלט אָבער האָבן מיר דאָס אויפגענומען ווי אַ פּשוטע בקשה פון אונדזער באַליבסטן לערער און מיר האָבן גענומען טראַכטן, ווי אַזוי אים צו העלפן אין זיין אַרבעט.

איך געדענק ווי גראַד אויף צו מאָרגנס נאָך דעם שמועס, האָב איך געלייענט אין דער צייטונג וועגן זעק מיט תבואה, וואָס מען האָט ערגעץ ווו (איך געדענק נישט איצט דאָס לאַנד) געוואָרפן אין ים אַריין, כדי אָנצוהאַלטן די פּרייזן אויפן מאַרק. אין פּוילן איז דעמאָלט געווען אַ שרעקלעכע אָרעמקייט און נויט. פאַבריקן האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרמאַכן און די צאָל אַרבעטסלאָזע איז געוואַקסן פון טאָג צו טאָג, די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג און די פּויערים האָבן געליטן פון הונגער.

די נייעס וועגן די אַריינגעוואָרפענע זעק מיט שפּייז אין ים אַריין, האָט אויף אונדז קינדער געמאַכט אַ טיפן און אומפאַרגעסלעכן איינדרוק.

בין איך אַוועק צו באַטקען און געזאָגט:

— אפשר איז דאָס אַ טעמע?

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט זיינע תמיד לאַכנדיקע אויגן, וואָס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן ערנסט און פאַרטראַכט און געזאָגט:

— ס׳איז מעגלעך אַז יאָ. לאָמיר וועגן דעם שמועסן. אפשר שפּעטער, אין דער פרייער שעה.

פאַרנאַכט האָט מיך באַטקע גערופן און מיר זענען אַוועק אויף אַ שפּאַציר צום „מאָרסקע אָקאָ״, דער אָזערע, נישט ווייט פון דער סאַנאַטאָריע. מיר האָבן ווידער אַ מאָל גערעדט וועגן דער נייעס אין די צייטונגען און וועגן דעם, אַז אין פיל לענדער פוילן זעק מיט שפּייז אין די שפּייכלערס, און באַטקע האָט צו מיר געזאָגט:

— מיינסטו נישט, אַז דאָס איז אַ צו טרויעריקע טעמע?

איך געדענק ווי איך האָב געענטפערט:

— „די ליאַלקעס", וואָס האָבן זיך צעבונטעוועט קעגן זייערע פאַרשקלאַפערס, איז אויך נישט קיין פריילעכע טעמע און איר האָט עס געשריבן אַזוי, אַז ס'איז נישט געווען קיין טרויעריקע שפּיל.

דעמאָלט האָט באַטקע אַ זאָג געטאָן:

— נו גוט, לאָמיר פּרובירן. מאָרגן נאָך פרישטיק וועסטו זיך דאַרפן באַפרייען פון דיין ביבליאָטעק־אַמט און מיר וועלן זיך זעצן שרייבן די שפּיל.

איך האָב אים אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט און נישט געגלויבט, אַז איך האָב ריכטיק פאַרשטאַנען:

— צו וואָס, לערער באַטקע, דאַרפט איר מיך?

ער האָט אַרויפגעלייגט די האַנט אויף מיין אַקסל און געזאָגט:

— ווען איך האָב געשריבן „די ליאַלקעס" בין איך עפּעס געווען אַ סך רויִקער און ס'האָט זיך מיר בעסער געשריבן. לעצטנס שרייבט זיך עפּעס נישט ביי מיר אַזוי גוט און גיך. איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר העלפן.

איך בין דעמאָלט נאָך נישט אַלט געווען קיין פולע זיבעצן יאָר. באַטקע איז געווען חוץ אַ באַרימטער לערער, וואָס האָט געשריבן פּעדאַגאָגישע אַרטיקלען אין די „שול־וועגן", אויך אַ שרייבער, וואָס האָט געשריבן אַרטיקלען אויף פאַרשידענע טעמעס אין דער „וואָכנשריפט" און „פאָלקסצייטונג" און איז בכלל געווען אַן אָנערקענטער נאָמען אין דער פּעדאַגאָגישער און שרייבערישער וועלט.

אמת, אַז איך האָב שוין געהאַט אויף מיין שרייבערישן חשבון אַ צאָל געדרוקטע לידער אין דער „קליינע פאָלקסצייטונג", אָבער איך בין דאָך פאָרט געווען נישט מער ווי אַ יונגער און אומבאַקאַנטער בחור, ווי זשע קום איך צו שרייבן אַ שפּיל צוזאַמען מיט אים, דעם באַרימטן לערער באַטקע? האָב איך זיך געפּרוווט ווערן מיט דער טענה, אַז עס וועט פאַרנאַכלעסיקט ווערן די וואַנט־צייטונג און אַנדערע אַמטן, וואָס איך האָב אָנגעהאַלטן, אָבער באַטקע האָט אויף דעם געענטפערט:

— איך האָב אויך נישט קיין סך איבעריקע צייט. אָבער די שפּיל ווילט איר דאָך זאָל געשריבן ווערן...

אַוודאי האָבן מיר געוואָלט, אַז עס זאָל געשריבן ווערן אַ נייע שפּיל, און איך האָב אויף צו מאָרגנס זיך באַפרייט פון אַ טייל פון מיינע אַמטן, כדי זיך צו טרעפן מיטן לערער באַטקע.

מיר זענען ווידער אַ מאָל אַוועק צו „מאָרסקע אָקאָ". דאָס איז געווען באַטקעס און אַלע אַנדערע לערערס באַליבט אָרט צו שפּאַצירן און צו רוען. איך האָב זיך דערמאָנט אַ נאַכט־שפּאַציר מיט עטלעכע יאָר פריער, ווען לערער באַטקע האָט אונדז גענומען אינעם וואַלד, איבערן „מאָרסקע אָקאָ". עס איז געווען פינצטער אַרום. בלויז די שיין פון דער לבנה און פון די שטערן האָט באַלויכטן אונדזער וועג. מיט אַ מאָל האָט באַטקע אַ זאָג געטאָן:

— זאָל יעדער אַרומנעמען אַ בוים, צולייגן דאָס אויער און זיך גוט איינהערן. יעדער בוים האָט צו דערציילן וווּנדערלעכע מעשיות. הערט זיך גוט איין. זאָל קיינער גאָרנישט רעדן, נאָר בלויז הערן. מאָרגן וועט איר דערציילן, וואָס איר האָט געהערט...

מיר זענען אַזוי געשטאַנען אַ פּאָר מינוט און זיך איינגעהערט צו די שטילע סודות פונעם וואַלד. נאָך דעם זענען מיר צוריקגעגאַנגען אַהיים שווייגנדיקע און געגאַנגען שלאָפן. אויף צו מאָרגנס האָבן פּיל פון אונדז געשריבן וועגן די סודות, וואָס דער וואַלד האָט אונדז פאַרטרויט און מיר האָבן אַרויסגעגעבן אַ ספּעציעלע וואַנט־צייטונג.

איך האָב זיך, גייענדיק איצט מיט באַטקען צום „מאַרסקע אָקאָ״, וועגן דעם דערמאָנט און אים וועגן דעם דערציילט.

— עס איז גוט, האָט באַטקע דערויף געענטפערט, וואָס דו טראַגסט זיך שוין אַריבער אין אַן אַנדער וועלט. כדי צו שרייבן, צו שאַפן מוז מען זיך אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער וועלט. „מאַרסקע אָקאָ״ איז אַ גוטער פּלאַץ צו קענען שאַפן. מיר האָבן זיך אָוועקגעלייגט אויפן גראָז און גענומען טראַכטן וועגן דעם פּלאַן פון דער שפּיל.

די אידעע איז געווען קלאָר: שפּייז איז דאָ אויף דער וועלט אַ סך און דאָך הונגערן מיליאָנען מענטשן. מען וואַרפט זעק מיט שפּייז אין ים אַריין און אַרום וויינען הונגעריקע קינדער. ווי אַזוי אָבער מאַכט מען פון דעם אַ שפּיל? נאָך לאַנגע שמועסן האָבן מיר באַשלאָסן צו ווייזן אין דער שפּיל אַ שפּייכלער, אָנגעלאָדן מיט אַ סך זעק מיט כלערליי תבואה און פּרוכטן. אַ וועכטער וועט היטן דעם שפּייכלער און קיינעם נישט צולאָזן. קינדער וועלן קומען, זען דעם קאָרן, דעם ווייץ, די מאַראַנצן און זיך דערפרייען, אַז עס נעמט אַ סוף צום הונגער. דער וועכטער וועט זיי אָבער פאַרטרייבן.

— קינדער קען מען פאַרטרייבן — האָט באַטקע געזאָגט — אָבער מייז?

האָבן מיר באַשלאָסן אַריינצוברענגען מייזעלעך, וואָס וועלן עפענען די זעק און עסנדיק לאַכן פון דעם וועכטער אין דרויסן.

דעם טאָג זענען מיר צוריקגעקומען מיט אַ פּלאַן פון איין בילד און מיט צוויי לידער: אַ ליד, וואָס עס זינגען די זעק מיט שפּייז און אַ ליד פון די מייזלעך.

מיר האָבן גלייך געגעבן די לידער דעם לערער טראָופּיאַנסקי און אויף צו מאָרגנס האָט ער, זיך באַגלייטנדיק אויף זיין קליינער קאָנצערטינע, שוין געלערנט מיט די קינדער אַ ניי ליד, וואָס האָט זיך געזונגען ווי אַ וואַלס:

ק אָ ר ן: אויף אַ פעלד, אַ פעלד אַ גרינעם,
בין איך שלאַנק און הויך געוואַקסן,
אונטער הייסע זונען־שטראַלן,
אונטער פרישע רעגן־שלאַקסן.
אָפט האָב איך אין נעכט אין שטילע,
אַ געוויין פון ווייט געהערט,
ס'האָבן קינדער, פּיצלעך קליינע,
ברויט פאַר זיך באַגערט.

ו ו י י ץ: איך פלעג אויך געשרייען הערן
פון די דערפער און די שטעט.

פּ אָ מ ע ר אַ נ ץ: און פון מיר אַ יינגל חלומט,
אין זיין האַרטן, ענגן בעט...

ווען מיר האָבן זיך ווידער געטראָפן, האָט שוין יעדער פון אונדז געהאַט אָנגעוואָרפן פערזן פאַר עטלעכע נייע לידער. דעם שפּייכלער האָבן מיר באַשלאָסן צו ווייזן ערשט אינעם צווייטן בילד. אָנהייבן האָבן מיר באַשלאָסן מיט ווייזן מכשירים — אַ זעג, אַ האַמער, אַ הובל, אַ שער, וואָס שטייען אַוועקגעשטעלט אין ווינקעלעך פון וואָרשטאַטן נישט געניצטע. יעדער מכשיר זינגט און בענקט נאָך הענט, וואָס זאָלן מיט אים אַרבעטן און גיין אין אַרבעט אַ טאַנץ.

עס קומען אָן קינדער און זעען די מכשירים, וואָס אַרבעטן נישט, זיי נעמען טענהן צו דעם הובל און זעג, דעם האַמער און שער, זיי זאָלן זיך נישט פוילן, נאָר גיין צו דער אַרבעט. עס קומען אויך די אַרבעטער און די מכשירים נעמען זיך בעטן מען זאָל זיי באַלעבן, מאַכן נוצלעך.

מיר האָבן באַשלאָסן, אַז אינעם דריטן בילד זאָל מען, אַנשטאָט וואַרפן די זעק מיט שפּייז אין ים אַריין, ווייזן אַ פייער, וואָס זאָל וועלן די שפּייז פאַרברענען. אַ פייער איז מער סצעניש ווי וואַסער און מיר האָבן אָנגעשריבן אַ ליד וועגן פלעמלעך, וואָס טאַנצן און זינגען און ווילן פאַרצוקן די זעק מיט שפּייז.

צום סוף קומט פאַר אַ בונט פון די זעק, וואָס ווילן זיך נישט לאָזן פאַרברענען. עס קומען אָן אַרבעטער, קינדער, וואָס זעען ווי די פּראָדוקטן רייסן זיך אַרויס פונעם שפּייכלער מיט אַ געזאַנג און טאַנץ.

מיר האָבן, געדענק איך, נאָכן אויסאַרבעטן דעם גאַנצן פּלאַן אָנגעשריבן אַ ליד, וואָס עס זינגען די באַפרייטע זעק מיט פּראָדוקטן און עס ווידער געבראַכט טראָו־פּיאַנסקין. שפּעט ביינאַכט האָבן מיר געהערט ווי פון זיין קליין צימערל טראָגן זיך די טענער פון זיין קאָנצערטינע. אויף צו מאָרגנס פרי, נאָך פרישטיק, האָט טראָו־פּיאַנסקי אונדז שוין געזונגען די ניי־געשאַפענע מעלאָדיע, וואָס איז אונדז שטאַרק געפעלן געוואָרן:

מיר זענען פריי, שוין פריי געוואָרן,
נישט פאַר מייז און פייער גרייט,
מירן קינדער אויסגעבלייכטע
הונגער שטילן, ברענגען פרייד...
אַז דאָס לאַנד מיינס אַרגענטינע
קען אַ וועלט מיט ברויט באַדינען,
און אין זוניקן בראַזיל
גרינען קאַווע־פעלדער פיל,
אין יאַפּאַן, אין יאַפּאַן
איז די בעסטע טיי פאַראַן
און אין כינע, און אין כינע
שפּרייטן רייז־פעלדער זיך גרינע...

עס האָט לאַנג נישט גענומען און אַלע קינדער האָבן שוין געזונגען אויך דאָס ליד און פאַרלאַנגט פון אונדז נאָך נייע לידער.

מיר האָבן אַזוי געאַרבעט אַרום צוויי וואָכן ביז וואַנען עס איז פאַרטיק געוואָרן

די שפּיל. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און טראָופּיאַנסקי האָט אויך געהאַט פּאַרטיק די מוזיק צו דער גאַנצער שפּיל. די קינדער, וואָס זענען געווען פֿעיִק צו מאָלן, האָבן גענומען גרייטן די דעקאָראַציעס אונטער דער אָנפֿירונג פֿון מיין חבר משהלע וואַסערשטראָם, וואָס איז געווען אַ גאָט־געבענטשטער קינסטלער. עס האָבן אויך נישט געפֿעלט קיין קינדער, וואָס האָבן געהאַט טאַלאַנט צו טאַנצן און זיי האָבן איינגעשטעלט די כאָרעאָגראַפֿיע און טענץ.

דער דערפֿאָלג פֿון דער פֿאָרשטעלונג איז געווען אַ קאָלאָסאַלער. די קינדער, די עלטערן און די גרויסע צאָל געסט, וואָס זענען געקומען פֿון וואַרשע ספּעציעל זען די פֿאָרשטעלונג, האָבן פֿאַרלאַנגט, מען זאָל גלייך נאָך אַ מאָל אויפֿפֿירן די שפּיל. מען האָט דאָס געטאָן אַ וואָך שפּעטער און עס זענען געקומען נאָך געסט פֿון וואַרשע. שפּעטער האָבן די תלמידים פֿון די צישאָ־שולן אין וואַרשע די שפּיל אויפֿגעפֿירט אין טעאַטער „נאָוואָשטשי". אויפֿן פֿאַרלאַנג פֿון לערער פֿון אַנדערע שטעט האָבן מיר די שפּיל געשיקט אין דער רעדאַקציע פֿון דער „קליינע פֿאָלקסצייטונג", וואָס האָט אין דריי המשכים געדרוקט די שפּיל אונטערן נאָמען „דער שפּייכלער, אַ קינדער־פֿאָרשטעלונג אין דריי בילדער פֿון מ. גילינסקי און יאָסל מלאָטעק".

ווי איך האָב שוין פֿריער דערמאָנט איז „דער שפּייכלער" אויפֿגעפֿירט געוואָרן אין וואַרשעווער געטאָ. בערנאַרד גאָלדשטיין שרייבט וועגן דעם אַזוי:

„די בונדישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע „צוקונפֿט" האָט אָרגאַניזירט אַ קינדער־טעאַטער, וואָס איז געווען אָנגעפֿירט פֿון דער שוין־דערמאָנטער חברטע פֿאַליע ליפּשיץ. די פּיעסעס „דער שפּייכלער" און „די ליאַלקעס" — אויפֿפֿירונגען, וואָס זענען געווען דעם עולם באַקאַנט נאָך פֿון די אַמאָליקע אַראַנזשירונגען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, — זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג. דער קינדער־טעאַטער האָט געוויינלעך געשפּילט אין לאָקאַל פֿון דער צישאָ־שול אויף קראָכמאַלנע 36. מען האָט אויך דורכגעפֿירט אַ גרויסע פֿאָרשטעלונג אין „פּאַלאַס", רימאַרסקע 14, וואָס האָט צוגעצויגן אַן עולם פֿון העכער טויזנט פּערזאָן". (ב. גאָלדשטיין „פֿינף יאָר אין וואַרשעווער געטאָ, ז. 113).

אינטערעסאַנט צוצוגעבן, אַז פֿאַליע ליפּשיץ, וואָס האָט די פֿאָרשטעלונגען אויפֿגעפֿירט אין דער געטאָ, איז געווען איינע פֿון די קינדער, וואָס האָבן געשפּילט אין דער ערשטער פֿאָרשטעלונג פֿון „שפּייכלער" אין דער סאַנאַטאָריע, ווי אַ מייזל. זי האָט געקענט גוט זינגען און טאַנצן, און ווי חבר בערנאַרד דערציילט אינעם זעלביקן בוך, איז זי געווען די אָנפֿירערין פֿון צענדליקער פֿאָרשטעלונגען אין דער געטאָ פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע. זי איז געווען די טאָכטער פֿון בונדישן טוער יוסף ליפּשיץ־באָסאַק.

לאָמיר אייך שוין אויך דערציילן, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן עטלעכע געוועזענע סאַנאַטאָריסטן, וואָס געפֿינען זיך איצט אין אויסטראַליע, צונויפֿגעשטעלט פֿון זכרון די גאַנצע שפּיל און זי אויפֿגעפֿירט אין מעלבורן, אויף אַ פֿאָרשטעלונג אין אַ דאָרטיקער שול.

איך האָב אייך, ליבער חבר קאַזדאַן, באַשריבן דעם גאַנצן פּראָצעס ווי אַזוי „דער שפּייכלער" איז געשאַפֿן געוואָרן, נישט, ווי איר פֿאַרשטייט געוויס, צוליב

דער וויכטיקייט פון דער שפּיל. עס זענען בלי שום ספק געשריבן געוואָרן בעסערע קינדער־פאַרשטעלונגען אין פאַרמלחמהדיקן פּוילן. מיט דעם איינעם עפּיזאָד האָב איך נאָר געוואָלט צוגעבן אַ שטריך צו דעם גייסטיקן פּאָרטרעט פון דעם לערער באַטקע־גילינסקי, וואָס האָט אויף אַ ווונדערלעכן אופן משפּיע געווען הונדערטער סאַנאַטאָריסטן צו שעפערישער טעטיקייט אויף פאַרשידענע קינסטלערישע געביטן. עס איז געווען איינער פון די גליקלעכסטע טעג אין זיין לעבן, ווען עס איז אָנגעקומען די „קליינע פאָלקסצייטונג", אין וועלכער עס איז געווען געדרוקט „דער שפּייכלער" און זייט ביי זייט מיט זיין נאָמען איז אויך געווען דער נאָמען פון איינעם פון זיינע תּלמידים.

היות „דער שפּייכלער" איז נישט אָפּגעדרוקט געוואָרן, ווי „די ליאַלקעס" אין אַ באַזונדער ביכל, נאָר אין דער „קליינע פאָלקסצייטונג" און עס איז דעם ברייטן עולם נישט באַקאַנט, האָב איך די שפּיל איבערגעשריבן און איך שיק זי אייך צו. אפשר וועט איר זי ווען אויסנוצן.*

נעמט צו מיינע האַרציקסטע גרוסן און ווונטשן, טייערער חבר קאַזדאַן. די אַרבעט, וואָס איר טוט איז אַ הייליקע און געבענטשט זאָלן זיין נאָך אויף לאַנגע יאָרן אייערע הענט און אייער גייסט מיט דער זעלביקער שעפערישקייט און אַרבעטס־זאַמקייט, מיט וועלכער עס שפּרודלט פון אייך איצט, ביים צוגרייטן דאָס איצטיקע בוך וועגן אונדזער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

---

* דער פולער טעקסט פון „דער שפּייכלער" — אין לעצטן אָפּטייל פון דעם בוך.

ה. לייוויק

אָ, סטרונעס פון יידישע פידלען

אָ, סטרונעס פון יידישע פידלען, באַנדורעס,
ווערט אַלע אַנטשוויגן — ווינד און ווײ:
צוויי הונדערט און פופציק יאָמער־בשורות
צעטראָגן זיך איבערן ערשטן ליכטיקן שנײ.

די ביימער שטייען פאַנאַנדערגעפלאָכטן
און גרייטן פאַר קינדער כישוף פון שנײ, —
צוויי הונדערט און פופציק קינדער — געשאָכטן
אין מעדעם־הויז האָבן די דייטשן זײ.

דער זעלבער שנײ אין אַמעריקע און פוילן,
ער פאַלט געקרייזלט ווי שעפסן־וואָל, —
צוויי הונדערט און פופציק קינדער דערקוילעט
אין מעדעם־סאַנאַטאָריע אַלע פאַר אַמאָל.

דער טאָג האָט אַ זון, די נאַכט — אַ לבנה,
אוןביידע האָבן זײ נישט דערזען, נישט דערהיט
צוויי הונדערט און פופציק מאָל סכנה,
וואָס דייטשן טראָגן אָן מיט זייערע טריט.

די לבנה האָט נאָך אַ נאָמען: מולד,
און מולד באַטייט: געבאָרן זיין, —
צוויי הונדערט און פופציק קינדער דערקוילעט
מיט שווערדן אין מיטן העלער שײן.

אָ, סטרונעס פון יידישע פידלען, באַנדורעס,
פלאַצט יאָ, פלאַצט נישט — וואָס מאַכט עס אויס?
צוויי הונדערט און פופציק קינדישע גבורות
פון צווישן די שנייעלעך לויכטן אַרויס.

אויך זייערע לערער געלאָזן זיך שעכטן
אין קרבן פריי — צו זיין אייביק מיט זײ;
צוויי הונדערט און פופציק קינדער פלעכטן
פאַר זייערע לערער קרוינען פון שנײ.

אָ, סטרונעס פון יידישע פידלען, באַנדורעס,
נעמט ווידער פיבערן ווינד און ווײ,
צוויי הונדערט און פופציק קינדישע צורות
שלאָפן איין אין די ווייסע אָרעמס פון שנײ.

יצחק לודען און יאָסל בערגנער

דער קלײנער גן־עדן

עס איז נישט לײכט הײנט, נאָך אַזוי פיל יאָרן און נאָך אַזוי פיל שווערע און שטורמישע איבערלעבונגען אויפצוּוועקן פון דאָס נײ די זכרונות פון יענע פרײדיקע טעג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. אונדזער דור האָט דאָך אַזוי פיל אַדורכגעמאַכט, און מיר, די ניצול געוואָרענע פון אומקום, די עדות פון דער שרעקלעכסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק — אויף אונדזערע שוואַכע אַקסלען האָט דאָך דער גורל אָנגעלאָדן אַזאַ שווערע משא פון יסורים און פון די פײנלעכסטע זכרונות!

און דאָך — הגם אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָבן מיר פאַרברענגט נאָר אַ ברוכטײל פון אונדזער קינדהײט, סך־הכל געצײלטע חדשים, אין דער צײט, ווען דער גורל האָט אונדז געוואָרפן איבער ווײטע מקומות און האָט אונדז צוגעטײלט אַזוי פיל לײדנס־וועגן — זענען אָבער די דאָזיקע געצײלטע וואָכן אָדער חדשים געבליבן אײנגעקריצט אין זכרון ווי די סאַמע ליכטיקסטע עפּאָכע פון אונדזער קינדהײט. פונקט אַזוי, ווי מ׳קאָן אַ קלײן ליכטל אין דער פינצטערניש אַרויסזען פון ווײטע ווײטן, אַזוי זענען אויך די קלײנע קינדערשע איבערלעבונגען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געבליבן ווי אַ ליכטיקע שײן, וואָס לײכט אַדורך דורך אַלע תקופות פון דער פאַרגאַנגענהײט, און באַזונדערס דורך דער פינצטערער תקופה פון חורבן.

עס פלעגט אָפּטמאָל אױסקומען זיך צו פאַרטראַכטן איבער דער דאָזיקער דערשײנונג: וואָס אַזוינס האָט געגעבן די מעדעם־סאַנאַטאָריע, מיט וואָס האָט זי צוגעבונדן צו זיך די קינדער, וואָס פאַראַ שטאַרקע עמאָציעס האָט זי זײ פאַרשאַפט, מיט וואָס האָט זי געשטאַלטיקט זײער פערזענלעכקײט, פאַרמירט זײער באַוווסטזײן? האָבן מיר דאָך אין משך פון די קינדער־יאָרן אויך פאַרברענגט אויף פאַרשידענע זומער־לאַגערן פון די קינדער־אָרגאַניזאַציעס — וואָס אויך זײ האָבן געגעבן טיפע איבערלעבונגען, אָדער אויף די זומער־קאָלאָניעס פון די שולן — די זעלבע יידיש־וועלטלעכע שולן, מיט וועלכע די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אָרגאַניש פאַרבונדן און האָט געשעפּט צוזאַמען מיט זײ פון די זעלבע אידעיִשע און דערציִערישע קוואַלן. דאָך איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע געווען עפּעס וואָס אַנדערש, עפּעס באַזונדערס, וואָס האָט זיך אויסגעטײלט פון די אַלע אַנדערע אַנשטאַלטן. אפשר דערפאַר, ווײל דאָס איז געווען אַ סטאַבילע אינסטיטוציע מיט אַן אײנגעפונדעוועטן לעבנס־שטײגער, מיט אײנגעפירטע טראַדיציעס, באַזירטע אויף די זעלבע דערציִערישע יסודות פון דער

יידיש־וועלטלעכער שול. די פּאָרגעשריטענע סאָציאַליסטישע דערציִונג, וואָס איז געגעבן געוואָרן די קינדער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן פון ציש״אָ האָט דאָ געפונען איר פּראַקטישן תיקון, און פּאַר די קינדער פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט, וועלכע האָבן געלעכצט נאָך אַ שענערער, בעסערער און יושרדיקער וועלט, האָט זיך דאָ אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַנטפּלעקט אָט דער קליינער אויסגעחלומטער גן־עדן, וועגן וועלכן זיי פלעגן חלומען אויף די ענגע געלעגערס אין זייערע אָרעמע היימען.

★

זיצנדיק אַזוי אין דער קינסטלער־סטודיע פון דעם מאָלער יאָסל בערגנער אין תל־אביב, האָבן מיר נישט איין מאָל געפּרוּווט אויפפרישן אין אונדזער זכרון יענע ליכטיקע טעג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, און ווי אויף אַ פילם־באַנד האָבן פאַר אונדזערע אויגן פאַרבייגעשוועבט די אָן אַ צאָל קליינע טאָג־טעגלעכע געשעענישן, וואָס האָבן דעמאָלט, אין אונדזער קינדערשער באַנעמונג, אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אין צענטער פון דער גאַנצער וועלט. מעגלעך, אַז אין אַנדערע באַדינגונגען און אומשטענדן וואָלטן זיי פאַרבייגעלאָפן אומבאַמערקט, פונקט ווי די טויזנטער אַנדערע קלענערע און גרעסערע געשעענישן אין לעבן. און אויב זיי האָבן זיך טאַקע איינגעקריצט אין זכרון, איז דאָס אַדאַנק דער גאַנצער אומגעבונג און אַטמאָספער, וואָס האָט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַרומגערינגלט די ספּעציפישע וועלט פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע.

דאָס אָנקומען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען פאַרבונדן מיט אַ קליינעם זעלישן קריזיס, מחמת מען איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער וועלט פון די שטענדיקע געוווינהייטן. דאָ איז מען אַריינגעפירט געוואָרן אין אַ נייער וועלט, וואָס איז דאַן נאָך געווען פרעמד דעם קינד פון דער שטאָטישער אָרעמקייט. אַ צעטומלטער און אַ דער־שראָקענער, אין טיפער פאַרלעגנהייט, איז דאָס קינד געשטאַנען פאַר אָט דער נייער וועלט פון דער פרייער נאַטור און פון מוסטערהאַפטער היגיענע. דאָס קינד איז געווען פאַרבלענדעט פון דער פּראַכט און זויבערקייט, עס האָט אים געשראָקן דער דאָזיקער ראַשיקער איבערגאַנג. נישט געווען זיכער צי דאָס איז טאַקע פאַר אים, פונקט ווי באַנטשע שווייג איז נישט זיכער געווען צי דער גן־עדן איז טאַקע פאַר אים באַשטימט... אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט אָבער דאָס קינד באַקומען פיל מער ווי אַ הייסע בולקע מיט פרישער פּוטער, און אין געציילטע טעג האָט דאָס קינד זיך איינגעלעבט אין אָט דער נייער וועלט, זיך אַריינגעוואָרפן אין איר מיט הייסער התלהבות, און די אַלע „נייע אימיגראַנטן״, די פריש־געקומענע, וואָס האָבן זיך נאָך אים באַוויזן אין דער „פורטקע״ פון דער סאַנאַטאָריע, זענען שוין דורך אים גוטמוטיק אָנגערופן געוואָרן, ווי קינדער געקומענע פון אַן אַנדערער וועלט, אַלס „טשאַלדאַקעס״ — איינער פון די פילצאָליקע ספּעציפישע באַגריפן און טערמינען, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן דורך די קינדער אין דער סאַנאַטאָריע.

★

דערציילט אַזוי יאָסל וועגן זיין ערשטן מאָל אין דער סאַנאַטאָריע, ווּהין ער איז אָנגעקומען מיט זיין מוטער און מיטן פאָטער, דעם דיכטער מלך ראַוויטש: „איך

האָב דאָן ביטער געוויינט, שעהען־לאַנג געוויינט און געוואָלט צוריק אַהיים. דער פאַרוואַלטער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, שלמה גילינסקי, און דער לערער באַטקע האָבן מיך געפּרוּווט באַרויִקן, אָבער ווען עס האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי מיך צוגעפירט צום טויבן־שלאַק און געגעבן צוויי יונגע טייבעלעך צו האַלטן. די טייבעלעך זענען געווען אָן פעדערן און מיט לאַנגע שנאָבלען, און עס האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז מ׳האָט זיי אָפּראַזירט... האָב איך זיך דאָן נאָך מער צעוויינט, ווייל איך האָב מיר פאַרגעשטעלט, אַז אויך איך וועל אַזוי אויסזען, ווען מ׳וועט מיר אָפּשערן די האָר...״

דאָס אָפּשערן די האָר איז ווירקלעך געווען ממש אַ „טראַגעדיע״ פאַר די ניי־אָנגעקומענע קינדער, די „טשאָלדאָקעס״, וועלכע האָבן זיך פּלוצלונג דערפילט ווי מען וואָלט זיי אויסגעטון נאַקעט און דערביי אָראָפּגענומען די שענסטע צירונג פון זייער קאָפּ. צו דעם זענען נאָך צוגעקומען די כלערליי נייע מנהגים, צו וועלכע אַ סך פון זיי זענען נישט געווען צוגעוווינט פון דער היים, ווי דאָס וואַשן צוויי מאָל אין טאָג די ציין מיט „ציין־פּראָשעק״, דאָס וואַשן יעדן פרימאָרגן די פּלייצע מיט אַ קאַלטן שטראָם וואַסער אונטערן קראַן, אַפילו ווינטער, דאָס אויסטרינקען אַ גלאָז הייסע מילך יעדן פרימאָרגן פאַרן אַריינגיין אין וואַש־צימער, די קאָנקורסן פון פאַרבעטן די געלעגערס, דאָס פּוצן יעדן אינדערפרי די שיך פאַרן גיין עסן פרישטיק און דאָס ווייזן דעם אָרדענער די הענט ביים אַריינגיין אין עס־זאַל, צי זיי זענען געוואַשן, און נאָך אָן אַ צאָל אַזעלכע „אויסטערלישע״ פּירעכצן...

✶

אָבער צו דעם אַלעם האָט דער יונגער עולם זיך גיך צוגעוווינט, אַפילו צו די אָפּגע־שוירענע קעפּ. די נייע אומבאַקאַנטע וועלט איז געוואָרן אייגן, היימיש, און גלייכצייטיק פול מיט נייע אַנטפּלעקונגען, וואָס האָבן געוועקט די פאַנטאַזיע און די נייגעריקייט פון דעם קינד. מיט נייגיר און מיט ליבשאַפט האָבן די קינדער באַאַרבעט די קליינע בייטן אין דעם גרינס־גאָרטן, ווו למשל די אוגערקעס — די זעלבע גרינע אוגערקעס, וואָס מ׳האָט געגעסן אין דער היים — זענען דאָ געווען ווי „צוגעבונדן מיט שטריקלעך צו דער ערד״; און ווי גרויס איז געווען פאַר די דאָזיקע שטאָטישע קינדער דאָס וווּנדער פון דעם וואָרעם־הויז, וואָס איז אויסגעבויט געוואָרן דורך דעם דייטשן פּאָליטישן פּליט (דוכט זיך אָפּהוסט איז געווען זיין נאָמען) און וואָס איז פול געווען מיט די פאַרשידנאַרטיקסטע בלומען און גרינצייג. און דאָן — דער נאַטור־ווינקל מיט די כלערליי לעבעדיקע און אויסגעשטאָפּטע באַשעפענישן, דער ביאָלאָגישער צימער און דער מוזיי, ווו דאָס רוב עקספּאָנאַטן זענען געשאָנקען געוואָרן פון מלך ראַוויטש, וועלכער האָט זיי געבראַכט פון זיינע אומצאָליקע רייזעס איבער די לענדער פון דער וועלט. צווישן די דאָזיקע עקספּאָנאַטן זענען געווען אייזערנע שפּיזן מיט לעדערנע „טאָרטשעס״ פון אַפריקע, אַ פיש מיט פליגל — פון פּאַציפישן אָקעאַן, אַ בייטש צו שלאָגן שקלאַפן, געמאַכט פון היפּאָפּאָטאַם־הויט, אד״גל.

דער דאָזיקער נאַטור־ווינקל, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער גרויסער גלעזערנער וועראַנדע פון דער אַ״ג „אַלטער געביידע״, איז געווען איינע פון די גרעסטע אַטראַקציעס פאַר די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וועלכע האָבן דאָ געפונען

אַן אויסלאַדונג פאַר זייערע קינדערשע עמאָציעס און חלומות. דאָרט האָבן דאָס רוב קינדער געוואָלט אַרבעטן, באַשעפטיקן זיך מיט אויפקלערן די סודות פון דער נאַטור. און די סודות פון דער נאַטור זענען געלעגן אין יעדן גרעזעלע, אין יעדן פייגעלע און זומער־פלאַטערל.

אַ געוויסן טאָג האָט די לערערין ליובאַ קאָנטאָראָוויטש, זייענדיק קראַנק, אַרויס־גערופן צו זיך דעם קליינעם וולאַדעק ראַוויטש, — אַזוי האָט זיך דאַן גערופן דער היינט באַקאַנטער קינסטלער יאָסל בערגנער — און אים געפרעגט, וואָס ער האָט בדעה צו זיין, ווען ער וועט אויסוואַקסן — האָט ער אַן וואַקלענישן אָפּגעענטפערט מיט איין איינציק וואָרט: „דזשאַבעס״!

מעגלעך, אַז אין ערשטן מאָמענט איז די לערערין געווען עטוואָס אַנטוישט פון אַט דעם לאַקאָנישן און אויסטערלישן ענטפער פון מלך ראַוויטשעס זון, פון וועמען זי האָט דערוואַרט אַן אינטערעסאַנטערע צוקונפט און אַ בעסערע קאַריערע... אָבער אָן ספק האָט זי אויך באַנומען, אַז אין אַט דעם איינעם וואָרט דריקט זיך אויס די אַקומולאַציע פון די שטאַרקע איבערלעבונגען, וואָס אַט דער דירעקטער קאָנטאַקט מיט דער נאַטור רופט אַרויס ביי דעם קינד.

★

די דאָזיקע דערקענטעניש איז אָבער נישט געווען קיין איינזייטיקע. פונקט אַזוי ווי די לערער האָבן דערצויגן און דערמוטיקט די קינדער צו פאָרשן און זוכן און דערקענען די נאַטור — אַזוי האָבן אויך די לערער זיך באַנוצט מיט דער מעדעם־סאַנאַטאָריע ווי מיט אַ לאַבאָראַטאָריע צו פאָרשן די קינדערשע נאַטור, זייער פּסיכאָלאָגיע, זייער אַרט דענקען און באַנעמונג.

איך דערמאָן זיך ווי איין מאָל האָט מיך דער לערער „באַטקע״ (אויך זיין אמתער נאָמען איז געווען גילינסקי) אַרויסגערופן צו זיך אין צימער — איך בין דאַן אַלט געווען זיבן אָדער אַכט יאָר — און האָט מיך אויסגעפרעגט: צי דער בוים לעבט, און צי דאָס בענקל, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון בוים, לעבט אויך; און צי אַז מען טוט דעם בוים אָדער דעם בענקל אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — צי טוט עס זיי וויי? און צי האָט די לבנה אויגן?... און נאָך און נאָך אַזעלכע פראַגן, וואָס האָבן מיך אַריינגעפירט אין אַ פאַרלעגנהייט. און וואָס איך בין נאָך ביז היינט צו טאָג נייגעריק צו וויסן וואָס פאַראַ מסקנות האָט דער לערער באַטקע אַרויסגעצויגן פון מיינע קינדערשע ענטפערס...

דער זעלבער לערער באַטקע, וועלכער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּעדאַגאָג, האָט אויך דעמאָלט זיך ערנסט באַשעפטיקט מיט פּסיכאָאַנאַליז און מיט די פּראָבלעמען פון חלום און אונטער־באַוווסטזיין, און פאַר אַט דעם צוועק פלעגט ער אויספרעגן די קינדער וועגן זייערע חלומות אין די נעכט; ער פלעגט אויך אַרומגיין ביינאַכט איבער די צימערן און זיך צוקוקן, ווי אַזוי די קינדער שלאָפן, פלעגט אָנצייכענען די פּאָזיציע פון שלאָף ביי יעדן קינד. נאָך דעם האָט ער די דאָזיקע צייכענונגען געבראַכט אין זיין פאָרשונגס־אַרבעט, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין יידיש.

דאָס אַלץ באַווייזט ווי ערנסט די לערער און דערציִער האָבן גענומען זייער אַרבעט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וועלכע זיי האָבן נישט באַטראַכט פאַר קיין איינפאַכן היילונגס־ אָדער דערציִונגס־אַנשטאַלט. דאָס איז געווען פאַר זיי אַ מין

עקספּערימענטאַלע קוזשניע, אין וועלכער זיי האָבן געשמידט אַ נייע פּערזענלעכקייט, אַ נייעם באַפרייטן מענטש. און די קינדער האָבן דאָס גלייך דערפילט און האָבן באַנומען, אַז זיי דאַרפן מיטאַרבעטן ביים דאָזיקן עקספּערימענט. זיי האָבן דערפילט די חשיבות פון דער דאָזיקער אויפגאַבע און דערביי אויך זייער אייגענע חשיבות. אין דער פולער מאָס האָבן זיי אויסגענוצט די מעגלעכקייטן, וואָס זענען זיי געגעבן געוואָרן צו אַנטוויקלען זייער זעלבסט־איניציאַטיוו, זייערע שעפערישע פעיִקייטן, זייער חוש פאַר זעלבסט־טעטיקייט און פאַר קאָלעקטיווער זעלבסט־אַחריות. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער אומגעווייינלעכער פעיִקייט פון די קינדער אויפצונעמען אַזוי גיך, אפשר אַ וואָך אָדער צוויי נאָך זייער קומען, די אחריות ביים אויסווייילן די פאַרשידענערליי קאָמיסיעס פאַר זעלבסט־טעטיקייט, בראש מיטן קינדער־ראָט, ווי אויך די פאַרשידענע טעטיקייטן גופא אויף אַלע מעגלעכע געביטן פון קולטורעלן צוזאַמענלעבן — ווי למשל דאָס אָנשרייבן און לייענען דעם טעגלעכן „ראַדיאָ״, (וואָס דעם גרעסטן „סטאַזש״ אין דעם האָט געהאַט יאָסל מלאַטעק, היינט בילדונגס־דירעקטאָר פון „אַרבעטער־רינג״), די קינסטלערישע טעטיקייטן, די קאָמיסיעס פאַר היגיענע, די וואַנט־צייטונג, די שפּילערייען און לסוף — די אַלגעמיינע זאָרג פאַר דעם קאָלעקטיוו און פאַר דעם דאָזיקן קליינעם גן־עדן, וואָס האָט זיך גערופן „מעדעם־סאַנאַטאָריע״. אין אָט דעם אַנשטאַלט האָבן די קינדער, אַפילו ווען זיי זענען געקומען אַהין אויף געציילטע וואָכן אָדער חדשים, געהאַט דאָס אַבסאָלוטע געפיל, אַז דאָס איז טאַקע זייערס: דער גאָרטן, די וועגלעך און שטעגלעך, די געביידעס, די מיט האַרץ און נשמה איבערגעגעבענע לערער, דער נאַטור־ווינקל און די מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע („סאַנ־מעסט״), דער געטרייער הונט „נעראָ״, די „עלעקטראָוניע״ — אַלץ, אַלץ וואָס די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט פאַרמאָגט, צוזאַמען מיט איר גאַנצער אַרומיקער נאַטור.

ווי גרויס עס איז געווען די ווירקונג פון די פאָר פאַרברענגטע וואָכן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אויף דער נשמה פון קינד, זאָגט עדות דער פאַקט, אַז נאָכן צוריק־קומען אַהיים האָט אַלץ פאַר אונדז אויסגעזען קליין, שמאָל און ענג: די שטוב, די שטאָט מיט אירע גאַסן, וואָס זענען פלוצים געוואָרן פאַר אונדז טונקל, גרוי און פרעמד, און עס זענען געוואָרן ענג אַפילו די צימערן פון דער שול, וועלכע מיר האָבן דאָך אַזוי ליב געהאַט און צו וועלכער מיר זענען געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדן.

איך דערמאָן זיך אויך, אַז אין איינער פון מיינע שול־אַרבעטן האָב איך געשריבן, ווי אַזוי עס וועט אויסזען, לויט מיין פאַנטאַזיע, די קומענדיקע וועלט, וואָס וועט זיין כולו שיינקייט, גוטסקייט און גערעכטיקייט. ווען איך האָב געשילדערט די דאָזיקע אויספאַנטאַזירטע וועלט, האָב איך געהאַט פאַר מיינע אויגן דעם איינציקן מוסטער: די „מעדעם־סאַנאַטאָריע״.

מאַני לייב

באַלאַדע

אויף דער סאַנאַטאָריע קריכן שוואַרצע כמאַרעס,
קריכן שוואַרצע כמאַרעס, אימהדיקע מראות,
אין דער סאַנאַטאָריע קראַנקע קינדער ליגן
אויף די ווייסע בעטן, אין די קליינע וויגן.
שרעק פון אַלטע זיידעס אינעם בלוט געזויגן,
לויכט פון בלייכע קינדער פון די קראַנקע אויגן.
אוי, נישט שוואַרצע כמאַרעס — דייטשן מיט די שפּיזן
אין דער סאַנאַטאָריע האָבן זיך באַוויזן.
דייטשן מיט די שפּיזן — שינדער־אונטערצינדער —
זענען אָנגעקומען מאָרדן קראַנקע קינדער!
מאָרדן קראַנקע קינדער, יידיש לעבן טרעטן
אויפן בלוט פון קינדער, אויף די קראַנקע בעטן,
האָבן זיי געשטאָכן און אין ווילד נצחון
אַלע קראַנקע קינדער, אַלע אויסגעשטאָכן.
איז דאָס בלוט גערונען, איז דאָס בלוט געפלאָסן
פון די טויטע קינדער האָט עס זיך צעגאָסן
אין צוויי גלייכע שטראָמען ביז די אַלטע פלויטן:
אין אַ שטראָם אַ ווייסן און אַ שטראָם אַ רויטן.
שטייען ביידע שטראָמען דריי און דרייסיק זונען,
ביז די ביידע שטראָמען זענען אויסגערונען.
נאָר פון ביידע שטראָמען זענען אויפגעגאַנגען
גאָלדענע צוויי שטענגלעך הויכע ווי די זאַנגען.
וואַקסט אַ ווייסע טייבל פון דעם ערשטן שטענגל,
און פון צווייטן שטענגל וואַקסט אַ רויטע שלענגל.
האָט דאָס ווייסע טייבל אויסגעשפּרייט די פליגל,
פליט מיט שוואַרצע בשורות איבער טאָל און היגל,
צער פון טויטע קינדער יידן אָנצוזאָגן,
יידן זאָלן וויסן ווי זיי צו באַקלאָגן.
און דאָס רויטע שלענגל — קריכט דורך וויסטע ראַוועס,
קריכט דורך וויסטע חורבות מיט איר סם־המוות,
און זי טראָגט נקמה פאַר דעם טויט פון קינדער
צו דעם לאַנד פון דייטשן — מערדער־אונטערצינדער.

לאַלע ברומבערג

דערינערונגען פון אַ סאַניטאַרין

איך האָב געהאַט די זכיה צו אַרבעטן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַ סך יאָרן. אָנגעהויבן האָב איך נאָך אין זומער 1921, עטלעכע יאָר איידער די סאַנאַטאָריע איז פאָרמעל געוואָרן געגרינדעט. דער „מעדעם־דינעזאָן קאָמיטעט" האָט דאָן איינגעאָרדנט אַ קאָלאָניע פאַר 80 אָפּגעשוואַכטע קינדער אין אָטוואָצק, און זיך געווענדעט צו דער שוועסטער־שול אין וואַרשע, ווו איך בין געווען אַ שילערין, מיט אַ בקשה מיך צו באַפרייען אויף צוויי חדשים. די שול האָט די בקשה אָנגענומען און איך בין אַוועק קיין אָטוואָצק אַרבעטן ווי אַ סאַניטאַרין.

אין 1923 האָט דער קאָמיטעט געקויפט אַ הויז אין מיעדזעשין (די אַלטע געביידע), ווי אויך אַ שטח לאַנד, ווו עס האָט זיך מיט דער צייט געדאַרפט אויסבויען אַ בנין. אין דעם ערשטן הויז האָט מען דעם זומער איינגעאָרדנט אַ פּרעווענטיוון אַנשטאַלט פאַר אַן ערך 70 קינדער באַדראָטע פון טובערקולאָז. גלייכצייטיק האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט אויפן נייעם הויז (די נייע געביידע). די באַדינגונגען זענען געווען נישט קיין לייכטע: נישט נאָר די בוי־אַרבעטער גופא, נאָר אַפילו דער פּעדאַגאָגישער פּערסאָנאַל פון דעם אַנטשטאַנענעם אַנשטאַלט האָט זיך אָפּט מאָל געמוזט פאַרנעמען מיט שווערע פיזישע אויפגאַבן ווי למשל: פּאָמפּעווען וואַסער און אַריינטראָגן מיט עמערס אין דער געביידע.

די נייע געביידע מיט אירע פּראַקטיקע גרויסע זוניקע שלאָפצימערן, שפּיל־צימערן און עסצימערן איז פאַרטיק געוואָרן, אין יאָר 1925. דיביידע זומערן האָב איך געאַרבעט ווי אַ סאַניטאַרין. מיין אַרבעט איז באַשטאַנען ערשטנס: פון פאַרנעמען זיך לויט דער דאָקטאָרינס פאַראָרדענונג, ווי מאַכן פאַרשידענע איינשפּריצונגען, געבן רפואות, פאַרנעמען זיך מיט ספּעציעל קראַנקע קינדער, אויפפּאַסן אויף דער ריינקייט פון די געביידעס, וועש אאַז״וו.

די צאָל קינדער, וואָס האָבן זומער פאַרבראַכט אין אַנשטאַלט האָט זיך פאַרגרע־סערט, די באַדינגונגען זענען לייכטער געוואָרן און ווען ס'איז געקומען די צייט פאַרן עולם קינדער צו פאָרן אַהיים צוריק צו די קאַלטע קעלערס און פינצטערע בוידעמס — זענען ביי מאַנכע געשטאַנען טרערן אין די אויגן. ווייל ווו נאָך זענען זיי מסוגל געווען צו געפינען אַזעלכע וווּנדערבאַרע באַדינגונגען, אַזוי פיל וואַרעמע און האַרציקע אויפמערקזאַמקייט?

פון סוף 1925 ביז אָנהויב 1930 האָב איך פאַרבראַכט אין ארץ־ישראל. צוריק־

געקערט האָב איך זיך מיט מײַן מאַן יוסף און אַ זון פון איבער 3 יאָר. יוסף איז באַשטימט געוואָרן אַלס פּאַרוואַלטער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, — זי האָט שוין עקזיסטירט ווי אַ יאָריקער אַנשטאַלט. איך האָב ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן ווי אַ סאַניטאַרין.

דורכשניטלעך פלעגט אַ קינד געשיקט ווערן ס׳רוב פון דער וואַרשעווער שטאָט־פּאַרוואַלטונג אָדער קראַנקן־קאַסע צו פאַרבלײַבן אין דער סאַנאַטאָריע צווישן פיר און זעקס וואָכן. אין געצײַלטע פאַלן, אויב דער דאָקטאָר האָט געהאַלטן, אַז דער געזונט־צושטאַנד פאָדערט עס — פלעגט אַ קינד פאַרברענגען אַ סך לענגער, ביז 6—8 חדשים. קיין אויסגעאַרבעטע סיסטעם, וואָס זאָל געבן סיי דעם מעדיצינישן, סיי דעם פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם קינדס צושטאַנד, איז די ערשטע יאָרן נישט געווען.

אין 1932־1933 איז דעריבער געשאַפן געוואָרן מיט דער מיטאַרבעט פון דעם קינדער־פּסיכאָלאָג ד״ר פישל שניאורסאָן, אַ ספּעציעלער פּלאַן געניי אויסצופאָרשן דעם מאַטעריעלן מצב פון די היימען פון וועלכע די קינדער פלעגן קומען. ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אַנקעטע מיט צענדליקער פראַגן וועגן קינדס געזונט־צושטאַנד, די עלטערנס פּראָפעסיע, זייערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע באַדינגונגען אאַז״וו — פראַגן, וואָס האָבן געדאַרפט געבן אַ גענוי בילד פון דעם קינדס נויטווענדיקייטן. אָט דעם אַמט האָב איך איבערגענומען און געפירט ביז 1939.

די אַרבעט איז באַשטאַנען נישט נאָר פון אויספילן די אַנקעטע, נישט נאָר פון באַקענען זיך מיט די באַדינגונגען אין וועלכע די קינדער האָבן געלעבט, נאָר אויך בוכשטעבלעך אין צוגרייטן זיי צו דער סביבה און לעבן, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט אין מיעדזעשין. דאָס האָט געמיינט קודם כל — אײַנפלאַנצן אין די קינדער און ווי ווײַט מעגלעך, אין די עלטערן — געוויסע עלעמענטאַרע באַגריפן וועגן פיזישער ריינקייט. עס פלעגט מיר נעמען שעהען צו לערנען די מיידלעך ווי צו האַלטן די האָר ריין. אַוודאי וואָלט לײַכטער געווען פשוט פאָדערן אָפּצושערן די האָר. אָבער פאַר דער גרעסטער צאָל מיידלעך וואָלט עס געווען אַ צו גרויסער קרבן. האָט מען געמוזט גיין אויף קאָמפּראָמיסן. אַן אַנדער פּראָבלעם איז געווען בגדים און בפרט אונטערוועש.

מײַנע באַמיִונגען אויסצולערנען די קינדער און זייערע מאַמעס, ווי זיך צו האַלטן ריין האָבן, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט ברענגען קיין ממשותדיקע רעזולטאַטן. ס׳האָט פשוט נישט געקלעקט קיין צײַט אויף דעם. פלעגט מען מוזן אָננעמען סוף־כל־סוף דעם ראַדיקאַלסטן מיטל: אין טאָג פון אַרויספאָרן אין סאַנאַטאָריע פלעגט מען פירן די קינדער אין שטאָטישן באָד־אַנשטאַלט, וווּ מען האָט זיי געבאָדן און דעזינפעקצירט די זאַכן, וואָס זיי האָבן מיט זיך גענומען.

נאָך אַ פּראָבלעם פלעגט אַנטשטיין אין שייכות מיט ווינטער־זאַכן, וואָס די קינדער האָבן זעלטן געהאַט. צום גליק אָבער האָט די סאַנאַטאָריע פאַרמאָגט אַ ביסל אייגענע קינדער־בגדים, אַזוי אַז אָט די שוועריקייט פלעגט מען ווי עס איז קאָנען בײַקומען.

פיל לײַכטער איז געווען מיט די קינדער, וועלכע זענען געפאָרן צום צווייטן און דריטן מאָל. זיי האָבן זיך שוין געהאַט אַ ביסל אויסגעלערנט צו האַלטן זיך ריינער. זיי

באַוויזן מיר דאָס ציין־בערשטעלע, וואָס זיי האָבן באַקומען ביים אַוועקפאָרן פון סאַנאַטאָריע און געזאָגט, אַז זיי וואַשן די ציין יעדן טאָג.

עס וואָלט פאַרנומען אַ סך אָרט צו באַשרייבן די שוידערלעכע באַדינגונגען מיט וועלכע איך פלעג זיך טרעפן פון טאָג צו טאָג. די גרעסטע טייל קינדער פלעגן קומען פון די אָרעמסטע שיכטן פון דער וואַרשעווער יידישער באַפעלקערונג. וועגן עטלעכע פאַלן, וואָס האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון וויל איך דאָ דערמאָנען:

אַ דירה — אויב מען קאָן דאָס אָנרופן דירה — וואָס באַשטייט פון אַ פינצטערן קעלער־שטיבל, די שויב־פענצטער צעבראָכן, פאַרקלאַפּט מיט ברעטער, די ווענט — נישט געטונקעוועט, באַדעקט מיט דיקט און צווישן די ווענט און דיקט לויפן אַרום מייז. די מעבל: צוויי בעטן, אַ טישל מיט עטלעכע צעבראָכענע בענקלעך. די משפחה באַשטייט פון זעקס מענטשן. די עלטערן האַנדלען, קומען שפּעט אין אָוונט אַהיים. אַ מיידעלע פון 9 אָדער 10 יאָר זאָגט מיר מיט וויינעק צוטרוי, אַז די מאַמע וועט וואַרטן, איך זאָל קומען מאָרגן.

אַ קעלער־שטוב, ווו מען פלעגט האַלטן קוילן, האָט מען איבערגעמאַכט פאַר אַ דירה. די פּאָדלאָגע אַ שטיינערנע. אַ יינגל פון אַרום 10־11 יאָר. נאָכן קומען פון שול פאַרקויפט ער אויף דער גאַס הייסע בייגל. פאַר דעם געלט האָט ער זיך געקויפט צוויי פּאָר זאָקן מיטצונעמען אין סאַנאַטאָריע. ער באַווייזט מיר די זאָקן מיט שטאָלץ און פרעגט ביי מיר מיט ציטערניש צי וועט ער זיכער פאָרן.

אַ בוידעם־שטיבל מיט אַ משפחה פון פינף קינדער. אַ מיידעלע פון עלף יאָר דאַרף פאָרן אין סאַנאַטאָריע צום צווייטן מאָל. דער טיש איז באַדעקט מיט ברויט־ברעקלעך. די מאַמע האָט די ברעקלעך געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע, כדי צו מאַכן אָרט פאַר מיר אויסצופילן די אַנקעטע. דאָס מיידעלע זאָגט אַ פאַרשעמטע: „מאַמעשי, איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז אין סאַנאַטאָריע ווישט מען דעם טיש מיט אַ נאַס טיכעלע, מען וואַרפט נישט אויף דער פּאָדלאָגע".

בעת די הויז־באַזוכן, ווו די קינדער האָבן געדאַרפט פאָרן צום צווייטן אָדער דריטן מאָל, איז געווען אינטערעסאַנט צו זען די ווירקונג פון דער סאַנאַטאָריע. די קינדער האָבן נישט נאָר זיך געהאַלטן ריינער, נאָר אויך געלערנט די עלטערן ווי לופטערן די שטוב און האַלטן ריינער זייערע אָרעמע שטיבלעך.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל: דאָס מיידעלע מיט וויינעק צוטרוי, וואָס האָט געדאַרפט פאָרן דאָס ערשטע מאָל, האָט מיטגענומען אירע זאַכן אין אַ קאַשיקל, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן מיט אַ שליסעלע, וואָס זי האָט אויף אַ שנירל געטראָגן אויפן האַלדז. נאָכן אָנקומען אין סאַנאַטאָריע, האָט זי מיט גרויס פאַרוווּנדערונג געקוקט אויף די ליכטיקע צימערן, אויף די שאַפעס, ווו מען האָט אויסגעפּאַקט די קינדערשע זאַכן פון די פּעקלעך און אַריינגעלייגט אין אָרדענונג זייערע זאַכן. דאָס מיידעלע האָט איר קאַשיקל נישט אָנגעטרויט דער סאַניטאַרין. אויפן צווייטן טאָג, ווען די דאָקטאָרין האָט זי אונטערזוכט און זי האָט געמוזט אַראָפּנעמען דאָס שנירל פון האַלדז, האָט זי דאָס שליסעלע נישט געקאָנט גלייך געפינען. אין דעם צימער זענען געווען נאָך קינדער. זי איז אַרומגעגאַנגען און געזוכט ביי יעדן קינד מיט חשד, אַז עמעצער האָט דאָס שליסעלע ביי איר געגנבעט. צום גליק האָט מען דאָס שליסעלע געפונען און

זי האָט סוף־כל־סוף איבערגעגעבן דאָס קאָשיקל דער סאַניטאַרין, אָבער דאָך קאָנטראָ־לירט צי אירע זאַכן זענען נאָך טאַקע דאָ.

עס האָט נישט לאַנג גענומען, אַז די קינדער זאָלן זיך אויסלערנען פיל זאַכן וועגן וועלכע זיי האָבן נישט געוווסט, ווי למשל: וואַשן די הענט פאַר יעדן עסן, וואַשן די ציין צוויי מאָל אַ טאָג, באָדן זיך און שלאָפן אַליין אין אַ בעט. (די קליינע קינדער פלעגן מורא האָבן צו שלאָפן אַליין אין אַ בעט) און זיצן ביים טיש, עסן פאַרשידענע מאכלים, וועלכע זיי האָבן קיין מאָל אין לעבן נישט פאַרזוכט. עסן אָן מורא, אַז עס וועט נישט קלעקן גענוג פאַר אַלעמען. עס איז שטענדיק געווען אויף די טישן מער, ווי די קינדער האָבן געקאָנט עסן.

איך האָב אויך געמאַכט הויז־באַזוכן ביי קינדער פון פּראָלעטאַרישע בעסער סיי־טואירטע היימען, ס׳רוב קינדער, וואָס פלעגן גיין אין די יידישע פאָלקס־שולן. אויך אַ סך פון די קינדער האָבן זיך גענויטיקט אין זון, פרישער לופט און מעדיצינישער באַהאַנדלונג. זיי פלעגן פאָרן אויף אַ חודש אָדער לענגער. מיט אומגעדולד האָבן זיי געוואַרט אויף דער דאָזיקער אַרויסצופאָרן אין סאַנאַטאָריע, צו פאַרברענגען אַ געוויסע צייט אין דער וווּנדערבאַרער אַטמאָספער, פון וועלכער זיי האָבן אַ סך געהערט. פאַר־שטייט זיך, אַז אַט די קינדער זענען געווען בעסער צוגעגרייט אין אַלע הינזיכטן. (אַ־ן שייכות מיט בגדים אאַז״וו).

אין משך פון דער קורצער צייט, וואָס די קינדער פלעגן געוויינטלעך פאַרברענגען אין דער סאַנאַטאָריע, האָבן זיי זיך גוט פאַריכט. זיי זענען געפאָרן אַהיים אָפּגעפרישטע, געזינטערע, מיט בענקשאַפט נאָך דעם ליכטיקן פריילעכן לעבן. האָבן זיי טאַקע געוואַרט אויף דער גוטער געלעגנהייט צו קומען אין גיכן נאָך אַ מאָל אין דער שיינער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

די קראַנקן־קאַסע אין וואַרשע האָט אויך געשיקט אין דער סאַנאַטאָריע אַ טייל קריסטלעכע קינדער, וואָס האָבן זיך גענויטיקט צו פאַרבעסערן זייער געזונט־צושטאַנד. מיט ווייניק צוטרוי פלעגן די קריסטלעכע עלטערן שיקן זייערע קינדער אין אַ יידישן אַנשטאַלט. זיי פלעגן אָבער באַקומען גוטע בריוו פון די קינדער, אַז זיי זענען צופרידן און גליקלעך. ווען די קריסטלעכע עלטערן פלעגן קומען באַזוכן זייערע קינדער, האָבן זיי געשטוינט פון דער זעלטענער ריינקייט און פון דער גוטער אויפ־מערקזאַמקייט, וואָס די קינדער האָבן געקראָגן. די קריסטלעכע קינדער דערציילן די עלטערן, אַז זיי נעמען אַנטייל אין פאַרשידענע קאָמיסיעס און פירן אויס פאַרשידענע אַמטן. די עלטערן פאָרן אַהיים באַרויִקטע און צופרידענע.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ פאַל מיט אַ קריסטלעך יינגל אַרום 12 יאָר אַלט, מיטן נאָמען מושאַלסקי, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער קראַנקן־קאַסע אין סאַנאַטאָריע. אין גאָר אַ קורצער צייט האָט ער זיך אויסגעלערנט אַ סך יידישע ווערטער און זיך אויסגעצייכנט צוזאַמענגעלעבט מיט די יידישע סאַנאַטאָריסטן. ער האָט פאַרבראַכט אַ ביסל לענגער צוליב זיין שוואַכן געזונט־צושטאַנד.

אַ צייט שפּעטער איז ער געשיקט געוואָרן אין אַ קריסטלעכער קינדער־סאַנאַטאָריע אין זאַקאָפּאַנע, אין די טאַטרן־בערג. דאָרט האָט ער דערציילט די לערער, דעם דאָקטאָר און די קינדער וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. דער פאַרוואַלטער פון דעם

אַנשטאַלט איז געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט און געשריבן אַ בריוו אין ביוראָ פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אַז ער וואָלט געוואָלט באַזוכן די סאַנאַטאָריע, וועגן וועלכער מושאַלסקי האָט אַזוי פיל דערציילט. נאָכן אומקערן זיך פון זאַקאָפּאַנע האָט מושאַלסקי אָנגעשריבן אין אַ יידיש־פּוילישער קינדער־צייטונג, וואָס איז אַרויס אין וואַרשע, אַן אַרטיקל וועגן זיינע איבערלעבונגען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

יאָ, איך האָב געהאַט די זכיה צו אַרבעטן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וואָס האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו קומען אין אַ נאָענטן קאָנטאַקט מיט טויזנטער קינדער און צוצוטראָגן מיין באַשיידענעם טייל, און אָטעמען מיט דעם ווונדערבאַרן גייסט, וואָס האָט דאָרט געהערשט, און איז אויף אַן אומברחמנותדיקן אופן ליקווידירט געוואָרן דורך די היטלעריסטישע מערדער.



מען פּאַריכט די קליידער

לייב מאָרגנטוי

קינדער אין געטאָ

קינדער אין געטאָ, ווי פלאַנצן פאַרוועלקטע אין בליען,
קינדער, ווי זקנים, מיט האַלב־אויסגעלאָשענע אויגן.
זיי זענען מקנא דעם ווינט און די זאָרגלאָזע פייגל,
וואָס קאָנען פון געטאָ דעם שטעכיקן צוים איבערפליען.

קינדער אין געטאָ — פון הונגער געשוואָלענע שטייען.
דאָס נאַקעטע לייב — אונטער שטעכיקע רעגנס און שנייען.
זיי בעטלען אַ קרישקעלע ברויט, אַ קאַרטאָפל דעם הונגער
צו שטילן,
אַ בגד אַן אַלטס — דאָס צעוווּנדיקטע לייב צו פאַרהילן.

קינדער אין געטאָ, פאַריתומטע, עלנטע קינדער.
דער ברוק זייער היים איז און ווער וועט זיי שיצן אַצינדער?
נישטאָ, ווער ס'זאָל צוטוליען וואַרעם, אַ לעפל געקעכטס
זיי דערלאַנגען...
און ס'פאַלן די קינדער אויף גאַסן, ווי אונטערגעשניטענע
זאַנגען.

קינדער אין געטאָ — געשליידערט פון פענצטער און שטיגן
דורך רוצחישע לאַפּעס — פון מאַמעשער ברוסט אָפּגעריסן...
די טויערן שווערע פון הויף מיט אַ קרעכץ הינטער זיי זיך
פאַרשליסן...
און ס'וויינען די מאַמעשע הערצער ביי ליידיק־געוואָרענע וויגן.

עס האָבן די רוצחים די ערשטע צום טויט זיי גענומען.
נאָך זיי איז אַן עדה אַ גאַנצע געוואָרן פאַרשניטן...
שוצלאָזע קינדער — די שענסטע, די איידלסטע בלומען —
עס האָט זיי אין ערגעץ די מערדערישע האַנט נישט געמיטן.

זייער געביין שרייט אַרויס פון די אַשן און גריבער.
יידישע קינדער — פאַרשניטענע דורות — מיליאָנען,
זיי לעבן אין אונדזערע הערצער, וואָס בלוטיקן אַלץ נאָך
אין פיבער.
ס'באַגלייטן אונדז זייערע אויגן, וואָס שרייען און רופן
און מאָנען — — —

מנחם ראָזענבאום

אַ מיטגליד פון דער סאַנאַטאָריע־פּאַרוואַלטונג דערציילט

איך בין געווען אַ מיטגליד פון דער פּאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און אויך פון דער עקזעקוטיווע, וואָס איז באַשטאַנען פון די פאָלגנדיקע חברים: ש. גילינסקי, ש. מענדעלסאָן, מנחם, יצחק גיטערמאַן, ד״ר ליכטענבאַום. פון צייט צו צייט זענען פאָרגעקומען אַלגעמיינע זיצונגען פון דער פּאַרוואַלטונג, אויף וועלכע די חברים גילינסקי און ברומבערג האָבן אָפּגעגעבן גענויע באַריכטן וועגן דעם צושטאַנד פון דער סאַנאַטאָריע, וועגן לעבן פון די קינדער, זייער סאָציאַלן צושטאַנד, וועגן דעם לערער־פּערסאָנאַל, וועגן פינאַנסיעלן מצב פון דעם אַנשטאַלט, וועגן זיינעווירטשאַפטלעכע, מעדיצינישע, פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען און אויך וועגן לויפנדיקע, דרינגענדע ענינים.

דער עקזעקוטיוו פלעגט אָפּהאַלטן זיינע זיצונגען סיסטעמאַטיש יעדע צוויי וואָכן אין ביוראָ פון דער סאַנאַטאָריע, לעשנאָ 28. סיי די זיצונגען פון דער פּאַרוואַלטונג, סיי פון דער עקזעקוטיווע זענען פאָרגעקומען אונטערן פאָרזיץ פון חבר יוזעף (נח פּאָרטנאָי). דער עקזעקוטיוו פלעגט אויך אָפּהאַלטן זיצונגען לויט די פּאָדערונגען און נויטן פון סאַנאַטאָריע־לעבן. חבר יוזעף אָבער איז געשטאַנען אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די חברים גילינסקי און ברומבערג, אָפט אַפילו טעלעפאָנישן און נישט איין מאָל אַ טאָג.

איך וועל באַשרייבן אַלס ביישפּיל עטלעכע עקזעקוטיוו־זיצונגען, רעגולערע און אויסערגעוויינטלעכע.

ווען עס איז געשען אין סאַנאַטאָריע דער פּאָגראָם פון די יידישע קאָמוניסטן, איז מאָמענטאַל גערופן געוואָרן אַן עקזעקוטיוו־זיצונג. די מהומה איז געווען גרויס, געווען אַפילו שטימונגען צו שליסן צייטווייליק די סאַנאַטאָריע און אָפּשיקן די קינדער אַהיים. די דאָזיקע מיינונג איז אָבער אָפּגעוואָרפן געוואָרן און מ׳האָט אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן אויף די נאָענטסטע טעג און וואָכן.

איך בין געווען דער פאָרזיצער פון וואַרשעווער נאָדל־פאַראיין. נאָכן באַזוך פון חבר דוד דובינסקי אין וואַרשע און נאָכן באַקענען זיך מיט דער אַרבעט פון נאָדל־פאַראיין און אויך מיט דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָט ער אויף אַ זיצונג דערקלערט און שפּעטער, ווען ער איז געקומען צוריק קיין ניו־יאָרק, דורכגעפירט אין דער „אינטערנעשאַנאַל״ אַ באַשלוס, אַז עטלעכע „לאָקאַלס״ פון דער יוניאָן פאַרפליכטן

זיך אויסצוהאַלטן אויף זייער חשבון יערלעך פינף קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַ־טאָריע. ביזן סאַמע אויסברוך פון דער מלחמה איז די דאָזיקע פאַרפליכטונג אָפּגעהיט געוואָרן. עס האָבן אַגב גענאָסן פון דעם פאָנד נישט נאָר וואַרשעווער קינדער נאָר אויך קינדער פון דער פּראָווינץ.

★

אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג זומער 1938, האָט חבר גילינסקי געמאָלדן, אַז אַ באַקאַנטער יידישער דאָקטאָר פון וואַרשע האָט בייגעטראָגן פאַר דער סאַנאַטאָריע אַ גרויסע סומע געלט — 20 טויזנט זלאָטעס, מיט אַ באַדינג דאָס געלט זאָל באַנוצט ווערן נאָר אויף צו בויען אַ נייע צוגאָב־געביידע אין דער סאַנאַטאָריע. דער דאָקטאָר האָט נישט געוואָלט, אַז זיין נאָמען זאָל פאַרעפנטלעכט ווערן. דוכט זיך זיין נאָמען איז געווען ד״ר סימכאָוויטש, אַ באַרימטער נעוראָלאָג. אייניקע מיטגלידער פון עקזעקוטיווע זענען געווען קעגן דעם באַדינג פון פאַרפליכטן זיך צו בויען אַ נייע געביידע. די מערהייט האָט אָבער דעם פאָרשלאָג מיט דאַנק אָנגענומען.

ווען מען איז צוגעטראָטן אויסצואַרבעטן קאָנקרעטע פּלענער פון אַ נייער געביידע, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער שטח ערד, וואָס די סאַנאַטאָריע פאַרמאָגט, איז צו קליין פאַר אַ נייער געביידע. ש. גילינסקי האָט אויף אַ זיצונג פון דער פאַרוואַלטונג געמאַכט אַ פאָרשלאָג, אַז מען זאָל פאַר דעם געלט אָפּקויפן די ערד אַרום דער סאַנאַ־טאָריע: אויב מען וועט דאָס נישט טאָן איצט, איז דאָ די געפאַר, אַז די פּלעצער וועלן דורך אַנדערע אָפּגעקויפט ווערן און אויף די ערטער אויפשטעלן זומער־ווינונגען. נאָך אַ לענגערער דיסקוסיע איז גילינסקיס פאָרשלאָג אָנגענומען געוואָרן מיט אַ מערהייט שטימען. די ניי־אָפּגעקויפטע שטחים האָט מען אין משך פון די צוויי זומערן 1938 און 1939 דערוווייל פאַרזייט מיט פּאָמידאָרן, אוגערקעס און אַנדערע גרינסן — איידער מען האָט געזאָלט צוטרעטן צו בויען אַ נייע געביידע.

★

פון די מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג האָט זיך אויסגעטיילט די פּערזענלעכקייט פון דער קינדער־דאָקטאָרין שפּילפאָגעל־ליכטענבאום. זי האָט נישט באַלאַנגט צום „בונד״. זי האָט געהערט צום קרייז קינדער־דאָקטאָרינס, אָנגעפירט פון דער אידעאַליס־טישער דאָקטאָרין אַנאַ בראַודע־העלער (געווען אַ מיטגליד פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג), וואָס האָבן געאַרבעט אין וואַרשע אויפן געביט פון קינדער־פאַרזאָרגונג, פאַרנומען זיך ספּעציעל מיט פּרעווענטיווער מעדיצין. ד״ר שפּילפאָגעל האָט מיט גרויס געטריישאַפט אַקטיוו זיך באַטייליקט אין לעבן פון אַנשטאַלט. אַ געוויסע צייט איז זי געקומען צוויי מאָל אַ וואָך אַלס אַ קאָנסולטאַנט צו דער שטענדיקער דאָקטאָרין אין סאַנאַטאָריע. זי איז געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע פריינד פון דער אינסטי־טוציע, געטריי געדינט דעם אַנשטאַלט מיט איר פאַכמענערישן וויסן, מיט פּראַקטישע עצות, געווען באַהאַוונט אין אַלע סאַנאַטאָריע־פּראָבלעמען. ווען די דייטשן זענען אַריין קיין וואַרשע, איז זי געבליבן אַרבעטן אין שפּיטאָל און מיט גרויס מסירות נפש געאַרבעט אין וואַרשעווער געטאָ, געטראָגן הילף און טרייסט צו דער יידישער באַפעל־קערונג, — אומגעקומען אין טרעבלינקע.

★

גאָר וויכטיק איז געווען די ראָל און באַדייט פון חבר יוזעף אין דער פאַרוואַלטונג און אין דער עקזעקוטיווע פון דער סאַנאַטאָריע. ער האָט שטענדיק געפירט די זיצונגען. זעלטן גענומען אַ וואָרט אין די דיסקוסיעס, נאָר צום סוף סומירט אַלע שטאַנדפונקטן און אַרויסגעזאָגט זיין אייגענע מיינונג. ביי זיין גאַנצער פאַרנומענקייט אין דער פּאַרטיי, האָט ער מיט גרויס פאַרגעניגן אָפט פאַרברענגט אין דער סאַנאַטאָריע, זיך געפילט גוט מיט די קינדער און זיך געלאָזט פון זיי פירן איבער אַלע באַליבטע ווינקעלעך: טויבנשלאַק, מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע, ביאָלאָגישן צימער אאַז״וו.

ווען חבר יוזעף איז געוואָרן זעכציק יאָר אַלט, האָט אים די פּאַרטיי געוואָלט איינאָרדענען אַ גרויסן עפנטלעכן יום־טוב. ער האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט, „צו וואָס דאַרף מען דאָס האָבן?״ — האָט ער געטענהט. אָבער מיט גרויס פאַרגעניגן איז ער מסכים געווען צו פאַרברענגען דעם טאָג צוזאַמען מיט די קינדער און זייערע לערער־דערציִער — מיט דער מעדעם־סאַנאַטאָריע־משפּחה. עס האָט געהייסן אַ יום־טוב פאַר די קינדער. און ס׳איז טאַקע געווען אַ שיינער, פריידיקער יום־טוב, מיט אַ סך באַציִונג און וואַרעמקייט צום חבר נח. מען האָט דעם חבר נח באַגעגנט מיט דער פייערלעכער באַגריסונג „חברשאַפט״. דער איינציקער, וואָס האָט געהאַלטן אַ רעדע איז געווען חבר ערליך. ער האָט באַגריסט אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג פון דער סאַנאַטאָריע, אין נאָמען פון דער פּאַרטיי. אַ קינד פון קינדער־ראַט האָט באַגריסט אין נאָמען פון די קינדער. אויף דעם יום־טוב איז געקומען בולט צום אויסדרוק דער צוזאַמענבונד פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע־משפּחה, פון דער פּאַרטיי מיט איר פירער — חבר יוזעף. קיין שענערער יום־טוב האָט נישט געקענט זיין.

★

איך דערמאָן זיך אַ וויכטיקע, ערנסטע זיצונג אין אָקטאָבער, 1938. אָן דיסקוסיעס, מיט אַ סך אחריות און פאַרשטענדעניש האָט מען אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון חבר גילינסקי, מען זאָל אויפנעמען פופציק קינדער פון די „זבאָנשינער״ יידישע פּליטים אין סאַנאַטאָריע. מען האָט באַשלאָסן אָפּצודינגען די אַרומיקע ווילעס און איינאָרדענען דאָרט די פּליטים־קינדער ביז זייערע עלטערן וועלן זיך ווי עס איז באַוויזן איינצואָרדענען אין וואַרשע, נאָכדעם ווי די נאַציִשע רעגירונג אין דייטשלאַנד האָט זיי אַרויסגעטריבן און זיי זענען געבליבן אין אַ לאַגער אין זבאָנשין, אויף דער פּויליש־דייטשער גרענעץ.

★

פאַרשידן און פאַרצווייגט זענען געווען די פּראָבלעמען פון דער מעדעם־סאַנאַ־טאָריע. און נישט שטענדיק האָט מען זיי געקענט לייזן מיט אייגענע כוחות. אַ פּאָר מאָל זענען געווען אין סאַנאַטאָריע עפּידעמיעס פון קראַנקייטן אָדער עס איז אויסגע־בראָכן אַן עפּידעמיע אין וואַרשע, האָט מען געמוזט אין אַ געוויסן זין איזאָלירן די סאַנאַטאָריע פון די עלטערן־באַזוכער, כדי נישט פאַרשפּרייטן די קראַנקייטן אין סאַנאַטאָריע. מען האָט אָפּגעהאַלטן קאָנסיליומס מיט דאָקטוירים־ספּעציאַליסטן. הגם יעדעס קינד איז ביים אָנקומען אין אַנשטאַלט דורכגעגאַנגען אַ גענויע אונטערזוכונג,

האָט מען נישט געקענט פולשטענדיק אויסמיידן, זיי זאָלן פאַרשלעפּן אינפעקציעס. מען איז געשטאַנען אין ענגן קאָנטאַקט מיט דער אוניווערסיטעט־קינדער־קליניק אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. מיכאַלאָוויטש, וואָס איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון דער סאַנאַטאָריע און שטענדיק גערן געדינט מיט עצות.

איינע פון די וויכטיקסטע פראַגן, וואָס האָט באַשווערט דעם געמיט פון די אָנפירער פון דער סאַנאַטאָריע איז געווען, ווי פאַרנעמט מען זיך מיט דעם קינד נאָכדעם ווי עס פאַרלאָזט די סאַנאַטאָריע און דאַרף זיך צוריק אומקערן צו די אָרעמע, אומגינסטיקע באַדינגונגען אין זיין שטאָטישער היים? אַ סך קינדער האָבן דעם איבערגאַנג שווער איבערגעלעבט פיזיש און פסיכיש. זיי האָבן זייער שנעל פאַרלוירן אין געזונט, דאָס, וואָס זיי האָבן אין די גוטע, גינסטיקע באַדינגונגען אין סאַנאַטאָריע געוווּנען. האָט מען געטראַכט וועגן שאַפן אַ נאָכמיטאָג־קלוב אין וואַרשע פאַר יענע קינדער, מיט צוגאָב־דערנערונג, מיט אויפזיכט איבער זייער פיזישן צושטאַנד. מען האָט די קינדער געהאַלטן אונטער אַ געוויסער אויפזיכט, מען האָט זיי צוגעצויגן צו עפנטלעכע אָרויסטריטן, — ספּעציעל די קינדער פון די „פּאָושעכנע" שולן, וועלכע זענען אין דער סאַנאַטאָריע געוואָרן דורכגענומען מיטן גייסט פון דער יידישער, פרייער, סאָציאַ־ליסטישער דערציִונג. אין דער ריכטונג זענען געווענדעט געווען די באַמיִונגען צו פאַרנעמען זיך מיט די קינדער, וואָס פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע. די מלחמה האָט איבערגעריסן אַלע פּלענער...

חיים לייב פוקס

ווען מען האָט זיי אין רייען געטריבן צום טויט

(פראַגמענט)

ווען מען האָט זיי אין רייען געטריבן צום טויטן;
איז דער הימל געווען אַ פאַרשעמטער און רויטער.

עס האָבן די ביימער צעשאָקלט די צווייגן,
ווי אין מורא דאָס אַלעס, אין־זיך צו פאַרשווייגן.

געשריגן, גערופן, ווי מיט אַ מענטשלעכן לשון:
— זייט עדות, ווי ס'ווערט דאָ אַ לעבן פאַרלאָשן.

ווי הינדעלעך קליינע אין די הילצערנע שטייגן,
די קעפּלעך אין ציטער זיי האָבן געבויגן.

די הינערשע בליקן — צו די קינדערשע בליקן,
אין פייכטלעכער ערד, גענומען דערשטיקן.

נאָר די העזעלעך ווייסע מיט די לענגלעכע אויערן,
נישט האָבן געוווסט ווי אַרומעט צו טרויערן...

אַז זיי זענען אין אימה אַרויס פון די שטיבער,
צום לעצטן מאָל אַרויס פון דער היים פון דער ליבער,

די בעטעלעך שטומע זיי האָבן געשוויגן,
דאָס שפּילוואַרג, ווי טויטע זיי זענען געליגן.

די טישלעך, די שטולן, די בענקעלעך קליינע,
זיי האָבן געוואָלט — נישט געקענט זיך אויסוויינען...

ווען זיי זענען אַדורך די דראָטענע פלויטן,
געגאַנגען דעם וועג, וואָס פירט זיי צום טויטן.

באַוואַכטע פון דייטשן מיט ביקסן געגרייטע, —
האָבן זיי זיך געטוליעט איינער צום צווייטן.

די עלטערע האָבן דאָס קליינוואַרג געוואַרעמט,
געקושט און געהאַלדזט ווי אַן אייגענע מאַמע — — —

אַז זיי זענען אַריין אינעם טונקעלן וועלדל,
האָט די זון שוין אין הימל ווי פון ערגעץ אַ שפּעלטל,

געבליקט אויף די קינדער, געבליקט אויף די דייטשן,
וואָס האָבן די ביקסן צום שיסן געגרייט שוין.

מיט רוצחישער קאַלטקייט געקלאַפּט אויף די צינגלעד,
פון אַלע פיר זייטן, די קינדער גערינגלט. — — —

אַז ס'זענען די ערשטע געשאָסן געפאַלן,
האָט האַסטיק די נאַכט שוין גענומען צופאַלן.

בלויז די קאַלטע לבנה, ווי אַ פּנים מיט קנייטשן,
האָט בייז און דערצאָרנט געוואָרנט די דייטשן...

בערנאַרד גאָלדשטיין, י. בראָמבערג, יעקב פּאַט

דער באַוואָפנטער אָנפאַל פון די קאָמוניסטן אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

א.

...אַרויסשיקן זיין קינד אין דער סאַנאַטאָריע איז פאַר אַ יידישן אַרבעטער געווען אַ גליק. אַז אַ קינד איז איין מאָל געווען אין דער סאַנאַטאָריע, איז עס פאַר אים געווען אַן איבערלעבונג, נישט צו פאַרגעסן. און דאָך —

אויף דאָס אינזעלע פון פרייד, שיינקייט און אומשולדיקן קינדערשן גליק האָבן די קאָמוניסטן אַטאַקירט.

ווי אַזוי איז געקומען צו דעם?

די סאַנאַטאָריע האָט געהאַט אַ גרויסן פּערסאָנאַל — אַ מעדיצינישן, אַ פּעדאַגאָגישן און אַ טעכנישן (דאָס זענען די באַשעפטיקטע אין קיך,ביים רוימען, ביים האַלטן אין אָרדענונג דעם גאַנצן שטח אאַז״וו). אַ טייל פון טעכנישן פּערסאָנאַל האָט געהערט צום פאַראיין פון הויז־דינערשאַפט אין וואַרשע, וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין צענטראַל־ראַט, אַ טייל האָט געהערט צום פאַראיין פון די אָנגעשטעלטע אין פּענסיאָנאַטן אויף דער אָטוואָצקער ליניע, וואָס האָט געהאַט זיין זיצאָרט אין אָטוואָצק, און וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער קאָמוניסטישער פירונג.

סוף 1930 האָבן טייל אָנגעשטעלטע, וואָס האָבן געהערט צום קאָמוניסטישן פאַראיין, אַרויסגערוקט פאַרשידענע פּרעטענזיעס צו דער אינסטיטוציע. אַ שטייגער: איין מאָל האָט די פאַרוואַלטערין פון דער קיך זיך עפּעס צעווערטלט מיט אַן אָנגעשטעלטער, ווי עס מאַכט זיך אַ מאָל ביי דער אַרבעט, האָט דער קאָמוניסטישער פאַראיין געמאַכט דערפון אַ גאַנצן ווען און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויפרוף צו די עלטערן, זיי זאָלן אָפּנעמען זייערע קינדער פון דער סאַנאַטאָריע, און צו די קינדער האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ רוף, זיי זאָלן דערקלערן... אַ הונגער־שטרייק. אַזוי ווי אין יענער צייט פון „סאָציאַל־פאַשיזם״ און ווילדע שטרייקן איז מען געווען צוגעוווינט צו כלערליי קאָמוניסטישע ווילדקייטן, האָט מען אויף דעם קיין גרויס אַכט נישט געלייגט.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער קאָמוניסטישער פאַראיין פּלוצלונג אַרויסגעשטעלט עקאָנאָמישע פאָדערונגען צו דער פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע — פאָדערונגען משונהדיקע, וואָס עס איז גאָר אוממעגלעך געווען זיי נאָכצוגעבן. געטאָן האָבן זיי דאָס, ווי ס׳איז קלאָר געווען, נאָר כדי צו האָבן אַ תירוץ אויף אַרויסצורופן אוואַנטורעס אין דער סאַנאַטאָריע. די אָנגעשטעלטע אין דער סאַנאַטאָריע האָבן אגב

שוין געהאַט פון פריער בעסערע, אַ סך בעסערע באַדינגונגען, סיי אין לוין און סיי אין אַנדערע פּרטים, ווי די פּענסיאָנאַט־אַנגעשטעלטע אויף דער גאַנצער אַטוואַצקער ליניע. דאָך האָט די פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע נישט אָפּגעוואָרפן די פאָדע־רונגען, נאָר פאַרגעלייגט דעם פאַראיין איבערצוגעבן זיי צום אַרביטראַזש פון אַ העכערער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־אינסטאַנץ, למשל, דעם צענטראַל־ראַט, דעם לאַנד־ראַט, אָדער גאָר דער צענטראַל־קאָמיסיע פון די פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען — דער העכסטער אינסטאַנץ פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסן־פאַראיינען אין פּוילן — צו וועלכער אויך דער אַטוואַצקער קאָמוניסטישער פאַראיין האָט געהערט. אָבער דער אַטוואַצקער פאַראיין האָט וועגן דעם נישט געוואָלט הערן: מ׳מוז גלייך נאָכגעבן אַלע זייערע פאָדערונגען אָן דיסקוסיע. און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ווייטערדיקע אונטערהאַנדלונגען, האָבן זיי תיכף דערקלערט אַ שטרייק, אַראָפּגענומען פון דער אַרבעט דעם טייל פון פּערסאָנאַל, וואָס האָט געהערט צו זייער פאַראיין און באַלד אויפגעפאָדערט די רעשט פון טעכנישן פּערסאָנאַל, ער זאָל אויך צושטיין צום שטרייק און וואַרפן די אַרבעט. גלייך נאָך דעם זענען זיי געקומען מיט אַ פאָדערונג צום גאַנצן פּערסאָנאַל, נישט בלויז צום טעכנישן, נאָר אויך צום מעדיצינישן און פּעדאַגאָגישן, אַז אַלע זאָלן פאַרשטרייקן. פאַרשטייט זיך, אַז דער רעשט פּערסאָנאַל האָט וועגן אַזאַ זאַך אפילו נישט געוואָלט הערן.

האָבן די קאָמוניסטן דעמאָלט אָנגעהויבן רעפּרעסיעס קעגן דער סאַנאַטאָריע. זיי זענען אַוועק צום בעקער אין פאַלעניץ, וואָס האָט פאַרזאָרגט די סאַנאַטאָריע מיט געבעקס, און האָבן אים נישט געלאָזט צושטעלן דער סאַנאַטאָריע דאָס געבעקס. זיי האָבן דערציילט די עלטערן, אַז אין דער סאַנאַטאָריע גייט כלומרשט אָן אַ „שרעקלעכע עקספּלואַטאַציע פון פּערסאָנאַל" און דעריבער זאָלן זיי אַלס פּראָטעסט אָפּנעמען די קינדער פון דער סאַנאַטאָריע; זיי האָבן געסטראַשעט, אַז זיי וועלן בלאָקירן די גאַנצע סאַנאַטאָריע און נישט צולאָזן קיין שום פּראָדוקטן. ווען דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, האָבן זיי אָנגעווענדעט זייער אויסגעפּרוווטן מיטל — אַ באַוואָפנטן אָנפאַל.

דאָנערשטיק, דעם 12טן פעברואַר, 1931, אַרום צוויי אַ זייגער ביי טאָג, איז אַ באַנדע פון אַ 150 מאַן, יידן און קריסטן, פּלוצלונג באַפאַלן די מעדעם־סאַנאַטאָריע און געמאַכט אַ פּאָגראָם. זיי זענען אַריין אין דער עלעקטראָווניע און זי צעשעדיקט; זיי זענען אַריין אין קיך און גענומען ברעכן מכשירים און געפעס; זיי האָבן אַטאַקירט די מענטשן פון פּעדאַגאָגישן און מעדיצינישן פּערסאָנאַל; דער לערער מרדכי גילינסקי (באַטקע) האָט געקריגן מיט אַן אייזן איבערן קאָפּ; זיי האָבן אפילו נישט געשאַנעוועט קיין פרויען און האָבן צעשלאָגן די דאָקטאָרין ציבולסקי; זיי האָבן געבראָכן שויבן אין אַלע געביידעס און אפילו אין דער „איזאָלאַציע" (אַ קליין הייזל, ווו מען האָט געהאַלטן אין די בעטן קינדער מיט העכערער טעמפּעראַטור). אָבער דאָס אַלץ איז נאָך געווען ווייניק: זיי האָבן אויך געעפנט אַ ווילדע שיסעריי און אין עטלעכע צימערן זענען אַריינגעפאַלן אַ היפּש ביסל קוילן, אויך אין קלוב־צימער פון די קינדער. צום גליק זענען די קינדער שוין אַרויסגעפירט געוואָרן פון צימער און קיין קויל האָט קיינעם נישט געטראָפן.

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס פאַר אַ פּאַניק עס איז געוואָרן צווישן די

קינדער. נאָך אַ פּאָר מינוט האָט דער פּערסאָנאַל אָנגעהויבן קומען צו זיך פון דער צעטומלעניש. אַ טייל לערער און קראַנקן־שוועסטער האָבן געכאַפּט די קינדער און מיט זיי אַוועק אין די ווייטע ווינקלען, אַ צווייטער טייל האָט אָנגעהויבן שטעלן אַ ווידער־שטאַנד. דער פּאַרוואַלטער ברומבערג האָט זיך זייער מוטיק קעגנגעשטעלט דער קאָמוניסטישער חברה פּאַגראָמשטשיקעס. ווען מען האָט געוואָלט קלינגען קיין וואַרשע און מעלדן וועגן אָנפאַל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די באַנדע האָט אויך איבערגעשניטן די טעלעפאָן־דראָטן. האָט ברומבערג דורך אַ הינטערוועג אַרויסגעשיקט עמעצן פון פּערסאָנאַל צו טעלעפאָנירן צו אונדז, קיין וואַרשע, וועגן דעם וואָס די קאָמוניסטן האָבן אָפּגעטאָן.

ווי נאָר מיר האָבן געקריגן די ידיעה בין איך תיכף אַוועק אין דער סאַנאַטאָריע מיט אַ גרופּע מיליציאָנערן און אַ טייל עלטערן, וואָס מען האָט געקענט אויף גיך צונויפּברענגען. אין אַ קנאַפּער שעה צייט זענען מיר געווען אויפן אָרט. די קאָמוניסטן זענען שוין געהאַט אַוועק. מיר האָבן זיך באַראַטן וואָס צו טאָן און מיר האָבן באַשלאָסן אַז אַ גרופּע אָרדענער זאָל פאַרבלייבן אַ געוויסע צייט אין סאַנאַטאָריע. קודם־כל איז געווען די סכנה, אַז די קאָמוניסטן וועלן איבערחזרן די אָנפאַלן און אפשר זיי נאָך פאַרשטאַרקן. צווייטנס — האָט מען געמוזט אַרויסהעלפן דעם טעכנישן פּערסאָנאַל, ווייל טייל (די קאָמוניסטן) האָבן דאָך געשטרייקט. מיר האָבן אויסגערעכנט, אַז מיר דאַרפן האָבן טעלעכע צענדליק מאַן. מיר האָבן זיי צעטיילט אַזוי: אַ טייל האָט געהיט די סאַנאַטאָריע פון דרויסן, כדי נישט צו דערלאָזן צו קיין נייעם קאָמוניסטישן אָנפאַל; אַ טייל האָט געהאָלפן ביי דער אַרבעט אין דער קיך און ביי אַנדערע טעכנישע אַרבעטן; אַ טייל האָט געהיט פון אינעווייניק (די קאָמוניסטן האָבן זיך דאָך געקאָנט אַריינקריגן אין דער סאַנאַטאָריע דורך אַ הינטערוועג). דאָס באַשעפטיקן די אָרדענער ביי דער קיך, ביים רוימען אאַז״וו האָט געהאַט נאָך אַ צוועק: מיר האָבן געוואָלט, אַז די אָרדענער זאָלן זיך נישט אַרומדרייען ליידיק, אַז זיי זאָלן זיין אַ גאַנצן טאָג באַשעפטיקט ביי עפּעס. די שווערסטע זאַך איז געווען די נאַכט־וואַך. ס׳איז דעמאָלט געווען אין די קאַלטסטע צייטן פון ווינטער — פעברואַר. אַ גאַנצע נאַכט האָט מען געמוזט האַלטן וואַך פאַרן טויער און איבערן גאַנצן שטח פון דער סאַנאַטאָריע. די וואַכן האָבן זיך געטוישט יעדע צווי שעה; ווען עס איז געווען אַ ספּעציעל קאַלטע נאַכט, האָט מען זיי געטוישט יעדע שעה.

אַחוץ דער אַרבעט פון היטן די סאַנאַטאָריע און העלפן ביי דער טעכנישער אַרבעט, האָבן די אָרדענער אויך געבראַכט אַלע פּראָדוקטן פון שטעטל פאַלעניץ אין דער סאַנאַטאָריע אַריין. ווען עמעצער פון פּערסאָנאַל פון דער סאַנאַטאָריע האָט געדאַרפט גיין אין שטעטל, האָבן מיר אים מיטגעגעבן אַ וואַך פון אָרדענער. אָבער ווען עמעצער פון אונדז האָט געדאַרפט קומען צו פאָרן אין דער סאַנאַטאָריע, איך צי אַן אַנדערער, זענען מיר אַראָפּגעגאַנגען ביי דער סטאַציע פאַלעניץ (מען האָט אויך געקענט אַראָפּגיין ביי דער סטאַציע מיעדזעשין), דעמאָנסטראַטיוו אַדורכגעגאַנגען דאָס שטעטל און דורכן שטעטל צוגעגאַנגען צו דער סאַנאַטאָריע. דאָס האָבן מיר געטאָן בכיוון, כדי צו ווייזן די קאָמוניסטן, אַז מיר האָבן נישט קיין מורא אַדורכצוגיין דורך זייער „פעסטונג״ (פאַלעניץ איז דעמאָלט געווען זייערע אַ פעסטונג). בלויז איין מאָל

האָבן זיי נאָכגעשאָסן ברומבערגן, אָבער זיי האָבן אים נישט געטראָפן. מיר האָבן נישט געמאַכט דערפון קיין ווענז, ווייל מיר האָבן נישט געוואָלט צעפלאַקערן דעם קאָנפליקט אויף דאָס ניי.

די קאָמוניסטן פון זייער זייט האָבן אויך נישט געשוויגן. זיי האָבן אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס קעגן דער סאַנאַטאָריע. זיי זענען געקומען פאַר דער סאַנאַטאָריע, האָבן געליאַרעמט, געזידלט, געשריגן, אָבער האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטנס. נאָענט צו דער סאַנאַטאָריע זענען זיי שוין מער נישט צוגעקומען.

די ידיעה וועגן דעם איבערפאַל און שיסעריי אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט טיף דערשיטערט די ברייטסטע יידישע אַרבעטער־מאַסן: באַפאַלן אַ קינדער־סאַנאַטאָריע און שיסן אויף איר? — באַדראָען דאָס לעבן פון אומשולדיקע קינדער, אָדער גאָר ביז טויט זיי איבערשרעקן? — הונדערטער אַרבעטער פון וואַרשע האָבן געוואָלט פאָרן קיין פאַלעניץ און פשוט דורס זיין די קאָמוניסטן. די פּאַרטיי האָט נישט דערלאָזט דערצו. מיר האָבן געוואָלט אויסמיידן אַ פאַרשאַרפונג פון קאָנפליקט און נייע שיסערייען.

די גרופּע מיליציאַנערן איז פאַרבליבן אין דער סאַנאַטאָריע מער ווי צוויי וואָכן. נאָך די ערשטע טעג, ווען די סיטואַציע אַרום איז געוואָרן רויקער, בין איך אַוועק פון דער סאַנאַטאָריע, אָבער איך בין יעדן טאָג צוגעקומען אויף עטלעכע שעה. אין אָנהויב זענען אין דער סאַנאַטאָריע געווען אַ צוויי צענדליק מיליציאַנערן, ביסלעכווייז האָבן מיר די צאָל פאַרקלענערט, ביז עס האָט זיך אַלץ אַרום באַרויקט.

בערנאַרד גאָלדשטיין

(פון זיין בוך „20 יאָר אין וואַרשעווער בונד")

ב.

דאָס איז פאָרגעקומען דעם 12טן פעברואַר 1931. אַ באַנדע צעיושעטע מענטשן, אונטער דער אָנפירונג פון קאָמוניסטישע טוער, קנאַפּע 200 פערזאָן אין צאָל, באַוואָפנטע מיט העק, מעסערס און רעוואָלווערן, זענען באַפאַלן די באַרימטע מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַר קינדער אין מיעדזעשין, נעבן וואַרשע.

דאָס איז געווען די צייט, ווען די קאָמוניסטן האָבן געשפּאָלטן די אַרבעטער־פאַראיינען: עס איז געווען אין יענער צייט, ווען זיי האָבן באַשלאָסן צו ווערן די איינציקע באַלעבאַטים אויף דער יידישער און פּוילישער אַרבעטער־גאַס, מעג עס זיין פאַרן פּרייז פון געפערלעכסטן טעראָר...

דאָס זענען געווען די צייטן, ווען אַ גאַנצע ריי פון די טוער פון נישט־קאָמוניסטישע פאַראיינען זענען געשטאָכן געוואָרן מיט מעסערס, געשאָסן געוואָרן פון רעוואָלווערן. אַנדערע פון זיי זענען דערשאָסן געוואָרן אויף טויט, אַנדערע האָבן באַצאָלט מיט שווערע וווּנדן.

דעם 12טן פעברואַר איז פאָרגעקומען דער טרויעריק־באַרימטער איבערפאַל אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

הונדערטער שויבן פון די פענצטער זענען צעבראָכן געוואָרן. די עלעקטרישע

סטאַציע, די וואַסער־לייטונג, די קיך־איינריכטונג, אַ גאַנצע ריי צימערן זענען פולשטענדיק רויִנירט געוואָרן... עס איז געווען אַן אמתער פּאָגראָם.

אָבער נישט נאָר דאָס: מען האָט כסדר אַריינגעשאָסן אין די צימערן, ווו עס האָבן זיך געפונען קינדער מיט זייערע לערער. אין דער איזאָלאַציע (אַן אָפּטיילונג פאַר שווער־קראַנקע קינדער) האָט די קראַנקן־שוועסטער פאַרדעקט מיט איר קערפּער אַ קינד, אין וועלכן מען האָט געשאָסן... ווען די דאָקטאָרין פון דער סאַנאַטאָריע מיט איינעם פון די לערער האָבן דערזען, אַז עס זענען אומפאַרמיידלעך קינדער־קרבנות, זענען זיי אַרויס פון דער הויפּט־געביידע מיט אַן אַפּעל צו דער „העלדישער״ גוואַרדיע אויפצוהערן שיסן אין די קינדער, זענען זיי ביידע מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן מיט אייזערנע פרענטעס.

קיין גרויסע העלדישקייט האָבן די באַפאַלער נישט אַרויסגעוויזן. אַדאַנק דעם ווידערשטאַנד פון צוויי (בוכשטעבלעך צוויי!) חברים, וועלכע זענען געווען געצוווּנגען אויף געווער צו ענטפערן מיט געווער, זענען זיך די קנאַפּע 200 מענטשן צעלאָפן, מיטנעמענדיק מיט זיך צוויי פאַרווּנדעטע.

אין אָוונט, שעהען נאָכן איבערפאַל, איז אָנגעקומען די פּאָליציי און האָט גלייך אָנגעהויבן צו פאָרשן. עס איז איר געגאַנגען אין לעבן צו קאָנסטאַטירן אָפיציעל, אַז דער איבערפאַל איז געמאַכט געוואָרן דורך די קאָמוניסטן, כדי צו קענען געניסן פון דעם פאַקט פאַר אירע צילן.

אמת, זייטיקן, נישט קיין דירעקטן מאַטעריאַל האָבן זיי פאַרמאָגט גענוג: הונדער־טער אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען איבערן גאַנצן לאַנד האָבן מיט דער גרעסטער פאַרבי־טערונג פאַרדאַמט די דאָזיקע אַקציע. דער פּאָליציי איז אָבער געגאַנגען אין דעם, אַז די עדות פון דעם איבערפאַל, מיטאַרבעטער פון דער סאַנאַטאָריע, זאָלן עס אָפיציעל באַשטעטיקן, אָדער, לכל הפּחות, דערקענען די מענטשן, וועלכע זענען דאָך געווען טוער און פירער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג.

דאָ און דאָרטן האָבן זיך געהערט שטימען אין אונדזערע רייען, אַז מיט פאַרברעכער וועלכע דערלויבן זיך צו שיסן אין קינדער, דאַרף מען זיך נישט שפּילן אין איבעריקער העפלעכקייט. מען דאַרף און מען מוז אָנרופן זיי ביים נאָמען, ווייל סיי ווי — קיין אָרט אין די אַרבעטער־רייען קאָנען אַזעלכע פאַרשוינען נישט האָבן.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון געריכט. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט קנאַפּע 20 מענטשן (טאַקע אָנטיילנעמער אין דעם איבערפאַל). אָבער קיין פאַקטישע, קיין יורידישע באַווייזן זענען קעגן זיי נישט געווען.

אין דער דירה פון חבר הענריק ערליך איז דאַן פאַרגעקומען אַ באַראַטונג, וועלכע האָט געדאַרפט דעצידירן אונדזער האַלטונג ביי די געריכט־פאַרהאַנדלונגען. אונדזערע חברים, ווי דערמאָנט, האָבן פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז מען דאַרף און מען מוז אָנווייזן אויף די שולדיקע און זאָלן זיי, די קינדער־מערדער, באַקומען זייער שטראָף.

חבר ערליך איז די גאַנצע צייט געזעסן און מיט זיין שטענדיקער אויפמערקזאַמער רויִקייט אויסגעהערט אַלע מיינונגען, קיינעם נישט איבעררייסנדיק, אָן נערוועזיטעט, מיט זיין שטענדיקער אַכטונג, אמתער אַכטונג צו אַ פרעמדן געדאַנק, צו אַ פרעמדער מיינונג.

לסוף האָט ער גענומען דאָס וואָרט, זיך שאַרף און קאַטעגאָריש אַרויסזאָגנדיק פאַר דעם, אַז מיר טאָרן נישט וואָגן אַפילו אַנצוווייזן, אָדער דערקענען ווען עס זאָל נישט זיין.

ער האָט פאַרטיידיקט דעם געדאַנק, אַז אין דעם ברודער־מאָרד, וועלכן די קאָמוניסטן האָבן איינגעפירט אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס, טאָרן מיר דעם דריטן צד קיין וועג פון אינטערוועניץ נישט עפענען.

וועגן דער מאַסע פון באַפאַלער האָט ער גערעדט ווי וועגן אַ פאַרבלענדעטער, אָפּגעגאַרטער און פאַרפירטער מאַסע, וועלכע ווייסט נישט און פאַרשטייט נישט, וואָס זי טוט. אונטער דער ווירקונג און השפעה פון זייערע פירער, האָבן זיי עס געטאָן, אָבער זיי האָבן נישט אָפּגעגעבן זיך קיין דין וחשבון, נישט פאַרשטאַנען, וואָס זיי טוען און ווען עס ברענגט נוצן אַזעלכע זאַכן.

חבר ערליך האָט אַלעמען איבערצייגט. איינשטימיק איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מיר רעדן וועגן די באַפאַלער אַנאָנים: מיר ווייסן נישט ווער און פאַר וואָס זיי האָבן דאָס געטאָן. מיר דערקענען נישט קיינעם. מיר ווייסן גאָרנישט...

ווי שווער איז עס געווען צו פאַרטיידיקן דעם שטאַנדפּונקט אויפן געריכט, אַז איבעריק צו דערמאָנען: דער גאַנצער געריכט האָט קיין איין רגע נישט געצווייפלט, אַז מיר ווייסן! און ווי פאַרשידן איז געווען די האַלטונג פון אונדזערע עדות און פון די באַשולדיקטע, צוזאַמען מיט זייערע אַדוואָקאַטן: זיי האָבן אויסגענוצט דעם פאָרום, כדי צו וואַרפן אויפן „בונד" די ערגסטע, מיאוסטע, שענדלעכסטע און געמיינסטע באַשולדיקונגען. זיי האָבן יאָ אויסגענוצט דעם פאָרום פון דעם דריטן צד, כדי צו וואַרפן די געמיינסטע אינסינואַציעס אויפן „בונד" און זיינע פירער.

דאָס געריכט האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן טאָג. אין רעזולטאַט איז דער ווייט־גרעסטער טייל פולשטענדיק באַפרייט געוואָרן פון יעדער שטראָף. עטלעכע האָבן באַקומען צו 6 חדשים תפיסה, וועלכע איז זיי גלייך אויפן אָרט געשאַנקען געוואָרן, אַזוי אַז אַלע אָן אויסנאַם באַשולדיקטע זענען נאָך דעם זעלביקן אָוונט אַרויס פריי.

י. ברומבערג

(„דער וועקער", אַפּריל 1931, געקירצט)

ג.

די צוויי גרויסע געביידעס שטייען שטיל, קיין קינדער זעט מען נישט אויפן הויף. די עלעקטרישע מאַשין איז קאַליע, און צוויי אַרבעטער פלומפּען וואַסער מיט די הענט.

איך שטיי לאַנג ביי די קיך־פענצטער. טייל שויבן זענען אויסגעהאַקט. טייל דורכגעשאָסן. איך צייל די שויבן, וואָס זענען דורכגעשאָסן מיט רעוואָלווער־קוילן, צוויי קוילן אין די ווענט.

דאָס איז פון איין זייט קיך. פון דער צווייטער זייט דאָס זעלביקע בילד. אויסגע־האַקטע שויבן און דורכגעשאָסענע. אַרום און אַרום וואַלגערט זיך גלאָז, שטיקער האָלץ, צעבראָכענע ציגל. אַ טירל איז אָפן. איך קוק אַריין, דאָרט איז אַ באַרג מיט צעבראָכענע טעלער, גלעזער, טעפּלעך.

און צווישן צעבראָכענעם גלאָזוואַרג וואַלגערן זיך אויך צוויי פלעשלעך רפואות. אויך צעבראָכענע. איין פלעשל אַ גרויס, דאָס צווייטע — אַ רויטלעכס.

איך גיי צו דער גרויסער, נייער געביידע. די אויסגעהאַקטע פענצטער שרייען, פּראָטעסטירן קעגן די שאַנד־מעשים...

באַלד ביי דער טיר — צוויי סימנים פון צוויי קוילן. כ׳גיי ווייטער — איין קויל אין אַ פענצטער, אַ צווייטע, אַ דריטע, אַ פערטע. איך צייל אויף פינף. אונטער די פענצטער זענען די אַפּרו־ און שפּיל־פּלעצער פון די קינדער. דאָ האָט מען געשאָסן.

— ווו זענען געווען די קינדער ?... — קען איך זיך נישט איינהאַלטן.

— גליקלעכערווייז — אויפן צווייטן שטאָק...

*

שוידערלעך איז צו שטיין אונטער די פענצטער פון די איזאָלאַציע־צימערן.

דריי קראַנקע קינדער האָבן זיך בעתן אָנפאַל געפונען אין אָט די צימערן. בין איך געשטאַנען אין דרויסן, אונטער די פענצטער און געציילט: פינף און דרייסיק אויסגעהאַקטע שויבן!

אין צוויי שויבן — קוילן־לעכער.

דער הויף־וועכטער האָט נישט געקאָנט צוזען די קינדער־סכנה, איז ער געלאָפן, אונטער די קוילן, און צוגעקלאַפּט די לאָדנס. האַרט ביים לאָדן, ווו דער וועכטער איז געשטאַנען, האָט אַריינגעהאַקט אַ קויל. אַ נס, וואָס אים נישט געטראָפן.

און צוויי פון די געוועזענע דינערינס זענען געשטאַנען אונטער די איזאָלאַציע־פענצטער און אָנגעוויזן די רוצחים:

— אָט דאָ זענען זיי, אָט דאָ האָקט. דערלאַנגט...

איך בין אין וועכטער־שטיבל. עס איז פולשטענדיק פּאָגראָמירט. די ראַמען פון די פענצטער צעבראָכן. דאָס מעבל צעבראָכן. אויף דער פּאָדלאָגע — אַ באַרג גלאָז. איך האָב שוין אַזאַ דירה אַ מאָל געזען, דאָס איז געווען אין 1906, — נאָך אַ צאַרישן פּאָגראָם.

אין איזאָלאַציע־צימער

— יאָך האָב געזען, ווי זיי זענען געלאָפן און געשאָסן...

— ווער, רבקהלע ?...

— די קאָמוניסטן...

דאָס דערציילט מיר אַ קליין מיידעלע, רבקהלע ראָזענבערג, וואָס ליגט אין איזאָלירטן צימער, ווייל זי איז קראַנק. דאָס קינד איז שיין, אַז איך קען נישט אַוועק־נעמען די אויגן. אַ דאַרינקע, מיט אַ פּאָר פרישע, גלי׳ענדיקע, טונקעלע פלוימען אין די אויגן. זי ליגט איינגעטוליעט אין דער ווייסער דעקע און דערציילט:

— יאָך האָב זיך אַזוי געשראָקן, ווען זיי זענען געלאָפן צו מיין פענצטער... זיי האָבן געמאַכט טראָך... טראָך...

קעגנאיבער איר אין אַ צווייט בעטל ליגט נאָך אַ קינד, ביגעלמייער. דאָס געזיכט ביי דעם קינד פלאַמט און די אויגן קוקן שטיל און פריינטלעך. די ערשטע — רבקהלע — ווייזט מיר אויף דער צווייטער, אויף דער ביגעלמייער:

— זי איז געווען אַ העלדין...

זי, די ביגעלמייער, איז געווען די גאַנצע באַשיצערין. זי איז מיט איר, מיט רבקהלען, געלאָפן פון איין צימער אין צווייטן.

— מען האָט אַ גאַנצע נאַכט נישט געקאָנט שלאָפן — זאָגט די ביגעלמייער — איך האָב געמיינט נאַר, אַז מען שיסט...

די דריטע — אין אַ צווייטן צימער — ליגט ברכה אייגער. נישט לאַנג נאָך אַ בלוט-שטורץ. קוים וואָס זי אָטעמט. פיר און צוואַנציק שעה אין מעת־לעת געפינט זיך נעבן איר די קראַנקן-שוועסטער.

— איך האָב אַזאַ עגמת נפש... — זאָגט זי.

— פאַרוואָס ?...

— צוליב דער דאָקטאָרין, מען האָט זי צעשלאָגן, אונדזער דאָקטאָרין...

אָט די דריי קראַנקע קינדער האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין קלאָזעט, זיך פאַרשלאָסן, צונויפגעטוליעט זיך און געהערט, ווי אין זייערע צימערן זענען געפלויגן קוילן, שטיינער, שטעקנס...

דער יונגער לערער באַטקע־גילינסקי

דער יונגער לערער באַטקע-גילינסקי ליגט צו בעט. דער קאָפּ פאַרבאַנדאַזשירט, דאָס לינקע אויג אַרומגעבונדן, אַ פוס פאַרבאַנדאַזשירט.

— וואָס מאַכט איר, חבר גילינסקי ?

— אַ גרוס אייך פון אַלע חברים...

— אַ דאַנק, בלינד בין איך נישט געוואָרן, מען וועט זיך פון בעט אַרויסשלעפּן...

געווען איז מיט אים אַזוי : די קינדער האָבן פאַרענדיקט מיטאָג עסן און זיך געקליבן גיין אויף די טעראַסעס רוען. די קינדער זענען געווען אויפן הויף, ווו ס'איז אָנגעלאָפן די כמאַרע פאַגראָמשטשיקעס פון אַלע זייטן און געשאָסן נאָך לויפנדיק איבערן פעלד צו דער סאַנאַטאָריע.

איז דער לערער גילינסקי אַרויסגעלאָפן אויפן הויף, צו די קינדער. ער האָט באַוויזן צונויפיאָגן אַלע קינדער, ווי די הינער, און זיי אַרויפגעכאַפּט אַלע צוזאַמען אויפן צווייטן שטאָק. ער האָט געזען דורכן פענצטער, אַז די באַנדע האָקט שוין די שויבן, לויפט אַרום מיט אייזן-שטאַבעס, רייסט זיך אַריין אינעווייניק. באַלד וועלן זיי שוין זיין צווישן די קינדער. איז ער אַראָפּ פון די טרעפּ, געשטעלט זיך ביי דער דרויסנדיקער טיר, נעבן אים איז אויך געווען די דאָקטאָרין ציבולסקאַ אין ווייסן דאָקטאָר־כאַלאַט — זיי וועלן ביידע נישט אַריינלאָזן אינעווייניק. די באַנדע איז צוגעלאָפן. האָט לערער גילינסקי געטאָן אַ וואָרף אַראָפּ פון זיך דאָס רעקל, אויפגעהויבן די הענט אין דער הויך :

— איך בין אומבאַוואָפנט, איר ווילט, שיסט מיך !... נאָר גייט נישט אַהער צו ד קינדער !...

ער האָט נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן און ער האָט באַקומען מיט אַן אייזערנער הענטשקע איבערן געזיכט, מיט אַן אייזן־שטאַבע איבער די פיס און איז אומגעפאַלן אַ פאַרבלוטיקטער. און די יונגען האָבן זיך אַריינגעריסן אינעווייניק.

— איך פֿאַרשטיי עס נישט... איך פֿאַרשטיי נישט... — וווּנדערט זיך די דאָק־טאָרין — אַפּילוּ אין אַ מלחמה רירט מען נישט דעם דאָקטאָר...

מיט איר איז פֿאַרגעקומען דאָס זעלביקע, וואָס מיט דעם לערער גילינסקי. זי איז געווען אויף דעם זעלביקן פּלאַץ. זי איז פֿון דער באַנדע אָוועקגעשלײדערט געוואָרן אָן אַ זייט און דערביי באַקומען מיט אַ פּרענט איבער די פּיס און מער ווייס זי נישט, וואָס מיט איר איז געווען.

דער טעלעפֿאָן איז געוואָרן איבערגעריסן נאָך פֿון פֿריער. מען האָט זיך אַריינ־געריסן אין דער עלעקטראָווניע, און מיט דרענגער גענומען דערלאַנגען איבערן מאַטאָר. אַריינגעריסן זיך אין דער גרויסער קינדער־געביידע.

אַנדערע האָבן זיך געלאָזן צו אַנדערע טיילן פֿון דער סאַנאַטאָריע — צו די שפּיל־צימערן, צו די איזאָלאַציע־צימערן, מען האָט געבראָכן די שויבן, די טירן, דאָס וועכטער־שטיבל...

דער פֿאַרוואַלטער, חבר ברומבערג, וואָס איז נישט געווען ביים אָנהויב אין סאַנאַטאָריע, האָט זיך דורכגעריסן דורך אַ מענגע פֿאַגראָמשטשיקעס, וואָס זענען געלאָפֿן אים אַנטקעגן מיט אייזנס, שטעקנס, די פֿאַדערשטע, האָבן מיט רעוואָלווער[illegible] געשאָסן, און צום גליק אים נישט געטראָפֿן. ער האָט זיך דורכגעריסן צו דער סאַנאַטאָריע. ער און דריי חברים פֿון דער דינערשאַפֿט — אַרום און אַרום פֿיר מענער — האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט אַ כאַפּטע פֿון 150 פֿאַגראָמשטשיקעס.

— איך האָב נאָר באַוויזן אַ בליק טאָן אויפֿן הויף און דערזען דאָס בילד, דעם רעוואָלווער־געיעג נאָך דעם חבר ברומבערג, בין איך געווען זיכער, אַז ער ליגט שוין טויט ערגעץ אויפֿן הויף... — דערציילט די דאָקטאָרין.

די פֿיר חברים האָבן אַרויסגעוויזן אמתע העלדישקייט. זיי האָבן זיך געוואָרפֿן אויף אַלע פֿיר זייטן און געיאָגט די פֿאַגראָמשטשיקעס.

די אָנפֿאַלער, וואָס האָבן זיך שוין געפֿונען אין געביידע, האָבן דערהערט די העפֿטיקע שיסעריי פֿון הויף, האָבן זיי זיך דערשראָקן און גענומען אַנטלויפֿן. די פֿיר חברים האָבן געיאָגט, געטריבן זיי פֿון הויף. די פֿאַגראָמשטשיקעס האָבן נישט געוווּסט, וויפֿל מאָן עס יאָגן זיך נאָך זיי, זיי האָבן נאָר געזען, אַז מען יאָגט זיי פֿון אַלע זייטן, האָבן זיי זיך גענומען אָפּטראָגן.

— אָט דיך זוכן מיר!... — איז געלאָפֿן איינער מיט זיין רעוואָלווער גלייך אויפֿן חבר ברומבערג. דאָס האָט באַמערקט אַ צווייטער חבר פֿון דער באַדינונג און געאײלט צו הילף.

אַרויפֿצו אויפֿן פֿעלד האָבן זיי זיך אָנגעהויבן ווידער קלויבן. מען האָט אָנגעהויבן אָנקומען צו זיי מיט וועגעלעך, מיט שליטלעך: פֿאַרשטאַרקונגען. זיי האָבן זיך געקליבן אויף אַ צווייטן אָנפֿאַל. אויפֿן סאַנאַטאָריע־הויף, ביי די פֿאַרקאַנעס, זענען געווען נאָר די פֿיר דערמאָנטע חברים.

דערווייל האָט שוין פֿאַלעניץ געוווּסט פֿון פֿאָגראָם.

ווען דער באַנדיטן־עולם האָט זיך געקליבן אויפֿן פֿעלד און זיך אָרגאַניזירט צום אָנפֿאַל, איז אָנגעפֿאָרן אַ שליטן מיט צוויי פֿאָליציאַנטן. בוכשטעבלעך: צוויי פֿאָלי־ציאַנטן. די מחנה האָט זיך דערשראָקן, אָנגעהויבן אַנטלויפֿן. די פֿאָליציאַנטן זענען

אַראָפּ פון שליטן און אָנגעהויבן זיי נאָכיאָגן און שיסן. איינער איז געפאַלן פאַרווונדעט. האָט אים פּאָליציי אַרעסטירט.

ווען דער פּאָגראָם איז נאָך פאָרגעקומען און די סאַנאַטאָריע איז געווען אָפּגעשניטן פֿון דער וועלט, האָט די פּרעבליסטין, אַ יונגע דערציערין פון די ייִנגסטע קינדער, זיך איבערגעטון אין אַ קורץ קינדעריש קליידל, אין אַ קליינעם קינדערישן מאַנטל, מיט אַ קינדעריש היטל אויפן קאָפּ, איז אַריבערגעקראָכן איבערן פּאַרקאַן און געלאָפן קיין ראַדאָשטש, כדי פון דאָרט אָנזאָגן אין שטאָט, טעלעפאָניש, וואָס אין סאַנאַטאָריע קומט פאָר.

— אויפן וועג — דערציילט זי — איז געשטאַנען אויסגעשטעלט אַ וואַך, איך האָב געמוזט כסדר טוישן די ריכטונג.

ביז זי האָט קיין אַנדער עצה נישט געפונען, ווי צוגיין צו די וואַך־יונגען און כלומרשט קינדעריש זיך פרעגן:

— ווי אַזוי גייט מען קיין ראַדאָשטש ?...

אַזוי האָט זי זיך איבערן פעלד דערקליבן צו ראַדאָשטש און געקענט אָנזאָגן אין שטאָט, אַז די סאַנאַטאָריע ווערט פּאָגראָמירט.

*

פרייטיק פאַרנאַכט האָב איך פאַרלאָזט די סאַנאַטאָריע. אין שפּיל־צימער זענען געזעסן אַ צענדליק קינדער און מיט נאָדלען צונויפגעצויגן קראַנצן פון קאָרעלן. פון אַן אויבערשטן שטאָק האָב איך געהערט דאָס פלוידערן פֿון קינדער, אַ טויבן־וואָרקען, און אַ פרידלעך קלאַפּן פון לעפל און טעלער. ביי אַ טיש זענען געזעסן אַ פינף קינדער און געלייענט. פון קיך איז געגאַנגען אַ רויך — עס האָט זיך געהייצט און געקאָכט אויף אָונט־ברויט...

יעקב פּאַט

(„פאָלקסצייטונג״, 15 פעברואַר 1931, געקירצט)

אברהם זאַק

דעם אָנדענק פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין. א. זאַק האָט אין די יאָרן פאַרן חורבן אָפּגעדרוקט אין „מאָמענט" אַן אימפּרעסיע וועגן דער סאַנאַטאָריע א"נ „אין מלכות פון קינדער".

כ'געדענק אַ טאָג...

כ'געדענק אַ טאָג צעווישן סאָסנעס,
אין שניי־קיטלען פאַרהילט דאָס גרין:
אין קרייז פון זינגענדיקע קינדער
אין מעדעם־הויז פון מיעדזעשין.

די קינדער פון דער דזשיקע, סטאַווקע,
פון וואַרשעס אָרעמשאַפט געבראַכט —
אין מלכות מיעדזעשין דערוואַרעמט,
האָט זייער קינדער־לוסט דערוואַכט.

דערציערינס אין זויבער־ווייסן
אָט פירן אָן אַ קאַראַהאָד.
מיט לידער פריילעכע די קינדער
זיי דרייען זיך ווי אין אַ ראָד.

צעגלאַנצט די פנימלעך די בלאַסע,
פון אייגעלעך אַ פרייד עס קוועלט.
פאַרגעסן זיך פון קעלער־שטיבער,
פון דלות, הונגער און פון קעלט...

גילינסקי, ווי אַ גוטער טאַטע,
קלייבט נחת פונעם קינדער־כאָר.
אויך ער האַלט־מיט מיט זיי דעם ניגון,
גיט צייכנס ווי אַ דיריזשאָר...

כ'געדענק אַ טאָג צעווישן סאָסנעס,
אין קינדער־מלכות מיעדזעשין.
וו: יענע ווייסע היים? די קינדער?
ווהין פאַרטריבן זיי? וווהין?...

אין די קאָשמאַר־נעכט זע איך חורבות,
כ'זע אויסגעשטרעקטע קינדער־הענט...
עס האָבן רוצחים זיי פאַרטיליקט,
אין קרעמאַטאָריע זיי פאַרברענט — — —

ליובאַ קאַנטאָראָוויטש־גילינסקי

דער פילם „מיר קומען אָן"

מיט אַן ענטוזיאַסטישן כאָראַלן געזאַנג פון די קינדער „מיר קומען אָן פון שטאָט און דאָרף, מיט הערצער אויסגעבענקט נאָך ליכט" — הויבט זיך אָן דער פילם. אין גייסט פון בענקשאַפט נאָך אַ וועלט אַ פרייער, פון ליכט און שיינקייט, איז איינגעהילט דער קלאַנג־פילם, וואָס איז אין 1935־1936 געשאַפן געוואָרן מיט אַן אומגעהויער גרויסן קאָלעקטיוון אָנשטרענג פון ענערגיע און האָפענונגען.

דער פילם איז פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ מוטיקער אַרויסרוף צו דער ברייטער וועלט, אַ האָפענונג וועגן די רעכט פאַרן יידישן פאָלקס־ און אַרבעטער־קינד, ווי אַ באַשולדיקונג פאַר זיין שווערן גורל. דער פילם האָט בולט אַרויסגעבראַכט די סאָציאַלע באַדינגונגען פון קינדס סביבה, די אָרעמע יידישע גאַס — די אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער און נויט; די קעלער־ און בוידעם־שטיבלעך, אָבער אויך דאָס אומדערמידלעכע שטרעבן, גלויבן און קעמפן פאַר אַ פרייער וועלט, אַ וועלט פון ליכט, יושר און שיינקייט.

מיט גרויסע אָפּטימיסטישע האָפענונגען איז פאַרטראַכט און צוגעגרייט געוואָרן דער פילם: — קומען צו דער ברייטער וועלט מיט די דערציִונג־צילן, פרינציפּן און דערגרייכונגען פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין דער מוטער־שפּראַך — יידיש; ווייזן דעם פרייען דערציִונגס־גייסט פון די ציש"אָ־שולן; דעמאָנסטרירן פאַר דער יידישער, און נישט נאָר יידישער וועלט, די רייכע פּאָטענציעלע כוחות פון קינד און די שעפערישקייט פון זיין גייסט.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט אין איר קורצער 13־יאָריקער עקזיסטענץ געוווּנען דעם פולסטן צוטרוי און וואַרעמע ליבשאַפט פון די קינדער, זייערע עלטערן און דער גאַנצער יידישער פאָלקס־ און אַרבעטער־סביבה. טויזנטער קינדער האָבן פון איר גענאָסן, שעפעריש זיך דאָ אויסגעלעבט, ליב געקראָגן דעם אַרום: די קינדער, חברים, גרויס און קליין, געוואָרן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון דער חברישער קינדער־רעפּובליק, געזונט געוואָרן קערפּערלעך און גייסטיק, הנאה געהאַט פון דעם פולן שיינעם לעבן אין סאַנאַטאָריע.

דער פילם איז אַן ערלעכע, איבערצייגנדיקע אָפּשפּיגלונג פון דעם קינדס סביבה אין שטאָט און פון זיין פאַרברענגען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע פון דעם מאָמענט אָן, ווען עס קומט אָן ביז זיין פאַרלאָזן זי. עס אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אַ פריידיקע קינדער־וועלט פול מיט שעפערישקייט, מיט אַקטיוויטעטן, מיט ליבשאַפט און פאַר־

אַנטוואָרטלעך־אויסגעפּירטע פּליכטן, אָן צוואַנג, אָן שטראָף. דאָס שוואַכע, בלוט־אָרעמע, שטאָטישע קינד געפינט פרייד און צופרידנקייט אין וואַלד און גאָרטן, זאָרגט פאַר פייגל און קראָליקעס, באַטייליקט זיך אין אַלגעמיינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, לעבט זיך אויס אין פאַרווײלונגען. אַ שפע פון פאַרבאָרגענע נייגונגען און טאַלאַנטן געפינען אַ געזונטן און פולן אויסדרוק.

איך האָב איצט, פאַרן אָנשרייבן די זכרונות, דורכגעלויכטן דעם פילם, וואָס איז געשאַפן געוואָרן מיט 35 יאָר צוריק. כ'האָב געקוקט אויף די בילדער און אַזוי פיל איבערלעבונגען האָבן אויפגעוואַכט אין מיין האַרצן: קינדער, מיינע חברים לערער־דערציִער, די ווילע פון דער סאַנאַטאָריע, די אַלטע געביידע, די נייע, די טעראַסן. פאַר מיינע אויגן זענען דורכגעלאָפן יאָרן פון אונדזער גרויסער שעפערישער פאַרגאַנ־גענהייט. איך בין געווען אַן עדות פון די צוגרייטונגען צום פילם, אָנגעפירט פון מיין מאַן, שלמה גילינסקי; פון דער פיבערהאַפטער אַרבעט, אין וועלכער עס האָבן זיך באַטייליקט הונדערטער קינדער, „ציש"אָ"־פּעדאַגאָגן: די חברים ח. ש. קאַזדאַן, ש. מענדעלסאָן, י. פּאַט מיט דער שרייבערין וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ בראש. איך האָב צוגעזען דאָס שרייבן און דיסקוטירן דעם סצענאַר־טעקסט פון פילם; די לאַנגע באַגעגענישן און שמועסן מיטן טאַלאַנטפולן רעזשיסער אַלעקסאַנדער פאָרד. ער איז מיט גרויס אינטערעס און ענטוזיאַזם צוגעטראָטן צו דער אַרבעט, פאַרברענגט אין אַנשטאַלט לאַנגע וואָכן, איידער ער האָט אָנגעהויבן „דרייען" דעם פילם. ער האָט אָבסערווירט דאָס לעבן פון די קינדער אין פאַרשידענע ציַיטן פון טאָג, כדי אַרויס־צובאַקומען דאָס כאַראַקטעריסטישע, דאָס אוממיטלבאַרסטע פון דעם קינד און פון דעם דערציִערישן כאַראַקטער פון אַנשטאַלט. ער האָט זיך באַטייליקט אין פּעדאַגאָגישע זיצונגען, מיטגעמאַכט דעם טאָג מיט די קינדער און לערער. דערביי געהאַלטן זיך אַליין זייער פשוט, קיינער פון אונדז האָט נישט געפילט, אַז צווישן אונדז איז דאָ אַ פרעמדער מענטש.

דער פילם „מיר קומען אָן" איז געווען אַ קאָלעקטיווער אויפטו פון דער גאַנצער מעדעם־סאַנאַטאָריע־משפחה. אַלע, טאַקע אַלע, גרויס און קליין, האָבן אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו און אָריגינעלע איינפאַלן. מיט וויפל פרייד, מיט וויפל שעפערישקייט איז געווען אָנגעפולט דער טאָג אין סאַנאַטאָריע בעתן „דרייען" דעם פילם! מיט געזאַנג און געלעכטער האָט אָפּגעהילכט דער וואַלד, דער גאַנצער אַרום. וויפל חברישקייט און האַרמאָניש צוזאַמענשטרעבן צו דערגרייכן דאָס בעסטע, דאָס בולטסטע. ווי צעשטראַלט זענען געווען די קינדערשע פּנימער, ווען אַן עפּיזאָד איז געלונגען אויף דער טאַשמע. וויפל הומאָר, אייגנאַרטיקן פאַלקלאָר און וויץ האָבן די קינדער אַרויסגעוויזן?! נישט קיין געדונגענע „סטאַרן"־אַקטיאָרן האָבן זיך באַטייליקט אין דעם פילם. קינדער, לערער־דערציִער — אַלץ מיט אייגענע מיטלען דערגרייכט, אַפילו די מוזיק צום פילם האָט געשאַפן אונדזער לערער יאַנקל טראַופּיאַנסקי, און געזונגען האָבן די קינדער לידער פון אונדזער שול, פון דער סאַנאַטאָריע. ס'איז געווען אַ קאָלעקטיווער אויפטו.

אויף אַן איינדרוקספולן אופן ברענגט דער פילם אַרויס די דערציִערישע ווירקונג פון דעם גייסט פון דער סאַנאַטאָריע אויף די קינדער. דער עלעמענט פון די קינדער איז דאָך געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער און פאַרברענגט האָבן זיי אַ קורצע צייט —

ביז 4־5 חדשים, די מערסטע — אַפילו נישט אַזוי לאַנג. דער דאָמינירנדיקער עלעמענט זענען געווען קינדער פון אונדזערע יידישע שולן. עס זענען אָבער געשיקט געוואָרן קינדער פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט אויף פון אַנדערע סביבות. פאַר אַזעלכע קינדער איז דער גייסט פון דער סאַנאַטאָריע געווען זייער פרעמד, אַן אומבאַקאַנטע וועלט. ס'האָט אָבער גענומען אַ קורצע צייט, און די וואַרעמע, גוטע באַציִונג, די פרייהייט פון אַטמאָספער, האָט די קינדער דערנענטערט און זיי האָבן זיך גוט דערפילט אין דער נייער וועלט. אימעק, איינער פון די דריי הויפט־העלדן פון פילם, אַ צעשראָקענער חדר־ייִנגעלע, איז ביים אָנקומען אין סאַנאַטאָריע געווען פול מיט אומצוטרוי, אָבער שטופּנוויִז, מיט קינדערשער נייגעריקייט, האָט ער זיך צוגעפּאַסט צו זיין נייער היים און זי זייער ליב געקראָגן. אויף די „אימעקס" האָט די סאַנאַטאָריע געהאַט אַ גרויסע, לעבנסדויערנדיקע ווירקונג.

★

חבר גילינסקי האָט זיך לאַנגע יאָרן אַרומגעטראָגן מיט דער פילם־אידעע, איידער ער איז געקומען מיט דעם געוואָגטן פּלאַן צו דער פאַרוואַלטונג. שטופּנוויִז האָט ער געוווּנען אַנהענגער צווישן די פאַרוואַלטונג־מיטגלידער; מ'איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט מיט באַגרענעצטע פינאַנסיעלע מיטלען, אָבער מיט גרויסע השגות, מיט שוווּנג, מיט פלאַמיקן אָפּטימיזם. די צוגרייטונגען זענען געווען פאַרבונדן מיט ריזיקע פינאַנסיעלע קאָסטן, ווייט איבערגעשטיגן דעם פאַרויסגעזעענעם בודזשעט. גילינסקיס דעוויז אין געזעלשאַפטלעכן לעבן — מיר מוזן צופּאַסן אונדזער בודזשעט צו אונדזערע

די „אַלטע געביידע"

השגות, נישט פאַרקערט — איז ביים רעאַליזירן דעם פילם אַנגעווענדעט געוואָרן אין דער פולסטער מאָס. זיין ענטוזיאַזם האָט אים אונטערגעזאָגט, אַז די דערפאָלגרייכע דורכלויכטונג וועט געוויס דעקן אַלע דעפיציטן. מען איז געווען אַזוי זיכער אינעם דערפאָלג פון פילם, אַז מען האָט ביים איבערגעבן דעם פילם צו דער צענזור — גלייכצייטיק שוין אָפּגעדונגען צוויי קינאָ־זאַלן אין פאַרשידענע פונקטן פון וואַרשע, כדי צו באַווייזן דאָרט דעם פילם, און מ׳האָט געמאַכט אַלע צוגרייטונגען צו דער פרעמיערע.

ווי ביטער און פיינלעך איז געווען די אַנטוישונג — דער אָפּזאָג מצד דער רעאַקציאָנערער פוילישער צענזור צו באַווייזן דעם פילם אין דער עפנטלעכקייט, איז שווער צו באַשרייבן. ס׳איז געווען אַ דערשיטערנדיקער מאָראַלישער קלאַפּ. עס האָבן נישט געהאָלפן קיין שום פּראָטעסטן פון די דעמאָקראַטישע עלעמענטן פון דער פוילישער און יידישער געזעלשאַפט. דעם פילם האָט מען עפנטלעך נישט געטאָרט ווייזן. מען האָט אים יאָ געוויזן אין קליינע, נישט־אָפיציעלע זאַלן. טויזנטער מענטשן האָבן אים געזען, און זיי זענען אַוועק אונטערן שטאַרקן רושם. די פּרעסע האָט געשריבן. אָבער דער פילם איז נישט דערגאַנגען צו דער ברייטער עפנטלעכקייט. דער פינאַנ־סיעלער קראַך איז געווען אַ קאַטאַסטראָפאַלער.

זאָל דאָ מיט גרויס וואַרעמקייט און אָנערקענונג דערמאָנט ווערן חבר יצחק גיטערמאַן, איבערגעגעבענער מיטגליד פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג, איינער פון די דירעקטאָרן פון וואַרשעווער „דזשאָינט״. ער איז גלייך אַנטקעגנגעקומען מיט אַ גרעסערער סומע, כדי צו לינדערן דעם דעפיציט, די פינאַנסיעלע פאַרפליכטונגען, און

די „נייע געביידע״

אויך שפּעטער האָט ער אַרויסגעוויזן זייער אַ סך פאַרשטענדעניש אין אַרויסהעלפן אין דער שווערער פינאַנסיעלער לאַגע.

די שטימונג פון אונדזער גאַנצן עולם איז געווען אַ געפאַלענע. דער איינציקער, וואָס האָט אונדז אַלעמען געטרייסט, איז געווען חבר גילינסקי. ער האָט אונדז אַלעמען ממש איבערראַשט מיט זיין האַלטן זיך. געקומען צו אַ מיטינג פון פּעדאַגאָגישן ראַט און געמאַלדן אומדערוואַרט: „זייט נישט אומעטיק, מען האָט אונדז נישט דערלויבט צו ווייזן דעם פילם, אָבער דערפאַר האָבן מיר פאַרגרעסערט אונדזער וואַלד־שטח. היינט אין דער פרי האָבן מיר אָפּגעקויפט דעם שכנסטן טייל פון וואַלד, וואָס גרענעצט זיך מיט דער סאַנאַטאָריע". מיט אַ מאָל איז אונדזער שטימונג געוואָרן הייטער און מיר האָבן די ידיעה באַגריסט מיט פרייד. אַ געפיל פון האָפענונג האָט אונדז אַלעמען באַהערשט. איך געדענק אַזוי גוט דעם לערער יוסף קאַצעס ווערטער, ווען ער האָט אין אָוונט באַגריסט דעם חבר גילינסקי ביים איבערגעבן די גוטע, פריידיקע ידיעה פאַרן עולם קינדער און מיטאַרבעטער: „איר זייט דער מנחם־מענדל אין אונדזער מאָדערנעם יידיש־וועלטלעכן לעבן, קיין בעסערן האָט אפילו שלום־עליכם נישט געקענט אויס־טראַכטן".

★

דעם פילם „מיר קומען אָן" האָט מען אַרויסגעפירט קיין פראַנקרייך און בעלגיע. חבר ברומבערג האָט אַרויסגעוויזן אַ סך ענערגיע און אויסדויער אין דעמאָנסטרירן דעם פילם אין פּאַריז און בריסעל. דער פילם האָט אַרויסגערופן אַנטציקונג און נאָסטאַלגיע צווישן די יידישע אימיגראַנטן, און אויך אָנערקענונג פאַר אונדזערע גרויסע דערציִערישע דערגרייכונגען — צווישן די אינטעלעקטועלע קרייזן. אין 1938 איז חבר גילינסקי געפאָרן מיטן פילם קיין אַמעריקע. דאָ האָט מען געשאַפן אַ קאָמיטעט מיט די חברים דוד דובינסקי און וולאַדעק בראַש, צוגעגעבן געוויסע סצענעס צום פילם, צוגעגעבן ענגלישע צושריפטן, און געוויזן אים פאַר די ברייטע אַמעריקאַנער אַרבעטער־מאַסן, פאַר די פּרעסע־לייט, פאַר קינדער פון די שולן, לערער, דערציִער. אַ סך לויב און אָנערקענונג האָט דער פילם אַרויסגערופן ביי פּאַבליק: „אַ זעלטענער דאָקומענטאַרער פילם מיט אַן אידעיִשן אינהאַלט, אַ דרייסטער געזעלשאַפטלעכער אויפטו" — איז געווען די אַלגעמיינע מיינונג.

★

אין בונדישן קורסקי־אַרכיוו אין ניו־יאָרק האָבן זיך אָפּגעהיט צוויי ווערסיעס פון דעם פילם. אין 1965 האָט די משפחה פון שלמה גילינסקי געמאַכט אַ נייעם אָפּדרוק פון פילם צום אָנדענק פון די אומגעקומענע קינדער און פּערסאָנאַל און אין אָנדענק פון שלמה גילינסקי, בויער און אָנפירער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

אברהם זאַק

קינדער...

נשמהלעך ריינע
פון קינדערלעך קליינע,
מיט אייגעלעך — הימעלעך בלוי,
מיט טראָפּעלעך טרערן,
וואָס לויטער ווי שטערן,
ווי הייסינקע פּערעלעך טוי...

פון וואַרעמע שטיבער
אין פינצטערע גריבער —
ס'האָט הימל און ערד עס געזען.
נשמהלעך ריינע
פון קינדערלעך קליינע —
זיי פרעגן : — פאַר וואָס און פאַר ווען ? —

געשאָכטן צוזאַמען,
מיט טאַטן, מיט מאַמען,
געוואָרפן אין אויוונס, אין פלאַם...
פאַרשניטן פון לעבן,
זיי וואָגלען און שוועבן
דאָרט הויך אין דעם הימלישן ים.

נשמהלעך ריינע
פון קינדערלעך קליינע —
עס טראָגט זייער יאָמער דער ווינט...
האָט וועלט געטאָן שווערן
ביי הימל און שטערן :
נקמה פאַר איטלעכן קינד ! — —

ב

ליובא קאַנטאָראָוויטש־גילינסקי — שלמה גילינסקי און די מעדעם־סאַנאַטאָריע

ח. ש. קאַזדאַן — שלמה פייוויש גילינסקי

מלך ראַוויטש — פּען־פּראָפיל פון שלמה גילינסקי

י. ראָטנבערג — דער גייסט פון אַן אינסטיטוציע

בעטי גומענער־נוטקעוויטש — דער טרוימער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

זולאַדקע מיד — דער לערער ש. גילינסקי

רבקה פּאַוויטש — מיין ערשטער שול־אינספּעקטאָר

סאָניע פלודערמאַכער־ווייסבראָט — אומפאַרגעסלעכע עפּיזאָדן

אסתר ראָזנטאַל־שניידערמאַן — דער לערער גילינסקי

יענטע רובין־פישמאַן — דאָס אָפּגעבראָכענע צווייגל

העני (הערש) שטאַרקער — מיין לערער און וועגווייזער

יואל פּערעל — דער ערשטער שול־אינספּעקטאָר

יוסף לודען — מיין לערער ש. גילינסקי

בינה אַלטערמאַן־שטיינבערג — אַ סאַנאַטאָריע מיט אַ רויטן דאַך

שלמה גילינסקי — מיינע קינדער־יאָרן

עמנואל פּאַט — גילינסקי מיין לערער, מיין חבר, מיין פּאַציענט

מ. צאַנין — ש. גילינסקי — דער ידישער פּעסטאַלאָצי

ליובאַ קאַנטאָראָוויטש־גילינסקי

שלמה גילינסקי
און די מעדעם־סאַנאַטאָריע

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען דער ליבלינג פון שלמה גילינסקיס פּעדאַגאָגיש־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. ס'איז געווען די פאַרווירקלעכונג פון זיין לאַנגיאָריקן טרוים. וועגן אַ וואַלד־שול פאַר קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט האָט ער יאָרן לאַנג גערעדט. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט ער געפונען זיין בולטן תיקון ווי אַ פּעדאַגאָג, אָרגאַניזאַטאָר און געזעלשאַפטלעכער טוער. פאַרבונדן יאָרן לאַנג מיט דער יידישער פאָלקס־שול, אַן אינטימער עדות פון דעם ביטערן גורל פון דעם יידישן אַרבעטער און פאָלקס־קינד, דעם דירעקטן קרבן פון הונגער אין דער ערשטער וועלט־מלחמה און שפּעטער — שווערע נאָך מלחמה־יאָרן אין פּוילן, האָט שלמה גילינסקי מיט פרייד, אויסדויער און שוווּנג געפירט די ליכטיקע, פּיאָנערישע קינדער־אינסטיטוציע ווי אַ הייליקע שליחות.

אין אַ פריערדיקן קאָנקרעטן מוסטער, אָן אַ ספּעציעל אויסגעשולטן פּערסאָנאַל פאַר אַזאַ טיפּ דערציערישן הייל־אַנשטאַלט, איז ש. גילינסקי אַרויסגעפאָרן מיט דער ערשטער גרופּע פון סך־הכל 18 קינדער, אין עלטער פון 6 ביז 15 יאָר, אין מיעדזעשין, ווינטערצייט, דעם 12טן יאַנואַר, 1926 יאָר, און געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער אייגנאַרטיקער קינדער־רעפּובליק, וואָס האָט מיט איר 13־יאָריקער עקזיסטענץ אַריינגעטראָגן ליכט, געזונט און שיינקייט אין לעבן פון טויזנטער קינדער און זייערע משפחות.

עס זענען געווען אין דעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן קינדער הייל־אַנשטאַלטן, אויסגעהאַלטן פון דער מלוכהשער פאַרזיכערונגס־אָרגאַניזאַציע — קראַנקן־קאַסע, אָדער פון פילאַנטראָפּישע געזעלשאַפטן — יידישע און קריסטלעכע; זעלבשטענדיקע אָדער ווי אַ קינדער־אָפּטיילונג ביי אַ הייל־אַנשטאַלט פאַר דערוואַקסענע. דער טראָפּ אין די אינסטיטוציעס איז געלייגט געוואָרן אויף היילן דאָס פיזישע געזונט פון קינד. די פסיכיק פון קינד איז ווייניק אָדער אַפילו אין גאַנצן נישט גענומען געוואָרן אין אַכט. זענען די רעזולטאַטן פון דעם סיסטעם געווען, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, נישט קיין באַפרידיקנדיקע. דער רעגולאַמין פון די אַנשטאַלטן איז געווען אָנגעוואָרפן, דיקטירט פון די דאָקטוירים. דאָס קינד איז געווען דער מינדעריאָריקער פּאַציענט. מיט זיין ווילן, מיט זיין אייגנגעפיל, מיט זיינע פסיכישע נויטן און געמיט, האָט מען זיך ווייניק אָדער אין גאַנצן נישט גערעכנט. אומעטיקע, אָן קינדערשן געלעכטער, אָן פרייד, אָן קינדערשער שפּעפערישקייט, האָבן די שפּיטאָלמעסיקע קינדער־הייל־

אַנשטאַלטן אָפּט גורם געווען אַ גייסטיקע אָפּגעשטאַנענקייט, דערשלאָגנקייט און נישט זעלטן אַ פּיינלעכע איבערלעבונג פון עלנדן פאַרברענגען אין אַן אומהיימלעכער, פרעמדער סביבה, ווייט פון טאַטע־מאַמע. נישט זעלטן האָט עס איבערגעלאָזט שווערע שפּורן אויפן גאַנצן לעבן פון יונגן שוואַכן פּאַציענט־קינד.

די איניציאַטאָרן פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָבן זיך געשטעלט אַ ציל צו שאַפן אַ היים, אַ ציִטווייליקע וואַרעמע היים פאַר קינדער, ווו זיי זאָלן פאַרברענגען פון איין חודש ביז דריי־פיר חדשים; אַ היים, וואָס וועט דאָס קינד דערהויבן גייסטיק און געזונט מאַכן קערפּערלעך. און פאַרטראַכט איז זי געוואָרן פאַר דער גרויסער צאָל שוואַכע, שלעכט דערנערטע קינדער פון די יידיש־וועלטלעכע שולן — „ציש"אָ".

שלמה גילינסקי האָט גוט געקענט דאָס יידישע פאָלקס־קינד, זיין סביבה, זיינע טאַטע־מאַמע, די איינוווינער פון די יידישע אָרעמע קוואַרטאַלן: סמאָטשע, גענשע, קראָכמאַלנע, די פייכטע קעלער־שטיבלעך און פּאַציאַטעס, אָן ליכט און זון, ווו עסן צו דער זאַט איז געווען אַ זעלטנקייט, ווו אַרבעטסלאָזיקייט און הונגער איז געווען אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. איז נישט קיין ווונדער, וואָס די צאָל שוואַכע, בלוט־אָרעמע, אויסגעמאָגערטע קינדער, באַדראָט מיט דער פּראָלעטאַרישער קללה — טובערקולאָז — איז געווען אַ באַדייטנדיקע. ש. גילינסקי האָט גוט געקענט דאָס קינד ווי אַ פּעדאַגאָג, אַ פּאַרוואַלטער פון דער יידישער פאָלקס־שול, ווי אַ לערער אין קלאַס און אָנפירער פון זומער־קאָלאָניעס. און ער האָט געוווּסט וויפל שעפערישקייט און איניציאַטיוו דאָס קינד פאַרמאָגט און וואָס פאַר אַ שפע פון מעגלעכקייטן און טאַלאַנטן עס ווערט פאַרלוירן צוליב די שוואַכע פיזישע כוחות זיינע, צוליב די שווערע סאָציאַלע באַדינגונגען, אין וועלכע דאָס קינד לעבט.

פאַר דער אָנפירונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען געשטעלט געוואָרן גרויסע פּראָבלעמען צו לייזן. אָבער איין זאַך איז געווען קלאָר פון סאַמע אָנהויב אָן: אַ קינדער־אַנשטאַלט מוז האָבן דערציערישע צילן — „נישט נאָר דעם גוף וועלן מיר דאָ היילן". דער גאַנצער פּערסאָנאַל, וואָס איז באַשעפטיקט ביי די קינדער: דער פאַרוואַלטער, די דאָקטוירים, די לערער־דערציער און דער טעכנישער פּערסאָנאַל: די רוימערינס, די מיטאַרבעטער אין קיך, אין גאָרטן צי אין דער וועשעריי — אַלע, אַלע מוזן דורכגעדרונגען זיין מיטן טיפן באַוווּסטזיין, אַז ליבשאַפט צום קינד, פאַר־שטענדעניש פאַר זיין צאַרטער און פילבאַרער נשמה און שוואַכן גוף, אַכטונג פאַר זיינע פּסיכישע באַדערפענישן — דאַרפן זיין דער דאָמינירנדיקער מאָטיוו פון דער אַטמאָספער.

„דאָס קינד אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז דער פרייער בירגער פון דער קינדער־רעפּובליק. מיט זיין הילף, מיט זיין גוטן ווילן, מיט זיין שעפערישקייט, מיט זיין שותּפותדיקייט וועלן מיר אויפבויען אַ היים פאַר די, וואָס נויטיקן זיך אין אָפּרו, אין פרישער לופט, אין אַ וואַרעמער גוטער אַטמאָספער" — האָט מען אויף אַלע פּעדאַגאָגישע באַראַטונגען געהערט פון שלמה גילינסקי. צוזאַמען ווי איין משפּחה האָט מען געזוכט און אַרומגערעדט מעטאָדן און וועגן פון האַנדלונגען און געטיילט זיך מיט דער דערפאַרונג.

אין אָנהויב איז פאַר יעדן מיטגליד פון פּערסאָנאַל דער טיפּ דערציערישער

אַנשטאַלט געווען אַ נייעס. צוזאַמען מיט דער פאַרצווייגטער אַרבעט האָט זיך קריסטאַ־ליזירט דער כאַראַקטער פון אַנשטאַלט און עס איז געוואַקסן די איניציאַטיוו סיי ביי די לערער און סיי ביי קינדער. מען האָט געבויט אַ היים, אַ פריינטלעכע פאַר קינדער, וואָס זענען אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן געשלאָפן אין אַן אייגן בעט; אָנגעטאָן אַ נאַכט־העמד פאַרן שלאָפן גיין, געגעסן צו דער זאַט און געשמאַקע, נאַרהאַפטע מאכלים; באַנוצט זיך מיט אַ גאָפל, לעפל, מעסער; געוואַשן די ציין מיט אַ בערשטעלע און דערזען אַזוי פיל שיינקייט אַרום אין דער נאַטור — גרינע ביימער, בלומען, דערהערט דאָס זינגען פון פויגל, באַפריינדעט זיך מיט אַ הונט, געזאָרגט פאַר קרוליקעס, געשפּילט זיך מיט טויבן, געזונגען לידער און ליב געקראָגן די גאַנצע סביבה, מיט צוטרוי זיך באַצויגן צו חברים קינדער און דערוואַקסענע.

שלמה גילינסקי איז געווען יוגנטלעך פאַרליבט אין דער אַרבעט פון בויען און אָנפירן מיט דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. דאָ האָט ער געחלומט צו פאַרווירקלעכן אַן אידעאַל: אַ קינדער־דאָרף, אַ קינדער־רעפּובליק. זייער אָפט אין שמועסן מיט די קינדער און פערסאָנאַל האָט ער דערמאָנט: „מיר וועלן דאָ שאַפן אַ מוסטער פון אַ וועלט אַ פרייער, אַ באַנייטער, געבויט אויף ליבשאַפט צו שעפערישער אַרבעט, פון גערעכטיקייט, אַ סאָציאַליסטישע קינדער־רעפּובליק. יעדעס קינד — גרויס צי קליין — זאָל אין די ראַמען פון זיינע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן, פעיִקייטן און פאַראינטערעסי־רונגען צוטראָגן זיין חלק צום וווּיל פון כלל". אָט מיט די אידעאַלן איז געווען דורכגע־דרונגען דער גאַנצער כלל פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, טאַקע גרויס און קליין. אין משך פון אַ קורצער צייט איז די סאַנאַטאָריע געוואָרן דאָס באַליבטסטע קינד אויף דער יידישער אַרבעטער־גאַס. דער יידישער אַרבעטער און פאָלקס־מענטש האָט מיט צערטלעכקייט זיך געגרויסט מיט דער ליכטיקער אָפּרו־היים פאַר זיין שוואַך און קראַנק קינד.

אויך פאַר אונדז, מיטגלידער פון פערסאָנאַל: דערציער, דאָקטוירים, סאַניטאַרינס און דינערשאַפט איז די סאַנאַטאָריע געווען אַ וויכטיקער לערן־אַנשטאַלט. אונדזער הויפּט־לערער, אינסטרוקטאָר און טאָן־געבער איז געווען ש. גילינסקי. ווען ער האָט גערעדט צו די קינדער, האָט ער אויך גערעדט צו זייערע דערציערס. מיר האָבן זיך מיט דער פולסטער אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו זיינע ווערטער. נאָך אַ טאָג אַרבעט זענען אָפט, אויסער די וועכנטלעכע פּעדאַגאָגישע באַראַטונגען, פאַרגעקומען ספּעציעלע זיצונגען אַרומצורעדן פאַרשידענע דערפאַרונגען אין משך פון טאָג אַרבעט, געטיילט זיך מיט איינדרוקן און געזוכט די לייזונג פאַר אַ סך פּראָבלעמען.

דער גרעסטער טייל לערער־דערציער זענען געווען געוועזענע תלמידים פון די יידישע פאָלקס־שולן פון קליינע פּראָווינץ־שטעטלעך, אַביטוריענטן פון דעם ווילנער לערער־סעמינאַר. לויט זייער פּעדאַגאָגישער צוגרייטונג — שול־לערער, יונגע, ענטוזיאַסטישע בחורים קוואַליפיצירט פאַר אַ שול־אַרבעט, ווו עס פאַרפליכטעט אַן אויסגעאַרבעטער פּראָגראַם פון יעדן קעגנשטאַנד אין קלאַס, און ווו מען דערוואַרט אַ געוויסן דורכשניט, אַ סטאַנדאַרט פון דערגרייכונגען. אַלע קינדער, נישט אָפּהענגיק פון זייערע פעיִקייטן און פאַראינטערעסירונגען, זענען אונטערגעוואָרפן דעם זעלבן צעברעקלטן פּלאַן פון טאָג־אַרבעט.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אין אַ מזלדיקער לאַגע. מיר זענען נישט געווען אַרומגעצוימט מיט קיין שום שטייפֿע פּראָגראַמען. אין אונדזערע דרייסטע עקספּערימענטן, פֿאָרשונגען האָבן מיר נישט מורא געהאַט פֿאַר די בייזע שול־אינספּעקטאָרן. מיר האָבן צוזאַמען מיט די קינדער געשאַפֿן אונדזער אייגענעם אַרבעטס־פּראָגראַם, אַ זייער בויגזאַמען פּראָגראַם פֿון צופֿרידענעם, באַלערנדיקן פֿאַרברענגען אין דאָרף. אונדזער פּראָגראַם איז געווען באַזירט, קודם כל, אויף די פֿאַראינטערעסירונגען און דער נייגעריקייט פֿון די קינדער אין דער נייער סביבה, אויף זייער פֿרייען אויסוואַל פֿון אַרבעט אויף די געביטן, וואָס זענען פֿאַר זיי געווען אָפֿן און צוגענגלעך. מיר האָבן זיך גערעכנט מיט דעם צוזאַמענשטעל פֿון דעם עלעמענט קינדער, (קינדער פֿון יידישע פֿאָלקס־שול, פֿון פּאָושעכנע שול; פֿון וואַרשע און פֿון פּראָווינץ), דעם פֿאַרשידענעם עלטער, אַפֿילו מיט דער צייט פֿון יאָר, און מיר האָבן אין אַ גרויסער מאָס אויסגענוצט די געשעענישן אין געזעלשאַפֿטלעך־פּאָליטישן און קולטור־לעבן.

אונדזער דערציערישער ציל איז געווען — האָט אין האַנט מיט די באַמיִונגען צו שטאַרקן און היילן דאָס קינד פֿיזיש — געבן אים דאָס, וואָס די שול אין שטאָט איז לײַדער נישט בכוח צו געבן: הויבן זיין קולטור־ניוואָ, אויסברייטערן דעם האָריזאָנט פֿון זיינע באַגריפֿן און פֿאַראינטערעסירונגען, וועקן אין שטאָטישן קינד ליבשאַפֿט צו דער אַרומיקער נאַטור און צוגעוווינען אים צו אַ חברישן צוזאַמענלעבן אין דער נייער סביבה. יעדעס קינד לויט זיין אינדיווידועלער נייגונג האָט געקענט, אָן קיין שום אָנגעוואָרפֿענעם פֿון דרויסן ווילן, באַטייליקן זיך אין אַן אַרבעט, וואָס איז אים געווען ליב. מיר האָבן געאַרבעט אויף פֿאַרשידענע געביטן, איבער אַ סך אַספּעקטן פֿון אונדזער גאַנצן אַרום: אין ביאָלאָגישן צימער, געפֿאָרשט און געזאָרגט פֿאַר די וואַסער־געוויקסן און בעלי חיים, אין סאָד, ביי פֿלאַנצן בלומען אין וואַרעם־הויז, און מיט פֿרייד אַראָפּ־גענומען די רייפֿע פּאָמידאָרן פֿון פֿעלד און צוגעטראָגן צום טיש. וויפֿל קינדער האָבן אין דער סאַנאַטאָריע דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן געזען ווי עס וואַקסן קאַרטאָפֿל, מערן, ציבעלעס — די טאָג־טעגלעכע שפּייז פֿון דער אָרעמער יידישער משפּחה.

די אָטעם אין דער קינדער־זעלבסטפֿאַרוואַלטונג האָבן זיי אויסגעפֿירט מיט הנאה, מיט אַ גוטן ווילן, מיט אַ סך איינפֿאַלן. גילינסקיס נאַטירלעכע גוטמוטיקייט האָט אין אַ גרויסער מאָס באַווירקט די אַטמאָספֿער פֿון אַנשטאַלט. ער האָט אַזוי גערן אַרויסגערוקט קינדער פֿאַראַנטוואָרטלעכע, געריכט זיי און דערמוטיקט, מען האָט זיי דערמאָנט אין אונדזער פּרימאָרגן־ראַדיאָ — אַ געלייענטע טעגלעכע צייטונג, רעדאַקטירט פֿון די קינדער.

אויך מיר, לערער, האָבן זיך צוזאַמען מיט די קינדער „ספּעציאַליזירט" אויף געביטן לויט אונדזערע נייגונגען. למשל: לערער יאָסל קאַץ, אַ פֿאַרליבטער אין דער יידישער ליטעראַטור — האָט אין דער סאַנאַטאָריע זייער אָפֿט פֿאַרגעלייענט די ווערק פֿון פּרצן, שלום עליכם, מענדעלען, אַשן און די שיינע פּאָעזיע. ער האָט זיך ענטוזיאַסטיש אָפּגעגעבן דער אַרבעט אַרום דער ביבליאָטעק, געזאָרגט פֿאַרן גוטן אויסוואַל פֿון די ביכער און פֿאַרן פֿאַרגרעסערן זייער צאָל, אַריינגעפֿירט דעם נייעם דעצימאַלן סיסטעם, אויסגעלערנט קינדער צו באַנוצן זיך מיט פֿאַרשידענע סיסטעמען פֿון קאַטאַלאָגן,

שלמה גילינסקי (רעכטס) מיט אַ גרופּע קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
ווינטער 1933. לערערס: פּעלע לינדערמאַן, חנה זאַקהיים, באַטקע (דער לעצטער לינקס)

אריינגעצויגן אין דער אַרבעט אַ גרופּע עלטערע קינדער, — זיי האָבן געפונען, אַנטדעקט אַ קוואַל פון גייסטיקער הנאה, פון פאַרגעניגן אין לייענען ביכער. די לערער באַטקע און טראָופּיאַנסקי האָבן זיך אויסגעלעבט אויפן געביט פון אָרגאַניזירן פרייע און צוגעגרייטע קינדער־פאַרווייליגגען. געזאַנג און מוזיק האָבן פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין דעם דערציערישן פּראָגראַם. אויף דעם געביט האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שפע פון קינדערשע טאַלאַנטן, אַ קוואַל פון פרייד סיי פאַר קינדער און סיי פאַר אונדז דערוואַקסענע. אַזוי פיל איינגעבוירענע, פּאָטענציעלע כוחות האָבן געפונען אַן אויסדרוק, און צוגעגעבן דעם קינד מוט, גלויבן און זיכערקייט. די פאַרשטעלונגען „ליאַלקעס", דער פילם „מיר קומען אָן" זענען די בעסטע עדות פון דעם כאַראַקטער־ריסטישן דערציערישן אַספּעקט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. גילינסקי האָט געהאַט אַן איינגעבוירענע פעיִקייט אויסצוגעפינען קינדער מיט אַרטיסטישע נייגונגען. ער אַליין, דאַכט זיך, נישט מוזיקאַליש, נישט אַרטיסטיש באַגאַבט, אָבער זיין פּעדאַגאָגישער חוש האָט אים זעלטן ווען פאַרפירט. און אפשר האָט אונטער דעם געשטעקט אַן אַנדער מאָטיוו — דער שטאַרקער ווילן צו דערמונטערן דאָס דערשלאָגענע, נישט דרייסטע קינד? ער האָט אָפט אָנגעוויזן אויף אומעטיקע, אויסערלעך נישט אַטראַקטיווע קינדער און געראָטן זיי צוטיילן אַ ראָל אין דער פאַרשטעלונג און געזאָגט: „פּרובירט אים אויס, די דערשלאָגנקייט איז אַ פּועל יוצא פון נישט דרייסטקייט, גיט אים אַ מעגלעכקייט אַרויסצוטרעטן ביי דער אָדער אַן אַנדער געלעגנהייט". ווי אויפגעמונטערט און אַנדערש האָט דאָס דערשלאָגענע קינד זיך מיט אַ מאָל דערפילט נאָך אַ פאַרווייליגג און וויפל פרייד און נחת רוח האָט אַ געלונגענע פאַרווייליגג פאַרשאַפט דעם גאַנצן עולם!

כמעט יעדע גרעסערע פאַרווייליגג אין סאַנאַטאָריע האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פריידיקן יום־טוב, צו וועלכן חבר גילינסקי האָט איינגעלאַדן אַ באַדייטנדיקע צאָל געסט פון די אַנפירנדיקע בונדישע חברים מיטן חבר נח בראש. ש. גילינסקי האָט זייער וואַרעם אויפגענומען באַזוכער. זיין האַרץ איז געווען אָנגעפולט מיט פרייד און שטאָלץ, וואָס מיר פאַרמאָגן אַזאַ שיינע היים פאַר אונדזערע קינדער. זומערצייט זענען די פאַרווייליגגען פאַרגעקומען אין דרויסן, אויפן שיינעם גרינעם שפּיל־פּלאַץ. מען האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם שפּילן פון די אַרטיסטן קינדער, מען האָט צוזאַמען געזונגען סאַנאַטאָריע־לידער, אָנגעהויבן מיטן מאַרש „מיר קומען אָן". ענטוזיאַסטיש אַפּלאָדירט די אַרטיסטן און שפּעטער אַריין אין עס־צימער און ווי איין משפחה פאַרברענגט ביים מאָלצייט.

אָפט זענען די חברים געסט געווען אויך עלטערן, וואָס זענען געקומען באַזוכן זייערע קינדער: די חברים סאָפיאַ און הענריק ערליך — זייער עלטערן זון אַלעק, וואָס האָט מיט זיין איידלקייט און חברישקייט געווונען די הערצער פון די קינדער און דערוואַקסענע; די חברים מילע און וויקטאָר אַלטער זענען געקומען באַזוכן זייער זון זשאַנעק; אַרטור זיגעלבוים באַזוכט זיינע קינדער יאָסלען און רבקהלען; חבר שעפּנערס צוויי טעכטער האָבן אַ לענגערע צייט פאַרבראַכט אין סאַנאַטאָריע; ח' מנחם ראָזענבוימס קינדער — שרהלע און ראובן (אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ) זענען געווען אָפטע סאַנאַטאָריסטן. עס האָט זיך אויך איינגעשטעלט אַ מנהג ביי אונדזערע

חברים און נאָענטע פריינד צו פאַרברענגען אין סאַנאַטאָריע איניקע טראַדיציאָנעלע יידישע יום־טובים (פסח־סדרים אאז״וו).

יעדע נייע איינריכטונג איז באַגעגנט געוואָרן מיט פרייד און שמחה. כ׳געדענק אַ שיינעם אימפּראָוויזירטן יום־טוב לכבוד פּאַרטווישן די פריער גענוצטע בלעכענע לעפל, מעסער, גאָפּל אויף אַ בעסערן מין. די קינדער האָבן אויסגעלייגט די נייע איינריכטונג אויף די טישן, באַפּוצט דעם עס־צימער מיט פרישע בלומען. מיר זענען אַריין אין עס־צימער מיט געזאַנג. אַ ניי געווינס, אַ פאַרשענערונג פון אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס עסן צוזאַמען איז געוואָרן אַן אָנגענעמער פאַרברענגען צוזאַמען.

גאַנץ אָפט האָבן אונדז באַזוכט יידישע שרייבער, קולטור־טוער, וויכטיקע פּערזענ־לעכקייטן פון אויסלאַנד. די באַגעגענישן האָבן געהאַט אַ גרויסע קולטור־דערציערישע באַדייטונג. ז. סעגאַלאָוויטש, דניאל טשאַרני — געוועזן אַ לענגערע צייט אין דער סאַנאַטאָריע — מלך ראַוויטש. מיר האָבן זיך קעגנזייטיק זייער ליב געקראָגן: קינדער זייערע שרייבער, די יידישע שרייבער — די קינדער — זייערע לייענער. מלך ראַוויטש האָט אונדז פון יעדער זיינער אַ רייזע אין די ווייטע לענדער געשיקט מתנות זייער אינטערעסאַנטע עקספּאָנאַטן. משה נאַדיר האָט אונדז פאַרשאַפט אַ סך פרייד און אויך אַליין געווען אַנגענעם גערירט, ווען אַ מיידעלע האָט אים דערלאַנגט בלומען פון אונדזער גאָרטן צו זיין אָוועקפאָר און געזאָגט: „משה נאַ דיר!״. איך געדענק אַזוי גוט דעם באַזוך פון חבר כּאַנין, זומערצייט, 1928. ער האָט מיט אונדז פאַרבראַכט אַ טאָג, דערציילט די קינדער וועגן דעם לעבן און קאַמפן פון די יידישע אַרבעטער אין אַמעריקע, וועגן דעם גורל פון די ערשטע יידישע אימיגראַנטן. זומערצייט, אין 1936 איז חבר וולאַדעק געווען אונדזער גאַסט. בייגעוווינט אַ קינדער־פאַרשטעלונג. ער האָט זייער האַרציק גערעדט צו די קינדער. „איך האָב אייך געבראַכט אַ גרוס פון אַמעריקאַנער יידישע אַרבעטער־קינדער״ און ווייטער — „מיר וועלן זאָרגן, אַז אייער־אונדזער מעדעם־סאַנאַטאָריע זאָל שיינען, שמעקן, זינגען. גריסט אייערע עלטערן פון מיר״. מיט אַ סך איבערגעגעבנקייט און צילבאַוווּסטזיין האָט חבר גילינסקי געפלעגט איינלאַדן די געסט — אונדזערע פריינד און חברים. די באַגעגענישן מיט די חברים פון אויסלאַנד, פון ווייטע מקומות האָבן אין אונדז — גרויס און קליין אין דער סאַנאַטאָריע — געשטאַרקט דאָס געפיל פון ברידערלעכקייט, אַז מיר געהערן צו איין גרויסער משפחה פון אַרבעטער־סאָציאַליסטן, פאַרבונדן מיט דעם זעלבן גורל, מיט די זעלבע צילן און אידעאַלן.

מיר האָבן זיך באַמיט, אַז יעדער טאָג פון דעם קינדס פאַרברענגען אין דער סאַנאַטאָריע זאָל זיין אינטערעסאַנט און אַנגענעם, אַז דער רעזשים, וואָס די מעדיצין האָט געפאָדערט אָפּצוהיטן, ווי מעסטן טעמפּעראַטור צוויי מאָל אַ טאָג, רוען אויף דער טאַראַסע, — נישט זעלטן אַפילו ליגן אין בעט, בעת אַנדערע קינדער זענען געווען אין דרויסן — זאָל נישט באַשווערן זיין געמיט. מיר האָבן אויך גענומען אין אַכט, אַז פאַר אַ באַדייטנדיקער צאָל קינדער איז דאָס אַרויספאָרן אין סאַנאַטאָריע געווען דאָס ערשטע מאָל שיידן זיך מיט דער היים, מיט דער משפחה, איז דאָס בענקען אַהיים, צו „דער מאַמעליו״ נישט געווען אַ זעלטענע דערשיינונג, ספּעציעל פאַר קינדער פון דער פּראָווינץ. עלטערן האָבן געמעגט באַזוכן די קינדער איין מאָל אַ

וואָך — זונטיק. די באַן־הוצאה איז פאַר אַ צאָל עלטערן געווען אַ פּראָבלעם. האָבן זיי טאַקע געמוזט זיך אָפּזאָגן פון צו אָפטע באַזוכן. עס איז כדאי צו דערמאָנען, אַז עס זענען געווען פאַלן, ווען ספּעציעל מאַמעס אלמנות, אויסגעבעבנקטע נאָך זייער קינד, זענען געקומען צו פוס פון וואַרשע קיין מיעדזעשין — 20 וויאָרסט (10 מייל) — צו פאַרברענגען מיט אים צוויי שעה. דער עלטערן־באַזוך־טאָג איז געווען סיי פאַר די קינדער און סיי פאַר אונדז דערציִער אַן איבערלעבונג. די וועלכע מען האָט באַזוכט זענען געווען זייער צופרידן און מונטער און אַ מאָל ביז טרערן גערירט, און די, וועלכע מען האָט נישט באַזוכט — אומעטיק און אַנטוישט. מיט דעם געמיט־צושטאַנד פון די קינדער האָבן מיר זיך שטאַרק גערעכנט.

איין פאַל האָט זיך מיר שטאַרק איינגעקריצט אין זכרון און אין האַרצן: — ח׳ גילינסקי איז געקומען צום פּערסאָנאַל מיט אַ וויכטיקן ענין: אַן אָרעמע מאַמע, אַן אלמנה מיט דריי קינדער, איז געקומען אין ביוראָ פון סאַנאַטאָריע, לעשנאָ 28 און געבעטן גילינסקין, מען זאָל אָננעמען איר קינד, אַ ייִנגעלע פון זיבן יאָר. דאָס קינד האָט אין עלטער פון פינף יאָר אויפגעהערט אַרומצוגיין, נאָך אַ שווערער קינדער־קראַנקייט. אירע צוויי עלטערע טעכטערלעך טראָגן דאָס ברודערל אַרום אויף די הענט. אָבער ביי טאָג גייען זיי אין אַ פאָוושעכנער שקאָלע. זי, די מאַמע גייט וואַשן וועש, מיט דעם האַלט זי אויס די משפחה. בלייבט דאָס קינד אַליין אין שטוב, אין אַ קעלער־שטוב. דער מאַגיסטראַט האָט שוין צוויי מאָל אָפּגעוואָרפן איר ביטע אַרויסצו־שיקן דאָס קינד אין סאַנאַטאָריע, ווייל עס גייט נישט אַרום. „אַזעלכע קינדער, וואָס גייען נישט אַרום, קענען מיר נישט אָננעמען״ — אַזאַ ענטפער האָט זי באַקומען. חבר גילינסקי האָט אויסגעהערט די מאַמע און צוגעזאָגט צו געבן אַן ענטפער אין אַ פּאָר טעג. געקומען איז ער צו אונדז צום פּערסאָנאַל צו באַראַטן זיך, אייגנטלעך — צו איבערצייגן אונדז, אַז מיר טאָרן דער מאַמען נישט אָפּזאָגן. מען האָט טאַקע אָנגענומען דאָס ייִנגעלע, מיט זיין 12־יאָריקער שוועסטערל איידעלען, ווי אַן אויפּזעערין איבער איר ברודערל פּנחסל. פּנחסל איז געוואָרן דער ליבלינג פון אַלע קינדער, איידעלע האָט גלייך געפונען אַ סך אַרויסהעלפערס. אויף דער דריטער וואָך איז די מאַמע געקומען, טאַקע געקומען צו פוס פון פּראַגע, נעבן וואַרשע, באַזוכן אירע קינדער. די איבעראַשונג און פרייד פון דער מאַמען איז שווער צו באַשרייבן — פּנחסל איז איר אַנטקעגנגעלאָפן. אין סאַנאַטאָריע האָט ער ווידער אָנגעהויבן אַרומצוגיין. די גאַנצע צייט פון איר באַזוך האָט די מאַמע געוויינט פון פרייד.

דער עלטערן־באַזוך־טאָג איז געווען אָרגאַניזירט מיט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר די עלטערן. זיי האָבן זיך דורכגערעדט מיטן דאָקטאָר, גערעדט ייִדיש מיט אים, באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן דעם קינדס געזונט־צושטאַנד און אַלע האָבן געהאַט איין בקשה צום לערער גילינסקי, — אַזוי האָבן אים אויך עלטערן גערופן. — פאַרלענגערן דעם טערמין, נישט אָפּשיקן דאָס קינד נאָך איין חודש זיין אין סאַנאַטאָריע. און נאָך דעם חודש האָט מען געבעטן אויף נאָך אַ חודש. די צאָל שוואַכע קינדער, וואָס האָבן זיך געניוויטיקט אין פרישער לופט, גוטע דערנערונג, אָפּרו, איז געווען אין די טויזנטער. ס׳איז געווען זייער שווער אָפּצוזאָגן די עלטערן, אַוועקשיקן דאָס קינד צוריק אין שטאָט, אין די פייכטע קעלערס, אין די ענגע געסלעך.

די יידישע אָרעמקייט, די יידישע אַרבעטער־עלטערן האָבן מיט גרויס צוטרוי און ליבשאַפט זיך באַצויגן צו זייער פּאַרטיידיקער אין שטאָט־ראַט, זייער מאַנער און פּאַרזאָרגער, דעם בונדישן ראַטמאַן — שלמה גילינסקי, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו וועקן דאָס געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט ביים אַנטיסעמיטישן מאַגיסטראַט לגבי דער יידישער באַפעלקערונג. ווי אַ מיטגליד אין דער פינאַנס־קאָמיסיע פון שטאָט־ראַט, האָט ער מיט ווירדע און עקשנות געפאָדערט צו פאַרגרעסערן די געלט־סובסידיע פאַר קינדער־פאַרזאָרגונג, פאַרגרעסערן די צאָל קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אויפן חשבון פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט. די אַנטיסעמיטישע שטאָט־טאָטעס האָבן זיך צוגעהערט צו דעם ערלעכן קינדער־פריינד און געמוזט נאָכגעבן. די צאָל קינדער אויסגעהאַלטן אויפן חשבון פון וואַרשעווער מאַגיסטראַט איז דערגאַנגען ביז 120 אַ חודש. אַ חוץ דעם זענען געווען קינדער אויפן חשבון פון דער „קראַנקן־קאַסע״ (מלוכהשע פאַרזיכערונגס־אָרגאַניזאַציע). אָבער די סובסידיעס האָבן ווייט נישט פאַרזיכערט די פינאַנסיעלע עקזיסטענץ פון דער אינסטיטוציע. מיט גרויסע השגות, מיט ווייטע פּלענער האָט זיך גילינסקי כסדר אַרומגעטראָגן: פאַרגרעסערן דעם שטח פון דער סאַנאַטאָריע, צוקויפן וואַלד, כסדר פאַרבעסערט די היגיענישע איינריכטונגען, אַריינגעפירט די מאָדערנסטע וואַש־צימערן, צוגעבויט טעראַסעס, שפּיל־פּלעצער, הינער־צוכט, בינען־צוכט. די ווילע פון דער סאַנאַטאָריע איז אין משך פון אַ קורצער צייט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קולטיווירטן רויזן־גאָרטן. פון יעדער רייזע אין אויסלאַנד איז גילינסקי געקומען מיט נייע מוסטערן, מיט נייע פּלענער און צוגעצויגן די בעסטע ספּעציאַליסטן אויף די דערמאָנטע געביטן. בעתן רעאַליזירן די באַפליגלטע פּלענער האָט ער נישט געטראַכט וועגן די רעאַלע, פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן. איז ער טאַקע געווען שטענדיק פאַרזאָרגט, ווו נעמט מען צו באַצאָלן, ווו כאַפּט מען אַ הלוואה? די זאָרגן האָבן ווי אַ לאַסט באַשווערט זיין געמיט נאָר אין שטאָט, אין וואַרשע. אין מיעדזעשין, אין סאַנאַטאָריע, ווען ער האָט געזען די צופרידענע קינדער צווישן בלומען, אין גאָרטן, אויפן שפּיל־פּלאַץ, די צעשטראַלטע פּנימער בעת אַ פאַרווײַלונג — האָט ער געהאַט נאָר איין גרויס געפיל פון פרייד און נחת. ווי אַן אָנפירער פון דעם אַנשטאַלט האָט ער זיך געקענט שטאַרק פרייען מיט די דערגרייכונגען פון אונדז, מיטגלידער פון פּערסאָנאַל. דערמוטיקט ספּעציעל די, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן איניציאַטיוו, פּעדאַגאָגישן חוש, דער עיקר — ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש פאַרן קינד. אַזאַ באַציִונג האָט ער געהאַט צו אַלע מיטאַרבעטער, נישט אָפּהענגיק פון געביט פון אַרבעט, צי דאָס איז געווען דער באַליבטער לערער־דערציִער באַטקע, צי די סאַניטאַרין חיהלע פלעקסער, וועמען די קינדער האָבן מיט גרויס צערטלעכקייט גערופן „לערערין כאַיושקע״, צי דער גערטנער, וואָס האָט מיט אַ סך קענטעניש אָנגעפירט מיט דער אַרבעט אין סאַד, אין דעם וואַרעם־הויז, ביים פלאַנצן בלומען אין דער סאַנאַטאָריע־ווילע. ש. גילינסקי האָט אַריינגעלייגט אַ סך האַרץ און נשמה אין דער אַרבעט און אָפּגעשאַצט די איבערגעגעבנקייט פון די מיטאַרבעטער.

*

„קינדער־יאָרן האָבן אַ דעצידירנדיקע ווירקונג אויפן גאַנצן לעבן פון אַ מענטש״ — פלעגט גילינסקי אָפט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן איבערחזרן. זיין אייגענע קינדהייט,

דאָס שטעטל דוקשט, די פֿאָלקטיסמלעכע סביבה און זיין מאַמע — די גוטע, פּשוטע פֿרוי, שיינע הינדעס, ווי מען האָט זי אין שטעטל גערופֿן, זענען געווען די וויכטיקסטע קוואַלן, פֿון וועלכע גילינסקי האָט געשעפּט זיין פּעדאַגאָגישע דערפֿאַרונג. ער איז געווען איינער פֿון זיבן קינדער. דער טאַטע — אַ קנאַפּער משפּחה־פֿאַרזאָרגער: אַ פּאָר חדשים אין יאָר געכאַפּט פֿיש אין דער אָזיערע און אין טייך, וואָס איז געפֿלאָסן נישט ווייט. פּרנסה איז קיין מאָל אין שטוב נישט געווען. דערפֿאַר אָבער האָט דער טאַטע געהיט זיין ווייב, זי זאָל נישט אויסגעבן קיין איבעריקן גראָשן. מיט הומאָר האָט אָפּט גילינסקי ציטירט די קלוגע ווערטער פֿון זיין גוטמוטיקער מאַמע: „הירש, זיי נישט קיין איינבערענגער, זיי בעסער אַ פֿאַרדינער". אַזאַ ענטפֿער האָט שלמה גילינסקי געפֿלעגט געבן די אַלע, וואָס האָבן נישט איין מאָל גילינסקין קריטיקירט פֿאַר זיין נישט אויסגערעכנטקייט, אומפּראַקטישקייט, אָבער גלייכצייטיק געהאַט פֿאַר אים אַ סך אָנערקענונג און לויב פֿאַר זיין געוויסנהאַפֿטיקייט און באַפֿליגלטע, אָפּט מנחם מענדלשע פּלענער און אידעען, וועלכע ער האָט אָבער מיט פֿיל עקשנות פֿאַרווירקלעכט אין לעבן לטובת דעם יידישן אַרבעטער־ און פֿאָלקס־קינד.

וועגן זיין מאַמען האָט שלמה גילינסקי אָפּט מיט ליבשאַפֿט דערציילט שמועסנדיק מיט קינדער. — גערעדט האָט זי, פֿאַרשטייט זיך, נאָר יידיש, מיט די אַרומיקע פּויערים האָט זי באַנוצט אַ מאָל אַ פּאָר ליטווישע, אַ מאָל רוסישע אָדער גאָר פּוילישע ווערטער, ווען די קינדער אירע האָבן איר אויפֿמערקזאַם געמאַכט „מאַמע, דאָס איז דאָך נישט ליטוויש" — האָט זי מיט דער גאַנצער ערנסטקייט געענטפֿערט: „וואָס איז פֿאַראַ אונטערשיד, ס'איז דאָך גוייִש".

פֿאַר איר זון, שלמה פּיוויש, איז זיין מאַמע געבליבן אויך אַ מוסטער פֿון ריינקייט און זויבערקייט. כ'געדענק, איין מאָל זענען מיר געגאַנגען קאָנטראָלירן די ריינקייט אין דער אַלטער געביידע — די ריינקייט־קאָמיסיע מיטן לערער גילינסקי. ער האָט זיך אַרויפֿגעשטעלט אויף אַ שטול און מיט די פֿינגער קאָנטראָלירט, צי עס איז דאָ שטויב אויף די ראַמען פֿון די פֿענצטער. מיר האָבן זיך אַלע אויפֿן קול צעלאַכט. האָט אונדז גילינסקי דערציילט אַן אינטערעסאַנטן עפּיזאָד פֿון זיין קינדהייט. — „מיר האָבן געוווינט אין אַ קליינער הייזקע. ס'איז אַפֿילו נישט געווען קיין קוימען. דאָס קיכל האָט גערויכערט און באַדעקט מיט סאַדזשעס די ווענט און דעם סופֿיט. מיין מאַמע פֿלעגט אויף שבת רייניקן די שטוב. פֿון דאָנערשטיק אויף פֿרייטיק פֿלעגט זי אַ האַלבע נאַכט נישט שלאָפֿן, זי פֿלעגט זיך אַוועקשטעלן אויף אַ בענקל און מיט אַ מעסער אָפּקראַצן די סאַדזשעס פֿון די ווענט. די צווייטע האַלבע נאַכט האָט זי געקרעכצט פֿון מידקייט. קיינעם פֿון אירע קינדער האָט זי די אַרבעט נישט אָנגעטרויט". מיר האָבן זיך פֿאַרשעמט, אָבער גוט פֿאַרשטאַנען, ווו עס שטעקן די וואָרצלען פֿון לערער גילינסקיס איבערגעטריבענער ריינקייט אין סאַנאַטאָריע.

„אַ ביישפּיל פֿון מענטשלעכער גוטסקייט, פֿון זאָרגן פֿאַר אַנדערע, פֿון סאָציאַליזם האָט מיין מאַמע מיר געגעבן" — האָט גילינסקי אָפּט דערמאַנט. „מיין מאַמע האָט געוווּסט, ווער אין שטעטל נויטיקט זיך אין הילף, ווו ליגט אַ שלאַף קינד. און צוויי וואָכן פֿאַר פּסח האָט זי מיך געפֿלעגט וועקן יעדע נאַכט איך זאָל גיין צום בעקער באַקן מצות פֿאַר אָרעמע אלמנות, די בעקערייִ איז געווען אָפֿן בייַנאַכט פֿאַר אָרעמעלייט".

„כאָטש מיר זענען געווען אַזוי אָרעם, האָט מיין מאַמע מיך און מיין ברודער געשיקט לערנען צום בעסטן מלמד אין שטעטל. און שפּעטער, אַז כ'האָב געלערנט אין ישיבה, אין ראַמיילעס קלויז אין ווילנע, האָט זי מיר יעדע וואָך געשיקט אַ פּעקל שפּייז — אַ לעבל ברויט און קעז — דאָס האָט געקלעקט אויף אַ גאַנצער וואָך".

די קינדער אין סאַנאַטאָריע האָבן שטאַרק הנאה געהאַט, ווען דער לערער גילינסקי האָט זיי דערציילט וועגן זיינע קינדער־יאָרן, וועגן זיין שטעטל דוקשט.

נישט פון ביכער, נישט פון פּראָפעסאָרן האָט שלמה גילינסקי געשעפּט זיין פּעדאַגאָגיש וויסן און דערפאַרונג. די יאָרן אין בערלינער אוניווערסיטעט אין 1919־1920 און שפּעטער אויף דער וואַרשעווער ווֹשעכניצע, האָבן נאָר באַשטעטיקט, אַז זיין דרך איז אַ ריכטיקער. נישט שטאָפּן מיט וויסן, נאָר אַנטוויקלען די כוחות, וועלכע דרעמלען אין קינד. ער אַליין האָט זיך כסדר געלערנט פון די קינדער, זיינע תלמידים, פון זייערע עלטערן און פון דער פאָלקסטימלעכער סביבה און אָפט צוגעגעבן: „די ישיבה אין ראַמיילעס קלויז אין ווילנע, אַפילו די באַליידיקנדיקע „עסן טעג" ביי די רייכע בעלי־בתים. דאָס שטרעבן צו וויסן, דאָס „עקסטערנע" לערנען זיך, די ערשטע רעוואָלוציאָנערע קרייזלעך, די אַרבעט אין דער אומלעגאַלער דרוקעריי אין ווילנע — און דאָס שטרעבן אויפצובויען אַ וועלט אַ פרייע, אַ גערעכטע פאַר די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, האָט געפורעמט מיין יוגנט".

איך געדענק דעם באַזוך אין סאַנאַטאָריע פון דעם באַרימטן פּראָפעסאָר א. פעריער פונעם בערנער אוניווערסיטעט אין שווייץ, אין 1930. ער איז געקומען באַגלייט פון ש. גילינסקין און חברטע אסתר איווינסקי אַלס איבערזעצערין. נאָך עטלעכע שעה פאַרברענגען אין אַנשטאַלט, האָבן מיר געהאַט אַ שמועס מיטן גאַסט. ביי אַ גלעזל טיי, געמיטלעך, האָט ער זיך געטיילט מיט זיינע איינדרוקן און געזאָגט אונדז: „איין קליינער עפּיזאָד האָט מיר געזאָגט זייער אַ סך וועגן אייערע דערציִערישע דערגרייכונגען". מיט אינטערעס האָבן מיר געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן.

„בעת מיר זענען אַריין אין דער ווילע, איז צו אונדז צוגעלאָפן אַ קליין מיידעלע, אפשר פון אַכט יאָר, האָט זיך זייער פריינדלעך באַגריסט, די ערשטע דערלאַנגט די האַנט דעם דירעקטאָר, מר. גילינסקי און געזאָגט אים עפּעס, פון וואָס מר. גילינסקי האָט זיך האַרציק צעלאַכט. אָט די אוממיטלבאַרקייט, די פרייהייט, די זיכערקייט, מיט וועלכער די קינדער פילן זיך און פאַרברענגען דאָ, זעט מען אויף יעדן טריט און שריט און דערביי אַ גרויסע מאָס פון זעלבסטדיסציפּלין. דאָס איז צו באַגריסן". פאַר אונדז, מיטאַרבעטער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, איז דאָס געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך.

לסוף פון אונדזער שמועס האָט זיך פּראָפעסאָר פעריער געווענדעט צו גילינסקין און געפרעגט: „אינטערעסאַנט, ווו האָט איר באַקומען אייער פּעדאַגאָגישע בילדונג?" — שלמה גילינסקי האָט זיך גוטמוטיק צעשמייכלט. מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען זיין ענטפער.

★

מיין מאַן שלמה גילינסקי ע"ה, איז געשטאָרבן דעם 4טן סעפּטעמבער 1961. מיטן אויסברוך פון דער נאַצי־מלחמה, מיטן אָפּשיקן די קינדער אַהיים, מיטן

פאַרלאָזן די מעדעם־סאַנאַטאָריע און אַוועק אויף נע־ווגד — האָט זיך אָנגעהויבן די לאַנגזאַמע גייסטיקע גסיסה. אין שווערער בענקשאַפט נאָכן קלימאַט פון שעפערישער אַרבעט צווישן יידישע אַרבעטער און פאָלקס־קינדער, נאָך דעם יידישן וואַרשע — זענען אַוועק יאָרן אין ניו־יאָרק.

אָפט האָבן מיר געפונען אַ טרייסט און אָפּרו אין דערמאָנען די ליכטיקע יאָרן פון אונדזער ביידנס אַרבעט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. אויף די בלעטלעך פון דעם מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך וועלן מיר פאַראייביקן דעם אומפאַרגעסלעכן לערער גילינסקי. אַזוי וועט ער פאַרבלייבן אין מיין און אונדזער זכרון.



ש. גילינסקי און זיין פרוי ליובאַ, דעם 27־טן סעפּטעמבער 1961
(די לעצטע פאָטאָגראַפיע פון ש. גילינסקי — אַ וואָך פאַר זיין טויט)

ח. ש. קאַזדאַן

שלמה פּייוויש גילינסקי

(1961 — 1988)

געבוירן אין לינגמיאַן, סווענציאַנער קרייז, ליטע — רוסלאַנד. זיינע קינדער־יאָרן פאַרבראַכט אין שטעטל דוקשט. ער איז געווען זייער שטאָלץ מיט זיין דוקשט, פלעגט אָפט רעדן וועגן דעם. פון זיינע רייד האָב איך זיך געשאַפן אַזאַ פאָרשטעלונג פונעם דאָזיקן שטעטל — „אַ יידישע מלוכה״, געזונטע שטאַרקע יידן, נישט געוווּסט פון קיין מורא, געווען אַרומגערינגלט מיט וואַלד און טייך, אַ גרויסע היימישע משפחה, מיט אַ קערנדיקן ליטווישן יידיש, מיט אַ טיפן אידעאַל פון לערנען.

צו צוועלף יאָר שיקט מען שלמה פּייוולען קיין ווילנע און ער לערנט דאָרט אין ישיבה, אַ יידישע אַטמאָספער, אַרומגערינגלט מיט ישיבה־בחורים. אין ווילנע איז אַ ברייטערער האָריזאָנט, אַ נייע וועלט, נייע אינטערעסן. אין 1903 פאַרלאָזט שוין שלמה פּייוויש די ישיבה, און ווערט אַריינגעצויגן אין סאָציאַליסטישע אַרבעטער־קרייזן; אין 1905 איז ער טעטיק אין דער אָרגאַניזאַציע פון ס. ס. געווען באַקאַנט ווי „חבר אַלטער״, אין 1907 ווערט ער אַרעסטירט און זיצט עטלעכע חדשים אין ווילנער תפיסה. אין ווילנע ווערט אָנגעצייכנט גילינסקיס ווייטערער לעבנסוועג. זיין כאַראַקטער האָט זיך קריסטאַליזירט — אַ קרעפטיקער, דרייסטער, ענערגיש. איינגעשפּאַרט און קאָנסעקווענט אין זיינע שטרעבונגען און „מיט פעסטן טראַט״, ער איז פאַרקניפּט מיטן ניי־אויפגעבוייזטן יידישן לעבן און מיט דער פאָרויסגייענדיקער יידישער וועלטלעכער קולטור.

זיין וועג פירט אים קיין וואַרשע. זיין פּראָפעסיע ווערט — לערער (מיט אַ געהעריקן דיפּלאָם). אין וואַרשע געפינט ער זיך אין קרייז פון באַקאַנטע העברעיִשע פּעדאַגאָגן. אָבער די העברעיִשע שול באַפרידיקט אים נישט, ער טרוימט און פּלאַנירט אַ שול אין דער יידישער שפּראַך, אין דער נאַטירלעכער מוטערשפּראַך פונעם יידישן קינד. דער לאָזונג פון אַזאַ שול האָט אין ערשטן צענדליק יאָר פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט באַגייסטערט אַ סך פון דער יידישער אינטעליגענץ, בפרט די, וואָס האָבן געאַרבעט ווי לערער. די אויפגעצוואונגענע רוסישע שפּראַך, וואָס איז געווען פרעמד פאַר די יידישע פאָלקס־קינדער, דער פּאָליציייִשער רעזשים און די השגחה פון די שולמאַכט־אינספּעקטאָרן האָט געדריקט די יונגע לערער. אין וואַרשע איז די אַטמאָספער געווען באַזונדער שטיקנדיק. ווי אַזוי אָבער טרעט מען צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן פון אַ נייעם טיפּ שול — אויף יידיש און וועלטלעך? אַ שול וואָס די רעגירונג וועט בשום

אופן נישט דערלויבן? אין וואַרשע איז טעטיק דער יידישער לערער־פאַראיין און דאָ איז אַקטיוו אַ היפּשע יידישיסטישע גרופּע. זי דעבאַטירט און אַרבעט אויס פּלענער ווי אַזוי צו פאַרווירקלעכן פּראַקטיש די נייע שול־אידעען. ש. פּ. גילינסקי איז איינער פון זיי. אין יאָר 1911־1910 אַרבעט גילינסקי ווי אַ לערער פון אַלגעמיינע לימודים (אויף רוסיש) אין די העברעיִשע שולן פון ש. ל. גאָרדאָן און יחיאל האַלפּערן. אָבער די העברעיִסטישע שטימונגען אין די אָ שולן ווירקן אויף אים אַזוי, אַז ער ווערט אַלץ מער אַריינגעצויגן אין די פּלענער פון אויפשטעלן אַ שול אין דער יידישער שפּראַך.

אין 1911 איז אין דעמיעווקע (אַ פאָרשטאָט פון קיִעוו) געשאַפן געוואָרן די ערשטע נאָרמאַלע פאָלקשול אין דער יידישער שפּראַך. געאַרבעט האָט די שול אונטער דער פירמע פון אַ קאָלעקטיוון חדר פון עטלעכע מלמדים. די „מלמדים" זענען געווען באַקאַנטע יידישיסטישע אינטעליגענטן פון קיִעוו (ברוך שווארצמאַן א"אַ). די לעגאַ־ליטעט האָט געקאָסט 25 רובל אַ חודש כאַבאַר. די „לעגענדע" וועגן דער דעמיעווקער שול האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבער גאַנץ רוסלאַנד. דער דעמאָלטיקער עקספּערי־מענט האָט אינספּירירט אויך דעם יונגן ענערגישן גילינסקי — און אין 1912 איז אַדאַנק אים אויפגעקומען אין וואַרשע די ערשטע שול אין דער יידישער שפּראַך.

אין די יאָרן 1912 און 1913 האָט די חברה מפיצי השכלה אָרגאַניזירט אין אָדעס זומער־קורסן פאַר די לערער, וואָס האָבן געאַרבעט אין פאַרשידענע טיפּן שולן. די קורסן האָבן געדאַרפט אָפּפרישן און דערגאַנצן די ידיעות פון די לערער, געבן זיי מוסטערן פון מעטאָדיק פאַר די לימודים אאַז"וו. צו די קורסן זענען געקומען לערער פון גאַנצן לאַנד — צווישן זיי אַ היפּשע גרופּע באַוווסטזיניקע יידישיסטישע לערער. אָבער קיין צו פיל פרייהייט אין זייער טעטיקייט האָבן די יידישיסטישע לערער אויף די קורסן נישט געהאַט. די חברה מפיצי השכלה האָט דעמאָלט נישט געהאַט קיין פּאָזיטיווע שטעלונג לגבי יידיש אין שול, און די קאָנטראָל פון דער שול־מאַכט איז געווען אויף די קורסן שטאַרק. דאָך האָבן די יידישיסטישע לערער אָפּגעהאַלטן עטלעכע באַראַטונגען.

אויך ש. גילינסקי איז געקומען צו די קורסן, און דאָ האָב איך זיך מיט אים צום ערשטן מאָל געטראָפן און באַקאַנט. ער איז געקומען — מעשה וואַרשעווער פּראַנט, געשלאָסן דאָ נייע קאָנטשאַפטן, זיך אַרומגעטראָגן מיט פאָרשלאָגן פון געזעל־שאַפטלעכן כאַראַקטער, גענומען אָנטייל אין די באַראַטונגען. ער איז דאָ אין זיינע פּעדאַגאָגישע שטימונגען און אידעען נאָך שטאַרקער פאַרפעסטיקט געוואָרן.

צווישן די קורסאַנטן יידיש־לערער האָט מען דורכגעפירט אַן אַנקעטע וועגן לימוד פון יידיש אין זייערע שולן. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יידיש ווי אַ שפּראַך ווערט געלערנט אין 70 שולן. דער אַנקעטע־מאַטעריאַל איז איבערגעגעבן געוואָרן ש. גילינסקין צום באַאַרבעטן. די יידיש־קורסיסטן האָבן אויסגעטיילט אַ ביוראָ פון פינף, וואָס זאָל ממשיך זיין דעם קאָנטאַקט צווישן די לערער אויף ווייטער. גילינסקי איז געווען איינער פון די פינף ביוראָ־מיטגלידער.

אין וואַרשע האָט עקזיסטירט אַ חברה „חינוך־ילדים", וועלכע האָט אויסגעהאַלטן אַן אָנפאַנג־שול אויף רוסיש. די פאַרוואַלטונג פון דער חברה איז געלעגן אין די הענט פון אַסימילאַטאָרן. האָט זיך איינגעגעבן אין 1912 דורכצוזעצן פאַרן דירעקטאָר פון

דער שול — גילינסקין. מיט דעם איז געקומען אַ „רעוואָלוציע" אין דער שול: ש. פּ. גילינסקי פירט אַריבער די לימודים אויף יידיש. קעגן דעם ווילן פון דער אַסימילאַטאָרישער פּאַרוואַלטונג ווערט דאָ געשאַפן אַ גרעסערער פּעדאַגאָגישער און קולטור־נאַציאָנאַלער עקספּערימענט. אין 1913 האָבן זיך שוין אין דער „חינוך־ילדים"־שול אַלע לימודים געפירט אויף יידיש. פון דעמאָלט אָן בלייבט גילינסקי פאַרבונדן זיין גאַנץ לעבן מיט דער יידיש־וועלטלעכער שול. זיין נאָמען געהערט צו דער געשיכטע פון דער דאָזיקער שול־באַוועגונג.

ווען שפּעטער ווערט אין וואַרשע, מיט י. ל. פּרצעס, י. דינעזאָנס און א. בירנבוימס הילף, געשאַפן די ערשטע קינדער־היים אויף יידיש (מערץ 1915), איז גילינסקי אַקטיוו אין דער צוגרייט־אַרבעט און אין דער פירונג פונעם אַנשטאַלט. אויך מיט דער „חינוך־ילדים־שול" האָט ער י. ל. פּרצן שטאַרק פאַראינטערעסירט. „אַ שול אָן אייגענע האָבן מיר שוין — פלעגט י. ל. פּרץ זאָגן, — איצט דאַרף מען שאַפן אַן אייגענע קינדער־היים".

די ביידע דערציִונגס־אינסטיטוציעס ווערן עקשנותדיק באַקעמפט דורך די אָרטיקע העברעיִסטן. גילינסקי איז איינער פון די שיצער און היטער פון דער נייער שול־באַוועגונג. בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין וואַרשע (1916 און שפּעטער) איז געשאַפן געוואָרן אַ פאַרלאַג פון לערן־ און לייען־ליטעראַטור אויף יידיש — „שולבוך". גילינסק נעמט אין דער אַרבעט אַ טיכטיקן אָנטייל. ער איז אין יענער צייט אויך לעקטאָר אויף די קורסן, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן פאַר די יידישע לערער דורך דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט. צוזאַמען מיט נח פּרילוצקי און ד"ר גאָטליב פאָדערט ש. גילינסקי ביי דער דייטשער אַדמיניסטראַציע, אַז אין געדרוקטן פּראָגראַם פון די קורסן זאָל נישט פיגורירן דער נאָמען „זשאַרגאָן" און זאָל פאַרביטן ווערן מיטן „יידיש". ז׳ פאָדערונג איז דורך די דייטשן באַפרידיקט געוואָרן.

אין אָקטאָבער 1919 קומט פאָר די ערשטע יידישיסטישע לאַנד־קולטור־באַראַטונג אין וואַרשע. איר אויפגאַבע איז געווען: פאַראייניקן און פאַראיינהייטלעכן די יידיש־וועלטלעכע באַוועגונג, וואָס האָט שוין פאַרמאָגט איבערן גאַנצן לאַנד א היפּשע נעץ פון שולן. 22 מאָן האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַראַטונג. גילינסקי האָט געעפנט די באַראַטונג און איז געווען איינער פון די רעפערענטן. ער איז אויסגעקליבן געוואָרן אין דער אָרגאַניזאַציע־ביוראָ, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער באַראַטונג אויף צוגרייטן אַ לאַנד־צוזאַמענפאָר פון אַלע לערער און שול־טוער. אויף דער קאָנפערענץ איז ש. גילינסקי אויך באַשטימט געוואָרן ווי אַ מיטגליד פון דער רעדאַקציע פון פּעדאַגאָגישן זשורנאַל „די נייע שול".

די גאַנצע צייט ערב דעם קומענדיקן שול־צוזאַמענפאָר איז גילינסקי געווען טעטיק אין דעם דינעזאָן־מעדעם־רייכמאַן קאָמיטעט און אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען.

אין 1920 איז גילינסקי געווען אין דייטשלאַנד, וווּ ער האָט שטודירט פּעדאַגאָגיק און פּסיכאָלאָגיע אין בערלינער אוניווערסיטעט, שפּעטער האָט ער דורכגעמאַכט אַ קורס אין דער וואַרשעווער היכשול „ווסעכניצאַ פּאָלסקאַ".

דעם 25־סטן יוני 1921 האָט זיך געעפנט דער ערשטער שול־צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די ציש"אָ (צענטראַלע יידישע שול־אָרגאַניזאַציע).

בעת דער הויפּט־דיסקוסיע „וועגן די יסודות פון דער שול" האָט גילינסקי גענומען אַ וואָרט און אַרויסגעבראַכט אַזעלכע געדאַנקען: „די דערציִונג מוז זיין אַ סאָציאַלע... אַ שול דאַרף זיין געבויט אויפן אַרבעטס־פּרינציפּ, אַ שול פון גייסטיקער און פיזישער אַרבעט... די שול דאַרף זיין אַ שול־געמיינשאַפט אויף די ברייטסטע זעלבסטפאַר־וואַלטנדיקע יסודות". ווען עס איז אויסגעבילדעט געוואָרן די הויפּט־פאַרוואַלטונג פון דער ציש"אָ — איז ש. פּ. גילינסקי געווען איינער פון אירע מיטגלידער. ער האָט אויך געהערט צום אויספיר־ביוראָ פון דער ציש"אָ.

אַ פּאָר יאָר פאַרנעמט גילינסקי דעם אַמט פון פּעדאַגאָגישן אינסטרוקטאָר פון דער ציש"אָ. ער פאָרט אַרום אַ סך איבער גאַנץ פּוילן, אינספּירירט די אָרטיקע ציש"אָ־שולן, גיט אַליין מוסטער־לעקציעס און באַמיט זיך אויסצובעסערן די פעלערן אין דער לויפנדיקער אַרבעט פון די לערער. ער פירט דורך פאַרזאַמלונגען פון די עלטערן, העלפט די שול־פאַרוואַלטונגען אָרגאַניזאַציאָנעל. אין די פעריאָדישע אויסגאַבעס פון ציש"אָ שטעלט ער אַוועק די פּראָבלעמען פון דער שול־בויונג פאַר דער ציש"אָ־עפנטלעכקייט. ער איז באַפריינדעט מיט אַ סך לערער און טוער אויף די ערטער, ווייל ער פאַרמאָגט אַ סך פאָלקסטימלעכקייט און היימישקייט אין זיין רעדן און אויפפיר. ער פילט זיך ווי איינער פון פאָלק. ער טראָגט אַריין דערמוטיקונג און גלויבן אין דער אַרבעט פון די אָרטיקע טוער און לערער.

מיר דרוקן דאָ אין בוך עטלעכע אַרטיקלען פון לערער, וועלכע דערציילן מיט אַ סך ליבשאַפט און וואַרעמקייט וועגן ש. גילינסקי, דעם שול־אינספּעקטאָר. מיט פּאָטער־לעכן געדולד און מיט גרויסן פּעדאַגאָגישן חוש שאַצט ער אָפּ זיינע איינדרוקן פון די לעקציעס, וואָס לערער האָבן געגעבן אין קלאַס. ש. גילינסקי האָט זיי געלערנט, געהאָלפן מיט אָנווייזונגען, געמוטיקט, צוגעגעבן גלויבן אין זייערע לערערישע פעיִקייטן. נאָך פערציק יאָר און מער — טראָגן אָט די לערער אין זייער האַרצן דאַנק־באַרקייט און דרך־ארץ צו זייער שול־אינספּעקטאָר חבר גילינסקי. אויך שפּעטער, אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז ש. גילינסקי געווען דער לערער פון די לערערס און דערציִערס. ער האָט איינגעשטעלט פריינדלעכע, חברישע באַציִונגען מיט די לערער, זיי האָבן אין אים נישט געפילט דעם באַלעבאָס, ער האָט זיך געפירט ווי איינער פון זיי, זיך געהאַלטן מיט זיי — אָפּנהאַרציק און אויפריכטיק.

גילינסקין באַפרידיקט אָבער נישט די שול־אינסטרוקטאָרישע אַרבעט. ער פילט זיך אויך נישט באַפרידיקט מיט זיין אַרבעט אין די וואַרשעווער שולן, הגם אין זיין לערער־פּראַקטיק איז ער שטענדיק געווען זייער דערפאָלגרייך. ער שטרעבט צו עפּעס העכערס, צו נייע דערציִונגס־עקספּערימענטן. די פריער ציטירטע ווערטער פון זיין רעדע אויפן צוזאַמענפאָר שטעלן פאָר זיין אידעיִשן קרעדאָ אין זיין פּעדאַגאָגישער אַרבעט. ער זעט, אַז ביי די פאַראַנענע באַדינגונגען פון שול־אַרבעט, ביי רדיפות פון דער רעגירונג, ביי דער ענגשאַפט פון שול־לאָקאַלן, ביי הונגער־לוינען פון לערער, ביי דער שרעקלעכער אָרעמקייט פון די עלטערן פון די קינדער, ביי דער שטענדיקער נויט פון דער ציש"אָ און דער באַגרענעצטקייט פון אירע פינאַנס־מיטלען — לאָזן זיך נישט פאַרווירקלעכן די אידעאַלן פון סאָציאַלער דערציִונג, פון אַרבעטס־פּרינציפּן אין דער טאָג־טעגלעכער אַרבעט פון די שולן; ער זעט, אַז די שול קען נישט ווערן „די שול־געמיינשאַפט

אויף ברייטסטע זעלבסטפאַרוואַלטנדיקע יסודות״. און ער חלומט וועגן אַ קינדער־אַנשטאַלט, ווו אַלע באַדינגונגען זאָלן יאָ דערמעגלעכן די פאַרווירקלעכונג פון זיינע אידעאַלן. אין די רייען פון די ציש״אָ־אַנפירער האָבן זיינע פלענער און אידעען געפונען אַ וואַרעמען אָפּקלאַנג. און די ציש״אָ גופא הויבט אָן באַטראַכטן די דאָזיקע פּראָבלעם ווי אירע אַן אייגענע. נאָך גילגולים פון עטלעכע יאָר און דערפאַרונגען מיט די זומער־קאָלאָניעס פאַר די קינדער פון די שולן, איז פאַר דער ציש״אָ קלאָר געוואָרן, אַז מ׳דאַרף אויפשטעלן אַ קינדער־אַנשטאַלט, וואָס זאָל פונקציאָנירן אַ גאַנץ יאָר און זאָרגן וועגן דעם געזונט פון די קינדער — קראַנקע און שוואַכע — אָבער גלייכצייטיק זאָל אין דעם אַנשטאַלט אַוועקגעשטעלט ווערן דער גאַנצער דערציִונגס־סיסטעם אויף די אויבן־פאָרמולירטע פּרינציפּן. די ביז אַהעריקע „קאָלאָניעס״ און די היגיעניש־מעדיצינישע אַרבעט אין די שולן גופא — האָבן צוגעגרייט דעם געהעריקן מעדיצינישן פּערסאָנאַל, און די שולן פון ציש״אָ זענען געווען ביכולת אויסצוטיילן די נויטיקע צאָל פּעדאַגאָגישע דערציִער. דער דאָזיקער אַנשטאַלט האָט שפּעטער געקראָגן דעם פּאָפּולערן נאָמען קינדער־סאַנאַטאָריע. דער בונדישער פירער וולאַדימיר מעדעם האָט אין אַמעריקע געשאַפן אַ גרעסערע סומע צו קויפן אַן אייגענע געביידע מיטן נויטיקן שטח ערד. נאָך מעדעמס פלוצלונגדיקן טויט איז די סאַנאַטאָריע אָנגערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם.

גילינסקי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער נייער אַרבעט. ער לעבט מיטן אַנשטאַלט (געעפנט אָפיציעל דעם 18טן יאַנואַר 1926). די ציש״אָ טיילט אויס אַ ספּעציעלן קאָמיטעט אויף אָנצופירן מיט דער אַרבעט פון דער סאַנאַטאָריע. גילינסקי שטייט בראש פון דער אינסטיטוציע, דער קוואַל פון זיין ענערגיע, פון זיין פּעדאַגאָגישער אינטויִציע און איניציאַטיוו שעפּט זיך פשוט נישט אויס. די צאָל קינדער אין סאַנאַ־טאָריע וואַקסט, מיט דער צייט ברייטערט זיך די אינסטיטוציע אויס, זי באַקומט אַ, אויסגעצייכנטן באַשטאַנד פון לערער — יונגע, מוטיקע, קעמפערישע. די סאַנאַטאָריע פאַרוואַנדלט זיך אין אַן אַנשטאַלט, וואָס איז אַ יחיד במינו. גילינסקי איז דער הויפּט־אָנפירער פון דער אינסטיטוציע. אין זיין אַרטיקל אין „לערער־יזכור־בוך״ (1954), וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ אין אונדזער אויסגאַבע, און אויך אין אַנדערע פריערדיקע אַרבעטן האָט גילינסקי געגעבן אַ ברייט־פאַנאַנדערגעוויקלט בילד פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, איר טעאָריע און פּראַקטיק, אירע עקספּערימענטן און דערגרייכונגען. נאָר עטלעכע ציטאַטן:

„די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען דער פּאָפּולערסטער אַנשטאַלט אין פּוילן און איז געוואָרן דער סימבאָל פון יידישער שעפערישקייט. די יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטערשאַפט און די ציש״אָ־משפחה האָבן באַטראַכט די סאַנאַטאָריע אַלס דעם ליבלינג־אַנשטאַלט פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן. דערציִער און לערער האָבן זייער אָפט באַזוכט די סאַנאַטאָריע און דאָ פאַרבראַכט טעג, כדי צו באַקענען זיך מיטן לעבן און צוזאַמענלעבן פון די קינדער״.

„ליבע צום קינד איז געווען דער יסוד פונעם לעבן אין מעדעם־סאַנאַטאָריע, ליבע צום קינד איז געווען דער העכסטער פּעדאַגאָגישער געבאָט פאַר יעדן לערער, פאַר יעדן דערציִער און מיטאַרבעטער. דאָקטוירים, לערער, סאַניטאַרינס און טעכנישע

מיטאַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשענקט פון דער נאַטור מיט גרויסער ליבע צום קינד, האָבן זיך אַליין געצויגן צום אַנשטאַלט. אַלע אָן אויסנאַם האָבן געהאַט פאַר זיך איין ציל: שאַפן באַדינגונגען, אַז דאָס קינד זאָל וואָס מער געניסן פון זיין פאַרברענגען אין סאַנאַטאָריע. די פרייד און די הנאה פונעם קינד איז געווען די פרייד און הנאה פונעם לערער, פונעם דאָקטאָר און פון יעדן מיטאַרבעטער פון פערסאָנאַל. אַ יום־טוב פאַרן קינד איז געווען דער גרעסטער יום־טוב פאַר יעדן פון די דערוואַקסענע. יעדער דערפאָלג פון אַ יחיד איז געווען דער דערפאָלג פונעם גאַנצן אַנשטאַלט. מיט ליבע צום קינד און צו זיין אַנשטאַלט איז געווען דורכגעדרונגען אַלץ, וואָס איז נאָר געקומען אין באַרירונג מיט אים. און אָט די ליבע איז געווען דער יסוד און דער סוד פון דער גרויסער שעפערישקייט און פון אַלע דערגרייכונגען אויפן פעדאַגאָגיש־דערציערישן געביט" (לערער־יזכור־בוך, ניו יאָרק, 1954).

ש. גילינסקי באַשרייבט דאָ געניי די קינדער־זעלבסטפאַרוואַלטונג, וועלכע האָט אויסגעפירט אַלע פונקציעס פונעם קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן, די זעלבסט־דיסציפּלין און זעלבסט־באַהערשונג פון די קינדער, זייערע פּראַקטיקע קינדער־פאַרשטעלונגען, זייערע צייכענונגען און שפּראַך־שעפערישקייט, זייערע אַרבעטן אין גאָרטן און ביאָלאָ־גישן צימער, זייערע נאַטור־אָבסערוואַציעס און פאָרש־דראַנג, זייער באַציִונג צו די פייגעלעך און אַנדערע בעלי־חיים, זייערע שפּיל־ און פאַרווייליִנג־אונטערנעמונגען און ראַדיאָ־קאָנצערטן. ער דערציילט אויך די געשיכטע פון דעם סאַנאַטאָריע־פילם „מיר קומען אָן" — זיין אַנטשטייונג, די מיטאַרבעט פון די קינדער און לערער, זיין פאַרבאָט אין פּוילן און זיין דערפאָלג אין אייראָפּע און אַמעריקע. ער באַשרייבט אויך ווי די נאַציס האָבן די סאַנאַטאָריע אומגעבראַכט און די קינדער און לערער פון סאַנאַטאָריע אַוועקגעפירט צו דער בראַנד־עקדה.

✶

די צאָלרייכע אַרטיקלען און זכרונות אינעם דאָזיקן ספר־מעדעם־סאַנאַטאָריע שילדערן די פּערזענלעכקייט פון ש. גילינסקי, אַזוי ווי עס האָבן אים געקענט אַלע זיינע מיטאַרבעטער, מיטחברים און אויך די קינדער.

ראַטעווען די קינדער, וואָס שטייען אויפן שוועל פון טובערקולאָז, ראַטעווען זיי פיזיש און גייסטיק, שאַפן פאַר זיי אַ היים, אַ וואַלדשול, אַ שול אויפן שויס פון דער נאַטור, — אָט די אידעע האָט ש. גילינסקין באַהערשט במשך לאַנגע יאָרן. מיט דער אידעע האָט ער אָנגעצונדן די מיטגלידער פונעם קאָמיטעט, וואָס ער האָט געשאַפן און באַוווירקט די ניין־זאָגער און פעסימיסטן. מעדעם־סאַנאַטאָריע — דאָס איז געווען זיין איניציאַטיוו, זיין אידעע, זיין אויפטו און דערגרייכונג. זיין איינגעבוירענער אָפּטי־מיזם, זיין אומגעהויערע עקשנותדיקע ענערגיע און ענטוזיאַזם, געטריישאַפט צום פאָלקס־קינד, זיין דערפינדערישקייט און פאַרנעם — דאָס איז געווען דער „מאַטעריאַל" מיט וועלכן עס איז אויפגעבויט און פונאַנדערגעבויט געוואָרן די סאַנאַטאָריע. מיט אַ גייסטיקן געניוס האָבן מיטגעאַרבעט מיט אים לערער און טעכנישער פערסאָנאַל, מיט־גלידער פון דער פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און אויך די קינדער „סאַנאַטאָריסטן".

ש. גילינסקיס וויזיע, זיין ענטוזיאַזם, זיין אומגעהויערער גלויבן אין מענטשן און אין די קינדער — האָט מנצח געווען אַלע שוועריקייטן, און „פון זיך אַליין", אומבאַמערקטערהייט איז אויסגעוואַקסן דער וווּנדערלעכער מוסטערהאַפטער אַנשטאַלט.

פון אָנהויב אָן דער אָנערקענטער פאַרוואַלטער פון דער סאַנאַטאָריע, האָט ער אָנגעפירט און געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלע ענינים און אונטערנעמונגען — סיי פּעדאַגאָגיש־דערציערישע, סיי אַדמיניסטראַטיווע און פינאַנסיעלע. זיין לאַנגיאָריקע לערער־דערפאַרונג, זיין באַגייסטערטקייט פאַר דער אידעע און די לאָזונגען פון דער נייער יידיש־וועלטלעכער שול, זיין פאַרבונדנקייט מיט דער ציש"אָ און איר פירערשאַפט, זיין באַהאַוונטקייט אין דער באַוועגונג פאַר אַ נייער פרייער שול אין מערב־אייראָפּע — דאָס האָט אים געהאָלפן איינצושטעלן אין סאַנאַטאָריע די מאָדערנסטע דערציערישע מעטאָדן.

ש. גילינסקי האָט פאַרמאָגט אַ סך אוממיטלבאַרקייט, אויפריכטיקייט און האַרציקייט אין באַציִונגען מיט לערער. ער האָט געקענט אָפּשאַצן יענעמס פעיִקייטן, קענטענישן און געטריישאַפט. דערפאַר האָט ער צוגעצויגן צו דער דערציערישער אַרבעט אין סאַנאַטאָריע — יינגערע, באַגאַבטע חברה, ס'רוב אַביטוריענטן פון לערער־סעמינאַר אין ווילנע, וועלכער איז אויך געווען אַ טייל פון דער יידיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג און ציש"אָ. אָט די יונגע לערער זענען זייער גיך געוואָרן צונויפגעוואַקסן מיט דער סאַנאַטאָריע און איר לעבן־סדר. זיי האָבן אויפגעכאַפּט און פאַרדייט גילינסקיס אידעען און אין האַרמאָנישער צוזאַמענאַרבעט רעאַליזירט די נייע דערציִונגס־אידעאַלן און מעטאָדן אין דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט פון דער סאַנאַטאָריע. זיי זענען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט גילינסקיס ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט. נישט אונטערדריקנדיק די איניציאַטיוו און שעפערישקייט פון די יונגע פעדאַגאָגן, האָט גילינסקי געלייגט זיין סטעמפּל אומעטום. געווען אַקטיוו אין יעדן ווינקל. ער איז געוואָרן די נשמה, דער שאַפנדיקער גייסט פון דעם אַנשטאַלט.

גאָר גרויס איז געווען דעם לערער גילינסקיס איינשטעל לגבי די קינדער. ער איז געווען דורכגעדרונגען מיט טיפער פאַרשטענדעניש פאַר דער פסיכיק פון קינד, זיין נישט־אויפגעצוווּנגענער אויטאָריטעט און באַווירקונג פון די קינדער איז געווען ממש צו באַוווּנדערן. יעדעס קינד האָט אַרויסגעפילט די ליבשאַפט, וואַרעמקייט, פאָטערלעכקייט פון לערער גילינסקי. און דאָס האָט געשאַפן די מערקווירדיקע אַטמאָספער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

★

זינט 1921 איז שלמה פּיוויש גילינסקי געווען אין בונד. ער האָט אויסגעפירט פאַרשידענע פונקציעס, וואָס די פאַרטיי האָט אויף אים אַרויפגעלייגט. אויך זיין אַרבעט אין דער סאַנאַטאָריע איז פון אים און פון אַלעמען באַטראַכט געוואָרן ווי אַ בונדישע טעטיקייט. אין 1927 און 1938 איז גילינסקי אויסגעקליבן געוואָרן ווי אַ בונדישער ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט, ער איז דאָ געווען טעטיק אין אַ פּאָר קאָמיסיעס, צווישן אַנדערע אויך אין דער וויכטיקער פינאַנס־קאָמיסיע. ער איז אויך אַ פּאָר מאָל אויפגעטראָטן אויף די פּלענאַרע זיצונגען פון שטאָט־ראַט. אין 1936 ווערט ער געוויילט פאַר אַ פּרנס פון דער וואַרשעווער קהילה. ער איז אויך געווען פאַרזיצער פון אַ"ג

„זבאָנשינער״ קאָמיטעט, וואָס האָט געזאָרגט וועגן די פּוילישע יידן, וועלכע זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון דייטשלאַנד. צווישן די גרויסע אָרעמע יידישע מאַסן פון וואַרשע איז ער געווען זייער פּאָפּולער. יאָרן לאַנג איז ער געווען אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט און פּאַרטרעטער פון צענטראַל־קאָמיטעט פון בונד. אין פּאַרטייִשער שליחות איז ער געווען אין אַ צאָל שטעט און שטעטלעך, ווו ביי וואַלן אָדער ביי אַנדערע געלעגנהייטן איז ער אַרויסגעטראָטן מיט עפנטלעכע רעדעס און רעפעראַטן.

גילינסקי האָט אַ סך געשריבן וועגן דער סאַנאַטאָריע און אירע דערציִונגס־מעטאָדן. זיין דערפאַרונג ווי אַ לערער אין שול האָט אים געדינט פאַר פּעדאַגאָגיש־ליטעראַרישער אַרבעט. זיין בוך „אַלגעמיינע שמועסן אין פאָלקשול״ (1921, פאַרלאַג קולטור־ליגע) איז געשריבן אין גייסט פון די פּראָגרעסיווסטע פּעדאַגאָגישע אידעען אין יענער צייט.

ש. גילינסקי (לינקס) מיט הענריק ערליך און מאַניע מייער, 1938

דאָ איז כדאי צו דערציילן, אין צוזאַמענהאַנג מיט „די אַלגעמיינע שמועסן״, דעם וויטערדיקן עפּיזאָד, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם חבר ש. גילינסקי.

באַלד נאָכן דערשיינען פון די „שמועסן״ האָט זיך דער פּוילישער ביכער־פּאַרלעגער „אַרטצט״ אויף קראָקעווער פּאַרשטאָט, אין וואַרשע, פאַרגעלייגט קאַרטשאַק, ער זאָל דאָס איבערזעצן אויף פּויליש, געבן אַ פאָררעדע. גילינסקי האָט געשטעלט אַ באַדינג —

עס זאָל זיין אָנגעגעבן — איבערגעזעצט פון יידיש — אויף דעם איז דער פאַרלעגער נישט איינגעגאַנגען. גילינסקי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דער איבערזעצונג, און פון אַ גרויסער סומע געלט. אַרטצט, דער פאַרלעגער, האָט זיך שטאַרק באַמיט צו איבערצייגן גילינסקין, ער זאָל נישט זיין אַזוי פאַרעקשנט. — „נאָר מיטן כוח פון יידיש האָבן מיר אַרויסבאַקומען פון די קינדער אַזוי פיל״ — איז געווען גילינסקיס ענטפער. „דאָס וועלן מיר נישט פאַרשוויגן. יידיש איז אונדזער מוטער־שפּראַך״.

גילינסקי האָט אויך פאַרעפנטלעכט עטלעכע לערנביכער: „אַריטמעטישער רעכן־בוך״, ערשטער טייל, 1922, „געאָרבעט און גערעכנט״, צווייטער טייל 1923, דריטער טייל 1926, פערטער טייל 1931, די אַלע זיינע רעכן־ביכער פאַר דער שול האָבן אויסגעהאַלטן עטלעכע אויפלאַגעס און פאַרמאָגט אַ סך שעפערישע פּרינציפּן.

אָנהויב סעפּטעמבער 1939 איז געקומען דער נאַצי־דייטשער אָנפאַל אויף פּוילן. ביז מערץ 1941 — אַ פּעריאָד פון וואַנדערונגען און זעלבסט־רעטונג. אַ געוויסע צייט פּרוּוון די טוער פון דער ציש״אָ רעסטאַווּרירן און ממשיך זיין אין ווילנע די אַרבעט פאַר דער יידיש־וועלטלעכער שול, אָבער די סאָוויעטישע מאַכט, וואָס שטעלט זיך איין אין ווילנע און אין גאַנץ ליטע, צווינגט ש. גילינסקין צו עמיגרירן קיין אַמעריקע, ווו ער איז, אגב, גוט באַקאַנט אַדאַנק דעם קאַמפּיין, וואָס ער האָט דאָ געפירט מיט אַ פּאָר יאָר פריער לטובת דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

אין אַמעריקע פּרוּווט ש. גילינסקי אַרבעטן אין די שולן פון אַרבעטער־רינג. ער זוכט אויך אַנדערע מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדענען מאַטעריעל און געזעלשאַפטלעך. אין 1947 נעמט ער איבער די אַרבעט פאַר דער יידישער „אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע״, און ער ווערט איר עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר. אויף דעם געביט האָט ער זייער אַ סך אויפגעטאָן, און אַדאַנק זיין איניציאַטיוו און ענערגיע זענען דערשינען עטלעכע בענד פון דער ענציקלאָפּעדיע. זיין פאַרדינסט איז אויך געווען דאָס דערשיינען פון פיר בענד פון דער ענציקלאָפּעדיע אויף ענגליש (The Jewish People and Present). ער האָט אָרגאַניזירט די פאַרשפּרייטונג פון דער ענציקלאָפּעדיע איבערן לאַנד און אין אויסלאַנד — אויף דעם אופן זענען פאַרקויפט געוואָרן עטלעכע צענדליק טויזנט עקזעמפּלאַרן פון דער אויסגאַבע. די לעצטע פּאָר יאָר פון זיין לעבן איז גילינסקי געווען שטאַרק פאַרנומען מיטן פּלאַן אַרויסצוגעבן אין 2־3 בענד די באַשרייבונג פונעם חורבן אין יידישן לעבן, וואָס די נאַציס האָבן דורכגעפירט אין פאַרשידענע לענדער. שוין נאָך זיין טויט איז דער פּלאַן פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין 1963 און 1966 זענען דערשינען צוויי גרויסע בענד, וואָס נעמען אַרום 23 לענדער.

נאָך ש. גילינסקיס טויט איז אַרויס דער באַנד „יידן״ ו׳, וואָס איז געווידמעט דעם לעבן, ווידערשטאַנד און אומקום פון אייראָפּעיִשן יידנטום אין דער נאַצי־צייט, און שפּעטער דער באַנד „יידן״ ז׳ — געווידמעט דעם חורבן פון אַלע איבעריקע לענדער. אין באַנד ו׳ האָט די רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון דער ענציקלאָפּעדיע געשריבן:

...„עס איז פון אונדז אויך אַוועק דער לאַנג־יאָריקער איבערגעגעבענער פאַר־וואַלטער פון דער ענציקלאָפּעדיע שלמה גילינסקי (געשטאָרבן דעם 4טן סעפּטעמבער, 1961). ער האָט געהאַט אַ גרויסן חלק אין אָרגאַניזירן די חורבן־געשיכטע פון דער ענציקלאָפּעדיע״.

★

די טראַגעדיע פון פוילישן יידנטום, די שחיטה פון די יידישע קינדער בכלל און פון די קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע בפרט האָבן פאַרפּאַלגט ש. גילינסקין די אַלע יאָרן אין די פּאַראייניקטע שטאַטן (1941—1961), נישט געגעבן אים קיין רו, געדריקט אויף זיין געמיט. זיין אומדערמידלעכע אַרבעט איבערן אָרגאַניזירן און אַרויס־געבן די חורבן־בענדער פון דער ענציקלאָפּעדיע — דאָס איז געווען דער אויסדרוק פון אַט דער שטימונג פון ש. גילינסקי במשך די אַלע יאָרן. אין פעברואַר 1961, אַ האַלב יאָר פאַר זיין פּלוצעמדיקן טויט, האָט ש. גילינסקי פאַרעפנטלעכט אין דער יידישער פּרעסע און פונאַנדערגעשיקט צו הונדערטער יידישע אָרגאַניזאַציעס דעם וויטערדיקן אַרטיקל, וועלכן מיר דרוקן איבער נישט געקירצט.

וויפל יידישע קינדער האָבן די נאַציס אומגעבראַכט?

„עס זענען שוין פאַריבער 15 יאָר נאָך אונדזער גרויסן חורבן, 15 יאָר נאָך דעם ווי די נאַציס האָבן אומגעבראַכט זעקס מיליאָן מענער, פרויען און קינדער פון אונדזער פאָלק. אין די 15 יאָר איז אויפגעקומען אַ צאָלרייכע חורבן־ליטעראַטור און די יידישע קאַטאַסטראָפע דרינגט ביסלעכוויז אַריין אויך אין באַוווסטזיין פון דער נישט־יידישער וועלט. דער שוידערלעכסטער קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון חורבן איז די אויסראָטונג פון הונדערטער טויזנטער פון אונדזערע קינדער. אָבער אין אונדזער אייגענער וועלט, אין אונדזערע אָפיציעלע קרייזן האָט מען נאָך נישט באַוויזן אויסצוגעפינען, וויפל קינדער־קרבנות עס זענען געווען צווישן די זעקס מיליאָן קדושים.

באַלד וועט פאַרקומען דער אייכמאַן־פּראָצעס אין מדינת ישראל. אויף דעם פּראָצעס וועט מען דאָך דירעקט אָדער אומדירעקט משפטן נישט אייכמאַנען דעם בעסטיאַלישן יחיד, נאָר דאָס גאַנצע נאַצישע פאָלק. מען וועט דאָך זיכער אַרויסברענגען די צאָל אויסגעמאָרדעטע יידן (די דייטשן לייקענען די צאָל זעקס מיליאָן) און צווישן זיי אויך די צאָל אומגעבראַכטע קינדער. טאָ זאָל מען ביים אָנגעבן אויפן פּראָצעס די צאָל קינדער־קרבנות נישט איבערחזרן דעם געוואַלדיקן פעלער, וואָס האָט זיך אַפילו אַריינ־געכאַפּט אין אונדזערע קרייזן.

אין איר הויפּט־רעדע אין דער היי־יאָריקער אַנסאַמבליי פון אונ״אָ, האָט גאָלדע מאיר, רעדנדיק וועגן אונדזער חורבן, אָנגעגעבן, אַז צווישן די זעקס מיליאָן פאַרגאַזטע, אויסגעשאָסענע און פאַרפייניקטע יידן, זענען געווען אַ מיליאָן קינדער. אין דער ווירקלעכקייט (אין אונדזער אַזוי טרויעריקער ווירקלעכקייט) איז די צאָל אַ מיליאָן נישט ריכטיק. ריכטיק איז, אַז צווישן די זעקס מיליאָן קרבנות זענען געווען איבער אַנדערטהאַלבן מיליאָן קינדער. מיטן אָנגעבן אַ קלענערע צאָל קינדער־קרבנות פאַר־קלענערן מיר דאָך אַליין די פאַרברעכנס פון די נאַציס און דאָס איז דאָך זיכער קיינער נישט אויסן.

מען האָט זיך פשוט נישט גענומען די מי פעסטצושטעלן די אמתע צאָל אומגע־

בראַכטע קינדער, און כדי דאָס אויסצוגעפינען איז געגוג אַריינצוקוקן אין אַ סטאַטיס־טישן יאָר־בוך פון וועלכן עס איז לאַנד און מען דערוויסט זיך, אַז די צאָל קינדער ביי יעדן פאָלק (מיטן אויסנאָם פון עטלעכע מערב־אייראָפּעישע לענדער) איז מער ווי אַ פערטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. וואָס איז נוגע די צאָל קינדער ביי יידן, האָבן מיר אויך גענויע סטאַטיסטיקעס אין אַ גאַנצער ריי לענדער.

כדי אָבער פעסטצושטעלן מער־ווייניקער די צאָל קינדער ביי יידן, דאַרף מען ביי זיך אָפּמאַכן ביז וויפל יאָר רעכענען מיר דעם עלטער פון אַ קינד. אין טייל לענדער ווערט דער עלטער גערעכנט ביז 15 יאָר און אין אַנדערע לענדער אַפילו ביז זעכצן (איינשליסלעך). קאָנסערוואַטיוו גענומען ווערט דער עלטער פון אַ קינד גערעכנט ביז 14 יאָר (14—0). לויט דער פאָלקס־ציילונג פון 1931 אין פוילן, איז די צאָל קינדער ביי יידן אין עלטער ביז 14 יאָר (איינשליסלעך) געווען 29.6 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג; אין ליטע (פאָלקס־ציילונג פון 1923) — 29.4 פּראָצענט; אין טשעכאָסלאָוואַקיע — 24.1 פּראָצענט; אין קאַרפּאַטן־רוס — 36.6 פּראָצענט (זע די אָפּהאַנדלונג „יידישע דעמאָגראַפיע" פון פּראָפעסאָר ליבמאַן הערש ז"ל אינעם באַנד „יידן" א' פון דער אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע).

אין די מערב־אייראָפּעישע לענדער איז דער פּראָצענט קינדער ביי יידן געווען אַ קלענערער, אָבער די יידישע באַפעלקערונג איז דאָרט פאַרהעלטנישמעסיק געווען נישט קיין גרויסע. ווי מען זאָל נישט רעכענען איז קלאָר, אַז אין דורכשניט איז דער פּראָצענט קינדער אין עלטער ביז 14 יאָר געווען מער ווי 25 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג. ד"ה, אַז די צאָל אומגעבראַכטע קינדער איז געווען מער ווי אַנדערטהאַלבן מיליאָן. עס איז צו האָפן, אַז די, וואָס גרייטן צו דעם אייכמאַן־פּראָצעס וועלן די אויבן־געבראַכטע ציפער און דער געוואַלדיקער פעלער וועט זיך מער נישט איבערחזרן".

אין דעם דאָקומענט, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן דאָ, האָט ש. גילינסקי געבראַנגט צום בולטן אויסדרוק זיינע טראַגישע טרויער־שטימונגען, זיין ווייטיקן נאָכן אומגעקומענעם דור יידישע קינדער, וואָס זענען אים געווען אַזוי נאָענט.

אין זיין אַרבעט אַרום דעם „לערער־יזכור־בוך" (דערשינען אין 1954) האָט ער געפונען אַ ביסל טרייסט און באַרויקונג. אין דעם אַפּאַראַט פון שאַפן דעם לערער־יזכור־בוך איז ש. גילינסקי געווען דער הויפּט־נערוו. די אָרגאַניזיר־ און פינאַנס־אַרבעט האָט ער אויסגעטראָגן אויסשליסלעך אויף זיינע פּלייצעס. ווי אַ מיטגליד פונעם „קאָמיטעט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די אומגעקומענע לערער פון ציש"אָ־שולן אין פוילן" און ווי אַ מיטגליד פונעם רעדאַקציע־קאָמיטעט פונעם לערער־בוך, איז ש. גילינסקי אַריינגעדרונגען אין יעדן ווינקעלע פון דער ליטעראַריש־רעדאַקציאָנעלער אַרבעט. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו אין אַלץ: געמוטיקט, גערופן וואָס שנעלער צו פאַרווירקלעכן, וואָס מער צו פאַרפולקאָמען די אויסגאַבע.

אָבער גלייכצייטיק האָט ער גערעדט און געטרוימט וועגן אַ צווייטער מאָנומענ־טאַלער אויסגאַבע: צו פאַראייביקן פערזענלעך די קינדער פון די ציש"אָ־שולן און פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ער האָט געפאָדערט, מען זאָל באַלד נאָכן דערשיינען פונעם

לערער־בוך זיך נעמען צו דער אַרבעט איבער אַ קינדער־יזכור־בוך. צום באַדויערן האָבן די דאָזיקע פּלענער זיך אַרויסגעוויזן צו גראַנדיעז, כמעט ווי אוממעגלעך צו דערגרייכן די פּילטויזנטיקע צאָל קינדער, זייערע ביאָגראַפיעס און אָפּשאַצונגען פון זייער כאַראַקטער און פעיִקייטן. מיט גרויס צער האָט מען סוף־כל־סוף געמוזט רעזיגנירן פונעם גאַנצן פּראָיעקט.

ש. גילינסקין האָט דעמאָלט באַהערשט די נייע אידעע: אָפּגעבן 2־3 בענד פון דער ענציקלאָפּעדיע (סעריע יידן) אויף דער פאָרשערישער באַשרייבונג פונעם חורבן, וואָס די נאַציס האָבן דורכגעפירט אין די יידישע ישובים פון אַלע מערב־אייראָפּעיִשע לענדער. ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט צענדליקער וויסנשאַפטלייט פון כמעט 20 לענדער. געפירט מיט זיי קאָרעספּאָנדענץ, ער ברענגט צו זיי דעם פּלאַן און כאַראַקטער פון די צוויי חורבן־בענד, ער באַשטעלט ביי זיי די געהעריקע אַרבעטן, צאָלט זיי דעם האָנאָראַר, גיט אָן זיינע מיינונגען וועגן די אויפגאַבעס פון זייערע אַרבעטן און די פון זיי, וואָס זענען געשריבן אין די פרעמדע שפּראַכן — לאָזט ער איבערזעצן אויף יידיש.

ווי געזאָגט, זענען די צוויי בענד — „יידן" ו' און „יידן" ז' דערשינען שוין נאָך ש. גילינסקיס טויט. איבער די דאָזיקע בענד שוועבט ש. גילינסקיס שיינער גייסט, אין זיי פליסט דאָס בלוט פון זיין האַרצן, זיין טיפסטער נאַציאָנאַלער געפיל און אחריות.

מלך ראַוויטש

פּען־פּראָפיל פון שלמה גילינסקי

1888 אין לינגמיאַן, ווילנער געגנט. זינט 1910 אין וואַרשע. אין 1941 — נאָך לאַנגע וואַנדערונגען — אָנגעקומען ווי אַ מלחמה־פּליט קיין ניו־יאָרק. געשטאָרבן 4טן סעפּטעמבער 1961.

ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שלמה גילינסקי געווען איינער פון דעם האַלבן טוץ — אָדער מער — שלמהס, וואָס האָבן אָנגעפירט די יידיש־וועלטלעכע שול־באַוועגונג אין פּוילן: שלמה קאַזדאַן, שלמה מענדלסאָן, שלמה זוסמאַן, שלמה אַבראַמסאָן, שלמה גילינסקי אאַז״וו. און ער איז געווען דער גלויביקסטער צווישן די אַלע שלמהס. איינגעשטעלט מ׳ט זיין גאַנצן מהות אויף היינט און אויף ווירקלעכקייט האָט ער אין דעם אומענדלעך אומעטיקן איצט פון די געמוטשעטע יידישע שולן געזען די דערגרייכונג פון דעם אידעאַל. אַוודאי האָט ער געוווּסט, אַז דאָס אַלץ דאַרף נאָך פאַרבעסערט ווערן, אָבער נאָר פאַרבעסערט, וואָרעם דער עיקר איז שוין דאָ.

ער איז אַ וועלטלעכער יידישער פּעדאַגאָג אין יעדן אָטעם. מיט דעם האָט ער געלעבט. קיין זאַך איז אים מער נישט אָנגעגאַנגען. אין דער פּאַרטיי — דעם „בונד״ — צו וועלכער ער באַלאַנגט, האָט ער געוואָלט בלייבן נאָר אַ זעלנער. איך האָב אים איין מאָל — שלמה גילינסקין — געזען אין אָט דער בפירושער ראָל פון אַ זעלנער.

דאָס איז געווען אַרום 1925, אין איינעם פון די טרויעריקע ערשטע מאַיען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן מיט רויטע פּענער איבער די קעפּ, רויטע בלימלעך אין די לאַצן און האָבן זיך געענדיקט מיט רויטן בלוט פאַרגאָסענע פּנימער. איינזאַם, אַ ווי איינזאַם איז דעמאָלט געווען דער יידישער פּראָלעטאַריאַט. פון איין זייט פלעגט מען אויפן טעאַטער־פּלאַץ האַלטן רעדעס וועגן אַרבעטער־פאַרברידערונג און פון דער אַנדערער זייט האָט מען אָט די ברידער־אַרבעטער געשלאָגן און די ברידער־אַרבעטער פון דער גרויסער פּאַרטיי האָבן זיך נישט אַ ריר געטון צום שוץ. אָבער אויך דעמאָלט האָט גילינסקין דער גלויבן נישט פאַרלאָזן. אויסגעפּוצט איז ער אַוועק צו דער דעמאָנס־טראַציע, כאָטש כמעט אַלע האָבן געוווּסט, אַז צוריק פון די דעמאָנסטראַציעס גייט מען מיט אָנצוגער בלוט באַפלעקט — און שוין אין בעסטן פאַל אַרומגעריסענע. אָבער כל זמן עס איז יום־טוב — איז יום־טוב. אָט זע איך אים גיין אין דער ריי. ער שטראַלט מיט גלויבן. אָן אונטער־מיטל־הויכער, אַ פעסט־געבויטער, אַ קוואַדראַטיש־פעסטער קאָפּ,

קורץ געשוירן, אין דער געזונטער, שטאַרקער, רעכטער האַנט אַ שטאַרקער שטעקן. צוליב עפּעס אַ טריק פון דער נאַטור איז גילינסקיס לינקע האַנט אַ סך קלענער, אַ ביסל פּרוייִש אַפילו. דערפאַר איז טאָפּלט שטאַרק די רעכטע. ער רופט מיך צו גיין אין דער ריי. און אָט איז שוין דער טעאַטער־פּלאַץ. די דעמאָנסטראַציע פון „בונד" שטעלט זיך אויס אין פולער אָרדענונג. די רעדנער־טריבונעס זענען שוין צוגעגרייט, די ערשטע רעדנערס הויבן אָן צו רעדן — יידיש. דאָס יידישע וואָרט איז דער שלאַכט־רוף פון די כוליגאַנעס. פון איין זייט שיצט זיי די מאַכט, וואָס זיי ווייסן פריִער, אַז זי וועט פּראָגראַם־געמעס פאַרשפּעטיקן... פון דער אַנדערער זייט די וואַנט פון דער גלייכגילטיקייט פון דער ברודער־פּאַרטיי... איידער וואָס ווען איז שוין אַ פּולע בהלה. קיין שלעגער בין איך נישט, קיין שטעקן האָב איך נישט געהאַט, נאָר אין דער בהלה, אין עטלעכע בליץ־רגעס האָב איך נאָך באַוויזן צו זען אַ דועל צווישן גילינסקין און אַ כוליגאַן. און אָט זע איך ווי אַ ריי ריטשקעלעך דינע און רויטע לאָזן זיך פון אַלע זייטן פון גילינסקיס קאָפּ, אַזוי ווי אַ שפּין וואָלט זיך אויף זיין שפּיץ־קאָפּ געשטעלט און אַראָפּגעלאָזן דינע רויטע פיס פון אַלע זייטן פון זיין קאָפּ...

נאָך האַלבן טאָג איז ער געווען ציכטיק פאַרבאַנדאַזשירט, די וווּנד איז נישט קיין שווערע געווען, ציכטיק איבערגעטון און ווידער גלוביק ווי אַלע מאָל. אין דער פּאַרטיי — אַ זעלנער בלויז, אין דער שול־באַוועגונג האָט מען אים איבערגעגעבן די אָנפירונג פון דער שענסטער פון די אינסטיטוציעס, דער באַרימטער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אין סאָסנע־ביימער־דערפל מיעדזעשין ביי וואַרשע.

אָפט פלעג איך די אינסטיטוציע באַזוכן, אָפט מיט איר פאַרוואַלטער, שלמה גילינסקי, אויף די וואַלד־סטעזשקעס אַרום דעם אַנשטאַלט שפּאַצירן. אין פאַרנאַכט האָט זיך באַזונדערס איינגעקריצט אין זכרון. שפּעטזומער איז געווען, ווינטיק־רויטער זונפאַרגאַנג. פון דער ווייטן די גרופּע געביידעס פון דער סאַנאַטאָריע, דער גליקלעכער היים פון עטלעכע הונדערט אומגליקלעכע קינדער. פון דאָרט האָט זיך געטראָגן געזאַנג פון קינדער, וואָס האָבן זיך געזאַמלט צום נאַכטמאָל. און פון צייט צו צייט האָט דער ווינט אָנגעטראָגן וואַרעמע ריחות פון פרישע, דאַרפישע עסנס, וואָס האָבן זיך געקאָכט אין די גרויסע קיכן. די פענצטער פון ערשטן שטאָק פון דער צענטראַלער געביידע האָבן געלויכטן פייער־רויט אין דער אונטערגייענדיקער זון. די סאָסנע־ביימער האָבן געשמעקט מיט פייכטלעכער, פרישער לופט, אויפן זעניט פון הימל האָבן זיך געזאַמלט קליינע, ראָזיקע וואָלקנדלעך, ווי אַ סטאַדע שעפעלעך פאַרן אַהיימטרייבן זי פון פעלד... און שלמה גילינסקי האָט פלוצלונג אויסגעשטרעקט זיין רעכטע, שטאַרקערע האַנט און האָט מיר באַוויזן, וואָס איך האָב סיי־ווי געזען: — זעט די שיינקייט, עפנט די אויגן און זעט. קוקט אויף אונדזער סאַנאַטאָריע, ווי זי באָדט זיך אין גרינע ביימער. אָט דאָ פיל איך די דערגרייכונג. דאָ קען זיך אַ מענטש אויסלעבן ביזן דנאָ. אַז איך בין יונגערהייט אַרויס אין קאַמף, האָב איך נישט געגלויבט, אַז איך וועל אַליין דערלעבן די דערגרייכונג, אַליין דערלעבן דעם ציל. אָט אַ דאָ — הינטער די ביימער — פיל איך ווי איך לעב מיך אויס. מיר פעלט דאָ גאָרנישט מער. גאָרנישט. פאַרשטייט איר מיך?

אים, שלמה גילינסקין, פערזענלעך האָב איך פאַרשטאַנען, אָבער דעם גאַנצן ענין

האָב איך שוין אַנדערש פאַרשטאַנען, ווייל איך האָב געקוקט און געזען אַ ביסל ווייטער — דאָרט ווו עס ענדיקט זיך דער וואַלד פון מיעדזעשין און עס הויבט זיך אָן די שרעקלעכע ווירקלעכקייט פון דעם דעמאָלטיקן אייראָפּע. עס איז געווען זומער 1934.

גילינסקי איז געווען דער אָנהענגער און פאַרטיידיקער פון די סאַמע מאָדערנסטע לערן־מעטאָדן. לערנען דורך שפּילן. ער איז דער מחבר פון עטלעכע מאַטעמאַטישע לערן־ביכער פאַר די ערשטע קלאַסן. איך האָב אים איין מאָל געבעטן מיר צו דערציילן די דראַמאַטישסטע פּעדאַגאָגישע איבערלעבונג זיינע. ער האָט מיר דערציילט ווי ער האָט אַמאָל אַ פּאַטש געטאָן אַ שילער, וואָס איז, אַ פאַרשפּעטיקטער, געקומען צו אים מיט דעם אויסרייד, אַז זיין מאַמע איז געשטאָרבן... אַ בליץ פון פּעדאַגאָגישער אינטור־יציע האָט גילינסקין אונטערגעזאָגט, אַז דאָס איז אַ שווערער ליגנט, און ער האָט געהאַנדלט דראַסטיש. עס האָט געשטימט, אָבער די איבערלעבונג האָט ער קיינמאָל מער נישט פאַרגעסן.

אַמאָל וועט זי ווידער אויפשטיין, די וועלטלעכע יידישע שול אין פּוילן. איינער פון אירע פעסטסטע פונדאַמענט־עקשטיינער איז שלמה גילינסקי. ער האָט זיך אַריינגעבויט אין פונדאַמענט פון דעם געשיכטע־בנין פון אָט דער שול.

אַן „עיקר שכחתי" צום פּען־פּראָפיל פון שלמה גילינסקי

דער רעדאַקטאָר פון דעם געדענק־בוך פון דער „מעדעם־סאַנאַטאָריע" אין וואַרשע — דער לערער פון לערערס — חיים שלמה קאַזדאַן, האָט אויך מיר געבעטן צושיקן אַ שייכותדיקן מאמר צו דעם דערמאָנטן געדענק־בוך.

האָב איך אַ בלעטער געטאָן אַלערליי אויסגאַבעס, ווו די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אין צענטער און זיך אָפּגעשטעלט אויף מיין פּען־פּראָפיל פון שלמה גילינסקי, אין צווייטן באַנד פון „מיין לעקסיקאָן". עס איז כדאי דעם גילינסקי־פּראָפיל אַמאָל איבער־צודרוקן — און באַזונדערס אין אַ זאַמל־בוך געווידמעט דער סאַנאַטאָריע. גילינסקי איז נישט נאָר געווען איינער פון די יידישע לערערס — וועלטלעכע, נאַטירלעך — וואָס האָבן אויסגעחלומט די סאַנאַטאָריע, נאָר האָט זי — צוזאַמען מיט נאָך חברים — געבראַכט צו אַ תיקון. 1926 ביז 1939 — זי פּאַקטיש אָנגעפירט.

די דאָזיקע סאַנאַטאָריע איז געווען אַ פּעדאַגאָגישער מוסטער־אַנשטאַלט אויף אַן אייראָפּעיִשן פאַרנעם. גרויסע אייראָפּעיִשע פּעדאַגאָגן זענען אָפט געקומען נישט נאָר זי צו באַזוכן, נאָר פון איר צו לערנען.

אָט שטייט מיר פאַר די אויגן איינער אַזאַ מין פּעדאַגאָגן־באַזוך. גילינסקי נעמט אויף די געסט און פירט זיי אַרום. ער פירט און ער גיט גלייכצייטיק אַ לעקציע וועגן דער פּעדאַגאָגיק פון מאָרגן — דעם גרויסן מאָרגן פון דער מענטשהייט...

אין אָט דער סאַנאַטאָריע איז געווען אינטעגרירט גוף און גייסט — „מענס סאַנאַ אין קאָרפּאָרע סאַנאָ".

און — —

זינט יענע מעדעם־סאַנאַטאָריע־יאָרן האָט זיך אַ סך אין דער וועלט געביטן. און דווקא נישט צום בעסערן.

אָפּט האָב איך אין ניו־יאָרק געטראָפן גילינסקין. מיר פּלעגן שטיל זיך אַוועקזעצן ביי אַ טישל, זופּן אומעטיק אַ טעפּעלע קאַווע און זיך דערמאָנען, דערמאָנען — בעיקר די באַגעגענישן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

עס דערמאָנט זיך די לעצטע באַגעגעניש מיט גילינסקין — אין יאָר 1961 אין „אַטראַן־הויז". גילינסקיס לעצטע לעבנס־יאָר אין ניו־יאָרק. גילינסקי באַקלאָגט זיך: ער קרענקט און עס איז אים איינזאַם. און ער פאַרענדיקט פאַטעטיש זיין שמועס: מיינט איר דאָך, אַז צוליב דעם איצטיקן מעמד אין דער וועלט איז דער שטענדיקער אָפּטימיסט געוואָרן אַ פּעסימיסט? הויבט זיך נישט אָן.

און דאָ בין איך אַריינגעפאַלן אין גילינסקיס שמועס מיט אַ ביסל פאַנטאַזיע וועגן אַנדערע בעסערע צייטן, אָבער ביז דעמאָלט איז נאָך וויט. נאָר געשען וועט עס. און איידער עס וועט געשען — וועט די גאַנצע מענטשהייט מוזן דורכגיין אַ גוף־ און נשמה־קוראַציע אין אַ פּלאַנעטאַרער „מעדעם־סאַנאַטאָריע". גילינסקי האָט אַ שמייכל געטאָן — די פאַנטאַזיע איז אים געפעלן.

י. ראַטנבערג (מעקסיקע)

דער גייסט פון אַן אינסטיטוציע

שטענדיק, ווען כ׳הער דאָס וואָרט מעדעם־סאַנאַטאָריע, טויכן־אויף אין מיין האַרץ געפילן און אין מיין זיכרון דערינערונגען, וואָס טראָגן מיך גלייך איבער אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ וועלט פון ליכטיקייט און וואַרעמקייט, פון שמייכלענדיקע קינדער־פּנימלעך און אַ קלינגענדיק־האַרציקן געלעכטער.

און אין דער דאָזיקער פריילעך־ליכטיקער וועלט שפּאַצירט זיך אַרום אַ נידעריקער ברייט־פּלייציקער מענטש מיט אַ גרוילעכן קאָפּ און אַ ברייט־צעשמייכלטן, שיינענדיקן פּנים, און פון אַלע זייטן הערן זיך די אויסגעשרייען פון קינדערישע קולעכלעך: לערער גילינסקי, לערער גילינסקי!...

מעדעם־סאַנאַטאָריע און ש. גילינסקי... זעלטן ווען, אַז אַן אינסטיטוציע זאָל זיך אַזוי אינטים, אַזוי וואָרצלדיק און אומצעשיידבאַר אידענטיפיצירן מיט אירס אַ מיט־גרינדער און מיטשאַפער. און עס איז קיין חידוש נישט, ווייל ש. גילינסקי האָט אין מעדעם־סאַנאַטאָריע אַריינגעלייגט האַרץ און נשמה, דאָס שענסטע און בעסטע פון זיין פּערזענלעכקייט.

ש. גילינסקי פלעגט זייער אָפט איבערחזרן דעם געדאַנק, אַז די נייע שול, די יידיש־וועלטלעכע שול דאַרף זיין אַ שול פון שאַפן, און שאַפן דאַרפן נישט נאָר די די קינדער, נאָר אויך די לערער, די דערציער; דער שעפערישער לערער דאַרף אויפֿכאַפּן נייע אידעען, באַמיען זיך צו פאַרקערפּערן זיי אין לעבן. כדי דאָס צו דערגרייכן דאַרף ער, דער לערער־דערציִער פאַרמאָגן אינטויִציע, ליבשאַפט, טיפע לעבנס־פאַראינטערעסירונגען און וויזיע.

אָט די אַלע מעלות האָט ש. גילינסקי פאַרמאָגט אין אַ גאָר גרויסער מאָס. „חבר ראַטנבערג, איך האָב פאַר אייך אַן אידעע״... מיט אַזאַ מין באַגריסונג פלעגט ער מיך זייער אָפט באַגעגענען אַ צעשמייכלטער און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן און פאַרבונדן אַ שמועס אויף שעהען. און עס איז אוממעגלעך געווען נישט אָנגעצונדן צו ווערן פון זיין גלויבן און אָפט מאָל עקזאַלטאַציע, דערביי האָט זיך אַרויסגעפילט אין שמועס, אַז דאָס זענען נישט בלויז פּראָיעקטן־פייגל אין דער לופטן, נאָר אַז ער האָט וועגן דעם ענין אַ סך און ערנסט געטראַכט און זייער אָפט נייעס, אָריגינעלס טאַקע צוגעטראַכט.

עס איז, דעריבער, נישט קיין צופאַל, וואָס די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געוואָרן אַזוי באַרימט, ווי אַ מוסטער־דערציִונגס־אַנשטאַלט, ווייל ש. גילינסקי האָט כסדר געטראַכט,

געזוכט און אויפגעכאַפּט נייע אידעען און זיי פאַרקערפּערט אין דער דערציִונגס־אַרבעט אין סאַנאַטאָריע.

גילינסקי האָט זיין גאַנץ לעבן און אויסלעבן־זיך פאַרבונדן מיטן דאָזיקן דערציִונג־אַנשטאַלט אויף אַזוי פיל, אַז קיינער האָט זיך גאָרנישט געקענט פאָרשטעלן די מעדעם־סאַנאַטאָריע אָן גילינסקין, און גילינסקין אָן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. „איך שטעל מיר נישט פאָר מיין לעבן אָן מיין אַרבעט אין דער סאַנאַטאָריע" — דאָס פלעגט גילינסקי איבערחזרן אין זיינע שמועסן, וואָס האָבן זיך סיי ווי סיי שטענדיק געדרייט אַרום דעם דאָזיקן פּונקט.

פאַרוואָס? צוויי גרויסע מעלות האָט גילינסקי געהאַט: אַ טיפע פּעדאַגאָגישע אינטויִציע און אַ וואַרעם מענטשלעך האַרץ. עס איז גאָר קיין צופאַל נישט, וואָס ער איז געווען צווישן די ערשטע פּיאָנערן־בויער פון דער יידישער פאָלקס־שול. פאַר גילינסקין איז דערציִונג, יידישע דערציִונג, געווען נישט נאָר אַ הייליקע אַרבעט, נאָר אַ פריידיקע אַרבעט, אַ דערהויבענע איבערלעבונג.

„איז דען פאַראַן אַ גרעסערער פאַרגעניגן, ווי צו שמועסן מיט די דאָזיקע יאַטלעך", פלעגט גילינסקי טענהן, „אַלץ איז כדאי, אַלע שוועריקייטן און דאגות זענען גאָר נישט אין פאַרגלייך מיט דעם נחת־רוח, מיט דעם תענוג, ווען דו זעסט, ווי זיי בליִען און וואַקסן און ווי אַ ליכטיקע וואַרעמקייט שטראַלט אַרויס פון זייערע אייגעלעך". און ווי זאָגט מען דאָס: לאוו כל אדם זוכה, נישט יעדער לערער קען דאָס פילן און זען.

„דער לערער גילינסקי..." אַזוי האָבן אים גערופן טויזנטער יידישע קינדער אין וואַרשע, יוגנטלעכע און אויך די טאַטע־מאַמעס פון מילע, ניזקע, וואָלינסקי, קראַכ־מאַלנע א"אַ. די גאַנצע אָרעמקייט פון וואַרשע האָט געקענט דעם לערער גילינסקי, דעם דירעקטאָר פון מעדעם־סאַנאַטאָריע. דירעקטאָר... עס איז עפּעס אַ צו קאַלט וואָרט, עס שמעקט מיט אָפיציעלקייט. ווי ווייט איז דאָס געווען פון גילינסקין, פון דער וואַרעמער און היימיש־משפחהדיקער אַטמאָספער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אין מיעדזעשין. די קינדער און די עלטערן, יאָ, אויך די עלטערן, האָבן מיט זיך אַהיים־געבראַכט פון סאַנאַטאָריע אַזוי פיל ליבשאַפט, אָרעמקייט און דאַנקבאַרקייט, אַז זיי האָבן עס קיין מאָל נישט געקאָנט פאַרגעסן.

גילינסקי האָט זייער גוט געקענט די אָרעמקייט, די יידישע אָרעמקייט אין וואַרשע. ער האָט אויך זייער גוט געוווסט, אַז די קינדער זענען די גרעסטע קרבנות פון דער דאָזיקער אָרעמקייט. און אין דער קורצער צייט, וואָס אָט די קינדער האָבן געהאַט דאָס גליק צו פאַרברענגען אין דער סאַנאַטאָריע, האָט ער זיי געוואָלט פאַרשאַפן וואָס מער פרייד און גוטע איבערלעבונגען, און דאָס האָט ער אין דער גרעסטער מאָס דערגרייכט.

ווי דער פאַרוואַלטער פון דער מיכאַלעוויטש־שול אויף מילע 51 און אַ לערער דערצו פלעג איך גאַנץ אָפט זיך אַריינכאַפּן אויף אַ באַזוך אין מעדעם־סאַנאַטאָריע. קודם־כל האָב איך זיך געוואָלט זען מיט מיינע קינדער, איך מיין מיט די קינדער פון דער מיכאַלעוויטש־שול, וואָס האָבן דאָרט פאַרבראַכט. און ווי אַ לערער האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט די דערציִונגס־אַרבעט און די פאַרשידענע עקספּערימענטן, וואָס מען האָט דאָרט אַדורכגעפירט אויפן דאָזיקן געביט. איך האָב געוווסט, אַז עפּעס נייס, אַ פרישע דערגרייכונג וועל איך דאָרט זיכער געפינען. נישט אין אַ קליינער

מאָס האָט מיך אַהין אויך געצויגן די אַטמאָספער, וואָס האָט דאָרט געהערשט. איך האָב געוואָלט זען מיינע שול-קינדער פון מילע, ניזקע, וואָלינסקע מיט געמיטלעכע, פריילעכע פנימער, זאַטע און אויסגערוטע, מיט געזונטע פאַרבן אויף די פנימער.

פאַרשטייט זיך, אַז פון אַזאַ רייזע בין איך צוריקגעקומען אַ צופרידענער, אָבער... מיט אַ באַשלוס צו „קעמפן" מיט גילינסקין. פאַר וואָס?

ווי דער פאַרוואַלטער פון דער מיכאַלעוויטש-שול אויף מילע 51, איז מיר גאַנץ אָפט אויסגעקומען צו האָבן „קאָנפליקטן" מיט גילינסקין, ביי וועלכע מיר זענען, צום באַדויערן, ביידע געווען גערעכט. די קינדער אין מיכאַלעוויטש-שול אויף מילע 51 זענען געקומען פון דער סאַמע גרעסטער אָרעמקייט — פון ניזקע, וואָלינסקע, שמאָלע-מילע, פאַווע, קינדער פון קעלער-שטובן, אויסגעמאָגערטע, אונטערדערנערטע, בלוט-אָרעמע. בין איך אַלע מאָל געקומען צו גילינסקין מיט אַ ווענדונג, אַז ער זאָל אַריינעמען אין סאַנאַטאָריע נאָך קינדער... איך זאָג נאָך, ווייל סיי ווי סיי איז דאָרט שטענדיק געווען אַ היפשע צאָל קינדער פון מילע, אָבער...

פלעגט גילינסקי צו מיר טענהן גוטמוטיק, אָבער מיט אַ טרויעריקער מינע אויפן פנים: איך פאַרשטיי אייך זייער גוט, גלויבט מיר, אַז איך פיל זייער שטאַרק אייער זאָרג, אָבער איר האָט מילע 51, איר ווילט באַזאָרגן אייערע קינדער פון ניזקע, וואָלינסקע, אָבער איך דאַרף דאָך אויך באַזאָרגן די קינדער פון אַנדערע שולן — פון קראָכמאַלנע, קאַרמעליצקע, נאָוואָליפיע, זאַמענהאָף. איר ווייסט דאָך וואָס עס טוט זיך... הונדערטער ווענדונגען קומען אָן טעגלעך פון אַנדערע שטעט, פון ווילנע, פון ביאַליסטאָק, פון לאָדזש. מען וואָלט געדאַרפט פאַרגרעסערן און אויסברייטערן די סאַנאַטאָריע. צובויען נייע פאַווילאָנען, אַז זי זאָל קאָנען אַריינעמען מער קינדער. איך טראַכט וועגן דעם טאָג און נאַכט...

און דאָ האָט גילינסקי, ווי פאַרגעסן צוליב וואָס איך בין געקומען און ער האָט אָנגעהויבן מיר דערציילן, בעסער געזאָגט, שילדערן (מיט זיין עקזאַלטירטער פאַנטאַזיע, ווי געוויינלעך אין אַזעלכע פאַלן) — ווי אַזוי ער וועט פונאַנדערבויען די סאַנאַטאָריע, ווי אַזוי ער וועט שאַפן אַ קינדער-שטאָט, וואָס וועט זיך באָדן אין ליכט, אין גרינס און אין בלומען... איך בין געזעסן מיט מיינע דאגות... אָבער קוקנדיק אויף זיין צעשטראַלט פנים, ווי די אויגן זיינע פול מיט באַגייסטערונג און פאַרטרוימטע, האָבן געקוקט אין דער ווייטקייט, איבער מיר, ווי זיי וואָלטן שוין געזען די אויפגעבויטע קינדער-שטאָט, — האָב איך נישט געהאַט קיין האַרץ איבערצורייסן און אַרויסשלאָגן אים פון זיינע ליכטיקע טרוימען. אגב, בין איך זיכער געווען, אַז נאָך אַזאַ וויזיט וועל איך שוין עפעס אויספועלן, מיט ליידיקן וועל איך שוין נישט אַוועקגיין. איך האָב צוגעוואַרט מיט געדולד ביז ער, גילינסקי, האָט זיך אַליין אויפגעכאַפּט, און איך האָב דערהערט אים פרעגן מיט זיין געוויינלעכער געמיטלעכער שטימע: נו, זאָגט שוין, וויפל קינדער פון אייער שול מוזן שוין פאָרן? אַז דער ערגסטער גזלן זענט איר!...

ווען אַ גרופּע קינדער איז צוריקגעקומען פון מעדעם-סאַנאַטאָריע, פלעגט דער שילער-ראַט אָרגאַניזירן אַ קינדער-פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער די וואָס זענען געווען אין סאַנאַטאָריע, האָבן איבערגעגעבן זייערע איינדרוקן, מיינונגען און איבער-לעבונגען. אָפּטמאָל האָב איך איינגעלאַדן גילינסקין אויף די דאָזיקע פאַרזאַמלונגען,

צו וועלכע ער האָט אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס. „איר ווייסט גאָר נישט וויפל איך לערן פון די דאָזיקע שמועסן, וויפל געדאַנקען זיי דערוועקן ביי מיר...", פלעגט ער מיר זאָגן.

ווי באַקאַנט, איז גילינסקי געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון פרייע שמועסן מיט די קינדער. ער האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון באַקאַנטן דייטשן פעדאַגאָג בערטאָלד אָטאָ, וואָס האָט דער ערשטער געמאַכט דעם פרווו איבערצוטראָגן דעם פרייען פאַמיליע־שמועס — אין שול אַריין. ער האָט געהאַלטן, אַז די איינגעשטעלטע פּראָגראַם אין שול באַגרענעצט און שטערט דעם קינד אין זיין פרייען דענקען און פאָרשן. דאָס קינד זעט און נעמט אויף זיין אַרום, זיין אַרומיק וועלטל, ווי עפּעס אַ גאַנצעס, וואָס לאָזט זיך נישט באַטראַכטן אָפּגעזונדערט פון פאַרשידענע זייטן, איינגעפאַסט אין באַזונדערע וויסנשאַפטן.

האָט גילינסקי איינגעפירט אַזעלכע שמועסן מיט די קינדער און זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ גרויסן דערפאָלג. מיר איז אויסגעקומען בייצווזיין אויף אַזעלכע שמועסן אין סאַנאַטאָריע און איך האָב זיך איבערצייגט, אַז זייערע דערציִערישע רעזולטאַטן זענען געווען אומגעהויער. די קינדער האָבן אַרויסגעוויזן אַ גאָר שטאַרקן אינטערעס צו די דאָזיקע שמועסן און זיי האָבן פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל אַזעלכע שמועסן פון צייט צו צייט אַדורכפירן אין שול. דער שילער־ראַט ביי דער מיכאַלע־וויטש־שול האָט עס טאַקע איינגעפירט צוויי מאָל אין חודש, אַמווייניקסטנס איין מאָל אין חודש אין אַ שבת־טאָג, כדי עס זאָלן אויך קענען קומען עלטערן, וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס דערצו.

עס וועט גאָר נישט זיין איבערגעטריבן צו זאָגן, אַז די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אין אַ גרויסער מאָס געווען אַ מין פעדאַגאָגישע לאַבאָראַטאָריע פאַר אונדזערע שולן, און מיר לערער האָבן אַ סך געלערנט פון די דערציִערישע מעטאָדן, וואָס זענען דאָרט געמאַכט געוואָרן. אַזעלכע עקספּערימענטן האָבן דאָרטן געקענט אַדורכגעפירט ווערן אין אַ גרויסער מאָס ערשטנס דערפאַר, וואָס די דערציִונגס־אַרבעט איז נישט געווען באַגרענעצט און רעגלאַמענטירט דורך פּראָגראַמען, צווייטנס, און אָט דער צווייטנס איז טאַקע „דער עיקר", וואָס זי האָט געהאַט דאָס גוטע מזל, אַז באַלד אין אָנהייב זאָל שטיין ביי דער פעדאַגאָגישער אָנפירונג ש. גילינסקי.

גילינסקי איז נישט נאָר געווען דער אידעאַל פון א פאָלקס־לערער, נאָר אויך אַ זוכער, אַ פאָרשער אויפן פעדאַגאָגישן געביט. ער האָט זיך קיין מאָל נישט באַגנוגנט מיט דעם דערגרייכטן. זיין הויפּט־לעבנס־פאַראינטערעסירונג איז געווען דערציִונג, יידישע דערציִונג, דערין האָט ער געזען דאָס הייליקסטע, דערהויבנסטע און אינטע־סאַנטסטע, און דאָס האָט אויסגעפילט זיין לעבן. הגם ער איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, איז ער, אָבער, מיט זיין גייסט און נשמה געווען ערגעץ־אַנדערש — אין מעדעם־סאַנאַטאָריע צווישן די קינדער. אָט דער דאָזיקער „ערגעץ־אַנדערש" האָט שטענדיק אויפגעהאַלטן אַ וואַרעמען שמייכל אויף זיין פּנים, וואָס האָט עדות געזאָגט וועגן אַן אינערלעכן נחת־רוח. נישט איין מאָל האָט ער מיר געזאָגט, אַז ווען ער דערפילט, אַ שלעכט געמיט רוקט זיך אויף אים אָן, איז ער עולה־רגל קיין מיעדזעשין. דערמיט דערקלערט זיך, אפשר, דער פאַקט, וואָס אין

שווערע צייטן, ווען מען איז געשטאַנען אין פאַרביטערטע קאַמפּן מיטן פּוילישן אַנטי־סעמיטיזם, וואָס האָט געוואָלט אומברענגען יידיש לעבן, יידישע קולטור און די יידישע שולן, האָט גילינסקי נישט פאַרלוירן זיין שטימונג. ער איז שטענדיק געווען דער גלויביקער, דער אָפּטימיסט און דערמונטערער.

געווען אַ ראַטמאַן אין וואַרשעווער שטאָטראַט, אַנגעשטויסן זיך דירעקט, פּנים אל פּנים מיטן פּוילישן ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם, אָבער גילינסקי איז נישט נתפּעל געוואָרן. „מיר וועלן שאַפן און בויען, און זאָלן זיי, די שונאי־ישראל קריצן מיט די ציין, עס וועט זיי גאָרנישט העלפן". און אויך זיי, די אַנטיסעמיטן, האָט ער אַנטוואָפנט מיט זיין וואַרעמער מענטשלעכקייט און אידעאַליזם.

דערציילט מיר אַ מאָל גילינסקי, אַז אויף איינער אַ זיצונג פון דער בילדונגס־קאָמיסיע אין וואַרשעווער שטאָט־ראַט האָט ער זיך געווענדעט צו דעם פאַרזיצער פון דער קאָמיסיע, אַ פאַרביסענער, אָבער פאַרשטעלטער אַנטיסעמיט, אַז ער לאַדט אים איין אויף אַ באַזוך אין מעדעם־סאַנאַטאָריע. צוליב וואָס? האָט דער פאַרזיצער אים געפרעגט, אַ פאַרוווּנדערטער. „אַז איר וועט קומען אין דער סאַנאַטאָריע און איר וועט דאָרט זען, ווי קינדער, הינער, פייגעלעך און בלומען לעבן צוזאַמען אין נחת און אין פרידן, וועט איר, אפשר, דערפילן און איינזען, ווי שנאה און האַס דערדריקן און דער־נידעריקן דעם מענטש און פאַרפינצטערן זיין לעבן" — האָט אים גילינסקי אָפּגעענט־פערט.

★

גילינסקי האָט געגלויבט אין מענטש און ליב געהאַט מענטשן. די פאַנטאַזיעס זיינע וועגן גרויסע פּראָיעקטן פון אויפבוי און שאַפן, פאַנטאַזיעס און פּלענער, מיט וועלכע ער האָט זיך אַרומגעטראָגן ביז די לעצטע מאָמענטן פון זיין לעבן, האָבן געוואָרצלט אין אָט דעם גלויבן זיינעם און אין זיין ליבשאַפט צו מענטשן.

מיר איז אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט גילינסקין אויף אונדזער אומגליקלעכן וואַנדער־וועג ביי פאַרשידענע אומשטענדן און באַדינגונגען, און דער געמיטלעכער, האַרציק־פריינדלעכער גילינסקי איז געבליבן גילינסקי. אין די שווערסטע מאָמענטן און סיטואַציעס האָט ער נישט פאַרלוירן זיין הומאָר און זיין צלם־אלוקים, זיין איידעלע וואַרעמע מענטשלעכקייט. ער איז זעלטן געווען פאַרביטערט, מאָראַליש דערדריקט, און צו קיינעם קיין טענות נישט געהאַט, הגם ער האָט, ווי מיר איז געווען באַקאַנט, אָפּט מאָל געהאַט אַ גרונט צו האָבן טענות, און שאַרפע טענות.

אין די לעצטע יאָרן האָב איך זיך מיט גילינסקין געטראָפן אין אַמעריקע, איך האָב זיך מיט אים שטענדיק געטראָפן בעת מיינע באַזוכן אין ניו־יאָרק און איך בין תמיד אַוועק אַן אומעטיקער. דער גוטער האַרציק־שמייכלענדיקער גילינסקי מיט זיין אידעאַליזם, מענטשלעכער וואַרעמקייט און וויזיאָנערישקייט האָט לחלוטין נישט געפּאַסט פאַר דער האַרטער, גרויער און קאַלטער אַמעריקאַנערווירקלעכקייט.

„וואָס וועט זיין פון אונדז?"... אָט די פראַגע פלעגט ער אָפּט איבערחזרן מיט אַ טיף־אומעטיקן שמייכל. אויך דאָ, אויפן שטיינערנעם אַמעריקאַנער באָדן האָט ער נישט פאַרלוירן זיין אומרו; אויך דאָ, אין דער קאַלטער אַטמאָספער אַרום אים, וואָס האָט כסדר געדריקט און געשטיקט (זיין אויסדרוק — י. ר.), האָט נאָך זיין פאַנטאַזיע געאַרבעט

און ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט פּראָיעקטן און פּלענער, אָבער... ער אַליין האָט שוין נישט געהאַט דעם שטאַרקן גלויבן.

ווען גילינסקי איז געווען צו גאַסט אין מעקסיקע אין יאָר 1960 איז ער, פאַר־שטייט זיך, געווען אַן אָפטער גאַסט אין די היגע יידישע שולן און ער האָט זיך מחיה געווען, ווי אַ נייער מענטש געוואָרן. מיט יעדער זאַך האָט ער זיך געפרייט, פון אַלץ האָט ער געשעפּט נחת. נאָך אַזעלכע באַזוכן אין די שולן, פלעגט ער מיר כסדר איבערחזרן דאָס זעלביקע: „איך איז דאָך גוט, איר זענט אַ גליקלעכער מענטש, איר דרייט זיך ווידער אַרום צווישן יידישע קינדער, ווידער אַ מאָל הערט איר פריילעכן קינדערישן געלעכטער און איר פילט, ווי זייערע ליכטיקע אייגעלעך קוקן אויף אייך״.

און ווען ער האָט דאָס מיר געזאָגט, האָב איך ממש געפילט, אַז ער איז מיט זיין גאַנצער נשמה „דאָרט״, אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווו הונדערטער יידישע קינדער האָבן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, געטריישאַפט און דאַנקבאַרקייט געקוקט אויף דעם לערער גילינסקי.

איך האָב עס געפילט און אים גוט פאַרשטאַנען. עס איז נישט אַזוי גרינג צו פאַרגעסן אַזעלכע בליקן פון קינדערישע אייגעלעך, וואָס האָבן אַזוי פיל יאָרן געוואָרעמט זיין האַרץ. גילינסקי האָט יענע ליכטיק־וואַרעמע בליקן שטענדיק געטראָגן מיט זיך אין האַרצן. ער האָט קיין מאָל נישט געקענט פאַרגעסן אין דער סאַנאַטאָריע, דאָרט האָט ער איבערגעלעבט דאָס שענסטע און דערהויבנסטע פון זיין לעבן. די דערינערונגען וועגן די מאָמענטן פון שטראַלנדיקן גליק, וואָס ער האָט דאָרט איבער־געלעבט, האָבן אים באַגלייט אויף זיין גאַנצן לעבנס־וועג און זיי האָבן זיכער פאַר־לייכטערט זיינע שווערע איבערלעבונגען אין די לעצטע יאָרן.

בעטי גומענער־נוטקעוויטש (לאָס אַנדזשעלעס)

דער טרוימער פון דער מעדעס־סאַנאַטאָריע

שווער אָנצוהויבן צו אויפדעקן זכרונות פון פאַרגאַנגענע יאָרן. מלחמות און וואַנדע־רונגען און אַלע שווערע פאַרלוסטן האָבן געווירקט אויף אונדז. צייטנווייז דוכט זיך, אַז דאָס אַלץ, וואָס איז געווען איז בלויז אַ חלום, אַ ליכטיקער שטראַל אין דער גרויער ווירקלעכקייט, אין וועלכער מיר זענען אַריינגעוואָרפן געוואָרן קעגן אונדזער ווילן.

איינע פון אַזעלכע זיסע חלומות איז געווען די מעדעס־סאַנאַטאָריע. פאַר מיר פערזענלעך איז די מעדעס־סאַנאַטאָריע און לערער גילינסקי געווען איין סימבאָל פון מענטשלעכקייט און ליבע צום קינד. נאָך איידער איך האָב זיך פערזענלעך געטראָפן מיטן לערער גילינסקי, האָב איך וועגן אים געהערט פון מיין הייליק־אומגעקומענעם ברודער, אליהו גומענער, אַ נאָענטער אידעען־פריינד פון גילינסקי פון דער „ס. ס.״־באַוועגונג. איך בין אָנגעקומען אַרבעטן אין די וואַרשעווער „ציש״אָ״־שולן און מיין ברודער האָט זיך כסדר נאָכגעפרעגט אין זיין בריוו, צי כ׳האָב זיך שוין געטראָפן מיטן חבר גילינסקי.

ענדלעך איז געקומען די געלעגנהייט: איך האָב באַקומען אַן איינלאַדונג פון לערער גילינסקי, אַז ער וויל זיך מיט מיר זען וועגן מעגלעכער באַשעפטיקונג אין דער מעדעס־סאַנאַטאָריע אַלס לערערין פון צייכענען און האַנט־אַרבעט, מיט וואָס איך האָב זיך פאַרנומען אין די וואַרשעווער „ציש״אָ״־שולן.

איך בין אַוועק אין דעם מעדעס־סאַנאַטאָריע־ביוראָ אויף לעשנאָ. דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט פון אומגעדולד ענדלעך צו זען דעם לערער גילינסקי, וועגן וועמען איך האָב אַזויפיל גוטס געהערט. כ׳בין אָבער אין דער זעלבער צייט געווען דעצידירט, אַז כ׳קען מער קיין אַרבעט נישט אָננעמען נאָך זעקס שווערע טעג פון אַרבעטן אין עטלעכע טאָג־שולן.

אָבער באַלד אין דעם באַגינען פון אונדזער שמועס, האָבן די וואַרעמקייט, וואָס חבר גילינסקי האָט אַרויסגעוויזן, די גוטע אויגן זיינע, די ליבשאַפט מיט וועלכער ער האָט גערעדט וועגן די סאַנאַטאָריע־קינדער, — מיך ווי אַנטוואָפנט און כ׳האָב זיך גיך איבערצייגט, אַז כ׳וועל דאָס וואָרט „ניין״ נישט קענען גאָר ברענגען אויף מיינע ליפּן.

און כ׳האָב נישט באַדויערט מיין צושטימונג אָנצונעמען די איינלאַדונג צו אַרבעטן אין דער סאַנאַטאָריע. ס׳איז מיר גוט און אָנגענעם געווען די אַרבעט. אַלץ איז דאָ אַנדערש געווען ווי אין שטאָט. די אַטמאָספער פון אומבאַגרענעצטער פריינדשאַפט האָט

באהערשט יעדן מיטאַרבעטער און יעדן קינד. ביים אַריבערטרעטן די שוועל פון דער סאַנאַטאָריע האָט יעדער איינער געפילט, אַז ער איז געקומען אין אַ וווּנדערבאַרער, אייגענער, ליבער היים.

מיינע קלאַסן מיט קינדער זענען געווען שטאַרק פאַרבונדן מיט דעם אַרום פון דער סאַנאַטאָריע. מען האָט נישט געדאַרפט זוכן טעמעס צום צייכענען. די „אויסגע־דרעסירטע" הינדעלעך, וואָס פלעגן אַריינגיין אין זייערע אייגענע „היימען" צו לייגן אייער, זענען פאַר אונדז געווען גוטע „מאָדעלן". די בונטע בלומען, טאָמאַטן, רעטעכלעך, ביימער, פייגל, קעצעלעך, זומער־פייגעלעך, האָבן געגעבן גענוגנדיקן מאַטעריאַל פאַר באַאָבאַכטונג, און די קינדער האָבן אויסגעדריקט זייער פאַנטאַזיע מיט די אָביעקטן פון דעם אַרום.

עס איז אַוועק אַ פיבערהאַפטע צייט פון שאַפן און אַרבעט. ערשט אויפן שויס פון דער נאַטור האָבן די יידישע קינדער פון די וואַרשעווער קעלער־שטובן און דאַך־פאַציאַטעס באַקומען פליגלען פון קונסט און אויסדרוק. יונגע אַרטיסטן זענען געוואַקסן און געשטיגן צו הימלישע הויכקייטן.

ווען דער לערער גילינסקי האָט זיך באַוויזן צווישן דער חברה קינדער, און זיינע אויגן האָבן זיי אַלעמען אַרומגענומען מיט וואַרעמקייט און גוטסקייט, האָט זיך יעדערער געגרויסט: „זעט, לערער, דאָס האָב איך אַליין געצייכנט", „דאָס האָב איך אַליין גע־מאַכט". און אַז דער לערער גילינסקי האָט נאָך געהאַט צייט צו באַוווּנדערן דאָס געמאָלענע בילדל אָדער באַטאַפּן דעם געשאַפענעם מכשיר, זענען קינדער געלאָפן און זיך געטיילט מיט דער פרייד: לערער גילינסקי האָט אַליין געזאָגט, אַז ס'איז שיין!...

די דריי הויפּט־מאָלצייטן זענען געווען גליקלעכע צוזאַמענקונפטן פון די קינדער און לערער. דער עס־צימער האָט געשיינט פון ריינקייט און ליכטיקייט. די טישן באַדעקט מיט „שבתדיקע" ווייסע אָדער קאָלירטע טישטעכער. דאָס עסן איז געווען אַ מין יום־טוב און אָפטמאָל האָבן די קינדער נישט געגלויבט זייערע אויגן און פון גליק האָבן זיי געלאָזט פאַלן אַ טרער. „אוי, ווען מיין מאַמעשי זעט, וואָס מען גיט מיר דאָ צו עסן!". „אַז כ'וועל קומען אַהיים, וועט מיר קיינער נישט גלויבן ווי איך האָב דאָ געלעבט".

נאָר איין מאָל האָב איך אויך איבערגעלעבט אַ „שטורמישן" מיטאָג מיט אַ שטילן „פּראָטעסט". מען האָט צו דעם געשמאַקן פלייש אויפן טעלער אויך אַרויפגעלייגט אַ ביסל ספּינאַטש. וויזט אויס, אַז עטלעכע „בונטאַרן" האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט דעם פּראָטעסט און קיינער האָט זיך נישט צוגערירט צום עסן. אַ שטרייק. מען עסט נישט קיין ספּינאַטש. די קיכער זענען אַרויסגעקומען פון קיך. די לערער האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי די טישן. מען קוקט זיך איבער. מען מעסט די כוחות. אָבער מען עסט נישט...

באַלד איז אַריין אין זאַל דער לערער גילינסקי. עס איז געוואָרן מאָדנע שטיל אין דעם געוויינטלעך פריילעכן עס־צימער. לערער גילינסקי האָט אַ קוק געטאָן אויף די נישט באַרירטע טעלער, אַ שמייכל געגעבן, מיט זיין בליק אַרומגענומען די קינדער און מיט רויִקייט אַ זאָג געטאָן: „קינדער, איך ווייס, אַז ספּינאַטש איז נישט אַזוי געשמאַק ווי ברויט צי זעמל. אָבער, קינדער, מיר מוזן אויסוואַקסן געזונטע און שטאַרקע. איר

הערט, קינדער, שטאַרקע און געזונטע. און ספּינאַטש גיט געזונט און שטאַרקייט. ווי גלויבט איר, קינדער, וואָלטן די לערער אייך געגעבן עפּעס, וואָס ס'איז נישט גוט פאַר אייך? פאָלגט מיך, קינדער, איך בעט אייך, הויבט אָן עסן...״

די ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין אַזאַ געמיט, אַז באַלד האָט יעדערער צוגערוקט צו זיך דעם טעלער און דער „ספּינאַטש־קריזיס״ איז געלייזט געוואָרן. די קינדער האָבן נאָך שפּעטער קאָמענטירט און אַרומגערעדט דעם פּראָטעסט. מען האָט נאָך וועגן דעם גערעדט ביי דער אַלגעמיינער קינדער־פאַרזאַמלונג. די אָרגאַניזירער פון פּראָטעסט האָבן זייערס דערגרייכט, זייער פּראָטעסט איז געהערט געוואָרן. אָבער ווי קען מען עפּעס שלעכטס טאָן צו דעם לערער גילינסקי? „האָסט געהערט, ווי דער לערער האָט געזאָגט „איך בעט אייך קינדער״, נו...?

אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, אין פאַרשידענע צייטן, האָבן זיך געקענט איבערחזרן ענלעכע סצענעס. קיינער איז קיינמאָל נישט באַשטראָפט געוואָרן. מענטשלעכע גוטס־קייט, קאָלעקטיווע לאָיאַלקייט, דרך־ארץ צו דעם אָרום און דער עיקר — צוטרוי פון איינעם צום צווייטן און טיפע פאַרשטענדעניש צווישן קינדער און לערער האָבן דאָ דאָמינירט. און איבער אַלעם האָט געוואַכט דאָס גוטמוטיקע אויג פון לערער גילינסקי, וואָס קינד און לערער האָבן אים געליבט.

✶

מיין אַרבעט מיט די קינדער האָט פּראָגרעסירט פון וואָך צו וואָך. די קינדער האָבן נישט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן אויף מיינע אָנווייזונגען. זיי האָבן אַליין געשאַפן און איך האָב זיי געמוטיקט. די יידישע אויגעלעך, וואָס זענען גאָר נישט געווען געוווינט צו ברייטע לאַנקעס, צו קאָרן־פעלדער, לאַנדשאַפטן, האָבן אַנטדעקט אין זיך נייע כוחות וואָס האָבן זיך געריסן צום אויסדרוק דורך פאַרב, ליכט און שאָטן.

אין דער צייט פון מיין זיין אין דער סאַנאַטאָריע איז אויסגעוואַקסן די וווּנדערלעכע קינדער־שפּיל „ליאַלקעס״, וואָס באַטקע גילינסקי און יאַנקל טראָופּיאַנסקי האָבן געשאַפן. ביים צוגרייטן די שפּיל האָט עס געשפּרודלט מיט אַרבעט. קינדער און לערער זענען געווען פאַרנומען מיט דעקאָראַציעס און קאָסטיומען. ווען די שפּיל איז אויסגע־פירט געוואָרן און געסט פון וואַרשע און לאָדזש זענען געקומען, איז עס געוואָרן אַ נייער יום־טוב פון גרויסער דערגרייכונג.

דער לערער גילינסקי, אַזוי אויך יעדער איינער, וואָס האָט בייגעוווינט די שפּיל, זענען געווען פריידיק באַרוישט פון דעם דערפאָלג. חבר גילינסקי האָט אויסגעטייטשט די שפּיל צו די קינדער און האָט די כאַראַקטערן, די קלאָונען און חיות, וואָס האָבן רעוואָלטירט, פאַרגליכן צו די גרויסע מענטשן...

עס דערמאָנט זיך מיר אויך ווי שווער עס איז געווען צוצורעדן אַ קינד צו שפּילן די ראָל פון דעם צירק־דירעקטאָר, דעם רשע, קעגן וועמען אַלע האָבן זיך געבונטעוועט.

און ווי מאָדנע סימבאָליש עס קלינגט מיר נאָך אין די אויערן דער סוף פון די „ליאַלקעס״: „אַ גוטע נאַכט, אַ זיסן שלאָף, עס איז צום שפּיל אַ סוף...״

די מעדעם־סאַנאַטאָריע, דער גליקלעכער אינדזל פון קינדער־טרוימען, איז אַוועק מיט די פלאַמען, וואָס די נאַצי־רוצחים האָבן אָנגעצונדן. אַ סוף צום מענטשלעכן שפּיל.

★

היינט, ווען איך גיב אַ טראַכט וועגן יענע סאַנאַטאָריע־יאָרן, די גליקלעכע יאָרן פון יונגן שאַפן און דערגרייכונגען, די זוניקע טעג פאַר הונדערטער יידישע קינדער, וואָס פאַר זיי זענען אַנטפּלעקט געוואָרן נייע וועלטן פון חלומות און שטרעבונגען, — גלויבט זיך מיר אַליין נישט, אַז די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַ רעאַלעווירקלעכקייט.

דער לערער גילינסקי, וועלכער האָט אויסגעחלומט די מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָט וואַרשיינלעך געהאַט דעם גליקלעכסטן לעבן, וואָס אַ טרוימער קען האָבן — צו ברענגען אַזוי פיל גליק צו קינדער און זייערע חברים — די לערער.

בעטי גומענער־נוטקעוויטש

געבוירן אין ווילנע. פאַרענדיקט עפּשטיינס גימנאַזיע. געענדיקט סטעפאַן באַטאָריס אוניווערסיטעט אין ווילנע, קונסט־פאַקולטעט. עטלעכע יאָר געאַרבעט אין די יידיש־וועלטלעכע שולן אויף דער ווילנער פּראָווינץ, שפּעטער אין וואַרשע. גלייכצייטיק שטודירט און פאַרענדיקט דעם מלוכישן קונסט־אינסטיטוט פאַר לערער. געווען לערערין פון קונסט און האַנט־אַרבעט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. צוגעגרייט דעקאָראַציעס פאַר די עפנטלעכע קינדער־פאָרשטעלונגען פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין וואַרשע. אין **1941** אָנגעקומען מיט איר מאַן, סערגעי נוטקעוויטש, קיין אַמעריקע. אין דעטראָיט געענדיקט דעם וועין אוניווערסיטעט מיטן מאַסטער דעגרי־דיפּלאָם אין קונסט און דערציונג. זייט **1954** אין לאָס אַנדזשעלעס, באַשעפטיקט ווי אַ לערערין פון קונסט און האַנט־אַרבעט אין די שטאַטישע שולן און אין די יידישע קאָמיוניטי־צענטערס.

וולאַדקע מיד

דער לערער ש. גילינסקי

דער פאַרשטאָרבענער חבר ש. גילינסקי איז אין מיין זכרון געבליבן ווי דער לערער גילינסקי.

דעם לערער האָב איך גוט געקענט פון מיינע שול־צייטן. כאָטש אַליין האָט ער מיך נישט געלערנט, פלעג איך אים אָבער אָפט זען אויף באַזוכן אין מיין קלאַס, אין דער באַקאַנטער מיכאַלעוויטש־שול, וואָס האָט זיך געפונען אין וואַרשע, אויף דער גאַס פון גרויסער יידישער אָרעמקייט. ער פלעגט קומען אויף לעקציעס פון רעכענען, און צוהערנדיק זיך צו די פראַגן און ענטפערס פון די שילער, פלעגט ער צוזאַמענשטעלן נייע מאַטעמאַטיק־ביכער פאַר אונדזערע יידישע פאָלקס־שולן.

ניי, געוואַגט, מיט פרישע עקספּערימענטאַלע וועגן, האָבן דאַן אונדזערע לערער געוואָלט, אין די געציילטע שול־יאָרן, געבן די קינדער דאָס בעסטע און מאַקסימאַלסטע פון לערנען. לערער גילינסקי איז טאַקע געווען פון די ערשטע פּלאַנירער און פורמער פון מאָדערנער יידישער סאָציאַליסטישער דערציִונג. ער איז געווען איינער פון די בויער, פון די וועגווייזער פון דעם שפּעטער אומגעבראַכטן דור אידעאַליסטישע לערער, וועלכע האָבן אַזוי באַשיינט אונדזער דעמאָלטיק יידיש לעבן, געוואָלט עס דערהייבן און באַהויכן מיט גלויבן און וויזיע.

עס דערמאָנט זיך מיר ווי לערער גילינסקי האָט אַמאָל מיט שטאָלץ דערציילט פאַר אונדזערס אַ גרופּע שילער, ווי אַזוי י. ל. פרץ האָט באַזוכט זיין שול ווו ער איז געווען פאַרוואַלטער. אין דער דאָזיקער שול האָט ער צום ערשטן מאָל געהאַט איינגעפירט יידיש ווי די אונטעריכט־שפּראַך, און פרץ האָט אַרויסגעוויזן באַוווּנדערונג, זעענדיק און הערנדיק יידישע קינדער לערנען אַלגעמיינע שול־לימודים אין יידיש.

מיט דער מוטער־שפּראַך יידיש האָט ש. גילינסקי, צוזאַמען מיט אויך אַנדערע לערער, זיך פאַרמאָסטן אַרויסצופירן זייערע שילער אויף נייע וועגן פון לערנען, און דאָס אין אַ שפּראַך, וואָס איז די קינדער געווען נאָענט און אייגן און וועלכע זיי האָבן געקענט לייכטער באַנעמען.

כאָטש דער לערער גילינסקי האָט אין זיין דערציִערישער אַרבעט — סיי אין שול און סיי אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע — זיך טאָג־טעגלעך געראַנגלט מיט שוועריקייטן, מיט פעלן פון געלט, מיט טויזנטער שטערונגען, וועלכע וואָלטן נישט איינעם אַנטמוטיקט און איינגעבראָכן, האָט ער אָבער נישט דערלאָזט, אַז דיווירקלעכקייט זאָל אים דערדריקן און זאָל צונישט מאַכן זיינע פּלענער און פאַרמעסטן. לערער גילינסקי האָט

זיך אַרויסגערוקט פון צווישן אַנדערע שול־ און קולטור־טוערס נישט נאָר מיט זיין שטאַרקן טיפן גלויבן אין זיין אַרבעט — עס האָבן דעם דאָזיקן גלויבן געהאַט אויך פיל אַנדערע אידעאַליסטישע לערער און שול־טוערס — ער האָט זיך אַרויסגעהויבן פון זיין אַרום דער עיקר צוליב זיין וויזיע אין דער אַרבעט, צוליב זיין שווונג. ער איז געווען אַ מענטש מיט פאַרנעם, מיט געוואַגטקייט. געהאַט פּלענער, וואָס אַנדערע האָבן זיי באַטראַכט פאַר חלומות; ער האָט זיך אָבער פאַרמאָסטן די חלומות אַריינצונעמען אין ראַמען און פּרווון זיי צו רעאַליזירן. יאָ, געווען ביי אים אַ ווייטער בליק אין וועלן אויפטאָן עפּעס גרויס און וועזנטלעכס, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זיין אַרום און דיווירקלעכקייט זענען געווען קעגן דעם.

טאַקע אַדאַנק זיין וויזיע און פאַרנעם האָט די דעמאָלט באַרימט־געוואָרענע קינדער־אינסטיטוציע — די מעדעם־סאַנאַטאָריע, וועמענס דירעקטאָר ער איז געווען, געקענט אָננעמען דעם אויסזען און דעם כאַראַקטער, מיט וועלכע עס האָט שטאַלצירט די יידיש־וועלטלעכע שול און דערציִונג.

די פּרעכטיקע קינדער־אינסטיטוציע פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט אין מיעדזעשין, איז געווען דער שענסטער צוזאַמענבונד צווישן לערער און קינד. כאָטש קורץ איז געווען די צייט, וואָס אַ קינד פלעגט פאַרברענגען אין סאַנאַטאָריע. זענען אָבער די איבערלעבונגען, די אַטמאָספער, די חברישקייט, די דערגרייכונגען געווען אַזוי פאַרכאַפּנדיק, אַז יעדעס קינד פלעגט עס וואַרעמען און אַרומטראָגן אין זיך יאָרן־לאַנג.

לערער גילינסקי איז געווען די נשמה פונעם דאָזיקן אַנשטאַלט. ער איז געווען זיין בויער, פורעמער, דערציִער און אומדערמידלעכער פאַרזאָרגער.

צוויי מאָל צו צוויי חדשים האָב איך אַלס קינד פאַרבראַכט אין מעדעם־סאַנאַטאָריע אוןביידע מאָל האָבן זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון די ליכטיקע טעג פול מיט קינדערישן געפילדער און געלעכטער; די ריינע העלע צימערן מיט די שורות גלייך פאַרבעטע בעטלעך און איינגעלייגטע קינדערשע קליידער; דער גרינער דרויסן מיט פאַרזייטע בלומען, דאָס באַטאַנישע ווינקעלע מיט פאַרשידענע פלאַנצן, געהאָדעוועט דורך קינדער אונטערן וואַכזאַמען אויג פון לערער ביבער; די בייטן מיט קרויט און רויטע פאָמידאָרן, וואָס מיר, קינדער, פלעגן מיט צופרידנקייט אַראָפּנעמען פאַר דער קיך־ווירטשאַפט; דאָס נאַטור־ווינקעלע מיט די פאַרשידענע חיהלעך, פלאַטערלעך, קרוליקעס. נאָר אַממערסטן איינגעקריצט אין מיין זכרון האָט זיך דער עיקר דאָס כסדרדיקע זיין פאַרנומען, כסדר עפּעס טאָן, שאַפן, לערנען דורך שפּיל, דורך אַרבעט, דורך קינדער־מאַרשן, אויספלוגן, פאַרשטעלונגען. לערער און קינדער זענען געווען פאַרוויקלט צוזאַמען אין פריידיקע טואונגען אין שפּיל און אין געזאַנג־ליכטיקע זאָרגלאָזע טעג אויסגעפילט מיט אינהאַלט, מיט טיפער חברישקייט, דורכגענומען מיט סאָציאַליסטישן דערציִערישן גייסט.

אין דער דאָזיקער קינדער־וועלט האָב איך אָפט באַגעגנט אויך גילינסקיס פרוי ליובע און זון. זיי פלעגן פאַרברענגען אין דעם קינדער־אַנשטאַלט און זענען געווען ווי אַ טייל פון דעם סאַנאַטאָריע־לעבן.

עס דערמאָנט זיך מיר דער לערער גילינסקי אויף דער טעראַסע ווו ער פירט אַן

מיט דער רו־שעה. ער איז נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקומען פון זיין רייזע איבער אַמעריקע און ער שילדערט פאַר אונדז קינדער דאָס לעבן פון וויטן לאַנד, דער עיקר — דאָס לעבן פון דאָרטיקן אַרבעטער־קינד. אַן אַנדערש מאָל זע איך אים אין עס־צימער, ווען ער פּרוווט אַנווייזן אַ קינד ווי מען זיצט און מען עסט ביים טיש. אַט איז ער גאָר דאָ אין דרויסן ביים שפּילן, ביים נאַטור־ווינקל. כאָטש ער פלעגט שוין דאַן אָפט אַרומפאָרן אין שליחות פון אַנשטאַלט, איז ער אָבער געווען טיף פאַרבונדן מיט אַלע קעמערלעך פון סאַנאַטאָריע־לעבן. געבליבן דער לערער אויך אין סאַנאַטאָריע, געלערנט די קינדער ווי זיך אויפצופירן; געגעבן אָנווייזונגען ווי די אַרבעט זאָל גיין און דערביי געהאַט אַזוי פיל געדולד צו שמועסן מיט די קינדער, אויסצוהערן זייערע פראַגן, טענות אָדער פּלענער. די סאַנאַטאָריע איז געווען לערער גילינסקיס שטאָלץ, זיין אויסגעחלומטע אַרבעטס־קרוין.

נאָר אויסגעבראָכן איז דער קריג און פאַרשניטן איז געוואָרן דאָס יידישע לעבן אין פּוילן צוזאַמען מיט די יידישע שולן, צוזאַמען מיט דער סאַנאַטאָריע, צוזאַמען מיט די הונדערטער טויזנטער יידישע קינדער.

יאָרן שפּעטער האָט דער גורל מיך צוריק צוזאַמענגעפירט מיטן לערער גילינסקי, שוין דאָ, אין אַמעריקע. זיין אָרט האָט ער אויך דאָ געפונען ביי יידישער קולטור־אַרבעט. אויך דאָ איז ער פול געווען מיט פּלענער און פּראָיעקטן, וועלכע ער האָט געפּרוווט דורכפירן. אויף פאַרשידענע קולטור־אסיפות איז מיר אויסגעקומען נאָכצו־פאָלגן, פול מיט באַוווּנדערונג, זיין אומדערמידלעכע ענערגיע, זיין עקשנות אין וועלן אויפווייזן און איבערצייגן, אַז זיינע פּלענער קענען פאַרט רעאַליזירט ווערן. אים דעם אומבויגזאַמער מאַנער, דעם נישט איינגעבראָכענעם ענטוזיאַסט, פלעגט זיך אָפטמאָל איינגעבן איינצושטילן ספיקותן פון סקעפּטיקער אָדער שוין מידע קולטור־טוער. אַזוי זענען אַדאַנק זיין מיפּולער אַנשטרענגונג און מיטאַרבעט געבוירן געוואָרן בענדער פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע און דער גרויסער יזכור־בוך פון אומגעבראַכטע יידישע לערער אין פּוילן.

ווען עס איז מיר אויסגעקומען צו שמועסן אין ניו־יאָרק מיטן לערער גילינסקי, פלעגן זיינע פראַגן זיך אָפט פאַרקערעווען צום חורבן פון נעכטן. ווידער און ווידער פלעגט ער מיך איבערפרעגן וועגן די ביטערע געטאָ־צייטן, וועגן זיינע שילער, זיינע סאַנאַטאָריע־קינדער. די דאָזיקע פראַגן זענען באַגלייט געווען מיט אַ טיפן, נישט געזעטיקטן נייגיר. מיט שטומער פאַרוווּנדערונג פלעגט ער אויסהערן די קלענסטע איינצלהייטן פון „דאָרטן". ביי יעדן נאָמען, וואָס איך האָב דערמאָנט, האָט ער געניש־טערט אין זכרון — צי דאָס איז אַמאָל נישט געווען זיין שילער? צי ער איז ווען עס איז נישט געווען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע? און קוים האָט ער אָנגעטראָפן אויף באַקאַנטע נעמען, האָט זיך געפּילט אין זיין שטים אַ שטילע פאַרערונג, וואָס אין דעם אַזוי העלדישן דור פון געטאָ־קעמפער און אויפשטענדלער זענען אויך זיינע תלמידים געווען. — מען טאָר זיי נישט פאַרגעסן, מען מוז זיי, די קינדער פאַראייביקן, — פלעגט ער אָפט אין מיר אַריינרעדן. און ביים לערער גילינסקי איז געבוירן געוואָרן אַ נייער פּלאַן — שאַפן אַ מאָנומענטאַל ווערק, וואָס זאָל ווערן אַ דענקמאָל נאָכן אומקום פון יידישן קינד. ער האָט גערופן באַראָטונגען, גערעדט צו שרייבער, היסטאָריקער, טוער,

אויסגעאַרבעט אַ געניִיעם אַרבעטס־פּראָיעקט, געפאָדערט און געמאָנט און נישט אויפגעהערט רעדן — געדענקט, עס קען ווערן שפּעט, נאָר אונדזער דור, וואָס האָט זיי געקענט און מיט זיי געלעבט — דאַרף דאָס טאָן...

דער טויט האָט דעם לערער גילינסקי צוריק צוזאַמענגעפּירט מיט זיינע תלמידים, מיט זיינע קינדער, וועלכע ער האָט אַזוי ליב געהאַט און וועמען ער האָט אַזוי פיל יאָרן פון זיין לעבן אַוועקגעגעבן. זיין לעצטער רוף — צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון אומגעבראַכטע יידישע קינדער אין פּוילן — טראָגט זיך נאָך אַלץ אַרום אין דער לופטן נישט פאַרווירקלעכט.

וולאַדקע (פייגעלע פּעלטעל־מיענדזיזשעצקי)

געבוירן אין 1921, געענדיקט די ב. מיכאַלעוויטש־שול אין וואַרשע. נאָך דעם באַזוכט אַ פאַך־שול פון „אָרט". געווען אַקטיוו אין „סקיף" און אין „צוקונפט". בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען טעטיק אין געטאָ און אין דער אונטערערדישער באַוועגונג אויף דער אַרישער זייט. יאַנואַר 1946 אָנגעקומען קיין אַמעריקע. אין 1948 פאַרעפנטלעכט אַ בוך „פון ביידע זייטן געטאָ־מויער". די לעצטע יאָרן איז וולאַדקע דער געהילפס־דירעקטאָר פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט; זי איז אויך מיטגליד פון אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס; מיטגליד פון וועלט־ראַט פון אַנטי־נאַצי קעמפער.

רבקה סאַוויטש

מיין ערשטער שול־אינספּעקטאָר

עס טרעפט, אַז איר זענט אין דער געזעלשאַפט פון אַן אומבאַקאַנטן מענטשן גאָר אַ קורצע צייט; געטראָפן אים אויף אַ ווייל, גערעדט מיט אים אַ ביסל, ער האָט אייך עפּעס געזאָגט און דאָס אַלץ... אָפּגעהאַקט! מער האָט איר אים שוין קיין מאָל אין אייער לאַנגן לעבן נישט באַגעגנט.

און דאָך, דאַכט מיר, גייט נישט אַלץ קאָמפּלעט פאַרלאָרן. אַפילו נאָך יעדער באַגעגעניש מיט נאָענטע פריינד, וואָס איר האָט לאַנג נישט געזען און זענט נישט זיכער, ווען מען וועט זיך ווידער טרעפן, איז ביי דער שיידונג תמיד פאַראַן אַ נאַגנדיקער אומעט, ווי מען וואָלט „אַ ביסל געשטאָרבן".

און דאָך איז עפּעס פאָרט נישט אַזוי: יעדער איינער, וועמען איר האָט אַ מאָל באַגעגנט, געקענט אים אַפילו גאָר אַ קורצע צייט, לאָזט עפּעס איבער אין אייך; מעג עס זיין אַ שפּור, אַ סימן, אַן אויסדרוק, אַ שאָקל מיטן קאָפּ, אָדער אַ פּאָכע מיט דער האַנט, און עס לעבט אין אייך.

נישט אומזיסט האָבן געזאָגט אונדזערע חכמים, אַז אַפילו פּוסטריט אין זאַמדיקן מדבר ווערן אויך נישט פאַרלאָרן. זיי ווערן נאָר צוגעדעקט מיט שיכטן שטויב. איר דאַרפט נאָר אָפּווישן די אָנגעשאָטענע שיכטן און איר וועט ווידער געפינען די פאַר־שווונדענע פּוסטריט.

איר האָט, דאַכט זיך דעם מענטשן, וואָס איר האָט באַגעגנט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק קאָמפּלעט פאַרגעסן; ס'איז קיין זכר אין אייער באַוווסטזיין פון אים נישט געבליבן; און דאָך גיט פּלוצלונג, מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, אַן אַ פאַרוואָס, אַ בליץ־אויף אין אייער זכרון אַ געוויסער זאַך, אָדער נאָר אַ קורצער אויסדרוק, וואָס דער מענטש, וועמען איר האָט שוין אַזוי לאַנג פאַרגעסן, האָט געזאָגט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק. און דעמאָלט געשעט מיט אייך אַ מערקווירדיקע זאַך: פּונקט ווי אַ סעריע בילדער, וואָס לויפן דורך אַ באַלויכטענעם פּראָזשעקטאָר, פּונקט אַזוי ווערן רעסטאַוו־רירט אין אייער זכרון גאַנצע סצענעס פון דער דאָזיקער באַגעגעניש, וואָס טויכט־אויף פון ווייטן אַמאָל.

★

די דאָזיקע פּלוצלונגדיקע און מערקווירדיקע איבערלעבונג האָב איך געהאַט אין אַ געוויסן טאָג, ווען עמעצער האָט צופעליק דערמאָנט, אַז היי־יאָר פאַלט אויס דער אַכט־יאָריקער יאָרצייט נאָך מיין ערשטן שול־אינספּעקטאָר, שלמה גילינסקי ז"ל. מיט אַ מאָל

האָט מיר עפּעס ווי אַ זעץ געטאָן אין מוח אַ געוויסער אויסדרוק זיינער, וואָס ער האָט עס אַרויסגעזאָגט ספּאָנטאַן פּונקט מיט פערציק יאָר צוריק.

תיכף, נאָך דער דערמאָנונג, האָבן גלייך פון די פאַרבאָרגענע טיפענישן ערגעץ ווו אין די זכרון־קעמערלעך, אָנגעהויבן באַלויכטן צו ווערן געוויסע סצענעס מיט אַזאַ שאַרפער בולטקייט, אַז ווי דאָס וואָלט אָקאָרשט געשען; ווי מיין איינמאָליקע באַגעגעניש מיט שלמה גילינסקין וואָלט איצט ערשט פאָרגעקומען. כהרף עין זענען אָפּגעווישט געוואָרן די לאַנגע, שווער־אָנגעלאָדענע פערציק יאָר.

געשען איז עס תיכף נאָך מיין פאַרענדיקן דעם ווילנער לערער־סעמינאַר, ווען איך האָב באַלד נאָך דעם אָנגעהויבן אַרבעטן אין וואַרשע. ס׳ערשטע מאָל האָט אַ פּריש־אויסגעבאַקענע יונגע לערעריך, אָן דערפאַרונג און דערצו נאָך מיט אַ ליטווישן יידיש, זיך באַגעגנט פּנים אל פּנים מיט אַ קלאַס פון זעקס און דרייסיק תלמידים. ערשטנס, האָבן זיי קיין מאָל נישט געהערט אַזאַ משונהדיק לשון ווי מיינס און צו די צרות האָבן נאָך די קינדער געלערנט פון איינס ביז זעקס פאַרנאַכט. די שול איז געווען קליין און אָרעם און נישט געהאַט גענוג צימערן צו באַזאָרגן אַלע קלאַסן אין דער פרי. פלעגן מיינע קינדער שוין קומען אין שול גוט אויסגעמאַטערט נאָכן אַרומלויפן איבער די וואַרשעווער גאַסן דעם גאַנצן פרימאָרגן. פאַר אַ סך פון די זיבן־, אַכט־יאָריקע חברה איז דאָס לערנען שוין געווען אַ צוגאָב צו אַ שווערן אַרבעטס־פרימאָרגן — אַ טייל האָבן אַרויסגעהאָלפן אין הויז, און אַנדערע אין די קליינע קליטלעך.

מיין קלאַס האָט די ערשטע צוויי חדשים אויסגעזען מער ווי אַ צירק. ס׳איז געווען דאָרט אויף טיש און אויף בענק. חברה איז געווען פריילעך, לוסטיק און לעבעדיק. מיינע תלמידים זענען בפועל ממש געווען אָדער אויף די בענק, אָדער אונטער די בענק. געהערט האָבן זיי מיך ווי דעם קאָטער. כ׳פלעג נאָר אָן עפּן טאָן ס׳מויל, פלעגן זיי גלייך אָנהויבן נאָכקרימען מיין ליטווישן יידיש און דערביי הילכיק לאַכן.

פאַרשטייט זיך, אַז כ׳בין געווען שטאַרק דערשלאָגן, געפאַלן ביי זיך און פול מיט יאוש. כ׳געדענק, אַז כ׳האָב פאַרגאָסן גענוג טרערן אין די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט. אין דער טעאָריע איז טאַקע אַלע מאָל אַלץ פּערפעקט. ווען מען נעמט אָבער אַבסטראַקטע אידעען רעאַליזירן אין דער פּראַקטיק, באַנקראָטירן זיי כמעט תמיד. דאָס זעלבע איז געשען די ערשטע פאָר חדשים מיט מיין פּעדאַגאָגיק. כ׳פלעג זיך, דאַכט מיך, צוגרייטן פּערפעקט צו מיינע לעקציעס; ווי כ׳פלעג אָבער נאָר אַריבערשפּאַנען די שוועל פון קלאַס פלעגט זיך פון אַלץ אויסלאָזן אַ טייך. מיינע, מיט התמדה, גוט־צוגעגרייטע לעקציעס — האָבן געהאַט דעם סוף פון אַ זייפנבלאָז. יעדער תלמיד האָט זיך געטאָן דאָס זייניקע און אַלע צוזאַמען האָבן מיר געטאָן אין טויט אַריין.

ביי זיך האָב איך באַשלאָסן, אַז כ׳וועל פּרוּוון זיך מאַטערן מיט מיין קלאַס נאָר ביז חנוכה. ווען איך נישט איינברעכן מיינע תלמידים, צוימען זייער ווילדקייט און איינפירן אַ דיסציפּלין, איז אַ סימן, אַז כ׳האָב קיין רעכט נישט צו זיין אַ לערערקע און כ׳וועל אויפגעבן מיין בידנע פּראָפעסיע.

איצט קער איך זיך אום צום אָנהויב פון מיין אַרטיקל: צום ענין פון מיין ערשטן אינספּעקטאָר, שלמה גילינסקי; דאָס איז דאָך אייגנטלעך די סיבה פון גורם זיין דאָס איצטיקע שרייבן.

פון אַנדערע לערער האָב איך אויסגעפונען, אַז די וואַרשעווער שולן האָבן אַן אינספּעקטאָר און הייסן הייסט ער שלמה גילינסקי. ער אינספּעקטירט נישט, האָבן זיי מיר דערציילט, אין באַשטימטע צייטן, נאָר ער פאַלט אַריין אומדערוואַרט, פּלוצלונג, צופעליק, און אַ לערער מוז עס תמיד אין זינען האָבן, ווייל ער קאָן אַריינפאַלן אין ראַסל.

די מורא פאַרן אינספּעקטאָרס פּלוצלונגדיקן אַריינפאַלן צו מיר אין „גיהנום" האָט צוגעשאָטן זאַלץ צום פייער. כ׳בין געוואָרן ווי פאַראַליזירט פון שרעק. אין מיין צעהיצטער פאַנטאַזיע האָב איך זיך פאָרגעשטעלט דעם שוידערלעכן אינספּעקטאָר ווי אַ רשע, אַ סאַדיסט מיט אַ פּאָר שפּיזיקע אויגן, שאַרפע ווי חלפים.

איך שטוין היינט — ווען איך דערמאָן זיך יענע גרויליקע טעג און כ׳קען בשום אופן נישט באַנעמען, ווי אַזוי כ׳האָב עס אַלץ געקענט אויסהאַלטן און נישט אַראָפּגיין פון זינען. כ׳בין געווען נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן און מיט אַ געוויסן אָנגעלאָדן ווי אַ מילגרוים מיט אַ שולד־געפיל, חרפה און בושה. כ׳האָב זיך געשעמט צו קוקן עמעצן אין פּנים אַריין און כ׳פלעג תמיד אַרומגיין מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ס׳האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט, אַז כ׳בין נישט ערלעך, לערן גאָר נישט אויס מיינע תלמידים און נעם נאָר אומזיסט געלט.

און אָט, אין אַ געוויסן ווינטערדיקן פאַרנאַכט, ווען מיינע תלמידים האָבן זיך געלאָזט אויף זייער געוויינלעכן שטייגער ווילגיין, האָט פּלוצלונג אַ סקריפּע געטאָן די טיר. עמעצער האָט זי פאַרזיכטיק געעפנט און אויפן שוועל פון קלאַס האָט זיך באַוויזן אין אַ פאַרשנייטן מאַנטל אַן אומבאַקאַנטער ייד. ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן און אין מוח האָט ווי אַ בליץ געטאָן אַ מוראדיקער געדאַנק: „דער אינספּעקטאָר!... ס׳איז זיכער דער אינספּעקטאָר!"... כ׳בין געבליבן שטיין אינגאַנצן פאַרגליווערט, מיט אַ דערשטוינט און צעשראָקן פּנים. מיינע האַלב־צעעפנטע ליפּן האָבן לייכט געציטערט. דאָס מויל איז מיר געוואָרן פאַראַליזירט פון שרעק. כ׳האָב בשום אופן נישט געקענט אַרויסברענגען קיין איין וואָרט.

כ׳בין געווען אַזוי צעטומלט, אַז כ׳האָב אַפילו נישט באַמערקט דעם פרעמדנס אויסזען. אגב, איז ער געבליבן שטיין באַשיידן אין דער האַלב־טונקלקייט, נאָענט פון דער טיר. ער איז געשטאַנען, געשוויגן און זיך געוויס אַרומגעקוקט, וואָס עס קומט דאָ פאָר אין דעם קאַוואַרדאַק. די קינדער האָבן אים אַפילו נישט באַמערקט, אָדער זיך נישט אַרומגעקוקט און אָנגעגאַנגען ווייטער מיט זייערע שטיפערייען און טומלערייען.

געווען איז עס טאַקע שלמה גילינסקי, דער אינספּעקטאָר פון די ציש"אָ־שולן אין וואַרשע. מיט אַ מאָל האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ מין רעזיגנאַציע־געפיל. כאשר אבדתי אבדתי, האָב איך געטראַכט. איצט וועט שוין נעמען אַ סוף צו מיינע אַלע צרות. ער וועט מיך זיכער משלח זיין פון שול און פטור אַן עסק; כ׳וועל מוזן עפּענען אַ ניי בלאַט און זיך גרייטן צו אַ נייער פּראָפעסיע.

„אַרויסנעמען די ביכער און געפינען די און די זייט"... האָב איך פּלוצלונג אַ געשריי געטאָן ווי נישט מיט מיין קול. דער „סמבטיון" האָט זיך מיט א מאָל אָפּגעשטעלט. די קינדער, פאַרוווּנדערטע און געפּלעפטע, זענען תיכף ווי פאַרשטומט געוואָרן. דערשראָקן פון מיין ווילדן געשריי האָבן זיי שטיל און געהאָרכזאַם געעפנט די דעקלעך פון זייערע בענקלעך און אַרויסגענומען די ביכער.

אַ שטומע שטילקייט האָט איינגעהילט דאָס צימער. קיין פּיפּס און קיין שאָרך פון קיינעם; מען האָט נאָר געהערט דאָס שורשען פון די בלעטער. ווען זיי האָבן געפונען די אָנגעגעבענע זייט, האָב איך אָנגעהויבן פאָרצולייענען די מעשה. דערנאָך האָב איך גענומען שטעלן פראַגן, אַרויסשיילן דעם הויפּט־געדאַנק פון דער מעשה; צוטראַכטן אַן אַנדער מעשה מיטן זעלבן געדאַנק און אַן אַנדער סוף צו דער זעלבער מעשה.

ווי אינספּעקטאָר, ווען אינספּעקטאָר, כ׳האָב גאָר פאַרגעסן, אַז ער געפינט זיך אין קלאַס. ס׳ערשטע מאָל אין די זעקס פיינלעכע וואָכן פון מיין לערעריי האָט זיך איינגע־בראָכן דאָס אייז און כ׳האָב דערפילט דעם קאָנטאַקט מיט מיין קלאַס. עפּעס אַ מין וואַרעמקייט און נאָענטקייט, אומזעבאַרע פעדעם האָבן אונדז ס׳ערשטע מאָל פאַרבונדן.

די לעקציע האָט זיך געענדיקט. די קינדער האָבן פאַרפּאַקט זייערע ביכער, זיך געזעגנט און זיך געלאָזט אַהיים.

„יאָ, כ׳האָב געהערט, אַז איר האָט שוועריקייטן מיט דער דיסציפּלין״, האָב איך פלוצלונג דערהערט די וואַרעמע, פריינדלעכע שטים פון שלמה גילינסקי. „אָבער זאָרגט זיך נישט און האָט נישט קיין עגמת נפש, ס׳איז אַ גוטער סימן, בפירוש אַ גוטער סימן, אַז איר וועט געוויס זיין אַ גוטע לערערין. אַ בהמה, ווען זי ווערט געבוירן, שטעלט זי זיך גלייך אַוועק אויף אירע פיר פיס, הייבט אָן תיכף אַרומצוגיין און דאָך בלייבט זי ס׳גאַנצע לעבן אַ בהמה. ווען אַ מענטש ווערט אָבער געבוירן, דאַרף ער זיך גוט, גוט אָנמאַטערן ביז ער איז מסוגל צו נוצן זיינע אייגענע פיס און זיך קאָנען אויף זיי שטעלן״.

„פון מיין לאַנגער דערפאַרונג ווייס איך, אַז מיט לערער איז אויך אַזוי. ווען די לעקציעס ביי אַ יונגן לערער, אַן אָנהייבער, זענען געראָטן, אַגיל ואשמחדיק און אַלץ קלאַפּט גוט, דעמאָלט ערשט ווייס איך, אַז ס׳וועט נישט טויגן. אַזאַ מין סאָרט לערער וועט גלייך ווערן איינגעגלויבט אין זיך אַליין, בלייבן תמיד צופרידן מיט זיך; ער וועט זיך שוין מיט זיך נישט ראַנגלען און נישט שטרעבן צו בעסערע און העכערע דער־גרייכונגען אין זיין פּראָפעסיע. ער וועט שוין אויך נישט דאַרפן זוכן קיין נייע וועגן און אַנדערע מעטאָדן״.

„איך באַגריס אייך: אייער שטים איז זייער אָנגענעם; איר האָט זייער שיין פאָרגע־לייענט און געפירט ביז גאָר אינטערעסאַנט דעם שמועס מיט די קינדער. איך האָף, אַז מיר וועלן נאָך האָבן פון אייך גאָר אַ סך נחת״.

די דערמוטיקונג, וואַרעמקייט און מענטשלעכקייט, וואָס האָט פון אים בשעת מעשה אַרויסגעקוואָלן, האָט מיך אַזוי גערירט, אַז כ׳האָב זיך צעוויינט אויפן קול. ער איז צוגעקומען, מיך אַרומגענומען, כ׳האָב אַוועקגעלייגט מיין קאָפּ אויף זיין אַקסל און געכליפּעט ווי אַ קינד.

כ׳ווייס נישט וויפל פון זיינע גוטע ווונטשן זענען מקוים געוואָרן, אָבער דאָס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט אין יענעם ווייטן, ווינטערדיקן אָוונט, איז געבליבן איינגע־קריצט גאָר טיף אין מיין נשמה. כאָטש כ׳האָב אים פּערזענלעך מער קיין מאָל אין מיין לעבן נישט באַגעגנט, איז דער רושם פון יענעם צוזאַמענטרעף געבליבן אומפאַרגעסלעך.

דאָס איז אפשר געווען דער ווענדפּונקט אין מיין פּראָפעסיע און די סיבה, וואָס כ׳האָב מיך אַזוי פיל יאָרן געראַנגלט מיט לערעריי.

אין די פּאָר געציילטע, אומפאַרגעסלעכע זאַצן, וואָס שלמה גילינסקי ז״ל האָט אַרויסגעזאָגט מיט אַזוי פיל יאָרן צוריק, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע גרויסקייט פון זיין פּערזענלעכקייט: סיי דער וואַרעמער מענטש און סיי דער גרויסער פּעדאַגאָג.
אויך זיין נשמה איז איינגעפּעדעמט אין אייביקן געוועב פון לעבן.

ש. גילינסקי מיט אַ גרופּע אַקטיווע טוערס פון די „פּאַראייניקטע״ (וואַרשע, 1919 אָדער 1920) פון רעכטס אויף לינקס — עס זיצן: ש. גילינסקי, (×), שלמה זוסמאַן, חיים ראַזענבעס. עס שטייען: (×), לייבל פרידמאַן, (×), פּיניע בוקסהאָרן [יוליאַן יולסקי], נח שאַפּירא, יאַנקעלע דאַנציגער.

סאָניע פּלודערמאַכער־ווייסבראָט

אומפאַרגעסלעכע עפּיזאָדן

אין יאָר 1930 האָב איך באַליגט די אַרויסלאָז־עקזאַמענס מיט מלוכה־רעכט פון יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע. די דאָטע שטעלט מיט זיך פאָר דאָס שוואַנען־ליד פון דעם אייגנאַרטיקן קולטור־אַנשטאַלט, וואָס איז אויף אַ טראַגישן און אַבסורדאַלן אופן געשלאָסן געוואָרן דורך דער רעגירונג.

דעם זעלבן זומער באַקום איך אַ בריוו פון דער ציש״אָ, אונטערגעשריבן דורך ש. מענדעלסאָן און ש. קאַזדאַן, אַז איך ווער איינגעלאַדן אויף אַ פּראָבע־חודש אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. אַן אומרו באַהערשט מיך, איך האָב פאַרשידענע ספיקות. מען דערציילט, אַז דאָרט דאַרף מען זיין פעיִק צו אַרבעטן אַ גאַנץ יאָר אין דרויסן, אַלס דערציִער און נישט אַלס לערער; מען זאָגט, אַז די קינדער זענען שוואַכע, אַז די קינדער רעדן מיט אַן אומפאַרשטענדלעכן פאַר ליטוואַקעס, וואַרשעווער דיאַלעקט.

איך לאָז זיך פירן דורכן גורל צו די ערשטע טריט פון מיין זעלבשטענדיקייט. די באַקאַנטע נעמען פון די אָנפירער: ש. גילינסקי, י. ברומבערג און „באַטקע״ גיבן מיר צו מוט און שטאַרקן מיין האָפענונג, כדי צו געפינען דעם ריכטיקן וועג אין מיין אָנפאַנגס־אַרבעט.

אָנגעקומען קיין מיעדזעשין, ווער איך גלייך איינגעגלידערט אין שטייגער און ריטם, וואָס הערשט דאָרט. מיט אַ נייעם אינטערעס פאָלג איך נאָך שעה נאָך שעה די צען געבאָט פון דער פּיאָנערישער אינסטיטוציע.

איך הויב אָן זוכן דעם נאָענטן קאָנטאַקט מיט די קינדער, וואָס זאָל מיר דערמעגלעכן צו קריגן דעם איינפלוס און אַרויסבאַקומען די דיסציפּלין, וואָס עס פאָדערט אַ געמיינזאַם לעבן אין אַ פאַרמאַכטן אַנשטאַלט.

איך זוך אויסצונוצן די קינדערשע סענטימענטן צו דער נאַטור, צו פּאָעזיע, געזאַנג, טאַנץ א״אַ — דער שווער־פּונקט פון דער אַרבעט ליגט אין געבן די קינדער די מעגלעכקייט מיטצושאַפן און טראָגן צוזאַמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר קאָלעקטיווער האַרמאָניע, דורך פריידיקייט און לעבנס־לוסט.

נאַטור־וויסנשאַפטלעכע עקסקורסיעס פילן אויס אַ גרויסן טייל פון דעם דערציִונגס־פּראָגראַם, דורך וועלכן די קינדער באַרייכערן אויך זייער וויסן.

...אין אַ פּראַסטיקן פרילינגס־טאָג, ווען דאָס אייז ליגט נאָך שטיקערווייז אויפן סטאַוו, וואָס מיר רופן „מאַרסקע אָקאָ״, גיי איך אַוועק מיט אַ גרופּע קינדער, כדי צו

פאַנגען קאָפּ־עקעלעך און זיי ברענגען פאַרן ביאָלאָגישן צימער. די קינדער זענען זייער הייטער, מיט אינטערעס שטעלן זיי זיך אַרום דעם ברעג פון וואַסער. מיר פאַרמאָגן בלויז איינצלנע נעצלעך, אָבער קאָפּ־עקעלעך זענען דאָ אַ סך, זיי באַוועגן זיך פּיבערהאַפט און רייצן דעם קינדערישן לוסט צום פאַנג. מיט פרייד און מיט פלייס זאַמלט מען די געפאַנגענע חיהלעך אין גלעזערנע סלאָיען. פּלוצלונג איז עפּעס געשען! — אין אַ געוויסן מאָמענט ביי אַ העפטיקער שטופּעריי פאַר די נעצלעך, איז אַ קינד אַריינגעפאַלן אין וואַסער... דער גרונט אין דעם אָרט איז גענוג טיף, מוטנע און זומפּיק. אין ערשטן מאָמענט פאַרליר איך זיך אינגאַנצן. איך ווייס נישט, וואָס צו טאָן און דערפיל אַ שוואַכקייט אין אַלע גלידער. די קינדער שרייען און רופן דעם חברל, אַז ער זאָל זיך דערנענטערן צום ברעג. נאָר מיט אים געשעט דאָס פאַרקערטע — ער דערווייטערט זיך אַלץ מער און מער, ביז מען זעט אַרויס בלויז זיין שוואַרץ קעפּל. אין דער לעצטער סעקונדע, ווי געצויגן דורך אַ מאַגנעטישער קראַפט, שפּרינג איך אַריין אין וואַסער, אָנגעפּעלצט אין אַ שווערן מאַנטל און גומענע באָטן פיל איך, אַז איך זינק אין קאַלטן בליי. אַ טויטע שטילקייט באַהערשט אַלעמען, די שפּאַנונג איז גרויס. מיר געלינגט ענדלעך מיט שוועריקייטן אָנצוכאַפּן דאָס קינד פאַרן אָרבל. אין דעם זעלבן מאָמענט דערוועקט זיך אין מיר מיין פולער באַוווסטזיין. איך רוף ענערגיש צו די עלטערע קינדער, אַז זיי זאָלן נאָכטאָן מייןביישפּיל, מיך אָננעמען פאַרן מאַנטל און העלפן ציען און שלעפּן. ספּאָנטאַן שאַפט זיך אַ קייט פון רעטער, אַדאַנק וועלכער מיר גייען ביידע אַרויס אויפן ברעג. אָן אָטעם לויפן מיר, ווער טרוקן, ווער נאַס, וואָס שנעלער אין דער סאַנאַטאָריע. די סאַניטאַרינס חיהלע און פאַלישוק טוען וואָס מען דאַרף: מען טריקנט און מען וואַרעמט דאָס „ביזן ביין" נאַסע, געפרוירענע קינד. איך בין מער ווי אויסגעשעפּט. אַ שרעקלעכער יאוש און אַ מינדערווערטיקייטס־געפיל באַהערשן מיך. ווי אַזוי האָב איך געוואַרט ביז דער לעצטער פערטל־סעקונדע? ווו בין איך געווען גלייך ווי דאָס איז געשען?

קיינער אין הויז מאַכט מיר נישט קיין פאָרוואָרף, און צו קיין שמועס וועגן דעם פאָרפאַל איז נישט געקומען. אַ שאַד! דאָס וואָלט מיר זיכער פאַרלייכטערט מיין געמיט. דאָס קינד ווערט נישט קראַנק, אָבער איך פאַרלאַנג, אַז מען זאָל מיך פון מיין אַרבעט באַפרייען. קאַשמאַרפולע נעכט מאַטערן מיך אויס גייסטיק און פיזיש. איך שרייב לאַנגע בריוו צו מיין פאָטער וועגן מיינע אויסערגעוויינלעכע איבערלעבונגען. איך האָב זיך דאָן נישט געריכט, אַז אין מיין פריער דערציִונגס־אַרבעט וועל איך אָנטרעפן אויף מאָמענטן, ווען איך וועל דאַרפן זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן אָדער טויט פון אַ קינד!

איך בלייב דאָך אין סאַנאַטאָריע, איך געפין צוריק מיין גלייכגעוויכט און מאַך אַדורך נאָך אַ סך סיי פריידיקע, סיי שווערע דערפאַרונגען. אָבער פון יענעם טאָג בלייבט מיר איבער אַן איבערגעטריבענע מורא, וואָס אָנבאַלאַנגט צו דער זיכערקייט און געזונט פון קינדער, וואָס ווערן מיר אָנגעטרויט. עס בלייבט מיר אָבער אויף שטענדיק די דאָזיקע „לעקציע" ביי „מאָרסקע אָקאָ" ווי אַ וועגווייזער אין דער צוקונפט: דעצי־דירטקייט און צוטרוי צו די אייגענע כוחות. די שטאַרקע עמאָציע האָט פאַרמירט אין מיר אַ וואַכזאַמקייט און אַ ווידערשטאַנד קעגן געפאַרן, נישט בלויז אויף דער נאַטור,

נאָר אויך ביי אַנדערע אומשטענדן, ווען די סאַנאַטאָריע איז באַדראָט געוואָרן דורך אַ גרופּע וואַנזיניקע אָנפאַלער, יידישע קאָמוניסטן.

...אָפּגעריסן פון וואַרשע, פאַרמאַכט אין די אייגענע ד׳ אמות, כמעט אָן אַ טעכנישן פּערסאָנאַל, פירן מיר ווייטער די טאָג־טעגלעכע אַרבעט. יעדע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אָדער פיזישע אַרבעט ווערט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט. נישט קוקנדיק אויפן „אויסנאַמס־צושטאַנד", וואָס שווערט אויך מאָראַליש אויף אונדז דערציערס און סאַני־טאַרינס, — טוען מיר אַלע נויטיקע אַרבעטן; מיר וואַשן און קאָכן, מיר זינגען און שפּילן מיט די קינדער, מיר טיילן דאָס עסן און וואַכן אין די נעכט. עס קומט אונדז אויס אויפצונעמען חברים פון וואַרשע, — דאָס זענען געזונטע עמך־אַרבעטער, זיי זענען געקומען פאַרטיידיקן די קינדער־היים, וואָס איז געווען אויך זייער שטאָלץ. מיר האָבן געצאָלט מיט דאַנקבאַרקייט פאַר זייער מוטיקייט און שוץ. אין די טעג פון שיסערייען איז יעדער געבליבן אויף זיין פּאָסטן צוזאַמען מיט די קינדער.

יענע פיינפולע וואָכן זענען אַ צווייטע באַלערנדיקע „לעקציע" אין מיין יוגנט. צום באַדויערן, האָט זי מיר זייער גענוצט פאַר דער ווייטערדיקער גורלדיקער צוקונפט. אין די קאָלאָניעס און קינדער־הייזער ווו איך אַרבעט שפּעטער אין פראַנקרייך, שטייט די סאַנאַטאָריע אָפט פאַר מיינע אויגן, ווי דער מוסטער וועלכן איך קען מער אָדער ווייניקער נאָכפאָלגן. עס ווילט זיך כסדר נאָכמאַכן, אויסנוצן די פּרינציפּן פון די גוטע געוווינהייטן אירע.

בעת דער מלחמה, אין „מאָזשעליע" (אָ. ז. ע. פראַנקרייך) גיט זיך מיר דאָס איין אין אַ גרויסער מאָס. דעריבער קלינגען פאַר מיר מיט אַן ענלעכן קלאַנג די צוויי נעמען: „מיעדזעשין" און „מאָזשעליע". זייענדיק אין מיעדזעשין האָט מיר נישט געקאָנט קומען אויפן געדאַנק, אַז איך וועל נאָך אַ מאָל די דערוואָרבענע רוטין דאַרפן אויסנוצן אין שאָטן פון פייער און רויך פון די דייטשישע קרעמאַטאָריעס.

מיין אחריות האָט מיך אָפּטמאָל איבערגעשטיגן, ווייל די עלטערן פון די דאָזיקע קינדער האָבן, פאַר זייער דעפּאָרטאַציע, זיך אָפיציעל אָפּגעזאָגט פון די קינדער לטובת דעם אָ. ז. ע. מען רופט זיי נאָך היינט אָזע־קינדער.

דאָס איז געווען אין דער פרייער זאָנע און עס איז נאָך געווען מעגלעך צו אָרגאַ־ניזירן אַ ווידערשטאַנד — דעם גרעסטן שונא אַנטקעגן! מיר האָבן אויסבאַהאַלטן און אַרומגעפירט די קינדער פון איין הויז אין אַנדערן (אָזע האָט דאַן פאַרמאָגט פינף קינדער־הייזער) כדי מען זאָל זיי נישט געפינען.

דעם 14טן אַפּריל 1943 האָב איך פאַרלאָזט „מאָזשעליע", ווו איך האָב קנאַפּע פיר יאָר רעאַליזירט די דערפאַרונג און די נאָבעלע פּרינציפּן פון דער סאַנאַטאָריע, אָבער ביי שווערע גורלדיקע באַדינגונגען.

*

די נשמה און דער צענטראַלער נערוו פון דער סאַנאַטאָריע איז געווען שלמה גילינסקי. אַנקומענדיק קיין מיעדזעשין האָט מען מיר געזאָגט, אַז געוויינלעך קומט „לערער גילינסקי" כמעט יעדן שבת. נישט אָן פאַרבאַהאַלטן, האָב איך געוואַרט אויף

דער ערשטער באַקאַנטשאַפט. איך האָב געפילט אַ געוויסע פרעמדקייט צו די וואַרשע־ווער לערער, זיי נאָך נישט געקענט, ספּעציעל דעם עלטערן דור. מיר, די יונגע סעמינאַריסטן, האָבן צו אַלעם געוומען אַ שטעלונג און געהאַלטן, אַז דער ווילנער לערער־סעמינאַר איז דאָס „אויבערשטע פון דעם שטויסל". די באַגעגעניש איז געווען פּשוט און געמיטלעך. אין אָוונט, ביים נאַכט־עסן און ראַדיאָ־קאָנצערט, האָט חבר שלמה גילינסקי אָנגעפירט מיט דעם עס־צימער. מיר האָבן אַלע זיך באַמיט צו דערגרייכן אַן אינטימע שטילקייט ביים עסן. יאָ, דעם חבר שלמה גילינסקי האָט זיך עס שטענדיק איינגעגעבן. מיט געדולד, מיט ערנסט, אַן זיך צו בייזערן, האָט ער רויִק געוואָרט, מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט, ביז עס איז געוואָרן אַבסאָלוט שטיל אויפן זאַל. זיינע ווערטער זענען געווען קורצע און זאַכלעכע. מיט זיין טיפער שטים און קלאָרער אויסשפּראַך האָט ער געבראַכטביישפּילן און אונטערגעשטראָכן, אַז עס איז אַ קולטור־מדרגה צו קענען רעדן שטיל, געמיטלעך און גלייכצייטיק עסן די געשמאַקע מאכלים. ער האָט אָפט דערציילט אַ קורצע מעשהלע ביים עסן.

איך דערמאָן זיך אין די ערשטע וואָכן איז איין מאָל חבר גילינסקי צו מיר צוגעגאַנגען, כדי מיר צו מאַכן אַ באַמערקונג. איך האָב זיך גלייך פאַרוואונדערט. וואָס אַזוינס טויג נישט אין מיין אַרבעט? ער האָט צו מיר שטרענג געזאָגט: „פּונקט אַזוי ווי אַ דערציִערין דאַרף זיין אַ ביישפּיל פון אָרדענונג, פון האַלטן זיך, פון עסטעטיש אויסזען — דאַרף זי אויך זיין אַ ביישפּיל ביים עסן. איר טאָרט אין אייער טעלער גאָרנישט איבערלאָזן!". איך האָב זיך פאַרשעמטערהייט פאַרענטפערט, אַז איך בין נישט געווױנט און עס איז מיר פיזיש שווער אַזוי פיל צו עסן (די פּאָרציעס זענען געווען פון פּאָרויס צוגעגרייט). אָבער חבר גילינסקי האָט מיר אויף דעם פּאַטערלעך געענטפערט: „שטרענגט זיך אָן, איר דאַרפט עס אויך פאַר זיך אַליין". איך האָב די באַמערקונגען אָנגענומען מיטן גאַנצן ערנסט. ביסלעכווייז אָנגעהויבן קאָנסומירן, וואָס מען האָט געמוזט, זיצנדיק מיט די קינדער ביים טיש.

מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט דערמאָן איך זיך די פאַרלאָפענע יאָרן אין דער סאַנאַטאָריע, וואָס האָבן אויך פיזיש געמאַכט פון מיר אַ ווידערשטאַנד־פעיִקן מענטשן. „אין אַ געזונטן קערפּער — אַ געזונטער גייסט", איז זיכער די הויפּט־אידעע און דער דעוויז פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס עס שרייבט וועגן דעם דער גרינדער און מיטבויער פון דער אייגנאַרטיקער, איינציקער אין דעם מין אינסטיטוציע ביי דער ציש"אָ:

„דער לערער־דערציִער, דער פּיאָנער פון דער יידישער שול, האָט געטאָן זיין אַרבעט מיט אַ דרייפאַכער ליבע: ליבע צום פאָלק, ליבע צום קינד, און ליבע צו דער פאָלקס־שפּראַך; ער האָט געזוכט נייע וועגן, נייע אופנים, ווי אַזוי צו דערציִען אַ נייעם דור, וואָס זאָל זיין פעיִק צו פאַרשענערן, פאַרבעסערן און גייסטיק באַרייכערן דאָס יידישע לעבן. די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט די אייגנשאַפטן פון דער שול נאָך מער פאַרטיפט און זיי ווייטער אַנטוויקלט".

★

16 יאָר האָט געלעבט די סאַנאַטאָריע. אין אַזאַ יונגן אָבער רייפן עלטער — פאַרשניטן געוואָרן. וויפל מי און קרבנותפולע אַרבעט, אידעאַליזם פון אונדזערע בעסטע זענען אָפּגעמעקט געוואָרן?

וויפל האָפענונגען און חלומות וועגן נייע דערגרייכונגען האָבן זיך אויסגעלאָשן?

סאָניע פלודערמאַכער־ווייסבראָט

טאָכטער פון גרשון און זינע פלודערמאַכער. נאָכן ענדיקן די פּרוג־שול און די סאָפיע גורעוויטש־גימנאַזיע, אָנגעקומען אין לערער־סעמינאַר. אין 1930 פאַרענדיקט דעם סעמינאַר. געאַרבעט צוויי יאָר אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. עמיגרירט קיין פראַנקרייך, וווּ זי שטודירט פּסיכאָלאָגיע און גלייכצייטיק אַרבעט זי אין דער יידישער צוגאָב־שול. מיטגרינדערין פון דער ערשטער יידישער קאָלאָניע, טעטיק אין קינדער־סקיף־באַוועגונג. בעת דער מלחמה דערציערין אין אַן „אָזע" קינדערהיים.

אסתר ראָזנטאַל־שניידערמאַן (ירושלים)

דער לערער גילינסקי

שלמה גילינסקי איז געווען איינער פון די שפּעריסטע און אינטערעסאַנטסטע פּעדאַגאָגן, וועלכע כ׳האָב ווען עס איז באַגעגנט. אין די אויגן פון אונדז, יונגע ציש״אָ־לערער, איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט אַן אָרעאָל. אַ שטיקל צייט האָבן מיר ביידע געהערט צו איין און דער זעלבער פּאַרטיי (פּאַראיייניקטע). ער איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון איר באַנייטער פּאַרטיי־שער וואָכן־צייטונג „אונדזער וועג״ אין די יאָרן 1918־1919 און פלעגט דאָרט פאַרעפנטלעכן אַרטיקלען וועגן די אויפטוען פון דער יונגער סאָוויעטישער פּעדאַגאָגיק.

אין די פריִע צוואַנציקער יאָרן, איז גילינסקי געווען דער פאַרוואַלטער פון דער באַרימטער שול אויף דלוגע 26 און געלערנט דאָרט מאַטעמאַטיק. שפּעטער האָט ער אַרויסגעגעבן אינטערעסאַנטע אַריטמעטישע לערנביכער פאַר די ערשטע פינף קלאַסן פאָלקשול. דאָס ערשטע לערנבוך האָט ער צונויפגעשטעלט צוזאַמען מיטן לערער פּאַנאַבעריע. מיט די דאָזיקע לערנביכער האָבן מיר זיך דעמאָלט באַנוצט אין אַלע „ציש״אָ״־שולן און סיי מיר לערער, סיי אונדזערע שילער זענען געווען פאַרליבט אין גילינסקיס ביכלעך.

אין גילינסקיס שול האָט איר שטענדיק געפונען געסט: מ׳איז געקומען פון גאַנץ פוילן באַוואונדערן דעם אַנשטאַלט און קודם זיך לערנען, ווי אַזוי אַוועקצושטעלן די זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די שילער אין דער אייגענער שול.

ביי גילינסקין האָט איר געקאָנט אויסבאָרגן אַן אינטערעסאַנטן זשורנאַל אָדער דאָס נייסטע ביכל וועגן פּראָבלעמען פון קינדערשער זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין שול. ער האָט קיינעם אין דעם נישט אָפּגעזאָגט: אדרבה — לערן זיך, פרעג, בלייב נישט פאַרגליווערט אין דיין אַרבעט!...

צווישן די וואַרשעווער פירנדיקע יידישע פּעדאַגאָגן, איז ער געווען דער סאַמע באַהאַוונטער אין דעם דאָזיקן פּראָבלעם, מיט וועלכן די אַמעריקאַנער, די מערב־אייראָפּעיִשע און אויך די סאָוויעטישע פּעדאַגאָגיק איז אין יענע יאָרן געווען שטאַרק פאַרכאַפּט, יעדער אויף זיין אופן.

פון דעם לערער גילינסקיס קעשענעס האָבן תמיד אַרויסגעשטעקט פּעקלעך בריוו — לערער פון גאַנץ פוילן שטעלן אים פראַגן, בעטן אַן עצה: ווי אַזוי בייקומען די אָדער יענע שוועריקייט אין דער זעלבשטענדיקייט פון די קינדער ביי זיי אין שול? און גילינסקי בלייבט קיינעם קיין ענטפער נישט שולדיק. גאַנצע אָוונטן זיצט ער ביי זיין

שרייב־טישל — דאָס דערקלערט ער און צייכנט סכעמעס פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין שול פאַר זיינע קאָלעגן פון פּראָווינץ... אַזוי האָט דער לערער גילינסקי אין די „ציש"אָ"־שולן אויסגעטראָטן אַ סטעזשקע פאַר מאָדערנע מעטאָדן פון דערציִען דאָס יידישע פאָלקס־קינד גרונטלעך. אויב מ'וואָלט מיך געפרעגט: וואָס איז געווען דאָס סאַמע אייגנאַרטיקסטע אין גילינסקיס שעפערישער טעטיקייט אין יענע יאָרן? — וואָלט איך געענטפערט — „ער האָט עקשנותדיק און זייער קלוג געזוכט דעם וועג צום האַרצן פון יידישן פאָלקס־קינד. און כ'וואָלט נאָך צוגעגעבן: ער האָט דעם דאָזיקן וועג זייער אָפט געפונען. יעדנפאַלס אָפטער ווי דאָס פלעגט געלונגען אַנדערע זיינע מיטצייטלער־לערער.

און דערגרייכט האָט גילינסקי דעם דאָזיקן גרויסן געווינס קודם כל — אַדאַנק זיין פאַרליבטקייט אין יידישן פאָלקס־קינד, געכפּלט אויף דעם גוט דורכגעטראַכטן סיסטעם פון זעלבסט־טעטיקייט ביי זיינע אייגענע שילער אויף דלוגע 26, שוין אין אָנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן.

שלמה גילינסקי, דער וואַרעמער פאָלקס־מענטש, איז געווען אַ זעלטן ליבהאַר־ציקער חבר, זיינע שילער האָבן אים ממש פאַרגעטערט. נאָך דעם ווי ער איז אַרויס פון די „פאַראייניקטע" איז ער אַריינגעטראָטן אין „בונד". אָבער אים איז פרעמד געווען די שמאָל־פאַרטייִשע פאַרביסנקייט. מיט טאָלעראַנץ האָט ער זיך באַצויגן צו אַ טייל פון דער גרופּע עלטערע שילער זיינע, וועלכע האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער קאָמו־ניסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. און זיי, וועלכע זענען אַוועק אויף אַנדערע פּאָליטישע וועגן, האָבן דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און דעם שטריך פון זיין כאַראַקטער שטאַרק אָפּגעשאַצט.

אין אָנהויב פון די 30־ער יאָרן האָבן מיך אין קיעוו אויסגעזוכט אַ גרופּע געוועזענע אַביטוריענטן פון דער שול אויף דלוגע 26. מיין איבערראַשונג און פרייד איז געווען גרויס. תיכּף האָט מען פאַרגעסן ווו מיר געפינען זיך און עס האָבן זיך אַ שאָט געטאָן מעשיות וועגן דעם לערער, וועגן יענעם לערער, וועגן שילער, מעשיות ערנסטע און מעשיות קאָמישע...

אָבער דער עיקר האָט מען גערעדט און דערציילט וועגן דעם לערער גילינסקי...

„ווען מיר האָבן באַשלאָסן צו לויפן קיין ראַטנפאַרבאַנד" — האָבן מיינע טייערע געסט מיר דערציילט, — „האָבן מיר, דעמאָלט הייסע קאָמוניסטן, פון דעסטוועגן געהאַלטן פאַר נויטיק וועגן דעם צו דערציילן אונדזער לערער, דעם בונדאַוויעץ גילינסקי, וויל ווי קען מען פאַרנעמען אַזאַ שריט אין לעבן אָן דעם וויסן פון דעם, וועלכער איז פאַר אונדז געווען נישט בלויז אַ לערער, נאָר אויך דער בעסטער און נאָענטסטער פריינד?

„אָן איבערראַשטער און אַנטוישטער, האָט ער געפרווט אונדז אָפּרעדן פון דעם ריזיקאַלישן שריט. ווען גילינסקי האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז אונדזער באַשלוס איז אַ פעסטער, האָט ער זיך נאָך מער צוגעבונדן צו אונדז (אַזוי ווי ער וואָלט פאַרגעפילט זייער ביטערן סוף אין די לאַגערן פון וויטן סיביר), געהאָלפן מיט וואָס נאָר ער איז געווען אימשטאַנד, און אַרויסבאַגלייט אין וועג אַריין ווי אַ פאָטער" — אַזוי האָט צו מיר פאַרטרויִלעך גערעדט דער בלאָנדער באַהנטער סטודענט פון קיעווער פּאָלי־

טעכנישן אינסטיטוט אַש — דער געוועזענער ליבלינג און שטאָלץ פון דער שול אויף דלוגע 26. אַש, דעמאָלט שוין אַן אַקטיווער סאָוויעטישער קאָמוניסט, האָט גערעדט מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט וועגן זיין געוועזענעם לערער און דערציִער, דעם בונדאָוויעץ גילינסקי פון וואַרשע, און דאָס אַלץ האָט זיך אַזוי נישט געפּאָרט מיט דעם פּאַרבײַסענעם יעזוִיטישן „קלאַסן־קאַמף״ וועלכן מיר, יידישע סאָוויעטישע קאָמוניסטן, האָבן דעמאָלט אין קיעוו געפירט מיטן „פּאַשיזירטן בונד, וועלכער האָט זיך פאַרקויפט דער פּוילישער סאַנאַציע״.

מיט גילינסקיס געוועזענע שילער האָב איך אין ראַטן־פּאַרבאַנד אויך שפּעטער זיך געטראָפן. וועגן דער שול פלעגן זיי רעדן מיט אַזאַ נאָסטאַלגיע ווי זיי וואָלטן

ש. גילינסקי אויף דער ערשטער קינדער־זומער־קאָלאָניע אין מיכאַלין, 1919

פאַרויסגעפּילט, אַז אויף זיי אַלע וואַרט אַ פינצטערער סוף. אויך אַש, דער סאַמע באַליבטסטער גילינסקיס תלמיד, דער פעיִקער יונגער אינזשיניער, איז אומגעקומען ערגעץ־ווו אין אַ סיבירער לאַגער. זיין פרוי רחל פינקעלשטיין — אַן אַביטוריענטין פון דער וואַרשעווער ציש״אָ־שול אויף נאַוואַליפּקי 68, ווו איך האָב געאַרבעט, איז געקומען צו לויפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד צוזאַמען מיט איר באַשערטן, אין קיִעוו האָט זי פאַרענדיקט דעם יידישן אָפּטייל פון אוקראַיִנישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. זי האָט אויך געאַרבעט ווי די טעכנישע סעקרעטאַרין פון אינסטיטוט פאַר יידישער קולטור ביי דער אַל־אוקראַיִנישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. אויך זי איז אָפּגעזעסן יאָרן לאַנג אין אַ סאָוויעטישן לאַגער. זייער איינציק מיידעלע האָבן די נ. ק. וו. ד. אָפּגעריסן פון טאַטע־מאַמע און האָבן עס אָפּגעגעבן אין אַ רוסישן קינדערהיים. און ערשט נאָך איר באַפריי־אונג האָט די אלמנה פון אַשן אויסגעפונען איר קינד.

✶

אין אָנהויב פון צווייטן וועלט־קריג האָב איך אויף צפון־קאַווקאַז אין דער שטאָט נאַלטשיק באַגעגנט יידישע פּליטים פון פּוילן. זענען זיי געוואָרן אָפּטע אַריינגייער צו אונדז אין שטוב. און ווידער פלעגט גילינסקיס נאָמען דאָ דערמאָנט ווערן מיט אַ סך אָנערקענונג און ליבשאַפט. דאַן האָב איך צום ערשטן מאָל דערהערט וועגן זיינע גרויסע פּעדאַגאָגישע אויפטוען פאַר טובערקולאָזע יידישע קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַ־טאָריע. ס׳איז פאַר מיר געווען זעלבסטפאַרשטענדלעך צו הערן, אַז נישט עמעצער אַנדערש נאָר ער, שלמה גילינסקי, איז געווען איר אָנפירער און איר נשמה פון ערשטן טאָג, זינט זי איז אין 1926 געגרינדעט געוואָרן, ביז איר טראַגישן אומקום, צוזאַמען מיט די קינדער און לערער־דערציער.

✶

דעם לעצטן גרוס וועגן אַן אמתער מעשה, וואָס איז פאַרלאָפן אין שלמה גילינסקיס שול אויף דלוגע, האָב איך אין ראַטן־פאַרבאַנד אָפּגענומען מיט יאָרן שפּעטער. געווען איז דאָס אין דער פאַרוואָרפענער שטאָט קאַנט אין דער העט־ווייטער קירגיזישער רעפּובליק, וואָס געפינט זיך אין דער סאָוויעטישער מיטלאַזיע. דאָ האָבן מיר זיך ווידער, צו אונדזער אַלעמענס פריידיקער איבערראַשונג, באַגעגנט מיט געוועזענע שילער פון שלמה גילינסקיס שול. האָבן זיי מיר איין מאָל דערציילט וועגן אַ זיץ־שטרייק, וועלכן זיי, די תלמידים פון גילינסקיס שול אויף דלוגע 26, האָבן אָרגאַניזירט אין קאַמף מיטן הויז־בעל־הבית, ווען ער האָט אַרויסגעוואָרפן די שול־בענק אויפן הויף און פאַרשלאָסן די טיר פון זייער שול, ווייל ס׳איז נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן קיין דירה־געלט.

„האָבן מיר קינדער זיך אויסגעזעצט אין מיטן הויף און נישט געוואָלט זיך רירן פון אָרט. און וואָס מיינט איר, ווער האָט געוווּנען דעם דאָזיקן זיץ־שטרייק (מסתמא דעם איינציקן אין זיין מין)? טאַקע מיר, די „שטרייקער״. און אין די שטימען פון די פיל געליטענע יונגעלייט, וואָס זענען שוין דעמאָלט אַליין געווען טאַטעס פון קינדער, הערן זיך נאָך רעשטלעך התפעלות פון יענע טעג, ווען זיי האָבן יינגלוויז געקעמפט

פאַר דער עקזיסטענץ פון זייער לייבלעכער וואַרשעווער ציש"אָ־שול. „די געשעעניש, דערציילן זי ווייטער, האָבן זיך אַנטוויקלט אויף אַ גאַנץ אומגעריכטן אופן". „איר געדענקט דאָך געוויס, לערערין פוקס", (ווי ליב איז מיר געווען צו הערן פון זייער מויל די ווענדונג צו מיר — „לערערין פוקס"), אַז אויף דעם זעלבן שול־הויף האָט זיך געפונען דעם שרייבער אַלטער קאַציזנעס באַוווסטע פאָטאָגראַפישע אַטעליע.

ווי יעדן טאָג זענען אויך דאָס מאָל צו קאַציזנען געקומען זיינע קאָלעגן־שרייבער, (קאַציזנעס אַטעליע איז געווען אַ מין ליטעראַרישער סאַלאָן). אויפן הויף האָט זיך באַוויזן אין דער באַגלייטונג פון אַלטער קאַציזנע דער באַוווסטער יידישער פראָזאַיקער יהושע פערלע. דערזעענדיק אין מיטן הויף די שול־קינדער אויסגעזעצטע אויף דער ערד, האָבן זיי פאַרוואונדערט געפרעגט: „וואָס זיצט איר דאָ, חברה"?

דערהערט דעם ענטפער, האָבן זיי נישט לאַנג געטראַכט און אַ ווונק געטאָן: „חברה־שטרייקערס, טוט וואָס מיר, אָבער אָן רעש, שאַ־שטיל". „און אָט שלעפּט שוין אַלטער קאַציזנע ביינאַנד מיט זיין פריינד פערלע די ערשטע פּאָר בענק — גלייך אין קלאַס אַריין. און נאָך זיי גייט אויף די ציפּקעלעך אַ גאַנצע קאַראַוואַנע קינדער מיט בענק... מ'שלעפּט און מ'שוויגט, און דאָס האַרץ ביי יעדן שפרינגט שיעור נישט אַרויס פאַר פרייד און פאַר מורא — זאָל נאָר דער גזלן — דער בעל־הבית אין מיטן דרינען נישט אָנקומען!...

אין אַ האַלבער שעה אַרום זיצט שוין יעדער שילער אויף זיין אָרט אין די קלאַסן ווי עס וואָלט גאָרנישט נישט געשען".

— און דער בעל־הבית פון הויז? — פרעג איך אַ פאַרכאַפּטע פון דער מעשה — „ער האָט זיך וועגן דעם אַלעם דערוווּסט אַחר המעשה און... געמאַכט דערוויל אַ שווייג. נישט געוואָלט אַריינפאַלן אין מויל פון די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, זעט אויס זיך געשראָקן פאַר זייערע בייזע צינגער"...

„אַזוי האָבן מיר געוווּנען דעם זיץ־שטרייק, אַדאַנק אַלטער קאַציזנען און יהושע פערלע"... האָט מיט וואַרעמקייט פאַרענדיקט דערציילן דער אַמאָליקער שילער פון גילינסקין און איצטיקער סאָוויעטישער מיליטער־מענטש און צוגעגעבן מיט ליבע: „ווער עס האָט אין יענע טעג נישט אַריינגעקוקט אין שלמה גילינסקיס לייכטנדיקע אויגן, דער האָט קיין אמת־גליקלעכן מענטשן נישט געזען".

✶

ווען כ'האָב ווידער, מיט אַ סך, אַ סך יאָרן שפּעטער, זיך געפונען אין פוילן און באַקומען די מעגלעכקייט צו לייענען וועגן דער קינדער־רעפּובליק, וועלכע גילינסקין איז געלונגען צו אָרגאַניזירן אין דעם דאָזיקן פּרעכטיקן אַנשטאַלט, די מעדעם־סאַנאַטאָריע, איז פאַר מיר געוואָרן נאָך מער פאַרשטענדלעך די התפעלות, מיט וועלכער די פּליטים פון פוילן האָבן אין וויטן ראַטן־פאַרבאַנד גערעדט וועגן דער אידעאַליסטישער פּערזענלעכקייט שלמה גילינסקי.

יאָרן שפּעטער האָבן מיר גילינסקיס פריינד דערציילט ווי אויסערגעוויינלעך טראַגיש האָט ער איבערגעלעבט דעם חורבן פון זיין פאָלק. ער האָט געהאַלטן, אַז די לעבנגעבליבענע ציש"אָ־טוער זענען מחויב צו פאַראייביקן די נעמען פון די אומגע־

בראַכטע לערער פון יידישן וועלטלעכן שול־וועזן. ער ווערט דער אַקטיווער מיטשעפער פון דעם „לערער יזכור־בוך״ (ניו יאָרק 1954) און מיט גרויס ליבשאַפט באַשרייבט ער דאָרט דאָס שעפערישע לעבן פון די פאַרטיליקטע פעדאַגאָגן. ווער נאָך האָט זיי אַזוי געקענט ווי גילינסקי?

און נאָך האָב איך זיך ערשט נאָכן פאַרלאָזן דעם ראַטן־פאַרבאַנד דערוווּסט, זייענדיק אין פוילן, אַז זיינע לעצטע שעפערישע יאָרן האָט ער אָפּגעגעבן דער „אַלגעמיינער יידישער ענציקלאָפּעדיע״, און אַז ער איז געווען דער איניציאַטאָר פון די בענדער, וואָס באַשרייבן דעם גרויסן חורבן.

ס׳איז מיר נישט באַשערט געווען, כ׳זאָל זיך מיט אים נאָך אַ מאָל באַגעגענען. בעת מיין זיין אין אַמעריקע, איז ער געלעגן שווער קראַנק אויסער ניו־יאָרק. און גראָד דעם זעלבן טאָג, ווען איך האָב געמוזט אָפּפליען פון ניו־יאָרק, איז ער געשטאָרבן (דעם 4טן סעפּטעמבער, 1961). אַפילו אויף זיין לוויה נישט זוכה געווען צו זיין.

*

אין אונדזערע לאַנג־שעהדיקע שמועסן מיט זיין פרוי ליובאַ גילינסקי, די געוועזענע לערערין פון די ציש״אָ־שולן און מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָט זי מיט ווייטיק דערמאָנט, אַז דער בייזער גורל האָט נישט דערלאָזט, אַז שלמה גילינסקי זאָל זוכה זיין צו זען מיט זיינע אייגענע אויגן די יידישע מדינה, פאַר וועלכער ער האָט געפּלעגט אין זיין האַרצן די וואַרעמסטע געפילן.

אסתר ראָזנטאַל־שנײַדערמאַן (מיידלשער נאָמען פוקס)

געבוירן אין טשענסטאָכאָוו, ווו זי איז געווען אַקטיוו אין דער באַוועגונג פון די ס״ס פּאַראייניקטע. געאַרבעט אין דער ציש״אָ־שול אין וואַרשע אויף נאָוואָליפּקי 68, גלייכציייטיק שטודירט פּעדאַגאָגיק אין דער וואַרשעווער ווּשעכניצע. אין 1925 פאָרט זי אומלעגאַל קיין ראַטנפאַרבאַנד, ווו זי איז אַקטיוו אויף דעם יידיש־אַקאַדעמישן געביט אין אוקראַינע. אין 1956 קערט זי זיך אום קיין פוילן, ווו זי גיט אַרויס אַ צאָל לערן־ביכער פאַר יידישע שולן. אין 1962, צוזאַמען מיט איר מאַן ניסן ראָזענטאַל, זשורנאַליסט־פּעדאַגאָג (געשטאָרבן אין דעצעמבער 1970), פאָרט זי קיין ישראל, ווו זי אַרבעט אין דעם שפּרינצאַק־אינסטיטוט ביים ירושלימער אוניווערסיטעט.

יענטע רובין־פּישמאַן (מאָנטרעאַל, קאַנאַדע)

דאָס אָפּגעבראָכענע צווייגל

ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז איך, אַ יונגע לערערין ערשט פון פּוילישן סעמינאַר־באַנק, נאָך אַ ספּעציעלן קורס אין דעם „מאָנטעסאָרי־הויז" אין ווין — בין געוואָרן אַ לערערין אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע?

געפאָרן בין איך פון ווין אַהיים קיין ווילנע. געבליבן איין טאָג אין וואַרשע. מיט אַ חברטע אַ לערערין אַרויף אין „ציש"אָ" און דאָרט געטראָפן דעם חבר שלמה גילינסקי. דערוויסנדיק זיך, אַז איך בין אַ לערערין, האָט ער מיט מיר גלייך פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און וועגן עוועטועלע מעגלעכקייטן דאָרטן צו ווערן אַ לערערין. מיט זיין גרויסער איבערצייגונגס־קראַפט, מיט זיין גרויסער ליבע צו די קינדער און סאַנאַטאָריע, האָט ער גענומען מאָלן באַגייסטערטע בילדער פון לעבן פון די קינדער אין דער סאַנאַטאָריע, פון ספּעציעלע קינדער־טיפּן, פון נייע דערציִערישע מעטאָדן און דערגרייכונגען.

דאָס אַלץ האָט מיך אַזוי געהאַלטן אין שפּאַנונג, אַז איך האָב זיך געלאָזט צורעדן צו דער איינלאַדונג פון זיין אַ גאַסט אויף איין וואָך אין דער סאַנאַטאָריע. פאַר דער וואָך האָב איך געדאַרפט קוקן, זוכן, אָבסערווירן און אַליין מאַכן מיינע אויספירן. ווי אַ שוואָם האָב איך אַלץ אין זיך אַריינגעזאַפּט, אָבסערווירט און געאָטעמט מיט דער לופט פון דער סאַנאַטאָריע.

יעדן צווייטן טאָג האָט זיך חבר גילינסקי באַוויזן פון דעם פאַרשטויבטן וואַרשע און מיך באַוואָרפן מיט פראַגן. אָנגערעגט טיפער אַריינצוקוקן, מערער צו זען און מער צו טראַכטן וועגן געזעענעם.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז נאָך דער וואָך בין איך שוין קיין ווילנע נישט געפאָרן (כאָטש איך בין געווען פאַרבונדן מיט אַ קאָנטראַקט). אַזוי האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן מיין קאַפּיטל מעדעם־סאַנאַטאָריע.

די נשמה פון דער סאַנאַטאָריע איז געווען שלמה גילינסקי. מיט זיין וואונדערלעכער אינטויִציע צו געפינען פּאַסיקע מיטאַרבעטער, האָט ער זיך אַרומגערינגלט מיט אַן אויסגעקליבענעם, אויסגעצייכנטן פּעדאַגאָגישן פּערסאָנאַל, אין שפּיץ פון וועלכן עס איז געווען לערער באַטקע, און מיט אַן אידעאַלן פּאַרוואַלטער חבר ברומבערג, וועלכער האָט זיין גאַנץ פּערזענלעך און געזעלשאַפטלעך לעבן אָפּגעגעבן דער סאַנאַטאָריע. אויך דער אויסגעקליבענער טעכנישער פּערסאָנאַל האָט קאָנקורירט מיט די לערער אין ליבע צו די קינדער.

עס איז געווען חבר גילינסקיס דעוויז, אַז עס זאָל נישט זיין קיין אונטערשיד אין דער טרייקייט צו דער סאַנאַטאָריע צווישן די מיטאַרבעטער — אַן אונטערשיד אויף וועלכן קולטורעלן שטאַפּל ער איז נישט געשטאַנען. אַלע ווי איין גרויסע משפּחה. האָבן זיך געטראָפן נאָך אַ טאָג אַרבעט אין עס־צימער צו טרינקען אַ גלעזל טיי און כאַפּן אַ נאַש, נאָכדעם, ווי די קינדער זענען שוין געשלאָפן און די נאַכט האָט איינגע־הילט די סאַנאַטאָריע.

לויט חבר גילינסקיס איינשטעלונג האָט יעדער מיטאַרבעטער געדאַרפט זיך פּערזענלעך אויסלעבן אין די ראַמען פון דער סאַנאַטאָריע. ער האָט געהאַלטן, אַז לעבן און אָטעמען מיט דער לופט פון דער סאַנאַטאָריע — דאָס איז דער עיקר. גאַנצקייט געפינען נאָר דאָ. נישט זוכן עס אויסער די גרענעצן פון אַנשטאַלט. נאָר מיט אַלע דיינע געפילן און חושים האָסטו געקענט זיין אַ ווירדיקער מיטגליד אין דער סאַנאַ־טאָריע־משפּחה. קיין קאָמפּראָמיסן האָט חבר גילינסקי נישט ליב געהאַט.

געדאַרפט האָט אַ לערער פאַרמאָגן אַלע מעלות, כדי צו אַנטשפּרעכן חבר גילינסקיס געשמאַק. מען האָט געדאַרפט קודם כל זיין אַ דערציִער, אַ טאַטע אָדער אַ מאַמע צום קינד און אַ בעל הבית אין דער אויפפּאַסונג איבערן קינד. האָט געפעלט איינער פון די שטריכן — האָבן עס אַלע אָפּגעפילט און אַלע האָבן עס באַמערקט. אַלע אַן אויסנאַם האָבן דערפילט דעם בלויז. איז ווער געווען אַ שלעכטער דערציִער, נישט פאַראינטע־רעסירט זיין גרופּע, זענען די קינדער ווי די שעפּסן אַרומגעגאַנגען פאַרוואַרלאָזט אַן אינטערעס. האָט געפעלט וואַרעמקייט, מוטערלעכקייט — האָבן די קינדער געריסן זיך און געבענקט אַהיים אַנשטאָט אין אַ טאָג אָדער צוויי פאַרגעסן, אַז מען איז ווייט פון טאַטע־מאַמע. איז אַ לערער געווען אַ שלעכטער „בעל הבית", האָבן אַלע געזען ווי זיינע קינדער גייען אַרום אַן קנעפּלעך, מיט שמוציקע שיך. אָבער חבר גילינסקיס אויגן זענען געווען אומעטום און ער האָט מיט אַלץ, וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען, געהאָלפן דעם לערער, באַזאָרגט אים מיט אַרויסהעלפערס.

ווער עס האָט נישט איבערלעבט אַ פרימאָרגן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, דער ווייס נישט, וואָס אַרבעטזאַמקייט פון קינדער מיינט. פון דער ניי־געצייג און שיך־פּוצן־קאָמיסיע ביז דער קאָנטראָל־קאָמיסיע האָבן זיך אַלע באַוועגט. אַלץ האָט געאײַלט צו זיין גרייט אין צייט, אַז קיין זאַך זאָל נישט ווערן פאַרפעלט. פון דעם קעסטעלע ניי־געצייג — ביז אַ בעסערן אופן פון פּוצן די שיך — אין אַלעם איז געווען חבר גילינסקיס אויג און זאָרג. גאָר אַ ספּעציעלע שוואַכקייט האָט חבר גילינסקי געהאַט צו דער קולטור פון עסן, אַזוי גערופענע טיש־קולטור. די קינדער געקומענע פון אָרעמע היימען, האָבן זייער שלעכט מאַניפּולירט מיטן גאָפּל און מעסער. זייער אָפט האָבן זיך די קינדער אַרויסגעהאָלפן מיט די הענט ביים עסן פליייש. אָבער חבר גילינסקיס אויג איז געווען וואַך. אויף די פּעדאַגאָגישע ראַטן פלעגט ער אָפט רעדן און נישט אויפהערן צו דערמאָנען, אַז די לערערס זאָלן אין זייער האַלטונג ביים טיש זיין אַ ביישפּיל פאַר די קינדער. די קינדער זאָלן נאָכקאָפּירן דעם לערער. און ווער עס האָט נישט קיין שיינע טיש־מאַניערן, זאָל זיך צוקוקן צום חבר ברומבערג, וועלכער האָט שיינע טיש־מאַניערן.

און אָט איז איינער פון די אומפאַרגעסלעכע פרימאָרגנס אין סאַנאַטאָריע. אַ קינד האָט אָפּגעבראָכן אַ צווייגל פון אַן עפּלבוים אין אונדזער סאָד, וועלכער פלעגט פּרילינג־

צייט מיט זיינע בלומען פאַרשמעקן די גאַנצע סאַנאַטאָריע. חבר גילינסקי גייט אַרום צעטראָגן. אַן אַקט פון צעשטערערישקייט, פון נישט אָפּהיטן דאָס סאַנאַטאָריע־אייגנטום, פון ברעכן אָנשטאָט בויען... עס מוז גלייך עפּעס געטאָן ווערן. אַזאַ זאַך קען נישט אַדורכגיין רויִק מיט בלויז אַדורכרעדן זיך מיטן קינד. עס מוז ווערן אויסגעמיטן, אַז אַ צווייטער זאָל עס נישט נאָכטאָן. און אָט שטייט שוין חבר גילינסקי אין עס־צימער. אַלע קינדער זיצן, עס הערשט אַ טויטע שטילקייט. ווען ער דערקלערט, וואָס מיינט דאָס אָפּברעכן אַ צווייגל פון אונדזער עפּל־בוים. און אַז מען זאָל עס נישט פאַרגעסן און גוט פאַרגעדענקען, ווערט דאָס צווייגל אויפגעהאָנגען אויפן וואַנט־זייגער אין עס־צימער אויף דער הויפּט־וואַנט — אַלס צייכן פון צעשטערונג, וועלכע טאָר זיך מער נישט איבערחזרן ביי אונדז.

עס טראָגט זיך אַריבער מיין געדאַנק צו אונדז היינט. וויפל שטאַמען, וויפל צווייגן און צווייגעלעך זענען דורך דער צייט פאַרברענט געוואָרן, אַרויסגעריסן און פאַרניכטעט געוואָרן מיטן וואָרצל, אַז קיין סימן איז נישט פאַרבליבן...

ווי אַנדערש וואָלט היינט אונדזער וועלט אויסגעזען, ווען ביי איר רודער וואָלטן געשטאַנען אַזעלכע שלמה גילינסקיס.

יענטע רובין־פישמאַן

געבוירן אין ווילנע. נאָכן פאַרענדיקן די פרוג־פאָלקשול און די יידישע גימנאַזיע, אַוועק קיין וואַרשע, וווּ זי האָט פאַרענדיקט דעם פוילישן סעמינאַר פאַר קינדער־גערטנערינס. פּראַקטיצירט אין ווין אין דער מאָנטעסאָרי־שול. געאַרבעט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. פאַרענדיקט די שוועסטער־שול אויף טשיסטע ביים יידישן שפּיטאָל. פאַרוואַלטעט מיט דער טאָגהיים פאַר 2—6־יאָריקע קינדער ביי דער בונדישער פרויען־אָרגאַניזאַציע „יאַפּ". מלחמה־יאָרן דורכגעמאַכט אין רוסלאַנד אין די לאַגערן. נאָך דער באַפרייונג געאַרבעט אין לאָדזש ווי אַ פאַרוואַלטערין פון אַ טאָגהיים פאַר קינדער. וווינט אין מאָנטרעאָל — קינדער־גאָרטן־לערערין אין דער פּרץ־שול.

הענרי (הערש) שטאַרקער (פּאַריז)

מיין לערער און וועגווייזער

איך דערמאָן זיך די שווערע צייטן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. מיין פאָטער איז אַוועק אויפן פראָנט. די מאַמע איז געבליבן אַליין מיט צוויי קליינע קינדער, אָן מיטלען צום לעבן. און אַוודאי נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן צו צאָלן דעם רבין אין חדר. גאָר צופעליק האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דער שול פאַר יינגלעך „חינוך ילדים" און אַז דאָרט איז דאָ אַ יונגער לערער, אַ ליבער מענטש און אַלע עלטערן לויבן אים זייער שטאַרק. אַריינקריגן זיך אין דער שול איז געווען זייער שווער. די שול איז געווען אויסגעהאַלטן פון „דאָזערס". קאַנדידאַטן פאַר די געציילטע ערטער זענען געווען אַ סך. אָבער וואָס טוט נישט אַ מאַמע פאַר איר איינציקן זון? מיין איבערגעגעבענע מוטער האָט זיך דערוווּסט, ווען עס קומט פאָר אַ זיצונג פון די דאָזערס. מיר זענען ביידע אַוועק אין שול און מיין מאַמע האָט זיך געוואָנדן, מען זאָל אַריינעמען איר זון אין שול. מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אויף פּלאַץ פּאַריסאָווסקי, אָן אַרעמע געגנט, אַ סך צעלאָזענע יינגלעך „לאַבוסעס", אָן אויפזיכט, אויף דער גאַס. האָט מיין מאַמע געבעטן דעם דאָזער, מען זאָל דאָס נעמען אין אַכט און איר נישט אָפּזאָגן. מיט טרערן אין די אויגן האָט זי געזאָגט: „וואָס וועט פון אים ווערן, אָן אַ טאַטן?"

פון קאַנצעלאַריע איז גראָד אַרויס אַ יונגער מאַן, אַנגעטאָן אין אַ טונקל אַנצוג, אין ברילן. מיט אַ שמייכל האָט ער אַ קוק געטאָן אויף מיר און אָנגעהויבן מיך אויסצופרעגן. זיין יידיש האָט זייער מאָדנע געקלונגען אין מיינע אויערן: „וואָס" האָט ער געזאָגט אַנשטאָט „ווּס". ער האָט מיך געפרעגט: „וואָס קענסטו"? איך האָב גוט פאַרשטאַנען די פראַגע און כ'האָב דרייסט געענטפערט: „איך קען דאַווענען, איך האָב געלערנט חומש. כ'האָב שוין אָנגעהויבן גמרא".

„שרייבן און רעכענען קענסטו?". „דאָס האָב איך זיך נישט געלערנט", האָב איך געענטפערט.

איידער מיין טאַטע איז אַוועק אויף דער מלחמה, האָט ער זיך באַמיט צו קריגן פאַר מיר אַ לערער, אָבער דער לערער האָט געוואָלט פאַר יעדער לעקציע, אויב נישט מיט געלט, זאָלן מיר אים צאָלן מיט אַ מיטאָג אָדער וויעטשערע. דאָס איז פאַר אונדז געווען צו טייער. האָט מען באַשלאָסן, אַז אונדזער שכנס זון, מיין חבר, וועט לערנען צוזאַמען מיט מיר די שעה צייט, און איין מאָל וועט דער לערער עסן ביי אונדז און אַ צווייט מאָל — ביי אונדזערע שכנים. משה סטאַליאַר, אַזוי האָט געהייסן אונדזער שכן,

איז געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן. זיין ווייב האָט זיך צעשריגן, ווען זי האָט דאָס דערהערט. „וואָס? זיבן מיילער צו געבן עסן איז ווייניק? איך דאַרף נאָך נויטיק האָבן אַן אַכט מויל״. איז פון די פּריוואַטע לעקציעס גאָר נישט געוואָרן.

דער יונגער לערער אין די ברילן האָט גלייך פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב געלערנט אין חדר. ער האָט זיך דורכגעשמועסט מיט מיין מאַמען, פאַרשריבן אין אַ ביכעלע מיינע ענטפערס און געהייסן קומען אין שול אין אַ באַשטימטן טאָג. דאָס איז געווען אויך אַ חדר, אָבער אַנדערש ווי מיין פריערדיקער.

דעם ערשטן טאָג האָט מען מיך אַריינגעפירט אין אַ קלאַס, ס׳איז דאָרט געזעסן אַ מאַן אין אַ ווייכן קאַפּעלוש און געלערנט מיט די קינדער תנ״ך. ער האָט איבערזעצט יעדעס וואָרט פון העברעיִש אויף יידיש. די צייט האָט זיך געשלעפּט, דער מאַן אין קאַפּעלוש האָט מיר געהייסן אַריינקוקן אין תנ״ך פון מיין שכן, לעבן וועמען איך בין געזעסן. כ׳בין געווען צופרידן, ווען דאָס האָט זיך שוין געענדיקט.

נאָך אַ קורצן איבעררייס איז אין קלאַס אַריין דער לערער אין די ברילן. אַלע קינדער האָבן זיך אויפגעשטעלט און שפּעטער זיך אַוועקגעזעצט. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ נייעס.

„קינדער, איר האָט אַ נייעם חבר, זיין נאָמען איז הערש שטאַרקער. איר זאָלט אים דערקלערן, וואָס יעדער לערער לערנט, באַקענט זיך מיט אים״. שפּעטער ווענדעט ער זיך צו מיר: „וועסט קומען צו מיר אין קאַנצעלאַריע, וועל איך דיר געבן ביכער און העפטן״.

די ערשטע לעקציע, די ערשטע באַגעגעניש מיטן לערער גילינסקי געדענק איך זייער גוט. איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַזאַ איינדרוק האָט די לעקציע אויף מיר געמאַכט.

אַלע זענען מיר געווען וואַרשעווער יינגלעך, אָבער מיר האָבן גוט פאַרשטאַנען זיין ליטווישע אויסשפּראַך, און געהאַט פאַר אים אַ סך דרך־ארץ. עס זענען שוין אַוועק פון יענער צייט אַ 55 יאָר, און איך געדענק זייער גוט דעם אינהאַלט פון דער ערשטער לעקציע.

„היינט, קינדער, וועל איך אייך ווייזן ווי איר זאָלט יעדן טאָג פאַרשרייבן די דאַטע. איר מאַכט אַן × (איקס), איר שרייבט אַריין דעם טאָג, דעם חודש און פוןביידע זייטן דעם יאָר. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ נייס, כ׳האָב נאָר געקענט די טעג פון דער וואָך, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ לעקציע פון אַריטמעטיק. „נעכטן האָבן מיר זיך אויסגע־לערנט ווי מען טאָפּלט. היינט וועלן מיר זיך אויסלערנען ווי מען טיילט״.

„פיר מענטשן האָבן צוזאַמען געקויפט אַ זאַק קאַרטאָפל פון 50 פונט, און צעטיילט צווישן זיך. וויפל פונט קאַרטאָפל וועט אויסקומען פאַר יעדן פון די פיר מענטשן״. דער לערער האָט אונדז אַזוי דייטלעך און פּשוט דערקלערט, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב שוין געלערנט חשבון לאַנגע יאָרן.

כ׳געדענק, אַז דעם טאָג, ווען איך בין געקומען אַהיים, אויף פּלאַץ פאַריסאָווסקי, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און מיט אַ שאַרפן שפּיציקן שטיין פּרובירט מאַכן פאַרשידענע אַריטמעטישע איבונגען. מיינע חברים, קאָלעגן פון הויף, האָבן מיך אָנגעקוקט און געלאַכט פון מיר, ביז איך האָב זיי דערקלערט די נייס, אַז מען דאַרף

שטענדיק אָנשרייבן אַ דאַטע. און מיר האָבן אָנגעהויבן די זעלבע לעקציע פון צעטיילן 50 פונט קאַרטאָפל צווישן פיר מענטשן, און יעדער באַקומט 12 און אַ האַלבן פונט.

פון ערשטן טאָג אָן האָט דער לערער אין די ברילן געוווּנען מיין צוטרוי. ווען איינער פון מיינע קאָלעגן אויפן הויף האָט מיך אָנגעקוקט און מיט חשד געפרעגט: פאַרוואָס מיינסטו טאַקע, אַז ווען מען צעטיילט 50 פונט קאַרטאָפל צווישן פיר מענטשן, באַקומט יעדער 12 און אַ האַלבן פונט, — האָב איך אים אָנגעקוקט און געטראַכט: „ווי קען מען צווייפלען אין דער ריכטיקייט פון דעם ענטפער, ווען דער לערער אין די ברילן האָט אונדז אַזוי דערקלערט".

דער ווינטער איז שנעל אָנגעקומען. איך בין מיט גרויס חשק און אימפעט געלאָפן יעדן טאָג אין שול. אַליין זיך אויפגעוועקט. די ספּרענזשינע פון אונדזער זייגער איז קאַליע געוואָרן. דער זייגער איז געשטאַנען. אָבער איך פלעג זיך וועקן זייער פרי און לויפן, אָפט הונגעריקערהייט, אין שול. איך בין געווען שטענדיק דער ערשטער. טייל מאָל האָב איך געוואַרט ביז שווייצער, אַזוי האָט געהייסן דער קערער און אויוון־הייצער אין שול, וועט אויפמאַכן די טיר. מיט יעדן טאָג האָב איך זיך געפילט מער באַרייכערט, אַז עס קומט מיר עפּעס צו, איך פיל זיך זיכערער. אַזאַ געפיל האָט מיך באַגלייט יעדן טאָג, ווען איך בין געגאַנגען אין שול אַריין. איך האָב געטראַכט וועגן דעם, וואָס וועט זיין מיט מיר, אַז איך וועל אויסוואַקסן, כ'וועל ווערן אַ גרויסער. איך בין שטענדיק געווען פאַרנומען מיט מיינע געדאַנקען. איך האָב געטראַכט און גע־שטרעבט קודם כל צו זיין אַ נוצלעכער און אַ זעלבשטענדיקער מענטש.

מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב געהאַט שוין פאַרענדיקט די יידישע פאָלקס־שול — לערער גילינסקי איז געווען דער פאַרוואַלטער פון דער שול, — האָב איך גוט פאַרשטאַנען ווי גרויס איז געווען די ווירקונג, וואָס דער לערער „אין די ברילן" האָט געהאַט אויף מיר, אויף מיין גאַנץ לעבן, פונעם ערשטן טאָג פון אונדזער באַגעגעניש. ער האָט אַזוי אָפט ביי אַלע געלעגנהייטן אונדז צוגעגעבן מוט און גלויבן אין אונדזערע אייגענע כוחות. איך הער זיינע ווערטער עד היום: „יעדער מענטש לויט זיינע פעיִקייטן און מעגלעכקייטן דאַרף שטרעבן צו זיין אַ נוצלעכער, זעלבשטענדיקער מענטש, נישט אויסרעכענען אויף זייטיקער הילף. אין לעבן דאַרף ער זיך אויסקלייבן אַ באַשעפ־טיקונג, וואָס ער האָט ליב און נאָר מיט ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט קען אַ מענטש געפינען צופרידנקייט און זיין שעפעריש אין זיין אַרבעט. ער אַליין, נאָר ער אַליין, מוז באַשטימען זיין וועג אין לעבן. ס'איז גוט אויסצוהערן אַ מיינונג, אַן עצה, אָבער די ענדגילטיקע דעציזיע מוז ער אַליין מאַכן".

די יידישע שול מיט אירע זייער באַגרענעצטע מעגלעכקייטן, ווי אָרעם מאַטעריעל זי איז געווען, האָט זיך אָבער געשטעלט די אויפגאַבע אַרויסצוהעלפן אונדז אויך נאָכן פאַרלאָזן די שול. די לערער האָבן אונדז געהאָלפן ווייטער זיך פאַרמירן, שטאַרקן אונדזער כאַראַקטער, צו באַוואָפענען זיך מיט וויסן, שטרעבן צו אַ העכערן שטאַפּל אין לעבן, אויפצוהויבן די סביבה אין וועלכער מיר זענען אויסגעוואַקסן. די שטרעבונג און בענקשאַפט נאָך אַ מענטשלעכער חברישער וועלט האָב איך צו פאַרדאַנקען דער יידישער שול, דעם לערער שלמה גילינסקי. זיין דערציִערישע פילאָזאָפיע, זיין וויט־גייענדיקן ציל האָב איך נאָך בעסער פאַרשטאַנען מיט יאָרן שפּעטער.

אין 1920 זומערצייט זענען מיר געווען אויף אַ קאָלאָניע אין מיכאַלין, דאָס איז געווען די ערשטע זומער־קאָלאָניע פאַר די קינדער פון די יידישע פאָלקס־שולן. יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער שעה האָבן מיר, קינדער, זיך פאַרזאַמלט און דער לערער גילינסקי האָט אונדז דערציילט אַ מעשה, יעדן טאָג אַ פאַרזעצונג, אַ קאַפּיטל. די מעשה האָט געהייסן „שלמהלע מזיק״. די מעשה איז געווען אַן אויסגעטראַכטע וועגן אַ יינגל, וואָס האָט זיך אָפּט געפונען אין אַ שווערער לאַגע און געמוזט זיך אַליין געבן אַן עצה, געפינען אַן אויסוועג. מיר זענען אַלע געווען שטאַרק פאַרכאַפּט מיטן גורל פון דעם אָרעמען יינגל און גענומען אַן אַנטייל אין זיינע איבערלעבונגען, מיטגעליטן מיט אים און געפרייט זיך מיט זיינע דערפאָלגן.

די מעשה האָט געהאַט אַ כוונה אונדז צו באַווייזן, אַז אַזוי ווי שלמהלע מזיק האָט געפונען אַ לייזונג אין פאַרשידענע סיטואַציעס, אַזוי מוזן מיר אויך געדענקען, אַז מיט אַן ערלעכן, יושרדיקן וועג און אויסרעכענענדיק אויף אייגענע כוחות, דאַרפן מיר אַליין אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן ווען דערגרייכן אונדזער ציל אין לעבן.

נאָכן פאַרענדיקן די שול בין איך מיט דער הילף פון לערער גילינסקי אָנגעקומען אין דער פאַך־שול אויף סטאַווקי גאַס, געלערנט זיך שלאָסעריי. דעם זין פון לערער גילינסקיס דערציִונג האָב איך גוט באַגריפן, ווען איך האָב פאַרענדיקט די שול און געדאַרפט אַליין דעצידירן וועגן אַ סך פּראָבלעמען. אַזוי ווי אייל אויפן וואַסער, זענען יעדן טאָג אַנטשטאַנען נייע און נייע פּראָבלעמען. אין די סיטואַציעס האָב איך שטענדיק מיט מיינע געדאַנקען אומגעקערט זיך צו די ווערטער פון מיין לערער און ממש געהערט זיין עצה: איך האָב עס גערופן לערער גילינסקיס סטראַטעגיע. טראָץ אַלע מאַטעריעלע שוועריקייטן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז קודם כל מוז איך זיך ווייטער לערנען, באַרייכערן מיין וויסן.

נאָכן פאַרענדיקן די יידישע שול האָבן מיר נישט איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיטן לערער. מיר, זיינע תלמידים, האָבן געפּלעגט זיך באַגעגענען אין די אָוונטן. מיר האָבן אַרומגערעדט אַ סך פראַגן וועגן דער וועלט־פּאָליטיק, וועגן עקאָנאָמיע, די לאַגע פון דער יידישער שול, קולטור, די צילן פון דער „ציש״א״. מיר האָבן זיך געפילט ווי איין משפחה.

אין עלטער פון 19 יאָר בין איך שוין געווען אַ גוטער שלאָסער. אָבער דאָס האָט מיך נישט באַפרידיקט. איך האָב געוואָלט דערגענצן מיין וויסן. כ׳האָב זיך שוין געקענט דערלויבן צו נעמען ביי אַ סטודענט לעקציעס פון אינדוסטריעלער צייכענונג איין מאָל אַ וואָך.

אין 1926 בין איך אַוועק קיין פּאַריז. עלף יאָר שפּעטער האָב איך געהאַט דאָס גרויסע גליק צו באַגעגענען זיך מיט מיין לערער שלמה גילינסקי אין פּאַריז. ער איז געקומען מיט אַ גרופּע יידישע פּעדאַגאָגן איינצואָרדענען אַן אויסשטעלונג פון די שאַפונגען פון די קינדער, תלמידים פון די יידישע פאָלקס־שולן, בעת דער אינטער־נאַציאָנאַלער פּעדאַגאָגישער אויסשטעלונג. די באַגעגעניש איז פאַר מיר געווען אַ טיפע איבערלעבונג. איך בין דעמאָלט געווען אַן אָנפירער אין אַ פאַבריק, פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דער אַרבעט פון 40 אַרבעטער. איך האָב זיך באַפרייט פון דער אַרבעט

אויף דריי טעג, כדי אַרויסצוהעלפן דעם לערער גילינסקי ביים איינאָרדענען די אויסשטעלונג. בעת דער קורצער צייט אין פּאַריז האָב איך נאָך מער זיך איבערצייגט וועגן מיין לערערס איבערגעגעבנקייט צו די קינדער, ווי שטאָלץ ער איז געווען מיט דער שעפערישקייט פון די קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט, פון די אַרבעטער־קינדער.

ווען איך האָב דעמאָלט געזען דעם פילם „מיר קומען אָן״, האָב איך נאָך אַ מאָל איבערגעלעבט מיין אייגענע קינדהייט און יוגנט, די יידישע וואַרשע, די אָרעמע געסלעך, דאָס שטרעבן פון יידישע קינדער צו אַ בעסערער וועלט און סאַראַ גרויסע ווירקונג האָט אויף זיי געהאַט די סביבה פון דער יידישער שול, פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. איך האָב שטאַרק אָפּגעשאַצט די ווערטן, וואָס דער לערער האָט מיר געגעבן און עס אָפּגעהיט אין מיין גאַנץ לעבן, — מיט שטאָלץ האָב איך דאָס אָנגעווענדעט אין דערציִען מיין אייגענעם זון. כ׳האָב אין אים איינגעוואָרצלט דאָס געפיל פאַר ערלעכער איבערגעגעבענער אַרבעט, אויסדויער און גלויבן אין אייגענע כוחות.

מיר האָבן אָפט גערעדט וועגן דער יידישער פאָלקס־שול. מיין זון איז אַן אַרכיטעקט אורבאַניסט, מיט גרויסע פאַראינטערעסירונגען אויף פאַרשידענע געביטן, מיט ברייטע האָריזאָנטן, זייער אַ דערפאָלגרייכער וויסנשאַפטלער. נישט נאָר מיט זיין וויסן שטאָלציר איך, ער איז אויך אַ פּראָדוקט פון זיין טאַטנס ערשטער פאָלקסשול, אויף דלוגע 26.

וועגן מיין „דיפּלאָם״ טראַכט איך מיט גרויס שטאָלץ — איך בין אַ גראַדואַנט פון דער יידישער פאָלקס־שול אויף דלוגע 26. מיינע דערגרייכונגען (קאָנסאָלטינג אינזשעניער) האָב איך אויך איר צו פאַרדאַנקען.

לעצטנס האָב איך געהאַט אַן איבערלעבונג פון פאָטערלעכער פרייד. מיין זון איז געוואָרן אויסגעצייכנט, מ׳האָט דעמאָנסטרירט אויף טעלעוויזיע זיין נייעסטן מאָדעל. ווען איך האָב אים גראַטולירט, האָט ער מיר געענטפערט: „פּאַפּאַ, איך האָב דאָך געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו דערגרייכן מיין קאַריערע. אָבער דו האָסט דאָך געהאַט אַזאַ שווערן וועג״. און געטראַכט האָב איך דאַן: „מיר ביידע האָבן אונדזערע דערגרייכונגען צו פאַרדאַנקען דעם גרויסן יידישן פּעדאַגאָג — שלמה גילינסקי״.

כבוד זיין הייליקן אָנדענק!

הערש שטאַרקער

איינער פון גילינסקיס ערשטע תלמידים אין דער „חינוך ילדים־שול״, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער יידיש־וועלטלעכער שול אויף דלוגע 26. אַ זייער דערפאָלגרייכער מעכאַניק־אינזשעניער. זייט 1922 וווינט ער אין פּאַריז. מיט גרויס אינטערעס אַרויסגעהאָלפן ביים אָרגאַניזירן און דורכפירן אַלע אונטערנעמונגען אין אויסלאַנד לטובת דער יידיש־וועלטלעכער שול, ווי בעת דער אינטערנאַציאָנאַלער שול־אויסשטעלונג, ביים דורכלויכטן דעם סאַנאַטאָריע־פילם „מיר קומען אָן״. אַקטיוו זיך באַטייליקט אין געלט־אַקציעס, מיטגעהאָלפן די שליחים פון דער ציש״אָ.

יואל פערעל (ישראל)

דער ערשטער שול־אינספּעקטאָר

אין יאָר 1970 האָב איך פאַרענדיקט מיין אַרבעט אַלס לערער אין שול־ווען. די צייט פון אַריבערגיין אויף פּענסיע איז געקומען. אָנגעהויבן האָב איך מיין פּעדאַ־גאָגישע אַרבעט אין יאָר 1926, אין וואַרשע, אין די ציש״אָ־שולן.

דער פאַרגאַנגענער צייט־פּעריאָד איז פאַר דער וועלט און פאַר אונדז יידן פול געווען מיט אויסטערלישע פּאַסירונגען, מיט גרויזאַמע און בלוטיקע געשעענישן, מיט וואַנדערונגען, מיט קאַמף פאַר אויסדויער פון אַ טייל פון אונדזער פאָלק.

במשך פון דער צייט איז מיר אויסגעקומען צו לערנען און דערציִען קינדער פון פאַרשידענע פעלקער, אין אייניקע לענדער, אויף פאַרשידענע שפּראַכן. די „בעסטע״ באַלוינונג פאַר מיין אומדערמידלעכער אַרבעט האָב איך באַקומען אין ראַטן־פאַרבאַנד: אַן אורטייל אויף צען יאָר אַרבעט אין אויסבעסערונגס־לאַגער... ווייל איז מיר, וואָס איך פאַרענדיק מיין פּעדאַגאָגישע אַרבעט מיט יידישע קינדער, דאָ, אין ישראל.

אומעטום האָבן קאָנטראָלירט מיין אַרבעט שול־אינספּעקטאָרן, בעסערע און ערגערע, שטרענגע און נאָכגיביקע, אָבער מיין ערשטער שול־אינספּעקטאָר חבר שלמה גילינסקי איז אומפאַרגלייכלעך צו די בעסטע אַפילו פון אַלע איבעריקע. ס׳איז כמעט ווי זיכער, אַז אים האָב איך צו פאַרדאַנקען מיין פּעדאַגאָגישע קאַריערע. אַדאַנק זיין וואַרעמער באַציִונג, געניטער אָנפירערישער האַנט ביי מיינע ערשטע טריט, ביים ערשטן אַריבערטרעטן די שוועל פון קלאַס — בין איך פאַרבליבן אַ לערער, מיט ליבע צו מיין אַרבעט, מיט האַרציקער באַציונג צו מיינע שילער.

ס׳איז געווען אין וואַרשע, אין 1926־סטן יאָר, מיט אַ יאָר פריער בין איך אַריין זיך לערנען אין דער היכשול. אין די אָוונטן האָב איך געאַרבעט אַלס לערער פון דער אַרבעטער־שול אויף מוראַנאָווסקע. איך האָב דאָרט פאַרדינט גאָר ווייניק, אָבער געאַרבעט האָב איך, צוזאַמען מיט די חברים אַלעקסאַנדער, ברידער רינגעלבלום, מאַלער, הערמאַן א״אַ, מיט גרויס חשק.

אויפן אַנדערן יאָר האָב איך זיך געווענדעט נאָך אַרבעט אין דער ציש״אָ. אין דער שול פון די „פאַראייניקטע״, אויף מילע 56 האָט פונקט געפעלט אַ לערער פאַרן פערטן קלאַס. דער שול־אינספּעקטאָר ש. גילינסקי האָט זיך געקווענקלט צי זאָל ער מיך צונעמען צו דער אַרבעט. קיין לערער־סעמינאַר האָב איך נישט געענדיקט, בלויז אַ מיטלשול, דערצו בין איך אַ יונגער סטודענט אויפן מאַטעמאַטיש־פיזישן פאַקולטעט. פונעם פאַרוואַלטער פון דער אָוונט־שול חבר אַלעקסאַנדער האָב איך באַקומען גוטע

רעקאָמענדאַציעס, האָט דעריבער חבר גילינסקי באַשלאָסן מיך נעמען אויף אַ פּרווו. ער האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן קלאַס, דערנאָך איז ער געקומען אין שול אַריין, פון מיין ערשטער לעקציע אָן.

אַ מיטלוווּקסיקער, אַ ביסל צו דיקלעך, מיט באַברילטע אויגן, איז ער, חבר גילינסקי, געקומען אין שול אַריין, אַריינגעגאַנגען אין קלאַס אַריין און קוים, קוים זיך אַרונטערגערוקט אונטער דער שול־באַנק, אין סאַמע סוף פון קלאַס.

איך האָב געהאַט אַ טרעמע, אָבער איך בין געווען גוט צוגעגרייט, געהאַט אַפילו אַ גענויעם קאָנספּעקט פאַר זיך. די קלאַס איז געווען אַקטיוו און איך נאָך מער פון אַלע.

באַלד נאָכן קלונג האָט מיר דער אינספּעקטאָר געמאַכט די ערשטע באַמערקונג:

— איר רעדט צו הויך! רעדט שטילער, וועלן די שילער אייך בעסער הערן! — רעדט בכלל וויניקער און לאָזט זיי, די קינדער רעדן!

אויף אויף דער צווייטער לעקציע איז חבר גילינסקי געזעסן בשעת דער לעקציע. איך האָב זיך באַמיט צו רעדן שטילער און וויניקער, אָבער מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז סיי די קינדער, סיי דער אינספּעקטאָר הערן נישט אויף די לעצטע בענק און איך האָב פון צייט צו צייט געהעכערט דאָס קול און נישט אויפגעהערט קנעלן מיט די שילער.

— אַ ביסל בעסער, אָבער בלויז פון אָנהויב — האָט חבר גילינסקי ווייטער פאָרגעוואָרפן. — אייער אופן פון דערציילן געפעלט מיר: מיט געפיל, אַ ביסל צו דראַמאַטיש און געקינצלט, אָבער מיט אַ קלאָרער דיקציע. מער — נאַטורעלער און וויניקער — געקנעלט!

במשך פון דעם גרויסן איבעררייס האָבן מיר אַלץ געשמועסט, ער האָט מיך אַלץ געלערנט, אָנגעוויזן די מעלות און די חסרונות, ער האָט גערעדט דערביי וואַרעם, אָן פאָרוווּרף, ווי אַ מאַמע, וואָס וויל אַלץ פאַרבעסערן, אָבער נישט סתם קריטיקירן...

— איר זענט, חבר פּערעל, אַ גוטער מאַטעריאַל אויף אַ לערער. אייער רעפּרע־זענטאַנץ, אייער גוטער ווילן און יוגנטלעכער ברען — זענען אַ באַוויז דערצו. — אָבער איר דאַרפט זיך לערנען.

איך האָב זיך געמוזט פאַרפליכטן צו באַזוכן די לעקציעס פון די אָנערקענטע לערער אין אונדזער, אויך אין אַנדערע שולן. מיט די לערער האָט ער געשמועסט וועגן מיר. איך האָב עס אָפּגעפילט אין זייער באַציִונג צו מיר און גרייטקייט צו העלפן.

אַזוי אַרום בין איך פאַרבליבן אַרבעטן אַלס לערער אין אַ יידישער פאָלקס־שול. איך וואָלט געקענט פאַרגלייכן די יידישע פאָלקס־שול מיט אַ סך שולן, אין וועלכע ס׳איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן במשך פון די צענדליקער יאָרן, און ס׳וואָלט זיכער אויסגעפאַלן לטובת דער יידישער פאָלקס־שול. נישט אומזיסט האָט פיגורירט אין מיין סאָוויעטישן באַשולדיקונגס־אַקט דער פאָרוווּרף, אַז „ער האָט אויסגעלויבט דאָס יידישע שול־וועזן פון בורזשואַזן פוילן״.

יואל פּערעל

פון 1933 געאַרבעט אין אַנשטאַלט פאַר דעפעקטיווע קינדער אין אָטוואָצק. סעפּט. 1939 אַנטלאָפן פון פוילן און געווען אין ראַטנפאַרבאַנד ביז 1958. געאַרבעט אין „צענטאָס״, וועלכן ער האָט באַשריבן אין זיינע ביכער.

„אַלגעמיינער שמועס אין פאָלקשול"

אונטערן דאָזיקן נאָמען האָט ש. גילינסקי, זומער 1921, פאַרעפנטלעכט אַ בוך פון 52 זייטן אין פאַרלאַג „קולטור־ליגע", וואַרשע (געדרוקט אין 2,000 עקז.) דאָס שער־בלאַט פון דער אויסגאַבע לייענט זיך אַזוי:

אַלגעמיינער שמועס אין פאָלקשול — פּראָטאָקאָלן

שולע נומ. 1 פון שול־ און בילדונגס־פאַריין, וואַרשע, לאַנגע 26

פאָרוואָרט פון ש. גילינסקי

מיר דרוקן דאָ איבער דעם פאָרוואָרט און ענדערונגען.

די אויסגאַבע איז אַ דאָקומענט צו דער געשיכטע פון דער יונגער יידיש־וועלט־לעכער שול און אירע גנוואָגטקייטן. אין דער פאָררעדע זעען מיר ש. גילינסקין — אין זיין פּעדאַגאָגישער שעפערישקייט, אין זיין אידעאַליזירן די פרייע דערציונג, אין זיין זוכן נייע מעטאָדן פון אַנטוויקלען דעם קינדס גייסט.

וועגן דעם דערפאָלג פון די „שמועסן" און פון דער אָנגעפירטער קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין דער שול, דלוגע 26, זאָגן עדות די דערינערונגען פון יוסף לודען, וועלכע מיר דרוקן דאָ גלייך נאָך ש. גילינסקיס טעקסט.

50 יאָר זענען אַריבער, און דער געוועזענער תלמיד פון ש. גילינסקי געדענקט אָט די „שמועסן", דערמאָנט זיי מיט יראת הכבוד און פּונקט אַזוי רעדט ער וועגן ש. גילינסקין גופא.

רעדאַקציע

פאָרוואָרט

געוויינלעך האָט יעדע שול איר פעסטגעשטעלטן פּראָגראַם. אין אייניקע לענדער ווערט אין שול־פּראָגראַם אַפילו פאָרויסגעזען, וואָס עס דאַרף געלערנט ווערן אין יעדער שעה. ביים אויסאַרבעטן די פּראָגראַמען נעמט מען אָבער נישט אין באַטראַכט דעם אינטערעס פונעם קינד. מען פאַרגעסט צו שטעלן די פראַגע, צי וועט דאָס קינד אין דער באַשטימטער שעה טאַקע האָבן אַ גענוגנדיקן אינטערעס פאַר דעם געגעבענעם לימוד. און גאָר זעלטן פאַלן זיך צונויף דער אינטערעס פון די קינדער מיט דעם, וואָס די גרויסע האַלטן, אַז עס איז אינטערעסאַנט פאַר זיי. און ווען אונדז גיט זיך שוין איין צו פאַראינטערעסירן די קינדער, איז דער אינטערעס אַן אָנגעוואָרפענער, אַן אויסערלעכער, און איז נישט קיין פועל יוצא פון קינדס אינערלעכן וועזן און דענקען.

יעדעס קינד איז פון דער נאַטור אַ דענקער, אַ פאָרשער. עס איז גענוג זיך צוצו־קוקן, ווי אַ קינד באַטראַכט אַ ניי שפּילצייג, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַריינגעפאַלן אין זיינע הענט. ער וועט עס לאָזן שטיין, פאַלן און אַפילו רעדן; דאָס קינד וועט עס אין אַ ווײַלע אַרום צעברעכן, כדי אַריינצוקוקן „וואָס עס טוט זיך אינעווייניק". באַלד וועט עס זיך צו אַן עלטערן מיט פאַרשידענע פראַגן. אָט די פראַגן זענען אַן אויסדרוק פון קינדס געדאַנקען־וועלט, פון זיין אינערלעכן דראַנג צו פאָרשונג.

דאָס קינד אין קינדער־צימער ווייסט נישט פון קיין באַזונדערע פאַכן, פון קיין באַזונדערע וויסנשאַפטן. זיין וועלטל איז אַ גאַנצס, וואָס לאָזט זיך נישט באַטראַכטן אָפּגעזונדערט פון פאַרשידענע זייטן, שטאַנדפּונקטן. דאָס קינד אין דער פאַמיליע שטעלט

פראַגן, אומאָפּהענגיק פון דעם, צי עס געהערט צו דער אָדער יענער וויסנשאַפט. די אונטערהאַלטונג, דער פרייער שמועס אין דער פאַמיליע טראָגט דעריבער אַן אַלזייטיקן כאַראַקטער און אַנטשפּרעכט פולשטענדיק דעם געדאַנקען־גאַנג פונעם קינד.

דער באַקאַנטער דייטשער פּעדאַגאָג בערטאָלד אָטאָ (בערלין־ליכטערפעלדע) האָט דער ערשטער געמאַכט דעם פּרווו, איבערצוטראָגן דעם פאַמיליע־שמועס אין שול אַריין. צו דעם צוועק האָט ער אין יאָר 1906 מיט דער הילף פון אַ גרופּע עלטערן געגרינדעט אַ שול, וועלכע עקזיסטירט נאָך ביז היינטיקן טאָג אונטערן נאָמען „בערטאָלד אָטאָ־שול". דער „געזאַמט־אונטערריכט" — אַזוי הייסן ביי אים די שמועסן — אָדער ווי עס האָט פון אָנפאַנג געהייסן „פלוידערייען" — איז אַ באַשטאַנדטייל פון די לימודים און פאַרנעמט אין לעקציעס־פּלאַן אַ שעה טעגלעך. די שמועסן ווערן אָנגעפירט פון אָטאָ אַליין און אין זיי נעמט אָן אַנטייל די גאַנצע שול (לכתחילה 15, איצט ביז 90 קינדער אין עלטער פון 6 ביז 17 יאָר). יעדעס קינד האָט דאָס רעכט צו פרעגן, און עס איז נישטאָ קיין פראַגע, וואָס זאָל נישט קאָנען געשטעלט ווערן. רופט די פראַגע אַרויס אַן אינטערעס, ווערט זי שנעל אונטערגעכאַפּט, פון פאַרשידענע זייטן ווערט זי פאַר־ענטפערט. עס שווימען אַרויס נייע פראַגן, נייע ענטפערס. עס קומען אויך צו באַמער־קונגען, פראַגן און דערקלערונגען פון די לערער, און די פראַגע ווערט אַזוי לאַנג באַהאַנדלט, ביז זי ווערט אויסגעשעפּט, אָדער זי הערט אויף צו אינטערעסירן די קינדער און ווערט דורך זיי אינגאַנצן אַראָפּגענומען.

צוערשט זאָגן זיך שטענדיק אַרויס די שילער און דערנאָך די לערער. נישטאָ דאָ קיין אונטערשיד צווישן לערער און שילער. ווער עס ווייסט נישט, פרעגט; ווער עס ווייסט — ענטפערט, און אויב אַלע ווייסן עפּעס נישט (דער לערער איז דאָך אויך נישט אַלוויסנדיק), זוכט מען צוזאַמען אַן ענטפער. דאָס רוב צייכענען זיך אויס אין די שמועסן די יינגערע קינדער מיט זייערע קינדעריש־פילאָזאָפישע פראַגן און מיט זייער אייגנ־אַרטיקן זעלבשטענדיקן אַרט דענקען. די גרעסערע ווערן לייכט אָנגערעגט, און ענטפע־רנדיק, מאַכן זיי זיך אַליין קלאָר פאַרשידענע באַגריפן און הייבן אָן צו געפינען אַ צוזאַמענהאַנג צווישן פאַרשידענע דערשיינונגען אין נאַטור און אין לעבן פון מענטשן. די גאַנצע שול שטעלט מיט זיך דאַן פאַר אַ לעבעדיקע געמיינשאַפט, אין וועלכער יעדער איז איינצייטיק לערער און שילער. די קליינע לערנען ביי די גרויסע און אָפט מאָל — פאַרקערט. דער גייסטיקער פאַרקער צווישן די קינדער פון אַ פאַרשידנאַרטיקן עלטער רעגולירט צווישן זיי די באַציִונגען און שאַפט גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער פערזענלעכקייט פונעם קינד.

דער געזאַמט־אונטערריכט איז דער אויסגאַנג־פּונקט און די טרייב־קראַפט פאַר די באַזונדערע לימודים, פאַר די איינצלנע וויסנשאַפטן. די קלענסטע פראַגע איז שטענדיק פאַרבונדן מיט אַ וועלכן עס איז צווייג פון אַ וויסנשאַפט, און דער אינטערעס צו דער פראַגע רופט שוין במילא אַרויס דעם אינטערעס צו דער וויסנשאַפט. אויף די פאַרוואורפן פון די קעגנער, אַז קינדער קאָנען אָפט מאָל אַרויסרוקן פראַגן, וואָס אַן ענטפער אויף זיי קאָן זיי ברענגען נאָר שאָדן, ענטפערט אָטאָ: „דער קינדער־גייסט ווייסט אויפצונעמען פון דער אַרומיקער קולטור־וועלט, אין וועלכער ער וואַקסט, דאָס, וואָס איז דורכויס נויטיק פאַר זיין גייסטיקער אַנטוויקלונג, פאַר זיין גייסטיק וואַקסן.

און אויב קינדער שטעלן פראַגן, איז דאָס דער בעסטער סימן, אַז זיי איז נויטיק אַן ענטפער אויף די פראַגן".

בכלל מיינט אַטאַ, אַז דעם קינד מוז געגעבן ווערן די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן די אַרומיקע וועלט פון זיין שטאַנדפונקט, זוכן אַליין דעם צוזאַמענהאַנג צווישן פאַרשידענע דערשיינונגען און שאַפן זיך אַליין אַ בילד פון דער וועלט, אָדער ווי מען רופט עס: אַ וועלט־אַנשויונג. דערצו איז אָבער דורכויס נויטיק לאָזן דעם קינד פולשטענדיק פריי זיך אַרויסזאָגן וועגן אַלץ, וואָס עס זעט און הערט, אויף אַ חברישן אופן מיטהעלפן פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די לאַבירינטן פון דער נאַטור, ווי אויך פון מענטשלעכן טאָן און דענקען; שטויסן דעם קינדס גדאַנק אין פאַרשידענע ריכטונגען, העלפן פאַרשטיין די קלענסטע טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען און זען אויסצוגעפינען אין די אַלע „קלייניקייטן" דאָס פּראָבלעמאַטישע, דאָס גרויסע.

דער „געזאַמט־אונטעררייכט" האָט געפונען אַן אָפקלאַנג אין דער פּעדאַגאָגישער וועלט, און אַטאַ ציילט אַ גרויסע צאָל אַנהענגער. אויך דער יידישער לערער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט אַטאַס סיסטעם.

פאַריקעס יאָר האָב איך פאַרבראַכט צען טעג אין אַטאַס שול, און בין אַרויס פון דאָרט מיט דער איבערצייגונג, אַז די פרייע שמועסן זענען איינער פון די מיטלען אַריינצוברענגען אַ נייעם גייסט אין דער שול.

דער ערשטער פּרווו אַריינצופירן די שמועסן אין לעבן פון אונדזער שול איז געמאַכט געוואָרן אין יוני 1920 אויף דער זומער־קאָלאָניע אין פּאַלעניץ. די שמועסן זענען געפירט געוואָרן אונטערן פרייען הימל יעדן טאָג אין אַ באַשטימטער שעה. עטלעכע פּראָטאָקאָלן פון די דאָזיקע שמועסן ווערן דאָ געבראַכט. די אַרומיקע נאַטור און דאָס רייכע לעבן אויף דער קאָלאָניע, ווו די קינדער האָבן מיט אַלץ אַליין פאַרוואַלטעט, האָט אַרויסגערופן אַזוי פיל פראַגן, אַז עס איז כמעט קיין מאָל נישט געלונגען זיי אויסצושעפּן און זיי פלעגן אַריבערגעטראָגן ווערן פון איין שמועס אויפן צווייטן.

די קינדער פלעגן נישט נאָר פרעגן, נאָר אויך דערציילן, טיילן זיך מיט זייערע איינדרוקן פון די שפּאַצירן, אויספלוגן, שפּילערייען. צום שמועס פלעגט מען קומען מיט אָנקלאָגעס אויף די אויפזעער, מיט אָנווייזונגען אויף פאַרשידענע אומבאַקוועמלעכקייטן, מיט נייע פאַרשלאָגן און פּלענער. דאָ פלעגט מען אויך אויסדריקן די אומצופרידנקייט מיט דער אָדער יענער האַנדלונג פון די לערער. די אַלע פראַגן זענען באַהאַנדלט געוואָרן מיטן גאַנצן ערנסט, כאָטש נישט אַלע מאָל מיטן זעלבן אינטערעס. איז אַ פראַגע געווען נישט אינטערעסאַנט פאַר דעם אָדער יענעם קינד, פלעגט עס פריי פאַרלאָזן דעם שמועס. און כאָטש דאָס אָנטיילנעמען אין דעם שמועס איז געווען אַ פרייוויליקער, דאָך האָבן דורכשניטלעך אָנטיילגענומען אין אים 80 פּראָצענט קינדער. ווען אַ שמועס פלעגט אַ מאָל צוליב דער אָדער יענער סיבה נישט פאָרקומען, פלעגט עס אַרויסרופן די גרעסטע אומצופרידנקייט ביי די קינדער. דער אַלגעמיינער שמועס איז געוואָרן ביי די קינדער אַ טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש און במילא איז ער שפּעטער פון דער קאָלאָניע אויף אַ נאַטירלעכן אופן אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין שטאָט — אין דער שול. אָבער דאָ האָבן מיר זיך באַגעגנט מיט אַ ריי שוועריקייטן, וואָס האָבן געמוזט גאַנץ באַדייטנדיק פאַרקלענערן דעם דערפאָלג פון די שמועסן.

מיר ווילן זיך אָ ביסל אָפּשטעלן אויף די הויפּט־מניעות:

די צו־גרויסע צאָל אָנטיילנעמער האָט אוממעגלעך געמאַכט אַלעמען אויסצוהערן און דאָס האָט אָפּגעשוואַכט די אַקטיוויקייט פון די קינדער. דער מאַנגל אין זיץ־ערטער פלעגט אַרויסרופן אָפטע רייבונגען און אינצידענטן ביי די קינדער, וואָס עס פלעגן גאַנץ אָפט אָפּציִען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. די לערער פון די הויפּט־קעגנשטאַנדן, ווי פון יידיש, נאַטור־וויסנשאַפט, צייכענען און אַרבעט, וואָס קומען אין שול אויף אַ שעה־צוויי, האָבן סיסטעמאַטיש קיין אָנטייל אין די שמועסן נישט געקאָנט נעמען, און במילא האָבן די שמועסן שוין נישט געקאָנט ווערן דער צענטער און דער אויסגאַנגס־פּונקט פאַר די לימודים, צו וואָס מיר האָבן פון אָנפאַנג געשטרעבט. די דריי שעה אין וואָך, וואָס מיר האָבן באַשטימט פאַר די שמועסן, האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר צו ווייניק; טייל פראַגן פלעגן וואַנדערן פון איין שמועס צום אַנדערן אַזוי לאַנג ביז די קינדער פלעגן פאַרלירן דעם אינטערעס צו זיי. דאָך נישט געקוקט אויף די אַלע שטערונגען, האָבן די שמועסן אין אונדזער שול געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג. זיי זענען געוואָרן דער צענטער און הויפּט־נערוו פון דער שול־אַרבעט און פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין שול.

אויך דאָ איז דער באַזוך פון די שמועסן געבליבן אַ פרייוויליקער. דאָך פלעגן די יינגערע קינדער, וואָס ענדיקן די לימודים פריער, איבערוואַרטן אַ גאַנצע שעה, כדי אָנטייל צו נעמען אין די שמועסן.

אָט דער דערפאָלג איז אַ באַוויז, אַז דער פרייער שמועס איז איינער פון די וועגן פון דער נייער דערציִונג. מען קאָן, אמת, אָנווייזן אויף די אָדער יענע פעלערן. מען קאָן יאָ אָדער נישט מסכים זיין מיט אונדזער אַרט אָנפירן מיט די שמועסן, מיטן אַרט שטעלן די פראַגן — נישט דאָס איז אָבער דאָס וויכטיקסטע: די הויפּט־זאַך איז די אידעע, דאָס פּראָבלעם.

איבערגעבנדיק צום דרוק אַ טייל פּראָטאָקאָלן פון די אַלגעמיינע שמועסן אין אונדזער שול, רופן מיר די דערציִער פון אונדזער יונגן דור זיך צו פאַראינטערעסירן מיט דער פראַגע פון פרייע שמועסן.

מיר מיינען אָבער נישט, אַז די געדרוקטע פּראָטאָקאָלן זאָלן דינען פאַר אַ מוסטער פון דעם, ווי מען דאַרף די שמועסן צו פירן. די נייע שול דאַרף זיין אַ שול פון שאַפן, און שאַפן דאַרפן נישט נאָר די קינדער, נאָר אויך די לערער, די דערציִער; דער שעפערישער לערער דאַרף אויפכאַפּן נייע אידעען, באַמיען זיך זיי צו פאַרקערפּערן אין לעבן, אָבער קיין מאָל נישט נאָכמאַכן, נאָכקאָפּירן.

די פּראָטאָקאָלן זענען לײדער נישט קיין סטענאָגראַפישע, עס איז אָבער אין זיי איבערגעגעבן דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, דאָס בולטסטע. די שפּראַך פון די קינדער, איז ווי ווייט מעגלעך, אָפּגעהיט געוואָרן.

ש. גילינסקי

וואַרשע, יוני 1921

יוסף לודען (ישראל)

מיין לערער ש. גילינסקי

מיט געפילן פון טיפן דרך־ארץ און ליבשאַפט פאַר אונדזער לערער שלמה גילינסקי, טראָג איך צו מיין חלק צום מעדעם סאַנאַטאָריע־בוך. זאָל דאָס בוך זיין אַביישטייער צו פאַראייביקן די טראַגיש־אומגעקומענע וועלט, וואָס איז פאַר אונדז אַלעמען געבליבן הייליק.

איך בין געווען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, און דאָס נישט איין מאָל. אין מיין זכרון זענען טיף איינגעקריצט אַ סך געשעענישן, בילדער, די קינדער, לערער און באַזונדערס — די געשטאַלט פון דעם דירעקטאָר, דעם לערער שלמה גילינסקי. איך האָב אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן באַזוכט די מעדעם־סאַנאַטאָריע און געהאַט אַ סך אינטערעסאַנטע שמועסן מיט מיין ערשטן לערער און דערציִער ש. גילינסקי.

שלמה גילינסקי איז געווען נישט נאָר מיין ערשטער לערער נאָר אויך דער, וואָס האָט מיך צוגעגרייט צום ווייטערדיקן לעבן. וויל איך טאַקע מיינע פאַר ווערטער דער עיקר ווידמען אים, ווייל גאָר ווייניק זענען לוידער לעבן־געבליבן פון זיינע ערשטע שילער און עס איז כמעט נישטאָ ווער עס זאָל דערציילן וועגן אָט דעם גרויסן יידישן פּעדאַגאָג און פאָלקס־לערער.

איידער ער איז געוואָרן דער דירעקטאָר פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, איז שלמה גילינסקי געווען פריער דער גרינדער און פאַרוואַלטער פון דער ערשטער יידיש־וועלטלעכער פאָלקס־שול אין וואַרשע. דער ערשטער, וואָס האָט יידיש פאַרוואַנדלט אין אַן אונטערריכטס־שפּראַך אין דער שול. ער איז אויך געווען דער לערער פון מאַטעמאַטיק און באַוויזן אָט די פאָרמעל־קאַלטע וויסנשאַפט צו מאַכן לעבעדיק און אינטערעסאַנט. אָבער מער פון אַלץ איז גילינסקי געווען אַ פּעדאַגאָג און דערציִער. ער האָט דער ערשטער ביי יידן איינגעפירט אַ נייעם לערן־סיסטעם, וואָס האָט אַנטוויקלט די זעלבסט־איניציאַטיוו און זעלבשטענדיקייט ביים געפלאָגטן יידישן קינד, פאַר וועמען די שול איז געוואָרן אַן אמתע היים. ער האָט איינגעפירט אין זיין שול אויף דלוגע 26 די זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די קינדער און מיט דער הילף פון פאַרשידענע קאָמיסיעס האָבן די קינדער אַליין אָנגעפירט מיטן גאַנצן לעבן פון דער שול. די לערער זענען דאָ געווען נישט קיין באַפעלער איבער דעם קינד, נאָר עלטערע פריינד; נישט אָנגעוואָרפן די קינדער זייער ווילן און דערמיט דערצויגן דאָס קינד ווי אַ פרייען מענטשן מיט ליבע צו פרייהייט, צום מיטמענטש און צו יעדער לעבעדיקער באַשעפעניש.

ערשטע פאָלקשול אויף יידיש אין פּוילן, וואַרשע, דלוגע 26

ש. גילינסקי, גרינדער און פאַרוואַלטער פון דער שול, פירט מיט די קינדער אַן „אַלגעמיינעם שמועס". פאָטאָ פון יאָר 1919.

ס'איז געבליבן אַ וויכטיקער דאָקומענט פון אָט דעם דערציִונגס־סיסטעם — אַ קליין ביכעלע, וואָס ש. גילינסקי צוזאַמען מיטן לערער פּאַנאַבעריע האָט פּאַרעפנט־לעכט, — פּראָטאָקאָלן פון די אַלגעמיינע שמועסן, וועלכע דער לערער גילינסקי האָט איינגעפירט אין דער שול, בעת וועלכע די קינדער האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן די פאַרשידנסטע פראַגן פון שול און אַרומיקן לעבן.

ש. גילינסקיס פּעדאַגאָגישער מעטאָד איז געווען — לערנען דורך עקספּערימענטן, זאָרגן, אַז די שול זאָל נישט זיין אַ מין קאַזאַרמע, ווו מען טרענירט אויס דאָס קינד צו אַ סטאַנדאַריזירטן טראַכטן. זיין פּעדאַגאָגישער סיסטעם איז געווען נישט ווייט פון דעם אַמעריקאַנער דאַלטאָן־סיסטעם, אָבער מיט אַן אייגענעם צוגאַנג, מיט וואַרעמקייט און היימישקייט, וואָס דאָס קינד האָט געפונען אין דער יידישער שול.

עס איז נישט מעגלעך אין אַ קורצער אָפּהאַנדלונג צו דערציילן פון אַזאַ פּולזייטיק־רייכער פּערזענלעכקייט, פון גילינסקין אַלס מענטש, לערער, פון זיינע געוואָגטע געדאַנקען, פון זיין פּערזענלעכער דרייסטקייט. ער האָט נישט זעלטן מיט זיין פּערזענ־לעכן ביישפּיל געווירקט אויף אונדזער דערציִונג. איך געדענק אַזוי בולט זיין מוטיק האַלטן זיך אין די ערשטע יאָרן נאָך פּוילנס באַפרייונג, בעת די פּאָליציי האָט געפּלעגט ברוטאַל פונאַנדערטרייבן פאָלקס־מיטינגען. איך האָב אים געזען אין אַן ערשטער־מאַי־דעמאָנסטראַציע, אויפן טעאַטער־פּלאַץ, אין 1923 יאָר, ווען ער האָט אַ פאַרבלו־טיקטער אָפּגעראַטעוועט די פּאַרטיי־פאָן פון כוליגאַנישע הענט.

איך געדענק און כ'וועל עס שטענדיק געדענקען, ווען מען האָט אונדזער שול אויף דלוגע 26 אַרויסגעוואָרפן פון לאָקאַל, ווייל זי האָט נישט פאַרמאָגט צו באַצאָלן דאָס דירה־געלט. לערער גילינסקי האָט געוואָגט אויפצורייסן די טירן, אַראָפּגעריסן די שלעסער, וואָס די קאָמאָרניקעס האָבן אַרויפגעלייגט אויף דער טיר, און צוזאַמען מיט אונדז קינדער צוריק אַריינגעטראָגן די טישן און שול־בענק. אַדאַנק דעם האָבן מיר נאָך עטלעכע וואָכן געקענט לערנען, ביז מען האָט אונדז פון דאָרט ענדגילטיק באַזייטיקט.

שלמה גילינסקי איז געווען אַ פּאַרטיי־עסקן, פריער ביי די „פּאַראייניקטע”, שפּעטער אין „בונד”. ער איז אָבער קיין מאָל נישט געווען קיין פּאַרטיי־פאַנאַטיקער ווי מען טרעפט דאָס אָפט ביי פּאַרטיי־טוער. איך האָב דאָס פאַרשטאַנען און באַנומען פון די שפּעטערדיקע שמועסן מיט אים.

אַ קעגנער פון קאָמוניזם, האָט עס אים נישט געשטערט צו זיין אַן עדות אין וואַרשע אויף אַ פּאָליטישן פּראָצעס פון זיינעם אַ געוועזענעם שילער, וואָס איז באַ־שולדיקט געוואָרן אין קאָמוניסטישער טעטיקייט. גילינסקי, אַליין אַ פריידענקער, האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט אַפילו פון אַ רעליגיעזער שבועה פאַרן געריכט, כדי צו פאַרלייכטערן די שטראָף פון זיינעם אַ תלמיד.

שווער אין קורצע ווערטער צו דערציילן די צענדליקער פאַקטן, וואָס זענען מיר באַקאַנט וועגן אָט דעם גרויסן פאָלקס־לערער און פּעדאַגאָג, דעם איבערגעגעבענעם פריינד פון קינד. שווער אין קורצע ווערטער צו דערציילן וועגן זיינע אָנשטרענגונגען, זיינע טרוימען צו שאַפן אַן אמתע מאָדערנע אַרבעטס־שול, ווו בילדונג זאָל זיין געפּאָרט מיט אַרבעט, ווו עס זאָל דערציִגן ווערן אַ פרייער מענטש.

גילינסקי האָט אונדז אָפט געזאָגט, אַז עס איז ווייניק צו מאַכן אַ רעוואָלוציע, צום אמתן סאָציאַליזם קען מען קומען נאָר דורך איבערדערציִען דעם מענטש אין אַ פרייער געזעלשאַפט. גילינסקי האָט פאַרמאָגט גרויסע, ברייטע פּלענער. די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען איינע פון זיינע חלומות, וואָס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דער שענסטער פאָרם.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַ פּראַקטיקער אַנשטאַלט, וואָס די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט אויפגעבויט, דער שטאָלץ און גרויסער אויפטו פון דער מאָדערנער יידישער קולטור. אַן אַנשטאַלט, ווו עס איז נישט נאָר געהיילט געוואָרן דער קערפּער פון געפּלאָגטן יידישן קינד, נאָר אויך די קינדערשע נשמה. זאָל טאַקע אָט דער אַנשטאַלט פאַראייביקט ווערן צוזאַמען מיט איר גרינדער, איר דירעקטאָר, דעם גרויסן פאָלקס־לערער, פּעדאַגאָג און קינדער־פריינד שלמה גילינסקי.

יוסף לודען

געבוירן אין 1907. געלערנט אין דער ערשטער יידיש־וועלטלעכער פאָלקשול אונטער דער פאַרוואַלטונג פון שלמה גילינסקי אין די יאָרן 1916—1923. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען אין רוסלאַנד, נאָך דער מלחמה דורך די פּליטים־לאַגערן אין עסטרייך, איטאַליע און ציפּערן. אָנגעקומען זומער 1948 קיין ישראל. אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג לידער און אַ פּראָזע־בוך „איבער צעבראָכענע בריקן".

בינה אַלטערמאַן־שטיינבערג (תל־אביב)

אַ סאַנאַטאָריע מיט אַ רויטן דאַך

גלייך ווי מען איז אויסגעשטיגן פון דער באַן אין מיעדזעשין, בערך 20 קילאָמעטער פון וואַרשע, האָט מען פון דער ווייטנס געקאַנט זען דעם רויטן דאַך פון דער קינדער־סאַנאַטאָריע א״נ פון וול. מעדעם.

אַ גרויסע פּאָליאַנע האָט געפירט גלייך צום אַנשטאַלט, צו די צוויי געביידעס, וואָס האָבן זיך שטאָלץ אַרויסגעהויבן פון אַרום און זענען געשטאַנען פאַרהילט איןביימער און גרינס. שוין פון דער ווייטנס האָט מען געקענט הערן דאָס געזאַנג פון די קינדער, — עס האָט זיך דערטראָגן און אָפּגעקלונגען מיט אַ הילכיקן עכאָ ווייט, ווייט.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען נישט בלויז אַן אָפּרו־אָרט פאַר קינדער, נאָר גלייכצייטיק אַ דערציִונגס־אַנשטאַלט — זי האָט באַדינט דער עיקר די קינדער פון די ציש״אָ־שולן; עס האָבן זיך אויך דאָרט געפונען קינדער פון פּאָושעכנע שולן, און אויך קינדער פון אַנדערע שטעט ווי ווילנע, ביאַליסטאָק, לאָדזש און פון אַנדערע געגנטן אין פּוילן.

כמעט אַלע קינדער אין דער סאַנאַטאָריע זענען געקומען פון אָרעמע היימען, פון ענגע און פייכטע וווינונגען, וואָס האָבן נישט זעלטן גורם געווען די אָפּשוואַכונג פון זייערע לונגען און אַלגעמיינעם געזונט־צושטאַנד. אין סאַנאַטאָריע האָבן זיי אָריינגעאָטעמט די פרישע און ריינע לופט אין זייערע אָפּגעצערטע קינדערשע קערפּערס. זיי האָבן גוט געגעסן און אין משך פון אַ קורצער צייט אַהיימגעפאָרן מונטערע און געזונטע.

אין די צוויי ליכטיק־זוניקע הייזער, אין דער אַלטער און נייער געביידע פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָבן די קינדער באַקומען אַלץ, וואָס עס האָט זיי געפעלט אין דער היים.

דער דאָזיקער קינדער־אַנשטאַלט איז געווען איינער פון די שענסטע אינסטיטוציעס נישט נאָר אויף דער יידישער גאַס, נאָר בכלל אין גאַנץ פּוילן. דאָרט זענען די קינדער, אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן, געשלאָפן אַליין אין אַ בעט, אויף אַ שניי־ווייס געלעגער. דאָרט האָבן זיי זיך צום ערשטן מאָל געוואַשן יעדן טאָג אין דער פרי און אָונט מיט קאַלט־שניידיק וואַסער, צוויי מאָל אַ וואָך געמאַכט אַ הייסע באָד, גערוט ביי טאָג אויף טעראַסעס; ווען אין דרויסן איז געפאַלן אַ שניי, געמאַכט זון־בעדער אין די זוניקע טעג און געשלאָפן ביי אָפענע פענצטער; שפּאַצירט אויף דער פרישער, פרייער לופט; אפשר אויך צום ערשטן מאָל זיך אָנגעטראָפן מיט דער נאַטור, מיט בלומען, גראָז און גרינס.

די קינדער פלעגן וויינען ביים אַהיימפאָרן און זיך בעטן: בלייבן נאָך אַ וואָך, כאָטש נאָך אַ פּאָר טעג זיין גליקלעך. ווייל די לערער האָבן זיי געגעבן אַ געפיל, אַז זיי געפינען זיך נישט אין אַ פרעמדן אַנשטאַלט, נאָר אין אַן אייגענער, וואַרעמער היים. זייער צוגאַנג צום קינד איז געווען נישט נאָר אַ מעטאָד, נאָר אַ ציל, אַן אידעאַל: דערציִען די קינדער, געבן זיי משפחה־וואַרעמקייט, דערהויבן זיי, אויסגלייכן זייערע רוקנס, ווייזן זיי דאָס שיינע, דערהויבענע, דערציִען זיי אַלס געזונטע נוצלעכע מענטשן, אַלס שטאָלצע יידן.

★

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַן אמתע קינדער־רעפּובליק. די קינדער האָבן פאַרוואַלטעט (פאַרשטייט זיך אונטער דער אויפזיכט פון די לערער) און אַנגעפירט מיטן גאַנצן סאַנאַטאָריע־לעבן. עס זענען געווען פאַרשידענע קאָמיסיעס: אַ סאַניטאַר־קאָמיסיע, ביבליאָטעק־קאָמיסיע, נאַשוואַרג־קאָמיסיע, וואָס האָט צוגענומען ביי די קינדער דאָס זיסוואַרג, וואָס זיי פלעגן באַקומען פון די עלטערן, געהיטן אין אַ שאַפע, און זיי אַרויסגעגעבן צוויי מאָל אַ טאָג פּאַרציעס, כדי נישט צו פאַרדאַרבן זייער אַפּעטיט; אַ ביאָלאָגישער צימער, אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען פּראַכטפולע קאָלעק־ציעס פון שמעטערלינגען, וואָס מיר פלעגן כאַפּן אויף די טעגלעכע שפּאַצירן און זיי קאָלעקציאָנירן; פאַרשידענע אינזעקטן, שלאַנגען און אַנדערע. אַ קאָמיסיע, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן גרינוואַרג־גאָרטן, אין וועלכן יידישע קינדער האָבן אפשר צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געזען ווי עס וואַקסט אַ טאָמאַטע, אָדער מערן, זיי האָבן באַוואַסערט דעם גאָרטן און געפלעגט די בייטן מיט גרויס ליבשאַפט. די סאַניטאַר־קאָמיסיע האָט קאָנטראָלירט די ריינקייט און געהאָלפן די סאַניטאַרינס; די רעדאַקציע־קאָמיסיע האָט אַרויסגעגעבן אַ וואַנט־צייטונג מיט בילדער און אילוסטראַציעס, געשריבן, רעדאַגירט, געצייכנט אַלץ דורך קינדער; די צענדליקער פּאַראַדיעס, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן פון סאַנאַטאָריע־לעבן און געזונגען געוואָרן דורך די סאַנאַ־טאָריסטן, זענען געווען די בעסטע אָפּשפּיגלונג פון דעם אימפּולסיוון לעבן אין אַנשטאַלט. אומפאַרגעסלעך זענען אויך די אָוונטן: ערב ניי־יאָר, פּורים־אָוונטן, פאַרשטעלונגען ביי אַנדערע געלעגנהייטן, וואָס זענען געווען אַן אמתער יום־טוב נישט נאָר פאַר אונדז און די לערער, נאָר אויך פאַר איינגעלאַדענע געסט, וואָס האָבן זיך וואַרעם אָפּגערופן און זענען געקומען צו אונדז ביי יעדער געלעגנהייט.

די מעדיצינישע באַהאַנדלונג, וואַכזאַמקייט פון דאָקטאָר, סאַניטאַרינס, — האָבן אַלץ געטאָן, כדי געזונט צו מאַכן די קינדער.

היינט די פאָלקלאָר־קרייזלעך זענען דאָך געווען אַן אמתער מקור פון פאָלקלאָר, וואָס האָט זיך נישט געקאָנט פאַרשעמען מיט פאָרשונגס־אַרבעטן און זאַמלונגען פאַר גרעסערע, צו דעם באַרופענע אינסטיטוציעס.

דער לערער־פּערסאָנאַל

עס ווילט זיך דערמאָנען כאָטש מיט געציילטע ווערטער עטלעכע נעמען פון לערער־פּערסאָנאַל, וואָס איז באַשטאַנען פון דערפאַרענע און איבערגעגעבענע פּעדאַגאָגן. זיי האָבן געהאַט אַ צוגאַנג און געקענט דאָס קינד דורך און דורך. זיי האָבן געטאָן זייער אַרבעט

מיט גרויס ליבשאַפט. עס איז אומפאַרגעסלעך באַטקע (מ. גילינסקי), וועלכער איז באמת געווען צו די קינדער אַ טאַטע; טראַפּיאַנסקי האָט מיט זיין מוזיקאַלישקייט דערהויבן אונדזער לעבן; די לערערין ליובאַ קאַנטאָראָוויטש האָט מיט איר הייטערער שטימונג און אוממיטלבאַרן געלעכטער פאַרטריבן דעם אומעט און איז געווען אַן אמתע מאַמע צו די קינדער. לערערין מנוחה ראַבינאָוויטש האָט מיט איר פאַרנונפט, טאַקט, שטענדיק געפונען אַ גוטע עצה און אַ גוט וואָרט און אַלע קינדער האָבן זיך שטענדיק באַראָטן מיט איר. די ווירטין וויטשיק — האָט זיך קונה שם געווען מיט אירע קולינאַרישע קענטענישן צוצוגרייטן גוטע, געשמאַקע און נאַרהאַפטע מאכלים, כדי שטעלן די קינדער, וואָס שנעלער אויף די פיס. די לערער: אַבראַמסאָן, ברומבערג, סאַוויטש, בייקאַלסקאַ און פיל אַנדערע האָבן געאַרבעט איבערגעגעבן און געוויסנהאַפט; ד״ר ראָזנבוים, ד״ר ראָזנגאַרטן, די סאַניטאַרין בערנשטיין ז״ל — יעדער האָט אויף זיין שטייגער צוגעלייגט אַ ציגל צום געשטאַלטיקן דעם פּרעכטיקן בנין, וואָס האָט געהייסן מעדעם־סאַנאַטאָריע.

די עלטסטע גרופּע קינדער מיט די לערער אין דער סאַנאַטאָריע (יוני 1928)

עס זיצן אין דער ערשטער ריי פון רעכטס אויף לינקס: קוטנער, מאַניע פיין, לייב ראָזנצווייג, שרה וואָלאָנאָוו, די לערערין מנוחה ראַבינאָוויטש, בינטשע אַלטערמאַן, גאָלדוואַסער, (אומ־באַקאַנט), שערמייסטער, סאַניטאַרין ריווע בערנשטיין. אין דער צווייטער ריי שטייען: די פערטע פון רעכטס (אינמיטן) לערערין רבקה סאַוויטש, קאַטשקאַ, לערערין וויטשיק, (אומבאַקאַנט), הינדע קוזשניצקאַ, ק. קראַוויעץ. אין דער דריטער ריי שטייען: דער ערשטער רעכטס — ריכטער; דער צווייטער פון לינקס, יאָסל מלאַטעק. די איבעריקע — נישט אידענטיפיצירט.

דער פּאַרוואַלטער ש. גילינסקי

עס איז אוממעגלעך צו רעדן וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און זיך נישט אָפּשטעלן באַזונדער אויף איר הויפּט־פּאַרוואַלטער, דעם אומדערמידלעכן לערער ש. גילינסקי. ער און די סאַנאַטאָריע זענען געווען איינס. די סאַנאַטאָריע איז געווען זיין הויפּט־ווערק, זיין לעבנס־ציל און שטאָלץ. ער איז נישט נאָר געווען פון אירע שעפער, גרינדער, איר ערשטער פּאַרוואַלטער, נאָר דאָס האַרץ פון דער סאַנאַטאָריע. ער האָט אָוועקגעגעבן דער סאַנאַטאָריע די בעסטע יאָרן פון זיין לעבן, די בעסטע כוחות, זיינע שענסטע חלומות. ער איז געווען שטאַרק געבונדן מיט אַלע פעדעם פון זיין נשמה, און געווידמעט זיך איינגאַנצן דעם יידישן קינד.

ער האָט אומדערמידלעך געאַרבעט צו פאַרבעסערן, פאַרשענערן דעם אַנשטאַלט. מיט יעדער נייעס, יעדע מאָדערניזאַציע, וואָס איז איינגעפירט געוואָרן אין דער געביידע, אין די צימערן, פון יעדער זאַך, וואָס האָט פאַרשענערט, פאַרלייכטערט דאָס לעבן פון די קינדער — איז אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט. אים איז ממש געגאַנגען אין לעבן, אַז די סאַנאַטאָריע זאָל זיין דער שענסטער, דער בעסטער קינדער־אַנשטאַלט, און ער האָט מיט זיין איבערגעגעבענער אַרבעט דאָס דערגרייכט.

ש. גילינסקי איז נישט נאָר געווען אַ לערער. ער איז געווען אַ פּעדאַגאָג, וואָס האָט געקענט אַלע פאַרבאָרגענע ווינקעלעך פון קינדס נשמה. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן צוגאַנג צו זיי.

דער לערער גילינסקי האָט געוווּסט כמעט אַלע נעמען פון די קינדער אין דער סאַנאַטאָריע. און דאָס איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך, ווייל כמעט יעדע וואָך האָבן זיך געביטן גרופּעס קינדער. ער האָט געוווּסט אין וועלכער שול עס לערנט און אָפּט אַלע נאָענטע פּרטים פון קינד. מיט זיין שאַרף אויג האָט ער געזען דאָס קינד דורך און דורך.

זיין לאַזונג איז געווען נישט באַשטראָפן קיין קינד. נאָר מיט גוטן, מיט דערציִערישע מיטלען, ווירקן אויסצוואָרצלען דאָס נישט געוווּנטשענע. הגם עס זענען שוין אָפּגעלאָפן עטלעכע צענדליק יאָר, זענען די צוויי מאָמענטן, וואָס איך ברענג דאָ, נאָך פריש אין מיין זכרון.

אַ ביסן ברויט

אַרום די לאַנגע, ווייס־געדעקטע טישן פון גרויסן, שיינעם עס־צימער אין סאַנאַ־טאָריע, זיצן אויסגעזעצט קנאַפּע 200 קינדער. פון די ברייטע ווענעציאַנער פענצטער יאָגט אַ קיל ווינטל און קילט אָפּ די צעהיצטע קינדערשע פּנימער. עס איז זומער.

דער לערער גילינסקי שטייט אויף, הויבט אויף די האַנט, און דער קינדער־בינשטאָק שטילט זיך כהרף־עין איין. אין עס־צימער ווערט שאַ־שטיל. מען קען הערן דאָס זשומען פון אַ פליג. קנאַפּע צוויי הונדערט קינדער עסן און מען הערט נישט קיין איין וואָרט. ביים עסן רעדט מען נישט. דאָס איז אַ נישט געשריבענער געזעץ. — איינער פון אַ סך אַנדערע דערגרייכונגען פון ש. גילינסקי.

מיר האַלטן שוין ביים ענדיקן עסן און וואַרטן, וואָס וויל דער לערער זאָגן. אָבער

אַנשטאָט עפּעס צו רעדן, גייט ער פאַרביי דעם טיש, קלויבט צונויף די פּיצלעך איבער־געבליבענע ברויט, וואָס די קינדער האָבן איבערגעלאָזט, לייגט זיי אַוועק נעבן זיך און זאָגט: „יעדעס קינד האָט איבערגעלאָזט אַ ביסן ברויט, אָדער אַ גרעסער שטיקל, די אַלע שטיקלעך, וואָס איר זעט דאָ אויפן טיש, וועגן בערך אַזוי פיל וויפל עס וועגן צוויי גאַנצע ברויט. מיר עסן פרישטיק, מיטאָג און נאַכטמאָל. אויב יעדעס קינד וועט איבערלאָזן נאָר איין ביס ברויט, דאַרפן מיר אַרויסוואַרפן יעדן טאָג עטלעכע ברויט, וואָס קאָסטן אַזוי פיל און אַזוי פיל. קומט אויס, אַז אין משך פון אַ חודש וואַרפן מיר אַרויס אַ סומע פאַר וועלכע, מיר וואָלטן געקאָנט איינקויפן קאָצן פאַר די קינדער אָדער אַנדערע נויטיקע זאַכן פאַר דער סאַנאַטאָריע. פון איצט אָן זאָל יעדעס קינד נעמען אַזוי פיל, וויפל ער קאָן אויפעסן און גאָר נישט איבערלאָזן".

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז אויף צו מאָרגנס און אויך אין די ווייטערדיקע טעג איז נישט געבליבן קיין איין קרישקע ברויט, קיין שום רעשטל פון וועלכן עס איז עסן. די אויפזעער זענען געווען זייער צופרידן. די טעלער זענען געווען כמעט ריין...

✶

ביי אונדז איז אויך געווען אַ קאָמיסיע, וואָס האָט קאָנטראָלירט צי די בעטן זענען אין אָרדענונג געבעט. אונדזערע בעטן האָבן געמוזט זיין געבעט מיט אַ קאַנט און דאָס ליילעך פון אויבן גוט פאַרשפּרייט, אָן האָרבן, דאָס קישעלע פון אויבן. זענען מיר אַ מאָל געגאַנגען קאָנטראָלירן און באַמערקט, אַז איין בעט האָט עפּעס גאָר אַ גרויסן האָרב און עס איז בכלל נישט געבעט לויט די סאַנאַטאָריע־כללים. מיר זענען געוואָרן זייער נייגעריק און מיינענדיק, אַז דאָס קינד האָט אַהין אַריינגעלייגט די פּידזשאַמע, אָדער אַנדערע קליידער־טיילן, האָבן מיר אויפגעהויבן די דעק און זענען געוואָרן אַנטוישט. מיר האָבן דאָרט געפונען שטיקלעך ברויט, קוכן, עפּל א״אַ. מיר האָבן צוריק צוגע־דעקט מיט דער קאָלדרע און זיך גלייך געוואָנדן וועגן דעם צו דער סאַניטאַרין. וועגן דעם האָט זיך אויך דערוווּסט דער לערער גילינסקי און ער האָט אונדז געראָטן: גאָר נישט רירן, נאָר קאָנטראָלירן יעדן טאָג צי עס געפינט זיך דאָרט עפּעס. מיר האָבן קאָנטראָלירט און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז נישט נאָר אין בעט, נאָר אויך אין דער קליידער־שאַפע האָט דאָס מיידעלע באַהאַלטן עסן.

אין עטלעכע טעג אַרום, נאָכדעם ווי דער לערער גילינסקי האָט געהאַט עטלעכע שמועסן מיטן קינד, האָט ער אונדז דערציילט: „דאָס מיידעלע שטאַמט פון דער סאַמע וואַרשעווער אָרעמקייט. פון סמאַטשע־גאַס. איר טאַטע אַ טרעגער, אַ שטענדיק אַרבעטס־לאָזער און קראַנקער, איז איין מאָל אַוועק און מער נישט צוריקגעקומען. איר מאַמע איז געווען אַ וועשין. זי האָט אויך געהאַט אַ קליין ברודערל, אַ פּיצל קינד נאָך אין וויגל. זי געדענקט, אַז איינמאָל האָט די מאַמע שטאַרק געוויינט, געזאָגט, אַז זי קומט באַלד צוריק, אָבער זי איז נישט צוריק געקומען. עס איז איר געווען קאַלט, זי איז געווען הונגעריק און דאָס פּיצעלע קינד האָט כסדר געוויינט, ביז עס איז שטיל געוואָרן. די שכנים האָבן זי אַריינגענומען צו זיך און איר געגעבן עסן. דערנאָך איז זי אָנגעקומען אין אַ יתומים־הויז. איר מוטער האָט זי מער קיינמאָל נישט געזען".

זינט דאַן האָט דאָס מיידעלע באַהאַלטן עסנוואַרג ווו נאָר זי איז געקומען. דאָס איז

ביי איר, ווייזט אויס, געווען אַ זאַך פון וואָס זי האָט זיך נישט געקאָנט באַפרייען. נאָך די שמועסן פון לערער גילינסקי האָט מען מער נישט געפונען ביים קינד קיין עסן. איר בעט איז אויך געווען שיין צוגעבעט.

לערער גילינסקי האָט מיט זיין אוממיטלבאַרקייט געווירקט אויף די קינדער. מיט זיין פעדאַגאָגישן צוגאַנג, מיט זיין פאָטערלעכקייט און ליבשאַפט צום קינד האָט ער גלייך געוווּנען זיין נשמה. ער האָט די סאַנאַטאָריע פאַרוואַנדלט אין אַ וואַרעמער היים פאַר טויזנטער קינדער פון אַלע עקן פוילן. און די קינדער האָבן אים אָפּגעצאָלט מיט אַ סך, אַ סך ליבשאַפט.

אונדזער וואַנט־צייטונג

צו די וויכטיקע קאָמיסיעס פון דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג האָט אויך געהערט די רעדאַקציע־קאָמיסיע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די וואַנט־צייטונג. אַ רעדאַקציע־קאָמיסיע מיט אַ „הויפּט־רעדאַקטאָר״, „סעקרעטאַר״ און „שטאַב זשורנאַליסטן״. און געפירט האָבן מיר זיך טאַקע ווי אין אַן אמתער רעדאַקציע: פריער זענען אַלע מאַטעריאַלן — דערציילונגען, לידער, פּאַראָדיעס, רעטענישן, אַנעקדאָטן, פעליעטאָנען, צייכענונגען און קאַריקאַטורן — געליינט און באַטראַכט געוואָרן דורך דער גאַנצער רעדאַקציע־קאָמיסיע, אַקצעפּטירט און רעדאַגירט געוואָרן דורכן רעדאַקטאָר מיט צוויי געהילפן.

אין דער וואַנט־צייטונג האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס אימפּולסיווע לעבן פון די קינדער אין סאַנאַטאָריע, און אויך אין זייערע שולן און היימען.

רייך אין אינהאַלט און שיין אין אויסזען איז געווען די צייטונג. אַ ספּעציעלע גרופּע קינדער מיט אַ שיינער און קאַליגראַפישער האַנטשריפט, האָט די מאַטעריאַלן איבערגעשריבן. אַ סך נומערן פון דער וואַנט־צייטונג זענען געווען אַ פאַרגעניגן פאַרן אויג און אַ פרייד פאַר דער נשמה. פאַר דער גראַפישער געשטאַלטונג פון דער וואַנט־צייטונג האָט געזאָרגט דער סאַנאַטאָריסט משהלע וואַסערשטראָם (וועלכער האָט נישט נאָר ווונדערבאַר געמאָלט און געצייכנט, נאָר ער איז אויך געווען געבענטשט מיט אַ סך אַנדערע טאַלאַנטן — געשפּילט „פידל״ בלויז מיט האַנט און מויל אד״גל).

פאַרשידנאַרטיק זענען געווען די טעמעס, ווי פאַרשידנאַרטיק עס איז געווען אונדזער קינדערישע וועלט. אונדזערע פּאַראָדיעס זענען געוואָרן אַ שם דבר. אין זיי האָבן מיר קריטיקירט, גוטמוטיק אויסגעלאַכט, געטרוימט, אַרויסגעבראַכט אונדזער פרייד, דער־ציילט וועגן אונדזער טאָג־טעגלעכן לעבן, וועגן די לערער, און וועגן אַלץ, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט דער סאַנאַטאָריע. די צייטונגען זענען נישט איין מאָל געווען אַן אָביעקט פון פאַראינטערעסירונג פאַר לערער, דערציער און פעדאַגאָגן, און פון צייט צו צייט זענען אויך איבערגעדרוקט געוואָרן פון זיי אַרטיקלען. צו יענער צייט איז געווען איבערגעדרוקט אין וואַרשע אַן אַרטיקל פון אַ סאַנאַטאָריסטין, אַ שילערין פון אונדזערע ציש״אָ־שולן וועגן דער אויסשפּראַך פון יידיש צווישן די קינדער אין סאַנאַטאָריע. צווישן אַנדערן איז געווען געשריבן: „ליבע פון ווילנע האָט געזאָגט אויף ברויט: „ברעיט״ און בינטשע פון וואַרשע — „בראַיט״. אַ ליטוואַק האָט גאָר שנעל אַראָפּגע־שלונגען דעם יוד און ס׳איז ביי אים אַרויסגעקומען „ברעט״; ליבע האָט געזאָגט אַ „קרייטשיק״ און בינטשע — אַ „רעיפטל״,ביידע האָבן געמיינט דאָס זעלבע: — אַ

רייפטל ברויט. איינע האָט געזאָגט אַ „זאַנטשיק״ — די צווייטע: — אַ „שירעם״. און נאָך אַ סך אַזעלכע ביישפּילן זענען געבראַכט געוואָרן אין דער וואַנט־צייטונג.

מיר זענען געזעסן לאַנגע שעהען ביים צוגרייטן אונדזער צייטונג. נאָר דער קלונג וואָס האָט גערופן צום עסן, האָט אונדז געקענט איבעררייסן די אַרבעט. אָפּטמאָל האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ לעבעדיקע צייטונג צוזאַמען מיט אַ קינסטלערישן טייל, ווו עס זענען אַרויסגעטראָטן מיט טענץ און געזאַנג די טאַלאַנטירטע קינדער. די שוועסטער דיסטעל, מאַניע פּיין און אַנדערע קינדער האָבן מיט זייערע פעיִקייטן בייגעשטייערט צום דער־פאָלג פון די אָוונטן.

קינדער האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע פעיִקייטן און באַגאַבונג אויף אַלע געביטן. ווער ווייסט וואָס פאַראַ פּרוכט די יונגע ביימעלעך וואָלטן געגעבן, ווען זייער שטאַם וואָלט נישט געוואָרן אַזוי אַכזריותדיק אונטערגעבראָכן.

אַפילו איין אַנאַלפאַבעט טאָר נישט זיין צווישן אונדז

נישט נאָר צו די קינדער האָט לערער גילינסקי געהאַט אַ וואַרעמע, פאָטערלעכע באַציִונג. אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און אירע מיט־מענטשן איז אים געווען נוגע, האָט אים טיף אינטערעסירט.

אין איינעם אַ טאָג, בעט מיך דער לערער גילינסקי איך זאָל נאָך מיטאָג, איידער מיר גייען רוען אויף דער טעראַסע, בלייבן אין עס־צימער, ער וויל זיך מיט מיר דורכשמועסן וועגן אַ וויכטיקן ענין.

„בינטשע — האָט ער גלייך אָנגעהויבן צו דער זאַך, — צווישן אונדז, ביי אונדז אין סאַנאַטאָריע טאָרן נישט זיין קיין אַנאַלפאַבעטן! עס טאָר זיך נישט געפינען אַפילו קיין איינער אַזאַ! איך וויל דו זאָלסט לערנען היהלען (אַ מיטגליד פון טעכנישן פּערסאָנאַל) אַ שעה־אַנדערטהאַלבן טעגלעך לייענען און שרייבן יידיש, און אויב עס וועט גיין גוט — אויך אַ ביסל חשבון. דיר — האָט ער צוגעגעבן — וועט עס אויך געבן אַ גרויסע באַפרידיקונג״. און דערביי געזאָגט אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן מיין דערפאָלג אין די לימודים.

איך האָב באַלד מסכים געווען. אָבער איך בין געווען פאַרוווּנדערט און געטראָפן פון דעם, וואָס איך האָב אָקאָרשט געהערט. דווקא זי, היהלע, אַן אַנאַלפאַבעטקע! זי איז געווען איינע פון די באַליבטסטע קיך־אַרבעטער, אַ גוטע, פליסיקע, זייער אויפ־מערקזאַם צו אונדז קינדער, שטענדיק ריין, זויבער אָנגעטאָן, קאָרעקט זיך געהאַלטן, אַ קלוגער מענטש. עס וואָלט קיינעם נישט געקענט איינפאַלן, אַז דווקא זי קאָן נישט קיין צורה פון קיין אות.

איך האָב זיך גענומען מיט התלהבות צו דער אַרבעט. די מלאכה איז געווען אַ שווערע. זי האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט באַהערשן דאָס לייענען, אָבער ס׳איז איר גע־גאַנגען זייער שווער, זי איז געווען אַ דערוואַקסענער מענטש, צוויי מאָל אַזוי אַלט ווי איך. שווער געווען מיט יידיש און נאָך שווערער מיט חשבון. „כאָטש אויסלערנען זי דאָס עלעמענטאַרע״ — האָב איך געטראַכט.

מיין עקשנות און איר ווילן — און דער עיקר, לאָמיך היינט מודה זיין — דער ווילן צו באַווייזן דעם לערער גילינסקי, וועלכער האָט מיר דאָס אָנגעטרויט — האָבן געבראַכט

אַ שטיקל דערפֿאָלג. זי האָט זיך אויסגעלערנט אין משך פֿון זומער אַ ביסל שרייבן און גאָר קנאַפּ חשבון. פֿאַרשטענדלעך, אַז איך האָב נישט געוואָלט ביי איר נעמען קיין געלט. זי אָבער איז געווען זייער איידל און געוואָלט אויסדריקן איר דאַנקבאַרקייט. זי האָט מיר געשאָנקען אַ האַנט־זייגערל, מיט וועלכן איך בין געווען זייער שטאָלץ.

איך האָב געראָטן חיהלען, זי זאָל אָנשרייבן צום לערער גילינסקי עטלעכע ווערטער און אים דאַנקען. זי האָט דאָס געטאָן. איך בין געשטאַנען פֿון דער ווייטנס און זיך צוגעקוקט ווי ער האָט געלייענט דעם „בריוו" — אַ צעטעלע מיט עטלעכע קורצע, קינדעריש־אָנגעשריבענע זאַצן, אָבער גלויבט מיר, ווער עס האָט נישט געזען זיין צעשטראַלטקייט, האָט קיין מאָל נישט געזען קיין גליקלעך פּנים.

שוין דער פֿאַקט, וואָס פֿון דער גאַנצער סאַנאַטאָריע, פֿון צענדליקער לערער און דערוואַקסענע פּערסאָנאַל־אַרבעטער האָט חיהלע אויסגעקליבן דעם לערער גילינסקי צו פֿאַרטרויען איר סוד — דאָס ווייזט דעם גרויסן צוטרוי, וואָס אַלע האָבן געהאַט צו אים. זיי האָבן אים פֿאַרטרויט אָפֿט מאָל זייערע אינטימסטע סודות, ווי מען טוט דאָס פֿאַר אַ פֿריינד, פֿאַרן נאָענטסטן.

★

„אין מיעדזעשין, איז דאָ אַ סאַנאַטאָריע מיט אַ רויטן דאַך, מיט אַ רויטן דאַך"... האָבן געזונגען די סאַנאַטאָריסטן. דער גורל פֿון די קינדער איז לײדער, לײדער געווען, דער זעלבער, וואָס דער גורל פֿון אַלע אַנדערע יידישע קינדער אין פּוילן. היינט קען מען נאָר זינגען: „אין מיעדזעשין איז געווען אַ סאַנאַטאָריע מיט אַ רויטן דאַך"...

שלמה גילינסקי

מיינע קינדער־יאָרן

צווישן די כתבים־ארכיוון פון ש. גילינסקי, האָבן מיר געפונען אַ גרעסערע אַרבעט, צוגעגרייט ריין־געשריבן אויף דער שרייב־מאַשין, איינגעטיילט אין פיר קאַפּיטלעך — יעדער מיט אַ באַזונדער טיטל־שורה. די דאָזיקע זכרונות־באַשרייבונגען פון ש. גילינסקיס קינדער־יאָרן לייענען זיך מיט גרויס אינטערעס. מיט שטילקייט און רואיקייט רעסטאַווירן זיי ליטעראַריש דאָס אַמאָליקע ייִדישע לעבן אינעם גאָר קליינעם ליטווישן שטעטל. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר דאָ אַ דורכדרינגענדיקן זעלבסט־אַנאַליז, געשריבן פון אַ דערפאַרענעם דערציער און קינדער־אָבסערווירער. מיר זעען פאַר זיך די אַנטוויקלונג פון כאַראַקטער און געפילס־וועלט פונעם יונגן ייִנגל אין דער סביבה פון ייִדישע האָרעפּאַשניקעס, אונטער די פליגלען פון אַ קלוגער, געטרייער, אַקטיוו־דערציערישער מוטער. ש. גילינסקי האָט אַ גאַנץ לעבן געטראָגן אין זיך די וואַרעמסטע רירנדיקסטע געפילן צו זיין מאַמען.

די זכרונות צייכענען ש. גילינסקיס כאַראַקטער־שטריכן, וואָס ציען זיך פון זיין געבוירן־שטעטל ביז צו דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין.

די זכרונות ווערן דאָ געדרוקט אָן ענדערונגען און אָן קירצונגען.

רעדאַקציע

וואָס איך געדענק פון מיינע ערשטע קינדער־יאָרן

ווען איך בין קוים דריי יאָר אַלט געווען, האָבן מיינע עלטערן פאַרלאָזט דאָס ליטווישע דאָרף, ווו זיי האָבן געהאַט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זייער לעבן און ווו איך — דאָס אַכטע פון עלף קינדער — בין געבוירן געוואָרן. דאָס דאָרף איז געלעגן נישט ווייט פון שטעטעלע לינגמיאַן, שווענציאַנער קרייז, ווילנער גובערניע, און אַריבערגעפאָרן זענען מיר אין שטעטעלע דוקשט, קאָוונער גובערניע, אַ סטאַציע אויף וואַרשע־פּעטערבורגער אייזנבאַן־ליניע, צווישן דווינסק און ווילנע.

פון די ערשטע קינדער־יאָרן אָדער, ריכטיקער, פונעם לעצטן יאָר אין דאָרף, זענען אין מיין זכרון פאַרבליבן עטלעכע בילדער, וואָס האָבן מיך באַגלייט אַ גאַנץ לעבן. אַז די בילדער זענען ווירקלעכע און נישט קיין אויסגעפאַנטאַזירטע, — דאָס האָבן נישט איין מאָל באַשטעטיקט מיינע עלטערן, ביי וועמען איך פלעג אין די דערוואַקסענע יאָרן אויספרעגן וועגן די איינצלהייטן פון יעדן בילד.

די בילדער האָבן קאָנטיק אַמשטאַרקסטן זיך איינגעקריצט אין מיין יונגן מוח און האָבן זיכער געהאַט אַ געוויסן איינפלוס אויף מיין ווייטערדיקן לעבן. די ערשטע

דריי יאָר אין מענטשנס לעבן זענען דאָך דער יסוד פון זיין ווייטערדיקער פיזישער און גייסטיקער אַנטוויקלונג.

דאָס ערשטע בילד, וואָס איז אַריין אין מיין באַוווסטזיין און איז פאַרבליבן אין מיין זכרון, איז דאָס בילד פון הויכע ביימער, וואָס האָבן זיך שטאַרק געשאָקלט און געבויגן זיך אין איין זייט. די אויבערשטע צווייגן פון די ביימער האָבן זיך אַזוי איינגעלייגט, ווי עמעצער וואָלט איבער זיי געטראָטן. דאָס האָט דער ווינט שפּאַצירט איבער זיי. געזען די ביימער אַנטקעגן איבערן וועג פון אונדזער הויז. האָב איך דאָך אַ סך מאָל פריִער, אָבער דערזען האָב איך זיי ערשט דעמאָלט בעת דער „עמעצער" האָט געטראָטן איבער זיי. איך בין געשטאַנען אינעווייניק ביי דער אָפענער דרויסנ־דיקער טיר פון אונדזער הויז, און עס האָט מיך געצויגן צוצוקוקן זיך צו דעם בילד, אָבער מיך האָט אַרומגענומען אַ מורא, — אַ שטאַרק דערשראָקענער בין איך אַריינ־געלאָפן אין שטוב.

זינט דעמאָלט פלעגט דאָס בילד אויפוואַכן אין מיין זכרון יעדעס מאָל, ווען איך האָב געזען פאַר זיך אַ וואַלד, אַ סאַד אָדער סתם ביימער. דער וואַלד האָט מיך שטענדיק געצויגן צו זיך און אויך אַ ביסל געשראָקן. ווער ווייס, אפשר איז דאָס בילד פון די ביימער אין מיינע קינדער־יאָרן געווען דער שורש פון מיין שפּעטערדיקן דראַנג צום וואַלד, צו בויען אַן אַנשטאַלט פאַר קינדער אויף דער נאַטור אַרומגערינגלט מיט וואַלד.

דאָס צווייטע בילד פון יענע יאָרן, וואָס האָט זיך גאָר שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון, איז אַ בילד פון געראַנגל צווישן ייד און גוי, דער ייד — מיין פאָטער — איז איינער און די גויים — אַ סך (ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען, זענען זיי געווען דריי). דערהערנדיק געשרייען אין דרויסן בין איך אַרויסגעלאָפן פון שטוב און דערזען, ווי מיין טאַטע ראַנגלט זיך מיט גויים. אַ הויכער גוי און מיין נידעריקער טאַטע האָלטן פאַרן זעלבן שטריקל אונדזער קו, און יעדער ציט דאָס שטריקל צו זיך. די אַנדערע גויים שטויסן און שטופּן מיין טאַטן. פון גרויס שרעק און מורא, אַז די גויים זאָלן נישט שלעכטס טאָן מיין טאַטן, האָב איך אָנגעהויבן וויינען און שרייען אויפן קול. מיין מאַמע איז געקומען צו לויפן און מיך אַריינגענומען אין שטוב. ווי מיינע עלטערן האָבן מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערציילט, זענען די באַציִונגען צווישן מיין פאָטער, דעם איינציקן יידן אין דאָרף, און די אַרומיקע פויערים, געווען גאַנץ גוטע. בלויז שיכורערהייט פלעגן די גויים אויסרעדן אַלדאָס בייז אויף די זשידעס — די אַנטי־קריסטן, וואָס האָבן געקרייציקט זייער גאָט. אָבער ווען מיינע עלטערן האָבן שוין געהאַט פאַרלאָזט דאָס הויז און געהאַלטן ביים פאַרלאָזן דאָס דאָרף, האָבן עטלעכע ייִנגערע פויערים פאַרכאַפּט אונדזער איינציקע קו מיטן אויסרייד, אַז זי איז פאַר־קראָכן אויף זייערס אַ פעלד, און זיי האָבן געפאָדערט פאַר איר אויסליייז־געלט. מיין פאָטער האָט נישט געלאָזן אָוועקנעמען די קו און צוליב דעם איז פאַרגעקומען דער געראַנגל. ווי מיין פאָטער האָט מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערציילט, האָט ער זיך געראַנגלט מיט די מערערע גויים, מחמת אַ גוי טאָר מען נישט נאָכגעבן, מען טאָר זיי נישט אַרויסווייזן קיין שוואַכקייט. ווערסטו זיי נאָכגעבן, וועלן זיי מאָרגן ווידער קומען מיט אַנדערע פאָדערונגען. ביי זיי איז דאָך אַ מצווה וואָס מער אַרויס־

צורייסן פון אַ יידן. זיי זענען דאָ אַ סך, און דער ייד אויפן דאָרף איז אײנער. האָט מען באַדאַרפט וויסן ווי אויסצוקומען מיט זיי.

דער געראַנגל פון דעם איין ייד מיט מערערע גוים און דאָס נישט אונטערגעבן זיך די גוים — דאָס בילד האָט אין די וויטערע קינדער־יאָרן פאַרנומען גאָר אַ גרויס אָרט אין מיינע געדאַנקען. ביים לערנען אין חדר וועגן די יידישע ראַנגלענישן און מלחמות מיט די פרעמדע פעלקער, האָב איך שטענדיק געזען דאָס בילד פאַר מיינע אויגן. און איך האָב עס נישט נאָר געזען נאָר אויך איבערגעלעבט. גאַנץ אָפט נאָך אַ מאַרקטאָג אין דוקשט פלעג אויסברעכן אַ געשלעג צווישן צוויי אמת שיכורע גוים. אַז מען האָט איינע די אַנדערע גוט צעבלוטיקט און צעמאַרדעט, האָט מען געמאַכט שלום צווישן זיי און מען האָט לכבוד דעם שלום צוזאַמען געזוכט נוקם צו זיין זיך אין אַ יידן, אויף וועמען איינער אָדער אַ פּאָר פּויערים האָבן געטראָגן אַ כעס. יידישע יונגעלייט און אויך עלטערע יידן האָבן אין אַזאַ פאַל צוריקגעשלאָגן, און געשלאָגן האָט מען די פּויערים מיט טרוקענע קלעפּ, דאָס הייסט אַזוי, אַז עס זאָל נישט בלייבן קיין אויסערלעכע סימנים, אָבער די פּויערים האָבן עס געהאַט צו געדענקען אַ לאַנגע צייט. אַ ניכטערער פּויער האָט קיין מאָל נישט געוואַגט אָנצורירן אַ יידן. און טאָמער האָט אַ ליטווישער פּויער שלעכט געטאָן אַ יידן, איז ער שפּעטער געקומען אים איבערבעטן.

אויך מיר יינגלעך האָבן געפירט שטענדיקע מלחמות מיט די שטעטלשע שקצים. פּונקט ווי די דערוואַקסענע האָבן מיר שטענדיק צוריק געשלאָגן און קיין מאָל נישט אַנטלאָפן פון שלאַכט־פעלד. מיר זענען אָפט געקומען אין חדר אָדער אַהיים מיט צעביילטע פּנימער און אונטערגעהאַקטע אויגן, אָבער שטאָלץ מיט דעם, וואָס מען איז נישט אַנטלאָפן אויס מורא פאַר דער גרעסערער צאָל שקצים.

און נאָך אַ בילד פון יענע יאָרן איז געבליבן לעבעדיק אין מיין זכרון. דאָס איז דאָס בילד ווי מיין זיידע פון פאָטערס צד האָט זיצנדיק אויפן אויוון (צווישן אויוון און סופּיט) געמייסטרעוועט פון האָלץ שפּילצייג פאַר אונדז קינדער. מיר קינדער האָבן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם זיך צוגעקוקט, ווי דער זיידע שניצט מיט אַ מעסער אויס פון האָלץ מענטשעלעך, פערדעלעך און קיעלעך און אַ מאָל אויך אַ שטיבעלע, ווי גרויס איז געווען מיין פרייד ווען דער זיידע האָט מיר דעם ערשטן געשאָנקען אַ ניי אויסגעשניצט מענטשעלע אָדער פערדעלע.

ווי אַזוי דער זיידע איז פאַרשוואונדן פון שטוב, האָב איך נישט געוווּסט. צוזאַמען מיטן זיידע זענען אויך פאַרשוואונדן די מענטשעלעך און פערדעלעך. מער אַזעלכע שפּילעכלעך האָב איך שוין אין מיינע שפּעטערע קינדער־יאָרן נישט געהאַט. אָבער אין די דערוואַקסענע יאָרן ווי אַ דערציִער פון קינדער האָב איך געהאַט אַ סך פרייד פון יעדן מין שפּילצייג, באַזונדערס פון די, וואָס די קינדער פלעגן אַליין אויס־מייסטערן.

מיינע חדר־יאָרן און מיינע רביים

מיין ערשטער רבי איז געווען לייזער דער רימשאַנער. געוווינט האָט לייזער אין דערבייִיקן שטעטעלע רימשאַן, אָבער קנעלן האָט ער געקנעלט ביי אונדז אין

דוקשט. אַ גאַנצע וואָך האָט ער געגעסן „טעג" ביי די עלטערן פון די קינדער און אויף שבת פלעגט ער גיין צופוס אַהיים צו זיין ווייב און קינדער. אויך ביי מיינע עלטערן האָט לייזער געגעסן איין טאָג אין וואָך. מיין מאַמע האָט אים שטענדיק צוגעזען מיטן עסן. „ער דאַרף נעבעך עסן ביי פרעמדע טישן", — האָט מיין מאַמע רחמנות געהאַט אויף אים. וואָס און וויפל איך האָב זיך אויסגעלערנט ביי לייזערן, געדענק איך נישט. איך האָב אָבער גוט געדענקט ווי אַזוי לייזער האָט געשמיסן די „גראָבע קעפלעך". די יינגלעך האָבן זיך געצאַפּלט אונטער זיין קאַנטשיק, אָבער וואָס העכער אַ יינגל האָט געשריגן, אַלץ מער האָט לייזער אַריינגעצײלט.

אויף מיר און אויף נאָך אַ פּאָר יינגלעך האָט ער בלויז אַ מאָל אָנגעשריגן, אָבער שלאָגן — דאָס קיין מאָל נישט. מיך האָט ער נישט אָנגערירט מיט אַ האַנט אין זכות פון מיין מאַמען, וואָס איז געווען קעגן שלאָגן אַ קינד. „אויב אַ וואָרט העלפט נישט, וועט אַ קלאַפּ אַוודאי נישט העלפן" — האָט מיין מאַמע שטענדיק איבערגעחזרט. זי פלעגט אויך זאָגן, אַז אויב מען ווייסט ווי צו באַגיין זיך מיט אַ קינד, דאַרף מען אים נישט שלאָגן. און נאָך: „אַז מען שלאָגט אַ קינד, שלאָגט מען פריער זיך אַליין".

ווי מיין מאַמע האָט מיר אין די שפּעטערדיקע יאָרן דערקלערט, איז לייזער געווען אַ גאַנץ איידעלער ייד און אַ גוטער מלמד. „טאָ פאַרוואָס זשע האָט ער געשלאָגן די קינדער?" — האָב איך איר געפרעגט. דער ענטפער פון מיין מאַמען איז געווען, אַז די טאַטעס און מאַמעס זענען אַליין שולדיק אין דעם. זיי אַליין שלאָגן זייערע קינדער און בעטן נאָך דעם רבי, ער זאָל זיי אויך נישט שאַנעווען. אויפן האַרצן איז לייזערן אָפט געווען ביטער, האָט ער אויסגעלאָזן דעם כעס צו די קינדער.

לייזערס חדר האָט זיך פאַרמאַכט ווען אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַ שריפה און כמעט אַלע הייזער זענען אַוועק מיטן פייער. די יידן האָבן זיך צעשאָטן איבער די אַרומיקע דערפער. אַנשטאָט גיין אין חדר, האָב איך יענעם זומער פאַרבראַכט מיט די שקצים אין שכנישן דאָרף, אַרום דעם וואַסער אין די פעלדער און אין וואַלד. איך האָב זיך אויך אויסגעלערנט רייטן אויף אַ פערד, וואָס האָט געשלעפּט וועגענער מיסט אין פעלד.

ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון דאָרף, האָט מיין מאַמע מיך אָפּגעגעבן צו זעליג־שלמהן אין חדר. זעליג־שלמהס חדר איז געווען נאָר פאַר די קינדער פון די מזרח־וואַנט־יידן, מיין טאַטע ווידער האָט געהערט צו די דרום־זייט־יידן. דערפאַר אָבער איז מיין מאַמע געווען גאָר אָנגעזען אין שטעטל. אַלע האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט באַזונדערן דרך־ארץ. מיין טייערע מאַמע האָט עס אויסגעפּועלט, מען זאָל מיך אַריינגעמען צו זעליג־שלמהן אין חדר. זעליג־שלמה האָט נישט געטאָרט אָננעמען מער ווי צען קינדער, בין איך געווען דער עלפטער.

זעליג־שלמהן האָט מען נישט גערופן „זעליג־שלמה דער מלמד" נאָר פשוט זעליג־שלמה. צו אים האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט דאָס וואָרט „מלמד". וועגן אים האָט מען גערעדט, אַז ווער־לול דעם בעדער איז געשען אַ גליק צו קריגן אַזאַ גראַ־טענעם איידעם, אַזאַ שיינדל. און זעליג־שלמה איז טאַקע געווען דאָס שיינדל פון שטעטל. ער איז געווען גאָר אַן איידעלער מענטש און האָט געוווּסט ווי צו באַגיין זיך מיט קינדער, און די קינדער האָבן צו אים אַרויפגעקוקט. ער האָט אמת געלייגט מער

אַכט אויף תנ״ך ווי אויף גמרא, אָבער דערפֿאַר האָט מען ביי אים דעם תנ״ך געלערנט מיט גרויס חשק. ער האָט אונדז ייִנגלעך קיין מאָל נישט געמוסרט און קיין מאָל נישט געשטראָפֿט. ער האָט אונדז אויך געלערנט שרייבן ייִדיש, העברעיִש, רוסיש און דייטש. אַ האַנטשריפֿט האָט ער געהאַט די שענסטע אין שטעטל. אַזוי שיין שרייבן ווי זעליג־שלמה, האָט קיינער נישט געקענט. ער פֿלעגט אונדז אָנשרייבן אַ שורה אין העפֿט, און מיר האָבן עס באַדאַרפֿט נאָכשרייבן. רוסיש האָט ער געקענט אַ ביסל מסתמא פֿון ווערטערבוך, אָבער פֿון גראַמאַטישע כּללים האָט ער נישט געוווּסט. זיין דייטש, ווידער, איז געווען מאַמע־לשון מיט לאַטייִנישע אותיות. דאָס האָבן מיר זיך דערוווּסט ערשט שפּעטער, ווען מיר האָבן אָנגעהויבן לערנען רוסיש ביי אַ לערער, וואָס האָט געהאַט געענדיקט דעם ווילנער לערער־אינסטיטוט און האָט איין זומער־וואַקאַציע פֿאַרבראַכט אין דוקשט, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט וואַלד און אָזיערעס. אין שטאָט האָט אָבער געהייסן, אַז זעליג־שלמה קאָן אויך שרייבן רוסיש און דייטש. חוץ דעם, איז זעליג־שלמה געווען אַ זינגער און אַ טענצער — איינער אין דער וועלט. עס איז אָנגעקומען שווער אים איינצובעטן צו דאַווענען ביים עמוד; האָט ער אָבער געדאַוונט, איז דאָס געווען „איין מאָל אַ דאַווענען״.

זעליג־שלמה האָט באַשיינט אַלע שמחות אין שטעטל. אויף אָרעמע חתונות איז ער שטענדיק געווען דער הויפּט־מחותן. וואָס אָרעמער די חתונה, אַלץ מער האָט זעליג־שלמה געאַרבעט מעשׂים משמח צו זיין דעם עולם. ער פֿלעגט צוזאַמענעמען אַלע מחותנים אין איין טאַנץ, און ביי אים האָט יעדערער געטאַנצט. דאַן פֿלעגט ער צוזאַמענעמען זיין „קאַפּעליע״ (ייִנגלעך מיט גוטע שטימען) און מען האָט מיט התלהבות געזונגען איין חסידישן ניגון נאָכן צווייטן. געמורמלט האָט מען אין שטעטל, אַז ער כאַפּט אַריין אַ מאָל אַ ניגונדל פֿון „טריאַטער״, אָבער דער עולם האָט נישט געוווּסט וואָס „טריאַטער און ווען טריאַטער״ און קיינער האָט זיך צו דעם נישט צוגעהערט.

און אַז זעליג־שלמה האָט גענומען אַן איבעריקע כּוסע, האָט ער זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ איינער אַליין. עולם פֿלעגט מאַכן אַ וואַרע און אונדזער רבי, מיט פֿאַרלייגטע אין אַ זייט פּאָלעס, האָט געטאַנצט מיט חסידישן ברען — דאָ שטייענדיק און דאָ האַלב זיצנדיק; דאָ גייענדיק פֿאָרויס און דאָ שטייענדיק אויף איין אָרט. בעת אַזאַ טאַנץ פֿלעגט קליין און גרויס שטיין אויף די קעפּ, און מיר, זיינע תּלמידים זענען געווען שטאָלץ מיט אונדזער רבין.

זעליג שלמה האָט קאָנטיק געהאַט אַרטיסטישע נייגונגען און ער האָט געזוכט געלעגנהייטן אַ ביסל אויסצולאָדן זיך. די באַלעבאַטים ווידער, וואָס האָבן געשיקט צו אים אין חדר זייערע קינדער, האָבן געקוקט קרום אויף דעם און זיי זענען אים דערגאַנגען די יאָרן. באַזונדערס שטאַרק האָט ער געליטן פֿון צוויי פֿראָסטע אָבער פֿאַרמעגלעכע ייִדן, וואָס האָבן געזוכט אומעטום צו זאָגן אַ דעה. זעליג־שלמהן האָט עס שטאַרק וויי געטאָן. ער האָט אָבער געמוזט שווייגן און נישט איין מאָל האָבן מיר, ייִנגלעך, פֿון אים געהערט זיפֿצנדיק: „גאַטעניו, פֿאַר וואָס האָסטו פֿיאָדערן (דער גנב פֿון שטעטל) געמאַכט פֿאַר אַ גנב און מיך פֿאַר מלמד? פֿאַר וואָס נישט פֿאַרקערט?״

ווען מיר, אַ פּאָר פון זיינע געוועזענע תלמידים, פלעגן אין די שפּעטערע יאָרן קומען פון די גרויסע שטעט צוגאַסט אַהיים, און מיר האָבן באַזוכט אונדזער רבין, האָט ער זיך פאַר אונדז אַראָפּגערעדט פון האַרצן. ער פלעגט זאָגן: „אַ פולע קעשענע מאַכט אַן אײדעלן מענטשן נאָך איידעלער און אַ גראָבן יונג נאָך פּרעכער". ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז פון אַ חזירשן האָר קאָן מען קיין סמיטשעק נישט מאַכן. די ווערטער האָבן זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון, און אין מיין לערערשער און דערציערישער אַרבעט האָב איך אָפט געטראַכט וועגן מיין רבין זעליג־שלמה, וואָס האָט אַזוי וווּנדערבאַר זיך געקאָנט באַגיין מיט קינדער.

נאָך זעליג־שלמהן האָב איך געלערנט ביים שוחט פון שטעטל, וואָס איז אויך געווען אַ גמרא־מלמד. דער שוחט איז געווען אַ ייד מיט אַ קאַלטענעוואַטער באָרד און זיינע בגדים זענען שטענדיק געווען פאַרפּעצט און פול מיט בלוט־פלעקן. נאָר שבת האָט ער אָנגעטאָן אַ ריינע קאַפּאָטע. אַזוי ווי דער שוחט האָט אָפט באַדאַרפט גיין קוילען בהמות, האָבן מיר יינגלעך ביי אים געהאַט אַ סך פרייע צייט. ווי נאָר ער איז אַרויס פון שטוב, זענען מיר שוין געווען אין דרויסן. די רביצין, אַ גוטמוטיקע יידענע, האָט אונדז נישט געשטערט און קיין מאָל נישט צוגעטראָגן דעם רבין. אַז ער איז צוריקגעקומען און האָט אונדז נישט געטראָפן אין חדר, פלעגט ער אַריינפאַלן אין אַ רוגזה און פלעגט יעדן פון אונדז באַשיטן מיט קללות. „איר וועט דאָך אויסוואַקסן — האָט ער געטענהט — אמתע גויים, פּראָסטע יורקעס, וואָס חוץ דעם מיסט אין פעלד און די שענק, וויסן זיי גאָרנישט". ווען מיר האָבן פאַר נאַכט שוין באַדאַרפט גיין אַהיים און מיר האָבן אויסגעקוקט וואָס גיכער צו זיין אין דרויסן, האָט ער אונדז פאַרהאַלטן און געהייסן צוריק נעמען זיך צו דער גמרא. מיר האָבן אים דערפאַר אָפט געצאַלט מיט צו להכעיס. מער ווי איין זמן האָב איך ביי אים נישט געלערנט.

נאָכן שוחט האָב איך געלערנט ביי אברהם דעם דוקשטער. אברהם איז געווען אַ שיינער באַלעבאָס, אַ ייד אַ למדן. געווען איז ער אַ קרעמער, אָבער ווען זיינע צוויי טעכטער זענען אונטערגעוואַקסן, זענען זיי געשטאַנען אין קראָם און ער האָט געהאַלטן אַ חדר פאַר גמרא־יינגלעך. אינגאַנצן האָט ער געהאַט אַ 8—10 תלמידים, די בעסטע קעפּלעך פון שטעטל. דער חדר איז געווען איינגעטיילט אין צוויי כיתות — איינע פון עלטערע יינגלעך, וואָס האָבן שוין ביי אים געלערנט אַ יאָר צוויי, און אַ צווייטע פון יינגערע יינגלעך — פון ניי־אָנגעקומענע. איך בין געווען אין דער צווייטער גרופּע.

אברהם איז געווען זייער שטרענג צו זיינע תלמידים. ביי אים האָט מען געמוזט לערנען. ער איז געווען אַ קלוגער ייד און דערצו אָפט זייער בייסיק אין זיינע פאָר־ווורפן. פאַר די פאָרווורפן האָבן מיר יינגלעך מער פון אַלץ מורא געהאַט. חוץ דעם האָט די יינגערע גרופּע, צו וועלכער איך האָב געהערט, שטאַרק נאָכגעיאָגט די עלטערע. מיר האָבן נישט געוואָלט זיין שטאַרק הינטערשטעליק לגבי זיי, מחמת זיי פלעגן אונדז פאַרשעמען מיט אונדזער נישט וויסן, וואָס זיי האָבן שוין יאָ געוווּסט. האָט מען טאַקע ביי אברהמען געשמאַק געלערנט, און דאָס געלערנטע נישט שלעכט געקענט. כמעט אַלע אברהמס תלמידים האָבן זיך געקליבן פאָרן אין ישיבות. האָט דער רבי זיך ביי אונדז אָפט געבעטן, „זעט, פאַרשעמט נישט אייער דוקשטער רבי". כמעט אַלע פון אונדז האָבן זיך טאַקע באַמיט אים נישט צו פאַרשעמען.

אברהם האָט שטאַרק געווירקט אויף אונדז דערציִעריש. קודם האָט ער פון זיך נישט געבלאָזן מיט זיין לומדות. פאַרקערט, ער פלעגט אָפּט זאָגן, אַז ווען אַ ייד זאָל אַפילו לערנען זיין גאַנץ לעבן טאָג און נאַכט, וועט ער נאָך אַלץ נישט דערגיין צו די אמתע טיפקייטן פון תורה און חכמה. געהאַלטן האָט ער זיך אַזוי, אַז יעדער האָט זיך צו אים באַצויגן מיט גרויס דרך־ארץ. אָנגעטאָן איז ער שטענדיק געווען אָרעם אָבער אַזוי זויבער, אַז אויף זיין בגד איז קיין מאָל נישט געווען קיין שפּרינקעלע. אַזוי אויך ביי אים אין חדר און אין שטוב.

שבת און יום־טוב האָט ער געטראָגן זיינע חתונה־בגדים, וואָס האָבן שטענדיק געשיינט. אין די גרעסטע בלאָטעס אין שטעטל, איז ער געקומען אין בית־מדרש אין נישט קיין פאַרבלאָטיקטע שיך אָדער שטיוול.

האָט אַ יינגל געהאַט אַ גוט קעפּל און האָט דערצו נאָך געהאַט חשק צום לערנען, האָט דער רבי אַזאַ יינגל שטאַרק דערמוטיקט צו פאָרן אין אַ ישיבה. „אַז דו וועסט לערנען, פלעגט ער זאָגן, וועסטו קענען״. בעת מיר האָבן אים באַזוכט אין שפּעטערע יאָרן, האָט ער גערן מיט אונדז פאַרבראַכט און האָט אויסגעפרעגט וועגן די ישיבות און וועגן אופן פון לערנען דאָרט. אַ מאָל, פאַרבייגייענדיק, פלעגט ער אַ פרעג טאָן: „נו, און וואָס איז מכוח דאַוונען? זאָג דעם אמת, דאַוונסטו נאָך?״ ער האָט געוווּסט פון זיינע אייגענע קינדער, וואָס עס קומט פאָר ביי דער יוגנט. איין מאָל, מוצאי יום כיפור, ווען איך בין געווען צוגאַסט אין דער היים און האָב אים באַזוכט, גיט ער מיך אַ פרעג צי האָב איך געפאַסט, און נישט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה פון מיר (ער האָט מיך נישט געוואָלט שטעלן אין אַ פאַרלעגנהייט) גיט ער אַ זאָג: „איך זאָג דיר, עס איז אַ מחיה צו זיין אַ ייד. דו ווייסט דאָך, אַ גאַנצע וואָך עסט מען טרוקן ברויט, אַ בולבע און אַ ביסל וואַרעמעס. שטאַרק זאָט דערפון קאָן מען נישט זיין. איז מען טאַקע שטענדיק אַ ביסל הונגעריק. קומט אָבער דער שבת אָדער דער יום־טוב און מען עסט אַ שטיקל פלייש און דערצו נאָך אַ גוט שטיקל קוגל, זאָג איך דיר, עס איז טעם גן־עדן. און ביי די גויים? אַ גאַנצע וואָך חזיר און זונטיק ווייטער חזיר. ווייסן זיי דען דעם טעם פון עסן?״ אברהם האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון זיין יידישקייט און ער האָט זיך באַמיט די הנאה איינצופלאַנצן אין זיינע תלמידים. זיינע באַמיִונגען זענען זיכער נישט פאַרלוירן געגאַנגען.

פון מיינע אַלע פיר רביים האָב איך גאָר אַ סך געלערנט. זיי זענען אין אַ היפּשער מאָס געווען מיינע וועגווייזערס אין מיין לערערשער און דערציִערישער אַרבעט. פון זעליג־שלמהן און פון אברהם דעם דוקשטער האָב איך געלערנט ווי מען דאַרף זיך באַגיין מיט קינדער, און פון די אַנדערע צוויי — ווי מען דאַרף זיך נישט באַגיין מיט קינדער.

מיין מאַמע

מיין מאַמע שיינע הינדע, אַ פּשוטע, אָרעמע און פאַרהאָרעוועטע פרוי, האָט קוים געקענט זאָגן עברי און קוים געקאָנט אונטערשרייבן איר יידישן נאָמען. זי האָט אָבער פאַרמאָגט אַ גייסטיקע גבורה און איז געווען אַן אמתע צדיקת. זי האָט מיט גרויס יראת־הכבוד זיך באַצויגן צו יעדן, וואָס האָט געקענט די „שוואַרצע פּינטעלעך״, און

איר גרעסטער חלום אין לעבן איז געווען, אַז אויב נישט דער עלטערער, זאָל כאָטש איר יינגערער זון, איר שלמה־פייוויש, אויסוואַקסן אַ לערנער, אַ יודע־ספר. און וואָס האָט די אָרעמע, שטענדיק פאַרדאַגהטע, פאַרהאָרעוועטע פרוי נישט געטאָן, כדי דאָס צו דערגרייכן!

דער גאַנצער יאָך פון אויסהאַלטן די שטוב, דער יאָך, אַז אַ קינד זאָל האָבן צו זאַט צו עסן און זאָל זיין לייטיש אָנגעטאָן — אָט דער יאָך צו באַזאָרגן צען קינדער (דאָס עלפטע איז נאָך אַלס עופעלע אַוועק פון דער וועלט) איז הויפּטזאַכלעך געלעגן אויף מיין אָרעמער מאַמען. ווי אַזוי זי האָט זיך מיט דעם אַלעמען אַן עצה געגעבן ביי די קנאַפּע פאַרדינסטן פון מיין פאָטער צבי־הירש, איז געווען דער גרעסטער וווּנדער. אויף דעם אַליין האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ גרויסע גייסטיקע גבורה. מיין מאַמע האָט געזאָרגט נישט נאָר פאַר גשמיות, נאָר אויך און הויפּטזאַכלעך פאַר רוחניות. זי האָט מיך געשיקט צו די בעסטע מלמדים אין שטעטל. ווו נעמט מען אָבער דעם האַלבן רובל אויף שכר לימוד. דער האַלבער רובל איז געווען דער מאַמעס גרעסטע זאָרג, גאָר נישט גלייך צו די זאָרגן אויף עסן און אויף דירה־געלט. „אין מאָגן קוקט קיינער נישט אַריין, אָבער וואָס עס טוט זיך ביים מענטשן אין קאָפּ, דאָס זעט מען און דאָס הערט מען גלייך פון יעדן וואָרט, וואָס דער מענטש זאָגט אַרויס". דאָס איז געווען מיין מאַמעס פילאָזאָפיע: „אַן איידעלער מענטש רעדט גאָר אַנדערש ווי עס רעדט אַ פּראָסטער חי וקיים", פלעגט מיין מאַמע אָפט איבערחזרן.

מיין מאַמע האָט פון באַגינען ביז שפּעט ביי נאַכט כסדר געהאָרעוועט. זי האָט געהאַלטן אין איין רוימען, אין איין וואַשן און פאַרריכטן אַ קליידל אָדער אַ פּאָר הויזן פאַר אַ קינד. די קינדער האָבן דער מאַמען שטאַרק אַרויסגעהאָלפן, אָבער די הויפּט־אַרבעט האָט געטאָן די מאַמע אַליין. זי פלעגט גיין שלאָפן ערשט האַלבע נאַכט און אויפשטיין 3 פאַר טאָג. האָט זי אַ מאָל פאַרשלאָפן און אויפגעכאַפּט זיך מיט אַ 15 מינוט שפּעטער, האָט זי געזאָגט: דער שלאָף איז אַ גנב. דאָנערשטיק ביי נאַכט האָט מיין מאַמע זיך גענומען גרייטן צום הייליקן שבת, און שבת האָט טאַקע אין דער אָרעמער שטוב אַלץ געפינקלט פון ריינקייט. עס האָט געהערשט אַ רוח הקודש. דער שבת גופא איז פאַר מיין מאַמען געווען אַ שטיק גן־עדן. עפּעס אַ קלייניקייט דער שבת! מען שלאָפט לענגער, מען גייט אין בית מדרש און מען באַהעפט זיך מיטן רבונו של עולם. צוריק פון בית מדרש פלעגט מיין מאַמע גיין אַרומגערינגלט מיט ווייבער ווי אַן אמתע פריצטע. שבת האָב איך אויך געזען מיין מאַמען עסן. אַ גאַנצע וואָך האָט זי אַלעמען דערלאַנגט און אַליין זי עסן האָט מען נישט געזען. אַז די קינדער פלעגן צו איר צושטיין זי זאָל עסן, פלעגט זי ענטפערן, אַז אַ מאַמע עסט ווען קיינער זעט נישט.

מילא עסן, עסט מען וואָס ס'איז דאָ, אָבער אַ קינד מוז דאָך האָבן וואָס אָנצוטאָן און אין וואָס אַרויסצוגיין אין דרויסן. שיינע הינדעס אַ קינד וועט חלילה קיין מאָל נישט אַרויסגיין אין אַן אָפּגעלאָזן קליידל אָדער אין אויסגעדרייטע שיכלעך. שיינע הינדע איז געווען אַ שם דבר אין שטעטל. אַז מען האָט געוואָלט זאָגן אַ גוט וואָרט וועגן אונדזערס אַ קינד, האָט מען געזאָגט: „דאָס איז שיינע הינדעס אַ קינדעלע". אונדזערע קינדער זענען געווען אָנגעטאָן אָרעם אָבער שטענדיק אַזוי ריין, אַז די

ווייבער פלעגן זאָגן: „שיינע הינדע וועט נישט אַרויסלאָזן אַ קינד נישט ריין אָנגעטאָן. ריינקייט דאַרפֿן זיך ביי איר קייסערינעס לערנען״.

ווי זשע האָט מיין מאַמע זיך אַן עצה געגעבן מיט אַזאַ לאַסט, מיט אַזאַ זאָרג? איז טאָקע געווען שלעכט, און אַז עס איז געוואָרן גאָר שלעכט, האָט מיין מאַמע, מיט דער הילף פון די עלטערע מיידלעך, זיך גענומען באַקן וויס געבעקס צום פאַרקויפן. דוקשט איז געווען אַ האַנדלס־שטעטל און דאָס געבעקס האָט זיך גוט פאַרקויפט. אין שטוב איז געוואָרן פרייליכער, עס האָט שוין נישט געפעלט אויף ברויט, און מיין מאַמע האָט געהאַט אויף שכר לימוד.

מיין מאַמע האָט אָבער געזאָרגט נישט נאָר פאַר אירע אייגענע קינדער, נאָר אויך פאַר די קינדער פון נאָענטע אָדער ווייטע שכנים. מיין מאַמע האָט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אין יעדן אָרעמען הויז. קיין סך אָרעמעלייט זענען ביי אונדז אין שטעטל נישט געווען. גאַנץ אָפט, נאָך אַ ווייט נישט זאַטן וואַרעמעס אָדער וועטשערע, האָט מיין מאַמע מיך געשיקט מיט אַ טעפּעלע מילך (מיר האָבן שטענדיק געהאַט אַן אייגענע קו און אַ מאָל צוויי) צו אַ שכנה. דערביי האָט זי געזעדט צו מיר אַזוי ווי זי וואָלט זיך פאַרענטפערט: „די קינדער גייען אויס נאָך אַ טראָפּן מילך. זיי עסן גאַנצע טעג בלויז טרוקנס״ (טרוקן ברויט). די מאַמע האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל טראָגן דאָס טעפּל צוגעדעקט, כדי קיינער זאָל נישט זען, וואָס איך טראָג, און איבערגעבן זאָל איך דער פרוי אַזוי, אַז די קינדער זאָלן נישט זען, און זאָגן זאָל איך שטילערהייט: „מיין מאַמע האָט אייך געשיקט אַ ביסל מילך״.

די שכנה האָט אַזוי געענטפערט: „האָסט אַ מאַמע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן״. אָט די ברכות פאַר מיין מאַמען, נישט פון איין שכנה, האָבן מיך געטראָגן ווי אויף פליגל אין די הויכע וועלטן און איך האָב געחלומט, אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך אויך העלפן קינדער, וואָס „עסן גאַנצע טעג בלויז טרוקנס״.

גאַנץ אָפט האָט מיין מאַמע מיך געשיקט צו אַ שכנה מיט אַ ביסל „וואַרעניעס״ פאַר אַ קראַנק קינד. אין שטעטל האָט מען געהאַלטן, אַז „וואַרעניעס״ איז די בעסטע רפואה קעגן יעדער קראַנקייט און באַזונדער קעגן שטאַרקער היץ (הויכע טעמפּע־ראַטור). און אַז אַ שכנה האָט עפּעס מיין מאַמען אַריינגעשושקעט אין אויער, האָט מיין מאַמע אין מיטן דער אַרבעט אַרויפגעוואָרפן אויף זיך איר זומער־ווינטערדיקע פאַטשיילע. אַז זי איז צוריקגעקומען האָט זי אַ זאָג געטאָן: „מען דאַרף זיי העלפן״. אַזאַ איז געווען מיין מאַמע.

אין אַזאַ שווער, ביטער לעבן, אין אַ לעבן פול מיט נויט און פּיין, האָט מיין מאַמע אויסגעהאָדעוועט צען קינדער (איך בין געווען דער אַכטער) און קיין מאָל נישט געגעבן אַ קינד אַ קלאַפּ, — אַ פאַרוווּרף אָדער אַ ביטער וואָרט אַ מאָל יאָ, אָבער אַ קלאַפּ — קיין מאָל נישט. אַז עס פלעג זיך ביי איר אַרויסרייסן עפּעס אַ וואָרט צו אַ קינד, פלעגט זי זיך גלייך אַ כאַפּ טאָן און זאָגן: „מען טאָר נישט זיין בייז אויף אַ קינד. אַז מען איז בייז, כאַפּט זיך אַרויס נישט קיין פּאַסיק וואָרט. וואָס איז דאָס קינד שולדיק, אַז דיר איז נישט גוט אויפן האַרצן?״. זי האָט נישט געקענט צוזען ווי מען שלאָגט אַ קינד. „אַז אַ וואָרט העלפט נישט, וועט אַ קלאַפּ אוודאי נישט העלפן״ — פלעגט מיין מאַמע זאָגן. אָדער: „אַז מען שלאָגט אַ קינד, שלאָגט מען ביי אים אַרויס

דעם שכל. אַז מען ווייסט ווי צו רעדן צו אַ קינד, דאַרף מען אים נישט שלאָגן. אָט זעט מיינע קינדער. איך שלאָג זיי נישט און זיי פאָלגן מיך". יאָ, אַלע אונדזערע קינדער האָבן נישט נאָר געפאָלגט דער מאַמען, נאָר מען איז שטענדיק געווען גרייט פאַר איר אַלץ טאָן, איר העלפן. אַ גוט וואָרט פון דער מאַמען איז געווען די העכסטע באַלוינונג פאַר אונדזערס אַ קינד.

מיין מאַמע האָט פאַרמאָגט אייגנשאַפטן פון אַ גאָט־געבענטשטער דערציִערין. זי האָט די קינדער נישט געצערטלט. צו שווער איז געווען איר לעבן און צו שווער די לאַסט, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן. אירע רייד צו אַ קינד פלעגן אָבער אַריינ־דרינגען טיף אין האַרצן. און ווער רעדט נאָך אירע מעשים? אין די עלטערע יאָרן האָב איך זיך נישט איין מאָל געשטעלט די פראַגע, ווו האָט די פרוי גענומען כוח אַריבערצוטראָגן און אויסצוטראָגן אַזאַ לאַסט? ווי האָט זיך ביי איר גענומען כוחות אַזויפיל צו האָרעווען און נאָך צו געפינען צייט צו העלפן אַ צווייטן? אויף דער פראַגע איז דאָ איין ענטפער: מיין מאַמע האָט פאַרמאָגט אַזויפיל גייסטיקע גבורה, אַז זי האָט געקענט איבערטראָגן אַלע שוועריקייטן און האָט צו קיינעם קיין טענות נישט געהאַט — נישט צו גאָט און נישט צו לייט. דערביי האָט זי פאַרמאָגט אַזאַ אינערלעכן שטאָלץ, אַז זי האָט פאַר קיינעם זיך נישט געקלאָגט און איז צו קיינעם נישט געגאַנגען בעטן הילף. פאַרקערט, מיין מאַמע האָט פון אַלץ געשעפּט נחת. אַז אין שטוב איז געווען זאַט צו עסן, איז זי געווען איבערגליקלעך; האָט אַ קינד אָנגעטאָן אַ ניי בגדל אָדער קליידעלע, האָט זי ווידער געקוואָלן פון נחת; און האָט זי געהאַט דעם האַלבן רובל אויף צו שיקן דעם רבין אויף שכר־לימוד, איז קיינער נישט געווען גלייך צו איר. היינט, אַז זי האָט געהערט, אַז איר ייִנגסטער זינדעלע האָט חשק צום לערנען, האָט זי געהאַט דעם גן־עדן אויף דער וועלט.

קיינער פון מיינע רביים, ראשי־ישיבות, לערער, פּראָפעסאָרן און גייסטיקע פירער, האָט נישט געהאַט אַזאַ איינפלוס אויף מיין לעבנסוועג, ווי מיין אָרעמע פשוטע מאַמע. זי האָט מיט אירע ביישפּילן אין מיר איינגעפלאַנצט אַ ליבע און פאַרשטענ־דעניש פאַרן קינד. מיינע גליקלעכע יאָרן אין לעבן, ווען איך האָב געלעבט אין אַ וווּנדערבאַרער קינדער־וועלט, ווען איך האָב צוזאַמען מיט די קינדער געבויט און געשאַפן נייע, העכערע פאָרמען פון לעבן — אָט די גליקלעכע יאָרן האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען דער מאַמען. און אויב טויזנטער קינדער פון די „וואָס עסן אַ גאַנצן טאָג טרוקנס", האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון דער פריידיקער און גליקלעכער צייט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָבן זיי געהאַט דאָס צו פאַרדאַנקען מיין מאַמען. די קינדער האָבן געוווּסט פון מיין מאַמען פּונקט ווי איך האָב געוווּסט וועגן זייערע גוטע מאַמעס. אַ סך מאָל האָבן מיר געשמועסט וועגן די מאַמעס, וואָס קיינער זעט נישט ווי זיי עסן און וואָס געבן פון זיך אַלץ אָפּ פאַר זייערע קינדער. אַן עלטער קינד האָט אין אַזאַ שמועס אַ מאָל מיר אַ זאָג געטאָן: „ווען מענטשן וואָלטן זיך געלערנט פון אָט די מאַמעס, וואָלט די וועלט געווען אַ סך אַ בעסערע".

ווען איך בין שוין אַ יאָר צייט געווען אַ פאַרוואַלטער פון דער שול „חינוך ילדים" אין וואַרשע און איך בין געקומען צוגאַסט אַהיים, האָט מיין מאַמע שטילערהייט אין אַ זייט אַ פרעג געטאָן: איז עס אמת, אַז איך דאַרף אַכטונג געבן און זאָרגן פאַר

200 קינדער? אין „חינוך" האָבן זיך געלערנט אָדער יתומים אָדער קינדער פון דער גרעסטער יידישער אָרעמקייט. מיין מאַמע האָט מורא געהאַט, אַז איך פאַרנאַכלעסיק די קינדער און זי האָט מיך געפרעגט „ווי אַזוי קאָנסטו אַכטונג געבן אויף אַזוי פיל קינדער? מען דאַרף דאָך דיך אַליין וועקן דו זאָלסט זיך אויסטאָן און גיין שלאָפן?" זי האָט געדענקט ווי אַלס ייִנגל פלעג איך אַריינפאַלן אין שטוב אַ מידער און אַוועקפאַלן שלאָפן אויף דער באַנק. האָט זי מיר געראָטן בעסער פאַרנעמען זיך מיט וויניקער קינדער.

ווען דער באַרימטער פעדאַגאָג פּראָפעסאָר א. פעריער, דירעקטאָר פון דער אינטערנאַציאָנאַלער ביוראָ פאַר דערציִונג, האָט בעת זיינעם אַ באַזוך אין מעדעם־סאַנאַטאָריע מיך געפרעגט ווו איך האָב שטודירט פעדאַגאָגיע, האָב איך אים געענטפערט, אַז איך האָב שטודירט אין עטלעכע אוניווערסיטעטן — ביי מיין מאַמען, ביי מיינע רביים און ביי די קינדער. ביי מיין מאַמען און ביי צוויי פון מיינע רביים האָב איך זיך געלערנט ווי מען דאַרף זיך באַציִען צו קינדער; ביי מיינע צוויי אַנדערע רביים — ווי מען דאַרף נישט. מערסטנס האָב איך געלערנט פון מיין מאַמען און פון די קינדער. פון קינדער קאָן מען לערנען גאָר אַ סך, אויב מען פאַרשטייט זיי. דער באַרימטער פעדאַגאָג האָט געוואָלט וויסן ווער איז געווען מיין מאַמע, האָב איך אים אין קורצן דערציילט. אַזוי שמועסנדיק האָט פּראָפעסאָר פעריער אַ זאָג געטאָן, אַז פון אַזעלכע פּשוטע מאַמעס שטאַמט דאָך די אמתע פעדאַגאָגיק. די אַלערליי טעאָריעס זענען אָפט אויסטראַכטענישן אָדער סברות פון אינטעליגענטע טעאָרעטיקער.

אין די לעצטע יאָרן פון איר לעבן (געשטאָרבן אין 1925) האָט מיין מאַמע נישט געדאַרפט זאָרגן אויף חיונה. די קינדער האָבן זי אויסגעהאַלטן בכבוד גדול. האָט זי אָבער נישט געהאַט אייגענע זאָרג, האָט זי געזאָרגט פאַר דער אָרעמקייט פון שטעטל. פאַרן טויט האָט זי אָנגעזאָגט, אַז אירע פאַר רובל (אפשר אַ 40) און איר נייעם מאַנטל און פאַטשיילע זאָל מען אַוועקשיקן טוביה דעם פישער און מען זאָל אים גוט באַצאָלן פאַר פירן זי צו קבורה אין שכנישן שטעטל לוידזן. אין דוקשט איז נישט געווען קיין בית עולם.

אָט אַזאַ איז געווען מיין מאַמע. כבוד איר הייליקן אָנדענק!

איך ווער אַ „לערער" צו 11 יאָר

נאָך אַלס חדר־ייִנגל ווען איך בין אינגאַנצן אַלט געווען 11 יאָר, האָב איך אָנגעהויבן פאַרנעמען זיך מיט „לערעריי". איך האָב געלערנט אַ מיטל־יאָריקע פרוי און איר טאָכטער עברי און שרייבן יידיש. די פרוי, אונדזערע אַ שכנה, פלעגט נאָך פריער קומען צו אונדז אין שטוב בעטן, איך זאָל איר לייענען אָדער שרייבן בריוו צו איר מאַן אין אַמעריקע.

די בריוו האָב איך געלייענט אָדער געשריבן ביי דער שכנה אין שטוב. זי האָט נישט געוואָלט, אַז דאָס שטעטל זאָל וויסן וויפל געלט זי קריגט פון איר מאַן. די פרוי האָט איבערגערעדט מיט מיין מאַמען און די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז איך טאָר דאָס קיינעם נישט דערציילן, אַפילו נישט מיינע חברים. און, אַז מיין מאַמע

האָט מיר אַזוי געזאָגט, האָב איך עס געהאַלטן בסוד פון אַלעמען. מיין מאַמע אַליין האָט מיך אויך קיין מאָל וועגן דעם נישט געפרעגט.

שרייבן די בריוו איז מיר אָנגעקומען נישט שווער. איך האָב געשריבן אַזוי ווי די פרוי האָט מיר געזאָגט, וואָס צו שרייבן. אָבער גאָר נישט לייכט איז מיר אָנגעקומען דאָס לייענען איר מאַנס „קאַטשערעס און לאַפּעטעס". מיט דער צייט האָב איך זיך צוגעוווינט צו דער האַנטשריפט און מיר איז שוין אויך דאָס לייענען אָנגעקומען נישט שווער. קיין געצאָלט פאַר לייענען און שרייבן די בריוו האָב איך נישט גענומען, הגם די פרוי האָט יעדעס מאָל זיך געבעטן, איך זאָל ביי איר נעמען צען קאָפּעקעס, וואָס איז דעמאָלט געווען אַ גאַנץ היפּשע מטבע נישט נאָר פאַר מיר, נאָר אַפילו פאַר מיין מאַמען. מיין מאַמע האָט אָבער געהאַלטן, אַז פאַר טאָן יענעם אַ טובה, דאַרף מען נישט נעמען קיין באַצאָלטס. דערביי פלעגט זי זאָגן, אַז איך פאַרשפאָר דער פרוי שפיכת דמים: זי האָט זיך געשעמט אָנצוקומען מיט אירע בריוו צו עמעצן פון די דערוואַקסענע.

איך בין געווען שטאָלץ מיט דעם, וואָס קיינער אין שטעטל, חוץ מיר, ווייסט נישט וויפל די פרוי קריגט געלט פון איר מאַן אין אַמעריקע. מען האָט געשאַצט, אַז זי קריגט אַוודאי אַ 10 דאָלער אַ חודש (גאַנצע 20 רובל אין רוסיש געלט). אַנדערש וואָלט זי זיך נישט געקאָנט דערלויבן צו עסן יעדן טאָג ווייסע בולקעלעך און יאַכעלעך. די ווייבער האָבן זיך געשושקעט, אַז דער מאַן קלייבט זיך אַראָפּצונעמען די פרוי און די טאָכטער קיין אַמעריקע, ווילן זיי גוט אויסזען. אַמעריקע האָט נישט ליב קיין פאַרחושכטע פרוי. די ידענעס האָבן גערעדט, אַז די פרוי האָט טאַקע רויטע בעקעלעך און זעט אויס ווי אַ יונג ווייבל נאָך דער חתונה.

די פרוי און טאָכטער האָבן שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס זיי קאָנען נישט לייענען און שרייבן, און אויף צו פאָרן קיין אַמעריקע מוז מען דאָך קאָנען לייענען און שרייבן. זיי האָבן געוואָלט גיין צו אַ לערער, איז אין שטעטל נישט געווען קיין לערער און אַפילו נישט קיין שרייבער, וואָס לערנט ווייבלעך און מיידלעך לייענען און שרייבן. אַ מלמד ווידער, אָדער אַ געפּאַלענער באַלעבאָס ווען עס וואָלט שטאַרק צונויף געקומען די פּאָר רובל, וואָס די פרוי האָט געוואָלט צאָלן, וועט דאָך זיך נישט אַוועקזעצן לערנען ווייבער עברי אָדער שרייבן. מאַכט זיך אַזוי, אַז איך ווער דער „לערער" פון דער פרוי און איר טאָכטער.

געשען איז דאָס אַזוי: יאַנקל האַלאַנד, אַ ייד אַ סוחר און דער שענסטער באַלעבאָס אין שטעטל, האָט אויף די זומער-חדשים (קאַניקולעס) אַראָפּגעבראַכט פון דווינסק אַ לערער פאַר זיינע קינדער (צוויי ייִנגלעך און צוויי דערוואַקסענע מיידלעך). דער לערער, אַלפּעראָוויטש האָט ער געהייסן, האָט געהאַט געענדיקט דעם ווילנער לערער-אינסטיטוט און איז געווען אַ לערער אין „קאַזיאָנער" שול אין דווינסק. שטעטל איז געגאַנגען כאַדאָרם: אַזאַ געבילדעטער מאַן און האַלט זיך אַזוי פּשוט און איינפאַך. שטייען שטייט ער איין ביי די האַלאַנדס אין מויער (דער איינציקער מויער אין שטעטל). ער קומט אָבער אַריין אין די אָרעמע הייזער און מאַכט באַקאַנטשאַפט מיט דער יוגנט. דערביי רעדט ער נישט רוסיש, נאָר פּשוט יידיש ווי אַלע יידן רעדן. די עלטערע יידן אין בית מדרש האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז דער לערער מוז זיין פון „יענע", אַנדערש

וואָלט דאָך אַזאַ געבילדעטער מאַן נישט געהאַט צו טאָן מיט פשוטע מענטשן. די יידן אין בית מדרש האָבן טאַקע געהאַט אַ גוטן חוש. מיט אַ פּופצן יאָר שפּעטער (1915) בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָב איך, זייענדיק אין דווינסק, זיך געטראָפן מיטן לערער אַלפּעראָוויטש אויף אַ זיצונג פון אַ גרופּע פון יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט גרינדן אַ שול אויף יידיש.

דער לערער אַלפּעראָוויטש האָט געגעבן צו וויסן אין שטעטל, אַז ער איז גרייט צו לערנען מיט אַ גרופּע יינגלעך צוויי שעה אַ טאָג. יעדער דאַרף אָבער צאָלן צוויי רובל אַ חודש. די שמחה ביי די יינגלעך איז געווען גרויס און אַלע פון מיין חדר, חוץ מיר אײנעם, האָבן זיך פאַרשריבן אין דער גרופּע. איך, ווידער, האָב אַפילו נישט געקענט חלומען וועגן צאָלן אַ רובל אַ חודש. איך האָב אַפילו נישט פּרובירט רעדן מיט מיין מאַמען וועגן גיין צום לערער ווייל איך האָב געזען ווי שווער עס קומט איר אָן צו צאָלן שכר־לימוד דעם רבין. איך בין אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער און פאַר־זאָרגטער. מיין מאַמע האָט נישט געקאָנט צוזען מיין צער און האָט שטאַרק געליטן פון דעם, וואָס זי קאָן מיך נישט שיקן צום לערער. מיין מאַמע האָט, ווייזט אויס, זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן דעם צו דער שכנה, וואָס פלעגט קומען צו אונדז מיט אירע בריוו. די שכנה פאַרבעט מיך צו זיך און זאָגט מיר, אַז זי וועט מיר געבן די צוויי רובל אַ חודש צו צאָלן דעם לערער. דערפאַר אָבער, דאַרף איך אַ שעה יעדן טאָג נאָכן חדר לערנען זי און איר טאָכטער עברי און שרייבן אַ יידיש בריוול. מיין פרייד איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך האָב אַפילו נישט אַ טראַכט געטאָן צי איך וועל וויסן ווי צו לערנען און דערצו נאָך עלטערע פון מיר.

אויף מאָרגן בין איך שוין צוזאַמען מיט אַלע יינגלעך געגאַנגען בייטאָג צום לערער פון רוסיש, און אין אָוונט נאָכן חדר האָב איך שוין אָנגעהויבן לערנען די פרוי און איר טאָכטער דעם יידישן אלף־בית.

נאָכן זומער איז דער לערער אַלפּעראָוויטש אַוועקגעפאָרן און אין שטעטל איז געקומען אַ צווייטער לערער, וועלכער האָט אויך גענומען צוויי רובל אַ חודש פון יעדן תלמיד. איך בין געגאַנגען אויך צום צווייטן לערער. די צוויי רובל אַ חודש האָב איך אַלץ געהאַט פון דער פרוי פאַר לערנען זי מיט דער טאָכטער. נאָך 8—10 חדשים האָבן ביידע — די מאַמע און די טאָכטער — זיך אויסגעלערנט זאָגן עברי און אַליין שרייבן אַ בריוו. זיי פלעגן גאַנצע טעג זיצן און איבערשרייבן צו ערשט פון אַ שורה, וואָס איך פלעג זיי אַרויסגעבן און שפּעטער פון אַ בריוונשטעלער, וואָס עמעצער האָט זיי אויסגעבאָרגט. די פרוי איז געווען אַזוי דאַנקבאַר, אַז חוץ די צוויי רובל אַ חודש, האָט זי מיר אַ פּאָר מאָל געגעבן געלט אויף צו קויפן רוסישע לערן־ביכער.

מיין דערפאָלג אַלס „לערער" איז דערגאַנגען צו די אַרומיקע שכנים און צו אַ טאָכטער פון אַ צווייטער שכנה, וואָס איז געגאַנגען חתונה האָבן, און זי האָט געבעטן, איך זאָל מיט איר לערנען לייענען און שרייבן. מיין גוטע מאַמע האָט מיר אָבער נישט דערלויבט אָנצונעמען אַ צווייטע „לעקציע" מחמת איך בין שוין אַזוי אויך געווען צופיל פאַרנומען. פון 6 אין דער פרי ביזן דאַווענען האָב איך, צוזאַמען מיט נאָך יינגלעך, געמאַכט די לעקציעס פאַרן רוסישן לערער. באַלד נאָכן דאַווענען איז מען

געגאַנגען אין חדר. מיטאָג־צייט איז מען געגאַנגען צום לערער און נאָכן לערער צוריק אין חדר אַריין. נאָכן חדר האָב איך געלערנט מיט דער פרוי און דער טאָכטער. פאַר די פעלדער און וועלדער און אָזיערעס וואָס האָבן מיך שטענדיק געצויגן, האָב איך די גאַנצע וואָך קיין צייט נישט געהאַט. בלויז שבת נאָכן עסן פלעג איך זיך לאָזן וווילגיין.

ביי מיר אַליין האָט דער דערפאָלג אַרויסגערופן גאָר אַנדערע געדאַנקען. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן וועגן ווערן אַ לערער און לערנען קינדער. פונקט ווי מיין מאַמע, האָב איך אויך ליב געהאַט קליינע קינדער, און מיין גרעסטער פאַרגעניגן איז געווען צו שפּילן זיך און פאַרברענגען מיט דעם קליינוואַרג פון שטעטל. מיין דעמאָלטיקער חלום און מיין גרעסטער ווונטש אין די יוגנט־יאָרן, איז אין די שפּעטערע יאָרן מקוים געוואָרן.

עמנואל פּאַט

גילינסקי מיין לערער, מיין חבר, מיין פּאַציענט

דעם נאָמען שלמה גילינסקי האָב איך מסתמא געהערט ביי מיין פּאָטער אין שטוב נאָך אין ביאַליסטאָק. שלמה גילינסקי איז דאָך געווען דער אמתער פּיאָנער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין וואַרשע; און מיין פּאָטער, יעקב פּאַט, איז געווען צווישן די פּיאָנערן פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין ביאַליסטאָק, דער פּאַרוואַלטער פון דער י. ל. פּרץ־שול, (אויף וויפל איך ווייס — די ערשטע י. ל. פּרץ־טאָגשול אויף דער וועלט), אַ וואַרטזאָגער פון ביאַליסטאָקער שול־וועזן, וואָס איז געווען איינער פון די דריי „זיילן" פון דער יידיש־וועלטלעכער שול: וואַרשע—ביאַליסטאָק—ווילנע. די דריי צענטערן זענען כסדר געשטאַנען אין ענגער פאַרבינדונג. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די פּאָר־באַראַטונגען וועגן אָרגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג פון אַלע יידיש־וועלטלעכע שולן, איז מיין פּאָטער אָפט געפאָרן קיין וואַרשע. גילינסקי פלעגט צומאָל זיין דער, וואָס האָט געעפנט די לערער־קאָנפערענצן, מיין פּאָטער — אַ מיטגליד אין פּרעזידיום. דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן זייער נאָענטע באַקאַנטשאַפט און פריינדשאַפט. דערצו נאָך האָבן זיי ביידע געהערט צו דער זעלבער ס. ס.־פּאַרטיי, וואָס האָט אין יענער צייט געטויגט איר נאָמען אויף „פאַראייניקטע יידישע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי", מער באַקאַנט אַלס פּשוט „פאַראייניקטע".

עס זעט אויס, אַז גילינסקי האָט אַלס דערציִער געווונען מיין פּאָטערס צוטרוי. דער בעסטער סימן איז, אַז אין יאָר 1919, נישט געקוקט דערויף, וואָס די צייט איז געווען אַן אומרויִקע (פּוילן איז געווען פאַרוויקלט אין אַ בלוטיקער מלחמה מיט די באָלשעוויקעס אין אוקראַיִנע), האָט ער געמאַכט אַ געוואַגטן שריט און אַוועקגעשיקט זיין זון אויף דער ערשטער זומער־קאָלאָניע פון די יידיש־וועלטלעכע שולן, וואָס גילינסקי האָט געהאַט אָרגאַניזירט אין מיכאַלין, הינטער וואַרשע.

איך בין שוין טאַקע געווען אַ „גראַדואַנט" פון דער סאַמע ערשטער גלענצנדיקער „גאָרטן־שול", וואָס די י. ל. פּרץ־שול אין ביאַליסטאָק האָט איינגעאָרדנט נאָך אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע אין „פאַלקאָוניקס דאַטשע" הינטער ביאַליסטאָק. אָבער איך בין נאָך אַלץ אַלט געווען בלויז... זיבן יאָר. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס מיינע זכרונות זענען זייער מטושטשע. אָבער איך געדענק דעם דאָזיקן חודש ווי אַ חודש פון כסדרדיקע שפּילן, קינדער־טומל, געזאַנג. איך געדענק ספּעציעל די „גרויסע שפּאַצירן" אויפן שטויביקן זאַמדיקן וועג צו דעם „באַרג" און דאָן אַריבער דעם „באַרג" צו דער קליינער קיילעכדיקער אָזיערע, וואָס האָט פאַר אונדז ממש אויסגעזען ווי דער ים הגדול. דאָס

איז די זעלבע אַזיערע, צו וועלכער עס האָבן זיך שפּעטער געצויגן במשך פון יאָרן פון דער אַנדערער זייט „באַרג" מחנות קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. זי האָט געהייסן נישט אַנדערש ווי „דאָס ים־אויג" („מאָרסקע אָקאָ" אויף פּויליש)... געדענק איך מיין אייגענע ערשטע שרעקעווודיקע טריט אין דאָזיקן „גרויסן וואַסער". (אין ביאַליסטאָק האָבן מיר נישט געהאַט קיין טייך אָדער אַן אַזיערע צום באָדן זיך). אַ גרעסערער העלד צום פּליושקען זיך אין וואַסער בין איך געווען אין דעם פּלאַכן טייכעלע שווידערעק, וואָס איז געווען נישט ווייט פון דער קאָלאָניע.

גילינסקין פאַרצייכנט מיין זכרון פון יענע פריִע קינדער־יאָרן אויף צוויי אופנים: ער שטייט אויפן מיטן פּלאַץ פון דער זומער־קאָלאָניע אַרומגערינגלט מיט אַן ענגן קרייז פון קינדער, איך אויך בתוכם. אַלע קינדער ווילן רעדן, אַלע ווילן עפּעס פרעגן דעם לערער גילינסקי. יעדער רופט, שרייט: „לערער גילינסקי, לערער גילינסקי!...."

דער נידעריקער גילינסקי, נישט קיין סך העכער פון די עלטסטע קינדער אין דער זומער־קאָלאָניע, לאָזט אונדז אַ פּאָר מינוט זיך אויסטומלען. דאַן הויבט ער אויף זיין האַנט. ווען דער לערער גילינסקי הויבט אויף זיין האַנט ווייסן אַלע, אַז מען דאַרף גלייך ווערן שטיל! און דער לערער גילינסקי האָט, ווייזט אויס, אין דעם טומל פון אַ צענדליק אָדער מער קינדערשע קולות באַוויזן אויפצוכאַפּן וואָס יעדעס קינד האָט אים געפרעגט. וואָרום איצט ענטפערט ער יעדן איינעם לויט דער ריי אויף דעם לאַנג־זאַמען אופן, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר גילינסקי, דעם דערציִער. — די אויפגעהויבענע האַנט, די שטילקייט וואָס זי רופט אַרויס, די פּאַוואָליאַדיקע רייד פון לערער גילינסקי — דאָס האָבן שפּעטער איבערגעלעבט און פאַרגעדענקט טויזנטער קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

צווייטנס, זיינע מעשיות. אַלע זיצן אונטער אַ בוים און דער לערער גילינסקי דערציילט מעשיות. נאַטירלעך געדענק איך זיי מער נישט. איך ווייס נאָר, אַז זיי זענען געווען פון ווייטע עקזאָטישע לענדער. באַזונדערס אָפט — זאָגן מיר די רעשטלעך זכרונות — זענען עס געווען מעשיות וועגן אינדיע — אָדער אינדיאַנער. אָבער איך געדענק יאָ אַ גרויסן בלעטער־בוים מיט ברייטע צווייגן און מיר קינדער זיצן ענג איינע נאָך די אַנדערע אַרום דעם בוים און שלינגען די ווערטער פון לערער גילינסקי.

*

די ערשטע שול־קאָלאָניע אין מיכאַלין איז געווען הן אָרגאַניזאַציאָנעל, הן דער־ציִעריש די פאָרגייערין פון דער שפּעטערדיקער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ווי מיר דוכט, איז זי קיין מאָל גענוי נישט באַשריבן געוואָרן אין דער שפּעטערדיקער ציש"אָ־ליטעראַטור. צום גליק איז איין אָפּטער באַזוכער — יעקב פּאַט — אַזוי איבערגענומען געוואָרן מיט אָט דעם פרעכטיקן קינדער־גן־עדן, אַז ער האָט אים געווידמעט אַ גאַנצע דערציילונג־באַשרייבונג „אויף לאַנד", וואָס איז שפּעטער אַריינגענומען געוואָרן אין זיין בוך „אַ קראַנץ בלומען" — וואַרשע 1920. לאָמיר אויפלעבן יענע ווייטע בראשית־צייט פון דער יידיש־וועלטלעכער שול דורך איבערדרוקן אַ טייל פון „אויף לאַנד".

בין השמשות

— „עס איז שוין נאָכן אונט־עסן. די ייִנגערע קינדער וואַשן זיך שוין אין די שיסלען קאַלטע וואַסער און קלויבן זיך אין די ווייסע בעטן אַריין. די עלטערע זיצן נאָך אויף די וועראַנדעס, אין אַלטאַנקע און אויף די בענק אונטער דיביימער. איין גרופּע דערשפּילט נאָך דעם אָנגעהויבענעם קראָקעט. דאָס טירל אין טויער איז אָפן אין וואַלד אַריין, ווי זי וואָלט זיך עפּעס אויף נאַכט אַריינגעבעטן אַהינצו, און מיט די עלטערע קינדער זינג איך דאָס אומעטיקע לידל:

די זון איז שוין פאַרגאַנגען,
שטיל עפּנט זיך אין מיין האַרץ אַ טיר...

און לאַנגזאַם הויבט זיך אָן צו וועבן דער יוגנטלעכער שמועס פון די יידישע קינדער, פון די יונגע קינדער מיט די אַלטע אויגן...

— באַלד ענדיקט זיך שוין אונדזער האַניק־חודש... — וואַרפט פון זיך אינעווייניק אַרויס צו אונדז דאָס יינגל מיט דעם דאַרן פּנים און פאַרטראַכטע אויגן.

— אַז איך הויב אָן צו טראַכטן, וואָס עס וועט ווייטער זיין, דערשרעק איך זיך אַליין... — ענטפערט אים דער שוואַרצער חבר, דאָס קינד פון ביטערסטן נויט און עלנט.

— יאָ, טאַקע, וואָס וועט ווייטער זיין? — שוין דעם פינפטן קלאַס פאַרענדיקט. מער קיין קלאַסן זענען נישטאָ, אַלט איז מען דערוויל נאָך נישט מער ווי פערצן יאָר, אין שטוב — וואַשט די מאַמע וועש, פאַרקויפט דער טאַטע פּאַפּיראָסן אין גאַס, איז די שוועסטער פון שווינדזוכט קראַנק. וואָס וועט טאַקע זיין?

— נאַר, וואָס זאָרגסטו זיך? — ענטפערט דער חבר — פון פאַראַיאָרן יאָגט דאָך דיך דיין מאַמע אַריסן אויפן גאַס פאַרקויפן... אָט האָסטו שוין אַ גרייטע פּרנסה... דער עולם צעלאַכט זיך.

פון עק באַנק רייסט איבער עמעץ דעם שמועס מיט עפּעס אַנדערש. אין דער טונקל איז שוין שווער געוועזן געבוני צו זען, ווער עס רעדט דאָס, נאָר עס רייסט זיך דער האַרציקער קול, נאָך וועלכן עס לויפן נאָך אַ פּאָר פאַרנעפּלטע אויגן:

— איך בין אַ מאָל געוועזן אין אַ שטוב פון אַ גביר ביים מיטאָג... האָב איך פון דעמאָלט נישט געקאָנט רוען... היינט — אַ גאַנצן חודש גבירים, אַ גאַנצן חודש אַזאַ לעבן, און נאָכדעם צוריק צו אונדז... לערער, מיר דוכט זיך, מ׳קאָן משוגע ווערן!...

— וואָס דאַרפסטו משוגע ווערן, קוק זיך בעסער איין אויפן הימל און צייל מיר אָפּ די שטערן!... — רופט זיך אָפּ דער יונגיטשקער חבר, וועלכער האָט גאָר זיין אָרט אויסגעקליבן צו זיצן אויפן בוים.

— צייל דו, דו ביסט דאָך נענטער צום הימל...

— דעריבער בין איך טאַקע אויפן בוים געקראָכן, נאָר דו האָסט מיך צעטומלט מיט דיין גבירישן מיטאָג...

פון וואַלד האָט זיך אָנגעטראָגן אַן אויסטערלישער געשריי פון אַ פויגל.

— לערער, וואָס שרייט דאָס דער פויגל אין וואַלד?...

— ער ווערט אויך, מסתמא, פון עפּעס משוגע... — כאַפּט אַרויס איינער פון די חברים די תשובה.

יאָ, עס איז אַ זון־פאַרגאַנג, אין וועלכן עס קאָן אַפילו אַ פויגל משוגע ווערן. אין אַלטאַנקע זיצן זיך צוויי צוזאַמען און זינגען זייער לידל:

שטיל פאַרגייט די זון אין פלאַמען — — —

לעשט זיך אויס דאָס לעבן אין דער קינדער־קאָלאָניע. מען קלויבט זיך אויף נאַכט. דער הויף ווערט ליידיקער. איין מאָל און נאָך אַ מאָל קלינגט אָפּ „אַ גוטע נאַכט״.

איצט ליגט מען שוין אין די בעטן. אין דער טונקל דערציילט מען זיך מעשיות וועגן אינדיאַנער און מכשפות, וועגן וויעוויאָרקעס און האָזן, וועגן יעגערס און גאַרי־באַלדי...

פון איין ווינקל פון דער ווילע טראָגט זיך אָן דער פידל־שפּיל. דער קליינינקער חבר, דער פלאָ׳דיקער כלי־זמר, שפּילט אין דער פינצטער פון זיין האַרץ אַרויס. ערגעץ־ווו דרעמלט עמעצער איין, נאָך אים — נאָך עמעצער, אַ דריטער. ערגעץ־ווו פאַרענדיקט מען דאָס לעצטע מעשהלע...

און באַלד וועלן זיך אָנהויבן די חלומות.

גאָט מיינער, איך גיב אָפּ, וואָס מיר איז באַשערט צו האָבן, פאַר די זיבעציק חלומות פון היינטיקער נאַכט״.

★

מיט קנאַפּע צוויי יאָר שפּעטער, פרילינג 1921, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די הכנות צום היסטאָרישן ערשטן שול־צוזאַמענפאָר אין יוני 1921, איז אונדזער משפּחה אַריבערגעפאָרן קיין וואַרשע. איך בין דאַן געוואָרן אַ תלמיד אין דער שול אויף דלוגע 26, וואָס ש. גילינסקי איז געווען איר פאַרוואַלטער.

מיין „שילער־קאַריערע״ ביי גילינסקין האָט געדויערט בלויז אַ קורצע צייט. אין יולי האָבן זיך אָנגעהויבן די זומער־וואַקאַציעס. אין האַרבסט האָבן מיר, דוכט זיך, געלערנט בלויז אַ קורצע צייט. צוליבן נישט קענען באַצאָלן דירה־געלט האָט די שול געקראָגן אַן „עקסמיסיע״.

ס׳איז נישט געווען די ערשטע עקסמיסיע פון גילינסקיס שול. ס׳איז שוין פריער געווען דער פאַל, ווען די קינדער זענען געבליבן זיצן אויף שול־בענקלעך אויפן גרויסן לאַנגן הויף פון דלוגע 26. ווען עס האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט די עלטערן, די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, האָבן זיי מיט דער הילף פון די קינדער, לערער און ש. גילינסקי אויפגעריסן די טיר און צוריק אַריינגעטראָגן די שול־בענק און אָנגעזאָגט דעם באַלעבאָס פון הויז, וואָס עס דערוואַרט אים, אויב ער וועט אַרויסוואַרפן „זייער שול״.

דאָס מאָל אָבער איז עס געווען דער סוף פון דער שול אויף דלוגע 26 — און פון ש. גילינסקיס אַרבעט אַלס לערער און פאַרוואַלטער פון די יידישע שולן אין וואַרשע.

גילינסקי איז געווען מיין לערער פון אַריטמעטיק. פון יענע לעקציעס איז מיר גאָר נישט געבליבן אין זכרון. דערפאַר אָבער געדענק איך זייער גוט אָן אַנדער וויכטיקן און פּיאָנערישן אויפטו פון ש. גילינסקי: דאָס זענען געווען זיינע באַקאַנטע „אַלגעמיינע שמועסן״ פון אַלע קינדער.

קיין גרויסער זאַל איז אין שול נישט געווען, טייל קינדער זענען געזעסן ענג צונויפגעדריקט אויף לאַנגע בענק, וועלכע מען פלעגט אַריינברענגען אין דעם גרויסן צימער, דעם „שול־זאַל". די מערהייט קינדער פלעגט זיצן אויפן דיל. די קלענערע — אין די ערשטע רייען. די "שמועסן" זענען געווען דער עיקר וועגן שול־ענינים, קינדערשע פראַגן און קינדערשע קריוודעס, ענינים פון דיסציפּלין, פון קינדער־אויפרעגונג. די הויפּט־דעבאַטאַנטן זענען, פאַרשטייט זיך, געווען די קינדער גופא, און אַ קינד קען זיין אַ פאַרביסענער און כמעט האַרצלאָזער קטיגור צו אַ צווייט קינד...

געוואַלט רעדן האָבן — אַלע. דער שרייבער פון די שורות, אַ שילער פון פערטן קלאַס, האָט כמעט אַלע מאָל געהאַט אויפגעהויבן זיין האַנט, — געקומען צום וואָרט איז ער זעלטן. גילינסקי, וואָס איז געווען פאַרזיצער און אויפן היינטיקן לשון „מאָדע־רעיטאָר" פון דער דעבאַטע, איז געווען גלייך גערעכט צו די קינדער, וואָס זענען געזעסן פון דער רעכטער זייט און פון דער לינקער, אין די פאָדערשטע און אין די הינטערשטע רייען. ער האָט געהאַט די געניטקייט צו דערקענען ווער פון די קינדער וועט האָבן אַ פאַרקערטע מיינונג פון דעם, וואָס האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר אים — און דווקא אים פלעגט ער אויסקלייבן צווישן די צענדליקער אויפגעהויבענע הענט: זאָלן אַלע „צדדים" זיין פאַרטראָטן אין שמועס!

גילינסקיס ראָל בעת דער קינדער־דיסקוסיע איז געווען אַ באַגרענעצטע, העכסטנס פלעגט ער „אונטערשטופּן" אַ וואָרט, בעת ביי איינעם פון די דיסקוטאַנטן האָבן זיך פאַרהאַקט די רייד. נאָך דעם פלעגט ער סומירן, שטעלן דעם פּראָבלעם צו דער אָפּשטימונג פון די קינדער. אָבער דאָס איז נישט געווען דאָס וויכטיקסטע. מיט אַ מאָל פלעגט אַדאַנק גילינסקיס רייד וועגן דעם דוכט זיך פּשוטן טאָג־טעגלעכן קליינעם פּראָבלעם פון דער קינדערשער תביעה, אָדער נישטיקער פאַרזינדיקונג, פון דעם קליינעם ענין פון דיסציפּלין — אויפוואַקסן אַ העכערער ענין — פון מענטשלעכער מאָראַל, פון אינערלעכער באַציִונג, פון סאָלידאַריטעט פון חבר צו חבר.

אין דעם איז געווען גילינסקיס שטאַרקייט אַלס דערציִער.

נעמט צונויף, פלעכט צוזאַמען אָט די צוויי פּיאָנערישע אויפטוען פון שלמה גילינסקי: די ערשטע קינדער־קאָלאָניע פון יידישע קינדער און די פרייע קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג — און וואָס באַקומט איר, אויב נישט דעם תוך און דעם ספּעציפישן גייסט פון דער שפּעטערדיקער מעדעם־סאַנאַטאָריע און גילינסקיס ביטראָג צו איר אַנטוויקלונג, צו איר פּעדאַגאָגישער שלימות?

✶

איך בין אַ סך מאָל געווען אין דער סאַנאַטאָריע, אַלס „סאַנאַטאָריסט", אַלס אָפּטער באַזוכער, אַ געוויסן זומער ווי אַ צייטווייליקער ביוראָ־אָנגעשטעלטער. אָבער הן די סאַנאַטאָריע, הן די ראָל פון שלמה גילינסקי וועלן דאָך זיכער געגוי באַשריבן ווערן דורך אַ סך אַנדערע מיטבאַטייליקטע אין דעם דאָזיקן בוך. וועל איך מיינע אייגענע סאַנאַטאָריע־זכרונות אַדורכלאָזן און איך וועל זיך אָפּשטעלן נאָר אויף איין פּרט: דעם באַרימטן פילם פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע „מיר קומען אָן".

מיין פאָטער האָט אָנגעשריבן דעם סצענאַר. צו דער רעדאַקציע איז דערנאָך צוגעצויגן געוואָרן ח. ש. קאַזדאַן און די פּוילישע סאָציאַליסטישע שרייבערין וואַנדאַ

וואַשילעווסקאַ. פּראָדוצירט דעם פילם האָט איינער פון די באַרימטסטע פּוילישע פילם־פּראָדוצענטן אַלעקסאַנדער פאָרד. אַ וויכטיקער „שותף" אין דער באַשאַפונג פון פילם איז, פאַרשטייט זיך, געווען גילינסקי.

טייל באַראַטונגען זענען געווען ביי אונדז אין דער היים, געדענק איך דיסקוסיעס צווישן מיין פאָטער און גילינסקי. מיין פאָטער, מיט זיין שטאַרקער נייגונג צו עמאָציאָנעלער באַווירקונג, האָט כסדר געוואָלט אַריינפירן וואָס מער דראַמאַטישע מאָמענטן אין פילם, גילינסקי ווייטער האָט געוואָלט, אַז דער פילם זאָל פּשוט וואָס געטרייער שילדערן דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן, די רוטינע אַרבעט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

— „יעדע רגע, וואָס אַ קינד פאַרברענגט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, איז גענוג דראַמאַטיש" — פלעגט ער טענהן.

ער איז נישט געווען אומגערעכט.

★

אַ גרויסער שפּרונג אין צייט. ס'איז שוין שפּעטער האַרבסט 1939. נישטאָ שוין מער קיין אומאָפּהענגיק פּוילן. וואַרשע, די מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען שוין אין די נאַצישע לאַפּעס. גילינסקי מיט זיין פרוי ליובאַ און זייער זון וויקטאָר זענען שוין פּליטים אין דער שטאָט, פון וועלכער ער איז מיט איבער דרייסיק יאָר צוריק אַרויס אין דער יידישער וועלט — אין ווילנע. אויך די מיטגלידער פון מיין משפּחה, אויסער מיין פאָטער, וואָס איז אין ניו־יאָרק, זענען אין ווילנע.

ש. גילינסקי — אַן אָרעמער פּליט, אַרויסגעריסן פון זיין היים, פון זיין אַרבעטס־סביבה אַזוי ווי טויזנטער אַנדערע יידישע פּליטים. אָבער נישט קיין פאַרלוירענער פּליט! אין דער אַלגעמיינער ביאָגראַפיע פון ש. גילינסקי, בין איך זיכער, וועט אונטער־געשטראָכן ווערן די געוואַלדיקע ענערגיע, די אונטערנעמערישקייט, די אויפטוען פון דער גרופּע געוועזענע אָנפירער פון דער ציש"אָ (ש. מענדעלסאָן, ח. ש. קאַזדאַן, ש. גילינסקי, ש. זוסמאַן, י. ברומבערג א"אַ) בעת זייער ווילנער „גלות". ווען איך שרייב אָט די שורות ליגן אויף מיין טיש די בריוו, וועלכע זיי האָבן געשיקט צו מיין פאָטער אין יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, בריוו מיט גרויס־פאַרמאָסטענע פּלענער — און די ענטפערס פון מיין פאָטער, וואָס האָט זיי געמוזט צוימען און אָנווייזן, אַז די געלט־פאָנדן פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט זענען סוף־כל־סוף באַגרענעצט און דער גרעסטער טייל פון זיי מוז דאָך איבערגעשיקט ווערן „אַהיים" ד"ה קיין וואַרשע, צו די יידן אונטערן נאַצישן יאָך.

אין אָט די חדשים האָט זיך איינגעשטעלט אַ נאָענטע טאָג־טעגלעכע פאַרבינדונג צווישן מיין מוטער רבקה ע"ה און די ציש"אָ־טוער, צווישן זיי ש. גילינסקי. מיין מוטער איז געווען די, וואָס איז דעלעגירט געוואָרן צו אַראַנזשירן די אומלעגאַל־אַדורכגעפירטע געלט־טראַנספּערן פון ניו־יאָרק קיין ווילנע (קיין אַנדערן, ווי פאָטס פרוי האָבן די ניו־יאָרקער געלט־אויסבאָרגער נישט געוואָלט געטרויען).

ליגט איצט אויף מיין שרייב־טיש די לעצטע טעלעגראַמע, וואָס ש. גילינסקי האָט אַרויסגעשיקט דעם 6טן סעפּטעמבער 1940 אונטער דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע, פון ווילנע: „רבקה פאָט פּלוצלונג געשטאָרבן. איך נעם אייך אַרום. זייט געטרייסט. די קינדער זענען באַזאָרגט. ש. גילינסקי"

דער טויט האָט שטאַרקער פאַרפלאָכטן אונדזערעביידע משפחות, וואָס זענען געגאַנגען זייער בשותפותדיקן לעבנס־וועג איבער פערציק יאָר.

✶

די ווילנער פליטים־תקופה האָט אין אַ גרויסער מאָס פאַרווישט די מחיצה פון די דורות. גילינסקי איז פאַר מיר געוואָרן אויס „לערער גילינסקי", נאָר „חבר גילינסקי". מיר ביידע האָבן פאַרלאָרן אונדזערע פריערדיקע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט־וואַרשטאַטן.

פון די שמועסן, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צו האָבן מיט חבר גילינסקי אין ווילנע, איז פאַר מיר קלאָר, אַז אין יענער צייט זענען ביי אים פאַרגעקומען צוויי וויכטיקע אידעיִשע פּראָצעסן.

אין פּוילישן „בונד" האָט גילינסקי געהערט צו דער „לינקער ריכטונג", צו די אַזוי גערופענע „צווייער". ער האָט זיי פאַרטראָטן אין פּאַרטיי־אינסטאַנצן, אין פּאַרטיי־דיסקוסיעס. דאָס האָט געמיינט „רעוואָלוציאָנערער סאָציאַליזם" פון אַ גאָר לינקן שניט. דער עיקר — אַ כסדרדיקע אָריענטאַציע אויף רוסלאַנד און דעם קאָמוניזם.

דער דירעקטער קאָנטאַקט מיטן קאָמוניזם אין סאָוויעט־רוסלאַנד אין דעם קורץ־דויערנדן וואַנדער־וועג און דער עיקר די בלוטיקע שותפות פון סטאַלינען מיט היטלערן האָבן גילינסקין באַפרייט פון יענע אילוזיעס. בעת טייל פון די אַנדערע פירער פון „בונד" פלעגן נאָך איבערחזרן די פריערדיקע לינקע רייד, וואָס האָבן כאַראַקטעריזירט סיי די מערהייט, סיי די מינדערהייט פון פּוילישן „בונד" — האָט זיך גילינסקי גלייך און גרינטלעך אָפּגעטרייסלט פון זיין פריערדיקן וועג. די ווייטערדיקע צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן האָט ער שוין געטראַכט, גערעדט, געהאַנדלט ווי אַן אמתער, אויפריכטיקער, פרייהייטלעכער, דעמאָקראַטישער סאָציאַליסט. די הויפּט־סיבה דערפון, בין איך איבערצייגט, איז דער יידישער פאַקטאָר.

אין אַלע זיינע יאָרן פון טעטיקייט אין פּוילישן „בונד" האָט גילינסקי געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט שטאַרקער אַקצענטירט דעם יידישן עלעמענט אין דער בונדישער אידעאָלאָגיע. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש נישט נאָר פאַר אים, נאָר פאַר אַלע בונדישע טוער, וואָס זענען געקומען צום „בונד" פון די „פאַראייניקטע", ווי למשל: י. כמורנער, י. פּאַט, ש. גילינסקי, ש. זוסמאַן א״אַ. זיי זענען אַלע געווען מער „נאַציאָנאַל געשטימט" ווי די מערהייט „אָרטאָדאָקסישע בונדיסטן". טייל פון זיי, ווי כמורנער־לעשטשינסקי און גילינסקי, האָבן טאַקע געהערט צום לינקן פליגל און מען האָט אפשר פון זיי געקענט דערוואַרטן אַ מאַקסימאַלע מאָס פון אינטערנאַציאָנאַליזם. אָבער זייער טעטיקייט אין די יינגערע יאָרן איז געווען שטאַרקער ווי די טעאָרעטישע אינטערנאַ־ציאָנאַליסטישע רייד. פלעגן זיי טאַקע צושטעלן דעם רעפעראַט אויף בונדישע צוזאַ־מענפאָרן וועגן „די יידישע פראַגע און דער בונד" כמורנערן, וואָס פלעגט פאָדערן אַ מער אַקטיווע, מער פּאָזיטיווע אָריענטאַציע צום יידישן לעבן. ווען עס פלעגט קומען אין „בונד" צו אַ דיסקוסיע וועגן בונדישער באַטייליקונג אין דער יידישער קהילה, אין אַלגעמיינע יידישע אָרויסטרעטונגען, פלעגט מען אָט די טוער (צוזאַמען, פאַרשטייט זיך, מיט זייער פיל „שטאַמיקע בונדיסטן") אַלע מאָל געפינען צווישן די „יאַ־זאָגער".

איצט, ווען די אילוזיע אויפן קאָמוניזם איז ביי גילינסקין אויסגערונען געוואָרן און די האָפענונגען אויפן „אינטערנאַציאָנאַליזם" זענען דערווייל געווען נישט מער ווי אַ מיראַזש פאַר די אין בלוט אָפּגייענדיקע יידן אונטער דער נאַצישער שקלאַפעריי, איז אַט דער „יידישער פאַקטאָר" אויף אַ נאַטירלעכן אופן אויפגעשווומען אויבן־אָן. בעת די אָפיציעלע בונדישע איינשטעלונג איז פאַרבליבן ווי אַ גלייך באַלאַנסירטע פאַרבינדונג צווישן „יידיש" און „סאָציאַליזם" — קען מען אָן שום אָפּהאַלט זאָגן, אַז גילינסקי האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן אָפּגעלעבט ווי אַ יידישער סאָציאַליסט, מיט אַ בפירושן — און מיט די יאָרן כסדר שטאַרקער ווערנדיקן אַקצענט אויף „יידישער".

דאָס איז געוואָרן באַזונדערס בולט, ווען ער האָט זיך ענדלעך מיט זיין פרוי ליובאַ און זייער זון וויקטאָר דערשלאָגן קיין אַמעריקע. פון ערשטן טאָג אָן האָט גילינסקי געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון די אַריבערגעקומענע בונדיסטן, ווי אַ גרופּע און ווי יחידים, איז איינצוגלידערן זיך אין דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־ און קולטור־באַוועגונג; פּרובירן זי צו פאַרשטאַרקן, אַקטיוויזירן זי — און אויף אַזאַ אופן מאַכן אַ שעפערישן ביישטייער פאַר די געמיינזאַמע צילן. ער האָט דאָס הייס פאַרטיידיקט — נישט געקוקט וואָס במשך פון אַ ריי יאָרן האָט ער פערזענלעך נישט געקענט געפינען פאַר זיך קיין אַרבעט־פּאָזיציע, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן זיינע פאַרדינסטן און ראָל אין דער יידישער קולטור־באַוועגונג אין פּוילן. (אַ צייט איז ער געווען אַ לערער אין אַ קליינער, קוים זשיפּענדיקער פּראָווינצער שול אין ברידזשפּאָרט, קאָנעטיקוט). ער האָט באַקעמפט די איינשטעלונג פון זעלבסט־איזאָלאַציע, פון קעגנער־שאַפט צו מיטאַרבעט מיט אַנדערע עלעמענטן אין דער יידישער געזעלשאַפט, פון קריטיק מחוץ, וואָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַנדערע אַריבערגעקומענע בונדיסטן.

ווען ער איז געוואָרן פאַרוואַלטער־אַרויסגעבער פון דער יידישער ענציקלאָפּעדיע, האָט ער אויפגעלעבט. ער האָט אין אַט דער אַרבעט געפונען אַ מעגלעכקייט ממשיך צו זיין די יידישע קולטור־טעטיקייט, ברענגען די פאַקטן פון יידישן קולטור־רענעסאַנס צו נייע עלעמענטן, וואָס האָבן וועגן אים קיין אָנונג נישט געהאַט (דורך די ענגלישע פיר בענד ענציקלאָפּעדיע). דער עיקר אָבער האָט ער געהאַט דאָס געפיל, אַז ער פירט אָן מיט אַ היסטאָרישער אַרבעט פון פאַראייביקן פאַרן יידישן פאָלק די חרוב־געוואָרענע מזרח־אייראָפּעיִשע יידישע וועלט, אָפּראַטעווען פון פאַרגעסונג אירע הערלעכע אוצרות.

ווען עס איז אין 1948 אויפגעקומען מדינת ישראל האָט גילינסקי געהערט צו יענעם צד אין „בונד", וואָס האָט מיט פרייד און מיט שטאָלץ אויפגענומען אַט די היסטאָרישע געשעעניש ווי אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג אין יידישן לעבן — נישט געקוקט אויף ערנסטע קריטישע טענות צו מדינת ישראל, וואָס זענען אויך ווייטער פאַרבליבן. ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע געפּרוווט משפּיע זיין, אַז אַט די פּאָזיטיווע באַציִונג זאָל אָנגענומען ווערן דורכן גאַנצן „בונד".

דאָס איז נישט געלונגען. גילינסקי האָט פון דעם געהאַט שווערן עגמת נפש. ער האָט געהאַלטן, אַז דורך זיין איינשטעלונג צו מדינת ישראל האָט זיך דער „בונד" נישט נאָר איזאָלירט פון די יידישע מאַסן, נאָר האָט פאַקטיש פאַרשפּילט די מעגלעכקייט אויף אַ קאָנסטרוקטיוון אופן משפּיע צו זיין דאָס יידיש לעבן.

ווי עטלעכע אַנדערע חברים פון זיין שיטה, האָט ער זיך צוליב דעם פּאַוואַליע אָפּגערוקט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און איר אַרבעט; כאָטש ער איז פאָרמעל פון „בונד" נישט אַוועק, פלעגט ער אַלץ זעלטענער קומען אויף בונדישע פאַרזאַמלונגען. אַזוי איז עס פאַרבליבן ביז צום סוף פון זיין לעבן.

*

איך מוז נאָך אַבער פון זיין „אַמעריקאַנער פעריאָד" אַרויסרופן איין טאָג, ריכטיקער — אַ פּאָר רגעס, וואָס וועלן פאַרבלייבן איינגעקריצט מיט אומפאַרגעסלעכקייט אין מיין זכרון. דאָס איז געווען בלי ספק דער טראַגישסטער טאָג און די טראַגישסטע רגע אין גילינסקיס לעבן.

עס איז מיטן אָקטאָבער 1942. אין דער פרי, ווען מיר האָבן אַלע אויפגעעפנט די יידישע צייטונגען, האָט אונדז אין די אויגן אַ שלאָג געטאָן דער גרויסער בראָך. ווי צוגעוווינט מיר זענען שוין במשך פון די לעצטע קנאַפּע דריי יאָר געווען צו לייענען יעדן טאָג די איוב־געשיכטע פון אומקום פון אונדזער פאָלק, האָט אונדז דאָך די דאָזיקע ידיעה אין גאַנצן צעבראָכן:

נאַציס ליקווידירן די מעדעם־סאַנאַטאָריע. פירן אַוועק די קינדער און לערער צום טויט.

דער בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג האָט אויף 12 אַזייגער צונויפגערופן אַ דרינגענדע זיצונג פון אַלע לערער. איך האָב דאַן אויך געלערנט אין אַן אַרבעטער־רינג שול. בין איך, נאַטירלעך, געקומען. נחום כאַנין עפנט מיט אַ פּאָר ווערטער די פאַרזאַמלונג. מיין פאָטער, אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון אַרבעטער־קאָמיטעט, לייענט איבער די ידיעה, וואָס איז נעכטן מיט פאַרשפּעטיקונג אָנגעקומען איבער לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק (די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז ליקווידירט געוואָרן דעם 20סטן אויגוסט 1942).

„און איצט רוף איך אויס דעם געוועזענעם פאַרוואַלטער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע חבר שלמה גילינסקי" — זאָגט כאַנין.

גילינסקי שטעלט זיך אויף. זיין קאָפּ איז גרוי, אַריינגעדריקט טיף צווישן די פּלייצעס. דאָס פּנים — אַש, די אויגן — רויט. ער זעט איצט אויס נאָך אַ סך נידעריקער ווי געוויינלעך. „חברים" — הויבט ער אָן.

און ווייטער קען ער נישט. ער צעכליפּעט זיך. און פון כליפּען ווערט אַ הייסער, הויכער געוויין. ער שטייט און וויינט. ער באַמיט זיך צו קאָנטראָלירן — אָבער עס געלינגט אים נישט. דאָס געוויין ווערט העכער און העכער. איצט וויינט ער שוין נישט אַליין. עס וויינען מיט אים אַלע — אַמעריקאַנער לערער, וואָס האָבן די סאַנאַטאָריע קיין מאָל נישט געזען, וואָס האָבן זי געקענט נאָר פון הערן, פון סאַנאַטאָריע־פילם און לערער־פּליטים.

קען מען דאָס ווען נישט איז פאַרגעסן? ביז צום סוף פון מיינע טעג וועל איך זען מיין לערער און חבר גילינסקי, ווי אַזוי ער איז דאַן געשטאַנען אין גרויסן אַרבעטער־רינג־צימער און אָנגעפירט מיט אָט דעם שטייגנדיקן וויינען בציבור פון אַן עדה דערוואַקסענע, פון לעבן און יידישע צרות פאַרהאַרטעוועטע יידישע לערער. ער האָט

זיך דאָן בשום אופן נישט געקענט באַהערשן. ער האָט נישט געקענט רעדן, מ׳האָט אים סוף כל סוף געמוזט אַרויספירן פון צימער.*)

*

צום סוף אַ פּאָר שורות וועגן גילינסקי — מיין פּאַציענט.

די לעצטע צען יאָר פון זיין לעבן בין איך געווען זיין דאָקטאָר. גילינסקיס געזונט האָט אָנגעהויבן צו ווערן קאַליע. פון אָנהויב זענען עס געווען קליינע, איינפאַכע, לייכטע מחלות. שפּעטער האָט דאָס האַרץ גענומען לאָזן הערן פון זיך... גילינסקי איז פון זיין פאַרערגערטן געזונטהייטס־צושטאַנד געוואָרן אָנגעשראָקן. ער האָט זיך אָנגעהויבן זייער צו היטן. ער פלעגט זיך אָפט ווענדן נאָך מעדיצינישער הילף.

אויף אַזאַ אופן האָבן מיר זיך גענומען אָפטער טרעפן, און אונדזער פריינדשאַפט איז פון דעם געוואָרן ענגער, נענטער.

אַ וויזיט פון גילינסקי דעם פּאַציענט, אָדער אַ וויזיט צו גילינסקי, דעם פּאַציענט ביי אים אין שטוב, האָט אַלע מאָל געמיינט אַ גאַנץ לאַנגער שמועס. גילינסקי פלעגט אויסנוצן די צוזאַמענטרעפן אויף לענגערע שמועסן וועגן יידישע קהלשע ענינים, וועגן די שוועריקייטן און דערגרייכונגען פון זיין אַרבעט, וועגן די טענדענצן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין די לעצטע יאָרן איז צוגעקומען נאָך איין מאָמענט: ער האָט יעדעס מאָל מיט פרייד און שטאָלץ דערציילט וועגן די לערן־פאָרשריטן פון זיין וויקטאָר; און ווען יענער איז אַוועקגעפאָרן פון ניו־יאָרק שטודירן — וועגן די אינטערעסאַנטע און נאָענטע יידישע בריוו, וואָס ער באַקומט פון אים.

איך וויל פאַרענדיקן מיט איין פּערזענלעכער דערמאָנונג: אין די יאָרן 1954—1962 האָב איך געהאַט אַ מעדיצינישן קאַבינעט אין מיין פּריוואַטער דירה. גילינסקי איז דאָרטן געווען אַן אָפטער אַריינקומער.

מיין זון אברהמעלע, דאַן צוויי יאָר אַלט, איז אויך געווען אַ זייער אָפטער אַריינקומער אין וואַרטע־צימער. די פרעמדע מענטשן, וואָס זענען דאָרטן געזעסן, זענען פאַר אים געווען אַ סענסאַציע. צווישן אַלע פּאַציענטן האָט ביי אים איינער אַממערסטן נושא חן געווען: גילינסקי. עס האָט זיך צווישן זיי גלייך איינגעשטעלט אַ גאָר נאָענטע

---

*) אין רעזולטאַט פון אַט דער לערער־פאַרזאַמלונג איז אין אַ קורצער צייט אַרום פאָרגעקומען איינע פון די אויפטרייסלענדיקסטע פאַרזאַמלונגען אין אונדזערע חורבן־יאָרן, אין אונדזער געשיכטע — אַ פאַרזאַמלונג, וואָס איר גלייכן האָט נאָך ניו־יאָרק נישט געזען — נישט פריער און נישט שפּעטער.

דער ריזיקער זאַל פון באַרימטן „מעקאַ־טעמפּל" איז געווען פול אָנגעפּאַקט מיט אפשר פינף טויזנט קינדער — פון אַלע מינים יידישע שולן אין ניו־יאָרק. זיי אַלע זענען געקומען אויסשרייען זייער ווי צוליבן מאָרד פון זייערע ברידערלעך און שוועסטערלעך אין מזרח־אייראָפּע. אויף יידיש האָט גערעדט אברהם ברומבערג, דער זון פון געהילף־פאַרוואַלטער פון דער סאַנאַטאָריע, וואָס האָט זיך אויסגעכאַוועט טאַקע אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

אפשר — האָט מען זיך איינגערעדט — וועט דאָס טויב־שטומע אַמעריקע, וואָס האָט נישט געהערט און נישט געוואָלט הערן דעם פאַרצווייפלטן הילף־רוף פון די געטאָס, פאַרט אויפגעטרייסלט ווערן פון געשריי פון טויזנטער קינדער? אומזיסט געהאָפט...

פריינדשאַפט. איינער פון די ערשטע נעמען, וואָס מיין זון האָט זיך אויסגעלערנט אַרויסצורעדן איז טאַקע געווען — גילינסקי. גילינסקי ווייטער האָט געהאַלטן, אַז ער קען נישט פאַרברענגען בעסער די צייט פון וואַרטן אויף זיין ריי ווי — זיך אָפּגעבן מיט אַ קינד.

אָט די „פריינדשאַפט״ האָט אָנגעהאַלטן די גאַנצע צייט, וואָס דער מעדיצינישער קאַבינעט איז געווען אין מיין פּריוואַטער דירה. מיין זון איז ביסלעכווייז געוואָרן באַרעדעוודיק. איצט פלעגט שוין גילינסקי קענען פאַרברענגען די צייט אין „ערנסטע״ שמועסן, פלעגט קענען דערציילן מעשיות.

נישט איין מאָל פלעגט טרעפן, אַז ווען איך פלעג פון עקזאַמיניר־צימער ארויסגיין אַריינצורופן מיין פּאַציענט גילינסקי, האָב איך אים גאָר געטראָפן זיצן אויפן דיל, לעבן מיין זון, פאַרטיפט אין אַ שפּיל, אין אַ לענגערן שמועס, אין מיטן פון אַ מעשה. פאַרשטייט זיך, אַז די פּראָטעסטן פון מיין זון פלעגן פועלן: גילינסקיס וויזיט אין עקזאַמיניר־צימער פלעגט מוזן אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ פּאָר מינוט ביז וואַנען דער „ערנסטער געשפּרעך״ אָדער די מעשה פלעגט פאַרענדיקט ווערן.

אַזוי, אויפן דיל פון וואַרטע־צימער, האָט צום לעצטן מאָל אויפגעבליצט דער אמתער, דער יונגער שלמה גילינסקי — דער לערער גילינסקי.

מ. צאַנין

ש. גילינסקי — דער יידישער פעסטאַלאָצי

אין די יאָרן ווי איך האָב געקענט ש. גילינסקי, דעם פאָטער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע נעבן וואַרשע, האָב איך געזען אין אים דעם יידישן פעסטאַלאָצי. גילינסקיס פאַרשטיין די נשמה פון דעם יידישן קינד האָט זיך געגרענעצט מיט דער אינטויִציע פון אַ קינסטלער, און אויף דעם געביט פון דערציִונג איז ער באמת געווען אַ קינסטלער. איך האָב בכיוון געזאָגט „די נשמה פון דעם יידישן קינד", ווייל דאָס קינד פון דער יידישער אָרעמקייט אין פוילן, צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, איז געווען אַ באַזונדער פּראָבלעם, וואָס פאַרשטיין און לייזן אים האָבן געקאָנט נאָר אַזעלכע דערציִער־קינסטלער ווי ש. גילינסקי.

ש. גילינסקי האָט נישט געשריבן קיין טעאָרעטישע ביכער וועגן זיין מעטאָד פון דערציִען קינדער, ווי ער האָט זיך בכלל נישט אָפּגעגעבן מיט טעאָרעטישע פראַגן. ער איז געווען, ווי יאַנוש קאָרטשאַק, אַ דערציִער, וואָס האָט זיין גאַנצע טעטיקייט אויסגע־פילט מיט מעשים. אַנשטאָט צו טעאָרעטיזירן און אויספרווון זיין מעטאָד לאַבאָראַטאָריש, האָט ער געשאַפן דעם פּראַקטישן מכשיר צו „אינסטאַלירן" דאָס קינד אין זיין נאַטיר־לעכער וועלט, ווו ער זאָל צוריק באַקומען זיין קינדהייט, געווינען צוטרוי צום מענטש און אויך צו די אייגענע עלטערן — אַ צוטרוי וואָס יידישע קינדער פלעגן לייכט פאַר־לירן אין די שווערע באַדינגונגען פון דער יידישער פּראָלעטאַרישער אָרעמקייט אין וואַרשע. דער מכשיר האָט געהייסן: „די מעדעם־סאַנאַטאָריע".

די מעדעם־סאַנאַטאָריע ווי אַ פּערפעקטן דערציִונגס־אַנשטאַלט זע איך ווי אַ רעאַ־ליזירטן חלום, נישט צוליב דער פערספּעקטיוו פון די דרייסיק יאָר, וואָס זענען אָפּגעלאָפן זייט די נאַציס האָבן ליקווידירט דעם אַנשטאַלט, נאָר איך האָב אים געזען ווי אַ רעאַלי־זירטן חלום נאָך דעמאָלט, ווען איך האָב מיטגעאַרבעט מיט גילינסקין אין ציש"אָ.

ש. גילינסקי האָט אין און פאַר דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אויסגעפירט פונקציעס, וואָס ביי די באַדינגונגען היינט צו טאָג אין אַ דערציִונגס־אַנשטאַלט אין אַ קולטור־לאַנד וואָלט מען געדאַרפט האָבן אַ גאַנצן שטאָב פון מענטשן: ער איז געווען סיי פּעדאַגאָגישער און סיי אַדמיניסטראַציע־דירעקטאָר; ער האָט אָנטיילגענומען אין די פּעדאַגאָגישע זיצונגען אין דער סאַנאַטאָריע, ווי אין די זיצונגען פון דער ציש"אָ־דירעקציע אויף צו זאָרגן פאַרן מאַטעריעלן קיום פון דעם אַנשטאַלט; ער האָט זיך פאַרנומען מיט געפינען געלט־מיטלען, ווי ער האָט געהאַט אַ וואַכזאַם אויג אויף די צושטעלונגען פון שפּייז פאַרן אַנשטאַלט. פאַר זיין צימער אין די ביוראָען פון ציש"אָ אויף לעשנע גאַס, אין וואַרשע, האָט איר געקאָנט טרעפן אַ שפּייז־צושטעלער, וואָס איז געקומען מאָנען אַ חוב, ווי איר

האָט געטראָפן אַ פּאַטער צי אַ מוטער, וואָס איז געקומען רעדן מיט ש. גילינסקי וועגן זייערס אַ פּראָבלעמאַטיש קינד, אָדער אַ לערער, וואָס גילינסקי האָט אים פאַרבעטן אויף אַ שמועס וועגן דער אַרבעט אין דער סאַנאַטאָריע.

גילינסקי איז געווען אַלץ און אומעטום. קלאָר, אַז די הויפּט־סיבה צוליב וועלכער גילינסקי האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבן פון אַ גאַנצן פּערסאָנאַל — אַן אַדמיניס־טראַטיוון און פּעדאַגאָגישן — איז פון אָנהייב געווען דער אייביקער דוחק אין געלט־מיטלען, דער אייביקער גראַנגל מיט די אויסערגעוויינטלעכע מאַטעריעלע שוועריקייטן, וואָס האָבן בשום אופן נישט געטאָרט זיך אָפּשלאָגן אויף דער אַרבעט און אויף דער אַטמאָספער אין דער סאַנאַטאָריע. מיט קאָנצענטרירן אין זיינע הענט אַ צענדליק פונקציעס האָט ער אַ מעגלעכקייט אינטענסיוו דורכצוזעצן זיינע אידייען, סיי דער־ציערישע און סיי אָרגאַניזאַציאָנעלע. און דער רוקנביין פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז דאָך געווען דערציִונג דורך אָרגאַניזאַציע און שפּיל, דורך אַקטיוויזירן די קינדער צו פונקציעס אין אַ מיניאַטור־מדינה, ווי עס איז געווען די מעדעם־סאַנאַטאָריע.

אין מיין מיטאַרבעט מיט ש. גילינסקין און ביים בשותּפותדיקן צוזאַמענשטעלן אַן אַלבום פון מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַר אויפקלערונגס־צוועקן, האָט ער מיר אויפגעַ־קלערט די ריכטונג פון זיינע פּעדאַגאָגישע זוכענישן, וועלכע האָבן זיך, ווערליק זיין מיינונג, געדאַרפט אָפּשפּיגלען אויך אין דעם פּראָיעקטירטן אַלבום.

אין די היימען פון אָרעמע יידישע עלטערן אין דעם וואַרשעווער כרך, אין ענגע דירות, אין נאַסע קעלערן, ווו אַן שום מחיצות און אין דער קעגנוואַרט פון די קינדער שפּילט זיך אָפּ דאָס גאַנצע פאַמיליע־לעבן — מיט דער ביטערניש, ראַנגלעניש און נויט — ווערן די קינדער רייף־פאַרביטערט פאַר דער צייט. די קינדער הערן זיך צו מיט זייערע וואַכזאַמע אויערלעך צו די טענות פון זייערע עלטערן צווישן זיך און פון ביידע זייערע עלטערן צו דער סביבה, צו דער געזעלשאַפט, צו דער מלוכה. די קינדער מיט זייער וואַכזאַמער סובטעלקייט פילן דראַסטיש די אונטערשידן צווישן זייערע היימען און די היימען פון די, צו וועלכע זייערע עלטערן האָבן טענות; די קינדער פילן דראַסטיש די ווערטן פון פיזישן כוח און אָפּהענטיקייט פון אָרעמע. קינדער הערן און זען אַ סך מער און אַ סך בולטער ווי עס דאַכט זיך די דערוואַקסענע. די קינדער זאַפּן איין אין זיך די קאָנטראַסטן, מיט וועלכע זיי קענען זיך נישט גע־דאַנקלעך ספּראַווען — זעצט זיך אָפּ אין די קינדער ביטערקייט און האַס. דאָס איז אין זיי גורם אַגרעסיווקייט, אָבער זייער אַגרעסיווקייט איז דאָך אַן אוממעכטיקע, ווי עס זענען אוממעכטיק זייערע אָרעמע עלטערן. די אונטערדריקטע אַגרעסיווקייט, אויב זי ווערט נישט קאַנאַליזירט דורך דערציִונג אין אַ שול, אין אַן אַנשטאַלט אָדער אין יוגנט־באַוועגונג, צייטיקט זי אין פאַרברעכערישקייט. דאָס באַקאַנטע „אַלטע געמיט" פון קינדער איז דאָך אויך נישט מער ווי אַ רעזולטאַט פון קינסטלעכן ווערן ערנסט דורך די שווערע באַדינגונגען אין די היימען.

די אויפגאַבע פון דעם דערציער דאַרף זיין רעסטאַווּרירן פאַר די קינדער זייער נאַטירלעכע וועלט, שאַפן פאַר זיי נאַטירלעכע באַדינגונגען, אויסלאָדן זייער אַגרע־סיווקייט און צוריקגעבן זיי דעם גלויבן אין מענטש. דאָס האָט ש. גילינסקי געוואָלט דערגרייכן און ער האָט דערגרייכט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

איך דערמאָן זיך, אַז איך האָב גילינסקין איין מאָל אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער איבערבאַלייכטונג פון דעם זאַל אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע ביי אַ געוויסער געלעגנהייט, וואָס לויט מיין מיינונג איז עס געווען נישט נויטיק. גילינסקי האָט אַ שמייכל געטאָן מיט זיין גוטן, פאַרגעבערישן שמייכל און געזאָגט מער־ווייניקער בזה הלשון: קינדער און דערוואַקסענע דאַרף מען געבן וואָס מער ליכט, וואָס מער זון! ביי אַ סך ליכט ווערט דער מענטש פייערלעך, פרייער, אויפגעלעבטער. ס'איז דער זעלבער אונטערשיד וואָס די שטימונג פון אַ מענטש אין אַ טאָג, ווען עס שיינט די ליכטיקע זון און די שטימונג פון אַ מענטש אין אַ פינצטערער נאַכט אָן שטערנס.

גילינסקי פלעגט זיך נוהג זיין, אַז ווו ער פלעגט אַריינקומען — צי אין דער שול־אָרגאַניזאַציע, צי אין זיין אייגענעם צימער, אין זיין הויז און אין דער סאַנאַטאָריע — פלעגט ער אָנצינדן וואָס מער עלעקטרישע באַלייכטונג — זאָל שיינען די זון! ס'איז אַ סגולה קעגן נערוועזיטעט און דערשלאָגנקייט.

אין דער יידישער געזעלשאַפט אין פוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות האָבן עקזיסטירט אַ סך מער טיפּן שולן ווי אין דער נישט־יידישער געזעלשאַפט. אין דער פוילישער געזעלשאַפט, ווו דאָס שול־וועזן איז געווען מלוכהש, זענען געווען איינהייט־לעכע פאָלקס־שולן, מיט ניואַנסן צווישן דאָרף־שולן און שולן אין די שטעט און איינהייטלעכע מיטלשולן מיט מלוכהשע לערן־פּראָגראַמען פון צוויי טיפּן: הומאַניסטישע און רעאַלע. גאָר אַנדערש אין דער יידישער געזעלשאַפט: דאָ האָבן מיר געהאַט די אַלטע טיפּן חדרים, תלמוד־תורהס, די מאָדערנערע רעליגיעזע בית יעקב־שולן, יידישע מיטלשולן מיט דער פּוילישער אונטעררירכט־שפּראַך מיט אַ מלוכהשן לערן־פּראָגראַם פּלוס יידישע קעגנשטאַנדן ווי אַ צוגאָב; תרבות־שולן מיט אַ ציוניס־טישן לערן־פּראָגראַם; מלוכהשע פאָלקס־שולן פאַר יידישע קינדער (אַזוי גערופענע „שאַבאַסוווקעס"), און צום סוף די ציש"אָ־שולן, וועלכע האָבן געלייגט דעם טראָפּ אויף יידיש־סעקולערער און סאָציאַליסטישער דערציִונג. די אַלע פאָרמען שולן זענען געווען עדוקאַטיווע, אָבער אויך דערציערישע, אינדאָקטרינערישע. שיינט מיר, אַז די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען פון די איינציקע דערציִונגס־אַנשטאַלטן אין פוילן, וואָס האָבן ווייניקער געטראַכט וואָס פאַר אַן עול אַרויפצולייגן אויפן קינד און מער ווי אַזוי צו באַפרייען דאָס קינד — באַפרייען עס פון אומצוטרוי, פון שרעק, פון אַגרעסיווע נייגונגען, פון שעמעוודיקייט און פון די אַלע פּלאָגן, וואָס וואַרפן זיך אויף דער איידעלער נשמה פונעם קינד. אַזאַ באַפרייט קינד ווערט קודם כל צוריק קינד מיט אַלע זיינע ליכטיקייטן.

ש. גילינסקי האָט די מעדעם־סאַנאַטאָריע פאַרוואַנדלט אין אַ מיניאַטור־מדינה — אַ ליכטיק אינדזעלע אין דער אַרומיקער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער פינצטערניש. אין דער מיניאַטור־מדינה זענען אַלע אינסטאַנצן געווען אונטער דער דעמאָקראַטישער אָנפירונג פון די קינדער — זיי האָבן אַליין געשאַפן געזעצן, געוויילט אַ פּאַרלאַמענט, אָנגעפירט מיט דער אָרדענונג, אָפּגעהיט אינערלעכע דיסציפּלין. אונטער דעם געניטן אויג פון דעם לערער־ און דערציער־פּערסאָנאַל האָבן די קינדער באמת געהאַט דאָס באַוווסטזיין, אַז אַלץ וואָס עס געשעט אין דער סאַנאַטאָריע — אין דער קינדער־וועלט — איז סטימולירט און אָנגעפירט דורך זיי. און זיי פירן אָן מיט דער

קלײנער מדינה שפּילעװדיק, דורך פרײד און שפּיל, דורך פרײד און שפּיל.

אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען קינדער במשך פון געצײלטע טעג װי אויף ס'ניי געבוירן געװאָרן, זיי האָבן צוריק באַקומען זייער קינדהייט, װאָס איז פאַרטונקלט געװאָרן דורך די שװערע באַדינגונגען אין זייערע היימען.

עס איז נישט געװען קיין גלייכן צו גילינסקיס גליק װען צו אים פלעגט אַרויפ־קומען אַ מוטער און אים דערציילן װאָס עס איז געשען מיט איר יאַנקעלע, צי מאָטעלע אין אייניקע װאָכן. דאָס קינד איז נישט צו דערקענען. ער האָט אויפגעהערט זיין נערװעז, װייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ פריילעך ייִנגל. פון שלאָף רעדט ער װעגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. אַ שאַד, אַ שאַד װאָס די שול־פעריען זענען אַזעלכע קורצע און דאָס גליק צו זיין אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געװען אַזוי קורץ. קורץ אָבער אומפאַרגעסלעך...

ש. גילינסקי איז געװען אַ גוטער סאָציאַליסט. אין דער צייט, װען די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט עקזיסטירט, איז דער סאָציאַליזם בכלל שוין געװען אַ היפּש ביסל אָנגעקװעטשט פון אָפּאָרטוניזם און אַנדערע דעגענעראַטיװע עלעמענטן. פון דעם אָפּאָרטוניזם פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי אין שכנישן דייטשלאַנד און פון דער קאָמוניסטישער די־װערסיע איז אויך דער סאָציאַליזם ביי יידן היפּש צעטרייסלט געװאָרן. ש. גילינסקי האָט געהערט צו די סאָציאַליסטן, װאָס הגם זיי האָבן שטאַרק איבערגעלעבט דעם קריזיס, האָבן זיי גאָרנישט פאַרלוירן פון זייער גלױבן אין סאָציאַליזם, װי זיי האָבן אים געזען — אַ נאָענטער באחרית הימים, װאָס מוז קומען נאָך אַלע קריזיסן און נישט געקוקט אויף אַלע מניעות.

אָט דעם ציכטיקן גלױבן אין אַ בעסערער װעלט, װאָס מוז קומען און װעט קומען, האָט גילינסקי געפלאַנצט אין די יונגע נשמות פון די קינדער, װי דער גלױבן איז געפלאַנצט געװאָרן בכלל אין דער יידישער שול. נאָר אין דער מעדעם־סאַנאַ־טאָריע איז דער גלױבן געפלאַנצט געװאָרן דורך פּראַקטישע מעשים אין דער דעמאָ־קראַטישער קינדער־רעפּובליק, װו די קינדער פון די אָרעמע קעלערן אויף סמאָטשע, צי אויף ניזקע גאַס האָבן זיך אַליין איבערצייגט װי מיט זייער מיטהילף װערט געבויט און אויפגעהאַלטן אַ שיינע װעלט, אַ גוטע װעלט, אַ װעלט אין װעלכער אַלע עסן צו דער זעט, צו אַלע רעדט מען דאָס זעלבע לשון אין אַ טאָן פון רוִיקייט און איבער־צייגונג, װו קאָנפליקטן װערן באַהאַנדלט דורך אַ קינדער־קאָלעקטיװ און אויסגעגלייכט װי מעגלעך גערעכטער, און דאָס אַלץ אָן אָנצװוענדן כוח, אָדער אַנדערע פאָרמען פון ברוטאַליטעט, נאָר בלויז מיט דעם לשון...

דער יידישער פּעסטאַלאָצי — שלמה גילינסקי, דער פּעדאַגאָג און װוּנדערבאַרער מענטש — האָט געהאַט אײן ציל: דערציען אין יידישן קינד זיין אייגענע פּערזענ־לעכקייט און זיין אייגענע פּולװערטיקייט װי אַ מענטש און גלייכצייטיק מיט אחריות און דיסציפּלין כלפּי דעם כלל, װאָס דאַרף װי אַ קאָלעקטיװ שיצן די פּערזענלעכקייט פון דעם יחיד. ער האָט פון דעם יידישן קינד געװאָלט אויפבויען אַ גוטן מענטש, אַ גוטן ייד און אַ גוטן סאָציאַליסט.

ג

ח.ש. קאַזדאַן, צפורה גליקסאָן — יוסף ברומבערג
אַברהם (אַמיק) ברומבערג — מיין פאָטערס צען יאָר אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
צפורה גליקסאָן — מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווער קען דיך פאַרגעסן?
ליבע אַקון־קאַהען — אַמאָל איז געווען...
הערשל שטריגלער — כ'דערמאָן זיך...
פּערל וויסנבערג — די מעדעם־סאַנאַטאָריע
לאה סעגאַל־ליטעווקאַ — זכרונות פון אַ קראַנקן־שוועסטער
יוסף פישמאַן — די אידעאַלן וואָס זיי האָבן פאַרפלאַנצט אין אונדז
אהרן גרינבוים — מיין כבוד אייך, מיין דאַנק...
מרים מילמאַן־געלפאַר — וואַרעמע זכרונות וועגן מעדעם־סאַנאַטאָריע
נעכע ווידרעוויטש־טוכמאַכער — מיט ליבשאַפט און אכטונג דערמאָן איך די מעדעם־סאַנאַטאָריע
מ. אַליצקי — די מעדעם־סאַנאַטאָריע פון דער ווייטנס
בינה אַלטערמאַן־שטיינבערג — ריווע בערנשטיין
שאַשקע פליגעל־ערליך — מיינע זכרונות פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
פּאַראַדיעס און לידער געשאַפן דורך די קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

יוסף ברומבערג

1 יולי 1897 — 2 יאַנואַר 1965

אַ סך יאָרן איז יוסף ברומבערג געווען פאַרבונדן מיט דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ער איז געווען דער וויצעדיקער און געטרייעס־טער מיטאַרבעטער פון ש. גילינסקי. יוסף נעמט אַנטייל, ווייזט אַרויס איניציאַטיוו און שעפערישקייט אין אַלע געביטן פון לעבן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ער ווייזט אַרויס גרויסע ווירטשאַפטלעכע און אַדמיניסטראַ־טיווע פעיִקייטן, ער איז גלייכצייטיק אַ מיט־גליד פון פעדאַגאָגישן ראַט, ער דערפילט אַ סך דערציִערישע פונקציעס. ער איז פּער־זענלעך באַפריינדעט מיט די קינדער, ער קען גוט זייערע עלטערן, ער האַלט הויך די אידעיִשע פאָן פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. זיין ליבשאַפט צו די קינדער איז גרויס, זיין איבערגעגעבנקייט צו דעם אַנשטאַלט איז אָן גרענעצן. און ווען עס קומט אַ מאָמענט פון גרויסן נסיון פאַר דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, בעת די קאָמוניסטן דערקלערן איר אַ פאַרמעלן קריג, באַלאַגערן און באַשיסן זי, טעראָריזירן דעם פּערסאָנאַל, — שטעלט זיך אַוועק חבר ברומבערג מיט געווער אין האַנט אין די ערשטע רייען פון די קעמפער און באַשיצער פון דער סאַנאַטאָריע.

ווען עס ברעכט אויס דער נאַצי־קריג קעגן פּוילן, מאַכט ברומבערג אַדורך דעם וואַגל־וועג וואַרשע—ווילנע—קאָוונע—יאַפּאַן צוזאַמען מיט אַ גרופּע בונדיסטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט פון גיהנום. קיין יאַפּאַן איז ער געקומען דורך סאָוועט־רוסלאַנד. ענדלעך האָט ער זיך דערשלאָגן קיין אַמעריקע, פאַרבליבן אַ צוויי יאָר אין לאָס אַנזשעלעס און שפּעטער אַריבערגעקליבן זיך קיין ניו־יאָרק.

אין ניו־יאָרק ווערט ברומבערג אַ נאָענטער מיטאַרבעטער פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט. ער פאָרט אַרום איבערן לאַנד, פּראָפּאַגאַנדירט פאַר דער טעטיקייט פון אַרבעטער־קאָמיטעט, פירט געלט־קאַמפּיינס אאַז״וו. שפּעטער נעמט ער איבער די אָנפירונג מיט דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון אַרבעטער־קאָמיטעט אין שיקאַגאָ.

אין ניו־יאָרק האָט ברומבערג שטודירט אין אוניווערסיטעט, געווען אַקטיוו ליטעראַריש — געשריבן סיסטעמאַטיש אין אונדזער צייט, וועקער, קולטור און דערציִונג און אַנדערע אויסגאַבעס.

★

חבר ברומבערגס אַרבעט גייט אָן בעיקר אינעווייניק, אויף דער טעריטאָריע פון דער סאַנאַטאָריע גופא. דאָס לעבן פון דער סאַנאַטאָריע איז זיך שטאַרק צעוואַקסן און ש. גילינסקי האָט געמוזט אַלץ אָפטער, אויף לענגערע שעהען און אַ מאָל אויף טעג, פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע און טאָן אַ סך אַרבעט אינעם ביוראָ פון דער סאַנאַטאָריע, וואָס האָט פונקציאָנירט אין וואַרשע: רעגיסטראַציע פון די קינדער, אינטערוויוען מיט עלטערן, באַזאָרגן די סאַנאַטאָריע מיט פּראָדוקטן, מאַטעריאַלן; השתדלותן אין וואַרשע־ווער שטאָט־ראַט און אין דער קראַנקן־קאַסע; פּראָפּאַגאַנדע און „פּובליסיטי" אין דער יידישער און פּוילישער פּרעסע; פאַרבינדונג מיט אויסלענדישע יידישע און נישט־יידישע אָרגאַניזאַציעס און פּערזענלעכקייטן; פאַרבינדונגען מיט דער „ציש"אָ", „דזשאָינט", מיט די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראייניגן; די גרויסע פינאַנסיעלע זאָרג וועגן בודזשעט פון דער סאַנאַטאָריע, מיט איר ווירטשאַפט — דאָס אַלץ האָט צוגענומען ביי ש. גילינסקי צייט און ענערגיע, און דאָס האָט געקאָנט אויסגעפירט ווערן נאָר אין וואַרשע, נישט אינעם אָפגעריסענעם מיעדזעשין.

די טאָג־טעגלעכע לויפנדיקע אַרבעט פון חבר ברומבערג אויף דער טעריטאָריע פון סאַנאַטאָריע איז נישט געווען קיין סתם אַדמיניסטראַטיווע אַרבעט. ער איז געווען 24 שעה אין מעת־לעת אויף דער וואַך פון די פּעדאַגאָגישע, ווירטשאַפטלעכע און מעדיצינישע אויפגאַבן און פּראָבלעמען פון דער סאַנאַטאָריע. זי איז דאָך געווען אַן אָפּגעזונדערטע אייגנאַרטיקע מלוכה אויף די זאַמדיקע וועגן פון פאַלעניץ, מיעדזעשין. זי האָט פאַרמאָגט אַן אייגענע עלעקטרישע סטאַציע, אייגענע וואַסער־לייטונג און קאַנאַליזאַציע־סיסטעם, אייגענעם פריזשידער און אייז־פּראָדוקציע. שטענדיק איז דאָ אָנגעגאַנגען אַן אינטענסיווע אַרבעט פון בויען, איבערבויען, צובויען, איבערמאַכן, צופּאַסן צו די באַדערפעניש פונעם אַנשטאַלט און צו זיין אויסערלעכער זיכערקייט; אויפהיטן דעם צושטאַנד און די פרישקייט פון אייגענעם גרינס־גאָרטן, פון די פרוכט־ביימער, פון די צענדליקער אַלייען און זייערע אויפשריפטן. אויף דעם אַלעמען האָט חבר ברומבערג געהאַט אַן אויג פון אַ געטרייען בעל־הבית און שומר.

דער אַנשטאַלט האָט געהאַט אַ גרויסן טעכנישן און לערער־פּערסאָנאַל. פאַר די לערער איז געווען דער העכסטער אויטאָריטעט דער פּעדאַגאָגישער ראַט, זיינע זיצונגען און באַשלוסן. אָבער די ראָל פון די טעכנישע מיטאַרבעטער און זייערע פונקציעס האָבן געדאַרפט רעגולירט ווערן דורך ש. גילינסקי און י. ברומבערג פּערזענלעך. דאָ זענען געווען איינגעשטעלט מער חברישע איידער אַדמיניסטראַטיוו־באַפעלערישע באַציִונגען. י. ברומבערג מיט זיין רוִיקייט, שטילן טאָן, מיט זיין מוסטער פון שטענדיקער זאָרג און אַרבעט לטובת דעם נאַרמאַלן לעבן פון אַנשטאַלט, האָט געהאַט דעם צוטרוי פון פּערסאָנאַל. ער האָט אויסגעהערט זייערע טענות און פאָדע־רונגען, רעגולירט די געהאַלטן און אַרבעטס־שעהען פון יעדן איינעם, געבראַכט זייערע פּראָבלעמען צו די באַראַטונגען מיטן חבר גילינסקי און צו די זיצונגען פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג אין וואַרשע.

פון פאַך אַ לערער, מיט אַלגעמיינער און פּעדאַגאָגישער בילדונג, איז חבר ברומבערג, פאַרשטייט זיך, געווען אַקטיוו אויך אין דער דערציִערישער אַרבעט

פונעם אַנשטאַלט. ער האָט גענומען אָנטייל אין אַלע לערער־באַראַטונגען און אין קינדער־ראַט. ווען נויטיק, האָט ער פאַרטראַטן אַ לערער אין זיינע לויפנדיקע פליכטן. ער איז געווען אויסגעבונדן מיט אַלע קינדער; זיי האָבן אים גערופן „לערער ברומבערג", אָפט געקומען צו אים מיט פּראָבלעמען. ער האָט געהאָלפן ביים צוגרייטן די קינדער־יום־טובים. זיין פריינדשאַפט מיט די לערער, מיט דעם מעדיצינישן פּערסאָנאַל האָט שטאַרק געהאָלפן, אַז די דערציִערישע אַטמאָספער אין אַנשטאַלט זאָל זיין אויף דער געוווּנטשענער הויך.

די סאַנאַטאָריע האָט שטענדיק געהאַט באַזוכערס־געסט, אָפט אומגעריכטע געסט: פאַרשטייערס פון דער פּרעסע, פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, פאַרשטייערס פון די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, געסט פון אויסלאַנד. ווען ש. גילינסקי איז נישט געווען אויפן פּלאַץ, האָט חבר ברומבערג אויפגענומען די געסט, געגעבן דערקלערונגען, אַרומגעפירט איבער די געביידעס אאַז״וו. ער האָט גערעדט אַ גוטן פּויליש, זיין פיינע קולטורעלע האַלטונג האָט אימפּאָנירט. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער איז דער געהילף־פאַרוואַלטער פונעם אַנשטאַלט און אַזאַ איז ער געווען אין די אויגן פון די קינדער, פונעם פּערסאָנאַל, פון די באַזוכנדיקע געסט. אָפט מאָל איז ש. גילינסקי אָפּגעפאָרן אין שליחות פון דער סאַנאַטאָריע, אַ לענגערע צייט האָט ער געפירט אַ קאַמפּאַניע פאַר דער סאַנאַטאָריע אין די אייראָפּעיִשע לענדער און אין אַמעריקע. אין די פּעריאָדן איז חבר ברומבערג געווען דער פאַרוואַלטער און פאַראַנטוואָרטלעכער אָנפירער פונעם גאַנצן לעבן אין סאַנאַטאָריע.

עס איז געווען חבר וולאַדעקס געדאַנק צו פאַראייביקן די סאַנאַטאָריע און אירע טעטיקייטן, איר קינדער־קאָלעקטיוו און זיינע שעפערישקייטן אין אַ קינסטלערישן פילם.

אַ לענגערע צייט האָט אין דער סאַנאַטאָריע געקאָכט די אַרבעט פאַרן פילם, אונטער דער דירעקציע פונעם באַקאַנטן פילם־רעזשיסער אַל. פאָרד. י. ברומבערג איז געווען זיין רעכטע האַנט. ער איז מיט אים אַרומגעפאָרן פילמירן די אַרומיקע נאַטור, די אָרעמע גאַסן אין וואַרשע, די וווינונגען פון די סאַנאַטאָריע־עלטערן אאַז״וו. די קינדער זענען געווען באַגייסטערט פון זייער אָנטייל אין פילם. עס האָט זיך געפאָדערט אַ פעסטע האַנט, וואָס זאָל זיי דיסציפּלינירן און גרייטן צו די פאַרשידענע אויפנאַמעס, — דאָס איז געווען די ראָל פון חבר ברומבערג. שפּעטער, ווען דער פילם איז דורך דער רעגירונג פאַרבאָטן געוואָרן און ס׳האָט זיך איינגעגעבן אים אַרויסצוראַטעווען קיין אויסלאַנד, האָט י. ברומבערג באַזוכט פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער, דעמאָנסטרירט פאַר ברייטע קרייזן דעם פילם „מיר קומען אָן", אָרגאַניזירט פּרעסע־קאָנפערענצן און געדרוקט אַ סך מאַטעריאַלן אין די אָרטיקע ציַיטונגען וועגן דעם פילם און זיין גורל. פּונקט אַזוי האָט ער אין שליחות פון דער פאַרוואַלטונג באַזוכט די גרעסערע שטעט פון פּוילן און אויפגעטראָטן מיט רעדעס אויף די אָרגאַניזירטע אונטערנעמונגען.

במשך די יאָרן, וואָס חבר ברומבערג איז געווען פאַרבונדן מיט דער סאַנאַטאָריע, איז זיין ראָל און זיין ביַיטראָג צום אַנשטאַלט געווען זייער אַ גרויסער, און דאָס האָבן אַלע נאָענטע צו דער סאַנאַטאָריע גוט אָפּגעשאַצט און אָנערקענט.

ח. ש. קאַזדאַן

*

אין אירע דערמאָנונגען פון די צייטן וואָס זי האָט פאַרבראַכט אין סאַנאַטאָריע, ווי אַ קינד און יוגנטלעכע, דערציילט צפורה גליקסאָן וועגן יוסף ברומבערגן:

„דער לערער ברומבערג האָט זיך קודם־כל פאַרקריצט אין מיין זכרון מיט זיין אויסערלעכקייט, מיט זיין אופן פון אָנטאָן זיך און מיט זיין עלעגאַנץ, פעדאַנטיש ריין און מיט געשמאַק צונויפגעקליבן די קאָלירן פון זיין קליידונג. אין זיין גאַנצער באַנעמונג איז געווען אַריסטאָקראַטישקייט און אייראָפּעישקייט. ער האָט זיך אויך אויסגעטיילט פון אַנדערע מיט זיין אופן פון רעדן: שטענדיק רויִק, געלאַסן, באַהערשט. כאָטש די פאָרעם פון זיין רעדן איז געווען זייער אַ ווייכע און אַפילו אַן אויסגעצערטלטע, זענען זיינע רייד געווען אָנגעלאָדן מיט זיכערקייט און דעצידירטקייט, העפלעך און גלייכצייטיק שטרענג.

„י. ברומבערג איז אויך געווען אויסערגעוויינלעך פּינקטלעך און מוסטערהאַפט אָרגאַניזירט. דערביי האָט ער — נישט מיט לאַנגע רעדערייען, נאָר מיט האַלבע ווייכע שפּאָרזאַמע ווערטער — געהאַט אין זיך דעם סוגעסטיוון כוח צו באַווירקן אַנדערע צו זיין פּינקטלעך און אָרגאַניזירט.

„דער לערער ברומבערג איז געווען דער געהילף צום פּאַרוואַלטער, זיין רעכטע האַנט. ווען דער פּאַרוואַלטער ש. גילינסקי איז אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע אין די אינטערעסן פון דער סאַנאַטאָריע, איז די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער אָנפירונג פון אַנשטאַלט איבערגעגאַנגען צום לערער ברומבערג.

„ביידע, דער פּאַרוואַלטער און זיין געהילף — גילינסקי און ברומבערג, האָבן צו זיך אַרויסגערופן גרויס רעספּעקט און דרך־ארץ. זיי האָבן געהאַנדלט ווי איין מענטש. נישט איין מאָל, געדענק איך, פלעגט טרעפן, אַז אַ קינד האָט געהאַט אַ פּראָבלעם און האָט נישט געקענט ביי זיך באַשליסן צו וועמען זיך צו ווענדן, ווער וועט אים בעסער פאַרשטיין, בעסער אויסהערן, אָדער גיכער אַנטקעגנקומען. נישט איין מאָל, אַז מען האָט זיך געווענדעט צום לערער גילינסקי און אויב ער איז גראָד געווען אין אַ געאייל, אָדער געהאַלטן, אַז דער לערער ברומבערג ווייסט בעסער דעם ענין, פלעגט דער ענטפער אָפּנהאַרציק זיין: רעד מיטן לערער ברומבערג, ער ווייסט בעסער די זאַך. און אַזוי אויך פאַרקערט. איינער האָט זיך פאַרלאָזט אויפן צווייטן אויף גאַנצע 100 פּראָצענט, אַ ווונדערבאַרע האַרמאָנישע צוזאַמענאַרבעט.

„ווען איך האָב באַקענט ברומבערגן, האָב איך גלייכצייטיק באַקענט זיין פרוי לאָלע און זיין זון אַמיק. לאָלע איז געווען אַ קראַנקן־שוועסטער אין דער סאַנאַטאָריע און אויסגעפירט איר פונקציע אויף אַ גלענצנדיקן אופן. דער קליינער אַמיק אָבער איז דאַן געווען אַ צעלאָזן ייִנגעלע. דער לערער ברומבערג האָט קיין מאָל נישט אַרויסגעוויזן פאַר די קינדער־סאַנאַטאָריסטן, אַז זיין אַמיק איז ביי אים וויכטיקער און ער דאַרף זיין אַן אויסנאַם. פאַרקערט, ער איז געווען צו דעם גרויסן שטיפער אַמיק שטרענגער און, אויב ער האָט זיך עס פאַרדינט, האָט ער אים אויסגעמוסרט מיט דער גאַנצער שאַרפקייט אין די אויגן פון די אַנדערע קינדער.

„דעם לערער ברומבערג האָט מען געקענט זען אין אַלע ווינקעלעך פון אַנשטאַלט.

דאָרטן, ווו מען האָט אים נאָר געדאַרפט, איז ער גלייך אויסגעוואַקסן. איך דערמאָן זיך נישט, אַז איך זאָל אים אַ מאָל האָבן געזען אַ זיצנדיקן — שטענדיק אין באַוועגונג.

„נאָך דעם ווי די סאַנאַטאָריע האָט איבערגעלעבט דעם באַוואָפנטן אָנפאַל פון די קאָמוניסטן אין יאָר 1931, ווען אַ באַנדע פון 150 מענטשן זענען באַפאַלן די סאַנאַ־טאָריע און געמאַכט דאָ אַ פּאָגראָם, איז דער לערער ברומבערג אויסגעוואַקסן אין די אויגן פון די קינדער צו אַ גרויסן העלד. דער פאַקט, אַז ער האָט געקעמפט מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט, איינגעשטעלט זיין לעבן און פאַרטיידיקט דעם אַנשטאַלט קעגן די אָנפאַלער, האָט שטאַרק אויסגענומען ביי די קינדער, געוועקט צו אים אַ גאַר גרויסן דרך־ארץ. אַ קלייניקייט, אַ לערער, וואָס האָט נישט קיין מורא פאַר קיין רעוואָלווער?! אַ לערער, וואָס איז גרייט מקריב זיין דאָס לעבן ביים פאַרטיידיקן די היים פון די קינדער — אַזאַ לערער איז אויסגעוואַקסן צו אַ העלד, צו אַ גרויסן מענטשן אין די אויגן פון די קינדער. מען האָט וועגן דעם פאַקט אָפט גערעדט צווישן זיך".

צפורה גליקסאָן

אברהם (אַמיק) ברומבערג

מיין פאָטערס 10 יאָר אין דער מעדעם-סאַנאַטאָריע

די צען יאָר, וואָס מיין פאָטער איז געווען פאַרבונדן מיט דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, זענען מסתמא געווען די שווערסטע, אָבער אויך צום מערסטן באַפרידיקנדיקסטע און בפירוש גליקלעכע יאָרן אין זיין לעבן. אָנגעהויבן האָט זיך דער קאַפּיטל נאָך אין 1924סטן יאָר. מיין פאָטער, איינער פון די גרינדער פון דער יידיש־וועלטלעכער גימנאַזיע אין סוועָנציאַן, האָט דאַן געוווינט אין ווילנע, ווו ער איז געווען סיי אַן אינספּעקטאָר פון די אָרטיקע צב״ק־שולן, סיי אַ סטודענט אין ווילנער אוניווערסיטעט. דער אַקאַדעמישער קלוב, צו וועלכן ער האָט געהערט, איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון די קאָמוניסטן און די פּאָליציי האָט זיך געגרייט אַרעסטירן אַלע מיטגלי־ דער פונעם קלוב. הגם מיין פאָטער איז קיין מאָל קיין קאָמוניסט און אַפילו קיין סימפּאַטיקער נישט געווען — גאַנץ פאַרקערט, — האָט ער זיך אָבער אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז די פּוילישע רעגירונג האָט נישט בדעה זיך אַריינצולאָזן אין אידעאָלאָגישע נפקא־מינהת צווישן סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן, און אַז דער געזונטסטער אויסוועג איז דעריבער געווען פשוט נעלם צו ווערן... ער איז אַוועק קיין וואַרשע.

אין וואַרשע האָט ער תיכף אָנגענומען אַן אָנבאָט פון דער שול־אָרגאַניזאַציע צו ווערן דער פאַרוואַלטער פון דער נישט־לאַנג געגרינדעטער זומער־„קאָלאָניע״ אין מיעדזעשין, און טאַקע גלייך זיך געשטעלט צו דער אַרבעט. האַרבסט־צייט, נאָך דעם ווי די קאָלאָניע (דער קערן פון דער צוקונפטיקער סאַנאַטאָריע) האָט זיך געשלאָסן, איז ער אַוועק אַרבעטן אין די ביאַליסטאָקער יידישע שולן. ס׳האָט אָבער גענומען נישט לאַנג, די ווילנער פּאָליציי זאָל זיך דערוויסן וועגן מיין פאָטערס אַנוועזנהייט אין ביאַליסטאָק, — אַזוי אַז ער האָט נישט געהאַט קיין ברירה און זיך ווידער געלאָזט אין וועג — דאָס מאָל שוין קיין אויסלאַנד.

דער ערשטער אָפּשטעל אין דעם עטאַפּ איז געווען דאַנציג, און שפּעטער בערלין. מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון „בונד״ און פון דייטשע סאָציאַליסטן — איז ער אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל.

אין תל־אביב האָט מיין פאָטער חתונה געהאַט און פינף יאָר שווער געאַרבעט — דאָ ווי אַ בוי־אַרבעטער, דאָ ביים גראָבן קאַנאַליזאַציע־גרובן, דאָ ווי אַ ביבליאָטעקאָר, און אין צווישן אויך ווי אַ קאָרעספּאָנדענט פון דער וואַרשעווער „פאָלקסצייטונג״.

דערווייל האָט זיך די מעדעם־סאַנאַטאָריע עטאַבלירט אויף אַ פעסטן יסוד. די געפאַר מצד דער פּאָליציי איז פאַרביי, אַזוי אַז אין 1930 האָט שוין מיין פאָטער

געקענט צוריקקערן זיך קיין פוילן — מיט פרוי און קינד — כדי איבערצונעמען דעם פּאָסטן פון מיט־פאַרוואַלטער פון דעם שנעל־וואַקסנדיקן אַנשטאַלט.

מיר האָבן זיך לכתחילה באַזעצט אין דער סאַנאַטאָריע גופא, אָבער אין 1932סטן יאָר, ווען איך האָב געדאַרפט אָנהייבן גיין אין קינדער־גאָרטן, האָבן מיר זיך אַריבער־געצויגן קיין וואַרשע. די ערשטע עטלעכע יאָר האָבן מיר געוווינט אַלס „לאָקאַטאָרן" אין דירות פון פריינד און באַקאַנטע. ערשט אין 1934 האָבן מיר זיך דעראָבערט אַן אייגענע דירה.

צוליב זיינע פליכטן און פונקציעס אין סאַנאַטאָריע, האָט מיין פאָטער געמוזט שטענדיק זיין אין מיעדזעשין. ווי אָבער וווינט מען גלייכצייטיק אין צוויי ערטער? איז דאָס טאַקע געווען אַ פיינלעכער פּראָבלעם פאַר מיין טאַטן, וועמענס געפיל פון געזעל־שאַפטלעכער אחריות איז אָפט געשטאַנען אין סתירה מיט זיינע משפחה־געפילן. ווען קיין אָפּגערעדטן, רעגלמעסיקן פרייען טאָג איז אַפילו קיין רייד נישט געווען. אַפילו שפּעטער, ווען ח' ראָזנשטיין איז אַנגאַזשירט געוואָרן איבערצונעמען אַ טייל פון די אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס, פלעגט מיין פאָטער נאָך אַלץ נישט וויסן פון פאַרויס ווען און אויף ווי לאַנג ער קען זיך באַפרייען, ווען ער וועט קאָנען פאַרברענגען אַ טאָג מיט זיין משפחה, און נישט דאַרפן זיך שלעפּן ביי נאַכט מיט דער באַן צוריק קיין מיעדזעשין.

די אַרבעט איז געווען אַן אויסמאַטערנדיקע, פול מיט די פאַרשידנאַרטיקסטע פאָדערונגען, און מיין פאָטער פלעגט זיך אַריינוואַרפן אין יעדער אויפגאַבע — ווי קליין זי זאָל נישט זיין — מיט אויסערגעוויינטלעכער ענערגיע און איבערגעגעבנקייט. זעקס אין דער פרי איז ער שוין געווען אין דרויסן, איבערגענומען די שליסלען פון נאַכט־וועכטער און קאָנטראָלירט צי אַלץ איז אין אָרדענונג. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן זיין אַרבעטס־טאָג: באַראַטונגען מיט די בוי־אַרבעטער (נישט פאַרביי אַ חודש עפּעס זאָל זיך נישט בויען — אַ נייע טעראַסע, אַ נייע „קאַנצעלאַריע", אַ טויבנשלאַק אאַז"וו), צי מיט אַ לערער אָדער קראַנקנשוועסטער, פרישטיק (מיט די קינדער און דעם גאַנצן פערסאָנאַל), קאָרעספּאָנדענץ, טעלעפאָנען, פינאַנסיעלע פּראָבלעמען, פראַגן פון אינווענטאַר; אַ וואָרט מיט אַ מאַמען, וואָס האָט זיך מיט אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט פון וואַרשע, פול מיט זאָרגן וועגן איר קינד; זיצונגען מיטן קינדער־ראַט, צוגרייטונגען צו אַלערליי קינדער־פאַרוויילונגען און יום־טובים. דער אַרבעטס־טאָג האָט זיך געצויגן, כמעט ווי אָן איבעררייס, פון זעקס אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

צו די דאָזיקע „געוויינטלעכע", טאָג־טעגלעכע פליכטן פלעגן אויך צוקומען צענדליקער אַנדערע. קיין וואָך, למשל, פלעגט נישט פאַרבייגיין אָן אַ באַזוך פון דעלעגאַציעס און יחידים, סיי פון פאַרשידענע שטעט אין פוילן און סיי פון אויסלאַנד. מיין טאַטע האָט געמוזט זיין סיי דער מכניס־אורח, סיי דער וועיז־פירער. וואָס מער די סאַנאַטאָריע איז געוואַקסן, אַלץ מער און אַלץ אינטערעסאַנטער זענען געוואָרן זיינע פליכטן.

אין 1936 האָט מען אָנגעדרייט דעם פילם „מיר קומען אָן". מיין פאָטער האָט פאַרבראַכט טעג און נעכט אין פאַרבינדונג מיט דער דאָזיקער אַרבעט; ער איז אַרומ־געפאָרן איבער די אָרעמסטע געגנטן אין וואַרשע, בכדי צו פילמירן די ערטער פון

וואָנען ס'רוב קינדער זענען געקומען. ווען דער פילם איז פאַרטיק געוואָרן — און פאַרבאָטן געוואָרן פון דער פּוילישער צענזור צוליב זיין אויסגעשפּראָכענעם אידעאָלאָגישן אינהאַלט — האָט מיין פאָטער איבערגענומען אַ שפּאָגל נייע פונקציע: וויזן דעם פילם אין אויסלאַנד, און דורך דעם מיטל זאַמלען די נויטיקע געלטער פאַר דער סאַנאַטאָריע.

די צווי נסיעות, וואָס מיין פאָטער האָט געמאַכט אין שייכות מיט דעם פילם — אין 1937 קיין פראַנקרייך אויף צוויי חדשים און אין 1938 קיין ענגלאַנד — האָבן איבערגעלאָזט אַן אויסערגעוויינטלעכן רושם אויף מיין פאָטערס געמיט און מענטאַליטעט. מיט דער הילף פון אָרטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס האָט מיין פאָטער געוויזן דעם פילם פאַר הונדערטער גרופּן, סיי יידישע, סיי נישט־יידישע. געהאַלטן צענדליקער רעדעס, און זיך פּערזענלעך באַפריינדעט מיט סאָציאַליסטישע פירערס, פּעדאַגאָגן, שרייבערס און פילם־קריטיקערס. דער אָפּרוף אין דער פראַנצויזישער און ענגלישער פּרעסע איז געווען אַן ענטוזיאַסטישער.

אין 1931 האָבן די אָרטיקע יידישע קאָמוניסטן אָרגאַניזירט אַ באַוואָפנטן אָנפאַל אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. מיט אַ רעוואָלווער אין דער האַנט, צוזאַמען מיטן נאַכטוועכטער, האָט ער פאַרטריבן די באַנדע.

מיין פאָטערס הויפּט־פונקציע איז געווען, פאַרשטייט זיך, זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן פיזישן מצב פון דער סאַנאַטאָריע. פון דעסטוועגן איז ער כסדר געווען אַריינגעצויגן אין דירעקטן קאָנטאַקט מיטן יונגוואַרג: ער פלעגט פאַרטרעטן לערער ביי פאַרשידענע פליכטן, אָנטייל נעמען אין די טעטיקייטן פון דער קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג, זיך אַריינגעלאָזן אין לאַנגע געשפּרעכן מיט קינדער.

סוף 1938 איז מיין פאָטער אויסגעוויילט געוואָרן ווי איינער פון די בונדישע קאַנדידאַטן צו דעם וואַרשעווער שטאָטראַט. מיין פאָטער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין זיינע נייע פליכטן, סיי ווי אַ מיטגליד פון שטאָטראַט, סיי אין זיצונגען פון דער בונדישער פראַקציע, סיי אין די זיצונגען פון די קאָמיסיעס אין וועלכע ער איז געוואָרן אויסגעקליבן. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיך געצויגן די אַלערליי באַראַטונגען, און דער טאַטע פלעגט קומען אַהיים 1־2 ביי נאַכט, און דאַן אויפשטיין אין פרימאָרגן און זיך לאָזן צוריק קיין מיעדזעשין.

★

מיט וואָס דערקלערט זיך די געוואַלדיקע צוציִונגס־קראַפט, וואָס די דאָזיקע קינדער־אינסטיטוציע האָט אויסגעאיבט אויף אַזוי פיל מענטשן פון מיין פאָטערס דור — און טאַקע בפירוש אויף מיין פאָטער גופא?

די שטאַרקסטע ווירקונג און די הויפּט־סיבה איז געווען דאָס, וואָס די סאַנאַטאָריע איז געווען די פאַרקערפּערונג — הגם אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב — פון די אַלע אידעאַלן צו וועלכע די יידישע סאָציאַליסטן האָבן געשטרעבט. סיי די ריין הומאַניטאַרישע און סאָציאַליסטישע ווערטן, סיי די יידישע פרינציפּן, אויף וועלכע דער „בונד" האָט זיך געשטיצט, זענען אין קיין שום אַנדערער אינסטיטוציע, און קיין שום אַנדערן צייט־אָפּשניט נישט געווען אַזוי בולט אויסגעדריקט, און אַזוי דערפאָלגרייך דורכגע־

פירט, ווי אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. די סאַנאַטאָריע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מיקראָקאָסם פון דער „צוקונפטיקער געזעלשאַפט".

די צען יאָר, וואָס מיין פאָטער האָט געאַרבעט אין דער סאַנאַטאָריע, זענען געווען די אינהאַלטרייכסטע יאָרן אין זיין לעבן. ביזן סאַמע סוף האָט ער נישט אויפגעהערט דערמאָנען זיך אַלערליי עפּיזאָדן, שאַרפזיניקע באַמערקונגען פון קינדער, די אויסער־געוויינטלעכע ענדערונגען, וואָס די סאַנאַטאָריע האָט אַריינגעבראַכט אין לעבן פון די קינדער. די ווערטן פון דער סאַנאַטאָריע זענען געוואָרן זיינע אייגענע, פּערזענלעכע ווערטן. מיין טאַטע האָט זיך תמיד געהאַלטן פאַר אַן אויסגעשפּראָכענעם, קאָנסעקווענטן רעאַליסט; אין תוך אָבער איז ער געווען און געבליבן אַ ראָמאַנטיקער, וועמען די גרויעווירקלעכקייט האָט קיין מאָל נישט געקענט צופרידנשטעלן.

✶

דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 האָב איך אויסגעהאַלטן אַן עקזאַמען אויף אַריינצו־טרעטן אין אַ פּוילישער גימנאַזיע (אין זשאַליבאָזש). ווען כ'בין אַרויס פון דעם צימער, וווּ דער עקזאַמען איז פאָרגעקומען, האָט מיך דער טאַטע באַגעגנט מיט דער „בשורה", אַז די צווייטע וועלט־מלחמה איז נאָר וואָס אויסגעבראָכן. מיר זענען אַוועקגעפאָרן צום וואָקזאַל, און פון דאָרטן אַרויפגעקוקט אין הימל, וווּ ס'איז פאָרגעקומען דער ערשטער געראַנגל צווישן פּוילישן און דייטשן לופט־פלאָט. אַנגעקומען קיין מיעדזעשין זענען מיר שוין שפּעט, ביים זון־אונטערגאַנג. אויפן האָריזאָנט, אַריבער די פעלדער און סאָסנע־וועלדער, האָבן זיך געצויגן דינע שנירלעך רויך: דאָס האָבן געברענט הייזער, די ערשטע קרבנות פון דער מלחמה.

די פאַרוואַלטונג פון סאַנאַטאָריע האָט באַשלאָסן אָפּצושיקן די קינדער צו זייערע עלטערן. די לעצטע סאַנאַטאָריסטן זענען אָפּגעפאָרן מיט צוויי טעג שפּעטער. די בנינים זענען געבליבן פינצטער און פוסט. איבער די בלומען־קלאָמבן, די פּרוכט־ביימער, די הינער־שטייגן און קינדער־טעראַסן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַן אומהיימלעכער, שטומער, מרה־שחורהדיקער אומעט.

דעם 6טן סעפּטעמבער האָט מיין פאָטער, מיט פאַרפרעסטע ליפּן און טרוקענע אויגן, איבערגעגעבן די שליסלען פון דער סאַנאַטאָריע דעם לאַנגיאָריקן ווייסרוסישן וועכטער מאַקסימענקאָ. דערנאָך האָבן מיר — מיין מוטער, פאָטער, איך און נאָך עטלעכע מיטגלידער פון פּערסאָנאַל — אַרויפגעזעצט זיך אויף אַ פורל און זיך געלאָזט אין וועג אַריין — אויף מזרח. ווען מיר האָבן זיך געזעצט אין פורל, האָט מיין טאַטע בכיוון נישט געוואָלט אומקערן דעם קאָפּ צו כאַפּן דעם לעצטן בליק אויף דעם פּלאַץ, וואָס האָט, אין משך פון צען יאָר, געפאַנגען זיינע חלומות, זיין מי, זיין ענטוזיאַזם — זיין יוגנט. מער האָט ער שוין די סאַנאַטאָריע קיין מאָל פאַר די אויגן נישט געזען.

ניינצן יאָר שפּעטער, זומער 1958, בין איך געקומען פון אַמעריקע באַזוכן דעם זעלבן אָרט, וואָס האָט זיך אַמאָל גערופן „מעדעם־סאַנאַטאָריע". איך בין געקומען מיט מיין פריינד פון פאַר דער מלחמה — דעם איינציקן פריינד, וואָס איך האָב געטראָפן אין וואַרשע, און אין דער געזעלשאַפט פון אַ זשורנאַליסט פון מערב־אייראָפּע.

ס'איז געווען אַ שיינער זונטיק נאָכמיטאָג. ווען מיר זענען אַריין אויפן שטח פון

דער סאַנאַטאָריע, האָבן מיר געזען גרויסע בערג מיט ציגל, צעמענט, כלים אָנגעפילט מיט פאַרב. באַלד האָט זיך באַוויזן אַ יונגערמאַן, וואָס האָט דאָרט געוווינט און אַ גרעסערע גרופּע מענטשן האָט אים נאָכגעפאָלגט. זיי האָבן אונדז אָנגעהויבן אַרומ־צופירן. יאָ, ער האָט געוווּסט די געשיכטע פון דעם פּלאַץ. העפלעך האָט ער אונדז דערציילט וועגן די ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען און וועגן דעם איצטיקן רעמאָנט. און אויך זייער העפלעך, אָן אַ סימן פון געפילן, האָט ער זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס איך האָב דערציילט און צו מיינע זכרונות און באַמערקונגען.

באַהערשט פון טרויער און נאָסטאַלגיע, בין איך אַוועק פון דעם פּאַליאַק און באַגלייט פון מיין פריינד בין איך אַרומגעגאַנגען איבער די אַמאָל מיר באַקאַנטע ערטער. עס איז געווען אַזוי פיל צו דערמאָנען זיך און אַזוי פיל צו באַוויינען. מיט דעם אָרט זענען פאַרבונדן מיינע טיפסטע, האַרציקסטע איבערלעבונגען פון מיין קינדהייט, און דאָ האָב איך געזען אויך דעם טראַגישן סימבאָל פון דעם פולשטענדיקן חורבן פון פּוילישן יידנטום. ס'איז אַפילו נישט געווען קיין אָנדענק־טאָוול, נישט קיין אויפשריפט, נישט אויפן טויער ביים אַריינגאַנג, נישט אויף די געביידעס. איך האָב וועגן דעם באַמערקט אין שמועס מיט מיין פריינד, אָבער שפּעטער באַשלאָסן נישט צו רעדן וועגן דעם ענין. ס'איז געווען אַזוי זינלאָז. ס'איז פּאַקטיש קיינער נישט געבליבן, וואָס זאָל וועגן דעם זאָרגן.

צפורה גליקסאָן

מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווער קען דיך פאַרגעסן?

דער „רויטער דאַך".

אויף דער „ליניע", ווי מען פלעגט אַ מאָל רופן דעם שטח פון וואַרשע ביז אָטוואָצק, פלעגן אַ סך פּוילישע יידן פאַרברענגען זייערע זומער־וואַקאַציעס. אויף דער „ליניע", אין גאַנצן אַ שעה פון דער רוישיקער שטאָט וואַרשע, האָט זיך געפונען די מעדעם־סאַנאַטאָריע.

אָפּגעזונדערט פון די אַרומיקע, ביים ראַנד פון אַ גרויסן פעלד, וואָס האָט זיך געצויגן אַזש פון דער באַן־סטאַציע, און אין הינטערגרונט אַ וועלדל, זענען געשטאַנען די צוויי געביידעס — די „אַלטע" און די נייע — פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

אַז מען האָט געוואָלט עמעצן זאָגן דעם אַדרעס פון דער סאַנאַטאָריע, ווי אַזוי צו קומען אַהין, איז געווען גענוג צו זאָגן: פאָרט ביז מיעדזעשין, ווי נאָר איר קומט אַרויס אויף דער גרויסער פּאָליאַנע (פעלד) זעט איר פון דער ווייטנס צוויי געביידעס פון וועלכע איינע האָט אַ רויטן דאַך. די נייע געביידע האָט שטאָלצירט מיט איר רויטן דאַך, און דאָס איז געווען דער סימן ווי אַזוי צו טרעפן אַהין.

ווי צוויי שוועסטער, אַן עלטערע און אַ יינגערע, זענען די צוויי געביידעס געשטאַנען שטאָלצע און געקוקט אין וואַלד, אין פעלד און צום טייכל „מאַרסקע אָקאָ", וואָס איז געווען אַזוי באַרימט ביי די קינדער, וואָס האָבן דאָרט פאַרבראַכט. דאָרט פלעגן די קינדער זיך באָדן אין די שיינע זומערדיקע טעג.

ווען מיין געדאַנק לויפט צוריק און עס קומען אַרויף אויפן זכרון איבערלעבונגען פון מיינע קינדער־ און יוגנט־יאָרן, שווימען אויף פאַר מיינע אויגן די שיינע איבער־לעבונגען, וואָס איך האָב געהאַט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, — זי האָט געשפּילט אַזאַ וויכטיקע ראָל אין מיין יונגן דעמאָלט לעבן.

די גאַנצע יידישע געזעלשאַפט — יונג און אַלט — האָט זייער גוט געוווּסט און שטאַרק אָפּגעשאַצט די באַדייטונג, ווירקונג און השפּעה וואָס די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט געהאַט אויף דער אַנטוויקלונג און דערציִונג פון יידישן קינד, ספּעציעל אויף די קינדער פון די יידישע פאַלקשולן. און טאַקע ווי איינע פון זיי, וויל איך איבערגעבן אַ ביסל איינדרוקן פון די ווונדערבאַרע טעג, וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט, איינדרוקן וואָס לאָזן זיך נישט פאַרגעסן.

ווען מען הערט דאָס וואָרט „סאַנאַטאָריע" קלינגט עס ווי אַ קראַנקן־הויז. אין דער אמתן אָבער איז דאָס נישט געווען אַזוי. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט נישט יעדער

איינער געקענט פאָרן, זיכער נישט יענע קינדער, וועמענס עלטערן האָבן זיך געקענט דערלויבן זיי שיקן אויף וואַקאַציעס און באַצאָלן אַ גוטן פּרייז. פּריאָריטעט האָבן געהאַט קינדער פון נישט־פאַרמעגלעכע היימען, און פון זיי האָט מען אויסגעקליבן קינדער שוואַכע, אָדער נאָך אַ קראַנקייט, קינדער, וואָס זענען געווען נישט גענוג דערנערט, קינדער וואָס זענען געווען היגטערשטעליק אין וואָג, אָדער געהאַט געהעכערטע טעמפּעראַטור — מיט איין וואָרט, קינדער, וואָס האָבן זיך אַממערסטן אין דעם געניי־טיקט. פאַר די קינדער איז דאָס פאָרן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געווען אַ גרויסער יום־טוב, אַ געוואַלדיקע געשעעניש און אַ גרויסע פרייד.

ווי אַן אילוסטראַציע פון וואַנען עס האָבן זיך גענומען די קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וועל איך דערציילן בלויז וועגן מיינער זייער אַ נאָענטער חברטע, וואָס איז געגאַנגען מיט מיר אין איין שול, אין איין קלאַס, — מרים האָט זי געהייסן.

זי איז געווען זייער אַ שייִנינקע, מיט אַ סך חן, צוויי גרויסע אויגן מיט אַ בלייך געזיכט. שטענדיק ריין אָנגעטאָן, כאָטש נישט צו אָפט געביטן איר קליידל, אָבער יעדעס מאָל מיט אַן אַנדער באַנד אין די האָר. איך פלעג זייער אָפט קומען צו איר אין שטוב. גענוג בלויז צו דערמאָנען די גאַס אויף וועלכער זי האָט געוווינט, בלויז אַרויסזאָגן „וואָלינסקע גאַס", און יעדער וואַרשעווער האָט געוווּסט פאַר זיך דעם סימבאָל פון אָרעמקייט, די גאַס פון שמוץ, פאַרפּלייצט מיט שאַנד־הייזלעך און גאַסן־פרויען, טרעגער און ווילדע יונגען, אַ נעסט פון גנבים — אַלץ פון דעם מין האָט מען געקאָנט זען אויף וואָלינסקע גאַס. אָט אין דעם „גן־עדן" האָט געוווינט די אידעלע, צאַרטע מרים.

איך אַליין שטאַם נישט פון קיין רייכע עלטערן, ווייט נישט קיין רייכע, דאָך איז מיין היים אין פאַרגלייך מיט אירער געווען אַ פּאַלאַץ. אין איין צימער האָבן זיי געוווינט, טאַטע מאַמע און זי, די בת־יחידה. איך פלעג אַרויפקומען צו איר מאַכן צוזאַמען די לעקציעס. זענען מיר געזעסן אויף איר אייזערנעם בעטל, וואָס איז געשטאַנען אין איין זייט צימער, און אַנטקעגנאיבער, לענג אויס דער אַנדערער וואַנט זענען געשטאַנען צוויי בעטן פאַר טאַטע־מאַמע. דאָס פענצטער איז געווען אין אַ ווינקל פון שטוב און האָט אַרויסגעקוקט אויף אַ שמוציקער וואַנט, וואָס מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט האָט מען עס געקאָנט דערגרייכן. דער טאַטע אירער, אַ קליין דאַר יידל, מיט אַ לאַנגער באָרד, פלעגט אַלע מאָל זיצן ביים טישל, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן צימער און אַריינ־קוקן אין אַ גראָבן ספר. די מאַמע, אַ גוטע נשמה, מיט אַ קופּקע אויפן קאָפּ, פלעג איך טרעפן אין פינצטערן ווינקל ביי דער קיך זיך פאָרען מיטן „גרויסן" מאַלצייט, וואָס זי פלעגט גרייטן. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט געשטערט, אַז מרים זאָל זיין איינע פון די בעסטע שילערינס אין קלאַס, זי איז געווען זייער באַליבט ביי אַלע און פלעגט אונדז אַלע מאָל דערציילן וועגן די פילצאָליקע ביכער, וואָס זי לייענט. מרים האָט כמעט קיין מאָל נישט געזען קיין וואַלד, קיין פעלד, אָדער פעלד. דאָס האָט זי געוווּסט נאָר פון די ביכער, וואָס זי פלעגט לייענען.

איין מאָל איז מרים געקומען צו לויפן צו מיר אַהיים און מיט גרויס פרייד האָט זי מיר אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז מען האָט איר באַוויליקט צו פאָרן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. זי איז געווען אַזוי גליקלעך, ווי איך האָב זי נאָך קיין מאָל נישט געזען.

פאַר פרייד האָט זי אָנגעהויבן קושן אַלעמען אין הויז. זי האָט זיך געפילט ווי זי וואָלט געוווּנען דאָס גרויסע געווינס. איין קלייניקייט, אויסטוישן, כאָטש אויף אַ קורצער צייט, דאָס ענגע שטיבל פאַר די רחבותדיקע שלאָף־צימערן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אָנשטאָט צו קוקן אויף דער שטומער, שמוציקער וואַנט, זיין אַרומגערינגלט מיט ברייטע פעלדער און מיט אַ געדיכטן וואַלד...

מיין חברטע מרים איז נישט געווען די איינציקע, אַזעלכע זענען געווען די מערסטע קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

דער גרויסער מהלך צווישן די אָרעמע היימען, מאַגערע מאַלצייטן, ענגע שטיבער פון וואַנען די קינדער זענען געקומען, ביז דעם רחבותדיקן לעבן אין דער סאַנאַטאָריע, די גוטע מאכלים מיט וואָס מען האָט די קינדער געשפּייזט, די ריינקייט אין יעדן ווינקל, די וואַרעמע אויפפּאַסונג, די זאָרגפעלטיקייט פון די לערער פאַרן ווילזיין פון קינד, און דער עיקר, די האַרציקע היימישע אַטמאָספער, וואָס האָט דאָרט געהערשט — דאָס אַלץ האָט געגעבן די קינדער אַ וואַרעמע היים, האָט ממש פאַרכישופט די קינדער. ווען אַ קינד האָט געדאַרפט צוריק אַהיימפאָרן, האָט עס געוויינט און געכליפּעט און זיך צוגעהאַלטן ביי די לערער אָדער לערערינס, נישט געוואָלט זיך שיידן מיט זיי און מיט זייערע חברים און חברטעס.

אין דער סאַנאַטאָריע האָבן די קינדער גענאָסן צום ערשטן מאָל פון אַ שענער און בעסער לעבן. אַ לעבן פון וועלכן זיי האָבן נאָר געקענט חלומען, אָדער זען דאָס אין זייער קינדערשער פאַנטאַזיע.

כאָטש די מערסטע קינדער זענען געווען פון אָרעמע היימען, זענען אָבער נישט אַלע געווען פון איין טייג געקנאָטן. טייל זענען געווען געוווינט צו ריינקייט און דיסציפּלין, אַנדערע האָבן לחלוטין נישט געוווּסט פון דעם. פלעגט טאַקע טרעפן, אַז אַ קינד האָט זיך בשום אופן נישט געקענט מיט איין מאָל צופּאַסן צו דער דיסציפּלין, פּינקטלעכקייט, ריינקייט און קולטורעלן לעבן אין דער סאַנאַטאָריע. פאַרשטייט זיך, אַז פאַר די לערער איז גאָרנישט געווען לייכט מיט אַזעלכע קינדער. אָבער וואָס פאַראַ סאַטיספאַקציע האָבן געהאַט די לערער, ווען נאָך אַ וואָך אָדער צוויי האָט זיך געמערקט ממש אַן איבערקערעניש אין אַזאַ קינד. די לערער האָבן געמוזט אָנווענדן פאַרשידענע מיטלען, כדי דאָס צו דערגרייכן. אַזאַ קינד האָט מען טיילמאָל ספּעציעל אָנפאַרטרויט אַ וויכטיקן אַמט און דער לערער האָט ספּעציעל אַכטונג געגעבן אויף דעם קינד און צוגעהיטן, אַז עס זאָל דעם אַמט אויספירן ווי אַמבעסטן און פּינקטלעך. ביסלעכווייז האָט דאָס קינד אַליין אָנגעהויבן הנאה האָבן פון דער אָנפאַרטרויטער אַרבעט, ליב באַקומען די אַרבעט און ליב באַקומען יעדן איינעם דאָרט. מיט דער צייט האָט זיך דאָס זעלבע קינד פרייוויליק אָנגעבאָטן צו טאָן פאַרשידענע אַרבעטן, אָנגעהויבן ווערן טעטיק און אויסגעפירט זיינע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן אויף הונדערט פּראָצענט מיט גרויס ליבשאַפט און אינטערעס. אַט דאָס זעלבע קינד האָט שפּעטער אַכטונג געגעבן אויף אַנדערע פריש־געקומענע קינדער, וואָס האָבן זיך די ערשטע צייט געפילט פרעמד אָדער געבענקט אַהיים און עס איז זיי געווען שווער אַריינצוציען אין די טעגלעכע אַקטיוויטעטן. ממש וווּנדער האָבן די לערער באַוויזן מיט זייערע מעטאָדישע אופנים צו געשטאַלטיקן דאָס קינד, אַז עס זאָל זיין נוצלעך פאַרן קאָלעקטיוו.

דאָס טעגלעכע לעבן אין סאַנאַטאָריע

די „אַלטע" געביידע, וואָס איז באַנוצט געוואָרן נאָר צום שלאָפן, האָט אָנגעהויבן ווערן ערשט אין דער פרי, נאָכדעם ווי עס האָט זיך דערהערט אַ קלינגען פון גלאָק אַז מען דאַרף אויפשטיין. עס האָט אָנגעהויבן דאָרט זשומען ווי אין אַ בינשטאָק. לעבעדיק האָבן חברה גענומען לויפן אין זייערע פּידזשאַמעס איבער די קאָרידאָרן און טרעפּ. די יינגלעך פון זייערע צימערן, און די מיידלעך פון אַנטקעגנאיבער. באַלד האָט זיך באַוויזן די סאַניטאַרקע („נוירס") מיטן ווייסן היטעלע אויפן קאָפּ באַפּוצט מיט אַ שוואַרצן פּאַס, און מיט אַ פריינדלעך ליב פּנים איז זי געשטאַנען אויפן קאָרידאָר גרייט צו העלפן, טאָמער דאַרף עפּעס אַ קינד; טאָמער פילט זיך ווער נישט אַמבעסטן. ווילט זיך עמעצן נישט אויפשטיין, איז זי באַלד צוגעגאַנגען, געפרעגט די סיבה און געווען גרייט צו העלפן. באַלד האָבן זיך אויך באַוויזן די לערער, יעדער איז אַריין צו זיין גרופּע און אַכטונג געגעבן אַז די קינדער זאָלן זיך אָנטאָן שיין, ריין, עסטעטיש. טאָמער האָט אַ קינד, געדענק איך, אָנגעטאָן אַ קליידל מיט אַ פאַרטעכל, וואָס די קאָליר, לאָמיר זאָגן, האָט נישט געפּאַסט, איז די לערערין צוגעגאַנגען צו דער קליידער־שאַנק, אויסגעזוכט עפּעס אַנדערש און דאָס געגעבן דעם קינד, דערביי דערקלערנדיק: „זעסט, מיין קינד, צו אַ ברוין קליידל פּאַסט זיך בעסער דאָס געלע פאַרטעכל ווי דאָס רויטע, וואָס דו האָסט אויסגעקליבן". געזאָגט האָט זי עס מיט אַ מוטערלעכער ליבשאַפט און זאָרג. טוט נישט אַזוי אַ מאַמע צו איר אייגן קינד? וויל דען נישט אַ מאַמע, אַז איר קינד זאָל אויסזען וואָס שענער? אָט די אַ ליבשאַפט האָבן די קינדער זייער גוט געפילט. נישט איין מאָל פלעגט דאָס קליינוואַרג ספּעציעל וועלן ציען די אויפמערק־זאַמקייט פון די לערער, און זיצן אַזוי ספּעציעל און וואַרטן און זיך נישט אָנטאָן, ביז עס איז ווער צוגעקומען און זיך מיט אים פאַרנומען.

נאָכן וואַשן, האָט יעדער געהאַט דעם חוב צו פאַרבעטן זיין בעט (אויסער, פאַרשטייט זיך די גאָר קליינע, וואָס האָבן דאָס נישט געקענט באַוויזן), מיט אַ ווייסער ציכטיקער קאָפּע באַדעקן, מען האָט אָוועקגעהאָנגען די געניצטע פון נעכטן קליידער, אויפגערוימט די זאַכן, פאַרבאַהאַלטן די שיך, מען האָט ברייט פאַנאַנאַנדערגעעפנט די פענצטער, און ווי אַ מחנה פייגל האָט זיך חברה אַ לאָז געטאָן אין דרויסן צו דער נייער אַנטקעגנ־איבערדיקער געביידע.

אַ גאַנצן טאָג איז די אַלטע געביידע געשטאַנען פאַרמאַכט און עס איז נישט געווען דערלויבט אַהין אַריינצוגיין. טאָמער האָט מען עפּעס פאַרגעסן, האָט מען געמוזט האָבן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש, כדי קענען אַריינגיין דאָס אַרויסנעמען.

אין גרויסן עס־צימער איז יעדע גרופּע געזעסן לויטן עלטער ביי באַזונדערע טישן, יעדער מיט זיין לערער. אָנגעהויבן האָט זיך דער טאָג מיט לייענען פאַר די קינדער דעם „ראַדיאָ" — אַ ביולעטין, וואָס האָט אַנטהאַלטן נייעסן און די וויכ־טיקסטע געשעענישן, די אַקטיוויטעטן פון טאָג און דעם וועטער. דערנאָך האָט זיך געזען אַן אויפגעהויבענע האַנט פון לערער, אַ סימן, אַז מען דאַרף שווייגן, אין אַ סעקונדע איז געוואָרן שטיל ווי אין אַן אויער. עס האָט זיך דערהערט דאָס שפּילן פון דער פּיאַנאָ, שטענדיק אַ קורצער פראַגמענט פון אַ מוזיקאַליש קלאַסיש ווערק. נאָכדעם איז געקומען

די אַ״ג „שטילע מינוט״. ס׳איז ממש געווען צו באַוווּנדערן ווי מיטאַמאָל האָט אַ שטילקייט באַהערשט דעם גרויסן עס־צימער ווו עס זענען געזעסן עטלעכע הונדערט קינדער אין עלטער פון 6 ביז 14־15 יאָר. באַלד האָט זיך דערהערט די שטים פון לערער: „מיט אַ גוטן אַפּעטיט״. עס האָט גענומען רוישן ווי אין אַ בינשטאָק. חברה האָט געשאַרט פון די טישן, אַ מחיה געווען צו קוקן. ווידער אַ מאָל, טאָמער האָט אַ קינד זיך נישט גוט געפילט, אָדער נישט געוווּסט ווי צו עסן, איז באַלד די לערערין געשטאַנען לעבן אים און ווי אַ מאַמע איינגערעדט מיט פאַרשידענע קונצן ביז דאָס קינד האָט אויפגעגעסן. האָט דאָס קינד זיך איינגעשפּאַרט און באַין אופן נישט געוואָלט פאָלגן די לערערין, האָט מען דאָס קינד נישט אַוועקגעלאָזט פון טיש, און ווען אַלע זענען שוין געווען אין דרויסן, איז נאָך אַלץ די לערערין געזעסן מיטן קינד און נישט אָפּגעטראָטן ביז עס האָט אָפּגעגעסן.

נאָכן פרישטיק — מונטערע, פול מיט ענערגיע, האָט זיך יעדע גרופּע אַ נעם געטאָן צו אירע אַקטיוויטעטן. דער קינדער־ראַט, וואָס האָט אָנגעפירט צוזאַמען מיט די לערער די גאַנצע סאַנאַטאָריע, האָט טיכטיק געהאַלטן אַן אויג און מיטגעאַרבעט אויף אַלע געביטן. איין גרופּע קינדער איז געווען פאַרנומען אין ביאָלאָגישן צימער, אַ צווייטע גרופּע האָט געאַרבעט אין גאָרטן אָדער ביי די הינער,ביים טויבן־שלאַק. עס זענען אויך דאָן פאָרגעקומען לעקציעס פאַר די, וואָס זענען געווען אַ לענגערע צייט אין דער סאַנאַטאָריע. די ריינקייטס־קאָמיסיע איז געגאַנגען איבער די צימערן קאָנטראָלירן צי אַלץ איז איבערגעלאָזט געוואָרן אין בעסטן אָרדענונג. — דאָס איז געווען די צייט ווען יעדער איינער, קליין און גרויס, האָט געהאָלפן האַלטן אין אָרדענונג זיין שיינע היים — די מעדעם־סאַנאַטאָריע.

פאַרטיק געוואָרן מיט די אַלע אַרבעטן, האָט מען אַריינגעכאַפּט אַ שפּאַציר. אַ ספּעציעלע פרייד איז געווען פאַר די קינדער, ווען מען האָט זיי געפירט צום טייכל „מאָרסקע אָקאָ״, ווייל דאָס איז געווען אַ גאַנץ ווייטער שפּאַציר און נאָר די עלטערע קינדער האָבן אַהין געקענט גיין.

דאַן, ווען מ׳האָט זיך צוריקגעקערט פון שפּאַציר און אָפּגעגעסן דעם „צווייטן פרישטיק״, האָבן די קינדער זיך אויסגעלייגט אויף די ליג־בעטלעך אויף דער גרויסער טעראַסע נעבן עס־זאַל, און דער לערער „באַטקע״ פלעגט געווייגלעך אַדורכפירן מיט די קינדער אינטערעסאַנטע און שפּאַנענדיקע שמועסן — אויפן מוסטער פון די „אַלגעמיינע שמועסן״, וואָס ש. גילינסקי פלעגט פירן אַלס לערער אין דער שול אויף דלוגע 26.

מיטאָג צייט, כאָטש דער אַפּעטיט איז געווען גרויס און עס האָט זיך זייער געוואָלט צוכאַפּן צו דער אכילה, האָט מען אָבער נישט זייער גערן אויסגעקוקט צו דעם. דאָס הייסט צום עסן יאָ, אָבער נישט צום טרינקען דעם טראָן (פיש־אייל), וואָס איז געגעבן געוואָרן די קינדער לויט דער פאַראָרדענונג פון דאָקטאָר. אוי, איז דאָס געווען אַ ביטערער מאָמענט. אַ סך קינדער האָבן נעבעך געוויינט, זיך באַהאַלטן כדי נישט דאַרפן באַדיי גיין אין עס־צימער אָבי נישט טרינקען דעם טראָן. פאַרקרימטע איז קליינוואַרג געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ ריי, די נעזער פאַרצויגן נישט צו פילן דעם ריח. אין איין האַנט האָט מען זיי געגעבן אַ שטיקל ציטרין און אין דער אַנדערער דעם טראָן. קיינער האָט זיך דערפון נישט געקענט אַרויסדרייען, ווייל דאָס איז געווען נויטיק

פּאַרן געזונט. ביים טיר איז געשטאַנען אַן אויפזעער און קאָנטראָלירט יעדן איינעם צי ער האָט געטרונקען. דאָס איז געווען פון די איינציקע שלעכטע דערינערונגען, וואָס אַ קינד האָט אַרויסגעטראָגן פון דער סאַנאַטאָריע.

אַ צווייטער שלעכטער מאָמענט איז געווען, ווען דער דאָקטאָר האָט פּאַראָרדנט, אַז דאָס קינד מוז בלייבן אין בעט, אָדער אין דער איזאָלאַציע („אינפּאַרמערי״) צוליב אַ פאַרקילונג, אָדער געהעכערטער טעמפּעראַטור. די איזאָלאַציע, דאָס איז געווען די תפיסה פאַר די קינדער. וואָס הייסט? אַלע לויפן אַרום, שטיפן, שפּילן זיך, גייען שפּאַצירן און ער וועט דאָס אַלץ דאַרפן זען דורכן פאַרמאַכטן פענצטער פון דער איזאָלאַציע? די קינדער, זיינע חברים און חברטעס, וועלן קומען צום פענצטער און פונקט ווי אין אַ תפיסה, וועט מען זיך דורכרעדן? דאָס איז געווען שרעקלעך! טאָמער האָט מען געהערט אַ קינד יאָמערן און וויינען, האָט מען גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס דאַרף עס היינט זיין אין דער איזאָלאַציע.

נאָכן לאָנטש (מיטאָג) — די צייט פון רוען. אַ טיפע שטילקייט האָט אַרומגענומען דעם גאַנצן פּלאַץ פון דער סאַנאַטאָריע. די גאָר קליינע קינדער זענען אַוועק רוען אין די בעטן, די עלטערע גרופן האָבן גערוט אויף די זוניקע טעראַסעס פון דער נייער געביידע, אַזוי זומער ווי ווינטער. די עלטערע קינדער האָבן גענומען אַ בוך מיט זיך צום לייענען, און פאַר די יינגערע האָט דער לערער אַ שטיקל צייט פאַרגעלייענט ביז עס איז געוואָרן אַבסאָלוטע רו. אין אַט־אָ די שעהען פון רו האָט מען ממש געקענט זען ווי די קינדער נעמען צו שטיקער געזונט אַדאַנק דער פרישער סאָסנע־לופט און די וואַרעמע זון־שטראַלן, וואָס האָבן פאַררויטלט די בלייכע פּנימלעך.

עס דערהערט זיך אַ קלונג, די צייט פון רו איז געענדיקט. ווידער האָט אויפגעוואַכט און אָנגעהויבן זיך רודערן אין סאַנאַטאָריע. שטיפעריש, לעבעדיק איז חברה געלאָפן זיך שטעלן אין ריי נאָך מילך טרינקען. נאָך דעם איז געווען די „פרייע צייט״ פאַר פאַרשידענע שפּילערייען אין קלוב־צימער אָדער אין דרויסן. איניקע האָבן געניייט, געצייכנט, געמאָלן, געשריבן בריוו, אָדער געמיינזאַם זיך געשפּילט. דאָס איז אויך געווען די צייט אָפּצוהאַלטן זיצונגען פון פאַרשידענע קאָמיסיעס, ווי די רעדאַקציע־קאָמיסיע, פאַרוויילונגס־קאָמיסיע. דאַן זענען אויך פאָרגעקומען פּראָבן צו פאַרשטעלונגען, וואָס מען האָט אַלע מאָל געגרייט אאַז״וו.

נאָכן אָוונט־עסן, נאָכדעם ווי חברה האָט זיך אָנגעזאָפּט אַ פולן טאָג מיט זון, פרישע לופט, גוטע מאכלים, שפּאַצירן, נאָך אַ טאָג פון פרייד, געלעכטער, גימנאַסטיק און קולטור־אַקטיוויטעטן, איז געקומען די צייט פון גיין שלאָפן. ווידער האָט אויפגעלעבט די אַלטע געביידע. אויסגעבאָדן זיך, זענען אַלע ווי מידע שאָף אַוועקגעפאַלן אין זייער שלאָף. ביסלעכווייז האָט גענומען זיך לעשן די ליכט, און אַ געמיטלעכע שטילקייט האָט אַרומגענומען די גאַנצע געביידע. די קינדער זענען איינגעשלאָפן באַהערשט פון זיסע חלומות. פון צייט צו צייט פלעגט זיך אָבער אַ לערער שטיל אַריינכאַפּן אין די צימערן און קאָנטראָלירט טאָמער שלאָפט נישט אַ קינד, אפשר וויל עס עפּעס.

אַזוי האָט אויסגעזען אַ טאָג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

באַזוכן פון געסט

אַ סך אינהאַלט און יום־טובדיקייט פלעגן אַריינברענגען די פּראָמינענטע און חשובע געסט, וואָס האָבן זייער אָפט באַזוכט די סאַנאַטאָריע. עס זענען געקומען גרויסע שאַפּטלעכע טוער, ליטעראַטן, שרייבער, אַרטיסטן, קינסטלער, — פון לאַנד און פון אויסלאַנד. אַלע זענען געקומען באַוווּנדערן דעם פּרעכטיקן אייגנאַרטיקן אַנשטאַלט, וואָס האָט געהייסן מעדעם־סאַנאַטאָריע. אַ סך פון זיי פלעגן האָבן שמועסן מיט די קינדער, אַנדערע האָבן פאַרגעלייענט פון זייערע שאַפונגען, יעדער האָט זיך באַמיט אויף זיין אופן צו קומען אין ענגן קאָנטאַקט מיט די קינדער.

צוויי פון אַזעלכע פּראָמינענטע געסט זענען מיר פאַרבליבן ספּעציעל אין זכרון: דאָס זענען געווען דניאל טשאַרני (ניגער) און פּראָפ. פישל שניאורסאָן.

דניאל טשאַרני איז געקומען אויף אַ לענגערן באַזוך קיין פּוילן. צוליב זיין געזונט־צושטאַנד איז געווען ראַטזאַם, אַז ער זאָל אָטעמען מיט סאָסנע־לופט. כדי זיין פאַר־ברענגען „אויף דאַטשע״ זאָל זיין פאַר אים אינטערעסאַנטער, האָט דניאל טשאַרני אויסגעקליבן אַ האָטעל, וואָס איז געשטאַנען נאָענט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

דניאל טשאַרני, נישט געקוקט, וואָס ער איז לאַנגע יאָרן געווען נישט געזונט, האָט נישט געהאַט אין זיך אַפילו קיין שפּור פון פאַרביטערטקייט — פאַרקערט, ער איז געווען פול מיט ליבשאַפט צו מענטשן און אַ ספּעציעלע וואַרעמקייט האָט ער אַרויסגע־וויזן צו קינדער. ער האָט געהאַט אַן אינערלעכן מאַגנעטישן כוח צוצוציען צו זיך די קינדער, זיי האָבן פשוט געקלעפּט צו אים.

עטלעכע מאָל אין וואָך פלעגט טשאַרני קומען אויף דער טעריטאָריע פון דער סאַנאַטאָריע. ער פלעגט שטענדיק קומען אין דער פרייער צייט. באַלד האָט זיך געמאַכט אַ קרענצל אַרום אים, ספּעציעל די עלטערע קינדער. ער האָט געהאַט אַ טאַלאַנט אַנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די קינדער. אָנגעהויבן האָט ער שטענדיק מיט אויספרעגן, וואָס יעדער מאַכט, און זיין וואַרעמער גוטמוטיקער שמייכל איז נישט אַראָפּ פון זיין פּנים. עס האָט זיך פאַרבונדן אַ שמועס צווישן אים און די קינדער. ער האָט דערציילט מעשהלעך, אינטערעסאַנטע טרעפעניש פון זיין לעבן, און טייל מאָל האָט ער אַרויסגענומען אַן אָקאַרשט אָנגעשריבן ליד און עס פאַרגעלייענט. ער האָט געהאַט אַ שיינע און דייטלעכע האַנטשריפט. איין מאָל האָט ער אַרויסגענומען אַ ליד און געפרעגט, ווער פון אונדז וויל דאָס פאַרלייענען. איך לייען פרעמדע האַנטשריפטן ביזן היינטיקן טאָג זייער גרינג. איך האָב גענומען דאָס ליד און זייער גלאַטיק און מיט געפיל דורכגעלייענט פאַר די קינדער. טשאַרני איז געווען זייער צופרידן און ער האָט מיך אַרומגענומען און מיר אַ קוש געגעבן אין קאָפּ.

פון דעמאָלט אָן, ווען טשאַרני פלעגט קומען, פלעגט ער מיך באַגריסן מיט אַ קוש אין קאָפּ. אויף דעם סמך איז זיך צעגאַנגען צווישן די קינדער אַ קלאַנג, אַז טשאַרני איז מיין זיידע. אַז די קינדער האָבן אים דערזען אָנקומען פון דער ווייטנס, האָבן זיי אָנגעהויבן רופן: „פויטשע, פויטשע, דיין זיידע גייט״! נישט נאָר איך, זיין מכלומרשט „אייניקל״, נאָר אַלע קינדער האָבן שטאַרק הנאה געהאַט פון די אימפּראָוויזירטע שמועסן מיט דניאל טשאַרני. יעדעס מאָל ווען ער פלעגט אַוועקגיין, פלעגן די קינדער

אים באַגלייטן ביז דער פּורטקע און אים נאָכקוקן. ער האָט געפילט אונדזערע בליקן, ווייל שוין זייענדיק ווייט אין מיטן פעלד האָט ער זיך אויסגעדרייט און געפאָכעט צו אונדז מיט דער האַנט.

יאָרן שפּעטער, שוין דאָ אין אַמעריקע, ווען איך האָב געלייענט דניאל טשאַרניס מעמואַרן מיט די שיינע באַשרייבונגען און זכרונות פון זיינע וויזיטן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע (אגב דערמאָנט ער מיך דאָרטן), האָב איך זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז נישט נאָר די קינדער האָבן געשעפּט נחת פון טשאַרניס וויזיטן, נאָר פאַר אים זענען דאָס אויך געווען יום־טובדיקע טעג.

איך האָב אָנגעהאַלטן אַ פריינדשאַפט מיט דניאל טשאַרני אויך דאָ אין אַמעריקע ביז כמעט די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

*

גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער האָט געהאַט פּראָפ. פישל שניאורסאָנס פאַרברענגען אין דער סאַנאַטאָריע. ער איז געווען אַ קינדער־פּסיכאָלאָג און אין אַזאַ אַנשטאַלט ווי די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט ער געקענט שעפּן אַ שלל מאַטעריאַלן, וואָס זענען אים שפּעטער צו נוץ געקומען אין זיינע אַרבעטן וועגן קינדער־פּסיכאָלאָגיע.

ער פלעגט זיצן אין דער קאַנצעלאַריע און דורכקוקן די אַנקעטעס פון די קינדער. די, וואָס האָבן געהאַט פאַר אים אַ ספּעציעלן אינטערעס, האָט ער דורך דער פאַרמיט־לונג פון דאָקטאָר, אָדער דורך די לערער, קאָנטאַקטירט און געהאַט מיט זיי שמועסן. דאָס פאַרברענגען פון פּראָפ. שניאורסאָן איז אויך אויסגענוצט געוואָרן פון דער אַנפי־רערשאַפט פון דער סאַנאַטאָריע. אין געוויסע פאַלן, ווען עס איז שווער געווען זיך אַן עצה געבן מיט אַ קינד, וואָס האָט געהאַט פּראָבלעמען, האָט מען זיך געעצהט מיט פּראָפ. שניאורסאָן.

איך דערמאָן זיך אַ טשעקאַוון פאַקט. איך ווייס דערפון, ווייל איך בין געווען דאַן פון די עלטסטע קינדער, געהערט צו דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג און געהאָלפן אין געוויסע אַרבעטן אין דער קאַנצעלאַריע.

אין איינעם אַן אָוונט האָט פּראָפ. שניאורסאָן אויסגעדריקט אַ פאַרלאַנג, אַז ער וואָלט וועלן אָבסערווירן די גאָר יונגע קינדער בעתן שלאָפן. ער, צוזאַמען מיט עטלעכע לערער, איז געגאַנגען איבער די שלאָף־צימערן, און כדי נישט צו וועקן די קינדער, האָבן זיי געהאַלטן אַן עלעקטריש לעמפּל און שטילערהייט געקוקט און אָבסערווירט די קינדער אין זייער שלאָף.

ביי איינעם אַ בעטל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט. דאָרט איז געשלאָפן אַ יינגעלע פון אַ יאָר אַכט אָדער ניין. דאָס קינד איז געלעגן מיט די הענטלעך צוזאַמענגעפּרעסט אין פויסטן אַרומגענומען איבער זיין קעפּל. פּראָפ. שניאורסאָן האָט לאַנג זיך צוגעקוקט ווי דאָס קינד שלאָפט און אַרויסגעזאָגט אַ השערה, אַז דאָס קינד זעט אויס צו זיין איבערגעשראָקן פון עפּעס. מערקווירדיק, אַרויסגעוויזן האָט זיך טאַקע, אַז דאָס יינגל איז געקומען פון פשיטיק נאָכן באַרימטן פשיטיקער פּאָגראָם, וואָס איז דאָרט פאָרגע־קומען. מיט די קינדערשע אויגן האָט ער צוגעזען אַלע מערדערייען און גרוילן פונעם פּאָגראָם.

די לערער

פאַרשטענדלעך, אַז לערער, וואָס אַרבעטן אין אַזאַ אַנשטאַלט און לעבן צוזאַמען מיט די קינדער, קאָן מען נישט פאַרגלייכן צו לערער פון אַ שול, וואָס קומען אויף אַ לעקציע און נעמען אַמאָל אויף אַ קינד אין אַ קאַלטער אָפיציעלער קאַנצעלאַריע.

די לערער פון דער מעדעם-סאַנאַטאָריע האָבן זיך דאָרט איינגעבירגערט גלייך עס וואָלט געווען זייער אייגענע היים. די צימערן זייערע זענען געווען געמיטלעך און שיין איינגעאָרדנט, מיט בלומען, מיט בילדער, פאָרהאַנגען, אַ פאַרביקן טעפּיך, אַ וואַרעמקייט ווי אין אַ פּריוואַטער היים פלעגט אַרומנעמען, ווען מען איז אַ מאָל אַהין אַריינגעקומען. זעלטן פלעגט אַ לערער אַרויספאָרן, אָדער פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע, אין זיין טאָג פון רו. פונקט ווי די קליינוואַרג, אַזוי האָבן אויך די דערוואַקסענע זיך דאָרט איינגעוואָרצלט.

מען וואָלט געדאַרפט אַ סך שרייבן און כאַראַקטעריזירן די מיטאַרבעטער פון דער סאַנאַטאָריע — די דאָקטוירים, לערער, „נוירסעס״, און אפילו דעם טעכנישן פּערסאָ־נאַל, — אַלע האָבן מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, מיט אַזוי פיל נשמהדיקייט זיך געווידמעט דער אַרבעט פאַרן וווילזיין פון קינד. דאָס איז אָבער נישט מיין אויפגאַבע. איך וועל דערמאָנען כאָטש עטלעכע פון זיי, די וואָס זענען געשטאַנען ביים סאַנאַטאָריע־רודער און זענען דאָרט געווען, ווען נאָר איך פלעג דאָרט אַרויסקומען.

ווען איך רעד וועגן דער מעדעם-סאַנאַטאָריע, שיינען אויף פאַר מיינע אויגן פיר לערער, וואָס זיי זענען געווען די זיילן פון דער פּראַקטיקער אינסטיטוציע.

שלמה גילינסקי — דער פאַרוואַלטער, דער הויפּט־קאַפּיטאַן, וואָס האָט געקערעוועט און געפירט די שיף מעדעם-סאַנאַטאָריע — איז געווען די נשמה און גייסט פון אַנשטאַלט. אַ נידעריקער אין וווקס, האָט זיך אָבער זיין פּערזאָן זייער שטאַרק אָנגעזען. געווען געניט בלויז צו באַאָבאַכטן ווי אין דער פרי בעתן פרישטיק, ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט נאָענט פון דער פּיאַנאָ און אויפגעהויבן אַ האַנט, אַ צייכן, אַז איצט איז די מינוט פון שווייגן, זענען די עטלעכע הונדערט קינדער באַהערשט געוואָרן פון אַ געוואַלדיקן דרך־ארץ און אין איין אויגנבליק איז געוואָרן שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן אַ בין זשומען. פעסט און זיכער איז געווען גילינסקיס וואָרט און האַנדלונג. זיין אינערלעכער דעצידירנדיקער כוח האָט זיך געפילט אויף יעדן טריט און שריט. פאַרן לערער גילינסקי האָבן נישט עקזיסטירט קיין קליינע און גרויסע זאַכן. די מינדעסטע קלייניקייט איז געווען וויכטיק. ער איז געווען פון די הויפּט־זיילן פון דער סאַנאַטאָריע. פונקט ווי איך קען נישט, ווען איך טראַכט וועגן מיינע קינדער־יאָרן, נישט דערמאָנען די מעדעם-סאַנאַטאָריע, אַזוי קען איך נישט רעדן וועגן דער סאַנאַטאָריע און נישט זען פאַר זיך דעם לערער גילינסקי.

פאַרשידענע לערער האָבן זיך געביטן אין פאַרלויף פון די יאָרן, ווען איך פלעג פאָרן אין סאַנאַטאָריע. דער לערער גילינסקי אָבער איז געווען פאַרוואָרצלט דאָרט מיט זיין לייב און לעבן און ער איז געשטאַנען אין דער אָנפירערשאַפט פון דעם אַנשטאַלט לאַנגע יאָרן.

ווי דער הויפּט־פאַרוואַלטער, האָט ער אַלע מאָל געהאַט צענדליקער פּראָבלעמען אויף זיין קאָפּ. דאָך ביי זיין שטאַרקער פאַרנומענקייט האָט ער געפונען צייט צו באַמערקן

אַ קינד, וואָס איז אומעטיק, פאַרוויינט אָדער עס בענקט. עס שטייט מיר פאַר די אויגן ווי דער לערער גילינסקי פלעגט זיך גאָר נידעריק איינבויגן צום קינד, עס פּאַטערלעך אַרומנעמען און גענוי אויספרעגן, וואָס איז געשען, און זיך באַמיט אים אַרויסנעמען פון דער שטימונג. ווען מען האָט אים אין אַזאַ מאָמענט גערופן, איז זיין ענטפער געווען: „איך קום באַלד". ער איז אָבער נישט אַוועק פון קינד ביז ער האָט עס נישט געבראַכט צו אַ בעסערער שטימונג. האָט מען אים אין אַזאַ מאָמענט גערופן צום טעלעפאָן, האָט ער דאָס וויינענדיקע קינד גענומען ביים הענטל און געפירט מיט זיך, און ווען ער האָט געענדיקט דעם טעלעפאָן־געשפּרעך, האָט ער פאַרגעזעצט רעדן צום קינד, צוגעפירט עס צו אַנדערע קינדער, אָדער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון אַ לערער — ער איז נישט אַוועק פון קינד ביז וואַנען ער האָט עס נישט געזען אויפגע־מונטערט שפּילנדיק זיך מיט די אַנדערע קינדער.

וואָס דער לערער גילינסקי האָט געזאָגט, איז געווען הייליק. ער איז געווען די העכסטע מאַכט ביי די קינדער.

דער לערער גילינסקי האָט קיין מאָל נישט אויפגעהויבן די שטים. אַפילו ווען ער האָט געוואָלט אויף עמעצן זיך בייזערן, האָט ער גערעדט רויִק, געזעצט און אַנטשלאָסן.

שטענדיק וועל איך געדענקען די דינאַמישע געשטאַלט פון לערער גילינסקי. מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַן אידעאַלע אינסטיטוציע, און לערער גילינסקי איז געווען אַן אידעאַלער אַנפירער און דערציִער.



אין וואַרעם־הויז

די לערערין וויטשיק — זי שטייט מיר פאַר די אויגן. אַלע מאָל אין אַ ווייס פאַרטעך. כאָטש אַ נידעריקע, פלעגט זי זיך אָבער פלינק באַוועגן אויף אירע שיינע פיס. די קינדער פלעגן אַלע מאָל רעדן וועגן דעם, ווי קומט עס, אַז אַזאַ דיקע פרוי זאָל האָבן אַזעלכע שיינע פיס. דאָס בינטל שליסלען, וואָס זי האָט אַלע מאָל געטראָגן מיט זיך, פלעגט צוקלינגען און באַגלייטן יעדן טראָט אירן. זי איז געווען די פאַרוואַל־טערין פון ווירטשאַפטלעכן פּערסאָנאַל און אָנגעפירט מיט דער גאַנצער ווירטשאַפט און ריינקייט פון סאַנאַטאָריע. איר אומבאַגרענעצטע איבערגעגעבנקייט, פּינקטלעכקייט, סיסטעמאַטישקייט און ריינקייט איז געווען ממש צו באַוואונדערן. די קינדער האָבן מורא געהאַט פאַר איר, ווייל טאָמער איז עפּעס נישט געווען אויף הונדערט פּראָצענט אויסגעפירט לויט אירע פאָדערונגען, האָט זי אַלע מאָל געהייסן דאָס איבערמאַכן אָדער פאַרריכטן.

איז געשען אַמאָל, אַז אַ קינד האָט עפּעס פאַרגעסן אין דער „אַלטער" געביידע און עס האָט געוואָלט דורכן טאָג אַהין אַריינגיין און דאָס אַרויסנעמען, האָט עס מורא געהאַט דאָס צו טאָן, טאָמער וועט די לערערין וויטשיק באַמערקן. האָט מען אָוועק־געשטעלט עמעצן אין דרויסן היטן צי זי גייט נישט. די פּאָדלאָגעס זענען געווען אַזוי ציכטיק ריין, אַז טאָמער פלעגט ווער אַריינגיין און אַ זאַמדעלע פלעגט זיך אַריינכאַפּן, האָט די לערערין וויטשיק גלייך דאָס באַמערקט און גענומען פאָרשן, ווער עס איז געווען אין דער געביידע אָן איר וויסן. אין תוך איז זי געווען אַ גוטע און זייער געטריי צו די קינדער. מיטן באַגינען פון טאָג האָט מען שוין געזען די לערערין וויטשיק שפּאַנען מיטן בינטל שליסלען אין דער ריכטונג צו דער קיך. צום מערסטן טאַקע פלעגט מען זי טרעפן אויף דעם שמאָלן וועגל, וואָס האָט געפירט פון דער קיך צו די געביידעס.

דער שם, וואָס די סאַנאַטאָריע האָט זיך דערוואָרבן מיט איר מוסטערהאַפטער ריינקייט און עסטעטישקייט, איז אין אַ גרויסער מאָס געווען דער לערערין וויטשיקס פאַרדינסט. זי איז געווען אַ גרויס געווינס פאַר דער סאַנאַטאָריע.

„באַטקע" (מאָטל) גילינסקי — דער נאָמען אַליין זאָגט שוין, אַז ער איז געווען אַ טאַטע צו די קינדער. ער איז אָבער גלייכצייטיק אויך געווען זייער רבי. אים האָט מען קיין מאָל נישט געזען גיין אַליין. פונקט ווי אַ רבי מיט חסידים, אַזוי איז ער אַלעמאָל געווען אַרומגערינגלט מיט קינדער. יעדער איינער האָט זיך געריסן צו זיין וואָס נענטער צו אים. כדי צו האַלטן זיין האַנט, פלעגן קינדער זיך אָפטמאָל צעשלאָגן. אַזוי ווי ער איז געווען אַ נידעריקער, פלעגט מען אים קיינמאָל נישט אַרויסזען, די גרופּע קינדער אַרום אים פלעגט אים פאַרשטעלן. די ספּאָרט־הויזן ביז די קני׳ען, וואָס ער פלעגט אַלע מאָל טראָגן, האָבן אים געמאַכט אויסזען נאָך קלענער. טאָמער האָט ער געדאַרפט עפּעס נויטיקס דערליידיקן, פלעגט ער שנעל דורכלויפן כדי די קינדער זאָלן אים נישט פאַרהאַלטן. ער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקן איינפלוס אויף די קינדער — אויף קליין און גרויס. זעלטן ווער פון די דערוואַקסענע האָט זיך געקענט אַזוי שיין און נאַטירלעך שפּילן מיט קליינוואַרג ווי באַטקע. ער האָט געהאַט אין זיך אַ סך פּשטות, אמתדיקייט און אַדאַנק דעם אַ געוואַלדיקע ווירקונג אויף די קינדער.

די קינדער האָבן געהאַט צו אים אַ געפיל ווי צו אַן עלטערן געטרײַען ברודער: מען האָט אים שטאַרק ליב געהאַט און גלייכצייטיק רעספּעקטירט. מיט זיין היימישקייט

און ווארעמקייט האָט ער צעשטערט די וואַנט, וואָס שטייט געוויינטלעך צווישן לערער און קינד.

יאַנקל טראָופּיאַנסקי איז געווען אַ הויכער, שיינער מאַן מיט סאַמעטענע געלאָקטע האָר, צוויי קלוגע אויגן. אַלעמאָל איז ער געווען פול מיט איניציאַטיוו און איינפאַלן. ער האָט אַלץ געקענט פועלן ביי די קינדער.

קליינוואַרג איז געווען פאַרכאַפּט פון זיינע אינטערעסאַנטע שמועסן וועגן דער שיינקייט פון דער נאַטור, וועגן דער שיינקייט פון דער וועלט. זיין ליבשאַפט צו מוזיק, צו שיינקייטן בכלל אין לעבן — האָט ער איבערגעפלאַנצט אין די קינדער. ער האָט געהאַט אַ סוגעסטיוון כוח צו באַאיינפלוסן, אַ כוח צו אינספּירירן, אויפצוּוועקן גוטע נייגונגען, וואָס האָבן געדרימלט אין זיי. נישט איין קינד איז אין שפּעטערדיקע יאָרן דערגאַנגען צו אַ קאַריערע אויפן געביט פון מוזיק, קונסט, שוישפּילעריי, נאַטור־וויסנשאַפט אַדאַנק דעם שטויס, וואָס עס האָט באַקומען דורכן לערער טראָופּיאַנסקי.

אין די הערצער פון די קינדער האָט דאָמינירט ליבשאַפט פאַרן לערער באַטקע; פאַרן לערער טראָופּיאַנסקי האָבן זיי געהאַט קודם כל גרויס רעספּעקט. מיט באַטקען האָט מען זיך געפּילט היימיש און נאָענט, טראָופּיאַנסקי האָט אימפּאָנירט, מען האָט אַרויפגעקוקט צו אים.

לאָמיך איצט אויסזאָגן אַ סוד. די עלטערע מיידלעך (13, 14־יאָריקע) האָבן זיך שטילערהייט געליבט אין דעם אויסגעהאַמערטן סקולפּטורישן געזיכט און שלאַנקע פיגור פון לערער טראָופּיאַנסקי. מען האָט געהאַט צו אים אַ געפיל ווי צו אַ באַליבטן אַקטיאָר. די מיידלעך פלעגן זיך רויטלען, ווען זיין בליק איז געפאַלן אויף עמעצן פון זיי.

דער איינפלוס פון די צוויי לערער אויף די קינדער איז געווען זייער אַ שטאַרקער. אָט־אָ די צוויי לערער — באַטקע און טראָופּיאַנסקי — האָבן זיך דערגאַנצט איינער דעם אַנדערן, סיי מיט זייערע כאַראַקטערן, טעמפּעראַמענטן און פעיִקייטן. זיי האָבן געשאַפן אַ פּרעכטיקן „טיעם״, וואָס האָט געשפּילט אַ גאַר וויכטיקע ראָל אינעם לעבן פון דער סאַנאַטאָריע. געזאַנג, מוזיק, גימנאַסטיק, כאָר, פאָרשטעלונגען, שפּאַצירן, לעקציעס — דאָס אַלץ איז אַנגעפירט געוואָרן פון די צוויי לערער. זיי ביידע האָבן אַריינגעבראַכט פרייד און קינדערשן געלעכטער אין דעם קינדער־לאַנד, וואָס האָט געהייסן מעדעם־סאַנאַטאָריע.

די פרייד ביים פילמירן „מיר קומען אָן״

אַ גרויסע פרייד האָבן איבערגעלעבט די קינדער, וואָס זענען געווען אין דער סאַנאַטאָריע אין דער צייט, ווען מען האָט געמאַכט דעם פילם „מיר קומען אָן״. איך בין געווען פון די מזלדיקע, און דאָס איז טאַקע געווען מיין לעצטער באַזוך אין סאַנאַטאָריע. איך בין שוין דאַן געווען „צו אַלט״ צו באַקומען אַ ראָל אין פילם. איך בין אָבער פאַראייביקט געוואָרן אין איין סצענע בעת אַ זיצונג פון דער רעדאַקציע־קאָמיסיע.

בעתן פילמירן דעם פילם איז די סאַנאַטאָריע געגאַנגען אויף רעדלעך. עס האָט אַריינגעבראַכט אַ סך אינטערעס און געוואַלדיקן ענטוזיאַזם. ווי נאָר די קינדער האָבן דערזען אין דער פרי דעם רעזשיסער פאָרד מיט זיינע מיטהעלפער, יונגע, עלעגאַנטע

חברה, האָט זיך שנעל צעטראָגן די נייעס איבערן גאַנצן פּלאַץ: „היינט ווערט מען פילמירן, היינט פילמירט מען!". די קינדער האָבן אונטערגעטאַנצט און אונטערגעשפּרונגען פאַר פרייד. אַ חוץ דעם, וואָס דאָס בייזיין ביים פילמירן איז אַן־און־פאַר־זיך געווען פאַר די קינדער אַ געוואַלדיקע איבערלעבונג, אַ זאַך וועגן וואָס זיי האָבן אַפילו קיינמאָל חלומען נישט געקענט, — איז די פרייד אויך געווען צוליב דעם, וואָס דעם טאָג, האָבן זיי געטראַכט, וועט מען אפשר נישט דאַרפן אָפּהיטן אַזוי שטרענג דעם רעזשים; מען וועט אפשר נישט דאַרפן רוען אַזוי פיל, אָדער אפשר וועט גאָר געלונגען, אַז מען וועט נישט דאַרפן דעם טאָג טרינקען קיין טראָן... אפשר וועלן די לערער זיין אַזוי פאַרנומען מיטן פילם, אַז זיי וועלן אַ ביסל אָפּלאָזן די לייצעס פון דער מוסטער־האַפטער רוטין און רעזשים. עס איז אָבער אַזוי נישט געשען. כאָטש די סאַנאַטאָריע איז דאַן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פילם־סטודיע מיט אַלע פּיטשעווקעס, האָט זיך די אָנפירערשאַפט באַמיט, אַז דאָס נאָרמאַלע לעבן פון די קינדער זאָל וואָס ווייניקער געשטערט ווערן. בלויז די, וואָס זענען געווען פאַרנומען אין געוויסע סצענעס האָט מען באַפרייט, די איבעריקע זענען אָנגעגאַנגען מיט אַלע אַקטיוויטעטן ווי געווייינטלעך. אַן אויטאָ מיט פילם־אַפּאַראַטן איז אַרומגעפאָרן איבער דער סאַנאַטאָריע און ווו נאָר אַ שיין נאַטור־ווינקעלע איז עס פילמירט געוואָרן. דער פילם „מיר קומען אָן" שפּיגלט אָפּ אַלע אַספּעקטן פון לעבן אין דער סאַנאַטאָריע. כאָטש דער פילם איז אין תוך דאָקומענטאַריש צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן, איז ער אָבער גלייכצייטיק געשטאַנען אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ. אין אים איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן די אָרעמע היים פון וואַנען די קינדער קומען, דאָס רחבותדיקע לעבן אין דער סאַנאַטאָריע, די ציכטיקע שלאָף־צימערן, דער עס־זאַל, די טעטיקייטן פון קינדער־ראַט און אַלע קאָמיסיעס בעת זייער אַרבעט, די קאָנצערטן און פאַרוויילונגען.

לעבעדיק און לוסטיק איז געווען, ווען עס איז פילמירט געוואָרן די טעאַטער־שפּיל „ליאַלקעס", וואָס איז אַזוי אינהאַלטרייך און קינסטלעריש אָנגעשריבן און אויפגעפירט געוואָרן פון די לערער באַטקע און טראָופּיאַנסקי. אַ גרויסן רושם מאַכט באַלד די ערשטע סצענע פון פילם, ווען מען זעט אויף דער גאַנצער ברייט פון עקראַן קינדער (יינגלעך און מיידלעך), האַלטנדיק זיך ביי די הענט, גייען באַרג אַרויף זינגענדיק און טאַנצנדיק פול מיט פרייד און קינדערשן געלעכטער. קינדערשע פרייד און געזאַנג, געפּאָרט מיט מאַרשירן צוזאַמען פאָרויס, האָט סימבאָליזירט די אידעע פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

דער טראַגישער סוף

אַ סך יאָרן זענען פאַרביי זינט איך האָב פאַרבראַכט אין דער סאַנאַטאָריע. געוואַלדיק גרויסע געשעענישן זענען דורך דער צייט פאַרלאָפן. איך בין אין פאַרלויף פון די יאָרן אויסגעפאָרן אַ וועלט און געזען פיל שטעט און לענדער. די מלחמה־יאָרן האָב איך געלעבט אין רוסלאַנד און געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט רוסישע קינדער־היימען און קינדער־קאָלאָניעס; איך בין איבער צוויי יאָר געווען אין שוועדן און ווי אַן אַקטריסע אַרומגעפאָרן איבער די פאַרשידענע סאַנאַטאָריעס און

הייל־אַנשטאַלטן און געהאַט די מעגלעכקייט זיך צוצוקוקן צו דער פירונג און אָרדענונג אין די שוועדישע אינסטיטוציעס; עס איז מיר אויך נישט פרעמד די אַטמאָספער און פירערשאַפט אין פאַרשידענע היימען פאַר עלטערע און קינדער אין דעם רייכן אַמעריקע.

געוויס זענען די שוועדישע קינדער־אַנשטאַלטן רייכער און קענען זיך דערלויבן אויף גרעסערע לוקסוסן ווי אַמאָל די מעדעם־סאַנאַטאָריע. די סאַנאַטאָריע אָבער האָט אַחוץ אַלע געזונטהייטס־מיטלען, אַחוץ אַלע העכסט מאָדערנע פעדאַגאָגישע מעטאָדן וואָס זענען געוואָרן אָנגעווענדעט אויף טריט און שריט, — געשאַפן אַן אמתע וואַרעמע היים פאַרן קינד; זי האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו קאָמפּענסירן און געבן דעם קינד ליבשאַפט, פרייד און געלעכטער, וואָס האָט אים אַזוי שטאַרק אויסגעפעלט אין זיינע אָרעמע היים־באַדינגונגען; זי האָט געוועקט אין דעם קינד זעלבסט־זיכערקייט, איינגעפלאַנצט אין אים אַ געפיל פון חברישקייט און קאָלעקטיוויער אחריות.

נישט געקוקט אויף דער מוסטערהאַפטער דיסציפּלין, איז אין סאַנאַטאָריע נישט געווען דער מינדעסטער שפור פון אַרויפגעצוווּנגענקייט. דאָס קינד האָט נישט אויסגע־פירט קיין באַפעלן. דאָס קינד האָט פאַרשטאַנען די כוונות פון די לערער, וואָס זיי זענען אויסן מיט יעדער פאָדערונג, אַז דאָס איז אַלץ לטובת אים. און דערמיט איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע געווען אַנדערש ווי די אַלע אינסטיטוציעס, וואָס איך האָב געזען. דער עיקר אָבער, וואָס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן איז דאָס, וואָס די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט איינגעפלאַנצט און געוועקט אין דעם קינד אַ פאַרהערלעכונג פאַר די שענסטע אידעאַלן פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט, אַ וועלט פון ליבשאַפט פון מענטש צו מענטש.

אַזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, וועל איך דיך נישט פאַרגעסן, שיינע מעדעם־סאַנאַטאָריע!

★

צוזאַמען אָבער מיט די שיינע בילדער און פרעכטיקע זכרונות, וואָס שטעלן זיך אַזוי לעבעדיק פאַר די אויגן, ווען מען טראַכט וועגן דער צייט, וואָס מען האָט פאַרברענגט אין דער סאַנאַטאָריע, ווערט מען אַרומגענומען מיט קאָשמאַרנעם טרויער, ווען מען ווייסט ווי שרעקלעך טראַגיש עס איז אָפּגעווישט געוואָרן די הערלעכע אינסטיטוציע. וואָס האָבן געטראַכט דעמאָלט די קינדער פון דער סאַנאַטאָריע? זיי האָבן געטראַכט, אַז די וועלט איז מיאוס און די מענטשן זענען חיות, און זיי האָבן געוויס געפילט ווי זיי פאַלן פון אַ הויכן זוניקן באַרג אין טיפן אָפּגרונט אַריין.

דאָ אין ניו־יאָרק, ביי די שלושים פון לערער ש. גילינסקי, האָט מען מיך איינגעלאַדן עפּעס פאַרצולייענען. איך האָב אויסגעקליבן דאָס ליד פון מאַני לייב „די מעדעם־סאַנאַטאָריע", וואָס איז געווען אַזוי צוגעפּאַסט פאַר דער דאָזיקער געלעגנהייט.

ווען איך האָב אָנגעהויבן לייענען דאָס ליד, איז מיין בליק געפאַלן אויף מיין שוואָגער און טייערן פריינד, יוסף גוטגאָלד. איינער פון די טאַטעס, וועמענס איינציקער זון, 15 יאָר אַלט, איז געווען צווישן די קינדער, וואָס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין דער סאַנאַטאָריע. איך האָב אין דעם מאָמענט דערפילט די גרויסקייט פון דער

טראַגעדיע — מעדעם־סאַנאַטאָריע. איך האָב זיך קוים באַהערשט צו קענען פאַרענדיקן דאָס ליד.

וויל איך איצט פאַרענדיקן מיינע זכרונות וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע מיט אַ פּאָר שורות פון מאַני לייב:

אוי, נישט שוואַרצע כמאַרעס — דייטשן מיט די שפּיזן
אין דער סאַנאַטאָריע האָבן זיך באַוויזן.
דייטשן מיט די שפּיזן — שינדער־אונטערצינדער —
זענען אָנגעקומען מאָרדן קראַנקע קינדער!
מאָרדן קראַנקע קינדער, יידיש לעבן טרעטן,
אויפן בלוט פון קינדער, אויף די קראַנקע בעטן.
האָבן זיי געשטאָכן און אין ווילד נצחון
אַלע קראַנקע קינדער, אַלע אויסגעשטאָכן.

צפּורה גליקסמאַן (פּויטשע פיינזילבער)

געבוירן אין וואַרשע. אַ שילערין פון דער צישאָ־פּאָלקשול. געענדיקט אַ דריי־יאָריקע טעאַטער־שול און ווערט אַ מיטגליד פון וואַרשעווער „יונג־טעאַטער". ווערט שפּעטער אַנגאַזשירט אין „פּאָלקס־און יוגנט־טעאַטער" און שפּילט אונטער דער רעזשי פון לעאָ שילער די ראָל פון מיראַנדאָ אין שעקספּירס „שטורעם". אין צייט פון קריג געווען אין רוסלאַנד און געשפּילט אין די יידישע מלוכה־טעאַטערן אין ביאַליסטאָק, ווילנע און טאַשקענט. 1948 געקומען קיין אַמעריקע, געלערנט אין יידישן לערער־סעמינאַר. שפּילט אויך פון צייט צו צייט אין יידישן טעאַטער.

ליבע אַקון־קאַהען (שאַרלאָטעסוויל, ווירדזשיניא)

אַמאָל איז געווען...

אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט, האָב איך און מיין יינגערער ברודער פאַרבראַכט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע פיר זומערן: 1927, 1928, 1929 און 1930. מיר פלעגן קומען קיין מיעדזעשין פון ווילנע אויף די צווייטע זומער־חדשים, גלייך נאָכן שלוס פון שול־יאָר אין דער סאָפיאַ מאַרקאָוונע גורעוויטש־גימנאַזיע, ווו מיר ביידע זענען געווען שילער.

מיינע עלטערן זענען געווען אַקטיווע, טיף־איבערגעגעבענע בונדישע טוער און בויער פון דער יידיש־וועלטלעכער שול־באַוועגונג. זיי זענען ביידע געווען לערער. מיין פאָטער — אַ צייט דער דירעקטאָר פון ווילנער יידישן פּאָליטעכניקום און מיין מוטער — אַ לערערין אין דער גימנאַזיע, אַן אָנפירערין פון יידישע לערער־קורסן און אַ צייט די פאַרוואַלטערין פון דער ווילנער קינדער־ביבליאָטעק פון צ.ב.ק. — עס איז נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס מיינע עלטערן האָבן אונדז קינדער געשיקט ווייט אַוועק פון דער היים צו פאַרברענגען אונדזער זומער־וואַקאַציע „אין אַן אייגענעם אַנשטאַלט״, ווי די מאַמע פלעגט עס רופן, „צו געניסן פון דעם סאָציאַליסטישן גייסט דאָרטן״. „איך וויל איר זאָלט זיין אַרומגערינגלט מיט קינדער פון אונדזער פאָלק״ — פלעגט זי זאָגן צו אונדז — „איר זאָלט דערפילן דעם טעגלעכן אידעאַליזם פון אונדזערע לערער, איר זאָלט לעבן אין אַ נאַטירלעכער יידישער סביבה, כדי איר זאָלט אויסוואַקסן גייסטיק געזונטע און רייכע מענטשן, קענען ברענגען אייער אייגענע, נוצלעכעביישטייערונג צו דער וועלט אין וועלכער איר וועט לעבן, ווען איר וועט אויסוואַקסן״...

ביידע עלטערן האָבן טיף געגלויבט אין זייער אידעאַל פון אַ בעסערער וועלט, אין אַ בעסערן מענטשן — און די עכטקייט פון זייער גלויבן און זייערע טאָג־טעגלעכע טאַטן האָט אין זיך געהאַט מענטשלעכקייט, וועלכע איך האָב געשפּירט, וועלכע איך האָב מקנא געווען און וועלכע איך האָב געוואָלט אַריינזאַפּן אין זיך. איך האָב דעם זעלבן גייסט פון מענטשלעכקייט, פון איבערגעגעבנקייט, פון פערזענלעכער אַריינגעפלאָכטנקייט איינער אין צווייטן, געפונען אין מיינע זומערן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

איך געדענק, איך פלעג פילן נאָכן זומער, ווען מיר פלעגן צוריקקומען אַהיים קיין ווילנע, אַז דער גייסט פון „איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם״ איז נישט בלויז אַ לאָזונג, נישט אַפילו בלויז אַ טרוים פון סאָציאַליסטן, נאָר אַ רעאַליטעט פון

וועלכער איך בין אַ קורצע צייט געווען אַן אַקטיווער טייל. און איך האָב געבענקט נאָך דער סאַנאַטאָריע אין די לאַנגע ווינטער־חדשים.

עס ליגט איצט פאַר מיר אַ פאַרגעלט בריוול, וואָס איך האָב דעם 18טן סעפּטעמבער 1928, געשיקט צו מיין פאָטער אין בוענאָס־איירעס, ווו ער האָט יענעם יאָר געאַרבעט אין אַ יידישער פאָלקשול (ער האָט אונדז פאַרלאָזן מיט אַ צייט פריער און אוועק זוכן פאַר אונדזער משפחה „אַ היים" — בירגערשאַפט „ערגעץ אין דער וועלט": אַלס סאָוויעטישע פּליטים האָבן מיר נישט געהאַט קיין פּוילישע בירגער־רעכט און אין סעפּטעמבער 1930 האָבן מיר טאַקע דאָס לאַנד פאַרלאָזן). איך שרייב אין דעם בריוו:

„מיין טייערער פּאַפּאַטשקע:

איך בין שוין כמעט אַנדערטהאַלבן חדשים אין ווילנע. ביסלעכווייז לעב איך זיך ווידער איין אין דער גימנאַזיע. און דאָך קען איך נישט פאַרגעסן אונדזער סאַנאַטאָריע. דו שרייבסט, אַז עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט פאַר די קינדער פון דיין שול צו וויסן וועגן דעם לעבן אין סאַנאַטאָריע... — ווי מיר פאַרברענגען דעם טאָג און די טאָג־אָרדענונג פון סאַנאַטאָריע, האָב איך דיר געשריבן אין אַ פריערדיקן בריוו. איך קען נאָר זאָגן איין וואָרט וועגן דער באַציִונג פון די קינדער צו דער סאַנאַטאָריע און דאָס איז: „די סאַנאַטאָריע איז אונדזער צווייטע היים" — האָבן געזאָגט קינדער אויף אַ שמועס מיט אַ לערערין, און דאָס קליינוואַרג, הערנדיק דאָס, האָט אויסגעשריגן: „נישט די צווייטע היים איז עס — נאָר די ערשטע!"

דאָס איז וועגן דער באַציִונג פון די קינדער. וואָס אַנבאַלאַנגט מיין מיינונג קען איך נאָר צוגעבן, אַז די סאַנאַטאָריע ציט מיך צו זיך מיט דער קולטור פון פּשוטקייט, וועלכע הערשט דאָרטן צוליב דעם חברישן צוזאַמענלעבן צווישן די קינדער און די לערער. נאָך אַ וויכטיקע זאַך איז די דיסציפּלין. עס הערשט דאָרט אַ מוסטערהאַפטע אָרדענונג, אָבער זי איז געשאַפן „נישט מיט דער נאַהייקע". נאָר מיט דער באַציִונג פון לערער צום קינד און פאַרקערט.

אַלס באַוויז ווי ריכטיק עס זענען מיינע ווערטער קען דינען דאָס, וואָס אין משך פון דער צייט, וואָס איך האָב דאָרט פאַרבראַכט, האָב איך זיך צו דער סאַנאַטאָריע מער צוגעבונדן ווי צו דער גימנאַזיע אין זעקס יאָר! און נישט נאָר איך אַליין, אַלע ווער עס איז נאָר געווען אין סאַנאַטאָריע, וועלן זי שוין אַזוי גיך נישט פאַרגעסן. אויף מיר אַליין ליגט שוין אַ „שטיקל" סאַנאַטאָריע. איך ווייס, אַז זומער ווער איך גייסטיק אַ סך רייכער ווי ווינטער און אַז איך קום צוריק אין ווילנע און איך טרעף זיך מיט מיינע קלאַס־חברטעס, גיב איך אַ קלער „ווי פּוסט זיי זענען". אָבער מיט דער צייט ווערט מען אויך אַזוי ווי זיי און עס דוכט זיך, אַז מען איז שוין נישט אַזוי שטאַרק פּוסט... נאָר גענוג מיט דעם. איך וואָלט קיינמאָל נישט געענדיקט זינגען לויב־געזאַנגען צו דער סאַנאַטאָריע!"

דאָס איז געווען מיין געפיל וועגן דער סאַנאַטאָריע דאַן, ווען איך בין געווען אין 1928 אַ יונגע סאַנאַטאָריסטין. דער בריוו רעדט פאַר זיך אַליין.

איצט, אין 1970, שיק איך מיין ביישטייער צו דעם מעדעם־סאַנאַטאָריע־געדענק־בוך פון שאַרלאָטעסוויל, ווירדזשיניאַ, אין דעם דרום־מזרח ווינקל פון די פאַראייניקטע שטאַטן. מיין דערוואַקסן לעבן איז אויסגעשפּונען געוואָרן אין אַמעריקע, ווו איך

האָב פֿאַרבראַכט די אַלע יאָרן, ווו איך האָב מיין היים געבויט. פון דאַנען שיק איך מיט ליבשאַפט, צוריק צו זייער אָנהויב, אַ פּאָר עפּיזאָדן, וועלכע וואַכן אויף אין מיין זכרון, עפּיזאָדן פון דעם אַמאָל, וואָס איז געווען און איז מער נישטאָ, פון מיינע ווייטע יוגנט־זומערן אין מיעדזשעין. זאָלן די זכרונות אויך רעדן פאַר זיך אַליין און ווערן אויסגעמישט מיט די שטימען פון די געווזענע סאַנאַטאָריסטן — די פאַרבליבענע און די פאַרגאַנגענע — אין אַ חברישער איינקייט.

„טשאַלדאַקעס"

אַ הייסער זומער־פרימאָרגן אין דער „אַלטער געביידע". עס איז אַרום 11 אַ זייגער. איך אייל זיך פאַרטיק צו ווערן מיטן ראַמען דעם צימער, מיטן אויסגלייכן מיינע זאַכן אין דער קליידער־שאַפע און מיטן צוגרייטן מיינע שמוציקע וועש צום אָוועקגעבן אין דער וועשעריי. איך אייל זיך, ווייל איך וויל נישט קומען שפּעט צום שמועס אויף דער ווערענדע. איך בין אומגעדולדיק און מיין קליינער ברודער דרייט זיך מיר אונטער די פיס און איך בין בייז אויף אים. איך האָב צוגעזאָגט דער מאַמען איידער מיר זענען אַוועקגעפאָרן פון ווילנע צו זיין „אַ גוטע שוועסטער" און אַכטונג צו געבן אויף אים. נו, שטייט ער איצט פאַר מיר מיט זיין פעקל שמוציקע וועש און וואַרט איך זאָל עס ביי אים אָוועקנעמען און דערליידיקן דאָס אָוועקשיקן. מען דאַרף דאָס פעקל וועש איבערציילן, פאַרשרייבן און אין אַ ציכעלע עס אויפהענגען אויפן בוידעם אין דער אַלטער געביידע.

איך וויל ער זאָל די אַרבעט אַליין טאָן „זעלבשטענדיק". אָבער ער פוילט זיך און איז איינגעשפּאַרט. קריג איך זיך מיט אים. פון געוווינהייט רעד איך צו אים אין רוסיש ווי דער שטייגער איז אין דער היים, און וואָס מער ער שפּאַרט זיך, אַלץ העכער קלינגט מיין קול:

„טראָג דיינע וועש אַרויף אויפן „טשערדאַק" (בוידעם) אַליין".

„איך וויל נישט".

„דאָ אַרבעטן אַלע — דו מוזסט טאָן דיין חלק אַרבעט".

„איך וויל נישט".

„אויב דאָס פעקל איז צו שווער, וועל איך דיר העלפן עס אַרויפטראָגן אויף דעם טשערדאַק, אָבער דו מוזסט דיינע וועש אַליין צוגרייטן און אויפהענגען"!

„איך וויל נישט — מיך אַרט נישט"...

נו, קריגן מיר זיך ווי עס איז דער גאַנג צווישן אונדזביידן נישט זעלטן. דערווייל גייען פאַרביי קינדער, הערן די פרעמדע שפּראַך, בלייבן שטיין, הערן זיך איין. גאָר אין גיכן הייבן זיי אָן זיך צו רייצן מיט אונדז ביידן.

„ליטוואַק־חזיר, ליאַ־ליאַ־ליאַ", „צלם־קעפּ". „פראָווינצער חיות", „טשאַלדאַקעס". אָן עלטערע סאַנאַטאָריסטין גייט דורך, זעט וואָס עס טוט זיך און מוסרט אונדז אַלעמען פאַר נישט חברישן אויפפיר. מיר פאַרשעמען זיך, ווערן פריינד און מיין ברודער טראָגט זיינע וועש אַרויף אויפן „טשערדאַק".

*

יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב אין ניו־יאָרק געזען דעם סאַנאַטאָריע־פילם „מיר קומען אָן", האָב איך אויסגעפונען, אַז מיין ברודער און איך זענען אומדירעקט „פּאַר־אייביקט" געוואָרן אין סאַנאַטאָריע־פאָלקלאָר. דאָס רוסישע וואָרט „טשערדאַק" (בוידעם) איז געוואָרן „טשאָלדאַק" און אָפט גענוצט געוואָרן אין דער סאַנאַטאָריע צו באַצייכענען אַ ניי־אָנגעקומענעם סאַנאַטאָריסט.

„די טשאָלדאַקעס קומען, די טשאָלדאַקעס קומען" שרייען קינדער אין דעם בילד און לויפן באַגריסן דעם אָמניבוס מיט ניי־אָנגעקומענע עכטע וואַרשעווער „גרינע".

וואָס איז יושר און גערעכטיקייט?

איך געדענק, מיר האָבן געשריבן אַ פּאַראָדיע אין פּראָטעסט קעגן אַ האַנדלונג, וואָס האָט אויסגעקוקט נישט יושרדיק אין אונדזערע אויגן און געזונגען דאָס ליד ביז אַלע געקריוודעטע זענען געוואָרן צופרידנגעשטעלט. ביז היינט קלינגט אין מיינע אויערן דער רעפריין:

— און איצט טראָגט די קאָמיסיע פון ערשטער קאַטעגאָריע
אַ רינגל מיטן מאָנאָגראַם די „מעדעם־סאַנאַטאָריע"...

עמעץ האָט געגעבן דער סאַנאַטאָריע אַ מתנה — עטלעכע זילבערנע רינגעלעך מיט „מעדעם־סאַנאַטאָריע" אויסגעקריצט אויף זיי. דער קינדער־ראַט האָט באַשלאָסן דורכצופירן אַ קאָנטעסט צווישן די קינדער אויף פאַרשידענע געביטן פון סאַנאַטאָריע־לעבן און געבן אַלס פּרייז אַ רינגעלע יענע קינדער, וועמענס אַרבעט צייכנט זיך אויס.

נו, האָט איינע פון די קאָמיסיעס, די ריינקייט־קאָמיסיע, זיך פאַרזינדיקט אין אונדזערע אויגן, ווייל זי האָט פאַרטיילט עטלעכע ריינקייט־פּריזן צו קינדער, וועלכע זענען אַליין געווען מיטגלידער פון דער קאָמיסיע.

„אַ שאַנדע", „מען טאָר נישט געניסן פון די פעטע טעפּ פון מצרים", „אַן עגאָיס־טישע, קאָרופּטירטע האַנדלונג", „נישט ערלעך, נישט יושרדיק" — האָבן מיר געשטור־רעמט קעגן די „זינדיקע", און ווען דאָס שטורעמען האָט נישט געהאָלפן, האָבן מיר דאָס ליד געשריבן און געזונגען עס טאָג און נאַכט ביז די קאָמיסיע־מיטגלידער האָבן דערפילט דעם דרוק פון אונדזער הומאָר און האָבן צו אונדזער סאַטיספאַקציע „באַ־רעכטיקט" יעדעס רינגעלע, וואָס איז געגעבן געוואָרן אַלס פּריז.

לאַנג פאַרשוווּנדענע געפילן, לאַנג פאַרגעסענע „שאַפונגען", קינדערשע קאַמפן און זיגן... און דאָך איז אין זיי ערגעץ ווו געלעגן די עכטקייט און די ערנסטקייט פון אַ גאַנצן דור אין זיין דראַנג צו יושרדיקייט. דער שפּור פון דעם סאַנאַטאָריע־גייסט איז געווען אַ סך טיפער איינגעקריצט אין אונדזערע יונגע לעבנס ווי די אויפשריפט „מעדעם־סאַנאַטאָריע" אויף די געגאָרטע פּריזן־רינגעלעך.

וואָס איזווירקלעכקייט? וואָס איז פאַנטאַזיע?

„און מיר האָבן גענומען די פאָנען און מיר זענען געגאַנגען איבער די גאַסן"... אַ זאַץ פון אַ באַריכט פון חבר אַלעק ערליך וועגן דעם יוגנט־צוזאַמענפלי אין „רויטן" ווין אין 1929. אַ פרימאָרגן אונטער אַ בוים, נישט ווייט פון דער „נייער געבידע". אָנשטאָט רוען אויף וועראַנדע־בעטלעך — זיצן מיר אין אַ קרייז אַרום דעם יונגן רעדנער און שלינגען די ווערטער, וואָס קומען אַרויס פּאַמעלעך, פּאַמעלעך אין זיין „פאַרגויישטן" יידיש.

— „חבר זייץ, דער מעיאָר פון ווין, האָט אונדז באַגריסט אויפן שטאָט־פּלאַץ. טויזנטער מענטשן זענען געקומען און לאַנג געשטאַנען אויף די גאַסן, ווען מיר האָבן מאַרשירט. מיר האָבן געזונגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און די „שבועה". די „מאַרקס־ענגעלס אַרבעטער־הייזער" זענען אַ גרויסע סאָציאַליסטישע דערגרייכונג". „מיר, די פאַרשטייער פון דער „צוקונפט" צוזאַמען מיט די דעלעגאַציעס פון אַנדערע סאָציאַ־ליסטישע גרופּן האָבן זיך געפילט אינדערהיים אין ווין". „דער הימל בייינאַכט, ווען מיר האָבן געהאַט אַ פאַקל־צוג, האָט געהאַט אַ סך גרויסע זילבערנע שטערן"...

אַלעק ערליך רעדט, זלמן פרידריך רעדט, אַנדערע חברים רעדן און דערציילן וועגן זייערע איבערלעבונגען ביי דעם צוזאַמענפלי. קינדער שטעלן פראַגן, די רעדנער ענטפערן. „אַן אַקטיוויטעט" אונטער אַ בוים אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. נישט מער... אָבער איך געדענק ביז היינט דעם שטראָם פון געפילן, וועלכע די ווערטער האָבן אַרויסגערופן אין מיר דעמאָלט.

איך ווייס נישט, וואָס די רעדנער האָבן געהאַט אין זינען אָדער וואָס פאַראַ אויספירן זיי האָבן געמאַכט פון זייערע איבערלעבונגען. איך געדענק בלויז, אַז איך האָב פאַנטאַ־זירט וועגן ווין לאַנג נאָך דעם ווי מיר זענען פון אונטערן בוים אַוועק... „אַ, צו זיין אין ווין! אַ סאָציאַליסטישע שטאָט" — האָב איך געחלומט... „איך וועל אָנטאָן מיין בלויע „צוקונפט"־בלוזע מיטן רויטן שניפּס און כ'וועל פריידיק טראָגן די רויטע פאָן זינגענדיק די „שבועה". אַלע וועלן עס פאַרשטיין, אַפילו די עסטרייכער, די פראַנצויזן, די ענגלענדער, וואָס קענען נישט קיין יידיש. זיי וועלן די נאָענטקייט און דעם יום־טוב דערפילן, ווייל מיר זענען אַלע ברידער, געבונדן מיט איין אידעאַל... איך וועל האַלטן שטורעמדיקע רעדעס. כ'וועל צינדן אַלעמען מיט מיין גלויבן און פייער! איך וועל זיך פאַרשרייבן אין דער ווינער פאַרטיי־שול און כ'וועל ווערן אַ יוגנט־פירערין... איך וועל, איך וועל..."

עס האָט זיך מיר דעמאָלט געדאַכט, אַז בלויז נאָך אַ ביסל אָנשטרענגונג, נאָך אַ שטויס מיט מיין אַקסל — און איך וועל איבערקערן די וועלט און די וועלט אַן אויסגעגלייכטע און באַנייטע וועט זיך צעשטראַלן און מיין פרייד וועט זיך אויסמישן מיט דער פרייד פון די אַלע, וואָס „האָבן גענומען די פאָנען און זענען געגאַנגען איבער די גאַסן" אין ווין אין 1929.

איך האָב זיך דעמאָלט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געפילט דערהויבן ווי איינע פון די „שבת יום־טובדיקע, די נשמה־יתירהדיקע יידן" פון פרצעס „גאָלדענע קייט".

אַ גערעטעניש

דער זכרון שפּילט מאָדנע שפּיצלעך אָפּ. ערשט נישט לאַנג צוריק האָט אונדז באַזוכט אונדזער יונגע, אַמעריקאַנער געבאָרענע טאָכטער, וועלכע וווינט איצט אין קאַליפאָרניע. מיר האָבן זיך געקליבן צוזאַמען גיין ערגעץ צו פריינד אויף אַ שמחה. זי איז געוואָרן אומגעדולדיק, ווייל איך האָב זיך אַלץ נישט געקאָנט אַרויסקאַראַבקען פון די קלייניקייטן, וואָס מען האָט געדאַרפט פאַרענדיקן אין שטוב פאַרן אַוועקגיין. ענגליש איז אונדזער טאָכטערס טאָג־טעגלעכע שפּראַך. אָבער ערגעץ אַרבעט דער „שלאָפנדער" יידישער וואָקאַבולאַר פון איר קינדהייט. „קלייב צונויף די „סנאָפּעס" אַ ביסל גיכער, מאַמע, און לאָמיר גיין" — האָט זי געזאָגט. דאָס יידישע וואָרט „סנאָפּעס" האָט מיטאַמאָל אַרויסגעזוגגען פון דעם ענגלישן זאַץ. איך האָב דערהערט דאָס ליד, וואָס מיר האָבן געזונגען אין דעם ווייטן, ווייטן אַמאָל. דער ריח פון פריש־געשניטענעם היי האָט מיר אַ שלאָג געטאָן אין נאָז און פאַר מיינע אויגן האָט אויפגעוואַכט דאָס בילד פון היי־קלייבן אין פעלד, נישט ווייט פון דער אַלטער ווערענדע, לעבן דעם גאָרטן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע...

דאָס היי איז פאַרטיק. דאָס גראָז, געשניטן שוין מיט אַ צייט פריער, ליגט טרוקן אויף דער ערד און וואַרט ביז מיר אַלע — לערער, קינדער, גרויס און קליין וועלן צוזאַמען מיט די „אמתע" אַרבעטער עס צוזאַמענקלייבן. דער ריח פאַרשיכורט ממש און מיר רעדן צווישן זיך ווייניק וועגן עפּעס אַנדערש ווי פעלד־אַרבעט. פאַרגעסן איז דאָס רוען אויף דער ווערענדע, צעבראָכן די טעגלעכע רוטין. מיר זענען אַלע דעם טאָג „אויף דער ערד". איך ווייס נישט ווי דאָס קליינוואַרג האָט זיך געפילט. איך געדענק, אַז צווישן אונדז, די עלטערע קינדער, האָט געהערשט אַ פייערלעכע, פריידיקע שטימונג. מיר האָבן זיך געפילט כמעט ווי אמתע ערד־אַרבעטער, אָדער ווינציקסטן ווי „טאָל־סטאָיאַנער". „קלייבט צונויף די סנאָפּעס, ברידער, ביז די זון וועט אונטערגיין"... האָבן מיר געזונגען הויך אויף אַ קול. מיט אמתע פּויערישע גראַבליעס האָבן מיר דאָס היי געשאַרט, מיט סערפּעס פאַרגעסענע גראָזן געשניטן, „צעפּ" פון היי געפלאָכטן און סנאָפּעס געבונדן און קעפּ באַקראַנצט און געשוויצט, און פרישע וואַסער געטרונקען און געלאַכט און געשטיפּט און שפּעטער אַ יום־טוב געמאַכט דעם שניט צו פייערן. „און אַ גאַנצן טאָג געהאָרעוועט ווי די כלאָפּעס — עסט מען וועטשערע צוזאַמען פון איין שיסל און מען פאַלט אַנידער שלאָפן ווי די סנאָפּעס", האָבן מיר רעציטירט משה קולבאַקס פּערזן...

וויפל אמתע אַרבעט מיר האָבן יענעם טאָג אויפגעטאָן איז שווער צו זאָגן. פון דעם געמיש פון יוגנטלעכער מי און פאַנטאַזיע איז מסתמא פאַרט אַ ביסל הילף אַרויס־געקומען און דאָס גראָז איז אין אַ קורצער צייט ערגעץ ווו פאַרפירט געוואָרן... אין דעם זכרון פון די גרויסשטאָטישע סאַנאַטאָריע־„פּויערים" אָבער האָט דער שניט נאָך געגליט אַ סך, אַ סך יאָרן און די נאַטור אַרום געמאַכט באַקאַנטער און אייגענער.

איך בין זיכער, אַז ווען אונדזער קאַליפאָרניער טאָכטער זינגט דאָס ליד פון שניט אָדער נוצט דאָס וואָרט „סנאָפּעס", האָט זי אין זינען אַנדערע זכרונות פון מיר. און דאָך — און אפשר דוכט זיך מיר עס בלויז — גליט אַ באַזונדערע צאַרטע נאָענטקייט

צווישן אונדז, ווען אַן אָפּהילך פון מיינע סאַנאַטאָריע־זומערן „אויף דער ערד", געפינט אַ היים אין אונדזער טאַכטערס באַוווּסטזיין דורך מיינס אַן אַנגעלאָדן יידיש וואָרט, וואָס וועקט מיינע און אירע קינדהייט־זכרונות.

ווי עס זאָל נישט זיין — אַנשטאָט ווערן אויפגערעגט אין אונדזער איילעניש, האָבן מיר זיך ביידע וואַרעם צעשמייכלט, געענדיקט „קלייבן די סנאַפּעס" אין הויז און זענען צו דער שמחה אַוועק.

פ ר י י ד

סאַראַ פרייד עס איז צו ליבן —
סאַראַ פרייד צו זיין געליבט.
אַלע פּיינען אויפגעקליבן —
איבער וועלטן זיי צעזיפּט.

סאַראַ פרייד עס איז צו שפּרייזן
טראָט אין טראָט און האַנט אין האַנט —
קלינגען טריט ווי רויער אייזן,
נאָענט איז אַלץ און אַלץ באַקאַנט..

1930. מיין לעצטער זומער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און מיין ערשטע ליבע... שווער איצט נאָך אַזוי פיל יאָרן פונאַנדערטיילן איינס פון צווייטן...

מיין יונגער חבר האָט לידער געשריבן צו מיר, צו זיך און צו דער וועלט. איך האָב שטורעמדיקע רעדעס געהאַלטן צו דער וועלט און שטילערע רייד געשעפּטשעט צו אים און צו זיך.

איז עס געווען גוטע פּאָעזיע צום דרוקן? — איך צווייפל אין דעם.
וועלט־דערשיטערנדיקע רעדעס? — חלילה.
פילאָזאָפיעס, וואָס האָבן דורותדיקע פּראָבלעמען געלייזט? חלילה!
און דאָך...

אין יענעם צאַרטן, אומשולדיקן זומער האָבן מיר ביידע געפילט דעם הייסן אָטעם פון יעדער שעה אונדזערער, און ליבנדיק און טרוימענדיק האָבן מיר מיט יוגנטלעכן אימפּעט זיך אַריינגעוואָרפן אין די אַקטיווּיטעטן אַרום אונדז.

אַלץ האָט אויסגעזען דערגרייכבאַר! וואָס מיר האָבן נישט געטאָן איז געווען וויכטיק אין אונדזערע אויגן. אומעטום האָבן מיר געזוכט מיט ערנסטקייט, זין און עכטקייט. צוזאַמען האָבן מיר געאַרבעט פיבעריש אויף דער „וואַנטצייטונג". הייס דיסקוטירט פּאָליטישע פּראָבלעמען, געשוואָרן אייביקע גרייטקייט זיך מקריב צו זיין פאַר אונדזער אידעאַל, באַוווּנדערט דעם אייגענעם כוח, געאַרבעט צוזאַמען, געשאַפן צוזאַמען, געטרוימט צוזאַמען און צוזאַמען אַנטדעקט די יוגנט, וואָס האָט געשפּרודלט אין אונדז. ער האָט געשריבן:

העי!
איר יונגע פון דער גאַנצער וועלט!
פאָרויס! פאָרויס! פאָרויס!
נישט פרעגט ווו איין, ווו אויס —
מיר גייען צו אַ נייער וועלט,
צו ליכט! מיט היץ — דורך קעלט!
און ווען דער וועג איז לאַנג און שווער —
זאָל זיין.
מיר קערן נישט צוריק דעם סטער!
מיר קוקן קיינמאָל נישט אַהינטער מער.
מיר גייען שטענדיק נאָר פאָרויס! פאָרויס!
נישט פרעגנדיק ביי קיינעם ווו איין — ווו אויס!

אוןביידע האָבן מיר געפילט, אַז אונדזער לעבן איז געקניפּט און געבונדן מיט דער גאַנצער וועלט, און אַז מיר, די יונגע מוזן און קענען ברענגען אַ בעסערע, אַ יושרדיקע וועלט, ווי די וואָס רינגלט אונדז אַרום.

איך געדענק ווי „פאַרווונדעט" מיר האָבן זיך געפילט, ווען עס האָט זיך אונדז אויסגעדוכט, אַז דער דירעקטאָר פון דער סאַנאַטאָריע לאַכט אָפּ פון אונדזער ערנסטקייט, פון אונדזער עכטער חברשאַפט, ווען ער וויצלט זיך אויף אַ „קליינביר־גערלעכן אופן" און באַשולדיקט אונדז, אַז „מיר פירן אַ ליבע".

נאַיוו און קינדיש? — אַוודאי. אָבער דאָך איז געווען אַ טיפע גאַנצקייט אין אונדזער אויפגעוואַכטער יוגנט. מיר זענען איינגעפלאַכטן געווען אין דעם סאַנאַ־טאָריע־גייסט אַרום אונדז און מיר זענען שיכור געווען אין אונדזער ניי־געפונענער נאָענטקייט און געוואָלט געבן פון זיך און פון אונדזער פרייד צו אַלעמען אַרום. מיר האָבן געוואָלט דערמוטיקן, דערהויבן אַלעמען צו אונדזער הויך. דער אַ באַוווסטזיין, אַז נאָך אַלעמען איז דער מענטש אַ באַשרענקטע באַשעפעניש און דער גייסט פון צעשטערונג האָבן איבער אונדז יענעם זומער קיין שליטה נישט געהאַט.

✶

איך טראַכט אָפט וועגן דעם קאַמף פון יוגנטלעכע היינט, וועגן זייערע שטרייטן און ספיקות, וועגן זייערע פראַגן און ענטפערס, זייערע פאַרלוסטן און זייערע זיגן. אַ סך פון די פראַגן, וואָס זיי שטעלן, האָבן מיר געפרעגט.

„פאַרוואָס פילט נישט די אַלטע וועלט אונדזער יוגנט־געשריי? פאַרוואָס זעט נישט די וועלט די אומגערעכטיקייט אַרום? וואָס פאַראַ היפּאָקריטישע וועלט איז דאָס, ווו הונגער וואַקסט און גרויזאַמקייט צערייבט לעבנס? ווי דערלאָזט מען, דאָס זאָל בושעווען אומגעצוימט און גיין פון מענטש צו מענטש, פון קלאַס צו קלאַס, פון פאָלק צו פאָלק?"

די יוגנט היינט ווי מיר אַמאָל, פאָדערט ענטפערס אויף זיי. אין זייער צאָרן קלינגט אַן עכאָ פון אונדזער יוגנט־צאָרן אַמאָל.

„מיר טאָרן נישט שווייגן". „מיר מוזן אויפהערן צו זיין אַ טייל פון דער וועלט־שאַנדע". „מיר מוזן האָבן מוט און כוח זיך אַלס קרבן צו ברענגען און ווערן אַ מוסטער פון נישט אונטערגעבן זיך". „מיר מוזן צעשטערן דאָס אַלטע, דאָס פאַר־דאָרבענע"...

באַקאַנטע ענטפערס.

און דאָך, ווען איך וויל זיי טיף פאַרשטיין, זע איך אַ פּרעמדקייט, אַן אַנדערשקייט, וואָס דערווייטערט מיך און שרעקט מיך מער ווי די יאָרן, וואָס צעטיילן אונדז.

ערגעץ ווו פעלט זיי די זיכערקייט, אַז זיי קענען אויפבויען אַ בעסערע וועלט און דערציִען אַ בעסערן מענטשן. זיי ווערן געטראָגן פון דעם אימפּעט פון צע־שטערן, און עס דוכט זיך מיר, אַז זיי פעלט די פרייד פון בויען.

און אפשר ראָמאַנטיזיר איך אַ ביסל מיין פאַרגאַנגענהייט און דעם כוח פון גלויבן. נאָך אַלעמען ליגט אונדזער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַ דערטרונקענע אין בלוט אונטער אַ באַרג פון מענטשן־האַס... און אפשר אויך — יעדער מענטש געפינט אויף זיין שטייגער זיין מעדעם־סאַנאַטאָריע. אפשר... איך בין צופרידן, וואָס מיין מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען דער ליכטיקער אַנשטאַלט אין מיין יוגנט, ווו איך האָב פאַרבראַכט מיינע פיר זומערן — 1927, 1928, 1929 און 1930.

ליבע אָקון־קאָהען

גענדיקט די יידישע גימנאַזיע פון סאָפיע גורעוויטש אין ווילנע. אין 1930 אָנגעקומען קיין קאַנאַדע מיט אירע עלטערן. אין 1939 באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק. געאַרבעט ווי אַ לערערין אין די יידישע שולן פון שלום־עליכם־אינסטיטוט, געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אין 1950 אָנגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס מיט איר מאַן ראַלף קאָהען און צוויי קינדער. דאָ געאַרבעט אין דער יידישער מיטלשול, גלייכצייטיק פאָרגעזעצט איר העכערע בילדונג. באַקומען „מאַסטער דעגרי" אין ביבליאָטעק־וועזן (לייברערי סאַיענס), געאַרבעט אין די ביבליאָטעקן פון לאָס אַנדזשעלעס־אוניווערסיטעט און שפּעטער פון קאָלעדזש פון סאַן פערנאַנדאָ־סטעיט. זייט 1967 וווינען די קאָהענס אין שאַרלאָטעסוויל, ווירדזשיניאַ. איר מאַן איז פּראָפעסאָר פון ענגלישער ליטעראַטור אין דעם ווירדזשיניאַ־אוניווערסיטעט, ליבע — די ביבליאָטעקאַרין פון דער אוניווער־סיטעט־ביבליאָטעק.

הערשל שטריגלער (פאַריז)

כ'דערמאָן זיך...

עס איז שוין אַריבער מער ווי פערציק יאָר זינט מיינע ערשטע פעריען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. אָבער ווי קומט עס, אַז די איינדרוקן, וואָס כ'האָב איינגע־האַלטן אין מיין זכרון זענען נאָך אַזוי פריש און לעבעדיק?

גאַנץ פשוט. פאַר אַן אָרעם יידיש אַרבעטער־יינגל פון וואַרשע, אין די צוואַנ־ציקער יאָרן, אין וועמענס היים עס זענען געווען אָפטע איינגייער נויט און הונגער, האָט די מעדעם־סאַנאַטאָריע מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ מוסטער פון אַ נייער, שענערער וועלט.

דאָ האָב איך זיך אויסגעלערנט וואָס הייסט זיין ריין, אויף זיך און אַרום זיך, וואָס הייסט פאַרבעטן מיין בעט און היטן די אָרדענונג אין צימער. דאָ האָב איך, דאַכט זיך מיר, צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן, געגעסן ביי אַ ווייסן טיש און באַנוצט זיך מיט אַ סערוועטקע.

און וואָס ווייטער און שענער ס'איז געווען די דאָזיקע נייע וועלט, אַלץ גרעסער איז געווען דער קאָנטראַסט פון אַהיימקומען און געפינען צוריק די פינצטערע טרויע־ריקע היים. און כ'דערמאָן זיך, אַז נישט קוקנדיק אויף דער פרייד, וואָס איז געווען צוריק צו זיין מיט מיין פאָטער, איז דאָך מיין ערשטע רעאַקציע געווען אַ ביטער געוויין, יעדעס מאָל, ווען כ'בין צוריק געקומען פון דער סאַנאַטאָריע. כ'האָב באַוויינט מיין פאַרלוירענעם גן־עדן.

דער מהלך איז געווען אַזוי גרויס פון די ליכטיקע קלאָרע שלאָף־צימערן און פונעם עס־צימער אין דער סאַנאַטאָריע ביז צו דער אָרעמער היים, אַז לאַנגע וואָכן האָט יעדעס מאָל געדויערט ביז כ'האָב זיך ענדלעך אין איר אַריינגעפּאַסט.

אָבער נאָך מער איז די דאָזיקע נייע וועלט פאַר מיר געווען אַן אַנטדעקונג אויפן ריין־מענטשלעכן געביט: זיך אויסלעבן פיר־און־צוואַנציק שעה אַ טאָג אין אַ סביבה פון פריינדשאַפט און חברישקייט. די לערער פאַר אונדז זענען נישט געווען די געוויינלעכע דערוואַקסענע מענטשן, וועלכע מען דאַרף פאָלגן מיט מורא און אומ־צוטרוי. זיי זענען געווען פאַר אונדז עלטערע שוועסטער און ברידער מיט וועמען אַ וואַרעמער, היימישער קאָנטאַקט האָט זיך פון דער שוועל אָן איינגעשטעלט. אַפילו מיט דער לערערין וויטשיק, אונדזער שטרענגע ווירטשאַפטס־פירערין, האָבן מיר זיך געפילט נאָענט און זי ליב געהאַט. און איצט אַלע אַנדערע: אונדזער פאַרוואַלטער ש. גילינסקי, וועלכער פלעגט מיט אַזוי פיל מענטשלעכקייט רופן צו

אונדזער קינדערשן געוויסן צו העלפן אים פֿאַרשענערן און פֿאַרבעסערן אונדזער סאַנאַטאָריע־לעבן; אונדזער טייערער באַטקע־גילינסקי, וועלכער פֿלעגט מיט זיין ענטוזיאַסטישן פֿלאַם פֿירן די טעראַסע־שמועסן בשעת וועלכע אונדזערע קינדערשע אויגן פֿלעגן זיך עפֿענען צו דער גרויסער אומבאַקאַנטער פֿאַר אונדז וועלט; דער שוואַרץ־געלאָקטער טראָופּיאַנסקי, וועלכער האָט מיט זיין שטענדיקער קאָנצער־טינע אין האַנט, פֿאַר אונדז אַנטפּלעקט די וועלט פֿון מוזיק און געזאַנג.

און אַפֿילו פֿעלדגייער, דער אויפֿזעער פֿון דער עלעקטרישער סטאַציע, איז נישט געווען סתם קיין אַנגעשטעלטער. מיט זיין גאַנצן פּרעסטיזש אין אונדזערע אויגן — איז ער דאָך געווען אַ חבר, אַ פֿריינד.

אָט, האָב איך געפּרוווט צו דערמאָנען אין קורצן, וואָס די סאַנאַטאָריע האָט פֿאַר מיר פֿאָרגעשטעלט, אָבער כ׳זע, אַז ס׳איז מיר נישט געלונגען. זי איז געווען אַ סך — אַ סך מער, ווי כ׳האָב דאָס געקענט באַשרייבן. בלויז די, וואָס זענען געווען אין דער סאַנאַטאָריע, וועלן מיך פֿאַרשטיין און באַגרייפֿן די גרויסע דערצ:עריִשע ווערטן פֿון דעם אַנשטאַלט.

און ווען איך פֿאַרטראַכט זיך, קום איך צום אויספֿיר, אַז אויב איך בין אַ גאַנץ לעבן אַזעלכער און נישט קיין אַנדערער — איז עס אין אַ גרויסער מאָס אַדאַנק

עפּל פֿון אייגענעם גאָרטן

די זוימען, וואָס די מעדעם־סאַנאַטאָריע־סביבה האָט איינגעפּלאַנצט אין דעם קליינעם וואַרשעווער ייִנגל, אין די יאָרן 1926—1930.

✶

וויאַזוי איז אייגנטלעך געווען דאָס לעבן פון די קינדער אין דער סאַנאַטאָריע?

ווען איך פּרוּוו צונויפנעמען קאָנקרעטע פאַקטן און ביישפּילן, זע איך זיך אַרום, אַז די פּאָר צענדליק יאָר, וואָס זענען זינט דעמאָלט אַריבער, האָבן נישקשהדיק פאַרבלאָזן מיינע קינדערשע שריט אין די מיעדזעשינער זאַמדן. וואָס עס איז אויף אייביק איינגעקריצט — איז דער אַלגעמיינער איינדרוק, דער איינדרוק פון אַנטדעקן אַן אומבאַקאַנטע וועלט, וועלכע איז געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע ווי די, וואָס מיר האָבן געקענט אין דער יידישער וואַרשע אויף די גאַסן גענשע, דזשיקע, נאַוואָליפּקי.

דאָס לעבן אין דער דאָזיקער קינדער־רעפּובליק איז געווען אַזוי רייך, אַזוי קאָלירפול, אַז כ׳פיל זיך אומפּעיִק אַרויסצוברענגען אַ געטריי בילד פון דער סביבה.

דער דאָמינירנדיקער איינדרוק, וואָס איז ביי מיר פאַרבליבן, איז אַ געפיל פון אַ האַרמאָניש צוזאַמענלעבן. ווייל דער גאַנצער איינשטעל פון דער אינסטיטוציע איז דאָך געווען געצילט צו געבן די קינדער אַ מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען זיך מאָראַליש אין אַ וועלטלעכער און חברישער סביבה און אין דער זעלבער צייט האָט מען געהיילט זייער געזונט.

זאָל דאָס זיין די פריינדלעכע און חברישע באַציִונג פון די לערער צו די קינדער?

זאָל דאָס זיין די קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אין וועלכער קינדער־דעלעגאַטן האָבן זיך באַטייליקט אין די סאַמע וויכטיקסטע פונקציעס פון סאַנאַטאָריע־לעבן?

זאָל דאָס זיין די וואַנט־צייטונג אָדער די לעבעדיקע ראַדיאָ־צייטונג, דורך וועלכער מיר פלעגן זיך אַרויסזאָגן און אַפילו קריטיקירן געוויסע אַספּעקטן פון אונדזער געמיינזאַמען לעבן?

אויף אַלע געביטן פלעגן מיר, קינדער, זיך פילן ווי פולבאַרעכטיקטע בירגער פון אַ רעפּובליק, געבויט מיט ליבשאַפט צו אונדז, פאַר אונדזער וווּל און אַנטוויקלונג.

זייענדיק אַ סאַנאַטאָריסט פון 12 יאָר האָב איך בלויז געפילט, אַז מיינע סאַנאַ־טאָריע־טעג זענען די שענסטע און די רייכסטע אין מיין לעבן. ערשט מיט יאָרן שפּעטער האָב איך אָפּגעשאַצט וויפל מענטשלעכע ענערגיע, איניציאַטיוו און אָפּפער־ווילִיקייט איז געווען נויטיק מצד אונדזערע לערער און דערציִער אויפצושטעלן אַזאַ ווונדערבאַרן בנין פון קינדערשער פרייד און געזונט.

כדי צו אַנטוויקלען ביי דעם שטאָטישן יידישן קינד אַ חוש און ליבשאַפט צו דער אַרומיקער נאַטור, האָט מען געשאַפן אַ ביאָלאָגישן צימער, וווּ מיר פלעגן זאַמלען קאָלעקציעס פון פלאַנצן, אינזעקטן, זומער־פייגעלעך; אַ גאָרטן, וווּ מיר פלעגן זייען, פלאַנצן און אַראָפּנעמען רייפע פרוכטן פון די ביימער; אַ טויבן־שלאַק. און איצט דער הונט, דער בייזער נעראָ, וואָס איז געווען אונדזער פריינד און נאַכט־היטער.

די ביבליאָטעק איז פאַר מיר געווען דאָס הייליקע ווינקל פון דער סאַנאַטאָריע. דאָ, אין דער שאַפע איז געווען איינגעזאַמלט דאָס „גאַנצע מענטשלעכע וויסן", און

ווען מען האָט מיך צוגעטיילט צו דער ביבליאָטעק־קאָמיסיע, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז די טויערן פון דער וויסנשאַפט האָבן זיך פאַר מיר געעפנט.

עטלעכע שעה פון אונדזער טעגלעכן פּראָגראַם פלעגן אָפּגעגעבן ווערן אויף טעראַסע־רו. די נאָכמיטאָג־צייט איז געווײנלעך געווען אַ שווייג־טעראַסע (לערער שלמה גילינסקי האָט אונדז אויסגעלערנט, אַז אויך שווייגן איז אַ דיסציפּלין און איז אַ נוצלעכע זאַך). דערפאַר איז די פרימאָרגן־רו־צייט געווען אַן אַקטיווע: דיסקוסיעס, שמועסן, פראַגן און ענטפערס אאַז״וו.

אין מיין זכרון זענען פאַרבליבן איינגעקריצט דריי מאָמענטן פון די דאָזיקע טעראַסע־שמועסן: דער לערער באַטקע־גילינסקי איז צוריקגעקומען פון אַ גרויסער רייזע, וועלכע האָט אים געפירט איבער אַ שטיק איראָפּע און שפּעטער קיין עגיפּטן. מיר האָבן ממש געשלונגען זיינע דערציילונגען וועגן יענע מקומות, וועלכע אונדזער פאַנטאַזיע האָט נאָך מער באַרייכערט און אידעאַליזירט. די לערערין ראַבינאָוויטש־זאַלצמאַן האָט פאַר אונדז פאָרגעלייענט דאָס נאָר־וואָס דערשינענע בוך פון רעמאַרקן „אויפן מערב־פראָנט נישטאָ קיין נייעס״. און פּלוצלונג האָבן מיר, קינדער, אַנטדעקט, וואָס עס באַטייט מלחמה אין איר גאַנצער גרויל.

כ׳געדענק דעם פּראָפ. הערש פון שווייץ. ער איז געקומען אונדז באַזוכן און ער דערציילט אונדז וועגן די קינדער־פייערונגען אין זיין לאַנד. און ווי שטאָלץ זענען מיר געווען, ווען ער האָט אונדז געזאָגט, אַז אַזאַ מוסטערהאַפטער אַנשטאַלט ווי די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אַפילו אין דער שווייץ נישט פאַראַן.

*

גאָר יונג האָב איך געמוזט פאַרלאָזן פּוילן. געפונען אין פראַנקרייך אַ נייע וועלט, נייע באַגריפן. אָבער דאָס וואָס די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט מיר געגעבן, איז אויף אייביק געבליבן איינגעקריצט און האָט זיכער באַווירקט מיין שפּעטערדיק לעבן.

הערשל שטריגלער

גבוירן אין וואַרשע אין 1917. דער פאָטער אַן אַקטיווער בונדיסט, אַ בעקער, סעקרעטאַר פון וואַרשעווער בעקער־פאַראיין. געוווינט אויף די פאַלקשטול, קאַרמעליצקע 29. די יידישע שול און די מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען געווען זיין היים. געווען אין דער ערשטער גרופּע קינדער אין יאַנואַר, 1926, ביים עפענען די סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין. פאַרלירט דעם פאָטער אין 1929, פאָרט קיין פּאַריז וווּ ער הייבט אָן אַרבעטן ווי אַ קירזשנער. זייט דאַן אין פּאַריז, וווּ ער באַטייליקט זיך אַקטיוו אין יידיש־וועלטלעכער קולטור־אַרבעט.

פערל ווייסנבערג (קאַנאַדע)

די מעדעם־סאַנאַטאָריע

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַ וואַרעמע היים, איין גרויסע, איבערגעגע־בענע משפחה, וואָס אירע מיטגלידער זענען באַשטאַנען פונעם לערער־פּערסאָנאַל, ווירטשאַפטס־פּערסאָנאַל און די קינדער. דאָס איז געווען אַ דערציִונגס־אַנשטאַלט, ווו די לערער האָבן זיך באַמיט צו לענקען די יונגע קינדערשע נשמות אויף הומאַ־ניטאַרע וועגן. זיי האָבן פיל אַכט געלייגט אויף זייער פיזישער, ווי זייער גייסטיקער אַנטוויקלונג.

אָבער פאַר אַלעם איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע געווען אַ שיינער חלום, אַ מין אָאַזיס, וווּהין עס ציט און לאָקט צו פאַרגעניגיקע טעג.

איך האָב געהאַט דאָס גליק צו זיין פון די ערשטע, ד״ה צו דער דערעפענונג פון דעם דאָזיקן אַנשטאַלט אויפן נאָמען פון וולאַדימיר מעדעם. געווען איז דאָס אין אַ ווינטער־חודש, ווען עטלעכע געציילטע קינדער פון פאַרשידענע „ציש״אָ״־שולן אונטער דער אויפזיכט פון אַ לערער האָבן זיך דאָרט צוזאַמענגעטראָפן. דאָס איז געווען דער לערער שלמה גילינסקי און די קראַנקן־שוועסטער, וועמען מיר האָבן אויך גערופן „לערערין״ בערנשטיין.

די ערשטע קינדער זענען געקומען נישט בלויז פון וואַרשעווער שולן, ווייל ס׳איז אויך געווען צווישן זיי מאָטל זעלמאַנאָוויטש, דעם לאָדזשער יידישן ראַטמאַן זעלמאַ־נאָוויטשעס זון. ווען דער אָנגעשטעלטער זיידעל פלעגט אַריינפאָרן קיין וואַרשע, כדי צו באַזאָרגן די נויטיקע זאַכן פאַר דער ווירטשאַפט, פלעגט אים זעלמאַנאָוויטשעס בחורל נישט פאַרגעסן נאָכצושרייען: „זיידע, גיב דאָרט אַ גרוס דער באָבען!״. אויך איז צווישן די ערשטע קינדער געווען חייקע פיינזילבער, איינע פון די באַגאַבטע פיינזילבער־שוועסטערן.

מיר האָבן דאַן פאַרנומען די אַ״ג „אַלטע געביידע״; שפּעטער, ווען די סאַנאַטאָריע איז זיך ברייט צעוואַקסן, האָט מען צוגעבויט נאָך געביידעס. די שלאָף־צימערן זענען געווען אויפן ערשטן שטאָק און דער עס־זאַל, קיך — אויפן פּאַרטער.

די רוטין איז געווען פאַר אונדז אַ גאַנץ נייע. מען האָט געדאַרפן שלאָפן ביי אָפענע אויבערלופטן (די אויבערשטע טייל פון פענצטער). געוואַלד, ווי אַזוי שלאָפט מען דאָס ווינטער, אין אַ פראָסט, ביי אָפענע פענצטער?! האָט אָבער די לערערין בערנשטיין דערקלערט, אַז די טאָפּלטע אויבערלופטן מאַכן זיך אויף אינדערהויך פון דרויסן, און פון אינעווייניק, ד״ה אינעם צימער, מאַכן זיי זיך אויף פון אונטן, אַזוי

אַז די קאַלטע לופט קומט נישט אַריין דירעקט אויף אונדז, ווייל זי באַווייזט זיך אָנצו־וואַרעמען ביז זי קומט אַריין דורך אַזאַ געדרייטן וועג. אַחוץ דעם זענען די צימערן געווען וואַרעם באַהייצט און די בעטן באַזאָרגט מיט וואַרעמע צודעקן. יעדער איינער — קליין און גרויס — האָט געמוזט צובעטן זיין אייגן בעט, און נישט אַבי ווי, נאָר טאַקע לויט אַ סיסטעם און מיט פעדאַנטישער פּינקטלעכקייט.

פאַרן פרישטיק האָט מען געמוזט מאַכן גימנאַסטיק אין ווייסן דרויסן.

אינעם עס־צימער זענען געשטאַנען צוויי לאַנגע טישן, אַרום וועלכע די קינדער זענען געזעסן, און אויבן־אָן פון אונדזער טיש — דער לערער גילינסקי, אויבן־אָן פונעם אַנדערן טיש — די לערערין בערנשטיין.

דער לערער גילינסקי האָט מיך ביי איינעם פון די מאָלצייטן געפרעגט, ווי אַזוי איך הייס אויפן ערשטן נאָמען. כ׳האָב זיך געקווענקלט צו ענטפערן אים, אָבער לסוף האָב איך דאָך אויסגעזאָגט דעם „סוד״. שפּעטער, ווען ער האָט געהערט, ווי די קינדער רופן מיך ביים שפּילן זיך: פּאַליע — האָט ער מיך איבערגעפרעגט: איז עס דערפאַר, ווייל דו האָסט אַ פּוילישן נאָמען (פּאַליע) און נישט קיין יידישן, האָסטו מיר נישט געוואָלט אויסזאָגן, ווי דו הייסט?

לעולם ווייס איך טאַקע נישט, פאַרוואָס איך האָב זיך געלאָזט רופן „פּאַליע״, אין דער צייט, ווען אין שטוב האָט מען מיך גערופן פּערל. אָבער אַזאַ איז פאַרבליבן מיין נאָמען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אויך שפּעטערע יאָרן: פּאַליע ווייסנבערג.

נאָכן פרישטיק איז מען געגאַנגען אויף אַ לענגערן שפּאַציר און, צוריקקומענדיק האָבן מיר געגעסן מיטאָג. נאָכן מיטאָג האָבן זיך אַלע געדאַרפט לייגן אויף די אויסלייג־בעטלעך, וואָס זענען געשטאַנען אין דרויסן אויף אַ טעראַסע, איינדעקן זיך מיט וואַרעמע קאָצן און רוען. רוען האָט געמיינט אויך שווייגן. איז עס געווען שווערלעך צו האַלטן דאָס מויל פאַרמאַכט אַנדערטהאַלבן שעה. איבער אונדז האָט געוואַכט איינער פון די לערער, אַז ס׳זאָל טאַקע נישט גערעדט ווערן, — טאָמער וועט עמעצער פון די קינדער וועלן כאַפּן אַ שלעפערל, זאָל עס נישט געשטערט זיין.

אָפּגעלעגן די באַשטימטע צייט, ווי די מומיעס — ווייל באַוועגן האָט מען זיך אויך נישט געקענט אין דער קעלט, ווען מען איז אָנגעטאָן אין די מאַנטלען און אַרומ־געדעקט מיט די קאָצן צו זיין באַוואָרנט פון איר, — האָט מען שוין געמעגט מיט מזל אויפשטיין. דאַן איז מען אַריין צוריק אין עס־צימער אויף טיי מיט געשמאַקן קוכן, וואָס איז יעדן טאָג פריש געבאַקן געוואָרן. נאָך דעם האָט מען זיך שוין געקענט פריי אַרומשפּילן אינעם ספּעציעלן צימער, וווּ ס׳זענען געווען פאַרשידענע שפּילערייען, ביכער צום לייענען, אויך געשפּרעכן צו פירן — מיט די לערער און צווישן זיך — ווי איינער האָט געוואָלט.

נאָך דעם איז געקומען אָוונטברויט. צום סוף פון טאָג האָט מען געדאַרפט נעמען אַ באָד אונטער דער אויפזיכט פון דער לערערין בערנשטיין און גיין שלאָפן.

די דאָזיקע רוטין איז אָנגעגאַנגען אַלע יאָרן. אויך שפּעטער, ווען פיל מער קינדער זענען געקומען פון פאַרשידענע שטעט אויף אָפּרו אין דער סאַנאַטאָריע און אויך דער לערער־פּערסאָנאַל איז אויסגעברייטערט געוואָרן. שפּעטער איז אָבער געוואָרן לעבעדיק און לוסטיק אין אונדזער סאַנאַטאָריע־מלוכה. עס זענען פאָרגעקומען קאָנ־

צערטן, מיט טענץ, כאָראַל־געזאַנג, רעציטאַציעס. דאָרט זענען אַ סך קינדערס פעיִקייטן נתגלה געוואָרן. אויך מיינע טענצערישע פעיִקייטן זענען דאָרט געקומען צום אויסדרוק. אין דער שול אויף קאַרמעליצקע 29, האָבן מיר געהאַט צוויי פּאַטענטירטע טענצערינס — דיסטעל און מאַגיאַ דאַרן, וועלכע האָבן באַזוכט וויסאָצקאַס באַלעט־שולע אין וואַרשע, — אַזוי אַז אַמאָטאָרן־טענצערינס ווי איך, זענען געווען וויניקער חשוב. דאָ אָבער, אין דער סאַנאַטאָריע, האָב איך געטאַנצט אַפּילו אַ מאָל אַ סאָלאָ־נומער און אָפּט אין אַ גרופּע, ווען מיר האָבן געטאַנצט פאָלקס־טענץ. איין מאָל האָב איך ביי אַזאַ געלעגנהייט געקענט אַפּילו הערן שטילע אויסרופן פון באַוווּנדערונג פון צווישן עולם אויפן זאַל: „פאַליע, פאַליע".

די אַלע אונטערנעמונגען האָבן אָרגאַניזירט די קינדער גופא, פאַרשטייט זיך, אונטער דער אויפזיכט פון די לערער. מוזיק, טענץ און גימנאַסטיק איז געווען אונטער דער אָנפירונג פונעם לערער טראָופּיאַנסקי.

אָבער נישט נאָר קאָנצערטן און פאָרוויילונגען זענען געווען אויסגעפירט דורך די קינדער, נאָר אויך אַלע אַנדערע אַמטן אין דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. אַזוי האָבן מיר געהאַט אַ קולטור־אַמט, וואָס האָט געדאַרפט זאָרגן וועגן לייען־מאַטעריאַל, ביב־ליאָטעק, צייטונגען; אַ פאַרוויילונגס־אַמט פאַר איינאָרדענען קאָנצערטן און זען, אַז אַלץ זאָל קלאַפּן אין דעם צימער, ווו קלענערע און גרעסערע קינדער פאַרברענגען זייער פרייע צייט; ס'איז געווען אַ ווירטשאַפטס־אַמט, ווייל דאָס דעקן די טישן און דערלאַנגען דאָס עסן, ווי — נאָכן עסן — דאָס אַראָפּנעמען פון געשיר, האָט אויך געהערט צו די קינדערס אַמטן. נאָך איז געווען אַ קאָמיסיע פאַר די שלאָף־צימערן; די בעטן זאָלן זיין געמאַכט אין אָרדענונג און — צווישן די פאַרשידנסטע אַנדערע קאָמיסיעס — אויך אַ נאַכט־טאָפּ־קאָמיסיע, אַז די קלענערע קינדער זאָלן זיין פאַרזאָרגט מיט ריינע נאַכט־טעפּלעך. די אויפזעער האָבן זיך געטוישט אויפן דעמאָקראַטישסטן אופן. איינער, וואָס איז געווען היינט אין קולטור־־אַמט, האָט געקענט אין אַ צייט אַרום נאָכקוקן די וואַש־צימערן וכדומה.

לערער גילינסקי איז געווען אַ שטאַרקער אַנהענגער פון דיסציפּלין. אָפט פלעגט ער די קינדער אין עס־זאַל אַרום די טישן, לערנען שווייגן אַ גאַנצע מינוט. דאָס האָט ער געטאָן, ווייל ווען ער האָט געוואָלט עפּעס מעלדן, איז דאָס פלאַפּלעריי ביי די טישן נאָך אָנגעגאַנגען און ער האָט געמוזט שטיין און וואַרטן, ביז ס'וועט ווערן שטיל. ערשט דאָן האָט ער אונדז געמאַכט דעם חשבון:

דערמיט האָבן מיר ביי די קינדער (ביי זיך) איצט צוגענומען אַ שעה צייט און מיט גאָרנישט, ווייל אויב ער האָט געמוזט וואַרטן אַ האַלבע מינוט, ביז מיר וועלן ווערן שטיל, און עס זענען דאָ 120 קינדער אינעם זאַל, דאָס הייסט אַ האַלבע מינוט (פון יעדן קינד) מאָל 120—60 מינוט, אָדער אַ גאַנצע שעה אַנגעווירן מיט גאָרנישט!

די מערהייט קינדער אין דער סאַנאַטאָריע זענען געקומען פון יידישע פאָלקס־שולן, אָבער, ווי שוין אויבן געזאָגט, זענען קינדער געקומען אויך פון פאַרשידענע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און פון פאַרשידענע שטעט. צווישן אַנדערע איז געווען אַ וואַרשעווער מיידל מיטן נאָמען גאָלדבערג, פון אַ פוילישער גימנאַזיע און אַסימילירטער היים, אָבער, ווייזט אויס, אַ זייער אינטערעסאַנט מיידל, ווייל דער

לערער גילינסקי פלעגט פירן מיט איר לאַנגע דיסקוסיעס אויף די פאַרשידנסטע טעמעס. אויך זענען דאָרט געווען צוויי אַנדערע גימנאַזיסטן. לעווקאָוויטש און מיריאַנ־סקי. דער לעצטער האָט געשטאַמט פון אַ גאָר רייכער, אַסימילירטער וואַרשעווער היים און איז געווען אַ גרויסער שטיפער. ער פלעגט צוזאַמען מיט זיין חבר אָפט פרובירן אַ תל מאַכן פון אונדזער טעגלעכער רוטין. אַזוי פלעגט מען מיריאַנסקין זען אַרויסדרייען זיך פון די רו־סעאַנסן אויף דער טעראַסע און ער פלעגט אויסוואַקסן אומעטום, ווו מען האָט זיך נישט געריכט אויף אים, אַרומגעוויקלט מיט זיין רויטן וואָלענעם קאָץ. אַז ס׳האָט געקלונגען דער גלאָק צום שלאָפן גיין, פלעגט ער זיך נאָך אַרומפלאָנטערן איבער די קאָרידאָרן, ווי לאַנג ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. אַ מאָל, ווען כ׳בין אַרומגעגאַנגען איבער די צימערן פאַרטאָג מעסטן און פאַרשרייבן די קינדערס טעמפּעראַטור איידער זיי שטייען אויף פון די בעטן (דאָס האָט אויך געהערט צו די קינדערס פונקציעס), האָב איך אַלעמענס טעמפּעראַטור גענומען אָן שטערונגען, נאָר מיריאַנסקיס איז מיר אָנגעקומען מיט גרינגע ווערעם; אַמאָל איז דער טערמאָמעטער נישט געווען אין זיין מויל, נאָר אויף דער שטול גאָר, אַמאָל איז מיריאַנסקי אַליין נישט געוואָרן פון זיין בעט, נאָר אונטערן בעט אד״גל.

דערפאַר, ווייל ער האָט אַזוי אַרומגעאַרבעט און זיין חבר, לעווקאָוויטש, — וואָס איז געשטאַנען מיט אים אין איין צימער — האָט אים אויך צוגעהאָלפן צו די אַלע קאַ־טאָוועסן, — האָב איך מיט מיין חברטע פון דער שול־באַנק, חוה וויסענבלום, באַשלאָסן די צוויי חברה־לייט אָפּצוטאָן אַ שפּיצל: מיר האָבן זיך אַריינגעגנבעט צו זיי אין צימער בעת זייער אָפּוועזנהייט, פאַרשטייט זיך, און אָנגעהאָנגען עפּעס אַ בינטל



די אַלטע ליג־האַלע (די „שאָפּע״)

שליסלען אונטער איינעמס בעט און אַ בינטל שליסלען אונטער דעם אַנדערנס בעט, אַז ווען זיי וועלן זיך לייגן שלאָפן, זאָל דאָס אָנהייבן קלינגען פונעם באַוועגן זיך אויפן געלעגער און זיי זאָלן נישט וויסן פון וואַנען דאָס קומט. און ווייל כ׳בין דעמאָלט גראָד געווען אין דער נאַכט־טאָפּ־קאָמיסיע, האָבן מיר נאָך צוגעהאָנגען צו יעדן בינטל שליסלען אַ נאַכט־טעפּל, אַז דאָס קלינגען זאָל זיין שטאַרקער און זיי זאָלן צוליב דעם נישט קאָנען שלאָפן. די גדולה, וואָס מיר האָבן געקענט פאַלן אויף אַזאַ מין אויסטערלישער המצאה, איז ביי אונדז ביידן געווען אין לשער.

אויך זענען געקומען אין סאַנאַטאָריע יוגנטלעכע פון ווילנע אַזש און אַפילו פון סעמינאַר. איין שוואַרץ־חנעוודיק מיידל, רחל, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר לעבע־דיקייט; געווען אַ פלאַפלערקע, אַ שטיפערקע און אַריינגעבערענגט אַ סך לעבן אין אונדזער וועלטל. אויך האָט זי גאָר שיין געשפילט פּיאַנאָ, וואָס האָט באַרייכערט אונדזער קאָנצערטן־רעפּערטואַר.

איין מאָל האָט פּאַסירט אַן אויסטערלישע געשעעניש: אַ גניבה אין דער סאַנאַ־טאָריע. עמעצער האָט צוגעגנבעט ביי עמעצן עפּעס אַ זייגערל. נו, האָבן זיך פאַרפירט גאַנצע פאַרזאַמלונגען, באַראַטונגען און משפּטים, אויף וועלכע די לערער האָבן געראַטן דעם „גנבֿ” זיך מודה צו זיין צו דעם באַגאַנגענעם חטא, — נישט פאַרן גאַנצן ציבור, פאַרשטייט זיך — פאַר אַ לערער, וועט זיין גענוג.

די דערמאָנטע ווילנער פלאַפּערקע פלעגט אין דעם פאַל פלוצלונג אין א געשפּרעך איינעם אַ זאָג טאָן: „זיי זיך מודה!”

דאָס איז געווען זייער קאָמיש, אָבער פון דער אַנדערער זייט וואָלט עס געקענט

די נייע ליג־האַלע (די „נייע טאַראַסע”)

דינען, ווי אַ גאַנץ גוט פּסיכאָלאָגיש מיטל דער „גנב״ זאָל זיך פאַרראַטן ביי אַזאַ אומדערוואַרטן און דירעקטן ווענד צו אים, הגם דאָס מיידל איז דאָס נישט אויסן געווען. אַלץ, וואָס זי איז אויסן געווען, איז צו וויצלען זיך, און די דאָזיקע פּאַסירונג האָט איר געגעבן גענוג שטאָף דערפאַר.

אין דער סאַנאַטאָריע איז אויך געווען אַ יוגנטלעכע מיט דער נייגונג צו איבער־געטריבן פּוצן זיך, באַהענגען זיך מיט כל מיני פּאַטשערקעס און חנדלעך. איך און אַ מיידל, מיטן נאָמען ציזער, האָבן אַ מאָל גייענדיק צו דער טעראַסע רוען, באַמערקט זי גיין פאַרויס, און אָנגעהויבן איר נאָכרופן: „טעלימענאַ, טעלימענאַ!״ (אַ העלדין פון מיצקיעוויטשעס „פּאַן טאַדעוש״).

דאָ האָט זיך אומגעקערט די לערערין ליובאַ קאַנטאָראָוויטש, וועלכע האָט גראָד געהאַט דיזשור פאַר דעם רו־סעאַנס יענעם טאָג און איז אויך געגאַנגען אין דער זעלבער ריכטונג — צו דער טעראַסע. זי האָט אונדז געפרעגט מיט אַ דערשטוינטן שמייכל:

„קינדער, וועמען רופט איר טעלימענאַ?״

אויף דער פראַגע האָבן ציזער און איך געמאַכט אַ שוויג. דירעקט אָנצווייזן וועמען מיר האָבן געקרוינט מיט אַזאַ נאָמען — האָבן מיר שוין נישט געהאַלטן פאַר צו עטיש. דערפאַר אָבער האָט אונדז דער לערערין קאַנטאָראָוויטשעס פראַגע פאַרמאַכט די מיילער, ווייל מיר האָבן דעם מיידל אויפגעהערט נאָכצורופן.

סאַנאַטאָריע־דאָקטאָר איז יענע צייטן געווען אַ פרוי, ד״ר ראָזענגאַרטן.

געווען אויך צווישן די קינדער אַ יינגל ראָזנבעס, אַ רויטהאָריקער. אויף אים האָט דער לערער גילינסקי געזאָגט, אַז ער מוז יעדן טאָג לייענען די צייטונג רעגולער, נישט ווי אַנדערע קינדער, וואָס אַ מאָל לייענען זיי יאָ אַ צייטונג און אַ מאָל נישט. ראָזנבעס איז טאַקע געווען — שוין דעמאָלט, אַ 16־יאָריקער בחור — פּאָליטיש רייף.

די לערערין וויטשיק (אויך פאַליע, גלויב איך) איז געווען אויפזעערין איבער דערווירטשאַפט. זי איז געווען אַ ציכטיקע, אַ ווייסלייביקע און אויסגעקיילעכטיקטע, מיט גרויסע, בלויע אויגן און אַ בינט שליסלען פאַרשטעקט אינעם פאַרטעך. עס זענען געווען פיל אַנדערע לערער. ווען מיר, די קינדער זענען געגאַנגען שלאָפן „נעבעך״ (וועמען האָט זיך דאָס געוואָלט גיין שלאָפן?), האָבן די לערער נאָך פאַר־בראַכט אין געשפרעך אין דרויסן, אויף די בענק. אָבער אויך ביי טאָג פלעגן זיי זיך אָפּט צוזאַמענקלייבן, און דער שוואַרץ־חנעוודיקער לערער טראָופיאַנסקי פלעגט שטיפעריש פאַרוויילן דעם לערער־פּערסאָנאַל. זיין שמייכל, וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט אַ גאָלדן ציינדל אין זיין מויל, די שוואַרצע טשופּרינע און דאָס שפּילעוודיק־פלינקע אַרומשפּרינגען צווישן די הילצערנע בענק האָבן זייער האַרמאָניזירט מיט זיין גאַנצער פערזענלעכקייט. טיילמאָל פלעגט ער אויך אַרויפציען אויף זיך אַן ערנסט פּנים, אָבער דאָס האָט אים ווייניקער געקליידט און, איך האָב עפּעס אַלע מאָל געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיט דער פּעדאַגאָגישער שטרענגקייט באַמיט ער זיך נאָכצומאַכן דעם לערער גילינסקי.

מיר האָבן געהאַט נאָך אַ לערער גילינסקי. זיין ערשטער נאָמען איז געווען מרדכי, נאָר גערופן האָבן מיר אים „באַטקע״. ער פלעגט אויך פאַרפירן מיט די קינדער גאַנצע

שמועסן אין דרויסן, אויף דער פרישער לופט, און אָנרעגן אונדז צום טראַכטן און פאַרטראַכטן זיך.

אַן אָפּטע סאַנאַטאָריע־קומערין איז געווען חוה וואָלפאָוויטש, אַ חברטע פון מיין קלאַס. זי איז געווען זייער אַ שיינע, מיט גרויסע, קיילעכדיקע, גרויע אויגן און פעך־שוואַרצע האָר. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען אירע טעאַטראַלע פעיִקייטן געקומען דאָס ערשטע מאָל צום אויסדרוק, ווייל שפּעטער האָט זי שוין געשפּילט אין ד״ר זוייכערטס „יונג־טעאַטער״ (אמת, אַלס סטאַטיסטין) צוזאַמען מיט פיל אַנדערע אַקטיאָרן, וועלכע האָבן געקריגן גרעסערע ראָלן, ווי יוסף גליקסאָן, פּויטשע פיינזיל־בער (וועלכע איז אויך נישט געווען קיין פּנים חדשות אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע), דבורה פיינזילבער און אַנדערע יונגע טאַלאַנטן. חוה וואָלפאָוויטש האָט זייער שטימונגס־פול געזונגען. זי האָט געהאַט אַ צאַרטן סאָפּראַן. בכלל האָט זי געמאַכט אַן איינדרוק, אַז זי לעבט אין אירס אַן אינערלעכער וועלט, איז געווען אַ פאַרחלומטע און זייער אַ סענטימענטאַלע. זי האָט מען אָפט געקענט זען וויינען איבערן טעפּעלע קאַקאַאָ ביים פרישטיק צוליב אַזאַ קלייניקייט, ווי אַז דער טערמאָמעטער האָט ביים פרימאָרגנדיקן מעסטן די טעמפּעראַטור, געוויזן איר מיט צוויי שטרייכעלעך העכער.

נעכע ווידרעוויטש, אויך אַ חברטע פון מיין קלאַס, האָט גאָר הערלעך געזונגען. זי האָט געהאַט אַן אַלט און אין כאָר האָט מען זי אַלעמאָל אַרויסגעהערט. זי איז אַ גרויסע לאַכערקע ווידער, און האָט אָנגעהויבן לאַכן פון יעדער קלייניקייט. און אַז זי האָט אָנגעהויבן — האָט זי שוין נישט געקענט אויפהערן אַזוי לאַנג, ביז זי האָט אַלעמען אָנגעשטעקט מיט איר געלעכטער בלויז פון קוקן אויף איר הנאהדיק לאַכן.

און אַזוי האָבן אַלע געלאַכט, אַן אַ פאָר וואָס און אַן אַ פאַר ווען.

מען עסט אונטערן פרייען הימל

אַזעלכע זענען געווען דאָרט אונדזערע זאָרגלאָזע, פרייע און פריילעכע צייטן. אמת, ס'פלעגט אויך טרעפן אַ טרויעריקער מאָמענט, ווי צום ביישפּיל די טרויער־אַקאַדעמיע צוליב ביינישׂ מיכאַלעוויטשעס טויט.

די לערערין מנוחה ראַבינאָוויטש האָט אָנגעפירט מיטן פּראָגראַם פון דער אַקאַדעמיע. איינדערפרי האָבן זיך אַלע קינדער פאַרזאַמלט אין דרויסן, אונטערן פרייען הימל און מען האָט אַרויפגעצויגן אַ שוואַרצע פאָן. אַלע האָבן געשוויגן. ס'איז געווען אַ זייער רירנדיקער מאָמענט.

אינאָוונט, צו דער אַקאַדעמיע, האָב איך געלייענט אַ טרויער־אַרטיקל, וואָס די פרימאַרגנדיקע צערעמאָניע האָט מיך באַוויגן אָנצושרייבן. כ'האָב דאָרט לסוף פאַר־געוואָרפן די קינדער, הלמאי זייער טרויער איז געווען אַ קורץ־אָטעמדיקער, ווייל באַלד האָבן זיי זיך פאַרשפּילט און כ'האָב אַפילו באַמערקט ציזערן לאַכן, הגם מיט אַ מינוט פריער האָט זי געלאָזט אַ טרער און ס'איז געווען צו זען, אַז זי איז אמתדיק מיטגעריסן געוואָרן מיט דער טרויעריקער שטימונג פונעם גאַנצן לערער־ און קינדער־עולם.

דערויף האָט מיר די לערערין ראַבינאָוויטש געזאָגט: „וואָס ווילסטו? זיי זענען דאָך קינדער. איין מינוט טרויער פון אַ קינד איז גענוג און ס'איז נאַטירלעך פאַר קינדער שנעל צו פאַרגעסן און פאַרשפּילן זיך".

די מעדעם־סאַנאַטאָריע פלעגן אויך קומען באַזוכן חשובע געסט פון צייט צו צייט. אַ מאָל איז געקומען דער גאָר אייגנאַרטיקער דיכטער, משה נאַדיר, וועלכער האָט גראָד געווײַלט אין וואַרשע צו גאַסט פון ניו־יאָרק. אַלע האָבן אָנגעקוקט דעם חשובן גאַסט, אין זיין שוואַרצער פּעלערינע. אַ הויכער, אַ שלאַנקער איז ער געווען, מיט אַ פּנים פון די דיכטער־דענקער און נאָבל־לייט. האָט ער אויף אונדז געמאַכט אַ גרויסאַרטיקן איינדרוק און אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט יראת הכבוד. ער האָט פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג דאָ אין אונדזער מיעדזעשינער סאַנאַטאָריע.

אַ מאָל איז אַראָפּגעקומען ה. ד. נאָמבערג. אַ צווייט מאָל — מיין טאַטע. ער האָט לאַנג געשמועסט מיטן לערער אַבראַמסאָן, בעת מיר זענען געזעסן אַלע דריי אין דרויסן אויף אַ באַנק. שפּעטער, ווען ער איז צוריקגעפאָרן קיין וואַרשע, האָט אים דער לערער אַבראַמסאָן און איך צובאַגלייט ביז צו דער פורטקע.

אַן אַנדערש מאָל איז געקומען קלאַראַ סעגאַלאָוויטש מיט אַ גאַנצער גרופּע אַקטיאָרן און אויך ש. מענדעלסאָן. עמעצער פון די לערער האָט איר אָנגעוויזן אויף מיר: „ווייסנ־בערגס טאָכטער", וואָס זיי פלעגן געווײנלעך טאָן, ווען געסט פון דער קינסטלער־משפּחה פלעגן קומען.

קלאַראַ סעגאַלאָוויטש איז דערויף אויפגעשפּרונגען פון איר אָרט מיט איר שפּרודלדיקן טעמפּעראַמענט און צוגעלאָפן מיך באַגריסן.

וועגן אַ צווייטער ענלעכער האַנדלונג אירער — נאָר שוין לײדער אונטער גאַנץ אַנדערע אומשטענדן — איז מיר אויסגעקומען שפּעטער צו הערן. דאָס איז שוין געווען אין געטאָ אונטערן יאָך פון די נאַציישע רוצחים. ס'איז געהאַט געקומען עפּעס אַ דעלעגאַציע פון ניו־יאָרק, און קלאַראַ סעגאַלאָוויטש האָט זי דערזען, בעת זי איז געשטאַנען אין דער לאַנגער אָטשערעד מיטן קעסעלע נאָכן ביסל שיטערער זופּ. די

אַמאָל אַזוי עלעגאַנט געקליידטע קלאַראַ איז געווען אַנגעטאָן אין זעק און אירע פיס אויך אַרומגעוויקלט מיט זעק און שמאַטעס. ווי זי האָט דערזען די אויסערגעוויינלעכע באַזוכער, האָט זי געגעבן דעם זעלבן ספּאָנטאַנעם שפּרונג־אויף פון איר אָרט אין דער ריי און אַ לויף צו געטאָן צו דער דעלעגאַציע מיט די רייד:

„דערציילט דאָרט, אין ניו־יאָרק (געמיינט אַוודאי די קינסטלער־סביבה), אַז איר האָט געזען קלאַראַ סעגאַלאָוויטש און, אַז אַזוי זעט זי אויס!" — האָט זי זיך געגעבן אַ גלייך אויס פאַר זיי אין איר גאַנצן זאַק־פּאַראַד.

דאָס אָפּגעזאָגט, איז זי געשווינד צוריקגעלאָפן אויף איר אָרט, אין דער לאַנגער ריי.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז — בלויז אין עטלעכע יאָר אַרום, נאָך יענע גוטע צייטן — אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיטן אייראָפּעיִשן יידנטום. יענע וואַרעמע נעסט איז פאַרטיליקט געוואָרן. דאָס העלישע פייער, געצונדן דורך די באַרבאַרישסטע רוצחים — האָט הפקרדיק געפלאַקערט איבער דער ציוויליזירטער אייראָפּע און גע־שפּרייט גרויל און פאַרניכטונג. די סאַדיסטישע הענקער האָבן זיך אָנגעזויפן צו דער זעט מיט יידיש בלוט און יידישע טרערן. איינצלנע צעשראָקענע פייגל איז געלונגען אַרויסצורייסן זיך פון די פלאַמען מיט אָפּגעזענגטע פליגל, צעזייט און פאַרוואָרפן אין אַלע פיר עקן פון דער וועלט.

היינט שרייבן מיר זכרונות, כאָטש טיילווייז אָפּצושפּיגלען יענעם ליכטיקן עבר.

פּערל וויסנבערג

טאָכטער פון יידישן שרייבער יצחק מאיר וויסנבערג, געבוירן אין זשעלעכאָוו. געלערנט אין דער ציש"אָ־שול אין וואַרשע. אין אָנהייב פון דער מלחמה אין ביאַליסטאָק חתונה געהאַט מיטן יידישן שרייבער זעליג אַקסעלראָד, וואָס איז אין 1941 אומגעבראַכט געוואָרן דורך דער סאָוועטישער מאַכט. נאָך דער מלחמה קערט זי זיך אום קיין פּוילן, פון דאָרט דורך דייטשלאַנד, שוועדן אָנגעקומען קיין ישראל. פון 1954 וווינט זי אין קאַנאַדע. שרייבט לידער און פּראָזע. איר גרעסערע דערציילונג „די וואָך פון זיבן" איז איבערזעצט געוואָרן אויף העברעיש און פּרעמירט געוואָרן.

לאה סעגאַל־ליטעווקאַ (לאָס־אַנדזשעלעס)

זכרונות פון אַ קראַנקן־שוועסטער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

דער טרוים מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט זיך פאַר מיר אָנגעהויבן, ווען איך בין געווען עלף יאָר אַלט, ווען איך בין אַריין אין „סקיף״ *). מיר האָבן אויף די קרייזן אויסגע־הערט מיט אָפענע אויערן וועגן דער וווּנדערלעכער מוסטער־אינסטיטוציע פון „בונד״. עס איז געווען אַ טרוים פון יעדן סקיפיסט צו האָבן די זכיה, ווען נישט איז צו זיין אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ליידער האָבן בלויז געציילטע ווילנער קינדער געהאַט די דאָזיקע געלעגנהייט.

פון ווילנע ביז מיעדזעשין איז געווען אַ היפּשער מהלך. די רייזע־הוצאות אַליין איז געווען אַ לוקסוס. ווער רעדט נאָך וועגן אָפּצאָל פאַרן פאַרברענגען אַ חודש צייט אין דער סאַנאַטאָריע — דאָס איז געווען אַ געוואַגטער טרוים.

יאָרן פון אַקאַדעמישער בילדונג האָבן זיך פאַר מיר געצויגן פּאַראַלעל מיט סאָציאַליסטישער דערציִונג אין „צוקונפט״ **) און „בונד״. ד״ר ביבער איז געווען דער דירעקטאָר פון דער שוועסטער־שול אין ווילנע, אין וועלכער איך בין געווען אַ שילערין.

ביים גראַדואירן פון דער דאָזיקער שול האָט מיר ד״ר ביבער פאַרגעלייגט אַ פּאָסטן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ער אַליין פלעגט יעדן זומער אָנפירן מיט דער אָפּטיילונג פון נאַטור־וויסנשאַפט אין סאַנאַטאָריע.

איך האָב נישט באַוויזן צו געבן מיין ענטפער אויף ד״ר ביבערס פאָרשלאָג, איז אָנגעקומען אַ פאָרמעלע איינלאַדונג פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג. איך האָב געבעטן אַ ביסל צייט צו מאַכן דעם באַשלוס צו פאַרלאָזן מיין ווילנע. קיין סך צייט האָט מיר דער חבר שלמה גילינסקי נישט געגעבן. איך האָב שנעל געקראָגן געלט אויף הוצאות. דאָס האָט צוגעאיילט מיין דעציזיע.

מיט אַ שווער האַרץ האָב איך זיך געזעגנט מיט מיינע עלטערן, מיין משפחה און נאָענטע חברים. און אָט בין איך שוין אין וואַרשע, אין ביוראָ פון דער מעדעם־סאַנאַ־טאָריע. די חברים ש. גילינסקי און י. ברומבערג האָבן מיך וואַרעם אויפגענומען. ערשט איצט האָט מען גערעדט וועגן מיינע פליכטן און באַדינגונגען. דער אינטערוויו איז

---

* „סקיף״ — סאָציאַליסטישער קינדער־פאַרבאַנד; קינדער־אָרגאַניזאַציע ביים „בונד״ אין פּוילן.

** „צוקונפט״ — יוגנט־אָרגאַניזאַציע ביים „בונד״.

געווען אַן ערנסטער אָבער אַבסאָלוט חברישער. איך האָב געזען, אַז ביידע זענען איבערגענומען פון מיין יוגנטלעכן ענטוזיאַזם. איך בין דענסטמאָל געווען גאַנצע 18 יאָר אַלט.

אויף מאָרגן בין איך געווען אין פּאַלעניץ. דער דאָראָזשקאַזש חבר הערשל האָט שוין געוואַרט אויף מיר ביי דער סטאַציע און מיך געפירט צו דער סאַנאַטאָריע. ער איז געווען דער שטענדיקער פירער צו דער סאַנאַטאָריע. הערשל האָט זיך געפילט דערהויבן פון זיין אָנגעהעריקייט צו דער סאַנאַטאָריע־משפחה.

מיין שטרויען קערבל האָב איך געלאָזט אין קאַנצעלאַריע, וואָס איז געווען נאָענט צום אַריינגאַנג. דער חבר ראָזענשטיין האָט עס גענומען אונטער זיין שוץ. איך האָב זיך געלאָזט באַקוקן די טעריטאָריע פון אַלע זייטן. די נייע געביידע פון רעכטס גראַנדיעז, באַגאָסן מיט זון און אַרומגערינגלט מיט בלומען, קוסטעס און ווידער בלומען. די אַלטע געביידע פון לינקס — באַלעבאַטיש, באַשאָטנט מיט ביימער, אונטערן פענצטער פון דער איזאָלאַציע — אַ געפלעכט פון צוויגן באַדעקט מיט געדיכטע בלעטער, און אונטער די בלעטער באַהאַלטן זיך גרויסע זאַפטיקע ווייַנטרויבן. ווידער שטעגלעך און בלומען האָבן געפירט צו דער גרויסער טעראַסע, וווּ די קינדער פלעגן רוען נאָכן מיטאָג און שפּילן אין די שטילע שעהען.

ווידער בלומען, גראָז און קוסטעס, און עס האָט זיך צעשפּרייט דער גאָרטן מיט צעאַקערטע בייטן און צעבליט מיט פאַרשידענע גרינסן: אוגערקעס, רעטעכלעך, בוראַ־קעס, פּאָמידאָרן, קירבעס און זון־רויזן, נאָכדעם רייען מיט פרוכט־ביימער. די קאַרשן־ביימער האָבן זיך מיט מיר געגרייצט. פולע זאַפטיקע סאַנאַטאָריע־קאַרשן. אין אַ שיינער זומער־נאַכט האָב איך טאַקע געזינדיקט, זיך דערקוויקט מיט די פלײשיקע קאַרשן און געשפּיגן די ביינדלעך איבערן גאָרטן. אויף מאָרגן האָט דער אַגראָנאָם באַריכטעט וועגן „פאַרברעכן". די זעלבע וואָך האָט חבר גילינסקי אויף אַ ספּעציעלער זיצונג פון פּערסאָנאַל געמוסרט דעם „פאַרברעכער". איך האָב זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, מען זאָל נישט זען מיין פאַרשעמטקייט.

מיין טאָג אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן באַגינען מיטן פריינדלעכן וועקן די קינדער: „גוט מאָרגן!". די קינדער אויסגערוטע, אין די ריינע בעטן, האָבן מיט צופרידנקייט געענטפערט מיט אַ הילכיקן „גוט מאָרגן!". לויט דער איינגעשטעלטער רוטין האָבן די קינדער געמאָסטן די טעמפּעראַטור. אַ קינד, אַ מיטגליד פון דער סאַניטאַר־קאָמיסיע האָט מיר אַרויסגעהאָלפן אין פאַרשרייבן די טעמפּעראַטור פון די קינדער. מיר זענען אַריין אין וואַש־צימער, יעדעס קינד האָט געהאַט זיין האַנטעך, זיין שטיקל זייף, זיין ציין־בערשטעלע און די קינדער האָבן מיט גרויס הנאה אָפּגעהיט די היגיענישע מנהגים, וועלכע מען האָט מיט אַ סך זאָרג איינגעפלאַנצט אין זיי. איין מאָל אַ וואָך האָט מען געוויגן די קינדער, און מיט וויפל פרייד האָבן מיר פעסטגעשטעלט דעם צוואוקס אין וואָג ביי די אויסגעדאַרטע, אויסגעמאָגערטע שטאָטישע קינדער. ביי יעדער געלעג־נהייט האָבן די קינדער אַרויסגעוויזן זייער אַ סך הומאָר און וויץ. דער גאַנצער עולם קינדער און דערוואַקסענע האָט געקוואָלן פון נחת, ווען ס׳איז צוגעקומען וואָג אַ קינד, וואָס האָט נישט געהאַט קיין אַפּעטיט צו עסן און ס׳איז אים אַ געוויסע צייט גאָרנישט צוגעקומען. מען האָט די ידיעה אָפּט איבערגעגעבן אין דער פרי אויף אונדזער אייגענעם

ראַדיאָ „האַלאָ, האַלאָ, אַ גוטע בשורה, פּעסעלען איז צוגעקומען אַ האַלבער קילאָ!"
און דער גאַנצער זאַל האָט געפּאַטשט בראַוואָ. מיר האָבן מיט מוטערלעכער זאָרג געטראַכט וועגן די, וועמענס געזונט איז געווען באַדראָט. פאַר וועמען אַ חודש פון פאַרברענגען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט געמיינט ממש אַ זון־שטראַל אין זייער אומעטיקן, אָרעמען לעבן.

נאָך אַ טאָג פון אָנגענעמען פאַרברענגען האָבן מיר אויפגעפּאַסט דאָס באָדן זיך פאַרן שלאָפן גיין. די קלענערע קינדער האָבן מיר, סאַניטאַרינס, מיט דער הילף פון די עלטערע קינדער, אויסגעבאָדן און זיי האָבן זיך געלייגט אין די בעטן, און זיי זענען איינגעשלאָפן — ביי די קלאַנגען פון מוזיק, אָדער ביי אַ געמיטלעכער מעשה דערציילט פון דער לערערין.

איך האָב געאַרבעט אין דער אַלטער געביידע און אויך געוווינט דאָרט מיט דער חברטע פּאַלישוק. כאָטש זי איז געווען עלטער פון מיר, און לאַנגע יאָרן געאַרבעט אין דער סאַנאַטאָריע, האָבן מיר זיך דאָך זייער באַפריינדעט. אין דער נייער געביידע זענען געווען די סאַניטאַרינס בעלאַ און צירל. פון די לערער, וועלכע איך קען אויסרעכענען זענען זעלדע מיכעלזאָן, יענטע רובין, יאַנקל טראָופּיאַנסקי און, פאַרשטייט זיך, מאָטל גילינסקי, אונדזער אַלעמענס „באַטקע". איך געדענק נישט קיין איינעם מיט וועלכן איך זאָל נישט האָבן פאַרבונדן אַ טיפע פריינדשאַפט. איך ווייס נישט צי דאָס איז געווען איך אַליין, וואָס האָב געפילט אַ נאָענטע אָנגעהעריקייט צו יעדן איינעם פון פּערסאָנאַל. מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז מער געווען דער גייסט פון דער סאַנאַטאָריע. יעדער האָט געוווּסט, וואָס ער טוט און וואָס ער דאַרף טאָן. עס האָט אונדז אַלעמען פאַרבונדן איין אידעאַל. מיר האָבן יעדער באַזונדער און אַלע צוזאַמען אויפריכטיק זיך באַמיט צו שאַפן כאָטש אויף אַ קורצער צייט אַ מוסטער פון אַ ווירקלעכקייט, אין וועלכער אַ קינד דאַרף לעבן, שפּילן, קומען צו די כוחות.

איך האָב געאַרבעט אין דער סאַנאַטאָריע אין דעם יאָר, ווען מען האָט געמאַכט דעם פילם. דער זומער איז ספּעציעל געווען אַ פריילעכער, עס זענען געקומען אַן אַ צאָל געסט. עס האָבן אונדז באַזוכט אָנגעזעענע טוער פון וואַרשע און פון גאַנצן לאַנד, אויך פון אויסלאַנד פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיט די דערגרייכונגען פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. זיי פלעגן אַוועקפאָרן מיט באַגייסטערונג און באַוווּנדע־רונג פאַר דעם הערלעכן ווינקל. צווישן די אָפטע געסט געדענק איך דעם חבר נח, שלמה מענדעלסאָן, בערנאַרד גאָלדשטיין. איך געדענק דעם באַזוך פון דניאל טשאַרני, דעם שרייבער. ער האָט פאַרבראַכט אַ לענגערע צייט. אין די אָוונטן, פאַרן שלאָפן גיין, פלעגט ער דערציילן מעשיות פאַר די קינדער. אין דער אַלטער געביידע פלעגן די קינדער זיך אויסזעצן אויף די טרעפּ ווי אין אַ טעאַטער, מיט באַלקאָנען, און ד. טשאַרני פלעגט זיי דערציילן וווּנדער־מעשהלעך.

זומער־צייט, 1935 איז געווען אַ צוזאַמענקום פון אַלע געוועזענע סאַנאַטאָריסטן. דער חבר אַלעק ערליך איז געווען דער פירער פון דער עלטסטער גרופּע, אין וועלכער עס זענען געווען מאַרעק עדעלמאַן, יאַסל מלאַטעק, יאָסל פישמאַן, רחלע מענדעל־סונד, משהלע וואַסערשטראָם, רבקהלע זיגעלבוים, שושנה ראָזענשיין, בובע און אברמל כהן פון ווילנע. איך געדענק די פּנימער פון אַ סך אַנדערע, אָבער ליידער

נישט זייערע נעמען. אין די שטילע אָוונטן האָט מען געקענט הערן אָלעק ערליכן, ווי ער זינגט מיט זיין גרופּע זיין באַליבט ליד „אַלעאַנדרי״.

ביי‌טאָג אין די זוניקע שעהען האָט מען געמאַכט דעם פילם. דאָס געזאַנג פון די קינדער ביים מאַרשירן „מיר קומען אָן״ האָט אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער סאַנאַטאָריע און אין דעם דערבייאיקן וואַלד. „די ליאַלקעס״־פאָרשטעלונג איז גאָר געווען פאַרכאַפּנדיק. אין מיינע פרייע שעהען פלעג איך זיך צוקוקן צו די פּראָבעס פון די קינדער. עס איז געווען אַ זומער פון פאַרגעניגן!

די אַטמאָספער פון ריינקייט און אָרדענונג אין די געביידעס און אַרום אין דער ווילע, אין גאָרטן, איז געווען מוסטערהאַפט. דאָס איז געווען אַ קאָלעקטיווער אויפטו און דערגרייכונג פון דעם גאַנצן פּערסאָנאַל און קינדער. עס האָט געשמעקט מיט זויבערקייט און באַלויכטן מיט זון. אַלע, וואָס האָבן געהאַט אַ חלק אין דער אַרבעט פון שאַפן פאַר די קינדער דעם אָפּרו־אַנשטאַלט פון פריינדלעכקייט, חברישקייט, האָבן זיך באַמיט מיטצוגעבן יעדן קינד באַזונדער כאָטש אַ קליינעם באַגאַזש פון טרוימען פון אַ שענערער ווירקלעכקייט. איז נישט קיין וווּנדער, וואָס די קינדער האָבן יעדעס מאָל זיך געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן און מיט בענקשאַפט צו דער סאַנאַטאָריע, וועלכע געציילטע, די לעבן־געבליבענע, טראָגן ביז היינט־צו־טאָג אין אַלע עקן פון דער וועלט, ווו נאָר דער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן.

לאה סעגאַל־ליטעווקאַ

געבוירן אין 1916, באַקומען אַ יידיש־וועלטלעכע דערציונג: קינדער־גאָרטן, דבורה־קופּערשטיין־פאָלקשול, סאָפיע גורעוויטש־גימנאַזיע. געענדיקט די „טאָז״ שוועסטער־שול, אונטער דער ליטונג פון ד״ר י. ביבער. אין עלטער פון 11 יאָר אַריין אין „סקיף״, שפּעטער אין „צוקונפט״ און אין „בונד״. געאַרבעט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, שפּעטער אין קינדער־אַנשטאַלט „צענטאָס״ אין אָטוואָצק, ביזן אויסברוך פון דער מלחמה. אין 1941 אָנגעקומען מיט איר מאַן יואל ליטעווקאַ קיין ניו־יאָרק. זייט 1949 — אין לאָס אַנדזשעלעס.

יוסף פישמאַן

די אידעאַלן וואָס זיי האָבן פאַרפלאַנצט אין אונדז

די טראַגעדיע פון אַ סך רעוואָלוציעס איז דאָס, וואָס די פּאָליטיש־אינסטיטוציאָנעלע איבערקערעניש קומט פריער איידער דער טיף מענטש, וואָס די רעוואָלוציע באַטראַכט אַלס מוסטער, פריער פאַר דער גרייטקייט פון די מאַסן צו אַקצעפּטירן די פּרינציפּן פון דער רעוואָלוציע. דאָס מיינט, אַז די פּאָליטיש־אינסטיטוציאָנעלע רעוואָלוציע קומט צום ערשט און דערנאָך פּרובירן די זיגרייכע רעוואָלוציאָנערע פירער צו אַנטוויקלען אַ „קולטורעלע רעוואָלוציע" אין רעזולטאַט פון וועלכער אַ נייער רעוואָלוציאָנערער טיפּ מענטש וועט באַשאַפן ווערן. און כדי צו קרויגען די „קולטורעלע רעוואָלוציע" מיט דערפאָלג, מוזן די פירער אָנווענדן טעראָר און צוואַנג. אַלץ וואָס זיי דערגרייכן אָבער דורך אָט דעם טעראָר און צוואַנג איז, אַז די באַפעלקערונג אַקצעפּטירט די נייע רעוואָלוציאָנערע געזעצן — ווייל נישט־אַקצעפּטירונג דראָט מיט געפאַר — זי אידענטיפיצירט זיך אָבער נישט מיט די דאָזיקע געזעצן, מיט זייער מיין און גייסט, ווייל די רעוואָלוציע איז געקומען איידער אירע ווערטן זענען אינטערנאַליזירט געוואָרן דורך די מאַסן. אונדזער טראַגעדיע אין פוילן צווישןביידע מלחמות איז באַשטאַנען פון דעם פאַרקערטן: אונדזער סוב־קולטור איז געווען דער פּראָדוקט פון אַ טיפער קולטורעלער רעוואָלוציע, מיר האָבן אינטערנאַליזירט די ווערטן פון אַ נייער וועלט, מיר זענען געווען גרייט פאַר דער נייער פּאָליטישער אָרדענונג, וועלכע איז אָבער קיינמאָל נישט געקומען. און זי איז נישט געקומען פּשוט דערפאַר, ווייל מיר זענען געווען בלויז אַ מינדערהייט, אַ סוב־קולטור, אַן אַוואַנגאַרד, וועמענס פּאָזיציעס זענען געווען צו אַוואַנסירט פאַר דער צייט, פאַר דער סביבה, פאַר דעם טייל פון דער וועלט אין וועלכער מיר האָבן געלעבט.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַן אינסטיטוציע פון אָט דער סוב־קולטור. די פאָלקשולן, די קינדער־קלובן, די קולטור־ליגע און די ספּאָרט־אָרגאַניזאַציע זענען אויך געווען אינסטיטוציעס פון אָט דער סוב־קולטור. אין דער צייט אָבער, וואָס דאָס שול־קינד האָט נאָכן פאַרלאָזן די שול־געביידע אַריבערגעטראָטן אין אַ וועלט, וואָס איז פאַקטיש געווען געשפּאָלטן — ווייל אונדזער דערפאָלגרייכע קולטור־רעוואָלוציע האָט קאָ־עקזיסטירט מיט דער אַלטער פּאָליטישער אָרדענונג, — האָט דאָס קינד אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע כאָטש אויף אַ קורצער צייט זיך פולשטענדיק אויסגעלעבט אין אַ סביבה, אין וועלכער די קולטורעלע רעוואָלוציע און די פּאָליטיש־אינסטיטוציאָנעלע רעוואָלוציע זענען געוואָרן גלייכצייטיק רעאַליזירט. דאָס קינד איז פאַקטיש

געווען אין דער צייט פון זיין לעבן אין דער סאַנאַטאָריע — אַ בירגער פון אַ נייער געזעלשאַפט אין מיקראָקאָסם. די סאַנאַטאָריע איז פּאַקטיש געווען אַ מוסטער פון אונדזער אויסגעטרוימטן אידעאַל און אַלס אַזעלכער אַ רעוואָלוציאָנערער אינדזל, אַן אַנזאָג פון אַ צוקונפטיקער אָרדענונג, וואָס איז לײדער קײנמאָל נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. פאַר מיר איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע מער ווי אַן אָרט וווּ קינדער פון אָרעמען וואַרשעווער געטאָ האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו אָטעמען די לופט פון פרייע וועלדער און שפּירן דעם ריח פון שלאַנקע סאָסנעס; נישט נאָר אַן אָרט וווּ שוואַכע קינדער האָבן געקענט שטאַרקן זייער גוף, אַפילו נישט קיין לאַבאָראַטאָריע פאַר פּראָגרעסיווע דערציִונגס־מעטאָדן און טעכניק. איך זע אין דער סאַנאַטאָריע טאַקע אָט דעם מיקראָ־קאָסם פון דער נייער אָרדענונג, פון די מעגלעכקייטן צו רעאַליזירן אונדזער רעוואָלוציע, אין וועלכער די קולטורעלע רעוואָלוציע גייט האַנט אין האַנט מיט דער פּאָליטיש־אינסטיטוציאָנעלער. אַוודאי, אַלס אַ קינד אין דער סאַנאַטאָריע האָב איך זיך אָבער נישט געקענט אָפּגעבן קיין חשבון דערפון.

וואָס איך געדענק פון יענער צייט, זענען מאָמענטן און פראַגמענטן, פאַרשידענע עפּיזאָדן פון מיין אייגענעם לעבן. כ'בין געווען אַן אָפּטער בירגער פון אָט דער מערק־ווירדיקער רעפּובליק אין מיעדזעשין און מיינע זכרונות פון דער סאַנאַטאָריע זענען דעריבער אינטים פאַרבונדן מיט די פאַרשידענע אַנטוויקלונגס־פאַזן פון מיין אייגענעם יונגן לעבן, טיילווייז איינגעוויקלט אין נעפּל פון צייט.

איך געדענק מיין ערשטן באַזוך אין דער סאַנאַטאָריע. ס'איז געווען דער אָוונט פון ערשטן סדר. ס'איז שוין געווען גאַנץ טונקל, ווען מיין מאַמע און איך זענען אַראָפּ־געשטיגן פון צוג און דער שניי האָט ווי אָפּגעשפּיגלט די לבנה, געוויקלט זיך אין ליכט און שאָטן. די ביימער האָבן געטראָגן דעם לאַסט פון ווייסן שניי. די הייזער פון דער סאַנאַטאָריע האָבן זיך אויפגעשיילט פון דער טונקלקייט ווי אַ פאַנטאַזיע. איך געדענק שוין נישט גענוי — מיר דאַכט זיך אָבער, אַז דאָס איז געווען דאָס יאָר, ווען די „נייע געביידע" מיט איר רויטן דאַך איז טאַקע געווען ניי, נאָר־וואָס אויפגעבויט.

די קינדער זענען שוין געזעסן ביים טיש. די ליכט האָבן זיך געצאַפּלט און אַ דערוואַרטונג האָט געפלאַטערט אין דער לופט. די נאַכט פון ערשטן סדר. דער לערער גילינסקי האָט אונדז פאָרגעשטעלט פאַר די קינדער. דערנאָך האָט ער דערציילט די מעשה פון פסח. ער האָט אָנגעגאָסן צוויי בעכער מיט וויין, איינעם פאַר זיך און איינעם פאַר אַ ספּעציעלן גאַסט, אליהו הנביא. די ליכט זענען אויסגעלאָשן געוואָרן און ס'איז געווען שטיל. נאָר דער שניי האָט זיך געווייסט דורך די פענצטער און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלץ אַרום שמעקט מיט דער פרישקייט פון אָט דעם שניי. אַ טיר האָט אַ סקריפּע געטאָן, און איך האָב איינגעהאַלטן דעם אָטעם. און ווען ס'איז צוריק ליכטיק געוואָרן אין דעם עס־צימער, בין איך געווען אַבסאָלוט איבערצייגט, אַז אליהו הנביא האָט אונדז טאַקע באַזוכט, אַ זופּ געטאָן פון דעם וויין. און איך האָב זיך אים פאָרגע־שטעלט ווי מיין זיידע, ווי האָט געהאַט, זינט איך געדענק אים, אַ לאַנגע ווייסע באָרד און לאַנגע, געדיכטע, אָראָפּהענגענדיקע וואָנסעס. יאָרן־יאָרן שפּעטער האָב איך אָפּט מיט מיינע אייגענע קינדער רעפּליקירט אָט דעם ערשטן סדר פון אַמאָל — אויסגעלאָשן דאָס ליכט, סוגערירט טריט און אַ סקריפּע פון דער טיר, שנעל און בסודות אַ זופּ

געטאָן פון דעם גאַסטס וויין־בעכער — און איך האָב געפילט מיינע קינדערס שפּאַנונג. די דערינערונג פון דער סאַנאַטאָריע איז געקומען צוריק צו מיר און אָנגעפילט מיך מיט אַ געפיל פון וואַרעמקייט און די אויגן מיט טרערן.

איך טראָג זיך אַרום אויך מיט אַנדערע זכרונות פון מיין ערשטן יאָר אין דער סאַנאַטאָריע. די באָד פון וועלכער מען איז אַרויסגעקומען נאַקעט, כדי אַריינצופאַלן אין דעם גרויסן האַנטעך, און די אָפענע אָרעמס פון אַ לערערין, אַ קראַנקן־שוועסטער אָדער אַ געהילף. קיין שום אַנדער איבערלעבעניש קאָן נישט געבן אַ קינד אַזאַ געפיל פון זיכערקייט, פון אָנגעהעריקייט. ערגער איז געווען מיט דעם „טראָן״, (פיש־אייל), וואָס איך האָב געמוזט טרינקען נאָך דער באָד. אַלץ האָט דעמאָלט געשמעקט פריש און ניי. ווי איינגעטוליעט אין היימישקייט, איז מען געלעגן אין בעט און געוואַרט אויפן טערמאָ־מעטער, אויפן לעצטן גלעט אויפן שטערן, אַז שטאַרקע, זיכערע הענט זאָלן פאַריכטן דעם קאָץ און פאַרלעשן דאָס ליכט אין צימער מיט אַ שטילן „גוטע נאַכט״. מיט אָפענע אויגן איז מען געלעגן אויפן בעט, ווי פאַרכישופט פון די ביימער און זייערע צווייגן און זייערע שאָטנס, וואָס האָבן זיך געוויגט אויפן סופיט. שטיל האָבן מיר געפּליסטערט פון בעט צו בעט און ביסלעכווייז אַריינגעפאַלן אין שלאָף. ערגער איז געווען אין דער פרי, ווען איך האָב געדאַרפט מאַכן דאָס בעט מיט אַ געהעריקן „קאַנט״.

מיין פריינדשאַפט מיט נעראַ, דעם וואָך־הונט, האָט זיך אָנגעהויבן דעם ערשטן יאָר, און דורך די יאָרן האָב איך אים געזען עלטער, שווערער, דערוויטערט און דאָך שטענדיק נאָענט.

מיין ערשטער ווינטער אין דער סאַנאַטאָריע איז אַוועק. איך בין, דאַכט זיך, געווען דעמאָלט אַ פּאָר חדשים אין דער סאַנאַטאָריע, ווייל ווען דער פאָטער מיינער האָט מיר צוריקגעפירט קיין וואַרשע האָבן מיר געוווינט אין אַ נייער כאָטש צייטווייליקער דירה, אַן אַנדערע ווי די, וואָס איך האָב פאַרלאָזט. מיין שול־קאַריערע האָט זיך אָנגעהויבן.

עטלעכע יאָר שפּעטער, זומער, האָב איך זיך צוריקגעקערט אין דער סאַנאַטאָריע. איך געדענק דעם זומער, ווייל אָט דער צווייטער באַזוך אין דער סאַנאַטאָריע האָט אָנשטאָט דעם געפיל פון זיכערקייט געבערענגט געפילן פון שרעק און מורא. מיר זענען געווען ווי אין אַ באַלאַגערונגס־צושטאַנד. אונדזער אייגענע „רעוואָלוציע״ איז געווען באַדראָט. שוין דער פאַרגאַנגענער שול־יאָר האָט געבראַכט אָנזאָגן פון דעם טעראָר. איך געדענק אַן אָוונט נאָך די קלאַסן, ווען אונדזער שול אויף קאַרמעליצקע איז געווען אַרומגערינגלט פון באַנדעס דערוואַקסענע און איינער פון זיי, אַפּנים אַ פירער, איז געגאַנגען פון גרופּע צו גרופּע, ווי צוגעבנדיק מוט: „שלאָגט זיי, חברים, שלאָגט די סאָציאַל־פּאַשיסטן״. דעם זומער זענען די זעלבע אָדער ענלעכע באַנדעס געקומען צו דעם טויער פון דער סאַנאַטאָריע. זיי האָבן געביילט די פויסטן, געזידלט און דאָס זעלבע וואָרט, „סאָציאַל־פּאַשיסטן״ איז געהאַנגען אין דער לופט ווי אַן אַרויסרוף. רעוואָלווער־שאָסן האָבן ווי בייטשן געקנאַקט אין דער שטילקייט. אונדז קינדער האָט מען אַרויפגע־פירט אויף דעם אויבערשטן שטאָק פון דער אַלטער געביידע און אָנגעזאָגט צו זיין שטיל און רויק. דער לערער טראָופּיאַנסקי האָט געשפּילט אויף דער קאָנצערטינע און געוויגט זיך אין ריטעם פון דער מעלאָדיע, און „באַטקע״ האָט דערציילט אַ מעשׂה —

כ׳געדענק געגוי, די געשיכטע פון וויקטאָר הוגאָס העלד, זשאַן וואַלזשאַן. ער האָט די מעשה נישט פאַרענדיקט און געמוזט פאַרזעצן שפּעטער.

די דאָזיקע איבערפאַלן האָבן זיך איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. און מיר, אין דער סאַנאַטאָריע, האָבן געקריגן, הילף פון וואַרשע, חברים פון דער „אָרדנער־גרופּע״.

דעם זומער האָב איך אויך פון געפונענע ברעטער צוזאַמענגעקלאַפּט אַ ביידל ערגעץ ווו ביים ראַנד פון דער סאַנאַטאָריע. אין דעם ביידל איז געווען אַ בענקל צום זיצן, און צום דאַך האָב איך צוגענאַגלט פּאַפּיר. ס׳איז געווען אַ גוט אָרט זיך אויסצובאַ־האַלטן פון טראָן, פון דער קאָנטראָל איבער אויערן און נעגל, צו וועבן פאַנטאַזיעס, און ווען עס האָט גערעגנט האָבן די טראָפּנס געפּויקט אין דעם דאַך. איינמאָל בין איך אָבער איינגעשלאָפן אין דעם ביידל, פאַרזאַמט זיך צום אָוונט־ברויט און די אָנגעשטעלטע האָבן זיך אַרויסגעלאָזט זוכן דעם פאַרלוירענעם סאַנאַטאָריסט. די קינדער־פאַרוואַלטונג (כ׳האָב אַ חשד, אַז אויף „באַטקעס״ איניציאַטיוו) האָט באַשלאָסן צו ליקווידירן דאָס ביידל אַלס אַ נישט־אויטאָריזירטע „געביידע״ און אַ סכנה.

די יאָרן זענען געלאָפן מיט אימפּעט און אַנדערע פעריען — ווינטערדיקע און זומערדיקע — זענען געקומען און אַוועק. די צאָל קינדער איז געוואַקסן פון יאָר צו יאָר, אַ גרויסער אונטערשיד פון דער קליינער צאָל סאַנאַטאָריסטן אין מיין ערשטן ווינטער דאָרט. איך בין געווען דער פּראָקוראָר אין אַ „פּראָצעס״ איבער באַנטשע שוויג און אַ ריכטער אין אַ פּראָצעס איבער טוביה דעם מילכיקן. באַנטשען האָב איך באַשולדיקט אין צופיל שוויגן, אין אויסמיידן, וואָס מיר רופן איצט די „פּאָליטיק פון קאָנפראָנטאַציע״. אויך דער אורטייל איבער טוביהן איז געווען: „שולדיק״. איך בין אויך געווען אין דער רעדאַקציע פון דער וואַנט־ציימונג און כאָטש איך האָב אויך געאַרבעט אויפן „ראַדיאָ״, איז מיר אָבער זעלטן אויסגעקומען פאַרצולייענען די אמתע אָדער פאַבריצירטע נייעס אינדערפרי ביים פרישטיק — אפשר דערפאַר ווייל די פּאָר מאָל, וואָס איך האָב יאָ געלייענט דעם „ראַדיאָ״, האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון לאַכן איבער מיינע אייגענע וויצן (פיל פון זיי — ווידעראַמאָל — סוגערירט פון „באַטקען״).

איין זומער האָבן מיר געאַרבעט אויפן סצענאַר פון אַ פילם. יעדער פון אונדז האָט געהאַט אידעען, איינפאַלן. דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן „אימפּאָרטירט״ אַ סצענאַר פון וואַרשע, געשריבן פון יעקב פּאַט, און מיט דעם סצענאַר אַלס אַ באַזע האָבן מיר ווייטער געאַרבעט. דערנאָך איז וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ געקומען אַרבעטן אויפן סצענאַר, צולייגן איר דערפאַרונג, אַזוי צו זאָגן, צו אונדזערע שוואַכע באַמיִונגען. זי איז געקומען, קאָנפערירט מיט אונדז, געגעסן מיט אונדז ביים טיש און כסדר געפּינטלט מיט די אויגן. זי איז געווען הויך און ביינערדיק און איר מאַן איז געווען ברייטפּלייציק און מוסקולער, און זייענדיק שוין דאַן אויפמערקזאַם צו די זאַכן, האָב איך זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן, וואָס ער האָט אַזוינס דערזען אין איר.

פּעדעם האָבן אונדז געקניפּט מיט אונדזער וועלט אין וואַרשע און דער טרויער פון „אונדזערע״ אין וואַרשע איז געווען אונדזער טרויער. ס׳איז געווען אַ טאָג פון טרויער אין דער סאַנאַטאָריע, ווען די ידיעה איז געקומען, אַז חבר כמורנער איז געשטאָרבן. און איך בין געווען אין דער סאַנאַטאָריע־דעלעגאַציע, וואָס איז געפאָרן צו דער לוויה.

איך גלויב, אַז דער זומער פון חבר כמורנערס טויט, 1935, איז געווען מיין לעצטער אין דער סאַנאַטאָריע. מיר זענען געווען אַ גרעסערע גרופּע, מער־ווינציקער אין גלייכן עלטער: ראובן ליפשיץ, יאַנעק גאָלדשטיין, טאַדעק, מיעטעק קאָרנבליט, אברהמל קאַהאַן פון ווילנע, שושנה פון ווילנע. מיין שוועסטערל, שולקע, איז אויך געווען דעם זומער אין דער סאַנאַטאָריע און ס׳קען זיין, אַז איר אַנוועזנהייט האָט אונטערגעשטראָכן פאַר מיר דעם פאַקט, אַז איך בין שוין „אַרויסגעוואַקסן" פון דער סאַנאַטאָריע־אַטמאָ־ספער. האָבן מיר געפאָדערט „זעלבשטענדיקייט", געוויסע פּריווילעגיעס און פרייהייטן, וואָס אין רעטראָספּעקט גלויב איך, אַז זיי האָבן געקאָנט האָבן בלויז אַ דעמאָראַליזירנדיקע ווירקונג אויף די אַנדערע סאַנאַטאָריסטן. כאָטש אונדזער וועלט איז געווען — ספּעציעל ביי היינטיקע מאָסן — אַ זייער צניעותדיקע, האָבן מיר אָבער „אַנטדעקט", אַז די וועלט איז פאַרטיילט אויף מיידלעך און ייִנגלעך און אַז — און דאָס איז געקומען ווי אַ גרויסע אַנטפּלעקונג פאַר מיר — מיידלעך זענען פּונקט אַזוי פאַראינטערעסירט אין בחורים ווי די זענען אין די מיידלעך. אונדזער גרופּע פלעגט זיך אויך אָפט אַרויסגנבענען פון דער סאַנאַטאָריע, גיין זיך שפּילן אָדער גלאַט אַוועקוואַנדערן אין די פעלדער און אין וואַלד.

די לערער האָבן אַפּנים געוואָנט, וואָס עס קומט דאָ פאָר. און איך געדענק ווי איין מאָל אַן אָוונט, אין באַטקעס צימער, האָט ער און שלמה גילינסקי זיך אַוועקגעזעצט מיט אונדז, שוין האַלב־דערוואַקסענע ייִנגלעך, און פאַרפירט אַ שמועס — ווי מאַן צו מאַן — איבער ענינים פון „סעקס". זיי האָבן זיך באַמיט צו דערקלערן אונדז דעם אונטערשיד צווישן ריין פיזישע געשלעכטלעכע אינסטינקטן און אימפּולסן און —

דער קינדער־פּאַרלאַמענט

פון רעכטס: ש. גילינסקי, יאָסל מלאַטעק (שטייט), רחל באַדאַנאָווסקי, סאַניטאַרין פּאַלישוק, חיהלע פלעקסער, באַטקע.

ליבע. דער דאָזיקער געשפּרעך האָט איבערגעלאָזן אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אונדז און מיר האָבן שפּעטער גערעדט דערפון צווישן זיך. און ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט זיין, אונדזער ווייטערדיקע אויפפירונג דעם זומער האָט זיך ראַדיקאַל געענדערט און איך גלויב, אַז אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן זענען אונדזערע האַנדלונגען אין דער ספערע פון אינטימע מענטשלעכע באַציִונגען באַאיינפלוסט געוואָרן פון דעם דאָזיקן געשפּרעך און דעם איינדרוק, וואָס עס האָט אויף אונדז געמאַכט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך זיך אָפט דערמאָנט ווי שלמה גילינסקי און „באַטקע" האָבן מיט אונדז דעמאָלט, אין 1935, דיסקוטירט דעם פּראָבלעם — אָפן, אויפריכטיק, פּשוט, און — דערפאָלגרייך. פאַר מיר איז דער אונטערשיד צווישן זיי, זייער באַהאַנדלונג פון דעם ענין, און דאָס וואָס איך האָב ביי אַנדערע לערער און אין אַנדערע שולן אָבסערווירט פיל יאָרן שפּעטער, נישט בלויז אַן אונטערשיד אין די רעספּעקטיווע טאַלאַנטן פון די געגעבענע דערציִער, פון די יחידים; דער אונטערשיד איז באמת אין די דערציִונג־סיסטעמען. אין אונדזער סיסטעם איז דער דערציִער געווען דעם שילערס חבר. איך גלויב, אַז אָט דער דערציִונג־סיסטעם האָט געקענט זיין דערפאָלגרייך נאָר, ווייל ער איז געווען אַן אויסברייטערונג פון אונדזער קולטור־רעוואָלוציע. אונדזערע לערער ווי אונדזערע פירער האָבן נישט געדאַרפט שפּילן די ראָל פון אַ „רעוואָלוציאָנערע עליטע", וואָס אויפן געביט פון פּאָליטיק מוז זי עווענטועל אָננעמען די פאָרם פון „דעמאָקראַטישן צענטראַליזם". אונדזערע לערער און אונדזערע פירער האָבן אונדז באַטראַכט פאַר גלייכע מיט זיך, ערשטנס דערפאַר, ווייל מיר זענען געווען שותפים צו זייערע ווערטן און צו זייער גלויבן, און צווייטנס



דער קינדער־ראַט

ביים טיש פון רעכטס: רחל באָדאַנאָווסקי, אימעק דיסטעל, לערער באַטקע, יאָסל מלאָטעק, ש. גילינסקי, ה. פּאָסעסאָרסקי, וויינאַפּעל, שלמה מענדעלסאָן.

דערפאַר, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז אָן אַזאַ שותפות וואָלטן זיי געמוזט אָנקומען צו צוואַנג — אַ צוואַנג, וואָס אויב אָנגעווענדעט, וואָלט ער צוגענומען דעם טיפן זין פון אונדזער „רעוואָלוציע" און וואָלט זי געמאַכט צוועקלאָז.

טאָקע צוליב אָט דער שותפות, געדענקען מיר ביז היינט זייער לערע און זענען ביז היינט געטריי די אידעאַלן, וואָס זיי האָבן פאַרפלאַנצט אין אונדז דעמאָלט. די פאַרניכטונג פון יענער סוב־קולטור און דערציִונג־סיסטעם איז נישט נאָר אַ פאַרלוסט פאַר אונדז, וואָס האָבן פאַרזענלעך אין איר זיך אויסגעלעבט — ס'איז דער פאַרלוסט פון דער וועלט, וואָס זוכט דווקא היינט אַ מוסטער פון פונקט אַזאַ לעבנשטייגער.

יוסף פישמאַן (יאָסל)

געבוירן אין שעדלעץ אין 1919. אַביטוריענט פון דער יידיש־וועלטלעכער שול אין וואַרשע. אין סאַנאַטאָריע געווען עטלעכע מאָל, געווען אין דער ערשטער גרופע קינדער אין 1926, דעם 18טן יאַנואַר, ווען די סאַנאַטאָריע האָט זיך געעפנט. מלחמה־יאָרן דורכגעמאַכט אין כינע. אין 1949 געקומען קיין אַמעריקע. געווען אַ יידיש־לערער אין אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ. געענדיקט דעם עמאָרי־אוניווערסיטעט אין אַטלאַנטאַ מיט אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם. זייט 1959 פּראָפעסאָר פון פּאָליטישע וויסנשאַפטן אין יודזשין, אָרעגאָן־אוניווערסיטעט. מחבר פון עטלעכע וויסנשאַפטלעכע ביכער.

אהרן גרינבוים (טאָראָנטאָ, קאַנאַדע)

מיין כבוד אייך, מיין דאַנק...

ס׳איז מיר שווער צו געדענקען זאַכן פון מיין קנאַפּן האַלבן יאָרהונדערט. פאַר וואָס? — כ׳ווייס נישט, אפשר ווייל ס׳איז נישט געווען אַדורכגעלעבט נאָר אַדורכגעקעמפט, אַדורכגעריסן זיך דורך די יאָרן צו דערהאַלטן דעם זעלבסט־קיום און דערפאַר אין געאיילעניש נישט געקאָנט צו פיל פיקסירן, איינקריצן פּאַסירונגען און איבער־לעבענישן.

עפּעס דאָך געדענקט זיך און דאָס שפּריכוואָרט זאָגט: „דאָס גוטע געדענקט זיך בעסער״.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין, עטלעכע צוואַנציק קילאָמעטער פון וואַרשע, סינכראָניזירט זיך ביי מיר אַלע מאָל ווי דער „סאַלאָן״ פון דער „ציש״אָ״־שול, וועלכע איך האָב געענדיקט (אָ קאַפּיטל פאַר זיך). ווי איך קום צו זיין אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און דווקא דריי חדשים, איז טאַקע אַ האַרבע קשיה. ס׳איז נישט געווען אַזוי לייכט אַנצוקומען דאָרט. מען האָט זיך געמוזט קודם קוואַליפיצירן לויטן געזונט־צושטאַנד — זיין שוואַך, באַדראָט צו ווערן קראַנק אויף טובערקולאָז. פאַר די קינדער פון דער יידישער אָרעמקייט האָט דער מאַגיסטראַט געדעקט די הוצאות. אויך געוויסע קינדער פון אונדזערע יידישע שולן האָבן געגאָסן פון הנחות; פאַר קינדער פון מיטלשטאַנד און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ האָבן עלטערן געצאָלט דעם פולן פּרייז. צו קיינער פון די קאַטעגאָריעס האָב איך נישט געהערט. צוגעשפּילט מיר האָט אַ נס.

אין יאָר 1935־1936 האָט די „ציש״אָ״ אָרגאַניזירט אַ שלום עליכם־אויסשטעלונג אין אַ שיינעם לאָקאַל אויף דער ביעלאַנסקע גאַס, נאָענט צום יידישן טעאַטער „נאָוואָשטשי״.

די אויסשטעלונג רייך און אינטערעסאַנט, צוגעגרייט דורך די שילער פון די יידישע וועלטלעכע שולן, האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעכן דערפאָלג און איז ממש געווען אַ געשעעניש אויף דער יידישער גאַס. די עקספּאָנאַטן, בילדער און סקולפּטורן זענען געווען אויף אַ קינסטלערישן ניוואָ — אָפּגעשפּיגלט אַלע טיפּן פון שלום־עליכם, שוין אָפּגערעדט פונעם אויפגעבויטן שטעטעלע קאַסרילעווקע מיט אַלע פּיטשעווקעס. דאָרט אויף דער אויסשטעלונג האָבן מיר געהאַט אַ טעאַטערל פון קאָלירטע „כינעזישע שאָטנס״ און געשפּילט מיט אַן אומגעהויערן דערפאָלג „דאָס פאַרכישופטע שניידערל״ פון שלום־עליכם. די פיגורן און ליאַלקעס האָט געשאַפן דער אַביטוריענט — שוין דעמאָלט אַ געבענטשטער קינסטלער — משהלע וואַסערשטראָם. אינסצעניזירט און

איינגעשטעלט האָט ראובן זיגעלבוים. דעם קינסטלערישן טייל האָבן אויסגעפירט דריי פּאָלקס־שילער: דבורה שפּיגעלגלאַס, אייזיק גרינבערג און איך. מיר פלעגן שפּילן יעדן אָוונט און שבת צוויי אָדער דריי מאָל. אַלס שכר האָט מיר טאַקע די פאַרוואַלטונג פון דער אויסשטעלונג ביים שלוס געגעבן צוויי חדשים מעדעם־סאַנאַטאָריע, שפּעטער איז פון די צוויי חדשים געוואָרן דריי.

מזל טוב! איך בין שוין אין מעדעם־סאַנאַטאָריע, איך מיט נאָך אַ פּאָר קינדער. געברענגט האָט אונדז דאָרטן ז. פרידריך, אַ מיטאַרבעטער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע־קאַנצעלאַריע, אויף לעשנאָ 28, אין וואַרשע. אָט זענען מיר געקומען, אַ בינטל „פאַרגרינטע" קינדער. די קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע באַגריסן אונדז מיט אויסגעשרייען: „אָ! טשאַלדאַקעס געקומען". דאָס הייסט — פרישע, גרינע.

אויך צו גוטס מוז מען זיך צוגעוווינען. איך מוז זיך צוגעוווינען שלאָפן איינער אַליין אין אַ בעט פאַר זיך. כ'בין נישט געווען געוווינט דערצו. פאַראַן דאָ פיל געזעצן, אַפילו טאַקע גוטע, אָבער ווידעראַמאָל — מען מוז זיך צוגעוווינען: יעדן אינדערפרי וואַשן זיך ביז העלפט, וואַשן די ציין, און באַלד פון וואַש־צימער וואַרט מען דיך אָפּ מיט אַ דאָזע טראָן (פיש־אייל) טאַקע מיט אַ פיצל זויערע אוגערקע, אָבער פאַרט אַ גזירה. ליכטיקע, זויבערע שלאָף־צימערן, ריין שלאָף־געוואַנט, און אַלץ אַזוי פריש, שיין און זויבער.

דער עס־צימער ריזיק־גרויס, טישן געדעקטע מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און שיינקייט ממש ווי פאַר גראַפן. אויך דאָ מוזסטו זיך צוגעוווינען. ערשטנס, מען דאַרף עסן מיט אַ גאָפּל און אַ מעסער, וואָס איז פאַר אַ סך פון אונדז געווען אַ פּראָבלעם. מיך פּערזענלעך האָט געלערנט די קונסט די לערערין טאַמאַראַ, אַ געבוירענע אין פּאַלעסטינע, אַ שיינע, צאַרטע מיט אַ וווּנדערבאַר־שיינער שטימע, אגב אויך אַ פּיאַניסטין. זי פלעגט אין די אָוונטן געבן פאַר אונדז פּיאַנאָ־קאָנצערטן.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געווען אַ קליין אומאָפּהענגיק מלוכהלע, אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג פון די קינדער אין בעסטן זין פון סאָציאַליסטישן אידעאַל. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען פון צייט צו צייט אויך געווען קינדער פון פאַרמעגלעכע עלטערן, וואָס האָבן געוואָלט, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך דערנענטערן צו דער ייִדיש־סאָציאַליסטישער סביבה. פאַר די קינדער איז אין אָנפאַנג די אַטמאָספער פון סאָציאַליסטישן גייסט פון אונדזער זעלבסט־פאַרוואַלטונג געווען פרעמד. אין מיין צייט זענען דאָרט געווען: אַ טאָכטער פון אַ דאַנציקער עקספּאָרטער מיט אַן עקסטראַוואַגאַנטן נאָמען — אַדעלאַידאַ, און אויך אַ זון פון אַ גרויסן הורט־סוחר פון דאַנציק. אגב,ביידע עספּעראַנטיסטן.

פון פּערסאָנאַל געדענק איך די לערערין מאַניעלע ירוחמזאָן, לערער יאָסל קאַץ, מען דיך אָפּ מיט אַ דאָזע טראָן (פיש־אייל) טאַקע מיט אַ פיצל זויערע אוגערקע, אָבער לערערין וויטשיק, די סאַניטאַרין ביילע קוריסקי, דעם טעכנישן פאַרוואַלטער ראָזענשיין, די דאָקטאָרין קעלטאָן, און פאַרשטייט זיך, דעם לערער „באַטקע".

אין אַרכיטעקטור איז אָנגענומען, אַז אַ בנין דאַרף זיך האַלטן אויף לכל הפּחות פיר זיילן. די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געשטאַנען אויף צוויי זיילן — געהייסן האָבן די זיילן: שלמה גילינסקי און מאָטל גילינסקי — אגב, נישט קיין ברידער. אָבער

זעלטן ווער פון די סאַנאַטאָריסטן האָט געוווּסט, אַז דער ייִנגערער פון זיי, מאָטל גילינסקי, דאָס איז טאַקע — „באַטקע". אַזוי האָבן אים די קינדער אַ נאָמען געגעבן און אַזוי איז אים דער נאָמען פאַרבליבן. „באַטקע" איז געווען אַ העכסט באַגאַבטער פּעדאַגאָג און אַ געבוירענער קינדער־פריינד. ער האָט נישט געדאַרפט זיך איינשאַפן, בעסער געזאָגט — איינקויפן קיין פריינדשאַפט ביי די קינדער. ס'איז נאַטירלעך געקומען ביי דער ערשטער באַגעגעניש מיט אים. דיביידע גילינסקיס האָבן זיך דער־גאַנצט ביים אויסטראָגן די לאַסט פון אויפהאַלטן דאָס וווּנדער־אינדזל פון שיינקייט און גוטסקייט.

מאָטל גילינסקי — „באַטקע" איז געווען אַן אינטעגראַלע פיגור פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. ער איז געווען דער מאָטאָר, דאָס האַרץ פון לעבן דאָרט. זיין פּערזאָן האָט פולשטענדיק באַרעכטיקט זיין צונאָמען.

שלמה גילינסקי, דער ייִדיש־לערער־וועטעראַן, דער בויער פון דער סאַנאַטאָריע, שפּעטער אַן אַקטיווע פיגור אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין וואַרשע, האָט אויסגעטראָגן אויף זיינע פּלייצעס די שווערסטע אַרבעט. געטיילט זיינע פליכטן צווישן מיעדזעשין און וואַרשע, געפירט מיט עקשנות דעם קאַמף פאַרן קיום פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. זאָלן מיינע לויב־ווערטער פאַר אים זיין אַ קראַנץ אויף זיין קבר.

ווי געזאָגט, איז דאָס לעבן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע ביז אַלע פּיטשעווקעס געווען געפּלאַנט און געפירט פון דער אויסגעוויילטער דורך די קינדער גופא זעלבסט־פאַרוואַלטונג. עס איז טאַקע געווען אַ קליינע רעפּובליק מיט אַ שפּאַר גרויסער ווירט־שאַפט און מיט פאַרשידענע פּראָבלעמען, מיט ברייט־פאַרצווייגטע קאָמיסיעס.

יעדן אינדערפרי האָט מען געלייענט די לאָקאַלע ציטונג, וועלכע האָט געהייסן



מיטן לערער ביבער ביים באַסיין פון געוויקסן

„אונדזער ראַדיאָ״. פֿאַרן אָנבייסן, ווען אַלע זענען געזעסן ביי די טישן, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס לייענען מיט — „האַלאָ, האַלאָ, אונדזער ראַדיאָ. מעדעם־סאַנאַטאָריע, מיעדזעשין, דעם״... די דאַטע, און באַלד נאָכדעם די נייעס, פֿאַרשטייט זיך, מערסטנס אינערלעכע. ס׳האָט געמוזט זיין אין הומאָריסטישן טאָן, מ׳זאָל קענען אַ ביסל לאַכן.

גלויבט מיר, געווען ווען צו מאַכן פֿריילעך. גיט אַ שמייכל טאַקע, איר קינדערלעך פֿון וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט. איר, אונטערדערנערטע, אַזוי פֿרי אַלט געוואָרענע און אויך דו, שמואליקל מינקאָווסקי, וואָס גלאָצט זיינע שוואַרצע אייגעלעך צו דיר און שלינגט דיין לייענען. ערשט מיט עטלעכע וואָכן צוריק אים געבראַנגט פֿון פּשיטיק, ווו די פּוילישע רוצחים האָבן אין דעם פּשיטיקער פּאָגראָם זיין טאַטע און מאַמע געשאָכטן און ער, אין אַ שאַנק פֿאַרשפּאַרט, איז געבליבן לעבן. לאַנג האָט עס געדויערט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע ביז מען האָט שמואליקן דערזען שמייכלען דאָס ערשטע מאָל. ווער האָט געקענט דעמאָלט וויסן, אַז שמואליקל איז דער פּראָטאָטיפּ פֿון צוויי מיליאָן יידישע קינדער קדושים, אויף וועלכע ס׳האָט שוין געוואַרט די האַק פֿון דייטשע מערדער־באַנדיטן.

אין דער טאָג־צייטונג איז אויך געוואָרן אָנגעצייכנט דער פּלאַן פֿון טאָג, ווי אויך אַ וועטער־באַריכט פֿון דער אייגענער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע. דאָס ערשטע מאָל האָבן דאָ קינדער יעדן טאָג קאָנטראָלירט און באַריכטעט די טעמפּעראַטור, באַראָמעטער, די ריכטונג און די קראַפֿט פֿון ווינט. ווייל, כ׳בעט אייך זייער, אויף מיין גאַס און אין אונדזער הויף, אַ הויכער פֿאַרמאַכטער קאַסטן, האָט דער ווינט קיין גרויסע מעגלעכקייטן נישט געהאַט און ס׳האָט אויך מיך קיינמאָל נישט אינטערעסירט. דאָ, אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָט דער וועטער־באַריכט געהאַט און באַקומען אַ גרויסע באַדייטונג. אַ שיינער און וואַרעמער וועטער האָט באַדייט אַן אויספֿלוג צו דער אָזיערע „מאַרסקע אָקאָ״. אפֿשר אויך פֿאָרן מיט שיפֿלעך. ווינטער ווידער האָט אַ גוט וועטער מיט אַ קליינעם פֿראָסט באַדייט „גאָרטן־ספּאָרט״, סקיאינג. יאָ, נאָכאַמאָל מוז איך פֿעסטשטעלן: די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט געהיילט דאָס יידישע קינד פֿיזיש און גייסטיק.

לאָמיר זיך נאָך דערמאָנען... יאָ, ווער געדענקט נישט דאָס באָטאַנישע ווינקל, מיט די ווערטפֿולע עקספּאָנאַטן, איינשליסנדיק באַאָבאַכטונגען און פֿאָרשונגען, ווי למשל — דער מוראַשניק אונטער גלאָז. און פֿון די קינדער אַליין באַדינטע הינער־צוכטגעביידע, וואָס האָט צוגעשטעלט יעדן טאָג פֿרישע אייער. אַ קליינער זאָאָלאָגישער גאָרטן, די ריזיקע שילדקרויטן אויף וועלכע מ׳האָט ממש געקענט רייטן. דער קליינער סאָד מיט אייגענע בינען און בינשטאָקן. אַלץ דורך די קינדער אָנגעפֿירט און באַדינט. אַ שוסטעריי, אָנגעפֿירט דורך דעם חבר קאַפּלאַן, ווו מען פֿלעגט פֿאַרריכטן שיכלעך און ווער עס האָט געוואָלט, האָט אויך זיך געלערנט אַליין אַ פּאָר זוילן לייגן.

אָפּגערעדט, אַז כמעט יעדן אָוונט פֿלעגט פֿאָרקומען אָדער אַ שמועס אָדער אַ לעקציע אויף אַ געוויסער טעמע. מערסטנס זענען אַפֿילו די לעקטאָרן אויך געווען מעדעם־סאַנאַטאָריסטן.

★

דער צען־יאָריקער יובל פֿון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געפֿייערט געוואָרן אויף אַן אימפּאָזאַנטן אופֿן. דער טעאַטער־זאַל „נאָוואָשטשי״ איז פֿול געפּאַקט מיט אַן עולם.

דאָס זענען אַלץ אַרבעטס־מענטשן, מערסטנס בונדיסטן. און דער „בונד" איז דאַן געווען אין ווארשע די צאָלרייכסטע יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי. ווי גרויס עס איז געווען די חשיבות פון דער פייערונג, פון דעם יום־טוב, קען דינען דער פאַקט, וואָס אין פרעזידיום זענען געזעסן די חברים: נח, ערליך, אַלטער, שלמה גילינסקי און נאָך עטלעכע אָנגעזעענע אַרבעטער־טוער. ווי גרויס איז געווען מיין פריידיקער אומרו און טרעמע, ווען איך בין געזעסן צווישן די חברים הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער אין פרעזידיום אויף דער טריבונע.

צו מאָרגנס האָב איך זיך קוים געקענט דערוואַרטן אויף דער „פאָלקסצייטונג", זען מיך, אַ קליין יינגעלע, צווישן די צוויי נאָבעלע פיגורן. איך בין געווען דער פאַרשטייער פון דעם קינדער־ראַט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. וואָס איך האָב אין מיין באַגריסונג געזאָגט, געדענק איך נישט. איך געדענק אָבער, אַז באַטקע האָט געזאָגט: — „נישט שלעכט". דער לערער באַטקע איז געווען זייער קאַרג אויף לויבן, — און וויסנדיק דאָס, האָב איך געהאַט אַ גוט געפיל.

אין יענער צייט האָט די פאַרוואַלטונג פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע צוגעקויפט נאָך אַ שטיקל לאַנד — צוויי אָדער גאָר צען מאָרג. די שמחה צווישן די קינדער איז געווען אומגעהויער. יעדער האָט שוין געקלערט, וואָס אַ שטייגער וועט מען דאָרט צובויען. אפשר גאָר אַ גאַנצע פרישע געביידע, מער קינדער זאָלן נאָך קענען געניסן פון דעם ממש גן־עדן אויף דער ערד, כאָטש אַ קורצע צייט.

ווייטע דערינערונגען — טראָפּנס האָניק אין מיין קינדהייט.

אָט איז די אַלטע געביידע — פון האָלץ געבויט צוויי שטאָק מיט טורעמלעך ווי פון אַנדערסענס אַ מעשהלע אַרויסגענומען. אינעווייניק ריינע צימערן מיט רויטן וואַקס געשמירטע דילן, וועלכע סקריפּען ביי יעדן טריט. דאָרט אויך איזאָלאַציע־צימערן פאַר קראַנקע קינדער. בייטן פון בלומען אַרום. אָט איז די נייע געביידע מיט דעם לאַנגן קאָרידאָר, וואָס פירט אין דעם הערלעך־שיינעם עס־צימער.

די מאָדערן־איינגעאָרדנטע וואַש־צימערן, ריזיקער שפּיל־צימער, די טעראַסע אין דרויסן, ווו זומער און ווינטער פלעגן די קינדער רוען נאָך דעם זאַטן, געשמאַקן מיטאָג. אָט זע איך ווידער פאַר זיך די לערער און פאַרוואַלטער, וועלכע האָבן אַזוי שטיל אָנגעפירט מיט דעם קליינעם קינדער־טרוים־אַנשטאַלט.

נאָר אומבאַגרענעצטע ליבע צום יידישן קינד האָט געקענט אויפבויען אַזאַ אַנשטאַלט. נאָר מענטשן באַהויכט מיט געפיל פון כבוד און ליבע פאַר די בעסטע מענטש־אידעאַלן, האָבן עס געקאָנט אַזוי פירן.

אהרן גרינבוים

געבוירן אין וואַרשע, אין 1922. די יידישע שול, די מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען געווען זיין גייסטיקע היים. אין זיין פריסטער קינדהייט פאַריתומט געוואָרן, דערצויגן ביי אָרעמע קרובים. אין 1936 געענדיקט די כמורנער־פאָלקשול, קראָכמאַלנע 36. דורכגעמאַכט שווערע מלחמה־יאָרן אין רוסלאַנד, פאַרוואונדעט געוואָרן הינטער סטאַלינגראַד. געזעסן עטלעכע יאָר אין סאָוויעטישע תפיסות. אין 1949 אומגעקערט זיך קיין פוילן. זייט עטלעכע יאָר וווינט ער אין טאָראָנטאָ, אַרבעט אין אַן עראָפּלאַן־אונטערנעמונג ווי אַ פּרעציז־מעכאַניקער.

מרים מילמאַן־געלפּאַר (ניו־יאָרק)

וואַרעמע זכרונות וועגן מעדעם־סאַנאַטאָריע

איך פּרוביר זיך דערמאָנען די קינדער־יאָרן. עס דאַכט זיך, אַז זיי זענען שוין אַזוי ווייט, אָבער דאָך ווערן זיי לעבעדיק און וואַרעמען דאָס האַרץ.

...די שול האָט זיך געענדיקט. עס איז וואַרעם אין דרויסן און דער טאַטע האָט מיר איבערגעגעבן, אַז איך וועל פאָרן דעם זומער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. איך האָב געהערט אַ סך וועגן דער סאַנאַטאָריע — אַרטיקלען וועגן איר אין דער „קליינער פאָלקס־צייטונג", שמועסן אין הויז פון מיינע עלטערן און חברים וועגן דער וווּנדער־באַרער אינסטיטוציע. בין איך צופרידן, וואָס איך וועל פאָרן אַהין, אָבער האָף, אַז איך וועל נישט בענקען נאָך מיינע עלטערן און מיין ברודערל. מיינע לערער אין דער מעדעם־שול פרייען זיך מיט מיר און פאַרזיכערן מיר, אַז איך וועל האָבן אַ זייער פיינע וואַקאַציע.

...מיר קומען אָן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. אַ שיינער, זוניקער טאָג און מיינע אויגן גלויבן נישט, אַז אין אָט דעם הערלעכן פּלאַץ וועל איך פאַרבלייבן דעם זומער. מען באַגריסט אונדז מיט אַזוי פיל פרייד, מען ווייזט אונדז געביידעס, ווו מיר וועלן שלאָפן, דעם עס־צימער, די איזאָלאַציע, די שפּיל־פּלעצער, די באָטאַנישע געביידע, די שיינע גערטנער, אַלטע, גרויסע ביימער, ווו מיר וועלן רוען און לייענען, אָדער מען וועט אונדז פאַרלייענען יידישע פּאָעמען, אָדער רעדן אויף פאַרשידענע טעמעס... דאָס איז אַ גאַנצע שטאָט, אַ חלום־שטאָט, מיט איר זעלבסט־פאַרוואַלטונג און פאַרשידענע אינסטיטוציעס, אָנגעפירט דורך די קינדער.

...די ערשטע נאַכט קען איך נישט שלאָפן. איך בין צו איבעראַשט, באַגייסטערט פון אַלעם, וואָס איך האָב געזען. עס דאַכט זיך מיר, אַז איך בין ערשט איינגעשלאָפן, ווען מען וועקט אונדז שוין אויף... מען גייט זיך וואַשן, אַלע צוזאַמען, און איך געדענק נאָך ביז היינט ווי קאַלט עס ווערט מיר, ווען מען באַגיסט מיר די פּלייצע גלייך אונטערן קראַן, מיט קאַלט וואַסער... אַזוי פירט זיך דאָ, זאָגט מען מיר. מיר עסן פרישטיק און הערן די אינסטרוקציעס פאַרן היינטיקן טאָג. עס רעדט צו אונדז דער חבר שלמה גילינסקי, ער באַגריסט אונדז, די נייע קינדער, מיט אַזוי פיל ליבע און האַרצי־קייט. פון ערשטן מאָמענט, וואָס איך באַגעגן זיך מיט אים, באַקום איך אים ליב און דאָס געפיל וועט מיט מיר פאַרבלייבן ביז דעם לעצטן מאָל, וואָס איך טרעף זיך מיטן חבר גילינסקי שוין דאָ, אין ניו־יאָרק... מען ווייסט, אַז אויף אים קען מען זיך פאַרלאָזן און ער הערט זיך צו, ווען מען רעדט צו אים.

עס שוועבן פאַר מיינע אויגן, בעת איך שרייב די ווערטער, די געשטאַלטן פון די לערער און קינדער, אַ סך פון זיי שוין מער נישט צווישן אונדז... איך זע פאַר זיך דעם לערער באַטקע, די ליבע לערערין סאָניע פלודערמאַכער (מיר האָבן זי אַזוי שטאַרק ליב געהאַט און זי גערופן „סאָניושקעלע״), דעם חבר ברומבערג, וואָס האָט אונדז דיסציפּלינירט, אָבער מיט אַזוי פיל ליבע און פאַרשטענדעניש, זיין פרוי, די חברטע ברומבערג, אונדזער קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט אונדז כסדר אָפּגעהיטן און זיך פאַרנומען מיט אונדז, ווען מיר זענען געווען קראַנק, די חברטע ליובאַ גילינסקי, מיט איר שטענדיקן שמייכל און אַ גוט וואָרט...

באַזונדערס דערמאָן איך זיך דעם לערער ביבער, וועלכער האָט אונדז געלערנט וועגן אַלץ, וואָס לעבט אַרום אונדז אין דער נאַטור. מיר פלעגן אים ברענגען אַלע מינים אינזעקטן, זומער־פייגעלעך, ווערעם, וואָס מיר פלעגן זוכן אויף דער ערד און אויף די ביימער. נייע ווילדע בלימעלעך, גראָזן, שיינע בלעטעלעך, וואָס מיר פלעגן לייגן אונטער דעם מיקראָסקאָפּ און ער פלעגט אונדז דאַן דערציילן, וואָס ער האָט געוווּסט וועגן אַט די עקזעמפּלאַרן. איך פלעג זיך צוהערן צו אים מיט אָפענע אויערן, גרויסע אויגן און אָפּטמאָל מיט אַן אָפן מויל...

איך בין איבערצייגט, אַז מיין ליבע צו דער נאַטור און צו אַלעם לעבעדיקן, וואָס רינגלט אונדז אַרום, צו בלומען, פייגל, ביימער — אַלץ וואָס לעבט, האָב איך באַקומען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

דער ערשטער איינדרוק פון דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, וואָס עס האָט אָפּגע־האַלטן די גאַנצע סאַנאַטאָריע, און דאָס אויסהערן די פאַרשידענע באַריכטן פון דער דעמאָלטיקער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, איז געווען אַ זייער שטאַרקער. דאָ איז אַזוי פיל געווען צו טאָן און אַזוי פיל צו לערנען... איך דערמאָן זיך מיין גרויסע פרייד, ווען איך בין מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויסגעוויילט געוואָרן צו דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג, אין איינער פון די קאָמיסיעס. איך בין געווען אַזוי שטאָלץ — דאָס געפיל געדענק איך נאָך היינט, און איך האָב נאָר געהאָפט, אַז איך וועל גוט אויספירן מיינע פליכטן. איצטער, מיט אַזוי פיל יאָרן שפּעטער, טראַכט איך, אַז איך האָב אפשר יאָ גוט געאַרבעט, ווייל איך בין דאָך דערווייילט געוואָרן עטלעכע מאָל...

די פריינדשאַפטן, וואָס מיר האָבן דעמאָלט געשלאָסן מיט קינדער פון אַנדערע שטעט און פלעצער, זענען געווען ענגע און טיפע. איך האָב קאָרעספּאָנדירט מיט אַזוי פיל פריינד יאָרן שפּעטער, ווען איך בין שוין געווען אין מיטלשול, און מיט אַנדערע ביז דעם אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען אונדז האָט זיך נאָך גרויסע שוועריקייטן איינגעגעבן צו קומען קיין אַמעריקע. מיר האָבן דאָ מיט גרויסער האָפענונג און אַ געבעט אין האַרצן נאָכגעפאָלגט די טעטיקייטן פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און מיט אַ טיפן ווייטיק אין האַרצן געלייענט וועגן דעם סוף פון דער ווונדערבאַרער אינסטיטוציע, וואָס איז פאַר אַ סך פון אונדז געווען דאָס שענסטע אָרט פון אונדזער יוגנט, און פאַר די יונגע קינדער, בעת דער מלחמה — אַן אַאַזיס, ווו זיי האָבן געפונען ליבע, אַן אָרט ווו זיך אויסצולעבן און געהאָפט איבערצולעבן די גרויזאַמע מלחמה...

די שיינע איבערלעבונגען פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווו איך האָב זיך אַזוי פיל אויסגעלערנט, געהאַט אַזוי פיל פריינד — איך זע פון צייט צו צייט מיין חבר יאָסל

מלאַטעק — געדענק גוט אונדזערע חברים: משהלע וואַסערשטראָם, רחל באַדאַנאָווסקאַ, אַזוי פיל אַנדערע — וועל איך שטענדיק געדענקען.

אין די שפּעטערע יאָרן, ווען מיין ברודערל איז אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, פלעגט אויך ער פאָרן צוזאַמען מיט מיר אין מעדעם־סאַנאַטאָריע. אויך ער איז געווען באַגייסטערט מיט די אַלע וווּנדערלעכע דערגרייכונגען, מיט דעם חברשן לעבן, מיט די אויפטוען פון די קינדער און איבערהויפּט מיט דער ליבע, וואָס עס האָבן אונדז אַרויסגעוויזן די טייערע לערער — חבר און חברטע גילינסקי, חבר און חברטע ברומבערג, סאָניע פלודערמאַכער, חבר באַטקע און אַזוי פיל אַנדערע... זאָל זייער אָנדענק בלייבן מיט אונדז אויף שטענדיק. זאָל דער אָנדענק פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע בלייבן אַ מוסטער פון אַ וווּנדערלעכער אינסטיטוציע, ווו מען האָט געלערנט די קינדער זעלבשטענדיקייט, שעפערישקייט און חברשאַפט.

...עס קלינגט מיר אין די אויערן דאָס ליד, וואָס מיר פלעגן אַזוי אָפט זינגען:

אין מיעדזעשין איז דאָ אַ סאַנאַטאָריע מיט אַ רויטן דאַך,
מיט אַ רויטן דאַך,
אין סאַנאַטאָריע היילן זיך קינדערלעך אַ סך.

...ווייל איז געווען די קינדערלעך, וואָס זענען דאָרטן געווען...

מרים מילמאַן־געלפאַר

געבוירן אין לאָדזש, געענדיקט די יידיש־וועלטלעכע מעדעם־שול. שטודירט מעדיצין אין נאַנסי, פראַנקרייך, ביזן אויסברוך פון דער מלחמה. סוף 1940 אָנגעקומען מיט אירע עלטערן און ברודער קיין אַמעריקע. געאַרבעט אין אַרבעטער־רינג קינדער־קעמפּ. באַשעפטיקט אין דעם אַמעריקאַנער „אָרט".

נעכע ווידרעוויטש־טוכמאַכער (ישראל)

מיט ליבשאַפט און אַכטונג דערמאָן איך די מעדעם־סאַנאַטאָריע

איך האָב געהאַט דאָס גרויסע גליק צו זיין פון די ערשטע 18 קינדער אין דער סאַנאַטאָריע, ווען זי האָט זיך געעפנט. מיר זענען דאַן געווען איין גליקלעכע משפחה, מיט אונדזער טייערער סאַניטאַרין ריווע בערנשטיין, וויטשיק און דעם גוטן דערציִער און פאַרוואַלטער שלמה גילינסקי. מיר זענען דאַן געווען נאָר אין דער אַלטער געביידע.

איך בין געווען אין סאַנאַטאָריע זעקס מאָל אין אַלע צייטן פון יאָר. איך האָב זי אַזוי שטאַרק ליב באַקומען, איך שעם זיך צו זאָגן, בעסער ווי מיין אייגענע היים. ווייל דאָס וואָס איך האָב באַקומען פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, סיי פיזיש און סיי גייסטיק, איז מיר פאַרבליבן אויפן גאַנצן לעבן. מיט גרויס ליבשאַפט דערמאָן איך מיינע טייערע לערערס, דערציִערס, דאָקטאָרינס, סאַניטאַרינס און אַרבעטער פון טעכנישן פערסאָנאַל: ריווע בערנשטיין, ליובאַ קאַנטאַראָוויטש, דאַנציס, באַטקע, טראָופּיאַנסקי, וויטשיק, וועלכע האָט אַזוי גוט געזאָרגט פאַר אונדזערע פרישע, געשמאַקע מאכלים; די סאַניטאַרין סאַוויטש, דאָקטאָר קאָוואַרסקי, און דער צווייטער דאָקטאָר, וואָס פלעגט אַזוי זיס שמייכלען צו די קינדער, — איך געדענק שוין נישט ווי ער האָט געהייסן; דעם לערער ש. אַבראַמסאָן, דער פאַרוואַלטער פון דער מעדעם־שול אויף נאָוואָליפּקי 68, וואָס מיין מאַן האָט געענדיקט.

איך דערמאָן די סאַנאַטאָריע ווי דעם שענסטן חלום פון מיינע קינדער־יאָרן. איך דערצייל מיינע קינדער — איך האָב אַ זון און אַ טאָכטער — זייער פיל וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וואָס פאַראַ גוטע היים זי איז געווען פאַר די אָרעמע, שוואַכע קינדערלעך, וועלכע זענען געקומען פון ענגע דירות, און פּלוצלונג האָבן זיי זיך געפונען אין ליכטיקע צימערן מיט ריינע בעטן אין אַ גוטער פריינדלעכער אַטמאָספער, וואָס עס האָבן געשאַפן אונדזערע ליבע לערערס און גוטע דערציִערס.

ווען דער דאָקטאָר פלעגט אָנזאָגן די קינדער, וואָס זענען דאָ שוין געווען אַ חודש אָדער צוויי חדשים, אַז זיי דאַרפן שוין אַהיימפאָרן, פלעגן זיי זיך בעטן מיט געוויין: „דאָקטאָר, איך וויל נאָך בלייבן אַ ביסל, ווייל דאָ אין דער סאַנאַטאָריע איז מיר בעסער ווי אינדערהיים".

איך דערמאָן זיך אויך ווי גוט מיר האָבן פאַרבראַכט יום־טובים אין דער סאַנאַטאָריע, וואָס פאַר אַ שיינעם סדר מיר האָבן געהאַט, אָנגעפירט פון לערער גילינסקי. די טישן זענען געווען שיין געגרייט, אַ גוטע יום־טובדיקע שטימונג ביי די קינדער.

לערער גילינסקי האָט געשטעלט פראַגן און די קינדער האָבן געענטפערט. ווען עס איז געוואָרן אַ ביסל טומלדיק, האָט דער לערער גילינסקי פאַראָרדנט אַ „שוויַיג־באָד" און גלייך איז געוואָרן שטיל אין עס־צימער. פונקט אין דעם מאָמענט האָב איך געגעבן אַ נאָס און געמוזט גלייך פאַרלאָזן דעם טיש. דער לערער גילינסקי האָט געמיינט, אַז איך האָב געלאַכט. דאָס איז אַ קליינער עפּיזאָד. אָבער אַזוי פיל צייט איז שוין אַריבער און איך געדענק עס אַלץ.

איך דערמאָן זיך אויך, ווי גוט איך האָב זיך געפילט אין סאַנאַטאָריע ווינטער־צייט, ווי מיר פלעגן גיין נאָכן צווייטן פרישטיק אויף אַ שפּאַציר. אַ ביסל דורכגעפרוירן און אָפּגעפרישטע נאָכן שפּאַציר, האָבן מיר זיך געוואַשן די הענט און געגאַנגען עסן מיטאָג. נאָכן עסן, זענען מיר געגאַנגען רוען אויף דער טעראַסע, צוגעדעקט זיך מיט וואַרעמע קאָצן; דער לערער טראָופּיאַנסקי לייענט אונדז דערציילונגען און מיר הערן זיך צו, אָדער כאַפּן אַ גוטן דרימל אויף דער פרישער לופט. נאָך אָוונט־ברויט פאַר־זאַמלען מיר זיך אין קלוב־צימער. ס'איז געווען דאָרט וואַרעם, יעדער האָט זיך פאַר־בראַכט, ווי ער האָט געוואָלט: געלייענט, געלערנט זיך, געשפּילט אין פאַרשידענע שפּילערייען. מיר האָבן געהאַט פאַרשידענע פאָרשטעלונגען, כאָר, אָנגעפירט דורכן

אַ גרופּע קינדער מיט לערער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, 1928

פון רעכטס: ש. אַבראַמסאָן, ד"ר צעלינאַ ראָזענגאַרטן, לערער קאַגאַנאָוויטש (דער לעצטער לינקס), די לערערין מנוחה ראַבינאָוויטש־זאַלצמאַן (אין מיטן, מיטלסטע ריי). צווישן די קינדער: מאַרעק עדעלמאַן (דער ערשטער רעכטס, דריטע ריי), צעשע מאַקאַטאָוו, צירל ווייַנבערג, הייַנץ פּראַגער (דריטע ריי), אברהמל לודען (פערטער פון רעכטס, צווייטע ריי), זיאַמע שלעווין (פערטער פון לינקס, צווייטע ריי); אין דער ערשטער ריי זיצן: רחלע מענדעלסאָן, מיעטעק קאָרנבליט, ח. נירנבערג, יאָסל בערגנער (וולאַדעק ראַוויטש), יאָסל זיגעלבוים, ה. שוואַרץ א. אַ.

לערער טראָופּיאַנסקי מיט זיין קליינער קאָנצערטינע. ווי שיין האָבן מיר עס אויסגע־פירט: „טראַ־טראַ־טראַ און פּיטש־פּיטש־פּאַטש", „מיר שמידן" און אַנדערע פאָרשטע־לונגען.

מיר האָבן אַליין געשאַפן פּאַראַדיעס, וואָס האָבן געשילדערט מיט הומאָר דאָס לעבן אין דער סאַנאַטאָריע.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ פּאַראַדיע אויף צוויי הוסטערקעס (וואָס האָבן הויך גע־הוסט), וועגן דער איזאָלאַציע, און נאָך און נאָך. מיר האָבן אַלץ באַזונגען: די עלעק־טראָוניע, ווי מיטאָמאָל איז פינצטער געוואָרן און איידער די קינדער האָבן באַוויזן צו מאַכן אַ טומל, איז געוואָרן ליכטיק. אַלץ איז אונדז געווען טייער אין סאַנאַטאָריע, אַפילו דער גרויסער הונט נעראָ, וועלכער האָט שוין געהאַט רויטע אויגן פון אַלטקייט.

דאָס לעצטע מאָל בין איך געווען אין סאַנאַטאָריע אין יאָר 1928, נאָכן ענדיקן די שול. ווען איך בין אַהיימגעקומען, האָב איך זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז ווען איך וועל ווערן גרויס און וועל אָנהויבן אַרבעטן, וועל איך העלפן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, אין וואָס פאַר אַ זין האָב איך אַליין נישט געוווּסט. איך האָב געהאַט אַ פליכט, אַז איך מוז אויף אַ געוויסן אופן אָפּדאַנקען פאַר די גוטע יאָרן, וועלכע איך האָב דאָרט פאַרבראַכט, פאַר דער גוטער דערציִונג און ליבשאַפט פון די טייערע לערערס און פון ש. גילינסקי. ער פלעגט לערנען די קינדער ווי צו האַלטן זיך ביים טיש, נישט אויפשטיין פריער, ביז דער לערער פלעגט נישט זאָגן „אַ דאַנק", נישט קנאַקן קיין קערנדלעך און וואַרפן אויף דער ערד, און נאָך אַזעלכע באַמערקונגען, וואָס די קינדער האָבן גענומען אין אַכט.

אַ געוויסע צייט שפּעטער, נאָכן פאַרענדיקן די שול, האָב איך אָנגעהויבן צו אַרבעטן. איין מאָל האָב איך זיך דערוווּסט, אַז די ביוראָ פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וואָס האָט זיך געפונען אויף לעשנאָ 28, האָט אַרויסגעלאָזט קופּאָנען־„ציגעלעך" צו פאַרשפּרייטן, כדי צו שטיצן די סאַנאַטאָריע. איך בין גלייך אַרויף אין ביוראָ און גענומען אַ פּאָר ביכעלעך און אָנגעהויבן זיי פאַרקויפן, און ס'איז מיר געלונגען. נאָך יעדן ביכעלע, וואָס איך האָב פאַרקויפט, בין איך גלייך געלאָפן נעמען פרישע ביכעלעך, און וואָס מער איך האָב פאַרקויפט, אַלץ גליקלעכער בין איך געוואָרן. איך גלויב, אַז איך האָב געשלאָגן רעקאָרד.

גייענדיק אַמאָל אויף דער אָרלע גאַס, האָב איך געטראָפן דעם לערער גילינסקי. אין ענטפער אויף מיין „גוט מאָרגן" האָט ער הויך געפּאַטשט מיט די הענט זאָגנדיק: „בראַוואָ, בראַוואָ, ווידרעוויטש!" איך האָב זיך אַ ביסל פאַרשעמט, אָבער אין האַרצן בין איך געווען צופרידן, דאָס מיינט, אַז מיינע טרוימען הויבן זיך אָן צו פאַרווירקלעכן.

נאָך אַ גליקלעכער מאָמענט, וואָס איך האָב איבערגעלעבט: אין אַ געוויסן טאָג קלינגט דער טעלעפאָן ביי מיר אויף דער אַרבעט, און זלמן פרידריך לאָדט מיך איין אין קינאָ־סטודיאָ צו זען דעם פילם „מיר קומען אָן", וועלכער איז געוויזן געוואָרן נאָר פאַר איינגעלאַדענע חשובע געסט. איך האָב זיך אַריינגעגנבעט אין זאַל און געזעצט זיך אויף דער לעצטער באַנק, אַז קיינער זאָל מיך נישט באַמערקן. איך האָב זיך צעוויינט פון פרייד, ווען איך האָב געזען דעם שיינעם פילם. עס האָט זיך מיר פאָרגע־שטעלט, אַז איך געפין זיך ווידער אין מיין טייערער סאַנאַטאָריע.

יאָ, אַזאָ מעדעם־סאַנאַטאָריע, מיין איך, וועט שוין קיינמאָל נישט זיין.

כבוד פאַר די, וואָס האָבן זי געשאַפן און זענען שוין אַוועק פון אונדז, און אַ לויב־געזאַנג פאַר די, וועלכע גיבן אַרויס דאָס הייליקע בוך!

עס פרייט מיך זייער, וואָס איך קען אין דעם בוך זיך באַטייליקן מיט מיינע זכרונות.

נעכע ווידרעוויטש־טוכמאַכער

געענדיקט די יידישע פאָלקשול, קאַרמעליצקע 29 אין וואַרשע. דער פאָטער, אַ העברעישער לערער און אַ יידישער שרייבער. צוליבן שוואַכן געזונט אָפט פאַרברענגט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. נאָכן פאַרענדיקן די שול אויסגעלעבט זיך אין דער יידיש־וועלטלעכער סביבה. געזונגען אין כאָר אונטער דער לייטונג פון דיריגענט י. גלאַטשטיין, געאיבט אין דער ריטמיק־גרופע אין דער ספאָרט־געזעלשאַפט „מאָרגנשטערן", זומער־וואַקאַציעס פאַרברענגט אויף די קולטור־ליגע־קאָלאָניעס. אין 1957 זיך באַזעצט מיט איר מאַן, גראַדואַנט פון דער יידישער פאָלקשול, אין ישראל.

מ. אַליצקי

די מעדעם־סאַנאַטאָריע פון דער ווייטנס

ווען דער חשובער ח. ש. קאַזדאַן האָט מיך געבעטן, איך זאָל עפּעס אָנשרייבן וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, האָב איך גלייך אָפּגעזאָגט: ווי אַזוי? איך בין דאָרט קיינמאָל נישט געווען. איך האָב קיינעם נישט געקענט. דערצו האָב איך אַ מאָל געהאַט אַ פּאַר־דרוס: מיין ברודער האָט מיך געוואָלט שיקן אַהין אויף אַ פּאָר וואָכן אָפּרו, און מען האָט מיך נישט אָנגענומען. אַ קליינינקייט, וואָס איך געדענק צענדליקער יאָרן.

טאַקע דער קליינער עפּיזאָד האָט מיך געבראַכט דערצו, איך זאָל וועגן דעם טראַכטן, איך זאָל זיך דערמאָנען נאָך עטלעכע קליינע זאַכן פון מיינע קינדער־יאָרן. אין מיין עלטער טראַכט מען דאָך שוין זייער אָפט פונעם אַמאָל, וואָס שיינט אַצינד פון מרחקים מיט אַן אויסטערלישער שיין.

איך בין טאַקע אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע קיינמאָל נישט געווען, אָבער זי איז עטלעכע שיינע יאָר געווען אין מיר — אין מיינע געדאַנקען. זי איז געווען איינער פון מיינע שיינע חלומות, וואָס איך האָב געחלומט זייענדיק אַ תלמיד אין דער יידישער שול. איך האָב זי געחלומט אין איינזאַמקייט אויף דער פּאַרנאַכטיקער באַנק ביי דער שול און אויף די שפּאַצירן מיט די חברים־יינגלעך, ווען מיר פלעגן אין די לאַנגע זומער־טעג גיין לייענען „אונטער די ביימער״. די שיינע חלומות מיינע זענען געווען: פאָרן אויף אַ זומער קיין מיעדזעשין אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און פאָרן קיין ווילנע זיך לערנען אין יידישן לערער־סעמינאַר. קיין איינע פון זיי איז נישט מקוים געוואָרן.

הייס און לאַנג זענען געווען די טעג פון זומער אינעם קליינעם שטעטל. לענגער פון אַלע טעג איז געווען דער שבת. דער מאַרק איז שטיל און ליידיק. די קלייטן זענען פאַרמאַכט. אויפן שאָסיי איז שטיל. קיין גוייִשע פורן פאָרן נישט. די ניי־מאַשין ביי יאַנקל קירזשנער אין פענצטער קלאַפּט נישט. שלמה קאָוואַלס קוזשניע שוויגט מיט פאַרמאַכטע טירן. דער יונגער עולם זאַמלט זיך אַרום דער שול. באַלד דאַרף דער בריוו־טרעגער קומען מיט דער „פאָלקסצייטונג״. מיר, עטלעכע יינגלעך, עלטערע תלמידים פון שול, וואַרטן אויך אויפן בריוו־טרעגער — עס דאַרף אויך אָנקומען די „קליינע פאָלקסצייטונג״. דאָס וואַרטן שבת ביי דער שול אויף דער פּאָסט, איז געוואָרן אַ טייל פונעם שבתדיקן טאָג ביי דעם יונגוואַרג, וואָס קומט צו דער שול, אויך ביי אונדז קינדער. ווען נחום, ער איז דער קאַסירער, האָט שוין אין האַנט דאָס פּעקל מיט צייטונגען, צעטיילט ער זיי און מיר נעמען גלייך לייענען: וואָס הערט זיך אין מעדעם־סאַנאַטאָריע? יעדער פון אונדז איז פאַראינטערעסירט אין עפּעס אַנדערש: איינער וויל

וויסן, וואָס די קראַליקלעך מאַכן, אַ צווייטער האָט ליב צו לייענען וועגן אויספלוגן, אהרן וויל וויסן צי זיי האָבן אויך טויבן. אויף אַ זיצונג פון דער קינדער־פאַרוואַלטונג האָט ער אַפילו פאַרגעלייגט, אַז מען זאָל שיקן אַ מתנה פאַר דער סאַנאַטאָריע: עטלעכע פּאָרן טויבן. מיר האָבן זיי אַ סך. טאַקע אהרן האָט אויפן דאַך פון שול געמאַכט אַ טויבנשלאַק און ער גיט אויף זיי אַכטונג. אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי מען טוט עס.

אויך די עלטערע זעצן זיך לייענען די ברייטע זייטן פון דער צייטונג. מען זיצט אויף דער באַנק, אויף די קלעצער, אויפן פּלויט. מען זיצט צו צוויי און צו דריי שותפים צו די עטלעכע גראָשן, וואָס די צייטונג קאָסט. באַלד הויבט מען אויך אָן צו רעדן. עס הויבן זיך אָן דיסקוסיעס. פריער געלאַסן, אָן ענטפער אויף אַ פראַגע, אַ פראַגע צו אַן ענטפער. ביז מען הויבט זיך אָן אַמפּערן, קאָכן, מאַכן מיט די הענט און דערביי ווערן די קולות הייסער און שאַרפער. איך ווייס, אַז דאָס אַמפּערן זיך די חברים פון „בונד״ — די „איינסער״ מיט די „צווייטער״.

איך האָב נישט קיין צו גרויסן אינטערעס צו זייערע אַמפּערנישן. איך ווייס אויך, אַז איך בין נאָך צו יונג דאָס צו באַנעמען, כאָטש מיין גוטער חבר נחום דערקלערט מיר אָפט, אַז ער איז אַ „צווייער״ — ער דאַרף די רעוואָלוציע זאָל גלייך קומען.

איך גיי שטילערהייט אַוועק — די צייטונג אין האַנט — מיטן פּלויט, אַראָפּ צום גערטנדל, ווו עס ליגט אַ קלעצל אונטערן פלוימענביימל. דאָ איז שטיל, גרין און זייער הייס. דער הימל איז לויטער בלוי, די זון סאַמע גאָלד. איך מאַך צו די אויגן און וויל זען ווי עס זעט איצט אויס אין מיעדזעשין, אין דער סאַנאַטאָריע. איך זע ווייסע הייזעלעך,ביימער, אַ וואַסער, קינדער טאַנצן אין רעדלעך, זינגען, לויפן דערנאָך צו די טישן. איך זע קראַליקלעך, שטייגן מיט קאָלירטע פייגעלעך, הינער, הענער. אין דער הויך אַ לויטערער בלויער הימל און אַ זון פון גאָלד.

ווען איך עפן צוריק די אויגן הענגט נאָך אַלץ דער בלויער הימל און אין אים — אַ הייסע זון. די ווייסע הייזער, די קראַליקלעך זענען נישטאָ. לעבן מיר שטייט הערשל, מיין שותף צו דער „קליינער פאָלקסצייטונג״ — „האָסט שוין אַלץ איבערגעלייענט? — גיב זי מיר״. איך דערמאָן זיך, אַז כ׳האָב אין צייטונג נאָך נישט אַריינגעקוקט. מיר זעצן זיךביידע לייענען.

ריווע בערנשטיין

אַ יונגע, מיט אַ קיילעכדיק פּנים און ראָזע באַקן, אַ פּאָר בלויע קלוגע אויגן און אַ דיקן לאַנגן, בלאָנד־פלאַקסענעם צאָפּ ביז דער טאַליע, האָט ריווע בערנשטיין דאָס ערשטע מאָל אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ „שיקסע". נאָר דאָס בלאַנק־ווייסע פאַרטעך, וואָס זי האָט געטראָגן און די אויסגעשטרעקטע הענטלעך פון די קינדער, וועלכע האָבן זיך געקלאַמערט אַרום איר מיט ליבשאַפט, האָבן עדות געזאָגט, אַז זי איז די הויפּט־סאַניטאַרין פון דער „מעדעם־סאַנאַטאָריע". און הגם זי איז געווען אַ סאַניטאַרין, האָבן אַלע קינדער זי גערופן „לערערין".

„לערערין" דערפאַר, ווייל זי איז אויך געווען אַ דערציערין, אַ לערערין — זי האָט אַ סך יידישע קינדער אויסגעלערנט די עלעמענטאַרסטע היגיענע אין וועלכער זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום אַנונג. דאָס וואָס זי האָט זיי אויסגעלערנט האָט קיינער נישט פאַרגעסן.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ קאַלטער יאַנואַר־טאָג פון 1928. אַ מוטער, וואָס איז געקומען באַזוכן איר קינד אין סאַנאַטאָריע, איז אַרומגעלאָפן און געשריגן: „ווו איז זי, ווו איז זי, די גויע?" און ווען זי האָט דערזען די לערערין ריווע, איז זי איר באַפאַלן: „איר וועט דאָך מיין קינד קראַנק מאַכן! געהערט? ווער וואַשט עס קינדער יעדן טאָג מיט קאַלט וואַסער אין אַזאַ פראָסט?"

אַ סך יידישע עלטערן האָבן זיך געוואונדערט, ווען זייערע קינדער האָבן זיך אומגעקערט אַהיים און ווייטער פאַרגעזעצט, וואָס די סאַניטאַרין בערנשטיין האָט זיי געלערנט: וואַשן זיך יעדן טאָג אין דער פרי און אין אָוונט מיט קאַלט וואַסער, באָדן זיך צוויי מאָל אַ וואָך, שלאָפן ביי אַן אָפן פענצטער און נאָך פיל אַנדערע היגיענישע כללים.

ריווע איז געווען אַ שטרענגע, אָבער אַ געטרייע מאַמע פאַר די קינדער. צוערשט האָבן זיי אַ ביסל מורא געהאַט פאַר איר, אָבער דערנאָך האָבן זיי זיך איבערצייגט, אַז די לערערין בערנשטיין פאָדערט נאָר זייער טובה און זיי האָבן זיך צוגעהערט צו איר וואָרט און זי ליב געהאַט.

נישט נאָר מיטן יידישן קינד איז געווען פאַרבונדן ריוועס גורל. זי האָט שפּעטער אויך פאַרבונדן איר גורל מיטן... ים. מיט די יידישע וואַנדערער אויפן ים.

נאָך לאַנגע יאָרן אַרבעטן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, איז זי אַנגעקומען אַרבעטן אַלס קראַנקן־שוועסטער אויף די שיפן פון אַ האָלענדישער שיפס־געזעלשאַפט, וועלכע האָט איבערגעפירט צענדליקער טויזנטער אויסוואַנדערער, לרוב יידן, מעבר לים. 60 מאָל איז זי אַלס סאָציאַלע שוועסטער דורכגעשווומען צוזאַמען מיט די עמיגראַנטן דעם עקוואַטאָר אויף אירע רייזעס פון פוילן קיין דרום־אַמעריקע. פינף יאָר צייט האָט זי נאָך דעם — ביז האַרט פאָרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — געאַרבעט אויף דער שיף „פּאָלאָניאַ", וועלכע איז געשווומען אויף דער ליניע קאָנסטאַנץ—חיפה, און האָט באַגלייט טויזנטער עולים און חלוצים קיין ארץ־ישראל, דערטיילנדיק זיי מוטער־לעכע הילף. 52 מאָל האָט זי אין אָט דער תקופה באַזוכט ארץ־ישראל.

*

די צווייטע וועלט־מלחמה טרעפט ריוועז אין נאַצי־אָקופּירטן וואַרשע. זי ווייסט איר אויפגאַבע. טאָג און נאַכט אַרבעט זי ביים דערטיילן הילף דער יידישער באַפעלקערונג אין אָט די שרעקלעכע באַדינגונגען. אַדאַנק דער אינטערווענץ פון דער סוכנות באַקומט זי צוזאַמען מיט אַ ריי ציוניסטישע עסקנים אַ סערטיפיקאַט קיין ארץ־ישראל און דאָ שטעלט זי זיך אין דינסט פון קופּת־חולים (קראַנקן־קאַסע). זי אַרבעט אין אַ ריי ישובים פון לאַנד און צום סוף קומט זי צוריק צום ים — אַלס קראַנקן־שוועסטער אין פּאָרט פון יפו.

אומעטום האָט די טאָכטער פון קרעמעניץ אַרויסגעוויזן איר מוטערלעכע זאָרג און איבערגעגעבנקייט צום יידישן קינד, צו דער יידישער מוטער און צום אַרבעטער. אין אונדזערע אָפּטע באַגעגענישן אין תל־אביב, האָט זי אויסגעדריקט איר צופרידנקייט פון איר אַרבעט אין ישראל. אונדזערע שמועסן פלעגן זיך נאַטירלעך אָפּט פירן אויף דער טעמע : מעדעם־סאַנאַטאָריע.

*

אַ שווערע, אומהיילבאַרע קראַנקייט האָט אַ סוף געמאַכט צו איר אַרבעטזאַמען לעבן. אין חודש סעפּטעמבער 1959 האָט איר האַרץ אויפגעהערט קלאַפּן אין „ביילינסאָן"־שפּיטאָל אין פּתח־תקוה.

בינה אַלטערמאַן־שטיינבערג

שאַשקע פליגעל־ערליך

מיינע זכרונות פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

נישט אַלץ, וואָס איז געווען געדענקט מען, נישט אַלץ, וואָס מען געדענקט, אָדער וואָס מען טראַכט ביים געדענקען, לאָזט זיך אָנטאָן אין פאַרשריבענע ווערטער פאַר אַלעמען צום לייענען. זענען דעריבער פאַרשריבענע זכרונות טאָפּל סעלעקטיוו: מיר זענען נישט אַלע מאָל בכוח צוריקצורופן אין זכרון דאָס אַוועקגעגאַנגענע; נישט אַלץ, וואָס איז אונדז שוין יאָ געראָטן צוריקצורופן זעט אונדז אויס צו האָבן געגוג האָפט פאַר היינט.

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז דאָך געווען ערב היטלער, ערב חורבן פון יידישער מזרח־אייראָפּע, ערב טאָטאַלן אונטערגאַנג פון אַ דור מיט אַ גראַנדיעזן חלום וועגן דער יושרדיקסטער פון אַלע וועלטן. וואָס ווערט פון חלומות, ווען זייערע טרעגערס ווערן פאַרשניטן? צי גייען חלומות איבער בירושה? ווו זענען די בעלנים אויף צו ירשענען יענע חלומות? אָן אַ שיִער פּרעגצייכנס שטעלן זיך אין וועג און לאָזן נישט אויספּורעמען קיין כראָנאָלאָגיש גלאַטיקע מעשה שהיה.

„אַ קינד פון מעדעם־סאַנאַטאָריע” איז געווען אַ טיטל וואָס מען האָט געקריגן, אַז מען איז אָפּגעווען אין סאַנאַטאָריע אַ חודש צי מער. מען איז דעמאָלט געוואָרן אַ גראַדואַנט פון אַן אויסטערלישער שול, וואָס איז געווען האַלב חלום האַלב וואָר. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווו פּראָפילאַקטישע מעדיצין האָט פאַרהיט יידישע אַרבעטער־קינדער פון טובערקולאָז, האָבן זיך צונויפגעשפּונען דער קאָלעקטיווער חלום פון „בונד” מיט די אינדיווידועלע חלומות פון אידעאַליסטישע דאָקטוירים און פּעדאַגאָגן, און פון דעם איז געבוירן געוואָרן אַ זיכערע ראיה, אַז אויב מען וויל זייער שטאַרק, קען די וועלט זיין טאָקע שיין.

*

קיינער האָט נישט געדענקט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אָבער די קראַנקן־שוועס־טערס האָט מען אין סאַנאַטאָריע גערופן „לערערינס”: „לערערין בערנשטיין”, „לערע־רין דאַנציס”; דער טראָפּ איז געווען נישט אויף קראַנק זיין, נאָר אויף פּעדאַגאָגיק. אָט האָט אַפילו די לערערין וויטשיק, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פּלאַנירן די מאָלצייטן, גלייכצייטיק אַריינגעפירט נייע ווערטער אין דער סאַנאַטאָריע־שפּראַך: וויטאַמינען, פּאָמידאָרן, שפּינאַט, קאַלאַפיאָר, פאַרנאַכט־עסן. מען האָט ביי איר געמוזט וויסן וואָס מען עסט.

★

ווי הויך איז דער לערער טראָופּיאַנסקי? די קינדער מיינען, אַז ער איז דער העכסטער. זיין שוואַרצע טשופּרינע טורעמט איבער די קינדערשע קעפּלעך, און פונעם טונקעלן פּנים זיינעם לייכטן צו זיי אַראָפּ צוויי שוואַרצע שמייכלענדיקע אויגן און צוויי שורות ווייסע פינקלענדיקע ציין. צעלאַכט ער זיך אויף אַ קול, קלינגט דאָס געלעכטער מיט אַ פאַרבעטונג צו שטיפעריי, צו שפּילן זיך אין יאַגעלעך, אין כאַפּערלעך, אָדער אין הוידען זיך אויף אַ צווייג פון אַ סאָסנע מיט איין האַנט צי מיטביידע. אַ מאָל טרעפט, אַז טראָופּיאַנסקי הייבט אָן גלאַט אַזוי שטעלן גיכע טריט, הייבן אָן די קינדער אים נאָכלויפן; גיט ער זיך פּלוצלונג אַ שטעל אָפּ, נעמען די פאַנאַנדערגעלאָפענע קינדער פאַלן איינס אויפן אַנדערן און ס׳ווערט אַ לאַכעדיקער קוויטשעדיקער כאָר.

טראָופּיאַנסקין זעט מען אָפט מיט זיין קאָנצערטינע אין האַנט. אַ מאָל שטייט זי נעבן אים אויפן טיש אין עס־צימער בעת אַ מאָלצייט. דאָס מיינט, אַז מען וועט באַלד זינגען. אין קעשענע ליגט ביי אים אַלע מאָל אַ פייפל, וואָס די קינדער האָבן אַ נאָמען געגעבן דאָ, ווייל נאָך יעדן פייף זינגט דער לערער: דאָ־אָ־אָ!

טראָופּיאַנסקי איז אַ ווילנער. ער האָט געענדיקט דעם ווילנער לערער־סעמינאַר; ער איז אַ בונדיסט פון דעם יונגן דור פון צווישן ביידע וועלט־מלחמות אין פּוילן. אין מעדעם־סאַנאַטאָריע שטעלט ער זיינע ערשטע לערערשע טריט, אָבער זיין גאַנג איז שוין אַ פעסטער: ער איז אַ לערער פון געזאַנג. אַלץ הייסט אַ לערער פון געזאַנג! ער איז אַ קאָמפּאָזיטאָר, ער איז דורך און דורך מוזיק. די קינדער האָבן אַפילו געהערט, אַז דער לערער טראָופּיאַנסקי האָט „געשאַפן אַן אָפּערע". מען האָט אָפט געזונגען שטיקלעך פון זיין מוזיק צו מ. ווײַנרייכס פּורים־שפּיל מכירת־יוסף, וואָס דער ווילנער לערער־סעמינאַר האָט אַזוי גערעטן אויפגעפירט. אָבער זיי האָבן דאָך אַליין געפילט דעם קינסטלער אין אים און דערפאַר האָבן זיי זיך צו אים אַזוי געקלעפּט. מאַני לייב האָט אָנגעשריבן אַ ווינטער־מעשהלע אין פערזן, וואָס מען האָט געלערנט אין די יידישע שולן, אָבער מען האָט געדאַרפט הערן ווי טראָופּיאַנסקי זינגט פאַר די קינדער „בלימעלעך, קרענצעלעך מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט", כדי צו וויסן, אַז מוזיק קאָן פאַרכישופן ווערטער.

טראָופּיאַנסקי פלעגט שפּילן מיט די קינדער אַ שפּיל אין גרינס. די מעלה פון דער שפּיל איז געווען, וואָס מען האָט זי געקענט שפּילן וואָכן נאָך אַנאַנד. עטלעכע אירע (די צאָל איז נישט באַגרענעצט) מאַכן אָפּ צווישן זיך, אַז זיי וועלן שטענדיק האָבן ביי זיך עפּעס אַ סימן גרינס: אַ בלעטל, אַ גרעזל, אַ שטענגל, אַ גרינעם עפּל, אַ גרינעם וויינטרויב, וואָס עס זאָל נישט זיין, אַבי גרין. יינגלעך פלעגן זייער גרינס האַלטן אין קעשענע, מיידלעך האָבן אָפט געמוזט צושפּיליען דאָס גרינס מיט אַ שפּילקע צום קליידל, אָדער אויב מען האָט געהאַט צעפּלעך, האָט מען עס אַריינגעפלאָכטן אין צעפּל. מען איז טאַקע געווען כסדר אַרומגערינגלט מיט גרינס, אָבער מען האָט נישט אַלע מאָל געדענקט צו האָבן עס ביי זיך. איז גאַרנישט אַזוי שווער געווען צו פאַרשפּילן. אָבער צום שווערסטן איז געווען צו כאַפּן אָן גרינס דעם לערער טראָופּיאַנסקי, ווייל ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען מיט אַ גרעזל, אָדער אַ בלעטל אין מויל. איין מאָל האָבן עטלעכע קינדער זיך צונויפגערעדט אָפּצוּוואַרטן אים ביים טויער פון דער

סאַנאַטאָריע, ווען ער האָט געדאַרפט צוריקקומען אַ שטאָטיש־אויסגעפּוצטער פון וואַרשע. דעמאָלט ווערט ער זיכער האָבן פאַרגעסן אָנעם גרינס. דערזעט טראָופּיאַנסקי פון דער ווייטנס, אַז חברה שטייט ביים טויער, האָט ער אַ שפּרונג געטאָן אין דער הייך, האָט מיט די ציין אָפּגעריסן אַ פּאָר גרינע נאָדלען פון דעם נאָענטסטן סאָסנע־בוים און עס געהאַלטן אין מויל. ווען ער איז צוגעקומען צום טויער, האָבן די קינדער אויסגערופן: גרינס! האָט דער לערער געעפנט דאָס מויל און געוויזן אַ פולן מויל גרינע נאָדלען. האָט אָבער אַ קליין ייִנגעלע געפרעגט: „פאַר וואָס האָט דער לערער געגעבן אַ שפּרונג צום בוים״? „ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין גרינס״, האָט דער לערער געענטפערט. און די קינדער האָבן געוווּנען.

✶

אין סאַנאַטאָריע טומלט זיך היינט. שלום אַש איז געקומען צו גאַסט. אין קליניקייט, שלום אַש! מיט אים איז מיטגעקומען אַ גרופּע שרייבערס און זשורנאַליסטן פון וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין. די קינדער מאַכן אַ גרויסע ראָד און נעמען אַריין אַלע שרייבערס אין מיטן. די פרייד איז גרויס. איין קינד באַגריסט די שרייבערס, אָבער באַזונדער שלום אַשן, דעם „פאַרשטייער פון דער ייִדישער ליטעראַטור״. שטייט שלום אַש, אַזאַ ריז אין אַ שוואַרצער פּעלערינע, און קוקט אַריבער אַלץ און אַלעמען. ער זאָגט עפּעס, אָבער אַזוי שטיל, אַז מען הערט קוים. שפּעטער האָט ער אַריינגעשריבן אין דעם גאַסטבוך אַ לויב „...פאַר די ייִנגלעך און מיידלעך, וואָס בויען די מעדעם־סאַנאַטאָריע...״ וועמען האָט דאָ שלום אַש געהאַט אין זינען? די קינדער, די לערער? איז געבליבן אַ קשיא.

✶

משה נאַדיר איז געקומען פאַרברענגען אַ טאָג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. גייט צו צו אים אַ קינד און הייסט אים זאָגן: „גיב מיר״. זאָגט ער: „גיב מיר״. גיט אים דאָס קינד אַ פּאַטש איבערן האַנט און זאָגט: „נאַ דיר״. איז משה נאַדיר געבליבן שטיין מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט און געזאָגט: „זע נאָר ווי זיי האָבן געכאַפּט מיין סטיל. כ׳בין מיך אַזש אַליין מקנא״.

✶

ווען משה נאַדיר איז מיטאָג־צייט געזעסן אין עס־צימער ביים טיש מיט די קינדער, האָט ער זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דעם ווי דער לערער שלמה גילינסקי פירט טיש. צווישן איין מאכל און אַ צווייטן האָט דער לערער גילינסקי געהאַלטן איינע פון זיינע באַרימטע רעדעס צו די קינדער. דער ענין איז אַ האַרבער: ווער זאָל אויף זיך נעמען די נישט־אָנגענעמע אַמטן? אויף דער אַלגעמיינער קינדער־פאַרזאַמלונג ווילט מען אַ פאַרזיצער, אַ סעקרעטאַר, אָבער אויף אַן אַמט דאַרף מען זיך אַליין פאַרלייגן. מען דאַרף טאָן די אַרבעט פרייוויליק. פאַר טייל אַמטן, למשל, ביבליאָטעקאַר, איינלייגן די דעקעס פון די ליג־בעטלעך אויף דער וועראַנדע, פאַנאַנדערטיילן די טערמאָמעטערס און פאַרשרייבן די היץ, זענען אַלע מאָל פאַראַן אַ סך קאַנדידאַטן.

אָבער קײנער הײבט נישט אױף די האַנט און זאָגט נישט: איך װיל זײן אַן אױפזעער איבער די נאַכט־טעפּלעך. מיר האָבן אין סאַנאַטאָריע קלײנע קינדער און מיר מוזן האָבן די נאַכט־טעפּלעך פאַר זײ. װער זשע זאָל אױף זײ אַכטונג געבן? קײן אָנגענעמער אַמט איז דאָס טאַקע נישט, אָבער עמעצער מוז דאָך דאָס טאָן. בײ אונדז צװינגט מען קײנעם נישט צו נעמען װאָסער נישט איז אַמט. בלײבט נישט קײן אַנדער ברירה, נאָר אַז די אינטעליגענטסטע קינדער, װאָס פאַרשטײען װי װיכטיק דער אַמט איז פאַר אונדז אַלעמען, זאָלן פרײװיליק זיך פאַרלײגן צו דער שװערסטער, נישט־אָנגענעמסטער אַרבעט. משה נאַדיר האָט אין זײן קלײנינקן נאָטיצביכל פאַרשריבן: נאַכט־טעפּלעך — זײער אַן אינטעליגענטער אַמט.

✶

אין קלוב־צימער אױף דער װאַנט איז געהאָנגען אַ גרױסע צײכענונג: אַ שטאַרק פאַרצװײגטער בױם מיט אױפשריפטן אױפן שטאַם און אױף די באַזונדערע צװײגן. דאָס איז געװען דער סימבאָל פון דער סאַמע דעמאָקראַטישסטער רעפּובליק, די קינדערשע אַלײן־פאַרװאַלטונג. די העכסטע אױטאָריטעט איז געװען די אַלגעמײנע קינדער־פאַרזאַמלונג. אַט דער בױם איז געװען אַ טײל פון שלמה גילינסקיס חלום. ער פלעגט כסדר טענהן: די קינדער װעלן אונדז אױסלערנען װי אױפצובױען אַ יושרדיקע װעלט.

✶

הײנט איז ערב יום־כיפּור. דער לערער גילינסקי איז הײנט געקומען פון װאַרשע און ער װעט שױן דאָ בלײבן נעכטיקן. מאָרגן איז דער װאַרשעװער סעקרעטאַריאַט פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געשלאָסן, װעט שױן דער לערער פאַרברענגען דעם טאָג אין סאַנאַטאָריע. צום אָװנט־ברױט האָט מען הײנט סערװירט װאַרשעװעריש געהאַקטע קאַרפּ (געפּעפּערט און געצוקערט) מיט קלוסקעלעך באַגאָסן מיט פיש־יױך. אין עס־צימער איז נישט אַזױ ליכטיק װי געװײנטלעך בײם אָװנט־ברױט. נישט אַלע לאָמפּן האָט מען אָנגעצונדן. דער לערער ש. גילינסקי רעדט צו די קינדער װעגן דעם, װי מען פּראַװעט יום־כיפּור אין פאַרשידענע הײמען; אַ קינד לײענט יהואש׳ס אַ יום־כיפּור מעשהלע. אין עס־צימער איז זײער שטיל, די שטימונג האַלב פײער־לעך, האַלב שרעקעװדיק, אָבער מודה זײן זיך, אַז מען איז איבערגענומען, פּאַסט נישט. די עלטערע קינדער האָבן אױף צו מאָרגנס געהאַט טענות צום לערער: די סאַנאַטאָריע איז אַ װעלטלעכע אינסטיטוציע, צו װאָס איבערשרעקן די קלײנע קינדער? דער אמת איז, אַז קלײנװאַרג האָט תיכף אָנגעהױבן שטיפן װי קײן מאָל גאָרנישט, איבערגענומען האָבן זיך גראָד די „װעלטלעכע״ עלטערע קינדער. דער לערער גילינסקי האָט זיך פאַר זײ פאַרענטפערט: כדי צו קענען זאָגן נײן, דאַרף מען פריער גוט פאַרשטײן דעם יאָ. די דיסקוסיע אַרום רעליגיע, װעלטלעכקײט, דערציִונג, דערװאַקסענע, קינדער — האָט מען געמוזט איבערײַסן אין מיטן, אױפן האַלב װעג צו דער באַן־סטאַציע אין מיעדזעשין. נאָר ביזן האַלבן װעג האָבן די עלטערע קינדער געמעגט באַגלײטן דעם לערער. זײ האָבן זיך נישט געטאָרט צו פיל פאַרמאַטערן מיט גײן.

★

אין 1926 איז נאָך אין מעדעם־סאַנאַטאָריע קיין עלעקטריע נישט געווען. אין עס־צימער האָבן געברענט הענג־לאָמפּן. אין די שלאָף־צימערן פלעגט מען זיך אויסטאָן ביים שיין פון אַ ליכטל. דאָס לייכטערל מיטן אָנגעצונדענעם ליכט האָט מען געדאַרפט היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ: ביידע בנינים פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע זענען געווען הילצערנע. האָט מען אויף גיך געדאַרפט זיך אויסבעטן, אויסטאָן זיך, אָנטאָן דאָס נאַכט־העמד און תיכף אַרונטערקריכן אונטער דער קאָלדרע. די לערערס זענען דערנאָך אַרומגעגאַנגען פון צימער צו צימער צו צונויפנעמען די ליכט, געזען די פענצטערס זאָלן זיין אָפן אויף ביי נאַכט און געזאָגט אַלעמען „אַ גוטע נאַכט". מען איז געשלאָפן צו צוויי, צו דריי אין אַ צימער. די קליינינקע פלעגן באַלד איינשלאָפן, די עלטערע אַ ביסל שפּעטער. פריער האָט מען נאָך איינס מיטן אַנדערן געפירט אַ שעפּטשעדיקן שמועס ביז מען איז מיד געוואָרן און נישט־ווילנדיק פאַרט איינגעשלאָפן. האָט אַ מאָל געטראָפן, אַז אין איין צימער, וווּ קיין קליינע קינדער זענען נישט געשלאָפן, זענען צוויי עלטערע קינדער געפאַלן אויף אַ נישט־כשרן פּלאַן: לייענען אַ בוך פאַרן איינשלאָפן. אין דער סאַנאַטאָריע־ביבליאָטעק האָט זיך גראָד באַוויזן ראָמען ראָלאַנס זשאַן קריסטאָף, אין עקזעמפּלאַר בסך־הכל און לייענערס אַ סך מער. אין סאַנאַטאָריע האָט מען קיין זאַך נישט פאַרשלאָסן, האָבן די עלטערע קינדער פּשוט גענומען ביי טאָג פון אַן אָפענעם צימער אַרויס: אַ לייכטער, אַ ליכט און שוועבעלעך. ביי נאַכט, נאָך דעם ווי די לערערס האָבן געזאָגט „אַ גוטע נאַכט", האָט מען אין צימער ווידער אָנגעצונדן אַ ליכט, געשטעלט דאָס אויף דער ערד, מען זאָל פון דרויסן נישט זען קיין באַלויכטענעם פענצטער און מען האָט געלייענט. דעם אמתן טעם פון לייענען זשאַן קריסטאָף האָט מען ערשט דערפילט, ווען מען איז געלעגן אויפן בויך האַלב־אַרויסגעהאָנגען פון בעט און געהאַלטן דאָס בוך געגנוג נידעריק, אַז דער שיין פונעם אָנגעצונדן ליכטל זאָל פאַלן פונקט אויף די שורות, וואָס מען האַלט אין לייענען. דער תענוג האָט געדויערט עטלעכע נעכט בסך־הכל. ווידער האָט דער לערער גילינסקי געהאַלטן איינע פון זיינע רעדעס צו די קינדער. ער האָט גערעדט גלאַט אַזוי, וועגן ייִנגערע קינדער און עלטערע קינדער און וועגן דעם, אַז די עלטערע קינדער דאַרפן זיין אַ מוסטער פאַר די קלענערע, זיי דאַרפן וויזן די קלענערע קינדער, וואָס עס מיינט זיין אַ פאַראַנטוואָרטלעכער סאַנאַטאָריסט. אַן עלטער קינד דאַרף אויפקלערן די קלענערע, למשל, פאַר וואָס די לערערס גייען אַליין אַרום איבער די צימערן און לעשן ביי נאַכט אויס די ליכט, פאַר וואָס ס'איז נאָך ביי אונדז נישטאָ קיין אָמט פאַר לעשן ליכט. מער האָט מען שוין ביי נאַכט נישט געלייענט.

★

אין סאַנאַטאָריע זענען געוואַקסן בלומען. אינעם טרוקענעם סאָסנע־וואַלד, ווו די סאַנאַטאָריע איז געשטאַנען, זענען געוואַקסן גאַנץ ווייניק פעלד־בלומען, האָט מען אין סאַנאַטאָריע פאַרזעצט אַ בלומען־גאָרטן. עס זענען דאָרט געוואַקסן נאַסטורציעס, חנהלעס אייגעלעך, געאָרגיניעס, אַסטרעס — און אַלץ פון פאַרשידענע קאָלירן. קיינער האָט אַזוי נישט אָנגעקוואָלן פון די בלומען ווי דער לערער גילינסקי. אַז ער פלעגט זיך אַראָפּכאַפּן אויף אַ טאָג אין סאַנאַטאָריע, האָט ער פונקט אַזוי געוואָלט וויסן, וואָס

עס מאַכן די בלומען ווי וואָס עס מאַכן די קינדער. איין מאָל אין אַן אינדערפרי, ווען דער לערער גילינסקי האָט געגעקטיקט אין סאַנאַטאָריע, האָט אַ ייִנגעלע אָנגע־קלאַפּט אין זיין צימער און מיט אַ ציטערדיק קול געלאָזט וויסן: „לערער גילינסקי, מען האָט אויסגעריסן אַלע בלומען, קיין איין בלום איז נישט געבליבן". ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און אויף דער ווערענדע האָט זיך באַוויזן דער לערער גילינסקי מיט א צעשויבערטן קאָפּ האָר, אַן ברילן אויף די זייער קורצזיכטיקע אויגן, אַ צעשראָקענער. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט עפּעס צו פרעגן, האָט אַ צעשמייכלטער שטיפער זיך מודה געווען: „כ'האָב געמאַכט אַ שפּאַס". צעלאַכט זיך דער לערער, צעפּאַטלט ביים חברה־מאַן די האָר אויפן קאָפּ און זאָגט: „אַוודאי אַ שפּאַס. ווער וועט דאָס וועלן, אַז די סאַנאַטאָריע זאָל בלייבן אָן בלומען"?

ש. גילינסקי האָט מיט די בלומען נאָר געמאַכט אַן אָנהייב. שפּעטער איז אין מעדעם־סאַנאַטאָריע אָנגעקומען אַרבעטן דער לערער ביבער, דער ביאָלאָג, וואָס האָט איינגעפירט גאָר אויסטערלישע זאַכן: אַ טויבנשלאַק מיט טויבן, שטייגן מיט קראָליקעס און הינער, און אַפילו אַן אינקובאַטאָר אויף אויסצוברי־ען הינדעלעך. צי קען זיך עמעצער פאָרשטעלן אַ מער גליקלעך ייִנגל ווי אַ ייִנגל אַן אויפזעער איבער טויבן? דערקענען פייגל לויט זייער צוויטשער איז געוואָרן אַן ענין פאַר קינדער וויסנשאַפט־לערס און קינדער פּאָעטן צו גלייך. מען האָט זיך געיאָגט נאָך אַ פויגל, וואָס האָט געצוויטשערט זי־זי־ביי און מען האָט אים טאַקע גערופן זיזיביי. דעם לערער גילינסקין איז פון דעם אַלעמען צוגעקומען אַ שטיק געזונט. די חברים זיינע פלעגן זאָגן: דאָס איז שלמה גילינסקיס טעריטאָריאַליזם, וואָס ער האָט אַריבערגעשמוגלט פון דער עסעס־פּאַרטיי אין „בונד" אַריין. די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז זיין טעריטאָריע.

שלמה גילינסקי האָט געשטמט פאַר אַן אויסערגעוויינטלעך טאַלאַנטירטן לערער. פון די צייטן, ווען ער האָט אין פאָלקשול געלערנט אַריטמעטיק און קולטור־געשיכטע, זענען אַרומגעגאַנגען לעגענדעס. זיינע געוועזענע תלמידים פלעגן דערציילן, אַז דעם לערער גילינסקיס אַ לעקציע איז געווען ווי אַ פאַנטאַסטישע נסיעה אין וויטע לענדער אַריין. אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט שלמה גילינסקי אויסגעפּרוווט זיינע פּעדאַ־גאָגישע טעאָריעס, אָבער ער האָט זיך אויך אַליין אידענטיפיצירט מיט די קינדער פון דער ייִדישער אָרעמקייט, וואָס האָבן געבענקט נאָך שיינקייט.

מען האָט געהאַט גרויסע טענות צו שלמה גילינסקין אויך:

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז אַן אומרעאַלע וועלט. זי איז צו וויט פון די קינדערשע היימען. די סאַנאַטאָריע פרעמדט אָפּ דאָס קינד פון זיין היים. עס קומט צוריק אין שטאָט און נעמט קוקן אויף זיין היים פון אויבן אַראָפּ. אים געפעלט נישט מער דאָס עסן, ער פאָדערט נייע פירונגען: צאָנבערשטלעך, באַזונדערע האַנטעכער, אָפטע בעדער. טייל עלטערן קענען דאָס נאָכגעבן, אַנדערע נישט. צו וואָס שאַפן קאָנפליקטן מיט דער היים? די סאַנאַטאָריע איז דאָך נאָר אויף דערווייל, די היים — אויף כסדר.

האָט שלמה גילינסקי געענטפערט:

נישטאָ קיין צו גוט פאַר אונדזערע קינדער. עס וועלן נישט זיין קיין קאָנפליקטן מיט דער היים, ווייל מיר, צוזאַמען מיט די קינדער, ווילן דאָך טאַקע אַריינפירן נייעסן אין דער היים. די עלטערן, וואָס שיקן צו אונדז זייערע קינדער, האָבן צו אונדז צוטרוי,

און זיי איז ליב, וואָס די קינדער ברענגען פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אַהיים. די קינדער זענען נאָר די ערשטע שוואַלבן, וואָס זאָגן אָן דעם פרילינג. צוזאַמען מיט זיי וועלן מיר שענער מאַכן דאָס לעבן אין זייערע היימען.

צוליב דעם וואָס די סאַנאַטאָריע איז געווען אַזוי ליכטיק און שיין, צוליב דעם וואָס דער פּעדאַגאָגישער ניוואָ אירער איז געווען אַזאַ הויכער, איז זי געוואָרן אַ שם־דבר מחוץ דער פּראָלעטאַרישער סביבה אויך. ס׳האָבן גענומען אָנקומען ווענדונגען פון דער יידישער אינטעליגענץ: אַקטיאָרן, זשורנאַליסטן, מענטשן פון פרייע פּראָפעסיעס — „נעמט אַריין אונדזערע קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אויף אַ ווײַלע״. האָט מען אין טייל פאַלן נאָכגעגעבן, איז געקומען אַ פרישע טענה:

די מעדעם־סאַנאַטאָריע איז געשאַפן געוואָרן פאַר קינדער פון עלטערן, וואָס קענען זייערע קינדער נישט שיקן אין קיין פּריוואַטע סאַנאַטאָריעס, וואָס קענען זייערע קינדער אין ערגעץ נישט שיקן, ווייל ס׳איז קיין געלט נישטאָ. פאַר וואָס זשע נעמט מען אָן קינדער, וואָס קענען יאָ פאָרן ערגעץ אַנדערש?

האָט שלמה גילינסקי געענטפערט: די טענה איז אין תוך אַ גערעכטע, אָבער מיר האָבן זיך אַרומגעזען, אַז אויב מיר נעמען אָן אין סאַנאַטאָריע פאַר אַ פולן קאָסטן־פּרייז עטלעכע קינדער, וואָס זייערע עלטערן געהערן צו דער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, געווינען מיר עפּעס אויך. די קינדער פון די פאַרשידענע היימען לערנען זיך איינער ביים צווייטן און דאָס ברייטערט אויס זייערע האָריזאָנטן. די קינדער דערציילן איינער דעם אַנדערן, וואָס זייערע טאַטע־מאַמע טוען, וואָס זיי אַליין טוען אין שול, ווי זיי פאַרברענגען די צייט מחוץ דער שול. מיר האָבן שוין אַ ביסל פּראַקטיק אין דעם. די פריינדשאַפט פון די קינדער פון פאַרשידענע היימען האַלט אָן אין שטאָט אויך. קינדער באַגעגענען זיך, און אַפילו די עלטערן אויך. דאָס איז אַ גרויסער פּעדאַגאָגישער געווינס, דאָס איז אַ גרויסער סאָציאַליסטישער געווינס: אַ פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציע האָט גענומען לערנען אַ פאָלק ווי צו לעבן.

*

אויף צו באַשרייבן דעם סוף פון דער מעשה דאַרף מען נאָך ערשט שאַפן אַ נייע שפּראַך.

פּאַראַדיעס און לידער געשאַפן דורך די קינדער אין סאַנאַטאָריע

ס׳איז צו באַוואונדערן, וואָס נאָך אַזוי פיל יאָרן מיט שווערע איבערלעבונגען, האָבן די געוועזענע סאַנאַטאָריסטן אויפגעהיט אין זייער זכרון אַזאַ גרויסע צאָל לידלעך, פאָלקסווערטלעך, עפּיגראַמען, פּאַראַדיעס, וויצן — וואָס האָבן זיך במשך פון יאָרן געשאַפן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. יידיש לשון איז אין מויל פון די קינדער אין סאַנאַטאָריע געווען אַ קוואַל פון פריידיקער שעפערישקייט. זיי האָבן אין יידיש — אין די לידלעך און אויך אין די וואַנט־צייטונגען — אויסגעדריקט זייערע געפילן און איבערלעבונגען, זייער לעבנסלוסטיקייט און פרייהייטלעכע שטימונגען, זייערע אָבסערוואַציעס איבער נאַטור, בעלי חיים, לערער, חברים.

געזעגענענדיק זיך מיט דער סאַנאַטאָריע אונטערן חלף פון די נאַציס, האָבן די לערער באַגראָבן אין דער ערד גאַנצע פּעק מיט „פאָלקלאָר״־שאַפונגען פון די סאַנאַטאָריע־קינדער. דאָס איז געווען אַן אוצר פון וואָרט־קונסט און וואָרט־שפּיל; אויסער־געוויינטלעכער מאַטעריאַל פאַר קינדער־פּסיכאָלאָגיע־שטודיע. אַלע פּרוּוון שפּעטער, נאָך דער מלחמה, צו געפינען די באַגראָבענע מאַטעריאַלן האָבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַטן. אַזוי ווי די ערד, וואָס האָט צוגעדעקט אָט די אוצרות, וואָלט נישט געוואָלט זיי אויפדעקן, האָט זיך געשעמט זיי אויפדעקן, האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צום מין מענטש פון נאָכמלחמהדיקן פּוילן, אַז ער וועט די אוצרות געהעריק אָפּשאַצן און באַהאַנדלען.

דאָס וואָס מיר דרוקן דאָ — איז נאָר אַ ברוכטייל פון די קינדערשע שאַפונגען.

ס׳איז אַן אמתער פאָלקלאָר. אַ לאָקאַלער, ספּעציפישער, יחיד־במינודיקער פאָלקלאָר. די קינדער פון פּוילן האָבן געשעפּט פולע הויפנס פון פאָלקס־לעבן, פון פאָלקס־פּסיכיק און גייסט. עס שפּרודלט מיט הומאָר, מיט וויץ. דאָס יידישע קינד חכמעט זיך און שפּילט זיך מיטן יידישן וואָרט, מיטן גראַם און פערז. עס שפּיגלט זיך דאָ אָפּ די פרייע אַטמאָספער אין דערציִונג פון דער סאַנאַטאָריע־רעפּובליק. די זעלבשטענדיקייט, שאַרפזיניקייט, באַוווסטזיניקייט פון קינד, זיין שעפן נחת פון דעם אַרום אין דער סאַנאַטאָריע; זיין אָפנהאַרציקייט און ליבשאַפט צו די לערער און חברים. יעדעס לידל האָט געהאַט אַ מעלאָדיע. קינדער האָבן זיי געזונגען ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אין דער עפנטלעכקייט און ביחידות. יידישע קינדער האָבן געהאַט אַ געזונטן חוש פאַר ניגונה און מוזיק. דעם לערער י. טראָופּיאַנסקיס קאָנצערטינע האָט באַגלייט די קינדערשע לידער און פּאַראַדיעס, זיך צונויפגעגאָסן מיט זיי.

די ערשטע 11 פּאַראַדיעס זענען געזאַמלט דורך בינה אַלטערמאַן־שטיינבערג, די פּאַראַדיעס 12—16 זענען געזאַמלט דורך יצחק לודען.

רעדאַקציע

1. אין מיעדזעשין איז דאָ אַ סאַנאַטאָריע מיט אַ רויטן דאַך...

אין מיעדזעשין איז דאָ אַ סאַנאַטאָריע,
מיט אַ רויטן דאַך (ביס)
און אין סאַנאַטאָריע היילן זיך
קינדערלעך אַ סך. (ביס)

איז דאָרט פאַראַן אַן איזאָלאַציע,
אוי אַ פאַרגעניגן, (ביס)
אַז מען שטעקט אַריין אַ פוס,
איז שווער אַרויסצוקריגן. (ביס)

עסן גיט מען דאָרט אַ סך,
פינף מאָל אַ טאָג (ביס)
קלעי און קלעי און ווידער קלעי
ס'נעמט אַזש אָן אַ פלאָג. (ביס)

נעמט מען זי אַריין אין מויל
אוי האָט עס אַ טעם, (ביס)
אַז עס נעמט אַזש אָן אַ גרויל,
ממש ווי נאָך סם. (ביס)

2. ביי אונדז אין סאַנאַטאָריע איז אַ לעבן...

ביי אונדז אין סאַנאַטאָריע איז אַ לעבן, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
יעדער מעג צו איר שטרעבן, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
לערער האָבן מיר אַלע טאָג נייע, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
ס'איז דאָך פשוט אַ מחיה יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ.

יעדער פון זיי האָט אַן אַנדער מעלה, יולאַ, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
ווען כ'האָב געדולד רעכן איך אויס אַלע, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
אַ רעזשים האָבן מיר אויך אַ פיינעם יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
און דערצו גאָר אַ שיינעם יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ.

טראַכט זיך ווער צו געבן אַ דריי, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
מישט זיך באַלד אַ לערער אַריין — יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ.
וואָס איז דאָס פאַראַ ווילדע שטיק? יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
מיט 36.6 גראַד טראַכסטו געבן אַ שפרונג? יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ.

3. אין איזאָלאַציע

אַזוי ווי עס קומט אָן דער פאַרנאַכט, יולאַ, יולאַ־לאַ
אונדזערע הוסטערקעס נישט לאַנג געטראַכט, יולאַ, יולאַ־לאַ
הייבן אָן הוסטן פאַר אַ מאָל, יולאַ, יולאַ־לאַ
אָן אַ ברעג און אָן אַ צאָל. יולאַ, יולאַ־לאַ.

הוסט מען אַזוי אָפּ ביז שפּעט ביינאַכט, יולאַ, יולאַ־לאַ
דאָס איז פאַר אונדז, כ׳זאָג אייך אַ פּראַכט ! יולאַ, יולאַ־לאַ
נישט בחינם זאָגט דער לערער, יולאַ, יולאַ־לאַ
אַז מיר גיבן זיך צו וואָס מערער, יולאַ, יולאַ־לאַ.

צי איז דער לערער דען נישט גערעכט, יולאַ, יולאַ־לאַ
צי דאַרף מען דען הוסטן גאַנצע נעכט ? יולאַ, יולאַ־לאַ
דער לערער שרייט גוט אָן אויף אונדז, יולאַ, יולאַ־לאַ
נישט ביי מיר וועט אייך אָנגיין אַזאַ קונץ, יולאַ, יולאַ־לאַ.

מיר אָבער לאַכן זיך גוט אויס פון אים, יולאַ, יולאַ־לאַ
פירן ווייטער אונדזער שפּיל, יולאַ, יולאַ־לאַ
עס איז פּשוט אַ מחיה צו הוסטן, יולאַ, יולאַ־לאַ
עס וועט זיך אויך אייך פאַרגלוסטן, יולאַ, יולאַ־לאַ.

4. צוויי יינגלעך

אונטער אַ קליין ביימעלע
זיצן יינגלעך צוויי,
זיי רעדן פון דער סאַנאַטאָריע,
קיין זאַך קימערט זיי. (ביס)

איינער הייסט משהלע,
דער צווייטער פּישעלע, (ביס)
איינער בעט נאָך אַ קאָץ,
דער אַנדערער אַ קישעלע.

5. צום עסן גיין

ווען די לערער הייבן אָן קלינגען, יולאַ, יולאַ־לאַ
מוז מען אויפהערן צו זינגען, יולאַ, יולאַ־לאַ
ווייל עסן גיין מוז מען פּאַרט, יולאַ, יולאַ־לאַ
יעדער מוז זיצן אויף זיין אָרט, יולאַ, יולאַ־לאַ.

און אַז מען זיצט שוין אויף די ערטער, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
מוז מען רעדן געציילטע ווערטער, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
ס'איז דאָך נישט קיין שום וווּנדער, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
אַז עס רעדן אַמערסטן די עלטערע קינדער, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ.

און אַז מען דערלאַנגט נישט קיין געשמאַק מאכל, יולאַ, יולאַ־לאַ
זאָגט מען עס טוט מיר ווי דאָס בייכל, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
מ'טאָר נישט מאַכן קיין שום געשעפטן, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
ווייל מ'וועט האָבן ווייניק קרעפטן, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ.

און אַז מען דערלאַנגט צום טיש דאָס גרינע, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
מאַכט דאָך יעדער אַ קרומע מינע, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
עס העלפט נישט דאַן קיין שום געוויין, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
די לערערין שטופּט אין מויל אַריין, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ.

טאָמער וויל עמעץ איבערלאָזן, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
נעמט זיך דער דאָקטאָר באַלד בלאָזן — יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
אויפעסן אַלץ מוזט איר געשווינד, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ
ווייל איר וועט נישט ווערן געזונט, יולאַ, יולאַ, יולאַ־לאַ.

6. צום שלאָפן גיין

ווען עס קלינגט דער זייגער אַכט, איינס, צוויי, דריי,
מוז ביי אונדז שוין זיין נאַכט, איינס, צוויי, דריי,
די לערערין גייט קאָנטראָלירן,
מ'זאָל זיך פון די בעטן נישט רירן, איינס, צוויי, איינס, צוויי, דריי.

טאָמער רירט זיך עמעץ פון בעט, איינס, צוויי, דריי,
איז די לערערין אין כעס און רעדט, איינס, צוויי, דריי,
אַ וואָרט אַהין, אַ וואָרט אַהער,
לערערין מ'וועט נישט רעדן מער, איינס, צוויי, דריי.

אָבער רעדן ווילט זיך דאָך, איינס, צוויי, דריי,
די לערערין שטייט הינטער דער טיר נאָך, איינס, צוויי, דריי,
און זי הערט זיך אַלץ צו,
צי איז אין צימער שוין רו, איינס, צוויי, איינס, צוויי, דריי.

טאָמער, חלילה הערט זי אַ וואָרט, איינס, צוויי, דריי,
באַווייזט זיך די לערערין אויפן אָרט, איינס, צוויי, דריי
„קינדער, כ'זאָג אייך איר זאָלט שלאָפן,
ווייל איר וועט באַקומען האַרבע שטראָפן", איינס, צוויי,
איינס, צוויי, איינס, צוויי, דריי.

7. פּאַראָדיע וועגן סאַנאַטאָריע־לערער

ביי אונדז אין סאַנאַטאָריע רוט אַ ברכה, איינס, צוויי, דריי,
גליקלעך לעבט זיך אונדזער משפחה, איינס, צוויי, דריי,
אַ פּערסאָנאַל פון לערער גוטע, איינס, צוויי, דריי
האָבן זיי איבער אונדז אַ שליטה.

דער לערער גילינסקי איז אַ גוטער פאַרוואַלטער, איינס, צוויי, דריי,
פון רוען אויף דער טעראַסע האַלט ער, איינס, צוויי, דריי,
מ'דרייט זיך ווי משוגעים, מען האָט קיין ברירה
אָבער מ'מוז טאָן אַן „עבירה", איינס, צוויי, דריי.

די לערערין וויטשיק איז אַ באַלעבאָסטע אַ טרייע, איינס, צוויי, דריי,
אַלע טאָג מאכלים נייע, איינס, צוויי, דריי,
אייער, שפּינאַק, און פּאַשטעטן
און געפּרעגלטע קאָטלעטן, איינס, צוויי, א. אַ. וו.

די סאַניטאַרין בערנשטיין האָט פיל מעלות, איינס, צוויי, דריי,
זי קען פאַרענטפערן אַלע שאלות, איינס, צוויי, דריי,
הגם זי טוט זיך שטענדיק איילן,
האָט זי תמיד מעשיות צו דערציילן, איינס, צוויי, א. אַ. וו.

די לערערין ליובאַ האָט ליב צו לאַכן, איינס, צוויי, דריי,
זי טוט אונדז דאָס לעבן פריילעך מאַכן, איינס, צוויי, דריי,
שטענדיק טוט זי אַ הויכן געשריי,
ס'גייט איר אָבער באַלד פאַרביי, איינס, צוויי, א. אַ. וו.

פון דוואָשקען מעג מען קוועלן, איינס, צוויי, דריי,
זי האָט זיך אויסגעלערנט אַנטקעגנשטעלן, איינס, צוויי, דריי,
אַז מ'הייסט איר גיין אין בעט אַריין,
ענטפערט זי מיט אַ פעסטן ניין,
איינס, צוויי, איינס, צוויי, איינס, צוויי, דריי.

8. טאָמער האָט מען אַ ביסל טעמפּעראַטור

טאָמער האָט מען אַ ביסל טעמפּעראַטור,
מוז מען בלייבן אין געביידע גאָר, ציפּ, צאַפּיקל, א. אַ. וו.
ווי דער ווינט טוט נאָר אַ גלעט,
טראָגט מען באַלד אין איזאָלאַציע דאָס בעט, ציפּ א. אַ. וו.

דאָרט אין איזאָלאַציע איז אַ פּאַרגעניגן,
צווישן פיר ווענט מוז מען ליגן, ציפּ, א. אַ. וו.
איך ליג און טראַכט און איך קלער,
אפשר וועט זיך באַווייזן ווער ? ציפּ, א. אַ. וו.

מיט מזל קומט דער דאָקטאָר צו גאַסט
און ער פרעגט : מיין קינד, וואָס דו מאַכסט ? ציפּ, א. אַ. וו.
— דאָקטאָר, אפשר קען איך זיך איבערטראָגן ?
— ניין מיין קינד האָסט אַ שלעכטן מאָגן, ציפּ, א. אַ. וו.

טאָמער קומט אַ קינד אַריין,
באַווייזט זיך באַלד די לערערין בערנשטיין, ציפּ א. אַ. וו.
זי הייבט אָן קוויטשען, אַלאַרמירן,
אַז מען קען דאָס באַוווסטזיין פאַרלירן, ציפּ, א. אַ. וו.
זי הייבט אָן קוויטשען אויף אַזאַ מין אופן,
אַז מ'ווייסט נישט דורך וואַנען אַנטלויפן, ציפּ, צאַפּקל, א. אַ. וו.

9. פּאַראָדיע פון סאַנאַטאָריע־דאָקטאָר

ביי אונדז איז פאַראַן אַ דאָקטאָר, אוי אַ פּאַרגעניגן,
וואָס מען וויל קען מען ביי אים קריגן.
אוי איז דאָס אַ דאָקטאָרל, איז ער דאָך אַ גוטער,
מאַכסט פאַר אים אַ קרומע מינע, ווערט ער ווייך ווי פּוטער.

ביסטו עפּעס נישט צופרידן, קרימסט מיטן נעזל ?
קריגסטו באַלד וואַלעריאַנע אין אַ גרויס גלעזל.
אוי איז דאָס אַ דאָקטאָרל, איז ער דאָך אַ גוטער,
מאַכסטו פאַר אים אַ קרומע מינע, ווערט ער ווייך ווי פּוטער.

קלאָגט זיך עמעץ פון די קינדער, „דאָס קעפּל טוט מיר וויי" !
טאַפּט דער דאָקטאָר פאַרן פּולס, 'אין איזאָלאַציע גיי" !
אוי איז דאָס אַ דאָקטאָרל, איז ער דאָך אַ גוטער
מאַכסט פאַר אים אַ קרומע מינע, ווערט ער ווייך ווי פּוטער.

דאָרט אין איזאָלאַציע, ליגט מען גאַנצע טעג,
ס'איז אַ פאַרשלעפּטע קרענק, ס'נעמט גאָרנישט קיין עק!
אוי איז דאָס אַ דאָקטאָרל, איז ער דאָך אַ גוטער
מאַכסט פאַר אים אַ קרומע מינע, ווערט ער ווייך ווי פּוטער.

און דער דאָקטאָר האָט אַ גלאָז, אויך נישט קיין שטאַרק דינע,
ווי ער שטעקט אַריין אין האַלדז, קריגט מען אַן אַנגינע;
אוי איז דאָס אַ דאָקטאָרל, איז ער דאָך אַ גוטער,
מאַכסט פאַר אים אַ קרומע מינע, ווערט ער ווייך ווי פּוטער.

און אַז צופיל לעקעך כאַפּט מען אַריין אין מאָגן,
הייסט דער דאָקטאָר עסן קאַשע, ווייל לעקעך קען מ'נישט
פאַרטראָגן,
אוי איז דאָס אַ דאָקטאָרל, איז ער דאָך אַ גוטער,
מאַכסט פאַר אים אַ קרומע מינע, ווערט ער ווייך ווי פּוטער.

10. ווער בין איך?

דאָקטאָר גראָסבוים: ווער בין איך?
פאַר אַ גוטן דאָקטאָר קענט איר מיך.
שרייען קען איך נישט קיין סך,
אויף אַ שמועס טומלען נאָר די קינדערלעך. אָט אַזוי א. אַ. וו.

לערערין וויטשיק: ווער בין איך?
פאַר אַ קלוגע קענט איר מיך!
זאָג איך נאָר אַרויס אַ וואָרט,
ווערט עס מקוים אויפן אָרט. אָט אַזוי א. אַ. וו.

סאַניטאַרין בערנשטיין: ווער בין איך?
פאַר אַ סאַניטאַרין קענט איר מיך!
שטענדיק מיט צעשויבערטע האָר,
גיי איך אַרום מעסטן די טעמפּעראַטור. אָט אַזוי, א. אַ. וו.

לערערין קאַנטאָראָוויטש: ווער בין איך?
אין ביאָלאָגישן צימער אַרבעט איך!
כאַפּ איך נאָר אַ וואַסער־וואַנץ,
ווער איך נתפּעל, זינג און טאַנץ. אָט אַזוי, א. אַ. וו.

11. דאָס פֿאָלקלאָר־קרייזל

ביי אונדז איז דאָ פֿאַראַן אַ קרייזל פֿון פֿאָלקלאָר,
מעג מען עס דאָך שיקן צו אַלדע שוואַרצע יאָר.
מען קרייזלט און מען קרייזלט, פֿון פֿרי ביז שפּעט ביינאַכט,
עס קומט אַרויס אַ נפֿש, אוי נישט פֿאַר אייך געדאַכט.

מען קומט זיך ווען צוזאַמען, נישט ווייט פֿון אונדזער סעדל,
מען זעצט זיך אַלע אויסעט אויף קאָצן אין אַ רעדל.
מען קרייזלט און מען קרייזלט פֿון פֿרי ביז שפּעט ביינאַכט,
עס קומט אַרויס אַ גאָרנישט, אוי נישט פֿאַר אייך געדאַכט.

עס זעצט זיך דער לערער טראָופּיאַנסקי אַוועק מיט זיין שטאָק
און פֿאַרגלאָצט זיינע אויגן ביזן הימל אַרויף.
ער קלערט און ער קלערט, פֿון פֿרי ביז שפּעט ביינאַכט
און גאָרנישט אויסגעקלערט, אוי נישט פֿאַר אייך געדאַכט.

עס זעצט זיך אויך דעמבינאַ אַוועק אין סאַמע מיטן,
און הייבט אָן זיין מלאכה, מיט זיינע וויצן שיטן.
ער ווילט זיך און ער ווילט זיך אָן אַ ברעג,
דער לערער נעמט שרייען, ס׳זאָל נעמען שוין אַן עק.

אַ נס, וואָס איז פֿאַראַן אַ געפֿנער אויף דער וועלט,
איז ער ביי אונדז געוואָרן אַ גרויסער העלד.
מען פֿאָרשט אים און מען פֿאָרשט אים, פֿון פֿרי ביז שפּעט ביינאַכט,
עס קומט אַרויס אַ מאכל, אוי נישט פֿאַר אייך געדאַכט.

עס האָט ביי אונדז אַמאָל דער פֿאָלקלאָר פֿאַרפֿעלט,
הייבט מען זיך אָן שעלטן אויף וואָס די וועלט שטייט,
מען שעלט זיך און מען שעלט ביז שפּעט אין דער נאַכט
ביז עס הייבט אָן עקלען נישט פֿאַר אייך געדאַכט.

12. דער „סאַנמעסט״*)

האַלאָ, האַלאָ! זאָגט דער 'סאַנמעסט״:
עס וועט זיין אַ שטורעם.
לאַכן קינדער פון דעם נביא
און מען גייט צום טורעם.

הוידאַ־דאַנאַ, הוידאַ־דאַנאַ,
וואָס מיר באַראָמעטער?
הוידאַ־דאַנאַ, הוידאַ־דאַנאַ —
איר וועט זען שוין שפּעטער!

זיצן קינדער ביי די טישן
און מען האַלט ביים עסן;
פון דעם „סאַנמעסט״־באַראָמעטער
שוין פון לאַנג פאַרגעסן.

הוידאַ־דאַנאַ, הוידאַ־דאַנאַ,
וואָס מיר באַראָמעטער?
הוידאַ־דאַנאַ, הוידאַ־דאַנאַ —
איר וועט זען שוין שפּעטער!

פּלוצלונג — טראַך! אַ בליץ, אַ דונער,
ס'רעגנט אָן שום תירוץ;
פאַר דעם „סאַנמעסט״־באַראָמעטער
האָט מען שוין דרך־ארץ!

הוידאַ־דאַנאַ, הוידאַ־דאַנאַ,
וואָס מיר באַראָמעטער?
הוידאַ־דאַנאַ, הוידאַ־דאַנאַ —
איר וועט זען שוין שפּעטער!

*) „סאַנמעסט״ — סאַנאַטאָריע־מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע



דער „סאַנמעסט"
סאַנאַטאָריע מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע

13. דער ראַדיאָ

האַלאָ, האַלאָ, דער ראַדיאָ
זאָגט אונדזביים פרישטיק אָן
דאָס ערשטע: וועגן וועטער — / 2 מאָל
דער „סאַנמעסט" אויבן־אָן.

דער „סאַנמעסט" זאָגט: ס'וועט רעגענען —
עס שיינט באַלד אויף די זון;
ער זאָגט ס'וועט זיין אַ שטורעם — / 2 מאָל
אַ בוידעם ווערט דערפון.

עס ברענגט אונדז היינט דער ראַדיאָ
פיל נייעס פון דער וועלט:
פון היצן אין סיביריען, / 2 מאָל
אין אינדיע גרויסע קעלט.

און דאָ ברענגט דער נאַטור־קרייז
אַ היפּשע ביסל נייס:
דער קראָליק לייגט שוין אייער, / 2 מאָל
עס קעצלען זיך די מייז.

איך הער זיך צו צום ראַדיאָ,
צי שטיי איך דאָרטן ניט —
און אָט דערהער איך: „האַלאָ, / 2 מאָל
אַ גוטן אַפּעטיט!"

14. די „טשאַפּע" *)

ס'איז אַ קלונג צום פרישטיק, קינדער,
לויפט מען עסן גיך;
טשאַפּע רייבט זיך נאָך די אויגן,
שנורעוועט די שיך.

אוי־ווי טשאַפּע,
גיב זיך נאָר אַ קער;
אוי, צו זיין אַ ווילער יאַט
איז דאָך נעבעך שווער.

ס'רופט דער לערער גיין שפּאַצירן,
די גאַנצע חברה גייט,
נאָר אַ טשאַפּע דרייט זיך דאָרטן —
ער איז נאָך נישט גרייט.
אוי־ווי, טשאַפּע, א. אַ. וו.

מיטאָג באַלד שוין אָפּגעגעסן,
מ'האַלט שוין ביי די עפּל;
נאָר אַ טשאַפּע דזשאַמדזשעט נאָך —
עס טוט אים ווי דאָס קעפּל.
אוי־ווי, טשאַפּע, א. אַ. וו.

קלובצייט זענען קינדער פריילעך,
זשומען ווי די בינען.
נאָר איין טשאַפּע דרייט זיך אום
און קאָן קיין אָרט געפינען.
אוי־ווי, טשאַפּע, א. אַ. וו.

ס'איז שוין באַלד אַ „גוטע נאַכט"
און יעדער לויפט אין בעט.
טשאַפּע איז נאָך נישט געוואַשן,
דרייט זיך אום און רעדט.
אוי־ווי, טשאַפּע, א. אַ. וו.

---

*) „טשאַפּע" — אַ שלימזל, אַ לאַנגזאַמער.

15. די זאָרגלאָזע טעג

די זאָרגלאָזע טעג
זיי גייען שוין אַוועק,
צום אָפּפאָר איז דאָך שוין נישט ווייט.
עס ווילט זיך בלייבן נאָך
אַ שעה, אַ טאָג, אַ וואָך —
עס לויפט אַזוי געשווינד די צייט.

זייט געזונט, איר קינדערלעך,
זייט־זשע מער נישט קיין טשאַפּעס!
קילאָס קלייבט וואָס מער,
אין וואַרשע וועט זיין שווער — (2 מאָל)
טאָ זייט־זשע נישט קיין פּאַקראַקעס.

16. געזעגענונג

פּאַקט מען שוין אַלע בעבעכעס איין,
אַ פּעקל אויף אַ פּעקל גאַנץ הויך.
עס שטייט שוין די בריטשקע מיט קינדערלעך קליין —
מ׳וועט פאָרן אַז גיין וועט אַ רויך!

זייט געזונט, איר קינדערלעך,
זייט געזונט, איר לערערלעך,
אוי, וועט זיך בענקען נאָך אייך!
אַדיע מיט דער ליכטיקייט,
וואַרעמקייט, ציכטיקייט —
וויאָ! אין שטאָט אַריין גלייך!

דער פורמאַן וועט געבן מיט די לייצעס אַ צי,
און אין האַרצן וועט געבן אַ ברי;
איך כאַפּ אויף דער פורטקע מיין לעצטן בליק —
ווער ווייסט, ווען כ׳וועל קומען צוריק!

זייט געזונט, איר קינדערלעך,
זייט געזונט, איר לערערלעך,
אוי, וועט זיך בענקען נאָך אייך !
אַדיע מיט דער ליכטיקייט,
וואַרעמקייט, ציכטיקייט —
וויאַ ! אין שטאָט אַריין גלייך !

פרייד און גליק אין מעדעם־סאַנאַטאָריע

גרופּע פון עלטערע „סאַנאַטאָריסטן", 1935. צווישן זיי, פון אויבן — מאַרעק עדעלמאַן, משהלע וואַסערשטראָם, יאָסל זיגעלבוים, פאַליע און זאָשקע ליפשיץ, צביה וואַקס, רענאַ וואַרשאַווסקאַ, טאָשיע זילבער, הדסה קעסטין, האַנושע וואַסער, חנה קרישטאַל, רחלע מענדעלסאָן, פייגעלע פעלטעל (וולאַדקע), אייזיק גרינבערג, שאָשקע ראָזנשיין, דוד׳ל האָכבערג, ליובע שאַפּיראָ א״אַ.

ד

פראָפ. פ. שניאורסאָן און באָטקע — די כאַראַקטעראָלאָגיע פון שלאָף־לעבן ביי קינדער

מ. גילינסקי („באָטקע״) — פראָפ. דאָבראָוואָלסקי אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

מ. גילינסקי — פרייע אינסצעניזאַציע־שעהען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

י. ביבער — דאָס ביאָ־ווינקל אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

מ. גילינסקי און יאָסל מלאָטעק — „דער שפּייכלער״ (אַ קינדער־פאַרשטעלונג אין דריי בילדער)

פראָפ. פ. שניאורסאָן און באַטקע

די כאַראַקטעראָלאָגיע פון שלאָף־לעבן ביי קינדער

אריינפיר

די מאַסן פאָרשונגען פון שלאָפּהאַלטונגען ביי קינדער, וואָס איך און מיינע מיטאַרבעטער האָבן דורכגעפירט זומער 1936 אין מעדעם־סאַנאַטאָריע און וואָס ווערן אונטן באַשריבן דורך מיר און מיין מיטאַרבעטער חבר באַטקע (דערציער פון סאַנאַ־טאָריע), — האָבן נישט נאָר אַ פּראַקטישע באַדייטונג פאַר דערציער, נאָר אויך אַן אַלגעמיינע באַדייטונג. אין צוזאַמענהאַנג מיט אונדזערע פאָרשונגען איז דאָ כדאי דורך אַ קורצן אַריינפיר דערמאָנען די היינטיקע פּסיכאָלאָגיע פון שלאָף.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן כאַראַקטעריזירן מיר דעם מענטשן לויט זיין אויפפירונג אויף דער וואָר. מיר האָבן נישט די מעגלעכקייט און די געלעגנהייט, נישט אַפילו דעם אינטערעס, צו פאָרשן דעם שלאָפנדיקן מענטש. אויך די פּסיכאָלאָגיע האָט ביז צו דער לעצטער צייט לערך ווייניק געפאָרשט דאָס פּסיכישע לעבן בשעת דעם שלאָף. און דאָך איז די פּסיכישע ספערע פון דעם שלאָפנדיקן — אַ גאַנץ אַנדערע, ווי אויף דער וואָר. ס׳קומט אויס, אַז צוזאַמען מיטן שלאָף בלייבט אומבאַקאַנט און אומגע־פאָרשט אַ גרויסער אָפּשניט פון מענטשנס לעבן, ווי אויך די איינציקאַרטיקע פּסיכישע ספערע פון דער שלאָפצייט גופא.

ווי זאָל מען אָבער פאָרשן דעם שלאָף, בשעת וועלכן דער מענטש איז אויסגע־שלאָסן פון יעדן קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער וועלט? דער שלאָפנדיקער לעבט דאָך בלויז מיט זיך און אין זיך. אויפן ערשטן בליק בלייבט נישט אַנדערש איבער, ווי פרעגן דעם מענטשן גופא (אָדער זיך זעלבסט), וואָס מ׳האָט איבערגעלעבט ביי נאַכט בשעתן שלאָף. אָט אַזוי דערציילן אונדז טאָקע מענטשן אויף דער וואָר וועגן זייערע חלומות, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט ביי נאַכט בשעתן שלאָף. ס׳קומט אויס, אַז חלומות זענען די איינציקע צייכנס און מאַטעריאַלן פון פּסיכישן לעבן אין שלאָף.

אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט האָט דער פּסיכאָאַנאַליז אויף זיין דאָגמאַ־טישן שטייגער אָנגעהויבן פאָרשן און „אויסטייטשן" חלומות אַלס אויסדרוק פון דעם „אומבאַוווסטן". חלומות זענען, הייסט עס, נישט באַוווסט זיין, עפּעס פרימיטיווס, מינדערוועטיקס. ווי באַלד חלומות זענען דאָס איינציק אונדז באַקאַנטע פּסיכישע לעבן פון דער שלאָפצייט, קומט אויס, אַז דער שלאָף איז אַ דעגראַדירונג, אַ פאַרמי־נערונג פון באַוווסטזיין, אַ ווייניקער־זיין פון מענטשן. אין אונדזער בוך „חלום און שפּיל" האָבן מיר דורכגעפירט אָביעקטיווע מעטאָדן צו פאָרשן און פאַרשטיין חלומות,

ווי אייגנאַרטיקע פאַנטאַזיע־פּראָדוקטן פונעם טרוים־באַוווסטזיין. חלומות זענען אויף זייער אייגענעם אופן „באַוווסט" דעם מענטשן בשעתן חלומען זיך, ווי געדאַנקען זענען אויף זייער אופן „באַוווסט" דעם מענטשן אויף דער וואָר. חלומות ווי געדאַנקען קאָנען זיין שעפערישע און פּרימיטיווע. אַזוי אַרום איז דער שלאָף נישט קיין פאַרמינערונג אָדער דעגראַדירונג, נאָר בלויז אַ פאַרענדערונג פון דעם באַוווסטזיין. דער שלאָף ברענגט זיין אייגענעם טרוים־באַוווסטזיין, איז יעדנפאַלס נישט קיין ווייניקער־זיין, נאָר אַן אַנדערש־זיין פון דער פּערזענלעכקייט.

און דאָ קומען מיר צום קרייצפּונקט.

אייגנטלעך באַקומען מיר חלומות לאחר המעשה, אַזוי צו זאָגן, פון דער צווייטער האַנט. מיר מוזן זיך אויף דער וואָר „דערמאָנען" די חלומות, וואָס מיר האָבן „שוין" איבערגעלעבט ביי נאַכט בשעתן שלאָף. אָפט מאָל געדענקען מיר דעם פאַקט, אַז מיר האָבן געחלומט, מיר קאָנען זיך אָבער נישט דערמאָנען דעם אינהאַלט. אָפט געדענקען מיר אַפילו נישט דעם פאַקט פון האָבן געחלומט. אָבער אַפילו, ווען מיר דערמאָנען זיך גענוי אונדזערע נאַכט־חלומות, מוזן זיי איבערגעפורעמט ווערן אין דעם זיכרון פון דעם וואַכן טאָג־באַוווסטזיין, וואָס האָט דאָך יעדנפאַלס אַ גאַנץ אַנדערע פּסיכישע אַטמאָספער ווי דער טרוים־באַוווסטזיין.

און אָט האָב איך געמאַכט דעם ערשטן פּרוּוו צו אָבסערווירן אוממיטלבאַר דעם שלאָפנדיקן מענטשן, זיין האַלטונג און אויסזען בשעת דעם שלאָף גופא. דערמיט איז מיט אַ מאָל געבראָכן די וואַנט, וואָס פאַרשטעלט דעם שלאָפנדיקן פאַרן פאָרשער. עס האָט זיך גלייך אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש בשעתן שלאָף האָט נישט דער מענטש קיין באַוווסטזיניקן קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער וועלט, קיין שום ווילנס־האַנדלונגען, האָט דאָך יעדער שלאָפנדיקער זיין אייגענע האַלטונג, זיין אויסזען, זיין פּאָזע, ד"ה אַ געווויסן מימישן און פּאַנטאָמימישן אויסדרוק. דאָ באַקומען מיר אָביעקטיווע דער־שיינונגען פונעם שלאָפנדיקן, אַזוי צו זאָגן, פון דער ערשטער האַנט, דאָס הייסט, דורך אוממיטלבאַרער אָבסערוואַציע פון דעם שלאָפנדיקן גופא. ווי די מאָלעריי שילדערט און כאַראַקטעריזירט קינסטלעריש דעם מענטשן לויט זיין אויסדרוק און אויסזען, אַזוי קאָנען מיר אָבסערווירן און פאָרשן וויסנשאַפטלעך די מימישע אויסדרוקן, האַלטונג און אויסזען פונעם שלאָפנדיקן.

קודם כל האָבן אונדזערע פאָרשונגען אויף הונדערטער קינדער באַוויזן, ווי מיר וועלן עס אונטן גענוי באַשרייבן, אַז יעדעס קינד אָן אויסנאַם האָט בשעתן שלאָף אַ גאַנץ באַשטימטע אינדיווידועלע האַלטונג, וואָס דריקט אויס אַקטיוו זיין כאַראַקטער און ווייזט אַרויס אין משך פון דער נאַכט אַ גנזעצמעסיק כאַראַקטעריסטישע דינאַמיק. נאָך מער, אַזוי ווי בשעתן שלאָף זענען אויסגעשלאָסן די ווילנס־האַנדלונגען פונעם שטענדיק זיך צופּאַסנדיקן וואָר־באַוווסטזיין, וואָס האָמעוועט און קאָרעגירט געוויינלעך די נאַטירלעכע האַלטונג פון מענטשן, קומט ממילא בשעתן שלאָף (און טאַקע נאָר בשעתן שלאָף) אומגעשטערט צום אויסדרוק די נאַטירלעכע עכטקייט פון דער פּערזענ־לעכקייט. אויס בושה אָדער מורא — נעמען מיר דעם סאַמע איינפאַכן משל — קאָן אַ קינד אין משך פון טאָג אויסבאַהאַלטן אָדער אונטערדריקן זיינע אַנאַניסטישע נייגונגען, וועלכע וועלן זיך אָבער ביינאַכט אַרויסווייזן אין דער אַנאַניסטישער האַלטונג. מיר

וועלן אונטן זען, דאָס די שלאָפּהאַלטונגען פון קינדער ביי נאַכט האָבן אונדז אָפט מאָל אויפגעקלערט די פריער אומפאַרשטאַנענע אָדער שלעכט פאַרשטאַנענע אויפפירונג פונעם קינד ביי טאָג. אָבסערווירנדיק די שלאָפהאַלטונגען פון קינדער אין משך פון פיל וואָכן, קאָן מען אָביעקטיוו פעסטשטעלן, דאָס די ענדערונגען פון פסיכישן לעבן ביים קינד געפינען אַ בולטן אויסדרוק אין אַנטשפּרעכנדיקע ענדערונגען פון זיין שלאָפהאַלטונג ביי נאַכט. אַזוי אַרום קומט מען אויף אַ נייעם אָביעקטיוון אופן צום אויספיר, אַז בשעתן שלאָף ווערט די פסיכישע טעטיקייט נישט איבערגעריסן, נאָר איבערגעאַנדערשט אין דער ריכטונג פון גרעסערער נאַטירלעכקייט און עכטקייט.

ווי באַלד אַז די שלאָפהאַלטונג פון קינדער דריקט אויס זייער אינערלעך לעבן, איז עס פאַרשטענדלעך, אַז ביי דער אָבסערוואַציע טרעפן מיר אַן אומגעהויערע רייכקייט פון פאָרמען און דערשיינונגען. אין דעם גאַנג פון דער פאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פּרוכטבאַר די פון מיר אויפגעשטעלטע קלאַסיפיקאַציע פון שלאָפ־האַלטונגען, וואָס האָבן פאַרשידענע וואַריאַציעס און איבערגאַנג־פאָרמען לויט דער פילגעשטאַלטיקייט פון אינדיווידועלן פסיכישן לעבן.

ביי דער קאָרעלאַציע צווישן שלאָפהאַלטונגען פון קינד מיט זיין אויפפירונג ביי טאָג מוז מען געדענקען די צוויי פּרינציפּן, וואָס זענען אויספירלעך באַשריבן אין מיין בוך „אינטימע הייל־פּעדאַגאָגיק” און וואָס מיר וועלן מיט אַ פּאָר ווערטער דאָ דער־מאָנען. ערשטנס, די נערוועזישקייט איז ביי יעדן קינד פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטער סביבה, ווו דאָס קינד האָט אַ דענערווירנדיקן שפּיל־דעפיציט. אַזוי אַרום קאָן מען אונטערשיידן: אַליינזיין־נייראָז, היימנייראָז, שולנייראָז, גאַסנייראָז און נייראָז צווישן דערוואַקסענע, וואָס מיר באַצייכענען לויט דער ריי מיט די בוכשטאַבן O, A, B, C, D. אָט אַזוי וועלן מיר טרעפן אייניקע נערוועזע דערשיינונגען ביי קינדער בלויז בשעתן שלאָף, ווי למשל, אָנאַניסטישע האַלטונג אָדער די נאַכט־וואַנדלערישע. דאָס זענען שלאָפנייראָזן (נייראָזן O), וואָס קומען פאָר בלויז בשעתן שלאָף און קאָנען אונטער־דריקט ווערן ביי טאָג אויף דער וואָר.

דער צווייטער פּרינציפּ איז דער דינאַמישער איינפלוס פון איין גרופּישער סביבה אויף דער צווייטער. ווען אַן איינציק קינד, למשל, איז דענערווירט, אויפגערודערט אין דער היים, קאָן עס אָבער אויפלעבן דורך דער גרופּנשפּיל אין שול און זיך דאָרט אויפפירן גאַנץ נאָרמאַל. ווען אָבער דער היימנייראָז ווירקט צו לאַנג אָדער צו טיף אויפן קינד (אָדער ווען דאָס קינד איז זייער עמפּינדלעך), קאָן די היים־נערוועזישקייט אַזוי פאַרכאַפּן דאָס קינד, אַז עס זאָל אויך אין שול זיין אומרויִק, אָבער אויך דעמאָלט בלייבט עס אין תוך אַ היימנייראָז, ווייל די סיבה און שאַרפקייט פון דעם נייראָז קומט דאָך פאָר בלויז אין דער היים. מיט אַנדערע ווערטער, די נערוועזע אויפפירונג פון אַ קינד אין איין סביבה קאָן זיך ביי טיפער ווירקונג אָפּשפּיגלען אויך אויף דער אויפפי־רונג אין אַן אַנדערער סביבה.

אין דער הינזיכט האָט זיך דער שלאָף אַרויסגעוויזן ווי אַ זייער עמפּינדלעכער רעפלעקטאָר, וואָס שפּיגלט אָפּ נישט דאָס צייטווייליקע און צופעליקע, נאָר דאָס וועזנטלעכע און כאַראַקטעריסטישע. די שלאָפהאַלטונג פון קינד שפּיגלט נעמלעך אָפּ נאָר אַזוינע נייגונגען און צושטאַנדן, וועלכע דריקן אויס דעם כאַראַקטער און וועזן

פון דעם קינד, ווי מיר וועלן עס אונטן זען אין אַ ריי אינטערעסאַנטע פאַלן. אויף דעם אופן קאָנען די שלאָף־פּאַרשונגען ביי ווייטערער אַנטוויקלונג אונדז געבן טעאָרעטיש און פּראַקטיש אַ באַזונדער ווערקצייג צו דערקענען די פּערזענלעכקייט אין איר סאַמע עכטער און טיף־כאַראַקטעריסטישער נאַטירלעכקייט.

מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן אויף די מעטאָדן און אַנדערע אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס ווערן אונטן אויספירלעך באַשריבן דורך מיר און חבר באַטקע.

באַריכט

אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע געפינען זיך די קינדער אין די בעטן 11 און אַ האַלבע שעה אין מעת־לעת. עס מאַכט אויס שיִער נישט אַ העלפט פון דער גאַנצער צייט, וואָס זיי פאַרברענגען אין אַנשטאַלט.

אויב דער דערציער פאַראינטערעסירט זיך מיט די פּראָצעסן פון קינדס וואַקסן און אַריינוואַקסן אין דער נייער סביבה, מיטן גאַנג פון זיין אַנטוויקלונג — מוז ער גענוי פאָרשן נישט נאָר דעם קינדס שפּילן זיך ביי טאָג, נאָר אויך זיין חלומען ביי נאַכט און נישט נאָר דעם קינדס אויפפירונג אויף דער וואָר, נאָר אויך זיין פאַרהאַלטן זיך אין שלאָף.

ביים פאָרשן דעם שלאָף זענען אָבער פאַראַן אַ סך שוועריקייטן, די מעטאָדן זענען באַגרענעצטע. קיין פאַרגלייכנדיקער מאַטעריאַל איז כמעט ווי נישטאָ. איינע פון די מעטאָדן, וואָס עס לייגט פאָר דער פּראָפעסאָר שניאורסאָן, אין די אָביעקטיווע אָבסער־וואַציע פון דער דינאַמיק און סטאַטיק פון קינד בעתן שלאָף. קינדער, פּונקט ווי דערוואַקסענע, נעמען אָן ביים שלאָפן פאַרשידענע פּאָזעס. ווער עס ליגט די גאַנצע נאַכט אין מיטן פון בעטל, ווער עס רוקט זיך דווקא צום קאַנט, איינער באַהאַלט דעם קאָפּ אונטערן קאָץ, אַ צווייטער וואַרפט שטענדיק אַראָפּ די קאָלדרע פון בעט. נאָכפאָרשן די אַלע פּאָזעס, באַשרייבן זיי — מיט דעם פאַרנעמט זיך די סטאַטישע אונטערזוכונג. די דינאַמישע אונטערזוכונגען פאָרשן, ווי אָפט טוישט דאָס קינד די פּאָזעס, אין וועלכן סדר, צוליב וועלכע סיבות אד״גל.

עס שיקט זיך שטאַרק, אַז די דינאַמיק און סטאַטיק פון קינדס שלאָף זאָל שטיין אין אַן ענגער שייכות מיט דער אויפפירונג פון קינד ביי טאָג, מיט זיין שטימונג און כאַראַקטער. ס׳איז פאַרשטענדלעך, אַז עס שפּילט אַ גרויסע ראָלע די האַרטקייט פון געלעגער, די טעמפּעראַטור אין צימער, די רויִקייט אַרום, אַפילו דאָס וועטער. אָבער ביי גלייכע אומשטענדן וועלן זיך פאַרשידענע מענטשן נישט פאַרהאַלטן אין שלאָף גלייך, נאָר יעדער — לויט זיין אינערלעכער נאַטור, אַזוי אָדער אַנדערש אָפּהענגיק פון זיינע שטימונגען און איבערלעבונגען ביי טאָג. עס טרעפט זיך זייער אָפט, אַז מענטשן שלאָפן אָפּ ווי געהרגעטע אויף אַ האַרטער באַנק, ווען זיי זענען מיד, אָדער, פאַרקערט, וואַרפן זיך און קענען נישט איינשלאָפן אין די באַקוועמסטע בעטן, ווען זיי זענען דענערווירט פון אַ גאַנצן טאָג. עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז די דינאַמיק און סטאַטיק פון שלאָף איז נישט קיין צופעליקייט. עס איז וויכטיק דעריבער וואָס אָפּטער

אַריינצוקוקן אין די שלאָף־צימערן, אָבסערווירן די קינדער, פאַרגלייכן זייערע שלאָף־פּאָזעס, זייער דינאַמיק און דאַן קומען צו באַשטימטע אויספירן.

דער פּראָפ. פּ. שנייערסאָן האָט לעצטנס אָנגעהויבן אַזאַ פאָרשונג־אַרבעט איבערן שלאָף פון די קינדער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. אונטער דער לייטונג פון פּראָפ. אַרבעטן דירעקט מיט ביי דער פאָרשונג דער לערער י. קאַץ און חבר באַטקע. חוץ דעם ווערט פון צייט צו צייט אויך צוגעצויגן דער גאַנצער פּעדראַט.

אַלע שלאָף־פּאָזעס האָט דער פּראָפעסאָר איינגעטיילט אין דריי גרופּעס: נאָר־מאַלע, נערוועזע און איבערגאַנגס־פּאָזעס.

צו די נאָרמאַלע געהערן די האַרמאָנישע פּאָזע און די עקסטאַטישע. דאָס כאַראַק־טעריסטישסטע פון דער האַרמאָנישער פּאָזע איז דאָס, וואָס דאָס קינד ליגט אויפן מיטן בעטל, דער קאָפּ אויפן מיטן פון קישן, דאָס פּנים אַרויף אין אַ זייט, די הענט אויסגע־שטרעקט ביי די זייטן אָדער פריי געבויגן, דער אָטעם גלייכמעסיק און רויק. אויב עס קומט נאָך צו אַן אויסדרוק פון עקסטאַז און פאַרגאַפטקייט אויפן לייכט־שמייכלדיקן פּנים און דעם גלייכמעסיקן אָטעמען און אין דער גאַנצער לאַגע פון קערפּער, רופן מיר עס עקסטאַטישע פּאָזע.

צו דער נערוועזער גרופּע געהערן די אַנגסט־פּאָזע, די אומרויִקע און אַגרעסיווי־אומרויִקע. די אומרויִקע איז כאַראַקטעריסטיש מיט דער אומאָרדענונג אויפן בעט: דער קאָץ צעוואָרפן, דאָס קישעלע אין אַ זייט, דער קערפּער אויסגעדרייט אין אלכסון אָדער אין קווער פון בעט. אומרויִק־אַגרעסיוו איז די פּאָזע דאַן, ווען דאָס קינד ליגט שיִער נישט אויפן קאַנט פון בעטל, די הענט געשטרעקט פאָרויס, די פיס אין אַ לויף־לאַגע.

אַן אַנגסטפּאָזע איז דאַן, ווען דאָס קינד רוקט זיך אַראָפּ פון קישן, באַהאַלט דעם קאָפּ אָדער אַ גרויסן טייל פון קאָפּ אונטערן קאָץ, פאַרנעמט אַ וואָס קלענערן פּלאַץ אין בעט.

די איבערגאַנגס־פּאָזעס זענען געטיילט אויף טעאַטראַלע, נאַפּאָלעאָנישע, פּע־טאַלע, טראַציקע, מימישע און שטייגנדיקע. דאָס זענען אַלץ פּאָזעס, וועלכע מען קען נישט אַלע מאָל באַשטימען, צי און מיט וואָס זיי זענען נערוועז. שטאַרק פאַרשפּרייט איז די טעאַטראַלע פּאָזע, ווען דאָס קינד ליגט אין מיטן פון בעטל, אָבער די הענט און די לאַגע פון קערפּער זענען טעאַטראַליש־פּאָזירט. ווען דאָס קינד שלאָפט נאָך דערצו מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, מיט הענט אונטערן נאַקן מיטן הערשנדיק־באַהערשנדיקן אויסדרוק אויפן פּנים, — מאַכט עס אַן איינדרוק פון אַ נאַפּאָלעאָנישער פּאָזע. ווייניקער פאַרשפּרייט איז די פּעטאַלע אָדער עמבריאָנאַלע פּאָזע, ווען דאָס קינד ליגט צונויפּ־געקאָרטשעט, און די קני דערגרייכן שיִער נישט די גאָמבע, דערמאָנענדיק מיט זיך די פּאָזיציע פון אַן עמבריאָן. נישט זעלטן טרעפט, אַז דאָס קינד ליגט מיטן פּנים אַרויף מיט אַ געבויגענע קני, פאַרריסן אין דער הויך — אַ טראַציקע פּאָזע.

פילזאַגנדיק איז די מימישע פּאָזע. דאָ קענען זיין פאַרשידענע וואַריאַציעס. די מימיק, אָדער בעסער פּאַנטאָמימיק, דריקט זיך אויס נישט נאָר אין שטריכן פון פּנים, נאָר אויך אין דער לאַגע פון די הענט. אַנדערע קינדער דעקן צו מיט די הענט די אויגן, ווי פאַר שרעק אָדער בושה, אַנדערע שפּאַרן אונטער דעם קאָפּ מיט געביילטע פויסטן,

אַנדערע לייגן זיך מיטן פּנים אַראָפּ און באַהאַלטן דעם קאָפּ אין קישן. ס'איז אַ פיל־פאַרביקייט אין פּאָזעס און וואַריאַציעס, לויט די הערשנדיקע געפילן און שטימונגען, וואָס דאָס קינד ברענגט אין זיין מימישער שלאָף־פּאָזע צום אויסדרוק.

די קלאַסיפיקאַציע, וואָס דער פּראָפ. שנייערסאָן האָט אויפגעשטעלט, האָט אַריינגעטראָגן אַ מעגלעכקייט לייכטער זיך צו פונאַנדערקלייבן און דערמעגלעכן צו געפינען אַן ענטפער אויף אַ גאַנצער ריי פראַגן. צי האָט יעדעס קינד איין כאַראַקטעריסטישע שלאָף־פּאָזע? צי טוישן די קינדער אָפט זייערע פּאָזעס? צי ביים טוישן לאָזט זיך דאָך פעסטשטעלן אַ דאָמינירנדיקע פּאָזע? צי קאָרעלירן זיך די שלאָף־פּאָזעס מיט דער אויפפירונג ביי טאָג?

שוין די ערשטע עטלעכע נאַכט־עקספּעדיציעס איבער די שלאָף־צימערן האָבן אונדז אָנגעשטויסן אויף אַ ריי כאַראַקטעראָלאָגישע דערשיינונגען, וועלכע געפינען זייער אויסדרוק אין דער מימיק און פּאַנטאָמימיק פון שלאָפנדיקן קינד. די פאָרשונגען איבער שלאָף ווייזן אָן אַ נייעם צוגאַנג צו דער קינדער־כאַראַקטעראָלאָגיע און עפענען אויף נייע פּערספּעקטיוון פאַר דער טעאָרעטישער און פּראַקטישער באַהאַנדלונג פון קינד. מיט אייניקע רעזולטאַטן פון דער אָנגעהויבענער פאָרשונג איז אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען.

דער ערשטער גענעראַל־באַזוך איבער אַלע שלאָף־צימערן און ביי אַלע 180 בעטלעך, וואָס דער פּראָפ. שנייערסאָן האָט דורכגעפירט אין דער באַגלייטונג פון די לערער דעם 10־טן אויגוסט, האָט געדויערט דריי שעה, פון 11 ביז 2 ביי נאַכט, און האָט אונדז געגעבן אַן אַלגעמיין בילד פון דער שלאָף־סיטואַציע אין אַנשטאַלט.

שפּעטער האָבן מיר פאַרגעזעצט די אָנגעהויבענע אַרבעט אויף פאַרשידענע אופנים, און אין אַלע פאַלן האָט זיך באַשטעטיקט דאָס זעלבע בילד. מיר וועלן זיך אָבער דאָ אָפּשטעלן נאָר אויף די רעזולטאַטן פון דער ערשטער פאָרשונג. דער גרעסטער פּראָצענט איז אויסגעפאַלן אויף די נאָרמאַלע שלאָף־פּאָזעס, זייער אַ סך קינדער זענען געשלאָפן אין האַרמאָנישער פּאָזע, אייניקע אין עקסטאַטישער אַפילו. צווישן די איבערגאַנגס־פּאָזעס האָט זיך אויסגעטיילט די טעאַטראַלישע, נערוועזע פּאָזעס זענען געווען נאָר 25 פּראָצענט, אַריינרעכענענדיק אויך די שוואַך־ניואַנסירטע, אויף עקסטרעם־אומרויִקע, שטאַרק־אַנגסטיקע און אַגרעסיווע פּאָזעס איז אויסגעפאַלן קוים 10 פּראָצענט. אַזאַ בילד איז זייער באַלערנדיק און איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם נאָרמאַלן קאָלעקטיוו פון סאַנאַטאָריע.

נאָך דעם גענעראַלן באַזוך זענען געגאַנגען אייניקע לאָקאַלע באַזוכן אויף באַזונדערע שטאָקן און צימערן. די טעזע, אַז די שלאָף־פּאָזע שטייט אין אַ קאָרעלאַציע מיט דער דאָמינירנדיקער שטימונג פון קינד און זיין אופן פון אויפפירונג ביי טאָג, האָט אין די עטלעכע פאָרשונג־סעאַנסן באַקומען אַ באַדייטנדיקע אונטערשטיצונג. פון די ערשטע 56 אָבסערווירטע און באַשריבענע פּאָזעס האָבן מיר 35 מיט פּאָזיטיווע קאָרעלאַציעס, ד"ה אַזעלכע פאַלן, ווו די שלאָף־פּאָזע אַנטשפּרעכט בפירוש דער כאַראַקטעריסטיק פון קינדס אויפפירונג, וואָס מיר באַקומען פון די דערציער ס'רוב נאָך דער שלאָף־פאָרשונג. וואָלטן מיר געהאַט די כאַראַקטעריסטיקעס פון די קינדער פאַר דעם אָנהויב פון דער נאַכט־אונטערזוכונג, וואָלט געווען אַ געפאַר אַרונטערצופאַלן

אונטער אַ סוגעסטיע: קענסט די אויפפירונג פון קינד און אַנטשפּרעכנדיק דערצו אינטערפּרעטירסטו די אָדער יענע שלאָף־פּאָזע (עס קאָן זיך דאָ האַנדלען וועגן פּאָזעס, וואָס זענען נישט גענוג שאַרף אויסגעדריקט, — די עקסטרעמע פּאָזעס קענען האָבן איינאײינציקע אינטערפּרעטאַציע). אין אונדזער פאָרשונג איז די געפאַר פון אַזאַ סוגעסטיע רעדוצירט געוואָרן ביז אַ מינימום, ווייל דער הויפּט־אינטערפּרעטאַטאָר פון די פּאָזעס, דער פּראָפ. שניאורסאָן איז בכלל ווייניק געווען באַקאַנט מיט דער מאַסע פון אונדזערע קינדער. די באַקומענע רעזולטאַטן זענען דעריבער גענוג פאַרלאָזלעכער מאַטעריאַל, און די 61 פּראָצ. פּאָזיטיווע קאָרעלאַציעס איז אַ גענוג וואָגיקע צאָל צו באַקרעפטיקן די הויפּט־טעזע פון דער פאָרשונג.

אָבער נישט נאָר אין כמות דאַרף מען זוכן אַ באַשטעטיקונג פאַר וועלכער ס'זאָל נישט זיין טעזע. צווישן די פאַלן פון פּאָזיטיווע קאָרעלאַציעס זענען פאַראַן אייניקע, וואָס זענען אויסערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטיש און באַלערנדיק.

1. לאָמיר נעמען דעם פאַל פון דעם שווערסטן יינגל אין דער סאַנאַטאָריע כ... אַ קינד אַ נערוועזס, זיין טאָג פלעגט זיין פול מיט קאָנפליקטן מיט קינדער און אויך מיטן פּערסאָנאַל, ער פלעגט שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס, נישט געקענט איינליגן רויִק אויף דער טעראַסע קיין 15 מינוט. — זיין פּאָזע פון שלאָף איז געווען אַן אַנטשפּרעכנדיקע, אַ שטאַרק אומרויִקע: דער קאָפּ אַראָפּגעוואָרפן פון בעט, די ליילעכער צעדרייט, דאָס קישעלע אין אַ זייט און דאָס קינד אַליין האַלב אָפּגעדעקט ליגט אויף אלכסון פון בעטל, אַריינגעדרייט אין אַ האַלב־פּעטאַלער פּאָזיציע.

2. אַ צווייטער פאַל: אַ 13־יעריק מיידל ר... אַ קינד פול מיט לעבנסלוסט, דער טאָג איז איר ווייניק אויף טאַנצן און שפּרינגען, בונטאַריש אין דער נאַטור, קומט שטענדיק אַרויס מיט פאָדערונגען צו די לערער: דאָ פאָדערט זי אַ נאַכט־שפּאַציר פאַר דער גרופּע, דאָ פּראָטעסטירט זי קעגן צו פרי גיין שלאָפן. איר פּאָזע ביים שלאָף — אומרויִק־אַגרעסיוו: זי ליגט אויפן קאַנט פון בעטל, איין פוס אַרויסגערוקט פון אונטערן קאָץ, הענט געשטרעקט פאָרויס, ווי זי וואָלט עמעצן געיאָגט, אָנגעגריפן, גרייט צו יעדער רגע אַרויסצושפּרינגען פון בעט.

3. דאָס 14־יאָריקע יינגל גר... איז באַליבט ביי אַלע קינדער און לערער, פאָרזי־צער פון קינדער־ראַט, אַ פירער־טיפּ, פילט זיך גלענצנדיק אין קאָלעקטיוו, אַ גוטמוטי־קער און באַזאַכטער. זיין שלאָף־פּאָזע — האַרמאָניש: ליגט אין דער מיט פון בעטל, אויסגעצויגן, מיטן פּנים אַרויף, איין האַנט איבערן קאָץ, שלאָפט רויִק, אָטעמט גלייכ־מעסיק.

4. דער זעקס־יעריקער שמ... נאָך אַ שווערער פסיכישער אויפטרייסלונג — פאַרלוירן די עלטערן אויף אַ טראַגישן אופן (פּשיטיק), אָפּטע אָנפאַלן פון שרעק, אַפילו ביים שפּילן זיך, ביים שפּאַצירן. ביי נאַכט — אַן אַנגסט־פּאָזע: איינגאַנצן אַרונטערגע־רוקט זיך פון קישן און דעם קאָפּ באַהאַלטן אונטערן קאָץ.

5. דאָס עלף־יעריקע מיידל ב... איז באַליבט צווישן די קינדער. איר האַלטונג איז שטענדיק פול מיט ווירדע, זי ווייס, אַז זי איז אַ שיין מיידל. ביים שלאָף פאַרנעמט זי אַ נאַפּאָלעאָנישע פּאָזע: ליגט אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע. איין האַנט אונטערן נאַקן, הויך פאַרוואָרפן, די צווייטע הויך איבערן פאַרריסענעם קאָפּ.

6. דאָס יינגל פ... אַ קינד אַן עקשן, אַ שטערער, אַ שלעגער, באַהערשט די עלטערע דורך שיקאַנעס און איינגעשפּאַרטקייט. ווײַל ער עפּעס נישט עסן, קען דער לערער בשום אופן אים נישט באַווירקן אויף יאָ. לאָזט זיך נישט באַאיינפלוסן. זיין שלאָף־פּאָזע — אַגרעסיוו־אומרויִק מיט ניואַנסן פון טראָציקייט: ליגט מיטן פּנים אַרויף, איין האַנט אָנגעשפּאַרט אין בעטל. די געבויגענע קני הויך אויפגעהויבן.

7. עס איז כדאי זיך אָפּשטעלן אויף נאָך איין זייער כאַראַקטעריסטישן פאַל פון אַ מימישער שלאָף־פּאָזע. דאָס מיידעלע מ... אַ קינד, וואָס ליידט פון נאַכט־שרעק, פון אַ קראַנקהאַפטיקער שעמעוודיקייט און מורא פאַר פרעמדע, אַפילו פאַר די לערער, בשום אופן נישט געוואָלט אַריינגיין אין באַראַטונג־שטעלע, לעבט זיך זייער לאַנגזאַם איין אין אַ קאָלעקטיוו. איר שלאָף־פּאָזע אַנטשפּרעכט איר אויפפירונג: זי שלאָפט מיט הענט פאַרדעקט די אויגן, ווי זי וואָלט זיך פאַר עמעצן געשעמט.

אין די אַלע געבראַכטע ביישפּילן זעען מיר אַ גראַד־פּראָפּאָרציאָנעלע קאָרע־לאַציע, וואָס וואַרפט זיך ממש אין די אויגן. וואָס מערער דאָס קינד איז אומרויִקער, נערוועזער ביי טאָג, אַלץ אומרויִקער און נערוועזער שלאָפט עס ביי נאַכט. און פאַר־קערט, אַ קינד, וואָס איז רויִק און שפּילט זיך נאָרמאַל ביי טאָג, שלאָפט האַרמאָניש ביי נאַכט.

אָבער חוץ די פאַלן און אויבנאויפיקער קאָרעלאַציע האָבן מיר אויך אַכט פאַלן פון פאַרבאַהאַלטענער קאָרעלאַציע (8 פאַלן פון 35) ד״ה אַזוינע, וועלכע מען קען אויסגעפינען נאָר נאָך אַ גענויערער אויספאָרשונג פון קינדס אויפפירונג און נאָך אַ טיפערן אַנאַליז פון זיין גייסטיקן צושטאַנד.

8. למשל, דאָס 7־יעריקע יינגל ע.... איז איינער פון די טומלדיקסטע אין דער גרופּע, דעם גאַנצן טאָג רודערט ער אַרום, שלאָגט שוואַכערע פון זיך, מאַכט אויבנאויף אַן איינדרוק פון אַ נערוועזן, און מען וואָלט געקאָנט דערוואַרטן ביי אים אַן אַגרעסיוו־אומרויִקע פּאָזע. אָבער דאָס קינד האָט דווקא אַן עקסטרעם־האַרמאָנישע שלאָף־פּאָזע... די גענויערע נאָכפאָרשונג פון קינד קלערט אויף דעם כלומרשטן ווידערשפּרוך. דאָס קינד איז אַ בפירושער פּירער־טיפּ, אונטערנעמעריש, צווינגט שטענדיק די קינדער אים צו פאָלגן, איז אויפזעער אין צימער, לאָדט זיך גלענצנדיק אויס ביי טאָג און די פּריער דערמאָנטע דערשיינונגען זענען נאָר עפּיזאָדישע אויסדרוקן פון זיין פּירער־כאַראַקטער, וועלכער קאָרעלירט זיך דווקא מיט אַ האַרמאָנישער פּאָזע ביי נאַכט.

9. דער צווייטער ביישפּיל איז אַן ענלעכער. אַן עלף־יעריק יינגל מר... וואָס האָט קיין שום אינטערעסן נישט חוץ שפּילן זיך אַ גאַנצן טאָג, וואָס כאַפּט שטענדיק אויס די בעסטע שפּילצייג, קעמפט אויס פאַר זיך די בעסטע פּאָזיציעס אומעטום: ביים שפּילן, ביים שפּאַצירן, ביים פאָטאָגראַפירן זיך; וואָס מיידט אויס די יינגערע קינדער און געפינט זיך דווקא צווישן די גרעסערע; וואָס רוט קיין איין שעה נישט אין משך פון טאָג, — אין זיין שלאָף דאָמינירט די האַרמאָנישע פּאָזע.

10. אַדער פאַרקערט די 10־יאָריקע ב. — אַ פּראָווינצער מיידעלע, די רויִקסטע פון דער גאַנצער סאַנאַטאָריע, שטענדיק באַזאָכט, נישט געאײַלט זיך, שטופּט זיך נישט צום שפּילן, שפּאַצירט אַליין, זיצט אין אַ ווינקעלע מיט אַ בוך. וואָלט מען געקענט דערוואַרטן אַ רויִקע האַרמאָנישע פּאָזע ביי איר, — פאַקטיש האָט זיך אַרויס־

געוויזן פאַרקערט: איר שלאָף־פּאָזע איז אָן אומרויקע. צי איז די אומרויקייט פון שלאָף אַ צופעליקייט ביי דעם באַזאַכטן מיידל? ס'איז גענוג זיך צו דערמאָנען דאָס מיידעלע אין אַנשטאַלט. זי איז אַרומגעגאַנגען אומעטיק און געוויינט, און אַפילו נאָך לאַנגע וואָכן זיין אין סאַנאַטאָריע פלעגט מען נאָך טרעפן ביי איר אַ געשטיקטע טרער. צו די וואַרשעווער קינדער פלעגן זיך אַראָפּכאַפּן איין מאָל אין וואָך די עלטערן, צו איר קומען נישט קיין געסט. דורשטיק זאַפּט זי די צערטלעכקייטן פון די לערער. זי גייט אַרום אַליין אויסער דער שפּיל־גרופּע, כמעט אין שפּיללאָזער איינזאַמקייט. די בענקשאַפט און דעם שפּיל־דעפיציט קען זי ווי עס איז באַהערשן אין משך פון טאָג. אָבער דאָס קומט צום פולן אויסדרוק ביי נאַכט. די אַבסערווירטע אומרויקע פּאָזע ביי איר גיט אונדז אַ שליסל צו איר פאַרבאַרגענעם צושטאַנד אין משך פון טאָג.

11. אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט און באַלערנדיק איז דער פאָלגנדיקער פאַקט. צו דער הייל־פּעדאַגאָגישער קאָנסולטאַציע האָט די דערציערין געבראַכט צום פּראָפ. שנייערסאָן אַ קינד ב. — אַ 10־יעריק חסידיש יינגעלע פון אַ פאַנאַטיש־חסידישער שטוב. דאָס קינד דאַוונט ביי אונדז דריי מאָל אַ טאָג, טוט נישט אויס די יאַרמולקע אַפילו ביים שפּילן זיך. פאַר אונדזערע קינדער איז דאָס שיער נישט קיין עקזאָטיק. טייל קינדער האָבן די ערשטע צייט פון אים געלאַכט און נישט גערן אַריינגענומען אין קיין שפּיל. ב. רעדט וויניק, נישט שאַרף. ער האָט ליב זיך צו שלאָגן מיט קינדער, שטערט ביים רוען, טומלט אין די שלאָף־צימערן, גיט אַרויס משונהדיקע קולות. גייט צו אים צו אַ לערער מיט די בעסטע כוונות, שרעקט ער זיך איבער, פאַרשטעלט זיך מיט די עלנבויגנס דאָס פּנים, שטענדיק אין אַ שוץ־פּאָזיציע. ס'איז אינטערעסאַנט, ווי אַזוי דאָס קינד וועט שלאָפן ביי נאַכט. אויף מאָרגן גייט דער פּראָפעסאָר אין אונדזער באַגלייטונג אויף אַ נאַכט־אונטערזוכונג. דאָס קינד ב... שלאָפט דווקא אין אַ טעאַטראַלישער פּאָזע מיט נאַפּאָלעאָנישע ניואַנסן. דער קערפּער ליגט געבויגן „ס"־פאָרמיק, דאָס פּנים אַרויף, קני אויף אַ זייט, אין דער גאַנצער לאַגע און אויסדרוק פון פּנים אַ רויקייט און רחמנותדיקייט. ער אָטעמט גלייכמעסיק־רויק. די ווייטערע נאַכט־אונטערזוכונגען באַשטעטיקן מער ווייניקער דאָס זעלביקע — זיין שלאָף־פּאָזע איז אַ רויקע, האַרמאָנישע אָדער טעאַטראַלישע. די נאַכט־אונטערזוכונג ווייזט אָן, אַז דעם קינדס אויפפירונג — דאָס טומלען, שטערן, שלאָגן זיך — איז נישט קיין אָרגאַנישער אויסדרוק פון זיין אָרגאַנישער קאָנסטיטוציע, נאָר בלויז אַן עפּיזאָדישע, אַ רעאַקטיווע. אין שטוב באַקומט ער אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציִונג, אין חדר אויך. אַז ער איז געקומען אין דער סאַנאַטאָריע, האָט ער פאַר זיך נישט געפונען קיין פּאַסיקע סביבה — דער פרייער קולטור־געזעלשאַפטלעכער שטייגער פון דער סאַנאַטאָריע איז אים גענוג פרעמד, און זיינע אויסערלעכע אַטריבוטן — די פּיאות, די יאַרמולקע, דאָס דאַווענען און דאָס שאָקלען זיך, האָבן אים אויך פרעמד געמאַכט צווישן די קינדער, וועלכע האָבן אים באַגעגנט מיט שפּאָטישע אויסגעשרייען, האָבן אים כסדר אויסגעמיטן, נישט גערן אַריינגענומען אין שפּיל און אַפילו אַ מאָל געגעבן אַ בייזוויליק שפּאָטיש צונעמעניש. אַלס רעאַקציע פון זעלבשוץ קעגן דעם אַלעם האָט זיך גענומען זיין אָפּאָזיציע. דאָס שטענדיקע שטערן, טומלען אין שלאָף־צימער פאַרן איינשלאָפן, שלאָגן קינדער.

גלייכצייטיק אָבער האָט מען ביי אים געקענט באַמערקן שטריכן אינגאַנצן אַנדערע. אויף די קאָנסולטאַציע־שעהען ביים פּראָפ. שניאורסאָן האָט ער זיך געהאַלטן זייער רויק. געענטפערט צו דער זאַך אויף די פראַגן. אין די שפּילן, וואָס מען פלעגט אים אויסלערנען, פלעגט ער זיך שנעל אָריענטירן און פאַרנעמען נישט זעלטן דאָס ערשטע אָרט. אַז מען פלעגט אים געבן ביים רוען אַ ביכל, פלעגט ער צוויי שעה קענען ליגן רויִק, לייענענדיק דאָס בוך, כאָטש ער האָט פון ביכל ווייניק וואָס פאַרשטאַנען, ווייל ער האָט נאָך קוים סילאַביזירט.

די נאַכט־אונטערזוכונגען קענען אונדז אויף אַזאַ אופן העלפן דערקענען, צי די נערוועזע אויפפירונג פון קינד איז אַ שטענדיקע, אַ כאַראַקטעריסטישע, צי בלויז אַן עפּיזאָדישע, צי זי האָט שוין אָנגעריירט דעם שלאָף אויך, צי זי איז בלויז אַ רעאַקטיווע אויף דער באַשטימטער אומגינסטיקער סביבה און אויף די געגעבענע שטערנדיקע באַדינגונגען פון טאָג־לעבן, אָבער קומט נישט צום אויסדרוק אין אַן אַנדערער מער פּאַסנדיקער סביבה אָדער ביינאַכט, ווען דאָס קינד קומט צו זיין אייגענער אומגעשטערטער רו. דאָס באַווייזט אונדז אַזוי באַלערנדיק דער געשילדערטער פּאַל ביי ב.

דאָ מוזן מיר צוגעבן נאָך וואָס: עס זענען פּאַראַן, פּאַרקערט, נערוועזיטעטן, וואָס קומען פאָר נאָר ביים אַליינזיין פון קינד אָדער בשעתן שלאָף ביי נאַכט. אַזוינע נייראָזן רופט אָן דער פּראָפ. שנייערסאָן נייראָזן „0"—ביישפּילן זענען די נאַכטוואַנדלער, אָנאַניסטן. אין אונדזער נאַכט־אונטערזוכונג האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף צוויי פּאַלן מיט בולטע אָנאַניסטישע פּאָזעס, — די קינדער זענען געלעגן מיט די הענט צווישן די פיס און מיט איין האַנט אָדער מיט ביידע געהאַלטן דעם גליד. חוץ דעם אויך איין פּאַל פון אַ נאַכט־וואַנדלערישן כאַראַקטער. דאָס קינד בר... פלעגט זיך אַוועקזעצן אויפן בעטל און מאַכן מיט די הענט. אַ פּאָר מאָל איז ער אַראָפּגעגאַנגען פון בעטל, צוגעגאַנגען צו אַ צווייט קינד, אים וואָס געזאָגט און ווידער אַוועק צו זיך. (די באַשרייבונג האָט אָנגעגעבן דער אויפזעער פון צימער). ווען מיר האָבן אונטערזוכט זיין שלאָף, האָבן מיר אים געטראָפן אין אַן עקסטרעמער אַנגסט־פּאָזע, איינגעדעקט מיטן קאָפּ איבערן קאָפּ, צונויפגעדרייט. נאָר דאָס כאַראַקטעריסטישסטע איז געווען די דינאַמיק פון זיין שלאָף: אין משך פון איין מינוט האָט ער 4 מאָל געביטן זיין פּאָזע!

דאָ גייען מיר שוין אַריין אין גבול פון דעם צווייטן טייל פון שלאָף־אונטערזוכונג — נעמלעך, די פאָרשונג פון דער דינאַמיק פון שלאָף. בעת ביי די פריער באַשריבענע פאָרשונגען איז אונדז געגאַנגען פעסטצושטעלן די לאַגע פון די קינדער אין דעם מאָמענט פון דער איינמאַליקער אונטערזוכונג, ד"ה נעמען אין באַטראַכט די סטאַטיק פון דער פּאָזע, ווערט ביי די דינאַמישע אונטערזוכונגען געפאָרשט, ווי אַזוי די פּאָזעס ענדערן זיך אין משך פון דער נאַכט ביי יעדן קינד באַזונדער. צוליב דעם פלעגן מיר בלייבן אין צימער אַ לענגערע צייט נאָכאַנאַנד און נאָטירן כסדר, אָדער יעדע 5 מינוט, די קלענסטע ענדערונגען פון דער לאַגע ביים שלאָפנדיקן קינד.

עס זענען פּאַראַן קינדער, וואָס ליגן אַפּ גאַנצע שעהען און טוישן נישט די פּאָזע. אגב, האָט אַזאַ קנאַפּע דינאַמיק אין שלאָף געהאַט אונדזער חסידיש יינגעלע ב... דער נאַכטוואַנדלער, — פאַרקערט, זייער אַ שטאַרקע דינאַמיק. אַזאַ דינאַמיק איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די אומרויִקע און אַנגסט־קינדער.

די באָאַבאַכטונגען איבער דער דינאַמיק פון שלאָף האָבן אונדז געוויזן, אַז אַפילו ביי קינדער, וואָס טוישן אָפט די שלאָפלאַגע, קאָן מען פעסטשטעלן איין דאָמינירנ־דיקע פּאָזע. למשל: דאָס עלף־יאָריק יינגעלע ל... (אגב זייער אַן אומרו:קער ביי טאָג) האָט אין משך פון 15 מינוט געטוישט 5 מאָל זיין לאַגע. אָבער דריי פון די 5 פּויזעס זענען געווען ענלעך איינע צו דער צווייטער — טעאַטראַלישע פּאָזעס, די איבעריקע צוויי האָבן געהאַט טענדענצן צו אַנגסט. אינטערעסאַנט, אַז די דערציער האָבן פּאָ־רויסגעזאָגט, אַז מען וועט אים טרעפן אין אַ טעאַטראַלישער פּאָזע.

צווייטער ביישפּיל: פון פיר פּאָזעס, געטוישטע אין 15 מינוט ביים קינד ש..., זענען דריי געווען האַרמאָנישע, און נאָר איינע אַ פעטאַלע.

צוליב קענען אָפּעריר̈ן מיט אַ פאַרלאָזלעכן מאַטעריאַל איז אומבאַדינגט נויטיק די סטאַטישע פאַרשונגען צו דערגענצן מיט דינאַמישע. דאַן וועלן מיר קענען לייכטער עלימינירן פון די שלאָף־פאַרשונגען די צופעליקע פּאָזעס און אין באַטראַכט נעמען נאָר די דאָמינירנדיקע. מען דאַרף דערביי אויך געדענקען, אַז צוליב פאַרשידענע טעכנישע אומשטענדן קאָן דאָס קינד פאַרנעמען די אָדער יענע פּאָזע. אַ קינד, למשל, מיט אַ באַנדאַזשירטן פוס, אַרומגעבונדענעם האַלדז — וועט זיין געצוווּנגען צו פאַרנעמען אַ נישט געוויינלעכע פאַר אים פּאָזע. אַ קינד וועט שלאָפן איינגעדרייט, ווען דאָס בעטל וועט זיין צו קורץ פאַר אים אאַז״וו.

ווען מען עלימינירט פאַרזיכטיק די אַלע צופעליקע אָפּווייכונגען און מען דיספּאָ־נירט מיט רעזולטאַטן סיי פון סטאַטישע ,סיי פון דינאַמישע אונטערזוכונגען, קען די שלאָף־פאַרשונג ווערן אין די הענט פון אַ געניטן דערציער אַ וויכטיק ווערקצייג אין דער פּראַקטישער אַרבעט און קען דינען אַלס דערגאַנצונג און קאָנטראָל פון די פאַרשונגען איבערן קינד ביי טאָג און אויף דער וואָר.

מיר האָבן געזאָגט, אַז עס לאָזט זיך פעסטשטעלן אַ דאָמינירנדיקע פּאָזע ביי יעדן קינד. אָבער די שלאָף־פּאָזע מאַכט אָפט דורך אַן אַנטוויקלונג, וואָס אַנטשפּרעכט דער ענדערונג אין קינדס כאַראַקטער און זיין אויפפירונג ביי טאָג.

דאָס האָט מען גלענצנדיק געקענט אָבסערווירן ביים פשיטיקער קינד ש... (דער אויבנבאַשריבענער פאַל 4), וואָס האָט זיך אין משך פון די חדשים פון זיין פאַר־ברענגען אין מעדעם־סאַנאַטאָריע ראַדיקאַל געענדערט. די אַנפאַלן פון שרעק זענען כמעט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. ער שפּילט זיך גלענצנדיק. לעבט זיך פולקאָם אויס אין קאָלעקטיוו, ער איז אין זיין גרופּע שוין אַן אַלטער בירגער און פירט אַן מיט זיינע ניי אָנגעקומענע חברים. ער איז שוין אַפילו אויפזעער אין צימער. ער קען אַלע לידלעך און נעמט אָנטייל אין די פאָרשטעלונגען. זיין זעלבסטגעפיל און זיין דאָמי־נירנדיקע שטימונג איז לחלוטין אַן אַנדערע ווי אין די ערשטע טעג. און די זעלביקע פאַרוואַנדלונג זעען מיר אין זיין שלאָף־פּאָזע; צום סוף פון צווייטן חודש פון זיין פאַרברענגען אין סאַנאַטאָריע האָט ער אין זיין שלאָף שוין נישט אָנגענומען מער קיין אַנגסט־פּאָזע, נאָר אַ דייטלעך האַרמאָנישע. ער פלעגט זיך מער נישט אַרונטעררוקן אונטערן קאָץ, פלעגט אָפט ליגן מיט די הענטלעך אונטערן נאַקן, שטענדיק מיטן קאָפּ אויפן מיטן קישן. נאָר דער אויסדרוק פון פנים פלעגט נאָך אַלץ פאַרראַטן שפּורן פון אַנגסט...

אַן ענלעכן אויספיר קענען מיר מאַכן אָבסערווירנדיק אין משך פון חדשים די שלאָף־פּאָזעס פון דער אויבן־דערמאָנטער 6־יעריקער מיידעלע מ... (דער אויבן־באַשריבענער פאַל 7). די לעצטע צייט שלאָפט זי שוין נישט מיט די הענטלעך אויפן פּנים, פאַרדעקט די אויגן. זי ליגט אויך נישט איינגעגראָבן אין קישן, איר פּאָזע איז מער רויִק. איין אויג נאָר איז האַלב פאַרשטעלט, דער גאַנצער פּנים איז אָבער פריי אָפּגעדעקט.

די ענדערונג אין דער שלאָף־פּאָזע אַנטשפּרעכט דער אַנטוויקלונג, וואָס דאָס קינד האָט דורכגעמאַכט אין סאַנאַטאָריע: ס'איז ביי איר אין אַ גרויסער מאָס פאַרשוווּנדן די קרענקלעכע שעמעוודיקייט און די מורא פאַר יעדן פרעמדן מענטשן.

אין פאַלן, ווען דאָס קינד פאַלט נישט אַזוי לייכט אַרונטער די ווירקונגען פון סאַנאַטאָריע־לעבן און ווען עס האַלט איין די זעלבע אויפפירונג די גאַנצע צייט, — מערקן מיר אויך אַ קאָנסערוואַטיווקייט אין דער שלאָף־פּאָזע.

אַלס ביישפּיל קען דינען דאָס 13־יעריקע מיידל ש., וועלכע איז געקומען פון שטוב אַן אומרויִקע, אַ צערייצטע און אין משך פון וואָכן די שטימונג נישט געענדערט. דאָמינירט טאָקע אין איר שלאָף די גאַנצע צייט איין פּאָזע — די אַגרעסיוו־אומרויִקע.

די באַשריבענע פאַלן ווייזן דייטלעך, אַז די שלאָף־האַלטונגען פון קינד דריקן אויס מיט אַ באַזונדערער עכטקייט און אָביעקטיווער קלאָרקייט דעם קינדס כאַראַקטער און זיין אינערלעכע אַנטוויקלונג.

„שולוועגן", וואַרשע, סעפּטעמבער—אָקטאָבער 1936

מ. גילינסקי („באַטקע")

פראָפ. דאָבראָוואָלסקי אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע*



דער לערער „באַטקע"

די מעדעם־סאַנאַטאָריע האָט אין משך פון די צען יאָר געהאַט זייער אַ סך געסט, בפועל ממש פון אַלע עקן וועלט. אָפט מאָל זענען עס געווען סתם נייגעריקע באַזוכער, אָבער נישט זעלטן פלעגן קומען געסט, וואָס פלעגן אָרויסווייזן אַ טיפן אינטערעס צום אַנשטאַלט, ווער פון סאַניטאַר־מעדיצינישן שטאַנדפונקט, אַנדערע פון פסיכאָלאָגיש־פּעדאַגאָגישן און ווער פון ריין געזעלשאַפטלעכן קוק־ווינקל.

אין פאַריקן חודש האָט די מעדעם־סאַנאַטאָריע געהאַט אַ גאַסט — דעם באַרימטן פּוילישן געלערנטן און פּעדאַגאָג, פּראָפעסאָר אַנטאָני באָלעסלאַוו דאָבראָוואָלסקי. זיין באַזוך האָט געטראָגן אַ כאַראַקטעריסטיש פון אַ פאָרשונגס־עקספּעדיציע.

געקומען איז דער פּראָפעסאָר מיט צוויי אַסיסטענטינס ס. פרישמאַן און ז. קאַרטשאַק, צווישן וועלכע ס'איז גענוי געווען פאַרטיילט די אַרבעט. איין אַסיסטענטין האָט געהאַט די אויפגאַבע זיך צו באַקענען מיט די פּראָבלעמען פון אַנשטאַלט, די צווייטע — מיט דער פּעדאַגאָגישער אַרבעט, און דער פּראָפעסאָר אַליין האָט זיך אינטערעסירט ספּעציעל מיט דער אָרגאַניזאַציע פון קאָלעקטיוו און דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג.

כדי צו קריגן אַווירקלעך בילד פון די קינדער אין דער סאַנאַטאָריע, זענען די געסט געקומען צו פאָרן גאַנץ פרי און פאַרבראַכט אין אַנשטאַלט ביזן סאַמע שלאָפן גיין פון די קינדער. אַזוי אַרום האָבן די געסט דורכגעמאַכט מיט די קינדער אַ גאַנצן טאָג.

איך שטרייך אונטער „מיט די קינדער", ווייל שוין אין דעם ערשטן מאָמענט האָט זיך איינגעשטעלט אַזאַ נאָענטער, כ'וואָלט אַפילו געזאָגט, אינטימער קאָנטאַקט צווישן

* „שולוועגן", וואַרשע, פעברואַר־מערץ 1937, געקירצט.

פראָפעסאָר מיט די קינדער, אַז אַפילו ביים עסן איז דער טיש, ווו ס׳איז געזעסן דער פראָפעסאָר, כסדר באַלאַגערט געווען מיט קינדער, וואָס האָבן אים פאַרוואָרפן מיט פראַגן און אינפאָרמאַציעס וועגן דער סאַנאַטאָריע.

כדי צו פאַרזיכערן זיך דעם קאָנטאַקט מיט די קינדער, האָט דער פראָפעסאָר געהאַלטן פאַר פעדאַגאָגיש צוועקמעסיק דעם קינדער־קאָלעקטיוו עפּעס צו געבן, און דורך דעם ווערן אויס שטאָם־גאַסט. צוליב דעם פעדאַגאָגישן טעם, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט בילדער פאַר אַ פּראָיעקציע־לאָמפּ, און מיט די קינדער דורכגעפירט אַ שמועס, באַגלייט מיט דורכלייכטונגען. דער פאַקט פאַר זיך און די טעמע האָט אינגאַנצן באַצויבערט די קינדער. ס׳איז געווען פאַר די קינדער אַ דערהויבענע שעה, ווען דער פראָפעסאָר האָט זיי דערציילט וועגן שניי און געוויזן אויפן עקראַן צענדליקער פאָטאָגראַפיעס פון שנייעלעך, די „וווּנדער־צירונג פון דער נאַטור״. קינדער פון 9 יאָר ביז 17 אָן אויסנאַם (לערער און פערסאָנאַל דערצו) האָבן מיט שפּאַנענדיקן אינטערעס געשלונגען יעדעס וואָרט און נישט אָפּגעריסן די אויגן פון די פילגעשטאַלטיקע פאָרמען און אָרנאַמענטן פון די שנייעלעך, פאָטאָגראַפירטע אויף אַ ספּעציעלן אופן און פאַר־גרעסערטע אויפן עקראַן אין הונדערטער מאָל.

דער אָוונט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ יום־טוב. קינדער האָבן געזונגען לידלעך וועגן שנייעלעך, שפּעטער געוויזן אַן אייגענעם „פילם״. ביים געזעגענען זיך האָט שוין דער פראָפעסאָר געקענט אַ סך פון די קינדער לויט די נעמען. ביזן היינטיקן טאָג שיקט דער פראָפעסאָר איבער ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן נאָמענטלעכע גרוסן פאַר אַ ריי קינדער.

אין גאַסטבוך האָט פראָפ. דאַבראָוואָלסקי זיך נישט אַריינגעשריבן, ער האָט אָבער שפּעטער צוגעשיקט אַ גרוס וועגן זיינע איינדרוקן אַלס פעדאַגאָג.

אין בריוו אַנאַליזירט פראָפ. דאַבראָוואָלסקי די פעדאַגאָגישע פאָרמאַציע פון דער סאַנאַטאָריע אויפן סמך פון דעם, וואָס ער האָט געזען אין משך פון איין טאָג און זיך דערוווּסט פון די שמועסן מיט די קינדער, לערער און מיטן חבר ש. גילינסקי.

✶

לאָמיר דאָ באַקענען אונדזערע לייענער מיטן לעבן און טעטיקייט פון גרויסן געלערנטן.

דער פראָפעסאָר דאַבראָוואָלסקי איז אַ קינד פון ווייניק פאַרמעגלעכע עלטערן, און פון 12 יאָר אָן איז ער געצוווּנגען געווען אַליין צו פאַרדינען, כדי צו קענען זיך ווייטער לערנען. אין די גימנאַזיע־יאָרן האָט ער אָרגאַניזירט קאָנספּיראַטיווע שילער־קרייזלעך (1889—1891), וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט באַגנוגענען מיט דער קאַזיאָנער תורה פון דער רוסישער גימנאַזיע, און דורך אינטענסיווער זעלבסט־בילדונג און אומלעגאַלן אָנטייל אין פּאָליטישן לעבן, זיך אויסגעשמידט אַ וועלט־אָנשויונג. שוין אין זיבעטן קלאַס געהערט דאַבראָוואָלסקי צו דער ערשטער פּוילישער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט״, און אַלס אַזעלכער ווערט ער פאַרמשפּט אויף דריי יאָר תפיסה. שפּעטער ווערט ער פאַרשיקט אין טיפליס, פון וואַנען ער אַנטלויפט קיין אויסלאַנד. דאָרט נעמט ער זיך צום ווייטערדיקן שטודירן. שוין אין דער תפיסה פאַרנעמט ער זיך

ערנסט מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. איצט, אין אויסלאַנד, שרייבט ער אַ גרויס ווערק וועגן „גייסט און מאַטעריע", פאַרטיפט זיך אין אור־סוד פון לעבן און זוכט אַ פאַרענטפערונג אין פילאָזאָפישע ספּעקולאַציעס. שפּעטער אָבער קומט ער צו דער איבערצייגונג, אַז כדי צו דערגרונטעווען זיך צום אור־סוד איז נויטיק צו באַנעמען די וועלט עקזאַקט וויסנשאַפטלעך, פאַרשטיין די פיזישע געזעצן פון קאָסמאָס.

דאָבראָוואָלסקי נעמט זיך צו די נאַטור־וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען — פריער איבער דער לעבעדיקער נאַטור און שפּעטער צו דער אומאָרגאַנישער. זיינע פאָרשונגען איבער וואָלקנס, אייז, שניי און באַוועגונג פון לופט, וואַסער, שניי און זאַמד־דיונעס — האָבן געמאַכט דעם פּראָפעסאָר דאָבראָוואָלסקי באַרימט אין דער גאַנצער וויסנשאַפט־לעכער וועלט. כדי צו קענען פאָרשן די דערשיינונג, ווי אַזוי שאַפן זיך די וואָלקנס און די אייז־ און שניי־פעלדער, פאָרט ער אַרויס צוזאַמען מיט דער בעלגישער עקספּעדיציע צום דרום־פּאָל (1897—1899).

וועגן זיינע פאָרשונגען אויף דער אַנטאַרקטידע, שרייבט ער אייניקע ווערק: „די נאַטור־געשיכטע פון אייז", „די פּאָלאַר־עקספּעדיציע". ער גיט אויך אַרויס אַ ריי פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע ביכלעך, וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ פאַרביקן וווּנדער־שיינעם סטיל און מיט אַ צוציענדיק־אינטערעסאַנטן אינהאַלט, זיי ווערן רעקאָמענדירט דורך דעם מיניסטעריום אַלס גלענצנדיקע לעקטור פאַר שול־יוגנט.

דער פּראָפעסאָר דאָבראָוואָלסקי איז מיטגליד אין אַ גאַנצער ריי וויסנשאַפטלעכע אַקאַדעמיעס און געזעלשאַפטן פון אויסלאַנד און אין פּוילן. אַ לאַנגע צייט איז ער געווען דירעקטאָר פון „פּים" (פּוילישן מעטעאָראָלאָגישן אינסטיטוט) — ער טאַקע האָט אַוועקגעשטעלט די אַרבעט אין אינסטיטוט אויף דער אייראָפּעישער הויך.

זיין פּעדאַגאָגישע טעטיקייט אָבער הויבט ער אָן נישט ווי אַ פּראָפעסאָר אין אוניווערסיטעט, נאָר אַלס לערער אין די פּוילישע פאָלקשולן אין קאָנגרעס־פּוילן נאָך אין יאָר 1907.

אין אומאָפּהענגיקן פּוילן פאַרנעמט ער אין בילדונגס־מיניסטעריום אַ הויכן אָרט. ער אָרגאַניזירט און פירט אָן מיט אַ ספּעציעלער פּראָגראַמען־אָפּטיילונג. ער רעדאַגירט די מיניסטעריאַלע אויסגאַבעס: „פּראַקטאָקאָלן פון לעקציעס (פון די בעסטע לערער)".

אין מיניסטעריום בלייבט אָבער דער פּראָפעסאָר דאָבראָוואָלסקי נישט לאַנג. נישט קאָנענדיק דורכזעצן זיינע פּראָגרעסיווע פּאָסטולאַטן און נישט האָבנדיק בדעה כסדר צו גיין אויף קאָמפּראָמיסן — גיט ער זיך אָן אין דעמיסיע. זיין קאַמף פאַר אַ נייער שול רייסט ער נישט איבער. אין 1932 גיט ער אַרויס אַ בראָשור — „דאָס פּראָבלעם פון אַלגעמיינער שול ווי אַ גרונט־פּראָבלעם פון אונדזער ציוויליזאַציע".

אַלס אַ מאָטאָ צו דער בראָשור שרייבט ער:

„איין מאָל פאַר אַלע מאָל דאַרף מען אַ סוף מאַכן צו דער קאַסטע־סיסטעם פון בילדונג, וואָס איז די שווערסטע עוולה, די גרעסטע חרפה און די שרעקלעכסטע באַרבאַריי פון אונדזער תקופה".

דאָבראָוואָלסקיס אידעאַל איז „אַז קערן די גאַסן און אַרבעטן אין די קוילנגרובן זאָלן מענטשן מיט בילדונג".

גלייכצייטיק מיט זיינע פּראַקטיש־פּעדאַגאָגישע אַרבעטן, איז דער פּראָפעסאָר

דאַבראָוואָלסקי שטאַרק פאַרנומען מיט ריין טעאָרעטישע פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען, זייענדיק פון 1926 פּראָפעסאָר פון דעם פּעדאַגאָגישן פאַקולטעט אויף דער „ווּשעכניצע" אין וואַרשע.

צווישן זיינע צוהערער איז ער באַקאַנט אַלס שטרענגער קריטיקער פון דער ביז איצטיקער פּעדאַגאָגישער ליטעראַטור, וועלכע איז לויט דאַבראָוואָלסקין זייער ווייט פון וויסנשאַפט. יעדע וויסנשאַפטלעכע געבידע מוז געבויט ווערן פון וויסנשאַפטלעכע ציגל. די ציגל — דאָס זענען די איינצלנע באַגריפן, וואָס מוזן גענוי פּרעציזירט ווערן, מאַטעמאַטיש־קלאָר אַנאַליזירט און עקזאַקט פאַרשטאַנען ווערן.

דאַבראָוואָלסקי איז דער ערשטער אין דער פּעדאַגאָגישער וועלט, וואָס האָט צונויפגעשטעלט אַ מין „קאַטאַלאָג" פון עלעמענטן־טעטיקייטן, פּאָסטולאַטן פון אינטע־לעקטועלער אַרבעט, אַריינגעמענדיק אין קאַטאַלאָג די דאָמינירנדיקע גרייזן, פעלערן און אָפּווייכונגען פון אינטעלעקט.

מיט אַזאַ גענויער פּרעציזירונגס־אַרבעט וויל דאַבראָוואָלסקי, דער עקזאַקטער נאַטור־פאָרשער און ביאָלאָג, דער מאַטעמאַטישער קאָפּ און טיפער פילאָזאָף, אונטערלייגן אַ וויסנשאַפטלעכן פונדאַמענט פאַר דער נאָך אַלץ יונגער וויסנשאַפט — פאַר דער פּעדאַגאָגיק.

*

און איצט ברענגען מיר „אין עקסטענסאָ" דעם בריוו פון פּראָפעסאָר דאַבראָוואָלסקי וועגן דער סאַנאַטאָריע. דער בריוו האָט אַ טיפן פּעדאַגאָגישן אינהאַלט, און דערפאַר איז ער אומגעהויער אינטערעסאַנט און באַלערנד פאַר יעדן לערער און דערציער. דער בריוו איז אַדרעסירט צו די דערציער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, און האָט אַזאַ אינהאַלט:

„קאָלעגן!

אומדירעקט און טיילוויז האָבן מיר זיך שוין נישט איין מאָל מיט אייך באַרירט, מיט אייערע קינדער און מיט אייער אַנשטאַלט. קאָלעגע גילינסקי־יוניאָר איז דאָך מיינער אַ צוהערער אין דער ווּשעכניצע; ער האָט עס אונדז פאַרבעטן — אויף אייער שוין באַרימטן, הגם ליידער, נאָך אַלץ נישט עפנטלעכן פילם, וועלכער האָט נישט נאָר אַנטציקט אַלע אַנוועזנדיקע, נאָר האָט אויך אויסגעלערנט נייע זאַכן אונדז, פּעדאַגאָגן־טעאָרעטיקער און פּראַקטיקער, וועמען עס קאָן נישט אַבי וואָס אימפּאָנירן. מיר זענען אויך געווען אויף דער באַאַרבעטער און שפּעטער פּרעכטיק דערגענצטער פאַרשטעלונג פון דעם פילם מיט דער הילף פון לעבעדיקע געשטאַלטן אין „נאַוואַשטשי". אָט אַזוי צוגעגרייטע, זענען מיר געקומען צו אייך אויף אַ גאַנצן טאָג, בכדי צו האָבן די אומ־באַדינגט נויטיקע פאַר אַ פּעדאַגאָג גאַנצקייט פון אַ טאָגיקן לעבנס־פּעריאָד פון אייער אַנשטאַלט.

דאַרפן מיר זיך דען טיילן מיט אייך מיט אונדזערע איינדרוקן? דערציילן אייך וועגן אייער אויפריכטיק חברישער גאַסטפריינדלעכקייט? זאָלן מיר אייך דערציילן וועגן אייער פולן אָפּגעבן זיך דער גרויסער זאַך? זאָלן מיר אייך דערציילן וועגן אייער אויסדויערנדיקער אַרבעט, די וואָס מען זעט און בפרט די, וואָס מען זעט נישט? זאָגן

אייך וועגן דעם רירנדיקן בילד פון דעם ביסל קינדער, וועלכע איר האָט אַרויסגעריסן פון די פינצטערע קעלערס פון נויט צו דער זון, צו אַ פשוט מענטשלעך לעבן, וואָס קומט יעדן קינד, און צו וועלכן עס האָבן נישט קיין צוטריט די אָרעמע קינדער? — אַרויס־געריסן, אמת, בלויז אויף אַ ווײַלע, אָבער אַ ווײַלע, וועלכע קען זיך פאַרוואַנדלען ביי זיי אין דער גרעסטער איבערלעבונג, וואָס קאָן (הלוואי ביי זיי אַלע...) דערוועקן אין זיי אַ דויערנדיקע און אַקטיווע בענקשאַפט נאָך אַ בעסערן לעבן און אין דער ריכטונג ווירקן אויף דער סביבה?... אָבער דאָס אַלץ ווייסט איר דאָך אַליין און זיכער זאָגן עס אייך אַלע. אַלזאָ, אַנשטאָט איינדרוקן וועלן מיר זיך מיט אייך, קאָלעגן, טיילן מיט אונדזערע באַאָבאַכטונגען, מיט באַאָבאַכטונגען פון פּעדאַגאָגן, וואָס האָבן אַ שייכות צו דעם, וואָס מען קאָן זיך ביי אייך אויסלערנען.

אין אייער אַזוי אויך גענוג שווערער אויפגאַבע איז דאָ איין נישט געוויינלעכער אומשטאַנד: דאָס איז דער קורצטערמיניקער אויפהאַלט פון די קינדער. ער איז זייער געפערלעך און באַשווערט באַזונדערס אייער אַרבעט. איז דאָך אָבער אייער דערציערישע טעטיקייט בלויז אַ געלעגנהייטלעכע, זי באַשטייט אין אויסנוצן יעדע געלעגנהייט. דערפון דרינגט אַרויס די נויטווענדיקייט פון אָנווענדן „בליצאַרטיקע" פּעדאַגאָגישע מעטאָדן, טראָץ דעם קאַרדינאַלן פּעדאַגאָגישן פּרינציפּ „איַל זיך נישט". באַזיגן אָט־אָ די סתירהדיקייט במשך אַ קורצער צייט, פאַרוואַנדלען אַן אינגאַנצן אומקולטורעל און נישט געזעלשאַפטלעך קינד, כאָטש בלויז אויסערלעך, אין אַ רעלאַטיוו קולטורעל און געזעלשאַפטלעך קינד, פאַרטרעטן די דערצו נויטיקע צייט מיט אינטענסיווקייט און אָרגאַניזאַציע פון אָנשטרענגונגען — דאָס זעט אויס לכתחילה ווי אַן אוטאָפּיע. פון דעסטוועגן טוט איר דאָס — נאַטירלעך אין די גרענעצן פון מענטשלעכע כוחות — און אייערע רעזולטאַטן זענען באמת איבער יעדער דערוואַרטונג. איר טוט מער פון מאַקסימום דערפון, וואָס זעט אויס צו זיין מעגלעך. אמת, איר האָט צוויי ערנסטע אַטוטן, וועלכע עס פאַרמאָגן נישט די שולן: — ראשית, פאַרהעלטנישמעסיקע פרייהייט פון דערציען, אַלזאָ אַ פרייע האַנט ביים באַשטימען די צילן, ביים פעסטשטעלן דעם פּראָגראַם און די מעטאָדן, שנית, אַן אינטערנאַט, ס'הייסט אַ כסדרדיקן קאָנטאַקט מיט די קינדער, אַלזאָ אַ דערציערישע אַרבעט, וואָס איז נישט געשטערט און אין וועלכער עס מישט זיך נישט אַריין די קעגנזעצלעכע ווירקונג פון דער סביבה.

אָט־אָ די צוויי אומשטענדן זענען נאָך אָבער נישט די דעצידירנדיקע. מיר קענען נעמלעך אינטערנאַטן, אונדזערע און אויסלענדישע, מיר ווייסן: זיי זענען נישט באַפריי־דיקנדיק און אַפילו שוידערלעך. און פּרוווט, ביטע, געבן אַ נישט קרעמפּירטע דערציערישע פרייהייט — פאַרטאַבאַקטע מלמדים אָדער איגנאָראַנטישע, אומפאַר־אַנטוואָרטלעכע אינאָוואַטאָרן, וועט זיין ערגער! פון אייך, דווקא פון אייך, דאַרף מען זיך לערנען, ווי אַזוי אויסצונוצן אַזעלכע צוויי פּריווילעגיעס, וויפל אויסדויער, ברען, אַרבעטזאַמקייט. עס קאָסט אָפּ דאָס אויסנוצן!

דערפון דרינגט אַרויס דער אַלגעמיינער אויספיר, אַז דעם מענטשנס מעגלעכקייטן זענען גרעסערע ווי עס דאַכט זיך, און צוגלייך דער פּראַקטישער פועל־יוצא, אַז במשך פון אַ לענגערער צייט, אַן יאַגעניש וואָלט מען געקאָנט האָבן נאָך בעסערע רעזולטאַטן: טאָקע באמת דערציען קינדער פאַר אַ בעסערער צוקונפט. דעריבער טאָקע דאַרף

זיך צו אייער אַרבעט צוקוקן דער שול־דערציער און אויך דער טעאָרעטיקער קאָן פון איר געניסן.

★

פון דעסטוועגן דערגרייכט איר די רעזולטאַטן נישט בלויז אַדאַנק אייך אַליין, נאָר אויך אַדאַנק דער אָרגאַניזאַציע פון אייער אַרבעט — אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איז גליקלעך קאָמבינירט, ווייל זי איז גלייכצייטיק אידעיִש און זייער ראַציאָנעל: צוויי עלעמענטן, וועלכע גייען נישט אַלע מאָל געפּאָרט...

קודם־כל האָט איר דרייסט און זייער שכלדיק געזוכט ביי אייער שווערער אויפגאַבע אַ שטיצפּונקט און הילף אין די קינדער גופא („דרייסט" האָט מען שוין פּראָבירט פאַר אייך, אָבער „זייער שכלדיק" איז עס זעלטן געווען...). איר האָט איינגעשפּאַנט די קינדער צו דער דערציערישער אַרבעט ווי אויך צום „באַלעבאַטעווען" מיטן אַנשטאַלט. איר האָט איינגעפירט אַ זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט אַ קלוגע, פּראַקטישע און גלייכצייטיק אידעיִשע באַדייטונג: אַ באַדייטונג פון אַ מיטפאַרוואַלטונג, וועלכע איז גלייכצייטיק ווייט פון אַ דעמאָקראַטיע, פּונקט ווי זי איז ווייט פון אַ כלומרשטער זעלבסט־פאַרוואַלטונג לויטן „פירער"־פּרינציפּ. איר האָט עס געקאָנט טאָן, ווייל איר זענט זיכער אין זיך זעלבסט, אין אייערע מעלות און קוואַליפיקאַציעס. די מיט־פאַרוואַלטונג האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. זי האָט זיך אַרויסגעוויזן אַלס אַ מער ווירקזאַם מיטל ווי ווען איר וואָלט אַפילו באַדייטנדיק פאַרגרעסערט אייער גאַנץ קנאַפּן פּערסאָנאַל.

ווייטער, איר האָט קלוג באַמערקט אויף וואָס איר דאַרפט אין דער דערציִונג פון אייערע קינדער לייגן אַ ספּעציעלן טראָפּ. דאָ האָט זיך אַנטפּלעקט אייער חוש פאַר ווירקלעכקייט, וואָס דערלויבט אייך צו רעאַליזירן שווערע ענינים. דער אינטערנאַט־דערציער וואָלט זיך ביי אייך געקאָנט אויסלערנען די קונסט פון איינפלאַנצן אין די קינדער די באַדערפעניש צו אָרדענונג און ריינקייט ביי זיך אין זייער סביבה — אויף אַן אמת, נישט בלויז לשם באַווייזן זיך פאַר יענעם. מיר ווייסן, אַז דאָס אונטערשטרייכן אָט־אָ די דאָזיקע עלעמענטאַרע זייט פון דער דערציִונג נעמט זיך ביי אייך נישט נאָר פון דער ספּעציפישער סיבה, וואָס די קינדער שטאַמען פון קולטורעל־אָפּגעשטאַנענע שיכטן. זי האָט אויך אַ ספּעציעלן פּעדאַגאָגיש־געזעלשאַפטלעכן ציל: אַן עקזאַקטע צופּאַסונג פון די פאָדערונגען פון פּראָגראַם צו דער סביבה פון די קינדער, און דאָס אויסנוצן די דאָזיקע קינדער צום אויפהויבן אידעיִש און קולטורעל זייער סביבה. אָט דעם רעאַליזם אייערן — שעצן מיר הויך און מיר רעקאָמענדירן אים נאָכצוטאָן.

און ענדלעך, אַן אויסערגעוויינלעכע אייגנאַרטיקייט — און נאָך איין סוד פון אייער דערפאָלג: דאָס איז יענע אוממיטלבאַרקייט אין די באַציִונגען צווישן אייך און די קינדער, וועלכע מען פילט, מען זעט, מען הערט אויף יעדן טריט, מיט וועלכער ס'איז אָנגעזאַפּט די גאַנצע אַטמאָספער פון אייער אַנשטאַלט — און דאָס אַן אוממיטל־באַרקייט אַ קעגנזייטיקע. פון דאַנען — דער קעגנזייטיקער צוטרוי, וועלכער פאַר־לייכטערט נאַטירלעך אייך אין אַ גרויסער מאָס אייער אַרבעט. טאָ זאָלן צו אייך קומען די אַלע פאַרשטיינערטע בעלפערס, אַלע פאַרבאַאַמטעוועטע נשמות אָפּצואָטעמען כאָטש אויף איין מינוט מיט אַן אַנדער לופט, מיט פרישער לופט פון אוממיטלבאַרקייט און

צוטרוי, — זיי זאָלן זיך אָזש מיט אייך פאַרכלינֿיען, פאַרשטיקן, זיי זאָלן באַקומען אַ „קאַטאַר פון דערלייזונג״! זיי וואָלטן אפשר געעפנט זייערע אויגן, וועלכע זענען פאַרשטעלט מיטן בילעט פון רוטין, זיי וואָלטן אפשר דערזען — דורך פאַרגלייכן — זייער גאַנצן דלות, אַלס דערציער און אַלס מענטשן און זיי וואָלטן זיך אפשר פאַרשעמט!... אָט דער זעלבער גייסט הערשט אין די קעגנזייטיקע באַציִונגען צווישן די קינדער און — ווער ווייסט: אפשר אויך צווישן די דערציער? — וואָס עס וואָלט געוווען די גרעסטע, ווייל, דוכט זיך, די אינגאַנצן נישט באַגעגנטע אייגנאַרטיקייט... אויב עס איז אַזוי, זענט איר באמת „אויסער יעדער קאָנקורענץ״.

*

איין באַמערקונג: לויט איר פאָרם איז אייער אינסטיטוציע אַ פילאַנטראָפּישע, פאַרפאַלן. נישט די געזעלשאַפט שאַפט זי און נישט פאַר אַלע קינדער. אָבער דער פילאַנטראָפּישער כאַראַקטער ווערט אינגאַנצן פאַרטושט פון דעם אידעיִשן כאַראַקטער. אייערע קינדער, איבערהויפּט די עלטערע, פאַרלאָזן אייך מיט דער איבערצייגונג, אַז דאָס אַלץ, דאָס בעסערע לעבן, — געהערט זיי, געהערט אַלע קינדער. און דאָס איז אפשר די שענסטע פרוכט פון אייער אַרבעט.

האַרציקע גרוסן פאַר אייך אַלע, פאַר אייערע קינדער, פאַר שמואליקן פון פּשיטיק און פאַר דער קליינער חנהלע.״

מ. גילינסקי (באַטקע)

פרייע אינסצעניזאַציע־שעהען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

1

איך וועל אָנהייבן מיט אַ כאַראַקטעריסטישן פאַל:

ביי אַ פענצטער מיט אַן אויטאָמאַטישער עלעקטרישער רעקלאַמע. רויטע לעמפּ־לעך אין פענצטער צינדן זיך אָן און פאַרלעשן זיך. אַזוי כסדר. ביים פענצטער שטייט אַ יינגל פון אַ יאָר 11, אָנגעשפּאַרט מיט איין האַנט אין ראַם, און מיט דער צווייטער אָנווייזנדיק אויף די לעמפּלעך. די פּאָזע פון קערפּער, דער קאָנצענטרירטער בליק — ווי ביים היפּנאָטיזירן. און איך הער, ווי ער באַפעלט: „gaśnij" — „pal się!" און אַזוי ריטמיש, סוגערירנדיק, צענדליקער מאָל נאָכאַנאַנד. דאָס יינגל האָט זיך אַזוי שטאַרק איבערגענומען מיט זיין ראָל, אַלס גורם פון ברענען און לעשן זיך פון די לעמפּלעך, אַז ער האָט אַפילו נישט געלייגט קיין אַכט, ווען בין איך צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צו אים.

דער דאָזיקער פאַל ווייזט, ווי דאָס קינד זוכט און געפינט געלעגנהייטן אויסצו־שפּילן זיך „דראַמאַטיש", דאָס הייסט אין דיאַלאָג מיט נאָך אָביעקטן און האַנדלונגען מיט מיטשפּילער און דער עיקר — ווי טיף דאָס קינד לעבט איבער זיין ראָל און ווי לייכט עס ווערט אַריינגעצויגן אין אַ סיטואַציע.

אַז דער דראַנג אויסצושפּילן זיך איז ביים קינד פון די ערשטע יאָרן אָן זייער שטאַרק — איז ביי קיינעם קיין ספק נישט, און אַז די שפּיל־לוסט טאָר ביים קינד נישט געהאַמעוועט און אָוודאי נישט דערדריקט ווערן — ווייסט יעדער דערציער און לערער. פּראָפ. שניאורסאָן שרייבט („ייוואָ־שריפטן פאַר פּסיכאָל. און פּעד."): „אויף וויפל די „נוצלעכע" אַרבעט באַפרידיקט די קאָנקרעטע אינטערעסן פון לעבנסקאַמף, אויף אַזוי פיל איז אויך לעבנסוויכטיק די „אומנוצלעכע" שפּיל, וואָס סטימולירט דעם לעבנס־דראַנג גופא (ד. ה. דעם חשק צום לעבנס־קאַמף) און הויבט אויף די שפּאַנונג פון פּסיכישן לעבן". ווען עס פעלט ביים קינד דער שפּיל־עלעמענט, פילט עס אַ פּוסטקייט, אַ גרויקייט אַרום זיך און אין זיך.

איינער פון די וויכטיקסטע עלעמענטן פון די קינדער־שפּילן איז דער דראַמאַ־טישער: דאָס פאַרשטעלן זיך, איבערטון מלבושים, שפּילן מיט דער ליאַלקע, נאָכמאַכן די אַרומיקע, ברומען ווי אַ בער, שפּילן אין פּאָליציאַנטן, קאָוובאָיען — אָט די אַלע פרייע נישט אויפגעצוווּנגענע, נישט איינגעלערנטע און נישט אין כללים אַריינגע־נומענע, עכט קינדערישע דראַמאַטישע שפּיל־עלעמענטן פילן אויס יעדע פרייע שעה

בײם קינד. אַט דער דראַנג זיך אויסצולעבן האָט אויך פאַרהאַלטן דאָס אױבנדערמאַנטע קינד בײם פענצטער. און אַט דעם באַדערפעניש פון קינד זיך אויסצולאָדן אין אַלײנ־שאַפנדיקער קינדער־פאַרשטעלונג קומען מיר אַנטקעגן אין דער פרײער אינסצעני־זאַציע־שעה, װעגן װעלכער איך װעל דאָ קורץ באַריכטן.

אַזעלכע שעהען װערן אָרגאַניזירט נאָר אײן מאָל אין װאָך, פאַר אַלע גרופּעס צוזאַמען. דאָס איז אײנער פון די מאָמענטן װען אַלע 170 קינדער (װינטער 120) פון סאַנאַטאָריע קלײבן זיך צונויף צוזאַמען און װײלן זיך קאָלעקטיװ. אַזעלכע שעהען װערן געװידמעט דאָס רוב דער דראַמאַטישער שפּיל פון די קינדער. דער לערער נוצט פאַרשידענע מיטלען, כדי צו געבן אין דער שול אַ מעגלעכקײט אויסצושפּילן זיך, אויפצוװעקן בײ די קינדער די שעפערישע פאַנטאַזיע, אַקטיװיזירן זײערע דראַ־מאַטישע פעיִקײטן, דערצו נוצן מיר אויס דרײ מיטלען:

1. לאָזן די קינדער פרײ שפּילן לויט אַ געגעבענער טעמע.
2. לעבעדיקע שאַראַדעס און
3. אינסצעניזירן אויפן אָרט דעם אינהאַלט פון אַ בילדל.

באַליבט איז בײ די קינדער דער ערשטער אופן פון פאַרװײלן זיך. דער לערער גיט די קינדער נאָר אַ סכעמע פון אַ סיטואַציע און די קינדער, װעלכע האָבן חשק דערצו, נעמען זיך אונטער גלײך אויפן אָרט די סכעמע צו אַנטװיקלען און פאַרצו־שטעלן.

אַ בײשפּיל. דער לערער דערצײלט: „נעכטן בין איך געפאָרן מיטן טראַמװײ. האָב איך דורכן פענצטער דערזען, װי אַ פרוי האָט עפּעס פאַרלוירן און אַ ײנגל האָט עס באַמערקט. דער טראַמװײ איז געפאָרן שנעל, און איך האָב נישט געזען, װאָס ס'איז װײטער פאָרגעקומען. װער פון אײך װאָלט געװאָלט פאַרשטעלן די פרוי מיטן ײנגל? פאַרשטײט זיך, נישט נאָר דאָס, װאָס איך האָב געזען — דעם מיטן — נאָר טאָקע פון אָנהויב ביזן סוף פון דער געשעעניש. עס הײבן זיך הענט פון אַלע זײטן. דער לערער גיט זײ 5 מינוט אויף צוזאַמענרעדן זיך, װער זאָל שפּילן די פרוי, װער דאָס ײנגל. און פאַרנװײז (אויב ס'איז נויטיק, פירן זײ אַרײן אין דער אַקציע נאָך פּערזאָנען) שפּילן זײ דורך אײנס נאָכן צװײטן, װאָס זײ האָבן געשאַפן. איך װיל דאָס אילוסטרירן מיט עטלעכע בײשפּילן.

די ערשטע פּאָר האָט די סכעמע אַזױ אַנטװיקלט: די פרוי קויפט אַ פּאָמעראַנץ, לײגט אַרײן אין קױשל און גײט. דער פּאָמעראַנץ פאַלט אַראָפּ אויף דער ערד. דאָס ײנגל הײבט אויף, באַהאַלט אונטערן מאַנטל. די פרוי זוכט, איז שטאַרק אויפגערעגט, פרעגט זיך בײם ײנגל. דאָס ײנגל װײסט נישט, װאָס צו טאָן. ער ענטפערט, אַז ער האָט נישט. די פרוי איז שטאַרק געקרענקט. דעם ײנגל פאַרדריסט, װאָס ער האָט נישט אָפּגעגעבן. ער װיל פאַרריכטן דעם פעלער און אָפּגעבן, שעמט ער זיך שױן. װאַרפט ער אונטער דעם פּאָמעראַנץ און אַנטלויפט. װיפל פּסיכאָלאָגישע אַרײנפילונג אין ײנגלס איבערלעבונג! װיפל אַקציע און שפּאַנונג! און װיפל פרײד און גלײכצײטיק ערנסטקײט בײם שפּילן!

די צװײטע פּאָר פירט אַרײן אַ דריטע פּערזאָן — אַ פּאָליציאַנט, װאָס מוז אינטערװענירן.

די דריטע פּאָר שטעלט זיך פאַר אַן אַנדערן פינאַל. דאָס קינד גיט אָפּ דאָס פאַרלוירענע טעשל, און די פרוי דאַנקט אים, גיט אים דערפאַר צוקערלעך. ער וויל נישט נעמען.

און אינטערעסאַנט, וואָס ווייטער הייבן זיך אָלץ מער הענט פון קינדער, וואָס ווילן דאָס זעלבע שפּילן. פאַרשטענדלעך, אַז עס הייבן זיך אָן איבערחזורונגען, איינפאַך נאָכמאַכונגען, אָבער די קינדער, וואָס שפּילן, פילן נישט, אַז זיי חזרן איבער דאָס געזעענע. זיי שפּילן עס מיטן זעלביקן אינטערעס און דער זיכערקייט, אַז זיי שאַפן עפּעס אייגנס.

אַ פּאָר ביישפּילן פון טעמעס: 1) באַקומען אַ בריוו. 2) דער ראַדיאָ איז עפּעס קאַליע. 3) כ׳האָב גאָר געמאַכט אַ שפּאַס! 4) דער טאַטע האָט באַקומען אַרבעט. 5) דאַכט זיך, מיר קענען זיך?

די טעמעס ווערן ס׳רוב אָנגעגעבן דורך די קינדער אַליין, אָדער דורך לערער. עס דאַרפן, פאַרשטייט זיך, צוגעקליבן ווערן אַזעלכע האַנדלונגען, וואָס זאָלן זיין צוגענגלעך פאַרן קינד, זאָלן רעדן צו זיין פאַנטאַזיע, זיין פאַרבונדן מיט זיין עמאָציאָנעלן לעבן. עס טאָרן נישט אָנטיילנעמען מער ווי דריי־פיר פּערזאָן און עס דאַרף נישט צו לאַנג געדויערן, כדי די שפּיל־גרופּעס זאָלן זיך קאָנען טוישן און וואָס מערער קינדער זאָלן אַריינגעצויגן ווערן.

אייגנטלעך, זענען אויך די איבעריקע קינדער נישט קיין פּאַסיווע צוקוקער. כמעט יעדער פון זיי איז גרייט באַלד אַליין אַרויסצוגיין שפּילן, און דעריבער איז די איינשטעלונג ביי זיי נישט ווי ביי סתם צוקוקער, נאָר ווי ביי מיטשפּילער, וועלכע זענען נאָר אויף אַ ווײַלע אָוועק אָן אַ זייט. יעדער געלונגענער איינפאַל פון שפּילער אָדער יעדער פאַרזען ווערט טאָפּלט אַסימילירט פון די צוקוקער — מיטשפּילער.

כדי נאָכמער צו אַקטיוויזירן דאָס פּובליקום, ווערט איינגעפירט נאָך יעדן סעאַנס פון אַ שפּיל־גרופּע אַ פּויזע פאַר רעצענזיעס. די צוקוקער נעמען אַ וואָרט וועגן דעם ווערט פון דער אויספירונג: צי האָבן זיך די שפּילער ווי געהעריק איינגעלעבט אין די ראָלן, צי האָבן זיי טרעפלעך פאַרשטאַנען די סיטואַציע, צי האָבן זיי נישט שאַרזשירט, וואָס וואָלט מען געקאָנט אויסבעסערן, ענדערן אאַז״וו. עס נעמט אויך אַ וואָרט דער שפּילער, וואָס דאַרף פאַרטיידיקן זיין שטאַנדפּונקט און זיין צוגאַנג, פאַר וואָס ער האָט אַזוי און נישט אַנדערש געשפּילט, און וואָס ער האָט געמיינט מיט דער אָדער יענער האַנדלונג. די רעצענזיעס האָבן פאַר אַ ציל נישט נאָר צו מאַכן אינטערעסאַנטער די שפּיל־שעה, פאַרשידנאַרטיקער די פאַרוויילונג, נישט נאָר צו אַקטיוויזירן די צוקוקער — דאָס האָט אויך אַ ווייטערן דערציערישן ווערט: עס לערנט אויס די קינדער צו קוקן און פאַרשטיין אַ געשפּילטע אַקציע, קריטיש אָפּשאַצן דאָס געזעענע. דעם שפּילער צווינגט עס נאָך מער צו פאַרטיפן זיך ביים שפּילן, אַריינפילן זיך אין דער סיטואַציע, עס האַלט אים אָפּ פון סתם נאָכמאַכן די פריערדיקע חברים אָדער פון איבערגעטריבענעם שאַרזשירן.

נישט שטענדיק ווערט געשפּילט אין אַזעלכע אינסצעניזאַציע־שעהען מיט דער הילף פון אַ דיאַלאָג. אָפט ווערן די סצענקעס אַראַנזשירט, ווי אַ מימישע שפּיל. דאָס פאַרלייכטערט אַ סך די קלענערע קינדער, ווייל דאָ קאָנצענטרירט זיך דאָס קינד

מערער אויף דער שפּיל גופא, אויף דער אַקציע, און זיין אויפמערקזאַמקייט ווערט נישט אָפּגעצויגן אויף זוכן שפּראַכלעכע אויסדרוק־מיטלען, וואָס קומט אָן דעם קלענערן קינד שווערער.

2

דער צווייטער וועג אויף ברענגען צום אויסדרוק די דראַמאַטישע פעיִקייטן פון קינד — זענען „לעבעדיקע שאַראַדעס". די שאַראַדעס ווערן זייער אָפט אויסגענוצט אין אונדזערע אינסצעניזאַציע־שעהען, און די קינדער נעמען זיי תמיד זייער גערן אויף.

די שפּיל קומט פאָר אַזוי. דער לערער פרעגט די קינדער, ווער עס ווייסט אַזאַ וואָרט, וואָס לאָזט זיך טיילן אויף חלקים, און יעדער טייל זאָל קאָנען דינען אַלס טעמע פאַר אַ באַזונדערער סצענקע, ווי למשל „פּאַ—שיסט": „פּאַ" קאָן דינען אַלס טעמע פאַר אַ לעקציע געזאַנג, „שיסט" קאָן דינען אַלס טעמע פאַר אַ יעגער־שפּיל. דאָס קינד, וואָס מעלדעט זיך צום לערער מיט אַ צוגעפּאַסט וואָרט, קלייבט צו צו זיך אַ גרופּקע פון 4—5 חברים, מיט וועלכע ער דאַרף בשותפות שאַפן און „איינרעפּעטירן" די צוגעטראַכטע סצענקעס. אַלץ ווערט געגרייט זעלבשטענדיק לויט זייער אייגענעם אויסוואַל און איינזען. די צוגרייטונג דאַרף נישט דויערן מער ווי 5—10 מינוט. כדי די זאַך זאָל נישט פאַרלירן אין דער ספּאָנטאַנישקייט און אוממיטלבאַרקייט (די צוגרייטונגען קומען פאָר, פאַרשטייט זיך, אין אַן אַנדערן צימער).

איין ביישפּיל:

אַ קינד האָט צוגעטראַכט דאָס וואָרט מלחמה, פאַרטיילט אויף מילכ—אַ—מע, זיך פאַרשטענדיקט מיט אַ גרופּע פון 6 קינדער, און אין פינף מינוט אַרום הייבט זיך אָן די ערשטע סצענע:

אַ שוועסטער מיט אַ ברודערל. די שוועסטער איילט זיך אין שול, זוכט די ביכער, שמייעט. דאָס ברודערל וויינט און שרייט „טייי". די שוועסטער גיט אים מילך. דאָס קינד שרייט: „יאָך וויל נישט קיין מילך". עס קומט די מאַמע און באַרויִקט אים.

די צווייטע סצענע: אַ לעקציע יידיש. איין לערער, פינף שילער. אַ דיקטאַט. איין קינד שרייבט דאָס וואָרט „דאָס" מיט אַ „ו" אַנשטאָט „אָ". דער לערער פאַריכט דעם פעלער, הייסט די שילער זאָגן אויף אַ קול: „נישט „ו", נאָר „אָ".

די דריטע סצענע: אַ מענאַזשעריע. אַ בער (אַ קינד איבערגעדעקט מיט קאָצן), אַ שעפּסעלע און אַ ציג (קינדער מיט פעלצלעך), אַ טאַטע מיט אַ קינד שפּאַצירן. דער בער ברומט, די ציג מעקעט, דאָס יינגעלע שפּעט נאָך „מע", „מע".

דער גאַנצער עולם איז געשפּאַנט. זיי ווייסן נישט, וועגן וועלכן וואָרט עס האַנדלט זיך. זיי דאַרפן און ווילן עס שטאַרק טרעפן. זיי פאָלגן נאָך אויפמערקזאַם די גאַנצע האַנדלונג פון שפּיל, כאַפּן אויף יעדעס וואָרט פון שפּיל, כאַפּן אויף יעדעס וואָרט פון די אַרטיסטן. וועלכעס וואָרט ווערט דאָ אַממערסטן אַקצענטירט? אין דער ערשטער סצענע איז מעגלעך דאָס וואָרט „טייי", „מילך", און אפשר גאָר „שול", אין דער צווייטער „ו" אָדער „אָ", און אין דער דריטער „מע", אָדער „ציג", אָדער אפשר גאָר „בער"? דאַרף מען פּרובירן, קאָמבינירן. עס גייט אָן אַנגעשטרענגטע אינטעלעקטועלע אַרבעט ביים קליינוואַרג. און האָט עמעצער געטראָפן, איז זיין פרייד אין לשער, נאָר אַרויסשרייען טאָר ער נישט. ער מוז זיך באַהערשן און שווייגן, ביז

דער לערער וועט צוגיין צו אים און שטיל אויפנעמען זיין ענטפער. אַזוי גייט דער לערער, נאָטירט שטיל אַלע ריכטיקע ענטפערס (די נישט ריכטיקע ענטפערס זענען אויך אינטערעסאַנט פאַרן לערער), און דאַן זאָגט מען אויס דעם קינדער־עולם דעם רעזולטאַט.

ווי ס׳איז צו זען, זענען ביי די שאַראַדעס נישטאָ קיין פּאַסיווע צוקוקער. דער גאַנצער זאַל ווערט אַריינגעצויגן אין שפּיל, אַלע זענען שעפעריש, יעדער אויף זיין אופן.

די קינדער טראַכטן צו ווערטער, אָן אַ שיעור, און עס ווערט זיי קיין מאָל נישט נמאס, סיי אַליין פאַרצושטעלן, סיי צוקוקן זיך.

מיט אַזעלכע אוממיטלבאַרע קורצע פאָרשטעלונגען ווערן אויסגעפילט די אינסצע־ניזאַציע־שעהען אין דער סאַנאַטאָריע.

די אינטערוועענץ פון לערער ביי אַזעלכע שפּילן איז נישט זעלטן נויטיק סיי ביים לעצטן פּסקענען וועגן דער טעמע, סיי ביי אַנדערע עצות. אָבער דאָס ווערט באַטראַכט ווי אַ הילף פון אַ גלייכבאַרעכטיקטן מיטגליד פון דער שפּיל־גרופּע, וועלכער שפּילט אָפּט צוזאַמען מיט די קינדער די זעלבע ראָלן ווי זיי, רעצענזירט צוזאַמען מיטן פּובליקום און איז אַ גלייכער צווישן גלייכע.

אינטערעסאַנט און וויכטיק זענען די ריטמישע אילוסטראַציעס צו מוזיק. מען שפּילט דורך אויף דער פּיאַנינע, לאָמיר זאָגן, שומאַנס ליד „דער לוסטיקער פּויער״. מען זאָגט די קינדער, ווי דאָס הייסט, און מען לייגט זיי פאָר ריטמיש, צום טאַקט פון דער מוזיק. אויפן אָרט צו אילוסטרירן, ווי אַ פריילעכער פּויער קערט זיך אום פון פעלד. אָדער — מען שפּילט דורך טשייקאָווסקיס „נעאַפּאָליטאַנישע ליד״ און מען לייגט פאָר די קינדער, אַז זיי זאָלן אינסצעניזירן, ווי אַן איטאַליעניש ייִנגל פאַר־קויפט באַנאַנעס אָדער אַ צייטונגס־פאַרשפּרייטער — צייטונגען. אָבער אַלץ מוז געמאַכט ווערן ריטמיש, צוגעפּאַסט צו דער מוזיק. דאָ ווערן פאַראייניקט צוויי עלע־מענטן פון בינע־קונסט — מוזיק און שפּיל.

מירן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויפן גרויסן דערציערישן ווערט פון אַזעלכע שפּיל־שעהען (די צוזאַמענאַרבעט פון די שפּיל־גרופּעס צווישן זיך און מיטן גאַנצן עולם, דאָס אַריינלעבן זיך אין סיטואַציעס צווישן מענטש מיט מענטש, די געזעל־שאַפטלעכע קאָנטראָל איבער זיין שאַפן). מיר ווילן נאָר בלויז נאָך אַ מאָל אונטער־שטרייכן די גרויסע באַדייטונג פאַרן קינד פונעם פאַקט גופא, וואָס עס קאָן זיך פריי אויסלעבן אין שפּיל, אָן שום צוואַנג פון איינגעחזרטע כללים, מיטן באַוווסטזיין, אַז ער אַליין איז דער שעפער און אויספירער.

מירן פאַרענדיקן מיט אַ ציטאַטע פון זעלבן אַרטיקל פון פּראָפ. שנייערסאָן „דער מהות פון שפּיל, פּונקט ווי פון קונסט בכלל, און דאָס אַליין־שאַפן פון דער פאַרכאַפּנ־דיקער שפּיל־האַנדלונג, וואָס מען קאָן לויטן אייגענעם ווילן ווייטער פירן אָדער אָפּשטעלן, אָדער מאָדיפיצירן״.

אָט טאַקע אַזעלכע אַליין־שאַפנדיקע שפּיל־האַנדלונגען זענען דער יסוד פון די פרייע אינסצעניזאַציע־שעהען ביי אונדז אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

„שול־וועגן״, וואַרשע, מאַי 1934

י. ביבער

דאָס ביאָ־ווינקל אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע


ד״ר ישראל ביבער

די באַזוכער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע גייען תמיד אַוועק באַגייסטערטע פון דעם אַלעם, וואָס מען זעט דאָרט. און אין אמתן — איז דאָך די סאַנאַטאָריע איינע פון אונדזערע מוסטער־אַנשטאַלטן, ווו אַלץ איז געמאַכט געוואָרן נישט אַזוי מיט גרויסע געלט־מיטלען, נאָר מיט האַרץ, נשמה, איבערלייגונג און זעלבסט־קריטיק!

קיין ווונדער נישט דעריבער, אַז אויך דאָס נאַטור־ווינקל פון דער סאַנאַטאָריע איז געוואָרן אַ וואַרשטאַט פון אַרבעט פאַרן פּערסאָנאַל און פאַר די קינדער, אַן אַטראַקציע פאַר באַזוכער און אַ מוסטער פאַר אונדזערע שולן.

די געשיכטע פון ביאָ־ווינקל, וואָס איז זיך גאַר גיך פאַנאַנדער געוואַקסן, איז אַ קורצע. די פאַר־וואַלטונג פון דער סאַנאַטאָריע איז אַרויסגעגאַנגען פון דער ריכטיקער הנחה, אַז די קינדער, וואָס קומען אָפּרוען אין דער סאַנאַטאָריע, נויטיקן זיך נישט נאָר אין אַ בעסערער דערנערונג און היגיעניש אָרט לעבן, נאָר אויך אין אַ גייסטיק־געזונטער סביבה פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן און אַרבעט. היגיענע פון קערפּער און גייסט — איז געוואָרן דער געזונטער פּראָל פון דער סאַנאַטאָריע. צי וואָלט עס געווען נאַטירלעך און צוועקמאַסיק לאָזן אַרומגיין די קינדער אָן אַרבעט, אַפילו ביי די בעסטע באַדינגונגען? צי וואָלט עס גוט געווירקט אויף זייער פּסיכיק און במילא אויך אויפן געזונט?

דאָס האָט געגעבן דעם שטויס צום געדאַנק אויסצובויען אַ ביאָ־ווינקל.

שוין דער שטייגער לעבן פון קינד אין סאַנאַטאָריע האָט אַ געוויסן גייסטיקן אינהאַלט. די זעלבשטענדיקייט, דאָס לעבן אין קאָלעקטיוו און דאָס אויספּירן די אָמטן אין דער זעלבסט־פאַרוואַלטונג* דערהויבן דאָס קינד, גיבן אים געלעגנהייט צו זיין טעטיק שעפעריש, און שטעלן אים אין דער לאַגע צו טראָגן אויך אחריות פאַר

* זע קאַפּיטל „זעלבסט־פאַרוואַלטונג״ אין דער סאַנאַטאָריע־אויסגאַבע „ווי לעבט דאָס קינד אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע״.

זיינע טאַטן. וועגן דעם קען איך נישט דאָ, אין שייכות מיט מיין ספּעציעלער טעמע, ברייטער שרייבן — דאָס איז אַ טעמע פאַר זיך.

אויף דעם זעלבן וועג איז מען געגאַנגען אויך ביים בויען דאָס ביאָ־ווינקל. מען האָט געגעבן דעם קינד אַ נייעם טעטיקייט־געביט, און פּונקט ווי דאָס קאָלעקטיווע לעבן אין סאַנאַטאָריע איז נישט קיין טעאָרעטישער קורס פון סאָציאַליזם, אַזוי איז אויך די טעטיקייט אין און אַרום ביאָ־ווינקל אַרבעט און נישט קיין מויל־מלאכה.

די קינדער האָבן לכתחילה געאַרבעט אין גאָרטן און אין סאָד, געהאָדעוועט עופות, טויבן, קראָליקעס — אַזוי ווי מען טוט עס אין אַ קליינער באַלעבאַטישקייט. מען האָט באַקענט זיך אויף שפּאַצירן מיטן סאָסנע־וואַלד, מיט דער זאַמד־פלאָרע, מיטן נאָענטן סטאַוו („מאַרסקע אָקאָ") — אַזוי ווי מען טוט עס אין אַלע שולן. מען האָט געזאַמלט געוויקסן, געפלאַנצט זיי אין קינדער־גערטל, און בעלי־חיים געהאָדעוועט אין אַקוואַרן און געשאַפן דערביי אויך אַ קליינע מוזיי־זאַמלונג. אַזוי איז געווען אַ מאָל, נאָך מיט פינף יאָר צוריק. דער גאַנצער אוצר האָט געקענט אַריין אין אַ קליינער וועראַנדע. אָבער באַלד האָט אויך אין דעם געביט זיך אָנגעהויבן אַ ברייטע און פאַר אַלעמען לערנרייכע אַרבעט. מ'האָט אָנגעהויבן בויען אַ ביאָ־ווינקל, מיט פאָלגנדיקע אָביעקטן:

1) אַ באַסיין פאַר וואַסער־געוויקסן און ב"ח, וואָס האָט 10 קוו"מ אויבערפלאַך מיט 12 אָפּטיילונגען.

2) אַ שול־גערטעלע.

3) אַ טויבן־הויז — גרויס ווי אַ שטוב מיט נומערירטע נעסטן, ווו מען קען לייכט האַלטן ביי 100 פאַר טויבן, באַאָבאַכטן זייער אַנטוויקלונג, עקספּערימענטירן און אַפילו קאָנטראָלירן די ירושה־געזעצן ביי קרייצונגען פון פאַרשידענע ראַסעס.

4) די עופות־ווירטשאַפט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף אַ מאָדערנעם שטייגער מיט ראַסע־הינער, מיט שליס־נעסטן צום קאָנטראָל פון די אָפּגעלייגטע אייער מיט גרויסע אויסלויף־פּלעצער, מיט אַן אינקובאַטאָר, אַ ספּעציעלער שטאַל און אַ ספּעציעלן אויסלויף־פּלאַץ פאַר די יונגע הינדעלעך.

5) די בינענצוכט — דערווייל פון דריי בינשטאָקן.

6) קראָליקעס — דערווייל קליין און מען גרייט זיך צו האָדעווען אַנגאָרע־קראָליקעס.

7) ביאָלאָגישער מוזיי, וואָס האָט אַ רייכע זאַמלונג פון דער אָרטיקער פלאָרע און פאַונע (אייגענע זאַמען, פּרוכטן, קאָלעקציעס פון כלערליי אַליין־אויסגעהאָדעוועטע אינזעקטן מיט אַלע מעטאַמאָרפאָזע־סטאַדיעס — וועגן דעם שפּעטער גענויער). אין מוזיי געפינען זיך אויך מתנות פון גאַנץ פּוילן און אויך עקזאָטישע אָביעקטן.

דאָ איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די ביאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע באַדינט אויך אַ ביסל אונדזערע וואַרשעווער שולן מיט פאַרטיקע פּרעפּאַראַטן און מאַטעריאַל צו דער אַרבעט.

8) דאָס נאַטור־ווינקל האָט אַן אייגענע מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע („סאַן־מעסט" ד. ה. — סאַנאַטאָריע־מעטעאָראָלאָגישע סטאַציע) פון דער צווייטער מדרגה מיט אַן עלעקטרישן ווינט־ווייזער אין צימער.

9) די סאַנאַטאָריע פאַרמאָגט אַ גרויסן גאָרטן, אין וועלכן מען האָט היי־יאָר אויסגעזעצט 12 טויזנט פּאָמידאָרן־פּלאַנצן, מיט גרויסע ספּעקטן און אַ וואַרעם־הויז.

10) פאַראַן אויך אַ קליינער סאָד.

אָט ביי אַזאַ גרויסער פאַרצווייגטער ווירטשאַפט און אַזעלכע איינריכטונגען אין ביאָלאָגישן ווינקל, איז קיין וואונדער נישט, אַז עס איז מעגלעך געווען אַריינצוציען אַ גרויסע צאָל קינדער צו אַ טעטיקער און וויכטיקער אַרבעט.

די אַרבעט פון די קינדער איז אין אַ געוויסער מאָס אַ צווייג פון דער קינדער־זעלבסט־פאַרוואַלטונג, וועלכע הערשט אין דער אָריגינעלער קינדער־רעפּובליק. פאַר יעדן פון די דערמאָנטע אָביעקטן זענען פאַראַן אויפזעער, וועלכע פירן אויס די טעגלעכע אַרבעט פון האָדעווען, באַאָבאַכטן און מאַכן נאָטיצן וועגן דעם, וואָס קומט פאָר אין זיין געביט. אין אַ ספּעציעלן טאָג־בוך ווערן נאָטירט פון סעקרעטאַר די באַאָבאַכטונגען פון די אויפזעער. וועגן וויכטיקערע געשעענישן ווערט געמאָלדן אַלע קינדער דורך דער אייגענער, טעגלעכער קינדער־ציימונג. דעם ערשטן אָרט אין דער ציימונג פאַרנעמט דער וועטער־באַריכט פון דער דערמאָנטער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע. עס איז כדאי צוצוגעבן, אַז די ידיעות ווערן פּראַקטיש אויסגענוצט. — זיי דינען צום אָריענטירן זיך אין טאָג־פּלאַן: צי קען מען מאַכן שפּאַצירן, עסן אין דרויסן (זומער־צייט אאַז״וו **.

מען דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די סאַנאַטאָריע האָט באַזונדערע באַדינגונגען צו אַזאַ פאַרצווייגטער אַרבעט, און אַז דאָס קינד געפינט זיך אויך אין באַזונדערע באַדינ־גונגען — עס פאַרברענגט עטלעכע וואָכן אויפן שויס פון דער נאַטור, אונטער דער שטענדיקער אויפזיכט און אָנפירונג פון לערער. דאָס קינד האָט נישט קיין שול־פליכטן — עס זענען נישטאָ דאָ קיין פּראָגראַמען פון קענגנשטאַנדן. דאָס קינד ווידמעט זיך בלויז דער אַרבעט, וואָס געפעלט אים.

מיר וועלן נאָך אָנווייזן אויף דעם מעטאָדישן צוגאַנג צו דער אַרבעט אין ביאָ־ווינקל, ספּעציעל אין די געביטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער שול־אַרבעט, און דאָס איז טאַקע דער צוועק פון דער נאָטיץ. דער מעטאָד איז אַ רייך־ביאָלאָגישער און שטיצט זיך אויף באַאָבאַכטונגען און עקספּערימענטן. און אַזוי ווי די קינדער האָבן פיל געלעגנהייט צו זעלבשטענדיקייט, טראָגט די קינדער־אַרבעט אויך אַ פאָרשעריש־אַנטדעקערישן כאַראַקטער. גענוג צו דערמאָנען די פּובליקירטע נאָטיצן פון די קינדער אין דער „קליינע פאָלקסציימונג" וועגן זייערע באַאָבאַכטונגען, דאָס טאָג־בוך וועגן מוראַשניק *, דאָס „געיעג אויף מוראַשקע־לייבן" (געווען געדרוקט אין דער „וואָכנ־שריפט"), כדי צו ווייזן ווי די קינדער פאַרוואַנדלען זיך דאָ אין פאָרשער.

די אַרבעט איז אויך אַ קאָנטינויִרלעכע, ד״ה נישט פאַר איינצלנע קינדער, ווייל זיי זיצן דאָך נישט לאַנג אין סאַנאַטאָריע, נאָר פאַר אַלע, ווייל אַלץ ווערט נאָטירט און די שפּעטערדיקע אויפזעער האָבן גרייטע נאָטיצן וועגן גאַנצן פאַרלויף פון געגעבענעם

---

* גענויער וועגן דעם זע אין מיין אַרטיקל: „די פּראַקטישע אָנווענדונגען פון דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע" אין „סאָציאַלע מעדיצין" נומ. 4, 1933, „טאָז"־אויסגאַבע.

** געדרוקט אין „גרינינקע ביימעלעך" נומ. 13—16, 1933.

פאַל. אַזוי באַקומען זיך מאָנאָגראַפיעס. נישט זעלטן קומען אויך די זעלבע קינדער אַ צווייט און אַ דריט מאָל צוריק אין סאַנאַטאָריע און פירן דעם המשך פון דער אָנגע־הויבענער אַרבעט. עס טרעפן פיל פאַלן, ווען קינדער הייבן אָן אַן אַרבעט אין סאַנאַ־טאָריע און פירן זי ווייטער ביי זיך אין שטוב אָדער אין שול, אויב די שול גיט זיי אַ מעגלעכקייט דערצו.

אַלס ביישפּיל קען דינען פאָלגנדיקער פאַל:

אַ קינד פון אַ רעליגיעזער שול, וואָס האָט קיין מאָל קיין נאַטור נישט געלערנט, האָט אין סאַנאַטאָריע אַזוי פאַרטאָן זיך אין דער אַרבעט אין ביאָ־ווינקל, אַז זיין ערשטער געדאַנק, נאָכן פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע, איז געווען מאַכן זיך אַ קינסטלעכן מוראַשניק און ווייטער באַאָבאַכטן דאָס לעבן פון מוראַשקעס. ווען מיר האָבן אָנגע־הויבן זאַמלען שטיינער אין סאַנאַטאָריע, האָבן קינדער געהאַט שטיינער ביי זיך אין אַלע קעשענעס און אַפילו אונטער די קישנס.

די פאָרשעריש־אַנטדעקערישע אַרבעט האָט אונדז געפירט צו אָריגינעלע פּרוון און דערגרייכונגען. אַזוי צ״ב האָט אונדזער אינסעקטאַר אונדז געלערנט, אַז צו די זיעך, וואָס פּיקן זיך אויס אין אינסעקטאַר, קומען צו פליען ערן פון הויף; מיטן ציל צו באַטראַכטן די טעטיקייט פון בינען האָבן מיר זיך אויסגעבויט אַ גלעזערנעם בינ־שטאָק; אין דער מעטעאָראָלאָגישער סטאַציע האָבן מיר אויסגעבויט אַ ווינט־ווייזער, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ קליינער עלעקטרישער באַטעריע און ווייזט אונדז אין צימער די ריכטונג פון ווינט. דאָס זענען פּרטים, אָבער זיי כאַראַקטעריזירן דעם אופן פון אַרבעט. אַזעלכע דערגרייכונגען דערהויבן, גיבן מוט צו זוכן ווייטער און וואָס ס'איז וויכטיקער — זיי רייסן־מיט די קינדער ביז צו באַגייסטערונג.

אין דער סאַנאַטאָריע ווערט אויך אַרויסגערופן אַ פּיעטעט צום לעבעדיקן אַרום. קינדער מאַטערן נישט קיין בעלי־חיים — שלייערלעך ברענגט מען מיט די געוויקסן, אויף וועלכע זיי לעבן, כדי מען זאָל זיי קענען ווייטער האָדעווען. מען צעשטערט נישט קיין גרינס — אין קיין אַנדערן אַנשטאַלט האָב איך נישט געזען אַזאַ באַציִונג צו יעדן גרעזעלע און בלימעלע, ווי אין סאַנאַטאָריע. עס לויפן דאָ אַרום ביי 200 קינדער זומער־צייט און די גראָז־פעלדער בלייבן געשאָנעוועט.

עס איז צייט צו מאַכן אַ סך־הכל פון דער אַרבעט, וואָס איז געוואָרן אויפגעטאָן אין ביאָ־ווינקל פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. די סאַנאַטאָריע גרייט זיך טאַקע צו אַן אויסשטעלונג.

*

אויב מיר זאָלן זיך שטעלן די פראַגע, וואָס מען קען אויפטאָן אויף דעם דאָזיקן געביט אין אונדזערע שולן, דאַרפן מיר זיך זאָגן, אַז נישט געקוקט אויף די שלעכטע באַדינגונגען, אין וועלכע עס געפינען זיך איצט אונדזערע אַנשטאַלטן, טאָרן מיר נישט אַראָפּלאָזן די הענט. אין די שטעט קען מען אָפּט ווייניקער אויפטאָן, טאָקע צוליבן מאַנגל פון אַ פּאַסיקן ווינקל, אָבער אין די שטעטלעך זענען די באַדינגונגען אין דעם פּרט בעסערע. דאָס דאַרף אויסגענוצט ווערן אויף צו דערנענטערן אונדזערע קינדער צו דער נאַטור.

ווינטער אין מעדעם־סאַנאַטאָריע

מיר איז שוין אויסגעקומען פיל מאָל צו זיין אין אונדזער שענסטן קינדער־אַנשטאַלט און אָפט האָב איך זיך שוין אָפּגעשטעלט אויף דער טעמע מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מעדיציניש־היגיענישע און אין פּעדאַגאָגישע צייטשריפטן („סאָציאַלע מעדיצין", „שולוועגן").

דאָס לעצטע מאָל בין איך געווען אין דער צייט פון די ווינטער־פעריען און וועגן די ווינטער־נייעסן וויל איך דאָ שרייבן.

אויף דער צייט פון די ווינטער־פעריען זענען געקומען אין דער סאַנאַטאָריע פיל קינדער פון וואַרשע און פון דער גאַנצער פּוילישער פּראָווינץ. אַפילו פון דער ווייטער ווילנע זענען געקומען קינדער. די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין איז דאָך דער איינציקער קינדער־אַנשטאַלט, וואָס איז אָפן אַ גאַנץ יאָר. ביז נישט לאַנג איז געווען אָנגענומען אַרויסצופאָרן נאָר אויף זומער־צייט, כדי אָפּצורוען און אָפּפרישן זיך. איצט טרעפט מען ביי אונדז אין פּוילן אויך ווינטער־צייט פיל מענטשן אין טוריסטישע און אָפּרו־ערטער.

אויב מיר דערמאָנען אָפט מיט שטאָלץ די גלענצנדיקע סאַניטאַר־היגיענישע באַדינגונגען פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, מוזן מיר עס אונטערשטרייכן אין דער צייט פון ווינטער. וועגן וואַרעמע דוש־בעדער, וואַטערס, קוואַרץ־לאָמפּן, דענטיסטישן קאַבינעט, היגיענישע גרויסע זאַלן א״אַ, וועגן אַזעלכע איינריכטונגען דאַרף איך דאָ נישט שרייבן. איך וויל דאָ באַשרייבן דערהויפּט די ווינטער־פרייד, וואָס הערשט אין דער שענסטער קינדער־רעפּובליק.

די קינדער פאַרברענגען דאָ אַ גאַנצן טאָג און אויב איר ווילט, דעם גאַנצן מעת־לעת אויף דער פרישער לופט. קינדער, וואָס טאַטע־מאַמע טוליען געווינלעך ווינטער־צייט אין פּערענעס, ביי אויוונס, אין כלערליי וואַלענע בגדים, ווערן אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע אמתע ווינטער־העלדן: מען שלאָפט ביי אָפענע אויבערלופטן, מען וואַשט זיך אַרום אין דער פרי מיט קאַלט וואַסער. מען רוט צוויי מאָל אַ טאָג אויף דער פרישער לופט אין דרויסן אויף אָפענע ווערענדעס — איינגעהילט אין קאָצן — מען שפּאַצירט אַרום אין פעלד און וואַלד. מען טרייבט ספּאָרט אויפן אייגענעם גליטש. מען פאָרט אויף נאַרטעס אויף די שניי־בערגלעך אַרום דער סאַנאַטאָריע און מען שליטלט זיך אויף אַן אייגענעם „טאָר".

אין דער צייט פון די גרויסע פרעסט, בשעת די ווינטער־פעריען, האָט די סאַנאַטאָריע כמעט קיין קראַנקע נישט געהאַט. פון אַלע עקן פּוילן און פון דער וועלט האָט מען געהאַט ידיעות וועגן עפּידעמיעס פון גריפּעס, אין דער סאַנאַטאָריע האָט מען וועגן דעם מין חולאת גאָר נישט געוווּסט.

פון וואַנען נעמען זיך דען צו די קינדער די אַזוי אָפּטע צוקילונגען? קינדער זענען אומפאַרזיכטיקער, ווי דערוואַקסענע מענטשן — זיי דערוואַרעמען זיך אין די דירות און לויפן אַרויס אויף דער קעלט. אין דער סאַנאַטאָריע שטייען אָבער אָפן אַ גאַנצן טאָג די פענצטער אין די צימערן, וווּ די קינדער פאַרברענגען און עס איז

נישטאָ דער גרויסער אונטערשיד פון דער טעמפּעראַטור צווישן שטוב און דרויסן, אין בנין קומען זיי נאָר עסן.

ווי זעט אויס דער ווינטער־טאָג אין סאַנאַטאָריע און ווי פאַרברענגען די קינדער?

זיבן פרי קומט אַריין די שוועסטער מיט אַ „גוטמאָרגן" און מעסט די טעמפּעראַטור, דערנאָך לויפט מען וואַשן זיך, מען מאַכט אַליין די בעטן און מען טוט זיך אָן. נאָכן פרישטיק, וואָס דויערט פון האַלב 9 ביז 9, גייען קינדער אויפן גליטש, אויפן שליטן־טאָר און אויף נאַרטעס.

צי שטעלט איר זיך פאָר, ווי מען פּראַוועט אויס 120 קינדער אויף אַזעלכע אונטערנעמונגען? ווי שווער קומט עס אונדז אָן אַרויסצושיקן איין קינד פון שטוב. אין סאַנאַטאָריע גייט עס אָבער דאָך צו זייער געשווינד. אין אייניקע מינוטן נאָכן פרישטיק איז שוין אַלץ אויפן אָרט. אַ קינדער־קאָמיסיע פאַרטיילט אין דריי פאַרשידענע ערטער די ספּאָרט־מכשירים. די סאַנאַטאָריע האָט אייגענע גליטשערס ביי 20 פּאָר און פיל קינדער ברענגען מיט זייערע פון שטוב. 10 פּאָר נאַרטעס ווערן אויסגענוצט אין „זמיאַנעס", ווייל יעדער וויל אַריינכאַפּן אַ פּאָר אויף דעם טייערן ספּאָרט־אַרטיקל. און שליטלעך זענען אויך דאָ עטלעכע. ביי דער געלעגנהייט וויל איך דערמאָנען די פריינד פון סאַנאַטאָריע, אַז די גרעסטע מתנה, וואָס זיי קענען מאַכן פאַר די קינדער אין סאַנאַטאָריע, איז באַזאָרגן זיי מיט ספּאָרט־מכשירים — דאָס איז אַ דויערנדיקע זאַך, וואָס ווערט יעדעס יאָר אויסגענוצט. איר שטעלט זיך פאָר, ווי קינדערלעך, וואָס פאַרברענגען געוויינלעך ווינטער אין ענגע גאַסן און שמוציקע הויפן פון שטעט, דערהויפּט וואַרשע, ווי זיי קאָמאַנדעווען דאָ אַרום, ווי זיי פאָרן אויף נאַרטעס. איך האָב אויסגעפּירט דעם ספּאָרט אין דער סאַנאַטאָריע און האָב מיטגעמאַכט מיט קינדער די ערשטע וואַנדערונגען אויף נאַרטעס. אויף איין „יאַזדע" איז מען שוין געוואָרן אַ ספּאָרטסמען. אַ צווייט מאָל פאָרן איז, לײדער, נישט אַזוי לייכט באַשערט. מען מוז זיין פאַרשריבן אין דער ריי ביז אַלע אַנדערע מאַכן אַדורך זייערע „יאַזדעס".

ווער פון אייך, לייענער, עס האָט די מעגלעכקייט אויסצופּרובירן דעם נאַרטן־ספּאָרט, דאַרף עס טאָן און דאַן וועט ער פאַרשטיין דעם פאַרגעניגן פון קינדער, וואָס פאָרן אויף נאַרטעס.

פרישע, מונטערע מיט רויטע באַקן, מיט דורכגעלופטערטע לונגען, מיט וואַרעם בלוט, מיט פרייד אין די אויגן און מיט שטראַלנדיקע פּנימער קערט זיך אום עלף אַ זייגער די יונגע חברה פון די ספּאָרט־פּלעצער.

אָן אַנדערש מאָל כאַפּט מען אַריין אַ שפּאַציר אין דער צייט. מען יאָגט זיך איבער די שניי־פעלדער, מען זוכט שפּורן פון פאַרשידענע בעלי־חיים אויפן שניי, עולם דערקענט די שפּורן פון האָזן, וואָס געפינען זיך דאָ אין אַ גרויסער צאָל; מען דערקענט אויך שפּורן פון פעלדמייז, פייגל א״אַ. אַפילו די קלענערע חברה פון דער ערשטער גרופּע, קינדער פון 6—7 יאָר „פאַרשן" שפּורן אויפן שניי — קינדער באַהאַלטן זיך אין וואַלד און אַנדערע לויפן זיי זוכן, לויט די שפּורן אויפן שניי.

קיין וואונדער נישט, אַז נאָך אַזעלכע שעהען פאַרבראַכטע אין דרויסן פּאַלט מען

אַריין אין עס־צימער אויסגעהונגערטע, ווי די וועלף, און מען דאַרף גאַרנישט בעטן די קינדער עסן דעם צווייטן פרישטיק.

נאָכן צווייטן פרישטיק רוט מען אין דרויסן אויף דער טעראַסע. די לערער פירן שמועסן מיט די קינדער, מען לייענט אַ צייטונג, מען לייענט פאַר זיך אַ ביכל.

איינס איז מיטאָג — עסט מען ווייטער און נאָכן מיטאָג גייט מען ווידער רוען — אין דרויסן.

פאַרן פאַרנאַכט־עסן מעסט מען די קינדער די טעמפּעראַטור. דאָס מעסטן די טעמפּעראַטור צוויי מאָל טעגלעך מאַכט מעגלעך צו פאַרהיטן באַצייטנס די קינדער פון אַרומגיין קראַנקערהייט.

נאָכן פאַרנאַכט־עסן פאַרברענגט דער יונגער עולם ביי כלערליי שפּילן אין קלוב; עס טרעפט אויך, אַז מען כאַפּט אַריין פאַרנאַכט אַ שפּאַצירל, אויב מען האָט נישט געקענט גיין אין דער פרי צוליבן שלעכטן וועטער.

ביים אָונט־עסן זעט מען די קינדער נאָך אַלץ גרייט צום שטיפן. קינדער גיבן זיך נישט לייכט אונטער; ווען מען לאָזט זיי וואָלטן זיי גאָר נישט „געגאַנגען״ שלאָפן — זיי וואָלטן איינגעשלאָפן ביים שפּיל אין די בגדים. די לערער גייען דאַן אַרום ווי גענעראַלן, וואָס דאַרפן צוטראַכטן מיטלען צו האַלטן זייער אַרמיי אין אָרדענונג. צוויי לערער און צוויי סאַניטאַרינס דאַרפן פאַרטרעטן 120 מאַמעס — מען דאַרף די קינדער באַלד שלאָפן לייגן. אָן אויפגעהויבענע האַנט פון לערער אין עס־צימער באַדייט, אַז עס דאַרף ווערן שטיל און — אַ וווּנדער! אָט די גרויסע צעשפּילטע מאַסע קינדער ווערט טאַקע שטיל ביים אויפהויבן פון אַ האַנט. דער לערער זינגט אויף אַ ניגון, אַלע כאַפּן אונטער און אָט גייט מען איבער פון שפּיל צו ערנסט. דערווייל האָבן שוין די קינדער משגיחים דערלאַנגט דאָס עסן און מען עסט צום פינפטן מאָל נישט אַריינרעכענענדיק די נאַש־פּאַרציעס נאָך די עסנס. קינדער, וואָס קומען אויסגעהונגערטע פון שטוב, עסן וויפל דאָס האַרץ גלוסט.

נאָכן אָונט־ברויט לויפט מען גרייטן די בעטן, אַרומוואַשן זיך; אין די צימערן איז פריילעך און לעבעדיק — ווי צווישן 120 קינדער. דער עולם איילט זיך, מען וויל באַווייזן נאָך הערן אַ מעשה פון לערער, אָדער פון די חברים, ווייל האַלב אַכט קומען די לערער זאָגן „אַ גוטע נאַכט״ און דאַן מוז שוין שטיל זיין.

עס קאָן נאָך פאַרבלאָנדזשען אַ מאָל די קינדער־קאָנטראָל־קאָמיסיע, וואָס וויל זיך איבערצייגן, אויב עס איז טאַקע שטיל, אויב די בעטן זענען אין אָרדענונג. די קליידער צונויפגעלייגט, די אויבער־פענצטער אָפן אַאַז״וו.

מיין באַשרייבונג קען נישט פאַרבייטן דיווירקלעכקייט. ווער עס האָט נישט געזען, ווי אין דעם „מוראַשניק״ גייט אַלץ צו אין אָרדענונג, דער קען זיך עס גאָר נישט פאָרשטעלן.

האַלב 8 איז שוין שטיל איןביידע געביידעס.

אַזוי זעט אויס אַ ווינטער־טאָג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָר־יע. איך האָב דאָ נישט דערמאָנט די אויסערגעוויינלעכע זעלבשטענדיקע אַרבעט פון די קינדער, וואָס ווערט אָנגעפירט פון קינדער־ראַט מיט אַ לערער. איך האָב דאָ נישט באַשריבן דאָס שיינע נאַטור־ווינקל מיט דער עופות־ און טויבן־צוכט מיט קראָליקעס, פייגל, נאַטור־מוזיי

און אַלץ, וואָס דאָרט געפינט זיך לעבעדיק און קאָנסערווירט און וואָס גיט די קינדער פיל באַאָבאַכטונגס־מעגלעכקייט און פיל פרייד. איך האָב אויך נישט באַשריבן די שיינקייט פון אַרום אין ווינטער, די אָזאָן־רייכע לופט, דעם באַזונדערן פאַרגעניגן צו זיין דאָרט אין זוניקע טעג, ווייל מיר דוכט זיך, אַז אַלע וויסן עס שוין. זענען דאָ דאָך שוין געווען טויזנטער קינדער און זייערע עלטערן און סתם פריינד, און ווער ווייס טאַקע נישט ווי שיין און גוט עס איז אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע?

איך וועל דאָ נישט שרייבן וועגן גרויסן דערציערישן ווערט, וואָס האָט פאַר אַ קינד די זעלבשטענדיקייט, צו וועלכער עס ווערט דאָ צוגעווינט, וועגן דער חברישקייט, וואָס הערשט דאָ, וועגן דער באַדייטונג פון פאַקט, וואָס קינדער פון פאַרשידענע שיכטן און פון אַלע עקן פוילן באַגעגענען זיך דאָ, אויך נישט וועגן דער אידעאָלאָגיע פון די אָנפירער פון אַנשטאַלט, ווייל ווער ווייס עס נישט, וואָס עס איז די מעדעם־סאַנאַטאָריע און וואָס פאַראַ ראָל זי שפּילט אַלס דערציִונגס־אַנשטאַלט און אָפּרו־היים פאַר אונדזערע קינדער?

איך האָב אייך נאָר געוואָלט באַשרייבן אַ ווינטער־טאָג אין קינדער־לאַנד.

עס גייען אַזוי די טעג אין קינדער־לעבן, גוטע טעג — מען פאַרגעסט אָן טאַטע־מאַמע, נישטאָ קיין צייט אַ בריוועלע צו שרייבן און ווען עס קומט אָן דער טאָג פון אָוועקפאָרן, ווילט זיך גאָרנישט צעשיידן מיט דער נייער היים.

י. ביבער

„נייע פאָלקסצייטונג", פעברואַר 1935

מ. גילינסקי און יאָסל מלאָטעק

דער שפּייכלער*

אַ קינדער־פאָרשטעלונג אין דריי בילדער

דאָס ערשטע בילד

אין וואַרשטאַט

(אין ווינקעלעך שטייען געשטעלט וואַרשטאַטן מיט פערזאָניפיצירטע מכשירים: נאָדל, זעג, האַמער, הובל, שער. דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. טונקל אויף דער סצענע. מען הערט זינגען אַ שניידער־ליד. ווען שער נעמט זינגען ווערט העלער. מען זעט דעם שניידער־וואַרשטאַט).

שער:
אַך ווי לאַנג איז דאָס, ווי לאַנג
ווי כ'האָב דאָס ליד נישט געהערט.
ס'זיצט דער שניידער־ייִנג און זינגט זיך
און צום טאַקט נייט ער און שערט.

איך און ברודער נאָדל־פאָדעם
פלעגן אַרבעטן ביז נאַכט.
נייען, שערן, מעסטן, פּרעסן
און אַ בגדל געמאַכט.

(די גאַנצע סצענע באַלויכטן. אַלע מכשירים זינגען דעם רעפריין):

זעג און האַמער, הובל, שערל
מיר די אַרבעטס־לייט,
צו דעם בויען, צו דעם שאַפן
זענען שטענדיק גרייט.

---

* י. מלאָטעק האָט רעסטאַווירט דעם גאַנצן טעקסט פון דער קינדער־פּיעסע „דער שפּייכלער” וועלכע ער באַשרייבט אין זיין אַרטיקל אין ערשטן טייל פון דעם אָנדענק־בוך. דער „שפּייכלער” איז געשאַפן און געשפּילט געוואָרן אין דער סאַנאַטאָריע און אויף עפנטלעכע אונטערנעמונגען אין וואַרשע. מיר פאַרעפנטלעכן דאָ דעם פולן טעקסט פון „שפּייכלער” אָן ענדערונגען. די געוו. סאַנאַטאָריסטן וועלן זיכער זיין צופרידן צו לייענען ז י י ע ר פּיעסע אויף די בלעטער פונעם מעדעם־סאַנאַטאָריע־בוך.

ר ע ד אַ ק צ י ע

זאָל אין פריינדשאַפט זיך פאַרבינדן
ווידער האַנט און שער און זעג —
וועט די אַרבעט באַלד אַ ברען טאָן
און מיט פרייד, מיט פרייד אַוועק...

(סטאָליער־וואַרשטאַט באַלויכטן)

זעג:
כ'בין אַ שאַרפע זעג און זעג ניט,
כ'שטיי אין ווינקעלע פאַרשעמט;
ס'האָבן וואָכן לאַנג צו מיר שוין
זיך ניט צוגערירט קיין הענט.

ס'וואַרטן מיינע בלאַנקע ציינער
אויף אַ טאַנץ צווישן ברעט,
וואַרטן אויף אַ האַנט אַ דרייסטער
פון פרימאָרגן ביזקל שפעט.

(רעפריין זינגען אַלע מכשירים)
(עס ווערט באַלויכטן דער שמידער־וואַרשטאַט)

האַמער:
איך בין אַ האַמער געבוירן צו שמידן,
אומרואיק האַמערן אייזן און שטאָל.
ווער ט'מיך פאַרמשפּט צו שטיין דאָ אין ווינקל?
ווער האָט פאַרשטומט מיר מיין קלינגענדיק קול?

כ'האָב יאָרן געדינט דעם שמיד און קאָוואַדלע,
טריי כ'האָב געפאָלגט יעדן ווונק פון זיין האַנט;
איצט שטיי איך פאַריתומט, פאַרוואָרפן, פאַרלאָזן
און אויסגעשטעלט אָפן צו שפּאָט און צו שאַנד.

(רעפריין)

הובל:
ציש, ציש, ציש, ציש —
פלעג איך לויפן איינס און צוויי.
ברעט, לייסט, באַנק, טיש —
כ'גליטש זיך, כ'גליטש זיך איבער זיי.

תמיד וואָלט איך אַזוי לויפן
נאָך די ווירעס אין געיעג,
האָט דער סטאָליער מיך פאַרוואָרפן
און פאַראומערט מיינע טעג.

(רעפריין)
(עס לויפן אַריין קינדער און זינגען):
אָט איז דאָס שערל און אָט איז די נאָדל!
שעמט איר זיך טאַקע נישט, איר פוילע לייט?

איין קינד: עס קאָן נישט אין שולע מיין שוועסטערל גיין היינט,
ניי פאַר מיין שוועסטערל, כ'בעט דיך, אַ קלייד.

צווייט קינד: כ'האָב נישט קיין מאַנטעלע, שערעלע גוטע,
און ס'ענדיקט דער זומער זיך באַלד.
נאָדל און פאָדעם. נו מאַכט מיר אַ בגד,
נישט זיין זאָל מיר ווינטער־צייט קאַלט.

שער: דו מיידעלע גוטע און ייִנגעלע קלוגער,
אומזיסט איז דיין ביטע צו מיר.
כ'וואָלט אויפגעגנייט גערן אַ קלייד און אַ מאַנטל
און בגדימלעך נייע פאַר דיר.

נאָר ס'האָט מיך דער שניידער שון לאַנג, לאַנג פאַרלאָזן,
איך ווייס נישט פאַר וואָס און איך ווייס נישט פאַר ווען.
איך קען אייך נישט צושערן קליידלעך און מאַנטלעך —
אַליין, אָן דעם שניידערס צוויי הענט.

דריט קינד: כ'זוך דיך, זעג.

פערט קינד: און כ'זוך דיך, הובל.

ביידע: איר שטייט ליידיק, פוסט און פאַס;
בויט זשע אויס פאַר אונדז אַ שטיבל.

אַלע: זעט, מיר ווינען אויף דער גאַס...

אַ קינד: הערט אויס, זעגל, הובל, האַמער,
בויט פאַר אונדז אַ שול אַ שיינע,
ווייל קיין אָרט איז מער נישטאָ שוין
אין דער שול פאַר קינדער קליינע.

אַלע קינדער:

אַ שול, אַ שול, אַ שול, אַ שול,
ציגל, האָלץ איז דאָ אַ סך.
אַ שול, אַ שול, אַ שול, אַ שול —
פון פונדאַמענט ביזן דאַך!

שפּילן וועלן מיר און טאַנצן
אין דער נייער שול מיט פרייד,
גיכער נעמט זיך צו דער אַרבעט,
גיכער אונדזער שולע בויט.

(אַ טאַנץ פון בויען אַ שול)

הובל: ציש, ציש, ציש, ציש —
גליטשן ווילט זיך שוין אויף ברעט.
שיקט דעם סטאָליער און זאָל גיין
אין דער אַרבעט אַ געוועט.

זעג: קינד מיינס, בויען הייזער, שולן
וואָלט איך זיכער מיט גרויס פרייד,
האָבן אָבער אונדז די מענטשן
דאָ פאַרוואָרפן אָן אַ זייט.

מכשירים: שיקט די סטאָליאַרעס אַהערצו,
שיקט די בויער גיך אַהער,
וועט זיך פרייען זעג און האַמער.

שער: און ס'וועט טאַנצן אויך די שער.

אַלע:
וועט מען בויען גרויסע הייזער,
איר וועט וווינען דאָרט אין פריידן.

שער: וועט מען אַלעמען באַשוכן
און די גאַנצע וועלט באַקליידן.

אַ יינגל: סטאָליער, שמידער, קומט אַהער!

צווייט יינגל: שניידער, ס'רופט אייך נאָדל, שער,

דריט יינגל: קומט באַלעבט דעם האַמער, זעג,

אַלע: זאָל אַן אַרבעט גיך אַוועק.

(עס קומען: סטאָליער, שניידער, שמידער, שוסטער)

אַלע:
מען האָט אונדז גערופן?
אָט זענען מיר דאָ!
צי איז שוין געקומען פון אַרבעט די שעה?
צי נעמט דען אַ סוף שוין צו הונגער און נויט?

מכשירים: וואָס וואַרט איר, קומט נעמט אונדז
און אַרבעט און בויט!

אַ קינד: נעם טאַטע, און ניי פאַר מיר, כ'בעט דיך, אַ קלייד.

צווייט קינד: דו הערסט דאָך, אַז נאָדל און שער זיינען גרייט.

דריט קינד: דו בוי פאַר אונדז אַלעמען, טאַטע, אַ הויז,
וואָס זאָל ווי אַ פּאַלאַץ אַ שיינער זיין גרויס.

(אַרבעטער ענטפערן נישט)

קינדער: צי זענט איר דען ברוגז מיט האַמער און זעג?
ווער האָט זיך געשטעלט אייער פריינדשאַפט אין וועג?

אַרבעטער: מיר זענען מיט האַמער און הובל געבונדן,
מיר האָבן דעם גורל דעם זעלבן וואָס זיי.

איינער: די הענט, מיינע האַרטע, וויל קיינער נישט קויפן,
זיי זיינען איצט איבעריק, די הענט אָט די צוויי.

אַלע: עס הערשט היינט אַ הונגער, עס הערשט היינט אַ נויט.
ס'לאַנד האָט פאַרגעסן וואָס הייסט דאָס „מען בויט".

איינער: עס שטייען פאַבריקן פאַרהאָנגען מיט שלעסער.

צווייטער: דער עלנט, דער הונגער ווערט גרעסער און גרעסער.

דריטער: מען נייט נישט,

פערטער: מען וועבט נישט,

פינפטער: מען שפינט נישט,

אַלע: ס'איז טויט!

איינער: עס טראָגט דורך דער וועלט זיך אַ רופן:

אַלע: גיט ברויט!

(עס הערן זיך שטימען פון דער ווייטן)

הונגער, הונגער, עלנט, נויט —
ס'פעלט אויס אַרבעט, ס'פעלט אויס ברויט.

איין קינד: האָט אויף דער גאַנצער וועלט ברויט פאַרפעלט.

(פאָרהאַנג פאַלט פאַמעלעך)

אין שפייכלער

דאָס צווייטע בילד

(ערשטער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. מען זעט אַ טויער און אַ גזפייכלער. אַ וועכטער גייט אַרום מיט אַ לאַמטערנע אין האַנט)

וועכטער: כ'בין אַ וועכטער שוין פון יאָרן,
איך בין שוין אַלט און גראָ;
האַלט דעם שליסל פון דעם שפייכלער,
תבואה היט איך דאָ.

ברענגט מען פולע זעק צו פירן,
ליגן זיי דאָ אין דעם שייער;
ליגן זיי און וואַרטן, פוילן,
ביז עס פארצוקט זיי נישט דאָס פייער.

איין קינד: זעט נאָר, זעט, אַ וועכטער!

צווייט קינד: אַ גוטער צי אַ שלעכטער?

דריט קינד: זעט, אַ שטעקן האַלט ער!

פערט קינד: וואָס־זשע היט דער אַלטער?

(גייען צו נעענטער צום וועכטער)

פעטער, זאָגט, איך בעט אייך —
האַלט איר דאָ וואַך?
האָט איר נישט קיין מורא
צו שטיין אַליין ביינאַכט?

וועכטער: עך, איר קליינע קינדער,
פאַר וואָס זאָל איך זיך שרעקן?
איך האָב נישט קיין פאַרמעגן
חוץ דעם וועכטער־שטעקן...

אַ קינד: וואָס־זשע האַלטסטו שליסלען,
וואָס־זשע היטסטו וואָס?

צווייט קינד: און צו וואָס אויף טויער,
הענגט אַ שווערער שלאָס?

וועכטער: כ'בין אַ וועכטער שוין פון יאָרן,
כ'בין שוין אַלט און גראָ.
כ'היט דעם ווייץ און היט דעם קאָרן,
כ'טרעט נישט אָפּ קיין שעה.

ברענגט מען פולע זעק צו פירן,
ליגן זיי דאָרט אין דעם שייער...

אַ קינד: זאָגסט, אַז ס'ליגט דאָ ווייץ און קאָרן —
אַך, ווי גוט דאָס איז, ווי טייער.

קינדער: לאָמיר לויפן גיך צום טאַטן,
און אים זאָגן: ברויט פאַראַנען.

אַ קינד: און דו, וועכטער, ביסט אַ גוטער,
וועסט נישט טרייבן אונדז פון דאַנען?

צווייט קינד: אַך ווי גוט דאָס איז, ווי טייער,
וואָס מיר האָבן דיך געטראָפן.

דריט קינד: ס'וועט אַ פרייד זיין און אַ שמחה.

פערט קינד: זאָלסט דעם טויער לאָזן אָפן.

(קינדער אָפּ. וועכטער בלייבט אַליין)

וועכטער: כ'זאָל דעם טויער לאָזן אָפן
און פון דאַנען זיי נישט יאָגן;
איך זאָל אַ וועכטער זיין אַ גוטער...
וואָס האָב איך געקאָנט זיי זאָגן!

(צווייטער פאָרהאַנג אין דער פאָרעם פון אַ טויער עפנט זיך אויף. מען זעט דעם שפּייכלער. עס שטייען זעק קאַווע, קאָרן, ווייץ, טיי, פּאָמעראַנצן)

אַלע פּראָדוקטן: ווי ענג אין שפּייכלער איז דאָ,
אָנגעלאָגערט שטאָק אויף שטאָק
און ס'ווערט פולער און ס'ווערט ענגער
אין דעם שפּייכלער יעדן טאָג.

ס'פּוילן קאָרן, ווייץ און קאַווע —
אַרבעט פון דעם מענטשנס הענט;
ס'וועלן פעסלעך, זעק און קאַסטנס
באַלד צעשפּאַרן אַלע ווענט.

קאָרן: אויף אַ פעלד אין טאָל אין גרינעם,
בין איך שלאַנק און הויך געוואַקסן,
אונטער הייסע זונען־שטראַלן,
אונטער פרישע רעגן־שלאַקסן.

אָפט האָב איך אין נעכט אין שטילע,
אַ געוויין פון ווייט געהערט.
ס'האָבן קינדער פּיצלעך, קליינע
ברויט פאַר זיך באַגערט.

ווייץ: איך פלעג אויך געשרייען הערן
פון די דערפער און פון שטעט.

פּאָמעראַנץ: און פון מיר אַ ייִנגל חלומט
אין זיין האַרטן, ענגן בעט.

קאָרן: כ'האָב געבענקט, געוואַרט אויף טאָג שוין,
ווען כ'וועל רייף און צייטיק ווערן,

כ״זאָל דעם בייזן הונגער שטילן
און דעם ווײ־געשריי נישט הערן.

האָט מען מיך אין ענגן שפּייכלער
אָן שום נוצן דאָ פאַרשפּאַרט.
ליג איך יאָרן און איך פויל דאָ,
און איך וואַרט און וואַרט און וואַרט.

פּאָמעראַנץ: עס האָט אַ מאָל דערזען מיך
גאָר אַ קליינטשיק ייִנגל.
כ׳זע, די אויגן גלאַנצן,
כ׳זע — ער בייסט דאָס צינגל.

ס׳ציטערן די ליפּן —
נישט געגעסן קיין מאָל.

קאַווע: וויל אַ פּאָמעראַנצל
כאָטש פאַרזוכן איין מאָל.

פּאָמעראַנץ: לאָזט מען מיך צום ייִנגל
נישט אַרויס פון דאַנען —
פוילן מיר אין שפּייכלער,
זאָגט מיר זאָגט: ביז וואַנען?

אַלע: ס׳פוילן קאָרן, ווייץ און קאַווע —
אַרבעט פון דעם מענטשנס הענט;
ס׳וועלן פעסלעך, זעק און קאַסטנס
באַלד צעשפּאַרן אַלע ווענט.

(ס׳שפּרינגען אַריין צוויי מייזלעך)

איין מייזל: וואָס טוט זיך היינט דאָ?
וואָס טומלען זעקלעך?

ס׳צווייטע מייזל: ס׳איז שטענדיק שטיל און רואיק,
און היינט אַ טומל — שרעקלעך...

ביידע: כי־כי־כי־כי־כי!

ס׳ערשטע מייזל נו, זאָלן זיי זיך טומלען,
אומזיסט די פּוסטע רייד.
ס׳איז שפּייז פאַר אונדז אויף יאָרן
אין שפּייכלער אָנגעגרייט.

(ביידע מייזלעך טאַנצן צו די זעקלעך)

ס׳ערשטע: כ־כי־כי — כי־כי־כי!
זע, אַ זעקל רייז.

ס׳צווייטע: כ־כי־כי — כי־כי־כי!
מיין באַליבטע שפּייז.

ס׳ערשטע: כ־כי־כי — כי־כי־כי!
זע, אַ פולער קאַסטן.

ביידע מייזלעך: כי־כי־כי־כי!
מירן שוין נישט פאַסטן.

פראַדוקטן: מויז! מויז! ווידער מויז —
אַך, ווי טרייבט מען זיי אַרויס.
ניין, ניין, נישט פאַר מייז
שטייען דאָ די זעק מיט שפּייז!

מייזלעך: נאָר פאַר מייז,
נאָר פאַר מייז,
שטייען דאָ די זעק מיט שפּייז.

שטימען פון ווייט: הונגער, הונגער, עלנט, נויט —
ס׳פעלט אויס אַרבעט, ס׳פעלט אויס ברויט.

(מייזלעך צעלויפן זיך דערשראָקענע)

פראַדוקטן: וואָס הייסט דאָס — אין לאַנד איז אַ הונגער,
וואָס הייסט דאָס — אין לאַנד איז אַ נויט?
צי קאָן דאָס אמת זיין,
אַז פעלן זאָל ברויט?

ווייץ: אַז דאָס לאַנד מיינס, אַרגענטינע,
קאָן אַ וועלט מיט ברויט באַדינען.

קאַווע: און אין זוניקן בראַזיל
גרינען קאַווע־פעלדער פיל.

טיי: אין יאַפּאַן, אין יאַפּאַן
איז די בעסטע טיי פאַראַן.

רייז: און אין כינע, און אין כינע,
שפּרייטן רייז־פעלדער זיך גרינע.

אַלע: עפּנט שפּייכלערס פון דער וועלט,
וואָלט קיין ברויט נישט אויסגעפעלט!

(פאָרהאַנג)

דאָס דריטע בילד

צו ליכט און זון

(פאָרהאַנג הייבט זיך אויף: מען זעט טרעגער מיט זעק און קאַסטנס אויף די פּלייצעס)

ערשטער: זעק און סנאָפּעס פאַרן פייער —
לויטן ווונק פון איין מאַגנאַט.

צווייטער: שמאַכטן הונגעריק מיליאָנען,

דריטער: זיי דאָרט אָבער זענען זאַט.

פערטער: וואַרפט מען תבואה אין די ימען,

דריטער: זיי דאָרט אָבער זענען זאַט.

פינפטער: זעק מיט סחורות אין די פלאַמען,

זעקסטער: לויטן ווונק פון איין מאַגנאַט.

זיבעטער: זיי דאָרט אָבער זענען זאַט.

וועכטער: ענג איז אין שפּייכלער,
פול אין די קלייטן.
וואַרפט מען אין פייער,
אין פייער אין גרייטן.
פלאַקערט פייער, פרעסן מייז,
הייבט זיך, הייבט זיך הויך דער פּרייז.

(אַרבעטער שטעלן אַוועק די זעק, ס'קומען צו לויפן פייער־פלעמעלעך. אַ פלעמל־טאַנץ)

פלעמעלעך: פייער איז פייער און פייער איז פלאַם,
פלאַקער וואָס העלער, צונט־רויטער פלאַם,
ווייל ס'מוזן די פלאַמען פאַרצוקן אין בראַנד
איבעריק געוואָרענע אוצרות פון לאַנד.
פייער איז פייער
און פייער איז פלאַם.
פלאַקער וואָס העלער,
צונט־רויטער פלאַם.

(ס'קומען קינדער און זעען דעם פלעמל־טאַנץ)

ערשט קינד: זעט, אַ פלאַם!

צווייט קינד: און זעט אַ פלאַקער!

דריט קינד: זעט, עס ווערט דאָרט אַלץ פאַרברענט!

פערט קינד: תבואה־זעק און פולע קאַסטנס.

אַלע: אַרבעט פון דעם מענטשנס הענט.

(שטימען פון דער ווייטנס)

אין לאַנד איז הונגער,
אין לאַנד איז נויט;
ס'פעלט אויס אַרבעט,
ס'פעלט אויס ברויט.

אַלע פּראָדוקטן: ווער וואַגט עס, אין צייטן פון עלנט און הונגער,
פאַרברענען, פאַרניכטן, די תבואה, דאָס ברויט.
ווען ס'פּאַכן אויף שטעט און אויף דערפער
די שאָטנס פון גרויזאַמען הונגער און נויט.

וועכטער: איך פאַרשטיי נישט וואָס געשעט דאָ —
כ'היט שוין יאָרן דעם פאַרמעגן.
נישט געטראָפן האָט ביז היינט נאָך,
מען זאָל שטעלן זיך אַנטקעגן.

פּראָדוקטן: דאָ אין שייער, אונטער שלעסער,
האָסט געהאַלטן אונדז פאַרשפּאַרט.
יאָר נאָך יאָר האָסטו כסדר,
אַלטער וועכטער, אונדז גענאַרט.

עפן, וועכטער, שוין דעם טויער,
לאָז אַרויס די תבואה פריי.
שוין נישט פאַר ים און פאַרן פלאַקער
איז געקומען אונדזער ריי!

אַלע וואָס מיט זעג און האַמער,
אַלע וואָס מיט בלאַנק פון אַקער —
זיי געהערט די פּרוכט פון אַרבעט,
נישט דעם ים און נישט דעם פלאַקער.

(ס'עפנט זיך דאָס טויער פון שפּייכלער. דעקאָראַציע פון צווייטן אַקט)

קינדער: (דערזעען אַזוי פיל תבואה און פאַרוואונדערן זיך)
זעט נאָר, זעט, די פולע זעק,
פולע קעסטלעך פּאָמעראַנצן!
וויפל תבואה, וויפל קאַווע!
ס'איז דער שפּייכלער פול אין גאַנצן.

ערשט קינד: כ'האָב געמיינט, אַז אויף דער וועלט
האָט אויף אַן אמת ברויט פאַרפעלט.

אַלע פראָדוקטן: (רייסן זיך אַרויס פון שפּייכלער און טאַנצן אַ טאַנץ פון פרייד)

מיר זענען פריי, שוין פריי געוואָרן —
נישט פאַר מייז און פייער גרייט.
מירן קינדער, אויסגעבלייכטע,
הונגער שטילן, ברענגען פרייד...
אַז דאָס לאַנד מיינס, אַרגענטינע,
קען אַ וועלט מיט ברויט באַדינען
און אין זוניקן בראַזיל
גרינע קאַווע־פעלדער פיל;
אין יאַפּאַן, אין יאַפּאַן...

(עס דערהערט זיך אַ ראַדיאָ־שטים פון אַ ווינקל אין זאַל):

האַלאָ, האַלאָ, ראַדיאָ יאַפּאַן!
ברויט און אַרבעט פאַר אַלע פאַראַן!

פּראָדוקטן: אין יאַפּאַן, אין יאַפּאַן
איז די בעסטע טיי פאַראַן;
און אין כינע, און אין כינע
שפּרייטן רייז־פעלדער זיך גרינע.

(צווייטער ראַדיאָ פון אַ צווייטן ווינקל־זאַל):

האַלאָ, האַלאָ, ראַדיאָ כינע!
ס'איז אויס מיט הונגער אין אונדזער מדינה!

(דריטער ראַדיאָ־קול):

האַלאָ, ראַדיאָ רוים מאַכט באַקאַנט:
פרייד און גליק איז ביי אונדז שוין אין לאַנד.

אַלע: (פרייד־טאַנץ)

ליכט און זון,
פרייד און גליק,
טראָגט מיט זיך דער גרויסער זיג.
עס שטראַלט די זון אויף אַלע וועגן,
לאָמיר גיין דעם זיג אַנטקעגן!

ליכט און זון,
פרייד און גליק,
ברענגט מיט זיך
דער גרויסער זיג!

יידישע שול-ארגאניזאציע

הויפטפארוואלטונג, ווארשע.

צו די יידישע ארבעטנדיקע מאסן —

צו די פריינט פון דער יידישער קולטור און יידיש-וועלטלעכער-שול!

עס איז געשען אן'אומגלויבלעכע זאך: אויף דער „קינדער-סאנאטאריע א. ג. וול. מעדעם" פון דער יידישער שול-ארגאניזאציע איז אויסגעפירט געווארן א שענדלעכער באנדיטישער פאגראם אין דער צייט ווען דארט האבן זיך געפונען 110 קראנקע קינדער.

אויף אנ'ארבעטער-אנשטאלט, וואס זיין אויפגאבע איז אומצוקערן קראנקע ארבעטער און פאלקס-קינדער געזונט און כחות, אויף א קינדער-סאנאטאריע, וואס גיט קינדער פון די קעלערן און בוידעם-שטיבלעך — ליפט, ליכט, דערנערונג, פרייד און זון, האבן געוואגט אויפצוהויבן זייערע הענט מיט רעוואלווערן און שטיינער מענטשן, וועלכע ווילן מען זאל זיי דוקא צורעכענען צום ארבעטער-קלאס און וועלכע האבן שטענדיק א פול מויל מיט שרייענדיקע, רעוואלוציאנערע פראזן. ווי ווילדע צעיושעטע כוליגאנעס האבן זיך די דאזיקע „רויטע" געווארפן אויף דער סאנאטאריע, צעברעכנדיק און צעשטערנדיק אלץ, וואס זיי האבן געטראפן אויפן וועג, שלאגנדיקן יעדן, וואס האט זיך דערוועגט צו פארטיידיקן דעם אנשטאלט און דאס לעבן פון די קינדער. זייערע שטעקנס און קוילן פון רעוואלווערן האבן זיך געווענדעט צו יענע טיילן פון דער סאנאטאריע-געביידע, ווו עס האבן זיך דאן געפונען די קינדער.

ארבעטער און פאלקס-מענטשן! איר דארפט עס וויסן, הגם עס איז שווער צו דערציילן און ס'וועט זיך נישט גלויבן, ווי מחנית פאגראמשטשיקעס האבן די „רויטע" געבאלעבאטעוועט אין דעם שוצ-לאזן, ווערלאזן אנשטאלט. צעבראכן אפילו די דינאמא-מאשין און געלאזן דעם אנשטאלט אן ליכט און אן וואסער, און געלאזן אין די ווענט פון דער סאנאטאריע לעכער פון די רעוואלווער-קוילן צענטלי-קער שפורן פון זייער אנפאל, און כדי זייער ארבעט זאל דורך קיינעם נישט געשטערט ווערן, האבן זיי איבערגעשניטן די טעלעפאן-דראטן, אפשניידנדיק די סאנאטאריע פון דער וועלט.

דאס אלץ איז אבער נאך ווינציק געווען פאר די אויסוורפן, האבן זיי געשלאגן דעם לערער און די דאקטארין, וועלכע האבן זיי פארשטעלט דעם וועג צו די קינדער, און פארווונדעט מענטשן, וועלכע האבן דערפילט ערלעך און געטריי זייער פליכט לגבי די קינדער. אפילו אין צייט פון מלחמה ווערט געשוינט און געשיצט די ארבעט פונם דאקטאר! אבער דא האבן די אנפאלער געשלאגן און פאר-ווונדעט א פרוי, א דאקטארין, וועלכע האט באשיצט די קראנקע קינדער, א לערער, וועלכער האט פארטיידיקט דעם אריינגאנג אין די קינדער-צימערן. הונדערט פופציק רויטע, יידן אין פאליאקן, דער-וואקסענע און יוגנטלעכע, מענער און פרויען, בלוטדורשטיקע רעוואלוציאנערן באפאלן מיט רעוואלווערן אין די הענט, מיט אייזערנע הענטשקעס און פרענטן, מיט שטעקנס אנ'אנשטאלט, ווי ס'געפינען זיך 110 קראנקע קינדער!

דער סך הכל איז געווען: איין לערער איז געפאלן פארבלוטיקט ביים טיר, וואס פירט צו די קינדער-צימערן, אויך אזוי די דאקטארין, וועלכער איז געשטאנען אין ווייסן כאלאט אויף איר פאסטן. הונדערט פינף און דרייסיק שויבן זענען קוילן זענען אריינגעשאסן גע-ווארן אין פענסטער. אפילו די דריי צימערן, ווו עס געפינען זיך קינדער אפגעזונדערט מיט היכער היץ — זענען באשאסן געווארן. 35 שויבן אין די דאזיקע איזאלאציע-צימערן זענען אויסגעהאקט גע-ווארן מיט שטעקנס, שטיינער און ציגל. די קראנקע קינדער, מיט היץ, האבן זיך געמוזט ראטעווען, און באהאלטן זיך אין דערנעבנדיקן קלאזעט.

דער באנדיטישער אנפאל איז אפגעשלאגן געווארן. שטעלנדיק אין קאן זייער לעבן, האבן די לערער און אנגעשטעלטע פון דער סאנאטאריע פארטריבן די צעיושעטע באנדיטן. דער מוט פון די פליכטבאוווסטע ארבעטער האט געראטעוועט דאס לעבן פון די קינדער.

די קאמוניסטן זאגן, אז דעם פאגראם האבן זיי געמאכט, ווייל זיי האבן „געקעמפט" פאר די אינטערעסן פון אייניקע געוועזענע דינעריננס אין דעם אנשטאלט.

די דינעריננס האבן באקומען ביז 110 גילדן א חודש, אימוויסטע דירות ביים אנשטאלט, זיי זענען געווען אויף פולער אויסהאלטונג, געארבעט אכט שעה א טאג, געהאט א פארשטייער אין פעדא-גאגישן ראט. דריי דינעריננס, וואס האבן זיך ארויסגעוויזן נישט פאסיק צו דער ארבעט, זענען, אין הסכם מיטן אפמאך, אפגעזאגט געווארן צו דער צייט און אין פארשטענדיקונג מיט זייער פראפעסיאנעלן פאריין, זייער שכירות איז זיי לעצטנס אפגעצאלט געווארן ביז א גראשן, וואס זיי האבן פולשטענדיק קוויטירט. נאר לאמיר אויף א רגע אננעמען, אז די סאנאטאריע איז עפעס שולדיק לגבי די דינערינס—נ, קאן דאס אפשר פארענטפערן דעם בלוטיקן פאגראם? — עס איז לחלוטין איבעריק איצט יעדעס-ווארט וועגן דעם.

די „רויטע" האבן שוין אויף זייער געוויסן בלוטיקע אנפאלן אויף שולן, אויף אוונט-קורסן — דער פאגראם אויף דער סאנאטאריע איז אבער די „קרוין" פון די אלע מיאוסע מעשים.

אויפרוף פון דער יידישער שול־אַרגאַניזאַציע, אַרויסגעגעבן אין פעברואַר 1931 אין שייכות מיטן קאָמוניסטישן פּאָגראָם אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע (זע אַרטיקלען פון בערנאַרד גאָלדשטיין, יוסף ברומבערג און יעקב פּאַט אין טייל א׳, זייטן 163—172).

ה

קינדער שרייבן וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

„קליינע פאָלקסצייטונג"

„דאָס פרייע קינד"

פּאַרטייער יאָרגאַנג | פּרייז 10 גראָשן! | Klajne Folkscajtung

קליינע פאָלקסצייטונג

וואַרשע, פרייטאג 5 אפּריל 1929 | דער רעדאַקטאָר נעמט אויף יעדן זונטאג פון 5 ביז 7 אָוונט | דערשיינט יעדן פרייטאג | № 14 | Warszawa Piątek 5 Kwietnia 1929

אין דער מעדעם-סאַנאַטאָריע אין מעדזעשין

– וואָס מאַכסטו, מיידעלע?

– ווי איז ביי דיר די טעמפּעראַטור?

קינדער שרייבן
וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

די קורצע צייט, וואָס די קינדער האָבן געווײלט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, איז פאַר זיי געווען אַ קאַלאָסאַלע, אַן אומפאַרגעסלעכע איבערלעבונג. די גליקלעך פאַרברענגטע מינוטן, שעהן און טעג אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָבן אינספּירירט די קינדער צום שרייבן און צום קינסטלערישן שאַפן. וועגן דעם לעבן אין דער סאַנאַטאָריע האָבן די קינדער אָנגעשריבן קלאַסן־אַרבעטן אין די שולן, ווי אויך דערציילונגען און קאָרעספּאָנדענצן פאַר די יידישע קינדער־צייטונגען, וואָס זענען דערשינען אין פוילן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

נאָר אַ קליינע צאָל פון די דאָזיקע קינדער־אַרבעטן האָט זיך אויפגעהיטן אין די אַרכיוון פון דער יידישער פּרעסע, און מיר ברענגען דאָ אייניקע אַזעלכע באַשרייבונגען, וואָס עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן אָפּצוגעפינען אין די קינדער־צייטונגען „קליינע פאָלקסצייטונג" און „דאָס פרייע קינד", פון די ערשטע יאָרן נאָך דער גרינדונג פון דער סאַנאַטאָריע.

רעדאַקציע

מאַי אין מעדעם־סאַנאַטאָריע

די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע האָבן זיך געגרייט צום שיינעם אַרבעטער־יום־טוב — צום ערשטן מאַי. ערב יום־טוב האָבן מיר געמאַכט רויטע פענער און טראַנספּאַרענטן, דעקאָרירט דעם זאַל און רעדאַגירט דעם ספּעציעלן 1־טן מאַי־נומער פון אונדזער וואַנט־צייטונג.

מיר האָבן זיך אינדערפרי לכבוד יום־טוב אויסגעפּוצט. אָנגעטון אונדזערע בעסטע קליידער און אַרויס אויפן הויף. סאַראַ פּראַכט ! דער יום־טוב פון ערשטן מאַי איז אויך אין גאָרטן ! די זון — ווי ליכטיק ! ווי וואַרעם . עס באַגעגענען זיך קינדער מיט אַ פריילעכן גוט יום־טוב. אַלע זענען צופרידן. אַ קלונג. מען גייט שוין פרישטיקן. מיר זענען אַריין אין עס־צימער. ווי שיין דאָ איז ! דאָס מעדעם־בילד איז מיט רויטן באַנד. אויף דער ערד שטייען גרויסע, הויכע, וואַזאָנעס, וואָס האָבן זיך מיט רויטע בלומען צעבליט. אויף די טישן שטייען זייער שיינע רויטע טולפּעס. עס שיינט אַראָפּ דער ספּעציעלער 1־טער מאַי־נומער פון אונדזער וואַנט־צייטונג.

שפעטער פון אַלעמען איז מיט אַברייטן „גוט־יום־טוב" אין עס־צי־מער אַריין דער לערער גילינסקי, וועלכער האָט נאָכן עסן אין עטלעכע אָבער פייערדיקע ווערטער איבערגעגעבן דעם אינהאַלט און באַדייטונג פון ערשטן מאַי.

אַלע זענען גליקלעך. קיינער האָט נישט געהייסן, נאָר אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און ווי איין מענטש אָנגעהויבן זינגען :

„מיר זענען קינדער אַלע גלייכע".

נאָך דעם פאָרמירן מיר אַ צוג צו „מאַרסקע אָקאָ". די רויטע פאָן מיט דער אויפשריפט „זאָל לעבן דער 1־טער מאַי" טראָגט מען פאָרויס. נאָך די פאָן־טרעגערס גייט דער גאַנצער עולם קינדער. אַלע קליינע פענדלעך פון פאַרשידענעם קאָליר. מען זינגט אַרבעטער־און־קאַמף־לידער. אַלע דורכ־גייער שטעלן זיך אָפּ, ווערן אַרומגעכאַפּט מיט אונדזער פרייד און האָבן הנאה פון דער שיינקייט פון צוג.

פאַרמאַטערטע קומען מיר צוריק אין סאַנאַטאָריע. מיר עסן צווייטן פרישטיק און לייגן זיך אָפּרוען אויף דער וועראַנדע. דאָ האָט די לערערין מנוחה ראַבינאָוויטש דערציילט וועגן דער געשיכטע פון ערשטן מאַי און וועגן די פייערונגען, וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטן און ערטער. קינדער האָבן דערציילט, ווי עס גייען דורך די ערשטע מאַי־טעג אין ווילנע, אין קרעמעניץ, אין ווייטן אַנטווערפּן און אין אַנדערע גרעסערע אָדער קלענערע שטעט.

דערנאָך האָט די לערערין פאָרגעלייענט פאַר אונדז קאַפּיטלען פון „זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט".

פאַרנאַכט האָבן מיר זיך פאַרזאַמלט אין קלוב־צימער. דער כאָר האָט זייער שיין געזונגען פאַרשידענע פרילינג־ און אַרבעטער־לידער. מ'האָט דעק־לאַמירט, די גאָר קלייניקע האָבן גלענצנד אויסגעפירט אַ טאַנץ. די על־טערע — אַן אַנדער טאַנץ, גימנאַסטיק, אַ פּיראַמידע.

דעם יום־טוב וועלן מיר גוט געדענקען.

פּ—ג

מיר דערפילן אַ ביטע

ליבער ח' רעדאַקטאָר !

מיר בעטן אָפּדרוקן אין דער „קליינער פאָלקסצייטונג" אַ בריוו צו אונדזער חברטע מאַניע קאָנאָטאָפּסקאַ פון קאַרטוז־בערעזע.

ליבע חברטע מאַניע!

אין נאָמען פון אַלע לערערס און קינדער פון סאַנאַטאָריע, דאַנקען מיר דיר פאַר דער מתנה, וואָס דו האָסט אונדז געשיקט. מיר זענען זייער צופרידן, וואָס דו געדענקסט נאָך אָן אונדז, הגם דו ביסט ווייט פון סאַנאַטאָריע. דיין מתנה, דער שילדקרעט, האָט באַרייכערט דעם ביאָלאָגישן צימער. דער שילדקרעט האָט אַרויסגערופן אַן אויפרודער ביי די קינדער, וועלכע האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ מין באַשעפעניש.

אין די ערשטע טעג, ווי מ'האָט אים געבראַכט, האָט ער זיך געפילט נישט גוט. ער פלעגט כמעט כסדר ליגן באַהאַלטן אין זיין פאַנצער. די מאכלים פון סאַנאַטאָריע האָבן אים, ווייזט אויס, נישט געשמעקט, און ער האָט גאָרנישט געגעסן.

איצט איז ער שוין געוואָרן עטוואָס דרייסטער.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז אונדזער שילדקרעט אַנטלאָפן. אפשר האָט ער זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך זיין טייך אין בערעזע. אַלע קינדער זענען אַרומגעלאָפן אים זוכן און לסוף האָט מען אים געכאַפּט אונטער אַ ווערענדע.

ער פאַרברענגט צוזאַמען מיט זיין טייערן פריינט דעם יעזש. זיי ליגן זיך ביידע גאַנצענע טעג אונטער דער שאַפע. מען טרעט איצט צו צו בויען פאַר אים אַ ספּעציעלע וווינונג, און מיר האָפן, אַז אינגיכן וועט ער זיך ביי אונדז אינגאַנצן גוט פילן.

מיר דאַנקען דיר נאָכאַמאָל.

דיינע חברטעס קוזשניצקאַ און סאַבע אַלפערן

מיעדזעשין, דעם 5־טן מאַי 1928

(„קליינע פאָלקסצייטונג", 11 מאַי 1928)

קאַלמען, די לעוואָנע, לאַטשן

געשיכטן פון מעדעם־סאַנאַטאָריע

אַ מייסע וועגן קאַלמען

ביי אונדז אין סאַנאַטאָריע איז דאָ אַ ייִנגל קאַלמען, וואָס איז געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר מיט אַלע קליינע קינדער און מיט דער לערערין. האָט ער דערזען פליען אַ קראַקוס און איז געלאָפן כאַפּן דעם קראַקוס. ער האָט צוגעהאַלטן די הויזן מיט די הענט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין שעל־

קעס. איז ער געלאָפן, האָט ער פאַרלוירן די הויזן. ס'איז געווען אַ ווינט און די הויזן זענען אים אַוועקגעפלויגן. איז ער אַהיימגעקומען אָן הויזן און בלויז מיטן העמד און מיטן פאַלטע. האָט די לערערין מיט אַלע קינדער פון אים געלאַכט.

זאָשקע און דבורה פון וואַרשע

אַ פראַגע

ס'איז עמעס, אַז די לעוואָנע קען רעדן? — אַזוי האָט מיר געזאָגט דוווטשע: אַז ער איז אַרויסגעגאַנגען ביי דערנאַכט אינדרויסן, האָט די לעוואָנע געשאָקלט מיט דעם קאָפ.

חנהלע פון וואַרשע

דער שלעכטער קאַלמען

קאַלמען איז אַ שלעכטער, ווייל ער צערייסט אַלץ. האָט ער געהאַט אַ פּאָר שיך, זאָגט ער: „וואָס טויג מיר שיך? — בעסער לאַטשן". נעמט ער, רייסט אַראָפּ די כאָלעוועס און — האָט שוין לאַטשן.

האָט ער אַ היטל, זאָגט ער: „כ'וועל האָבן אַ בערעט". רייסט ער אַראָפּ דעם דאַשעק — און האָט שוין אַ בערעט. זיין מאַמע האָט נישט קיין געלט אויף אַ צווייטס. אַזאַ נאַרישער קאַלמען!

זאָשקע און חנהלע פון וואַרשע

(„קליינע פאָלקסצייטונג", 6 יולי 1928)

איינדרוקן פון דער קינדער־סאַנאַטאָריע

(פון בינע אַלטערמאַן — שילערין פון דער 7־טער אָפּטיילונג, וואַרשע, פאָלקסשול מוראַנאָוו 16)

מיר גרייטן זיך

שוין צוויי וואָכן צייט גרייטן מיר זיך צו פאָרן אויף דער קאָלאָניע. יעדן טאָג קומען אַנדערע עלטערן פאַרשרייבן זייערע קינדער, אַז זיי זאָלן פאָרן אין דער סאַנאַטאָריע. מיר ווילן שוין פאָרן, יעדן טאָג רעדן מיר וועגן דער סאַנאַטאָריע. איין קינד דערציילט ווי עס שטעלט זיך פאָר ביים עסן. אַ צווייטס שילדערט ווי ס'זעט־אויס ביים וואַשן זיך און אַ דריטס פאַנטאַזירט פון שפּאַציר.

ענדלעך איז געקומען אַ טאָג פאַרן פאָרן. דער דאָקטאָר האָט אונדז געהייסן קומען אין „טאָז", ווו מ'וועט אונדז באַטראַכטן און — זאָגן וואָס מיר דאַרפן מיט זיך מיטנעמען אויף אַ גאַנצן חודש. פאַרנאַכט זענען מיר תיכף אַוועק צום דאָקטאָר. נאָכן באַטראַכטן, האָט מען אונדז געהייסן צו וואַרטן אין זאַל. באַלד איז אַרויסגעקומען אַ לערער, מיט אַ צעטל אין האַנט, און האָט פאַר אונדז פאָרגעלייענט, וואָס מיר דאַרפן מיט זיך מיט־נעמען.

מיט גרויס גדולה זענען מיר אַהיימגעלאָפן. און צומאָרגנס האַלב אַכט אַזייגער אינדערפרי האָבן מיר זיך שוין אַלע געטראָפן אין „טאָז". מיט די קלענערע קינדער זענען מיטגעקומען די עלטערן, אָבער דער לערער מעלדעט: „אַלע עלטערן מוזן זיין אַזוי גוט, און געזעגענען זיך מיט די קינ־דער דאָ, און באַלד אַהיימגיין". ס'האָט זיך תיכף אָנגעהויבן אַ סדרה פון געזעגענען זיך מיט די מאַמעשיס, און טאַטעשיס. יעדע מוטער, אָדער פאָ־טער, האָט אָנגעוווּנטשן זיין קינד: „שרהלע, זאָלסט זיין אַ וווּיל מיידעלע! חיהלע זאָלסט אַהיימקומען געזונט. ריוועלע זאָלסט נישט בענקען! חיימל זאָלסט פאָלגן די לערער! משהלע זאָלסט אַהיימקומען מיט אויסגעפּאַשע־טע בעקעלעך"!...

אויף דער באַן

אַך, איז דאָס געווען אַ ביסל פריילעך אויף דער באַן! אַזוי ווי מיר האָבן זיך נאָר אויסגעזעצט, האָבן מיר באַלד אָנגעהויבן זינגען. אָפּגעזונגען אַ פופצן מינוט, זענען מיר אַ ביסל פאַרמאַטערט געוואָרן, האָבן מיר זיך גענומען צו דער אכילה. נאָך דער אכילה, האָבן מיר זיך אַ ביסל אָפּגערוט. אַ סך פון „קליינוואַרג", זענען דאָס ערשטע מאָל געפאָרן מיט דער באַן. אַלץ וואָס זיי האָבן דאָ געזען, איז פאַר זיי געווען אַ נייעס.

מיט אַמאָל האָט אַ פייף פון לאָקאָמאָטיוו אַדורכגעריסן די לופט און דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. מיר זענען געוואָר געוואָרן, אַז מיר זענען שוין אין מיעדזעשין... מיר האָבן שנעל געכאַפּט אונדזערע זאַכן און מיר זענען אַראָפּ פון צוג. פון דער באַן ביז אונדזער ווילע, איז נאָך געווען אַ שפּאָר שטיקל וועגס. די לערערין האָט גלייך געדונגען אַ פור פאַרן קליינ־וואַרג און מ'האָט זיי אויפגעזעצט. מיר, חברה, האָבן זיך געלאָזט גיין צו־פוס מיט פריילעכע געזאַנגען. פון דערווייטנס האָבן מיר שוין דערזען דעם רויטן דאַך פון אונדזער ווילע. ווען מיר זענען אָנגעקומען נעבן דער ווילע, האָט זיך די פור אָפּגעשטעלט און דאָס קליינוואַרג איז אַראָפּגעגאַנגען.

ווייסע חברה, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געפונען פון פריער, האָבן זיך — ווען זיי האָבן אונדז דערזען — געגעבן אַ לאָז צום טויער מיט אַ פריילעך געזאַנג: „לאָמיר אַלע, אַלע אינאיינעם די געסט מקבל פנים זיין!".

די ערשטע טעג

די ערשטע טעג האָט מען אונדז גערופן „די נייע קינדער". מיר אָבער, האָבן זיך נישט געפילט ווי „נייע קינדער". מיר האָבן זיך באַלד אַזוי צוזאַ־מענגעלעבט, גלייך ווי מיר וואָלטן שוין דאָרטן געווען זייט וואָכן.

די שענסטע מינוטן האָבן מיר צוגעבראַכט אין אונדזער פּראַכטפולן גאָרטן. וואָס אונדזער האַרץ האָט נאָר געגלוסט האָבן מיר דאָרטן געהאַט: קאַרטאָפל, ציבעלעס, בוראַקעס, מייערן, פּיעטרושקע, קרויט, באַרן, עפּל, פלוימען, קאַרשן, פּאָמידאָרן און אוגערקעס און נאָך און נאָך. איבערן גאָרטן איז דאָ אַן אויפזעערין און אַז עס פאַרגלוסט זיך קאַרשן, עפּל, אָדער וואָס עס זאָל נישט זיין, פרעגט מען ביי איר אויף אַ דערלויבעניש אַריינצוגיין אין גאָרטן און וויפל זי דערלויבט צו רייסן. ס'פאַרשטייט זיך, אַז זי דערלויבט אַלעמען. עס גייט ביי אונדז צו אַן אָרדענונג. אויב היינטיקן טאָג, לאָמיר זאָגן, האָבן אַ סך קינדער געריסן פלוימען און ס'קומען קינ־דער זיך פרעגן אַ דערלויבעניש צו רייסן פלוימען, פאַרשטייט זיך, אַז זי דערקלערט די קינדער, אַז היינט מוזן זיי רייסן עפּעס אַנדערש.

די לעצטע טעג

אַזוי זענען די טעג געפלויגן מיט אַ ריזיקער שנעלקייט. ווען איך האָב אַ קוק געגעבן אויפן קאַלענדאַר, איז מיר אומעטיק געוואָרן אויפן האַרצן. עס איז מיר, — און אונדז אַלעמען — געווען אַ שאָד, אַוועקצופאָרן פון אונדזער גן־עדן. אַלע האָבן געוואָלט, אַז די עטלעכע טעג, וואָס מיר האָבן נאָך געהאַט צו זיין, זאָלן זיך נאָך ציען און זאָלן געדויערן כאָטש אַ יאָר. עס האָט זיך אונדז זייער נישט געגלוסט אַוועקצופאָרן, אָבער מיר האָבן סוף־כל־סוף פאַרשטאַנען, אַז מיר מוזן מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע קינדער און מיר האָבן זיך געגרייט צו פאָרן קיין וואַרשע.

די לעצטע נאַכט זענען מיר כמעט גאָרנישט געשלאָפן. מיר האָבן כסדר געטראַכט וועגן מאָרגנדיקן טאָג, ווי אַזוי מיר וועלן אַהיימפאָרן. מיר זענען געזעסן אויף די בעטלעך און גערעדט. מיר האָבן אויך אַ ביסל געשטיפט. פון אַלע צימערן האָט זיך געהערט אַ געמורמל. די קינדער זענען אַפילו געגאַנגען אַ טענצל, איינגעהילט אין די ליילעכער. דער לערער

איז שפּעט אין דער נאַכט אַרויפגעקומען, און האָט אונדז געמאַכט אַ באַ־מערקונג, אָבער מיר האָבן צום לערער געטענהט, אַז עס איז שוין די לעצטע נאַכט. איך האָב זיך געפילט זייער נישט גוט. בעת די איבעריקע האָבן גע־טאַנצט, האָב איך זיך דערמאָנט דאָס בילד, וועלכעס איך האָב דעם לעצטן פאַרנאַכט געזען ביי מיין פענצטער און איך פּרוּוו עס אויך דאָ איבערגעבן.

פאַרנאַכט ביי מיין פענצטער

געווען איז דאָס זיבן אַזייגער. מיר האָבן שוין געדאַרפן גיין שלאָפן. מיין צימער האָט זיך געפונען אויפן ערשטן שטאָק. דאָס פענצטער איז געווען אַנטקעגן גאָרטן. איך האָב דאָ געזען אַ בילד, פון וועלכן איך בין אַנטציקט געוואָרן. פון ביידע זייטן גאָרטן זענען געשטאַנען הויכעביימער, איינגעהילט אין אַ שאָטן. דער הימל איז געווען לויטער, נאָך אַ זון־אונ־טערגאַנג. אַ לייכט ווינטעלע האָט באַוועגט די ביימער. זיי האָבן זיך געוויגט הין און צוריק און דאָס האָט אויסגעזען ווי הויכע יידן שטייען און דאַ־ווענען מנחה. צווישן די ביימער האָט זיך עפּעס געלייכט. דאָ און דאָרט האָבן זיך געשפּילט די שטראַלן פון דער אַוועקגייענדיקער זון און די פּיי־ערדיקע קויל, פון וועלכער עס זענען געקומען די שטראַלן, איז געווען רויט ווי קאַרמאַזין. כמעט אַלע קינדער זענען שוין געלעגן אין די בעטן. אָבער מיר האָט זיך גאָרנישט געגלוסט צו גיין שלאָפן. איך בין אַזוי געזעסן ביים פענצטער ביז ס'איז געוואָרן אינגאַנצן פינצטער און דאָס שיינע בילד איז פאַרשוווּנדן געוואָרן פון מיינע אויגן.

⁂

עס איז געקומען דער טאָג, אין וועלכן מיר האָבן זיך געמוזט געזעגע־נען מיט דער ליבער סאַנאַטאָריע, מיט אַלעמען, וואָס אונדז איז געווען טייַ־ער און ליב. מיר האָבן דאָס אַלץ געמוזט פאַרלאָזן. די לערער האָבן זיך געזעגנט מיט אונדז און האָבן אונדז מיטגעגעבן זייער אַ שיינעם, ריזיקן בוקעט בלומען. אויף אונדזערע פּנימער איז געווען אויסגעגאָסן אַן אומעט. אָבער דער געדאַנק, אַז נאָך אונדז וועלן קומען אַנדערע קינדער און וועלן כאָטש עטלעכע וואָכן געניסן פון אַ פרייען שיינעם לעבן — דאָס האָט אונדז באַרויִקט און געטרייסט.

דעם בוקעט בלומען האָבן מיר מיטגענומען אַלס אָנדענק פון פרייד און זאָרגלאָזיקייט. מיר האָבן זיך אַלע געזעגנט מיט די לערער און צוריק־געפאָרן קיין וואַרשע.

(„דאָס פרייַע קינד", נומ' 2—3—4, פעברואַר, מערץ, אַפּריל 1927, געקירצט)

2 קליינע פאלקסצייטונג נומ. 28

זיי פארן איז מעדעם-סאנאטאריע

צווישן זיי אויך געווינער פון גורל פון דער „ב. פאלקסצייטונג"

דאָ אויפן בילד זענען 35 קינדער, וועלכע זענען היינטיקע וואָך אָפּגעפאָרן אין דער מעדעם-סאַנאַטאָריע.

מיר האָבן זיי אָפּגעפאָטאָגראַפירט אַקוראַט, ווען זיי זענען אַרויסגעקומען פון באָד — אויסגעוואַשענע, אויסגעבאָדענע, אויפן וועג צו דער באַן.

אָט באַלד פאָרן זיי אָפּ.

אויף זיי וואַרטן וואַלד און פעלד. עס וואַרט די פרייד פון דער מעדעם-סאַנאַטאָריע.

אגב, חברים און חברטעס, דערמאָנען מיר איך, אַז די גרויסע „פאָלקסצייטונג" צעטיילט אַלע חודש דורך אַ גורל אומזיסט פלעצער אין מעדעם-סאַנאַטאָריע פאַר שוואַכע קינדער. מען דאַרף נאָר צוזאַמענשטעלן 5 קופּאָנען, וועלכע דרוקן זיך אַלע טאָג אין דער גרויסער פאָלקסצייטונג. אויפן קופּאָן איז געדרוקט: „סאַנאַטאָריע קופּאָן". מען דאַרף אויך צולייגן 25 גראָשן. דעמאָלט באַטייליקט מען זיך אין גורל.

און אפשר געווינט מען טאַקע איך: פאָריקן חודש האָבן געוואונען 5 קינדער.

באַטייליקט זיך אין גורל. זעט, אַז דאָס זאָלן אומבאַדינגט טאָן אייערע עלטערן, די ברידער און די שוועסטער.

אָט — אפשר געווינסטו?

(„קליינע פאָלקסצייטונג", 13 יוני 1929)

אַלעקסאַנדער גראַנאַך אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

„פון אַן אָרעם בעקער־ייִנגל, פון אַ קליינעם בונדיסט, בין איך געוואָרן דער אַרטיסט אַלעקסאַנדער גראַנאַך" — אַזוי האָט דערציילט דער באַרימ־טער אַרטיסט אַלעקסאַנדער גראַנאַך זיין לעבנס־געשיכטע פאַר די קינדער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע.

דאָס איז געווען מיט אַ וואָך צוריק. אין וואַרשע איז געווען צוגאַסט דער באַרימטער אַרטיסט פון דייטשן טעאַטער אַלעקסאַנדער גראַנאַך. ער איז איצט באַקאַנט אלס גרויסער קינסטלער, אויף זיין אָוונט אין וואַר־שעווער „פילהאַרמאָניע" זענען געקומען מער ווי 2000 מענטשן. מען האָט אים אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג. ער איז אָבער ערשט נישט לאַנג נאָך געווען אַ פשוט אַרבעטער־ייִנגל, זיין ערשטע בילדונג האָט ער באַ־קומען אין די קרייזלעך פון „בונד". ער האָט געהערט וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און ער האָט געוואָלט זען די קינדער, מיט זיי פאַרברענגען. פאָריקן דאָנערשטיק איז ער טאַקע דאָרט געווען.

אויף דער גרויסער טעראַסע זענען געווען צענויפגעזאַמלט די קינדער און דער גרויסער אַרטיסט צווישן זיי. ער האָט נישט געהאַלטן קיין רע־דעס, ער האָט דערציילט אַ ביסל וועגן זיין אייגענעם לעבן, פון זיינע קינדער־יאָרן. ער האָט דערציילט זייער שיין. צייטנווייז האָט זיך געדוכט, אַז נישט ער דערציילט, נאָר ער שפילט, ער שפילט אויס די געשיכטע פון אַ קליין בעקער־ייִנגל אין אַ פאַרוואָרפן שטעטעלע אין גאַליציע.

אין פשוטע, האַרציקע ווערטער דערקלערט גראַנאַך די קינדער, אַז נאָר דורכן סאָציאַליזם קענען אַלע פּראָלעטאַרישע קינדער אויסגעלייזט ווערן און זייער לעבנס־וועג געפינען. ער ווינטשט זיי עקשנות און גלויבן אין זיך.

ווי פאַרכישופטע זענען די קינדער געזעסן און זיך איינגעהערט אין דער פּרעכטיקער דערציילונג.

נאָך דעם פאַרנאַכט־עסן ווערט אויפן סאַנאַטאָריע־הויף אָרגאַניזירט אַן אימפּראָוויזירטע קינדער־פאָרשטעלונג. גראַנאַך איז באַגייסטערט פון זיינע „קינדער־קאָנקורענטן". ער רעציטירט שלום עליכמס „קיין עין הרע", זינגט מיט די קינדער קולבאַקס ליד „איך בין אַ בחור אַ הולטאַי", און לערנט אויס די קינדער אַ שפּיל אין באַן.

צוזאַמען מיט די קינדער ווערט ער צעשפּילט און פריילעך. אַלע איינ־וווינער פון דער קינדער־רעפּובליק באַגלייטן דעם ליבן גאַסט צו דער באַן. זיי געבן אים אַ טויב פון סאַנאַטאָריע־טויבנשלאַק, וועלכע גראַנאַך לאָזט אַרויס דאַן, ווען דער צוג רירט.

די קינדער האָבן אין גאַסט דערפילט אַ חבר און פריינט. מיט הילכיקן געזאַנג געזעגענען זיי זיך מיט גראַנאַכן.

דער באַזוך וועט לאַנג בלייבן אין זכרון פון די קינדער.

ש. ט.

(„קליינע פאָלקסצייטונג", געקירצט, 22 אויגוסט 1930)

2278 קינדער אין סאַנאַטאָריע

אין סאַנאַטאָריע זענען שוין ביז איצט געווען 2278 קינדער. פון זיי איז אַ געוואַלטיקע מערהייט, 90 מיט אַ האַלבן פּראָצענט, געווען פון וואַרשע. די איבעריקע, נישט מער ווי 9 מיט אַ האַלבן פּראָצענט, שטאַמען פון דער פּראָווינץ. לויט די שטעט טיילן זיך די קינדער:

וואַרשע 2061.	לאָמזשע 3.
לאָדזש 72.	טאָמאַשאָוו 3.
ווילנע 29.	ביאַלע־פּאָדל. 3.
פּינסק 26.	גראָדנע 3.
לובלין 14.	אָטוואָצק 3.
קאַרטוז־בערעזע 13.	וויסאָקע־ליט. 3.
קאָברין 9.	טשענסטאָכאָוו 2.
ביאַליסטאָק 7.	בריסק 2.
שעדלעץ 4.	ולאָצלאַוועק 2.
פּרוזשאַני 4.	זאַמאָשטש 2.
לוקאָוו 4.	

אויסער דעם זענען פון 10 שטעט (גריצע, פולטוסק, באַראַנאָוויטש, מאַקאָוו, זשעטל, סעמיאַטיטש, ניי־סווענציאַן, גאָניאָנדז, הרוביעשאָוו און יאַנאָוו־לוב.) געווען צו איין קינד, און איין קינד איז געווען פון אַנטווערפּן (בעלגיע). סך־הכל זענען געווען קינדער פון 32 שטעט.

(„קליינע פאָלקסצייטונג", 5 סעפּטעמבער 1930)

צוויי לערער „גילינסקי"

די גאַנצע „מענטשהייט" פון דער סאַנאַטאָריע ווייסט זיכער, אַז ס׳לעבן צוויי לערער מיטן נאָמען גילינסקי. און דווקא אין סאַנאַטאָריע האָבן מיר געברענטע צרות פון דעם. רעדט מען וועגן לערער גילינסקי, ווייסט מען נישט וועמען מען מיינט; באַקומט מען אַ בריוו, אַ דעפּעשע, ווייסט מען נישט וועמען אָפּגעבן. אַ נס, וואָס עס איז פאַראַן אַ היפּש ביסל כאַראַקטעריס־טישע סימנים ביי יעדן פון זיי. אַדאַנק דעם גיבן זיך די קינדער אַן עצה. מען ליגט, למשל, אויף דער טעראַסע. ס׳איז שטיל. קומט צו לויפן אַ קינד מיט אַ געלעכטער: „הערט, חברה, דער לערער גילינסקי האָט"...

— וועלכער לערער גילינסקי?

— דער פריילעכער לערער גילינסקי.

שרייען אָבער די קינדער: ביידע זענען פריילעכע.

— דער דאַרער לערער גילינסקי.

— האָסטו דאָך באַלד געקענט זאָגן.

אַזעלכע צרות האָט מען פון זיי. נאָר עס פעלן אויך נישט קיין אַנעק־דאָטן: ס׳קומט צופאָרן אַ ניי קינד, הערט עס, ווי די קינדער רופן דעם לערער גילינסקי, מאַכט עס אויף אַ פּאָר גרויסע אויגן און אַ פאַרוואונדער־טער זאָגט ער: „זע נאָר, ווי דער לערער האָט זיך געענדערט! אין וואַרשע, אויף נאָוואָליפּקי, האָט ער אינגאַנצן אַנדערש אויסגעזען!! ער איז געווען אַ סך דיקער". ענטפער איך אים אין אַ געלעכטער. נו, איז וואָס? ער איז געווען אין מאַריענבאַד, איז ער געוואָרן מאָגערער. דער נייער לאָזט אָבער נישט אָפּ. „דער לערער איז אָבער געווען נידעריקער!" ענטפער איך — איז ער אונטערגעוואַקסן, ער האַלט איצט אין סאַמע וואַקסן. אָבער יענער... פּלוצלונג קומט אָן יענער לערער גילינסקי. און אָט שטייען ביידע לערער און רעדן. דאָס קינד בלייבט געפּלעפט. קוקט מיט אויסגעשטאַרטשעטע אויגן דאָ אויף איינעם, דאָ אויפן צווייטן. מיר אַלע קייכן פאַר געלעכטער...

טאַניע

אַדיע, מיין ליבע סאַנאַטאָריע!...

עס זענען אַדורך פיר וואָכן אַזוי ווי אין חלום. ערשט געקומען, און — שוין אַוועקגעפאָרן! עס איז מיר אומעטיק, וואָס איך דאַרף פאַרלאָזן מיין ליבע סאַנאַטאָריע. די סאַנאַטאָריע איז געווען מיין מאַמע, וואָס האָט מיך געטוליעט און געגלעט, און נישט נאָר מיך, נאָר אַלע קינדער. אַלע קינדער האָבן זיך געפילט ווי שוועסטער און ברידער. אין שטוב, זיצנדיק ביים טויער, זענען אַלע ווי נישט אינדערהיים; איינער אין פאַבריק, די מאַמע אין גאַס, אַ קינד אויפן הויף; און דאָ אין סאַנאַטאָריע — אַלע זיצן אינאיינעם ביי איין טיש, עסן, רעדן, פאַרברענגען צוזאַמען.

פיר וואָכן אַדורך, זיך צוגעווינט, און איצט מוז מען אַלץ ווידער פאַרלאָזן. עס פעלט מיר עפּעס, און איך פיל מיך אומעטיק, אַזוי ווי אַ שווערד וואָלט איבערגעגאַנגען און צעהאַקט; אַזוי ווי אין האַרבסט, ווען די קאָסע גייט איבערן קאָרן און דער קאָרן מוז פאַלן — אַזוי שפּיר איך זיך. מען נעמט פון מיר צו מיינע שוועסטער און ברידער. און איך זאָג צו זיי אַזוי: זייט געזונט און אַרבעט געטריי ביי די אַמטן! אַדיע, מיינע ליבע שעסטער און ברידער! אַדיע, אַדיע, אַדיע. אויף ווידערזען!

מ. קאַץ פון לאָדזש

נ ע ר אָ

ביי אונדז אין סאַנאַטאָריע איז דאָ אַ הונט, רופן רופט מען אים: נעראָ. אַ כלב גלייך מיט אַלע כלבים, בילן בילט ער, ווי אַלע הינט, ווען זיי דערזעען אַ פרעמדן, אַן אומגעבעטענעם אורח. אָבער אין מיינע אויגן איז ער אַנדערש, ווי אַלע הינט: אַנדערע הינטישע זיטן, אַנדערע געפילן, אַן אַנדער אויסזען.

אַ הונט פון אַ יאָר 10—12, שוין אַ זקן, אַ גראָבער, אויסגעפּאַשעטער, ווייס באַוואָקסענער קערפּער, וועלכער האַלט זיך אויף אַ פּאָר שלאַנקע פיס, דער קאָפּ הויך אויפגעהויבן. נישט ווי אַלע אַלטע הינט, וואָס וואַלגערן זיך אַרום אין די יאַטקעס, אויף די מערק מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ברודיקע, פאַרלאָזטע. און עס דוכט זיך, דאָס ער, נעראָ, איז שטאָלץ דערמיט, וואָס ער האָט דערלעבט אַזאַ עלטער, דערצו אַ גוטע עלטער. אַ גוטע נשמה האָט דער נעראָ. טריי איז ער אונדז אַלעמען. טריי, ווי אַ ברודער, ווי

אַ חבר. יעדער פון אונדז האָט אים ליב דערפֿאַר. מיר האָבן אים שטענדיק אין זינען, לאָזט אַ קינד עפּעס איבער, ווערט עס באַלד אַריינגעלייגט אין דער ספּעציעלער שיסל; דאָס איז זיינס, דאָס געהערט צו אים, צו נעראָן. ווען נעראָ עסט, טאָר אים קיינער נישט שטערן. גיט אים אַ יאָט אַ שלעפּ פֿאַרן עק, אָדער אַ טשעפּ, ווערט ער בייז. אָבער אינטערעסאַנט — ער ענדיקט פֿריער דאָס עסן, דערנאָך רעכנט ער זיך אָפּ. און ער האָט קיינמאָל נישט קיין טעות. ער געדענקט, ווער עס האָט אים געשטערט. שוין איינמאָל אַ חכם אַ הונט! אָט קומען מיר אַלע פֿון אַ שפּאַציר. ס'איז הייס, אַלע זענען מיד. נעראָ, וואָס מאַכט מיט אַלע אונדזערע שפּאַצירן, לויפֿט מיט אַן אויסגעשטעקטער צונג, געקומען אין ווילע אַריין, לויפֿט נעראָ דער ער־שטער צום וואַסער־קראַן — דרייט אים אַליין אָפּ, טרינקט זיך אָן און באַגיסט זיך איינגאַנצן מיט קאַלטן וואַסער. אַ קלוגער הונט! אַ טרייע נשמה! אַ טרייער חבר!

ראָזנבערג

מעדעם־סאַנאַטאָריע

(וועגן דעם כוליגאַנישן אָנפֿאַל פֿון די קאָמוניסטן)

איך האָב געלייענט אין „פֿאָלקסצייטונג" וועגן דעם פּאָגראָם, וואָס די „רויטע" האָבן געמאַכט אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע. עס האָט מיך שרעקלעך אויפֿגערעגט. איך, אַ קינד אַ קראַנקס פֿון אָרעמע עלטערן, בין דאָרט געוועזן זעקס חדשים מיט צוויי וואָכן. איך קען די מעדעם־סאַנאַטאָ־ריע. די איבערגעגעבנקייט פֿון דער דאָקטאָרין ציבולסקאַ און די גוטסקייט פֿון דעם לערער גילינסקי איז נישט צו באַשרייבן. איך ווייס נישט, ווי אַזוי מען קאָן צוגיין צו אַזעלכע מענטשן און שלאָגן. איך ווינטש דער דאָקטאָרין און לערער און לערערינס, זיי זאָלן זיין געזונט. מיין טאַטעשי זעט, ווי איך שרייב דאָס בריוול, זאָגט ער צו מיר: קינד מיינס, איך האָב צוויי זלאָטעס. נאַ דיר די צוויי זלאָטעס און טראָג אַוועק אין דער רעדאַקציע. זאָל עס זיין אַ צושטייער אויף דעם שאָדן. מיין טאַטעשי וואָלט אַוודאי מער געגעבן, נאָר ער איז אַרבעטלאָז, און ער האָט נישט מער. איך בעט דעם רעדאַקטאָר ער זאָל מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך שרייב נישט שיין. איך בין אַ יונגער שילער פֿון צווייטן אָפּטיילונג מיכאַלעוויטש שול, מילע נומער 51.

יצחק פֿריד וואַרשע, סטאַווקי 37

(„קליינע פֿאָלקסצייטונג", 20 פֿעברואַר 1931)

דער לעצטער וועג...

איינאַקטער פון זיגמונט טורקאָוו

וועגן די לעצטע טעג און דעם אומקום פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע

דערשינען אין פּאָרטוגעזיש אין בראַזיל

צווישן די שריפטן, וואָס עס האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך דער פאַרשטאָרבענער יידישער טעאַטער־קינסטלער, רעזשיסער, אַקטיאָר און שרייבער זיגמונט טורקאָוו, געפינט זיך אַ קליינע פּובליקאַציע אין דער פּאָרטוגעזישער שפּראַך א״נ — "O SANATORIO MEDEM" „די מעדעם־סאַנאַטאָריע״.

די דאָזיקע בראָשור איז דערשינען אין יאָר 1943 אין דער בראַזילישער שטאָט רעסיפע, וווּ זיגמונט טורקאָוו האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון נאַצישן גהינום.

ווי עס האָט אונדז דערציילט אין תל־אביב די שוישפּילערין ראָזאַ טורקאָוו, וועלכע האָט מיטגעמאַכט צוזאַמען מיט איר מאַן דעם מלחמהדיקן וואַנדער־און ליידנס־וועג, האָט זיגמונט טורקאָוו זייער שווער איבערגעלעבט די ידיעות, וואָס זענען אָנגעקומען פון אָקופּירטן פּוילן; און איינע פון זיינע ערשטע רעאַקציעס אויף די דאָזיקע ידיעות איז געווען — דאָס אָנשרייבן אַן איינאַקטער וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע און איר טראַגישן סוף. אין רעסיפע, וווּ עס האָבן אין יענער צייט געלעבט אַן ערך דריי הונדערט יידישע משפחות פון בעסאַראַביע און פון פּוילן, איז טורקאָוו אויפגעטראָטן מיטן יידישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל ביי דער אָרטיקער י.ל. פּרץ־שול, ווי אויך מיטן פּאָרטוגעזישן פּראָפעסיאָנעלן טעאַטער. זיגמונט טורקאָוו האָט נישט באַוויזן אויפצופירן דעם דורך אים אָנגעשריבענעם איינאַקטער וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע, וווּ ער פלעגט אָפטמאָל אויפטרעטן אַלס אַ גאַסט און וועלכע ער האָט — ווי ראָזאַ טורקאָוו דערציילט — זייער שטאַרק ליב באַקומען. אָבער דער דאָזיקער איינאַקטער איז איבערגעזעצט געוואָרן אויף פּאָרטוגעזיש דורך דעם יונגן מעדיצין־סטודענט דוד פאַסבערג, אַ געבוירענער אין רעסיפע, בראַזיל, אַן אַביטוריענט פון דער אָרטיקער יידישער שול, היינט אַן איינוווינער פון תל־אביב, וווּ ער פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר.

דער איינאַקטער פון זיגמונט טורקאָוו, שטעלט מיט זיך פאָר אַ וויכטיקע ציגל אין דעם ליטעראַרישן דענקמאָל פאַר דעם גרויסן לעבעדיקן ווערק, וואָס האָט זיך גערופן „מעדעם־סאַנאַטאָריע״.

רעדאַקציע

אינהאַלט

9 ה. ש. קאַזדאַן — אַריינפיר־וואָרט

א

19 ש. גילינסקי — מעדעם־סאַנאַטאָריע פון אויפבלי ביזן הייליקן אומקום
35 וו. מעדעם — קינדער, וואָס זענען פאַרמשפּט צום טויט
38 ה. ש. קאַזדאַן — די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מיעדזעשין
70 ש. גילינסקי — די מעדעם־סאַנאַטאָריע — אַ קבר פאַר קינדער און לערער
71 י. י. טרונק — ערד, פאַרדעק נישט אונדזער בלוט!
75 מ. בראַדערזאָן — דערהרגעטע קינדער
76 ש. אַבראַמסאָן — די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין שאָטן פון דער נאַצישער אָקופּאַציע
100 פּערל עלענבויגן־כּהן — די מעדעם־סאַנאַטאָריע אין מלחמה־צייט
111 חיים עלענבויגן — אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע
116 דניאל משאַרני — אין דער יידישער קינדער־רעפּובליק
127 י. גיליגיטש — זעקס וואָכן אין קינדערשן גן־עדן
134 יאָסל מלאָטעק — ווי אַזוי איז געשאַפן געוואָרן „דער שפּייכלער"
142 ה. לייוויק — אַ, סטרונעס פון יידישע פידלען
143 יצחק לודען און יאָסל בערגנער — דער קליינער גן־עדן
150 מאַני לייב — באַלאַדע
151 לאָלע ברומבערג — דערינערונגען פון אַ סאַניטאַרין
156 לייב מאַרגנטוי — קינדער אין געטאָ
157 מנחם ראָזענבאַום — אַ מיטגליד פון דער סאַנאַטאָריע־פאַרוואַלטונג דערציילט
161 חיים לייב פוקס — ווען מען האָט זיי אין רייען געטריבן צום טויט
163 בערנאַרד גאָלדשטיין, י. ברומבערג, יעקב פּאַט — דער באַוואָפנטער אָנפאַל פון די קאָמוניסטן אויף דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
173 אברהם זאַק — כ'געדענק אַ טאָג...
174 ליובאַ קאַנטאָראָוויטש־גילינסקי — דער פילם „מיר קומען אָן"
179 אברהם זאַק — קינדער

ב

183 ליובאַ קאַנטאָראָוויטש־גילינסקי — שלמה גילינסקי און די מעדעם־סאַנאַטאָריע
195 ה. ש. קאַזדאַן — שלמה פּיוויש גילינסקי
207 מלך ראַוויטש — פּען־פּראָפיל פון שלמה גילינסקי
211 י. ראָטנבערג — דער גייסט פון אַן אינסטיטוציע
217 בעטי גומענער־נוטקעוויטש — דער טרוימער פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
221 וולאַדקע מיד — דער לערער ש. גילינסקי
225 רבקה סאַוויטש — מיין ערשטער שול־אינספּעקטאָר

230 סאָניע פּלודערמאַכער־ווייסבראָט — אומפאַרגעסלעכע עפּיזאָדן
235 אסתּר ראָזנטאַל־שנײדערמאַן — דער לערער גילינסקי
241 יענטע רובין־פישמאַן — דאָס אָפּגעבראָכענע צווייגל
244 העני (הערש) שטאַרקער — מיין לערער און וועגווייזער
249 יואל פּערעל — דער ערשטער שול־אינספּעקטאָר
251 „אַלגעמיינער שמועס אין פאָלקשול"
255 יוסף לודען — מיין לערער ש. גילינסקי
259 בינה אַלטערמאַן־שטיינבערג — אַ סאַנאַטאָריע מיט אַ רויטן דאַך
267 שלמה גילינסקי — מיינע קינדער־יאָרן
281 עמנואל פּאַט — גילינסקי מיין לערער, מיין חבר, מיין פּאַציענט
292 מ. צאַנין — ש. גילינסקי — דער יידישער פּעסטאַלאָצי

ג

299 ח. ש. קאַזדאַן, צפּורה גליקסאַן — יוסף ברומבערג
304 אברהם (אַמיק) ברומבערג — מיין פאָטערס צען יאָר אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
309 צפּורה גליקסאַן — מעדעם־סאַנאַטאָריע, ווער קען דיך פאַרגעסן ?
324 ליבע אַקון־קאַהען — אַמאָל איז געווען...
333 הערשל שטריגלער — כ'דערמאָן זיך
337 פּערל ווייסנבערג — די מעדעם־סאַנאַטאָריע
346 לאה סעגאַל־ליטעווקאָ — זכרונות פון אַ קראַנקן־שוועסטער
350 יוסף פישמאַן — די אידעאַלן, וואָס זיי האָבן פאַרפלאַנצט אין אונדז
357 אהרן גרינבוים — מיין כבוד אייך, מיין דאַנק...
362 מרים מילמאַן־געלפאַר — וואַרעמע זכרונות וועגן מעדעם־סאַנאַטאָריע
365 נעכע ווידרעוויטש־טוכמאַכער — מיט ליבשאַפט און אַכטונג דערמאָן איך די מעדעם־סאַנאַטאָריע
369 מ. אַליצקי — די מעדעם־סאַנאַטאָריע פון דער ווייטנס
371 בינה אַלטערמאַן־שטיינבערג — ריווע בערנשטיין
373 שאַשקע פליגעל־ערליך — מיינע זכרונות פון דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
380 פּאַראַדיעס און לידער געשאַפן דורך די קינדער אין סאַנאַטאָריע

ד

397 פּראָפ. פּ. שניאורסאָן און באַטקע — די כאַראַקטעראָלאָגיע פון שלאָף־לעבן ביי קינדער
409 מ. גילינסקי („באַטקע") — פּראָפ. דאַבראַוואָלסקי אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
416 מ. גילינסקי („באַטקע") — פרייע אינסצעניזאַציע־שעהען אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
421 י. ביבער — דאָס ביאָ־ווינקל אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
429 מ. גילינסקי און יאָסל מלאָטעק — „דער שפּייכלער"

ה

447 קינדער שרייבן וועגן דער מעדעם־סאַנאַטאָריע
460 דער לעצטער וועג

רשימה פון בילדער

7 וולאַדימיר מעדעם
17 שלמה פ. גילינסקי
40 נח—יוזעף (יקותיאל פאַרטנוי)
49 ח. ש. קאַזדאַן און ש. גילינסקי (1954)
119 אַ טרונק מילך פאַר די קיניגלעך
130 מען הוידעט זיך
131 פרייד און שפּיל אויפן ספּאָרט־פּלאַץ
133 דאָס קליינוואַרג שפּילט זיך אין זאַמד־קאַסטן
136 יאַנקל טראָופּיאַנסקי
145 „דער קליינער גן־עדן״ — צייכענונג פון יאָסל בערגנער
155 מען פּאַריכט קליידער
176 די „אַלטע געביידע״
177 די „נייע געביידע״
187 שלמה גילינסקי מיט אַ גרופּע קינדער און לערער אין דער מעדעם־סאַנאַטאָריע (1933)
194 ש. גילינסקי און זיין פרוי ליובאַ (1961)
202 ש. גילינסקי מיט הענריק ערליך און מאַניע מייער (1938)
229 ש. גילינסקי מיט אַ גרופּע אַקטיוויסטן פון די „פּאַראיינִיקטע״ (וואַרשע 1919־1920)
237 ש. גילינסקי אויף דער ערשטער קינדער־קאָלאָניע אין מיכאַלין, 1919
256 ערשטע פאָלקשול אויף יידיש אין פּוילן, וואַרשע, דלוגע 26
261 די עלטסטע גרופּע קינדער מיט די לערער אין דער סאַנאַטאָריע (1928)
299 יוסף ברומבערג
318 אין וואַרעם־הויז
334 עפּל פון אייגענעם גאָרטן
340 די אַלטע ליג־האַלע (די „שאַפּע״)
341 די נייע ליג־האַלע
343 מען עסט אונטערן פרייען הימל
354 דער קינדער־פּאַרלאַמענט
355 דער קינדער־ראַט
359 מיטן לערער ביבער ביים באַסיין פון געוויקסן
366 אַ גרופּע קינדער מיט לערער אין סאַנאַטאָריע, 1928
371 ריווע בערנשטיין
389 דער „סאַנמעסט״
393 גרופּע פון עלטערע „סאַנאַטאָריסטן״, 1935
409 דער לערער „באַטקע״
421 ד״ר ישראל ביבער
442 אויפרוף פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע
445 מען מעסט די טעמפּעראַטור („קליינע פאָלקסצייטונג״)
454 „זיי פאָרן אין מעדעם־סאַנאַטאָריע״
460 שער־בלאַט פון זיגמונט טורקאָווס איינאַקטער „די מעדעם־סאַנאַטאָריע״ אין פּאָרטוגעזיש